STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00463

SHRIFTN UN REDES

Berl Katznelson

Permanent preservation of this book was made possible by
Alex & Ethel Strasser

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שריפטן און רעדעס
ב. קאַצענעלסאָן

בערל קאַצענעלסאָן

ב. קאַצענעלסאָן

שריפטן
און
רעדעס

רעדאַקטירט פֿון
שלמה גראָדזענסקי

פֿאַרלאַג „שרון"
(געגרינדעט פֿון פועלי ציון־צעירי ציון)
ניו־יאָרק, 1945

Copyright 1945
By Sharon Books, Inc.
45 East 17 Street, New York 3, N. Y

129
Printed in the U. S. A.

אינהאַלט

אַריינפיר — שלמה גראָדזענסקי IX

I. מיין וועג קיין ארץ־ישראל 3

II. פון אינעווייניק 43
דער צוקונפט אַנטקעגן 53
דער נס פון דער צווייטער עליה 69
אידישע גבורה 77
באָדן פאַרן פאָלק און דער גייסט פון פאָלק 82
ערב דעם „ווייסבוך" 94
שמועסן מיט דער יוגנט 118
צוויי באַמערקונגען 143

III. איינער קעגן אַלעמען: נחמן סירקין * 157
אַ. ליעסין 300
דער לעצטער פון די ערשטע: מ. מ. אוסישקין 335
דער בוימייסטער: ד״ר אַרטור רופין 351
אַלכּסנדר זיסקינד ראַבינאָוויטש 377
אַ זון פון דעם עם קשה עורף: ש. לביא 385
אליעזר יפה 401
ניט נתגלה געוואָרן: אליעזר שיין 417
מיכה יוסף בערדיטשעווסקי 423

* „איינער קעגן אַלעמען" איז איבערזעצט געוואָרן פון ו. לאַצקי־בערטאָלדי, ז״ל. אַלע אַנדערע אַרטיקלען און עסייען וואָס זיינען אַריין אין בוך זיינען איבערזעצט געוואָרן פון שלמה גראָדזענסקי.

אַריינפֿיר

בערל קאַצענעלסאָן

(עטלעכע שטריכן)

א. „דעראָבער זיך פאַר דער אַרבעט"

ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, בעת די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אָנגעהויבן זיך אַרויסרוקן פון אירע ד׳ אמות אין דער ברייטער וועלט, דער אידישער און אַלגעמיינער, כדי צו דער־אָבערן זי פאַר דער אידישער ווידעראויפריכטונג, האָט אויך דער נאָמען בערל קאַצענעלסאָן זיך אַריבערגעטראָגן איבער די גרענעצן פון דעם קליינעם קרייז אין וועלכן ער איז ביז דעמאָלט געווען באַקאַנט. ס׳איז געשען אין די טעג, ווען די האָפענונגען וואָס די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט אויפגעוועקט האָבן שוין אָנגעהויבן איינשרומפן און זיך אויסוועפן, ווען עס האָט שוין אָנגעהויבן קלאָר ווערן, אַז דער וועג צו אַ אידישער ארץ־ישראל וועט ניט אויסגעפלאַסטערט ווערן מיט פעלקער־פריינדשאַפט און פעלקער־הבטחות, נאָר מיט אידישער עקשנות און אידישע קרבנות. אין יענע טעג איז אין „קונטרס", דער וואָכנשריפט פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פאַרטיי „אחדות העבודה", פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ קורצער נעקראָלאָג וועגן די העלדן פון תל־חי:

> יזכור עם ישראל את הנשמות הטהורות של בניו ובנותיו: שניאור שפושניק, אהרן שר, דבורה דרכלר, בנימין מונטר, שרף, שרה צ׳יז׳יק, טוקר, יוסף טרומפלדור. הנאמנים והאמיצים, אנשי העבודה והשלום, אשר הלכו אחרי המחרשה ויחרפו נפשם על כבוד ישראל ועל אדמת ישראל. יזכור ישראל ויתברך בזרעו ויאבל על זיו העלומים וחמדת הגבורה וקדושת הרצון ומסירות הנפש אשר נאספו במערכה הכבדה. אל ישקט ואל ינחם ואל יפוג האבל עד בא יום בו ישוב ישראל וגאל אדמתו השדודה.*

---

*זאָל דאָס פאָלק ישראל געדענקען די לויטערע נשמות פון זיינע זין און טעכטער: שניאור שאַפּאָשניק,, אַהרן שער, דבורה דראַכלער, בנימין מונטער, שאַרף, שרה טשיזשיק,

דאָס איז ניט געווען די ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיט בערל קאַצענעלסאָנען. מיר האָבן שוין פֿריער געלייענט זיין „לקראת ימים באים“ אין זאַמלבוך „בעבודה“, אין וועלכן עס איז צום ערשטן מאָל געקומען דער רוף צו דער פֿאַראייניקונג פֿון דער קליינער און צעשפּאָלטענער מחנה פֿון די ארץ־ישׂראלדיקע אַרבעטער. אָבער דאָס זיינען געווען באַטראַכטונגען און האַרץ־וואונטשן ערב די „קומענדיקע טעג“, ערב דער צוזאָגנדיקער און דערשרעקנדיקער עפּאָכע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע און דער בריטישער אָקופּאַציע פֿון ארץ־ישׂראל. בעת בערל קאַצענעלסאָן האָט אָנגעשריבן די „יזכּור“־ווערטער נאָך די „טרייע און מוטיקע מענטשן פֿון אַרבעט און שלום“, זיינען מיר שוין געשטאַנען אין סאַמע מיטן פֿון דער „נייער צייט“ — און אירע גרויסע אַנטוישונגען. און אין די קאַמפֿן פֿון -- און מיט — דער דאָזיקער צייט האָט שוין בערל קאַצענעלסאָן פֿאַרנומען אַן ערשטן פּלאַץ.

אויף דעם „יזכּור“ נאָך די פֿאַרטיידיקער פֿון תּל־חי איז ניט געווען אונטערגעצייכנט דער נאָמען פֿון מחבר; ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז בערל קאַצענעלסאָן האָט אָנגעשריבן די דאָזיקע „יזכּור“־תּפֿילה, מיט איר פֿאַרצייטיק טראַדיציאָנעלן נוסח און דעם נייעם, וועקנדיקן ניגון, וואָס האָט פֿון איר אַרויסגעזונגען. דאָס האָט אונז ניט געחידושט — דאָס איז דאָך געווען זיין שטענדיקער נוסח. דאָס נייע אַריינגעפּאַסט אין דער ראַם פֿון אַלטן, פֿון היסטאָריש־פֿאַרהייליקטן, דער רעוואָלוציאָנערער רוף, וואָס טראָגט אין זיך דעם ווידערקול פֿון דורות, דאָס העברעאישע וואָרט, וואָס שיינט מיט אַלע חנען פֿון תּנ״ך און פֿון סידור, אָבער אויך מיטן נייעם, אין ווייען געבוירענעם שטאַמל, וואָס קומט פֿון דער קאָמונע אויף די ברעגעס פֿון כּנרת.

טאָקער, יוסף טרומפּעלדאָר. די טרייע און די מוטיקע, די מענטשן פֿון אַרבעט און שלום, וואָס זיינען נאָכגעגאַנגען דעם אַקער און האָבן זייערע לעבנס געגעבן פֿאַרן אידישן כּבוד און דער אידישער ערד. זאָל די אידישע אומה געדענקען און זיך בענטשן מיט אירע קינדער און טרויערן אויף דער פּראַכט פֿון דער יוגנט און דער שיינקייט פֿון דער גבורה און דער הייליקייט פֿון ווילן און דער מסירת נפֿש, וואָס זיינען געפֿאַלן אין דער שווערער שלאַכט. זאָל ניט באַרואיקט ווערן און ניט געטרייסט ווערן און ניט אויסגעווייפּט ווערן דער טרויער ביז עס וועט קומען דער טאָג, ווען די אידישע אומה וועט צוריק אויסלייזן איר אַוועקגערויבטן באָדן.

*

פֿאַר אונז אין חוץ־לאָרץ, אין גלות, איז **בערל קאַצענלסאָן** געווען אַ נייער נאָמען. וואָרעם זיינע ערשטע צען יאָר אין ארץ־ישראל זיינען ניט געווען קיין יאָרן פֿון עפֿנטלעכער טעטיקייט. איז דאָך די גאַנצע „צווייטע עליה" און איר אויפֿטו געשטאַנען ווי אָן אַ זייט פֿון דעם אידישן לעבן, אַפֿילו פֿון דער אָפֿיציעלער ציוניסטישער עפֿנטלעכקייט. די מענטשן פֿון דער „צווייטער עליה" האָבן זיך אייגנטלעך ניט באַקלאָגט אויף זייער איינזאַמקייט. פֿאַר זיי זיינען געשטאַנען וויכטיקערע אויפֿגאַבעס ווי „זיך לאָזן הערן", ווי זיך ווייזן אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן אָדער דעראָבערן „פּאָליטישע פּאָזיציעס". נאָך הערצלס טויט איז פֿאַר דעם הייפֿל מענטשן, וואָס האָבן ניט פֿאַרלוירן דעם גלויבן אין דער ציוניסטישער פֿאַרווירקלעכונג, אויך נאָך דעם באַנקראָט פֿון אַלע דיפּלאָמאַטישע אָנשטרענגונגען, געבליבן בלויז איין וועג — דער וועג פֿון פּערזענלעכער, אוממיטלבאַרער טאַט, פֿון „דירעקטער אַקציע". איבערפֿורעמען דעם פּרצוף־פּנים פֿון אידישן ישוב, מיט זיינע צוויי גרונט־זיילן, די ירושלימער „חלוקה" און די „בועזים"־לאַנדווירטשאַפֿט; שאַפֿן אַ אידישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער־שיכט; בויען נייע קאָלאָניזאַציע־פֿאָרמען, אַרבעטנדיקע ישובים. „אַרבעטער־ישובים, אַרבעטער־ישובים, אַרבעטער־ישובים — דאָס איז אונזער איין־און־איינציקע רעוואָלוציע", האָט געזאָגט י. ח. ברענער. מען מוז לייגן דעם יסוד. און מען דאַרף האָבן דעם מוט און דעם כּוח זיך מיטן גאַנצן לייב און לעבן צו שטעלן אין דינסט פֿון דער דאָזיקער אויפֿגאַבע, כאָטש עס איז כּלל וכלל ניט זיכער, אַז אויף דעם דאָזיקן יסוד, וואָס פֿאָדערט דיינע בעסטע יוגנט־יאָרן, וועט געבויט ווערן אַ בנין — די היים פֿון אַ פֿאָלק. וואָרעם קיין אַנדער וועג איז ניטאָ. און דערווייל לעבסטו — דערווייל ביסטו אַנטלאָפֿן פֿון דער „בערזשע" מיט אירע הויכע פּוסטע ווערטער, דערווייל האָסטו אויסגעמיטן דעם נייעם, מעבר לימדיקן גלות, וואָס האָט פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן יעדע קולטור־ירושה, וואָס פֿאַרלירט כּסדר דעם אידישן פּנים — און שאַפֿט אויס דער דאָזיקער פּוסטקייט, און כּדי צו פֿאַרדעקן די דאָזיקע פּוסטקייט, כּלערליי קאָמפּענסאַציע־„אידעאָלאָגיעס." עס איז געווען אַ שיין ביסל „חוצפּה" אין דעם דאָזיקן וועג. דאָרטן געפֿינען זיך, דוכט זיך, אַזעלכע איינגעוואָרצלטע און פֿעסטע, די אַלטע גרויסע אידישע ישובים. אין אוקראַינע און אין פּוילן, אין ליטע און אין רייסן לעבן און שאַפֿן מיליאָנען

אידן. פֿון די בתּי־מדרשים און ישיבות טראָגט זיך דער ניגון פֿון דער אַלטער תּורה; פֿון הייזער מיט פֿאַרהאַנגענע פֿענצטער און פֿון דער באַהעלטעניש פֿון הינטער־שטאָטישע ווענדלעך טראָגט זיך דאָס האָפֿערדיקע געזאַנג פֿון אַ גרויסער, זיכערער צוקונפֿט. אידן קהלן זיך. אַנשטאָט דער אַלטער פֿאַרגליווערטער קהילה מיט אירע טראַדיציאָנעלע פּרנסים — אַ היינט־וועלטיק „געזעלשאַפֿטלעך לעבן", מיט פּאַרטייען און פּאַרטייקאַמף, „אָרויסטרעטונגען" און דיסקוסיעס, צוזאַמענפֿאָרן און קאָנגרעסן. און אַט האָט אַ הייפֿל מענטשן ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז די צוקונפֿט איז ניט דאָרטן — און אויך ניט אין דעם גרויסן נייעם מיליאָנען־קיבוץ מעבר־לים. האָט זי געזאָגט, אַז די צוקונפֿט איז אירע, אַז זי וועט קומען פֿון דער חלוקה־צעפֿרעסענער ירושלים, פֿון דער קליינער יפֿו, פֿון די עטלעכע קאָלאָניעס מיט זייערע מידע, אַנטוישטע, אָפֿט ציניש־געוואָרענע פּיאָנערן, נאָך וועלכע עס איז ניט געקומען קיין מחנה, קיין פֿאָלק? ניין, די „צווייטע עליה" האָט דאָס ניט געזאָגט. זי האָט בכלל ניט געגעבן קיין גאַראַנטיעס פֿאַר דער צוקונפֿט. זי האָט בלויז געזאָגט: דאָרטן איז אילוזיע, דאָרטן טרייסלען זיך שוין די יסודות. און זי האָט צוגעגעבן: פֿאַר אונז איז ניטאָ קיין אַנדער וועג. „אחרונים נשאר על החומה".

דער צוויי און צוואַנציק יאָריקער בערל קאַצענעלסאָן האָט מיט זיך קיין ארץ־ישראל געבראַכט דעם דאָזיקן גלויבן, אַ גלויבן אָן אילוזיעס, און די דאָזיקע עקשנות, אָן עקשנות אָן אָנשטעל. ער האָט נאָך פֿאַרן עולה זיין קיין ארץ־ישראל פֿון זיך אָראָפּגעוואָרפֿן דעם הויקער פֿון די „טעאָריעס" און „פּראָגראַמען". ווען ז. רובאַשאָוו איז אין יענער צייט געקומען קיין ארץ־ישראל און פּרובירט כאַפּן מיט בערל קאַצענעלסאָן אַ שמועס וועגן גלות־אַרבעט און שפּראַכן־קאַמף און נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע, האָט ער באַקומען אַ מאָדנעם אָבער זייער קלאָרן ענטפֿער. פּאַראָפֿראַזירנדיק אַן אגדה־מאמר, האָט בערל קאַצענעלסאָן געענטפֿערט: „דער וואָס וואוינט אין ארץ־ישראל איז פּטור פֿון אַלע גלות־מצוות". פֿאַר די בעסטע פֿון דער צווייטער עליה זיינען אַלע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע „מצוות" רעדוצירט געוואָרן צו איין פּערזענלעכן געבאָט: „כּיבוש העבודה" — לויטן פּירוש פֿון שלמה לביא (לעווקאָוויטש), איינעם פֿון די בעסטע פֿון דער צווייטער עליה: „כּבוש עצמך לעבודה — דעראָבער זיך פֿאַר דער אַרבעט". און כּנרת, איינער פֿון די ערשטע אַרבעטער־ישובים, איז געווען דאָס אָרט, וואו בערל קאַצענעלסאָן האָט אויף זיך געאַרבעט כּדי

צו דערגרייכן די דאָזיקע מדרגה פֿון „כיבוש העבודה״. אין צענטער פֿון דער אויפֿמערקזאַמקייט איז דאָרטן ניט געשטאַנען די „באַזעלער פּראָ־גראַם״ אָדער דער אידנשטאַט — און אויך ניט די פּלוגתא צווישן קאַרל קאַוטסקי און עדוואַרד בערנשטיין. די העכסטע לעבנס־צילן זיינען געווען: צווינגען דעם רוקן זיך צו בויגן אין משך פֿון שעהן איבער די גרינס־בייטן; צוגעוואוינען דעם קערפּער זיך מסתּפּק זיין במועט; איינצושפּאַנען דעם אידיש־אינטעליגענטן אומרו אין דעם תּחום פֿון אַן ענג שטיקל ערד; פֿליסיק און לעבעדיק צו מאַכן דעם טויטן העברעאישן וואָרטשאַץ פֿון חדר און דער ישיבה, אַז עס זאָל ווערן אַ לעבעדיק לשון, וואָס איז בכּוח צו געבן אַ פּרעציזן אויסדרוק צו די ניואַנסן פֿון דעם מענטשלעכן געמיט און געדאַנק.

בערל קאַצענעלסאָן, וואָס איז שוין אַלס פּופֿצן־יאָריק אינגל געווען צווישן די גרינדער פֿון אידישע פּאַרטייען (ס״ס, „וואָזראָזשדעניע״), האָט בעת זיין ערשטן צענדליק יאָר אין ארץ־ישראל צו קיין פּאַרטיי ניט גע־הערט. ער איז געווען איינער פֿון די שטילע וואָרטזאָגער פֿון דער אומפּאַר־טייאישער אָרגאַניזאַציע פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער. זיינע רעפֿעראַטן אויף די צוזאַמענפֿאָרן פֿון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע האָבן זיך אָפּגעגעבן הויפּטזעכלעך מיט איין פֿראַגע — ווי אַזוי בויט מען אַן אַרבעטנדיקן ישוב? בלויז איין מאָל אָדער צוויי מאָל האָט ער, אויף די שפּאַלטן פֿון „הפּועל הצעיר״, פּרובירט מאַכן אַ חשבון פֿון דעם תּכלית פֿון דער אַרבעט, וואָס ער און זיינע חברים האָבן געטאָן און פֿון דעם לעבנס־וועג אויף וועלכן זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט.*

...געבאָרן פֿון טיפֿע מענטשלעכע אַספּיראַציעס און פֿון די פֿאַרבאָרגנסטע פֿאָלקס־באַגערן, האָט זיך דער ציוניזם פֿאַר אונז אַנטפּלעקט אין אונזערע פֿריסטע קינדער־יאָרן. די בילויים, די תּמימותדיקע און הייליקע חיבת־ציון פֿון ר׳ יוספֿל דעם רב און זעליג מאַראַניק דעם שוסטער — שלום־עליכמס קאַסרילעווקער העלדן, הערצלס וויזיע־אויפֿבליצן, ביאַליקס ליד און געדאַנק, פֿייערבערג, בער־דיטשעווסקי און טשערניכאָווסקי, די גרינדונג פֿון דעם קרן קימת פֿאַר דער אויסלייזונג פֿון באָדן, די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע יוירונג צווישן דער אידי־שער יוגנט פֿון פֿאַרשיידענע לאַגערן — אָט די אַלע גלויי שכינה זאָגן אונז, אַז אין דער דאָזיקער באַוועגונג האָט געשטראָמט אַ לעבעדיקער קוואַל, אַ מקור מים חיים.

„עוד טרם ידעתי מה יהיו חלומותי ונפֿשי כצפּור בהריחה יום דרור״.

---

* „מבפּנים״ („הפּועל הצעיר״, 1912).

אַזוי האָט דער דיכטער כאַראַקטעריזירט די לאַגע פֿון פֿאָלק אין יענע גרויסע טעג. טרם ידעתי. וואָס וויסן, דאָס וויסן און קענען די אייגענע טרוימען אין זייער גאַנצער טיפֿקייט, מיט אַלע זייערע אומפֿאַרמיידלעכע פּראַקטישע קאָנסעקווענצן, דאָס דאָזיקע וויסן איז ניט געקומען. און אויך ניט די „בחירה“, דער אויסוואַל פֿון לעבנס־וועג. די טרוימען זיינען אַוועקגעפֿלויגן און דער פֿויגל איז פֿאַרבליבן אין שטייג. די קללה פֿון גלות האָט אויך באַהערשט די גאולה־שטרעבונג. דער ציוניזם איז געקומען צו דעראָבערן דעם גלות און דעם קעגנוואַרט־לעבן — און האָט זיך זיי אונטערגעגעבן... די באַוועגונג, וואָס איז לכתחילה געווען געבויט אויף אַ דירעקטער עקסטרעמער, גאַנצער אידעע, וואָס איז אין איר עצם חעזן אומפּאַיק צו מאַכן פּשרות און וויתורים, האָט זיך אויסגעלערנט זיך צופּאַסן, צוזאַמען מיט דער גאַנצער אידישער גאַס, צו יעדער מאָמענטאַלער לאַגע, כּסדר צו בויגן אירע באַגריפֿן, אירע איבערצייגונגען און האָפֿענונגען. זי האָט אין זיך אַלץ איינגעזאַפּט און צו אַלץ זיך צוגעפּאַסט — צו יעדער טעאָריע, צו יעדער פֿאַנטאַזיע, צו יעדער אידעע וואָס האָט פּרובירט צו באַהערשן די סביבה אין אַ געגעבענעם מאָמענט... די גאולה־שטרעבונג האָט אויפֿגעהערט צו זיין דאָס וואָס זי איז געווען, און איז געוואָרן איינע פֿון די קאָנסערוואַטיווע כּוחות, אַ מין געווירץ וואָס מאַכט גרינגער דעם עול, אַ סוראָגאַט וואָס גיט היילונג מענטשן מיט געבראָכענע ווילנס, און אָפּרו — די „אָרעמע אין גייסט“. דער ציוניזם איז געבליבן אַ חלום און אַ פֿרומער וואונטש, וואָס פֿירט ניט צו קיין שום מעשים...

...און די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג? די דאָזיקע באַוועגונג, וואָס האָט אין אירע אָנהויב־יאָרן פּרובירט געפֿינען אַן אויסדרוק פֿאַר די אינערלעכע באַגערן און געפּענטעטע כּוחות פֿון דעם אידישן מענטשן, וואָס האָט דעם ציוניסטישן רעוואָלט דערהויבן צו דער מדרגה פֿון אַן אַלגעמיינעם רעוואָלט קעגן רעזשימען און באַגריפֿן, די דאָזיקע באַוועגונג וואָס איז געקומען אויף דער וועלט מיט אַ ממשותדיקער און קאָנקרעטער קריטיק, וואָס איז פֿריי געווען פֿון אַלטע און נייע דאָגמעס, וואָס האָט באַזיצט אַ זעליש־רעוואָלוציאָנערן געפֿיל וואָס האָט רעבעלירט אויך קעגן דער רוטין אין דער רעוואָלוציע — האָט זי באַוויזן אויסצוהאַלטן די פּראָבע? האָט זי זיך ניט אויך אונטערגעגעבן דער סביבה, זיינען אירע פֿעסטונגען ניט אויך געפֿאַלן איינע נאָך דער צווייטער, האָט זי דען ניט פֿאַרלאָרן אירע טייערסטע קנינים, איר זעלבסטשטענדיקייט און פֿרישקייט — איז זי ניט געוואָרן אַ זאַמל־פּלאַץ פֿאַר אָנהענגער פֿון אַ פֿאַרשטיינערטער סכאָלאַסטיק, פֿון אַן אויבערפֿלעכלעכער און באַלזאַמירטער פּראַזעאָלאָגיע, פֿון אַ ראַדיקאַליזם פֿון דעם נעקראַסאָווישן מין: „דאָס וואָס ער האָט געלייענט אין דעם לעצטן בוך — איז פֿאַר אים געווען דער העכסטער אמת“?

און אירע אָפּטריניקעס — האָבן זיי זיך ניט צעשפּרייט איבער אַלע עקן פֿון גלות, נאָכדעם ווי זייערע אינערלעכע כּוחות זיינען אויסגעטריקנט געוואָרן און חרוב געוואָרן — און זייערע נשמות האָבן זיי ניט געראַטעוועט?

אָט אַזוי האָט דער אַרבעטער ביי די ברעגעס פֿון כּנרת געזען דעם ציוניזם און דעם אַרבעטער־ציוניזם אין יענער צייט. און אויב אַזוי — וואו איז דער אויסוועג? וואָס איז דער זינען פֿון אָט די אַרבעט־ און הונגער־טעג אין די פּרדסים פֿון יהודה און אויף די תּבואה־פֿעלדער פֿון גליל?

בלויז מיטן ממשותדיקן פֿאַרלאָזן די געטאָ עפֿנט זיך פֿאַר דעם ציוניזם אַ מעגלעכקייט פֿון אַ תּיקון. די ענדערונג פֿון דעם געאָגראַפֿישן צענטער פֿירט ממילא, צוליב אינערלעכער נויטווענדיקייט, אויף אַ סטיכישן אופֿן — אויב מען מעג זיך באַנוצן מיט דעם דאָזיקן טערמין אַנשטאָט באַוואוסטזיין און ווילן — צו דער ענדערונג פֿון דעם מאָראַלישן, און די היסטאָרישע פֿעלערן מאַכן ביסלעכווייז פּלאַץ — כאָטש קעגן מערקבאַרן ווידערשטאַנד — פֿאַר נייע כּוחות וואָס רעוואָלטירן קעגן זיי. עס דערנענטערט זיך די איבערשאַצונג פֿון ווערטן, וואָס איז פֿאָראויסגעזאַגט געוואָרן אין דעם הייליקן גייסט פֿון דער העברעאישער פּאָעזיע, אַן איבערשאַצונג פֿון מאַטעריעלע און גייסטיקע ווערטן. אויפֿן פּלאַץ פֿון דעם גרויען חומר פֿון געטאָ־לעבן — אַ לעבן פֿון ערד און אַרבעט, אויפֿן פּלאַץ פֿון דעם גייסטיקן לעבן פֿון דער אַלטער געטאָ — דער מענטש „וואָס איז געבאָרן אַ גלייכער". עס איז נאָך ווייט דער וועג ביז צו דעם מענטשן פֿון דער ערד, דעם מענטשן פֿון „קוממיות". אָבער מיר געפֿינען זיך אויפֿן וועג צו אים. די גאולה האָט אויפֿגעהערט צו זיין בלויז אַ נאַציאָנאַלע פֿראַזע. זי נעמט אָן הויט און ביינער און באַקומט אַ לעבעדיקע, פּערזענלעכע נשמה. מיר זעען בלויז דעם אָנהויב דערפֿון. ווער וועט עפֿענען אונזערע אויגן צו זען די פֿאַרבאָרגענע מעגלעכקייטן וואָס זי טראָגט אין אירע פֿליגלען?

דאָס איז די וויזיע אויף די ברעגעס פֿון כּנרת: ערד, אַרבעט. פּערזענלעכע, טאָג־טעגלעכע פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעם ציוניזם.

און עס איז אויך קלאָר דער מקור פֿון דער וויזיע: ניט קיין „טעאָריעס", ניט קיין „פּראָגראַמען", ניט קיין „אידעאָלאָגיע" — דער „רוח הקודש פֿון דער העברעאישער פּאָעזיע".

*

„ענדלעך איז געקומען דער מאָמענט אויף וועלכן מיר האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט".* עס איז געקומען די באַלפֿור־דעקלאַראַציע. די בריטישע אַרמיי האָט פֿאַרטריבן די פֿוילע, ברוטאַלע, סאַדיסטישע טערקישע פּאַשאַס פֿון יהודה — און באַלד וועט אויך דער גליל באַפֿרייט ווערן. „עס זיינען געפֿאַלן די קייטן. עס איז פֿאַרשוואונדן דאָס לעבן פֿון שטענדיקע ספּאַזמעס, דאָס לעבן

* „לקראת הימים הבאים" (רעדע געהאַלטן אויף דעם זיבעטן צוזאַמענפֿאָר פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער, 1918).

פֿון באַלײדיקונג, דאָס קאַשמאַר־לעבן. עס איז אויך פֿאַרשוואונדן די אימה פֿון צעשטערונג, וואָס האָט אין משך פֿון אָט די אַלע יאָרן געשוועבט איבער דעם לעבנס־ווערק פֿון צוויי דורות אַרבעט און יסורים פֿאַר דער גאולה... אָבער פֿאַרוואָס איז דאָס האַרץ אומרואיק? פֿון וואַנען נעמט זיך דער ווײטאָג?

„דער ציוניזם שטייט ווידער אויפֿן שייד־וועג, אָבער איצט איז די פֿראַגע ניט: מזרח אָדער מערב, פּאָליטיק אָדער קאָלאָניזאַציע. די צוקונפֿט פֿון ציוניזם איז אָפּהענגיק דערפֿון, צי ער וועט אַנטדעקן אין זיך און אויסרײַסן אין זיך יענע טיפֿע און ברייטע פֿאָלקסטימלעכע און מענטשלעכע אינהאַלטן, וואָס זײַנען אין אים געווען פֿאַרבאָרגן פֿון סאַמע אָנהויב פֿון זײַן עקזיסטענץ, און צי ער וועט געפֿינען דעם שליסל צום האַרץ פֿון פֿאָלק, און דורך דער וויזיע פֿון אַ גאַנצער גאולה, אַ וויזיע פֿון אידישער מענטשלעכער אויפֿריכטונג, פֿון אַ ברייטן מענטשלעכן לעבן, אין אים אויפֿוועקן מסירת נפֿש און מוט".

אָבער איז די ציוניסטישע באַוועגונג גרייט פֿאַר די „קומענדיקע טעג"? בערל קאַצענעלסאָן קען דעם פּנים פֿון דער ברייטער ציוניסטישער באַוועגונג, פֿון אירע פֿירער. אַ גרויסע רעוואָלוציאָנערע אידעע, איבערמענטשלעכע אויפֿגאַבן, אַ ציל צו וועלכן מען קאָן גײן בלויז דורך אויסעראָרדענטלעכע וועגן. אָבער דער דורכשניטלעכער טרעגער פֿון דער ציוניסטישער אידעע — דער שקל־קויפֿער, דער יונגער דיסקוטאַנט אין די סטודענטן־קאָלאָניעס, דער „קעגנוואָרטס־אַרבעט־פּאָליטיקער", דער סאָציאַליסטישער בראָשורן־סכאָלאַסטיקער, וואָס פֿאַרנעמט זיך (לויט דעם פֿון ב. קאַצענעלסאָן פֿיל ציטירטן סירקין־וואָרט) מיט „צופּאַסן די פּראָגראַם צו דער דיסקוסיע" — איז ניט יענער מענטשן־טיפּ וואָס די ציוניסטישע פֿאַרווירקלעכונג פֿאָדערט.

„דער אַרבעטער האָט זיך אויף אַן אייגנאַרטיקן אופֿן באַהעפֿט מיט דער גאולה־שליחות. די לעבנס־לערע און דער אידעאַל זײַנען בײַ אים פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּערזענלעך לעבנס־ווערק. זײַן אַרבעט, זײַן פֿאַרגאַנגענהייט, זײַנען דערפֿאַרונגען און אויך זײַנע מפּלות זײַנען די טרעפּ אויף וועלכע ער שטײַגט אַרויף און פֿון וועלכע ער קוקט אַרויס אויף דער צוקונפֿט, זײַן צוקונפֿט, די צוקונפֿט פֿון פֿאָלק. זײַן אַרבעט איז פֿאַר אים געוואָרן דער מקור פֿון באַדערפֿענישן, אידעען, אָפּשאַצונגען. פֿון דער טאָג־טעגלעכער אַרבעטס־אַקטיוויטעט איז אַרויסגעוואַקסן דער אַקטיוויזם פֿון זײַנע באַגערן און פֿאָדערונגען, דער אַקטיוויזם פֿון געזעלשאַפֿטלעכן ווילן. און דער געזעלשאַפֿטלעכער ווילן אַנטפּלעקט זיך פֿון דאָס נײַ אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט, שפּייזט זי און דערהויבט זי. די זעלבסט־דערקענטעניש פֿון דעם יחיד אָדער דעם קיבוץ טראָגט אין זיך ניט נאָר קריטיק און חרטה, נאָר אויך גלויבן און בטחון, די אָפּשאַצונג פֿון

חילנס און כּוחות. אויך אין דער אַרבעט פֿאַרלאָזן אונז ניט די קריטיק און דער זעלבסט־אַנאַליז. מיר האָבן ניט גענוג קראַפֿט צו דערפֿילן אין דער פֿולער מאָס אונזערע פֿאָדערונגען צו זיך אַליין. מיר זײַנען געוווינט שטרענג צו אורטיילן זיך אַליין און אונזער לעבן, מיר זײַנען זייער, זייער ווײַט פֿון צופֿרידנקייט. אָבער לאָמיר זיך מודה זײַן: פֿאַרמינערט דאָס די עצם זאַך וואָס דרינגט דורך אונזער גאַנץ לעבן, וואָס באַשעפֿטיקט אונזערע נשמות און אונזערע הענט? וואָס מיר זאָלן וועגן זיך ניט טראַכטן, וויפֿיל מיר זאָלן ניט אויפֿדעקן אונזערע וואונדן, אונזער שוואַכקייט און אונזער צאָל־אָרעמקייט, פֿאַרגעסן מיר ניט און מיר דאַרפֿן ניט פֿאַרגעסן — וואָס עס איז איבערגעגעבן געוואָרן אין אונזערע הענט. די פערזענלעכע, חלוצישע, פּראַקטישע און אַקטיווע טאָט פֿאַר דער טאָג־טעגלעכער פֿאַרווירקלעכונג פֿון ציוניזם אין פערזענלעכן לעבן, פֿאַר דער שאַפֿונג פֿון אַ פֿרײַער אידישער געזעלשאַפֿט, וואָס לעבט פֿון איר אַרבעט — דאָס אַלץ איז אויסגעפֿאַלן אויף אונזער גורל. און דער לעבנס־גורל וואָס מיר האָבן אויסגעקליבן גיט כּוח אַפֿילו דעם אָנמעכטיקן, דירעזשירט מיט אונזער ווילן און אונזערע מעשׂים, דערמוטיקט אונזערע הענט און אונזער געדאַנק. ער האָט אונז געגעבן די טרײַקייט צו אונזער ווערק און די אידעאישע העזה".

מיט אָט דעם אַני־מאמין איז בערל קאַצענעלסאָן אַרויס פֿונעם קלײַנעם קרײַז פֿון דער כּנרתער קאָמונע אין דער ברייטער ציוניסטישער עפֿנטלעכקייט. אַוודאי איז ער ניט געווען קיין בן־יחיד. ס'איז געווען, אין זײַנע אייגענע ווערטער, אַ. ד. גאָרדאָן, „דער זקן שבחבורה, דער וועגווײַזער און טרייסטער, דער פֿאָדערער און מוכיח, דער דענקער און צופֿה, וואָס זײַן עצם זײַן צווישן אונז, זײַן עצם לעבן צווישן אונז, האָט שוין אין זיך געטראָגן עלית נשמה". עס זײַנען געווען אַנדערע — לערער און חברים. אָבער, דוכט זיך, אַז ער, מער ווי יעדער אַנדערער, האָט אין ארץ־ישׂראלדיקן אַרבעטער אײַנגעפֿלאַנצט יענעם זעלבסט־באַוואוסטזײַן, יענעם געפֿיל פֿון זײַן פּיאָנערישער ראָלע און שליחות אין דער ציוניסטישער פֿאַרווירקלעכונג, וואָס האָט די ארץ־ישׂראלדיקע אַרבעטערשאַפֿט פֿאַרוואַנדלט אין דעם פֿירנדיקן כּוח אין דער אידישע באַפֿרייאונגס־באַוועגונג.

ב. „אַ זון פֿון דער משפּחה פֿון די דוחקי קץ"

פֿיל פֿון אונז געדענקען נאָך בערל קאַצענעלסאָנס ערשטן באַזוך אין אַמעריקע אין דעם יאָר 1921/22. דער אימפּעדיקער הילוך, דער פֿאַרשנדיק־שאַרפֿער בליאַסק אין די אויגן, דער אָפּגעהאַקטער ריטם פֿון די ווערטער, די אומגעדולדיקע זשעסטן — אַלץ האָט דערציילט וועגן טיפֿסטער פֿאַרצווייפֿלונג, וועגן כּסדר שטײַגנדיקער נערוועזיטעט. ער איז גע־

קומען אַלס מיטגליד פֿון דער ערשטער ארץ־ישׂראלדיקער אַרבעטער־דעלעגאַציע צו די היגע אידישע אַרבעטער. אַ קורצע צייט פֿאַר זיין קומען קיין אַמעריקע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער ערשטער גרינדונגס־צוזאַמענפֿאָר פֿון דער הסתדרות העובדים. עס איז שוין טיילווייז פֿאַרווירקלעכט געוואָרן דער חלום וועגן דער פֿאַראייניקונג פֿון ארץ־ישׂראלדיקע אַרבעטער; בלויז טיילווייז, וואָרעם די גרופּע, וואָס האָט געגרינדעט די „אחדות העבודה", האָט געשטרעבט צו אַ טיפֿערער פֿאַראייניקונג, ווי די וואָס איז צושטאַנד געקומען אויפֿן הסתדרות־צוזאַמענפֿאָר אין חיפה. אויף וויפֿיל די גרינדער פֿון דער „אחדות העבודה" זיינען, אין זייערע אויפֿפֿאַסונגען וועגן מהות און די צילן פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג, באַאיינפֿלוסט געוואָרן פֿון דרויסן, איז די דאָזיקע השפּעה געקומען פֿון אָפּנויגערישע, זייטיקע שטרעמונגען און ריכטונגען. עס איז געגנוג צו דערמאָנען דעם סינדיקאַליזם (שפּעטער אויך — דער בריטישער גילד־סאָציאַליזם). די גרינדער פֿון „אחדות העבודה" האָבן ניט גורס געווען די קאָנווענציאָנעלע סאָציאַליסטישע אויפֿפֿאַסונג פֿון אַן אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס ספּעציאַליזירט זיך אויף פּאָליטישן קאַמף און טרייד־יוניאָנס, וואָס זיינען טעטיק אויסשליסלעך אויפֿן פּראָפֿעסיאָנעלן געביט. ערשטנס, האָבן זיי, אַרויסגייענדיק פֿון זייערע אייגענע דערפֿאַרונגען, אָפּגעוואָרפֿן די טראַדיציע, אַז די צוויי שטחים פֿון דער אַרבעטער־טעטיקייט דאַרפֿן זיין אויסשליסלעך דער פּאָליטישער און פּראָפֿעסיאָנעלער. זיי האָבן געלייגט גרויס געוויכט אויף דער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע, אויף פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע אין פֿאַרשיידענע פֿאָרמען, אויף דער זעלבסטשטענדיקער קולטור־טעטיקייט פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט. צווייטנס, האָבן זיי געהאַלטן, אַז עס איז אַ פֿעלער און אַ טעות אָרגאַניזאַציאָנעל אָפּצוטיילן די דאָזיקע פֿאַרשיידענע טעטיקייטן. איין אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע דאַרף אַרומנעמען אַלע אינטערעסן און טעטיקייטן פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט. — פּאָליטישע, טרייד־יוניאָניסטישע, קאָאָפּעראַטיוו־ווירטשאַפֿטלעכע, קולטורעלע. אַזאַ אָרגאַניזאַציע, יעדנפֿאַלס, דאַרף געשאַפֿן ווערן אין ארץ־ישׂראל, וואו די חלוצישע אַרבעטערשאַפֿט איז אין אירע גרונט־באַשטרעבונגען דאָך איניק. די גרינדונג פֿון דער הסתדרות העובדים איז געווען אַ קאָמפּראָמיס־לייזונג פֿון דער פֿראַגע פֿון אַרבעטער־איניקייט; די פּאַרטייען זיינען דאָך געבליבן. די הסתדרות העובדים, וואָס בערל קאַצענעלסאָן איז געווען איינער פֿון אירע אַקטיווסטע איניציאַטאָרן און גרינדער, איז פֿאַר אים געווען אַ גרויסע דערגרייכונג

— און דאָך האָט די דאָזיקע קאָמפּראָמיס־לייזונג נאָך זיך געלאָזט אַ שאַרפֿן געפֿיל פֿון אומצופֿרידנקייט. מען האָט עס געשפּירט אין אים. ער איז אַהער געקומען שוין נאָך די ערשטע אַנטוישונגען מיט די נייע מאַכטהאָבער אין לאַנד. עס איז שוין געווען נאָך תּל־חי, נאָך דעם פּאָגראָם אין ירושלים אין 1920. נאָך די אומרוען פֿון מאַי 1921 אין תּל־אָביב. י. ח. ברענער איז דערמאָרדעט געוואָרן אין דעם קליינעם קוואַרטאַל לעבן תּל־אָביב — און די נייע רעגירונג, מיט דעם אידישן „היי־קאָמישאָנער" האָט ניט באַוויזן צו געפֿינען די שפּורן צו די רוצחים, בעת „קינדער אין יפֿו ווייסן די פּרטים פֿון דעם מאָרד". די בריטישע רעגירונג אין ארץ־ישראל האָט זיך שוין אונטערגעגעבן צום דרוק פֿון אַראַבישן טעראָר — און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעוויזן נייגונגען שלום צו מאַכן מיטן טעראָר פֿון דער רעגירונג. פֿון די ברעגעס פֿון ארץ־ישראל זיינען שוין צוריקגעטריבן געוואָרן שיפֿן מיט חלוצים.

עס איז ניט געווען קיין חידוש, וואָס בערל קאַצענעלסאָנס אויגן האָבן אַזוי פֿיבערדיק־אומרואיק געקוקט אַרום זיך, בעת ער איז געקומען קיין אַמעריקע זיך באַגעגענען מיט חברים און מיט דערווייטערטע אידישע אַרבעטער. ווען ער האָט צוזאַמען מיט זיינע חברים, געקעמפֿט פֿאַר דער פֿאַראייניקונג פֿון די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער, האָט ער געהאָפֿט, אַז דאָס וועט זיין בלויז דער אָנהויב, דער קערן און אַוואַנגאַרד פֿון אַ גרויסער פֿאָלקס־באַוועגונג אַרום דעם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. איינע פֿון די וואַגיקסטע מאָטיוון פֿון בערל קאַצענעלסאָנס עקשנות בנוגע דער פֿאַראייניקונג פֿון די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער, איז געווען זיין איבערצייגונג, אַז בלויז אַזאַ פֿאַראייניקטע באַוועגונג וועט בכּוח זיין צו דעראָבערן די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין חוץ־לארץ פֿאַר דעם ציוניזם. אָבער דער וועג איז געווען פֿאַרלייגט מיט שטרויכל־שטיינער. די באַגעגעניש צווישן „אחדות העבודה" און דער פּועלי־ציון־באַוועגונג אין די גלות־לענדער איז ניט געווען קיין איבעריקס ברידערלעכע. אין 1921 האָט זיך די פּועלי־ציון מחנה געשפּאָלטן אויף דער ערשטער נאָך־מלחמהדיקער קאָנפֿערענץ אין ווין. אָבער אַפֿילו די וואָס ס'איז זיי יאָ אָנגעשטאַנען זיך צו געפֿינען אונטער איין דאַך מיט דער נייער ארץ־ישראלדיקער פּאַרטיי, וואָס האָט אַפֿילו ניט געטראָגן דעם נאָמען „פּועלי־ציון", האָבן זיך ניט געפֿילט איבעריקס היימיש אין איר מחיצה. אַ מאָדנע פּועלי־ציון־פּאַרטיי! ניטאָ קיין זכר פֿון דער מאַרקסיסטישער טערמינאָלאָגיע, פֿון דער „סטראַטע־

גישער באַזע״ און פון דעם „סטיכישן פּראָצעס״. אמת, מען רעדט אויך וועגן „קלאַסן־קאַמף״ — אָבער דער קלאַסן־קאַמף נעמט דאָרטן אָן אַזעלכע מאָדנע פאָרמען. מען האָט דאָך נאָך ניט „פעסטגעשטעלט״ די ריכטיקע ליניע בנוגע קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע, בנוגע מיטפאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער פּאָליטישער לייטונג צוזאַמען מיט די פאָרשטייער פון דער „בורזשואַזיע״. אָבער די נייע פּאַרטיי וואָרט ניט אויפן אויסגאַנג פון דער דיסקוסיע. זי טוט זיך אירס. פרעמד איז אויך דאָס העברעאיש פון דער נייער פּאַרטיי. און אַזאַ משונהדיקע טאָלעראַנץ הערשט אין דער דאָזיקער ארץ־ישראלדיקע „שוועסטער־פּאַרטיי״. אָט איז די רעדאַקציע פון דער מאַנאַטשריפט פון דער פּאַרטיי (אויפן פּאַרטיי־לשון הייסט עס „טעאָרעטישער אָרגאַן״) איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון י. ח. ברענער, וועלכער איז אַליין ניט קיין פּאַרטיי־מיטגליד און פון זיינע שריפטן קען מען באַקומען דעם איינדרוק, אַז ער באַציט זיך מיט אַ שיין ביסל ביטול צו אַלע אידישע פּאַרטייען און זייערע „אידעאָלאָגיעס״. יאָ, די חברים אין גלות זיינען שטאָלץ געוועזן מיט דער „אחדות העבודה״, מיט דעם אָנגעזעענעם פּלאַץ וואָס זי האָט אָנגעהויבן פאַרנעמען אין ישוב, מיט די נייע מענטשן וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט אין אירע רייען, מיט איר פאַרנעם און איר „עלאַן״. אָבער די „אחדות העבודה״ האָט אויך געשטעלט אין פאַרלעגענהייט מיט איר זיך ניט רעכענען מיט יונגע אָבער שוין פאַרהייליקטע טראַדיציעס, מיט אירע פרעמדע באַגריפן און אומגעוואוינטער שפּראַך.

*

איך דערמאָן זיך דעם ערשטן אַרויסטריט פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־דעלעגאַציע אין ניו־יאָרק. אַ גרויסער עולם האָט אָנגעפילט דעם קופּער־יוניאָן־זאַל. עס האָבן גערעדט פּאַרטיי־פירער און יוניאָן־פירער, די נייע פריינד פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט. בערל קאַצענעלסאָן האָט גערעדט דער לעצטער; זיין רעדע האָט געזאָלט זיין דער „טשוואָק״ פון אָוונט. די ערשטע ווערטער האָבן פייערלעך געשפּאַנט דעם עולם, וואָס איז געקומען הערן אַ דערהויבנדיק וואָרט פון ארץ־ישראל. אָבער אַזוי שנעל ווי דער רעדנער האָט פאַרענדיקט די ערשטע עטלעכע זאַצן האָט די שפּאַנונג אָפּגעלאָזן, מען איז געבליבן זיצן אַנטוישטע. ער האָט ניט דערציילט קיין אַנעקדאָטן, ניט געמאָלן קיין וואונדער־פּאַנאָראַמעס פון דעם אויסטערלישן לאַנד, וואו פּראָפעסאָרן און דאָקטאָר־פילאָזאָפן האַקן שטיינער (די מאָדע האָט זיך שוין דעמאָלט אָנגעהויבן). אין אָפּ־

געהאַקטע זאַצן, מיט לאַנגע פּויזעס אין מיטן, האָט ער דערציילט וועגן מוראדיקע נויטן, וועגן געלעגנהייטן וואָס ווערן פאַרלאָרן יעדע רגע, וועגן געפיל פון איינזאַמקייט, וועגן נייע וועגן וואָס ווערן אויסגעטראָטן, וועגן נייע ווערטן און באַגריפן, נאַציאָנאַלע און סאָציאַליסטישע, וואָס ווערן אויסגעשמידט. און די דאָזיקע נייע תורה איז ניט קיין אויסשטעלונגס־אַרטיקל; ס'איז אַ תורה און אַ לעבנס־וועג פאַר אַלעמען, אויך פאַר די וואָס זיצן אין קופּער־יוניאָן. ס'האָט דעם עולם געלאָזן קאַלט. מען איז דאָך געקומען מקבל־פּנים זיין אַ דעלעגאַציע, וואָס זאָל עפּעס דערציילן פון דעם וויטן נסים־לאַנד — לייכטער מאַכן דאָס געמיט, דערהויבן דעם גייסט, געבן אַ נשמה־יתירה דעם אייגענעם וואָכעדיקן לעבן. אָבער די ווערטער פון דער טריבונע האָבן זיך געלייגט אויף דער נשמה ווי שווערע שטיינער, פּיקסירט די אויפמערקזאַמקייט אויף בערג וואָס מ'זעט ניט זייערע שפּיצן, צופיל אָנגעשטרענגט די פאַנטאַזיע און דעם מוח. ס'איז ניט אָנגעשלאָגן געוואָרן קיין קאָנטאַקט צווישן דעם עולם און דעם רעד־נער. דער רעדנער האָט עס מסתמא דערשפּירט. די זאַצן זיינען אַלץ קירצער און קירצער געוואָרן, אַלץ אָפּגעהאַקטער און אָפּגעהאַקטער, און נאָך יעדן זאַץ האָט ער געגעבן אַ שלונג פון וואַסער־גלאָז, ווי אַ מענטש וואָס איז פאַרוואָגלט געוואָרן אין אַ מדבר.

אַ קורצע צייט שפּעטער איז געקומען אַ צווייטע פאַרזאַמלונג, אין „מאַנהעטן אָפּעראַ האַוז", דוכט זיך. פון אָט דער פאַרזאַמלונג האָט זיך אין זכרון איינגעקריצט איין סצענע. בערל קאַצענעלסאָן רעדט, ער האַלט ביים דערקלערן, וואָס איז אַזוינס אַרבעטער־ווירטשאַפט. דער עולם, אַן עולם וואָס איז צו דער פאַרזאַמלונג געקומען, פאַרשטייט זיך, מיט די פריינדלעכסטע געפילן פאַר דער זאַך פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־שאַפט, האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן סימנים פון אומגעדולד. דער רעדנער האָט געמאַכט אַ טעות. ער האָט געמיינט, אַז ער רעדט צו אַן עולם פון „אָרטאָדאָקסישע מאַרקסיסטן", האָט ער פּרובירט פאַר זיי צו פאַרטיידיקן די סאָציאַליסטישע אַפּיקורסותן פון דעם ארץ־ישראלדיקן אַרבעטער. ער האָט גערעדט וועגן אַרבעטער־ישובים, וועגן קבוצות, וועגן גדוד העבודה און „המשביר". דער עולם האָט אָבער פּשוט אָנגעהויבן מיד ווערן פון די נייע באַגריפן און די נייע נעמען. פּלוצלונג זיינען ערגעץ־וואו אויף דער גאַלעריע אויסגעבראָכן אַפּלאָדיסמענטן — און אין אַלע טיילן פון זאַל האָט עס דער עולם אונטערגעכאַפּט. די „שטורעמדיקע אַפּלאָדיסמענטן"

אין מיטן אַ זאַץ פֿון דער רעדע זיינען, פֿאַרשטייט זיך, ניט געווען קיין אויסדרוק פֿון דאַנקבאַרקייט אָדער באַוואונדערונג. דער עולם האָט אויף דעם דאָזיקן עכט־אַמעריקאַנישן אופֿן פּשוט געלאָזט וויסן דעם רעדנער, אַז מער קען ער עס שוין ניט פֿאַרטראָגן...

מיט אָט דער דאָזיקער פֿרעמדקייט פֿון די רואיקע און זיכערע האָט מען זיך אין יענע יאָרן אָנגעשטויסן ניט נאָר אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון ניו־יאָרקער באַגייסטערטע פֿריינד פֿון די ארץ־ישׂראלדיקע אַרבעטער, די שוין באַרימט־געוואָרענע „חלוצים". די אויערן און די הערצער זיינען ניט געווען פֿיל מער אויפֿנעמספֿעאיק אויף ציוניסטישע וועלט־קאָנפֿערענצן און קאָנגרעסן. פֿאַר דעם מענטשן וואָס איז געקומען פֿון ארץ־ישׂראל, מיט דער ברענענדיקער זאָרג פֿאַר אַ דונאַם באָדן, וואָס היינט קען ער נאָך אויסגעלייזט ווערן, אָבער מאָרגן קען ווערן צו שפּעט; וועגן אַן אַרבעטס־פּלאַץ וואָס קען נאָך היינט דערלאַנגט ווערן, און אויב דאָס וועט ניט געשען, וועלן די טויערן פֿון לאַנד געשלאָסן ווערן פֿאַר אַ נייעם איינוואַנדערער; וועגן דעם גאַל־בעכער פֿון דעם אַרבעטסלאָזן חלוץ, וואָס אָט־אָט גיסט זיך פֿון אים אַריבער דער איבעריקער טראָפּן — האָט ניט געקענט זיין קיין פּיינלעכערע איבערלעבעניש, ווי אַן אַסיפֿה פֿון די שאננים בציון, ווי די „איינדרוקספֿולע דערקלערונגען" פֿון די „פֿירער" וועגן „דער פּאָליטישער לאַגע וואָס ווערט בעסער פֿון טאָג צו טאָג", וועגן אונזערע „אויסגעפּרובירטע פֿריינד". אין זיין שאַרפֿן אַרטיקל וועגן דער לאָנדאָנער וועלט־קאָנפֿערענץ פֿון יאָר 1920, דעם ערשטן ציוניסטישן וועלט־צונויפֿקום נאָך דער מלחמה* מאָלט בערל קאַצענעלסאָן אַן אומברחמנותדיק שאַרף בילד פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין איר פּראָבע־שעה. ער שילדערט דעם טיפּ „גוטער ציוניסט", דעם ציוניסטישן טוער, אין וועלכן עס איז פֿאַרבליבן אַזוי ווייניק פֿון דער אַמאָליקער „פּרימיטיווער חיבת־ציון" („זי איז איצט אַן ענין פֿאַר שול־קינדער און פֿאַר יענע תּמימותדיקע מענטשן, וואָס קלייבן זיך אויף אַן אמתן אַליין צו פֿאַרווירקלעכן זייערע באַשטרעבונגען") אָבער דערפֿאַר צייכנט ער זיך אויס אַלס „מיטינג־רעדנער, וואָס עס נעמט ניט קיין סוף צו זיינע רייד, וואָס ווייס ווי אַזוי צו פֿאַנגען דאָס האַרץ פֿון עולם, צו רייצן אינסטינקטן, צו ‚דערלאַנגען' דעם אָפּאָנענט — בקיצור, צו ‚זיגן'." „די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס זיינען איצט אין אַלע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער געוואָרן

* „ועידת לונדון", („האדמה", העפט י—יא).

באַלעבאַטישע לאָקאַלע פּאַרטייען, מיט אַלץ וואָס איז פֿאַרבינדן מיט דער עקזיסטענץ פֿון אַזאַ מין פּאַרטיי. מיט אַלע זיטן, באַציאונגען און אַנשוי־אונגען פֿון אַ אידישער באַלעבאַטישער פּאַרטיי אין תחום. אין דער זעלבער ציִיט זיינען די היינטיקע ארץ־ישראל־פּראָבלעמען שוין ניט די וואָס פּלעגן באַשעפֿטיקן די פֿריערדיקע ציוניסטישע קאָנגרעסן. זיי זיינען פֿאַרבונדן מיט די אינטערעסן פֿון ממשותדיקע מענטשן־גרופּעס אין ארץ־ישראל, מיט די אינטערעסן פֿון מאַסן וואָס קוקן אַרויס אויף איינוואַנדערונג. זיי פֿאָדערן באַשטימטע קענטעניש, קענטעניש פֿון ארץ־ישראל און איר לעבן, קענ־טעניש פֿון אירע סאָציאַלע כּוחות און אינטערעסן, אַ פֿאַרשטענדעניש פֿאַר לאַנדווירטשאַפֿט און פֿינאַנץ־פּראָגעס, באַקאַנטשאַפֿט מיט עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַדינגונגען, קאָלאָניזאַציע־וויסן. און אָט די אַלע פּראָבלעמען דאַרפֿן געלייזט ווערן דורך מענטשן, וואָס האָבן פֿיל דערפֿאַרונג אין דער פּאַרטיי־אַרבעט אין זייערע לענדער״.

היינט איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן וואָס פֿאַר אַ שווערן קאַמף עס איז אויסגעקומען צו פֿירן דער אַרבעטערשאַפֿט אין דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע פֿאַר פֿאָדערונגען וואָס זיינען שפּעטער געוואָרן אַלגעמיינע נכסי צאן ברזל. נאָך אויף די ערשטע נאָך־מלחמה קאָנגרעסן האָט מען גע־דאַרפֿט קעמפֿן פֿאַר דער אָנערקענונג פֿון דער צענטראַלער וויכטיקייט פֿון דעם אידישן נאַציאָנאַל־פֿאָנד און פֿאַר אַ פּלאַנירטער באָדן־פּאָליטיק אין דעם אויפֿבוי פֿון ארץ־ישראל. עמק־יזרעאל איז דערוואָרבן געוואָרן קעגן דעם ווילן פֿון די העכסטע אינסטאַנצן אין ציוניזם. עס זיינען געווען צייטן ווען די ציוניסטישע פֿירערשאַפֿט איז געווען גרייט שלום צו מאַכן מיטן אָפּשטעלן די אידישע איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל. יאָרנלאַנג איז גע־גאַנגען די דיסקוסיע וועגן פּריוואַטן און נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל. די בעסטע ציוניסטן האָבן געצווייפֿלט, צי די קבוצה און דער מושב־עובדים זיינען עפּעס מער ווי „סאָציאַלע עקספּערימענטן״, וואָס זיינען לכתחילה פֿאַר־משפּט צום זעלבן סוף ווי ענלעכע אוטאָפּיעס אין אַנדערע לענדער און צייטן. און אין ארץ־ישראל גופֿא האָט יאָרן זיך געצויגן דער געראַנגל מיט ציוניסטישע שליחים און אַפּיטרופּסים, וואָס זיינען אין לאַנד געקומען הערשן, ניט קענענדיק זיינע איינוואוינער, זייער שפּראַך און זייערע באַ־שטרעבונגען, און אויך זיי ניט געוואָלט קענען — נאָר אויף זיי אַראָפּ־געקוקט מיט ביטול.

די פֿרעמדקייט צווישן דעם אָרגאַניזירטן ציוניזם אין גלות און די

פֿאַרווירקלעכער פֿון ציוניזם אין ארץ־ישראל, צווישן באַזעל (אָדער ציריך צי פּראָג) און כּנרת און דגניה און עין חרוד, באַשעפּטיקט בערל קאַצענעלסאָנען פֿון זיינע ערשטע באַגעגענישן מיט חוץ־לארץ־ציוניזם נאָך זיינע צען יאָר אַלס אַרבעטער אין ארץ־ישראל. דאָס איז פֿאַר אים שטענדיק געבליבן איינע פֿון די גרונט־פּראָבלעמען און פּיינלעכסטע פּגימות פֿון דעם ציוניזם. „די גרויסע, אָפֿיציעלע ציוניסטישע וועלט האָט זיך אָפּגעבריט מיט ארץ־ישראל. דער אידישער ישוב אין ארץ־ישראל הויבט אָן אויסצופֿורעמען אַן אייגנאַרטיקן כּאַראַקטער און קאָלאָריט, און דער כּאַראַקטער פֿון דעם ישוב איז כּלל ניט אין גוסט פֿון זיינע ׳האַרן׳, פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע . . . דער דאָזיקער קליינער און יונגער ישוב האָט אַן אייגענעם רוקנביין. ספּעציפֿישע נאַציאָנאַל־מענטשלעכע אייגנשאַפֿטן האָבן אין דעם דאָזיקן ישוב דערגרייכט אַ בעשטימטע רייפֿקייט און קריסטאַליזאַציע, און האַלטן ביים ווערן זיין באַוועגנדיקע קראַפֿט, זיין טרייבנדיקער ווילן. אין דעם דאָזיקן אָרעמען ישוב אַנטוויקלט זיך זייער אַ סענסיטיווע פֿילבאַרקייט פֿאַר אַלע מאַניפֿעסטאַציעס פֿון דערנידעריקונג און אונטערדריקונג, עס אַנטפּלעקן זיך אין אים מוט, ׳אומגעדולד׳, דחיקת הקץ, בקיצור, רעוואָלוציאָנערע פּסיכישע איינשאַפֿטן. אין דעם דאָזיקן ישוב ווערט צום ציוניזם, דאָס הייסט, צו דער פֿולער אידיש־מענטשלעכער ווערדע, געשאַפֿן אַ באַציאונג ווי צו אַ פּערזענלעכן ענין, ווי צו אַ פּערזענלעכער באַדערפֿעניש. און די דאָזיקע באַציאונג איז אויך גורם צו געוויסע פֿאָדערונגען און תּביעות צו אַנדערע, איז אויך גורם צו גאָר אַן אַנדערע אויפֿפֿאַסונג פֿון פּאָליטישע פּראַגעס, צו גאָר אַנדערע מאָראַלישע אָפּשאַצונגען. דער דאָזיקער ישוב, וואָס גאַרט נאָך מעשים, וועלכער ווייס, אַז אָן ציוניסטישער טאַט איז ער פֿאַרמשפּט צו אַ לאַנגער גסיסה, האָט זיך צוגעוואוינט צו זוכן הינטער אַלע דעקאָראַציעס און אויסרעלעכע דערפֿאָלגן דעם תּוך, דאָס ממשותדיקע, דעם ׳פּשט׳, צו פֿאָדערן האַרמאָניע צווישן ווערטער און טאַטן. אָבער דער דאָזיקער ישוב, וואָס לעבט דעם ציוניזם איבער אין זיין גאַנצקייט, מער ווי יעדער אַנדער אידישער ציבור אויף דער וועלט, וואָס די באַפֿעלן פֿון ציוניזם זיינען אים אַריין אין די בלוטן און געוואָרן פּערזענלעכע מאָראַלישע געבאָטן, ווייס ניט נאָר צו וואַרטן אויף נחמות, באַוואונדערן דעם וואָס איז ראוי באַוואונדערט צו ווערן, אַנטקעגן גיין מיט פֿרייד פֿאָדערונגען, וואָס רעדן צו זיין האַרצן, נאָר אויך זיך איינשטעלן פֿאַר רעכט, זיך פֿונאַנדערקלייבן צווישן תּוך און שאָלעכץ, צאָרנען אויף עוולות, זיין פֿאַרביטערט

אויף הכנעה, רעבעלירן. דער דאָזיקער ציבור האָט אין זיך אַנטוויקלט אַ שאַרפֿן חוש פֿון שפּאָט פֿאַר דער גאַנצער טראַסקעדיקער און דעקאָראַטיווער ציוניסטישער פּוסטקייט, פֿאַראַכטונג און ביטול פֿאַר פֿרעמדע וואָס קומען אין נאָמען פֿון ציוניזם, צו הערשן און באַלעבאַטעווען אין ארץ־ישראל, די גרייטקייט צו שטעלן אויף זיך, ניט אַכטנדיק די באַפֿעלן פֿון 'הויכע פֿענצטער', בעת דאָס אינערלעכע געפֿיל פֿאָדערט עס. און מיט די אייגנשאַפֿטן, וואָס ווערן ערשט געבוירן און אַנטפּלעקן זיך אין נייעם ארץ־ישראלדיקן ישוב, אייגנשאַפֿטן וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן יונגן ישוב, וואָס זיין טרייבנדיקע און שאַפֿערישע קראַפֿט איז דער אַרבעטער, וואָס פֿאַרשפּרעכן צו פֿאַרוואַנדלען דעם ארץ־ישראלדיקן ישוב אין דעם חלוץ פֿון דער פֿולער אידישער ווידער־אויפֿריכטונג, וואָס זאָגן אָן אויפֿן אויפֿקום פֿון אַן אייגנאַרטיקן אידישן מענטשן־טיפּ און אַ נייער אידישער קנאות — אויף אָט די אייגנשאַפֿטן שטויסט זיך שוין אָן איצט דער ציוניזם, די ציוניסטישע אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל..."

די תקופֿה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות איז געווען אַ פּעריאָד פֿון קאַמף פֿאַר דער „העגעמאָניע פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט אין ציוניזם". בערל קאַצענעלסאָן איז געווען איינער פֿון די שאַרפֿסטע, אָפֿטמאָל ביטערסטע קעמפֿער פֿאַר דעם דאָזיקן ציל. אָבער ביי אים איז עס ניט געווען נאָר אַ קאַמף פֿאַר „פּאָליטישער מאַכט", פֿאַר אַ גרעסערער צאָל דעלעגאַטן צו אַ ציוניסטישן קאָנגרעס, פֿאַר פּלעצער אין דער עקזעקוטיווע. פֿאַר אים איז עס געווען קודם־כּל אַ קאַמף פֿאַר דער העגעמאָניע פֿון דעם ציוניסטישן פּאַטאָס פֿון דער חלוצישער אַרבעטערשאַפֿט — איר עקשנותדיקע התמדה אין די קליינע מעשים און גרייטן זיך פֿאַר דער גרויסער, געוואַגטער טאַט, איר קאָנצענטראַציע אויפֿן עיקר, איר אומגעדולד, איר העזה.

אין יאָר 1935, נאָך דעם זיג פֿון פֿאַשיזם אין דייטשלאַנד, בעת עס האָט זיך געקענט אויסדוכטן, אַז דער רעוויזיאָניזם הויבט אָן צו פֿאַרכאַפּן די אויפֿגערודערטע, פֿאַרצווייפֿלטע אידישע גאַס, און אויך אין אייגענע קרייזן האָבן זיך אָנגעהויבן הערן פֿראַגעס צי דער וועג פֿון „קלאַסן־שותפֿות" אין ציוניזם, איז טאַקע ניט געווען קיין טעות, האָט בערל קאַצענעלסאָן אין אַ סעריע שמועסן מיט יוגנט־מדריכים * פּרובירט מאַכן

* „במבחן", „שיחות עם מדריכים", תּל־אָביב, תּרצ"ה.

אַ סך־הכּל פֿון דעם פּאָליטישן קאַמף פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט אין דעם ציוניזם: „אין דער אָרגאַניזירטער נאַציאָנאַלער ראָם, וואָס הערצל האָט געשאַפֿן, און אין וועלכער דער סאָציאַליסטישער ציוניזם האָט זיך שטענדיק באַטייליקט, האָט דער ציוניסטישער אַרבעטער געפֿירט זיין קאַמף — פֿריער, ווען ער איז געווען שוואַך און לעכערלעך, און נאָכדעם, מיט וואַקסנדיקע כּוחות. דאָס איז ניט געווען קיין אַבסטראַקטער קאַמף, עס איז ניט געווען קיין קאַמף, 'ווי עס שטייט געשריבן' אין באַרימטע ביכער און כּשרע בראָשורן, ניט קיין נאָכמאַכן פֿון 'כּמו שנאמר' ערגעץ ווייט, נאָר אַ פּראָדוקט פֿון דעם אייגנאַרטיקן אַרבעטער־זיין, פֿון די ספּעציפֿישע באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָבן זיך געפֿונען, געווירקט און געוואָקסן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און די ארץ־ישׂראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג, אַן אויסדרוק פֿון די ממשותדיקע באַדערפֿענישן פֿון דעם אַרבעטער, פֿון דעם עולה און דעם חלוץ, פֿון די פּרינציפּן פֿון אַ געזונטער און פּראָגרעסיווער עקאָנאָמיק. די דאָזיקע פּרינציפּן זיינען געווען פֿאַרבאָרגן אין סאַמע תּוך פֿון דעם ציוניסטישן אידעאַל — אָבער עמעצער האָט געדאַרפֿט קומען און זיי אַנטפּלעקן. זיי זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן אין דער שול פֿון דעם ארץ־ישׂראלדיקן אַרבעטער און אויסגעשמידט געוואָרן אין זיין וואַרשטאַט. דאָ, אויף דער טריבונע פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט דער סאָציאַליסטישער ציוניסט זיך באַטייליקט אין דער פֿאָדערונג אַז עס זאָל געשאַפֿן ווערן דער אידישער נאַציאָנאַל פֿאָנד; דאָ איז דער אַרבעטער געקומען מיט דער פֿאָדערונג נאָך אידישער אַרבעט און עס איינגעבויט ווי אַ נאַציאָנאַלן גרונט־עיקר אין בנין פֿון דעם ציוניסטישן געדאַנק און פּראַקטיק; דאָ איז געפֿירט געוואָרן דער קאַמף פֿאַר אַ נייער קאָלאָניזאַציע, אַ גרונט־פֿאַרשיידענער פֿון אַלץ וואָס איז געווען פֿריער — פֿאַר דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, פֿאַרן רעכט פֿון דעם זידלער צו שאַפֿן זיינע סאָציאַלע לעבנס־פֿאָרמען, אין איינקלאַנג מיט זיין ווילן, אויסוואַל און שאַפֿונגס־כּוח; דאָ זיינען צוריקגעשטופּט געוואָרן די אַטאַקעס אויפֿן אַרבעטנדיקן ישוב; דאָ האָט דער אַרבעטער געפֿירט זיין קאַמף פֿאַר דעם קאָלאָניזאַטאָרישן און פּראָגרעסיוון כאַראַקטער פֿון דעם ציוניסטישן בודזשעט, פֿאַר דער פּראָדוקטיוויזאַציע פֿון דעם נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, פֿאַרן פּלאַץ פֿון דעם חלוץ־אַרבעטער אין דער עליה און אין דעם אויפֿבוי פֿון לאַנד, פֿאַר זיין רעכט צו דערציען זיינע קינדער אין זיין גייסט, ניט מורא האָבנדיק באַשטראָפֿט צו ווערן דערפֿאַר און דיסקרימינירט צו ווערן דורך דעם ציוניסטישן

בודזשעט; דאָ האָט דער אידישער אַרבעטער געקעמפּט אומאויפהערלעך פאַרן פאָלקס־כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דעם פלאַץ און איינפלוס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אויף אַלע געביטן פון דער ציוניסטישער טעטיקייט אין ארץ־ישראל און אין גלות; קעגן דער זאַטקייט, דאָס צופרידשטעלן זיך מיט ווייניק און דער הויכרעדעריי פון דעם באַלעבאַטישן ציוניסט; דאָ האָט דער אַרבעטער דעם ציוניזם אָפּגעהיט פון פּאָליטישן אַוואַנטוריזם און פון ווירטשאַפטלעכע און קאָלאָניזאַטאָרישע פאָרמען, וואָס זיינען ניט אין איינקלאַנג מיט די נויטן פון דעם נאַציאָנאַלן אויפבוי. און דאָ איז דורך איר טרייער מיטאַרבעט און טעטיקייט, די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט פון אַ הייפל איינזאַמע, משונהדיקע און אומפאַרשטאַנענע יחידים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין עיקרדיקן, פירנדיקן כוח אין ציוניזם...״

ב. קאַצענעלסאָן איז שטאָלץ געווען מיט די דאָזיקע דערגרייכונגען. אָבער ער איז געווען זיכער און שטענדיק דערמאָנט אַנדערע, אַז די שליחות פון דער אַרבעטערשאַפט אין ציוניזם האָט זיך נאָך מיט די אַלע פּיאָנעריש אויפטוען ניט אויסגעשעפּט. ער האָט געוואוסט, אַז אויף דעם וועג צו דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם וואַרטן אויף אונז פילע אין פאַרשיידענע סטאַנציעס. ער איז פון סאַמע אָנהויב, פון די ערשטע טעג פון דער בריטישער־מאַנדאַט־אַדמיניסטראַציע, געווען דורכגעדרונגען מיט אומרו וועגן דער דאָזיקער סטאַנציע אויף דעם וועג צום ציל. אַזוי ווי ער האָט אין די יוגנט־יאָרן געהאַלטן, אַז די פאַרווירקלעכונג פון דעם ציוניזם פאָדערט, אונטער די דעמאָלטדיקע באַדינגונגען, זיך אײַנגאַנצן צו קאָנצענטרירן אויפן אויפבוי פון געזונטע צעלן פון אַ אידישן ישוב, אויפן שאַפן אַ שיכט פון אידישע ערד־אַרבעטער און אַ אידישן אַרבעטנדיקן דאָרף, האָט ער און זיינע חברים, אין דער מאַנדאַט־תּקופה אין זיך דערשטיקט ספקות און פיל מותר געווען און איינגעשפּאַנט די גאַנצע ענערגיע כּדי אויסצונוצן די אויפבוי־מעגלעכקייטן, וואָס זיינען אונז אין דער תּקופה געגעבן געוואָרן. אָבער ער האָט ניט געצווייפלט, אַז דאָס איז אויך ניט מער ווי אַ פאַזע אין דעם קאַמף פאַר דער פולער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם. ער האָט געוואוסט, אַז עס קענען קומען צייטן, ווען דער קאַמף פאַר ציוניזם זאָל דאַרפן געפירט ווערן מיט גאַנץ אַנדערע מיטלען, ווי די וואָס עס האָט אונז דיקטירט די תּקופה פון בריטיש־אידישער קאָאָפּעראַציע.

אין פרילינג 1939, ערב דאָס פאַרעפנטלעכן פון „ווייסבוך״ זאָגט ער

אין אַ רעדע: „איך קען זיך ניט פֿאָרשטעלן קיין אַנדער תשובה [צו דעם דערוואָרטעטן 'ווייסבוך'] ווי דעם ענטפֿער, וואָס איז געקומען פֿון די טיפֿע־נישן פֿון האַרצן פֿון ישוב: 'מיר וועלן זיך ניט אונטערגעבן'. עס איז מעגלעך, אַז דער דאָזיקער רוף באַצייכנט אַ נייעם עטאַפּ אין דער געשיכטע פֿון דעם ציוניזם — אַן איבערגאַנג פֿון אַ ראַציאָנאַלן און עוואָלוציאָנערן, פֿאָרזיכטיקן און פּאַמעלעכן ציוניזם צו אַ ציוניזם וואָס האַנדלט פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע אַרויס און פּרובירט זי בייקומען דורך העראָאישע אָנשטרענגונגען. אַזוי ווי פֿון דעם אוגאַנדע־קריזיס איז אויפֿגעקומען אַ נייער ציוניזם, אַ ציוניזם פֿון פּערזענלעכן ווילן און פּערזענלעכער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועט, גלויב איך, אויך פֿון דעם איצטיקן אכזריותדיקן קריזיס אין אידישן לעבן אין ארץ־ישראל קומען אַ נייע ציוניסטישע דינאַמיק. פֿאַרשטייט זיך, אויב עס איז אין אונז נאָך פֿאַראַן לעבנס־זאַפֿט, אויב עס איז נאָך אין אונז פֿאַראַן האַרטנעקיקייט, אויב מיר זיינען נאָך ניט קיין ברוכשטיקער פֿון אַ פֿאָלק, וואָס איז מסוגל זיך אונטערצוגעבן. עס איז מיר שווער די ווערטער צו ברענגען אויף מיינע ליפּן, אָבער די קומענדיקע אכזריותדיקע טעג רעדן צו מיר מיט דער שפּראַך פֿון ר' עקיבא: 'כל ימי הייתי מצטער מתי יבא הדבר לידי ואקיימנו.' * מיר האָבן טאַקע ניט געזוכט דעם דאָזיקן נסיון, מיר האָבן אים ניט געוואונטשן. אָבער ווען ער וועט צו אונז קומען אין זיין גאַנצן ערנסט — וועלן מיר אַנטלויפֿן? וועלן מיר אים ניט מאַכן פֿאַרן אויסגאַנגס־פּונקט פֿון אַן אַנטשיידנדיקן שטורעם־קאַמף, וואָס וועט פֿון די טיפֿענישן דערהויבן די לעבנס־כוחות פֿון דער אומה, אַ העראָאישן שטורעם־געראַנגל פֿאַר דער רעטונג פֿון פֿאָלק?"

אין יענע טעג, ערב און נאָך דעם „ווייסבוך" האָט בערל קאַצענעלסאָן געשפּירט: עס קומט אַ נייע פּראָבע־שעה פֿאַר דעם חלוץ פֿון ציוניזם. ער, וואָס האָט אויסגעטראָטן דעם וועג אין דער וויסטעניש, וואָס האָט אין יאָרן פֿון אומגלויבן געלייגט די יסודות פֿון אַ געזונטער אידישער ווירטשאַפֿט און לעבנס־שטייגער, וואָס האָט מיט זיין ליב און לעבן באַוויזן, אַז אין פֿאָלק זיינען נאָך פֿאַראַן די כוחות, וואָס די ציוניסטישע טאַט פֿאָדערט, איז אויך באַרופֿן צו פֿירן דעם קאַמף פֿאַר דער פֿאַרטיידיקונג פֿון דעם אויפֿבוי־ווערק כלפּי חוץ, דעם פּאָליטישן קאַמף פֿון דעם ציוניזם.

---

* „אַ גאַנצן לעבן האָב איך זיך מצער געווען: ווען וועט קומען די געלעגנהייט, — און איך וועל עס מקיים זיין" (די מצווה פֿון קידוש השם).

אין אַ רעדע, וואָס בערל קאַצענעלסאָן האָט געהאַלטן אין די ערשטע טעג פֿון דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע, האָט ער געזאָגט: „אין די איצטיקע טעג ווענדט זיך דאָס האַרץ פֿון זיך אַליין צו הערצלען". בערל קאַצענעלסאָן איז געווען אַ הערצלשער ציוניסט. ציוניזם איז פֿאַר אים ניט געווען קיין „גייסטיקער צענטער", אָדער אַ „לאַבאָראַטאָריע פֿאַר סאָציאַלע עקספּערימענטן", נאָר, נוצנדיק זיינע ווערטער — „יציאת מצרים". אָבער ב. קאַצענעלסאָן איז געווען אַ מענטש, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיטן רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס פֿון דער בעסטער אידישער יוגנט אין רוסלאַנד אָנהויב אונזער יאָרהונדערט — מיט דער טראַדיציע פֿון זעלבסטשוץ, פֿון מאַרטירערטום, פֿון טויט־קאַמף קעגן טיראַנען. ווי אַ פֿירער און דערציער, האָט בערל קאַצענעלסאָן אין דער תקופֿה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות געזוכט דורכצודרינגען די אידישע אַרבעטערשאַפֿט מיט אָט די דאָזיקע טראַדיציעס וואָס האָבן אויסגעפֿורעמט זיין אייגענע ציוניסטישע וויזיע. און איצט שטייט בערל קאַצענעלסאָן פֿאַר די אויגן, ווי מיר האָבן אים געזען אין די טעג פֿון לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין זשענעווע, דעם ערשטן קאָנגרעס נאָכן „ווייסבוך", בעת ער איז געזעסן ערגעץ אין אַ ווינקל, אָפּגערוקט פֿון דעם פּאַראַד און דעם טומל, און שטיל און פֿייערלעך געשמועסט וועגן טאַטן, וואָס זאָלן אַנטשפּרעכן דעם „איבערגאַנג פֿון אַ ראַציאָנאַלן און עוואָלוציאָנערן, פֿאַרזיכטיקן און פּאַמעלעכדיקן ציוניזם צו אַ ציוניזם, וואָס האַנדלט פֿון קאַטאַסטראָפֿע אַרויס און פּרובירט זי בייקומען דורך העראָאישע אָנשטרענגונגען". דער פֿיל געפּרואוווטער און אומגעבראָכענער אידישער רעוואָלוציאָנער — דער טרעגער פֿון הערצלס ציוניזם.

ג. צווישן דורות

יעדעס מאָל וואָס מיר האָבן געזען בערל קאַצענעלסאָן, אים געהערט רעדן, פּריוואַט אָדער בציבור, געלייענט זיינע אַ שורה, האָט פֿונדאָסניי אַרומגענומען אַ געפֿיל פֿון דאַנקבאַרקייט צום גורל פֿאַר דער זכיה וואָס איז געגעבן געוואָרן אונזער דור. ווי אַ פּאָליטישע באַוועגונג האָט דער אַרבעטער ציוניזם אין פֿאַרשיידענע תקופֿות פּרובירט פּראָגראַמאַטיש צו פֿאָרמולירן, אין דער שפּראַך פֿון דער געגעבענער צייט און סביבה, זיינע צילן און באַגערן. אָבער דער טיפֿערער אינהאַלט פֿון דעם ציוניזם, האָבן מיר אָפֿט געפֿילט, איז מיט די דאָזיקע פּראָגראַמאַטישע פֿאָרמולעס ניט אויסגעשעפּט געוואָרן. אין אונזער באַוועגונגווירקן טיפֿע איבער־ראַציאָ־

נאַלע און איבערפּערזענלעכע כּוחות, זי שעפּט איר יניקה ניט נאָר פֿון קעגנוואָרט־נויטן, נאָר אויך פֿון אויבן־אויף אומזיכטבאַרע, איבערמעכטיקנ־דיקע היסטאָרישע אימפּולסן. צוזאַמען מיט אירע פּאָליטישע ענד־צילן טראָגט זי אין זיך אויך באַגערן, וואָס לאָזן זיך ניט גרינג פֿאָרמולירן אין דער שפּראַך פֿון „אידעאָלאָגיעס" און „פּלאַטפֿאָרמעס". אין בערל קאַצענעלסאָנס פּערזענלעכקייט און אין זיין וואָרט האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אָט די אַלע ווערטן און באַגערן. אין דעם דאָזיקן שפּיגל האָבן מיר געזען די טיפֿעניש פֿון אונזער לעבנס־זאַך.

ער אַליין, וועלכער האָט אפֿשר מער ווי יעדער אַנדערער, דער אַרבע־בעטער־באַוועגונג געגעבן איר שליחות־באַוואוסטזיין, האָט מיט אַ אומזע־טיקבאַרן נייגיר שטענדיק געזוכט די פֿוסטריט פֿון אומבאַמערקטע און פֿאַרגעסענע פֿאָרלויפֿער פֿון דעם רעוואָלוציאָנערן גאולה־ווילן. ער פֿלעגט אָפֿטמאָל איבערחזרן די טענה, אַז דאָס קאָנווענציאָנעלע בילד פֿון דער גע־שיכטע פֿון אַרבעטער־ציוניזם גיט זייער אַן אויבערפֿלעכלעכן באַגריף פֿון אונזערע מקורות. כּדי צו געפֿינען דעם מקור פֿון דער טאָפּלטער און דאָך איינער וויזיע, דעם חלום פֿון אידישער ווידער־אויפֿריכטונג און פֿון אַ נייער סאָציאַלער אָרדענונג, דאַרף מען גיין ווייטער אויף צוריק ווי מיר זיינען עס געוואוינט, דאַרף מען גראָבן טיפֿער, ווי אָפֿיציעלע געשיכטס־שרייבער זיינען זיך נוהג דאָס צו טאָן.

איך דערמאָן זיך אַ פֿרימאָרגן אין ווינטער 1937, בעת בערל קאַצע־נעלסאָנס צוויטן און לעצטן באַזוך אין אַמעריקע. נאָך איידער איך האָב באַוויזן אים צו זאָגן „גוט מאָרגן", האָט ער מיר אָנגעהויבן דערציילן וועגן אַן אוצר וואָס ער האָט אין יענע טעג געפֿונען. אין הויז פֿון אַ היגן קרוב האָט ער אַנטדעקט אַ פּעקל בריוו פֿון זיין פֿאָטער. עס איז פֿאַר אים געווען אַ גרויסע פֿרייד צו געפֿינען אין דעם ציוניזם פֿון זיין פֿאָטער, דעם חובבי־ציון און משכּיל, אַזאַ פֿולע נאָטע פֿון דעם סאָציאַליסטישן תּיקון־עולם, וואָס איז פֿאַר אים, זיין זון, געוועזן אַזאַ אינטעגראַלער עלעמענט פֿון דעם ציוניזם.* און פֿון דעם אייגענעם טאַטן האָט זיך דער שמועס אַוועקגעלאָזן

* זיין פֿאָטער איז ווייזט אויס, בכלל, געווען זייער אַן אייגנאַרטיקער מענטש. אַגב: עמעצער האָט דערמאָנט, צו בערל קאַצענעלסאָנס שבח, וואָס ער האָט אַפֿילו אין ארץ־ישראל זיך געהאַלטן ביים „גלותדיקן" נאָמען בערל — און אים ניט פֿאַרביטן אויפֿן העברעאישן דוב. דער אמת איז, אַז גראָד זיין טאַטע האָט אים געגעבן דעם אויסערגעוויינלעכן תּנכ"ישן נאָמען „בארי" (דער פֿאָטער פֿון דעם נביא הושע) קאַצע־נעלסאָן אַליין האָט, ווייזט אויס, פֿאַרגעצויגן דעם אידיש־פֿאָלקסטימלעכן בערל.

צו אַנדערע „ענווי עולם" — אידן וואָס האָבן אַליין, ערגעץ אין אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל, אין זיך אויסגעטראָגן העזהדיק רעוואָלוציאָנערע טרוימען, וואָס האָבן מיט צענדליקער יאָרן מקדים געווען די אָרגאַניזירטע באַוועגונגען.

בעת בערל קאַצענעלסאָן האָט דערציילט די דאָזיקע געשיכטעס, האָט מען פֿאַר זיך ממש געזען ווי עס וועבן זיך די איידעלע פֿעדים פֿון זיין געדאַנק. אין צענטער פֿון אָט דעם געדאַנקען־גאַנג איז געשטאַנען דער גלויבן אין דער זריעה, וואָס ווערט פֿאַרזייט אין דעם מדבר, וואָס קיין שום ווינט קען ניט פֿאַרניכטן, און אין איין טאָג בליט זי זיך פֿונאַנדער אין איר גאַנצער פּראַכט. די געשיכטע, אונזער עכטע געשיכטע, ווערט געשאַפֿן במסתרים. אירע אמתע טרעגער זיינען נאָמענלאָזן העלדן. בערל קאַצענעלסאָנס העלדן־גאַלעריע איז אין גאַנצן באַשטאַנען פֿון אַזעלכע אַנאָנימע „אַנשי תּפֿארת". פֿאַר זיי האָט ער מיחד געווען דעם שטילסטן ווינקל אין זיין נשמה. און דערפֿאַר וואָס זיי האָט ער באַטראַכט פֿאַר די אמתע שאַפֿער פֿון אונזער נייער געשיכטע, איז די געשיכטע פֿון אונזער אויפֿבוי, ווי די נייע אידישע געשיכטע בכלל, ביי אים געווען אַ מין פֿאַמיליע־כראָניק. צו שרייבן די דאָזיקע אינטימע „פֿאַמיליע־כראָניק" איז געווען זיין טרוים אין משך פֿון פֿיל יאָרן. עס איז אים ניט באַשערט געווען דאָס צו טאָן אויסער אין ברוכשטיקער. און קיין אַנדערער פֿון די בני־הדור וועט די דאָזיקע „פֿאַמיליע־כראָניק" ניט שרייבן.

בערל קאַצענעלסאָן האָט מיט אַן אייגנאַרטיקער דבקות געלעבט די אידישע געשיכטע פֿון דער לעצטער תּקופֿה, פֿון לעצטן האַלבן יאָרהונדערט, פֿון זיינע וואַנדערונגען און זוכענישן, זיינע עליות און ירידות, אָבער באַזונדערס האָבן אים געצויבערט די זייטיקע, פֿאַרבאָרגענע שטעגן, וואָס פֿירן פֿון תּקופֿה צו תּקופֿה, פֿון איינזאַמע יחידים צו אַנדערע איינזאַמע יחידים. איינער פֿון די גרונט־פּרינציפּן פֿון דער דאָזיקער פֿאַמיליע־כראָניק איז געווען די הנחה, אַז אָט די אַלע שטעגן פֿירן צו איין ציל; עס איז אַ גורלדיק אומפֿאַרמיידלעכער וועג. אַ באַזונדער צויבער האָבן פֿאַר אים געהאַט די קרייצוועגן, אויף וועלכע עס באַגעגענען זיך פֿון אויבן־אויף פֿרעמדע מענטשן און אידעען. עס האָט גערייצט די פֿאַנטאַזיע, ווען עמעצער (דוכט זיך, דער היסטאָריקער גוסטאַוו מייער) האָט אין אַן אַרכיוו געפֿונען אַ קליינעם בריוו־וועקסל צווישן קאַרל מאַרקס און היינריך גרעץ, וועלכע האָבן זיך באַגעגנט בלויז איין מאָל, ערגעץ אין אַ קוראָרט, און ווי

עס ווייזט אויס, זיך וואָרעם דערנענטערט. פיל מער האָט אים פאַרכאַפּט דער לעבנסוועג פון אַברהם ליעסין, אַט דער יוצא־דופן אין דעם אידישן סאָציאַליזם און זיין באַגעגעניש, אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, מיט דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג.

אויף קרייצוועגן באַגעגענען זיך לייבלעך־נאָענטע מענטשן און אי־דעען, וואָס האָבן זיך דוכט זיך, בלויז דורך אַ טעות, ניט געקענט — און דאָרטן צעשיידן זיך אויך מענטשן און אידעען, וואָס אין דער שעה פון זייער געבורט איז, דוכט זיך, נגזר געוואָרן, אַז זיי זאָלן אייביק זיין באַהעפט. אין זיינע גאָר פריע יוגנט־יאָרן, איידער ער האָט היינטער זיך פאַרברענט אַלע בריקן און עולה געווען קיין ארץ־ישראל, האָט בערל קאַצענעלסאָן עטלעכע יאָר געלעבט אין אַ קרייז, וואָס האָט פיל בייגע־טראָגן צו דער אויספורעמונג פון זיין אידישן געדאַנקענגאַנג — צו דער טעריטאָריאַליסטישער גרופע, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום די ס״ס און „וואָזראָזשדעניע״. ער איז געווען צווישן די סאַמע אינגסטע אין דעם דאָזיקן קרייז און ער האָט צו פילע פון זיינע פירנדיקע מענטשן אַ גאַנץ לעבן געטראָגן אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט, פון „חסד נעורים״. אָבער — „דאָס בינטל איז זיך פונאַנדערגעפאַלן״. דער צוויי־און־צוואַנציק יאָריקער בערל קאַצענעלסאָן האָט געפונען זיין היים אין דעם הויף פון דער קבוצה כנרת. פון דאָרטן האָט ער נאָכגעפאָלגט די וועגן פון זיינע אַלטע חברים. פיל פון זיינע געוועזענע לערער האָבן וויִיט פאַרבלאָנדזשעט פון דעם בשותפותדיקן אויסגאַנגס־פונקט. האַרציק נאָענטע זיינען געוואָרן — ווילד־פרעמדע אַפילו שונאים. אָבער בערל קאַצענעלסאָן האָט דעם געמיינזאַמען אַנהויב ניט פאַרגעסן. פאַר אים זיינען די דערווייטערטע געבליבן — פאַר־בלאָנדזשעטע. און וועגן די נאָענטסטע און די ליבסטע צווישן זיי האָט ער קיין מאָל ניט אויפגעהערט האָפן — אַז עס וועט נאָך ווידער אַמאָל קומען די באַגעגעניש אויפן קרייצוועג. אַט האָט אים עמעצער דערציילט, אַז יוסף כמורנער, (אַ ברודער, אים צו לאַנגע יאָר, פון יעקב לעשצינסקי), דער ס״ס, וועלכער איז געוואָרן אַ בונדיסט, און זייער אַ פאַנאַטישער בונדיסט, אַ ביטערער שונא־ציון, האָט געלייענט זיינע אַ בראשור (די די שמועסן מיט דער יוגנט וואָס זיינען אין 1935 דערשינען אין תל־אביב אונטערן נאָמען „במבחן״) און האָט אויף אירע בלעטלעך אָנגעשריבן אַ צאָל באַמערקונגען. בערל קאַצענעלסאָן האָט ניט געוואוסט, וואָס כמור־נער האָט געשריבן, אָבער פאַר אים איז דאָס געווען אַ סימן, אַז דער

קעגנער ראַנגלט זיך נאָך מיטן ציוניזם אין זיך, אַז ער האָט נאָך מיט אים דעם לעצטן חשבון ניט פאַרענדיקט. און דערפאַר האָט ער ניט געקענט פאַרענדיקן דעם חשבון מיט אים. אַזאַ באַציאונג האָט בערל קאַצענעלסאָן אויך געהאַט צו אַ צאָל מענטשן אין „בונד".

בערל קאַצענעלסאָן איז געווען אַ זעלטענער בקי אין אַלע חדרי־חדרים פון די אידישע רעוואָלוציאָנערע שטרעמונגען פון דער לעצטער תקופה. אַ פּאַרטיי איז פאַר אים אָבער שטענדיק באַשטאַנען פון מענטשן. און ער האָט געהאַט אַן אינטימען אינטערעס אין די מענטשן און די גורלות פון די שאַפער פון אידישע געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען. און דער דאָזיקער אינטערעס זיינער האָט ניט געוואוסט פון קיין פּאַרטייאישע אָדער סעקטאַנטישע גרענעצן. אין אַ באַשטימטן זינען זיינען פאַר אים אַלע אידישע געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען פון לעצטן יאָרהונדערט אַרויס־געפלאָסן פון איין קוואַל. אין זיי אַלע איז געקומען צום אויסדרוק די סאָציאַל־קולטורעלע אויפלעבונג פון די אידישע מאַסן אין מזרח־ אייראָפּע, זיי האָבן אַלע, באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק, זיך געראַנגלט מיט דער אַסימילאַציע. פאַר אים איז די דאָזיקע תקופה, אין וועלכער עס האָט זיך אַנטפּלעקט אַזוי פיל אידישער זשעני, געווען ניט קיין סכום פון אָפּגעריסענע עפּיזאָדן, נאָר איין לעבעדיק געוועב. און דערפאַר האָבן אים קיין מאָל ניט אויפגעהערט מאַטערן די פראַגעס: פאַרוואָס איז אָט די צעל אין דעם געוועב פאַרטריקנט געוואָרן — און יענע איז גע־בליבן לעבן? פון וואַנען האָט די צעל זיך גענערט און געזויגן איר חיות — און וועלכע מיקראָבן האָבן די אַנדערע געשעדיקט אָדער פאַרניכטעט? ער האָט געוואוסט אַז דער אָרגאַניזם איז איינער. און אויב איין צעל ווערט געשעדיקט, קען נישט זיין קיין אַנדער צעל, ווי איזאָלירט זי זאָל ניט זיין, וואָס זאָל זיך אַבסאָלוט ניט געפינען בחזקת סכנה.

אָבער נאָך שאַרפער ווי דאָס געפיל פון דעם בשותּפותדיקן אויס־גאַנגס־פּונקט און דעם געמיינזאַמען שורש פון דער גאַנצער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין דער לעצטער תקופה האָט אין בערל קאַצענעל־סאָנען געלעבט דער זכרון פון יענעם ברוך מיט דער דאָזיקער וועלט, וואָס האָט אים געבראַכט קיין ארץ־ישראל. אין אַן אַרטיקל, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1912, דעם ערשטן אַרטיקל, אין וועלכן עס איז שוין געקומען צום אויסדרוק דער גאַנצער בערל קאַצענעלסאָן, מיט זיין אייגענעם פּרצוף־פּנים, שרייבט ער: „מוראַדיקע ריסן קומען איצט פאַר

צווישן די פֿאַרשיידענע טיילן פֿון פֿאָלק. דער גלות צעשפּרייט זיך אַן אַ סוף, פֿאַרשיידענע שפּראַכן צעצווייגן זיך און ווערן אַלץ פֿרעמדער איינע דער צווייטער, פֿאַרשיידענע, דורכאויס אַנדערע באַדינגונגען, קעגנזייטיק־פֿרעמדע באַשטרעבונגען — מען קען זיי ניט פֿאַרטושן מיט תירוצים און טעאָריעס. מיר וועלן זיי ניט מבטל מאַכן כדי צו פֿאַרלייכטערן דעם ווייטאָג אין האַרצן. צי קען מען בייקומען דעם פֿונאַנדערפֿאַל פֿון דער אומה? די צוקונפֿט וועט דערויף ענטפֿערן. מיר ווייסן בלויז איין וועג: מיר שטייען אויף אונזער באָדן. מיר זיינען אַ קליינער טייל פֿון פֿאָלק, אַ קליינער טייל פֿון דער [אידישער] אַרבעטערשאַפֿט. אָבער — ניט אַחרי רבים להטות [מען דאַרף ניט גיין נאָך דער מערהייט]. זאָלן זיי זיך צוריקקערן צו דיר — אָבער דו דאַרפֿסט זיך ניט צוריקקערן צו זיי".

דאָס הייפּל וואָס איז אַוועק פֿון דעם זיך אויפֿלייזנדיקן פֿאָלק האָט זיך פֿריער געדאַרפֿט באַפֿרייען פֿון דעם יאָך פֿון פֿיל פֿאַרהייליקטע טראַדיציעס און „קאָנווענציאָנעלע ליגנס". אין איינעם פֿון זיינע שמועסן מיט דער יוגנט דערציילט ער: „מיר רופֿן זיך רעוואָלוציאָנערן. און איך פֿרעג: קעגן וואָס האָבן מיר רעבעלירט?... מיר האָבן רעבעלירט אויך קעגן פֿיל מרידות וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פֿאַר אונז, מיר האָבן רעבעלירט קעגן דער באַוואונדערונג פֿון דעם 'דיפּלאָם' פֿון אונזער בעסטער אינטעליגענץ, מיר האָבן רעבעלירט קעגן דער באָדנלאָזיקייט און פֿאַרמיטלעריי, אָבער ניט נאָר די יעניקע וואָס מיר געפֿינען אין דעם אַלטן אידישן נוסח, נאָר אויך אין זייערע מאָדערנע פֿאָרמען, די פֿאַרמיטלעריי און באָדנלאָזיקייט פֿון דעם נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן אידישן אינטעליגענט, וואָס עקלען אונז מער ווי אַלע זייערע פֿריערדיקע גילגולים".

אַן אַנדער מאָל, רעדנדיק צו דער יוגנט, זאָגט בערל קאַצענעלסאָן: „עס זיינען אונז געגעבן געוואָרן צוויי כוחות: צו געדענקען און צו פֿאַרגעסן. מיר קענען ניט אויסקומען אָן ביידן. ווען עס וואָלט אין מענטשן געווירקט בלויז דער כוח צו געדענקען, וואָס וואָלט געווען אונזער גורל? מיר וואָלטן צעדריקט געוואָרן אונטער דער משא פֿון די זכרונות. מיר וואָלטן געוואָרן די שקלאַפֿן פֿון אונזער זכרון, פֿון אונזערע אָבות־אַבותינו. אונזער פּרצוף־פּנים וואָלט געווען ניט מער ווי אַ קאָפּיע פֿון פֿאַרגאַנגענע דורות. אָבער ווען דער כוח צו פֿאַרגעסן וואָלט אונז אין גאַנצן באַהערשט, וואָלט דען נאָך געווען פּלאַץ פֿאַר קולטור, פֿאַר וויסנשאַפֿט, פֿאַרן זעלבסט־באַוואוסטזיין, פֿאַרן זעלישן לעבן? דער פֿינצטערער קאָנסערוואַטיזם וויל

ביי אונז צונעמען דעם כּוח צו פֿאַרגעסן, און דער פּסעוודאָ־רעוואָלוציאָניזם זעט אין יעדן געדענקען פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט — דעם 'שונא'״.

אין אים אַליין האָבן דער זכּרון און די שכחה דערגרייכט אַ זעלטן־דעליקאַטן גלייכגעוויכט. ער האָט אומדערמידלעך געוואָרנט קעגן דער סכּנה פֿון שכחה, קעגן אַלע מעגלעכע פֿאָרמען פֿון שכחה. ער האָט באַקעמפֿט דעם ביליקן סעקולאַריזם, וואָס פֿאַרגעסט ווי אומאָפּטיילבאַר עס איז אין דעם איינעם לעבעדיקן געוועב פֿון דעם נאַציאָנאַלן זכּרון דאָס רעליגיעזע און דאָס נאַציאָנאַלע. ער האָט דעם שוין צופֿיל זעלבסט־באַוואוסטן „נייעם אידן״ דערמאָנט, אַז דער גלות איז געווען ניט נאָר מאַכטלאָזיקייט און שפֿלות, נאָר אויך דאָס העלדנטום פֿון אַן „עם קשה עורף״, אַז עס זיינען געווען תּקופֿות אין וועלכע דאָס „איוב־פֿאָלק״ האָט זיך דערהויבן צו אַזעלכע מדרגות פֿון מענטשלעכער עליה צו וועלכע די „פֿרייע״ האָבן קיין מאָל ניט זוכה געווען. ער האָט באַקעמפֿט די געפֿאַר פֿון אָפּגעזונדערטקייט צווישן די פֿאַרשיידענע אידישע „שבטים״, פֿון וועלכע עס דאַרף אויסגעשמידט ווערן אַ אידיש פֿאָלק אין ארץ־ישׂראל. ער האָט דעם מזרח־איראַפּעאישן אידן דערמאָנט, אַז אַפֿילו אין די מדבריות פֿון אַראַביע האָבן אין משך פֿון יאָרהונדערטער אידישע קיבוצים מיט עקשנות אָפּגעהיט זייער מענטשלעכע פֿיזיאָנאָמיע און זייער אידישע ירושה. און ער האָט אויך אין דער אַרבעטער־באַוועגונג באַקעמפֿט דעם ענגן קלאַסן־איזאָלאַציאָניזם און די קלאַסן־גאווה.

אָבער גלייכצייטיק האָט ער ניט געלאָזט פֿאַרגעסן, אַז עס זיינען פֿאַראַן בריקן, וואָס מען האָט געמוזט פֿאַרברענען הינטער זיך, אַז עס קען ניט זיין קיין צוריקקער קיין „מצרים״. שוין אין יאָר 1912 האָט ער די העזה צו זאָגן צו דער קליינער מחנה אין ארץ־ישׂראל: „און קיין שום ווידערקול פֿון די חורבות פֿון חוץ־לארץ... טאָר אויף אונז ניט האָבן קיין שליטה״. דער ברוך מיטן גלות איז אַן ענדגילטיקער. די אילוזיעס פֿון אַ אידיש לעבן אין גלות זיינען פֿאַרפֿירערישע מיראַזשן. אַט פֿון די דאָזיקע מיראַזשן איז בערל קאַצענעלסאָן אַנטלאָפֿן. בעת ער איז, נאָך די „וואַנדער־יאָרן״ אין די קרייזן פֿון פּראָגראַמאַטיש־מאַקסימאַליסטישע טעריטאָריאַליסטן, פֿון די פּיאָנערן פֿון דעם אידישיזם, וואָס האָבן אין זייער בלינדקייט ניט געזען, אַז אויך שפּראַך און קולטור מוזן האָבן אַ יסוד, געקומען צום „לעצטן האָפֿן״. אָבער עס קען ניט זיין קיין גרעסערע סכּנה, ווי אַז צווישן דעם „לעצטן האָפֿן״ און די סטאַנציעס אויפֿן וועג

צו אים זאָל פאַרניכטעט ווערן די בריקן איבער וועלכע עס דאַרף אי־בערגעפירט ווערן דאָס וואָס קען געראַטעוועט ווערן פון די חורבות פון גלות. און בערל קאַצענעלסאָן איז קיין מאָל ניט מיד געוואָרן צו דערמאָנען וואָס פאַר אַ אוצרות עס געפינען זיך צווישן די דאָזיקע חורבות, אוצרות פון מענטשן און אוצרות פון גייסט. דאָס אַלץ האָט געלעבט אין אים, געפיבערט אין אים, כסדר געפאָדערט פון אים. און אַזוי איז ער, וואָס איז קיין ארץ־ישראל געקומען געטריבן פון דעם רעוואָלוציאָנערן ווילן פון זיך אָראָפּצואוואַרפן די משא פון דער קאָנטינואיטעט וואָס איז געוואָרן אַ רוטין, וואָס פירט צום אונטערגאַנג, געוואָרן דער דערציער צום זכרון, וואָס פאַרבינדט דורות, וואָס בלויז ער אַליין קען פון די ברוכשטיקער פון אַ פאָלק צוריק שאַפן אַ לעבעדיקן פאָלקס־געוועב.

ד. תורה שבעל־פה

מער ווי אין זיין תורה שבכתב האָט זיך בערל קאַצענעלסאָן אָנט־פּלעקט אין זיין תורה שבעל־פה. אין אַ זייטיקער באַמערקונג, אין אַן אָפּרוף אויף אַ געשעעניש אָדער איבערלעבונג איז אָפט געקומען צום אויסדרוק זיין אייגנאַרטיקער, פון באַנאַלער אַסאָציאַציע פרייער צוגאַנג צו זאַכן.

אין יענער צייט איז אין אַן איסט־סיידער טעאַטער אויפגעפירט גע־וואָרן אַ אידישער פילם. בערל קאַצענעלסאָן איז באַשטאַנען, אַז מיר זאָלן עס גיין זען. איך בין קוים אויסגעזעסן די פאָרשטעלונג. ס'איז געווען אַ באַנאַלע מעשה וועגן אַן אָרעמער אַלמנה, וואָס איז געבליבן אַליין מיט אַ קינד. זי האָט ניט געהאַט די מיטלען אַליין מגדל צו זיין די יתומה. האָט זי עס אָפּגעגעבן צו אַ רייכער און קינדערלאָזער פאַמיליע, מיטן תנאַי, אַז דאָס קינד זאָל קיין מאָל ניט וויסן ווער עס איז איר אמתע מאַמע. דאָס מיידל איז אויסגעוואַקסן זייער געראָטן. און אָט פירט מען זי צו דער חופה. די מאַמע זעט די חופה דורך די פענצטער, זי קען זיך שוין מער ניט איינהאַלטן, רייסט זיך אַריין אין הויז און באַקענט זיך צו דער טאָכטער. די „פאַלשע" עלטערן לייקענען, אָבער „בלוט איז שטאַרקער פון וואַסער". די טאָכטער גלויבט דער אמתער מאַמען — און די מעלאָ־דראַמע ענדיקט זיך, פאַרשטייט זיך, בכי טוב.

אַז מיר זיינען אַרויס פֿון טעאַטער, האָב איך, פֿאַרשטייט זיך, זיך אַנגעהויבן וויצלען אויפֿן חשבון פֿון דעם שונד־שטיק. בערל קאַצענעלסאָן האָט מיר גלייך איבערגעהאַקט: „ניין, ניין. בעת איך זע אַזאַ שטיק, ווייז איך צוזאַמען מיט אַלע ווייבער אין טעאַטער. וואָס איז די דאָזיקע מעשה אויב ניט אַן אויסדרוק פֿון אונזער שענסטער פֿאָלקס־טראַדיציע, פֿון דעם סאָלידאַריזירן זיך מיט די שוואַכע, מיט די אָרעמע און געקריוודעטע, פֿון שנאה צום רייכן און זאַטן? אַוודאי ווערט עס געגעבן אין אַ ביליקער און קאָרופּטער פֿאָרם. אָבער עס מאַכט ניט אויס. אויב דו ווילסט, קענסטו מיך האַלטן פֿאַר ניט קיין ‚עסטעט‘. יאָ, איך וויין מיט אַלע ווייבער אין טעאַטער“.

איך דערמאָן זיך אַן אַנדער שמועס. מיר רעדן וועגן אידיש און אי־דישיזם. בערל קאַצענעלסאָן איז זיין גאַנצן לעבן געווען אַ שאַרפֿער קרי־טיקער פֿון דער אידישיסטישער אידעאָלאָגיע. עס איז אים פֿרעמד געווען ניט נאָר דער אַנטי־היסטאָריזם פֿון דער אידישיסטישער אידעאָלאָגיע און איר פּלאַכער דעמאָקראַטיזם; ער האָט אין אידישיזם אויך געזען איינע פֿון די אילוזיעס פֿון אַ שוואַכן דור, וואָס האָט מורא געהאַט צו זען דעם ביטערן אמת פֿון גלות. זיין גאַנצער ציוניזם איז געווען געבויט אויף דער דערקענטעניש פֿון דער אוממעגלעכקייט פֿון אַן אייגענעם אידישן לעבן און אַן אייגענער אידישער קולטור אין גלות. אָבער הערנדיק, מסתמא, אין די רייד פֿון זיין מיטשמועסער עפּעס אַן איבערגעשפּיצטע נאָטע, האָט ער געזאָגט: „שבת נאָך מיטאָג פֿלעגט ביי אונז אין שטוב זיך זעצן אַרום טיש די גאַנצע משפּחה מעיין זיין אין אַ ספֿר. אויפֿן טיש זיינען געלעגן: אַ משניות, אַן ‚עין יעקב‘, אַברהם מאַפּוס ‚אהבת ציון‘, אָבער אויך מענ־דעלעס ‚די קליאַטשע‘. און דאָס איז מיין טיש עד היום“.

אָבער דאָס ברייטע, אָפֿענע, וואַרעמע האַרץ האָט זיך אַרויסגעוויזן אויך אויף אַנדערע אופֿנים. ביים לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין זשענעווע האָב איך אים געזען אַפּלאָדירן אַ רעדנער בלויז איין מאָל — בעת אויף דער טריבונע איז געשטאַנען אַ פֿירער פֿון „מזרחי“, איינער פֿון יענע וואָס איז ניט קיין קלעריקאַלער פּאָליטיקער, נאָר אַן אַלטמאָדישער רב. ב. קאַצענעלסאָן האָט נאָך דעם דערציילט, אַז יעדעס מאָל וואָס עס קומט אים אויס צו באַזוכן די מערב־אייראָפּעאישע קהילה אין וועלכער דער דאָזיקער מזרח־אייראָפּעאישער איד פֿאַרנעמט דעם כסא הרבנות, פֿאַר־ברענגט ער יעדע פֿרייע שעה ביי אים אין שטוב. בערל קאַצענעלסאָן איז

ניט געווען קיין „בעל־תשובה". איך דערמאָן זיך, אַז איין מאָל רעדנדיק וועגן מאָדערנע רבנים (מכּל המינים), האָט ער, מיט זיין כאַראַקטעריס־טישן דינעם הומאָר, באַמערקט: „כּל ימי האָב איך מקיים געווען דעם פסוק: 'ושנא את הרבנות'". אָבער ער האָט אומעטום געזוכט אידישע תקיפות, אידישע וואָרצלדיקייט — אידישן כאַראַקטער. און ווען ער האָט עס געפונען אין דער שטוב פון אַ רב, וואָס איז אין אַ מאָדערנער פּאָליטישער באַוועגונג, אין אַ גרויסער מערב־אייראָפּעאישער שטאָט, גע־בליבן טריי און גאַנץ, האָט ער, ניט געקוקט אויף אַלע מחיצות, זיך גע־פילט אים נעענטער און אייגענער, ווי פיל „אייגענע מענטשן".

מיר האָבן איין מאָל געשמועסט וועגן דער אַלגעמיין־ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג אין אייראָפּע — גענויער, וועגן צוויי אַלגעמיינע ציוניס־טישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס איינע פון זיי איז געווען באַקאַנט מיט אירע דעמאָקראַטישע און פּראָ־הסתדרותישע סימפּאַטיעס און די צווייטע איז געשטאַנען נאָענט צו די גרופּע „ב"־ציוניסטן און זיך צו דער הסתדרות אָפּט מאָל פאַרהאַלטן זייער קריטיש. איך האָב אים געפרעגט, וועלכע פון די צוויי גרופּעס איז לויט זיין מיינונג, די מער ווערטפולע. איך האָב באַקומען דעם ענטפער וואָס איך האָב געדאַרפט דערוואַרטן: די צווייטע. די צווייטע גרופּע האָט אין יענע יאָרן, ווען אידישע יוגנט, אַפילו ציוניס־טישע, איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון קאָמוניסטישע השפעות, אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד צו צייט־מאָדעס, האָט תמיד אונטערגעשטראָכן די חשיבות פון די אידישע קולטור־מקורות, געזוכט וועגן ווי אַזוי צו פאַר־איינינקן דאָס טראַדיציאָנעלע מיטן נייעם. דאָס, און ניט דער חשבון פון פּאָליטישער נאָענטקייט, איז פאַר אים געווען דער עיקר.

אַ חברטע האָט מיר אַמאָל דערציילט אַ טשיקאַווע מעשה. ס'איז געווען נאָך דער רונדער־טיש קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, ערב דעם „ווייסבוך". אויך דער גלוביקסטער האָט שוין, ווען זיין בטחון ראַנגלט זיך מיט יאוש. אין אַזאַ שעה האָט בערל קאַצענעלסאָן, זיצנדיק אין אַ שפּעטער נאַכט־שעה אין אַ לאָנדאָנער רעסטאָראַן, זיך פלוצלונג געווענדט צו דער דער־מאָנטער חברטע מיט אַ מאָדנער פראַגע: „וואָס וועט איצט ווערן פון דער העברעאישער ליטעראַטור?" דער חברטע איז געווען שווער צו פאַר־שטיין, ווי אַזוי קומט צו בערל קאַצענעלסאָן אַזאַ פראַגע אין אַזאַ מאָ־מענט. אָבער פאַר בערל קאַצענעלסאָן איז דאָס ניט געווען קיין משונה־דיקע פראַגע. ער איז, פאַרשטייט זיך, ניט געווען קיין „קולטור־טרעגער"

פֿון דעם באַקאַנטן מין, פֿאַר וועלכן „אידישע קולטור״ איז אַ קאָמפּענ־סאַציע פֿאַר באָדנלאָזיקייט און פֿאָלקלאָזיקייט. אַ צאָל פֿון בערל קאַצע־נעלסאָנס גאָר ערשטע אַרטיקלען זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכער שריפֿט, אין אליעזר יפהס „גן הירק״, און מבינים האָבן געהאַלטן, אַז עס וואַקסט אין אים אַ וויכטיקער פֿאַכמאַן, אַ גרינס־גערטנער. ער איז געווען דער גרינדער פֿון דער ערשטער וויכטיקער קאָאָפּעראַטיווער אינסטיטוציע פֿון די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער — דעם „המשביר״. ער איז געווען דער איניציאַטאָר פֿון דער אַרבעטער־באַנק. ער האָט נאָך אוסישקינס טויט פֿאַקטיש פֿאַרנומען זיין פּלאַץ אין אידישן נאַציאָנאַל־פֿאָנד, ניט דערפֿאַר וואָס ער האָט געקענט האַלטן אַ גוטע רעדע וועגן דער וויכטיקייט פֿון גאולת־הארץ, נאָר דערפֿאַר וואָס ער איז געווען אַ בקי אין אַלע פּרטים פֿון אונזער באָדן־פּראָגע, פֿון דער סטראַטעגיע פֿון דער דונאַם־אויסלייזונג. אָבער גראָד אין דער זעלבער צייט וואָס בערל קאַצענעלסאָן האָט פֿאַרנומען אַט דעם פּאָסטן אויפֿן באָדן־פֿראָנט, האָט ער זיך גענומען בויען דעם גרויסן הסתדרות־פֿאַרלאַג „עם־עובד״.

(אויך אין דער דאָזיקער לעצטער טעטיקייט האָט ער אַרויסגעוויזן ניט נאָר דעם ברען פֿון זיין ענערגיע און זיין אומדערמידלעכן פֿלייס — נאָר אויך זיינע אייגנאַרטיקע השגות און פֿאַרנעם. די קאַטאַלאָגן פֿון „עם עובד״ שפּיגלען אויך אָפּ די איינציקאַרטיקע פּערזענלעכקייט פֿון בערל קאַצע־נעלסאָן. מען זעט דאָרטן דעם מענטשן וואָס קיין מענטשלעכע זאַך איז אים ניט פֿרעמד, דעם מענטשן וואָס פֿאָלגט נאָך פֿון זיין ווינקל אַרויס מיט וואַכע חושים, מיט אַן אָפֿן האַרץ און אַ קריטישן קאָפּ אַלץ וואָס עס טוט זיך אין דער גרויסער וועלט — און בלייבט דאָך שטענדיק אַ בן־בית, וואָס שטייט מיט ביידע פֿיס אויפֿן אייגענעם באָדן, וואָס איז באַקאַנט מיט יעדן גרעזל און יעדער בלום אויף די היימישע פֿעלדער, וועמען עס איז פֿרעמד יעדע התבטלות פֿאַרן ווייטן און פֿרעמדן. צוזאַמען מיט סעריעס ביכער וועגן וועלט־פּראָבלעמען, מיט נייע ווערק, אָריגינעלע און איבער־זעצטע, בעלעטריסטישע, וויסנשאַפֿטלעכע און פּובליציסטישע, האָט איר דאָרטן דאָס ווינקל פֿון אומבאַרעכטיקט־פֿאַרגעסענע ביכער און שרייבער. לאַנג צוריק, אין די צייטן פֿון חיבת־ציון, האָבן העברעאישע לייענער פֿון בוקי בן יגליס „שירת הזמיר״ געהערט דעם רוף צו ערד און ערד־אַרבעט. דאָס בוך איז שוין לאַנג אַ יקר־המציאות. און בערל קאַצענעלסאָן גיט עס אַרויס פֿון דאָס ניי אין זיין פֿאַרלאַג. אַט ווערט אָנגעזאָגט אַ נייע אויפֿ־

לאָגע פֿון די געקליבענע שריפֿטן פֿון דעם פֿאַרגעסענעם יהודה שטיינבערג. שוין אַ סך יאָרן ווי אין ארץ־ישראל לעבט און שאַפֿט אַ זעלטענער דיכטער, אַ פֿרומער איד, י. צ. רמון, אָבער עד היום זיינען זיינע לידער נאָך ניט געזאַמלט געוואָרן צווישן די טאָוולען פֿון אַ בוך. זייער גואל איז בערל קאַצענעלסאָן. און אויב ער איז דער רעדאַקטאָר פֿון דעם אַרבעטער־פֿאַר־לאַג, איז גאַרנישט משונהדיק צו עפֿענען דאָס בוך און דערזען פֿאַר זיך די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דיכטער — אַ איד מיט אַ באָרד און פּאות, מיט אַ יאַרמולקע אויפֿן קאָפּ. עס דאַרף דיך אויך ניט חידושן, וואָס ביי דער זייט פֿון אַ באַנד מאַרקס אָדער קאַוטסקי [אָבער אויך מאַדזיני, פֿראַנץ אָפּענהיימער, עדוואַרד בערנשטיין, קראָפּאָטקין, גוסטאַוו לאַנדאַוער], שטייט אַ באַנד געקליבענע כתבים פֿון אַ רעליגיעזן דענקער, אַ רב אין אַ ירו־שלימער שול, אברהם חן.)

ה. זיין ירושה

ער האָט אונז ניט איבערגעלאָזט קיין „אידעאָלאָגיע" און קיין „טע־אָריע". אין זיינע קינדער־ און פֿריע יוגנט־יאָרן, בעת ער האָט (ווי ער דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפֿישער סקיצע „מיין וועג קיין ארץ־ישראל"), געוואַנדערט פֿון פּאַרטיי צו פּאַרטיי, איז ער טאַקע פֿאַררעכנט געווען צווישן די יונגע „שאַרפֿע קעפּ". ער אַליין פֿלעגט אַמאָל דערציילן, אַז ער איז געווען צווישן די שאַפֿער פֿון אַ באַרימטער טעאָריע פֿון יענע יאָרן — די טעאָריע פֿון „ניט־פּראָלעטאַריזאַציע". אָבער צו צוואַנציק יאָר זיינען שוין די דאָזיקע זאַכן געווען אין גאַנצן הינטער אים. ער האָט זיך צום אידישן פּאַרטיי־„סיסטעמאַטיקער" באַצויגן מיטן גרעסטן אומ־צוטרוי. ער אַליין האָט, דוכט זיך, קיין מאָל ניט ציטירט, ווי אַ מקור פֿון התגלות, ניט מאַרקס און ניט ענגעלס און ניט אַנדערע קאַנאָניזירטע בעלי הלכה.

אָבער אויב עס איז ניט געווען אַזאַ זאַך ווי אַ קאַצענעלסאָן־„טעאָריע", איז אַוודאי און אַוודאי געווען אַ דענק־סטיל, וואָס איז געווען כאַראַקטעריס־טיש פֿאַר בערל קאַצענעלסאָן. אַז מען לייענט זיינע אַרטיקלען און רעדעס איז אין זיי ניט שווער צו געפֿינען די גרונט־שליסלען צו דעם דאָזיקן, דוכט זיך, זייער לויזן, ניט־סכעמאַטישן דענק־אופֿן.

צוויי נביאים־ווערטער, וואָס ער פֿלעגט כסדר ציטירן, זיינען די שליס־לען צו בערל קאַצענעלסאָנס אידישן גרונט־געפֿיל — דעם געפֿיל וואָס

האָט אים געבראַכט קיין ארץ־ישראל און אים ניט פאַרלאָזן ביז זיין לעצטן טאָג.

„פון יענע יאָרן", זאָגט ער אין איינעם פון זיינע „שמועסן מיט דער יוגנט", „וואָס איך האָב זיך געוואָרפן אין כף־הקלע און בין געגאַנגען איבער די טירן פון פאַרשיידענע באַוועגונגען, ביז איך האָב דעם גלות געגעבן דעם גט, ברויזט אין מיר איין פסוק, אַ ביטערער ווי דער טויט: ואבדתם בגויים. רב האָט צו דעם צוגעגעבן: איך האָב מורא פאַר דעם דאָזיקן וואָרט".

די דאָזיקע מורא האָט אים ניט אָנגעהויבן פאַרפאָלגן אין 1941, בעת די דאָזיקע ווערטער זיינען געזאָגט געוואָרן. זי האָט אים גערודפט זינט זיינע פריסטע יוגנט־יאָרן — די יאָרן פון גליענדיקער האָפענונג אויף רעוואָלוציע און פראָגרעס, בעת עס האָט זיך געדוכט, אַז אַ נייע וועלט שטייט שוין ביי דער טיר. איך דערמאָן זיך אַ מאָמענט ביי אַ זיצונג פון דער אַרבעטער־פראַקציע ביים לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין די אויגוסט־טעג, ערב דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַ חבר פון פוילן האָט גערעדט מיט גרויס פּאַטאָס וועגן פאַרטיי־ענינים, געפּאָדערט פון דער וועלט־באַוועגונג הילף פאַר דער פּאָליטישער אַרבעט פון זיין פאַרטיי. בערל קאַצענעלסאָן איז געזעסן און געציטערט פון מורא און פאַרביטערונג. „וואָס רעדט ער? שפּירן זיי גאָרניט וואָס עס קומט אויף אונז — אַז די קומענדיקע מלחמה מיינט דער סוף פון מזרח־אייראָפּע־אישן אידנטום? פאַרוואָס טראַכטן זיי ניט בעסער וועגן אַרויסנעמען פון דאָרטן — כאָטש עטלעכע טויזנט מענטשן, וויפיל מען קען נאָך — איידער דער אומגליק קומט?"

און פון דער דאָזיקער אימהדיקער אָנונג איז אַרויסגעוואַקסן אַ צווייט גרונט־געפיל: אוד מוצל מאש" — „אַ האַלעוועשקע וואָס איז געראַטעוועט פון פייער". דאָס איז פאַר אים געווען יעדער נפש, יעדער טראָפן אידישע ענערגיע, יעדער אונץ אַרבעטס־פעאיקייט, יעדעס ביסל לעבנס־ווילן, וואָס זיינען אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון דעם צום אונטערגאַנג פאַרמשפּטן גלות. אַז ער האָט זיך אין זיינע וואַנדערונגען באַגעגנט מיט אַ יונגן אידישן מענטשן, מיט אַן אָפענעם פּנים, מיט לויטערע אויגן, מיט כאַראַקטער — האָט אים זיין בליק געצערטלט מיט פאָטערלעכער פרייד און זאָרג. וואָרעם ער האָט געזען: פלאַמען זעצן פון אַלע זייטן. אונטערגאַנג באַדראָט די

אוצרות פֿון דורות — פֿיזישער אומקום און אינערלעכע פֿאַרדאַרבונג. און אַט איז נאָך אַ „האַלעוועשקע״ אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פֿון די פֿלאַמען.

(איך דערמאָן זיך: בעת זיין לעצטן באַזוך אין אַמעריקע, אין יאָר 1937, האָט ער זיך שטאַרק געאיילט צוריק פֿאָרן אַהיים. אָבער ערב זיין נסיעה האָט ער באַמעורקט מיט באַדויער: „מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך אין שעכטער־סעמינאַר געזען צוויי וואונדערלעכע בחורים. אַ שאָד, צוליב זיי וואָלט איך געוואָלט פֿאַרבלייבן כאָטש נאָך איין חודש״).

ער האָט געוואוסט, אַז אויך דער „האַלעוועשקע״ וואָס איז שוין געראַטעוועט געוואָרן דראָען סכּנות. די גרעסטע סכּנה איז פֿאַר אים געווען — דער „פּאַריזער שניידער״, דער שאַפֿער פֿון יענע אידעען־מאָדעס, אין וועלכע מען פּרובירט אַריינצווינגען די אידישע ווירקלעכקייט, אידישע דערפֿאַרונגען און עמאָציעס. דאָס האָט אין אונזער וועלט געבראַכט די „עבֿדות בתוך המהפּכה״, „די קנעכטשאַפֿט אין דער רעוואָלוציע״, פֿון וועלכער עס זיינען ניט פֿריי אַפֿילו די יעניקע וואָסווידמען זייערע לעבנס דער אויפֿגאַבע צו בויען אַ נייע אידישע געזעלשאַפֿט און קולטור.

זיין שאַרף אויג האָט אומעטום געזוכט די שפּורן פֿון דער דאָזיקער קנעכטשאַפֿט. ער האָט זיי אַנטדעקט אין פּאָליטישע לאָזונגען, וואָס זיינען ווי זיי שטייען און גייען אימפּאָרטירט געוואָרן פֿון פֿרעמדע סביבֿות, אין וועלכע מען פּרובירט אַריינצווינגען אונזער פּאָליטיק („פֿאָלקס־פֿראָנט״ קעגן אַ „ברייטער ציוניסטישער קאָאַליציע״, „קלאַסן־קאַמף״ קעגן דעקלאַסירטע אידישע מיטלקלאַס־„אביונים״), אין התפּעלות פֿאַר יעדן מאָדישן רעוואָלוציאָנערן איבערזעצטן ראָמאַן און דאָס פֿאַרנאַכלעסיקן פֿון דער אָריגינעלער פֿון די אידישע טיפֿענישן קוועלנדיקער העברעאישער ליטעראַטור, אין דעם „סנאָביזם״ פֿון אַ געוויסן טיפּ „חלוציזם״, וואָס זעט ניט אין אָרעמען בעל־מלאָכה און קרעמער זיין ברודער און פּאָטענציעלן חבֿר. ער איז אין גאַנצן פֿריי געווען פֿון דעם דאָזיקן רעוואָלוציאָנערן סנאָביזם. ער איז דערפֿאַר אין ערגעץ, אין קיין אידישן קרייז ניט געווען קיין פֿרעמדער. ער, דער קפּדנותדיקער פּרינציפּן־מענטש, דער, וואָס האָט קיין מאָל ניט געקוקט צוריק אויף דעם וואָס ער האָט געלאָזן הינטער זיך, האָט לייכט געפֿונען אַ בשותּפֿותדיקע שפּראַך מיט אַ אידן פֿון אַלטן דור, מיט אַן עכטן תּמים דרך, מיט אַ פֿאָלקסטימלעכן בונדיסט, וואָס האָט ניט פֿאַרלאָרן דעם ריח פֿון זיין שטאָם, מיט אַ אידישן בעל־הבית, אין וועלכן עס איז נאָך ניט אויסגע־

שטאַרבן דער חוש פֿאַר פֿליכטן, מיט אַ אידישיסט וואָס זיין ליבע צום מאַמע־לשון איז פֿאַר אים ניט בלויז די צווייטע, טפֿלדיקע זייט פֿון שנאה צו „לשון־קודש". ער איז געווען דער מוסטערהאַפֿטער אידישער פֿאָלקס־מענטש און אידישער וועלט־מענטש.

פֿון צוויי און צוואַנציקסטן ביז זיין זיבן און פֿופֿציקסטן יאָר איז ער געווען פֿאַרבונדן מיט דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט מיטגעמאַכט אירע ערשטע שריט — ער האָט זוכה געווען זי צו זען אין איר גרויסן אויפֿבלי. ער איז שטאָלץ געווען מיט אירע דערגריי־כונגען. זיי זיינען פֿאַר אים געווען אַ סימן, אַז קיין זאַך קען ניט פֿענטען דעם עכטן ווילן, וואָס זיין עקשנות שפּייזט זיך פֿון דער טיפֿסטער נויט. אויב מיר, די שוואַכע און הילפֿלאָזע, האָבן דאָס אַלץ געטאָן אויפֿטאָן, פֿלעגט ער אָפֿט זאָגן, האָבן מיר דאָך אַ יסוד צו האָפֿן... אָבער ער איז אויך פֿול געווען מיט מורא פֿאַר יענע אַטאָוויסטישע צעשטערנדיקע כוחות וואָס אַפֿילו די אויפֿבוי־באַוועגונג טראָגט אין זיך. „די פֿרייהייט פֿון דיסקוסיע און די איינהייט פֿון מעשים", איז געווען דער שעפֿערישער וועג פֿון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט מיט צער און זאָרג געזען די טענדענץ פֿון טיילן אין דער באַוועגונג, וואָס רייסן זיך צו ווערן דאָס גאַנצע — און אַזוי צערייסן זיי דעם אומצעטיילבאַרן געוועב, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן מיט אַזוי פֿיל מי, פֿאַרן פּרייז פֿון אַזוי פֿיל בלאָנ־דזשענישן, טעותן און קרבנות. ער האָט תמיד דערמאָנט דעם אידישן אַר־בעטער אין ארץ־ישראל, אַז זיין באַפֿרייאונג איז אָפּהענגיק פֿון אַ פֿאַר־באַדינג — די באַפֿרייאונג פֿון אידישן פֿאָלק פֿון גלות. זיין כוח ליגט אין איינהייט — אין דער איינהייט פֿון וויזיע און טאָט. די סכנה לויערט אויף אים מצד די עקסקלוזיווע, צערייסנדיקע, אימפּאָרטירטע פּראָגראַמען.

זיינע לעצטע יאָרן זיינען געווען טרויעריקע יאָרן דערפֿאַר וואָס די סכנה פֿון פּירוד הלבבות איז געוואַקסן און יעדן טאָג געפֿאָדערט אירע קרבנות. יעדער נייער ריס אין דעם געוועב פֿון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג האָט צעריסן אַ סטרונע פֿון זיין האַרץ. ער האָט ניט פֿאַרלוירן דעם גלויבן אין זיין מחנה. „תנועת הפועלים בארץ־ישראל אין דומה לה בעולם. אני מאמין בכל לבי כי תנועתנו נוצרה לגדולות", האָט ער געזאָגט אין אַ שווערער שעה. ער איז זיכער געווען, אַז אין דער שעה פֿון העכסטער פּראָבע וועט די באַוועגונג מאָביליזירן אַלע אירע פֿאַר־באָרגענע דינאַמישע כוחות, איר העזה און קרבן־גרייטקייט. אָבער פֿאַר־

וואָס מוזן מיר צאָלן אַזאַ שווערן פּרייז פאַר אַזעלכע שוואַכקייטן אין „גע־ווײנלעכע צייטן״?

מיט די דאָזיקע גרונט־דערקענטענישן און גרונט־זאָרגן גיט ער זיך אָפּ אין זיינע רעדעס און שריפטן. אָבער זיי זיינען ניט איזאָלירט פון דעם לעבן פון דער גרויסער און אידישער וועלט. עס פאַרכאַפּט ממש דער היקף פון די אַסאָציאַציעס, וואָס דער מינדסטער, „לאָקאַלער״ ענין איז עלול אין אים אַרויסצורופן. דער באַוועגונגס־מענטש איז קיין מאָל ניט בלויז אַ באַוועגונגס־מענטש. ווען ער ווערט אַ מענטש, וואָס ער זאָל ניט רעדן און צו וועמען ער זאָל ניט רעדן, בלייבט ער דער אידישער מענטש, וואָס איז פאַרוואָרצלט אין דער קולטור פון אַלע אידישע דורות, דער מענטש וואָס דער תנ״ך און דער מדרש, דאָס מיטלאַלטערלעכע ליד און כראָניק, די בלאָנדזשע־נישן פון דער השכלה און די זוכענישן פון אידישן נאַציאָנאַלן אויפלע־בונגס־ווילן, דאָס נייע העברעאישע און אידישע וואָרט, די רעוואָלוציאָנערע פּראָקלאַמאַציע און דאָס פאָלקס־ליד — זיינען פאַר אים איין גרויסע זינ־פולע וועלט, זיין וועלט.

ז. אָפּשייד

ווי שווער עס איז זיך געווען מיט בערל קאַצענעלסאָנען צו זעגענען נאָך אַ שעהן־לאַנגן שמועס אין זיין צימער אָדער נאָך אַרומוואַנדערן אַ נאַכט איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק, פון תל־אביב, פון זשענעווע. אָבער מיין לעצטער זיי־געזונט צו אים איז געזאָגט געוואָרן אין גרויסער איילעניש. עס איז געווען דער פרימאָרגן נאָך דעם ווי עס איז בהלהדיק געשלאָסן געוואָרן דער ציוניסטישער קאָנגרעס אין זשענעווע, אין די לעצטע טעג פון אויגוסט, 1939. איך האָב געדאַרפט זיין ביי דער באַן זייער פרי. שטייענדיק האָבן מיר אַריינגעכאַפּט עטלעכע קורצע, לייכטע ווערטער. נאָר זיין לעצטע פראַגע איז געפאַלן שווער, ווי אַ דומפּער דונער, האָט דערשיטערט, ווי אַן אומדערוואַרטעטע שלעכטע בשורה:

— וואָס זאָגסטו, מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל זען?

אייגנטלעך האָט דאָך די דאָזיקע פראַגע ניט איין מאָל געהויערט ערגעץ אין קאָפּ. אָבער עס איז דאָך ניט געווען מעגלעך איר צוצולאָזן צום קלאָרן באַוואוסטזיין. און איצט האָט ער אַליין זי קלאָר אַרויסגעזאָגט.

מיר האָבן דאָך געוואוסט, אַז ער איז ניט געזונט. און אַט איז דאָך שוין דאָ די מלחמה, וואָס ווער ווייסט וויפֿיל זי וועט געדויערן. אין דער רגע וואָס ער האָט, מיט אַ לייכטן שמייכל אויף די ליפּן, אַרויסגעזאָגט די פֿראַגע, האָט זיך געעפֿנט אַ תּהום וואָס איז טאָג־טעגלעך געשטאַנען אָפֿן אין משך פֿון פֿינף יאָר — דער תּהום וואָס האָט אים פֿאַרשלונגען.

אָבער פֿאַר אָט־דעם פֿינצטערן פֿרימאָרגן איז געווען אַ ליכטיק־זו־ניקע נאַכט. דער פֿאַראַדנער קאָנגרעס איז געשלאָסן געוואָרן אין אַ גע־שפּאַנטער, מיט דער אָנזוג פֿון די קומענדיקע שרעקן דורכגענומענער שטימונג. אין אַ זייטיקן צימער האָבן זיך פֿאַרזאַמלט די שליחים פֿון אַר־בעטנדיקן ארץ־ישׂראל. אויף דער טאָג־אָרדענונג — אַ „טעכנישע פֿראַגע". צי זאָלן די שליחים פֿון דער הסתּדרות העובֿדים צו די „החלוץ"־אָרגאַני־זאַציעס אין פּוילן, אין די באַלקאַנען און אין די אַקס־לענדער זיך אומ־קערן צו זייערע פּאָסטנס? צי זאָלן יונגע מענטשן, עטלעכע פֿון זיי כּמעט קינדער, וואָס קענען נאָך פֿאָרן אַהיים, קיין ארץ־ישׂראל, וואו עס געפֿינען זיך די פֿאַמיליעס פֿון די מערסטע צווישן זיי, זיך פֿרייוויליק לאָזן צוריק אין די לענדער, וואָס וועלן אין משך פֿון עטלעכע טעג אָן דעם מינדעסטן ספֿק פֿאַרוואַנדלט ווערן אין גיהנומס? זאָלן די שליחים פֿון דער הסתּדרות העובֿדים קיין דייטשלאַנד און טשעכאָסלאָוואַקיע, וועלכע זיינען אַלע פּלי־טים פֿון די דאָזיקע לענדער, וואָס האָבן זיך באַוויזן צו ראַטעווען אין ארץ־ישׂראל, פֿרייוויליק פֿאָרן צוריק קיין בערלין און קיין פּראָג?

ס'איז געווען אַ גאַנץ אויסגעצויגענע זיצונג. מען האָט פֿיל גערעדט, ווי עס איז ביי אונז דער שטייגער. אָבער דער אינהאַלט פֿון די ווערטער איז געווען דער זעלבער. איינער נאָכן צווייטן האָבן זיי, די שליחים אַליין, זיך אויפֿגעשטעלט צו „נעמען אַ וואָרט". אָן דער מינדסטער הערואישער פּאָזע, אָן קיין שום רעטאָרישן וואָרט, האָבן זיי, ווי מען רעדט „צו דער טאָג־אָרדענונג", דערקלערט, אַז זיי פּראָטעסטירן קעגן שטעלן די דאָזיקע פֿראַגע. עס קען גאָר ניט זיין קיין פֿראַגע, צי זיי זאָלן צוריק פֿאָרן. דווקא ווייל די סכּנה איז גרויס, ווייל עס איז פֿאַראַן די מעגלעכקייט אַז אין קריגס־צייט זאָל היטלער אָנהויבן ראַדיקאַל דורכפֿירן זיין „אידן־פּראָגראַם", מוזן זיי זיין אויפֿן פּלאַץ, מיט די חבֿרים, מיט אידן וואָס זיינען פֿאַרמשפּט צו בלייבן אין דער פּאַסטקע. דאָס איז אַ געוויסן־פֿראַגע. מען קען וועגן דעם ניט אָננעמען קיין פֿאָרמעלע באַשלוסן. זיי פֿאָרן צוריק, אונטער אַלע אומשטענדן.

איך האָב זיך צוגעהערט צו דער דיסקוסיע, אָבער פֿון צייט צו צייט האָט פֿון זיך אַליין מיין בליק זיך געווענדט צו דער באַנק, אויף וועלכער בערל קאַצענעלסאָן איז געלעגן אויסגעצויגן, זיין האַנט אָנגעשפּאַרט אונטערן קאָפּ. ער האָט אויסגעזען זייער מיד. אָט דוכט זיך, דרעמלט ער איין, און פּלוצלונג עפֿנט ער די אויגן — און דו זעסט, אַז דאָס איז געווען אַ טעות. די אויגן זיינען אַזוי וואַך און שאַרף און דורכדרינגענדיק. זיי זאַפּן אין זיך איין דאָס בילד פֿון דעם דאָזיקן געזעמל אין קליינעם צימער — און באַלד שליסן זיי זיך צוריק. דו טראַכסט: ער מאַכט איצט אַ חשבון, אַ חשבון פֿון וועג וואָס מיר זיינען דורכגעגאַנגען, פֿון די נסיונות וואָס לויערן אויף אונז אין אָט דער נאַכט פֿון סוף חודש אויגוסט, 1939, פֿון די כּוחות מיט וועלכע מיר גייען זיי אַנטקעגן. און ווידער עפֿענען זיך די אויגן. זיי שמייכלען איצט זייער אַלטן, טייערן שעלמישן שמייכל. בליקן באַגעגענען זיך. אין די אויגן אויף דעם מידן, קלוגן פּנים פֿלעמלט איצט אַ קליינער פֿונק גליק.

*

ער איז פֿון אונז אַוועק אין די שווערסטע טעג פֿון אונזער געשיכטע — בעת מיליאָנען אידן זיינען אומגעקומען אין די קאַלכאויוונס אין מאַידאַנעק און אָסוויענטשים. און כאָטש ער איז געשטאָרבן ווייט פֿון זיי, זעען מיר אים ווי איינעם פֿון זיי. זיין וועלט איז אונטערגעגאַנגען אין יענע גיהנומס — די וועלט פֿון מזרח־אייראָפּעאישן אידנטום, וואָס ער איז געווען איינער פֿון אירע עכטסטע זין אין אונזער דור.

ער איז געווען איינע פֿון די „האָלעוועשקעס" וואָס האָבן זיך „געראַטעווט פֿון פֿייער" וואָס האָט פֿאַרברענט דאָס בית ישראל אין אייראָפּע. אָבער ער איז פֿאַרצערט געוואָרן פֿון אינערלעכן פֿייער — פֿון דער תשוקה נאָך דערלייזונג, פֿון די יסורים פֿון דערלייזונג, פֿון דעם צער פֿון אָפּהענטיקייט און לעכצן נאָך באַנייאונג.

מיר וועלן שוין אַזעלכע אידן ווי ער מסתמא ניט זען. די וועלט וואָס האָט זיי אויסגעפֿורעמט איז פֿאַרטיליקט געוואָרן. עס בלייבט אונז בלויז די נחמה, אַז ער און אַזעלכע ווי ער זיינען געווען צווישן די פּיאָנערן און בוימייסטער פֿון אַ נייעם אָנהויב פֿון דער אידישער געשיכטע.

שלמה גראָדזענסקי

I

מיין וועג קיין ארץ־ישראל

מיין וועג קיין ארץ־ישראל

[אַ סטענאָגראַמע פֿון אַ רעדע וואָס בערל קאַצענעלסאָן האָט געהאַלטן אין רחובות, ביי דעם „ירח עיון" („שטודיר חודש") פֿון דער הסתדרות העובדים, אַפּריל, 1941. די רעדע איז געהאַלטן געוואָרן ביי אַן „ערב התודעות" (באַקאַנטשאַפֿט אָוונט) ביי וועלכן די אָנטיילנעמער האָבן דערציילט וועגן זייער „וועג קיין ארץ־ישראל". בערל קאַצענעלסאָן האָט די סטענאָגראַמע ניט קאָרעגירט און זי ווערט דאָ געגעבן אַזוי ווי זי איז פֿאַרצייכנט געוואָרן.]

א

איך האָב קיין מאָל אין דער עפֿנטלעכקייט ניט דערציילט קיין דערינערונגען — און ניט דערפֿאַר וואָס איך האַלט ניט פֿון דעם ענין זכרונות. אַדרבא, איך גלויב, אַז עס איז אונזער פֿליכט אין דער איצטיקער צייט צו טאָן אַלדאָס מעגלעכע, כּדי די לעצטע רעשטן פֿון דער צווייטער עליה זאָלן ניט פֿאַרלאָרן גיין. איך וועל זיין גליקלעך, אויב דער פֿאַרלאַג פֿון דער הסתדרות וועט אַזאַ זאַך אָרגאַניזירן און וועט אַרויסגעבן אַ גוטן באַנד זכרונות פֿון אַנאָנימע מענטשן פֿון דער צווייטער עליה, צוזאַמענקלייבן קלענערע און גרעסערע קאַפּיטלעך, וואָס וועלן דערציילן וואָס די מענטשן פֿון דער צווייטער עליה האָבן געגעבן דעם לאַנד. וואָרעם מיר האַלטן שוין ביי די סאַמע לעצטע יאָרן וואָס דאָס איז נאָך מעגלעך צו טאָן. און פֿיל האָבן מיר שוין פֿאַרלאָרן.

פֿאַראַן אַ סך מאָטיוון פֿאַרוואָס איך קווענקל זיך צו דערציילן זכרונות. ערשטנס, דערפֿאַר וואָס אייגנטלעך איז מיין אופֿן פֿון זען בכלל ניט קיין דעסקריפּטיווער — איך זע בלויז תּמציתן. איך זע בלויז דאָס פּינטל, וואָס איז פֿאַר מיר וויכטיק. דערפֿאַר האָב איך ניט קיין רעכט צו דערציילן זכרונות — איך בין עלול פֿיל זאַכן אויסצולאָזן. צווייטנס, אויך דערפֿאַר, וואָס אין עצם איז מיין „מענטשן־גאַלעריע" אין ארץ־ישראל אַזאַ ברייטע און גרויסע, אַז עס איז מיר פּשוט שווער צו דערציילן זכרונות, און דערביי ניט דערציילן פֿיל וועגן מענטשן און אינטימע קאָנטאַקטן מיט מענטשן. און דאָס קען איך אין אַ סך פֿאַלן פּשוט נישט טאָן. גראַד אין דעם פֿאַל ווען אַ מענטש האָט געשלאָגן טיפֿע וואָרצלען, איז באַזונדער שווער וועגן אים צו דערציילן. און אין דער מאָס וואָס מיין לעבן אין ארץ־ישראל איז געווען ניט בלויז אַ פּערזענלעך לעבן, איז דאָך דאָס

ווידער פאַרבונדן מער מיט „פּראָבלעמאַטיק", ווי מיט דערציילן פאַקטן. און אין מעמוארן איז שטענדיק פאַראַן די סכנה, אַז אַ מענטש זאָל אין צענטער זען — זיך אַליין. דערפאַר בין איך נאָך בעצם ניט דערגאַנגען דערצו, אַז איך זאָל באמת קענען דערציילן וועגן די מענטשן פון דער צווייטער עליה. אָבער איך וויל יאָ דערציילן וועגן עפּעס אַנדערש — איך וויל אייך דערציילן וועגן מיין וועג קיין ארץ־ישראל. בכלל וואָלט געווען זייער געוואונטשן, אַז מענטשן פון פאַרשיידענע עליות זאָלן דערציילן ווי אַזוי זיי זיינען געקומען קיין ארץ־ישראל. איך האַלט, אַז דאָס האָט אַ ווערט פאַר זיך אַליין, בפרט אין אונזערע טעג ווען מענטשן קומען קיין ארץ־ישראל אין גרויסע מאַסן, און ס'איז מעגלעך אַז יעדער מענטש ברענגט מיט זיך עפּעס אייגנאַרטיקס.

איך וויל אייך דערציילן וועגן מיין וועג קיין ארץ־ישראל. כ'וויל אייך דערציילן זאַכן, פון וועלכע איר וועט לאַכן. וועגן די גאָר וויכטיקע זאַכן וועל איך אפשר גאָרניט דערציילן, אָבער איך וועל פּרובירן זיך אַ ביסל צו דערמאָנען.

איך בין געווען צוויי און צוואַנציק און אַ האַלב יאָר אַלט בעת איך בין אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל, און מיין עליה קיין ארץ־ישראל האָט געדויערט פופצן יאָר — איר קענט אַליין מאַכן דעם חשבון, ווען עס איז אין מיר געשאַפן געוואָרן דער צובונד צו ארץ־ישראל... ווי אַזוי איז דאָס געשען? איך בין אויסגעוואַקסן אין אַ אידיש הויז, וואָס איז געשטאַנען אויף דער גרענעץ צווישן אַלטן און דעם נייעם. אין מיין דערציאונג זיינען שוין געווען עלעמענטן פון דער נייער העברעאישער דערציאונג, וואָס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אויסשיילן, און אין אַ געוויסער מאָס האָט זיי טאַקע געשאַפן מיין פאָטער אַליין. פון, לאָמיר זאָגן, מיין זיידן און באָבען האָב איך נאָך איבערגענומען באַגריפן פון אַן אָרטאָדאָקסישן אינגל — כ'האָב זיי אויפגענומען מיט צופרידנקייט. וואָס איז שייך דעם דור וואָס איז מיר געווען נענטער אין יאָרן, בין איך אויסגעוואַקסן אין אַ ראַציאָנאַליסטיש־פּאָזיטיוויסטישער אַטמאָספער, מיט נייע, שטאַרקע לעבנס־יסודות, אָבער מיט אַ גרויסער קריטיק פון דעם עקזיסטירנדיקן — איך האָב ניט געטאָרט גלויבן אין מעשיות וועגן מלאכים און שדים, כאָטש איך האָב נאָך דעם געבענקט. ביי אונז אין הויף איז געווען אַ חורבה, אין וועלכער עס איז מיר געווען פאַרבאָטן אַריינצוגיין, און איך האָב דאָרטן געזען זאַכן וואָס איך האָב ניט געקענט זען ביי מיין פאָטער און פעטער.*

* די חורבה האָט זיך געפונען אין הויף פון אונזער מוטערס פאָטער, ר' יעקב נימיץ, וואו מיר האָבן געוואוינט. אונז, קינדער, איז פאַרבאָטן געווען אַריינצוגיין אין

אין מײַן קינדהײט האָב איך אַוודאי געהערט פֿלערלײ מעשׂיות װעגן תּחית המתים און װעגן ארץ־ישראל — אָבער פֿונדעסטװעגן האָט דאָס געהערט צו דער אומרעאַלער װעלט.

און אָט צװישן די חידושים אין מײַן פֿאָטערס הױז איז געװען אַ מתּנה װאָס איך האָב באַקומען בעת איך בין אַלט געװען זיבן און האַלב צי אַכט יאָר — אַ לײענבוך פֿאַר קינדער. איר דאַרפֿט װיסן, אַז אין יענע יאָרן, די נײַנציקער יאָרן פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, איז נאָך ניט געװען קײן העברעאישע קינדער־ליטעראַטור. ס'איז נאָך ניט געװען קײן באַדערפֿעניש פֿאַר דעם, און ס'איז ניט געװען װער עס זאָל זיך זאָרגן פֿאַר אַזאַ מין ליטעראַטור. אױב עמעצער האָט שױן אַ קינד געבראַכט אַ לײענבוך — איז דאָס געװען דער „ספֿר הישר" אָדער „יוסיפֿון"... אַ קינדער־בוך איז אין העברעאיש אין גאַנצן ניט געװען. און אָט האָט מײַן פֿאָטער, װעלכער האָט בעצם געדאַרפֿט זײַן אַ דערציאונגס־רעפֿאָרמאַטאָר, מיר געבראַכט אַ קלײן זאַמלביכל, אַ מין זאַמלונג פֿון קינדער־דערצײלונגען, װאָס יעדע אײנע פֿון זײ איז געװען פֿאַרבונדן מיט אײנער פֿון די עשׂרת הדברות. פֿאַרשטײט זיך, אַז אײנע האָט דאָרטן געפֿעלט, אָבער עס זײַנען דאָרטן געװען נײַן דערצײלונגען, פֿאַרבונדן מיט נײַן געבאָטן. אין דעם בוך איז געװען אַ מעשׂה װעגן שבת, אַ פֿאָלקס־מעשׂה װעגן אַ צדיק װאָס איז געגאַנגען אין מדבר. ער האָט זיך געפֿונען צוזאַמען מיט ישמעאלים, און אָט איז געקומען פֿרײַטיק־צו־נאַכטס, ס'איז שױן געװאָרן פֿינצטער און ער האָט, פֿאַרשטײט זיך, באַשלאָסן, אַז שבת װעט ער זיך ניט רירן פֿון אָרט. און ער איז אַלײן פֿאַרבליבן אין מדבר, אַרומגערינגלט פֿון װילדע חיות; און אָט איז געקומען אַ לײב — ער איז זיכער געװען אַז דער לײב װעט אים פֿאַרצוקן, אָבער דער לײב האָט זיך געלײגט אים צופֿוסנס און האָט איבער אים געװאַכט די גאַנצע נאַכט, און מוצאי שבת האָט ער רײַטנדיק אױפֿן לײב דעריאָגט דעם קאַראַװאַן. און צום סוף פֿון דער מעשׂה זײַנען געװען צװײ זאַצן. אײן זאַץ האָט זיך געלײענט אַזױ: די קינדס־קינדער פֿון דעם צדיק לעבן נאָך עד היום אין חברון. — װען איך האָב איבער־געלײענט די דאָזיקע װערטער, האָב איך אױסגעבראָכן אין אַ גרױס געװײן, און עד היום איז מיר ניט קלאָר, צי דאָס איז געװען אַ געװײן פֿון פֿרײד אָדער אַ געװײן פֿון טרױער. קודם־כּל איז מיר קלאָר געװאָרן, אַז ארץ־ישׂראל איז ניט קײן ענין פֿון עולם הבא, ניט קײן מיסטישער

דער חורבה — אױס מורא, אַז זי זאָל אײַנפֿאַלן, אָדער דערפֿאַר, װאָס מען האָט דאָרטן געהאַלטן „אומלעגאַלע ליטעראַטור" (באַמערקונג פֿון ישׂראל קאַצענעלסאָן, אַ ברודער פֿון ב. ק.).

באַגריף, אַז ארץ־ישראל עקזיסטירט אין אונזער צייט. דאָס איז אַוודאי געווען אַ גרויסע פרייד. אָבער די צווייטע זאַך איז געווען, וואָס אויב די קינדס־קינדער פון יענעם צדיק געפינען זיך אין ארץ־ישראל — פאַרוואָס זאָל איך דאַרטן ניט זיין... און איך געדענק נאָך זייער גוט, ווי אַזוי די דאָזיקע דערציילונג האָט געשאַפן אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין מיין וועלט. מיין רעאַלער צובונד צו דער ממשותדיקער ארץ־ישראל האָט זיך אָנגעהויבן זינט יענעם טאָג.

ב

אַ קורצע צייט נאָך דעם האָט מיר מיין פאָטער געבראַכט אַן אַנדער בוך. דאָס איז געווען אַ דערציילונג פון אַלכסנדר זיסקינד ראַבינאָוויטש (בכלל זיינען דעמאָלט כמעט ניט געווען קיין דערציילונגען מיט נקודות, און דאָס איז געווען אַ דערציילונג מיט נקודות). בעצם איז דאָס געווען כמעט די ערשטע העברעאישע דערציילונג וועגן די בילויים. עס איז געווען אַ מעשה וועגן צוויי פאַמיליעס וואָס האָבן געלעבט אין אַ גרויסער שטאָט: איין הויז פון פרעמדע אידן וואָס האָבן אָפּגעהיט די טראַדיציע און געלערנט תורה, און אַ צווייט הויז פון אידן אַריסטאָקראַטן, די וואָס האָבן דעמאָלט גע־הייסן „אַריסטאָקראַטן", ד"ה, זיי האָבן געשיקט די קינדער אין גימנאַזיע. און עס איז געווען איין אינגל מיטן נאָמען יעקב, וואָס האָט געלערנט אין חדר, און אַ צווייט אינגל, וואָס איז געגאַנגען אין גימנאַזיע און האָט זיך געפונען צווישן „שקצים". איין מאָל האָט דאָס דאָזיקע אינגל גע־הערט וועגן ארץ־ישראל און האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם אידישן גורל — און נאָך דעם האָבן זיך די צוויי באַגעגנט אין ארץ־ישראל: איינער אַן אַרבעטער און דער צווייטער אַ לערער. די דאָזיקע דערציילונג האָט מיר געגעבן אַ צוויטן, מער באַשטימטן שטופּ צו דער אידעע פון עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

ווי אַזוי האָב איך זיך דעמאָלט פאָרגעשטעלט דאָס פאָרן קיין ארץ־ישראל — און וואָס איז געווען מיין אידעאַל אין ארץ־ישראל? איך גע־דענק דאָס זייער גוט. דאָס בילד האָט זיך אויסגעטיילט אין צוויי ביל־דער: איין בילד איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ פויער, אַן ערד־אַרבעטער. און איך דאַרף ניט דערציילן, ווי אַזוי דאָס האָט מיך געצויגן; אָבער דאָס צווייטע בילד איז געווען נאָך אָנציענדיקער. איר ווייסט, אַז אין אידישן שטעטל איז ניט געווען קיין סך שיינקייט, ניט געווען קיין גע־וויקסן, קיין בוימער אאַז"וו. ווען איך בין געווען אַ קליין קינד האָב איך פיל געליטן דערפון, וואָס אין אידישע הייזער איז ניטאָ קיין גרינס — בלויז ביי די „פריצים" אין אונזער געגנט זיינען געווען גערטנער

מיט בלומען און זייער שיינע געוויקסן. אָבער באַזונדערס פֿלעג איך פֿאַר־כאַפּט ווערן אין די קינדער־יאָרן בעת איך פֿלעג גיין באַגלייטן צו דער סטאַנציע מיין פֿאָטער, ווען ער פֿלעגט זיך אַרויסלאָזן אין אַ ווייטן וועג. דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען אַ גרויסע איבערלעבונג. אַלע באַן־סטאַנ־ציעס זיינען געווען געבויט אין איין סטיל, אַרומגערינגלט מיט בלומען. און דאָס האָט מיך זייער באַצויבערט. פֿון דער אַנדער זייט, האָב איך אין יענער צייט געלייענט אין עפּעס אַ שריפֿט, אַז אין ירושלים האָבן די אידן באַקומען די קאָנצעסיע אויף דער אייזנבאַן. — מיין אמתער אידעאַל איז געווען צו זיין דער שעף פֿון דער אייזנבאַן אין ארץ־ישראל. ניט קיין פּאָליציאַנט און ניט קיין סאָלדאַט, וואָרעם דער באַגריף פֿון דעם אידנשטאַט האָט ביי מיר אָנגענומען די פֿאָרם פֿון אַן אייזנבאַן. — דאָס איז פֿאַר מיר געווען די גרעסטע פּאָליטישע דערגרייכונג, די סאַמע וויכטיקסטע און וואַגיקסטע זאַך.

אָבער מיין ארץ־ישראלדיקייט איז דערמיט נאָך ניט צופֿרידנגעשטעלט געוואָרן. אין מיין פֿאָטערס ביבליאָטעק, וואָס האָט אין מיין לעבן גע־שפּילט אַ גרויסע ראָלע, איז געווען דער ערשטער העברעאישער „בעדעקער״ — אַ וועגווייזער אין ארץ־ישראל. פֿאַרשטייט זיך, אַז איך בין אין דעם דאָזיקן בוך געווען אַ בקי פֿון א׳ ביז ת׳. דאָרטן איז אויך געווען אַן אָפּטיילונג צום לערנען די אַראַבישע שפּראַך — און איך האָב אָנגעהויבן לערנען אַראַביש. איך בין זיכער, אַז איך בין דעמאָלט געווען פֿיל עקס־טרעמער פֿון אַ היינטיקן „ברית־שלום״־מענטש. איך בין געווען אַ פֿייער־דיקער פֿילאָסעמיט, און גרויס זיינען געווען מיינע בענקענישן נאָך ישמעאלן. ווען האָב איך געהאַט די ערשטע געלעגנהייט זיך צו באַגעגענען מיט ישמעאלן? דאָס איז געווען זייער פּשוט. אין רוסישן שטעטל פֿלעגן זיך פֿון צייט צו צייט באַווייזן מענטשן וואָס האָבן געטראָגן דעם נאָמען „טערקן״ — מיט אַ „טאַרבוש״, מיט אַ מאַלפּע. אַזוי פֿלעגן זיי שפּאַצירן איבער די גאַסן. דאָס איז געווען אַ גרויסע געשעעניש. קיין זאָאָלאָגישער גאָרטן איז ביי אונז אין שטאָט ניט געווען. און אַז אין גאַס פֿלעגט זיך באַוויזן אַזאַ מין „טערק״ מיט אַ מאַלפּע, פֿלעג איך אים לויפֿן אַנטקעגן מיט אויסערגעוויינלעכער פֿרייד, מיט ברידערלעכער ליבע, אים זאָגן „ישראל״ און אָוועקגעבן מיין גאַנץ געלט. און פֿאַרשטייט זיך אַז איך בין געווען זייער שטאַרק אַנטוישט וואָס ניט געקוקט אויף דעם אַראַביש וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט, האָב איך ניט געקענט געפֿינען מיט אים קיין געמיינזאַמע שפּראַך...

איך האָב געהאַט אַ סך געלעגנהייטן זיך נענטער צו באַקענען מיט ארץ־ישראל. ערשטנס, איז אין מיין פֿאָטערס ביבליאָטעק געווען אַן אַל־

בום מיט לעבעדיקע בלומען פון ארץ־ישראל. אין יענער צייט איז דאָס געווען אַ גרויסער אויפטו. איך ווייס נישט, צי איצט איז פאַראַן אַזאַ זאַך אין דער ציוניסטישער ליטעראַטור. אין ארץ־ישראל האָט דעמאָלט גע־לעבט אַ גרויסער שריפטשטעלער, וואָס איז איצט זייער ווייניק באַקאַנט, אַ גרויסער פּעדאַגאָג און אַ גרויסער חובב־ציון — זאב יעבץ. ער האָט אין יענער צייט געטאָן זייער אַ גרויסע אַרבעט: געשאַפן אין העברעאיש אַ נייע ליטעראַטור — און פרובירט פאַרבינדן דעם גלות מיט ארץ־ישראל. ער האָט דאָס אַרויסגעגעבן דעם אַלבום מיט די לעבעדיקע בלומען פון ארץ־ישראל, אין וועלכן עס זיינען אויך אריין עטלעכע שיינע זאַכן אויף דייטש און העברעאיש. היינעס אַ ליד און אַן אגדה אָדער אַ מדרש. דאָס דאָזיקע ביכל האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין מיין לעבן.

ס'איז געווען נאָך עפּעס. מיין פאָטער האָט געהאַט אַ חבר, און דער דאָזיקער חבר, וועלכער האָט ניט געוואוינט ביי אונז, נאָר איז פון צייט צו צייט צו אונז געקומען אויף אַ באַזוך, איז געווען אַן אַרבעטער אין ארץ־ישראל אין דער תקופה ווען עס איז געבויט געוואָרן די קאָלאָניע רחובות. ער איז ווייזט אויס, געווען אַן אַרבעטער אַ יאָר אָדער צוויי — און זיך נאָך דעם צוריקגעקערט. ער האָט געהאַט אַ זייער דראַמאַטישע ביאָגראַפיע. קודם־כל, האָט ער געטאָן צוויי זייער משונהדיקע זאַכן: ווען ער האָט זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד — איז ער געבליבן אַ פּויער. און מיר פלעגן אים זען דורכגיין די גאַס מיט אַ וואָגן מיסט. צווייטנס: אַנשטאָט צו נעמען אַ פרוי פון זיין שטאַנד, האָט ער חתונה געהאַט מיט דער דינסט פון דעם הויז אין וועלכן ער האָט געוואוינט. אָט די צוויי זאַכן האָבן אים געמאַכט פאַר זייער אַן אויסערגעוויינלעכער פּערזענלעכקייט. און אָט האָב איך פאַר זיך געזען אַ לעבעדיקן מענטש וואָס איז געווען אין ארץ־ישראל. פאַרשטייט זיך, אַז איך, דאָס קליין אינגל, האָב מיט אים קיין שמועס ניט געפירט. איך האָב נאָר צוגעלייגט אַן אויער צו הערן וואָס ער האָט גערעדט מיט מיין פאָטער און אויפגעכאַפּט ברעקלעך פון זייערע שמועסן. פון אים האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט די בשורה פון אחד־העמס „על פרשת דרכים”.

דאָס איז געווען איין פאַרבינדונג [מיט ארץ־ישראל]. עס איז אויך געווען אַ צווייטע פאַרבינדונג. ביי אונז אין שטאָט איז געווען אַ מענטש וואָס זיינער אַן אידעם איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל — אויך אַלס אַר־בעטער. דאָס איז שוין געווען ניט אין דער תקופה פון רחובות נאָר לאָמיר זאָגן בערך אין 1898, דאָס הייסט אין דער צייט ווען אין ארץ־ישראל איז פאַרגעקומען דער גרויסער קריזיס פון דעם באַראָנס ווייַן־גערטנער. ער האָט פון דאָרטן געשריבן זייער טראַגישע בריוו. פון איין זייט —

ליבע צו העברעאיש און ליבע צו ארץ־ישראל. ער האָט זיך, צום ביישפּיל, געגעבן אַ העברעאישן נאָמען — ער פֿלעגט זיך אונטערשרייבן מיטן נאָמען צמד. און אין פֿאַרבינדונג מיט אָט דעם מענטשן, וואָס פֿלעגט מיין פֿאָטער ברענגען די בריוו פֿון זיין איידעם, זיינען געשען עטלעכע קאָמפּליצירטע געשעענישן. ווען ער האָט זיך געבויט אַ הויז, האָט ער באַשעפֿטיקט אַ ניט־אידישן אַרבעטער — אַ קליינעם „שייגעץ״. איך בין דעמאָלט געווען זייער קאָסמאָפּאָליטיש געשטימט, און איך האָב געחלומט וועגן דעם, אַז איך וועל דעם דאָזיקן שייגעץ ווייזן אַ אידיש הויז אין ארץ־ישראל, ווי אַזוי אידן לעבן אין ארץ־ישראל... דער ענין האָט זיך געענדיקט אויף זייער אַ טראַגישן אופֿן, וואָרעם דאָס דאָזיקע אינגל האָט זיך שפּילנדיק מיך אָנגעהויבן ווערגן, און איך בין כּמעט אין גאַנצן דער־שטיקט געוואָרן.

אַזוי זיינען געווען די קינדער־יאָרן. אָבער זיי האָבן לאַנג ניט גע־דויערט — אויך זיי זיינען שנעל פֿאַרשוואונדן, און דער ענין ארץ־ישראל אין מיין לעבן איז געוואָרן זייער קאָמפּליצירט און פֿאַרפּלאָנטערט. צו צוועלף יאָר בין איך געוואָרן אַ יתום — און דער ענין ארץ־ישראל האָט אָנגעהויבן ווערן פּראָבלעמאַטיש.

ג

איך וויל נאָך דערציילן, אַז העברעאיש האָט פֿאַרנומען אַ באַזונדער פּלאַץ אין מיין דערציאונג. דער דור אין וועלכן איך בין אויסגעוואַקסן, האָט געשטרעבט צו „השכלה״ — אָבער מיין פֿאָטער, וואָס האָט בכלל געהאַט גאָר אַנדערע באַגריפֿן פֿון זיין סביבה, האָט געזאָגט: דו וועסט אָנהויבן לערנען רוסיש בלויז דעמאָלט ווען דו וועסט גוט קענען העב־רעאיש. דאָס איז געווען אַ מין תנאי. אַזוי האָב איך ביז מיין צענטן יאָר פּאַקטיש געלעבט אין גאַנצן אין דער אַטמאָספֿער פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור. איך האָב בכלל, באַקומען זייער אַ משונהדיקע דערציאונג. איך האָב ניט באַזוכט קיין שום שול. ביז דעם צענטן יאָר בין איך געווען אין גאַנצן אַריינגעטאָן אין דער העברעאישער ליטעראַטור און אין דער העברעאישער גייסטיקער וועלט, כאָטש ביי אונז איז געווען אַ הויז, וואו דער מדרש רבה און פּושקין און מענדעלע זיינען געלעגן צונויפֿגעמישט ביי די ברידער און שוועסטער אויפֿן טיש — און איך בין באַלד געוואָרן **אַ בן־בית אין דער רוסישער וועלט און אין איר ליטעראַטור**. אָבער עס איז געשען אַ משונהדיקע זאַך. איך האָב געהאַלטן פֿאַר מיין אויפֿגאַבע צו פֿאַרוואַנדלען מיינע רוסישע לערער אין נאַציאָנאַלע אידן, און דאָס האָט געפֿירט צו פֿאַרשיידענע שווערע קאָנפֿליקטן. איך וועל דערציילן בלויז

איין ביישפּיל: ווען איך בין אַלט געווען צוועלף יאָר האָב איך געדאַרפֿט שרייבן אַן אויפֿזאַץ וועגן לערמאָנטאָוון. בכלל איז מיר דאָס שרייבן אָנגעקומען זייער גרינג, מיין קאָמפּאָזיציע איז שטענדיק געווען די בעסטע, אָבער דאָס מאָל האָב איך געהאַט אַ פֿולשטענדיקן דורכפֿאַל. וואָס איז געשען? איך האָב געטאָן איין קלייניקייט. איר געדענקט אפֿשר, ווי שמריהו לעווין דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפֿיע, אַז אַלע קאָמפּאָזיציעס, וואָס ער האָט געשריבן אין דער גימנאַזיע, פֿלעגן זיך אָנהויבן מיט די ווערטער: „אונזערע חכמים האָבן געזאָגט...״, שמריהו לעווין, דער אגדה־מענטש, האָט זיך אַנטפּלעקט אויך אין זיינע רוסישע קאָמפּאָזיציעס. איך, אַנשטאָט צו שרייבן וועגן לערמאָנטאָוון אַליין, האָב געשריבן אַ קאָמפּאָזיציע וועגן דעם אונטערשייד צווישן אַ העברעאישן און אַ רוסישן פּאָעט. מיין באַליבטסטער העברעאישער דיכטער איז אין יענער צייט געווען קאָנסטאַנטין שאַפּיראָ — אַ וויכטיקער לירישער פּאָעט, וואָס איך בין אין אים געווען אַריינגעטאָן טאָג און נאַכט. האָב איך גענומען איין ליד לערמאָנטאָווס און איין ליד פֿון קאָנסטאַנטין שאַפּיראָ — און פּרובירט צווישן זיי צו ציען אַ פֿאַרגלייך. מיין לערער איז — אַוודאי מיט רעכט — געווען זייער ברוגז און געזאָגט, אַז אַזוי שרייבט מען ניט קיין קאָמפּאָזיציעס.

איך האָב געהאַט אַ פֿעטער, איינער פֿון די אידישע סאָציאַליסטן פֿון די אַכציקער יאָרן — אַן אידעלער מענטש, וואָס איז געצוואונגען געווען צו אַנטלויפֿן פֿון רוסלאַנד און איז אַוועק קיין אַמעריקע.* דאָרטן האָט ער זיך באַפֿריינדט מיט אב. קאַהאַן און זיך דערנענטערט צו דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. וועגן אים האָב איך ביי אונז אין שטוב געהערט פֿאַרשיידענע לעגענדעס. איין מאָל האָב איך געפֿרעגט פֿאַרוואָס דער פֿעטער איז אַרעסטירט געוואָרן און איז אַנטלאָפֿן קיין אַמעריקע, האָט מיר מיין זיידע געענטפֿערט: דערפֿאַר וואָס ער האָט זיך נישט געוואַשן צום עסן... אָבער צום סוף האָט ער זיך צוריקגעקערט אַהיים. ער איז געווען זייער שטאַרק צוגעבונדן צו מיר און צו מיין פֿאָטער, אָבער ער האָט ניט געקענט פֿאַרטראָגן וואָס איך וואַקס אויס אַ „קליינער שאָוויניסט״. שוין צו צוועלף יאָר האָט מיין פֿאָטער און ער מיך אַריינגעפֿירט אין דער וועלט פֿון סאָציאַליזם. מיט מיר פֿלעגט ער פֿירן שרעקלעכע דיסקוסיעס וועגן נאַציאָנאַליזם און אידנטום און איך האָב געמוזט שטיין איינער אַליין אין קאַמף. ער פֿלעגט זאָגן: „אַז דו וועסט אויסוואַקסן, וועסטו אָט די דאָזיקע אַלע זאַכן אָנהויבן פֿאַרשטיין״ — אָבער דאָס האָט מיך נאָך ניט געבראָכן. אָבער שנעל האָבן זיך אַ הויב געטאָן די כוואַליעס פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע און זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט פֿון אַלע זייטן. —

* לעוו פּראָכאָווסקי, אַן ס. ר.

אין אונזער שכנות, אין אַ קליין הויז, האָט געוואוינט אַן אַלמנה מיט איר זון. דער דאָזיקער זון איז געווען איינער פֿון די ערשטע אַרבעטער אין „בונד“, וואָס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן. אַן אַרבעטער מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, מיט אַ זייער רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט, אָבער מיט ווייניק בילדונג. ווי עס ווייזט אויס, איז ער פֿריער געווען זייער אַ צעלאָזענער בחור, אָבער נאָכדעם האָט ער זיך אָנגעהויבן באַ־געגענען מיט אינטעליגענטע מענטשן און ער פֿלעגט זיצן ביי זיך אין צימער און שרייבן כּלערליי חיבורים. ער האָט מיר געוויזן אַלע זייערע אומלעגאַלע אויסגאַבעס און איך פֿלעג זיי לייענען. אין יענער צייט בין איך געווען אַרום צען יאָר אַלט. איך ווייס ניט צי ער האָט עס געטאָן בכּיוון אָדער ניט — איך האָב שטענדיק געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער האָט עס געטאָן אַבזיכטלעך. נאָך עפּעס: די ערשטע אומלעגאַלע אויס־גאַבעס פֿון דער ערשטער דרוקעריי פֿון „בונד“ האָבן זיך געדרוקט דווקא ביי מיין זיידן אין הויז, און איך בין געווען אַן עדות פֿון דער ערשטער יאָגד אויף דער אידישער יוגנט.* דאָס איז געווען די גייסטיקע וועלט אין וועלכער איך האָב געדאַרפֿט געפֿינען מיין פּלאַץ און מיט וועלכער איך האָב זיך געדאַרפֿט שטאַרק ראַנגלען. דאָס אַלץ איז מיר ניט פֿרעמד געווען. אידעאיש זיינען מיר אָט די אַלע זאַכן געווען זייער נאָענט, אָבער דאָס האָט מיך ניט געבראַכט דערצו, אַז איך זאָל מוותר זיין אויף מיינע איי־גענע געדאַנקען — ניט אויף העברעאיש און ניט אויף ארץ־ישראל.

ווען איך בין אַלט געוואָרן פֿערצן יאָר — אָדער ריכטיקער פֿופֿצן יאָר, האָב איך, אין אידישן זינען, דורכגעמאַכט אַ גרויסן און שווערן קריזיס. עס האָט זיך אָנגעהויבן מיין באַגעגעניש מיט דער מאַרקסיסטישער גע־דאַנקען־וועלט. איך האָב דעמאָלט פֿיל אַרומגעוואָגלט. אַ אינגל אַ יתום, בין איך געפֿאָרן לערנען אין פֿאַרשיידענע ערטער. אין אָנהויב האָב איך ניט נאָר ניט געזען קיין שום סתירה צווישן דער דאָזיקער וועלט און דעם ציוניזם, נאָר פֿאַרקערט — עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז דאָס האָט באַ־רייכערט מיין ציוניסטישע וועלט. איך וועל אייך דערציילן עפּעס וואָס וועט אייך אַמוזירן. איך דערמאָן זיך ווי איך האָב געלייענט אַ בוך פֿון אַ רוסישן עקאָנאָמיסט, וואָס האָט געשילדערט ווי אַזוי ענגלאַנד האָט דורכגעמאַכט דעם איבערגאַנג פֿון דער פֿריערדיקער פֿעאָדאַלער אָרדענונג צו דער אינדוסטריעלער עפּאָכע, ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן די

* פּ. קורסקי, דער לייטער פֿון „בונד“־אַרכיוו, דערציילט אין זיין נעקראָלאָג וועגן בערל קאַצענעלסאָן („אונזער צייט“, נומער 9, ניו־יאָרק 1944) וועגן דער דאָזיקער ערשטער אומלעגאַלער דרוקעריי פֿון „בונד“, וואָס האָט זיך געפֿונען אין באָברויסק, אין הויז פֿון בערל קאַצענעלסאָנס עלטערן.

אינדוסטריעלע רעוואָלוציע אין ענגלאַנד. איך האָב זיך שטאַרק פֿאַרטיפֿט אין דעם דאָזיקן ענין און עס האָט אויף מיר געמאַכט אַ גרויסן רושם, ווי אַזוי די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג רואינירט און פֿאַראָרעמט די מאַסן. אָבער אָנשטאָט צו טראַכטן בלויז וועגן דעם ענגלישן אַרבעטער, איז מיר איינגעפֿאַלן אַ געדאַנק וואָס האָט מיך שטאַרק אויפֿגעטרייסלט: אויב אַזוי, אויב ביי די ענגלישע מאַסן האָט, בעת דעם איבערגאַנג פֿון איין עקאָנאָמישער תּקופֿה צו אַ צווייטער, די זאַך זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ שווערן חורבן, מיט פֿאַרניכטונג — וואָס וועט געשען אויב רוסלאַנד וועט אַרייַנטרעטן אין אַ תּקופֿה פֿון אינדוסטריעלער רעוואָלוציע? וואָס וועט דעמאָלט זיין דער גורל פֿון אידישן פֿאָלק? דער דאָזיקער געדאַנק איז דעמאָלט פֿאַר מיר געווען אַ גרויסער חיזוק פֿון דער ציוניסטישער אידעע.

ס'איז אַ משונהדיקע זאַך. אייגנטלעך האָט דער געדאַנק, אַז דער ציוניזם נויטיקט זיך אין אַ טעאָרעטישער און עקאָנאָמישער באַגרינדונג דעמאָלט אָנגעהויבן צו באַשעפֿטיקן מענטשן אין די פֿאַרשיידנסטע ערטער. דאָס איז ניט געווען קיין ענין פֿון אַ יחיד — אין פֿאַרשיידענע ערטער אין רוסלאַנד האָבן אידישע יונגעלייט זיך געראַנגלט און „געבראָכן די קעפּ" אין געראַנגל מיט די אָנגענומענע אָנשויאונגען. נחום שטיף איז אייגנטלעך געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשאַפֿן די עקאָנאָמישע באַגרינדונג פֿון דעם ציוניזם. אַ צווייטער איז געווען — יעקב לעשצינסקי. עס זיינען געווען פֿאַרשיידענע מענטשן, וואָס האָבן פֿון דער נייער געדאַנקען־וועלט אַרויס געזוכט אַ נייע באַגרינדונג פֿאַר דעם ציוניזם.

ד

איך בין דעמאָלט געווען בערך פֿערצן יאָר אַלט. איך האָב זיך געדאַרפֿט גרייטן צו דעם גימנאַזיע־עקזאַמען, אָבער אָנשטאָט זיך צו גרייטן צו דעם עקזאַמען, האָב איך זיך פֿאַרנומען מיט „טעאָריעס". צום סוף האָב איך ביי זיך באַשלאָסן, אַז אָט האָב איך שוין די שטאַרקסטע באַגרינדונג פֿאַר דער ציוניסטישער אידעע. אין יענער צייט בין איך קראַנק געוואָרן, און ווען איך בין געקומען צוריק אַהיים האָב איך געוואָלט דערציילן די ערשטע חברים פּועלי־ציון, אַז איך האָב אַנטדעקט אויסערגעוויינלעך וויכטיקע „אַרגומענטן". איך האָב אַרום זיך צונויפֿגעזאַמלט אַ צוואַנציק־פֿינף־און־צוואַנציק מאַן, מיינע נאָענטסטע חברים. מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער פּאַדלאָגע, און איך האָב צו זיי גערעדט אַ שעה אָדער צוויי. איך האָב גערעדט מיט אַ סך געפֿיל און אַ סך „למדנות", וואָרעם איך האָב זיי דאָך געדאַרפֿט דערקלערן היסטאָרישע באַגריפֿן; אַז איך האָב פֿאַרענדיקט האָט אין צימער געהערשט אַ פֿולשטענדיקע שטילקייט. אמת,

איך בין טאַקע ניט געװען געװאױנט צו קײן אַפּלאָדיסמענטן; אָבער אַט די שטילקײט האָט מיך פֿונדעסטװעגן באַזאָרגט. אַז מיר זײַנען אַרױס־געגאַנגען, האָב איך געפֿרעגט אַ גאָר נאָענטן חבר, װאָס איז געװען צװײ מאָל אַזױ אַלט װי איך: נו, װאָס זאָגסטו? האָט ער געענטפֿערט: איך װעל דיר זאָגן דעם אמת, איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען קײן אײן װאָרט...

אין יענעם מאָמענט איז דאָס פֿאַר מיר, פֿון שטאַנדפּונקט פֿון מײן ציוניסטישן געדאַנקען־גאַנג, געװען אַ גרױסער נצחון. אָבער דער נצחון האָט לאַנג ניט געדױערט. װאָרעם אַ קורצע צײַט נאָך דעם האָב איך זיך שױן ניט געקענט באַגנוגענען מיט דער טעאָרעטישער באַגרינדונג פֿון דעם ציוניזם — איך האָב אין דעם ציוניזם געזוכט עפּעס ערנסטעס; אַן ענטפֿער אױף זײער ערנסטע ענינים, אַ ממשותדיקע תּשובֿה אױף פֿראַגעס. װאָרעם די כּפֿירה האָט מיך אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן. איר װײסט, אַז דעמאָלט איז אָנגעגאַנגען אַ גרױסער װיכּוח צװישן הערצל און אחד־העם. און אײן מענטש, װעלכער איז פֿאַר מיר אין יענער צײַט געװען כּמעט דער סימבאָל פֿון אַ שטאַרקן ציוניסטישן געדאַנקען־גאַנג — אַ מענטש װאָס איז געװען פֿיל עלטער פֿון מיר און האָט באַזיצט אױסערגעװײנלעכע פֿעאיקײטן, אפֿשר דער ערשטער אין רוסלאַנד װאָס איז געגאַנגען אין אַן אוניװער־סיטעט שטודירן לאַנדװירטשאַפֿט בלױז צוליב ארץ־ישראל — האָט אין דער דאָזיקער גרױסער דיסקוסיע צװישן אחד־העם און דעם פּאָליטישן ציוניזם — אין זײַנעם אַ רעפֿעראַט אַרױסגעזאָגט געדאַנקען װאָס דער גרעסטער טײל פֿון עולם האָט אפֿשר נישט געכאַפּט, אָבער איך האָב אין זײ געשפּירט אַ מוראדיקע כּפֿירה. פֿון יענער אחד־העמיסטישער באַגרינ־דונג פֿון דעם ציוניזם האָב איך פּלוצלונג אַרױסגעהערט די זיכערקײט, אַז דער ציוניזם לײזט נישט די אידן־פֿראַגע. דער רעדנער האָט אפֿשר אַלײן נישט געװאוסט, אַז דאָס איז כּפֿירה — אָבער פֿאַר מיר איז דאָס געװען אַ זײער גרױסער נסיון. איך האָב זיך אָנגעהױבן פֿרעגן קודם־כּל, צי דער ציוניזם לײזט יאָ אָדער לײזט ניט די אידן־פֿראַגע. צװײטנס, אױב ער לײזט ניט די אידן־פֿראַגע — צי קען איך װײטער בלײַבן אַ ציוניסט אָדער ניט? איך װעל ניט דערצײלן װאָס דער דאָזיקער ענין איז פֿאַר מיר געװען. אײגנטלעך האָב איך זינט דעמאָלט, פֿון מײן פֿופֿצנטן יאָר אָן, זיך גע־װאָרפֿן אין כּף־הקלע פֿון אומאױפֿהערלעכע אינערלעכע ראַנגלענישן צו געפֿינען אַ באַרעכטיקונג פֿאַרן ציוניזם, און ממילא, פֿאַרשטײט זיך, דעם אידנטום און אַלע פֿראַגעס װאָס זײַנען דערמיט פֿאַרבונדן. כּמעט יעדן האַלבן יאָר האָב איך געביטן מײן געזעלשאַפֿט — אָדער, אױב איר װילט, מײן פּאַרטײ — די קרײַזן װאו איך האָב פֿאַרקערט. ס'איז דערגאַנגען אַזױ װײַט, אַז אײן מענטש, װעלכן איך האָב באַטראַכט פֿאַר מײן לערער אין

ציוניסטישע ענינים, און ער האָט מיך מסתמא אויך באַטראַכט פֿאַר זיין תּלמיד, האָט זיך נוהג געווען מיך מיט שפּאָט צו פֿרעגן, בעת מיר פֿלעגן זיך באַגעגענען: „נו, אין וועלכן מנין דאַוונסטו היינט?" אַלע האָבן דאָס באַטראַכט פֿאַר אַ מין אויסערגעוויינלעכער לייכטזיניקייט — אַ מין לויפֿן נאָך יעדן נייעם געדאַנק, נאָך יעדער נייער „מאָדע". און איך האָב זיך אפֿשר אַליין געשעמט דערפֿאַר, אָבער מיין אומרו וועגן דעם ענין איז משמעות געווען שטאַרקער פֿון דעם ווילן צו געפֿעלן פֿירער אָדער לערער.

און אָט אין די דאָזיקע זוכענישן האָב איך געהאַט זייער אַ משונהדיקע איבערלעבונג. אַרום אַ יאָר פֿאַר אוגאַנדע (איך בין דעמאָלט געווען פֿופֿצן יאָר אַלט) בין איך אין דער דאָזיקער טעאָרעטישער פּראָבלעמאַטיק אַרום דער פֿראַגע, וואָס איז נאָך אַלעמען דער ציוניזם, צי איז דאָס ווי אחד־העם זאָגט, בלויז אַ גייסטיקער אידישער צענטער, און אונטער דער השפּעה פֿון די אַנשויאונגען וואָס האָבן בכלל דעמאָלט געהערשט אַרום מיר, פּאָזיטיוויסטישע און מאַרקסיסטישע אַנשויאונגען, דערגאַנגען צו דעם געדאַנק, אַז מען דאַרף דעם ציוניזם איינטיילן אין צוויי טיילן. ס'איז פֿאַראַן דער ענין ארץ־ישראל, אַ ראָמאַנטיש היסטאָרישער ענין: די אידן זיינען צוגעבונדן צו אַן אַלטער קולטור און זיי קענען זיך מיט איר נישט שיידן; און עס איז פֿאַראַן די זייער ערנסטע פּראָבלעם פֿון דער לייזונג פֿון דער אידן־פֿראַגע — די פּראָבלעם פֿון אַ טעריטאָריע. אפֿשר דאַרף מען די צוויי ענינים פֿונאַנדערטיילן.

מיין גרויסער גליק איז געווען וואָס דער דאָזיקער געדאַנק איז צו מיר געקומען נים נאָך אוגאַנדע, נאָר אַ יאָר פֿאַר אוגאַנדע. אין דער צייט פֿון אוגאַנדע האָב איך שוין באַוויזן צו מאַכן אַ נייעם שפּרונג. די פֿראַגע פֿון טעריטאָריאַליזם האָט מיך באַשעפֿטיקט אויף אַן אַבסטראַקט־טעאָרעטישן אופֿן, אָבער ווען דער ענין איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַוועגונג — און אין דעם מאָמענט ווייס איך ניט ווי אַזוי עס איז געשען — האָט מיך דער ענין אוגאַנדע שוין געפֿונען אין אַ תּקופֿה פֿון אַנטוישונג אין דער טעריטאָריאַליסטישער אידעע, ניט אַזוי דערפֿאַר (דעם אמת געזאָגט) וואָס איך האָב אַזוי הויך געשאַצט דעם ארץ־ישׂראל־מאָמענט, ווי צוליב דער דערקענטעניש פֿון דער שוואַכקייט פֿון פֿאָלק. איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס אידישע פֿאָלק וועט בשום אופֿן אין זיך ניט קענען מאָביליזירן די כּוחות וואָס זיינען נויטיק כּדי אויפֿצובויען אַ אידן־שטאַט — אויב ער וועט נישט אויסנוצן אַלע רעזערוון פֿון זיין קולטור און זיין טראַדיציע. אָן דעם וועט ער גאָרניט באַוויזן צו בויען. און דערפֿאַר, אַז עס איז געקומען דער ענין אוגאַנדע, האָב איך אים ניט אויפֿגענומען מיט דעם כּעס פֿון אַ „ציוני־ציון", איך האָב דעם ענין באַגעגנט

מיט אַ גרויסן סקעפּטיציזם, מיטן צווייפל צי דאָס איז טאַקע אַן אויס־וועג. וואָרעם איך מוז זאָגן דעם אמת: דער ענין איז מיר געווען זייער נאָענט צום האַרצן, וואָרעם די זאָרג פאַר אונזער לאַגע, דער ווילן צו ברענגען אידן די גאולה, צו ראַטעווען די אידן פון גלות — דאָס אַלץ איז פאַר מיר געווען דער עיקר העיקרים. דער ווילן וואָס איז געווען ביי די טעריטאָריאַליסטן איז ביי מיר ניט געווען פסול, ווי ביי די חובבי ציון — אָבער איך בין געווען איבערצייגט, אַז דערפון וועט גאָרניט אַרויסקומען, אַז דער ענין וועט ניט אויפוועקן דאָס פאָלק.

ה

אין יענער צייט האָב איך אייגנטלעך געזאָלט פאָרן קיין אויסלאַנד — כדי אַריינצוטרעטן אין אוניווערסיטעט און אויך אין פאַרבינדונג מיט עפּעס אַ ציוניסטישן פּלאַן. אָבער אין רוסלאַנד האָט דעמאָלט אויסגע־בראָכן די רעוואָלוציע פון יאָר 1905. איך וועל אייך ניט דערציילן וועגן פאַרשיידענע ענינים — קישינעוו און האָמעל — וואָס האָבן אַ רייך־פערזענלעכן ווערט. דעם 9טן יאַנואַר, 1905, איז פאָרגעקומען דער ערשטער פאַרזוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע. יענעם טאָג זיינען מיר, איך און יצחק טאַבענקין, אַרומגעגאַנגען איבער די וואַרשעווער גאַסן, איבער יענער גאַס וואו עס איז פאָרגעקומען אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע (טאַבענקין איז דעמאָלט געווען אַן אויסגעשפּראָכענער „ציוני־ציון”. איך האָב אים אַביסל געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם דאָזיקן קרייז, וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט פון די אוגאַנדיסטן). אין דער דאָזיקער דעמאָנסטראַציע זיינען פיל מענטשן גע־פאַלן אין גאַס. איך בין דעמאָלט געווען אויפן וועג קיין ציריך, וואו איך האָב געזאָלט שטודירן, אָבער דאָס וואָס עס איז פאָרגעקומען פאַר מיינע אויגן האָט מיך אַזוי אויפגעטרייסלט, אַז איך האָב צו זיך געזאָגט: איצט איז ניט די צייט צו לערנען — איצט דאַרף איך דערפילן מיין פליכט.

ווי אַזוי האָב איך פאַרשטאַנען די דאָזיקע פליכט? דאָס איז אויך געווען אַ ביסל אַ משונהדיקע זאַך. אין יענער צייט האָבן די קרייזן פון די פועלי־ציון, אין זייערע פאַרשיידענע נוסחאות, געמאַכט אַ פאַרזוך צו גרינדן אַ פאַראייניקטע גרויסע פאַרטיי, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פאַרטיי (ס. ס.). די מערסטע פון זיי זיינען געווען אויסגעשפּראָכן טעריטאָריאַליסטיש געגויגט; אַ טייל זיינען שוין געווען זייער עקסטרעם־אידישיסטיש. איך בין געווען זייער נאָענט צו אידיש. איך האָב הויך געשעצט אידיש ווי אַ פּאָזיטיוון פאַקטאָר אין לעבן פון פאָלק. אָבער נאָך דעם 9טן יאַנואַר, בעת איך האָב באַשלאָסן, אַז איך שטעל זיך אין גאַנצן אין דינסט פון דער רוסישער רעוואָלוציע, האָב איך

געשריבן אַ בריוו צו מיינע חברים אין דער דאָזיקער פּאַרטיי, אין וועלכן איך האָב געזאָגט, אַז איך בין גרייט זיך אָנצושליסן אָן זיי — אָבער דעם בריוו האָב איך געשריבן אויף העברעאיש. איך האָב געשריבן, אַז איך גלויב אין ארץ־ישראל, אָבער די דאָזיקע פֿראַגע וועט נאָך — קלאָר ווערן; אָבער „אין גייסט בין איך מיט אייך" — בנוגע דער אידן־פֿראַגע, בנוגע ראַטעווען אידן, און באַציאונג צו דער רוסישער רעוואָלוציע.

דאָס איז געווען אַ ביסל אַ משונהדיקער דאָקומענט — אפֿשר דער איינציקער דאָקומענט אין דער געשיכטע פֿון דער דאָזיקער פּאַרטיי, וואָס איז געווען העברעאיש און ארץ־ישראלדיק. בכלל איז די דאָזיקע פּאַרטיי, אַן אייגנאַרטיקע אידישע פּאַרטיי, אפֿשר די סאַמע טראַגישסטע אין דער געשיכטע פֿון די לעצטע דורות. לויט איר גאַנצן גייסט, איז דאָס געווען אַ חלוצישע פּאַרטיי -- זי האָט געגלויבט אין יציאת הגלות, זי האָט בכל תוקף קריטיקירט די אידישע עקאָנאָמיק, זי האָט געפֿאָדערט אַז אידן זאָלן איבערגיין צו אַרבעט; עס זיינען אין איר געווען קרייזן וואָס האָבן געכאָוועט די קאָלעקטיוויסטישע אידעע. טויזנטער אידישע פּיאָנערן זיינען דערצויגן געוואָרן אין דער דאָזיקער פּאַרטיי, אָבער זי איז אין גאַנצן געגאַנגען לאיבוד. זי האָט ניט געהאַט קיין שום ממשותדיקן אָנהאַלט. ס. ס. האָט זיך אָרגאַניזירט ווי אַ זעלבסטשטענדיקע פּאַרטיי בערך אין יאָר 1905. דאָס איז געווען אַ שטורעמדיקע תקופֿה — דער הויך־פּונקט פֿון אַ גרויסן רעוואָלוציאָנערן דראַנג, פֿון דער זעלבסטשוץ. נאָך דעם זעקסטן קאָנגרעס האָט זי פֿאַרלאָזן דעם ציוניסטישן קאָנגרעס — און זינט דעמאָלט האָט זי זיך אָנגעהויבן קייקלען באַרג־אַראָפּ. נאָך דעם איז געקומען — דאָס צופּאַסן זיך צו אַנדערע פּאַרטייען. איר גרויסע בלי־צייט האָט אפֿשר געדויערט ניט מער ווי אַ יאָר־צוויי, ניט מער. די דאָזיקע באַוועגונג האָט שפּעטער געגעבן פֿיל מענטשן דער יעווסעקציע. דאָס איז געווען אַ באַוועגונג וואָס האָט זייער ערנסט קאָנקורירט מיטן „בונד" אָבער זי און אירע פֿירער האָבן אין משך פֿון אַ קורצער צייט פֿאַרלאָרן דעם גלויבן — ניט נאָר אין דעם ציוניזם. אַגב, אין דער דאָזיקער פּאַרטיי זיינען געווען דריי חברים, וואָס האָבן זיך דערקלערט אַלס „פּאַלעסטינצעס". אויף צוויי פֿון זיי האָט מען געלייגט גרויסע האָפֿענונגען. איך דערמאָן זיך, אַז טאַבענקין האָט זיך מיט מיר באַראַטן, ווי אַזוי צו ברענגען איינעם פֿון זיי קיין וואַרשע. איינער פֿון זיי האָט אָנגעשריבן די שענסטע בראָשור וועגן דעם אידישן נאַציאָנאַל־פֿאָנד.* פֿון די דריי בין איך אַליין געקומען

---

* שמעון דאָבין (שמעוני), איינער פֿון די פּיאָנערן פֿון סאָציאַליסטישן ציוניזם, שפּעטער איינער פֿון די גרינדער פֿון די „סיימיסטן". געשטאָרבן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד ווי אַ סימפּאַטיקער מיטן קאָמוניזם.

קיין ארץ־ישראל. די אַנדערע צוויי זיינען ניט נאָר ניט דערגאַנגען קיין ארץ־ישראל, נאָר זיי זיינען ווייטער געגאַנגען צוזאַמען מיט דער גאַנצער באַוועגונג — ביז צו דעם קאָמוניזם.

צווישן מיר און דער דאָזיקער פּאַרטיי זיינען בכלל געווען אַ סך חילוקי־דעות. איך האָב דאָרטן ניט מאריך ימים געווען. אייגנטלעך האָט מיין מיטגלידערשאַפֿט אין דער דאָזיקער פּאַרטיי געדויערט אפֿשר אַ האַלב יאָר, ניט מער. די חילוקי־דעות צווישן אונז זיינען געווען אויף פֿאַרשיידענע שטחים. ס'איז געווען איין שטח, וועגן וועלכן עס איז איצט אַפֿילו שווער צו דערציילן. איך האָב געהאַלטן, אַז זעלבסטשוץ איז נישט גענוג, און מיר זיינען דאָך אַלע געווען זעלבסטשוץ־מענטשן. בעת איך בין געווען זיבעצן יאָר אַלט, בין איך בייגעווען דעם פּאָגראָם אין סמילע, און מיין אויפֿגאַבע איז געווען צו ברענגען געווער אין דער דאָזיקער סביבה. אָבער דער אמת איז, אַז איך האָב זיך ניט אין גאַנצן באַגנוגנט מיט דער זעלבסטשוץ. איך האָב געגלויבט, אַז די אידן דאַרפֿן טאָן וואָס די עס־ערן האָבן געטאָן לגבי דער רוסישער רעגירונג — זיי דאַרפֿן ענטפֿערן מיט נקמה־אַקטן. עס זיינען געווען עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן אַזוי געהאַלטן, וואָס זיינען געווען זייער באַגייסטערט פֿאַר דעם דאָזיקן געדאַנק. אָבער די גרויסע מערהייט, וואָס איז דעמאָלט געשטאַנען אונטערן שטאַרקן איינפֿלוס פֿון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, איז געווען קעגן. אַזוי ווייט, אַז איין מאָל איז פֿאָרגעקומען אַ פּאַרטיי־קאָנפֿערענץ, צו וועלכער מען האָט געדאַרפֿט שיקן אַ דעלעגאַט.* איך האָב געהאַט אַ חבר (דאָס איז געווען אין דעם פּלאַץ וואו איך האָב דעמאָלט געאַרבעט) — אַ זייער טייערער און איבערגעגעבענער אַרבעטער, איינער פֿון די וויכטיקסטע סאָציאַליסטישע טוער, וועלכער האָט מיט יאָרן שפּעטער עולה געווען קיין ארץ־ישראל — ער האָט זיך באַזעצט אין בן־שמן. ער האָט מיר דעמאָלט געזאָגט: דו ווייסט פֿאַרוואָס מיר קענען דיך ניט שיקן צום צוזאַמענפֿאָר? — צוליב אַ פּשוטן טעם: מיט דיר זיינען מיר קיין מאָל ניט זיכער. מיר ווייסן קיין מאָל ניט וואָס דו וועסט זאָגן. יעדער איינער וואָס וועט פֿאָרן, וועט טאָן דאָס וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט וועט הייסן — מיט דיר זיינען מיר ניט זיכער. דאָס איז געווען איין מיינונגס־פֿאַרשיידנהייט. אַ צווייטע מיינונגס־פֿאַרשיידנהייט איז געווען דאָס, וואָס איך האָב ניט געגלויבט אין טעריטאָריאַליזם. איך האָב די דאָזיקע פּאַרטיי געשטעלט אין זייער אַ גרויסער פֿאַרלעגנהייט בנוגע דעם דאָזיקן ענין (איך בין דעמאָלט געווען זעכצן יאָר אַלט), בעת איך האָב, בשעת אַ גרוי־

---

* דער האָמלער צוזאַמענפֿאָר (יאַנואַר 1906).

סער דיסקוסיע, אַנשטאָט צו פֿאַרטיידיקן דעם שטאַנדפּונקט פֿון מיין פּאַר־טיי, פֿאַרטיידיקט מיין אייגענעם ארץ־ישראלדיקן איינשטעל. מען האָט גע־דאַרפֿט ברענגען איינעם פֿון די גרויסע פֿירער כּדי מתקן צו זיין דעם שלעכטן איינדרוק וואָס איך האָב איבערגעלאָזן... און מען דאַרף זאָגן דעם אמת: צווישן מיר און דעם דאָזיקן קרייז זיינען געווען אויסער־געוויינלעכע מענטשלעכע באַציאונגען. מיר האָבן זיך איינער דעם אַנדערן שטאַרק ליב געהאַט. און ווען איינער פֿון אונז האָט אָנגעהויבן אַנטוישט צו ווערן אָדער צו צווייפֿלען — האָט דאָס אַלעמען באַרירט. פֿאַר מיר, וואָס האָט בכלל דורכגעמאַכט פֿאַרשיידענע קריזיסן — כּלערליי נאָענטע חברים און לערער מיינע האָבן פֿאַרלאָזן דעם ציוניזם — איז יעדער פֿאַל פֿון דעם מין געווען אַ שווערע איבערלעבונג.

אַז די פֿירערשאַפֿט פֿון דער פּאַרטיי האָט זיך דערוואוסט, אַז ערגעץ וואו זיצט אַ יונגערמאַן וואָס מען זאָגט אויף אים, אַז ער ווערט אַלץ מער אַן „אַפּיקורס" — איז צו מיר ספּעציעל געשיקט געוואָרן אַ חבר, אַ מאַן פֿון בערך אַ יאָר דרייסיק, וואָס איז אין יענער צייט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ גרויסער געלערנטער, אפֿשר דער וויכטיקסטער מאַרקסיסט וואָס די פּאַרטיי האָט געהאַט, כּדי מיך מחזיר למוטב זיין.* ער איז צו מיר גע־קומען און איז מיט מיר געזעסן גאַנצע זעקס טעג אויפֿן דיל ביי מיר אין צימער. ער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער מענטש, מיט זייער אַ שאַרפֿן קאָפּ. דער דאָזיקער מענטש האָט געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אין מיין לעבן. ער איז אויך געווען אַן עקסטרעמער טעריטאָריאַליסט, אָבער ער איז געקומען צום געדאַנק, אַז דעם טעריטאָריאַליזם קען מען פֿאַרווירקלעכן בלויז מיט איין תּנאַי — אַז די קאָלאָניזאַציע זאָל זיין אַ סאָציאַליסטישע. דאָס איז ניט געווען די שטעלונג פֿון דער פּאַרטיי, וואָרעם די „גדולים" פֿון דער פּאַרטיי האָבן דעם ענין סאָציאַליסטישע קאָלאָניזאַציע באַטראַכט פֿאַר אַ משוגעדיקן ענין. זיי איז קלאָר געווען, אַז כּל־זמן עס וועט ניט קומען די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז בכלל ניטאָ וואָס צו טאָן. ער האָט דאָס געלייקנט. ער איז, אגב, ניט געווען דער פֿאָטער פֿון דער דאָזיקער אידעע — דער פֿאָטער פֿון דער אידעע פֿון דער סאָציאַליסטישער קאָלאָניזאַציע איז אייגנטלעך געווען נחמן סירקין. אָבער נחמן סירקין איז בכלל געווען פּסול אין דער דאָזיקער פּאַרטיי. ער איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אוטאָפּיסט (בכלל זיינען אַלע זיינע אָנ־שויאונגען וועגן אַקטועלע פֿראַגן ניט געגאַנגען מיטן שטראָם; ער איז געווען אין גאַנצן אַן איינזאַמער מענטש). אויך דער דאָזיקער חבר וועל־

* יוסף לעשצינסקי (יוסף דער ווייסער).

כער איז, װאָס שײך זײן מאַרקסיסטישער װעלט־אַנשױאונג, געװען אַ פֿולשטענדיק כּשרער מענטש, האָט געהאַט אַזאַ אידעע. אָבער דאָס איז געװען די מײנונג פֿון אַ יחיד. אַגב, דער גורל פֿון דעם דאָזיקן מענטש איז געװען זײער אַ טראַגישער. ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך כּדי צו באַ־גרינדן די דאָזיקע אידעע. דאָס בוך איז געװען אין גאַנצן גרײט. עס האָט געפֿעלט בלױז דאָס לעצטע קאַפּיטל. אָבער אין יענער צײט איז געשען אַ שװערער ענין אין זײן פֿאַמיליע־לעבן און דער מענטש איז אַראָפּ פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אַרענע און איז פֿאַרשװאונדן געװאָרן; דאָס בוך איז ניט פֿאַרעפֿנטלעכט געװאָרן ביזן הײנטיקן טאָג. עס איז מעגלעך, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט מיר פֿונדעסטװעגן שפּעטער געהאָלפֿן און אפֿשר האָב איך אױסגעאיבט אױף אים אַ געװיסע השפּעה. אָבער זינט דעמאָלט האָבן מיר זיך מער נישט באַגעגנט.

ו

איך װעל אײַך ניט דערצײלן װי אַזױ איך האָב געװאַנדערט פֿון אײן פּאַרטײ צו דער צװײטער. עטלעכע מאָמענטן האָבן געשפּילט אַן אַנט־שײדנדיקע ראָלע אין מײן באַציאונג צו באַװעגונגען און מענטשן. איך װעל אײַך געבן צװײ קלײנע בײשפּילן. אױף אײנער פֿון די דאָזיקע װאַנ־דערונגען, בעת איך האָב פֿאַרלאָזן די דאָזיקע פּאַרטײ (ס.ס.) און זיך אָנגעשלאָסן אין אַן אַנדער גרופּע, די „װאָזראָזשעניע", בין איך געפֿאָרן אין אַ גרױסער שטאָט אין דרום־רוסלאַנד (דאָס איז געװען נאָך דער באַרימטער דעצעמבער־שחיטה), און דאָרטן האָב איך זיך אין גאַנצן אַרײַנגעטאָן אין דער אַרבעטער־באַװעגונג — צװישן רוסישע און אידי־שע מאַסן. איך האָב זיך גוט צוגעקוקט צו דער דאָזיקער נײער פּאַרטײ, װאָס איז באַשטאַנען פֿון אַ גרופּע ערנסטע מענטשן, אײגנאַרטיקע, מיט גרױסער בילדונג, מיט גרױסן פֿאַרנעם, מענטשן מיט אַ שאַרפֿן קריטישן בליק. איך האָב זײ צוגערעדט, אַז זײ זאָלן אױפֿהערן זײן אַ פּאַרטײ, אַז זײ זאָלן שאַפֿן אַ פֿרײען קרײז מענטשן װאָס גיבן זיך אָפּ בלױז מיט דער קריטיק פֿון עקזיסטירנדיקן. אָבער זײ האָבן ניט מסכּים געװען. איך האָב די דאָזיקע מענטשן זײער הױך געשעצט און ליב געהאַט, אָבער בלױז אײנער פֿון זײ האָט אױף מיר געהאַט אַ השפּעה. איך פֿלעג צו זײ קומען פֿון די אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונגען און זײ דערצײלן װאָס עס טוט זיך דאָרט. איך האָב זײ געזאָגט, אַז די אַרבעט װערט געפֿירט זײער שלעכט. איך האָב זײ דערצײלט װי אַזױ מען פֿאַרלוימדט, װי אַזױ מען פֿירט פּראָפּאַגאַנדע, װי אַזױ מען דיסקוטירט מיט אַנדערע פּאַרטײען. צום בײַ־שפּיל: איך האָב דערצײלט װי אַזױ מען פֿאַרלוימדט דעם „בונד". איך

האָב געזאָגט: דאָס איז נישט אַנשטענדיק, ניט אַזוי דאַרף מען קריטי־קירן דעם „בונד". האָט מיר געענטפֿערט יענער מענטש, וואָס זיין גאַנצע ליטעראַרישע אַרבעט איז געווען געבויט אויף אַ זייער הומאַניסטישן סאָציאַליזם: „איר קריטיקירט אונז פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דעם העכערן יושר...?" דער דאָזיקער מענטש האָט כסדר געשריבן וועגן דעם „העכערן יושר". איך האָב אין דער דאָזיקער פֿראַגע, וואָס ער האָט מיר געשטעלט, מסתמא אויס פֿריינטשאַפֿט פֿאַר אַ נאַרישן יונגנמאַן, געזען דעם שאַרפֿן אונטערשייד צווישן פּאָליטישן יושר, אַ רעאַליסטישן צוגאַנג און דעם העכערן יושר. עד היום האָב איך ליב דעם דאָזיקן מענטשן, אָבער דאָס וואָס ער האָט מיר געזאָגט האָט מיר קלאָר געמאַכט די סתירה צווישן פּאָליטישער פֿירערשאַפֿט און דעקלאַראַציעס און אידעען. און איך האָב דעם מענטשן אויך אָנגעהויבן צו זען פֿון פֿאַרשיידענע צדדים. דערמיט האָט זיך, אין אַ געוויסן זינען, איבערגעריסן מיין פֿאַרבינדונג מיט דער דאָזיקער באַוועגונג. דאָס האָט פֿאַר מיר געענדיקט אַ קאַפּיטל פֿון מיין לעבן.

פֿון דאָרטן בין איך געפֿאָרן קיין ווילנע. ווילנע איז דעמאָלט געווען אַ זייער גרויסער און וויכטיקער פּונקט — דאָרטן האָבן זיך קאָנצענטרירט די העברעאישע שריפֿטשטעלער, דאָרטן האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע פּאַרטייען. איך בין דעמאָלט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ מענטש מיט אַ הויכער פּאָזיציע אין דער פּאַרטיי. דאָרטן איז געווען אַ קרייז וואָס איז מיר געווען זייער ליב און טייער. אין יענער צייט (1905) האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אָוועקגיין פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור. מען האָט זיך אין גאַנצן מיאש געווען פֿון העברעאיש, העברעאישע ביכער האָבן אויפֿגעהערט דערשיינען. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דער קורץ־דויערנ־דיקער און שיינער אויפֿבלי פֿון דער אידישער ליטעראַטור. כּמעט אַלע יונגע העברעאישע שרייבער זיינען אין יענער צייט אַריבערגעגאַנגען צו אידיש (ווי פּרץ הירשביין), אָדער זיך געקליבן אַריבערצוגיין צו אידיש. און פּונקט ווי איך בין געווען זייער סקעפּטיש בנוגע ציוניסטישע ענינים, אַזוי בין איך אויך געוואָרן פֿול מיט ספֿקות בנוגע העברעאיש, בנוגע דעם צי העברעאיש איז נאָך פֿעאיק צו שפּילן אַ ראָלע אין לעבן פֿון פֿאָלק. איך אַליין האָב ליב געהאַט אידיש און די אידישע ליטעראַטור. איך בין דעריין געווען זייער פֿאַרוואָרצלט. אָבער איך האָב ניט פֿאַרענדיקט דעם חשבון מיט העברעאיש. איך האָב ניט געוואָלט ענדיקן דעם חשבון מיט העברעאיש, כאָטש לאָגיש געזען, איז דער ענין געווען זייער אַ פּראָבלע־מאַטישער. אַזוי ווי ס'איז געווען לאָגיש צו זיין קעגן ארץ־ישראל (פֿאָרן קיין ארץ־ישראל האָט געהייסן — פֿאָרן אין דעם לאַנד פֿון אבד־על־האָמיד.

מיר, וואָס קעמפֿן דאָ קעגן דער מאָנאַרכיע, זאָלן פֿאָרן אין אַ מדינה וואו עס הערשט אבד־על־האָמיד ?!). האָט אויך בנוגע העברעאיש די לאָגיק געזאָגט, אַז די מאָסן דאַרפֿן קיין העברעאיש ניט האָבן. זיי האָבן ניט די מעגלעכקייט צו קענען און לערנען העברעאיש. אָבער איך האָב דעם דאָזיקן חשבון ניט געוואָלט פֿאַרענדיקן.

איך וואָלט אייך וועגן דעם דאָזיקן ענין געקענט פֿיל דערציילן — ווי אַזוי מען האָט פֿאַרלאָזט העברעאיש. אין יענעם קרייז פֿלעגן זיך באַגעגענען יונגע שרייבער, מענטשן וואָס זיינען געשטאַנען אין דער ערשטער שורה פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור אין אונזער צייט — און איך האָב זיך צוגעהערט צו זייערע שמועסן. אין יענער צייט איז פֿון לאָנדאָן געקומען אַ העפֿט „המעורר״. אין דעם דאָזיקן קרייז זיינען געזעסן מענטשן וואָס זיינען ברענערן געווען נאָענט. אָבער זיי האָבן אויך געמאַכט חוזק, און געזאָגט: זעט נאָר וואָס דער מענטש טוט, אַזאַ וויכטיקער מענטש ווי ברענער, אויף וואָס ער פֿאַרשווענדט זיך... און איך געדענק, ווי אַזוי די פּראָבלעם העברעאיש האָט זיך פֿאַר מיר אויסגעוועפּט אין דעם מאָמענט וואָס איך האָב געזען, מיט וואָס פֿאַר אַ לייכטקייט אַ גרופּע מענטשן, וואָס זיינען אַליין אויסגעוואַקסן אויף דער העברעאישער ליטעראַטור, זאָגן זיך אָפּ פֿון דעם דאָזיקן ענין. איך האָב פֿאַרלאָזן די דאָזיקע געזעלשאַפֿט און די דאָזיקע שטאָט און כ׳האָב צו זיך געזאָגט: פֿאַר מיר איז דער דאָזיקער ענין געענדיקט — געענדיקט פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון ניט שלום מאַכן מיטן מוותר זיין אויף העברעאיש.

מיינע חשבונות מיט העברעאיש זיינען בכלל געווען זייער משונה־דיקע און קאָמפּליצירטע — סיי צוליב די גרויסע ספֿקות בנוגע מיין צוקונפֿט ווי אַ איד, סיי צוליב דעם ווילן זיך בכלל אַרויסצולאָזן אין דער גרויסער וועלט און זיך דאָרטן אַריינטאָן אין „וועלט־ענינים״, אין דער רעוואָלוציע. דאָס איז געווען איין זייט פֿון דעם ענין. די אַנדערע זייט: ווען עס איז צו מיר, אַ פֿופֿצן־יאָריק אינגל, דערגאַנגען אַ בוך פֿון לאַווראָוו, דעם רוסישן פֿילאָזאָף און סאָציאַליסט, וועלכער איז אין זיין צייט געווען איינער פֿון די גרעסטע רוסישע דענקער, און האָט אויף מיר געמאַכט אַ גרויסן רושם, האָב איך, כאָטש איך האָב זיך דעמאָלט געפֿונען אין אַ רוסישער שטאָט צווישן אַסימילירטע אידן און אַ ביסל צווישן גויים (אין פֿאַרשיידענע צייטן האָב איך געלעבט צווישן גויים, אין סאָציאַ־ליסטישע קרייזן) — האָב איך זיך געזעצט און האָב פֿאַר זיך אַליין אָנגע־שריבן דעם תּמצית פֿון דעם בוך אויף העברעאיש. נאָכדעם, אַ געוויסע צייט שפּעטער, בעת איך האָב זיך געראַנגלט מיט עפּעס אַן ענין וואָס איך האָב דאָן שטודירט, האָב איך פֿאַר זיך אַליין ווידער געמאַכט אַ קיצור

פֿון דעם דאָזיקן בוך, ווידער אויף העברעאיש... אויך דאָס מאָל אָן קיין שום געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרבינדונגען, אָן קיין שום שייכות מיט גלויבן אין העברעאיש — בלויז צוליב דעם פּריוואַטן צובונד וואָס איך האָב געהאַט צו דער דאָזיקער שפּראַך.

פֿון שטאַנדפּונקט פֿון העברעאיש בין איך בכלל דעמאָלט, אין עלטער פֿון אַכצן יאָר, געוועזן אפֿשר איינער פֿון די זינדיקסטע מענטשן. איך האָב דעמאָלט זיך פֿאַרנומען מיט כּלערליי פּעדאַגאָגישע עקספּערימענטן. אין מיטן פֿון דער רעוואָלוציע האָב איך באַקומען אַ לערער־שטעלע אין אַ שול פֿון דער „חברה מפיצי השכּלה". איך האָב געדאַרפֿט לערנען העברעאישע און אידישע למודים מיט אָרעמע מיידלעך. אין יענער שולע האָב איך געהאַט זייער אַן ערנסטע איבערלעבונג. איך האָב געדאַרפֿט באַשליסן, וואָס איך זאָל מיט זיי לערנען אין אַזאַ קורצער צייט, און אַזוי ווי איך בין געווען יונג און אַ חצוף, האָב איך ביי זיך אָפּגעמאַכט: אויב איך וועל מיט זיי לערנען העברעאיש, וועלן זיי אפֿשר קענען דעם אַלף־בית, אָבער קיין אַנדער זאַך וועלן זיי זיך ניט אויסלערנען — איך דאַרף זיך זאָרגן דערפֿאַר, אַז זיי זאָלן צוגעבונדן ווערן צו אונזערע ענינים. האָב איך זיך גענומען דאָס רעכט, און אָנגעשטאַט מיט זיי צו לערנען העברעאיש, האָב איך מיט זיי געלערנט אידיש — אידישע געשיכטע און אויך אַ ביסל ליטעראַטור. די מיידעלעך זיינען מיר זייער ליב געוואָרן און האָבן זיך צו מיר צוגעבונדן. און דאָס האָט געמאַכט אַ רושם. עס איז מיר אויסגעקומען אַ ביסל צו קעמפֿן מיט די „רוסן" — מיט די אַסימילאַטאָרישע עלעמענטן. לויטן אַנגענומענעם שטייגער, האָט מען מיך געדאַרפֿט רופֿן מיט אַ רוסישן נאָמען, אָבער איך בין בכל תוקף באַ־שטאַנען דערויף אַז מען זאָל מיך רופֿן ביים אידישן נאָמען. און אַזוי בין איך געווען אַ לערער מיט אַזאַ מאָדנעם נאָמען ווי בערל...

אַ צייט שפּעטער האָב איך געדאַרפֿט שרייבן אַ רעפּאָרט וועגן מיין אַרבעט. דעמאָלט האָב איך געשריבן צוויי מעמאָראַנדומס: איין מעמאָ־ראַנדום וועגן דעם ווי אַזוי איך לערן אידישע געשיכטע; און אַ צווייטן מעמאָראַנדום — פֿאַרוואָס איך האַלט, אַז אין פֿאָלקס־שולן פֿון דעם טיפּ איז ניטאָ קיין האָפֿענונג, אַז די תּלמידים זאָלן באַקומען אַ ידיעה אין העברעאיש, און וואָס מען דאַרף אָנשטאָט דעם טאָן. דאָס איז פֿון מיין צד געווען אַ מעשׂה נערות. אָבער די פֿאַרוואַלטונג פֿון דער שול האָט דעם מעמאָראַנדום געשיקט צו דער „חברה מפיצי השכּלה", און ער איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין איר פּעדאַגאָגישער מאָנאַט־שריפֿט. עס איז דעמאָלט געווען אַ מענטש, אַ גרויסע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט זיך אויך פֿיל געראַנגלט מיט דער קולטור־ און שפּראַך־פֿראַגע, און ווען ער האָט

דערהערט, אַז עס איז פֿאַראַן עפּעס אַ יונגערמאַן, אַ מין לערער, װאָס האָט אויך אינטערעסאַנטע געדאַנקען װעגן די דאָזיקע ענינים, איז ער געקומען זיך דורכרעדן מיט מיר. ער איז פֿון דער דאָזיקער באַגעגעניש אַװעק זייער אַ דערשלאָגענער, אָבער אויף העברעאיש האָט ער נאָך ניט מוותּר געװען.*

אין צװישן האָב איך באַקומען אַרבעט אין אַ פֿאָלקס־ביבליאָטעק, טאַקע אין דער זעלבער שטאָט. דעמאָלט איז צו מיר געקומען אַ צװייטער פּעדאַגאָג: אויך פֿון דער „חברה מפיצי השכלה", אַ באַרימטער בונדיסט.** ער האָט געזאָגט: איך האָב געהערט װעגן אייך, איך װייס װאָס איר טוט און איך פֿריי זיך אייך צו זען. מיר זיינען דאָך חברים לדעה. האָב איך אים געענטפֿערט: חלילה וחס, איך בין ניט אייער חבר. איר פֿרייט זיך מיט דעם אונטערגאַנג פֿון העברעאיש — און איך קלאָג דערויף.

די באַגעגעניש אין װילנע מיט דעם קרייז העברעאישע שרייבער און דער דאָזיקער שמועס מיט דעם בונדיסטישן לערער האָבן באַשטימט מיין גורל. אין יענעם טאָג איז געפֿאַסט געװאָרן מיין לעצטער באַשלוס — סיי װעגן העברעאיש און סיי װעגן ארץ־ישראל. איך זאָג עס נאָך אַמאָל: ניט אויס ציוניסטישן גלויבן, נאָר אויס באַליידיקונג, אויס עקשנות, אויס װידערװילן צו זיין אַ שותּף פֿון דעם דאָזיקן דור, װאָס האָט אַפֿילו ניט דעם כּוח צו שטאַרבן בכּבוד.

ז

בעת איך האָב אָנגענומען דעם לעצטן באַשלוס, בין איך אַלט געװען ניינצן יאָר. עס איז פֿאַר מיר געװען אַ געהיימער באַשלוס, װאָס אויסער אַ גאַר נאָענטן קרייז פֿון דריי, פֿיר מענטשן, האָט קיינער װעגן דעם גאָר־ניט געטאָרט װיסן — ניט מיין מוטער, ניט אַנדערע מענטשן, באַזונדערס ציוניסטן. דאָס איז געטאָן געװאָרן סיי אויס דער אַנטיפּאַטיע פֿון אַ רע־װאָלוציאָנער צו בורזשויען, סיי צוליב דעם װאָס דאָס איז פֿאַר מיר געװען אַזאַ האַרבער נסיון, אַז איך האָב װעגן דעם ניט געקענט עפֿנטלעך דערציילן.

צוזאַמען מיט מיין באַשלוס װעגן פֿאָרן קיין ארץ־ישראל, האָב איך אָנגענומען אַ צװייטן באַשלוס — אַז איך דאַרף זיך צופּאַסן צו פֿיזישער אַרבעט נאָך איידער איך בין עולה קיין ארץ־ישראל. דעמאָלט זיינען נאָך ניט געװען קיין קבוצי־הכשרה. אָבער איך האָב באַשלאָסן, אַז איך

---

* דער פּעדאַגאָג חיים פֿיאַלקאָװ.

** אַברהם סטראַשון.

דאַרף קיין ארץ־ישראל קומען אויסגעשטאַט מיט כּלערליי קענטעניש וואָס וועלן מיר געבן די מעגלעכקייט דאָרטן צו עקזיסטירן. און אַזוי האָט זיך ווידער אַמאָל אָנגעהויבן אַ קאַפּיטל גרויסע וואַנדערונגען, פון אָפּזונדערן זיך קודם־כּל פון פריינד און נאָענטע קרייזן און זוכן אַרבעטס־פּלעצער. איך וועל איצט ניט דערציילן וועגן די אַלע זעעלישע איבערלעבונגען, וואָס האָבן באַגלייט די דאָזיקע וואַנדערונגען. אָבער כּדי איר זאָלט בעסער פאַרשטיין יענעם דור, וועל איך אייך עפּעס דערציילן.

איך האָב פריער דערציילט, אַז איך האָב שטאַרק געחלומט וועגן אידישער נקמה אין דער צייט וואָס איך בין געווען נאָענט צו די ס. ס.־קרייזן — און אַפילו פריער (פנחס דאַשעווסקי, דער ערשטער אידישער טעראָריסט, וואָס האָט דורכגעפירט דעם אַטענטאַט אויף קרושעוואַנען, איז געווען אונזערער אַ נאָענטער חבר), און אָט בין איך געזעסן ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל אין וואַרשע און געחלומט וועגן דער דאָזיקער זאַך. און ווען דער ענין האָט מיך אָנגעהויבן שטאַרק מאַטערן, האָב איך זיך איין נאַכט אַריינגעזעצט אין אַ צוג, וואָס איז געגאַנגען פון וואַרשע קיין קיעוו. איך בין געפאָרן צו איינעם אַ מענטשן, וואָס דעמאָלט האָב איך געגלויבט, אַז ער קען פאַר אונז ווערן דאָס וואָס גערשוני איז געווען פאַר די רוסן.* דאָס איז געווען אַ גרויסער תּלמיד־חכם, אַ אידישער איד, אַזוי ווי מען שטעלט זיך פאָר מענדעלען, און צוזאַמען דערמיט אַ גרויסער רעוואָלוציאָנער און שאַרפער קאָפּ. אויך אַ זייער מוטיקער מענטש. איך האָב צו זיך אַליין געזאָגט: דאָס דאַרף זיין דער מענטש, וואָס וועט שטיין בראש פון דער באַוועגונג פון דעם אידישן פאָלק. און אָט פאָר איך אים זוכן אין קיעוו. ווי אַזוי געפינט מען אים? דאָס איז נישט אַזוי פשוט. ענדלעך האָב איך געפונען זיין דירה, אָבער דאָרטן האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער איז נישט אין שטאָט. אַנשטאָט אים האָב איך דאָרטן געפונען אַן אַנדער בחור, וואָס איז אויך געקומען נעכטיקן אין יענער דירה. און מיט אָט דעם בחור, מיט וועמען איך האָב זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט יענעם אָוונט און וואָס זיין נאָמען האָב איך ניט געוואוסט, האָב איך גערעדט אַ גאַנצע נאַכט, ביז פאַרטאָג. פאַרשטייט זיך, אַז ניט וועגן מיין רייזע קיין ארץ־ישראל — דאָס איז דאָך געווען אַ געהיימער ענין. וועגן וואָס האָב איך מיט אים יאָ גערעדט? איך געדענק נאָך ביז היינט יענעם שמועס.

---

* יהודה נאָוואַקאָווסקי (ירמיהו), איינער פון די פּיאָנערן פון סאָציאַליסטישן ציוניזם שפּעטער אַ „סיימיסט”. נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע — אַן אָנגעזעענער קאָמוניסט. געשטאָרבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

וואָס איז געווען די באַציאונג פֿון דעם דאָזיקן קרייז צו דעם ענין העברעאישע ליטעראַטור און אידישע קולטור בכלל? ווען מענטשן פֿלעגן זיך באַגעגענען האָבן זיי גערעדט וועגן פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע ענינים. דאָס איז געלעגן אויף דער אויבערפֿלאַך. אָבער די פּראָבלעמאַטיק, צום ביישפּיל, פֿון אידישער קולטור אָדער אידישער ליטעראַטור איז ניט געווען קיין טעמע פֿאַר אָפֿענע שמועסן. מען האָט געוואוסט, צום ביישפּיל, אַז לעשצינסקי קען גוט העברעאיש. מען האָט געוואוסט, אַז דער מענטש צו וועמען איך בין געפֿאָרן איז אַ תּלמיד־חכם, וואָס האָט סמיכה אויף רבנות. אָבער דאָס איז געווען אַ דורכאויס פּריוואַטער ענין — יעדער מענטש האָט זיך דאָך זיינעם אַ פּריוואַטן שגעון — אָבער ניט קיין ענין וועגן וועלכן מען שמועסט. דער ענין העברעאישע קולטור און ליטעראַטור איז באַגראָבן געוואָרן אונטער דער פּאָליטישער טערמינאָלאָגיע, און אַט איז אין צענטער פֿון דעם שמועס, וואָס איך האָב געפֿירט מיט דעם דאָזיקן בחור (אַ סטודענט וואָס איז געקומען פֿון דייטשלאַנד און איז געווען אַ תּלמיד פֿון נחמן סירקין און פֿראַנץ אָפּענהיימער), זיינען געשטאַנען צוויי פֿראַגעס. איין פֿראַגע — די פֿאַרווירקלעכונג פֿון ציוניזם. איך האָב דעמאָלט פֿון אים פֿיל געלערנט. קודם־כּל האָב איך געלערנט וואָס עס איז אַזוינס אָפּענהיימערס שיטה און וואָס נחמן סירקין שלאָגט פֿאָר. אָבער ער האָט פֿון מיר אויך געלערנט עפּעס וואָס איז געווען ניי און רעוואָלוציאָנער. די צווייטע פֿראַגע איז געווען: פֿאַרוואָס האָט אונזער דור, דער דאָזיקער אומגליקלעכער דור, ניט געפֿונען קיין שום אידעאישן, טעאָרעטישן און אויך ניט פּסיכאָלאָגיש־ליטעראַרישן אויסדרוק? מיר האָבן דעמאָלט פֿיל גערעדט וועגן דעם ענין, און איך האָב דאַן צו אים אַ זאָג געטאָן: איר ווייסט, עס איז איצט פֿאַראַן אַ העברעאישער שרייבער וואָס האָט פֿאַר־עפֿנטלעכט צוויי ביכער, און איינס פֿון די צוויי ביכער איז דאָס בוך פֿון אונזער דור. אין דעם בוך האָט דער דור געפֿונען זיין אויסדרוק. מיין מיטשמועסער האָט מיר ניט געזאָגט, אַז ער קען העברעאיש. איך בין געווען זיכער, אַז ער קען ניט, וואָרעם דער אידיש וועלכן ער האָט גע־רעדט איז געווען אַ היפּש ביסל דייטשמעריש, און זיין פּסעוודאָנים איז אויך געווען אַ ריין דייטשער, אָבער איך האָב אים דערציילט דעם אינהאַלט פֿון דעם בוך „מסביב לנקודה". איך האָב אים דערציילט וועגן יוסף חיים ברענער און כ'האָב געזאָגט: דאָס איז דאָס בוך פֿון דור. איר ווייסט ווער יענער בחור איז געווען? דאָס איז געווען לאַצקי־בערטאָלדי.* דער דאָזיקער שמועס האָט אונז פֿאַרבונדן אויפֿן גאַנצן לעבן.

---

* וו. לאַצקי־בערטאָלדי, איינער פֿון די וויכטיקסטע טוער און אידעאָלאָגן פֿון דער ס. ס.־פּאַרטיי. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה — אַ פֿאָלקיסט אין לאַטוויע. שפּע־

איך געדענק איין מענטש, וואָס האָט אין אַ באַשטימטער צייט גע־שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין ציוניסטישן דענקען — אַ מענטש מיט גע־וואַלטיקע פֿעאיקייטן, אַ גרויסער תּלמיד־חכם, איינער פֿון די וואָס האָבן געשאַפֿן די מאָדערנע וויסנשאַפֿטלעכע באַגרינדונג פֿון דעם ציוניזם. נאָך דעם איז ער אויך אַוועק פֿון אונדז. ער איז איין מאָל געזעסן אין טורמע צוזאַמען מיט באָראָכאָוון. ער האָט דורכגעמאַכט פֿאַרשיידענע גילגולים: געווען אַ רעליגיעזער איד, נאָך דעם געוואָרן אַ קאָמוניסט, גע־שטאָרבן אין סאָוועט־רוסלאַנד. זיין נאָמען איז געווען נחום שטיף.* דער דאָזיקער מענטש איז געווען איינער פֿון די ווייניקע וואָס מיין קאָנטאַקט מיט אים איז געלעגן אויסער דעם שטח פֿון פּאָליטיק — ער איז אין גאַנצן געבויט געווען אויף אונזער באַציאונג צו דער העברעאישער ליטע־ראַטור. און איין מאָל, געדענק איך זייער גוט, בין איך אים געקומען זען, און געפֿונען אַ צימער פֿול מיט מענטשן וואָס זיינען מיר ניט געווען באַקאַנט. ער האָט מיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַר די אַנוועזנדיקע און געזאָגט: דאָ זיינען פֿאַראַן צוויי זייער משונהדיקע בחורים... די צוויי „משונהדיקע בחורים" זיינען געווען א. נ. גנעסין און ז. י. אנוכי.**

און אין אַן אַנדער קרייז, אַ קרייז פֿון אַסימילירטע אידישע עס־ערן, מיט וועלכע איך בין געווען נאָענט, האָט מען מיר איין מאָל געזאָגט: פֿאַר איך איז דאָ געווען אַן אַנדער מענטש, אַזעלכער ווי איר, וואָס האָט זיך אויך פֿאַרנומען מיט „די זאַכן"... דאָס איז געווען דער העברעאישער שריפֿטשטעלער בר־טוביה,*** וואָס האָט געלעבט אין אַן עס־ערישער פּאָ־ליטישער אַטמאָספֿער און האָט זיך גלייכצייטיק אַ ביסל באַשעפֿטיקט מיט העברעאישער ליטעראַטור. און איין מאָל האָט מיר עמעצער אין אַזאַ קרייז געזאָגט: איר ווייסט, דאָ איז געווען איינער אַ בחור וואָס האָט ביי מיר איבערגעלאָזט אַ כּתב־יד, איר קענט אים נעמען. דאָס איז געווען דער כּתב־יד פֿון דער דערציילונג „שמואל בן שמואל", איינע פֿון די ערשטע דערציילונגען פֿון א. נ. גנעסין.

טער צוריקגעקומען צום ציוניזם און פֿאַרבראַכט די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן אין ארץ־ישראל.

* נחום שטיף, פֿון די ערשטע פּיאָנערן פֿון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן געדאַנק. איינער פֿון די חשובסטע אידישע פֿילאָלאָגן. דורכגעמאַכט פֿיל גלגולים: פֿון אַרבעטער דורך אָרטאָדאָקסישער אידישקייט — ביז דער „יעווסעקציע".

** א. נ. גנעסין: יונג־פֿאַרשטאָרבענער העברעאישער דערציילער ז. י. אנכי, מחבר פֿון „ר' אבא" און אַנדערע דערציילונגען אויף אידיש און העברעאיש. איצט אין ארץ־ישראל.

*** בר־טוביה, פּסעוודאָנים פֿון אַנגעזעענעם העברעאישן פֿאָרשער און עסעאיסט, געשטאָרבן אין פֿראַנקרייך.

איך האָב בלויז געװאָלט דערציילן אין וואָס פֿאַר אַ גלות העברעאיש האָט זיך געפֿונען אין יענער צייט. זיך צו באַגעגענען מיט אַ מענטשן אין דער ראָם פֿון אַ בשותּפֿותדיקער באַוועגונג, אַפֿילו מיט אַ ציוניסט, און רעדן מיט אים וועגן גייסטיקע ענינים, וועגן אידישער געשיכטע אָדער אידישער קולטור — דאָס האָט אויסגעזען זייער משונהדיק. איר האָט אין ארץ־ישראל אפֿשר געקענט אַן אַלטן ציוניסט, דעם אַדוואָקאַט שמשון ראָזענבאַום.* ער איז אין זיין צייט אין רוסלאַנד געווען אַ גרויסער יו־ריסט, אַ זייער פֿאָלקסטימלעך געשטימטער מענטש אָבער געלעבט האָט ער אין גאַנצן ווי אַן אַסימילאַטאָר. עס איז געווען שווער זיך פֿאָרצושטעלן, אַז ער זאָל אַמאָל ווערן אַ פּאָליטישער ציוניסט — אַז ער זאָל פֿאָרן צו הערצלען, צום קאָנגרעס. איך ווייס נישט פֿאַרוואָס מיר פֿלעגן אַמאָל צוזאַמען אַרויסגיין שפּאַצירן אויסער דער שטאָט (איך בין דעמאָלט געווען פֿערצן יאָר אַלט) און מיר פֿלעגן שמועסן וועגן אחד־העם און ענלעכע ענינים; כּדי צו רעדן וועגן העברעאיש אָדער העברעאישער ליטעראַטור האָט מען געדאַרפֿט זיין אַ „בטלן גמור" אָדער אַ „טפּש גמור". אַפֿילו אין ציוניסטישע קרייזן איז עס באַטראַכט געוואָרן ווי אַ מין אינטים־פּריוואַטע וועלט, וואָס פֿאַרנעמט עפּעס אַ באַזונדער ווינקל — און געהערט נישט צום רשות הרבים.

ח

נאָך דעם ווי איך האָב באַשלאָסן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, האָב איך זיך אָנגעהויבן באַשעפֿטיקן מיט הכשרה, דורכגעמאַכט פֿלערליי דער־פֿאַרונגען, אָבער מיינט ניט אַז די זאַך איז מיר אָנגעקומען גרינג. קודם־כּל בין איך אַוועק אין אַ געוויסער שטאָט, וואו איך האָב געאַרבעט ביי אַ בלעכער. נאָך דעם בין איך מגולגל געוואָרן אין אַן אַנדער שטאָט, ביי אַ אידישן שמיד, שפּעטער האָב איך זיך געלאָזט קיין אָדעס. אין אָדעס איז דעמאָלט געווען אַ באַרימטע אידישע שול „טרוד", דאָרטן האָב איך, ווי אַ לערן־אינגל, זיך אָנגעשטויסן אָן גרויסע שוועריקייטן. איך האָב דאָרטן געאַרבעט אַלס אַן אייזן־טאָקער. אין אָט דער שול, וואָס איז געווען זייער אַ וויכטיקע שול, און עס איז געווען אַ גרויסער זכות דאָרטן אַריינגענומען צו ווערן, איז דער מייסטער ביי וועמען איך האָב זיך געלערנט די אַרבעט געווען אַ רוסישער אָדער אַ פֿינישער אַרבעטער, אַן אָנגעזעענער באָלשעוויק און אויך זייער אַ גוטער בעל־מלאכה. מען

---

* שמשון ראָזענבאַום, אָנגעזעענער ציוניסטישער טוער אין רוסלאַנד, שפּעטער מיניסטער אין דער ערשטער ליטווישער רעגירונג. געשטאָרבן אין ארץ־ישראל.

האָט געקענט דערוואַרטן, אַז ווען ער וועט דערזען אַ אידישן בחור ווי איך — ער האָט דאָך באַלד פאַרשטאַנען צו וואָס פאַר אַ „חדר" איך האָב געהערט — וועט ער זיך מיט מיר באַנעמען אויף אַ פריינטלעכן אופן. אָבער שוין ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָט ער מיר געזאָגט (און נאָכדעם האָט ער דאָס איבערגעחזרט פיל מאָל): דיין קאָפּ איז פול מיט מעקענע...

מען דאַרף פאַרשטיין די דאַזיקע לאַגע. אין יענער צייט האָט יעדער איינער פון אונז איבערגעלעבט שרעקלעכע זאַכן — ניט נאָר פאָגראָמען און כלל־צרות, נאָר אויך פערזענלעכע צרות. איך האָב געהאַט אַ חבר, כמעט אַ קינדהייט־חבר, וועמען איך האָב זייער ליב געהאַט, אַ געוויסע צייט האָבן מיר אויך צוזאַמען געלערנט. ער איז קיין מאָל ניט געווען קיין נאַציאָנאַלער איד און נישט קיין ציוניסט אָבער פאַר מיר איז ער געווען כמעט די פאַרקערפּערונג פון אַ שיינעם מענטשן. אַ בייראָנישער טיפּ. און אָט האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. און איך דערמאָן זיך: דריי טעג בין איך געשטאַנען ביי דער מאַשין וואָס איז מיר פאַרטרויט געוואָרן, אַזוי ווי איך וואָלט אין גאַנצן געווען אַ פאַרשטיינערטער. און אין דער צייט האָט מיין מייסטער, דער באָלשעוויק, אויף מיר אַכטונג געגעבן, אַז איך זאָל מיין אַרבעט טאָן ווי עס באַדאַרף צו זיין.

בכלל זיינען זעלבסטמאָרדן אויס פאַרצווייפלונג אין ציוניזם דעמאָלט געווען ניט קיין זעלטענע דערשיינונגען. ווער עס אינטערעסירט זיך אין די ענינים זאָל לייענען אַ זאַמלבוך וואָס ב. וולאַדעק האָט אַרויסגעגעבן.*

ער דערציילט דאָרטן וועגן זיינעם אַ פריינד, אַ פועל־ציוניסט, וואָס איז געווען זייער שטאַרק באַליבט ביי אַלע זיינע חברים און איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין דער צייט פון דעם אוגאַנדע־קריזיס. וולאַדעק האָט ניט אויפגעהערט צו באַוואונדערן דעם דאָזיקן חבר. דער חבר וועגן וועלכן איך האָב פריער דערציילט איז געווען איינער פון די ווייניקע, וועמען איך האָב דערציילט מיין סוד און אים צוגערעדט צו פאָרן מיט מיר קיין ארץ־ישראל. איך בין איבערצייגט, אַז ווען ער וואָלט געקומען קיין ארץ־ישראל וואָלט ער געוואָרן איינער פון די זיילן פון דער צווייטער עליה. אָבער ער איז אַוועק קיין אַמעריקע, און איז דאָרטן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

אַזוי איז דורכגעגאַנגען מיין לאַנגע חכשרה־תקופה. אין יענער צייט

---

* „פון דער טיפעניש פון האַרץ" — „אַ בוך פון ליידן און קאַמף", צווי בענד, ניו־יאָרק, 1917.

האָבן צו מיר אָנגעהויבן דערגרייכן קלאַנגען פֿון ארץ־ישׂראל. איך וויל זיך שטעלן די פֿראַגע: וואָס זײַנען געווען די דאָזיקע קלאַנגען? וועגן דעם אויפֿרוף פֿון יוסף וויטקין האָב איך ניט געוואוסט.* פֿון די אַלע באַוועגונגען וואָס איך האָב געקענט איז דעמאָלט קיין ארץ־ישראל ניט געפֿאָרן קיין איין מענטש; אויך ניט פֿון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג. פֿאַרקערט, די אידעאָלאָגיע פֿון די פּועלי־ציון האָט אַפֿילו געזאָגט, אַז מען דאַרף ניט עולה זײַן קיין ארץ־ישׂראל. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגן פֿון ארץ־ישראל קומען „משולחים" — אָבער זיי האָב איך ניט געוואָלט זען. איך האָב צו זיי לכתחילה געהאַט אַ פֿאַראַכטונג־באַציאונג. ווען וויטקין איז געקומען צו אונדז אין שטאָט בין איך אים ניט געגאַנגען הערן. בכלל האָב איך געהאַט אַ לכתחילהדיקן אומצוטרוי צו יעדן מענטשן וואָס איז געווען אין ארץ־ישׂראל און איז פֿון דאָרטן צוריקגעקומען — איך האָב אים ניט געוואָלט זען. איין פֿאַל דערשיטערט מיך שטענדיק, ווען איך דערמאָן זיך וועגן דעם. מײַן פֿעטער, וועלכער איז געווען אַ ציוניסט, איז איין מאָל געקומען צו מיר און דערציילט, אַז אין אונזער שטאָט איז געקומען אַ מענטש פֿון ארץ־ישׂראל, אַן אויסגעצייכנטער העברעער, און ער וועט רעדן אויף אַ גרויסער פֿאַרזאַמלונג — איך מוז אים קומען הערן. דעם זעלבן אָוונט האָב איך געזאָלט האָבן אַ וויכטיקע באַגעגעניש אין אַן אַנדער פּלאַץ. אָבער כּדי ניט אָפּצוזאָגן און מצער זײַן מײַן פֿעטער, וועלכער איז זייער שטאַרק באַשטאַנען אויף זײַנס, האָב איך געזאָגט, אַז איך בין קראַנק, און פֿאַרשטייט זיך אַז איך בין געבליבן אין דער היים. דער דאָזיקער אויסגעצייכנטער רעדנער איז געווען וויטקין. שפּעטער האָב איך מיט יוסף וויטקין געהאַט זייער קורצע, אָבער זייער טיפֿע, פֿאַרבינדונגען.

וואָס איז צו מיר דעמאָלט דערגאַנגען פֿון ארץ־ישׂראל? פֿאַרשטייט זיך ידיעות פֿון דער אידישער פּרעסע, קאָרעספּאָנדענציעס. נאָכדעם איז איז מיר אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט די וואָכנשריפֿט „הפּועל הצעיר". פֿאַר מיר איז דאָס געווען אַ משונהדיקע שריפֿט. אין „המעורר" איז כּמעט אַלץ געווען נאָענט — אין „הפּועל הצעיר" איז כּמעט אַלץ געווען משונהדיק. דער העברעאיש איז מיר ניט געפֿעלן. דער אופֿן פֿון שרײַבן איז מיר ניט געפֿעלן. די מאַמאַריסטיק בכלל איז ניט געווען אין מײַן גוסט. עס זײַנען, אָבער, דאָרטן געווען עטלעכע נאָטיצן, באַזונדערס איין קליינע

* יוסף וויטקין, איינער פֿון די ערשטע פּיאָנערן פֿון דער ארץ־ישׂראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג. איז געווען דער מחבר פֿון דעם היסטאָרישן „אויפֿרוף", צו דער „באַנײַאונג פֿון די טעג פֿון די בילויים", וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער צווייטער עליה.

נאַטיק, וואָס איז געווען געחתמעט מיט דריי שטערנדלעך. ווער דער מחבר איז, האָט מען נישט געוואוסט. ביי זיך האָב איך באַשלאָסן: דער מענטש איז אַן ארץ־ישראלדיקער. עס איז געווען אַ קליינע נאָטיץ פון אַ. ד. גאָרדאָן, אויף וועלכער ער האָט ניט אונטערגעצייכנט זיין נאָמען. ווער גאָרדאָן איז האָב איך אוודאי ניט געוואוסט. קיינער אין רוסלאַנד האָט דעמאָלט ניט געוואוסט וועגן אַ. ד. גאָרדאָן. אָבער אַ צייט שפּעטער האָב איך געלייענט אַ זאַך, אויף וועלכער זיין נאָמען איז געווען געחתמעט און איך האָב פאַרבונדן אָט די צוויי זאַכן — אָט איז דער מענטש וועמען איך זוך...

שפּעטער איז מיר אַריינגעפאַלן אין די הענט אַ העפט „העומר" וואָס איז דערשינען אין ארץ־ישראל. אין „העומר" זיינען געווען צוויי זאַכן, וואָס זיינען פאַר מיר געווען באַזונדערס וויכטיק: אַ דערציילונג פון מאיר ווילקאַנסקי, אין וועלכער איך האָב געזען די ערשטע פאַרקערפּערונג פון דעם טיפ פון דער צווייטער עליה. מיט מיין גאַנצער ליבע פאַר די מענטשן פון דער רוסישער רעוואָלוציע, איז דער באַגריף „ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער" פאַר מיר געווען דאָס סאַמע העכסטע וואָס עס קען זיין, עפּעס צו וואָס עס איז כמעט אין גאַנצן אוממעגלעך צו דערגרייכן. און איך דערמאָן זיך, אַז די דאָזיקע דערציילונג פון מאיר ווילקאַנסקי איז פאַר מיר געווען די גרויסע בשורה פון דער העברעאישער ליטעראַטור, עפּעס נייעס, אַ נייע וועלט און עפּעס אין וואָס עס איז אויך פאַראַן אַ שטיקל אָפּטימיסטישער טאָן — וואָס עס איז ניט געווען אין דעם „המעורר".

אין דעם זעלביקן העפט „העומר" האָב איך אויך געפונען אַ צווייטע דערציילונג, פון איינעם אַ שרייבער וואָס איז געווען אַ גרויסע געשעעניש אין מיין לעבן — „עגונות" פון ש"י עגנון. דאָס איז געווען גאָר אַ משונהדיקע דערציילונג, וואָס איך האָב ניט געקענט געפינען איר גלייכן אין דער העברעאישער ליטעראַטור — אַן אויסטערלישע, האַלב־רעליגיעזע מעשה, מיטן אַלטן ישוב, מיט אַן אָרון קודש... פון אויבן אויף, אַז מען אַנאַליזירט די זאַך, האָט עס ניט קיין שום אחיזה אין לעבן. אַז אין ארץ־ישראל ווערט געשאַפן אַ נייע אידישע לעגענדע, אַז עס ווערט געשאַפן בכלל אַ דורכאויס נייע באַציאונג צו דער אידישער גייסטיקער וועלט, האָב איך אין גאַנצן ניט געוואוסט. אַזוי ווי מיין פאָרשטעלונג וועגן אַ. ד. גאָרדאָן איז געווען אין גאַנצן אַ ניט־ריכטיקע (איך האָב פאַר זיך געזען ניט קיין אַלטן מאַן, נאָר אַ מענטש פון אַ יאָר דרייסיק, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַלע גילגולים פון איראָפּעאישן געדאַנק און, טאַקע דערפאַר וואָס ער האָט די גילגולים דורכגעמאַכט, האָט ער דעם מוט אַזוי צו

טראַכטן), אַזוי האָב איך זיך אויך פֿאַרגעשטעלט ש"י עגנון ווי איינעם וואָס איז געבוירן געוואָרן אין ירושלים, וואָס האָט אין זיך איינגעזאַפּט דעם גייסט פֿון צפֿת און פֿון דער „אַלטער שטאָט" — און דערפֿון איז אַרויסגעוואַקסן אין גאַנצן אַ נייער קינסטלער. אָבער דאָס וואָס איך האָב אין דעם דאָזיקן ליטעראַריש אָרעמען העפֿט געקענט באַקומען אַזאַ בשו־רה פֿון ארץ־ישראל — ווילקאַנסקי, עגנון — איז פֿאַר מיר געווען פֿון מער אַנטשיידנדיקער באַדייטונג ווי אַלע טעאָריעס וועגן ארץ־ישראל און וועגן „טשאַרטער" און הערצלען, מער ווי יעדע אַנדערע זאַך.

ט

איך האָב אייך דערציילט ווי אַזוי איך האָב פֿון אַלעמען באַהאַלטן דעם ענין פֿון מיין נסיעה קיין ארץ־ישראל. די פֿראַגע איז געווען: ווי אַזוי קען מען פֿונדעסטוועגן דערגרייכן קיין ארץ־ישראל? איך האָב וועגן דעם ענין באַשלאָסן צוויי זאַכן: ערשטנס, דאָס רייזע־געלט דאַרף איך אַליין פֿאַרדינען דורך אַרבעט. איך האָב ניט קיין רעכט צו דערוואַרטן, אַז מיין זייער פֿאַראָרעמטע מאַמע זאָל מיר געבן די הוצאות הדרך. צווייטנס, איך טאָר ניט אַנטלויפֿן פֿון מיליטער־דינסט — דערפֿאַר וואָס עס האָט זיך שוין דעמאָלט איינגעשטעלט דער איינדרוק, אַז אַ סך מענטשן פֿאָרן קיין ארץ־ישראל ניט אויס חלוצישע מאָטיוון, נאָר צוליב דער רוסיש־יאַפּאַ־נישער מלחמה. זיי ווילן ניט גיין דינען און דערפֿאַר אַנטלויפֿן זיי קיין ארץ־ישראל; און עס זיינען טאַקע געווען אַזעלכע. איך האָב געטראַכט אַז קודם־כל איז ניט שיין צו אַנטלויפֿן פֿון מיליטער־דינסט. צווייטנס, האָב איך ניט מסכּים געווען, אַז מיין מאַמע זאָל פֿאַר מיר באַצאָלן שטראָף. אין רוסלאַנד האָט זיך דעמאָלט געפֿירט, אַז די עלטערן האָבן באַצאָלט אַ שטראָף פֿון דריי הונדערט רובל פֿאַרן זון וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון מילי־טער־דינסט. האָב איך באַשלאָסן, אַז איך דאַרף טאָן אָט די צוויי זאַכן: זיך שטעלן צום פּריזיוו (נאָכדעם וועל איך אפֿשר אַנטלויפֿן, אָבער קודם־כל דאַרף איך עס טאָן כּדי צו באַפֿרייען מיין מאַמען פֿון שטראָף) און פֿאַרדינען מיינע הוצאות הדרך.

דער דאָזיקער באַשלוס האָט, פֿאַרשטייט זיך, אָפּגעשטופּט מיין עליה קיין ארץ־ישראל. אַנשטאָט גלייך צו פֿאָרן, בין איך געצוואונגען געוואָרן זיך פֿריער באַפֿרייען פֿון מיליטער־דינסט (ווי אַזוי איך בין באַפֿרייט געוואָרן וועל איך איצט ניט דערציילן), און איך האָב געמוזט זוכן עפּעס אַרבעט כּדי צו פֿאַרדינען אויף מיין נסיעה. אַזאַ אַרבעט האָב איך גע־פֿונען. אין דער פֿאָלקס־ביבליאָטעק, וועלכער איך האָב אָפּגעגעבן אַ צאָל פֿון מיינע יוגנט־יאָרן, האָט מען מיר פֿאָרגעשלאָגן צו מאַכן אַ רוסישן

און העברעאישן קאַטאַלאָג, אַ קאַטאַלאָג וואָס זאָל קענען דינען ווי אַ מוסטער. איך האָב דעם קאַטאַלאָג אָפּגעגעבן עטלעכע חדשים פֿון שווערער אַרבעט און דערפֿאַר באַקומען אַ האָנאָראַר פֿון פֿופֿציק רובל. נאָכדעם האָט די ביבליאָטעק אָנגעבאָטן דעם קאַטאַלאָג דער „חברה מפיצי השכלה", און איך האָב דערפֿאַר באַקומען אַ פּרייז פֿון דריי הונדערט רובל. מיט דעם דאָזיקן געלט האָב איך געזאָלט פֿאָרן קיין ארץ־ישראל. אָבער די דאָזיקע דריי הונדערט און פֿופֿציק רובל האָבן מיך געקאָסט זייער טייער. וואָרעם איך בין קראַנק געוואָרן אויף טיפֿוס און בין פֿון דער קראַנקהייט מיט גרויסע שוועריקייטן אַרויס בשלום. אַזוי איז מיין רייזע ווידער אָפּגעלייגט געוואָרן.

דער טיפֿוס האָט געפֿירט צו אַן אַנדער זאַך — עס איז אויפֿגעדעקט געוואָרן מיין סוד. איך האָב דאָס אַליין געטאָן — רעדנדיק פֿון היץ. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסער געראַנגל. אין יענער צייט פֿלעג איך זיך אָפֿט שטעלן די פֿראַגע, וואָס איז דער סך־הכּל פֿון מיין פֿאַרגאַנגענהייט. אָט פֿאַרלאָז איך דעם גלות, די אַלע זאַכן אין וועלכע איך בין געווען פֿאַרטאָן אין מיינע קינדער־יאָרן, און איך פֿאָר אַוועק בלויז אויס אַ כּבוד־געפֿיל — כּדי ניט צו שטאַרבן קיין אומווירדיקן טויט אין גלות. איך האָב געטראַכט: וואָס עס זאָל ניט זיין, דאַרף איך מאַכן אַ סך־הכּל פֿון דעם וואָס איך האָב באַקומען פֿון אידן אין גלות. אַלץ וואָס איך האָב פֿאַר זיך געזען — צי דאָס איז געווען די שול אָדער תּלמידי־חכמים וואָס איך האָב געקענט, צי פּאַרטיי־פֿירער — איז פֿאַר מיר ניט געווען קיין באַגאַזש אויף מיטצונעמען מיט זיך קיין ארץ־ישראל. אָט דער ענין האָט מיך באַשעפֿטיקט אין משך פֿון דער גאַנצער צייט וואָס איך בין קראַנק געווען. איך האָב זיך געפֿרעגט ווער איז דער מענטש, וואָס איז פֿאַר מיר דער אידעאַלער איד, וועמען איך וויל מיטנעמען מיט זיך אין האַרצן קיין ארץ־ישראל. דאָס איז געווען אַ איד וואָס איך האָב געקענט אין מיינע קינדער־יאָרן. זיין נאָמען איז געווען רבי ניסן פּלאָטקין. אויב איר האָט געלייענט דאָס בוך „מסילה" איז אייך אַוודאי באַקאַנט דער נאָמען יעקב פּלאָטקין, דער וואָס איז געווען אַ פּויער אין סעדזשעראַ און איז דאָרטן דערהרגעט געוואָרן. ניסן פּלאָטקין איז געווען זיין פֿאָטער. דער דאָזיקער מענטש, וואָס מיט זיין פּערזענלעכקייט האָב איך זיך פֿיל באַשעפֿטיקט אין מיינע קינדער־יאָרן, האָט זיך ניט אויסגעצייכנט מיט קיין שום גרויסער זאַך — ער איז ניט געווען קיין חריפֿותדיקער למדן, ניט קיין מנהיג, ניט קיין עסקן. אָבער עס האָט פֿון אים אַרויסגעשטראַלט עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכע אידישע לויטערקייט. ער איז אייגנטלעך געווען בלויז אַ דרדקי מלמד און אַ שמש אין אַ שול. אויף זיין

בגד איז ניט געווען קיין שפּרינקעלע — אַ מין אויסערגעוויינלעכע פיזישע זויבערקייט — און די ווייסקייט פון זיין באָרד האָט פאַרכאַפּט מיט איר שיינקייט. ער האָט ווייניק געלערנט, אָבער דאָס וואָס ער האָט געקענט, האָט ער געקענט זייער גוט. ער האָט געקענט צוויי זאַכן: קודם־כּל האָט ער געלייענט העברעאיש מיט אַזאַ אָפּגעהיטענער, געמאָסטענער און אָנגענעמער דיקציע — דערמיט איז ער געווען אַ יוצא מן הכּלל צווישן אַלע אידן אין שטאָט. בכלל זיינען די סימנים פון השכּלה דעמאָלט געווען זייער פּשוטע — אַ סימן פון השכּלה איז געווען, אויב אַ מענטש האָט ליב געהאַט דעם תּנ״ך אָדער געלייענט מענדעלען. ער איז אפשר צו דעם ניט דערגאַנגען, אָבער ער האָט גוט געקענט דקדוק און האָט יעדעס העברעאישע וואָרט אַרויסגערעדט מיט עפּעס אַ מין שלמות. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט קינדער און האָט זיי צונויפגעזאַמלט אַרום זיך שמחת־תּורה. עס איז אין אים געווען נאָך עפּעס, וואָס איז ניט געווען קיין געוויינלעכע זאַך ביי אידן אין יענעם דור. ער איז געווען אַן אַלטער איד, מיט זין און אייניקלעך. יעדע וואָך פלעגט ער אַוועקפאָרן קיין פּאַלטאַווע, וואו ער איז געווען אַ מלמד און זיך אומקערן צוריק. אין דער היים איז ער געווען אַן אורח לשבת. זיין פרוי איז, פאַרשטייט זיך, געווען די הויפּט שפּייזערין און ער האָט זי באַהאַנדלט מיט אַ כּבוד וואָס איך האָב ניט געזען ביי אידן: יעדן שבת פלעגט ער גיין אין קראָם, העלפן זיין פרוי פאַרמאַכן דעם געשעפט און זי אָפּפירן אַהיים — אַ זעלטענער „דזשענטעלמאַן״. בעת איך בין געלעגן אין היץ האָב איך זיך אַרויסגערעדט, אַז איך וואָלט געוואָלט, אַז ער זאָל מיר פאַר מיין רייזע שענקען זיין פאָטאָגראַפיע. אַזוי איז אויפגעדעקט געוואָרן דער סוד, אַז איך קלייב זיך פאָרן קיין ארץ־ישראל.

י

נאָך דעם טיפוס און די אַנדערע צרות בין איך ענדלעך אַרויסגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. אַלץ וואָס איז מיט מיר געשען פון מיין אַרויספאָר ביז מיינע ערשטע טעג אין ארץ־ישראל האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, ווי דער שטן אַליין וואָלט געוואָלט זיך רייצן מיט מיר. אויפן וועג האָב איך זיך אומעטום אָנגעשטויסן אָן מענטשן וואָס האָבן מיך „געוואָרנט״ קעגן ארץ־ישראל. פאַרשטייט זיך, אַז איצט געדענק איך זייער ווייניק פון די זאַכן. אָבער וואָס געדענקט איך יאָ? קודם־כּל דערמאָן איך זיך: ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף איינער אַ סטאַנציע, האָב איך דאָרטן געטראָפן אַ גרופּע פון מיינע גרויסע פריינד פון די פריערדיקע יאָרן, צווישן זיי דעם מענטשן וואָס איך האָב וועגן אים פריער דערציילט, אַז ער האָט אין זיין צייט געשריבן די וויכטיקסטע בראָשור וועגן קרן קימת לישראל,

און מען האָט אויף אים געלייגט גרויסע האָפענונגען. ער איז געווען איינער פון די קעגנער פון אוגאַנדע און מען האָט געהאָפט, אַז ער וועט זיין דער מאַן, דער פאַנען־טרעגער פון די פועלי־ציון. נאָכדעם האָט ער אויך פאַרלאָזן דעם ציוניזם. אַז מיר האָבן זיך באַגעגנט אויף דער דערמאָנטער סטאַנציע, האָט ער מיך געפרעגט: וואו פאָרט איר? — קיין ארץ־ישראל! זיין פנים האָט אויסגעדריקט אַנטוישונג. עס איז געווען אַזוי משונהדיק — ממש ווי אַ מענטש וואָלט באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד. אין באַן איז פאָרגעקומען אַ משונהדיקע זאַך. מען האָט געכאַפּט צוויי פּרעכטיקע קינדער, צוועלף־דרייצן־יאָריקע אינגלעך וואָס זיינען אַליין געפאָרן קיין ארץ־ישראל, געפאָרן אָן געלט, אָן בילעטן, און איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב אין יענעם מאָמענט געטראַכט: אַזעלכע קינדער גייען לאיבוד. שפּע־טער האָב איך אין ארץ־ישראל באַגעגנט אַ אינגל וואָס איז אַריינגעפאַלן צו מיסיאָנערן און איך בין געווען זיכער, אַז דאָס איז דאָס אינגל וואָס איך האָב געזען אויף דער באַן. עס איז מעגלעך, אַז דאָס איז געווען אַ האַלוצינאַציע, אַ פאַנטאַזיע, אָבער איך בין געווען זיכער, אַז דאָס איז געווען דאָס אינגל וואָס איז מיט מיר דעמאָלט געפאָרן אין באַן אויפן וועג קיין ארץ־ישראל.

איך בין אָנגעקומען קיין אַדעס. אין אַדעס איז דעמאָלט געווען אַ מין באַרימטער האָטעל. פּונקט ווי אין יפו איז געווען באַרימט דער „האָטעל חיים ברוך" — אַזוי איז אויך אין אַדעס געווען אַ האָטעל פאַר אידן וואָס זיינען געפאָרן צוריק פון ארץ־ישראל. עס איז שווער איבערצוגעבן, ווי שרעקלעך עס איז פאַר מיר געווען איינצושטיין אין אַ האָטעל מיט אידן וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון ארץ־ישראל. אַוודאי האָב איך געוואוסט, אַז עס איז דאָ אַזאַ מין סאָרט זאַך — אָבער די מענטשן אַליין זיינען מיר ניט געפעלן, האָבן אויסגעזען ווי מרגלים, מיט בילבולים, מיט פּוסטע באַרימערייען, מיט ליגנערישע מעשיות. ס'איז דאָרטן צום ביישפּיל געווען איינער אַזאַ מין טיפּ, וועמען איך געדענק גאַנץ קלאָר. ער איז, ווייזט אויס, אין ארץ־ישראל ניט געווען קיין אַרבעטער, נאָר האָט דאָרטן דערגרייכט אַ העכערע מדרגה... ער איז געווען אַ לערער פון האַנט־אַרבעט ערגעץ אין אַ שול אין ירושלים, אַ בערשטל־מאַכער. איינער וואָס האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ באַוועגונגס־מענטש, נישט סתם אַ ציוניסט, אָבער עס איז אין אים געווען עפּעס מוראדיק אַנטיפּאַטישעס, קודם־כל זיינע באַרי־מערייען. ער איז אַזוי פול געווען מיט די באַרימערייען, אַז עס איז מיר שווער געווען אים אויסצוהערן, און איך דערמאָן זיך, אַז דאָס איז פאַר מיר געווען אַן אומגעהויערע שלעכטע בשורה פון ארץ־ישראל.

אין אַדעס בין איך אַרויף אויף דער שיף. איך האָב אויף דער שיף

ניט געהאַט קיין שום באַקאַנטע. איך האָב זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן אויף די מענטשן — אַלע פרעמדע. און פלוצלונג דערזע איך אַ בחור מיט אַ מיידל, און מיר דוכט זיך, אַז זיי זיינען מיר באַקאַנט: די צוויי זיינען געווען דוד און רחל זכאַי.* דוד זכאַי האָב איך טאַקע פריער באַגעגנט און עס איז טאַקע געווען אַ משונהדיקע באַקענטעניש. דאָס איז געווען אין דעם קליינעם שטעטל קרוטשע, וואו עס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי וועגן וועלכער איך האָב אייך דער־ציילט. („וואָזראַזדזשעניע") — וואָס איך האָב אירע מענטשן געראַטן זיך ניט צו אָרגאַניזירן ווי אַ פאַרטיי, און זיי האָבן מיך ניט געפאָלגט. איך בין אויך געפאָרן צום צוזאַמענפאָר — און דאָס איז טאַקע געווען זייער אַ שיינער צוזאַמענפאָר, מיט וויכטיקע טעאָרעטישע רעפעראַטן, מיט אַ נייער פאָן. אויפן וועג צוריק פון דעם צוזאַמענפאָר (איך האָב דאָרטן גערעדט און האָב שטאַרק מצליח געווען, און בין פון דאָרטן אַרויס זייער אַן אומע־טיקער) זיינען אין דעם זעלבן וואַגאָן מיט מיר געפאָרן צוויי אינגלעך, וואָס זיינען אוודאי אויך געקומען אַ ביסל נהנה צו זיין פון דער שיין פון דעם צוזאַמענפאָר — אינגלעך אין מיין עלטער. זיי האָבן אויפן וועג געזונגען עטלעכע לידער און גערעדט מיט התלהבות, אַ ביסל אידיש, אויך אַ ביסל העברעאיש. איך האָב אויף זיי געקוקט און געטראַכט, וואָס וועט פון אַזעלכע בחורים ווערן. מילא, איך וועל שוין מיין וועג ווי עס איז געפינען, אָבער אָט די אינגלעך — ס'איז דאָך קלאָר, אַז זיי וועלן גיין לאיבוד! אַלץ, וואָס מען האָט דאָ אָנגעהויבן טאָן, באַגייסטערט זיי און זיי זיינען דערצו צוגעבונדן, אָבער דאָס וואָס זיי באַזיצן די פעאיקייט צו זאָגן אַ העברעאישן פּסוק, צו זינגען אַ העברעאיש ליד — דאָס אַלץ וועט ביי זיי צוגענומען ווערן. די דאָזיקע צוויי אינגלעך זיינען געווען דוד רמז** און דוד זכאַי...

די שיף איז פול געווען מיט מענטשן וואָס זיינען געפאָרן קיין ארץ־ישראל. אָבער זוען איך וויל זיך דערמאָנען, ווער פון זיי איז געבליבן אין ארץ־ישראל אויסער דוד זכאַי און זיין פרוי — קען איך געפינען בלויז צוויי משפחות: אַ מוטער וואָס איר זון האָט זיך געפונען ביי קרובים און ער האָט געלערנט אין דער העברעאישער גימנאַזיע, און אַ צווייטע משפחה, וואָס עס איז מיר באמת ניט קלאָר פאַרוואָס זי איז ניט אַוועק־געפאָרן (איינער פון די זין האָט זיך נאָכדעם אָנגעשלאָסן אָן דעם „השומר").

---

* דוד זכאַי, ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־זשורנאַליסט, מיטגליד פון דער רע־דאַקציע פון „דבר".

** דוד רמז, פירנדיקער חבר פון דער הסתדרות העובדים.

פֿון די אַלע מענטשן וואָס איך געדענק פֿון יענער שיף, האָב איך אין ארץ־ישראל ניט געקענט געפֿינען קיינעם אויסער די דערמאָנטע צוויי פֿאַמיליעס. איך דערמאָן דאָס ווייל עס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער צווייטער עליה. איך בין באַקאַנט געווען מיט מענטשן, וואָס זיינען קיין ארץ־ישראל געקומען אויף איין שיף, און אַ וואָך שפּעטער האָבן זיי זיך שוין אומגעקערט אויף אַ צווייטער שיף. דאָס איז דעמאָלט געווען זייער אַ געוויינלעכע זאַך.

אויף דער דאָזיקער שיף האָב איך זיך דערוואָרבן בלויז איין חבר, אָבער אויך אַ צווייטן מענטש, אַ מענטש וואָס איז ניט עולה געווען קיין ארץ־ישראל צום ערשטן מאָל — אַן ארץ־ישראלדיקער תושב, וואָס אונדזער ערשטע באַגעגעניש איז פֿול געווען מיט אומצוטרוי — פֿון מיין זייט צו אים און פֿון זיין זייט צו מיר — און נאָכדעם זיינען מיר שטאַרק צוגעבונדן געוואָרן. דאָס איז געווען אַ איד פֿון אַ יאָר זעכציק, וואָס איז געפֿאָרן מיט זיין פֿרוי און אַ סך חפֿצים און פּעקלעך. ער האָט זיך אומגעקערט פֿון אַ וויזיט ביי זיינער אַ טאָכטער אָדער אַ זון, וואָס האָבן געוואוינט ערגעץ אין טערקיי. דער מאַן איז געווען אַ פּויער אין אַ קאָלאָניע, און דער זון איז געווען אַ וועכטער אין דער זעלבער קאָלאָניע. צוליב אַ סכסוך צווישן אים און אַן אַראַבער (עס איז מעגלעך, אַז ער האָט דעם אַראַבער געהרגעט), איז דער זון געצוואונגען געוואָרן עוקר צו זיין פֿון לאַנד. די טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ הויכן באַאַמטן פֿון דער יק״א אָדער „אַליאַנס״, וואָס האָט באַקומען אַ הויכן פּאָסטן אין אַריענט — און די עלטערן זיינען געפֿאָרן צו זיי אויף באַזוך. דער דאָזיקער איד איז געווען אַ זייער פֿאַנאַטישער אָרטאָדאָקס און אַ פּויער ממש, וואָס האָט פֿריער אַוודאי געקוקט אַ ביסל מיט שרעק אויף די דאָזיקע שקצים־רעוואָלוציאָנערן וואָס זיינען פֿון רוסלאַנד געקומען קיין ארץ־ישראל, אָבער שפּעטער האָט ער אין זיי דערפֿילט דעם ריח פֿון אידישקייט. זיין נאָמען איז געווען יעקב שאַיעוויטש, דאָס איז געווען אַ מענטש פֿון דעם דור פֿון ליליענבלום און פּינעס, אַ נאָענטער חבר פֿון אַרלאָזאָראָווס זיידן. ער איז געווען אַ למדן מופֿלג. מיט אַכציק יאָר צוריק איז ער געווען אַ סטודענט אין בערלין. אין יענער צייט האָט ער שוין אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן ציוניזם. אין ארץ־ישראל האָט מען וועגן אים דערציילט כּלערליי משונהדיקע זאַכן. ער איז געווען אַ חריף און אַ בקי און האָט געשריבן כּל מיני פּירושים אויף דער תורה. פֿריער איז ער אַוודאי געווען אַן אַפּיקורס, נאָכדעם איז ער געוואָרן אַ גרויסער קנאי.

פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אים באַלד אָנגעהויבן אויסצופֿאָרשן וועגן ארץ־ישראל און ארץ־ישראלדיקע פּערזענלעכקייטן. קודם־כּל האָב

איך אים געפֿרעגט: ווער איז דאָס דער מענטש וואָס זיין נאָמען איז (אַ.ד.) גאָרדאָן? ער האָט געענטפֿערט: פֿאַראַן אַזאַ מענטש אין לאַנד. מען זאָגט — זייער אַן אָנשטענדיקער מענטש. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל דאָס דערקלערן — ער האָט אָבער בשום אופֿן ניט געוואָלט. נאָכדעם האָב איך אים געפֿרעגט: וואָס איז אייער מיינונג וועגן משה סמילאַנסקי? * איך דאַרף וויסן, אַז משה סמילאַנסקי איז פֿאַר מיר אין מיינע יוגנט־יאָרן געווען זייער אַ גרויסע פּראָבלעם. פֿון איין זייט איז ער געווען דער גרויסער קאָרעספּאָנדענט פֿון ארץ־ישראל. עס איז קלאָר, אַז איך האָב זייער פֿיל געלערנט פֿון זיינע בריוו. זיין סטיל איז געווען זייער פֿריש. דאָס וואָס אחד־העם האָט געטאָן מיט שטרענגקייט און חריפֿות, האָט ער מסביר געווען אויף אַ זייער לייכטן אופֿן און געשמיסן אַהין און אַהער. פֿונדעסטוועגן האָב איך געפֿילט עפּעס אַן אינערלעכע קעגנערשאַפֿט צו אים. בפֿרט ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אין דער פּרעסע, אויף אידיש און אויף רוסיש, וועגן די אַרבעטער אין ארץ־ישראל — מיט אַ סך פֿרייד און הויכשאַצונג, אָבער דאָך האָב איך געפֿילט עפּעס אַ פֿרעמדקייט. גלייכצייטיק איז ער געווען זייער לאָגיש און פּראַקטיש און איך האָב אויך אין זיינע אַרטיקלען געפֿונען אַ סך גערעכטע קריטיק. ער האָט למשל געטענהט, אַז די אַרבעטער אינטערעסירן זיך ניט מיט די באַדינגונגען פֿון דעם בנין הארץ. די אַרבעטער אָנטזאָגן זיך צו זיין משגיחים, זיי ווילן בלויז זיין אַרבעטער — אָבער מען דאַרף טאָן אַלץ וואָס דאָס לאַנד פֿאָדערט. דער עצם געדאַנק אַז אַ מענטש דאַרף טאָן דאָס וואָס דאָס לאַנד פֿאָדערט פֿון אים, איז מיר שטאַרק געפֿעלן. אָבער אַז ער דאַרף דווקא זיין אַ משגיח און ניט אַרבעטן — דאָס האָט מיר אויסגעזען משונהדיק (כאָטש דעם אמת דאַרף מען זאָגן: איך אַליין האָב געטראַכט, אַז אויב איך וועל איינזען, ווען איך וועל קומען אין לאַנד, אַז דער אויפֿבוי פֿון ארץ־ישראל פֿאָדערט עס טאַקע, וועל איך דאָס אויך טאָן. דאָס האָט גורם געווען, אַז איך זאָל זיך קריגן מיט נאָענטע מענטשן וואָס האָבן געזאָגט: דו וועסט עס בשום אופֿן נישט קענען טאָן). און אָט, אַז איך האָב געפּרוּווט אויסצופֿאָרשן ביי שאַיעוויטשן, ווער איז דאָס דער סמילאַנסקי, האָב איך באַקומען אַן ענטפֿער וואָס האָט מיך נישט צופֿרידנגעשטעלט. ער האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ שרייבער און אַ לעקטאָר און זייער חשוב אין פֿאַרשיידענע קרייזן, אָבער ער אַליין האָט וועגן דעם מענטשן ניט גערעדט מיט קיין באַזונדער סימפּאַטיע. דער דאָזיקער מענטש האָט זיך, אַגב, צו מיר זייער שטאַרק צוגעבונדן. יאָרן שפּעטער, ווען ער האָט זיך דער־

* משה סמילאַנסקי, העברעאישער שריפֿטשטעלער, פֿירער פֿון די „פּרדסנים“.

וואוסט, אַז איך בין אַן „אַפּיקורס", האָט ער זיך דערווייטערט. אָבער ווען אַרלאָזאָראָוו איז אַריינגעטראָטן אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע האָב איך פֿון דעם אַלטן שאַיעוויטש, וועלכער איז דעמאָלט שוין געווען אַכט און אַכציק יאָר אַלט, באַקומען צוויי אינטערעסאַנטע בריוו — וואָס איך זאָל איבערגעבן אַרלאָזאָראָוון, ווי אַזוי ער זאָל האַנדלען... ער איז געווען זייער אַ וואַגיקער מענטש, וואָס האָט פֿיל געטראַכט וועגן יעדן ענין. ניט געקוקט אויף זיין גרויסער קנאות און גרויסער עקשנות, האָט ער אַרויס־געוויזן אַן אינטערעס אין אַלץ וואָס איז געשען אין ארץ־ישראל און אין דער וועלט. עס האָט אין אים געלעבט אַן אויסערגעוויינלעכע וואַכזאַמקייט בנוגע די פֿאַרשיידנסטע ענינים — ליטעראַטור, וויסנשאַפֿט, פּאָליטיק.

יא

צום סוף וויל איך דערציילן, ווי אַזוי איך בין אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל. אַלץ וואָס איז אין יענעם טאָג געשען איז, דוכט זיך, געקומען כּדי מיר צו זאָגן: בן אדם! גיב אויף יעדע האָפֿענונג! ווען די שיף איז אָנ־געקומען ביים יפֿוער ברעג, זיינען מענטשן אַרויסגעקומען אונז מקבל־פּנים זיין. מען האָט אונז אַפֿילו באַגעגנט מיט שיפֿלעך. דאָס זיינען ניט געווען קיין פֿאַרשטייער פֿון דעם איינוואַנדערונג־דעפּאַרטמענט, חלילה וחס, אָבער עס איז דעמאָלט געווען אַ משונהדיקער ענין. צי צוליב אַרבעטסלאָזיקייט, אויס ליידיקגייעריי, אָדער, פֿאַרקערט, אויס גרויסן אינטערעס, אַזוי ווי מדבר־מענטשן וואָס ווילן זען אַן אדם מן הישוב, — לכּבוד יעדער שיף פֿלעגט מען פֿאַרלאָזן די אַרבעט און לויפֿן אין האַפֿן צו זען די ניי־אָנגע־קומענע. און דאָס מיט וואָס מיר האָבן זיך באַגעגנט איז כּמעט אוממעגלעך צו שילדערן. די ערשטע פֿראַגע וואָס מען האָט געשטעלט איז געווען: „פֿאַרוואָס זענט איר געקומען?" און גלייך נאָכדעם — כּלערליי שמוץ אויפֿן לאַנד, ליצנות, שפּאָט איבער די טיפּשים... דאָס איז געווען דער ערשטער קבלת־פּנים. אָבער דאָס סאַמע שרעקלעכסטע איז געווען וואָס אין דער דאָזיקער גרופּע, וואָס האָט אונז באַגעגנט איז געווען אַ מיידל, אַ שרייענדיקער, טומלדיקער טיפּ. איר נאָמען איז געווען... אַרום איר האָט זיך קאָנצענטרירט אַ געוויסער טיפּ אַרבעטער. עס איז געווען כּמעט אוממעגלעך צו קומען ערגעץ און זי ניט צו באַגעגענען. איר רעדן — דאָס איז כּלל ניט געווען קיין העברעאיש: אַ געמיש פֿון ווערטער, רוסישע און אידישע. איך זע פֿאַר זיך אין דעם דאָזיקן מאָמענט דאָס גאַנצע בילד. איך רעד שוין ניט וועגן דער ירידה אין יפֿו — די בהלה, דער טומל, די געשרייען — מיט די קעמלען, מיט אַראַבער, וואָס האָבן געוואָרפֿן מיך און מיינע חפֿצים... דאָס איז געווען מיין ערשטע באַגעגעניש מיט ארץ־

ישראל. איך בין אַרײַנגעפֿאַלן ניט אין קײן גלות, נאָר אין עפּעס װאָס איז פֿיל מער שרעקלעך — אין עבֿודות. אידן װאָס זײַנען גאָר קײן אידן נישט. יעדער אײנער װיל פֿון דיר עפּעס פֿאָרדינען, פֿון דיר אָװעקשלעפּן... איך בין פֿעאיק געװען אַלץ מקבל באהבה צו זײַן, אָבער דאָס איז געװען עפּעס װאָס איז שװער געװען מקבל צו זײַן מצד — ארץ־ישראל. אויב זיך אויסצודריקן אויף אַ מאָדערנעם אופֿן — איז דאָס געװען די „פּראַקציע".* מען דאַרף ניט מײנען אַז די „פּראַקציע" איז אַ באַגריף, װאָס איז דװקא פֿאַרבונדן מיט קאָמוניזם — דער קאָמוניזם האָט דער „פּראַקציע" בלויז געגעבן אַ באַשטימטע טעאָרעטישע פֿאָרם. אָבער די דאָזיקע שאָדן־פֿרײד, דאָס הנאה האָבן פֿון יענעמס דורכפֿאַל, דער זלזול לגבי ארץ־ישראל, דער שפּאָט איבער די דאָזיקע נאַאיװע מענטשן — איך װײס נישט צי איך האָב אויף מײַן לעבן אין ארץ־ישראל געזען עפּעס װאָס איז מער דערשרעקנ־דיק און אויפֿשװידערנדיק פֿון דער דאָזיקער זאַך (אַגב, צוליב עפּעס אַ לכתחילהדיקן אינערלעכן װידערשטאַנד בין איך ניט געגאַנגען אין דעם „האָטעל חיים ברוך" — און איך בין אַרײַנגעפֿאַלן אין אַן אַנדער האָטעל, װאָס האָט געהערט צו דעם פֿאָטער פֿון דעם דערמאָנטן מײדל...) איך װיל נאָך דערצײלן, װאָס איך האָב דורכגעמאַכט דעם ערשטן טאָג אין ארץ־ישראל. יענעם טאָג זײַנען געשען צװײ זאַכן, װאָס יעדע אײנע פֿון זײ האָט אויף מיר געמאַכט אַן אײַנדרוק. קודם־כּל, װען איך בין בײַנאַכט אַרויס זוכן מענטשן, האָט מען מיר געזאָגט, אַז ערגעץ װאו איז פֿאַראַן אַ הויז, װאָס אויף זײַן דאַך זיצן מענטשן בײַנאַכט און טרינקען. אַרויפֿצוגײן בײַנאַכט אויף אַ באַלויכטענעם דאַך איז, באַזונדערס פֿאַר אַ מענטשן װאָס קומט פֿון אַ צפֿונדיק לאַנד, עפּעס זײער אַנציִענדיקס. פּלוצ־לונג דערזע איך — װער שטײט דאָרט? דער נאָענטסטער חבֿר פֿון פּנחס דאַשעװסקי — אײנער פֿון די באַליבטסטע מענטשן אין מײַן לעבן, אַ מענטש װאָס איך האָב שטאַרק פֿאַרערט — איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט בײַ פּנחס דאַשעװסקין, און ער איז מיר שטאַרק געפֿעלן.** װען איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט, איז ער געװען זײער אַ באַגײַסטערטער ציוניסט און אַ גרויסער רעװאָלוציאָנער. איך בין געװען זיכער, אַז אין דעם דאָזיקן מענטשן ליגט אַן אויסערגעװײנלעכע קראַפֿט. קודם־כּל זײַן כאַראַקטער. ס'איז אין אים געװען אַ געמיש פֿון חכמה, פֿון חן, פֿון פּאָעטישן הומאָר און גרויסע פּראַקטישע פֿעאיקײטן. ער האָט װײניק געלערנט, אָבער ער

* פּאָפּולערער נאָמען פֿון דער „פּאַלעסטינער קאָמוניסטישער פּאַרטײ".

** בעני פֿרידלאַנד, אײנער פֿון די גרינדער פֿון דער ס. ס.־פּאַרטײ. געשטאָרבן אונטער טראַגישע אומשטענדן.

האָט באַזיצט אַ מין לעבנס־חכמה, וואָס האָט אים געגעבן די פּעאיקייט צו פאַרשטיין דאָס לעבן בעסער פון אַלע טעאָרעטיקער. און אָט באַוויזט זיך דער דאָזיקער מענטש דאָ אויפן דאַך, אין מיין ערשטן טאָג אין ארץ־ישראל. איך פרעג אים: נו? און ער ענטפערט: מאָרגן פאָר איך אַוועק פון דאַנען, איך מאַך איצטער אַ גרויסע וועלט־רייזע, אַ מין אורלויב... ער האָט פּלוצלונג אַנגעהויבן מאַכן גרויסע געשעפטן, און האָט פאַרדינט גרויסע געלטער און האָט אַלץ אַוועקגעגעבן די חברים און דער רעוואָלוציע. די דאָזיקע ידיעה האָט מיך אַזוי צעטומלט, אַז איך האָב ניט געפונען קיין וואָרט צו דערקלערן צוליב וואָס איך בין געקומען קיין ארץ־ישראל. איך האָב ניט געקענט זאָגן, אַז איך גלויב אין ציוניזם — וואָרעם איך האָב טאַקע ניט געגלויבט. דער מענטש אַליין איז געשטאָרבן אויף אַ זייער טראַגישן אופן.

דעם זעלבן טאָג האָב איך אַ ביסל שפּאַצירט אויסער דער שטאָט אויפן ברעג ים. אייגנטלעך איז שוין פאַר מיר אין דער רגע וואָס איך בין אַרויף אויפן ברעג ים געווען קלאָר, אַז דאָס איז מיין לעצטער ברעג. אַלץ וואָס איז פריער געשען איז פאַר מיר געווען פאַרענדיקט. איך זאָג דאָס ניט דערפאַר, וואָס איך וויל לאחר המעשה דערציילן וועגן גרויסע זאַכן. אָבער איך ווייס, אַז פאַר מיר האָט זיך דער ענין ארץ־ישראל געענדיקט אין דעם ערשטן טאָג וואָס איך בין דאָ אָנגעקומען. איך האָב געוואוסט, אַז קיין אַנדער ברעג וועל איך ניט האָבן.

אין די ערשטע טעג איז מיר אויך שווער געגאַנגען מיט דעם ענין העברעאיש. מיין גאַנץ לעבן האָב איך קיין העברעאיש ניט גערעדט. אַדרבה, איך האָב דאָס רעדן העברעאיש באַטראַכט פאַר אַן אומנאַטירלעכן ענין. אַזוי ווייט, אַז איך האָב מיינעם אַ לערער, אַ מענטשן וואָס איז מיר געווען זייער טייער, פאַרשאַפט פיל צער. ער האָט צו מיר גערעדט העב־רעאיש און איך האָב צו אים גערעדט אויף אידיש, וואָרעם איך האָב גע־האַלטן, אַז העברעאיש איז ניט קיין גערעדטע שפּראַך. ווען איך בין געקומען קיין ארץ־ישראל האָב איך ניט געקענט בויען קיין אײן נאַטיר־לעכן זאַץ אויף העברעאיש, אָבער רעדן אויף אַן אַנדער שפּראַך האָב איך ניט געוואָלט. איך האָב באַשלאָסן, אַז איך זאָל אויף מיינע ליפּן ניט אַרויפ־ברענגען קיין איין ניט־העברעאיש וואָרט. אין משך פון צען טעג האָב איך בכלל ניט גערעדט. און אַז איך בין געצוואונגען געוואָרן עפּעס צו ענטפערן, האָב איך געענטפערט מיט עפּעס אַ פּסוק, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיטן ענין.

II

פון אינעווייניק
דער צוקונפט אנטקעגן
דער נס פון דער צווייטער עליה
אידישע גבורה
באדן פארן פאלק און דער גייסט פון פאלק
ערב דעם „ווייסבוך"
שמועסן מיט דער יוגנט
צוויי באמערקונגען

פֿון אינעווייניק

[בערל קאַצענעלסאָנס ערשטער אַרטיקל אין דער ארץ־יש־ראלדיקער אַרבעטער־פּרעסע („הפועל הצעיר״, 1912). דער אָנ־הויב פֿון דעם אַרטיקל, דער פּאָלעמישער טייל, באַציט זיך אויף אַ וויכּוח וואָס איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען צווישן די ארץ־ישׂראלדיקע אַרבעטער. בערל קאַצענעלסאָן, וועלכער האָט אין די ערשטע יאָרן אין ארץ־ישׂראל ניט געהערט צו קיינער פֿון די דעמאָלט עקזיסטירנדיקע צווי אַרבעטער־פּאַרטייען („הפועל הצעיר״ און „פּועלי־ציון״), איז געווען צווישן די גרינדער און וואָרט־זאָגער פֿון דער „הסתדרות הפועלים החקלאים״, די אומפּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער.]

א

די פֿייגלען זיינען אַרויסגענומען געוואָרן פֿון דער שייד: סעפּאַראַטיזם, אַנאַרכיע, אַתּה בחרתּנו. אינטעליגענטן עליך, אַרבעטער! און אַזוי ווייטער — אין דעם זעלבן נוסח. און כּדי די פֿייגלען זאָלן בלישטשען האָט מען זיי אויך גוט געשליפֿט. ס׳האָט זיך געפֿונען עמעצער, וואָס האָט אויסגע־חכמעט גאָר אַ ניי, אָריגינעל, ממש טויטלעך וואָרט: ארץ־ישׂראלדיקער בונדיזם. אָט, אָט לאָזן זיך אויף אונז אַראָפּ די שאָטנס פֿון דעם נאָענטן עבר אין אַ נייעם גילגול. ניט „איסקראָ״ רופֿט צוריק דעם „בונד״, די פֿאַרבלאָנדזשעטע שאָף, ניט די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן רופֿן צוריק די פֿאַרבלאָנדזשעטע נשמות פֿון אירע סעפּאַראַטיסטן — נאָר די פֿאַר־שטייער „פֿון כּמעט אַלע אַרבעטער פֿון חוץ לאָרץ, וואָס שטרעבן צו אַ אידישן ישוב אין ארץ־ישׂראל״ באַקלאָגן זיך אויף יענעם „קליינעם טייל פֿון די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישׂראל״, וואָס אָנערקענען ניט די העגעמאָניע פֿון „דעם אידישן וועלט־פּראָלעטאַריאַט״ און פֿירן אַריין ביי אים „די אַנאַרכיע און דאָס וועטאָ־רעכט פֿון די פּוילישע שלאַכטיצעס״.

עס איז ווייזט אויס פֿאַראַן אַ צד השווה ביי אַלע „איינציקע פֿאַר־שטייער פֿון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט״, וואו זיי זאָלן זיך ניט געפֿינען. זיי קענען פּשוט ניט אָנערקענען און צוגעבן, אַז אונטער זייער נאָז, אין די גרענעצן וואו זיי האָבן דעם מאָנאָפּאָל, איז איבער נאַכט אויסגעוואָקסן עפּעס אַ טייל, עפּעס אַ מיעוט, וואָס באַטראַכט זיך ניט ווי אַ טייל און ניט ווי אַ מיעוט, נאָר ווי אַ זעלבסטשטענדיקע און אויטאָנאָמע איינהייט.

די פּאַרטייאישע פּאָלעמיק וואָס צעפֿלאַקערט זיך איצט אין אונזער מחנה, די אַרבעטער־מחנה אין ארץ־ישראל, איז אַן ענין וואָס פֿאַר זיך אַליין איז אפשר גאָרניט כדאי דערמיט זיך אָפּצוגעבן, אים פֿאַרשאַרפֿן און פֿאַרשפּרייטן. ער דרינגט ניט אַרויס פֿון אונזער לעבן דאָ, פֿון זאַכלעכע אָדער אידעאישע חלוקי־דעות צווישן אונז, ער האָט ניט קיין דירעקטע שייכות מיט אונזער היגן לעבן און אונזער היגער אַרבעט — ס׳איז אין גאַנצן אַן אימפּאָרט־אַרטיקל. ס׳איז בלויז אַ שאָד אויף דער דענערווירנדיקער ווירקונג וואָס עס האָט אויף אונזער ציבור, וואָס עס ווענדט אָפּ אונזער אויפֿמערקזאַמקייט פֿון אונזער אַרבעט און ממשותדיקע ענינים מיט וועלכע מיר פֿאַרנעמען זיך טאָג־איין טאָג־אויס. איין שעה אַרבעט האָט ביי מיר מער ווערט ווי אַט די אַלע „מלחמות״ און „נצחונות״ מיט דעם פֿאַרלוסט פֿון ענערגיע און דעם בילבול־המוחות וואָס די וויכוחים פֿון דעם מין מוזן מיט זיך ברענגען. שומר נפשו ירחק מהם. עס איז אָבער אין דער דאָזיקער פּאָלעמיק פֿאַראַן איין זאַך, וואָס איז ווערט אַז מען זאָל איר שענקען אויפֿמערקזאַמקייט. דאָס איז דער עצם געדאַנק וועגן יענעם „קליינעם טייל אידישע אַרבעטער״, וואָס לעבט אין ארץ־ישראל.

איך בין ניט קיין שליח־ציבור און ניט קיין פּאַרטיי־מענטש. מיינע ווערטער טראָגן ניט אויף זיך קיין שטעמפּל פֿון קיין אָרגאַניזאַציע און איך האָב זיך ניט באַזאָרגט אין פֿאָראויס מיט דער הסכמה פֿון דעם לייענער. אַן אַרבעטער אין ארץ־ישראל וויל זיך אַראָפּרעדן פֿון האַרצן און צו דיר, חבר לייענער, ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער, ווענד איך זיך מיט מיינע ווערטער און איך וויל, אַז דו זאָלסט מיך הערן. איך ווייס, דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער איז ניט געקנאָטן פֿון איין שטיק, מען האָט אונז אָנגעקלעפּט פֿאַרשיידענע עטיקעטן, מיר זיינען זיך צונויפֿגעקומען פֿון אַלע טיילן וועלט, מיט פֿאַרשיידענע און משונהדיקע פֿאַרגאַנגענהייטן, געוואוינהייטן, דערציאונגען און טראַדיציעס, וואָס צעטיילן אונז פֿון צייט צו צייט. אָבער מיר קענען אונזער איינהייט, זיך אַליין און אונזער אַרבעט. און אויב מיר ווילן וויסן ווער מיר זיינען דאָ און וואָס מיר זיינען פֿאַר זיך אַליין, וועלן מיר זאָגן: ניט „קיין קליינער טייל פֿון די אידישע אַרבעטער״ זיינען מיר — נאָר עפּעס אייגנאַרטיקס, וואָס לעבט אויפֿן אייגענעם חשבון און איז לגמרי זעלבסטשטענדיק, אַ גאַנצע זאַך, עפּעס וואָס שטרעבט צו זיין גאַנץ — אַן ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער.

און אויב עס וועט עמעצער קומען, וואָס וועט וועלן פֿאַרפֿירן זיך אַליין אָדער אַנדערע, און וועט פֿון מיינע ווערטער אַרויסדרינגען, אַז מיר האָבן ניט קיין חלק ונחלה אין דיליידנדיקע אידישע מאַסן, אַז מיר זאָגן

זיך אָפּ פון דער גרויסער גאולה־האָפענונג, אַז מיר צערייסן די פעדעם פון עליה און אימיגראַציע, אַז מיר פאַרטרייבן פון זיך די אַרבעטער פון חוץ־לארץ „וואָס פאַרבינדן זייער צוקונפט", אַאז״וו — וועלן מיר זיך מיט אים ניט שפּאָרן. און אַפילו אַז מען וועט אונז באַשולדיקן אין זעלבסט־גלאָריפיצירונג, אין איבערשאַצונג פון אונזער ווערט און אין „אתה בחרתנו" — וועלן מיר וועגן דעם אויך ניט פאַרלירן קיין ווערטער. ווער ווייס, ווי מיר אַליין, ווי אָרעם עס איז נאָך אונזער קוואַל, ווי ווייניק ער איז נאָך ביכולת צו שפּייזן אונזער נשמה און ווי ווייט מיר זיינען נאָך פון אַ וועג. וויפיל מאָל איז שוין דער דאָזיקער קוואַל אויסגעטריקנט געוואָרן! די וואָס זיינען געקומען פאַר אונז — די ערשטע און צווייטע כוואַליע פון די עולים — זיינען ניט איין מאָל געבליבן שטעקן אין אַ שטייענדיקער בלאָטע, און זייערע כוחות זיינען אויסגעגאַנגען און זייער נשמה איז אַרויס — און ניט בטהרה — נאָך איידער דער נייער שטראָם איז צו זיי דערגאַנגען. ווער קוקט אַרויס אַזוי ווי מיר אויף די וואָס וועלן קומען נאָך אונז, וועלן אונז איבערשטייגן, באַרייכערן אונזער לעבן, כדי מיר זאָלן צוזאַמען מיט זיי, מיט אַלע אונזערע אָהערגעבראַכטע כוחות, פּרובירן איינציקווייז צו פאַרווירקלעכן אונזער פאַרבאָרגנסטע באַגערן.

פאָדערט אָבער טאַקע דאָס געפיל פון נאַציאָנאַלער אַחדות, דער צוּבונד מיט דער אַרבעטנדיקער (אָדער ריכטיקער געזאָגט, אַרבעטסלאָזער) אידישער מאַסע, דאָס שטרעבן צו דער פאָלקס־דערלייזונג און די האָפענונג אויף דער באַפרייאונג פון דער אַרבעט, אַז מיר זאָלן קרוינען אַ פירער איבער אונז און אויף זיך נעמען די הערשאַפט פון דרויסן?

מיר זיינען קיין ארץ־ישראל געקומען „לעבדה ולשמרה" ניט ווי שליחי ציבור און ניט ווי מאַנדאַטירטע דעלעגאַטן פון עמעצן וואָס „פאַרבינדט זיין צוקונפט" מיט ארץ־ישראל און האָט פאַר אונז אָנגעצייכנט דעם וועג אויף וועלכן מיר דאַרפן גיין. מיר זיינען דאָ געקומען איבערצובויען אונזערע חורבות און אונזער פּערזענלעכן לעבן. מיר אַרבעטן פאַר דער באַפרידיקונג פון אונזערע באַדערפענישן און דער דערלייזונג פון אונזערע נשמות. און קיין שום בת־קול פון די חורבות פון חוץ־לארץ האָט איבער אונז קיין שליטה ניט און דאַרף איבער אונז קיין שליטה ניט האָבן.

און לאָמיר זיך ניט נאַרן: וואָס זיינען די רעאַלע פאַרבינדונגען, מיט דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין חוץ־לארץ — אַפילו אויב זי טראָגט אַ ציוניסטישן נאָמען? מיט וואָס מיר קענען זיך איינע די אַנדערע העלפן? קענען מיר זיי העלפן לייזן די שפּראַכן־פראַגע? קענען מיר זיך באַטייליקן אין זייערע וואַל־קאַמפן צו דער דומע? אָדער קענען זיי פאַר

אונז שאַפֿן אַ פּראָגראַם פֿאַרן ישוב און לייזן די אַרבעט־ און אַרבעטער־פֿראַגע אין ארץ־ישראל?

מוראדיקע ריסן קומען איצט פֿאַר צווישן די פֿאַרשיידענע טיילן פֿון פֿאָלק. דער גלות האַלט זיך אין כסדרדיקן שפּליטערן, פֿאַרשיידענע שפּראַכן צעשיידן זיך און ווערן אָפּגעפֿרעמדט איינע פֿון די אַנדערע, פֿאַרשיידענע לאַגעס, דורכאויס אַנדערע באַדינגונגען, קעגנזייטיק־פֿרעמדע שטרעבונגען — אַט די אַלע זאַכן וועלן מיר ניט פֿאַרטושן מיט תירוצים און טעאָריעס און מיר וועלן זיי ניט אַנולירן מיט ווערטער וואָס קענען אפֿשר לייכטער מאַכן דעם ווייטיק. איז מעגלעך בייצוקומען דעם פֿונאַנדערפֿאַל פֿון דער אומה? די צוקונפֿט וועט דערויף געבן אַן ענטפֿער. מיר וייסן בלויז איין זאַך: מיר וועלן בלייבן שטיין אויף אונזער פּלאַץ. מיר זיינען אַ מינדערהייט אין פֿאָלק, אַ קליינער טייל פֿון די אַרבעטער, אָבער — לא אחרי רבים להטות. „זאָלן זיי קומען צו דיר, אָבער דו קער זיך ניט צוריק צו זיי".

און וואָס איז דער טייטש פֿון די ווערטער „וואָס פֿאַרבינדן זייער צוקונפֿט", „וואָס זיינען פֿאַראינטערעסירט אין דעם ארץ־ישראלדיקן ישוב", אַאז"וו? זיינען טאַקע דער אימיגראַנט, דער חלוץ, דער קאָלאָניסט און דער וואָס איז „פֿאַרבונדן" און „פֿאַראינטערעסירט" און „שטרעבט" צו אַ אידישן ישוב אין ארץ־ישראל (אין זיין פּאַרטיי און פֿאַראיין) — געקנאַטן פֿון איין טייג? איז טאַקע דער וואָס קויפֿט אַ שקל און אַבאָנירט אויפֿן „אידישן אַרבעטער" און צאָלט פּאַרטיי־שטייער אַן אונזעריקער, אַן ארץ־ישראלדיקער, און מיר האָבן כּלפּי אים חברשע פֿליכטן און ער האָט דאָס רעכט צו זאָגן אַ דעה אין אונזער לעבן און אַרבעט? אָדער אפֿשר האָט זיך איינע פֿון אונזערע פּאַרטייען גענומען אין מאָנאָפּאָל אויף די אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל? און אפֿשר זיינען פֿאַראַן ביי אונז מענטשן וואָס מיינען טאַקע אויף אַן אמת, אַז מען קען מיט פּראָגראַמען בויען מלוכות און מיט לייזן פּאַרטיי־פֿראַגעס קען מען קאָלאָניזירן אַ לאַנד?

יאָ, מיט פּאַרטיי־צוימען וויל מען ביי אונז — און ניט נאָר ביי אונז — בינדן שעפֿערישע כּוחות, און דורך פּאַרטיי־אויטאָריטעט — באַהערשן פֿאַרבאָרגענע זעלישע כּוחות, פּעאיקייטן און פּערזענלעכע ווילנס.

אָבער די האָפֿענונג אויף דער דערלייזונג פֿון אונזער לאַנד און אויף דער פֿאַרוואָרצלונג און באַפֿרייאונג פֿון דעם אַרבעטנדיקן מענטשן אויף דער דאָזיקער ערד וועט ניט פֿאַרוועלקט ווערן און קען ניט פֿאַרווירקלעכט ווערן אָן פּערזענלעכקייטן, מענטשן פֿון ווילן, וואָס שטרעבן צו גרויסע מעשים, זוכן אַן אויסדרוק פֿאַר זייערע געפּענטעטע כּוחות, וואָס זיינען הונגעריק נאָך לעבן און נאָך אַרבעט מתוך אהבה, אַן יענעם מענטשלעכן טיף וואָס געפֿינט זיך ניט קיין רו צווישן קאָנווענציאָנעלע אידעען

און עטיקעטן. דאָס איז דער טיפּ מענטש וואָס האָט געשאַפֿן די נייע וועלט אין אַמעריקע און אויסטראַליע, וואָס האָט דער וועלט געגעבן אַלע פֿאַראויסגעפּלאַנטע סאָציאַלע קאָלאָניזאַציע־עקספּערימענטן, פֿון די אַנגלאָ־סאַקסישע פּיאָנערן ביז די דוכאָבאָרן.

אָרגאַניזירטע צעירי־ציון און פּועלי־ציון זיינען אַהער געקומען און וועלן נאָך קומען. אָבער בלויז אַ קלענער טייל פֿון זיי איז געבליבן, לעבט און אַרבעט אין לאַנד. פֿיל פֿון זיי האָבן שוין פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, און מען דאַרף ניט זיין קיין שוואַרצזעער, כּדי צו דערוואַרטן, אַז פֿיל פֿון די וואָס זיינען געקומען וועלן פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד און די אַרבעט. זיי האָבן דאָ ניט געפֿונען דאָס לעבן נאָך וועלכן זיי האָבן געגאַרט — און דאָס לאַנד האָט אין זיי ניט געפֿונען די אַרבעטער אין וועלכע עס נויטיקט זיך. די דערציאונג אין פֿאַראיין, וואָס זי זאָל ניט זיין, איז נאָך ניט גענוג כּדי אויסצופֿורעמען אין אַ מענטשן די פּערזענלעכע אייגנשאַפֿטן וואָס זיינען נויטיק כּדי דאָ צו לעבן, — זי באַשיצט ניט דעם מענטשן ניט קעגן שלומיאלישקייט, ניט קעגן דער בענקשאַפֿט נאָכן גלות אין אַלע זיינע פֿאַרמען, ניט קעגן דעם דעזערטירן און אויך ניט קעגן דעגענעראַציע אין ארץ־ישראל. מען דאַרף אויך ניט פֿאַרגעסן, אַז קיין שום פּאַרטיי אין ארץ־ישראל פֿאַרזיכערט ניט אירע מיטגלידער קעגן הענדלעריי, פּעדלעריי, משגיחות און ענלעכע זאַכן. ניט דער „יחוס" פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט פֿאַרזיכערט אונז עפּעס אָדער איז אונז צו עפּעס מחייב, נאָר דער מענטש אַליין, דער קומענדיקער, דער צוקונפֿטיקער. מיר דאַרפֿן האָבן ניט דווקא דעם אַרבעטער אין חוץ לארץ — נאָר דעם מענטשן וואָס קומט אַרבעטן אין ארץ־ישראל. מיר נויטיקן זיך אין פּערזענלעכקייטן, ווער זיי זאָלן ניט זיין, „אידעאַלע", אָדער „נאַטירלעכע", אָדער — לויט אייערע דעפּיניציעס — ציוניסטן אָדער ניט־ציוניסטן, מענטשן וואָס האָבן באַקומען אַ געזעלשאַפֿטלעכע דערציאונג, אָדער אַזעלכע וואָס האָבן זי ניט באַקומען — אָבער פּערזענלעכקייטן, וואָס זייער נשמה זאָל דאָ געפֿינען אַן אחיזה, זייערע הענט — אַ קאָוואַדלע, זייער האַרץ — חיות. זיי וועלן בויען דאָס אייגענע לעבן, און אַזוי וועלן זיי בויען דאָס לאַנד.

און אויף אָט די פּערזענלעכקייטן, די דאָזיקע יחידים, האָט מען נאָך ניט געוואָרפֿן קיין גורל און קיין שום פּאַרטיי קען זיי לכתחילה ניט אַריינגעמען צווישן אירע „אומבאַוועגלעכע גיטער". זיי זיינען צעשפּרייט איבער אַלע טיילן פֿון גלות, אין די מערסטע פֿאַלן זיינען זיי נאָך ניט באַוואוסטזיניק וועגן זיך אַליין, וועגן די כּוחות וואָס ווירקן אין זיי און וועגן דער צוקונפֿט וואָס דערוואַרט זיי דאָ אין לאַנד. אפֿשר זיינען צווישן זיי פֿאַראַן בלאָנדזשענדיקע וואָס זוכן אַ וועג, וואָס הענגען צווישן אונטערגאַנג און

אויפריכטונג, און וואַרטן אויף דער בשורה פון גאולה? ווער וועט זיי אָנזאָגן אַז „על הירדן או בגליל ראה חורש זיו השכינה" און אַז „סופות עליזות מרצדות בנפשות שכורות־הגאולה"?

עס איז זייער מעגלעך, אַז אַזעלכע יחידים פעלן אויך ניט אין די פאַרשיידענע פאַרטייען און גרופעס. די צרה איז אָבער וואָס די אַרבעט פון די דאָזיקע פאַרטייען — און מיר נעמען ניט אַרויס פון דעם דאָזיקן כלל די פאַרשיידענע ציוניסטישע גרופעס — צילט זיי אַראָפצופירן פון זייער געפערלעכן וועג אויף דעם אָפענעם און ברייטן שליאַך, צו פאַר־טעמפען זייערע בלאַנדזשנדיקע געפילן, צו פאַרשטאָפן זייערע זעלישע פאָ־דערונגען מיט פראָגראַם־פּאַראַגראַפן און מיטינגען און דיסקוסיעס. און אויב עמיצער פון זיי ראַטעוועט זיין נשמה און קומט אַהער — איז דאָס טראָץ דער השפעה פון אונזער געזעלשאַפטלעכקייט, איר פרעסע און טוער.

מיר האָבן נאָך ניט קיין באַוועגונג פאַר „דירעקטער אַקציע", פאַר פערזענלעכער שטרעבונג צו דערלייזונג, פון גרייטן זיך פאַר חלוציות. אָבער אויב עס זאָל אַמאָל קומען אַ צייט ווען דער אַרבעטער־כלל אין ארץ־ישראל וועט זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט עפעס אַ באַוועגונג אין חוץ לארץ, וועט דאָס זיין בלויז מיט יענער צוקונפטיקער באַוועגונג, וואָס אין איר צענטער וועלן שטיין ניט „פאַרבינדונגען" און „אינטערעסן", ווי אַ טייל פון דער רוטין פון דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן אַפּאַראַט, נאָר — עליה, דירעקטע עליה וואָס איר אידעאַל וועט זיין ניט ציוניזם, נאָר פערזענ־לעכע איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל, דאָס זוכן פון אייגענער דערליי־זונג, און איר וועג וועט זיין — ניט דער וועג פון דער סטאַדע נאָר פון דער פרייער פערזענלעכקייט און פערזענלעכן ווילן.

און אויף אַזאַ באַוועגונג, די באַוועגונג פון דעם דערוואַכטן אידישן מענטשן וואָס זוכט זיין דערלייזונג, וואַרטן מיר — אַפילו אויב זי וועט זיך פאַרזאַמען.

ב

געבאָרן פון טיפע מענטשלעכע אַספּיראַציעס און פון די פאַרבאָרגנ־סטע פאָלקס־באַגערן, האָט זיך דער ציוניזם פאַר אונז אַנטפּלעקט אין חיבת ציון פון ר' יוסף דעם רב און זעליג מאַראַניק דעם שוסטער — אונזערע פריסטע קינדער־יאָרן. די בילויים, די תמימותדיקע און הייליקע שלום־עליכמס קאַסרילעווקער העלדן, הערצלס וויזיע־אויפבליצן, ביאַ־ליקס ליד און געדאַנק, פייערבערג, בערדיטשעווסקי און טשערניכאָווסקי, די גרינדונג פון דעם קרן קימת פאַר דער אויסלייזונג פון באָדן, די ציו־ניסטיש־סאָציאַליסטישע יוירונג צווישן דער אידישער יוגנט פון פאַר־

שיידענע לאַגערן — אַט די אַלע גלויי שכינה זאָגן אונז, אַז אין דער דאָזיקער באַוועגונג האָט געשטראָמט אַ לעבעדיקער קוואַל, אַ מקור מים חיים.

„עוד טרם ידעתי מה יהיו חלומותי ונפשי כצפור בהריחה יום דרור".

אַזוי האָט דער דיכטער כאַראַקטעריזירט די לאַגע פון פאָלק אין יענע גרויסע טעג. טרם ידעתי. דאָס וויסן, דאָס וויסן און קענען די אייגענע טרוימען אין זייער גאַנצער טיפקייט, מיט אַלע זייערע אומפאַרמיידלעכע פראַקטישע קאָנסעקווענצן, דאָס דאָזיקע וויסן איז ניט געקומען. און אויך ניט די „בחירה", דער אויסוואַל פון לעבנסוועג. די טרוימען זיינען אַוועקגעפלויגן און דער פויגל איז פאַרבליבן אין שטייג. די קללה פון גלות האָט אויך באַהערשט די גאולה־שטרעבונג. דער ציוניזם איז געקומען צו דעראָבערן דעם גלות און דעם קעגנוואַרט־לעבן — און האָט זיך זיי אונטערגעגעבן. אַקאָרשט האָט ער זיך אָנגעהויבן אַנטפלעקן פון די טיפענישן, זיך אויסשיילן פון אומבאַשטימטע אייגנשאַפטן און אַבסטראַקטע געדאַנקען און זיך אַרויסגעלאָזן אין דער ברייטער אַרומיקער וועלט — און האָט שוין גלייך די דאָזיקע וועלט אין זיך איינגעזאַפּט, זיך צו איר צוגעפּאַסט און געבליבן מיט אָפּגעהאַקטע פליגלען, אָן אַ וועג, זיך אונטערגעגעבן יעדן בלאָזנדיקן ווינט — און אַזוי איז דאָס געבליבן ביז היינטיקן טאָג. די באַוועגונג וואָס איז לכתחילה געווען געבויט אויף אַ דירעקטער, עקסטרעמער, גאַנצער אידעע, וואָס איז אין איר עצם געווען אומפּעאיק צו מאַכן פשרות און ויתורים, האָט זיך אויסגעלערנט זיך צוצופּאַסן, צוזאַמען מיט דער גאַנצער אידישער גאַס, צו יעדער מאָמענטאַלער לאַגע, כסדר צו בויגן אירע באַגריפן, אירע איבערצייגונגען און האָפענונגען. זי האָט אין זיך אַלץ איינגעזאַפּט און צו אַלץ זיך צוגעפּאַסט — צו יעדער טעאָריע, צו יעדער פאַנטאַזיע, צו יעדער אידעע וואָס האָט פּרובירט צו באַהערשן די סביבה אין אַ געגעבענעם מאָמענט. דער פחד פאַר דער רעאַקציע און די חניפה צו דער רעוואָלוציע — בעת אירע זיגן, — הכנעה צו אַבדול האַמיד און באַגריסונגען צו די יונגע טערקן, רעדעס וועגן רעאַלער אַרבעט אין ארץ־ישראל און מגידות, אין דער דומע, וועגן דעם „סיאַמעזער צווילינג" — דאָס זיינען פאַרשיידענע מאָמענטן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס זייער מאַראַלישע באַדייטונג איז גאַנץ קלאָר.

דאָס איז דער גורל פון דער גאולה־שטרעבונג וואָס איז ממשיך איר קיום אין גלות, שוין נאָך דעם ווי זי האָט „דערשפּירט דעם פרייהייטס־טאָג". זי איז אָפן־אויגיק — אָבער זי זעט ניט. דער ציוניסט וואָס בלייבט אין גלות קען דאָרטן ניט פירן אַ נאָרמאַלן לעבן, זוכן צו באַפרידיקן זיינע מאָמענטאַלע באַדערפענישן, אין זיך אַריינצואָטעמען די אַרומיקע לופט. וואָס שוואַכט אָפּ און פאַרסמט מיט צווייפל און הכנעה. די גאולה־שטרע־

בונג האָט אויפגעהערט צו זיין דאָס וואָס זי איז געווען, און איז געוואָרן איינע פון די קאָנסערוואַטיווע כּוחות, אַ מין געווירץ וואָס מאַכט גרינגער דעם עול, אַ סוראָגאַט וואָס גיט היילונג מענטשן מיט געבראָכענע ווילנס, און אָפּרו — די „אָרעמע אין גייסט". דער ציוניזם איז געבליבן אַ חלום און אַ פרומער וואונטש, וואָס פירט ניט צו קיין שום מעשים, און דאָס קאָנקרעטע לעבן איז געבליבן דאָס לעבן אַרום. דאָ דאַרף מען אפשר אויך זוכן די סיבות פון יענער מוראדיקער פאַראַט־כוואַליע, פון דעם כּסדר־דיקן דעזערטירן פון ציוניזם, אַ רענעגאַטישקייט וואָס קיין שום אַנדער באַוועגונג האָט זי ניט געקענט אין אַזאַ מאָס. אַמאָל באַגעגנסט דו זיך מיט אַ מענטשן און הערסט פון אים יענע אַלע באַגריפן וואָס אויף זייער נעגאַציע איז דער ציוניזם געבויט געוואָרן, און דו ווערסט רויט פון חרפּה ווען דו הערסט, אַז דער דאָזיקער מענטש איז אַ געוועזענער ציוניסט. אַלץ איז אָפּגעווישט געוואָרן, אַלץ איז פאַרגעסן געוואָרן — אַזוי ווי עס וואָלט קיינמאָל גאָרניט געווען. פון וואַנען נעמט זיך די דאָזיקע חרפּהדיקע איבערפלעכלעכקייט? מען קאָן זיך זוכן אַ טרייסט אין דעם געדאַנק אַז אין דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט איז פאַראַן אַ מין קעגנזייטיקע ווירקונג. דער ציוניזם ווערט טאַקע באַאיינפלוסט — אָבער ער באַאיינפלוסט אויך אַנדערע. דאָס איז אמת — אָבער קומט דאָס פאַר אין אַזאַ פאָרנעם וואָס איז עלול צו ברענגען צו גאולה, צו דער אַנטפּלעקונג פון אַ קאָלעקטיוון ווילן? אַז איך טראַכט וועגן דעם ציוניזם, זע איך פאַר זיך די אידישע געזעלשאַפטלעכקייט, מיט אַלע אירע ריכטונגען, ווי אַ לייטער וואָס שטייט אויף דער ערד און זיין שפּיץ דערגרייכט ניט צום הימל. דער וואָס געפינט זיך אונטן פּרובירט שטייגן אַרויף, און דער וואָס שטייגט אַרויף — מוז סוף־כּל־סוף זיך צוריק אַראָפּלאָזן.

און די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג? די דאָזיקע באַוועגונג, וואָס האָט אין אירע אָנהויב־יאָרן פּרובירט געפינען אַן אויסדרוק פאַר די אינערלעכע באַגערן און געפּענטעטע כּוחות פון דעם אידישן מענטשן, וואָס האָט דעם ציוניסטישן רעוואָלט דערהויבן צו דער מדרגה פון אַן אַלגעמיינעם רעוואָלט קעגן רעזשימען און באַגריפן, די דאָזיקע באַוועגונג וואָס איז געקומען אויף דער וועלט מיט אַ ממשותדיקער און קאָנקרעטער קריטיק, וואָס איז פריי געווען פון אַלטע און נייע דאָגמעס, וואָס האָט באַזיצט אַ זעליש־רעוואָלוציאָנערן געפיל וואָס האָט רעבעלירט אויך קעגן דער רוטין אין דער רעוואָלוציע — האָט זי באַוויזן אויסצוהאַלטן די פּראָבע? האָט זי זיך ניט אויך אונטערגעגעבן דער סביבה, זיינען אירע פעסטונגען ניט אויך געפאַלן איינע נאָך דער צווייטער, האָט זי דען ניט פאַרלאָרן אירע טייערסטע קנינים, איר זעלבסטשטענדיקייט און פרישקייט — איז

זי ניט געוואָרן אַ זאַמלפּלאַץ פֿאַר אָנהענגער פֿון אַ פֿאַרשטיינערטער סכאָלאַסטיק, פֿון אַן איבערפֿלעכלעכער און באַלזאַמירטער פֿראַזעאָלאָגיע, פֿון אַ ראַדיקאַליזם פֿון דעם נעקראַסאָווישן מין: „דאָס וואָס ער האָט געלייענט אין דעם לעצטן בוך — איז פֿאַר אים געווען דער העכסטער אמת״.

און אירע אָפּטריניקעס — האָבן זיי זיך ניט צעשפּרייט איבער אַלע עקן פֿון גלות, נאָכדעם ווי זייערע אינערלעכע כּוחות זיינען אויסגעטריקנט געוואָרן און חרוב געוואָרן — און זייערע נשמות האָבן זיי ניט געראַטעוועט?

און יענע ווייניקע כּוחות אין דער ציוניסטישער באַוועגונג וואָס האָבן יאָ אויסגעהאַלטן די פּראָבע, וואָס דורך פֿיקסירן דאָס אינערלעכע לעבן אויף איין פּינטל, דורך ווידערשטאַנד קעגן די השפּעות פֿון דער אַרומיקער סביבה, זיינען זיי געבליבן פֿעלזן־שטאַרק — וואָס פֿאַראַ פּרייז האָבן זיי באַצאָלט פֿאַר דער דאָזיקער פֿעסטקייט? וואָס איז געוואָרן פֿון זייער ציוניזם — האָט ער ניט פֿאַרלאָרן זיין נשמה, ניט איינגעשרומפּט געוואָרן און פֿאַרלאָרן זיינע לעבנס־כּוחות? מיר האָבן איין מאָס, לויט וועלכער מיר קענען אורטיילן וועגן דעם ווערט פֿון דער רענעסאַנס־באַוועגונג, אין יענער פֿאָרם אין וועלכער זי האָט זיך בכלל קאָנסערווירט — איר באַציאונג צו דער אַרבעטס פּראָגע. פֿון אירע סאַמע ערשטע שריט האָט די שיבת־ציון־באַוועגונג אין זיך איינגעשלאָסן, ווי אַן אינטעגראַלן טייל, דעם צוריקקער צו אַרבעט און ערד. אין די בילויים און זייערע יורשים איז אויך געווען אַן אומקלאָר לעכצן נאָך דער העגעמאָניע פֿון דער אַרבעט אין דער צוקונפֿטיקער אידישער געזעלשאַפֿט. אָבער דער „רעאַליסטישער״ ציוניזם האָט שלום געמאַכט מיט דעם הויפּט־פֿעלער פֿון אונזער לעבן אין דער פֿאַרגאַנגענהייט: די ערד איז געוואָרן אַ געשעפֿט, אַן עניין פֿאַר ספּעקולאַציע, און די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן דורך ניט אידישע הענט.

אַ מענטש ווי משה לייב ליליענבלום, דער רעאַליסט און מענטש פֿון פּשטות וואָס האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס פֿאָלק קען ניט גענעזן ווערן אָן אַרבעט און ערד, וואָס האָט זיין גאַנצן לעבן פֿאַר דעם געקעמפֿט מיט זיך און מיט זיין סביבה, האָט אויף דער עלטער ניט פֿאַרשטאַנען די יעניקע וואָס זיינען געקומען עס צו פֿאַרווירקלעכן אין לעבן.

און דער מחבר פֿון „על פּרשת דרכים״, וואָס האַלט דוכט זיך אין די הענט דעם מאָסשטאַב פֿון דער נביאים־מאָראַל, וואָס האָט אַמאָל אונז טיף גערירט מיט זיינע ווערטער וועגן „עם כי יחרב״ און וועגן דער העסלעכקייט פֿון „עבד כי ימלוך״, גלאָריפֿיצירט אין זיין לעבנס־אָוונט דעם „שיינעם טיפּ״ פֿון די נייע „בועזים״, ווען עס איז באַשערט צו שאַפֿן

אַן אויסשטעלונג פֿון „אָריגינעלער קולטור“ אויף די רוקנס פֿון זייערע קנעכט.

ווי אָרעם און באַליידיקנדיק עס איז דאָס דאָזיקע בילד! ליגט דאָ ניט דער שליסל צו אונזער ירידה?

בלויז מיטן ממשותדיקן פֿאַרלאָזן די געטאָ עפֿנט זיך פֿאַר דעם ציוניזם אַ מעגלעכקייט פֿון אַ תּיקון. די ענדערונג פֿון דעם געאָגראַפֿישן צענטער פֿירט ממילא צוליב אינערלעכער נויטווענדיקייט, אויף אַ סטיכישן אופֿן — אויב מען מעג זיך באַנוצן מיט דעם דאָזיקן טערמין אַנשטאָט באַוואוסטזיין און ווילן — צו דער ענדערונג פֿון דעם מאָראַלישן און פּערזענלעכן צענטער. די אַלטע ירושה, דער היסטאָרישער באַלאַסט און די היסטאָרישע פּעלערן מאַכן ביסלעכוויז פּלאַץ — כאָטש קעגן מערק־באַרן ווידערשטאַנד — פֿאַר נייע כּוחות וואָס רעוואָלטירן קעגן זיי. עס דערנענטערט זיך די איבערשאַצונג פֿון ווערטן, וואָס איז פֿאַראויסגעזאָגט געוואָרן אין הייליקן גייסט פֿון דער העברעאישער פּאָעזיע, אַן איבער־שאַצונג פֿון מאַטעריעלע און גייסטיקע ווערטן. אויפֿן פּלאַץ פֿון דעם גרויסן חומר פֿון געטאָ־לעבן — אַ לעבן פֿון ערד און אַרבעט. אויפֿן פּלאַץ פֿון דעם גייסטיקן לעבן פֿון דער אַלטער און נייער געטאָ — דער מענטש „וואָס איז געבאָרן אַ גלייכער“. עס איז נאָך ווייט דער וועג ביז צו דעם מענטשן פֿון דער ערד, דעם מענטשן פֿון „קוממיות“. אָבער מיר געפֿינען זיך אויפֿן וועג צו אים. די גאולה האָט אויפֿגעהערט צו זיין בלויז אַ נאַציאָנאַלע פֿראַזע. זי נעמט אָן הויט און ביינער און באַקומט אַ לעבע־דיקע, פּערזענלעכע נשמה. מיר זעען בלויז דעם אָנהויב דערפֿון. ווער וועט עפֿענען אונזערע אויגן צו זען די פֿאַרבאָרגענע מעגלעכקייטן וואָס זי טראָגט אין אירע פֿליגלען?

דער צוקונפֿט אַנטקעגן

[רעפֿעראַט, געהאַלטן ביי דעם זיבעטן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער הסתּדרות הפּועלים החקלאית, פּורים, תּרע״ח (1918). דאָס איז געווען די ערשטע אַרבעטער־קאָנפֿערענץ נאָכדעם ווי יהודה איז אָקופּירט געוואָרן פֿון דער ענגלישער אַרמיי, בעת דער גליל האָט זיך נאָך געפֿונען אין טערקישע הענט. דאָ ווערט געגעבן בלויז דער ערשטער טייל פֿון דעם רעפֿעראַט; דער צווייטער טייל האָט אַנטהאַלטן אַ ריי ספּעציפֿישע פֿאָרשלאָגן בנוגע דער ציוניסטישער אַרבעט נאָך דער מלחמה.]

אין אַן אומרואיקן געמיט הויב איך אָן אונזער שמועס ביי אונזער ערשטער באַגעגעניש אין אָנזיכט פֿון דער צוקונפֿט. ענדלעך איז געקומען דער מאָמענט אויף וועלכן מיר האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט. עס זיינען געפֿאַלן די קייטן. עס איז פֿאַרשוואונדן דאָס לעבן פֿון שטענדיקע ספּאַזמעס, דאָס לעבן פֿון באַליידיקונג, דאָס קאָשמאַר־לעבן. ס'איז פֿאַרשוואונדן די אימה פֿון צעשטערונג און חורבן, וואָס האָט אין משך פֿון אָט די אַלע יאָרן געשוועבט איבער דעם לעבנס־ווערק פֿון צוויי דורות גאולה־אַרבעט און גאולה־יסורים. און אין בליץ־ליכט פֿון די גרויסע בשורות, וואָס ברעכן זיך צו אונז דורך אַ וועג פֿון דער וועלט־פֿינצטערניש, לאָזן מיר זיך אַרויס פֿון דאָס ניי צו זען דאָס ליכט פֿון לעבן. און אויב אַזוי פֿאַרוואָס איז דאָס האַרץ אַזוי באַזאָרגט און פֿאַרווירט? פֿון וואַנען נעמט זיך דער ווייטאָג וואָס לאָזט ניט אָפּ? איז דאָס בלויז די פֿאַרווירונג פֿון פֿרייד, די טרערן פֿון באַפֿרייאונג און דערלייכטערונג? ניט נאָר דאָס אַליין. אונזער פֿרייד איז נאָך ניט פֿול, עס ברויזט נאָך דער ווייטאָג פֿון „אפֿס קצהו״. די געגאַרטע ברייטע האָריזאָנטן זיינען נאָך ניט געעפֿנט געוואָרן, עס האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן דאָס שעפֿערישע לעבן, מיר זיינען נאָך ניט באַרייכערט געוואָרן מיט נייע חלוצים־מחנות, און דאָס האַרץ איז נאָך איינגעהילט אין טרויער — און ניט נאָר טרויער אויפֿן עבר. עס איז געשען דאָס פֿאַר וואָס מיר האָבן זיך געשראָקן. מיר, די ווייניקע, זיינען ווייניקער געוואָרן, זיינען צעריסן געוואָרן. עס זיינען פֿון אונז אָפּגעריסן געוואָרן כּוחות וואָס זיינען מיט אונז אין משך פֿון יאָרן געווען פֿאַרבונדן — מיט האָפֿענונגען און ווייטאָגן און ערנסטע לעבנס־ענינים. און ווען מיר קומען

זיך צונויף איצט, נאָך דעם אַלעם וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט. כּדי זיך צו באַראַטן וועגן דער צוקונפֿט, זעען מיר אַז עס פֿעלן אונדז אונדזערע מערסטע כּוחות, אונדזער רוב מנין און רוב בנין. עס איז מיט אונדז ניטאָ דער זקן־החבורה,* דער וויטאַגנדיקער און דער טרייסטער, דער פֿאָדערער און דער מוכיח, דער דענקער און דער צופֿה, וואָס זיין עצם זיין צווישן אונדז, זיין עצם לעבן צווישן אונדז, האָט שוין אין זיך געטראָגן עלית־נשמה; עס זיינען מיט אונדז ניטאָ די חברים וואָס ליגן אין די טערקישע טורמעס, פֿאַרשיקטע אין אַלע עקן וועלט; עס איז ניטאָ די ערן־וואַך, דער אַוואַנגאַרד פֿון דער הגנה און דער שמירה, און ווער ווייס וואו זיי געפֿינען זיך איצטער; עס זיינען מיט אונדז ניטאָ דער ליבער און טייערער קרייז פֿריינד, וואָס איז געשטאַנען אויף די פֿאַראַנטוואָרטלעכסטע פּאָסטנס פֿון אונדזער באַוועגונג, די געמיינשאַפֿט פֿון איניציאַטיוו, געפֿיל, ווילן און טאַט — דגניה, כּנרת, תּל־עדשים, מרחביה; עס איז מיט אונדז ניטאָ די גרופּע אַרבעטערינס וואָס זיינען איינזאַמע אַרויס די ערשטע אויף די שווערע וועגן און אויסגעטראָטן דעם וועג פֿאַר דער אַרבעט פֿון דער פֿרוי. עס איז מיט אונדז ניטאָ דער גליל! און עס קאַרטשעט זיך דאָס האַרץ ביי דער דאָזיקער באַגעגעניש בעת אונדזער צאָל איז אַזוי קליין און מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז ניט נאָר דאָס מאָל, דעם היינטיקן אָוונט, פֿילן מיר אַז זיי פֿעלן אונדז — נאָר וואוהין מיר זאָלן זיך ניט ווענדן, ביי יעדער אַרבעט וואָס דאַרף געטאָן ווערן. עד מתי, עד אנה?

ווען וועט שוין קומען דער טאָג פֿון דער פֿולער באַגעגעניש צווישן ברידער, ווען ברודער וועט ברודער דערציילן וואָס ער האָט איבערגע־טראָגן זינט דעם טאָג וואָס מיר זיינען צעשיידט געוואָרן, ווען מיר וועלן צוזאַמען וויינען און לאַכן, און מיר וועלן זיך פֿון דאָס ניי פֿאַראייניקן כּדי צו בעגעגענען דאָס פֿרייע לעבן און די נייע כּוחות וואָס וועלן צוקומען צו אונדזער לעבנס־באַוועגונג?

און דערווייל זיינען מיר ניט פּטור אויך אין דער איצטיקער לאַגע צו קאָנצענטרירן אונדזער ביסל כּוחות און זיך באַראַטן וועגן דעם וואָס עס שטייט אונדז פֿאַראויס, וועגן אונדזערע פֿליכטן צו זיך אַליין, צו דעם מאָמענט, צו אונדזער צוקונפֿט. זאָל דערפֿאַר אונדזער שמועס זיין דער אַריינפֿיר צו יענעם צוזאַמענפֿאָר, דעם צוזאַמענפֿאָר פֿון די ארץ־ישׂראלדיקע אַרבעטער, וואָס וועט פֿאַררופֿן ווערן אין יענעם טאָג ווען מיר וועלן זיך אַלע באַגעגענען.

---

* אַ. ד. גאָרדאָן.

*

קלאָר מאַכן וואָס דאַרפֿן זיין אונזערע וועגן אין די קומענדיקע טעג — דאָס איז איצט אונזער פֿליכט, אונזער באַזונדערע, גרויסע פֿליכט.

דער איצטיקער מאָמענט, אפֿשר דער אַנטשיידנדיקסטער אין לעבן פֿון פֿאָלק, אין פּאָליטיש־ציוניסטישן זין, וועט אַוודאי האָבן אַן אַנטשיידנדיקע ווירקונג ביים באַשטימען אונזערע אינערלעכע וועגן, די וועגן פֿון נאַציאָנאַלן שאַפֿן. מיטן עפֿענען די ברייטע טויערן צו דער צוקונפֿטיקער אידישער געזעלשאַפֿט אַנטפּלעקן זיך פֿאַר אונז פֿאַרשיידענע שייד־וועגן, וואָס צעטיילן זיך און דערווייטערן זיך. קיינער קען זיך איצט ניט דערלויבן אָפּצוזאָגן פֿון דער פֿליכט אויסצוקלייבן דעם וועג. ניט אויסקלייבן איז אויך, באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק, אַ געוויסער אויסוואַל. און האָבן דען פֿיל אַפֿילו אין ציוניזם אַזאַ מאָראַלישן רעכט, אַזאַ זעעלישע גרייטקייט אויסצוקלייבן דעם וועג און אָנצוצייכענען די ריכט־ליניע, ווי יענע גרופּע, וואָס האָט זיך שוין אויסגעקליבן איר לעבנס־וועג, וואָס די פֿראַגעס פֿון דער צוקונפֿט דרינגען ביי אירע מענטשן אַרויס פֿון זייער פּערזענלעכן לעבן, פֿון זייער אַרבעט און שאַפֿן? דאָס איז דאָס גרויסע רעכט און די גרויסע פֿליכט פֿון דעם אידישן אַרבעטער.

דער אַרבעטער האָט זיך אויף אַן אייגנאַרטיקן אופֿן באַהעפֿט מיט דער גאולה־שליחות. די לעבנס־לערע און דער אידעאַל זיינען ביי אים פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּערזענלעך לעבנס־ווערק. זיין אַרבעט, זיין פֿאַרגאַנגענהייט, זיינען דערפֿאַרונגען און אויך זיינע מפּלות זיינען די טרעפּ אויף וועלכע ער שטייגט אַרויף און פֿון וועלכע ער קוקט אַרויס אויף דער צוקונפֿט, זיין צוקונפֿט, די צוקונפֿט פֿון פֿאָלק. זיין אַרבעט איז פֿאַר אים געוואָרן דער מקור פֿון באַדערפֿענישן, אידעען, אָפּשאַצונגען. פֿון דער טאָג־טעגלעכער אַרבעטס־אַקטיוויטעט איז אַרויסגעוואַקסן דער אַקטיוויזם פֿון זיינע באַגערן און פֿאָדערונגען, דער אַקטיוויזם פֿון געזעלשאַפֿטלעכן ווילן. און דער געזעלשאַפֿטלעכער ווילן אַנטפּלעקט זיך פֿון דאָס ניי אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט, שפּייזט זי און דערהויבט זי. די זעלבסט־דערקענטעניש פֿון דעם יחיד אָדער דעם קיבוץ טראָגט אין זיך ניט נאָר קריטיק און חרטה, נאָר אויך גלויבן און בטחון, די אָפּשאַצונג פֿון ווילנס און כּוחות. אויך אין דער אַרבעט פֿאַרלאָזן אונז ניט די קריטיק און דער זעלבסט־אַנאַליז. מיר האָבן ניט גענוג קראַפֿט צו דערפֿילן אין דער פֿולער מאָס אונזערע פֿאָדערונגען צו זיך אַליין. מיר זיינען געוואוינט שטרענג צו אורטיילן זיך אַליין און אונזער לעבן, מיר זיינען זייער, זייער וויט פֿון צופֿרידנהייט. אָבער לאָמיר זיך מודה זיין: פֿאַרמינערט דאָס די עצם זאַך וואָס דרינגט דורך אונזער גאַנץ לעבן, וואָס באַשעפֿטיקט

אונזערע נשמות און אונזערע הענט? וואָס מיר זאָלן וועגן זיך ניט טראַכטן, וויפיל מיר זאָלן ניט אויפדעקן אונזערע וואונדן, אונזער שוואַכקייט און אונזער צאָל־אָרעמקייט, פאַרגעסן מיר ניט און מיר דאַרפן ניט פאַרגעסן — וואָס עס איז איבערגעגעבן געוואָרן אין אונזערע הענט. די פערזענלעכע, חלוציש, פּראַקטישע און אַקטיווע טאַט פאַר דער טאָג־טעגלעכער פאַר־ווירקלעכונג פון ציוניזם אין פּערזענלעכן לעבן, פאַר דער שאַפונג פון אַ פרייער אידישער געזעלשאַפט, וואָס לעבט פון איר אַרבעט — דאָס אַלץ איז אויסגעפאַלן אויף אונזער גורל. און דער לעבנס־גורל וואָס מיר האָבן אויסגעקליבן גיט כּוח אַפילו דעם אַנמעכטיקן, דיריזשירט מיט אונזער ווילן און אונזערע מעשים, דערמוטיקט אונזערע הענט און אונזער געדאַנק. ער האָט אונז געגעבן די טרייקייט צו אונזער ווערק און די אידעאישע העזה.

*

גלייך פון אָנהויב, זינט ער איז געקומען, איז דער אַרבעטער געווען אַן איינזאַמער אין לאַנד. איינזאַם אין זיין אַרבעט; אין זיין לעבן, אין זיין מאַטעריעלער נויט, אין זיין אינערלעכער פּיין, אין זיינע צרות, אין זיינע קראַנקהייטן, אין זיין לעבן און אין זיין טויט. ניט נאָר אידן פון דער „פּני", וואָס האָבן אין אים געזען אַ געפאַר פאַר זייער קעשענע, פאַר זייער פאַרגליווערטער רו, פאַר זייער „ערע", האָבן אים מקבל פּנים געווען מיט שפּאָט און חוזק, מיט חרמות און רדיפות. אויך די בעסטע און טרייסטע אין דעם פריערדיקן דור, די טרעגער פון דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג אין ארץ־ישראל און מחוץ לארץ, וואָס האָבן אין אים אפשר געדאַרפט זען זייער גייסטיקן יורש, האָבן אים ניט פאַרשטאַנען און אים ניט בייגע־שטאַנען. דער אַרבעטער איז פאַר זיי געווען אַ מענטש פון אַן אַנדער וועלט, אַ זון פון אַן אַנדער קלאַס. זאָל ער טאַקע זיין דער פּיאָנער פון פאָלק, דער פאַרווירקלעכער פון די האָפענונגען פון די דורות — אַ באַר־וועסער, מיט אַ צעריסענער בלוזע? ניין, ניין. דאָס האָט זיך ניט געלייגט אויפן שכל. און זיינע משונהדיקע רייד, די שפּראַך פון דור און דער יוגנט־יובל און די ביטערקייט פון דעם רעבעל פון דעם אומצופרידענעם, וואָס וויל אַלץ אָפּמעקן און אָנהויבן פון דאָס ניי — דאָס אַלץ האָט אָנ־געוואָרפן אַן אימה.

אַלץ, אַלץ אַרום אים — די עקאָנאָמישע אָרדענונג, די מענטשלעכע באַציאונגען — האָבן פאַר אים פאַרהאַקט דעם וועג. אָבער פיל ערנסטער און געפערלעכער פון דעם אַלעם איז געווען דער שטן וואָס האָט געלעבט אין אים. מען האָט געדאַרפט זיך מתגבר זיין איבער דער דערציאונג,

איבער דער ירושה פון די דורות, איבער דער שוואַכקייט און דער אָפּ־הענטיקייט. ער האָט אין זיך געדאַרפט אויספורעמען אייגנשאַפטן, קרעפטן און אַ ווילן וואָס איז אין אים ניט געווען, וואָס עס האָבן ניט געוואוסט זיינע אָבות און אָבות אָבותיו.

און אַט איז אין משך פון יאָרן דעם אַרבעטער געלונגען אין אַ גע־וויסער מאָס, זיך צו דעראָבערן אַ פּאָזיציע אין לעבן. מיר זיינען בשום אופן ניט בלינד צו דעם ביטערן אמת. די פּערזענלעכע פּאָזיציע פון דעם אַרבעטער איז נאָך זייער ווייט פון צו זיין אַ סאָלידע, זיין מאַטעריעלע לאַגע איז נאָך אַלץ אַ לאַגע פון נויט און דוחק, די עקזיסטענץ־פראַגע פון דער אַרבעטער־פאַמיליע האָט נאָך ניט אָנגעהויבן צו געפינען אַ לייזונג, און אונטער די איצטיקע אַרבעטס־באַדינגונגען איז שווער צו גלויבן, אַז זי איז עלול געלייזט צו ווערן. יאָ, דער ברעג איז נאָך ווייט. אָבער די אידישע אַרבעט איז געוואָרן אַ טאַט־זאַך, אַן אמתער „יש", און אַט דער דאָזיקער עלעמענטאַרער נצחון איז דער אָנהויב, דער גרונט־שטיין פון די קומענ־דיקע נצחונות, אינערלעכע און אויסערלעכע. די עקאָנאָמישע פּאָזיציע פון דעם אַרבעטער איז געווען אָפּהענגיק ניט נאָר פון אים אַליין און פון די אינערלעכע כוחות וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט און אין זיך אַנטוויקלט, נאָר אויך פון דער גאַנצער עקאָנאָמישער אָרדענונג אין לאַנד, פון די סטאַנדאַרדן פון דער אָרטיקער לאַנדווירטשאַפט — און עס פאָדערן זיך גרויסע כוחות כדי די דאָזיקע באַדינגונגען צו ענדערן און רעפאָרמירן. אָבער אַ פּאָזיציע אין דער אַרבעט, אַ סאָציאַלע און בירגערלעכע פּאָ־זיציע, האָט דער אַרבעטער זיך דאָך דעראָבערט. ער איז שוין אַ „יש", וועלכן מען קען בשום אופן ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. און די אידי־שע אַרבעט האָט אַריינגעשטראָמט ניי בלוט אין די אָדערן פון דעם עק־זיסטירנדיקן ישוב, אירע עקאָנאָמישע און קאָלאָניזאַטאָרישע, קולטורעלע און פּאָליטישע שאַפונגען: די קאָלעקטיווע אַרבעט אין אירע פאַרשיידענע פאָרמען, די קבוצות, די מושבים, די לאַנדווירטשאַפטלעכע דערציאונג און עקספּערימענטאַציע, די אַרבעט פון דער פרוי, די שמירה און די זעלבסט־שוץ, די אַרבעטער פּרעסע, די אָרגאַניזאַציאָנעלע אינסטיטוציעס פון דעם אַרבעטער און די לעבעדיקע געזעלשאַפטלעכע סביבה, וואָס ער האָט גע־שאַפן — דאָס זיינען אַלץ לעבעדיקע קערנדלעך וואָס טראָגן אין זיך דעם צוזאָג פון דער צוקונפט. און דער אינערלעכער כוח וואָס האָט זיך קריסטאַליזירט אין די דאָזיקע שאַפונגען, אין די דאָזיקע מעשים און אין דעם דאָזיקן לעבן, האָט דעם אַרבעטער אויך געגעבן דעם אויסערלעכן כוח, זיין געוויכט און השפעה אויפן ישוב.

*

וואָס פאַר אַ ראָלע וועט דער אַרבעטער שפּילן אין דער נאָענטסטער צייט?

דער אויסערלעכער נצחון פון דעם ציוניזם ברענגט מיט זיך אויך אינערלעכע נצחונות. „אוהבי עשיר — רבים". און די הסכמה פון די מאַכט־האָבער פון דער וועלט, וואָס מען קען אויסנוצן ווי אַ מין גאולה־שופר, האָט באַרייכערט און וועט נאָך אַוודאי באַרייכערן דעם ציוניזם מיט פיל נייע „הסכמה־געבער" — אויך צווישן אונז, און צווישן זיי אַוודאי אויך אונזערע אייגענע מאַכט־האָבער. מיר דאַרפן ניט, און עס איז ניטאָ קיין שום יסוד, צו פאַרקלענערן די באַדייטונג פון די דאָזיקע נצחונות. מיר האָבן דאָך שטענדיק געהאָפט אויף דער צייט, ווען עס וועלן זיך אויפהויבן די כוואַליעס פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. עס עגזיסטירט אָבער די פראַגע. ווען מען מעסט די דאָזיקע נצחונות ניט נאָר מצד זייער פּאָליטיש־פּראָפּאַגאַנדיסטישער באַדייטונג, נאָר מצד זייער אינערלעכן ווערט — וואָס שטעלן זיי מיט זיך פאָר? וואָס פאַרשפּרעכן זיי צו געבן אונזער אַרבעט?

מיר האָבן גוט געקענט דעם אַלטן, דורכשניטלעכן ציוניזם, וואָס איז געווען אַ ציל־פּונקט פאַר אַלע פּיילן, פּיילן פון פריינד און פון פיינט — אויך אונזערע פּיילן, די פּיילן פון זיינע ווידערשפּעניקע זין. אַוודאי איז יענער ציוניזם געווען זייער, זייער ווייט פון דעם וואָס ער האָט געדאַרפט זיין, און מיר האָבן כסדר געפאָדערט, געשטעלט גרעסערע תביעות, ווי ער האָט געקענט נאָכקומען. מיר האָבן געטאָן אונזער זאַך, ממשיך געווען אונזער אַרבעט מיט דער עקשנות פון איינזאַמע, געווען פאַרביטערט, אַרויס־געגעבן שווערע אורטיילן, אָבער פונדעסטוועגן האָבן מיר שטענדיק גע־וואוסט מיט וועמען מיר האָבן צו טאָן. דאָס פּנים איז געווען גאַנץ קלאָר. דער ערשטער דור טוער אין דעם ציוניזם, דער דור פון די לעווינסקיס און טשלענאָווס, איז אויסגעוואַקסן צוזאַמען מיט דער באַוועגונג, האָט זיין לעבן פאַרבונדן מיט איר לעבן. די באַוועגונג אין די רוסישע און אין די דייטשע לענדער האָט שוין אַרויסגעגעבן תלמידים, וואָס אַ געזונטע נאַציאָנאַלע טראַדיציע, לאָיאַליטעט און פּראַקטישער ראַדיקאַליזם זיינען ביי זיי — אין אַ געוויסער מאָס — שוין געוואָרן אַן אייגנשאַפט. קיין גרויסע זאַכן האָבן מיר פון זיי נישט דערוואַרט. מיר האָבן אָבער געהאַט בטחון אין זייער טרייקייט. זייערע טריט זיינען געווען געמאָסטענע, אָבער זיי זיינען געשטאַנען אויף איין פּלאַץ און זייער גאַנצער נאַציאָנאַלער ווילן האָט זיי סוף כל סוף געמוזט פירן, אמת זייער לאַנגזאַם, צו דער אָנערקענונג פון דער באַדייטונג פון דעם אַרבעטער און דער נויט־ווענ־

דיקייט צוצופּאַסן די נאַציאָנאַלע טעטיקייט צו די נייע זיך־אַנטפּלעקנדיקע כּוחות, צו די וועגן פֿון דער אידישער אַרבעט. דאָס האָט זיך, אין אַ געוויסער מאָס, אַריינגעפּאַסט אין דער לאַנגזאַמקייט פֿון יענער צייט בכלל, צו דער לאַנגזאַמקייט פֿון דער אַרבעט און אונזערע אָרעמע כּוחות. דאָס זיינען געווען די לעצטע חשבונות פֿון יענער צייט. אָבער וואָס וועלן דער באַוועגונג, איר אינערלעכן לעבן, דער אַרבעט אין ארץ־ישראל, ברענגען די נייע מיטגייער וואָס האָבן זיך אַנגעשלאָסן אָן דער מחנה? וואוהין וועלן זיי גיין און וואוהין וועלן זיי פֿירן די באַוועגונג? וועלן זיי אַבסאָרבירט ווערן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, זיך מיט איר צו־זאַמענגיסן, טריי אַקצענטירן אירע יסודות און זי באַרייכערן — אָדער וועלן זיי איר באַצווינגען?

אין גיכן וועט קיין ארץ־ישראל קומען די „ציוניסטישע קאָמיסיע". געבענטשט זאָלן זיי זיין, וואָס עס איז זיי באַשערט צו ברענגען די דאָ־קומענטן וואָס הערצל האָט צו זיי ניט זוכה געווען. מיר זיינען אין פֿאַר־אויס זיכער אין זייערע גוטע ציוניסטישע כּוונות. אָבער דאָס האַרץ איז פֿונדעסטוועגן אומרואיק.

אויפֿן שייד־וועג, וואָס עפֿנט זיך איצט פֿאַר אונז, נויטיקן מיר זיך אין אַ טיפֿער פֿאַרשטענדעניש ניט נאָר פֿאַרן „יש", פֿאַר דעם עקזיסטירנ־דיקן, נאָר אויך פֿאַר דעם וואָס הויבט ערשט אָן צו ווערן. די עיקרדיקע שאַפֿונגען, די עיקרדיקע כּוחות, וואָס זיינען נויטיק פֿאַר דער פֿאַרווירק־לעכונג פֿון אונזערע האָפֿענונגען זיינען נאָך ניט קיין קאָנקרעטע רעאַלי־טעט. וועלן די נייע מענטשן מיט זיך ברענגען די נויטיקע גרייטקייט, דעם חוש פֿאַר דער צוקונפֿט, וועלן זיי אויך פֿרעמד בלייבן דעם לעבן וואָס הויבט אָן ערשט צו אַנטשטיין, ווי עס זיינען אים פֿריער פֿרעמד געווען אונזערע בעסטע פֿירער, אין אונזערע אָנהויב־יאָרן?

און מיט די אויסגעברייטערטע האָריזאָנטן וואַקסט דאָך אויך די סכּנה, אַ סכּנה וואָס איז פֿאַרבונדן מיט יעדן טעות, מיט יעדער פֿרעמד־קייט, מיט יעדן פֿאַרשטופּן און צוימען נייע כּוחות.

און אויב אין פֿריערדיקע צייטן זיינען די באַשרענקטע כּוחות פֿון דער חלוצישער אַרבעטערשאַפֿט געווען גענוג כּדי בצמצום משפּיע צו זיין אויפֿן גאַנג פֿון דעם היגן אָרעמען לעבן — וועט זי דאָס באַווייזן צו טאָן אין דער צוקונפֿט, קעגנאיבער די פֿאַרשיידענע נייע כּוחות? וועט זי באַווייזן אין דער נויטיקער מאָס שטאַרקן אירע פּאָזיציעס, פֿאַרווירק־לעכן אירע פֿאָדערונגען, אויסברייטערן איר וועג, באַפֿעסטיקן איר כּוח?

דאָס זיינען די זאָרגן וואָס באַגלייטן אונזערע האָפֿענונגען אין אָנזיכט פֿון די קומענדיקע טעג. און אויף די דאָזיקע זאָרגן האָבן מיר בלויז איין

ענטפֿער — טרייקייט צו אונזער פּאָזיציע. דער עיקרדיקער, אַנטשיידנ־דיקער כּוח אין דער אַרבעט אין ארץ־ישראל — לאָמיר דערין גלויבן — זיינען מיר, מיט די שעפֿערישע כּוחות וואָס מיר טראָגן אין זיך, מיט דער אַרבעט וואָס מיר טוען. לאָמיר די דאָזיקע כּוחות פֿאַרקערעווען אינע־ווייניק, כּדי קלאָר צו מאַכן אונזערע צילן און צו אַרבעטן. יעדער אוי־סערלעכער זיג אונזערער איז אַ פּראָדוקט פֿון אַן אינערלעכן זיג אין אונזער אַרבעט. די פּראַקטישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע טעאָריע האָט אונז געלערנט וועגן „געזעץ פֿון מינימום". ניט יענע רייכע עלעמענטן וואָס זיינען שפֿעדיק צעשפּרייט אין באָדן, נאָר דער עלעמענט וואָס געפֿינט זיך אין דער קלענסטער מאָס, באַשטימט די גערעטעניש. וואָס גרעסער עס איז די קוואַנטיטעט, אין וועלכער דער דאָזיקער עלעמענט געפֿינט זיך, אַלץ גרעסער איז די מעגלעכקייט אויסצונוצן אַנדערע, שפֿעדיקע עלע־מענטן. און אַמאָל אַנטשיידט אויך אין סאָציאַלן לעבן דער מיעוט, דער אַקטיווער מיעוט, וואָס טראָגט אין זיך די צוקונפֿט — און אַזאַ מיעוט דאַרף זיין דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער. לאָמיר גלויבן און טאָן אַלץ, כּדי ער זאָל דאָס טאַקע ווערן.

ווען עס וועט זיך אָנהויבן די תּקופֿה פֿון ברייט־צוגיקער טעטיקייט, וועט דער לעבנס־ווילן פֿון דעם אַרבעטער זיך דאַרפֿן אַנטפּלעקן אין די באַמיאונגען צו קאָנצענטרירן אַלע אינטעלעקטועלע און זעלישע כּוחות, און מאָביליזירן און אויסשעפּן אין דער טיף אַלע זיינע לעבנס־כּוחות, כּדי אַז אויף דער היסטאָרישער וואָגשאָל פֿון פֿאָלק זאָל זיך פֿילן דאָס גע־וויכט פֿון דעם נייעם פֿאָלקס־כּוח — דעם אַרבעטערס. דעם אַרבעטערס סאָציאַלע זעלבסטשטענדיקייט, זיין פּראַקטישע טעטיקייט, זיינע באַדער־פֿענישן, זיינע באַגערן און צילן, דאַרפֿן זיך אַנטפּלעקן אין זייער פֿולסטער קראַפֿט און זיי דאַרפֿן אָנצייכענען דעם וועג פֿאַרן לעבן פֿון פֿאָלק.

*

[במאמר המוסגר:

אין אָט די טעג ציט דאָס האַרץ פֿון זיך אַליין צו הערצלען.

ווען ער איז צו אונז געקומען, האָט מען אים באַגעגנט מיט די ווער־טער וועגן דער גאולה וואָס וועט קומען דורך נביאים און ניט דורך דיפּ־לאָמאַטן. וואָס פֿאַר אַ שטאַרקן ווידערקול די דאָזיקע ווערטער פֿון אחד־העם, וואָס זיינען אַזוי קלאַסיש אין זייער גערעכטער פּשטות, האָבן געפֿונען אין די הערצער פֿון יונגע אידן! וואו איז אָבער געלעגן די אומגערעכ־טיקייט? אין דער אומפֿעאיקייט צו זען, אַז פֿאַר אונז שטייט אַן אמתער נביא, אַז די דאָזיקע דיפּלאָמאַטיע קוועלט אויך אַרויס פֿון דעם מקור פֿון

דער גאולה, אַז דאָס איז אַ פֿאַרבייגייענדיקע פֿאָרם פֿון אַ „חזון", פֿון דער וויזיע פֿון אונזער צייט.

און דאָס פֿאָלק? דאָס פֿאָלק, יונג און אַלט, האָט געהערט, געוואָלט, געוואָלט גלויבן, געוואָלט גיין נאָך אים ווי אַ קינד — און האָט ניט געהאַט דעם כּוח.

עס זיינען פֿאַראַן זאַכן וואָס עס איז שווער וועגן זיי צו רעדן אין דער עפֿנטלעכקייט. און אפֿשר קען מען זיי בכלל ניט רעדן. אָבער ניט שטענדיק קען מען זיך איינהאַלטן, קען מען די ווערטער פֿאַרשליסן אין זיך. אַמאָל רייסן זיך די ווערטער אַרויס. אויך דאָס מאָל.

עס לעבט אין מיר דאָס געפֿיל, כּי לא נסתם חזון מעם, די האָפֿענונג אויף גלוי שכינה האָט אונז נאָך ניט פֿאַרלאָזן. בעת דער ציוניזם האָט זיך באַוויזן, נאָך איידער ער איז געוואָרן אַ „יש", אַ „באַוועגונג", האָבן זיך אין אים אַנטפּלעקט פּונקטן פֿון אַ „חזון־עם". איידער די זון איז אויפֿגעגאַנגען, האָבן אויפֿגעשיינט שטראַלן, בשורה־שטראַלן, און איך גלויב נאָך, אַז מיר וועלן געהאָלפֿן ווערן דורך אמתע נביאים.

דערמאָנט זיך נאָר דעם ערשטן קאָנגרעס. איז דען די באַזעלער פּראָגראַם ממש נישט אַרויפֿגעצוואונגען געוואָרן אויפֿן קאָנגרעס? בלעטערט אין אַלטע פּראָטאָקאָלן, און איר וועט דאָרטן לייענען די לאַנגע וויכּוחים וועגן דעם אויסדרוק „פֿעלקערלעך־רעכטלעך". ווי משונהדיק דאָס איז געווען, ווי ס'האָט זיך ניט געלייגט אויפֿן שכל. האָט עס אונזער מוח דען תּופֿס געווען? איז דען דער אידישער מוח און דאָס אידישע האַרץ עלול געווען תּופֿס צו זיין אַזעלכע זאַכן אין זייער גאַנצער פּשטות; זיינען דען ניט געווען גערעכט, איז דען ניט געווען לאָגיש אויסגעהאַלטן די קריטיק און דער ביטול מיט וועלכע די באַזעלער פּראָגראַם איז אויפֿגענומען געוואָרן מצד די בעסטע אין פֿאָלק, מצד דער נאַציאָנאַלער, פֿאָלקס־טימלעכער, סאָציאַלער „לאָגיק"? פֿון וועלכע טיפֿענישן, פֿון וועלכע הויכן איז דאָס צו אונז געקומען?

גרויס איז דער זכות פֿון דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע, אַפֿילו אויב בלויז דערפֿאַר וואָס זי וועט אין אונז שטאַרקן דעם לעבעדיקן גלויבן אין הערצלס זשעני, און מיט דעם אויך אין דעם פֿאָלקס־זשעני, אין אמתער נבואה. ווי שטאַרק מיר נויטיקן זיך אין אַזאַ גלויבן, אַן אַקטיוון, באַגלייקנדיקן און בינדנדיקן גלויבן — וויפֿיל קראַפֿט ער וועט צוגעבן אונזער צוקונפֿטיקן לעבן!

מיר שטייען פֿאַרן טויער פֿון דער צוקונפֿט. עס דערנענטערט זיך די שעה פֿון דער לייזונג פֿון דעם אַלטן חלום. וואָס וועט זיין דער אינהאַלט פֿון דעם דאָזיקן פּתרון?

דאָס אידישע פֿאָלק האָט באַקומען דעם איינטריט־בילעט אין זיין לאַנד און די מעגלעכקייט צו טאָן די אַרבעט וואָס האָט אויף אים געוואַרט. איר אמתן ווערט וועט דערפֿאַר די באַלפֿור־דעקלאַראַציע באַקומען ערשט דורך דעם וואָס עס וועט קומען שפּעטער; דורך דער פֿאָלקס־עליה, דורך שיבת ציון. וואָס וועט זיין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַלער לעבנס־אינהאַלט פֿון שיבת ציון אין אונזערע טעג, דער אינהאַלט פֿון דעם לעבן וואָס וועט דאָ געשאַפֿן ווערן?

די דאָזיקע פֿראַגע, וואָס האָט שטענדיק געלעבט אין אונזערע הערצער, איז ערשט מיט וויניקע טעג צוריק פֿאַר דער גרעסטער מערהייט אפֿשר געווען בלויז אַן ענין פֿאַר אַ מזמור שיר לעתיד לבוא. וועלכער ברייט־האַרציקער איד וועט דאָס קאַרגן מיט די הבטחות פֿון די נביאים, וועט מוותּר זיין אויף די יעודים פֿון דער גאולה, און וועט זיך ניט פֿרייען וואָס מציון תּצא תּורה? איז דען צווישן אונז פֿאַראַן איינער, וואָס האָט ניט איבערגעחזרט די ווערטער וועגן דעם, אַז מיר האָבן דער וועלט געגעבן די אידעאַלן פֿון צדק און יושר, אַז זיין אַ קליין פֿאָלק, ווי איינע פֿון די באַלקאַנישע מדינות, איז פֿאַר אונז אַ היסטאָרישער באַנקראָט, אַז ניט דערפֿאַר האָבן מיר זיך מוסר־נפֿש געווען אין אַלע דורות, און אַז מיר דאַרפֿן זיין אַ „אור לגויים". די דאָזיקע פֿראַזעס זיינען דאָך גרייט אויף אונזערע צינגער ביי יעדער געלעגנהייט. ווער האָט זיך מיט זיי ניט באַנוצט און פֿון זיי אַרויסגעדרונגען וואָס ער האָט נאָר געוואָלט? יאָ, ניט אומזיסט האָבן געלעבט די גרויסע נודניקעס — ישעיהו, מיכה, ירמיהו. זיי האָבן אונז דאָך איבערגעלאָזט אַ קאָלעקציע פּסוקים, וואָס מען קען מיט זיי באַשיינען די שיחת־חולין און אַ מאַלצייט פֿון יעדן באַלעבאַטישן אידן.

אומזיסט האָבן אויך אויף דער וועלט ניט געלעבט די ווידערשפּעניקע זין: העס, מאַרקס און לאַסאַל, וואָס האָבן עד היום ניט געפֿונען קיין רו אין זייערע קברים; ניט אומזיסט זיצן זייערע אייניקלעך אויף די כּסאות המלוכה אין רוסלאַנד, אוקראַינע און די אַנדערע רעפּובליקן; ניט אומזיסט גייען טאָג־איין טאָג־אויס צענדליקער טויזנטער אידישע נפֿשות, קינדער פֿון אויסדערוויילטן פֿאָלק, לערנען תּורה אין דער שול פֿון דעם ניו־יאָרקער „פֿאָרווערטס" און זיינע קאָלעגן, די קעמפֿער פֿאַר אמת און גערעכטיקייט. איז דאָס אַלץ ניט קיין באַוויז פֿאַר דער גרויסקייט פֿון אונזער שטאַם, פֿאַר אונזער אתּה בחרתּנו? און דאַרף דאָס ניט שטאַרקן דעם גלויבן אין אונזער גרויסער צוקונפֿט?

„לא תשא שם אדוני אלהיך לשוא" — ווער דאַרף איצט האָבן דאָס דאָזיקע אַלטע וואָרט, וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין אַנדערע צייטן, צו אַנדערע מענטשן, די מענטשן פֿון מעמד הר סיני. דער „שם" אַליין איז

דאך שוין לאנג ניט מער ווי א פוסט ווארט — דארף מען דאך ניט מורא האבן אים מחלל צו זיין. זאל קומען ווער עס וויל און זיך מיט אים אפווישן די הענט.

יא. דער „אתה בחרתנו", צוזאמען מיט די אלע אנדערע היסטא־רישע מיסיעס, איז שוין לאנג געווארן אן אלטער אפגעקראכענער צילינ־דער, וואס באפוצט דעם פליכעוואטן קאפ פון דעם נגיד וואס לאזט זיך אראפ צו א שמחה של מצווה. דאס פארגאסענע בלוט — פון זכריה ביז דעם לעצטן ארבעטער — לאזט זיך אויסנוצן פאר גאנגבארע נאציא־נאלע מליצות און די נביאים פון אמת און צדק ווערן איצט אויסגע־נוצט כדי צו באַרעכטיקן די איצטיקע ארדענונג, די שקלאפן־ארדענונג.

וואוהין אנטלויפט מען? וואוהין קען מען אנטלויפן, ניט פון דער פיין און דעם כעס, נאר פון דער דאזיקער פוסטקייט, פון דעם דאזיקן פוסטן פאלקס־לעבן?

וואו איז ער, וואו איז ער דער אלטער „אתה בחרתנו", דער לעבעדיקער, דער פלאמיקער, וואס ברויזט אויף דאס הארץ, וואס באפעלט, וואס איז מזכה און איז מחייב? וואו איז ער דער „אתה בחרתנו" פון די פארצייטיקע נאציאנאלע קטיגורס, וואס האבן אנגעזאגט אז „ציון שדה תחרש"?

זיינען מיר טאקע אין גאנצן אויסגעוועפּט?

*

אט קומען זיי די שלעכטע מענטשן, די נודניקעס, די רויבער פון דער רו, און זיי באנוגענען זיך ניט מיט גוטע כוונות און מיט זיסע מליצות, זיי שטעלן הארבע פראגעס און פאדערן קאנקרעטע ענטפערס: וואס פאר א באדינגונגען דארפן געשאפן ווערן אין ארץ־ישראל, כדי די טיר וואס איז פאר אונז געעפנט געווארן זאל ניט פארהאקט ווערן? וועל־כע באדינגונגען דארף דאס פאלק פאר זיך שאפן כדי עס זאל ניט דע־גענערירן, כדי זיינע כוחות זאלן וואקסן, כדי עס זאל ניט דארפן בייגן דעם רוקן, כדי עס זאל זיך קענען שאפן א ווערטפול און זינפול לעבן?

„דארף מען ווייטער שאפן מיט די נאציאנאלע כוחות און מיטלען א ישוב וואס איז קעגן די אינטערעסן פון דער צוקונפט פון פאלק, קעגן דער האפע־נונג אויף זיין אויפריכטונג"?*

דער גוטער ציוניסט, דער חשובער באלעבאס, דער מענטש מיט די גוטע כוונות קנעלט מיט אונז טאלעראנץ און פארזיכטיקייט: פאר וואס זענט איר אזעלכע מאקסימאליסטן? פאר וואס זענט איר דוחק דעם קץ? פאר וואס פארמישט איר גרונט־פארשיידענע פראבלעמען? לאזט אונז

---

* [ב. קאצענעלסאן: „מושבי פועלים" (הפועל הצעיר", 1913).]

פֿריער לייזן די ערשטע פֿראַגע, און דעמאָלט וועט שוין אַלץ געלייזט ווערן פֿון זיך אַליין.

עס איז גרינג אַזוי צו זאָגן פֿאַר די יעניקע וואָס די צווייטע פֿראַגע איז ניט זייער פֿראַגע, די יעניקע וואָס זייערע חושים זיינען טעמפּ צו דעם אומגליק וואָס הערשט אין דער וועלט. מיט לאָגיק קען מען אַלע לעבנס־פֿראַגעס איזאָלירן און קלאַסיפֿיצירן, לויט די פֿאַרשיידענע רובריקעס. אָבער וואָס זאָל מען טאָן, וואָס זאָל מען טאָן אויב אין לעבן גופֿא, אין דער לעבנס־פּראַקטיק, לאָזן זיך די פֿראַגעס ניט צעטיילן? וואָס זאָלן מיר טאָן, אויב אין אונזער לעבן שטעקט איין פֿראַגע אין דער צווייטער, אָדער, ריכטיקער, די צוויי פֿראַגעס לאָזן זיך בכלל ניט פֿונאַנדערטיילן?

„אויב דאָס פֿאָלק וויל דערלייזן זיין באָדן און ווידמעט עס זיינע טרוימען, מיטלען, זין און טעכטער, קען זיין ציל ניט זיין צו שאַפֿן לאַטיפֿונדיע־באַזיצער און אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכן פּראָלעטאַריאַט וואָס איז זיי פֿאַרשקלאַפֿט... וואָס איז די פּערספּעקטיוו וואָס לאָקט אונז? צו זיין די משרתים פֿון בעלי נחלות וואָס וועלן אַמאָל אויך ויחמנות האָבן אויף אַ אידישן אַרבעטער און אים אַריינגעמען צווישן די מחנות פֿרעמדע שקלאַפֿן? איז עס צו זיין אַן אַרבעטער וואָס איז אָפּגעריסן פֿון באָדן, אַ שפּיל אין די הענט פֿון משגיחים און קאַפּריזנע באַאַמטע, אַ פֿאַרביטערטער, פֿול מיט באַליידיקונג און צער, אַ שברי־כּלי אין דער אַרבעט, אין בעסטן פֿאַל אַן ערד־אַרבעט־האַנטווערקער, וואָס יעדער ווינט קען אים פֿאַרטרייבן, וואָס זיינע קינדער וועלן אויסוואַקסן באָדנלאָזע און היימלאָזע, אָן זייערע אייגענע ד׳ אמות? די אַרבעטער, „וואָס זיינען זיך מסתפּק במועט", פֿאָדערן — ׳תּכלית׳: זייער שכר אויף דער וועלט. דער חלוץ וואָס קוקט אַרויס אויף דער צוקונפֿט פֿאָדערט אויך זיין שכר: די באַפֿרידיקנדיקע דערקענטעניש, אַז ער אַרבעט ניט פֿאַר אַ שקלאַפֿן־רעזשים, אַז ער ברענגט ניט אויף דער וועלט, אין נאָמען פֿון עפּעס אַ נעבעכדיקער גאולה, דורות קבצנישע ׳באַטראַקעס׳, אַז ער שאַפֿט אַ מענטשלעך לעבן פֿאַר זיך, פֿאַר זיינע קינדער און פֿאַרן פֿאָלק".*

בעת דער נאַציאָנאַלער אידעאַל ווערט אַ רעאַליטעט, אַ קאָנקרעטער יש, קען ער זיך ניט דערלויבן צו בלייבן נייטראַל, אָן אַ סאָציאַלן אינהאַלט. עס מוז זיך אַנטפּלעקן דער אינערלעכער סאָציאַלער לעבנס־אינהאַלט פֿון דער נאַציאָנאַלער אידעע, און אין אונזער צייט איז ניטאָ קיין קאָנקרעטע נאַציאָנאַלע באַוועגונג וואָס זאָל קענען אויסמיידן צו נעמען אַ שטעלונג צו דער אַרבעטער־ און סאָציאַלער־פֿראַגע.

עס איז שוין אַוועק די צייט בעת מען האָט געקאָנט נאַאיוו רעדן וועגן אַ נאַציאָנאַלער באַוועגונג, און דערביי ניט האָבן אין זינען די אינטערעסן פֿון לעבעדיקן פֿאָלק. דער לעבעדיקער נאַציאָנאַליזם פֿאַרנעמט זיך ניט מיט אַבסטראַקטע ענינים, וואָס האָבן ניט קיין שייכות מיט באַ־

* [בערל קאַצענעלסאָן: „יצירת ישוב עובד", „הפּועל הצעיר" (1914).]

שטימטע סאָציאַלע טרעגער. דער ציוניזם איז לכתחילה געווען געבויט אויף דעם אַקטיוויזם פֿון פֿאָלק, אויפֿן ווילן צו שאַפֿן דעם אַקטיוויזם פֿון פֿאָלק — און קען טאַקע אַזאַ באַוועגונג פֿאַרווירקלעכט ווערן, אויב זי זאָל ניט אַרומנעמען די פֿאָלקס־אינטערעסן פֿון די ברייטע מאַסן? וואָס קענען זיין די פערספעקטיוון פֿון אַ ציוניזם אָן פֿאָלקסטימלעכן אינהאַלט, אָן פֿאָלקס־עליה, אָן די סאָציאַלע און מענטשלעכע באַדינגונגען, וואָס וועלן דער דאָזיקער עליה געבן איר צויבער, דעם חן פֿון גאולה?

וועט טאַקע דאָס פֿאָלק אַריינלייגן זיינע כּוחות אין דעם אויפֿבוי פֿון אַ נאַציאָנאַלער היים אין וועלכער עס וועלן הערשן „לענדלאָרדן״, וואָס הינטער דער „נאַציאָנאַלער פֿרייהייט״ וועט דאָרטן שטיין די עקאָנאָמישע שקלאַפֿעריי, וואו מען וועט פֿאַר אַ פּרייז, קענען קויפֿן וואָס מען וויל, וואו דער אַרבעטער וועט זיך קאָרטשען אונטערן בייטש פֿון דעם נוגש, און ס׳וועט דאָרטן בליען די פֿוילעניש פֿון דער היינטיקער קולטור, מיט איר עקספּלואַטאַציע און פֿאַרשקלאַפֿונג?

נאָך די אַלע הסכּמות פֿון פֿרעמדע, וועט ארץ־ישׂראל דאָך ניט געבויט ווערן אָן מחנות אידישע חלוצים. און וועלן זיי קומען קיין ארץ־ישׂראל כּדי איבערצולאָזן זייערע קינדער אַ „בית עבדים״? איז טאַקע ניטאָ קיין מעגלעכקייט און קיין האָפֿענונג, אַז די טויזנטער און צענדליקער טויזנטער פֿרישע כּוחות, וואָס וועלן זיך שטעלן אין דינסט פֿון דער פֿאָלקס־אַרבעט, און וואָס אָן זיי קען אונזער בנין נישט האָבן קיין שום האָפֿענונג, וועלן אין זיך ניט געפֿינען די זעעלישע קרעפֿטן צו בויען די אידישע געזעלשאַפֿט אויף מער געזונטע, אויף פֿרייערע, אויף מער פֿרוכטבאַרע יסודות? אונזער נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז אַ פּראָדוקט פֿון אונזער דור, עס שפּיגלען זיך אין איר אָפּ די באַגערן פֿון אירע טרעגער, און האָט זיך דען אין האַרצן פֿון דעם חלוץ דאָס שטרעבן צו פֿאָלקס־דערלייזונג און צו אַרבעטס־באַפֿרייאונג ניט צונויפֿגעגאָסן אין איין „משׂאת נפֿש״?

דער ציוניזם שטייט ווידער אויפֿן שייד־וועג, אָבער איצט איז די פֿראַגע ניט: מזרח אָדער מערב, פּאָליטיק אָדער קאָלאָניזאַציע. די צוקונפֿט פֿון ציוניזם איז אָפּהענגיק דערפֿון, צי ער וועט אַנטדעקן אין זיך און אויסרייסן אין זיך יענע טיפֿע און ברייטע פֿאָלקסטימלעכע און מענטשלעכע אינהאַלטן, וואָס זיינען אין אים געווען פֿאַרבאָרגן פֿון סאַמע אָנהויב פֿון זיין עקזיסטענץ, און צי ער וועט געפֿינען דעם שליסל צום האַרץ פֿון פֿאָלק, און דורך דער וויזיע פֿון אַ גאַנצער גאולה, אַ וויזיע פֿון אידישער מענטשלעכער אויפֿריכטונג, פֿון אַ ברייטן מענטשלעכן לעבן, אין אים אויפֿוועקן מסירת־נפֿש און מוט — אָדער ער וועט בלייבן אַ קליינלעכע און אָרעמע באַוועגונג, וואָס איז ניט פֿעאיק זיך צו אַנטשליסן וועגן אירע

צילן און וואַקלט זיך צווישן די רמזים פֿון דער צוקונפֿט און דעם לאַנגווייל פֿון דער קעגנוואַרט?

איך גלויב, אַז אַ בת־קול פֿון דער היסטאָרישער השגחה האָט שוין געענטפֿערט: די יונגע חלוצישע כּוחות קומען, זיי וועלן קומען, זיי וועלן ווידמען דאָס לעבן דער ציוניסטישער באַוועגונג און אויף איר אויסשפּרייטן זייער גייסט. די סאָציאַלע ווערטן, וואָס לעבן אין די דאָזיקע הערצער, וואָס די פֿאַרווירקלעכונג פֿון ציוניזם איז געוואָרן זייער פּערזענלעכער תּוכן, וועלן דעם ציוניזם געבן זיין באַפֿרייענדיקן כאַראַקטער. איך ווייס, אַז ביי פֿיל וועט דער דאָזיקער גלויבן אויסזען ווי אַ חלום אויף דער וואָר. עס איז באַקאַנט, אַז דער אָפֿיציעלער ציוניזם איז זייער, זייער ווייט פֿון אונזערע געדאַנקען, און זיינע מערסטע נאָכפֿאָלגער זיינען אונזערע שטימונגען זייער פֿרעמד. אָבער מיר האָבן דעם פֿעסטן בטחון, אַז די בויער פֿון ארץ־ישראל וועלן דעם ציוניזם דורכדרינגען מיט זייער לעבנס־אינהאַלט און זייער געדאַנקען־גאַנג. און זי, די אַרבעטס־אַרמיי, וואָס וועט שטיין אויף דער פֿראָנט־ליניע וועט די באַוועגונג שפּייזן מיט גייסט און „מענטשן־מאַטעריאַל". און אַפֿילו פֿירערשאַפֿט פֿון דער באַוועגונג, וואָס אונזערע חלומות זיינען איר פֿרעמד, אויב זי וועט נאָר טריי זיין זיך אַליין, אירע פֿליכטן, וועט געצוואונגען זיין זיך צוצוהערן און פֿאַרשטיין דעם גייסט פֿון די לעבעדיקע, ווירקנדיקע כּוחות אין פֿאָלק, וועט אויף זיי ניט קענען מוותּר זיין, וועט ניט וועלן פֿאַרברענען די בריקן צווישן איר און די מחנות פֿון אַוואַנגאַרד און וועט איינזען די נויטווענדיקייט צוצופּאַסן איר אַרבעט צו דעם ווילן און די באַגריפֿן פֿון די דאָזיקע כּוחות.

אַן אילוסטראַציע פֿון דעם ענין, אין מיניאַטור, פֿאַרשטייט זיך, האָט אונז געגעבן די אַרבעט פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין די לעצטע יאָרן. עס וואָלט געווען אַ טעות צו באַטראַכטן אַרטור רופּין ווי אַ סאָציאַלן קעמפֿער. ס'איז אָבער ניט קיין צופֿאַל, וואָס ער האָט די גרינדונג פֿון דגניה, דעם ערשטן סאָציאַלן עקספּערימענט אין אונזער ישוב, דער אויסגאַנגס־פּונקט פֿון אַ גאַנצער „פֿרידלעכער רעוואָלוציע", באַגעגנט מיט וואַרעמער אָנערקענונג און אַ העלפֿנדיקע האַנט. זייענדיק אַ „נייער מענטש", וואָס איז פֿריי געווען פֿון די באַגריפֿן און פּניות פֿון דער סביבה, וואָס האָט געדאַרפֿט מעסטן און וועגן די פֿאַרשיידענע רעאַלע כּוחות, כּדי זיי משתּף צו זיין אין דער אַרבעט פֿאַר דעם נאַציאָנאַלן ציל, איז געווען אויסגעשלאָסן אַז ער זאָל ניט דערפֿילן, אַז דאָ ווירקן טרייע שעפֿערישע קרעפֿטן, וואָס טרעטן אויס וועגן, אייגענע וועגן, און אַז עס איז די פֿליכט פֿון דער ציוניסטישער פֿירערשאַפֿט זיי נישט אַראָפּצופֿירן פֿון די וועגן, ניט מבטל מאַכן, ניט שאָקלען מיטן קאָפּ, באַקעמפֿן אָדער אונטערדריקן

— נאָר אָנערקענען, אָפּשאַצן און העלפן. דאָס איז ניט געווען קיין צו־פעליקע באַציאונג; זי איז דיקטירט געוואָרן פון אַן אינערלעכער לאָגיק.

די אָנערקענונג פון דער אינערלעכער פאַרבינדונג צווישן דעם ציו־ניזם און דער געזעלשאַפטלעכער רעוואָלוציע איז נאָך אַ פרעמדער גע־דאַנק אין אונזער באַוועגונג. כאָטש די גאַנצע ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג איז דער רעאַלער, קאָנקרעטער אויסדרוק פון דעם דאָזיקן גע־דאַנק, כאָטש זיינע קערנדלעך זיינען דאָ און דאָרטן צעשפּרייט אין פאַר־וואָרפענע ווינקעלעך פון דעם אידישן געדאַנק. איך רעד ניט וועגן דעם היתר צו זיין אַ כשרער איד און גלייכצייטיק זיך האַלטן ביי עפּעס אַ סאָציאַלער טעאָריע, נאָר וועגן דער איינהייט פון דעם ציוניסטיש־סאָציאַ־ליסטישן אידעאַל, וועגן דעם פולן מענטשלעכן אינהאַלט פון דעם ציוניס־טישן אידעאַל אין דער פאַזע פון פאַרווירקלעכונג. דער דאָזיקער געדאַנק איז טאָקע ניט קיין נייער. די טיפסטע דענקער פון דער נאַציאָנאַלער באַ־וועגונג האָבן פון דעם סאַמע אָנהויב דעם דאָזיקן געדאַנק אין זיך גע־טראָגן. משה העס האָט אין זיך געטראָגן די בשורה פון דעם אוניווער־סאַלן תוכן פון דעם ווידעראויפבוי פון ירושלים. טעאָדאָר הערצל, וועלכער האָט ניט געפונען קיין צופרידנהייט אין דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט און האָט זיך ניט געלאָזט טרייסטן מיטן בילד פון דער צוקונפט־געזעלשאַפט, האָט אויך געוואוסט און פאַרשטאַנען, אַז די אידישע געזעלשאַפט דאַרף זיין ניט נאָר אַ נייע געזעלשאַפט, נאָר אויך „אַ בעסערע געזעלשאַפט״. דאָס איז, אונטער אַלע שאַלעכצן, דער אינערלעכסטער קערן פון דעם „אַלטניילאַנד״. און אין אַ גרויסן היסטאָרישן מאָמענט, דעם מאָמענט ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן דער אידישער נאַציאָנאַל־פאָנד, האָט אים די נאַציאָנאַלע השגחה פאַרראַטן און איר האַנט האָט געפירט די האַנט פון דעם געזעצגעבער וואָס האָט אויסגעקריצט אויף די טאָוולען די אויפגאַבע: די דערלייזונג פון דעם באָדן אין אייביקן באַזיץ פון פאָלק.

די דאָזיקע איינזאַמע זוכענישן האָבן זיך אין ציוניזם אַנטפּלעקט פון דעם אָנהויב פון זיין עקזיסטענץ — זיך אַנטפּלעקט און נאָך דעם אויס־געלאָשן געוואָרן. זאָל דערמאָנט ווערן צום גוטן איין מענטש וואָס זיין פייער איז ניט אויסגעלאָשן געוואָרן. אַ וואַכזאַמער מענטש, אַ מענטש מיט אַ מעכטיקן נאַציאָנאַלן געפיל און טיפע חושים פאַר דער צוקונפט, וואָס איז טריי געבליבן די דאָזיקע זוכענישן און בלאָנדזשענישן פון אָנהויב אָן ביז דעם היינטיקן טאָג — נחמן סירקין. ס׳איז געווען אַ מאָמענט, ווען דער סאָציאַליסטישער ציוניזם האָט אָנגעהויבן אַרומנעמען גרויסע מאַסן און מיר זיינען געשטאַנען פאַר די זיך הויבנדיקע כוואַליעס פון אַ גרויסער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. אָבער דער אָנדענק פון דער דאָזיקער

גרויסער באַוועגונג רופֿט אַרויס בלויז צער און האַרצווייטאָג. דאָס איז געווען אַ באַוועגונג וואָס איז געווען באַרופֿן צו פֿאַרוואַנדלען דעם ציוניזם אין אַ ברייטער פֿאָלקס־זאַך — אָבער זי האָט אַראָפּגעבלאָנדזשעט פֿון וועג און האָט ניט געפֿונען קיין באָדן אונטער אירע פֿיס. פֿרישע און טרייע כּוחות זיינען אַריינגעפֿאַלן אין כּף־הקלע און האָבן ניט געפֿונען קיין שום אַחיזה־פּונקט. דער צויבער פֿון טעריטאָריאַליזם האָט זיי גערופֿן זיך אַרויסצולאָזן אויפֿן ברייטן שליאַך — און ער האָט זיי איבערגעלאָזן דערשלאָגענע אין גלות. די נאַציאָנאַלע אידעע וואָס האָט ניט געוואונען קיין פֿרוכטבאַרן אַרבעטס־פֿעלד האָט אָנגעהויבן צו דעגענערירן, דער געדאַנק האָט זיך אונטערגעגעבן און זיך אָנגעהויבן צוצופּאַסן, זיך געבויגן פֿאַר פֿאַרשיידענע בלאָנדיקע ווינטן, פֿרישע כּוחות זיינען אומזיסט פֿאַרטאַכלעוועט געוואָרן און די שאַפֿונגס־קראַפֿט איז געזונקען און זיך אויסגעלאָשן.

בלויז אין דער אַרבעטער־עליה קיין ארץ־ישׂראל האָבן די סאָציאַלע באַגערן פֿון דעם נאַציאָנאַלן אידן געפֿונען אַ באָדן, אויף וועלכן זיי האָבן געקענט געדייען און וואַקסן. דאָ איז ער טריי זיך אַליין, דאָ לעבט ער זיין אייגן לעבן, דאָ טוט ער זיין אַרבעט, און שאַפֿט די צוקונפֿט־געזעלשאַפֿט, די אידישע אַרבעטער־געזעלשאַפֿט. פֿאַרשיידענע עלעמענטן האָבן זיך באַגעגנט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג: יחיד און מעשׂים, נאַציע און אַרבעטער, פֿאַרגאַנגענהייט און צוקונפֿט, אידעאַל און קאָנקרעט שאַפֿן, פּערזענלעכער און סאָציאַלער אַקטיוויזם.

ניט פֿון ביכער און קאָנווענציאָנעלע טעאָריעס שעפּט דער אידישער אַרבעטער זיין וואָרט. פֿון זיין לעבן אַרויס, פֿון זיין אַרבעט אַרויס, פֿון זיין נשמה אַרויס, שטרעבט ער צו באַפֿרידיקן זיינע באַדערפֿעניש, צו פֿאַרווירקלעכן זיינע באַגערן אין זייער גאַנצער פֿולקייט. און אַזוי וועבט ער דאָס געוועב פֿון די דורות און פֿון דער צוקונפֿט.

דער נס פֿון דער צווייטער עליה

[רעדע, געהאַלטן אין פּתח תּקוה ביי דער פֿייערונג פֿון דעם 25־יאָריקן יובל פֿון דער צווייטער עליה, אַפּריל 1929.]

אין יעדן יובליי, אין יעדן געדענק־טאָג, אַפֿילו ווען עס ווערט געפֿייערט אַ דעראָבערונג — ליגט אַ שטיק טרויער פֿאַר דעם בעל־היובל. ס'איז פֿאַראַן דאָס געפֿיל פֿון עבר, פֿון חסד נעורים. און אין יעדן עבר זיינען פֿאַראַן ניט נאָר נצחונות און דעראָבערונגען; ס'זיינען פֿאַראַן אויך מפּלות און פֿאַרלוסטן און אַ סך צער. און אין דער מאָס וואָס דער יום טוב איז אַ יום טוב פֿון מענטשן — סיי די וואָס זיינען אַהער געקומען מיט העכער פֿינף און צוואַנציק יאָר צוריק און סיי די וואָס זיינען געקומען צוריק מיט צוואַנציק יאָר און ווייניקער — אַלע האָבן אין דעם יום טוב אַ חלק — איז אונזער חוב צו דערמאָנען ניט נאָר די שטייגנדיקע ליניע פֿון נצחון, נאָר אויך אַלע פֿלאָנטערן און יסורים און אבידות, וואָס זיינען אויסגעפֿאַלן אויפֿן חלק פֿון יעדן איינעם פֿון אונז. אָבער אונזער באַוועגונג האָט איין זעלטענע אייגנשאַפֿט: אויף איר, אויף דער באַוועגונג, איז ניט חל געווען די אַלטקייט. עס זיינען פֿאַראַן אבידות, אָבער דאָס געוועב ווערט כּסדר באַנייט, און איז היינט אַזוי יונג ווי אין זיין אָנהויב. וועגן דעם דאָזיקן נס פֿון דער צווייטער עליה וויל איך איצט רעדן. ניט כּדי צו פֿאַרקלענערן די חשיבות פֿון די וואָס זיינען אונז פֿאַראויס געגאַנגען און די וואָס וועלן קומען נאָך אונז — פֿיל גבורה און מסירת נפֿש וועט נאָך פֿון זיי געפֿאָדערט ווערן — און ניט צוליבן ווילן זיך צו גרויסן און זיך אַליין בענטשן, נאָר כּדי אָנצוּוואַרפֿן עטלעכע שטריכן וועגן דעם, וואָס עס איז געווען און וואָס עס איז ניט געווען גויטוועדיק פֿאַר דעם אויפֿבוי.

פֿאַר אונז זיינען געווען גרויסע העלדן — ביל"ו, די מענטשן פֿון זכרון יעקב, ראשון לציון, פּתח תּקוה, די מענטשן פֿון יסוד המעלה, די מענטשן פֿון ראש פּנה — וואָס פֿון שטאַנדפּונקט פֿון פּערזענלעכער גבורה, קענען מיר זיך מיט זיי ניט פֿאַרגלייכן. מיט דער דריטער עליה איז צו אונז געקומען אַ שפֿע פֿון יונגער ענערגיע, וואָס האָט געבראַכט צו אַ מעכטיקן אויפֿשוואונג, וואָס האָט אויסגעברייטערט אונזערע האָריזאָנטן, אין אַ מאָס וואָס איז אונז, די מענטשן פֿון דער צווייטער עליה, ניט געווען באַקאַנט. אָבער אַ באַזונדער ראָלע איז אויסגעפֿאַלן אויפֿן גורל פֿון יענער

עליה, וואָס האָט צוזאַמען געשמידט די עליה פון די ראשונים מיט די אחרונים.

ווען עס זיינען געקומען די ערשטע האָט שוין אין זייערע הערצער געלעבט די אידעע פון אידנשטאַט, וואָס איז געווען באַהאַלטן אין די ווער־טער פון פינסקער און ליליענבלום. מיט אַ נחשון־שפרונג, מיטן גלויבן אַז מאָרגן־איבערמאָרגן וועט דאָס פאָלק קומען אין זייערע פוסטריט, ניט זעענדיק דעם דלות און די קראַפטלאָזיקייט פון דעם פאָלק, זיינען געקומען די מענטשן פון ביל״ו. אָבער קיין המשך איז ניט געווען, און דער לויטע־רער קוואַל האָט זיך טראָפנווייז אויסגעטריקנט, צומאָל אַפילו אויך געוואָרן אומזויבער און מוטנע, אַזוי אַז עס האָט זיך געדוכט, אַז עס איז ניטאָ קיין האָפענונג, אַז דער קוואַל זאָל אַנהויבן קוועלן פון דאָס ניי, אַז אַרום אים זאָלן אָנהויבן שטראָמען נייע קוואַלן וואָס זאָלן זיך צוזאַמענגיסן אין אַין טייך. דאַקעגן, האָט די דריטע עליה פאַר זיך שוין געפונען אַ שטאַרקן שטראָמעדיקן קוואַל, אַ לעבעדיק ווערק וואָס וועקט גלויבן, וואָס קען דינען ווי אַ מוסטער. דאָ איז שוין געווען בטחון אין דעם המשך, דער בטחון אַז נאָך די יחידים וועלן קומען מאַסן.

אַנדערש איז געווען די צווייטע עליה. זי איז געקומען אין אַ באַזונדער מזל, און די טראַגישקייט וואָס האָט זי באַגלייט האָט זי קריסטאַליזירט און פון איר געמאַכט אַ כוח אין פאָלק. אין וואָס פאַר אַ מצב זיינען מיר געקומען? אין ארץ־ישראל איז ניט געווען קיין סימן פון בליאונג, ניט עקאָנאָמישע און ניט קולטורעלע; דאָס איז אויך ניט געווען אין ציוניזם. די ציוניסטישע באַוועגונג איז אין יענעם מאָמענט געשטאַנען אויפן ברעג פון אָפגרונט. הערצלס חלום, וואָס איז, מיט זיין גאַנצן שוואונג, דאָך געווען אַ וויתור אויף יעדער קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט, וואָס איז געווען פאַר־בונדן מיטן אומגלויבן, אַז פון אַזאַ טעטיקייט קען עפּעס אַרויסקומען — דער דאָזיקער חלום האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ טעמפּער וואַנט. די פליגלען זיינען אָפּגעהאַקט געוואָרן, דאָס ליכט האָט אָנגעהויבן צאַנקען, דער יאוש האָט אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין די הערצער. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער צוריקטריט און דער פאַנאַנדערפאַל פון גאַנצע מחנות, וואָס האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום דער פאָן פון ציוניזם, די הערצלשע תקופה, וואָס האָט געבראַכט די בשורה פון דעם שנעלן קץ פון גלות, מיט דער הילף פון לייכטע מיטלען — דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען פון פירער, פאַר־קויפן שקלים, קלייבן אַביסל געלט — די דאָזיקע תקופה האָט ניט געפונען דעם וועג צו פאַרווירקלעכונג. צוזאַמען מיט דער אַנטוישונג, זיינען פאַר דער באַוועגונג געקומען אָרעמע, מאָגערע טעג — וואָרעם די באַוועגונג האָט אין זיך ניט געפונען דעם כוח צו פאָדערן ערנסטע מעשים, אָנצו־

צייכענען אַ וועג פֿון טעטיקייט וואָס זאָל ברענגען צו דער גאולה. אָבער אינצווישן האָט די באַוועגונג אויפֿגעהויבן כוואַליעס און האָט אין די מאַסן אויפֿגעוועקט דעם הונגער נאָך דערלייזונג — און איצט זיינען זיי געשטאַנען צעטומלטע, בעת אַרום זיי האָבן געדופֿן פֿייערלעך וואָס האָבן פֿאַרשפּראָכן דערלייזונג פֿאַר דעם איד און דעם מענטש, און אָנגעבאָטן אַן אינהאַלט דעם לעבן פֿון פּרט. די ציוניסטישע באַוועגונג, מיט אַלע אירע גרויסע גייסטער, מיט איר אינטענסיווער אידישקייט, האָט אַזוינס ניט געקענט פֿאַרשפּרעכן. אַפֿילו אחד העם האָט ניט באַוויזן צו אַנטפּלעקן די ווילנס־כוחות אין דעם ציוניזם, און אים פֿאַרוואַנדלען אין אַן אידעאַל מיט תביעות, מיט התחייבותן, אַן אידעאַל וואָס לייגט אויף זיינע אָנהענגער אַרויף דעם עול פֿון האַרבע געבאָטן. און גראָד בעת עס האָט זיך אויסגעוועפּט און ס׳איז פֿאַרשוואונדן יעדע ברייטע האָפֿענונג אויפֿן ציוניזם, בעת די גאַנצע אידישע יוגנט האָט אָנגעהויבן פֿאַרלאָזן דעם לאַגער, בעת אַלע יסודות פֿון דער אידעע פֿון דעם אָרגאַנישן ציוניזם — ליבע צום לאַנד, אויפֿלעבונג פֿון דער שפּראַך, ערד־אַרבעט — האָבן זיך אָנגעהויבן אויפֿלייזן, גראָד אין יענעם מאָמענט, האָט זיך בדרך נס געפֿונען אַ קליינע, שוואַכע „שארית”, וואָס איז אַליין געשטאַנען אויפֿן ברעג פֿון תהום, און אָט דאָס הייפֿל האָט אין זיך געפֿונען אַ משונהדיקן כוח. ניט קיין אמונה און בטחון, נאָר די קראַפֿט וואָס האָט זיך אפֿשר גענומען פֿון דעם געפֿיל, אַז ס׳קען זיין אַז מיר זיינען די לעצטע, און אויב די געשיכטע האָט גוזר געווען אַז ס׳איז פֿאַר אונז ניטאָ קיין צוקונפֿט און קיין תקומה, מוזן מיר זיין די לעצטע, אָבער דעם קאַמפּס־פֿעלד טאָרן מיר ניט פֿאַרלאָזן. דער פֿאַקל וואָס יוסף חיים ברענער — אָט דער טרעגער פֿון „נאַציאָנאַלער כפֿירה” — האָט אָנגעצונדן אויף די ברעגעס פֿון דער טעמזע מיט זיין אויסגעשריי „אחרונים נהיה על החומה” — האָט געטאָן זיין שליחות. עס איז געקומען אַ געפֿיל פֿון עקל — עקל צו דער ארץ־ישראלדיקער אָפּגעלאָזנקייט, עקל צו דער ווילן־שוואַכקייט פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג. עס איז געקומען אַ בונט — ניט קעגן רעגירונגען, ניט קעגן דער דעספּאָטיע פֿון די ראָמאַנאָווס, ניט קעגן דער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג בכלל — נאָר אַ בונט קעגן דער באַוועגונג אין וועלכער דער דאָזיקער דור איז געבוירן געוואָרן, קעגן דער ציוניסטישער באַוועגונג, קעגן דער אידישער אינטעליגענץ, קעגן דער העברעאישער ליטעראַטור — אַ בונט אויף אַלע שטחים פֿון לעבן. בלויז איין האָפֿענונג האָט אפֿשר געלויכטן פֿאַר די דאָזיקע מענטשן — די האָפֿענונג אַז דאָ, אין לאַנד, איז אַלץ כשורה, און זיי דאַרפֿן נאָר קומען און ממשיך זיין. ס׳איז מעגלעך, אַז ווען די ערשטע פֿון דער צווייטער עליה זיינען געפֿאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט זיי געוואַרעמט די האָפֿענונג, אַז זיי

וועלן דאָ געפֿינען די אידילישע פֿון אַ אידישן פּויער אין ארץ־ישראל. אָבער מיר ווייסן אַלע וואָס די צווייטע עליה האָט אין לאַנד געפֿונען. און דאָ איז אונזער חוב צו דערמאָנען די איינצלנע מענטשן פֿון די פֿריערדיקע עליות, וואָס האָבן אונז פֿאַרשטאַנען און זיינען געקומען צוהילף. אַזוי ווי די באַוועגונג וועט געדענקען אירע העלדן, וועט זיך אויך געדענקען אירע פֿריינד, וואָס דער מוסטערהאַפֿטסטער צווישן זיי איז געווען דער פֿאַרשטאָרבענער יהושע ברזילי. מיר געדענקען דעם באַשיידענעם מענטשן וואָס איז ניט געווען קיין עסקן און קיין אידעאָלאָג, אָבער ער האָט דער ערשטער פֿאַר דעם אידישן אַרבעטער געעפֿנט דעם וועג צו אַרבעט אין דער קאָלאָניע — יעקב קראָל. מיר געדענקען צום גוטן דעם ביל"ו חיים חיסין, דעם ארץ־ישראלדיקן פֿאָרשטייער פֿון די חובבי ציון אין יענער צייט. און מיר געדענקען אַ מענטשן, וואָס איז געווען אַ באַאַמטער ביים באַראָן, אָבער אין אים האָט געלעבט די נשמה פֿון אַ חלוץ — חיים קאַלוואַריסקי. מיר דערמאָנען זיך דעם ערשטן דאָקטאָר וואָס האָט זיך אָפּגערופֿן אויף דעם אַרבעטערס ליידן און איז אים מסירת נפֿשדיק געקומען צוהילף — דר. הלל יפֿה. מיר געדענקען דר. מאַלקין, דעם זעלטענעם מענטשן, וועלכער איז אויך געווען צווישן די ערשטע וואָס האָבן דעם אַרבעטער אויסגעשטרעקט אַ האַנט. מיר געדענקען דעם נאָמען פֿון דעם ערשטן צווישן די באַאַמטע פֿון יק"א, וועלכער האָט אַריינגעפֿירט דעם אידישן אַרבעטער און אַרבעטערין אין דער אַרבעט און אויף דער שמירה, דעם אַגראָנאָם אליהו קראַוזע, דעמאָלט דער לייטער פֿון דער פֿערמע סעדזשערע. און מיר אַלע געדענקען דעם מענטשן וואָס איז צווישן אונז דעמאָלט אַרומגעגאַנגען ווי אַ לעגענדע, און וועט נאָך אונז זיין אַ לעגענדע אין דער צוקונפֿט — יהושע כאַנקין, דער אויסלייזער פֿון עמק יזרעאל, דער גרויסער ברודער פֿון דעם אידישן אַרבעטער אין לאַנד. מען דאַרף אויך ניט פֿאַרגעסן, אַז אין דער גאַנצער פֿרעמדקייט וואָס האָט געהערשט אין דער ציוניסטישער טוערשאַפֿט, אין דער פֿאַרשטענדענישלאָזיקייט פֿאַר אַזאַ דערשיינונג ווי די צווייטע עליה, וואָס ס'האָט געהערשט צווישן הערצלס אָפֿיציעלע יורשים, ווי דוד וואָלפֿסאָן און זיינע פֿריינט, איז געווען איין מענטש, וואָס האָט, ניט געקוקט אויף דער גאַנצער ווייטקייט אין יאָרן און באַגריפֿן, אויף זיין אייגענעם שטייגער פֿאַרשטאַנען דעם ווערט פֿון דעם אַרבעטער און דעם חלוץ אין לאַנד. דאָס איז געווען מנחם אוסישקין.

דוכט זיך, אַז מיט דעם איז געענדיקט די שיינע און באַשיידענע רשימה פֿון אונזערע פֿריינט און העלפֿער. פֿאַר די אַנדערע קרייזן אין ישוב זיינען מיר געווען . . . — עס איז איצטער ניט די צייט צו באַנוצן שאַרפֿע ווערטער — ניט־געבעטענע געסט. קיינער האָט אונז ניט איינגעלאַדן און קיינער

האָט אונדז ניט געדאַרפֿט. אין אונדזערע הענט האָט מען זיך ניט געגוויטיקט, און אין אונדזער שכל — אוודאי ניט. ערשט שפּעטער, ווען מיר האָבן שוין געקענט פֿאַרצייכענען געוויסע דערגרייכונגען אין לאַנד, האָט זיך אין דעם ציוניזם באַוויזן דער יחיד במינו, דער מענטש, וועלכער איז — איך זאָג דאָס מיט מיין פֿולן באַוואוסטזיין — דער איינציקער אין דור וואָס האָט, מיט דער גאַנצער טיפֿקייט, פֿאַרשטאַנען די היסטאָרישע באַדייטונג פֿון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג אין ארץ־ישראל — אַרטור רופּין. אין דער לאַגע פֿון שרעקלעכער פֿאַריתומטקייט אין דעם אידנטום — דאָס אידנטום פֿון נאָך קישינעוו און האָמעל און 1905 — וואָס האָט, ניט געקוקט אויף דעם פֿאַרשטאַרקטן נאַציאָנאַלן וויטיק, דאָך אינגאַנצן פֿאַרלאָרן דעם וועג אָדער געזוכט דעם אויסוועג בלויז אין דעם אָפּזאָגן זיך פֿון דעם ציוניס־טישן חלום; אין דער לאַגע פֿון פֿאַריתומטקייט צווישן פּאַרטיי־ אין אידעע־חברים; אין דער לאַגע פֿון פֿאַריתומטקייט און פֿרעמדקייט אין דעם אידישן ישוב אין ארץ־ישראל — האָט די צווייטע עליה ממשיך געווען איר וועג, ניט שטענדיק מיט גלויבן, נאָר זייער אָפֿט אויס לעצטן יאוש; ניט אויס פֿרייד אין דער שיינקייט פֿון גלויבן, נאָר אויס עקל צו דער מיאוסקייט פֿון בגידה, פֿון שוואַכקייט און רעזיגנאַציע; פֿאָלגנדיק דעם אינערלעכן באַפֿעל זיך מתגבר צו זיין און ניט פֿאַרלאָזן דעם קאַמפּס־פֿעלד.

מיר טאָרן זיך, חלילה, ניט שאַפֿן קיין אילוזיעס. לאָמיר ניט שילדערן די צווייטע עליה מיט פֿאַלשע פֿאַרבן. לאָמיר ניט באַטראַכטן יעדן איינעם פֿון אירע מענטשן ווי אַ העלד. מיר זיינען אויך היינט, אַזוי ווי מיר זיינען געווען בעת מיר זיינען עולה געווען פֿון גלות — האַלעוועשקעס וואָס זיינען געראַטעוועט פֿון פֿייער. מיר זיינען דורכגעגאַנגען אַ כּסדרדיקן סעלעקציע־פּראָצעס און עס האָט אין אונדז געווירקט אַ כּסדרדיקער ווידער־שטאַנד־כּוח, דער כּסדרדיקער צוואַנג זיך אַנצושטרענגען. אָט דאָס האָט אונדז אויסגעפֿורעמט און מעגלעך געמאַכט צו ווערן דער רינג אין דער קייט צווישן די ביל״ויים און דער לעצטער עליה. און אויב מיר וועלן מאַכן אַ חשבון, ניט בלויז דעם פּערזענלעכן חשבון פֿון געווינס און פֿאַר־לוסט — כאָטש עס איז מעגלעך, אַז ווי יחידים האָבן מיר דאָ געגנאָסן דעם גרעסטן יוגנט־גליק, וואָרעם ניט נאָר די דערגרייכונגען, נאָר אויך די יסורים האָבן אונדז געגעבן פֿרייד, זיינען פֿאַר אונדז געווען אַ שפּיל — אויב מיר זאָלן מאַכן אָט דעם חשבון פֿון דער תקופֿה, וועלן מיר דער־שטוינט ווערן זעענדיק, וואָס פֿאַראַ מעגלעכקייטן עס זיינען נאָך פֿאַר־באָרגן אין ארץ־ישראל, אויב וויניקע און שוואַכע ווי מיר האָבן דאָס אַלץ געקענט שאַפֿן. מיר וועלן דערשטוינט ווערן פֿון דעם גרויסן עקאָנאָמישן און סאָציאַלן, קולטורעלן און פּערזענלעך־מאָראַלישן קאַפּיטאַל, וואָס די

צווייטע עליה האָט איבערגעלאָזט די וואָס וועלן איר נאָכפֿאָלגן. מיר וועלן באַוואונדערן דעם גרויסן גליק וואָס איז באַשערט געווען דעם דאָזיקן דור. דער דאָזיקער דור האָט זוכה געווען מחדש צו זיין וויכטיקע ווערטן פֿאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג און דעם גאַנצן פֿאָלק; פֿאַר דער העברעאישער ליטעראַטור און ארץ־ישראלדיקן ישוב. און אפֿשר האָבן די דאָזיקע נייע ווערטן אַזאַ באַדייטונג, אַז זייער ליכט וועט אַרויס אַריבער די גרענעצן אין וועלכע מיר לעבן. ווען מען פֿאַרגלייכט דעם אינהאַלט פֿון דעם ציוניזם ווי ער איז געווען פֿאַר אונז מיט זיין אינהאַלט איצט, מוז מען איינזען אַז די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג איז אַ דאַנק דער צווייטער עליה באַרייכערט געוואָרן, קאָמפּליצירטער געוואָרן, האָט זיך איינגעזאַפּט ברייטע נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע ווערטן. וואָרעם וואָס עס זאָל האָבן געווען, היסטאָריש גערעדט, די וויזיע פֿון העס און הערצל, האָט זיך דאָך פֿאַרן פֿאָלק דער עצם אינהאַלט פֿון ציוניזם אַריינגעפּרעסט אין עטלעכע עלעמענטאַרע באַגריפֿן — לאַנד, שטאַט, שפּראַך. דער מאָראַלישער אינהאַלט וואָס איז אַנטהאַלטן אין דעם באַגריף, וואָס די צווייטע עליה האָט געגעבן דעם ציוניזם, דער באַגריף „אַרבעט" מיט זייןווירטשאַפֿטלעכן און סאָציאַלן פּרוש — האָט ניט נאָר טראַנספֿאָרמירט די ווירקלעכקייט פֿון דעם אידישן ארץ־ישראל נאָר אויך דאָס פּנים פֿון דער אידישער יוגנט אין גלות; און ס'איז ניטאָ קיין בעסערער באַווייז דערפֿאַר, ווי דאָס וואָס אַפֿילו אַן אַנטי־אַרבעטערישע יוגנט באַוועגונג איז היינט געצוואונגען צו רעדן אין נאָמען פֿון דעם אַרבעטס געדאַנק. אַפֿילו די חובבי ציון וואָס האָבן אונז געגעבן די עצה: „הכבד ושב בביתך" — זיינען געצוואונגען געווען צו לערנען, ניט אַ דאַנק דעם כּוח פֿון אונזערע ווערטער, נאָר אַ דאַנק דעם כּוח פֿון די פֿאַקטן וואָס מיר האָבן באַשאַפֿן, די באַדייטונג פֿון דער אַרבעט אין דער דערלייזונג פֿון פֿאָלק.

און אויך דעם ארץ־ישראלדיקן ישוב האָבן מיר עפּעס געגעבן. מיר האָבן געשאַפֿן די צעלן פֿון דעם צוקונפֿטיקן אידנשטאַט און אַריינגעשטראָמט נייַ בלוט, ניט נאָר אין דער באַוועגונג, נאָר אויך אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פֿון לאַנד. ווער ס'געדענקט די לאַגע פֿון די קאָלאָניעס מיט פֿינף און צוואַנציק יאָר צוריק ווייס ווי באַדנלאָז עס איז געווען זייער קיום, ווי אָרעם עס איז געווען זייער ווירטשאַפֿטלעכער פֿאַרנעם. אַז מען גייט איצט אַרויס און מען זעט די מילך־ווירטשאַפֿט וואָס די אַרבעטנדיקע קאָלאָניזאַציע האָט געשאַפֿן, דעם גרינס־צווייג, די עופֿות־צוכט, די יונגע פּלאַנטאַציע־צווייגן, „תנובה", אַז מען זעט די גרויסע סומען, דעם גרויסן פּדיון וואָס אונזערע ישובים נעמען אַריין פֿאַר קאַליפֿיאָרן און טאָמאַטן, מוז מען מודה זיין, אַז די באַוועגונג פֿון די וואָס מען האָט גערופֿן „שמענד־

ריקעס" האָט געשאַפֿן ניט נאָר פּאָליטישע און מאָראַלישע קנינים, נאָר אויךווירטשאַפֿטלעכע קנינים פֿון דעם גרעסטן ווערט — ניט נאָר פֿאַרן ציוניזם, נאָר אויך פֿאַר אונזער עקאָנאָמיק.

אין געזעלשאַפֿטלעכן זינען האָט אונזער באַוועגונג זוכה געווען אויסצורייסן מיטן וואָרצל אַ צאָל „פֿאַרפֿוילטע באַגריפֿן" — אַ פֿאַרשפּרייטער אויסדרוק אין יענע טעג — ווי „תמיכה" און „שנוררות", עקספּלואַטאַציע און פּאַראַזיטיזם. שוין אין דער פֿאָדערונג וואָס מיר האָבן געשטעלט, „וחי אחיך עמך", איז געלעגן אַ גרויסער סאָציאַלער אינהאַלט. פֿון דעם איז אַרויסגעוואַקסן די אַרבעטנדיקע קאָלאָניזאַציע אין אַלע אירע פֿאָרמען, די ווירטשאַפֿטלעכע דעמאָקראַטיע, די קבוצה, דער מושב און דער קבוץ; די גלייכהייט פֿון מאַן און פֿרוי, די דערציאונג פֿון קינד צום אַרבעטס־לעבן. און אַז מיר וואַרפֿן אַ בליק אויפֿן פּאָליטישן לעבן, זעען מיר ווידער, אַז די חלומות וואָס עס האָבן אין זיך אין דער פֿריערדיקער עפּאָכע געטראָגן איינזאַמע און געוואַגטע יחידים, ווי מיכאל האַלפּערין, האָבן אָנגעהויבן פֿאַרווירקלעכט ווערן אין די טעג פֿון דער צווייטער עליה. פֿון דער זעלבסטשוץ און דעם „השומר" און ביז דער מאָביליזאַציע אין דעם אידישן לעגיאָן — אַ ריי וואַגיקע און שטאַרקע אויסדרוקן פֿון אידישער פּאָליטיק אין ארץ־ישראל. אויפֿן געביט פֿון שפּראַך און קולטור וועלן מיר תּמיד געדענקען די וואָס האָבן געקעמפֿט און געווירקט אויף דעם דאָזיקן פֿעלד, אָבער דער זכות אַרויסצופֿירן די העברעאישע שפּראַך פֿון דער שול און פֿון דער אינטעליגענטער פֿאַמיליע אין מאַרק אַרויס, אין גאַס און אין דער ווירטשאַפֿט, איז באַשערט געווען דער צווייטער עליה. די צווייטע עליה, וואָס איז ניט באַשטאַנען דווקא פֿון אינטעליגענטן, האָט מיט איר טיפֿן הוש פֿאַרשטאַנען גלייך פֿון דער ערשטער רגע זיך צו באַהעפֿטן מיט דער העברעאישער שפּראַך און זי צו פֿאַרוואַנדלען אין אַ לעבעדיקער שפּראַך.

די צווייטע עליה האָט עפּעס פֿאַרצייכנט אויך אין דער אַרבעטס־ליטעראַטור. די גאַנצע העברעאישע ליטעראַטור אין דער לעצטער תּקופֿה האָט געמאַכט אַ גרויסן צושטייער צום כאַוועז דעם ווילן צו נאַציאָנאַלער אויפֿריכטונג. פֿון אַברהם מאַפּו ביז פֿייערבערג, פֿון מיכ"ל ביז זאב יעבץ, פֿון רנ"ק ביז דעם „המעורר" — זיי אַלע האָבן געשאַפֿן צעלן פֿון געפֿיל און ווילן, וואָס האָבן געפֿונען זייער תּיקון אין דער צווייטער עליה. און אויב בערדיטשעווסקי האָט, אָן אַ לייענער, אָן דער האָפֿענונג אַז עמיצער זאָל אים הערן, אָן קיין שום פֿעאיקייט צו דעקלאַראַציעס, אויפֿגעדעקט די שוואַכקייט פֿון דעם ציוניזם, איז געקומען די צווייטע עליה און געבראַכט דעם פּתרון פֿון זיין חלום. אָבער די צייט אין וועלכער עס איז אויפֿגעקומען די צווייטע עליה איז אויך געווען אָן אימהדיקע שעה פֿאַר אונזער ליטע־

ראַטור אין מזרח־אייראָפּע, ענלעך צו דעם מאָמענט וואָס די העברעאישע ליטעראַטור האָט איבערגעלעבט אין דייטשלאַנד ביים סוף פֿון דער השׂכּלה־עפּאָכע. די העברעאישע ליטעראַטור האָט דעמאָלט פֿאַרלאָרן אַלע געזעלשאַפֿטלעכע כּוחות, ס׳איז געווען אַ מאָמענט פֿון אַ מאַסן־דעזערטירן פֿון קאַמפּס־פֿעלד. אין יענעם מאָמענט זיינען געקומען די מענטשן פֿון דער צווייטער עליה און האָבן געשאַפֿן, אויב ניט די ליטעראַטור, איז דעם באַזיס אויף וועלכן די צוקונפֿטיקע ליטעראַטור האָט געקענט געבויט ווערן — דעם העברעאישן לייענער.

און אויסער די אַלע קאָנקרעטע ווערטן האָט די צווייטע עליה אונז געגעבן זיך אַליין: אַ טיפּ מענטש. די באַדייטונג פֿון די ביל״וויים איז געלעגן ניט נאָר אין דעם בויען גדרה, נאָר אין דער לעגענדע וואָס זיי האָבן געשאַפֿן אין פֿאָלק, די לעגענדע מיט וועלכער מיר האָבן געקוויקט אונזערע הונגעריקע און דאָרשטיקע נשמות. אַזוי איז אויך געווען די צווייטע עליה: דאָס פֿאָרבילד פֿון דעם עקשן, וואָס ווייס ניט ווי אַזוי מען פֿאַרלאָזט דעם קאַמף־פֿעלד — דאָס האָט אונז געגעבן די צווייטע עליה.

בעת מיר סומירן איצט אונזער לעבנס־ווערק ווערט אַזוי פֿאַרשטענדלעך די ברכה וואָס חברה חיתה בוסל האָט זיך אַליין געגעבן: אַז מיר זאָלן ניט וויסן פֿון קיין מלחמה צווישן טאַטעס און זין. און ניט אויפֿן חשבון פֿון די זין דאַרף מען דאָס פֿאַרשטיין — אַז זיי זאָלן ניט זיין קיין באַנייער און רעבעלן — נאָר אויף אונזער אייגענעם חשבון. מיר האָבן געזען פּראָצעסן פֿון מיד־ווערן און אַלט־ווערן אין חוץ־לאָרץ, און אויך ביי אונז. און איצט, ווען אונזער עליה געפֿינט זיך שוין אין די מיטעלע יאָרן, דאַרף זי אויף זיך נעמען שווערע פֿליכטן. זי דאַרף וויסן, אַז זי האָט ניט קיין רעכט אַלט צו ווערן, וואָרעם זי שטייט נאָך — פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דעם פֿאַרנעם פֿון אונזער ווערק — ביים סאַמע אָנהויב. מיט דער הילף פֿון די אַלע אינסטרומענטן וואָס מיר האָבן געשאַפֿן — חברת העובדים, ניר, המשביר, ועדת התרבות, און אַנדערע — וועט די צווייטע עליה זיך פֿון דאָס ניי מתדבק זיין מיט אַלע נייע מצוות וואָס וועלן אויף אונז אַרויפֿגעלייגט ווערן. און לאָמיר אויך ווינטשן דער נייער עליה וואָס וועט קומען אין לאַנד — אָט די איינציקע גאַראַנטיע, אַז אונזער ווערק וועט לעבן — אַז די טראַגישע קאָנפֿליקטן צווישן אונז און אונזערע פֿאַרלויפֿער זאָלן דאָס מאָל אונז אויסמיידן, און אַז מיר זאָלן אַלע מיט זיך תּמיד פֿאַרשטעלן איין גלויבן און איין ווערק.

אידישע גבורה

[אַרײַנפֿיר צו דער אַנטאָלאָגיע „ספֿר הגבורה“, אַרויסגעגעבן
פֿון דעם הסתּדרות־פֿאַרלאַג „עם עובד“, 1941.]

„די לערע, וואָס האָט ניט קיין בית־אָב, קיין היסטאָרישן יחוס, איז ניט קיין לערע“ — אַזוי האָבן געזאָגט אונזערע חכמים. און אויף דער שפּראַך פֿון אונזער צײַט: יעדע קולטור וואָס האָט ניט קיין בית־אָב איז ניט קיין קולטור. און אויך אַ פֿאָלקס־באַוועגונג, אויב זי איז עפּעס מער ווי שוים אויפֿן וואַסער, מוז זוכן איר היסטאָרישן יחוס, מוז זי פֿרעגן פֿון וואַנען זי שטאַמט. „זאָלסט וויסן פֿון וואַנען די קומסט און וואוהין דו גייסט“ איז ניט בלויז אַן עטישער פּרינציפּ, נאָר אַ טיפֿע לעבנס־באַדערפֿעניש. מיר האָבן אַ טיפֿע באַדערפֿעניש זיך צו דערגרונטעווען צו די וואָרצלען פֿון אונזער זײַן, צו זוכן אונזערע מקורות. און אַפֿילו אויב מען ענטפֿערט אונז ניט — דאַרפֿן מיר ניט אויפֿהערן זוכן.

ווי ווייניק מיר ווייסן וועגן אונזער פֿאַרגאַנגענהייט. צוזאַמען מיטן פֿאַרלוסט פֿון פּאָליטישער פֿרייהייט איז פֿאַרלאָרן געגאַנגען די פֿרייהייט פֿון דער אידישער היסטאָריאָגראַפֿיע. עס איז ניט געווען קיין מאַכט וואָס זאָל כאָווען אונזער היסטאָרישע געדעכעניש. אַדרבה, כּמעט יעדע מאַכט האָט אָפּגעווישט, אויסגעמעקט, פֿאַרברענט, חרוב געמאַכט, פֿאַרטיליקט. איצט זעען מיר מיט אונזערע אייגענע אויגן וואָס מלחמות, גירושים און גזירות טוען צו קולטור־רייכטימער. און זיי זײַנען דאָך אונזער שטענדיקער גורל; די רואיקע יאָרן זײַנען דאָך אין אונזער געשיכטע שטענדיק געווען ניט מער ווי קורצע הפסקות. יעדע איבערוואַנדערונג פֿון איין גלות אין צווייטן האָט אויך פֿאַרניכטעט די טרעגער פֿונם נאַציאָנאַלן זכּרון, מיטן וואָרצל אויסגעריסן היסטאָרישע טראַדיציעס, צעריסן פֿאַמיליעס, צעשניטן פֿאַר־בינדונגען, חרוב געמאַכט מאַטעריעלע און גייסטיקע רייכטימער. וואָס קענען פּאָגראָם־יתומים וויסן וועגן דעם וואָס עס איז געשען פֿאַר זייער צײַט? וואָס קען פֿאַרבלײַבן פֿון אַ פֿאַמיליע־טראַדיציע ביי קינדער־פּליטים? און ווי גרויס זײַנען די אוצרות וואָס זײַנען געזונקען אין אָפּגרונט פֿון פֿאַרגעסעניש צוזאַמען מיט די גלידער וואָס זײַנען אָפּגעשניטן געוואָרן פֿון פֿאָלקס־קערפּער! מען דאַרף זיך אַפֿשר חידושן אויף דעם וואָס עס איז יאָ געראַטעוועט געוואָרן און אָפּגעהיט געוואָרן.

גרויס איז דער כּוח פֿון פֿאַרגעסן, באַזונדערס אין דער אידישער געשיכטע. פֿיל האָט גורם געווען דער שמד, פֿיל האָט גורם געווען דער שייטערהויפֿן, פֿיל האָט גורם געווען די מורא פֿאַר טיראַנען, פֿיל האָט גורם געווען דער גורל פֿון באַזיגטע. און דאָרטן וואו עס האָט ניט דערגרייכט דער לאַנגער אָרעם פֿון דער אויסערלעכער צענזור האָט איר האַנט אַרויפֿגעלייגט די אינערלעכע צענזור. איז דען צו אונז דערגאַנגען איין שורה פֿון דער קנאים־ליטעראַטור? יענע אַנטפּלעקונגען פֿון אידישער גבורה וואָס האָבן ניט זוכה געווען צו קיין נצחון זיינען אויסגעמעקט געוואָרן. דער גורל פֿון באַזיגטע! אַ אידיש קינד האָט געמעגט טראַכטן וועגן שמשון און גדעון, וועגן דוד און זיינע גבורים, וועגן די העלדנטאַטן פֿון „ספֿר הישר‟, אָבער אַפֿילו די גבורה פֿון רעבעלירנדיקע חשמונאים האָט ניט זוכה געווען צונויפֿגעזאַמלט און אָפּגעהיט צו ווערן אין אַן אָריגינעלן העברעאישן בוך און איר אָנדענקען איז לעבן געבליבן אין אומקלאָרע קלאַנגען און מגולגל געוואָרן אינם נס פֿון אויל־לעמפּל. און יעדע גבורה וואָס איז געקומען נאָכן חורבן, יעדער פֿאַרזוך אַראָפּצוּוואַרפֿן די קנעכטשאַפֿט פֿון גלות, אָט די אַלע גרויסע קרבנות פֿון מוטיקע קעמפֿער וואָס האָבן זיך אָנטזאָגט שלום צו מאַכן מיט דער ממשלת זדון, זיינען אָפּגעווישט געוואָרן פֿון זכּרון, זיינען פֿאַרלאָרן געגאַנגען אין אומקלאָרע מעשיות און אומפֿאַרשטענדלעכע ווערטלעך,* און זיינען ווי פֿאַרטריקנטע בלומען פֿאַרלייגט געוואָרן אין די ווינקלען פֿון דער אגדה און הלכה.

ערשט מיט דעם אויפֿקום פֿון ציוניזם האָט אַ ניי ליכט אויפֿגעשיינט איבער דער באַזיגטער און פֿאַרגעסענער אידישער גבורה. די פֿאַרגעסענע העלדן פֿון מסדה זיינען דערלייזט געוואָרן פֿון דער פֿרעמדער שפּראַך, אין וועלכער יוסף פֿלאַוויוס האָט זיי פֿאַראייביקט. ר׳ עקיבא האָט זיך פֿאַר אונז אַנטפּלעקט ניט נאָר ווי אַ זקן און אַ ראש־ישיבה, נאָר ווי דער נביא פֿון אַן אויפֿשטאַנד, און בר־כּוזיבא, דער זון פֿון ליגן, איז אין פֿאָלקסבאַוואוסטזיין ווידער געוואָרן בר־כּוכבא, דער זון פֿון שטערן.

---

* ביישפּילן: פּפּוס און לוליאַנוס, וועמען מען האָט געהאַלטן פֿאַר דעם „גאונם של ישראל‟, און אויף זייער דערמאָרדונג האָט מען געדרשנט דעם פּסוק „ושברתי גאון עוזכם‟; די 24 טויזנט תּלמידים וואָס ר׳ עקיבא האָט געהאַט „פֿון גבת ביז אַנטיפּטרוס‟, וועלכע „זיינען אַלע געשטאָרבן אין דער זעלבער צייט‟; די „הרוגי לוד‟; פֿאַרשיידענע אויסדרוקן וועגן דעם „דור פֿון שמד‟, וואָס ווערט פֿאַררעכנט צווישן די פֿיר דורות „וואָס האָבן דוחק געווען דעם קץ און זיינען נכשל געוואָרן‟; וועגן דעם דור איז געזאָגט געוואָרן: „אין דריי חלקים זיינען פֿאַרטיילט געוואָרן די יסורים, איינעם האָבן גענומען די אבות, איינעם דער דור פֿון שמד, און איינעם דער דור פֿון משיח‟. און נאָך אַ וואָרט: „שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבע — דאָס איז די ליבע וואָס דער דור פֿון שמד האָט ליב געהאַט דעם קדוש ברוך הוא‟.

די ריזן־געשטאַלטן פֿון ר׳ עקיבא און בר־כּוכבא (וועלכע זיינען פֿריי פֿון די קאָנפֿליקטן וואָס זיינען געווען צווישן ר׳ יוחנן בן זכאי און די קנאים) סימבאָליזירן די צוויי הויפּט־וועגן פֿון דער אידישער גבורה נאָך דעם חורבן — די פֿאַרהייליקטע גבורה פֿון גייסט און די פֿאַרשטופּטע גבורה פֿון קערפּער — וואָס זיינען אַמאָל געגאַנגען צוזאַמען און אַמאָל באַזונדער. אויב זיי האָבן ביי זייער פֿאָלק געהאַט אַ פֿאַרשיידענעם מזל, איז אָבער אין תּוך זייער מזל געווען איינער און דער זעלבער. דער נס פֿון חנניה, מישאל און עזריה איז ניט געשען מיט זייערע קינדס־קינדער, די מקדשי השם, וואָס האָבן זייערע נשמות אויסגעהויכט מיטן „אחד״, וואָס האָבן געזונגען אויפֿן שייטערהויפֿן און האָבן מיט זייערע אייגענע הענט געפֿירט דעם חלף איבער די העלזער פֿון זייערע קינדער, כּדי זיי זאָלן ניט „פֿאַרשטונקען ווערן אין זייער געשטאַנק״.* די פֿאַרטיידיקער פֿון מסדה, שמעיה און אחיה, בר־כּוכבא און די אַנדערע רעבעלן, וואָס זיינען אויפֿגעשטאַנען ביי אידן איינער נאָך דעם צווייטן, אין ארץ־ישראל און אַרום איר, אין משך פֿון הונדערטער יאָרן נאָך דעם חורבן, האָבן ניט זוכה געווען צו די נצחונות פֿון די חשמונאים. אויף די געשטאַלטן פֿון די חשמונאים שיינט דאָס ליכט פֿון זיגרייכער גבורה: „די העלדן זיינען געפֿאַלן פֿון די הענט פֿון די שוואַכע, און די פֿילע פֿון די הענט פֿון די ווייניקע, און די טמאים פֿון די הענט פֿון די טהורים, און רשעים פֿון די הענט פֿון צדיקים״. קען געמאָלט זיין אַ גרעסערער נצחון־הימן? אָבער די קעמפֿער פֿון מסדה זיינען איינגעוויקלט אין דער טראַגישער גלאָריע פֿון באַזיגטער גבורה: „מיר זיינען געווען די ערשטע צו הויבן אויף זיי [די רוימער] אַ האַנט און מיר זיינען פֿאַרבליבן די לעצטע צו קעמפֿן מיט זיי — עס איז אונז קלאָר, אַז מאָרגן וועט קומען אונזער סוף, מיר האָבן אָבער די ברירה צו שטאַרבן אַ העלדן־טויט — זאָלן אונזערע פֿרויען שטאַרבן איידער זיי וועלן פֿאַראומרייניקט ווערן, זאָלן אונזערע קינדער שטאַרבן איידער זיי וועלן פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון קנעכטשאַפֿט״.

דאָס איז דער גורל פֿון דער אידישער גבורה זינט דעם חורבן. אין תּוך איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן דעם גורל פֿון די רעבעלן אין גליל און דעם גורל פֿון די פֿאַרטיידיקער פֿון טולטשין, צווישן די וואָס האָבן זיך געשטעלט קעגן מוחאַמעדן און די וואָס האָבן זיך פֿאַרבאַריקאַ־דירט קעגן די קרייץ־פֿאַרער, צווישן די רעבעלן קעגן דער רוימישער

* „חבקוק האָט געזען ווי חנניה, מישאל און עזריה גייען אַריין אין פֿייער און ווערן געראַטעוועט, און ער האָט געזען ווי ר׳ חנינא בן תּרדיון און זיינע חברים ווערן פֿאַרברענט אין פֿייער, האָט ער מיט צאָרן געזאָגט: רבונו־של־עולם, זיי זיינען געווען צדיקים — אָבער די אַנדערע זיינען דאָך אויך צדיקים!״

אימפּעריע און די וואָס האָבן זייערע לעבנס אָוועקגעגעבן פֿאַר זייער גלויבן. זיי אַלע זיינען לכתּחילה געווען פֿאַראורטיילט. זייער גבורה איז אַ דורכ־אויס טראַגישע גבורה. עס איז ניט דער טראַגיזם פֿון שמשון און שאול, וואָס אַפּילו בעת זיי זיינען געפֿאַלן האָבן זיי זיך געמעגט טרייסטן, אַז זייער נצחון איז ניט וויט. די אידישע גבורה זינט דעם חורבן איז אַ גבורה אָן אויסזיכטן אויף נצחון. די גבורה פֿון גלויביקע, וואָס גאָט האָט פֿון זיי באַהאַלטן זיין פּנים און זיי זיינען דאָך געבליבן ביי זייער טרייקייט און גלויבן. די גבורה פֿון מאַרטירער, וואָס וויסן וואָס זיי קענען דערוואַרטן אין דעם דועל מיט די פּילע און די אומריינע און די רשעים, און זיי גייען אים דאָך אַנטקעגן. די גבורה פֿון איוב־פֿאָלק, וואָס אַפּילו אין זיין געראַנגל מיט גאָט, איז זיין אינערלעכסטע זאָרג: ניט באַזיגט צו ווערן אין אייגענעם האַרצן, ניט זינדיקן קעגן געוויסן. די ספּעציעלע תּפילה פֿאַר קידוש־השם (עס איז דאָ אַזאַ תּפילה!), בעט ניט קיין אַנט־רינונג און קיין רעטונג און אַפּילו ניט קיין דערלייכטערונג פֿון די יסורים, נאָר קדושה און טהרה און דעם כּוח אויסצוהאַלטן דעם נסיון: „אַתּה ידעת מצפּון לבי“.

די אידישע גבורה זינט דעם חורבן האָט זוכה געווען בלויז צו איין שכר: טריי צו זיין זיך אַליין: אַ גבורה אָן חשבונות, אַ גבורה אָן אַ שכר אויף דער וועלט, אַ גבורה וואָס קומט בלויז פֿון אַן אינערלעכן מוז,* און צוליב איר טראַגישן גורל, קריטיקירט מען זי. די בילבולים פֿון פֿיינט (לאָמיר זיי זיין דאַנקבאַר: זייערע בילבולים האָבן געראַטעוועט פֿון דער פֿאַרגעסעניש פֿאַרשטויסענע נעמען אין אונזער געשיכטע, און פֿון זיי האָבן מיר זיך אויך דערוואוסט ווי די אידישע רעבעלן האָבן באַאומרואיקט זייערע באַזיגער) און די פֿאַראַכטונג פֿון „אויפֿגעקלערטע“ (וואָס האָבן געזען ווי זייערע ברידער מאָרדן און פֿאַרגוואַלדיקן און ווי אונזערע ברידער קוילענען זיך אויס מיט די אייגענע הענט, און זיי האָבן געצויגן מיט די אַקסלען אויף דער אידישער „משוגעת“) — אָט דאָס איז געווען דער גורל פֿון דער באַזיגטער אידישער גבורה אין אַ פֿרעמדער וועלט. די חכמה פֿון דעם אָרעמען ווערט פֿאַראַכט, און אין דער גבורה פֿון באַזיגטן זעט מען ניט קיין פּראַכט און קיין שיינקייט.

* „אויב די גוים זאָגן: ’גיט אונז איבער איינעם פֿון אייך און מיר וועלן אים הרגענען, און אויב ניט וועלן מיר אייך אַלעמען הרגענען’ זאָלן אַלע אויסגעהרגעט ווערן און מען זאָל ניט איבערגעבן קיין איין אידישן נפֿש“ (ספֿר חסידים); „גרויס איז דער וואָס באַגייט זעלבסטמאָרד אויב ער איז עס געצוואונגען צו טאָן“ (מנורת המאור); און אין די לעצטע דורות: „אויב דאָס בלוט מוז פֿאַרגאָסן ווערן, זאָל עס פֿאַרגאָסן ווערן אין די גאַסן, איידער מען זאָל זיך לאָזן אויסקוילענען אין די קעלערס“ (נחמן סירקין).

פֿרעמדע האָבן ניט באַגריפֿן די גרויסע קראַפֿט וואָס איז געלעגן אין דער באַזיגטער אידישער גבורה, אָבער עס זיינען אויך פֿאַראַן אידן וואָס זעען דאָס ניט. וואָס איז די פעולה פֿון אַ גבורה וואָס זיגט ניט, און אַפֿילו אירע קליינע נצחונות דויערן זייער ווייניק און זיינען ניט בכוח אָפּצושטעלן די צעבושעוועטע שנאה? — אַזוי פֿרעגט די אידישע ניכטערקייט פֿון די טעג פֿון די קנאים ביז דער זעלבסט־שוץ אין אונזער צייט. צו דער גבורה וואָס זיגט ניט האָט מען שטרענגע פֿאָדערונגען. מען איז איר גאַרנישט מוחל. אויב עס איז נאָר פֿאַראַן עמעצער וואָס ציילט אונזערע טרערן, איז אָבער ניטאָ ווער עס זאָל פֿאַראייביקן אונזער גבורה.

אָבער די אידישע גבורה איז פֿאַראייביקט אין לעבנס־בוך פֿון אונזער אומה. אַפֿילו אויב זי איז ניט פֿאַרשריבן אויף די בלעטער פֿון אַ בוך, איז זי איינגעקריצט אין די טיפֿעניש פֿון דער נשמה. דער יסוד פֿון גבורה קען ניט אָפּגעטיילט ווערן פֿון דעם סוד פֿון אידישן קיום. אַן גבורה קען מען זיך ניט פֿאָרשטעלן דאָס אידישע לעבן, צווישן אַגרעסיווע רעליגיעס, צווישן שטרייטנדיקע מלוכות, צווישן קעמפֿנדיקע קלאַסן, אין צענטער פֿון רעוואָלוציעס, שטענדיק צווישן די ציינער פֿון געפֿאַר. צי וואָלטן מיר, אָן דער דאָזיקער האַרטנעקיקער גבורה, געהאַט דעם כוח צו וואַרטן אויף דעם נצחון, וואָס דאַרף אַמאָל קומען? פֿון די קנאים־אינגלעך, וואָס זיי־ ערע פייניקער האָבן פֿאַר זיי אויסגעקלערט כלערליי מוראדיקע יסורים, און האָבן זייערע לייבער צעריסן אויף שטיקער, פֿאָדערנדיק פֿון זיי בלויז איין זאַך, אַז זיי זאָלן עפֿנטלעך מודה זיין, אַז זיי „נעמען אויף זיך דעם יאָך פֿון קיסר", און „קיין איינער פֿון זיי האָט ניט געוואָלט נאָכגעבן און אַרויפֿברענגען אויף די ליפּן, אַז דער קיסר איז זיין האַר", ביז דער קנאים־ יוגנט פֿון אונזער דור, וואָס היט אָפּ דעם אידישן פֿייער אין אונטערערד און אין געפֿאַנגענשאַפֿט, איז איין קנויט, וואָס ווערט ניט פֿאַרברענט, און אויב עס איז פֿאַראַן אַ זיכערקייט — איז דאָס די זיכערקייט.

און דאָס האַרץ פֿרעגט: וואָס וועט זיין דער גורל פֿון דער אידישער גבורה אין באַנייטן היימלאַנד? ווען מיר דאָ זוכה זיין צו דער באַנייאונג פֿון דער גבורה פֿון די חשמונאים, וואָס איר שכר ליגט ניט נאָר אין איר געוויסן, נאָר אין איר נצחון?

„אין קיין דור איז ניט פֿאַרגאָסן געוואָרן קיין ריינער בלוט, ווי דאָס בלוט פֿון די אַקערער פֿון תל־חי". אָבער ניט ווי פֿאַרצווייפֿלטע מורדים און ניט ווי אינקוויזיציע־קדושים פֿאַלן אין ארץ־ישראל אַקערער און פֿאַר־ טיידיקער. דער צער פֿון זייער טויט איז דער צער פֿון שאול און יונתן, די גרינדער פֿון דער אידישער פֿרייהייט. אין זייער לעבן און אויך אין זייער טויט זאָגן זיי אונז: נחמו, נחמו עמי.

באָרן פֿאַרן פֿאָלק און דער גייסט פֿון פֿאָלק

[פֿון אַ רעדע וואָס איז געהאַלטן געוואָרן פֿאַר אַ צוזאַמענקונפֿט
פֿון קולטור־טוער און אינטעלעקטואַלן פֿאַרן קרן קימת לישראל
סוף 1943.]

איך וואָלט געוואָלט, אַז איר זאָלט מיר גלויבן, אַז אין איצטיקן מאָמענט, בעת איך קום צו איך רעדן אין נאָמען פֿון קרן קימת לישראל, טו איך דאָס מיט שווערע קווינקלעניש. דער אידישער נאַציאָנאַל־פֿאָנד איז ניט סתם אַ ציוניסטישע אינסטיטוציע, ער איז איינע פֿון די גרעסטע שאַפֿונגען, וואָס דאָס אידישע פֿאָלק האָט צו פֿאַרצייכענען אין די לעצטע דורות — אַ שאַפֿונג וואָס טראָגט אין זיך פֿיל גרונט־ווערטן פֿון אונזער ווידעראויפֿריכטונג־באַוועגונג. און כאָטש איך בין זינט מיינע יוגנט־יאָרן געוואוינט צו רעדן וועגן קרן קימת לישראל, איז מיר אָבער שווער צו רעדן אין זיין נאָמען.

איך קען ניט פֿאַרגעסן, אַז עס פֿעלט אונז היינט דער מאַן, אין וועלכן מיר האָבן אַלעמאָל געזען דעם אויטאָריטאַטיוון ראש־המדברים פֿון דעם קרן קימת לישראל — און ניט נאָר פֿון דעם קרן קימת אַליין, נאָר פֿון דעם ציוניזם גופֿא, אין זיין עלעמענטאַרישקייט און גאַנצקייט. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס די מענטשן פֿון דעם קרן קימת באַגעגענען זיך מיט שריפֿטשטעלער און קינסטלער און לערער אָן מנחם אוסישקין, וואָס דער זכות פֿון פּיאָנערישקייט האָט געשוועבט איבער זיינע ווערטער און זיין עצם דערשיינונג האָט אַרויסגערופֿן צוטרוי און געבויט בריקן איבער תהומען.

עס איז באַזונדערס שווער צו רעדן צו די „מענטשן פֿון גייסט”. עס איז ניט גרינג צו פֿאָדערן זייער אויפֿמערקזאַמקייט. מיר ווילן זיי דאָך זען ווי די פֿאָדערער, און עס איז שווער צו זיי דאָ צו קומען מיט פֿאָדע־רונגען. ווער ווערט וואָגן צו קומען צו די מוכיחים, צו די שטראָפֿער, מיט שטראָף־רייד — און האָפֿן, אַז זיי זאָלן זיי אויסהערן? אָבער דער פֿאַקט, וואָס דער אידישער נאַציאָנאַל־פֿאָנד האָט געפֿונען פֿאַר נויטיק צו פֿאַר־רופֿן די דאָזיקע באַגעגעניש און וואָס שריפֿטשטעלער, קינסטלער און לערער האָבן זיך אָפּגערופֿן — זאָגט אויך עפּעס. אָט איז ווי איך פּרוביר דערקלערן די דאָזיקע באַגעגעניש.

אונזער לאַנד איז קליין — און אונזער אידיש לאַנד איז נאָך קלענער, און אין אָט דעם דאָזיקן לאַנד געפינען מיר גרויסע דיסטאַנצן, וואָס זיינען פיל גרעסער פון דעם שטח פון דעם לאַנד. די דאָזיקע „דיסטאַנצן" זיינען אינערלעכע, אין דעם ישוב. עס זיינען פאַראַן „דיסטאַנצן" צווישן גלויביקע און אומגלויביקע, צווישן נאָענטע און גלייכגילטיקע, צווישן אָפּהיטער פון געבאָטן און ווידערשפעניקע קעגן זייער עול, צווישן פריי־וויליקע און זיך־אַרויסדרייער. און ניט נאָר די: עס זיינען פאַראַן „דיס־טאַנצן" אויך צווישן די, וואָס טוען די אַרבעט אין פאַרשיידענע ווינקלען פון דעם בנין, „דיסטאַנצן" צווישן ברידער, וואָס ציען, דוכט זיך, זייער יניקה פון איין באָדן און איין וויזיע. עס זיינען פאַראַנען „דיסטאַנצן" צווישן דעם וואָס עס ווערט געטאָן אין די „שפּיצן" פון דעם ציוניסטישן פּאָליטישן אָדער קאָלאָניזאַטאָרישן ווערק און די מענטשן, וואָס זיינען מקיים די געבאָטן פון ציוניזם אין דעם אייגענעם לעבן, אין פעלד אָדער אויף דער קאַטעדרע, אויפן שאָסיי אָדער אין דער פּרעסע.

אונז קומט אויס פיל צוליידן צוליב די דאָזיקע „דיסטאַנצן" — פיל מיספאַרשטענדענישן, פיל טעותן, פיל צער. עס איז נויטיק, אַז מיר זאָלן בייקומען די דאָזיקע „דיסטאַנצן". עס איז איינע פון די אויפגאַבן פון דער דאָזיקער באַגעגעניש צווישן אידישן נאַציאָנאַל־פאָנד צו בויען בריקן, וואָס זאָלן די דאָזיקע אָפּגרונטן פאַרבינדן.

כדי צו פאַרמיידן מיספאַרשטענדענישן, וויל איך גלייך זאָגן: דער דאָזיקער רוף צום אינטעלעקטואַל ווערט ניט געמאַכט לשם אַ „סאָציאַלער באַשטעלונג".* די כוונה איז ניט צו באַטראַכטן דעם "מענטש פון גייסט", ווי איינעם, וואָס פירט אויס באַפעלן אָדער אינסטרוקציעס פון „העכערע אינסטאַנצן". פון אַלטערטום געדענקען מיר אַ מעשה מיט אַ „סאָציאַלער באַשטעלונג": די מעשה מיט בלעמען, וועלכער האָט באַקומען אַ „סאָציאַלע באַשטעלונג" צו שילטן עמעצן — און די רעזולטאַטן זיינען, ווי מיר ווייסן, געווען זייער צווייפלהאַפטע. מיר ווייסן אויך דעם אידישן איינשטעל, וואָס קומט צום אויסדרוק אינם פאָלקס־אידיאָם „אַ געדונגענער קדיש". עס איז ניטאָ קיין גלויבן, אַז אַ „געדונגענער קדיש" זאָל ווען עס איז קענען עפענען די „שערי חסד". און איך האָב ניט דעם מינדסטן ווילן, אַז דער העברעאישער שריפטשטעלער זאָל זיין שרייבן שטעלן אין רשות פון עפּעס

* [„סאָציאַלע באַשטעלונג" („סאָציאַלני זאַקאַז") אַ פּאָפּולערער סאָוועטישער טערמין, וועלכער איז אויסגעוואַקסן פון דער טעאָריע, אַז די געזעלשאַפט האָט אַ רעכט צו קומען צום שריפטשטעלער און קינסטלער מיט אַ „סאָציאַלער באַשטעלונג" אויף שאַפונגען, וואָס זאָל דינען די דרינגנדיקע סאָציאַלע אָדער עקאָנאָמישע אויפגאַבן פון דער מלוכה אָדער אירע פאַרשיידענע אָרגאַנען.]

אַ באַאַמטן־אַפּאַראַט. ניט דערפֿאַר וואָס איך באַטראַכט עס פֿאַר אַ פּחיתת־הכּבֿוד פֿאַרן שריפֿטשטעלער און קינסטלער, אַז ער זאָלן דערפֿילן פּראַקטישע פֿונקציעס אין דער באַוועגונג; עס וואָלט געווען אַ טעות צו זאָגן, אַז די באַוועגונג האָט ניט קיין פֿאָדערונגען צום שריפֿטשטעלער און קינסטלער, ווי אַ בירגער פֿון זיין פֿאָלק. אַפֿילו דעם גרעסטן העברעאישן דיכטער האָט דער ציוניזם איינגעשפּאַנט אין דעם עול פֿון אַ „משולח״ און האָט אין דעם, אַלע „עסטעטן״ אויף צו להכעיס, ניט געזען קיין שום פּגיעה בכּבֿוד. אָן אָרעם פֿאָלק קען זיך ניט דערלויבן צו באַפֿרייען זיינע אויסדערוויילטע פֿון שליחותן, אַפֿילו פֿון טרויעריקע שליחותן. אָבער, ווי אַ שאַפֿער ווילן מיר דעם שריפֿטשטעלער זען, ניט ווי אַ נאָכשלעפּער, נאָר ווי אַ פֿירער. מיר ווילן, אַז ער זאָל דערשפּירן די לעבנס־נויטן פֿון דער אומה, נאָך אײדער די פּראַקטיקער געפֿינען די נויטיקע טאָט און דעם ריכטיקן וואָרט.

אויף אַ צונויפֿקום, ווי דעם איצטיקן, איז ניט נויטיק צו דערמאָנען, וואָס פֿאַר אַ ראָליע די העברעאישע ליטעראַטור האָט געשפּילט אין דער באַוועגונג פֿאַר דער אידישער ווידער־אויפֿריכטונג, אַפֿילו דעמאָלט בעת עס איז איר נאָך געווען אומבאַקאַנט דער „פּתרון״ פֿון אירע חלומות. עס איז ניט נויטיק צו דערציילן, וואָס עס האָט באַדייט אברהם מאַפּוס „אהבת ציון״ פֿאַרן ציוניזם, אָדער בוקי־בן־יגלי׳ס „שירת הזמיר״ פֿאַרן דראַנג צו ערד, אָדער „בעיר ההרגה״ — פֿאַר דעם זעלבסט־שוץ־פּאַטאָס, אָדער ברענערס „מכאן ומכאן״ — פֿאַר דער צווייטער עליה. אָט די אַלע שריפֿטן זיינען ניט געשריבן געוואָרן לויט אַ „סאָציאַלער באַשטעלונג״. עס איז דאָך ניט געווען אַפֿילו ווער עס זאָל באַשטעלן. זיי זיינען געשריבן געוואָרן לויט אַן אַנדערער, גרעסערער באַשטעלונג — אַ באַשטעלונג פֿון די נשמה־טיפֿענישן פֿון דעם פֿאָלק. מיר ווילן דעם היינטיקן העברעאישן שריפֿטשטעלער זען אינם שאַפֿן פֿון דור, אַזוי ווי מיר האָבן געזען יהודה לייב גאָרדאָן אין דעם השכּלה־דור, ליליענבלום — אין חיבת־ציון דור, זאב יעבץ — לגבי דעם רעליגיעזן ציוניזם, ברענער — אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער אידישער נאַציאָנאַל פֿאָנד איז פֿאַר אונז אַן אינסטיטוציע, וואָס קומט מיט פֿאָדערונגען. אָבער מיר דאַרפֿן אים קודם כּל זען ווי אַ געבער. אוסישקין פֿלעגט זאָגן, אַז מער ווי דאָס קינד גיט דעם קרן־קימת, גיט דער קרן־קימת דעם קינד. דאָס דאָזיקע וואָרט איז אויך אמת איצט, בעת די גראָשנס פֿון די אידישע קינדער אין ארץ־ישראל שטעלן מיט זיך פֿאַר אַ שיינעם סך־הכּל, וואָס שטייגט אפֿשר אַריבער דאָס, וואָס פֿיל ציוניסטיש־באַרימטע לענדער פֿלעגן געבן דעם קרן־קימת. יאָ, דער אידישער נאַ־

ציאָנאַל פאָנד בויט אין האַרצן פון אידישן קינד אַ גאַנצע וועלט, וואָס עס איז שווער אָפּצושאַצן איר שיינקייט און איר ווערט. דער קרן קימת פאַר־בינדט דאָס קינד מיט זיינע ברידער, מיט די אידישע קינדער אין דער גאָרער וועלט, ער פאַרקניפּט אים מיט זיין פאָלק, כאָוועט אין אים דעם חוש פון געבן, גיט אים די וויזיע פון היימלאַנד, פון האָפענונג און גלויבן. דאַרפן מיר ניט זאָגן דאָס זעלבע וועגן דעם אידישן אינטעלעקטועלן מענטשן?

מיר ווייסן אַלע, אַז דער קרן־קימת לייזט אויס דעם באָדן און שטעלט דעם אידישן אַרבעטער אויפן באָדן. אָבער, ניט יעדער איינער פון אונז ווייס און פילט, אַז דורך דער דאָזיקער טאַט לייזט אויס דער קרן־קימת דעם אידישן גייסט און שטעלט אים אויף באָדן.

עס איז מעגלעך, אַז כדי קאָנקרעטער צו מאַכן דעם דאָזיקן געפיל, וואָלטן מיר געדאַרפט דורכפירן עפּעס מער ממשותדיקס פון אַ צוזאַמענ־קונפט. מען וואָלט די פאַרזאַמלטע געדאַרפט אַרויספירן קיין „רמים", דעם נייעם ישוב אין די הרי־נפתלי, וואָס קוקט אַרויס איבערן חולה־טאָל, אָדער זיי נעמען דרום־צו פון באר־שבע. ערשט מיט צוויי יאָר צוריק האָט די ציוניסטישע געאָגראַפיע באַטראַכט באר־טוביה פאַר דער דרומדיקער גרענעץ פון היימלאַנד. זינט דעמאָלט האָבן מיר זיך אַ ריר געגעבן. מיר האַלטן נאָך ניט ביי קאָמפּאַקטע שטחים, אָבער מיר האָבן אין דער ערד „אַריינגעשלאָגן אַ פּלאָקן". פון באר־טוביה האָבן מיר זיך אַ רוק געטאָן ניט נאָר קיין עזה, נאָר האָבן אויך דערגרייכט ביז באר־שבע, דעם ברונעם פון אברהם־אבינו, און אויך אויף יענער זייט באר־שבע, אין די פּלעצער, אין וועלכע אברהם־אבינו האָט געגראָבן זיינע ברינימער, יענע ברינימער, וואָס די פלשתים פלעגן פאַרשטאָפּן, און יצחק און זיינע מענטשן פלעגן כסדר ווידער אויפגראָבן פונדאַסניי, און דערפאַר האָט מען זיי געגעבן נעמען, וואָס פּאַסן זיך אַפילו פאַר אונזער צייט: „עושק" און „שטנה".

איך דערמאָן דאָס — אָבער איך וועל זיך דערויף ניט אָפּשטעלן. איך וועל זיך אויך ניט אָפּשטעלן אויף דער „שטנה"־אַטמאָספער, וואָס רינגלט אונז אַרום און זוכט צו באַשמוצן אונזער לויטערן ווערק, בעת צענדליקער טויזנטער פון אונזערע זין זיינען, מיטן אייגענעם ווילן, ניט לויט אַ באַפעל אָדער צוואַנג, אַרויס אין קאַמף קעגן שונא. מיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען ניט כדי אויסצולאָדן געפילן פון צאָרן אָדער פאַרביטערונג, נאָר כדי צו זוכן מיטלען ווי אַזוי ממשותדיק בייצוקומען די קלעפּ און די גזירות.*

---

* די רעדע איז געהאַלטן געוואָרן בעת דעם אַזוי גערופענעם וואָפן־שמוגל־פּראָצעס.

פיל נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־באַוועגונגען זײַנען אויסגעשטאַנען עוולות, גזירות און פאַרלעצונגען. אָבער זיי קענען זיך באַגיין מיטן צאָרן און פאַרביטערונג און ברעכן קייטן. זייערער איז ניט געווען קיין גורל פון אַ פאָלק אָן באָדן, און זיי האָבן ניט פאַרזוכט דעם טעם פון „באָדן־דערלייזונג" אין די זעלבע ספעציפישע אומשטענדן, אונטער וועלכע דאָס אידישע פאָלק לייזט אויס זײַן באָדן.

אין גערענגל פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונם ציוניזם פאַרנעמט די אַגראַר־קאָלאָניזאַציע און דער קאַמף פאַר איר אַ באַזונדערן פּלאַץ. די אַגראַר־קאָלאָניזאַציע שאַפט די באַזע פאַרן פּאָליטישן קאַמף — און זי האָט אויך אויסגעפורעמט דעם מענטש, דעם טיפ מענטש, וואָס איז, לויט זײַן כאַראַקטער און גייסט, מסוגל צו ווערן דער טרעגער פון קאַמף און פאַרווירקלעכונג צוגלייך.

די פראַגע פון דעם טיפ מענטש, וואָס די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם פאָדערט, טאָר ניט אונטערגעשאַצט ווערן. דעם דאָזיקן אַספעקט פון ציוניזם האָבן ביי אונז צו לײַכט גענומען סיי „ספעציאַליסטן" און סיי פּאָליטיקער, אָבער באַוועגונגען דערגרייכן זייער ציל בלויז דורך אַ באַשטימטן טיפ מענטש. מיר נויטיקן זיך אין אַ טיפ מענטש, וואָס איז פעאיק ניט נאָר קעמפן אויף באַריקאַדעס, אָדער תופס זײַן אַ פּאָליטישע סיטואַציע, אָדער אַפילו זײַן אַ פעאיקער „אָרגאַניזאַטאָר". די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם פאָדערט אַ טיפ מענטש, וועלכער איז אַן אייגנאַרטיקער סינטעז פון פאַר־שיידענע אייגנשאַפטן — אַ מענטש וואָס באַזיצט אַ ווערדע־געפיל, וואָס טרייבט אים זיך צו שטעלן אין קאַמף קעגן פאַרקנעכטונג און דערני־דעריקונג, אָפענער און פאַרשטעלטער; אַ טיפ מענטש וואָס לעבט מיט זײַן פאָלק און איז פעאיק זיך צו פאַרטיידיקן קעגן אומרעכט און זיך שטעלן קעגן עוולות, און גלייכצייטיק איז ער אַ קאָנסטרוקטיווער מענטש אין פולן זינען פון וואָרט, אַ מענטש פון התמדה און האַרטנעקיקייט, אַ מענטש, וואָס פאַרנעמט זיך יעדן טאָג, זײַן גאַנץ לעבן, מיט גרויע, קליינע מעשים, וואָס זיינע הענט פאַלן ניט אַראָפּ אין אָנזיכט פון שטערונגען און אומגליקן. אָט דער דאָזיקער טיפ מענטש וועט דעם פאָלק אומקערן זײַן אבידה — די ערד, די געזונטע עקאָנאָמיק, די פּאָליטישע פרייהייט, די העברעאישע קולטור, דעם כבוד, וואָס איז געפאַלן אין די אויגן פון פרעמדע און אין זיינע אייגענע אויגן. אין דער גרויסער וועלט קען זיך אַ סאָלדאַט באַנו־גענען מיט זיינע מיליטערישע אייגנשאַפטן — אין קיין אַנדערע אייגנשאַפטן נויטיקט ער זיך ניט. פון דעם אידישן מענטש, דעם סאָלדאַט פון זײַן פאָלק, ווערט געפאָדערט פיל מער. ער דאַרף זיך ראַנגלען מיט דער וויסטעניש און דעם פעלז, מיט זומפן און זאַמדן, מיט אָנגריפן פון דער באַהעלטעניש

און לעגאַלע גזירות. ער דאַרף זיך אויך ראַנגלען סיי מיט דער קולטור־לאָזיקייט און סיי מיט אַ קולטור, וואָס איז פיינטלעך צו זיין אייגנאַרט, מיט אַן אַסימילאַציע־גייסט, וואָס איז אויך אַריינגעדרונגען אין זיינע אייגענע ביינער. אויב מיר וועלן אַזאַ טיפּ מענטש ניט האָבן, וועלן אונדז ניט העלפן אַפילו קיין גייסטיקע פּאָליטישע סיטואַציעס — אָן אים וועלן מיר ניט אויסהאַלטן די שווערע סיטואַציעס, וועלכע מיר מאַכן איצט דורך, און וואָס וועלן נאָך דויערן ווער ווייס ווי לאַנג. און אויף דעם טיפּ מענטש קען מען זאָגן: „מארץ יצמח" — ער וועט אויסוואַקסן פון דער ערד. אויפן באָדן פונם אידישן נאַציאָנאַל פאָנד וואַקסן ניט נאָר ווייץ און גערשטן און פאַרשיידענערליי גרינסן און פּרוכט. אויף דעם דאָזיקן באָדן וואַקסט אויך דער דאָזיקער טיפּ מענטש. עס איז כדאי, אַז מיר זאָלן אַ טראַכט טאָן, וואָס עס וואָלט געווען דער גורל פון אונדזער באַוועגונג, ווען זי וואָלט ניט געהאַט אַט דעם דאָזיקן רוקנביין, וואָס פייער קען אים ניט פאַר־טיליקן און וואַסער קען אים ניט ווייך מאַכן.

מיר קענען די אידישע יוגנט, מיט איר ענטוזיאַזם און גרייטקייט אויף מסירת־נפש. אָבער מיר האָבן זי אויך געזען אין איר געפּאָלנקייט און צעשטויבטקייט, בעת זי האָט זיך געלאָזט טראָגן מיט יעדן ווינט, בעת זי האָט זיך געלאָזט פאַרצויבערן פון יעדן מיראַזש. בלויז דער באָדן פון ארץ־ישראל — און מער קאָנקרעט: דער באָדן פון קרן־קימת — האָט זי פעסט געמאַכט. ער האָט די אידישע יוגנט איינגעשפּאַנט אין דער זעלנער־אַרמיי פון דער נאַציע, וואָס שטייט אין די ערשטע שורות פון דעם קאַמף פון פאָלק פאַר זיין קיום, פון חניתה ביז וואַרשע, און אין יעדן פלאַץ, וואו אידן קעמפן פאַר זייער לעבן און פאַר זייער נשמה.

דער ציוניזם איז די אידישע אוטאָפּיע — אפשר די סאַמע קאָמפּלי־צירטסטע פון אַלע אוטאָפּיעס, וואָרעם איר וויזיע נעמט אויך אַריין די עלעמענטן פון דער סאָציאַלער אוטאָפּיע. איז עס טאַקע ניט קיין אוטאָפּיע צו פאַרוואַנדלען דעם אידן, ווי די וועלט איז אים געוואוינט צו זען, דעם איד פון „יריד" און דער בערזע און פריצ׳ס „הויף" — אין דעם מענטש פון אַרבעט און ערד? און עס וואַקסט דאָך שוין ביי אונדז אויס דער טיפּ פון אַ דערוואַקסענעם און יונגן מענטש, וואָס זעט אויס ווי אַ שטיק ערד, וואָס פאַראייניקט אין זיך די באַשטענדיקייט און ערנסט און עקשנות פון דעם דורותדיקן ערד־מענטש מיט דער פּראַקטישער בילדונג, וואָס בלויז די סאַמע מאָדערנסטע קולטור־מלוכות האָבן באַוויזן צו געבן זייערע לאַנד־ווירטן. אין דעם אַליין ליגט דאָך שוין אַ שטיק פאַרווירקלעכונג פון דער אוטאָפּיע. און דער, וואָס טראַכט זיך אַריין, ערנסט און שטרענג, אין דער סאָציאַלער פּראָבלעמאַטיק פון דער וועלט, מוז דאָך איינזען, אַז אויב עס

וועט ניט אַנטשטיין אַזאַ נייער טיפּ מענטש, אַ סינטעז פון דעם אינטעלעק־טואַל און אַרבעטס־מענטש, איז פאַראַן אַ ספק, צי עס וועט קומען יענע סאָציאַלע אָרדענונג, צו וועלכער די מענטשהייט שטרעבט און זי ווייס ניט, צי זי דערנענטערט זיך צו איר, אָדער זי דערווייטערט זיך פון איר.

אַן אוטאָפּיע איז העברעאיש אַלס אַן אומגאַנג־שפּראַך. אַן אוטאָפּיע איז אַ לעבעדיקע העברעאישע ליטעראַטור, וואָס איז ניט קיין ענין פאַר אַ הייפל אינטעליגענטן און תלמידי חכמים, נאָר אַ ליטעראַטור פאַר אַר־בעטנדיקע מענטשן, פאַר פרויען און קינדער, אַ ליטעראַטור, וואָס צענד־ליקער־טויזנטער שפּייזן זיך גייסטיק פון איר, בלויז פון איר.

אַן אוטאָפּיע איז צו קומען אין אַ לאַנד, וואָס אַנדערע זיינען געוואָרן זיינע באַלעבאַטים און עס אויסלייזן מיט געלט. עס איז ניט שווער צו באַווייזן, אַז דאָס איז איבער די כּוחות פון אַ פאָלק, באַזונדערס איבער די כּוחות פון אַ פאָלק, וואָס האָט ניט קיין מלוכה־מאַכט און קיין מלוכה־קאַסע, און אַלע זיינע דערגרייכונגען זיינען אָפּהענגיק פון פרייוויליקע אָנ־שטרענגונגען.

און גאָר און גאָר אַן אוטאָפּיע איז דער באָדן, וואָס ווערט דערלייזט ניט מיטן כּוח פון דעם יחידס באַגער נאָך אייגנטום און זיין ליידנשאַפט פאַר רווחים, נאָר מיט די גראָשנס פון פאָלק — באָדן וואָס ווערט דאָס אייגנטום פון דער נאַציע. ווי אַזוי האָט דער ציוניזם כּמעט צופעליק זיך דערוואָרבן דעם דאָזיקן סאָציאַלן ווערט, וואָס בדרך כּלל דערגרייכן אים פעלקער בלויז דורך טייכן בלוט? אוודאי איז אין דער תּורה פאַראַן דער פּסוק „לי כּל הארץ" און אַלע וויסן, אַז עס איז געווען אַ פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק, הערמאַן שאַפּירא, אין ווען עס האָט געפּלאַמט אַ ניצוץ פון די גרויסע אוטאָפּיסטן, און אַז עס איז געווען הערצל — אָבער וואָלטן מיר דערצו זוכה געווען, ווען עס וואָלט ניט געווען קיין היסטאָרישע שעת־הכּושר? ווען דער אידישער נאַציאָנאַל פאָנד וואָלט ניט געשאַפן געוואָרן אויפן פינפטן קאָנגרעס, צוליב הערצלס אומגעדולד, וואָלט ער דען געשאַפן געוואָרן אויפן זעקסטן קאָנגרעס, אויפן אוגאַנדע־קאָנגרעס, אין די „קליינע יאָרן" פון הערצלס יורשים, אָדער אין דער צייט, ווען עס האָט ביי אונדז געהערשט די אידעאָלאָגיע פון דער „פּריוואַטער איניציאַטיוו"? לאָמיר זיך ניט נאַרן. פיל פון די בעסטע ציוניסטן האָבן דאָך געהאַלטן, אַז דער פּסוק „די ערד זאָל ניט פאַרקויפט ווערן אויף אייביק" קען געברויכט ווערן פאַר פּראָפּאַגאַנדע, אָבער ער טויג ניט אויף צו „פירן געשעפטן". די בעסטע העברעאישע שרייבער און די בעסטע זשורנאַלן האָבן דאָך געטענהט, אַז מען דאַרף אָפּשאַפן דעם „אומפּראַקטישן" פּרינ־ציפּ פון נאַציאָנאַלן באָדן און זיי האָבן מסביר געווען, וואָס פאַר אַ גוטע

געשעפטן דער נאַציאָנאַל פאָנד וואָלט געקענט מאַכן, ווען ער וואָלט פאַר־קויפט אַלע זיינע באָדנס און מיטן ריווח געקויפט נייעם באָדן. איצט, נאָך די אַלע זאַכן וואָס מיר האָבן געזען מיט אונזערע אייגענע אויגן, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך איבערציינט, אַז דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל פאַרלירט יעדן אינטערעס אין באָדן, בעת ער דערזעט ערגעץ אַנדערש בעסערע פּערספּעקטיוון אויף פּראָפיטן, און ער האַלט זיך אַפילו ניט אָפּ פון אויס־צוליפערן אידישן באָדן צו פרעמדע, און אין געוויסע פאַלן איז מען אַפילו געצוואונגען צו רופן דעם נאַציאָנאַל פאָנד, ער זאָל ראַטעווען די דאָזיקע באָדראַטע באָדנס — וועלן אפשר סיי די פּראַקטיקער און סיי די אינטעלעק־טואַלן פאַרשטיין, ווי גרויס עס איז די סכנה מפקיר צו זיין די אַגראַרע צוקונפט פון פאָלק אין די הענט פון פּראָפיט־זוכער. און אפשר וועלן זיי אויך פאַרשטיין, וואָס עס וואָלט געוואָרן פון דעם חלום פון אידישער לאַנד־ווירטשאַפט, לאַנדווירטשאַפט ממש, מיט אידישע הענט, ווען ניט די אוטאָ־פּיע פון נאַציאָנאַלן אייגנטום אויף באָדן.

אָבער צוויי שווערע פעלערן האָבן שטענדיק באַגלייט אַלע אונזערע אוטאָפּיעס: פאַרשפּעטיקונג אין צייט און פאַרשמעלערונג פון פאַרנעם. די געשיכטע פון ציוניזם איז פול מיט פאַרשפּעטיקונגען מיט וועלכע מיר מוזן זיך שעמען. וועגן אונזערע פאַרשפּעטיקונגען בלויז בנוגע באָדן, וואָלט מען געקענט שרייבן אַ דערשיטערנדיקן בוך. ווען די ירושלימער אוני־ווערזיטעט וואָלט באַשטימט אַ סטיפּענדיע פאַר אַ געשיכטע פון אונזערע באָדן־קניות, וואָלטן מיר אפשר עפּעס געלערנט. מיר קענען איצט פיל ניט ריידן וועגן דעם, ווי אַזוי מיר האַנדלען אין די טעג, ווען מען הויבט שוין אָן דורכצופירן דעם „ווייסבוך" — סוף־סוף האָבן מיר דאָך אַ שפּרונג געטאָן הינטער באר־שבע און דאָרטן „אַריינגעקלאַפּט אַ פלאָקן" אין דריי פּונקטן. מען קען זיך משער זיין וויפיל דאָס האָט אונז געקאָסט. ווייסט איר, אַז מיט פערציק יאָר צוריק, בעת אוסישקין האָט פאַרבראַכט אין ארץ־ישראל, אין פאַרבינדונג מיט דעם באַרימטן ישוב־קאָנגרעס אין זכרון־יעקב, האָט מען אים אָנגעבאָטן צו פאַרקויפן מיט איין מאָל אַ האַלבן מיליאָן דונאַם — פאַר פינף פראַנק אַ דונאַם? ווייסט איר וואָס פינף פראַנק איז אין פאַרגלייך מיט די פּרייזן, וואָס מיר צאָלן איצט ניט נאָר אין יהודה און אין שומרון, נאָר אויך פאַר מדבר־זאַמדן? דאָס וואָס מיר האָבן פאַר־שפּעטיקט דעמאָלט, דאַרפן מיר איצט אָניאָגן מיט מי פון פיל יאָרן און קאָלאָסאַלע סומען.

און פאַרשפּעטיקן מיר דען אָט די אַלע יאָרן בלויז בנוגע באָדן? וויטיקן מיר איצט ניט, יעדער איינער פון אונז, אויף יעדער שיף, וואָס האָט געקענט קומען און איז ניט געקומען? אַפילו אוסישקין, אין זיין

ווילן אַ שטופּ צו טאָן דעם ענין באַדן, פֿלעגט אַמאָל זאָגן: אידן פֿאַר ארץ־ישראל װעלן שטענדיק זיין, אָבער באַדן וועט ניט זיין. און דאָס האָט געזאָגט אַ מענטש, וואָס איז געקומען פֿון רוסישן אידנטום, און האָט מיט די אייגענע אויגן געזען די איבערקערעניש וואָס עס האָט דורכגעלעבט. די גאַנצע געשיכטע פֿון ציוניזם, און אפֿשר דער גאַנצער גורל פֿון ציוניזם, וואָלט מסתמא געהאַט גאַר אַן אַנדער פּנים, ווען עס וואָלט ניט פֿאַרשפּאַרט געוואָרן דער געבענשטער קוואַל פֿון רוסישן אידנטום. און פֿונדעסטוועגן האָט אַפֿילו אַ מענטש, ווי אוסישקין, געקענט זאָגן, אַז עס איז ניטאָ וועגן וואָס זיך צו זאָרגן: אידן וועלן שטענדיק זיין. איצט קענען מיר זיך ניט באַרואיקן מיט אַזעלכע ווערטער. יעדער דור פֿון „עליה", וואָס איז ניט עולה, איז אַן אבידה פֿאַרן לאַנד. די קאַטאַסטראָפֿע, וואָס איז איצט געקומען איבער אונז פֿאָלק, באַרירט ניט נאָר די געקוילעטע און דערשטיקטע, נאָר די גאַנצע אומה, פֿאַרמינערט אירע מעגלעכקייטן, איר שאַפֿונגס־קראַפֿט, איר פּאָזיציע אין דער וועלט. ווער קען זאָגן, וואוהין דער דאָזיקער פּראָצעס קען פֿירן? אוודאי זיינען נאָך פֿאַרבליבן אידן — און מיר מאַכן ניט חלילה קיין ווערט־אונטערשיידן צווישן די פֿאַרשיידענע אידישע קיבוצים. ווער ווייס וואו עס איז פֿאַרבאָרגן דער זאָמען פֿון אונזער צוקונפֿט? אָבער, פֿון שטאַנדפּונקט פֿון באַלדיקער ציוניסטישער פֿאַרווירקלעכונג, איז אוממעגלעך ניט צו אונטערשיידן צווישן דינאַמישע און סטאַטישע שיכטן אין אידנטום. דעם ישוב אין ארץ־ישראל האָבן אונז געגעבן אונזערע ברידער אין די לענדער פֿון פֿאַרניכטונג — און פֿון זיי האָבן מיר דערוואַרט די בויער־אַרמיי.

מיר, די טרייע פֿון ציון, האַלטן זיך העכער פֿון די יעניקע, וואָס האָבן זיך אָן אויפֿבוי פֿון ארץ־ישראל ניט אָנגעשלאָסן. מיר זיינען שטאָלץ וואָס מיר זיינען ניט געווען צווישן די בלאַנדזשנדיקע, צווישן די קליין־גלויביקע, די קטני־אמונה. אָבער, האָבן מיר ניט געזינדיקט פֿיל מער דערמיט, וואָס כאָטש מיר האָבן יאָ געזען דאָס ליכט, האָבן מיר אויך אַזויפֿיל פֿאַרשפּעטיקט? מיר פּראָטעסטירן קעגן יענע, וואָס קומען צו אונז מיט טעאָרעטישע מינימאַליסטישע פּראָגראַמען, אָבער האָבן מיר אַלע ניט געהאַנדלט פּראַקטיש אין גייסט פֿון אַ ציוניסטישן מינימאַליזם?

נאָך קיינמאָל איז דער אמת פֿון ציוניזם ניט געווען אַזוי קלאָר, ווי אין דעם איצטיקן קאַטאַסטראָפֿאַלן מאָמענט. און קיינמאָל איז נאָך דער ציוניזם אַזוי ניט געשלאָגן געוואָרן ווי איצט, דורך דער פֿאַרניכטונג פֿון אייראָפּעאישן גלות. מיר זיינען איצט געבליבן אַ „שארית ישראל" — און ערשט איצט ווייסן מיר דעם אכזריותדיקן טייטש פֿון דעם דאָזיקן וואָרט. די „עשרת השבטים" זיינען פֿאַר אונז אויך אַמאָל געווען אַ ראָמאַנטישער,

טרויעריקער, אָבער צויבערהאַפטער באַגריף. זינט דאָס רוסישע אידנטום איז פון אונז אָפּגעריסן געוואָרן, איז דאָס פאַר אונז געוואָרן אַ לעבעדיקע, מיט בלוט־אָפּגייענדיקעווירקלעכקייט. עס איז געווען דער גורל פון איין דור אָט די אַלע געשעענישן איבערצולעבן ביזן סוף. לעבט אונזער ליטע־ראַטור איבער דעם דאָזיקן גורל, אונזער אומגליק און אונזער טאַט? שפּינט זי ווייטער דעם העראָאישן געוועב פון אונזער ליטעראַטור? איך בין ניט איינער פון די, וואָס בענקען נאָך די „אַלטע גוטע צייטן". אָבער אונזערע אויגן קוקן אַרויף צו די וואָרט זאָגער פון אונזער ליטעראַטור און מיר ווילן זיי זען, ניט נאָר אין דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך אין דער קעגנוואַרט, צוזאַמען מיט אונז אויפן שלאַכטפעלד.

די ציוניסטישע אידייע האָט זיך גלייך פון אָנהויב אָנגעשטויסן ניט נאָר אָן אויסערלעכע שטערונגען און נעגאַטיווע אָנשויאונגען. זי האָט זיך קודם כל אָנגעשטויסן אָן אָפּגעטעמפּטע חושים. אונזערע שווערסטע קאַמפן האָבן מיר געפירט מיט היימישע קעגנער. די זעלנער פון ציוניזם זיינען געצוואונגען געוואָרן זיך צו ראַנגלען מיטן אידישן מענטשן און זיינע מענטשלעכע באַגריפן, מיט זיין צובונד צום גלות, פון וועלכן ער האָט זיך ניט געוואָלט אָפּרייסן ביז וואַנען ער האָט זיך איבערגעקערט איבער זיין קאָפּ, מיט זיינע „חשבונות", וואָס האָבן אים אַרויסגעפירט פון דער אידישער וועלט, מיט דער אידישער פראַקטישקייט און מיט דער אידישער רוחניות, וואָס האָבן ביידע געמאַכט יד אחת קעגן דער ציוניסטישער אוטאָפּיע. און אין ארץ־ישראל גופא האָט געבושעוועט די ספּעקולאַציע, האָט פאַר־טאַכלעוועט אָן אַ שיעור אידיש געלט, האָט אויסגעליפערט אידישן באָדן אין פרעמדע הענט און האָט חרוב געמאַכט דעם קיום פון טויזנטער משפחות אין ארץ־ישראל און אין גלות. דער ציוניזם, וואָס האָט פון יונגן אידן געפאָדערט, אַז ער זאָל זיך ניט רייסן צו די לייכטע פּראָפעסיעס, צו קאַריערעס, אַז ער זאָל זיך איינשפּאַנען אין שווערן עול פון אַן אַרבעטער, פון אַ שומר, פון אַ לערער — האָט זיך געראַנגלט מיט אייגנשאַפטן, וואָס זיינען ביי אונז געוואָרן אַ "צווייטע נאַטור". דער ציוניזם האָט זיך באַמיט צו באַפרייען די „ערשטע נאַטור", וואָס איז אין אונז פאַרבאָרגן — וואָרעם ווען זי וואָלט אין אונז ניט געווען פאַרבאָרגן, וואָלטן מיר שוין בכלל ניט געקענט האָפן אויף אַ תיקון און אַלע אונזערע גוטע חלומות וואָלטן געווען — פּוסטע חלומות. אין דעם דאָזיקן געראַנגל האָבן מיר געשעפּט קרעפטן פון די קוואַלן פון דער העברעאישער ליטעראַטור, פון אַלטע און יונגע קוואַלן. איך האָב דאָס רעכט צו פרעגן: אין וואָס פאַר אַ מאָס קען אונזער היינט־צייטיקע ליטעראַטור באַפרוכפּערן אונזערע פעלדער?

מיט 55 יאָר צוריק איז אין אונזער ליטעראַטור פֿאָרגעקומען אַ גרויסע געשעעניש, וואָס אירע היסטאָריקער באַטראַכטן ווי אַן אַנטשיידנדיקן שטאַפּל אין איר אַנטוויקלונג. עס איז געשאַפֿן געוואָרן די ערשטע העברעאישע טאָגצייטונג — „היום". און מען קען טאַקע ניט לייקענען, אַז אַנטקעגן דער באַאיוויטעט פֿון „המליץ", מיט זיין קליין וועלטל, די וועלט פֿון דעם העברעאישן קליינשטעטלדיקן לייענער, איז דער „היום", אונטער דער רעדאַקציע פֿון ד"ר י. ל. קאַנטאָר און דוד פֿרישמאַן, געווען אַן אייראָפּעאישע צייטונג. זי איז דערמיט שטאָלץ געווען. און יעדער איינער, וואָס די העברעאישע פּרעסע איז אים טייער, וועט ניט פֿאַרפֿעלן אָפּצושאַצן די פֿאַרדינסטן פֿון „היום", מיט אירע טעכנישע און סטיליסטישע דערגרייכונגען, מיט איר קאַמף קעגן פֿאַרשיידענע סימנים פֿון בטלנות. און פֿונדעסטוועגן בלאָזט אַ קעלט פֿון די בלעטער פֿון „היום", בעת די אָרעמע פּרעסע, פֿון וועלכער דער „היום" האָט חוזק געמאַכט, האָט געוואָרעמט אידישע הערצער און ס'האָט פֿון איר אַרויסגערעדט די צוקונפֿט. אָט די דאָזיקע שיטה, וואָס אונטערשיידט צווישן „גוטן געשמאַק', „שיינקייט" און „טאַלאַנט" און דעם געפֿיל פֿון בירגערשאַפֿט אין פֿאָלק און אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט זיך שטענדיק באַוויזן פֿונדאַסניי אין פֿאַרשיידענע גילגולים און האָט געלאָזט שפּורן אויף אונזער ליטעראַטור. דער אינדיווידואַליסטישער עסטעטיזם, וואָס די אָרעמע ציוניסטישע באַוועגונג שטייט אים ניט אָן און די ציוניסטישע „טוערשאַפֿט", וואָס דער „שקל" און דער „קאָנגרעס" זיינען איר גאַנצע וועלט — איז אַ קעגנזאַץ, וואָס לעבט ביי אונז עד־היום. מען קען זיין אַ ציוניסט, אַן עסקן און אַ „דעלעגאַט" און ניט קענען קיין וואָרט העברעאיש און ניט האָבן קיין ברעקל עכטע שייכות צו דער העברעאישער ליטעראַטור, צום אידישן גייסטיקן שאַפֿן — און מען קען אויך זיין אַ „עברי", און ניט האָבן קיין שייכות צו דער ציוניסטישער אוטאָפּיע. און, ווי עס איז ביי אונז דער שטייגער, ווירקן ביי אונז די דאָזיקע אימפּאָרטירטע טעאָריעס, אַפֿילו נאָך דעם ווי זיי פֿאַרשווינדן אין דער גרויסער וועלט. דער וואָס פֿאָלגט נאָך די אונז צוגענגלעכע פֿרעמדע ליטעראַטורן — די ענגלישע, רוסישע, אַמעריקאַנער — זעט, אַז דער וועלט־אומגליק האָט געמאַכט אַ סוף צו פֿיל ליטעראַרישע מאָדעס. עס האָבן אַ פֿלייץ געטאָן כוואַליעס פֿון עכטן פּאַטריאָטיזם — אַ פּאַטריאָטיזם, וואָס ווערט ניט געשאַפֿן לויט „באַשטעלונג". פֿאַרשטייט זיך, אַז אויך איצט פֿעלט ניט קיין ליטעראַטור וואָס ווערט געמאַכט מיט די הענט, וואָס עס טראָגט זיך פֿון איר דער ריח פֿון מאַרק, באַשטעלונג אָדער באַפֿעל. אָבער מיר זעען פֿאַר זיך אויך מעכטיקע שטראָמען פֿון פֿאָטערלאַנדס־ליבע, פֿון ציטער פֿאַרן גורל פֿון פֿאָלק, פֿון מסירת

נפֿש, פֿון „באשר תלך — אלך" („וואוהין דו וועסט גיין — וועל איך גיין").
און ניט שטענדיק איז דאָס פֿאַרבונדן גראָד מיט מלחמה־טעמאַטיק. די מוראדיקע שעה לעבט אויך אין לירישן ליד, אין דעם קריטישן עסיי. איז דאָס ביי אונז אויך אַזוי?

אין דער „גרויסער וועלט" רעדט מען איצט פֿיל וועגן מאָרגנדיקן טאָג. מען האָט שוין געזאָגט פֿיל שיינע ווערטער. מיט זיבן הונדערט יאָר צוריק האָט געזאָגט אַ אידישער מקונן:

אתמה מאוד על מאור היום
אשר יזרח אל כל
אבל יחשך אלי ואליך.

„איך קען ניט פֿאַרשטיין די זון, וואָס שיינט פֿאַר אַלעמען, אָבער זי איז פֿינצטער פֿאַר מיר און פֿאַר דיר".

פֿאַר מיר — דער כנסת ישראל; פֿאַר דיר — די פֿאַרברענטע תורת ישראל. אַזוי האָט בשעתו געזאָגט דער מהר"ם פֿון רוטענבערג.

זיינען די דאָזיקע ווערטער אויך ניט געזאָגט געוואָרן וועגן אונז היינט?

און איז דען מעגלעך, אַז מיר זאָלן ניט לעבן מיט אונזער צייט און פּלאַן?

מער ווי אין אַלע אַנדערע צייטן נויטיקן מיר זיך איצט אין אַ באַנייטן צוזאַמענבונד און אין אַ באַנייטן סינטעז. איך נוץ די דאָזיקע טערמינען ניט אין פּאָליטישן, נאָר אין פּסיכאָלאָגישן זינען — דער צוזאַמענבונד פֿון דעם „מענטש פֿון ערד" מיט דעם „מענטש פֿון גייסט", דער סינטעז פֿון דעם באָדן־ווערק מיט דעם שעפֿערישן אידישן גייסט.

ערב דעם „ווייסבוך"

[רעפּעראַט, געהאַלטן ביי דער קאָנפערענץ פון דער מפלגת פּועלי ארץ ישראל, ניסן תרצ"ט (1939), גלייך נאָך דער רונד־טיש־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן.]

*

די סעפּטעמבער־טעג האָבן קלאָר געמאַכט די איצטיקע שטעלונג פון דער בריטישער רעגירונג לגבי דעם ציוניזם. די וועלט־מלחמה וואָס שטייט פאַר דער טיר האָט ענגלאַנד אַריינגעוואָרפן אין אַ פּאַניק־צושטאַנד, האָט פאַרשטאַרקט און בולט געמאַכט די גרייטקייט פון דער ענגלישער רעגירונג אונטערצוקויפן די „אַקס"־מלוכות און אַלע די וואָס זיינען עלול אַריינצופאַלן אין די אָרעמס פון דער „אַקס". און וואָס איז דער פּרייז וואָס ענגלאַנד איז דערפאַר גרייט צו באַצאָלן? מקריב זיין פאַרבינדעטע און ליקווידירן אינטערנאַציאָנאַלע התחייבותן. אין יענע טעג איז אויפגעאָפּפערט געוואָרן טשעכאָסלאָוואַקיע, עס זיינען קריסטאַליזירט געוואָרן די נייע פּלענער בנוגע ארץ־ישראל, און די רעגירונג, וועמען עס איז אין משך פון אַ געוויסער צייט געלונגען איינצוּוויקלען אירע אמתע כּוונות אין כּל־ערליי זיידענע צודעקן, האָט זיי מער ניט געקענט באַהאַלטן. אין אָט דעם צייכן איז אויף דער וועלט געקומען די לאָנדאָנער רונדער־טיש קאָנפערענץ.

די אידן זיינען פון דער קאָנפערענץ ניט געקומען ווי זיגער, אָבער אויך ניט ווי געשלאָגענע. מיר קענען זאָגן: מיר זיינען געשלאָגן געוואָרן, אָבער ניט געבראָכן געוואָרן. אין תּל־חי זיינען מיר אויך געשלאָגן געוואָרן, און דער קלאַפּ האָט אונז שטאַרק וויי געטאָן, אָבער תּל־חי איז פאַר אונז ניט געוווען קיין מפּלה. אַ מענטש וואָס ראַנגלט זיך און שטעלט אַרויס אַ ווידערשטאַנד קען כאַפּן אַ שווערן קלאַפּ — און דאָך זאָל דער קלאַפּ פאַר אים ניט זיין קיין מפּלה.

*

וואָס וויל איצט ענגלאַנד אין ארץ־ישראל? זי וויל פון לאַנד אַרויס־נעמען דאָס גאַנצע מיליטער און אין אים אויפשטעלן אַ רעזשים וואָס זאָל איר געבן די מעגלעכקייט צו הערשן אָן מיליטער. דאָס הייסט — אַ רעזשים, וואָס זאָל צופרידן שטעלן די אַראַבער. אַנשטאָט דער באַלפור־

דעקלאַראַציע, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין מיטן פֿון דער וועלט־מלחמה, דאַרף קומען אַ מין אַנטי־באַלפֿור־דעקלאַראַציע (דאָס אָפּשטעלן פֿון דער איינוואַנדערונג) ערב דער קומענדיקער מלחמה.

איך וויל זיך ניט נאַרן, אַז אין גיכן קענען מיר דערוואַרטן אַן ענדערונג מצד דער פּאַלעסטינער אַראַבישער באַוועגונג, אַט ווי זי איז, אָדער מצד דער איצטיקער בריטישער רעגירונג. די פּאַלעסטינער אַראַבישע באַוועגונג איז אין גאַנצן איינגעשפּאַנט אין וואָגן פֿון דער רוים־בערלין אַקס. פֿון דאָרטן ווערט זי געשפּייזט מיט געלט און געווער און אידעאָלאָגיע און העזה — און האָפֿענונג צו באַזיגן ענגלאַנד. די קאָנצעסיעס, וואָס זי שלעפּט פֿון ענגלאַנד אַרויס, קריגט זי נאָר אין זכות פֿון דער רוים־בערלין אַקס, וועלכע האַלט די אימפּעריע אין מורא. איינער פֿון די גרעסטע ענגלישע מיליטער־מענטשן, וועלכער האָט נישט קיין שום אינטערעס מבטל צו מאַכן דעם אַראַבישן פֿאַקטאָר, האָט די טעג געזאָגט: „די אַראַבער האָבן ניט קיין שום מיליטערישע באַדייטונג. זייער מיליטערישע באַדייטונג נעמט זיך פֿון זייער פֿאַרבינדונג מיט דער רוים־בערלין אַקס״. די דייטשע פּרעסע גרויסט זיך: זאָל ענגלאַנד ניט גלויבן, אַז זי וועט די אַראַבער פֿאַנגען מיט קליינע באַפֿרידיקונגען און אָפּנאַרענישן. היטלער און מוסאָליני קענען די פּאַלעסטינער אַראַבער צוזאָגן פֿיל מער. ענגלאַנד איז איצט געצוואונגען, אין איר קאָנקורענץ מיט היטלערן, צו העכערן דעם פּרייז. קענען דען אַפֿילו די יעניקע צווישן אונז וואָס זיינען אָריענטירט אויף די אַראַבער, קאָנקורירן מיט היטלערן און מוסאָלינין, אין „העכערן דעם פּרייז״? איינער אַ גוטער איד, וועלכער איז איבערגעגעבן בלב ונפש דעם געדאַנק פֿון אַראַביש־אידישער פֿאַרשטענדיקונג, און וועלכער האַלט אונז אין איין פּרעדיקן וועגן דער וויכטיקייט פֿון אַזאַ פֿאַרשטענדיקונג, האָט ניט לאַנג צוריק געזאָגט אין לאָנדאָן: „וואָס קאָן איך אָנבאָטן די אַראַבער? אַלץ וואָס איך וויל זיי אָנבאָטן איז דאָך פֿאַרט ווייניקער ווי דאָס וואָס ענגלאַנד באָט זיי איצט אָן״. עס זיינען צווישן אונז פֿאַראַן מענטשן וועלכע גלויבן, אַז אין דער פֿאַרגאַנגענהייט האָבן מיר געהאַט שאַנסן צו קומען מיט די אַראַבער צו אַ פֿאַרשטענדיקונג, וואָס וואָלט אונז געגעבן די מעגלעכקייט צו לעבן בשלום און וואַקסן פֿיל מער ווי מיר האָבן דאָס געטאָן. (איך וועל וועגן דעם ניט דיסקוטירן. איך ווייס ניט. אפֿשר ליגט אין דעם עטוואָס ממשותדיקס, און אפֿשר איז דאָס ניט מער ווי אַ פֿרומער וואונטש). און עס איז אויך מעגלעך, אַז עס וועט נאָך קומען אַ צייט פֿון אַ פֿרידלעכן צוזאַמענלעבן, פֿון איינוואַנדערונג און אויפֿבוי אויפֿן יסוד פֿון אַ פֿאַרשטענדיקונג מיט די אַראַבער — נאָך דעם ווי עס וועט געבראָכן ווערן דער כּוח פֿון דער איצטיקער אַראַביש־פּאַלעס־

טינער באַוועגונג. אָבער אַ ממשותדיקע האָפֿענונג פֿאַר אַ נאָענטן ווענד־פּונקט קען מען ניט געפֿינען, ניט אין די מחשבות וועגן דער פֿאַרגאַנגענ־הייט, און ניט אין די פּלענער וועגן דער צוקונפֿט.

און איך האָף אויך ניט אויף קיין ענדערונג אין דער בריטישער פּאָליטיק לגבי אונז — כּל־זמן היטלערס שאָטן ליערט אויף דער וועלט און ענגלאַנד איז דורכגעדרונגען מיט שרעק. איך וויל ניט פּרובירן טרעפֿן, ווי אַזוי ענגלאַנד וועט האַנדלען שוין נאָכדעם ווי זי וועט פֿאַרפּלאָנטערט ווערן אין פֿאַרשיידענע מלחמה־קאָמפּליקאַציעס. אָבער אַזוי לאַנג זי שטייט ערב מלחמה, אין אַ צושטאַנד פֿון שרעק פֿאַר דער מלחמה, דאַרף מען פֿון איר ניט דערוואַרטן קיין פּראָ־ציוניסטישע פּאָליטיק.

וואָס זאָלן מיר, אויב אַזוי, טאָן?

איך ווייס ניט קיין אַנדער תּשובה ווי די וואָס האָט זיך איצטער אַרויסגעריסן פֿון די טיפֿענישן פֿון דעם האַרץ פֿון ישוב: „לא נכנע״ — מיר וועלן זיך ניט אונטערגעבן!

ווען האָט זיך ביי אונז דער דאָזיקער געשריי אַרויסגעריסן צום ערשטן מאָל? אין מאַי 1921, בעת אַן אייַנוואַנדערער־שיף האָט זיך געטראָגן איבער די כוואַליעס פֿון ים און הערבערט סעמועל, דער אידישער הויך־קאָמיסאַר, האָט פֿאַר איר געשלאָסן די טויערן פֿון לאַנד. און אפֿשר איז דאָס געווען אין תּל־חי. דער קערן וועלכן מיר האָבן פֿאַרזייט האָט גע־בראַכט פּרוכט. פֿון אים נעמט זיך דער כּוח וואָס מיר האָבן אַרויסגעוויזן אין די לעצטע דריי יאָר.

דער דאָזיקער אויסגעשריי האָט נאָך ניט געקראָגן זיין קאָנקרעטן פּירוש. עס איז אוממעגלעך צו באַשטימען אין פֿאָראויס ווי אַזוי ער וועט קאָנקרעטיזירט ווערן. ממש אַזוי ווי מען האָט אין דער צייט פֿון דעם אוגאַנדע־קריזיס, ווען עס האָט זיך געהערט דער רוף צו „פּראַקטישער אַר־בעט אין ארץ־ישראל״, ניט געקענט זאָגן וואָס עס וועט זיין דער כאַראַקטער פֿון דער חלוצישער באַוועגונג, אויף וועלכער דער דאָזיקער רוף האָט מרמז געווען.

עס איז מעגלעך, אַז דער דאָזיקער רוף באַצייכנט אַ נייעם עטאַפּ אין דער געשיכטע פֿון ציוניזם. אַן איבערגאַנג פֿון אַן עוואָלוציאָנערן און ראַציאָנאַלן, פֿאַרזיכטיקן און פּאַמעלעכדיקן ציוניזם — צו אַ ציוניזם וואָס האַנדלט אויס דער קאַטאַסטראָפֿע און פּרובירט זי בייקומען דורך העראָ־אישע אָנשטרענגונגען. אַזוי ווי עס איז פֿון דעם אוגאַנדע־קריזיס אויפֿ־געשטאַנען אַ נייער ציוניזם, אַ ציוניזם פֿון פּערזענלעכן ווילן און פּער־זענלעכער פֿאַרווירקלעכונג, אַזוי, דוכט זיך מיר, קען פֿון דעם איצטיקן אַכזריותדיקן קריזיס אין אידישן לעבן אין ארץ־ישראל אויסוואַקסן אַ

נייע ציוניסטישע דינאַמיק. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס הענגט אָפּ דערפון, צי מיר וועלן אין זיך האָבן גענוג לעבנס־זאַפט, צי מיר וועלן אין זיך האָבן גענוג האַרטנעקיקייט. דאָס וועט געשען, אויב מיר זיינען ניט קיין שברי־כלי פון אַ פאָלק, וואָס איז מסוגל זיך אונטערצוגעבן.

עס איז מיר שווער דאָס אַרויסצוזאָגן פון מויל — אָבער די קומענדיקע אַכזריותדיקע טעג רעדן צו מיר אין דער שפּראַך פון ר' עקיבא: כל ימי התפללתי מתי יבוא הדבר לידי ואקיימנו. (אַלע מיינע טעג האָב איך מתפלל געווען, ווען וועט דאָס קומען, און איך וועל עס מקיים זיין). מיר האָבן טאַקע דעם דאָזיקן נסיון ניט געזוכט, מיר האָבן אויף אים ניט געבעטן, אָבער אַז ער וועט קומען אין זיין גאַנצער האַרבקייט — וועלן מיר דען אַנטלויפן? וועלן מיר עס ניט מאַכן פאַרן אויסגאַנג־פּונקט פון אַן אַנטשיידנדן אויפבריז, וואָס וועט פון די טיפענישן אַרויסרופן אַלע נאַציאָנאַלע כוחות — אַ העראָאישן אויפבריז פאַר דער רעטונג פון פאָלק?

איך ווייס אַז ביי אונזער עולם נאָגט איצט אַ געפיל פון אַנטוישונג. מען זאָגט: ווען עס זיינען געקומען די ידיעות וועגן די לאַנדאָנער פאַרהאַנדלונגען האָבן מיר דערקלערט — מיר וועלן זיך ניט אונטערגעבן. און וואָס האָבן מיר זינט דעמאָלט געטאָן? וואו זיינען די מעשים? באַציען מיר זיך ערנסט צו אונזערע אייגענע דעקלאַראַציעס?

די דאָזיקע דיבורים, וועלכע מען הערט איצטער אין פּריוואַטע שמועסן און אויף פאַרזאַמלונגען, קומען אַוודאי פון אַ טיפן פּיין־געפיל. אָבער דער דאָזיקער ווייטאָג און די גערעכטע קריטיק וועגן אַ זאַך וועלכע דאַרף געטאָן ווערן אָבער ווערט ניט געטאָן, איז צוגעמישט מיט באַשולדיקונגען קעגן אַנדערע מענטשן, מיט אומבאַרעכטיקטע פאַרדאַכטן. די ערנסטע פראַגע: „זייט איר גרייט צו די מעשים צו וועלכע אייערע דעקלאַראַציעס זיינען מחייב?" פאַרדינט אַוודאי אַז מען זאָל זיך צו איר צוהערן מיט ציטער. אָבער דער קלאַנג פון שפּאָט און אומצוטרוי וואָס לאָזט זיך הערן אין דעם טאָן, אין וועלכן מען שטעלט די דאָזיקע פראַגע, וועקט בלויז אומכבוד צו אַ באַוועגונג וואָס פאַרדינט ניט אַזאַ באַציאונג. עס וועקט בלויז אַן אומיושרדיקן ביטול צו זיך אַליין.

און אפשר ליגט אין דעם אויך אַ מיספאַרשטענדעניש לגבי דעם אינהאַלט פון דער דעקלאַראַציע. ווען מיר האָבן געזאָגט: „מיר וועלן זיך ניט אונטערגעבן" האָבן מיר ניט געמיינט, אַז מאָרגן וועלן מיר עפּעס אָפּטאָן, עפּעס אַ וועלט־איבערקערנדיקע זאַך, און מיר וועלן דורך דעם זיגן, אָדער באַזיגט ווערן — און דער ענין וועט זיין פאַרענדיקט. „מיר וועלן זיך ניט אונטערגעבן" איז ניט קיין איינמאָליקע טאַט. עס הייסט ניט

פֿריי מאַכן די אויפֿגעבראַוזטע געפֿילן. איך מאַך ניט אַוועק מיט דער האַנט קיין געפֿילן און איך פֿאַרשטיי די מענטשלעכע, זייער מענטשלעכע, באַדערפֿעניש צו אַנטשפּאַנען געפֿילן. אָבער מיר האָבן וויכטיקערע נויטן, און אַ באַוועגונג ווי אונזערע איז מחויב אַלץ צו וועגן און מעסטן און צו קערעווען דעם אינערלעכן אויפֿברויז צו יענע קאַנאַלן וועלכע פֿאַרשטאַרקן אונזער קראַפֿט, ניט נאָר אַנטשפּאַנען אונזערע געפֿילן.

נאָך דעם רוף „מיר וועלן זיך ניט אונטערגעבן" האָט מען, פֿאַרשטייט זיך, געקענט דורכפֿירן עפּעס אַ פּראָטעסט־אַקציע, נאָך וועלכער מען וואָלט געקענט שיקן טעלעגראַמעס אין דער גאָרער וועלט. אָבער יענער אַקט וואָלט ניט געשאַפֿן אַפֿילו קיין איין נייעם טראָפּן קראַפֿט, און די מענטשן קענען ווען דער דאָזיקער פּראָטעסט וואָלט געצילט געוואָרן וואָלטן צוליב דעם ניט פֿאַרלאָרן קיין איין נאַכט שלאָף.

בעת מיר קלייבן זיך צו דערציען זיך אַליין און אונזער באַוועגונג און דעם גאַנצן ישוב צום געבאָט פֿון „ניט אונטערגעבן זיך" און צו מעשים וואָס זאָלן פֿאַרקערפּערן דעם דאָזיקן געבאָט און פֿאַרשטאַרקן אונזער כּוח אים דורכצופֿירן — דאַרפֿן מיר זיך אויך דערציען אַזוי, אַז מיר זאָלן ניט פֿאַרטאַכלעווען אונזער קראַפֿט און ניט אומזיסט פֿאַרשווענדן קיין געפֿילן און קיין ענערגיע. און אַוודאי און אַוודאי טאָרן מיר ניט טאָן זאַכן, וואָס מאָמענטאַל זעען זיי אויס ווי אַן אַנטפּלעקונג פֿון קראַפֿט, און אין דער אמתן שוואַכן זיי בלויז אָפּ אונזער קראַפֿט.

קעגן דעם דאַרף באַזונדערס געוואָרנט ווערן די אַרבעטער־באַוועגונג. עס זיינען פֿאַראַן קאַמפּס־מיטלען, וועלכע ווערן געבוירן אין צייטן פֿון רעוואָלוציאָנערן אויפֿברויז, און דעמאָלט זיינען זיי גוואַלדיק וויכטיק. מען פֿאַרהייליקט זיי אָבער אַפֿילו אין צייטן ווען זיי פֿירן ניט צום זיג, נאָר דערנעענטערן די מפּלה. אין די נאָך־מלחמה יאָרן זיינען מיר געווען עדות פֿון אַ סך אַנטפּלעקונגען פֿון רעוואָלוציאָנערער מענטאַליטעט, וועלכע וואָלטן געווען זייער קאָמיש ווען זיי וואָלטן ניט געווען אַזוי טראַגיש. די אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָט ניט באַוויזן עפּעס צו טאָן מיט אירע כּוחות אין צייטן פֿון רעוואָלוציאָנערן אויפֿשטייג, האָט זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיט אולטראַ־רעוואָלוציאָנערע מיטלען, בעת זיי האָבן בלויז געקענט זיכערער מאַכן די מפּלה. אַזאַ טאַט איז דער גענעראַל־סטרייק אין פֿראַנקרייך, בעת היטלער שטייט ביי די טויערן. עס זיינען פֿאַראַן מיטלען, וועלכע זיינען ניצלעך בעת זיי קענען פֿירן צו שנעלע דערגרייכונגען, צו גרויסע דערגרייכונגען. עס איז אַ נאַרישקייט און אַ זינד זיך צו באַנוצן מיט די דאָזיקע מיטלען אונטער פֿאַרענדערטע אומשטענדן, בעת זיי קענען פֿירן בלויז באַרג־אַראָפּ, צום פֿאַרלירן דערגרייכונגען.

מיטלען דאַרפֿן אויסגעקליבן ווערן אין ליכט פֿון אַ ציל. די אַראַבער, צום ביישפּיל, האָט זיך איינגעגעבן צו געפֿינען די מיטלען וואָס פּאַסן צו זייער ציל. דער ציל וואָס די אַראַבישע פֿירערשאַפֿט האָט זיך געשטעלט איז די הערשאַפֿט פֿון מופֿטי. דער דאָזיקער ציל פֿאָדערט ניט אַז אין לאַנד זאָל הערשן רו, אַז דאָס דאָרף זאָל בליען, אַז עס זאָל געהויבן ווערן דער לעבנס־סטאַנדאַרד פֿון אַרבעטער, אַז עס זאָלן אויסגעטריקנט ווערן די זומפּן, אַז דער געזונט־צושטאַנד זאָל בעסער ווערן, אַז אידן און אַראַבער זאָלן לעבן בשלום. אָט די אַלע זאַכן פֿירן ניט צו דער הערשאַפֿט פֿון מופֿטי; אָבער פֿאַרגיסן בלוט, אויסהונגערן דעם דאָרף, פּאַראַליזירן דאָס עקאָנאָמישע לעבן, דערמאָרדן קעגנער, האַלטן די רעגירונג אין שרעק — אָט די אַלע זאַכן פֿירן יאָ צו דער הערשאַפֿט פֿון מופֿטי. דער ארץ־ישראלדיקער שטאַט עקזיסטירט שוין. מען דאַרף אים בלויז פֿאַראָרעמען, פֿאַרווילדעווען, פֿאַרגרעסערן אין אים דעם חורבן, כּדי אים צו דעראָבערן.

און מיר? קענען אַזעלכע מיטלען אונז העלפֿן? איך וועל ניט פֿרעגן די ערנסטע פֿראַגע וועגן אונזער אינערלעכן ווידערשטאַנד צו אַזעלכע מעשׂים. איך פֿרעג בלויז: וועט דאָס אונז פֿירן צו אונזער זיג? און אויף דעם ענטפֿער איך מיט אַ פֿולשטענדיקן ניין. דער אידנשטאַט עקזיסטירט נאָך ניט, מען דאַרף אים נאָך שאַפֿן. ווי אַזוי וועלן מיר אים שאַפֿן? דורך פֿאַרמערן אונזער צאָל, דורך אויפֿבוי, דורך פֿאַרשטאַרקן אונזערע כּוחות. די אַראַבישע מיטלען, אַפֿילו אויב מיר זאָלן זיך מיט זיי באַנוצן, וועלן פֿירן ניט צום אידנשטאַט, נאָר צו אַן אַראַבישן שטאַט.

יעדע עכטע און וואָגיקע באַוועגונג שאַפֿט אירע אייגענע פּאַסיקע קאַמף־ און פֿאַרווירקלעכונגס־מיטלען. גאַנדי האָט ניט נאָכגעמאַכט די קאַמפּס־מיטלען פֿון מערב־אייראָפּע אָדער פֿון רוסלאַנד. ער האָט אויסגעשמידט קאַמפּס־מיטלען וואָס פּאַסן דעם אינדישן פֿאָלק און ברענגען נוצן דער אינדישער ווירטשאַפֿט. גאַנדי האָט אַפֿילו ניט געפּראַוועט קיין סעודות־מצווה, ווי די באַנקעטן מיט וועלכע די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע באַנוצט זיך — אַנשטאָט דעם האָט ער אויסגעקליבן צו פֿאַסטן. און מיר ווייסן נאָך ניט ווער עס האָט געהאַט מער דערפֿאָלג — מיר, מיט אונזערע געבראָטענע הינער, אָדער ער מיט זיינע תּעניתים.

זאָל מען מיר ניט צושרייבן קיין ניט־געמיינטע כּוונות. איך שלאָג ניט פֿאָר, אַז מיר זאָלן זיך אַרויסנעמען אַן אינדישן פּאַטענט — אַזוי ווי איך שלאָג ניט פֿאָר קיין רוסישן אָדער מערב־אייראָפּעאישן פּאַטענט. מיר דאַרפֿן זוכן קאַמפּס־מיטלען וואָס דרינגען אַרויס פֿון אונזער אידישער לאַגע און פּאַסן זיך צום כאַראַקטער פֿון אונזער ווערק. די דאָזיקע מיטלען וועלן אַוודאי ניט איינגעהילט זיין אין יענעם גלאַנץ און גלאָריע וואָס

עס באַזיצן קאָמפּס־מיטלען מיט וועלכע עס באַנוצן זיך אַנדערע פּעלקער. לאָמיר זיך וועגן דעם ניט זאָרגן. ווען מיר האָבן געשאַפֿן די קבוצה און דעם מושב־עובדים האָבן מיר ניט געפֿרעגט, וואָס פֿאַר אַן אויסלענדישן נאָמען מיר זאָלן זיי געבן — און פֿונדעסטוועגן האָבן זיי זיך דעראָבערט אַ פּלאַץ אין אינטערנאַציאָנאַלן לעקסיקאָן. און אויב מיר וועלן אין פּאַסיקע מעשים באַווייזן צו פֿאַרקערפּערן אונזער „לא נכנע", אויב מיר וועלן באַווייזן צו קעמפֿן און שאַפֿן אין דעם באַלאַגערונגס־צושטאַנד — וועט דאָס די „וועלט" אויך אַנערקענען.

אויף אַ זיצונג פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון אונזער פּאַרטיי איז גע־ברויכט געוואָרן אַ טערמין וואָס געפֿעלט מיר: קאָנסטרוקטיווע רעזיסטענץ. עס האָט זיך גערעדט ניט נאָר וועגן אַ ווידערשטאַנד קעגן דעם בייזן, נאָר אויך וועגן אַ ווידערשטאַנד אין אַזאַ פֿאָרם וואָס זאָל אין זיך אויך טראָגן דעם המשך פֿון אונזער וואוקס, דעם המשך פֿון אויפֿבוי. ניט קיין איינ־מאָליקע טאַט, נאָר אַ לעבנס־שיטה, אַ פּאָליטישע און עקאָנאָמישע שיטה, אין וועלכער עס זאָל פֿאַרקערפּערט ווערן אונזער ניט אונטערגעבן זיך. די טאַט וואָס פֿירט צום תכלית — אין דעם ליגט אונזער ניט אונטערגעבן זיך.

און ניט דווקא די „גרויסע טאַט". עס טרעפֿט אַמאָל, אַז דער אמתדיקער אומגעבראָכענער גייסט קומט צום אויסדרוק דווקא אין קליינעם פּרט. ווען איך וועל אייך, למשל, זאָגן וואו עס איז לויט מיין מיינונג געלעגן דער ווענד־פּונקט אין די לאָנדאָנער „פֿאַרהאַנדלונגען" — וועט איר פֿון מיר לאַכן. און פֿונדעסטוועגן זאָג איך: דער ווענד־פּונקט איז געלעגן אין... ניט גיין צום באַנקעט וואָס דער קאָלאָניאַל־מיניסטער האָט לכּבוד אונז פֿאַררופֿן. אַזוי לאַנג אונזערע מענטשן האָבן גערעדט שטאַרקע דיבורים, האָט מען זיך צו זיי געקענט ווענדן מיט דער נאַאיווער פֿראַגע: „און וואָס טראַכט איר וועגן דער צוקונפֿט פֿון דעם ציטרוס־צווייג אין ארץ־ישראל?" — דו קענסט זיך באַנוצן מיט די שטאַרקסטע אַרגומענטן, זיין אויפֿגע־בראַכט און פֿונדעסטוועגן זיצט אַנטקעגנאיבער דיר דער פֿיפֿיקער און כוואַטסקער ענגלישער מיניסטער, און זיין פּנים זאָגט: עס מאַכט ניט אויס, איר קענט זאָגן וואָס איר ווילט, איך קען אייך ניט פֿון נעכטן, איר זייט דאָך שכלדיקע מענטשן, איר קענט די ווירקלעכקייט, איר ווייסט אין וואָס פֿאַר אַ לאַגע איר געפֿינט זיך און וואָס פֿאַראַ קראַפֿט איר זייט איצט אין דער וועלט. אוודאי טוט אייך ווי, אַדרבא, זשאַלעוועט ניט קיין ווערטער — אָבער די זאַך וועט אויסגעגליכן ווערן. און אָט איז גע־קומען אַ קליינער, אומוויכטיקער אינצידענט, אַן ענין וועלכער געפֿינט זיך ניט אין קיין שום פּראָגראַם און וועלכן מען האָט קיין מאָל ניט פּראַ־

קלאַמירט, און אַט דער קליינער אינצידענט זאָגט: דער פּיפּיקער ענגלישער מיניסטער האָט געמאַכט אַ טעות אין חשבון. די זאַך איז פיל ערנסטער ווי ער האָט געגלויבט. די אידן וועלן זיך ניט אונטערגעבן. און דער קאָלאָניאַל־מיניסטעריום איז געוואָרן אומרואיק. מען איז געקומען צולויפן: פאַרוואָס זייט איר אַזוי אויפגערעגט? וואָס איז געשען? מיר האָבן דאָך גאָרניט געזאָגט. און דאָס וואָס מיר האָבן יאָ געזאָגט — האָבן מיר עס טאַקע געמיינט? דאָס איז דאָך געווען בלויז אַ פאַרזוך עפּעס פאָרצושלאָגן, זיך דורכצורעדן. דאָס איז אַוודאי געווען אַ טעות פון איינעם פון די קלענערע באַאַמטע. אַ שאָד, אַ שאָד.

איך בין ניט זיכער צי אין יענע טעג איז שוין ניט געווען פאַרטיק דער טעקסט פון „ווייסן פּאַפּיר". אָבער די בהלה האָט אויף אַ קורצער צייט אָפּגעשטעלט דעם לויפנדיקן וואָגן.

און אונטער די איצטיקע אומשטענדן איז די טאַט וואָס פירט צום ציל ניט קיין אויפשטאַנד און ניט קיין אָקופּאַציע פון פעסטונגען. עס איז געווען אַ צייט ווען יהושע ברזילי האָט געחלומט וועגן 500 אידישע בחורים, וואָס וועלן זיך לאָזן קיין ירושלים, זיך באַפעסטיקן אין מגדל דוד און אויף אים אויפהענגען די ציוניסטישע פאָן. ער האָט, פאַרשטייט זיך, געוואוסט, אַז דאָס הייסט ניט פאַרכאַפּן די מאַכט, ער האָט זיך אָבער באַגנוגט דערמיט וואָס מיר וועלן האַלטן אַ פּאָזיציע אין משך פון 24 שעה, און די געשיכטע וועט שרייבן, אַז נאָך אַזוי פיל און אַזוי פיל יאָרן האָבן די אידן זיך צוריקגעקערט צום מגדל דוד און אויף אים אויפגעהויבן אַ ציוניסטישע פאָן. עס איז שיין צו זאָגן אַזעלכע זאַכן, עס איז שיין וועגן דעם צו דערציילן אין אַ ביאָגראַפיע. אָבער אונזער פּאָליטיק קען דאָס ניט זיין. מיר קענען איצט צונויפנעמען ניט 500 נאָר 50,000 בחורים, און מיר גלויבן אין זיך, אַז מיר זיינען פעאיק ניט נאָר צו דעראָבערן פעסטונגען, נאָר וואָס איז נאָך וויכטיקער — בויען פעסטונגען. אָבער אונזער שטאַרקסטער באַגער איז איצט ניט „צו האַלטן די פּאָזיציע אין משך פון 24 שעה", נאָר אַרויסנעמען די אידן פון מצרים און זיי צו ברענגען קיין ארץ־ישראל.

*

וואָס זאָל זיין דער קאָנקרעטער אויסדרוק פון אונזער ניט אונטערגעבן זיך? דער ענטפער איז: עליה. מיר פּסלענען דאָס רעכט פון די געזעצגעבער — ווער זיי זאָלן ניט זיין — צו שטערן די בירגער פון דער נאַציאָנאַלער היים אויסצושטרעקן (אויף זייער חשבון!) אַ העלפנדיקע האַנט צו די געמאַטערטע ברידער וואָס ווילן צו זיי קומען. און מיר דאַרפן מיט טאַטן באַווייזן, אַז פאַר אונז עקזיסטירט ניט קיין שום גזירה אויף אונזער איינוואַנדערונג. מיר וועלן זי ברעכן, מיר אַלע וועלן זי ברעכן —

פֿאַר די אויגן פֿון דער גאַנצער וועלט. די וועלט וועט לערנען און אַנער־קענען, אַז מיר אימיגרירן ניט קיין ארץ־ישראל אַ דאַנק דעם חסד פֿון דער רעגירונג, נאָר מיט רעכט, מיטן רעכט וואָס שטייט העכער פֿון יעדן בריטישן געזעץ, אַ רעכט וואָס איז פֿאַר אונדז נאַטירלעך, אַ רעכט פֿאַר וועלכן מיר זיינען גרייט זיך מוסר־נפֿש צו זיין.

אָט די דאָזיקע דערקענטעניש איז די גרונט־דערקענטעניש פֿון ציוניזם. מיט איר איז עולה געווען דער מענטש פֿון „ביל״ו״, מיט איר איז עולה געווען דער מענטש פֿון דער צווייטער עליה, ברעכנדיק דעם טערקישן געזעץ. ער האָט ניט געפֿרעגט צי זיין עליה איז לעגאַל דערלויבט. ער האָט זיך ניט געשראָקן, טאָמער וועט מען אים צוריקשיקן.

כּל־זמן אין ארץ־ישראל האָט נאָך געהערשט אַ געזעצלעכער רעזשים, וואָס האָט אָנערקענט אונדזער רעכט, האָבן מיר זיך מיט אים געראַנגלט פֿאַר עליה־מעגלעכקייטן אין די ראַמען פֿון געזעץ. מיר האָבן מקבל געווען זיינע באַגרענעצונגען און זיך געשטיקט מיט זיי. אָבער בעת מען פּראָקלאַמירט אַ נייעם רעזשים, אונטער וועלכן מיר וועלן קענען איינוואַנדערן בלויז „מיטן חסד פֿון מופֿטי״, לייקענען מיר אין גאַנצן אָפּ דאָס רעכט פֿון דעם דאָזיקן רעזשים. ניט מיט אייער חסד איז אונדז ארץ־ישראל געגעבן געוואָרן, און ניט פֿון אייערע געזעצן נעמט זיך אונדזער רעכט אויף אונדזער צוריקקער און אונדזער לעבן אין ארץ־ישראל.

אָט מיט דער דאָזיקער דערקענטעניש דאַרף מען דורכדרינגען די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג, און די ציוניסטישע פּאָליטיק דאַרף זי אָפֿן פּראָקלאַמירן פֿאַר דער גאַנצער וועלט. מיר געדענקען נאָך, ווי אַזוי די פּיל־קאָמיסיע האָט געדריקט משה שערטאָקן וועגן דער אומלעגאַלער איינוואַנדערונג און וואָס פֿאַר אַ ענויים ער איז דעמאָלט פֿון איר אויסגע־שטאַנען. זינט דעמאָלט האָט זיך עפּעס געענדערט אין דעם באַוואוסטזיין פֿון די אידן און ניט־אידן. אָט האָט מען אין ענגלישן פּאַרלאַמענט גע־שטעלט פֿראַגעס וועגן אַ שיף מיט אומלעגאַלע איינוואַנדערער. שונאים האָבן געפֿרעגט: האָט מען די שיף קאָנפֿיסקירט? וועט מען די מענטשן דעפּאָרטירן? וועט מען זיי אַראָפּרעכענען פֿון קומענדיקן איינוואַנדערונגס־סקעדיול? דער קאָלאָניאַל־מיניסטער האָט זיך אויסגעדרייט פֿון צו געבן קלאָרע ענטפֿערס. האָט זיך אויפֿגעשטעלט איינער פֿון די פּאַרלאַמענט־מיטגלידער און האָט געוואָרפֿן אַ צווישנרוף: אָבער די דאָזיקע אומגליקלעכע מענטשן זיינען דאָך אומלעגאַל בלויז אַ דאַנק אייער מיניסטעריום, מיין הער! אַזעלכע ווערטער לאָזן אונדז האָפֿן, אַז אונדזער עליה־קאַמף וועט די וועלט דורכדרינגען מיט דער דערקענטעניש פֿון אונדזער רעכט אויף עליה, און וועט אפֿשר פֿירן צו אַ בעסערער פֿאַרשטענדעניש פֿאַרן ציוניזם.

דער עליה־קאַמף טאָר ניט זיין די פּריוואַטע אויפגאַבע פון אַ גרופּע מענטשן וואָס טוען עס אויף זייער אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. די אומגעזעצלעכע עליה דאַרף ווערן דאָס געזעצלעכע קינד פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג, און זי דאַרף אויך ניט זיין די אויפגאַבע פון איין פּאַרטיי אין ציוניזם. דאָס דאַרף זיין די געמיינזאַמע אויפגאַבע פון אַלע פּאַרטייען. מען טאָר דעם אומלעגאַלן עולה ניט מפקיר זיין צו די פאַרשיידענע קלי־קעס וואָס פאַרנעמען זיך דערמיט צוליב זייערע אייגענע אינטערעסן אָדער צוליב פּאָליטישן „איינפלוס" — און זיי עקספּלואַטירן דעם „אומלעגאַלן" און איזדיעקעווען זיך איבער אים און לאָזן אים אויף גאַטס באַראַט בעת ער דערגרייכט שוין צום ברעג. דאָס וועט ניט זיין קיין לייכטע זאַך. די אַנגלאָ־אַראַבישע מאַכט וועט ניט אויפהערן צו רודפן, און די מכשולים וועלן גרעסער ווערן. די זאַך וועט זיין פאַרבונדן ניט נאָר מיט אָנשטרענ־גונגען און געלט־קרבנות, נאָר אויך מיט יסורים. זי וועט פאָדערן מסירת־נפש, און ניט פון יחידים, נאָר פון מאַסן. אָבער דאָס איז טאַקע דער זין פון אונזער ניט אונטערגעבן זיך — אויב מיר מיינען עס טאַקע אויף אַן אמת.

און כדי מען זאָל מיר ניט צושרייבן קיין פרעמדע כוונות, וויל איך קלאָר מאַכן: מיט דעם עליה־קאַמף האָב איך ניט אין זינען קיין פּאָלי־טישע דעמאָנסטראַציע, נאָר פאַר אַלעמען די עליה אַליין — ממש ווי באַדן־אָקופּאַציעס, וועלכע זיינען, קודם־כל, אַ זעלבסט־צוועק. דער חשבון פון דער עליה און דער פּאָליטישער רעזולטאַט פון דעם עליה־קאַמף וועט זיין אַ ביי־פּראָדוקט — אויב ער וועט געפירט ווערן ווי געהעריק און מיט אַ ברייטן מאַסשטאַב. אַרויסראַטעווען אידן פון גיהנום, אַרויס־גיין פון גלות — דאָס איז דער ציל פון ציוניזם, און דאָס איז אויך זיין פּאָליטישער מיטל. מען דערציילט וועגן אַ שאַטלענדער וועלכער האָט זיין זון געוואָלט איבערגעבן זיין לעבנס־חכמה. האָט ער עס אויסגעדריקט בזה הלשון: „מיין זון, איידער איך גיי אַוועק פון דער וועלט וויל איך דיר געבן אַן עצה: פאַרדין אַ סך געלט. אויב מעגלעך — מיט כשרע מיטלען". אַזוי זאָגן מיר אויך: וואָס מער אידן. אויב מעגלעך — אויף אַ לעגאַלן אופן.

מיר רייסן זיך ניט צום קאַמף, אָבער מיר נעמען אים אויף ווי אַ מוז. מיר זוכן ניט דעם קרבן און ניט די דעמאָנסטראַציע. מיר זוכן דעם עיקר: אידן אין ארץ־ישראל. דערפאַר בין איך ניט להוט נאָך צוזאַמענשטויסן. איך זוך ניט קיין קאָנפליקטן. איך בענק ניט נאָך ראָמאַנטיק. איך וויל „תכלית": אידן. אָבער איך וועל זיך ניט איבערשרעקן, אויב די אידישע עליה וועט זיין פאַרבונדן מיט קאָנפליקטן.

צווישן אונז זיינען פאַראַן אָפּטימיסטן וואָס ווילן גלויבן, אַז ענגלאַנד וועט ניט שיסן אויף אונזערע פּליטים. און עס זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס זאָגן, אַז אַ רעגירונג וואָס וועט יאָ שיסן וועט זיך ניט האַלטן קיין איין וואָך. איך בין אין דעם ניט זיכער. מען האָט שוין אויף שיפן געשאָסן. און עס זיינען פאַראַן קלאַנגען, אַז עס זיינען געווען פאַרוואונדעטע, און איך בין ניט זיכער צי די ענגלישע פּרעסע האָט דערציילט וועגן דעם.

עס מאַכט ניט אויס אויב מען וועט עולים אַרעסטירן. מיר וועלן זיך ניט דערשרעקן. עס וועט ניט זיין קיין אומגליק, אויב מען וועט אַ שיף אומקערן צוריק. די שיף, וואָס וועט אומגעקערט ווערן — וועט צוריקקומען אַ צווייט מאָל. יעדער איד וועלכער וועט צוריקגעשטופּט ווערן אין ים אַריין — מוז זיך צוריקקערן צום ארץ־ישראלדיקן ברעג. דאָס איז זיין קאַמף פאַרן לאַנד.

דערווייל פאַרשטייען דאָס נאָך ניט די אידן. די גלות־אידן דערשרעקן זיך פאַר יעדן דורכפאַל. זיי ווייסן ניט אויף וועמען צו לייגן די שולד — אויפן לאַנד אָדער אויף „די וואָס פאַרנעמען זיך דערמיט". די גזלנות און הפקרות וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט צווישן „די וואָס פאַרנעמען זיך דערמיט" האָבן גורם געווען אומנויטיקע צרות און ווילקירלעכע יסורים און פאַרמיידלעכע דורכפאַלן וואָס שעדיקן ניט נאָר זייערע קרבנות, נאָר אויך דער זאַך פון דער אומלעגאַלער עליה.

פיל פון אונז געדענקען נאָך דעם שאַרפן קאַמף וואָס די אידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין צאַרישן רוסלאַנד האָט געפירט קעגן די „אַגענטן" וואָס האָבן געלעבט פון צרות פון פּליטלינגען, וואָס פיל פון זיי האָבן געזויגן דאָס בלוט פון זייערע קרבנות. און עס האָט זיי ניט געאַרט, צי זיי וועלן סוף־סוף דערגרייכן דאָס לאַנד וואוהין זיי זיינען געלאָפן, אָדער וועלן אויסשטאַרבן אויף די וועגן. כאָטש די דאָזיקע אויסוואַנדערונג פון רוסלאַנד איז געווען אומלעגאַל, און כאָטש אַ סך מענטשן זיינען אַנטלאָפן און געראַטעוועט געוואָרן מיט דער הילף פון די דאָזיקע „אַגענטן"־שמוגלער זיינען געווען פיל וויכטיקע אינסטיטוציעס און געוויסנהאַפטע יחידים וואָס האָבן עס באַטראַכט פאַר זייער פליכט זיך צו שטעלן אויף דער זייט פון עמיגראַנט און צו אַנטבלויזן די געמיינהייטן פון די „רעטער". אין די לעצטע טעג האָבן מיר געלייענט אַן אויפרוף פון פאַרשיידענע הילפס־אָרגאַניזאַציעס קעגן די מנוולים וועלכע עקספּלואַטירן דעם אומגליק פון די אידישע עמיגראַנטן וואָס פאָרן קיין באָליוויע און אַנדערע דרום־אַמעריקאַנישע לענדער. און דווקא אין ציוניזם איז נאָך דערווייל ניט אויפגעשטאַנען דער געזעלשאַפטלעכער כוח, וואָס זאָל אַראָפּרייסן די מאַסקע

פון די וואָס האָבן פון דער אידישער נויט און פון דער ארץ־ישראל־ליבע געמאַכט אַ שיינעם געשעפט, וואָס טראָגט אַריין ריווח און באַפרידיקט גענווויסע תאוות. מיר האָבן נאָך ביז איצט ניט אויפגעדעקט ווי אַזוי מען באַהאַנדלט אַט די אומגליקלעכע עולים און אין וואָס פאַר אַ גיהנום זיי געפינען זיך אויפן וועג קיין ארץ־ישראל, ניט צוליב די רדיפות פון דער פרעמדער רעגירונג, נאָר אַ דאַנק די מעטאָדן פון זייערע „באַרמהערציקע ברידער", וועלכע מאַכן פריוואַטן און געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל פון די ליידן פון די עולים.

דער קאַמף קעגן די דאָזיקע גיפטיקע שוואָמען איז אומבאַדינגט נויטיק כדי אָפּצוראַמען דעם וועג פאַר אַ ברייטער עליה.

עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס צווייפלען בכלל צי אַזאַ ברייטע עליה איז מעגלעך: ווי אַזוי וועלן די דאָזיקע אָרעמע „מעפּילים" זיך קענען שטעלן קעגן די תחבולות און דעם כוח פון אַ מעכטיקער רעגירונג? איך גלויב אַז זיי וועלן דאָס טאָן — און וועלן זיגן. דער מוט וואָס צווינגט זיי אויסצוואַנדערן איז גרעסער און שטאַרקער פון דעם ענגלישן מוז צו שיסן אויף זיי. און אויב דער דאָזיקער מוז וועט ווערן אַן אַלגעמיינע דערקענטעניש, און וועט פאַרנעמען זיין געהעריק פּלאַץ אין אידישן געדאַנק און אין דער אידישער טאַט — וועט ער דורכברעכן אַ סך צוימען און פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטראָמנדיקן טייך. מען קען פאַרצוימען די עליה פון יחידים; עס איז אוממעגלעך אָפּצושטעלן די עליה פון מאַסן צו זייערע ברידער וואָס לעבן ביים ברעג ים. די קרבנות וועלן פאַלן און די מחנה וועט גיין ווייטער און דערגרייכן דעם ציל.

*

ערנסטער פון דעם ענין עליה איז דער ענין באָדן. די רעגירונג פּלאַנעוועט ווייטגייענדיקע תחבולות; מען האָט עס געקענט פאַראויסזען. אונטער דעם טערקישן רעזשים האָבן מיר געקענט דערווערבן באָדן אויפן נאָמען פון אַ טערקישן אונטערטאַן. איצט קען מען זיך פאַרלאָזן דערויף, אַז די רעגירונג וועט מאַכן זיכער, אַז אידן זאָלן ניט קענען קויפן קיין באָדן אַפילו אויפן נאָמען פון אַ גוי, און זי וועט אפשר אַפילו פּרובירן ניט צו דערלאָזן אונזער קאָלאָניזאַציע אויף באָדנס וואָס מיר האָבן שוין דערוואָרבן אין ראַיאָנען וועלכע זי וועט באַשליסן פאַר אונז צו פאַרמאַכן. אויף דעם געביט וועט אויך זיין אַ גרויסע מצווה צו ברעכן דעם געזעץ, וואָס פאַרבאָט אונז זיך צו פאַרנעמען מיט לאַנדווירטשאַפט אין אונזער היימלאַנד. אָבער דער אַנטשלוס אַליין איז ניט גענוג, מען דאַרף אויך האָבן די קראַפט דאָס דורכצופירן.

איך ווייס ניט וויפֿיל צייט עס איז אונז נאָך פֿאַרבליבן פֿאַר אומגעשטערטער טעטיקייט אויפֿן געביט פֿון באָדן. איך וואָלט געוואָלט זיין זיכער, אַז מיר וועלן די דאָזיקע קורצע צייט ניט פֿאַרטאַכלעווען. די באָדנס וואָס געפֿינען זיך אין אונזער רשות וועלן מיר אָקופּירן אונטער אַלע אומשטענדן. מיר וועלן דאָס ניט לאָזן אָפּהענגען פֿון „גוטן ווילן" פֿון דער רעגירונג. דערווערבן באָדן אין דער קורצער צייט וואָס איז נאָך פֿאַרבליבן אין אונזער רשות קומט אַפֿילו פֿאַר דער עליה.

מיר קענען איצט ניט וויסן וואָס עס וועלן זיין אונזערע מעטאָדן פֿון קאַמף פֿאַרן באָדן, נאָך דעם ווי עס וועלן אַרויסגעלאָזן ווערן די מערדערישע געזעצן. מיר דאַרפֿן אָבער ביי זיך באַשליסן אויף דעם דאָזיקן געביט גרייט צו זיין אויפֿן שווערסטן קאַמף, אויף אַ פּאָליטישן און יורידישן קאַמף פֿאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלן פֿאָרום, און אויף פּראַקטישע קאַמפֿן אין ארץ־ישראל. וואָרעם דאָ ליגט דער געפֿערלעכסטער פּונקט, דער פֿאַרזוך אונז ניט צו דערלאָזן זיך איינצואוואָרצלען, ניט צו דערלאָזן אונז זיך צו קאָנצענטרירן און צו צעשטערן אונזערע פּערספּעקטיוון אויף אַ געזונט און גאַנץ לעבן אין לאַנד.

דער נייער רעזשים וועט אַוודאי שאַרף אַוועקשטעלן אויף דער טאָגאָרדענונג די פֿראַגע פֿון זיכערקייט. איך גלויב ניט, אַז אַן ענגליש־אַראַבישער רעזשים וועט מיט זיך ברענגען פֿרידן און זיכערקייט, ער איז אָבער עלול צו באַשרענקען און אונטערגראָבן אונזער זעלבסט־שוץ. וועגן דעם דאָזיקן פּונקט מוזן מיר זאָגן אין דער שפּראַך פֿון אונזערע קדמונים: „און דאָ איז ניט דער פּלאַץ מאַריך צו זיין". עס איז אָבער כדאי צו געדענקען, אַז אונזער זעלבסט־שוץ האָט שוין דורכגעמאַכט אַ שיינע עטלעכע סטאַדיעס. עס איז געווען אַ צייט ווען דער איינזאַמער אידישער שומר האָט אָפּגעהיט דעם וויינגאָרטן פֿון זיין באַלעבאָס. אַפֿילו דעמאָלט האָט ער אָפּגעהיט ניט נאָר דעם פֿאַרמעגן פֿון זיין באַלעבאָס, נאָר אויך דעם אידישן פֿאַרמעגן און דעם אידישן כבוד. נאָך דעם איז געקומען די קאָלעקטיווע שמירה אין אַ גאַנצער קאָלאָניע. אין אַ „פּונקט", און מיר זיינען אויך דערגאַנגען ביז צו דער שמירה אין אַ „קאָמפּלעקס" פֿון „פּונקטן". די לאַגע האַלט זיך אין איין ענדערן. מיר שטייען שוין איצט פֿאַר דער פֿראַגע וועגן דער פֿאַרטיידיקונג פֿון לאַנד, פֿון דער יבשה און פֿון ים און פֿון דער לופֿטן. די וועלט־לאַגע ווערט ערנסטער פֿון טאָג צו טאָג. מיר קענען זיך ניט פֿאַרלאָזן אויף פֿרעמדע, אַז זיי זאָלן אין אַן אומגליקלעכן טאָג אונז פֿאַרטיידיקן. אַדרבא, מען קען דערוואַרטן, אַז זיי זאָלן ביי אונז פּרובירן אַוועקנעמען דאָס ביסל קראַפֿט וואָס מיר פֿאַרמאָגן.

אונזער בעפֿאַרשטייענדיקער קאַמף קעגן דעם ענגליש־אַראַבישן רע־זשים דאַרף אויך שטראָמען אין ווירטשאַפֿטלעכע קאַנאַלן. עס איז נאָך ניט געקומען די צייט צו זאָגן גענוי, וואָס מיר קענען טאָן און וואָס מיר דאַרפֿן טאָן אויף דעם דאָזיקן געביט. מיר קענען ניט פֿירן קיין פֿער־מאָגנטן קאַמף וואָס זאָל חרוב מאַכן די עקזיסטענץ־קוואַלן פֿון אונזער ווירטשאַפֿט. אַדרבא, מיר דאַרפֿן אויף וויפֿל ס׳איז מעגלעך ריכטן דעם קאַמף אַזוי, אַז ער זאָל אונזער ווירטשאַפֿט באַפֿעסטיקן. וועגן די וועגן דאַרף מען נאָך טראַכטן, פֿאַרהאַנדלען און באַשליסן.

אין ליכט פֿון דער נייער לאַגע דאַרפֿן מיר אויך פֿון דאָס ניי באַ־טראַכטן עטלעכע אינערלעך־ציוניסטישע פּראָגעס, פּראָגעס פֿון גלות און פּראָגעס פֿון ישוב.

דער גלות איז איצט איינגעטיילט אין צוויי טיילן. עמעצער האָט שוין געזאָגט: „לענדער פֿון וועלכע מען טרייבט אַרויס און לענדער אין וועלכע מען לאָזט ניט אַריין". עס זיינען פֿאַראַן לענדער אין וועלכע די אידן האָבן פֿאַרלוירן זייער גאַנצע פּאָליטישע קראַפֿט און זייער גאַנצן פֿאַר־מעגן, און וואו זייער גאַנצער כּוח ליגט אין עליה. אין דעם באַשטייט דאָרטן זייער פֿאַרבינדונג מיטן ציוניזם. און עס זיינען פֿאַראַן לענדער וואָס זייער חלק אין דער עליה, און באַזונדערס אין דער חלוצישער עליה, איז נאָך זייער קליין, און זייער פֿאַרבינדונג מיטן ציוניזם איז אויך אַ שוואַכע. און דווקא די דאָזיקע לענדער דאַרפֿן זיין אונזער פּאָליטישער אָנלען און אונזער פֿינאַנציעלער רעזערוואואַר. אָבער אויב אין די לענדער פֿון דער ערשטער קאַטעגאָריע ווירקט דער ציוניזם ווי אַ דערלייזנדיקער און באַ־פֿרייענדיקער כּוח (אין דער מאָס וואָס ארץ־ישראל נעמט אויף עולים און איז פּודה שבויים) און די פּערזענלעכע פֿאַרבינדונגען פֿון די צענדליקער טויזנטער געראַטעוועטע האַלט אויף, און שטאַרקט אָפּט מאָל דעם ציו־ניסטישן פֿייער, נויטיקן זיך די לענדער פֿון דער צווייטער קאַטעגאָריע, וואו דער ציוניזם דריקט זיך אויס ניט אין נעמען הילף, נאָר אין געבן הילף, אין אַ אומאויפֿהערלעכער ציוניסטישער אויפֿקלערונג — און דאָס ווערט ניט געטאָן.

עס איז פֿיל געזאָגט געוואָרן וועגן דער ציוניסטישער טעטיקייט אין יענע לענדער. יעדער שליח וואָס קומט פֿון דאָרטן קלאָגט זיך ביטער וועגן דער לאַגע. אָבער די לאַגע האָט זיך דאָרטן נאָך אַלץ ניט גע־ענדערט. עס איז ניט ריכטיק אַרויפֿצוואַרפֿן די שולד בלויז אויף די דאָרטיקע. ווען מיר, אין ארץ־ישראל, וואָלטן אַרויסגעוויזן די געהעריקע רייפֿע פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דעם דאָזיקן ענין, וואָלט זיך עפּעס דאָך אַ ריר געטאָן. אַמאָל טרעפֿט זיך, אַז אונזערע אַ קאָנפֿערענץ צוואַרעמט

זיך וועגן דעם דאָזיקן ענין און מען הויבט אָן צו רעדן וועגן „דעראָבערן דעם גלות“, וועגן פּופּציק אָדער הונדערט שליחים וואָס זאָלן זיך אַרויס־לאָזן אין יענע לענדער — און נאָכדעם באַגעגנט מען דעם אָדער יענעם חבר, וואָס מען ווייסט שוין פֿון לאַנג, אַז ער איז שטענדיק גרייט אונ־טערצושטעלן די פּלייצע, און ער נעמט דעם פּעקל און לאָזט זיך אַרויס אין וועג, און מיט דעם ענדיקט זיך דער גאַנצער ענין.

מען מוז מודה זיין, אַז מיר האָבן זיך נאָך ניט דערהויבן צו אַ פֿולער פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער וויכטיקייט פֿון דער „דעראָבערונג פֿון גלות“, פֿאַר אַן אמתער אָנגריף־אַקציע פֿאַר אונזערע פֿאָנדן, פֿאַר אַ פֿאַר־זוך דורכצופֿירינגען פֿרעמדע קרייזן מיטן ארץ־ישׂראל־געדאַנק. מיר האָבן דערצויגן אַ טיפּ פֿון אַ שליח פֿאַר באַשטימטע אויפֿגאַבן. מיר האָבן אָבער נאָך ניט דערצויגן קיין מחנה פֿון שליחים אין אַלטן זינען פֿון וואָרט — אין זינען פֿון אידעע־שליחים, פֿון אַפּאָסטאָלן פֿון ציוניסטישן גלויבן.

אָט איז די פֿראַגע פֿון יונגן דור אין ציוניזם. די אויסוואַנדערונג־לענדער גיבן אונז נאָך אין אַ געוויסער (אומגעניגנדיקער) מאָס אַ נייעם דור. מיר האָבן ניט באַוויזן צו ראַטעווען פֿילע דערוואַקסענע דייטשע אידן — און מיר אַרבעטן פֿאַר דער יוגנט־עליה. אָבער וואו האַלטן מיר אין די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער? דאָרטן איז אַ פֿאַרקערטע לאַגע: דער ציו־ניזם איז דאָרטן די זאַך פֿון אַן אַוועקגייענדיקן דור. צווישן דעם דור האָבן מיר גוטע פֿריינד, וואָס היטן אָפּ אין מדבר פֿון גלות דעם פֿונק אין זייערע הערצער. וואָס וועט זיין דער גורל פֿון ציוניזם, ווען דער דאָזיקער דור וועט אַרונטער פֿון דער סצענע? וואָס האָבן מיר געטאָן כּדי מיר זאָלן דאָרטן האָבן אַ קומענדיקן דור, אין אַ מאָס וואָס זאָל ניט נאָר אויפֿהאַלטןביים לעבן עטלעכע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, נאָר אויך נערן דעם ציוניזם פֿון אַמעריקאַנער אידנטום?

זאָלן מיר זיך פֿאַרלאָזן אויף נסים, אויף דער האָפֿענונג, אַז די אַסי־מילירטע קרייזן וועלן פֿון זיך אַליין אויפֿוואַכן און אָנהויבן שטראָמען צו אונז? אַזעלכע נסים קומען ניט פֿאָר — אָדער קומען פֿאָר בלויז מיט יחידים. דער אַנטיסעמיטיזם אַליין איז ניט בכּוח צו נערן דעם ציו־ניזם. אָט האָבן מיר געלייענט, אַז דער לייטער פֿון דער ארץ־ישׂראל־פּוילן ביוראָ האָט זיך געשמדט. פֿון יוגאָסלאַוויע הערן מיר, אַז 300 אידן האָבן זיך דאָרטן געשמדט. שמד אין עסטרייך, שמד אין איטאַליע. סאָציאַליסטן האָבן אַמאָל געגלויבט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג וועט פֿון זיך אַליין פֿירן צו דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון סאָציאַליזם; אַזוי זיינען אויך פֿאַראַן ציוניסטן וועלכע גלויבן, אַז די אידישע נויט וועט פֿון זיך אַליין פֿירן צו דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון ציוניזם. די ווירקלעכקייט האָט די דאָזיקע

נבואות ניט באַשטעטיקט. די טרייב־קראַפט ווירקט, אָבער ניט דווקא אין איין באַשטימטער ריכטונג. פּינסקער און הערצל זיינען טאַקע צום ציוניזם געקומען פון דער אידישער נויט. אָבער אויף זיי האָבן אויך געווירקט ניט נאָר די דאָזיקע אויסערלעכע פאַקטאָרן (ווען פּינסקער וואָלט ניט גע־האַט אַזאַ פאָטער ווי ר' שמחה פּינסקער, וואָלט זיך זיין גורל אפשר אויך מיט גאַרנישט אונטערשיידט פון גורל פון זיינע צייט־גענאָסן). אַנדערע זיינען געקומען דורך הערציאונג, באַוועגונג, אָרגאַניזאַציע. און אַ סך הענגט אָפּ אויך דערפון וואָס עס איז געטאָן געוואָרן אין ארץ־ישראל, און אפשר אויך דערפון וואָס עס ווערט געטאָן פון ארץ־ישראל.

און וואָס טוען מיר? וואָס טוען מיר פאַרן יונגן אידישן דור אין אַמעריקע און אַנדערע אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער? זאָרגן מיר זיך פאַר יור־שים? טראָגט עמעצער דאָס וואָרט פון אונזער ווערק צו די הונדערטער טויזנטער יונגע אידן אין די דאָזיקע לענדער? וואָס ענטפערן מיר אויף די הילפס־רופן וואָס קומען צו אונז פון דאָרטן? ווען עס געלינגט אונז צו שיקן איין שליח אויף אַ גאַנצן קאָנטינענט, האַלטן מיר דאָך דאָס פאַר אַ גאַנצן אויפטו.

און נאָך אַמאָל, מיר שטייען ערב אַ וועלט־מלחמה. עס איז מעגלעך, אַז מיר וועלן זיין אָפּגעריסן פון אַ סך לענדער. וועט אין פאַל פון אַ מלחמה אין אַמעריקע זיך געפינען ווער עס זאָל מוטיק און קרעפטיק אויפהויבן די פאָן פון ארץ־ישראל? אין דער לעצטער וועלט־מלחמה זיינען נאָך אין אַמעריקע געווען נייע אימיגראַנטן, וואָס זיינען אַהין געקומען פון מזרח־אייראָפּע, וועלכע האָבן ניט פאַרגעסן וואָס זיי האָבן געלערנט אין דער יוגנט, זייער ציוניסטישע אָדער פּועלי־ציוניסטישע טרייקייט. און עס איז געשען נאָך אַ נס: קיין אַמעריקע זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן עטלעכע מענטשן פון דער צווייטער עליה, אַוועקגעפּאַרענע און פאַרטריבענע דורך דער טערקישער רעגירונג, און זיי האָבן אָנגעצונדן אַ ציוניסטישן פלאַם, און אַ דאַנק זייערע באַמיאונגען איז געשאַפן געוואָרן דער אידישער לעגיאָן. וועלן מיר קענען גרייכן אַמעריקע נאָך דעם ווי די מלחמה וועט שוין האָבן אויסגעבראָכן? אין סעפּטעמבער האָב איך טעלעגראַפירט קיין לאָנדאָן, אַז אין אָנגעזיכט פון דער מלחמה־געפאַר דאַרפן זיך געפינען חברים וואָס זאָלן אויף זיך נעמען דעם יאָך פון אָפּגעריסן־ווערן פון לאַנד און פון דער היים, און זיך שטעלן אויף אונזער גלות־פראָנט. אָבער פון די גע־ציילטע מענטשן וואָס זיינען אַרויסגעפאָרן זיינען שוין די מערסטע צוריק־געקומען. און אַז עס וועט קומען אַ שווערער מאָמענט וועלן מיר זיך ווידער לאָזן זוכן: ווער זאָל גיין — און ווי אַזוי וועט ער אַהין גרייכן? איך ווייס אַז סתם ריידן דאַרף מען ניט. און איך שעם זיך ווידער אַמאָל

צו זאָגן, אַז מיר דאַרפֿן ניט איין שליח און ניט צוויי — נאָר צענדליקער שליחים פֿאַר פֿאַרשיידענע קרייזן און פֿאַרשיידענע אויפֿגאַבן, שליחים פֿאַר יוגנט־דערציאונג און שליחים פֿאַר פֿינאַנציעלער טעטיקייט.

*

אין משך פֿון פֿינף און דרייסיק יאָר האָט די אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישׂראל באַוויזן פֿיל צו פֿאָדערן פֿון זיך און אויך פֿון די אַנדערע קרייזן אין ישוב. מיר האָבן געפֿאָדערט אידישע אַרבעט, מיר האָבן גע־פֿאָדערט מקיים צו זיין ציוניסטישע און ישוב מצוות, מיר האָבן געפֿאָדערט די אַנערקענונג פֿון דעם אַרבעטער און זיינע רעכט אין דער אַרבעט און אין לעבן פֿון ישוב און דעם ציוניזם. אַ גרויסן טייל פֿון די דאָזיקע פֿאָדע־רונגען האָבן מיר דערגרייכט, אפֿשר מער ווי עס האָט אין זיין צייט געהאָפֿט דער ערשטער דור פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג, און בנוגע פֿיל אַנדער פֿאָדערונגען — פֿאָדערן מיר זיי נאָך אַלץ, און מיר באַ־שולדיקן די וואָס ענטפֿערן ניט אויף די פֿאָדערונגען. אָבער דער ציבור צו וועלכן מיר קומען מיט באַשולדיקונגען איז ניט אויסגעגאָסן פֿון איין שטיק. ער באַשטייט ניט אין גאַנצן פֿון טויט־פֿיינט פֿון דעם אַרבעטער, פֿון פּראָפֿיטירער, פֿון געלט־גייציקע, פֿון אויסגעשפּראָכענע פּורקי עול. אויך מיר, דער סאַמע פּיאָנערישער און אָרגאַניזירטער טייל פֿון ישוב דאַרפֿן זיך שטעלן די פֿראַגע, צי מיר האָבן שטענדיק באַוויזן צו פֿאַר־מולירן אונזערע פֿאָדערונגען און שטרעבונגען אַזוי, אַז מען זאָל אונז הערן און ענטפֿערן.

מיר זיינען געקומען ווי אַ יונגע ברויזנדיקע, אויפֿגעברויזטע און אויפֿברויזנדיקע באַוועגונג. די וועלט איז געווען קעגן אונז. פֿרעמדע האָבן אונז ניט פֿאַרשטאַנען און מיר האָבן דער וועלט צוריק געגעבן אַ טאָפּלטע פּאָרציע פֿון „בטול היש״. אונזער באַוועגונג האָלט אין איין אַריינגעמען אין זיך — און דערין ליגט איר כּוח, און דאָס איז איר זכות — יונגע, שטורמדיקע, טומלדיקע נייע כּוחות. דער „זר לא יבין״ זעט בלויז דעם שוים אויף דער אויבערפֿלאַך. אונזער „בר״ איז ניט שטענדיק גלייך צו אונזער „תוך״. אונזער „בר״ איז ניט שטענדיק אַנציעגדיק, ניט שטענדיק געזעכט, ניט שטענדיק איבערצייגנדיק. אין אירע סאַמע טיפֿסטע, סאַמע שעפֿערישע אַנטפּלעקונגען פֿאַרשליסט זיך אַמאָל אונזער באַוועגונג אין זיך, אַזוי אַז מען קען וועגן איר זאָגן „כבודה פנימה״ (און ווידער אַמאָל: דערין ליגט איר כּוח!), און אירע אויסערלעכע מאַניפֿעסטאַציעס שטימען ניט שטענדיק מיט איר אינערלעכקייט. ניט תּמיד האָבן מיר גע־טאָן זאַכן בלויז צוליב זאַכלעכער נויטווענדיקייט, כּדי צו דערגרייכן די

געוואונטשענע רעזולטאַטן. מיר האָבן געצאָלט אַ צינז באַגריפֿן און באַ־ציאונגען, וואָס מיר האָבן געבראַכט פֿון גלות — יעדער איינער פֿון זיין אייגענעם לאַנד. ניט שטענדיק זיינען מיר דיקטירט געוואָרן פֿון די גע־באָטן פֿון דער נויטווענדיקער טאַט — אַמאָל האָבן מיר זיך אויך געלאָזט פֿאַרפֿירן פֿון אַ טומלדיקער און גאַווהדיקער פּסעוודאָ־רעוואָלוציאָנעריש־קייט. נישט שטענדיק האָבן מיר פֿאַרשטאַנען די באַדערפֿענישן און די שטרעבונגען פֿון אַנדערע קרייזן אין ישוב, ניט שטענדיק האָבן מיר זיך געהיט ניט צו פֿאַרשאַרפֿן באַציאונגען. דאָס וואָס איך זאָג איז ניט חל דווקא אויף די ערגסטע און אויבערפֿלעכלעכסטע צווישן אונז; ס׳איז חל אַפֿילו אויף די בעסטע צווישן אונז. אַ דור קען ניט אַרויסשפּרינגען פֿון זיין הויט. און אַ גרויסע באַוועגונג קען זיך אויך ניט גרינג באַפֿרייען פֿון געוואוינהייטן, באַציאונגען און טעותן.

כּל־זמן מיר זיינען אין ארץ־ישראל געווען אַ קליינע סעקטע, אַ סעקטע אין וועלכער עס האָבן זיך צונויפֿגעמישט עלעמענטן פֿון איסיים און קנאים, אַ סעקטע וואָס האָט געלעבט ערגעץ אין אַ ווינקל פֿון ישוב, וואָס איז פֿון קיינעם ניט אָנערקענט געוואָרן און האָט קיינעם ניט אָנערקענט, אַ סעקטע פֿון בויער־רעוואָלוציאָנערן וואָס שטורעמט קעגן אָנגענומענע מיינונגען און גיסט פּעך און שוועבל אויף תּקיפֿים און מכובדים, האָבן מיר זיך געקענט דערלויבן ניט צו זיין פֿאָרזיכטיק מיט דעם וואָס מיר האָבן געזאָגט און געטאָן בנוגע אַנדערע. אַ דורכאויס־אָפּאָזיציאָנעלע גרופּע קען מען אורטיילן מיטן גאַנצן חומר הדין לויט איר אינערלעכן כּוח, לויט איר טרייקייט צו זיך אַליין און צו אירע פּראָקלאַמירטע פּרינציפּן — אָבער מען קען צו איר ניט קומען מיט קיין האַרבע טענות וועגן איר באַצי־אונג צו דער אויסערלעכער וועלט און וועגן אירע קריגערייען מיט תּקיפֿים און מיט גלייכגילטיקע.

אָבער די דאָזיקע לאַגע האָט זיך שוין לאַנג געענדערט. למעשה, האָבן מיר אַפֿילו ווען מיר זיינען געווען קליין און שוואַך געכאַוועט נאַ־ציאָנאַלע ווערטן — חלוציות, הגנה, ישוב, קולטור־ענינים — וואָס זיינען שפּעטער אָנגענומען געוואָרן פֿון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג. אַפֿילו די גרופּעס וואָס באַקעמפֿן אונז טרינקען פֿון די ברונעמער וואָס מיר האָבן אויסגעגראָבן. אָבער ס׳איז שוין אַ לאַנגע צייט, אַז מיר זיינען געוואָרן אויס שטיפֿקינד פֿון דעם ישוב און פֿון דעם ציוניזם, מיר זיינען שוין מער ניט די פֿאַרוואָרלאָזטע און פֿאַריתומטע אַרבעטער וואָס קלאַפּן אָפּ די שוועלן פֿון די קאָלאָניסטן און באַקומען ניט קיין ענטפֿער, נאָר דער רוב מנין און רוב בנין פֿון דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע, די אויס־טרעטער פֿון נייע וועגן פֿון דער אידישער ווירטשאַפֿט, די ריכטונגס־געבער

פֿון קאָלאָניזאַציע־שיטות, ניט נאָר פֿאַר אונז אַליין נאָר פֿאַקטיש, פֿאַר דער גאַנצער באַוועגונג, אויך פֿאַר אונזערע קעגנער. מיר האָבן אַריינגעצויגן די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס אין דעם קאַמף פֿאַר אידישער אַרבעט, פֿאַר איר פֿאַרטיידיקונג און באַפֿעסטיקונג; מיר האָבן פֿאַרן גאַנצן ישוב אָנגעצייכנט די מעטאָדן פֿון זעלבסט־שוץ און ציוניסטישער פּאָליטיק; מיר האָבן אַרויפֿגעלייגט אַ בולטן שטעמפּל אויף די מעטאָדן פֿון אויפֿבוי פֿון לאַנד; כאָטש מיר האָבן אין קיין שום נאַציאָנאַלער אינסטיטוציע ניט קיין מערהייט, באַטראַכט מען אונז ווי די „מאַכטהאָבער" — און, אין אַ געוויסער מאָס, מיט רעכט, וואָרעם אויף די עיקרדיקע שטחים פֿון דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון ציוניזם גייען מיר בראש פֿון פֿאָלק.

און דאָס איז אונז צו עפּעס מחייב. מיר קענען ניט רעדן אין דעם סטיל פֿון סעקטאַנטן. מיר קענען ניט פֿאַרזעצן צו דענקען און צו רעדן אַזוי ווי מיר וואָלטן נאָך געווען געפֿאַנגען אין די פּעדעם פֿון דער מענטאַליטעט פֿון אַ מינדערהייט־פּאַרטיי.

איך דערמאָן זיך, צום ביישפּיל, וועגן לוצערנער קאָנגרעס, וואו עס איז געשאַפֿן געוואָרן די „ברייטע קאָאַליציע" וואָס מיר האָבן איצט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. מיט וואָס פֿאַר אַ אינערלעכע שוועריקייטן אַ צאָל חברים אונזערע האָבן געמאַכט דעם דאָזיקן שריט! זיינען טאַקע די דאָזיקע חברים געווען אומפֿעאיק צו פֿאַרשטיין, אַז אין ציוניזם קען מען ניט „הערשן" מיטן כוח פֿון דיקטאַטור, און אַז די לאַגע אין ציוניזם און די לאַגע פֿון אַרבעטער אין ציוניזם דערלויבן אונז ניט איבערצוגעבן די מאַכט אין די הענט פֿון אַ קאָאַליציע פֿון אַלע אַנדערע פּאַרטייען און זיך אַליין בלויז איבערלאָזן דעם שפּיל פֿון אַן אָפּאָזיציע? און די וואָס זיינען געווען קעגן אַ „ברייטער קאָאַליציע" האָבן טאַקע קיין אַנדער פֿאָרשלאָג ניט אַריינגעטראָגן, וואָס זאָל אונטער די עקזיסטירנדיקע אומשטענדן מעגלעך מאַכן אַ בעסערע פֿירערשאַפֿט פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג און אַ בעסערע פֿאַרטיידיקונג פֿון די אַרבעטער־ווערטן אין דעם ציוניזם. די קעגנערשאַפֿט צו אַ „ברייטער קאָאַליציע" איז געווען מער אַן עמאָציאָנעלע קעגנערשאַפֿט, טרייקייט צו אַ באַשטימטן סטיל, ווי קעגנערשאַפֿט אויס זאַכלעכע אָפּשאַצונגען פֿון ציוניסטישע ענינים אָדער אַרבעטער אינטערעסן. שוין דער טערמין „ברייטע קאָאַליציע" איז ניט על־פּי גוויסן אַרויסצורופֿן סימפּאַטיע. אין דער ברייטער וועלט איז דאָך אַזוי פֿיל געזאָגט געוואָרן און געשריבן געוואָרן קעגן קאָאַליציעס מיט דער בורזשואַזיע, גאַנץ אַנדערש וואָלט געווען ווען מען וואָלט געהאַט שכל און דעם ענין אַ נאָמען געגעבן „פֿאָלקס־פֿראָנט"...

און איך דערמאָן זיך אַן אָפּשייד־פֿאַרזאַמלונג פֿון די דעלעגאַטן פֿון

דעם אַרבעטער־פֿליגל אין לוצערן. דאָס איז געווען ערב די געשעענישן אין עטיאָפּיע, דאָס הייסט איידער די דעמאָקראַטישע וועלט האָט זיך אָנ־געהויבן טרייסלען אונטער די קלעפּ פֿון דער רוים־בערלין „אַקס" און איידער די אַראַבער האָבן דערקלערט קעגן אונז דעם פֿאַרניכטונגס־קריג. דאָס איז געווען אַ שטילע אָבער טיף־עמאָציאָנעלע פֿאַרזאַמלונג. מיר האָבן ניט געוואוסט וואָס עס טראָגט זיך אויף אונז, אָבער אין דער אַטמאָספֿערע האָבן מיר געשפּירט, אַז עס דערנענטערט זיך אַ קאַטאַסטראָפֿע. זיינען מיר ניט גערעכט געווען דעמאָלט, ווען מיר האָבן זיך באַמיט שאַפֿן וויניקסטנס אַ מינימום פֿון יענער אייניקייט וואָס האָט אָפּגעהיט דעם בנין פֿון ציור־ניזם אין די בייזע שטורעמס?

מען באַקלאָגט זיך ביי אונז, און מיט רעכט, וועגן אונזערע קאָאַליציע־שותּפֿים, אַז זיי היטן ניט אָפּ די „שפּיל־כּללים". מען דערמאָנט די יעניקע וואָס זיצן מיט אונז אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, וואָס ווילן מיט אונז צוזאַמען ניט זיצן אין דער אַדמיניסטראַציע פֿון דער תּל־אָבּיבער מו־ניציפּאַליטעט. מען דערמאָנט די יעניקע וואָס שיקן זייערע מיטגלידער אין דער עקזעקוטיווע פֿון דער אידישער אַגענטור און פֿאָדערן פֿון איר בקולי קולות: רעזיגנירן! עס איז אמת, אַז די קאָאַליציע־עטיק פֿון אונזערע שותּפֿים איז ניט זייער קיין געהויבענע. אָבער איז זי פֿיל שטאַר־קער ביי אונז אַליין? איך האָב ניט קיין רעכט צו קומען צו אונזערער אַ קאָנפֿערענץ אָדער באַראַטונג און ניט זאָגן צו זיך אַליין, אַז אויך מיר זיינען ניט טריי געוויסע התחייבותן אונזערע. און איך האָב אין זינען אַן ענין וואָס שטייט ביי מיר פֿיל פֿיל העכער פֿון אַ התחייבות: כּדי מקיים צו זיין דעם יסוד פֿון שבת אין אידישן לעבן דאַרף איך ניט האָבן קיין צווישן־פּאַרטייאישע אָפּמאַכן און אינסטרוקציעס פֿון רבנים. דער שבת איז פֿאַר מיר איינער פֿון די זיילן פֿון אידישער קולטור און די ערשטע סאָציאַלע דערגרייכונג פֿון דעם אַרבעטנדיקן מענטשן אין דער מענטש־לעכער געשיכטע. און איך שעם זיך, וואָס מען איז געצוואונגען געוואָרן דעם דאָזיקן ענין, וואָס איז אונזער ענין, על כּל פּנים ניט ווייניקער ווי פֿון יעדן אַנדערן אידישן קרייז, צו מאַכן פֿאַר אַן אָביעקט פֿון אַ פּאָליטישן אָפּמאַך. און נאָך מער שעם איך זיך, וואָס מיר האָבן ניט באַוויזן מקיים צו זיין דעם דאָזיקן אָפּמאַך. איך ווייס, אַז אונזער לעבן איז אַ לעבן פֿון „אויסנאַמס־צושטאַנד", אַ פֿראָנט־לעבן — און ניט אַלץ וואָס מיר האָבן אויף זיך גענומען קענען מיר מקיים זיין. אָבער לאָמיר זיך מודה זיין: האָבן מיר אויפֿריכטיק מקיים געווען אַלץ וואָס מיר האָבן געקענט מקיים זיין? קען דאָס דינען ווי אַ ביישפּיל פֿאַר אונזערע שותּפֿים, וואָס זאָל זיי לערנען ווי אַ גרויסע פּאַרטיי דערפֿילט אירע התחייבותן?

איך ווייס, אַז דאָס פֿעלן פֿון קוואַליפֿיציע און פֿון אָנשטענדיקע באַציאונגען אין דער תּל־אָבֿיבֿער מוניציפּאַליטעט איז אַ גרויסע צרה פֿאַר דער שטאָט און פֿאַרן גאַנצן ישובֿ. אָבער איך וואָלט ניט געוואָלט, אַז אונזערע חבֿרים אין דער מוניציפּאַליטעט זאָלן דערלאָזן, אַז מען זאָל זיי אין דעם דאָזיקן שווערן קאַמף אַריינטרייבן אין אַ צו להכעיס־סטיל און אין דער מענטאַליטעט פֿון אַ מינדערהייט־גרופּע. איך ווייס, אַז זייער אָפֿט זאָגט מען אין דער תּל־אָבֿיבֿער מוניציפּאַליטעט ווערטער וואָס זייער כּוונה איז בלויז צו רייצן, צו טרייבן אונזערע חבֿרים, אַז זיי זאָלן „אַרויס פֿון די כּלים“, כּדי מען זאָל נאָך דעם קענען פֿאַרדאַמען אַ פֿאָלעמיש וואָרט וואָס האָט זיך ביי עמעצן אַרויסגעכאַפּט. אָבער אונזערע חבֿרים, די מענטשן פֿון דער מערהייטס־פּאַרטיי אין ישובֿ, טאָרן ניט אַריינפֿאַלן אין דער דאָזיקער פּאַסטקע. איך וויל אַז „דער איד אין גאַס“ זאָל אין דעם מענטשן פֿון דער מפּלגת פּועלי ארץ־ישׂראל זען דעם באַשיצער פֿון די אָרעמע און די אָרעמסטע, דעם וואָס שטייט ביי זיין זייט אין אַן עת צרה, דעם וואָס גייט דער ערשטער אין די שוץ־גריבער, דעם וואָס רופֿט זיך אָפּ דער ערשטער צו העלפֿן נייע עולים, דעם קעמפֿער פֿאַר סאָציאַליזם, דאָס הייסט פֿאַר גלייכקייט, פֿאַר פֿרייהייט, פֿאַר נאַציאָנאַלער דיסציפּלין, פֿאַר פֿולע רעכט פֿאַר יעדן מענטשן, פֿאַר אַ גערעכטער געזעלשאַפֿט. אָבער איך וואָלט כּלל וכלל ניט געוואָלט געבן אַ געלעגנהייט יעדן מורמלער־העצער, אַז ער זאָל אין אונזער סאָציאַליזם קענען אַריינטייטשן דעם מאַנגל פֿון דרך־ארץ פֿאַר אַ „הולך תּמים“, דעם זילזול צו דעם גלויבן פֿון אַנדערע, די לעסטערונג פֿון יענעמס הייליקטימער. איך וויל ניט אַז מיר זאָלן זיך אָנשטעקן מיט יענער פּראָווינציעלער אַפּיקורסות, וואָס האָט צעפּרעסן די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין גלות און איז דאָרטן געוואָרן אַן „ערזאַץ“ פֿאַר קאַמף און סאָציאַלן שאַפֿן און דער קולטורעלער דערהויבונג פֿון די מאַסן. דאָרטן איז דאָס אפֿשר געווען פֿאַרשטענדלעך — וואָרעם דער קלאַסן־פּרינציפּ האָט דאָרטן אָנגענומען די פֿאָרם פֿון אַ „ברוגז“ מיטן „פּשוטן אידן“. אונז פּאַסט דאָס נישט, און ניט נאָר צוליבן פּשוטן טעם וואָס אונזער קלאַסן־פּרינציפּ האָט דעם טייטש: צו מאַכן דעם פּשוטן אידן פֿאַר אַן אַרבעטס־מענטש, צו זאַמלען אַלע אידן — ממש! — אונטער דער אַרבעטער־פֿאָן. מיר ווילן פֿאַראייניקן דאָס גאַנצע פֿאָלק אין חלוצישער אַרבעט, און אויפֿן וועג דערצו — אַקטיוויזירן דעם מאַקסימום כּוחות אין פֿאָלק פֿאַר דער חלוצישער אַרבעט. איך רעד ניט וועגן פּרטים, וועגן פּראָגראַם־פּונקטן. איך רעד וועגן דער תּמצית פֿון דער זאַך, וועגן אונזער סטיל. מיר, מיר אַלע, געפֿינען זיך דאָך אין אַ לאַגע פֿון אַ פֿאָלק וואָס איז פֿאַרמשפּט צו פֿאַרטיליקונג — און אונזער קאַמף אין ארץ־

ישראל איז דער איינציקער ממשותדיקער קאַמף קעגן דער דאָזיקער פאַרטיליקונג. איז דען אין דער דאָזיקער לאַגע ניט נויטיק אַ נייע רע־וויזיע, אַ נייער צוגאַנג צום „אידן אין גאַס", אפשר אויך אַ רעאָריענטאַציע, פאַרזוכן מקרב צו זיין די הערצער און קאָאָרדינירן טעטיקייטן? אָט הער איך וועגן דער ביטערקייט וואָס הערשט אין „הפועל המזרחי". אָט האָב איך געלייענט אין אַ צייטונג, אַז דער „הפועל המזרחי" איז אַרויסגעטראָטן פון דער „ועדת הבטחון". איך ווייס ניט די פרטים און איך וויל וועגן זיי ניט אורטיילן. אָבער נויטיקן מיר זיך איצטער אין אַ „מלחמה" מיט דעם „הפועל המזרחי" אַרום זיין פאַרטרעטערשאַפט אין די זיכערקייט־ענינים? האָט ער דען ניט קיין חלק אין דעם ענין? האָבן מיר טאַקע אַן אינטערעס אָוועקצושטעלן ביים „הפועל המזרחי" דאָס וואָס עס קומט אים מיט רעכט? מען זאָגט אַז דער „הפועל המזרחי" קומט מיט איבערגעטריבענע פאָדע־רונגען. אָבער באַמיען מיר זיך טאַקע נאָכצוקומען זיינע גערעכטע פאָדערונ־גען, איידער ער פּראָטעסטירט און הויבט אָן צו ליאַרעמען — אַזוי אַז מיר זאָלן האָבן דאָס רעכט זיך צו שטעלן קעגן זיינע איבערטריבענע פאָדערונגען.

דאָס איז אויך אמת וועגן דער „סיעת העובדים הציונים הכלליים" (פראַקציע פון אַלגעמיינע ציוניסטישע אַרבעטער) אין דער הסתדרות. איך וויל זיך ניט אַריינלאָזן אין די פרטים פון זייערע טענות וואָס זייער סטיל רופט נישט אַרויס קיין סך צוטרוי. עס איז אומאַנגענעם צו זען ווי אַ יונגע באַוועגונג בויט איר גאַנצע וועלט אויף פּראָטעסטן קעגן „דיסקרימינאַציע". אָבער קענען טאַקע מיר אַלע, גרויס און קליין, זאָגן אַז אונזערע הענט זיינען אין גאַנצן ריין? האָבן מיר זיך טאַקע באַמיט אין יעדן אַרבעטס־ביוראָ און אין יעדן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, אַז מען זאָל ניט זיין ענגהאַרציק און ניט־פאַרגינעריש בנוגע יונגע חברים, בנוגע אַ נייער און שוואַכער שטרעמונג אין דער הסתדרות? פאַרשטייט טאַקע ביי אונז יעדער איינער וואָס באַזיצט אַ ביסל „מאַכט" אין די הענט, אַז קיין שום דיסקרימינאַציע, אַפילו די סאַמע קלענסטע, גיט אונז ניט צו קיין כוח, נאָר באַפלעקט די ריינקייט פון אונזער פאָן?

די דאָזיקע אינערלעכע פראַגעס זיינען שטענדיק וויכטיק, אָבער אַ באַזונדער חשיבות קומט זיי צו אין דער איבערגאַנגס־צייט פון דער טע־טיקייט וואָס ווערט געטאָן אונטערן שוץ פון געזעץ צו אַ טעטיקייט וואָס עס וועט איר פעלן דער שוץ פון געזעץ, פון אַ לאַנגזאַמען און עפנטלעכן ציוניזם צו אַ דינאַמישן, אונטערערדישן ציוניזם?

*

און ערב דעם דאָזיקן איבערגאַנג זיינען מיר געצוואונגען, אויך קעגן אונזער ווילן, ווידער אַמאָל צו רעדן וועגן דער אינערלעכער לאַגע אין

אונזער באַוועגונג. איך האָב שוין וועגן דעם גערעדט אויף אונזער צו־זאַמענפאָר אין רחובות. האָט זיך זינט דעמאָלט עפּעס געענדערט צום גוטן? אַ מענטש וואָס געפינט זיך אינעווייניק קען זאַכן זען בלויז סוביעקטיוו. נאָך רחובות האָב איך געהאַלטן אַז אונזער לאַגע איז זייער אַ קראַנקע. ווען איך בין צוריקגעקומען קיין ארץ־ישראל נאָך די לאַנדאַנער שמועסן האָט זיך מיר געדוכט, אַז כאָטש די ענינים האָבן זיך למעשה ווייניק געריררט, איז דאָך עפּעס פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין די שטימונגען. מיר האָט זיך געדוכט, אַז די באַוועגונג הויבט אָן צו פאַרשטיין די שווערע לאַגע אין וועלכער זי געפינט זיך. איך האָב געזען סימנים, אַז זי באַמיט זיך בייצוקומען דעם פירוד הלבבות און די קעגנזייטיקע אָפּגע־פרעמדקייט. איך האָב געמיינט אַז אונזערע מענטשן הויבן אָן זיך צוהערן איינער צו דעם אַנדערן. איך האָב דערוואַרט גוטע רעזולטאַטן. ווען איך בין געקומען קיין לאַנדאָן האָב איך די חברים אָנגעזאָגט די גוטע בשורה — און אָט זיינען געקומען זאַכן וואָס ווייזן, אַז איך האָב זיך גענאַרט, אַז איך האָב זיך געטרייסט מיט אילוזיעס.

מיינע מיינונגען וועגן דעם ענין זיינען באַקאַנט, און איך וועל וועגן דעם מער ניט רעדן. איך וויל ניט פּרעדיקן קיין מוסר, איך גלויב ניט, אַז עס איז נוצלעך דאָס צו טאָן. אַ מענטש גלויבט, אַז ער מיינט דאָס גוטע און נאָך דעם טייטשט מען זיינע ווערטער אויס צום שלעכטן. אַמאָל שטוין איך: וואָס פאַר אַ ווערטער זאָל איך אויסקלייבן כדי דאָס עצם רעדן וועגן די דאָזיקע פּיינלעכע ענינים זאָל קיינעם ניט ווי טאָן? און אַזוי ווי איך הער לעצטנס, אַז די רייד שעדיקן, בין איך גרייט אויף זיך צו נעמען די התחייבות מער ניט צו רעדן וועגן די ענינים פון איינקייט, אַבי נאָר... אַנדערע זאָלן זי דורכפירן.

איך וועל זיך באַנוגענען בלויז מיט דער פאָלגנדיקער באַמערקונג: אויב מיר מיינען טאַקע באמת ובתמים „זיך ניט אונטערצוגעבן" — קען דאָס טאָן בלויז אַ מחנה וואָס איז אינערלעך גאַנץ. אָן דעם וועט דאָס אונ־טערגעבן זיך קומען פון זיך אַליין. און אַפילו שיינע איינצל־טאַטן פון ניט אונטערגעבן זיך וועלן ניט פאַרמיידן דאָס אונטערגעבן זיך פון דער גאַנצער מחנה. לאָמיר וועגן דעם טראַכטן. לאָמיר צוזאַמען טראַכטן ווי אַזוי צו פאַרוואַנדלען אונזער גאַנצע מחנה אין אַ קעמפנדיקער מחנה, וואָס איז מסוגל צו לעבן און אויסהאַלטן דעם לאַנגן קאַמף.

ניט געקוקט אויף די שווערע ווערטער וואָס איך זאָג זיך אַליין און אונזער מחנה גלויב איך אין דער הויכער קוואַליטעט פון דעם שטאָף פון וועלכן אונזער באַוועגונג איז געוועבט געוואָרן, אין דער קוואַליטעט פון איר מענטשלעכן יסוד. און איך גלויב מיט מיין גאַנצן האַרצן, אַז אונזער

באַוועגונג איז געשאַפֿן געוואָרן פֿאַר גרויסע מעשׂים. איך זאָג דאָס אָן אַ שמץ פֿון גאווה. וואָס מער איך האָב געזען אַנדערע באַוועגונגען אין די לענדער, וואָס עס איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן, וואָס מער איך לערן דאָס לעבן — אַלץ מער און מער ווער איך איבערצייגט: די ארץ־ישׂראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג האָט ניט קיין גלייכן אין דער גאַרער וועלט. און אויך אונזערע באַדינגונגען און אויפֿגאַבעס — האָבן ניט קיין גלייכן. מיר האָבן ניט די מיזראַבעלע ברירות וואָס אַנדערע האָבן. אין טשעכאָסלאָוואַקיע האָט מען געהאַט אַ ברירה. דער דייטשער אַרבעטער האָט געהאַט אַ ברירה: צו קעמפֿן און שטאַרבן, זיך אונטערצוגעבן און לעבן. מיר האָבן ניט די דאָזיקע ברירה: מיר קענען פֿאַרטיליקט ווערן אָדער אויסגעלייזט ווערן. דער אידישער אַרבעטער קען זיין דער אַוואַנגאַרד פֿון פֿאָלק און אין זיין לעבן פֿאַרקערפּערן דאָס בעסטע פֿון דער גייסטיקער ירושה פֿון פֿאָלק, צוציען צו זיך, מיטן כּוח פֿון ליבע און צוטרוי, די גרעסטע מערהייט פֿון פֿאָלק — אָדער זיך אָפּזאָגן פֿון דער דאָזיקער אויפֿגאַבע צוליב אָנ־מעכטיקייט אָדער אומגעדולד, און איבערגעבן די בכורה צו אַנדערע. פֿאַר אונז שטייט די ברירה: נעמען אויף זיך אַ גרויסן יאָך און שטייגן באַרג־אַרויף אָדער זיך אַראָפּוואַרפֿן דעם יאָך און זיך קייקלען באַרג־אַראָפּ.

ווען איך רעד, אויסער די פֿאַרזאַמלונגס־לאָקאַלן, מיט חברים, יחידים, אין שטאָט און אין דאָרף, מיט „אַלטע" און יונגע, זע איך, אַז די הערצער זיינען אָפֿן און וואַך — אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף אַן אָפּפֿרישנדיקן שטורעם, אויף יסורים וואָס לייטערן און דערהויבן. איך דערמאָן זיך די טעג פֿון יסורים און דערוואַרטונג וואָס דער ארץ־ישׂראלדיקער אַרבעטער האָט איבערגעלעבט אין דער פֿאַרגאַנגענער מלחמה. לאָמיר ניט פֿאַר־שווענדן די דאָזיקע עשירות וואָס מיר האָבן אין אונזער באַזיץ. לאָמיר ניט אַנטוישן.

שמועסן מיט דער יוגנט

[רעפֿעראַט ביי, אַ צוזאַמענקום פֿון מדריכים פֿון דער יוגנט־
עליה אין תּל אָביב, יולי 1940.]

...דאָ איז פֿיל גערעדט געוואָרן קעגן פֿאַרווירונג, קעגן אידעאישער אומזיכערקייט. מען האָט זיך געקלאָגט, אַז מען קען די דאָזיקע פֿאַרווירונג געפֿינען ניט נאָר ביי דער יוגנט, נאָר אויך ביי זייערע דערציער (מדריכים). און עס זיינען געווען אַזעלכע וואָס האָבן געפּסלט דאָס רעכט צו זיין יוגנט־מדריכים פֿון די יעניקע וואָס זיינען זיך מודה אין פֿאַרווירונג. איינער האָט געזאָגט: אַ מדריך וואָס איז אומזיכער אין זיין סאָציאַליסטישן גלויבן — איז פּסול פֿאַר זיין אַמט. און אַ צווייטער האָט געזאָגט: אַ מדריך וועלכער איז אומזיכער אין זיין גלויבן אין נצח־ישראל — איז פּסול אַלס דערציער. די וואָס רעדן אַזוי גלויבן מסתמא, אַז זיי אַליין זיינען פֿאַר־פֿאַנצערט קעגן יעטוועדער אומזיכערקייט. איך וויל פֿון אייך ניט פֿאַר־באָרגן, אַז איך האָב ניט דאָס רעכט זיך צו באַרימען מיט מיין פֿאַר־פֿאַנצערטקייט. איך בין ניט בעסער פֿון מיינע ברידער. איך שטיי ניט מחוץ פֿון דער דאָזיקער פֿאַרווירונג. עס איז געוואונטשן, אַז אַ מענטש זאָל פֿון זיך ניט פֿאַרבאָרגן זיין אומזיכערקייט.

און פֿאַרוואָס זאָלן מיר ניט זיין פֿאַרווירט?

מיר האָבן געזען ווי די בעסטע מענטשלעכע אידעאַלן — דער תּמצית פֿון דער קולטור פֿון דורות — זיינען צעשמעטערט געוואָרן און פֿאַר־שוועכט געוואָרן און פֿאַרקויטיקט געוואָרן. איז דען מעגלעך, אַז מיר זאָלן ניט זיין פֿאַרווירט?

דער דור וואָס האָט פֿון זיינע פֿאָרלויפֿער געירשנט די ווערטן פֿון וויסנשאַפֿט און הומאַניזם און ליבעראַליזם און דעמאָקראַטיע, און האָט אַנט־דעקט זייערע חסרונות און פֿאַר זיי געזוכט אַ תּיקון אין דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, אין וועלכן ער האָט זיך זעעליש מתדבק געווען, און האָט זיך איצטער — אין משך פֿון איין דור — שווער אַנטוישט אין זיינע טרעגער און פֿאַרווירקלעכער מכּל המינים — זאָל ער ניט זיין פֿאַרווירט?

דער דור וואָס האָט זיך באַטראַכט ווי אַ העכערער שטאַפּל אין מענטש־לעכן באַרג־אַרויף, אין וויסן און פֿאַרשטאַנד, אין העראָאיזם, אין פֿרייהייט, און וועלכער זעט איצט דעם מענטשן אין זיין פֿאַלן אין אַלע שערי טומאה,

אין קנעכטשאַפֿט און פּחדנות, אין פֿאַלשקייט און פֿאַרראַט און אַבערגלויבן — ממש ווי עס שטייט אין פסוק: „און עס איז געזונקען די הויכקייט פֿון מענטשן" — זאָל ער זיך ניט פֿילן געשלאָגן און באַליידיקט? און אַפֿילו דער יעניקער, וואָס האָט זיין נשמה געראַטעוועט פֿון דער טומאה — זאָל ער ניט זיין פֿאַרווירט?

דער דור וואָס האָט געקעמפֿט אונטער דער פֿאָן פֿון פֿעלקער־באַפֿריי־אונג, וואָס האָט הייך געשעצט די נאַציאָנאַלע ווערטיקייט, וואָס האָט גע־גלויבט אין באַפֿרייענדיקן כּוח פֿון דער נאַציאָנאַלער אידעע, און וועלכער זעט איצט וואָס פֿעלקער האָבן געמאַכט פֿון זייער פֿרייהייט, ווי אַזוי זיי האָבן געפֿעלשט די ווערטער פֿון זייערע באַפֿרייאונגס־זעער, צו וואָס פֿאַר אַ קאַריקאַטור און טירוף די נאַציאָנאַלע אידעע האָט זיך דערקייקלט — זאָל ער איצט ניט זיין פֿאַרווירט?

דער דור וואָס האָט געגלויבט אין אַרבעטער־קלאַס, אַז ער איז דער לעצטער קלאַס, וועלכער וועט בטל מאַכן אַלע קלאַסן און ליקווידירן יעדע פֿאַרשקלאַפֿונג און יעדע פּריווילעגיע און וועט שאַפֿן די באַדינגונגען פֿאַרן אויפֿשטייג פֿון אַ פֿרייען, מוטיקן און גלייכווערטיקן מענטשן, און וועלכער זעט איצט די קלאַסן־אימפּולסן אין זייער קאַריקאַטוריזירטער פֿאָרם און די קלאַסן־אידעע ביי דער מאַכט, אַ מאַכט וואָס פֿאַרלייקנט אַלע פֿאַרשפּרעכנס און מאַכט חוזק פֿון אַלע אירע ווערטן, און דעם מעכטיקן אַרבעטער־קלאַס אין זיין מוראדיקער נויט און זיין גרויסן קריזיס — פֿאַר־וואָס זאָל ער ניט זיין פֿאַרווירט? איז ער ניט פֿאַרוואונדעט געוואָרן ביז די סאַמע טיפֿענישן?

און איך צווייפֿל, צי איך זאָל עס זאָגן: ווען איך זע ווי צווישן אונז גייט אַרום אַ מענטש אַזוי ווי ער וואָלט פֿאַרענטפֿערט אַלע קשיות און פּלאָנטערס אָדער ווי איינער, וואָס פֿאַר אים איז פֿאַרטיק אַ נייער „מורה נבוכים", וועלכער ליגט שוין ביי אים אין קעשענע, אָדער ווי איינער וואָס נויטיקט זיך גאָר אין דעם ניט, וואָרעם זיין קלאָרער פֿאַרשטאַנד איז גאָר קיין מאָל ניט פֿאַרווירט געוואָרן — בין איך חושד, אַז ער לעבט גאָר אין אַנדערע וועלטן, ניט אין אונזער טרערן־טאָל, מיט זיינע קאַטאַקליזמען און יסורים און באַגזלטע האָפֿענונגען, אָדער אפֿשר זעטיקט ער זיך גאָר מיט באַנאַליטעטן, וועלכע גלייכן אויס אַלע קרומקייטן. איך מוז זיך מודה זיין, אַז מיר איז ליבער אַ פֿאַרווירטע און בלאָנדזשענדיקע און אומבאַרו־איקטע נשמה, פֿון אַ נשמה אויף וועלכער עס איז ניט געפֿאַלן קיין שום פּגימה, וועלכע ליגט היינט אויך רואיק אויף אירע אמתן.

מיט אַ קורצער צייט צוריק איז צו מיר צוגעקומען אַ יונגער מענטש, וועלכער איז אויפֿגעוואַקסן אין אונזער באַוועגונג און האָט פֿאַר מיר אויס־

געגאָסן זיין האַרץ, מיט אַ ביטערער — און אויך גערעכטער — קריטיק וועגן פֿאַרשיידענע דערשיינונגען אין אונזער סביבה. ער האָט גערעדט מיט גרויס ביטערקייט: פֿאַרוואָס טוט מען גאָרנישט כּדי די דאָזיקע עוולות צו קאָרעגירן? ער האָט אויסגעדריקט זיין גרייטקייט צו טאָן אַלץ וואָס עס וועט פֿון אים געפֿאָדערט ווערן. און צו אַט די אַלע זאַכן האָט ער צו־געגעבן די הקדמה: זייט וויסן, אַז איך האָב אויפֿגעהערט גלויבן אין סאָציאַליזם, אין גערעכטיקייט, אין יושר — —

עס איז מיר צו דער האַנט געקומען אַ ליד, וואָס האָט מיך דערשראָקן מיט זיין פֿיינצטערן געמיט: אַ יונגער איינוואַנדערער דריקט אויס זיין ביטערן יאוש פֿון זיין באַגעגעניש מיטן לאַנד. יאָרן האָט ער געוואָרט אויף דעם דאָזיקן טאָג, געלערנט העברעאיש, געגאַנגען אין אַ הכשרה־פּלאַץ, געחלומט אויף דער וואָך. און ווען ער איז אַהער געקומען, האָט ער אויס־געפֿונען, אַז זיין האַרץ איז אין מערב — ער איז צוגעבונדן צום שטיפֿ־מוטערלעכן, פֿיינטלעכן לאַנד, זיין לאַנדשאַפֿט און זיין שפּראַך, און דאָ געפֿינט ער פֿרעמדקייט — די שפּראַך איז אים פֿרעמד, דער הימל איז פֿאַר אים פֿאַרשלאָסן, די פֿלאַנץ און דער שטיין רעדן צו אים ניט.

איך בין זיך מודה, אַז אַזעלכע אַכזריותדיקע ווידויים זיינען מיר טייערער פֿון פֿיל לאַיאַליטעט־דעקלאַראַציעס, וואָס זייער פֿאַלשקייט טריפֿט פֿון די ליפּן. וואָרעם דער אינערלעכער אמת קומט פֿריער ווי דער גלויבן. און אויב די נשמה איז צעבראָכן — ווי אַזוי זאָל דער גלויבן זיין גאַנץ? וואָס טויג דער „אני מאמין", אויב דער מענטש איז פֿאַלש?

און איך קוק אַריין אין תּנ"ך, דעם שטענדיק און באַזונדערס היינט אַקטועלן בוך. דאָס בוך פֿון גלויבן פֿאַרדעקט ניט די פֿאַרווירונג און די אומזיכערקייט. ירמיה, דער טרעגער פֿון גלויבנס־וואָרט, פֿאָדערט פֿון גאָט גערעכטיקייט. פֿאַרוואָס איז גליקלעך דער וועג פֿון רשעים? אַט דאָ איז שטענדיק געלעגן די אומזיכערקייט, פֿון דעמאָלט ביז אונזערע טעג, די טעג פֿון היטלער הרשע. און דער תּנ"ך האָט די פֿראַגע ניט אויסגעמעקט, און ער גיט אויף איר קיין ענטפֿער אויך ניט. און אַט איז דאָס בוך איוב, דאָס בוך פֿון גלויבן מיט זיין אומזיכערקייט און פּיין, מיט זיין געוואַלד־געשריי און ווידערשטאַנד קעגן די תּירוצים, וואָס מען טראָגט אים צו. און דאָס גאַנצע בוך זאָגט: גאָט איז ניט אין די תּירוצים. „און גאָט האָט געזאָגט צו אליפֿז התּימני: איך בין אין כּעס אויף דיר און דיינע צוויי פֿריינט, וואָרעם איר האָט צו מיר ניט גערעדט אַזוי אויפֿריכטיק ווי מיין קנעכט איוב".

מיר זיינען די זין פֿון איוב, ניט איובס פֿריינד. וואָרעם מיר זיינען פֿאַרווירט. עס איז בעסער, אַז מיר זאָלן די אומזיכערקייט דורכלעבן מיט

אונזערע אַלע זעלישע כּוחות, איידער מיר זאָלן זי באַהאַלטן. בלויז דער וואָס דרייט זיך ניט אַרויס פֿון אָט־דער אומזיכערקייט און קוקט איר גלייך אין פּנים אַריין — בלויז ער ראַנגלט זיך מיט איר.

מיין כּוונה איז ניט גרינגער צו מאַכן די אויפֿגאַבע פֿונם יוגנט־דער־ציער, נאָר זי שווערער צו מאַכן, האַרבער צו מאַכן, אים צו זאָגן, אַז פֿאַר אים ליגט ניט קיין אויסגעטראָטענער וועג.

אַלע זוכן צו אַנטלויפֿן פֿון דער פֿאַרווירונג, אַלע ווילן געפֿינען אַן אויסוועג. און אויב ניט קיין אויסוועג — איז ווייניקסטנס אַ דערקלערונג. און אוודאי זוכט עס דער יוגנט־דערציער, וואָס צוליב זיין לאַגע און זיין אויפֿגאַבע „טאָר" ער ניט זיין פֿאַרווירט. ער דאַרף דערקלערן, דערפֿאַר דאַרף ער „וויסן". ער דאַרף „איבערצייגן", אַז די לויפֿנדיקע געשעענישן ווידערשפּרעכן ניט זיינע איבערצייגונגען, די איבערצייגונגען צו וועלכע ער דערציט אַנדערע. אָבער דווקא דערפֿאַר דאַרף מען וואָרענען קעגן דער נייגונג זיך אַנצוכאַפּן אָן אַן אויסוועג וואָס פֿירט ניט אַרויס פֿון דער אומזיכערקייט און דערקלערונגען, וואָס דערקלערן ניט. דער דערציער, וואָס זיין אויפֿגאַבע איז אויפֿצוקלערן אַנדערע, דאַרף פֿריער, אַן אינטע־לעקטועלער זעלבסט־נאַרעריי, זיך אַליין קלאָר מאַכן די לאַגע.

מיר האָבן דאָ היינט, אין דעם שמועס, געהערט געוויסע באַמער־קונגען. איך וויל זיך אויף זיי אָפּשטעלן, וואָרעם זיי זיינען מאַטעריאַל צום דענקען.

אָט האָב איך געהערט ווי מען דערציילט וועגן דעם ראַדיאָ, וואָס טוט אַן פֿיל שאָדן. איין שטיקל נייעס ווידערשפּרעכט די אַנדערע און צעקלאַפּט בנינים וואָס מיר האָבן אויפֿגעבויט — הנחות וואָס דער דער־ציער האָט זיי מיט מי איינגעפֿלאַנצט אין דער יוגנט — און עס איז אויך אויסגעדריקט געוואָרן אַ וואונטש, אַז נאָך יעדער ראַדיאָ־שעה זאָל דער מדריך דערקלערן די נייעס, כּדי אויסצומיידן פֿאַרווירונג. יאָ, עס איז זייער גוט ווען דער מדריך איז געשייט און שאַרפֿזיניק און דערפֿינדעריש, אַזוי אַז ער קען אויף דער הייסער מינוט און אויפֿן בעסטן אופֿן פֿאַרריכטן יעדעס מאָל וואָס דער ראַדיאָ פֿאַרוואונדעט אונזערע געפֿילן און אָנשוי־אונגען. און ווען די אַכזריותדיקע לעבנס־געשעענישן וואָלטן זיך צוגע־הערט צו די פּשטלעך פֿון פּיפּיקע מפֿרשים, וואָלט מען אפֿשר מיטן כּוח פֿון אויפֿקלערונג מתקן געווען אַלע פּגימות, וואָס דער ראַדיאָ מאַכט מיט זיינע נייעס. אָבער קען דער דערציער ווערן אַ קאָנטראַקטאָר אויף מאַמענ־טאַלער באַרואיקונג און אויסגלייכונג פֿון קרומקייטן, בעת דאָס לעבן באַ־רואיקט ניט און גלייכט ניט אויס? און אויב עס זאָל דעם מדריך אַפֿילו

געלינגען צו פֿאַרגלעטן די נייעס אַזוי, אַז זיי זאָלן זיך אַריינפּאַסן אין דער ראַם פֿון אונזערע געוואונשענע אָנשויאונגען, איז ער טאַקע זיכער אַז דער פֿאַרשטענדיקער און דער אַליין־דענקענדער יונגער מענטש וועט ניט באַמערקן, אַז דאָס גלאַטמאַכן און גלייכמאַכן פֿונם מדריך איז ניט מער ווי אַ מויל־קונץ, וואָס ענדערט ניט די אמתע פֿאַקטן?

אוודאי זוכט יעדער דענקענדער מענטש אַן אויסוועג און אַן אחיזה אין דעם קאָמפּלעקס פֿון די היסטאָרישע כּוחות, וואָס ראַנגלען זיך אין דער וועלט, און דער יוגנט־מדריך זוכט און דאַרף זוכן צו העלפֿן די וועלכע ווערן פֿון אים געפֿירט. אָבער דער דאָזיקער אָנהאַלט, אויב ער זאָל זיין געבויט אויף עפּעס אַ רעאַליטעט, טאָר ניט זיין קיין קאָניונקטור־זאַך און דאַרף ניט זיין אָפּהענגיק פֿון אַ גוט אָדער אַ שלעכט שטיקל נייעס פֿון דעם ראַדיאָ, פֿון אַ שטיקל נייעס וואָס שמייכלט אונזערע מיינונגען אָדער פּאַטשט זיי אין פּנים. דער וואָס וויל „קאָנקורירן" מיטן ראַדיאָ, דאַרף בלויז „צופּאַסן" דעם ראַדיאָ צו זיינע אָנשויאונגען, אָדער „צופּאַסן" זיי צום ראַדי.אָ.

אויף אונז אַלעמען לויערט די נייגונג צו זען די וועלט־געשעענישן, ווי אונזערע וואונטשן דיקטירן עס. מען האָט שוין געזאָגט: דער וואונטש איז דער פֿאָטער פֿון געדאַנק. ווי איין ביישפּיל דערפֿון, איינער פֿון פֿיל, וועל איך דערמאָנען די פֿאָדערונג צו דערקלערן די מפּלה פֿון פֿראַנקרייך. מען זאָגט: אָט איז אַ שלאָגנדיקער באַווייז, אַז בלויז די רעכטע זיינען עלול געווען צו גיין אויף פּעטענס וועג. די דערקלערונג לעגט זיך אויפֿן שׂכל און שמייכלט אונזער זעלבסט־זיכערקייט. אָבער מעג אַ מענטש מיט אַן אינטעלעקטועלן געוויסן, וועלכער יאָגט זיך ניט נאָך גרינגע נצחונות, זיך באַנוצן מיט אַזאַ דערקלערונג, אָן באַגרעניצונגען? איז מאַנדעל ניט קיין רעכטער? זיינען אין פֿראַנצויזישן אַרבעטער־קלאַס ניט געווען קיין מענטשן, וועלכע האָבן געהאָלפֿן צו צערייסן די פֿאָן פֿון פֿראַנצויזישער פֿרייהייט? איז דאָרטן ניט געווען קיין לינקער פּעטעניזם? האָבן דען די פֿראַנצויזישע קאָמוניסטן — די פֿריערדיקע פֿאַרברענטע פּאַטריאָטן, בעת מאָסקווע האָט געהייסן — ניט געהאַנדלט ווי פּעטענס, נאָך אײדער פּעטען האָט איבערגענומען די מאַכט? האָבן זיי ניט צוגעלעגט קיין האַנט צו דער זעלישער קאַטאַסטראָפֿע פֿון פֿראַנקרייך אין איר קאַפּיטולאַציע פֿאַר היטלערן?

מען האָט דאָ דערציילט, אַז עס זיינען פֿאַראַן יוגנט־מדריכים, וועלכע זיינען דערגאַנגען ביז פֿאָרשלאָגן, אַז מען זאָל אויפֿלייזן די לערן־קרייזלעך פֿאַר סאָציאַליזם. אַנדערע, הערן מיר, טענהן פֿאַרקערט: אדרבא, דווקא איצט, בעת די ליכטער זיינען אויסגעלאָשן און אויף דער וועלט האָט זיך

אַראָפּגעלאָזט די גרויסע פּינצטערניש, איז נויטיק צו האָבן וואָס מער „קורסן אין סאָציאַליזם".

די פּראַגע איז ניט, צי זאָל מען לערנען, נאָר ווי אַזוי זאָל געלערנט ווערן. פאַר אונזער יוגנט, וועלכע לעבט אין אַרבעטער־ישובים, אין מושבי־עובדים, קבוצות און קיבוצים, וועלכע גרייט זיך צו צו אַ לעבן פון אַרבעט ווי בירגער פון דער חלוצישער אַרבעטס־געזעלשאַפט אין לאַנד, איז דער סאָציאַליזם ניט קיין פאָרמעלער לימוד וועלכן מען קען אַריינגעמען אָדער אויסשליסן פון דעם לימודים־פּראָגראַם. די דאָזיקע יוגנט איז צו אונז ניט געקומען פון רייכע פּאַלאַצן, צו וועלכע עס דערגרייכן ניט די ווייטיקן און ווידערשפּרוכן פון דער וועלט. זי איז געבוירן געוואָרן און אויפגע־וואַקסן אין אונזער טרערן־טאָל, אין סאַמע מיטן פון דעם איצטיקן וועלט־קריזיס, און ס'איז מעגלעך, אַז די דאָזיקע יונגע מענטשן האָבן אויפן אייגענעם לייב דורכגעלעבט דאָס וואָס גרעסערע פון זיי האָבן ניט געזען אין דאַכשטיבל פון זייער אינטעלעקט. זיי האָבן איבערגעלעבט די נויט און די געוואַלט און דעם נצחון פון צעווילדעוועטן מענטשן. אין ליכטיקסטן ווינקל פון דער נשמה פון דער יוגנט לעבט דאָס לעכצן נאָכן היפך פון אָט דער ירידה. און פון דער מינוט ווען די דאָזיקע יוגנט קומט אין לאַנד, צווישן די אַרבעטער, אָטעמט זי די לופט פון דער סאָציאַליסטישער אַספּי־ראַציע, וועלכע איז דאָ ניט קיין ליפּן־באַקענטעניש, נאָר אַ ממשותדיקע לעבנס־זאַך. און אויב אַפילו עס זאָל ניט זיין קיין שום מדריך, וואָס זאָל זי „מדריך זיין", וועט די דאָזיקע יוגנט דאַך לעבן דאָס דאָזיקע לעבן און ניט אויפהערן שטעלן פראַגעס און זיך ראַנגלען מיט זיי.

אונטער די דאָזיקע אומשטענדן דאַרף מען פרעגן: צו וואָס זאָל זיי דער דערציער מדריך זיין? וואָס דאַרף זיין דער זינען און די מעטאָדן פון „שטודירן סאָציאַליזם"? איז אויף דער וועלט פאַראַן אַ מענטשלעכע געזעלשאַפט וואָס איז אַזוי נאָענט צו סאָציאַליסטישער פאַרווירקלעכונג, צום זוכן און אויספּרובירן געוואונשענע לעבנס־פאָרמען, ווי די געזעלשאַפט אין וועלכער עס ווערט דערצויגן די יוגנט־עליה? פון וואַנען זאָל דער דערציער שעפּן די סאָציאַליסטישע באַגריפן — וועלכע ער וויל איבערגעבן זיינע האָדעוואַניקעס — פון די טיפענישן פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט און אירע געלעבטע און געשריבענע ווערטן, אָדער פון אימפּאָרטירטע פאַטענט־פלעשלעך?

האָבן די יוגנט־מדריכים געטראַכט וואָס עס דאַרף זיין דער כאַראַקטער פון די „קורסן אין סאָציאַליזם"? האָבן זיי געטראַכט וועגן די לערן־ביכער וואָס מען דאַרף די לערנער געבן אין די הענט? קוקט גוט אַריין אין די קאָנווענציאָנעלע לערן־ביכער — וועלכע פון זיי זיינען צוגעפּאַסט צו זיין

די מורי־דרך פֿון אונזער יוגנט אויפֿן וועג אויף וועלכן זי גייט? קוקט אַריין אין די פּאָפּולערסטע אויפֿקלערונגס־ביכער (און ביי אונז איז מען זיך דאָך נוהג צו געבן די לערנער ביכער, וואָס זיינען באַרימט געווען אין דער יוגנט פֿון די מדריכים פֿון די מדריכים); קען מען דען אין זיי געפֿינען אַן אָנשפּאַר (אויב מען באַנוגנט זיך ניט מיט קיין טערמינאָלאָגישן אָנשפּאַר), קען מען אין זיי געפֿינען דעם פֿאָדעם וואָס זאָל קענען פֿירן דורך דעם אומגליקלעכן לאַבירינט פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, קען מען אין זיי געפֿינען אַן אויסטייטשונג און דערקלערונג פֿאַר די געשעענישן פֿון לעצטן דור, פֿאַר דער מפּלה פֿון דער דעמאָקראַטיע, פֿאַר דער מפּלה פֿון אַרבעטער, פֿאַר אַלע רעוואָלוציאָנערע טראַנספֿאָרמאַציעס, ביז דעם היטלער־סטאַלין פּאַקט? ווען די געשיכטע וואָלט געשטראָמט אין די קאַנאַלן, וואָס זיינען אין די דאָזיקע ביכער אָנגעצייכנט געוואָרן, וואָלטן מיר דאָך איצט געלעבט אין גאָר אַן אַנדער וועלט!

מען זאָגט ביי אונז מיט אַזאַ פּשטות „שטודירן סאָציאַליזם", אַזוי ווי איינער זאָגט: לאָמיר נעמען אַ בוך און אים איינחזרן. און עס פֿאַלט גאָרניט איין צו פֿרעגן, צי די ביכער פֿון וועלכע אונזער דור וועט דאַרפֿן לערנען וואָס ער דאַרף וויסן און וואָס ער דאַרף טאָן, זיינען שוין געשריבן געוואָרן. דעם דערציער ווערן דאָך איצט — דורך זיינע תּלמידים און דורך אים אַליין — געשטעלט פֿראַגעס אויף וועלכע די גרויסע, קלוגע ביכער האָבן ניט געגעבן קיין ענטפֿער, פֿראַגעס וועלכע זיי האָבן אפֿשר גאָר ניט געשטעלט. זיינען דאָך די גרויסע און טיפֿע ביכער (און די קליינע און אויבערפֿלעכלעכע וואָס זיינען פֿון זיי אויסגעוואַקסן) געשריבן געוואָרן אין ליכט פֿון נצחון־מאַרש פֿון דער מענטשלעכער קולטור, פֿון דער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפֿט, פֿון אויבעטנדן מענטשן. אָבער פֿון שורש גאַריבאַלדי איז אַרויסגעקומען מוסאָליני, און פֿון שויס פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע איז אַרויס סטאַלין. איז דען מעגלעך, אַז מיר זאָלן זיך ניט באַמיען צו פֿאַרשטיין וואָס איז דער כאַראַקטער און אורשפּרונג פֿון דעם דאָזיקן „היסטאָרישן אומגליקס־פֿאַל"? און איז דאָס ניט די פֿראַגע וואָס באַשעפֿטיקט דעם מענטשן פֿון אונזער צייט מער ווי אַלע עקאָנאָמישע און סאָציאָלאָגישע פֿאָרמולעס, וועלכע מען חזרט אויס אויף אויסווייניק, אָן ענדערונגען, שוין צענדליקער יאָרן? געפֿינט זיך אין יענע קאַנאָניזירטע פֿאָרמולעס אַן ענטפֿער אויף אָט־דער פֿראַגע?

אָט האָט מען געמאַכט אַ פֿאָרשלאָג צו שטודירן די „אונטערערדישע באַוועגונג". אַ גוטער פֿאָרשלאָג. עס איז אַ קאָנקרעטע טעמע. אין אונזער צייט איז פֿאַרשטענדלעך דער זעלישער הינטערגרונט פֿון אַזאַ פֿאָרשלאָג.

פֿון אַ ראָמאַנטיש־העראָאישן שטאַנדפּונקט זיינען דאָס פּרעכטיקע קאַפּיטלען געשיכטע, ווי אַלע געשיכטע־קאַפּיטלען וועגן מענטשן וואָס האָבן געגעבן זייערע לעבנס פֿאַר זייערע אַנשויאונגען, אָנהויבנדיק פֿון ירמיהו אין חצר המטרה ביז די מקדשי־השם און די מאַרטירער פֿון דער וויסנשאַפֿט, פֿון דער נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונג און דעם סאָציאַליזם. העלדן זיינען געווען די געפּייניקטע פֿאַרן קריסטנטום אין זיין מאַרטירער־פּעריאָד, און העלדן זיינען געווען די וואָס האָבן געליטן פֿון קריסטנטום אין זיין זיג־ און הערשאַפֿט־עפּאָכע. אָבער אויב די כּוונה פֿון דעם דאָזיקן לימוד איז ניט נאָר צו געבן מוסטערן פֿון דער זעלישער קראַפֿט, וואָס איז זיך מתדבק אין גלויבן און טראָגט איבער ליידן און פֿאַראַכט די פּייניקער, נאָר אויך אַ היסטאָרישן מוסר־השׂכּל, אַן אידעאָלאָגישע „אַסעקוראַציע" קעגן יאוש און אָפּהענטיקייט און בלאָנדזשעניש — דאַרף מען פֿרעגן: איז דאָס מעגלעך? האָט די אויסגעהאַלטענע פּראָבע פֿון דער אונטערערדישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד (אין דער צייט פֿון ביסמאַרקס סאָציאַליסטן־געזעץ) געראַטעוועט די דייטשע סאָציאַליסטישע באַוועגונג נאָך דעם אונטערערדישן פּעריאָד? און די לאַנגע אונטערערדישע פּראָבע פֿון קרבנות־רייכן און העלדנהאַפֿטן רוסישן סאָציאַליזם — האָט זי די רעוואָלוציע געראַטעוועט פֿון ברודער־קריג, פֿון טייכן בלוט, פֿון קייטן, פֿון פֿאַרראַט, פֿון אַ נייער אונטערערדישער באַוועגונג? האָט די העראָאישע אונטערערדישע באַוועגונג פֿון דער פּ. פּ. ס. געראַטעוועט דאָס באַפֿרייטע פּוילן? האָט די אונטערערדישע באַוועגונג פֿון אידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד און ליטע און פּוילן, מיט איר גאַנצער רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק און איר עקסטאַז, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט מאַסן מענטשן, געראַטעוועט דעם אידישן אַרבעטער פֿון זיין נעבעכדיקן סאָציאַלן גורל, פֿון זיין סאָציאַלער קראַפֿטלאָזיקייט און פֿון „קנעכטשאַפֿט אין רעוואָלוציע"? איז אין דער אונטערערדישקייט אַליין פֿאַראַן אַ גאַראַנטיע קעגן גרונט־טעותן און שרעקלעך־ריזיקאַלישע פֿעלערן? און האָבן מיר דאָס רעכט, נאָך די אַלע אומגליקן, וואָס מיר און די וועלט האָט איבערגעלעבט, אונזער יוגנט צו געבן דעם שפּיל מיט ראָמאַנטישער באַוואונדערונג אַנשטאָט דאָס ברויט פֿון אידעאישער, פּאָליטישער, סאָציאַלער און קולטורעלער קריטיק? זיך מתדבק זיין מיט העלדישקייט, מיט מוטיקע און דערהויבענע געשטאַלטן — אַוודאי און אַוודאי. אָבער דאַרפֿן מיר אויך פּראַקטיש לערנען פֿון די לערעס און באַציאונגען וואָס הערשן אין דער אונטערערדישער באַוועגונג? מעגן מיר זאָגן וועגן די דאָזיקע קאַפּיטלעך געשיכטע, וואָס אין זיי זיינען פֿאַרבאָרגן אַלע קערנדלעך פֿון גוטן און שיינעם צוזאַמען מיט די קערנדלעך פֿון אונזערע פֿעלערן און אומגליקן: „כּזה ראה וקדש"?

מען האָט דאָ גערעדט וועגן דעם כּוח פֿון פֿאַשיזם אין אונזער צייט און וועגן זיין אַריינדרינגען אין דער נשמה פֿון דער יוגנט. און מען האָט אויפֿגעפֿאָדערט „צו שטודירן דעם פֿאַשיזם". איך צווייפֿל ניט, אַז מיר דאַרפֿן זיך באַקענען מיטן פֿאַשיזם, אים שטודירן, זיך פֿאַרטיפֿן אין אים. מיר דאַרפֿן זיך מיט אים באַקענען ניט נאָר ווי מיט אַן אויסערלעכן שונא, וועלכער וויל אונז פֿאַרניכטן, נאָר אויך ווי מיט אַן אינעווייניקסטן שונא, וועלכער באַדראָט אונזערע אייגענע נשמות. עס איז איצט אויף דער וועלט ניטאָ קיין איין געזעלשאַפֿט, וואָס האָט ניט איר אייגענע „פֿינפֿטע קאָלאָנע", וואָס גראָבט אונטער אירע יסודות פֿון אינעווייניק. מיר זיינען אויך ניט ריין דערפֿון. און כאָטש אונזער „פֿינפֿטע קאָלאָנע" האָט ניט קיין האָפֿענונג אונז צו באַזיגן און באַהערשן, האָט זי דאָך ניט פֿאַרלאָרן די האָפֿענונג אונז צו שעדיקן און חרוב מאַכן. אונזער „פֿינפֿטע קאָלאָנע" וואַרט אויך אויף אַן אויסערלעכער קאָניונקטור, וואָס זאָל איר געבן די געלעגנהייט צו פֿאַרכאַפּן וויכטיקע פּאָזיציעס. די „פֿינפֿטע קאָלאָנע" האָט ביי אונז פֿאַרשיידענע אויסדרוקן. יאָ, עס איז זיכער פֿאַראַן מיט וואָס זיך צו באַקענען און וואָס צו שטודירן.

אָבער די פֿראַגע איז: ווי אַזוי זאָלן מיר שטודירן דעם פֿאַשיזם? הייסט עס שטודירן, ווען מיר חזרן איבער די פּראָפּאַגאַנדיסטישע פֿראַזן, וואָס צירקולירן ביי אונז שוין אַכצן יאָר, און וועלכע מיר האָבן נאָך ניט דורכגעקוקט פֿון דאָסניי, אין אָנגעזיכט פֿון די נייע געשעענישן, אין ליכט פֿון די צוגעקומענע נייע אַנטפּלעקונגען פֿון פֿאַשיזם? מען ווידערהאָלט די איינגעחזרטע באַנאַלע אויסטייטשונגען פֿון פֿאַשיזם, ווי איינע פֿון די מאַכינאַציעס פֿון קאַפּיטאַליזם. שעפּן מיר טאַקע מיט דעם אויס זיין מהות, גיט דאָס טאַקע אַ רעאַליסטיש בילד פֿון אים, שטאַרקט דאָס אונז קעגן אים און קעגן די סכּנות, וואָס ער טראָגט אין זיך?

וואָס פֿאַר אַ ווערט האָבן היינט די אַלע רייד וועגן פֿאַשיזם — דעם קנעכט פֿון קאַפּיטאַליזם און משרת פֿון די גרויסע באַדן־באַזיצער? עס איז אמת, אַז דער פֿאַשיזם האָט, בעת ער האָט עס געהאַלטן פֿאַר נויטיק, זיך פֿאַרדונגען צום קאַפּיטאַליזם, ווי אַ געוויסנלאָזער שאַרלאַטאַן, וואָס פּרובירט דערגרייכן זיין ציל, פֿאַרדינגענדיק זיך צו אַ רייכער אַלמנה כּדי זי צו ירשענען, מיט דער הילף פֿון עראָטישע שמד־שטיק אָדער אַ האַק, אָדער ביידע זאַכן צוזאַמען. בורזשואַזע קרייזן זיינען פֿאַרפֿירט געוואָרן פֿון פֿאַשיזם און האָבן אים איבערגעגעבן זייער מאַכט, אין דער נאַרישער האָפֿענונג אַז ער וועט באַקומען די פּאָליטישע מאַכט און זיי וועלן האָבן דעם פֿאַקטישן כּוח און די פּראָפֿיטן. אָבער האָט דער פֿאַשיזם פֿריער ניט פֿאַרפֿירט מאַסן אַרבעטער, אַרבעטסלאָזע, פּויערים, בעלי־מלאכות און

פראָלעטאַרישע דיכטער און שריפטשטעלער און רעוואָלוציאָנערע יוגנט? האָבן זיי דעם פאַשיזם ניט מפקיר געווען זייער נשמה, אָן וועלכער ער וואָלט ניט געקומען צו דער מאַכט?

וואָס פאַר אַ זין האָבן די באַנאַלע טערמינען „קאָנסערוואַטיוו" און „רעאַקציאָנער" בנוגע דעם פאַשיזם, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַנטפּלעקט ווי אַ רעוואָלוציאָנער־דעסטרוקטיווער כוח, וועלכער איז גרייט צו פאַר־ניכטן דעם קאַפּיטאַליזם און די דעמאָקראַטיע, אויב זיי זאָלן נאָר וואָגן ניט צו פאָלגן זיינע באַפעלן, און וועלכער איז אויך גרייט מיט זיי שלום צו מאַכן, און אַפילו קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג מיטן באָלשעוויזם, כדי ער זאָל ניט שטערן זיין אַלוועלטלעכן דעראָבערונגס־צוג?

מיר האַלטן ניט, אַז מיר פאַרנעמען זיך מיט סאָציאָליסטישער דערציי־אונגס־אַרבעט, בעת מיר רעדן וועגן פאַשיזם, ווי מען האָט וועגן אים גערעדט ווען ער איז נאָך געווען אין די ווינדעלעך, בעת מיר רעכענען אויס זיינע פאַרברעכנס, אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ ליאַדע קעשענע־גנב. דער פאַשיזם איז דאָך שוין מער ניט קיין יונגע פאַרברעכער־באַוועגונג. ער שטייט פאַר אונזערע אויגן אין זיין גאַנצער שרעקנס־געשטאַלט. ער האָט אויפגעהויבן זיין האַק אויף אַלץ וואָס איז אונז טייער. ער וויל פאַרניכטן דעם מענטשלעכן געוויסן אַליין. פאַר אים עקזיסטירט ניט דער באַגריף זינד, ווי עס עקזיס־טריט ניט פאַר אים דער ווערט פון מענטשלעכן לעבן און מענטשלעכע פרייהייט. ער לעבט אין איינקלאַנג מיט זיינע אייגענע געזעצן, ער אַרבעט פאַר זיין אייגענעם ציל. ער האָט דערגרייכט דאָס וואָס קיין אַנדער באַווע־גונג האָט פולשטענדיק ניט דערגרייכט: די איינהייט פון מיטלען און צילן. ניטאָ צווישן זיי קיין ווידערשפּרוך. פאַר דעם פאַשיזם איז דער ליגן און די נידערטרעכטיקייט און די געוואַלט און דער מאָרד און דער סאַדיזם און די פאַרשוועכונג פון דער מענטשן־געשטאַלט ניט קיין „אָפּנויג". זיי זיינען זיין ציל.

מען האָט דערמאָנט, ווי אַ שעדלעכע דערשיינונג אין דער יוגנט, איר באַוואונדערונג פאַר דער קראַפט פון פאַשיזם, איר דרך־ארץ פאַר זיין אַנטשלוס־קראַפט, פאַר זיין טאַט־קראַפט. איך האַלט דאָס פאַר דעם אַמ־מערסטן באַאומרואיקנדער דערשיינונג, ניט דוקא צוליב די פּאָליטישע קאָנסעקווענצן וואָס קענען דערפון אַרויסקומען, נאָר, קודם־כל, צוליב דעם ליכט וואָס עס וואַרפט אויף דער פיזיאָנאָמיע פון אונזער יונגן דור. אין דער באַוואונדערונג פאַר דעם אייזערנעם קנאַפּל, וואָס טרעט איבער אונז, זע איך אַן אַנטפּלעקונג פון דער מיאוסער אַסימילאַציע, אויב ניט עפּעס

ערגערס: אַ כאַראַקטער־פעלער, אַ קנעכטישע אייגנשאַפט. איך האָב מורא, אַז די דאָזיקע אייגנשאַפט פאַרפּאָלגט אונז אויך אין אונזער היימלאַנד.

איך בין ווייט פון באַרעכטיקן וואָסער עס איז אַסימילאַציע, אַפילו צוליב די העכסטע צילן. די מענטשן פון מיין דור, וועלכע האָבן געפונען דעם וועג קיין ארץ־ישראל, האָבן פריער געמוזט דורכברעכן אַלע ווענט פון דער ליבעראַלער און סאָציאַליסטישער אַסימילאַציע, זיך ראַנגלען מיט איר און זי פולשטענדיק בייקומען אין זיך אַליין. מיר האָבן ניט פאַרדעקט די זינד פון דער אַסימילאַציע, אַפילו ווען אירע וואָרטזאָגער זיינען געווען מענטשן וועמען מיר האָבן פאַרערט. איר, דער יונגער דור, האָט געפירט אַ שווערן קאַמף מיט דער קאָמוניסטישער אַסימילאַציע. אָבער אַזאַ מיאוסע אַסימילאַציע ווי די פאַשיסטישע און נאַציִשע אַסימילאַציע האָט נאָך דער שטן ניט געשאַפן. עס איז זיכער ניט קיין צופאַל, וואָס איין יוגנט־מדריך וואָס האָט אונז געוואָלט באַרואיקן מיט דער פאַרזיכערונג, אַז די „אויפוואַקסנדע יוגנט (אין דייטשלאַנד) איז ניט פאַשיסטיש", האָט גאָרניט מיינענדיק צוגעגעבן: „זי איז בלויז אַנטיסעמיטיש"...

איז ניט נויטיק צו פרעגן: פון וואַנען נעמט זיך ביי אַ טייל פון אונזער יוגנט די דאָזיקע באַוואונדערונג פאַר דער מאַכט פון פאַשיזם? איז פריער ניט געקומען אַן אַטמאָספערע פון מאַכט־באַוואונדערונג, וועלכע האָט ניט געהאַט קיין שייכות מיט פאַשיזם? אַ באַוואונדערונג פאַר מאַכט, ניט בלויז ווי אַן אויסדרוק פון מענטשלעכער וויטאַליטעט, נאָר ווי דער וויכטיקסטער, עיקרדיקער פאַקטאָר אין דער לייזונג פון וועלט־פראַגן, אין דער דערגרייכונג פון געגאַרטע צילן; אַפילו ווי דער מאַסשטאַב מיט וועלכן מען דאַרף אָפשאַצן מענטשלעכע ווערטן. האָבן מיר, די ביטערע שונאים פון פאַשיזם, אויך ניט קיין חלק אין דעם, וואָס מען איבערטרייבט אַזוי די באַדייטונג פון מאַכט און מען שטעלט זי אַרויף אויבן־אָן אין דער סקאַלע פון ווערטן? עס איז ניט קיין זייער הויכע מידה, אָבער מענטשן האָבן שטענדיק אָפּלאָדירט דעם „בעל־הצלחה" און געפייפט אויפן „לא־יצלח". אָבער אונזער דור איז אַריבער יעדע גרענעץ: ער איז דערגאַנגען ביז פולשטענדיקן סאָלידאַריזירן־זיך מיטן זיגער און ביז פולשטענדיקן דערווייטערן־זיך פון באַזיגטן, בלויז דערפאַר וואָס ער איז אַ באַזיגטער.

און פון דער אַנדער זייט, זעען מיר אַזאַ דערשיינונג: זוכנדיק צו פאַרשטיין די אומגליקן וואָס פאַטשן אונז אין פנים (און אויך כדי זיך צו באַהאַלטן פון זיי), כאַפּן מיר זיך אָן אַן גרינגע, גליטשיקע פראַזעס, און מיר רעדן וועגן גייסט ווי וועגן דעם קעגנזאַץ פון מאַכט. מען האָט איצט ביי אונז ליב צו רעדן וועגן דער „בלינדער מאַכט". עס איז מעגלעך, אַז עס איז

ניט קיין גרויסער חילוק וואָס פֿאַר אַ טערמינאָלאָגיע מיר נוצן. און דאָך איז אפֿשר כּדאַי, אַז מיר זאָלן פֿאַרזיכטיקער קלייבן אונזערע ווערטער. און עס איז אויך כּדאַי, אַז מיר זאָלן אויפֿן שונא ניט אַנטשעפּען קיין פֿאַרדאַמענדע דעפֿיניציעס, וואָס מיר זיינען ניט זיכער, אַז זיי זיינען ריכטיק. פֿון וואַנען ווייסן מיר, אַז דעם שונאס מאַכט איז דווקא „בלינד״? אפֿשר זעט ער דווקא גאַנץ קלאָר זיין פֿאַר אונז פֿיינטלעכן וועג? און פֿון וואַנען ווייסן מיר, אַז דער גייסט, וואָס מיר רעדן אין זיין נאָמען, איז ניט בלינד, און זעט פֿאַר זיך אַ קלאָרן וועג? און וואָס איז דאָס טאַקע פֿאַר אַ קעגנזאַץ צווישן מאַכט און גייסט? איז טאַקע יעדער גייסט אַ גוטער גייסט, און יעדער וועלכער רעדט וועגן גייסט טוט עס טאַקע אין נאָמען פֿון גוטסקייט און גערעכטיקייט? און ליגט טאַקע דער גאַנצער זינען פֿון מאַכט אין געוואַלט און רשעות? איך ווער ניט נתפּעל פֿון דער דאָזיקער טערמינאָלאָגיע. איך בין ניט גרייט צו זאָגן, אַז יעדע אַנטפּלעקונג פֿון מאַכט קומט פֿון טייוול. און דאָס וואָרט גייסט פֿאַרבלענדט מיך ניט. מ'האָט דאָך קעגן מענטשן אויך פֿיל געזינדיקט אין נאָמען פֿון „גייסט״. האָט טאָרקוועמאַדאַ ניט געהאַנדלט אין נאָמען פֿון „גייסט״? און האָט מען דען ניט געהאַקט קיין מענטשלעכע קעפּ און פֿאַרשוועכט דעם מענטשלעכן גייסט אין נאָמען פֿון „אידעען״?

אונזערע קדמונים האָבן קיינמאָל ניט גערעדט וועגן סתם־גייסט, זיי האָבן אונטערשיידט צווישן גוטן גייסט (רוח טובה) און שלעכטן גייסט (רוח רעה), צווישן גייסט פֿון אמת און גייסט פֿון שקר. דער וואָס האָט געזאָגט „ניט מיט מאַכט און ניט מיט קראַפֿט״ האָט צוגעגעבן „ברוחי״ — („מיט מיין גייסט״) — ער האָט ניט גערעדט וועגן סתם־גייסט. עס איז כּדאַי נאָך אַ מאָל צו לייענען מלכים א׳, קאַפּיטל כ״ב, וואו עס ווערט דערציילט וועגן די „אינטעלעקטואַלן״, די פֿאַלשע נביאים, וועלכע דערמוטיקן דעם מלך אחאב, אַז ער זאָל גיין אין מלחמה, מיטן געשריי „עלה והצלח״ („גיי אַרויס און זיי מצליח״). און וועגן מיכיהו בן ימלה, דעם נביא פֿון וועמען עס איז ניט פֿאַרבליבן קיין קאַפּיטל נבואה, וואָס זיינע געציילטע פּסוקים זיינען נאָך היינט אַזוי לעבעדיק ווי אין דעם טאָג אין וועלכן זיי זיינען געזאָגט געוואָרן:

„איך האָב געזען גאַנץ ישראל צעשפּרייט אויף די בערג, אַזוי ווי שאָף וואָס האָבן ניט קיין פּאַסטוך. — — און גאָט האָט געזאָגט: ווער וועט אָנרעדן אחאבן. — — איז אַרויסגעקומען דער גייסט און האָט זיך גע־שטעלט פֿאַר גאָט און האָט געזאָגט: איך וועל אים אָנרעדן. — — איך וועל אַרויסגיין און ווערן אַ גייסט פֿון ליגן אין מויל פֿון אַלע זיינע נביאים״.

און ווען איז געווען אַ דור וואָס האָט אין אַזאַ מאָס ווי אונזער דור

געזען דעם גייסט פֿון שקר אין די מיילער פֿון אינטעלעקטואַלן און וויסנ־שאַפֿטסמענער און קינסטלער — אויף אַזאַ ברייטן וועלט־מאַסשטאַב?

עס איז אומגערעכט צו אידענטיפֿיצירן די מאַכט מיט דער רשעות. מען דאַרף אונטערשיידן צווישן דער מאַכט וואָס פֿאַרקערפּערט אין זיך די גערעכטיקייט און דער מאַכט וואָס פֿאַרקערפּערט אין זיך די נידער־טרעכטיקייט. שטרעבן מיר טאַקע צו מאַכטלאָזן גייסט?

איך האָב פּרובירט קריטיש אַ בליק טאָן אויף אונזערע באַגריפֿן און דעפֿיניציעס, דערפֿאַר וואָס, לויט מיין מיינונג, שעפּן זיי ניט אויס אין דער גאַנצער טיפֿקייט די אינטעלעקטועלע קעגנערשאַפֿט וואָס מיר פֿילן און מוזן פֿילן צום שונא. און ניט אַלץ וואָס עס הייסט ביי אונז אַנטי־פֿאַשיסטישע דערציאונג דינט דעם דאָזיקן צוועק. די ערשטע אויפֿגאַבע פֿון אונזער קאַמף איז: דעם שונא ניט לאָזן אַריינדרינגען אין אונזער נשמה, אויסצורייסן יעדעס קערנדל וואָס זיין גייסט פֿאַרזייט אויף אונזער באָדן, און כּדי מיר זאָלן דאָס טאָן, דאַרפֿן מיר אַנטבלויזן ניט נאָר זיינע סאָציאַלע וואָרצלען, נאָר אויך זיין זעלישן מהות.

מען שלאָגט ניט נאָר אונזער קערפּער, און ניט נאָר אונזער שונא איזדיעקעוועט זיך איבער אונז. דער דעמאָקראַטישער און סאָציאַליס־טישער לאַגער, וועלכער קעמפֿט איצט מיט די לעצטע כּוחות פֿאַר דער נשמה פֿון דער הומאַנער וועלט, האָט אויך געזינדיקט און געפֿעלשט. אַנטקעגן דעם „כּולו חייב" — האָט ער ניט אָוועקגעשטעלט דעם „כּולו זכאי". עס איז איצט ניט אונזער אויפֿגאַבע צו זוכן די חטאים פֿון מלוכות און זייערע פֿירער, כאָטש מיר ווייסן וויפֿיל זיי האָבן געזינדיקט קעגן זיך אַליין און קעגן דער וועלט און קעגן אונז. מיר פֿרעגן איצט ניט די אַרמייען, וועלכע שטייען איצט אין קאַמף, צי זיי זיינען ראוי צו זיין די דערלייזונגס־אַרמייען. עס איז גענוג וואָס זיי גיבן דער מענטשהייט אַ רעטונגס־שיפֿל אינם ים פֿון בלוט און רשעות. מיר פֿרעגן ניט, צי די קעמ־פֿער ווייסן קלאָר, וואָס עס איז זייער „פֿאַר". אין איצטיקן מאָמענט דאַרפֿן מיר זיך באַנוגענען מיטן „קעגן". אָבער אונזער גייסטיקע וועלט ווערט צעפֿרעסן פֿון מער קאָמפּליצירטע חשבונות. עס איז ניט מעגלעך, אַז מיר זאָלן ניט טראַכטן וועגן די זינד פֿון דער פֿאַרגאַנגנהייט. און אין דער מאָס אין וועלכער מיר האָבן אַ שייכות מיט דער דאָזיקער „נאָענטער פֿאַרגאַנגנ־הייט", האָבן זיי זיך צו אונז אויך צוגעקלעפּט. מיר פֿרעגן זיך די פֿראַגע: האָבן מיר זיך ניט פֿאַרשולדיקט? האָבן מיר ניט פֿאַרראַטן? זיינען מיר ניט אַראָפּ פֿון וועג? עס איז ניטאָ קיין גרינגערע זאַך ווי קלאַפּן „על חטא" אויף יענעמס ברוסט. עס איז ניטאָ קיין גרינגערע זאַך ווי צו וואַרפֿן אַלע

באַשולדיקונגען אויף אַ פֿיינטלעכער פּאַרטיי. אָבער וואָס געווינען מיר אידעאָלאָגיש און וואָס לערנען מיר פֿון אַזעלכע איינזייטיקע באַשולדי־קונגען?

מיר — אין אַרבעטער־לאַגער — זיינען ניט פֿריי פֿון געפֿיל פֿון שולד און טעות. און דערפֿאַר: נחפשו דרכינו. מען דאַרף זיך ניט דערשרעקן פֿאַר דער דאָזיקער פֿאָדערונג, מען דאַרף זי ניט פֿאַרשרייען ווי אַ „כפירה בעיקר". אין דער ספֿערע פֿון רעליגיעזן גלויבן האָבן מיר געלערנט צו אונטערשיידן צווישן רעליגיע און קירכע. אַ מענטש מעג ברענען מיט רעליגיעזן פֿייער און דאָך ניט שפּרינגען „קדוש" פֿאַר אַלץ וואָס די קירכע פֿאַרהייליקט. אַדרבא, עס טרעפֿט אַז אַ גלויביקער, געטריבן פֿון טיפֿער רעליגיעזער איבערלעבעניש, רעוואָלטירט קעגן דער קירכע, ווען ער זעט, אַז פֿון איר האָט זיך אָפּגענומען דער רוח הקודש. דאָס וואָס די גרויסע סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז צעשפּאָלטן געוואָרן אויף פֿילע שפּליטער, האָט לייכטער געמאַכט, אַז דער קירכע־גייסט — דער גייסט וואָס איז פֿיינטלעך צום פֿרייהייטלעך־גייסטיקן שאַפֿן — זאָל אַריינדרינגען אין איר, זאָל זי פֿאַרכאַפּן און באַהערשן. דער מענטש פֿון סאָציאַליס־טישער וויזיע, וואָס זיינע טריט שלאָגן זיך כסדר אָן אָן די שטיינער פֿון דער סאָציאַליסטישער קירכע, דאַרף זיך ניט אונטערגעבן די עקזיסטירנדע אָרגאַניזאַציע־ראַמען און זיך אידענטיפֿיצירן מיט סאָציאַליסטישע קאָנווענ־ציעס. עס זיינען פֿאַראַן צייטן ווען ער מוז פֿון זיך אַראָפּוואַרפֿן דעם באַווע־גונגס־מונדיר, וועלכע איז פֿאַרקויטיקט געוואָרן, און רעוואָלטירן קעגן די „כּוהנים", וועלכע פֿעלשן די וויזיע פֿון סאָציאַליזם און פֿאַרלייקענען זיין סאַמע וועזן.

עס איז אַ ווייטיק צו זען, ווי ניט געקוקט אויף אַלע מפּלות פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן די דאָזיקע שרעקלעכע דערפֿאַרונגען נאָך ניט געפֿונען קיין ערלעכן אויסדרוק, קיין אָנטבלויזנדע, אָפֿענע מוטיקע אָפּשאַ־צונג. די פֿירער פֿון דער באַוועגונג, וואָס זייער וועלט איז חרוב געוואָרן, שרייבן ווייטער אַזוי ווי עס וואָלט גאָרניט געשען. מיר האָבן ניט געזען קיין איין בוך, אין וועלכן עס זאָל געמאַכט ווערן דער חשבון־הנפֿש פֿון דער געשלאָגענער באַוועגונג, אַ בוך וואָס זאָל אָנטשפּרעכן דעם גרויסן קלאַפּ, וואָס זי האָט געקראָגן. דער דור האָט נאָך ניט געפֿונען זיין ירמיהו. מיר האָבן נאָך אַפֿילו ניט קיין איין דאָקומענט, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די סדום־ און עמורה־איבערקערעניש פֿון אונזער צייט. עס איז פֿון דער וועלט אַוועק אַ מאַן ווי אָטאָ באַוער. האָט ער געמאַכט זיין חשבון־הנפֿש? אויב ער האָט עס געטאָן, האָט ער דאָס זיינע תּלמידים ניט איבערגעגעבן. אין פֿאַר־שיידענע ווינקלען זיצן די גרויסע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער. איצט

זײַנען זיי אָרעמע פּליכטלינגען, און איבער זייערע קעפּ פֿאָכעט דעם שונאס שווערד. זיי האָבן פֿיל איבערגעלעבט, און זיי האָבן וועגן וואָס צו טראַכטן און וואָס צו קריטיקירן — אָבער מיר הערן ניט זייערע שטימען.

אין אַ בנין באַוויַיזט זיך אַ מאָל אַ שפּאַלט. דער גוטער בויער, וועל־כער טוט זײַן אַרבעט באמונה, פֿאַרדעקט עס ניט, ער זאָרגט זיך ניט וועגן זײַן רעפּוטאַציע, ער זאָרגט וועגן גורל פֿון בנין, ער פּרובירט פֿאַרמיידן, אַז דער בנין זאָל אײַנפֿאַלן. ער זוכט ניט קיין תּירוצים פֿאַרן אומגליק, ער נעמט אַוועק די צעשפּאָלטענע ציגל און ראַמט אָפּ דעם פּלאַץ פֿאַר נײַע ציגל. אָבער דער בויער וואָס פֿעלשט זײַן אַרבעט איילט זיך צו פֿאַרשטאָפּן דעם שפּאַלט און אים פֿאַרקלעפּן מיט וואָפּנע. און ער איז צופֿרידן, אויב ער שאַפֿט דעם אײַנדרוק פֿון דערפֿאָלג. אָבער דער בנין וועט אײַנפֿאַלן. לאָמיר ניט זײַן קיין פֿאַלשע בויער. ניט אין טאַט און ניט אין מחשבה.

די וועלט איז פֿאַרווירט און צעטומלט, און מיר זײַנען אַ טייל פֿון דער דאָזיקער פֿאַרווירונג. אָבער דער ווייטיק פֿון אונזער אידישער און ציוניס־טישער פֿאַרווירונג טראָגן מיר אַליין. אין דעם ווייטיק האָבן מיר ניט קיין שותּפֿים. און פֿאַרוואָס זאָלן מיר לייקענען אַז מיר ציטערן פֿאַר אונזער גורל? מיט דעם וואָס מיר וועלן דאָס פֿאַרלייקענען וועלן מיר אונזער קראַפֿט ניט פֿאַרגרעסערן.

די פֿראַגע איז ניט, ווי חברים זאָגן: ווען וועט שוין פֿול ווערן אונזער יסורים־כּוס, און ווער האָט מער געליטן, מיר אָדער אונזערע אבות? לאָמיר וועגן דעם ניט דיסקוטירן. מיר זײַנען ניט קיין היסטאָריקער. מען מעג צווייפֿלען, צי אָפּילו היסטאָריקער האָבן די גערעכטע מאָס מיט וועלכער צו מעסטן אַזוינע זאַכן. מיר וועלן זיך מיט די פֿריערדיקע דורות ניט פֿאַרמעסטן אין יסורים. עס איז גענוג וואָס מיר ווייסן און פֿילן, אַז אויף אונז זײַנען איצט געקומען ניט נאָר גרויסע און שווערע ליידן, נאָר אַז דער סאַמע קיום פֿון אידישן פֿאָלק איז איצט אין גרויס געפֿאַר. און די פֿראַגע איז: צי האָט אונזער דור די כּוחות איבערצוטראָגן די דאָזיקע יסורים און ניט געבראָכן צו ווערן?

מיר ווייסן זייער ווייניק וועגן לעבן, וועגן לעבן ממש, פֿון די פֿריער־דיקע דורות. עס טרעפֿט אַז דו עפֿנסט אַ בוך, אַן אַלט בוך, און לייענסט עס פֿון דאָס נײַ מיט אַ באַנײַטער אויפֿמערקזאַמקייט. און דו דערזעסט די געשיכטע אין אַ ליכט צו וועלכן דו ביסט ניט געוואוינט. דער ענין קידוש השם, וועגן וועלכן מען רעדט בײַ אונז מיט אַן איבערגעטריבענער לײַכט־קייט, זעט אויס גאָר אַנדערש ווען דו לייענסט, צום בײַשפּיל, בײַ איינעם וואָס האָט אַליין איבערגעלעבט גירוש־שפּאַניע:

„איך בין פון גלות ספרד פונוואַנען מיר זיינען פאַרטריבן געוואָרן צוליב אונזערע גרויסע און פילע זינד, און די מערסטע וואָס האָבן זיך געגרויסט מיט זייער חכמה האָבן אין ביטערן טאָג פאַרראַטן זייער גלויבן. נאָר די פרויען און די עמי־הארצים האָבן מקריב געווען זייערע קערפּער און האָב־און גוטס פאַר דער קדושה פון זייער באַשעפער".

(יוסף יעבץ, ציטירט אין ש. בערנפעלדס „ספר הדמעות")

און אַן אַנדער ליידן־עדות דערציילט:

„זיי זיינען געווען צוויי מאָל אַזוי פיל ווי די יוצאי מצרים. און אַלע האָבן זיך געטובלט אין דעם פאַרשאָלטענעם וואַסער, און אויסגעמישט געוואָרן צווישן די גוים. און עס זיינען געבליבן ניט מער ווי צוויי־דריי קערנדלעך אויף אַ צווייג".

(יצחק עקריש, ציטירט אין אַן אַרבעט פון א. יערי)

מיר ווייסן זייער ווייניק וועגן אונזער געשיכטע אין די פריערדיקע קריזיס־עפּאָכן. ווער ווייס וויפיל מאָל אונזערע אבות זיינען „איבערגע־זיפּט" געוואָרן, ביז עס זיינען פאַרבליבן די יעניקע, וואָס האָבן געראַ־טעוועט זייערע קערפּערס און נשמות, די יעניקע וואָס האָבן אונז געבראַכט ביז אַהער.

ניט אַריינלאָזנדיק זיך אין פאַרגלייכן צווישן אונזער גייסטיקער וועלט און דער גייסטיקער וועלט פון פריערדיקע אידישע דורות, מעג מען דאָך זאָגן, אַז זיי האָבן דאָך באַזיצט שטאַרקערע זעלישע כּוחות ווי מיר. מיר זיינען געוואוינט צו קוקן אויפן געטאָ־איד ווי אויף אַן איינגעבויגענעם מענטש, וועלכער קאָרטשעט זיך פאַר זיינע פייניקער און אָפּשפּאָטער, ווי אַ מענטש אָן ווערדע־געפיל. אַנטקעגן אים זעען מיר דעם עמאַנציפּאַציע־אידן — דעם באַנקיר, דאָקטאָר, אַדוואָקאַט, שריפטשטעלער, שטאַטסמאַן — ווי אַ פרייען, שטאָלצן מענטש. די זאַך איז אָבער ניט אַזוי ווי זי דוכט זיך אויס פון אויבנאויף — מיר האָבן דאָ פאַר זיך אין דער אמתן אַ מין היס־טאָרישן מאַסקאַראַד. דער געטאָ־איד, דער געשלאָגענער הונט, איז אינער־לעך געווען אַ בן־מלך, אַ פאַריאָגטער בן־מלך. ער איז ניט נתפּעל געוואָרן פון דער ריטערלעכער פּראַכט, ער האָט ניט געזוכט צו זיין גלייך מיט זיי, ער האָט זיך ניט געבויטיקט אין זייער הסכמה, ער האָט זיך אַליין ניט געמאָסטן מיט זייערע מאַסשטאַבן. דער עמאַנציפּאַציע־איד, וועלכער האָט זיך אַרויסגעריסן פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט און פון ענגשאַפט צו רחבות, איז אין דער וועלט אַרומגעגאַנגען מיטן געפיל אַז ער שלעפּט נאָך זיך זיין האָרב. ער האָט זיך אויסגעלערנט אַלע שיינע מאַנירן, האָט איבער־גענומען די ערע־באַגריפן פון דער הערשנדער אָרדענונג, האָט זיך דער־וואָרבן פיל אויסצייכענונגען, אָבער זיין אייגן ערע־געפיל האָט ער פאַר־לאָרן. ער האָט באַקומען „וואַל־רעכט", ער האָט אָבער פאַרלאָרן „דאָס

געפּיל און אויסדערוויילטקייט". ער האָט זיך באמת צו זיין ניט דאָס וואָס ער איז, האָט זיך געמאָסטן מיט פרעמדע מאָסשטאַבן, איז געווען אָפּהענגיק פון דער הסכמה פון זיינע האַרן. ער האָט פאַרלאָרן דעם אייגענעם ווערט־מאָסשטאַב. דער גוי איז פאַר אים געוואָרן די לעצטע מאָס פון שיינקייט און אָנשטענדיקייט. אויף אַלע שטאַפּלען פון זיין דערפאַלג איז ער פאַר־בליבן אַ אידישער וואָרעם, אַ וואָרעם וואָס קאָרטשעט זיך, טראָגנדיק אין זיך דעם פאַרגעפיל אַז צום סוף וועט ער דאָך צוטראָטן ווערן. דאַרף מען זיך חידושן וואָס נאָך עטלעכע דורות פון אַ לעבן אָן אידישער זעלבסט־זיכערקייט געפינען זיך צווישן די דאָזיקע אידן אויך אַזעלכע וואָס קוקן מיט באַוואונדערונג אויף דער נאַצישער מענטשן־חיה?

מיר האָבן געהערט שטימען, וועלכע זאָגן, אַז אין קאַמף קעגן דער אידעאישער פאַרווירונג דאַרף מען ווידער פּראָקלאַמירן די וויכטיקייט פון גלויבן. גלויבן פאָדערט מען פון דער יוגנט. און אוודאי און אוודאי פון די יוגנט־דערציער. דאָס איז אַן ענין וועגן וועלכן ס'איז באַזונדערס שווער צו רעדן. פון וואַנען זאָלן מיר אונזער גלויבן שעפּן? קען מען גלויבן כאַפּן מיט דער האַנט אָדער אים אַרויפצווינגען דורך דער קאָמאַנדע פון אַ לערער?

גלויבן איז אַן ענין גדול, אָבער דעקלאַראַציעס וועגן גלויבן זיינען ניט בכוח צו שאַפן עכטן גלויבן. דורך פאָדערן גלויבן פון דעם צווייטן מענטשן וועלן מיר אין די הערצער קיין גלויבן ניט אָנצינדן.

וואויל איז די גלויביקע! אָבער צי איז יעדע פאַרגלויבטקייט אין זיך אָדער לייכט־גלויביקייט, וועלכע פּראָקלאַמירן זיך אַלס גלויבן, פּעאיק אָנצושטעקן אַנדערע מענטשן מיטן עכטן, אמתן גלויבן?

און ווען איינער זאָגט: „איך גלויב" — פאַרענטפערט ער דען מיט דעם די ביטערע פראַגעס וואָס נאָגן אין האַרצן פון יעדן איינעם וועלכער טראָגט אין זיך די פּיין פון דעם מענטשן אין אונזער צייט און דעם וויטיק פון אידישע עינויים אין דער איצטיקער וועלט?

גאַנץ אָפּט קומט אונז אויס צו הערן וועגן די וואונדער פון גלויבן און וועגן גליק פון גלויביקע. מסתמא ווייסן די מענטשן וואָס זיי רעדן. אָבער מיר דוכט זיך, אַז דער גורל פון דעם אמת גלויביקן וואָס זיין גלויבן — וואָס ער זאָל ניט זיין — איז ניט קיין קאָנוועגציאָנעלע פליכט־זאַך, איז אויך ניט קיין לייכטער. אויב איינער גלויבט אין אַ לעבעדיקן גאָט, וועלכער משפט די וועלט מיט רחמים, מוז ער דאָך איצטער צעררייסן דעם הימל מיט זיין געשריי! און אויב איינער שטעלט זיינע סאָציאָלאָגישע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע אָנשויאונגען אויפן יסוד פון גלויבן (בנוגע זיי

פאַדערט מען דאָך איצט אויך: גלויבן!) איז דאָך אוממעגלעך, אַז ער זאָל אין די איצטיקע טעג זיין גלויבן ניט שטעלן צו אַ שטרענגער פּראָבע. ער מוז דאָך איצט פון זיינע אַנשויאונגען פאָדערן אַן ענטפער, אַ לעבן־און־טויט ענטפער אויף זיינע פראַגעס און ספקות.

און אפשר איז גערעכט געווען מיכה המורשתי, וועלכער האָט וועגן גלויבן געזאָגט: „הצנע לכת”, וועלכער האָט פון גלויבן געפאָדערט צניעות און באַשיידנקייט?

און אויב איינער האָט טאָקע זוכה געווען צו דעם חסד פון גלויבן — האָט ער טאָקע דאָס רעכט צו פאָדערן פון אַנדערע, אַז זיי זאָלן גלויבן אַזוי ווי ער? קענען מיר פאָדערן פון דעם יוגנט־מדריך, וועלכער שטייט נאָך אין אָנהויב פון זיין לעבנס־וועג, אַז ער זאָל האָבן אַזעלכע פעסטע אַנשויאונגען ווי אונזערע חברים פון דער צווייטער עליה? ניט אַלע האָבן דאָך באַקומען אַ צידה־לדרך ווי די וואָס די מענטשן פון יענעם דור האָבן מיטגעבראַכט קיין ארץ־ישראל. ניט אַלע האָבן געהאַט די זכיה אויסצוּוואַקסן ביי די קוואַלן פון אידישן לעבן אין זייער פאָלקסטימלעכער גאַנצקייט, אין זייער אָרגאַנישער וואָרצלדיקייט. ניט יעדער איינער האָט זוכה געווען צו יענער באַפרוכפערנדיקער, געבענטשטער ארץ־ישראלדיקער לעבנס־דערפאַרונג, וואָס קוקט אויף יעדן אומגליק ווי אויף אַ פאַרביי־גייענדיקע כוואַליע, און איז פּעאיק, אונטער אַלע אומשטענדן, צו זאָגן: „גרעין זרעת — בטח!” („דו האָסט פאַרפלאַנצט אַ קערענדל — האָב בטחון”). לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז מיר לעבן אין צייטן ווען אַפילו פעסטע בוימער ווערן אַרויסגעריסן פון זייער באָדן. זיכער איז בלויז די שלעכט־קייט. זי רינגלט אונז אַרום פון אַלע זייטן. עס באַדראָען אונז קאָנקרעטע געפאַרן. טרייסט? דאָס דאַרף יעדער איינער פון אונז געפינען אין זיין אייגענעם האַרצן — און דאָס פאָדערט גרויסע אָנשטרענגונגען.

טרייסט־ווערטער זיינען ניט גענוג, אַפילו ווען דאָס זיינען אַלטע פאַר־הייליקטע פסוקים. אין אַ שלעכטער צייט ציטירט מען ביי אונז זייער אָפט דעם פסוק „נצח ישראל לא ישקר”. איך וועל איצט ניט פרעגן וואָס איז דער אָריגינעלער זין פון דעם דאָזיקן וואָרט, און איך וועל ניט פרעגן וואָס דאָס וואָרט קען באַדייטן איצט; און וואָס און ווער איז דער דאָזיקער „נצח ישראל”. ניט יעדער איינער וואָס באַנוצט זיך מיט דעם דאָזיקן פסוק טראַכט טאָקע וועגן דעם זין פון די דאָזיקע ווערטער. אין דעם פסוק לייגט מען אַריין די אייגענע וואונטשן, אָבער אין האַרצן פון דעם אידן פון אונזער צייט ראַנגלט זיך דער טרייסטנדער פסוק מיט דער וואָר פון דער רשעות

וואָס זוכט אַלצדינג אויסצורייסן מיטן וואָרצל, מיט דער מורא פאַרן אונטערגאַנג.

און איז דאָס אונזער איינציקער פסוק? פון מיינע יוגנט־יאָרן, אין וועלכע איך בין געגאַנגען איבער די טירן פון פאַרשיידענע באַוועגונגען, ביז וואַנען איך האָב דעם גלות געגעבן דעם גט, לעבט אין מיין נשמה אַן אַנדער פסוק, אַ ביטערער ווי דער טויט: „ואבדתם בגויים״ („און איר וועט פאַרלאָרן גיין צווישן די פעלקער״). רב האָט צו דעם פסוק צוגעגעבן: איך שרעק זיך פאַר דעם דאָזיקן וואָרט. יאָגט אונז דאָס דאָזיקע וואָרט ניט נאָך אין אַלע יאָרן פון גלות? ווערט די דאָזיקע קללה פון דער תוכחה ניט מקוים יעדן טאָג — צווישן די הינטערשטעליקע און צווישן די גאָר בכבודיקע צווישן אונז?

און אין די לעצטע יאָרן, וועלכע מיר האָבן באַטראַכט ווי יאָרן פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, פרעסט ניט דער זשאַווער פון אונטערגאַנג די גרויסע מאַסן צענטערן, אין וועלכע מיר האָבן געגלויבט אַז צו זיי וועט עס קיינמאָל ניט דערגיין?

אפשר איז טאַקע בעסער, אַז יעדער איינער פון אונז זאָל זיין גלויבן באַהאַלטן אין זיך, און אַז מיר זאָלן אונזערע ווערטער ניט באַגרינדן אויף גלויבן און אויף זיכערקייט אין דער צוקונפט, אויף דער אַזוי־גערופענער היסטאָרישער נויטווענדיקייט? אפשר איז גלייכער, אַז מיר זאָלן רעדן ניט וועגן דעם וואָס עס וועט זיין נאָר וועגן דעם וואָס עס דאַרף זיין, וועגן דעם וואָס מיר דאַרפן טאָן, כּדי עס זאָל זיין? אפשר זאָלן מיר זיך פאַרלאָזן בלויז אויף אונזער ווילן, אונזער ווילן צו פירן אַ לעבן אין וועלכן עס איז ניטאָ קיין דערנידעריקונג, קיין קנעכטשאַפט און קיין זעלבסטפאַרלייקענונג, קיין לײדיק־גייעריי, עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג? אפשר זאָלן מיר זיך פאַרלאָזן אויף אונזערע באַמיאונגען צו פירן אַזאַ לעבן און אויף דער אייגענער גרייטקייט זיך צו ראַנגלען פאַר אַזאַ לעבן און זיך ניט אונטערגעבן? אברהם שרון, דער העברעאישער פּובליציסט, האַלט, אַז די לערע פון ציוניזם איז אַ ווילנס־לערע, אָן פאַרזיכערונגען אויף דערפאָלג. זיכער איז גרינגער זיך אָנצוכאַפּן אָן אַ געזעלשאַפטלעכער אידעע, וועלכע גיט אירע אָנהענגער גאַראַנטיעס אויף דערפאָלג. מיר לעבן אָבער אין אַ פּעריאָד, אין וועלכער די זיכערקייט איז פאַרשוואונדן און פיל פאַרזיכערונגען האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. אָבער דער אמת פון אַן אמתער אידעע ווערט דורכדעם ניט געמינערט. עס איז ניט שוואַכער געוואָרן די נויטווענדיקייט אָפּצוואַרפן און באַקעמפן יענע דערשיינונגען, וועלכע דאַרפן אָפּגעוואָרפן ווערן און באַקעמפט ווערן.

לאָמיר דערפאַר אין זיך שטאַרקן דעם לעבנס ווילן פון אַ האַרט־

נעקיק פֿאָלק, וואָס איז דורכגעדרונגען מיטן באַוואוסטזיין פֿון דעם אייגנאַרט און איינציקאַרטיקייט פֿון זיין גורל אויף דער וועלט; וועלכער ראַנגלט זיך פֿאַר זיין רעכט מיט אַנדערע און מיט זיך; וועלכער באַמיט זיך דאָס דאָזיקע רעכט צו פֿאַרקערפּערן אין לעבן, און בויגט זיך ניט און בוקט זיך ניט פֿאַרן בייזן.

ווי אַזוי זאָלן מיר דעם דאָזיקן ווילן איינפֿלאַנצן אין אונזערע מענטשן? דאָס איז, גלויב איך, די עיקר פֿראַגע וואָס שטייט פֿאַר אונזער דערציאונגס אַרבעט. דאָס איז אַ פֿראַגע ניט נאָר פֿאַר די יוגנט דערציער, נאָר אויך פֿאַר דער גאַנצער סביבה אין וועלכער אונזער יוגנט ווערט דערצויגן. מיר, וועלכע זיינען איינגעוואָרצלט אין באָדן פֿון ארץ־ישראל און איינגעוויט אין גייסט פֿון שיבת־ציון אין אונזער צייט, זיינען איצט פֿול מיט זאָרג פֿאַר אונזער היים. דאָס דאָזיקע פּשוטע וואָרט באַדייט פֿאַר אונז אַלץ אין דער וועלט און נויטיקט זיך ניט אין פּירושים. ווען עס וועט קומען דער ביטערער טאָג, אין וועלכן מיר וועלן גערופֿן ווערן צו פֿאַרטיידיקן די דאָזיקע היים מיט אַלע שוץ־מיטלען וועלכע וועלן זיך געפֿינען אין אונזערע הענט, וועלן מיר וויסן פֿאַרוואָס און צו וואָס מיר ווערן גערופֿן. אָבער פֿאַר פֿילע וועלכע קומען צו אונז — אָדער וועלכע ווערן געבראַכט צו אונזערע ברעגעס פֿון דערווייטנס און אַפֿילו פֿון נאָענטן (איך האָב מורא אַז אַפֿילו פֿאַר ניט ווייניקע וועלכע זיינען דאָ געבוירן געוואָרן און דאָ אויסגעוואַקסן) — איז ארץ־ישראל נאָך ניט געוואָרן קיין היים. אונזער דערציערישע אויפֿגאַבע איז זיך צו באַמיען אַז דאָס דאָזיקע לאַנד און די גייסטיקע וועלט פֿון וועלכער עס איז אַרויסגעוואַקסן, זאָל פֿאַר זיי ווערן אַ היים צו וועלכער מען איז זעליש צוגעבונדן, מיט וועלכער מען איז אין גאַנצן צוזאַמענגעוואַקסן. דאָס קען אָבער ניט דערגרייכט ווערן אָן אַן אַטמאָספֿער פֿון ליבע־אָן־חשבונות, פֿון אַ ניט־געפֿעלשטן כּבוד־געפֿיל, פֿון צוגעבונדנקייט צום פֿאָלק און זיין גורל און זיין טראַגישער געשיכטע, צו זיינע גייסטיקע ווערטן, צו זיין וויזיע פֿון ווידער־אויפֿלעבונג, וואָס אירע „נאַציאָנאַלע" און „מענטשלעכע", „מאָראַלישע" און „סאָציאַלע" ווערטן קענען אָפּגעטיילט ווערן בלויז אין אונזער ווערטערבוך און אין אונזערע פֿאַרמולעס, אָבער ניט אין זייער לעבעדיקער פֿאַרקערפּערונג.

מיט ליבע און יראת־הכּבוד דאַרף מען פֿאַרן יונגן דור באַלייכטן דעם אידישן מאַרטיראָלאָג. מען דאַרף אים פֿאַנאַנדערוויקלען יענע מגילה פֿון העראָאיזם, זעלבסט־שוץ און מסירת־נפֿש, וואָס ציט זיך פֿון חנהן מיט אירע זיבן זין ביז די קינדער וועלכע היטן אָפּ זייער ציוניזם און זייער העברעאישע קולטור אין די אונטערערדישע גרופּן אין די „באַפֿרייטע

סאָוועטישע געביטן". אין דעם רש"י־חודש, וואָס מיר האָבן ניט לאַנג צוריק געפֿייערט, האָבן מיר געהאַט אַ געלעגנהייט ווידער אויפֿצולעבן די אידישע געשיכטע און די העראָאישע ראַנגלענישן אין דער צייט פֿון די קרייץ־צוגן. מען דאַרף אין די אוצרות פֿון אונזער ליטעראַטור זוכן און צום לעבן ברענגען אַלטע דאָקומענטן און פֿאַרגעסענע ביכער וועלכע זיינען בכוח צו שאַפֿן די אינערלעכע פֿאַרשטענדעניש פֿאַר אונזערע אומאויפֿהערלעכע קאַמפֿן פֿאַרן קערפּערלעכן און גייסטיקן קיום און די אייגנאַרט און זעלבסט־שטענדיקייט פֿון אונזער היסטאָרישן וועג. עס איז אויך כדאי צו סטימו־לירן אַן אינטערעס אין דאָקומענטן און שאַפֿונגען פֿון דער לעצטער צייט: „מגילת דובובה" פֿון רחל פֿיינבערג — די כראָניק פֿון אַ אידיש שטעטל אין די פּאָגראָם־יאָרן אין אוקראַינע; א. ליעסינס היסטאָרישע באַלאַדעס; „מגילת טולצין" פֿון יעקב כהן. איך וויל ניט רעדן וועגן דעם ווערט פֿון יעדער זאַך באַזונדער. איך רעד דאָ וועגן דער גריייטקייט צו פּרובירן, צו וואָגן, צו זען וואָס עס וועט פֿאַרשטאַנען ווערן, וואָס עס וועט אויפֿגענו־מען ווערן.

אַ גרויסע פֿראַגע איז, ווי אַזוי קען מען אין האַרצן פֿון דעם יונגן לייענער שאַפֿן אַ פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער אָריגינעלער העבּרעאישער ליטעראַטור פֿון אונזער צייט? ער איז ווייט פֿון איר, און זי איז אפֿשר אויך ווייט פֿון אים. די יוגנט־דערציער דאַרפֿן זיך ניט באַגרעניצן דווקא מיט נייע ביכער. עס איז אַ פֿליכט זיך צו ראַנגלען מיט „פֿאַרגעסענע" און „פֿאַר־עלטערטע" ביכער. זאָלן זיי ניט דענקען אַז מען דערציט מענטשן הויפּט־זעכלעך דורך פּרעדיקן און ווידערהאָלן טעאָרעטישע פֿאָרמולעס. לאָמיר אונזער יוגנט געבן צו טרינקען פֿון די קוואַלן פֿון אידישן שאַפֿן.

און איבער אַלץ, לאָמיר ניט פֿאַרגעסן דעם תּנ"ך, ווי דאָס בוך וואָס „זיין בלאַט וועט ניט פֿאַרוועלקן", ווי דאָס בוך פֿון די דורות.

דאָ איז אַ סך גערעדט געוואָרן וועגן דער וועלט און אירע פּראָבלעמען. די חברים וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די שמועסן זיינען ניט קיין אויס־געוואָרצלטע אידן, וועלכע עסן קעסט ביי רייכע טישן און האָבן ניט קיין אייגענע ד' אמות; זיי זיינען ניט קיין מענטשן, וואָס די דרויסנדיקע וועלט איז פֿאַר זיי אַלצדינג און די אייגענע וועלט גאָרניט. דאָ האָבן גע־רעדט זין פֿון אידישן פֿאָלק, בירגער פֿון דעם זיך־בויענדן היימלאַנד. זיי האָבן זיך אָבער ניט אָפּגעקערט מיטן רוקן פֿון דער וועלט, און „קיין מענטשלעכע זאַך איז זיי ניט פֿרעמד", אינערלעך לעבן זיי מיט דער גאַנצער וועלט, וויטיקן איר ירידה, ציטערן פֿאַר די איבערקערענישן וואָס זי מאַכט איצט דורך, ליידן פֿון איר רשעות, האָפֿן אויף איר דערלייזונג.

עס האָט זיך געפֿונען איין חבר, וואָס האָט זיך באַקלאָגט אויף דער דאָזיקער „ברייטהאַרציקייט״: וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט דאָס מיט אונז? מיר, דאָס אומגליקלעכסטע פֿאָלק צווישן פֿעלקער, דאַרפֿן האָבן בלויז איין אינטערעס: „בלויז עליה — דאָס איבעריקע איז אומוויכטיק״. דאָס איז געווען אַן איינצלנע שטימע, עס איז אָבער אַ טענה וועגן וועלכער עס איז כדאַי עפּעס צו זאָגן, כאָטש מען האָט שוין וועגן דעם גערעדט ניט איין מאָל. יעדער איינער פֿון אונז דאַרף געבן זיין תשובה אויף דער דאָזיקער פֿראַגע.

די יונגע עולים און די וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט און אָרגאַניזירט די דאָזיקע עליה, נויטיקן זיך ניט אין קיין רעדעס וועגן דער וויכטיקייט פֿון דער עליה. איז דען פֿאַראַן אַ צווייפֿל, צי אַן זיי וואָלט ארץ ישראל בכלל פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לאַנד וואָס נעמט אויף איינוואַנדערער? זיי זיינען דאָך די, וואָס האָבן זינט די טעג פֿון יוסף וויטקינס אויפֿרוף (אין יאָר 1904) גערופֿן צום פֿאַרשנעלערן די עליה אונטער אַלע אומשטענדן. און זיי האָבן ניט נאָר גערעדט וועגן דעם; זיי האָבן דאָך אַליין מקיים געווען און האָבן אַנדערע אַקטיוויזירט אויף וויפֿיל זייער איינפֿלוס האָט דערגרייכט. זיי האָבן זיך אויך ניט אָפּגעזאָגט צו לערנען פֿון יעדן איינעם וואָס האָט געהאַט אַ גוטע עצה ווי אַזוי אויסצוברייטערן די עליה און זי פֿאַרשנעלערן. אָבער דער וואָס זאָגט: „דאָס איבעריקע איז אומוויכטיק״, פֿאַרגרעסערט ניט, נאָר פֿאַרקלענערט די וויכטיקייט פֿון דער עליה. דער וואָס וויל די אידישע באַפֿרייאונג אָרויסרייסן פֿון דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פֿון די ווערטן פֿון מענטשלעכער עטיק און מענטשלעכער באַפֿרייאונג, פֿאַרשטאַרקט דערמיט ניט די האָפֿענונגען אויף אונזער אידישער גאולה. וואָרעם אויב גערעכטיקייט און רעכט און פֿרייהייט זיינען ניט דער גרונט־יסוד, קען מען פֿרעגן: פֿאַרוואָס עליה, פֿאַרוואָס קאָלאָניזאַציע, פֿאַר וואָס פֿאָלקס־רעטונג און אידישע ווידער־אויפֿריכטונג?

עס זיינען פֿאַראַן אידן, וועלכע האַלטן, אַז אַן אומגליקלעך פֿאָלק ווי אונזערער דאַרף בלויז „זאָרגן פֿאַר זיך אַליין״, און ניט טראַכטן וועגן די פּראָבלעמען פֿון דער גרויסער וועלט. זיי זאָגן: די וועלט זאָרגט זיך ניט פֿאַר אונז און מיר דאַרפֿן זיך ניט זאָרגן פֿאַר איר; וואָס גייט אונז אָן די לאַגע אין אַנדערע לענדער? זאָלן אונז ניט אַרן די עוולות פֿון וועלכע פֿעלקער ליידן. דער עיקר איז, אַז מיר זאָלן זיך פֿאַרנעמען מיט אונזערע אייגענע אויפֿגאַבן. די וואָס זאָגן אַזוי, האָבן נאָך ניט באַוויזן, אַז אַ דאַנק דער דאָזיקער איינשטעלונג האָבן זיי מער געשאַפֿן, מער געבויט, בעסער פֿאַרטיידיקט, אַרויסגעוויזן גרעסערע חלוצישע אָנשטרענגונגען. זיי ווייסן ניט, אָדער ווילן ניט וויסן, אַז אַפֿילו שטיפֿקינדער פֿון דער וועלט קענען

ניט לעבן אויסער דער וועלט, און זיי זיינען אויך אָפּהענגיק פון איר גוטס און איר שלעכטס. אַן ערדציטערניש טרעפט אָרעם און רייך צוגלייך און די וועלט־געשעענישן רופן זיך אָפּ אויף דער לאַגע פון רייכע און מעכטיקע, אָרעמע און מאַכטלאָזע פעלקער.

פילע, וועלכע זאָגן, אַז מיר האָבן ניט קיין חלק אין דער וועלט און אירע ראַנגלענישן, באַטראַכטן זיך שוין צוליב דעם פאַר בעסערע נאַציאָנאַלע אידן. אָבער מיט דעם שטאַרקן זיי ניט אונזער קראַפט, נאָר דערנידעריקן אונזער נאַציאָנאַלע באַוועגונג — אַזוי ווי מיר וואָלטן געווען אַ געשיכטלאָזער שבט, אַן וועלכער עס איז קולטור־ירושה. מיר האָבן ניט קיין פּראַקטישע און זעלישע ברירה; מיר קענען ניט לעבן אָן אַ זייט פון די היסטאָרישע פּראָצעסן פון דער וועלט. ווען מיר וואָלטן געפאָלגט די דאָזיקע נאַציאָנאַלע אויפפאַסונג, וועלכע איז שטאָלץ מיט איר „מאָניזם", וואָלטן מיר געדאַרפט פסלענען די תפילה פון ראש השנה, וועלכע בעט ניט נאָר פאַר „ישראל דיין פאָלק און ירושלים דיין שטאָט און ציון דעם וואוין־אָרט פון דיין ערע און פאַרן קעניגרייך פון בית־דוד דיין דערלייזער", נאָר אויך פאַר „אַלע ברואים" אַז „זיי זאָלן מאַכן איין בונד" און „די רשעות זאָל פאַרשווינדן ווי אַ רויך און דו זאָלסט אָפּשאַפן די ממשלה פון בייזוויליקייט פון דער ערד".

מיר גלויבן, אַז די דאָזיקע תפילה, וועלכע ווערט מיט טיפער התלהבות געזאָגט דור נאָך דור, איז אַ טיפערער אויסדרוק פון דעם אידישן נאַציאָנאַלן גייסט ווי אַלע מיזעראַבלע נאָכמאַכונגען פון דעם „דערפאָלגרייכן" פאַלשן נאַציאָנאַליזם פון אונזער צייט.

אונזערע אבות אין סורא און פומבדיתא, אין די פינצטערע מויערן פון געטאָ, אין די קעלערן פון דער אינקוויזיציע, האָבן געדרודפטע און אָפּגעזונדערטע פון דער וועלט, וועגן דער אידישער דערלייזונג געטראַכט ווי וועגן אַ וועלט־געשעעניש פון אַלגעמיין־מענטשלעכער באַדייטונג, אַ געשעעניש וועלכע טראָגט אין זיך וויכטיקע קאָנסעקווענצן פאַר דער פאַרוואַנדלונג פון דער וועלט אין גאָטס קעניגרייך. זאָלן מיר, וועלכע זיינען געגאַנגען אין די שולן פון אונזערע פאַרפאָלגער, איצט זאָגן אַז די העכסטע אויפגאַבע פון אידישן נאַציאָנאַליזם ליגט אין אַרויסרייסן די מענטשלעך־משיחישע אינהאַלטן פון אונזער דערלייזונגס־וויזיע?

ניין, ניט דאָס איז געווען דער ציוניזם פון משה העס, און ניט דאָס איז געווען דער ציוניזם פון הערצלען.

אונזער וועג צו זעלבסטשטענדיקייט און פרייהייט איז ניט דער וועג פון התבטלות פאַר דער דרויסנדיקער וועלט, אָבער אויך ניט דער וועג פון אָפּזונדערונג פון איר.

און איצט עטלעכע קורצע באַמערקונגען וועגן פּראָגעס, פֿון וועלכע מען טאָר בריית ניט רעדן.

אַן עלטערער און באַגלייבטער חבר האָט זיך דאָ באַקלאָגט אויף דער שלעכטער באַציאונג, וואָס מען טרעפֿט ביי אונזער יוגנט בנוגע אונזערע שכנים. דאָס איז אַן ענין וואָס רופֿט אַרויס גרויס זאָרג. עס זיינען צווישן אונז פֿאַראַן מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן וועגן שיטות און פּראָגראַמען, וועגן פּאָליטישע לייזונגען. עס זיינען אָבער ביי אונז קיינמאָל ניט געווען קיין חילוקי־דעות וועגן דער פֿליכט פֿון אַנשטענדיקע און ערלעכע באַציאונגען צו יעדן מענטשן, צו וועלכן פֿאָלק ער זאָל ניט געהערן. דאָס איז פֿאַר אונז אַלעמען געווען און איז דער יסוד־היסודות. אין די קרייזן פֿון דעם אידישן אַרבעטער אין ארץ־ישראל האָט מען זיך באַצויגן מיט פֿאַראַכטונג צו יעדן גרויסהאַלטן זיך און יעדער גראָבקייט און פּראָוואָקאַציע בנוגע דעם שכן. מיר זיינען דאָך ניט געקומען קיין ארץ־ישראל ווי אַ „העכערע ראַסע" פֿון פּלאַנטאַטאָרן און אַרבעטס־געבער, אָדער קאָלאָניאַל הערשער. מיר זיינען געקומען ניט כּדי צו געוועלטיקן איבער אַנדערע, נאָר כּדי זיך באַפֿרייען פֿון דער הערשאַפֿט פֿון אַנדערע איבער אונז. מיר האָבן קיינמאָל ניט געשטרעבט דערצו, אַז מיר זאָלן „זוכה זיין" צו באַהאַנדלען אַנ־דערע ווי זיי האָבן אונז באַהאַנדלט. מיר וועלן זיין צופֿרידן, ווען די אַנדערע וועלן אונז מער ניט באַהאַנדלען ווי זיי האָבן אונז באַהאַנדלט ביז איצט. און אויב עס געפֿינען זיך צווישן אונזער יוגנט מענטשן צו וועמען עס האָט זיך, חלילה, צוגעקלעפּט עפּעס פֿון דעם פֿאַרשאָלטענעם גייסט וואָס מאַכט איצט אַן אַזעלכע חורבנות אין דער מענטשלעכער נשמה, דאַרפֿן מיר עס אויסראָטן מיטן וואָרצל.

און ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט פֿיל איך אַז עס איז מיין פֿליכט צו זאָגן אַ וואָרט וועגן דער פֿאַרזיכטיקייט, וועלכע איז אַזוי נויטיק אין די איצטיקע טעג. עס זיינען פֿאַראַן צייטן, ווען עס איז אַ פֿליכט צו האַנדלען מיט אויסערגעוויינלעכער אויסגערעכנטקייט. לעבן בערגלעך מיט שטרוי טאָר מען ניט אָנצינדן קיין שוועבעלעך. מיר דאַרפֿן זיין גרייט צו באַגע־גענען יעדע צרה, וועלכע מיר וועלן ניט קענען פֿאַרמיידן — אָבער לאָמיר ניט טאָן קיין זאַך וואָס איז זי עלול צו דערנענטערן.

אונזער יוגנט נויטיקט זיך איצטער אין דער בעסטער פֿיזישער אויס־בילדונג, זי דאַרף עס האָבן מער ווי וועלכע עס איז אַנדער יוגנט אויף דער וועלט, וואָרעם עס דראָען איר גרעסערע פּורעניות ווי וועלכער עס איז אַנדערער יוגנט. אויף איר ליגט אַ גרויסע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט. ווען אונזער יונגער מענטש איז הילפֿלאָז אָדער נאַכלעסיק, שטעלט ער אין סכּנה זיין אייגן לעבן און דאָס לעבן פֿון ברידער און שוועסטער. דאָס איז

די העכסטע פֿליכט פֿון אונזער יוגנט, וואָרעם בלויז די פֿיזישע קראַפֿט פֿון דעם וואָס פֿאַרטיידיקט דעם אַנגעגריפֿענעם קען צוימען די רשעות פֿון דעם אַנגרייפֿער. פֿון דעם דאַרפֿן געצויגן ווערן אַלע פּראַקטישע קאָנסע־קווענצן.

אונזער יוגנט רייסט זיך איצט צו דער וואַך, אין דער אַרמיי, צו דער מלחמה. די אומשטענדן גיבן זיי ניט די געלעגנהייט רואיק זיך אָפּצוגעבן מיט בוי־אַרבעט. די יוגנט ווערט איצט גערופֿן צום פֿראָנט קעגן שונא, און עס איז גוט אַז זי זאָל וויסן ווי אַזוי צו באַגעגענען איר שיקזאַל. און דווקא צוליב די געפֿערלעכע, קאָמפּליצירטע און אחריותדיקע אויפֿגאַבן וועלכע וואַרטן אויף אונזער יוגנט, איז נויטיק, אַז מען זאָל ראַטעווען יעדע שעה וואָס איז נאָך פֿאַרבליבן צום לערנען זיך און זיך איינוואָרצלען אין אונזער שפּראַך, קולטור און געזעלשאַפֿט. מען דאַרף מקפּיד זיין עס זאָלן ניט פֿאַרקירצט ווערן די צוויי לערן־יאָרן פֿון דער יוגנט־עליה. מען דאַרף מקפּיד זיין דערויף, אַז דער יונגער עולם זאָל ניט אַרויסגעריסן ווערן פֿון זיין קרייז. לאָמיר פֿון אים ניט אָוועקרויבן די צידה־לדרך פֿאַר דעם לאַנגן וועג. ער וועט זיך אין דער דאָזיקער צידה־לדרך נויטיקן אין דעם פֿראָנט־טאָג. יעדע צוגעקומענע שעה פֿון גייסטיקן וואַקסן און איינוואָרצלען זיך וועט שטאַרקן זיין גייסט און פֿעסטיקן די כּוחות אין וועלכע ער וועט זיך נויטיקן אויפֿן פֿראָנט.

צווי באַמערקונגען

[פון אַ דיסקוסיע ביי אַ קאָנפערענץ פון דעת מפלגת פועלי ארץ־ישראל, טבת, תש״ד (1944).]

פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט

איך בין ניט דער מחבר פון דער „בילטמאָר״־פּראָגראַם. קיין שום מענטש קען מיר ניט „געבן״ קיין אידישע מלוכה. איך ווייס ניט, צי די אידישע מלוכה וועט קומען אָן צעטיילונג, אָדער די צעטיילונג וועט קומען אָן אַ אידישער מלוכה. אויב די כּוחות, וואָס וועלן מאָרגן צווישן זיך צעטיילן די וועלט־הערשאַפט, וועלן באַשליסן, אַז ארץ־ישראל זאָל צעטיילט ווערן, ווייס איך ניט, צי די דאָזיקע צעטיילונג וועט קומען מיט אָדער אָן אַ אידישער מלוכה. ביי אונז זיינען אָבער פאַראַן פונדעסטוועגן פאַראַן מענטשן, וואָס ווילן אַרויסרופן פאַרדאַכטן בנוגע דער פאָדערונג פון אידישער זעלבסטשטענדיקייט דורך דעם, וואָס זיי טשעפּען צו איר צו אַ געהיימע אינטריגע וועגן „חלוקה״.

איך פאַרשטיי ניט: עס זיינען דאָך פאַראַן ציוניסטן וואָס זיינען אין זייער צייט געווען באַגייסטערט פאַר „חלוקה״ — אָבער איצט זיינען זיי גאָר באַגייסטערטע קעגנער פון דער „בילטמאָר״־פּראָגראַם. ווער האָט זיך געקענט פאַרגלייכן אין באַגייסטערונג פאַר דעם פּיל־פּלאַן מיט משה סמילאַנסקי אָדער געוויסע ציוניסטן, וואָס געפינען זיך איצט אין דער אַנטי־„בילטמאָר״ פאַרטיי פון די דייטשע איינוואַנדערער „עליה חדשה״? אָבער איצט זיינען זיי די שאַרפסטע קעגנער פון דער „בילטמאָר״־פּראָגראַם. ווייזט אויס, אַז זיי זעען עפּעס אַ וויכטיקן אונטערשייד צווישן דעם צעטיי־לונגס־פּלאַן און דער „בילטמאָר״־פּראָגראַם. ווען „בילטמאָר״ וואָלט געווען ניט מער ווי אַ נייער נאָמען פאַרן פּיל־פּלאַן, וואָלטן זיי זיך צו דעם ניט פאַרהאַלטן אַזוי קעגנעריש.

איך וויל אויסדריקן מיין באַדויערן וואָס אַ דיסקוסיע וועגן דער צו־קונפט פון אונזער פאָלק און אונזער פּאָליטישער פּראָגראַם אין דעם איצטיקן קריטישן מאָמענט, אַ וויכּוח וואָס פאָדערט אַזויפיל פאַראַנט־וואָרטלעכקייט און אַזויפיל קלאָרקייט, דרייט זיך אַרום צווי פרעמדע ווערטער, וואָס פיל פּאָליטיקער אונזערע האָבן אפשר צום ערשטן מאָל

געהערט אין דער דאָזיקער דיסקוסיע. יאָ, עס איז געווען אַ שטיק גע־שמאַקלאָזיקייט צו פאַרבינדן אונזער פּאָליטישע פּראָגראַם מיטן נאָמען פון עפּעס אַ האָטעל. און אויך דאָס צווייטע וואָרט, „קאָמענוועלט״, טראָגט אין זיך די געפאַר פון ניט־געוואונטשענע אויסטייטשונגען. דאָס אַלטע און בכּבודיקע וואָרט „קאָמאָנוועלט״, וואָס דריקט אפשר אַמבעסטן אויס אונ־זערע טיפסטע באַגערן, האָט דאָך פאַרשיידענע טייטשן. איך פאַרשטיי, אַז אין דער ציוניסטישער פּאָליטיק איז מען גענויגט אויסצוקלייבן טערמינען, וואָס זיינען מער פאַרשטענדלעך דער דרויסנדיקער סביבה. אין דער אַנגלאָ־זאַקסישער וועלט האָט דאָס וואָרט „קאָמאָנוועלט״ אַ גוטן קלאַנג. עס איז מעגלעך, אַז דער טערמין „מלוכה״ „פאַלט שווער״ אויף די אויערן, האָט מען דערפאַר פאַרגעצויגן „קאָמאָנוועלט״, וואָס איז גילטיק סיי פאַר אַ רעפּובליק און סיי פאַר דער בריטישער אימפּעריע — און, אויב איר ווילט, אַפילו פאַר דער „זייאָן קאָמאָנוועלט״.

אפשר וועלן צווישן אייך זיך געפינען אַזעלכע וואָס געדענקען נאָך די ערשטע יאָרן פון פּאָליטישן ציוניזם אָדער האָבן געלייענט דעם פּראָ־טאָקאָל פון דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס און די ליטעראַטור אַרום דעם באַזעלער פּראָגראַם. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט דעמאָלט געקאָכט צוליב די דייטשע ווערטער „עפנטלעך־רעכטלעך״, וואָס די באַזעלער פּראָ־גראַם האָט אַריינגעוואָרפן אין דער ציוניסטישער וועלט. איך בין גרייט צו שווערן, אַז די גרעסטע מערהייט רוסישע ציוניסטן, וואָס האָבן זיך אַזוי הייס געאַמפּערט וועגן דעם, צי עס איז גענוג „רעכטלעך״ אַליין, אָדער עס מוז זיין דווקא „עפנטלעך־רעכטלעך״, האָבן ניט געוואוסט דעם טייטש פון די דאָזיקע ווערטער. עס איז אַ ספק, צי עס איז זיי קלאָר געווען דער טייטש פון די ווערטער אין דעם דעמאָלטדיקן העברעאיש — „משפט גלוי״. זיי האָבן געוואוסט, וואָס עס מיינט „ותחזינה עינינו בשובך לציון״, זיי האָבן פאַרשטאַנען דעם טייטש פון „חדש ימינו כקדם״ — אָבער די פרעמדע טערמינען פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן רעכט האָבן זיי בלויז צעטומלט. און איך גלויב, אַז איצט איז אויך די לאַגע ניט קיין בעסערע.

לאָמיר דערפאַר אָפּלאָזן די טערמינען „בילטמאָר״ און „קאָמאָנוועלט״ און זיך שטעלן אויף אונזער אייגענעם באָדן. חברים וואָס זיינען באַזאָרגט וועגן דעם, אַז די פאָדערונג נאָך אַ „קאָמאָנוועלט״ איז עלול צו דערפירן צו צעטיילונג, זאָגן, אַז מיר דאַרפן פאָדערן (אין איינקלאַנג מיט דער פּאָליטישער פּלאַטפאָרם פון דער מפלגת פועלי ארץ־ישראל צו דעם לעצטן הסתדרות־צוזאַמענפאָר), אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל זיין רעפּרעזענטירט אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום, וואָס וועט געשאַפן ווערן נאָך דער מלחמה. אָבער קען זיין אַ פּלאַץ פאַר אַזאַ פאָדערונג, אויב זי שטייט ניט

אויפֿן יסוד פֿון פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט? עס עקזיסטירט דאָך די באַלפֿור־דעקלאַראַציע, עס עקזיסטירט דאָך דער מאַנדאַט — אָבער זיי האָבן פֿאַר אונז ניט געשאַפֿן קיין פּלאַץ אין דעם פֿעלקער־בונד, אויך ניט אין עוויאַן און אַפֿילו ניט אין בערמודאַ און אין דער „אונרראַ". מיר לעבן אין אַ וועלט, אין וועלכער עס הערשט דער מלוכה־פּרינציפּ. אַזוי איז די היינטיקע פּאָליטישע וועלט, די קאַפּיטאַליסטישע און די סאָוועטישע. די דאָזיקע וועלט אָנערקענט ניט קיין שום רעפּרעזענטאַציע, אויב הינטער איר שטייט ניט קיין שטאַט. און ווי אַזוי קען מעגלעך זיין די רעפּרעזענטאַציע פֿון אידישן פֿאָלק? דורך דעם מאַנדאַט אָדער דער פּראָטעקטאָראַט־מאַכט? דורך אַ בי־נאַציאָנאַלן שטאַט? איך ווייס ניט, צי דער פֿעלקער־בונד וועט ווידער אויפֿגעשטעלט ווערן, אָדער אין דער נאָך־מלחמה וועלט וועט הערשן אַ טריאומוויראַט פֿון די דריי גרויסע מלוכות. דאָס ווענדט זיך ניט אָן מיר. אָבער אַפֿילו אויב ס׳זאָל יאָ רעאָרגאַניזירט ווערן דער פֿעלקער־בונד — וואָס פֿאַר אַ טייל וועלן מיר האָבן אין אים? אין פֿעלקער־בונד וועלן זיין פֿאַרטראָטן מצרים און איראַק און סאַאודי־אַראַביע — און אפֿשר תּימן און האדראַמוט. וועלן מיר דאָרטן אויך זיין פֿאַרטראָטן? דאָרטן וועלן זיין פֿאַרשיידענע פֿאַקטאָרן, וואָס וועלן וויסן וואָס זיי ווילן לגבי ארץ־ישראל. ווער וועט זיך וועלן קריגן — צוליב אונז?

און אויב עס וועט געשאַפֿן ווערן אַ פֿעדעראַציע פֿון די לענדער פֿון מיטל־מזרח, און דאָרט וועט זיין פֿאַרטראָטן דער פֿאַרשטייער פֿון דער פּאַלעסטינער מלוכה — ווער וועט פֿאַרטרעטן דאָס אידישע פֿאָלק אין אָט דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע? און אויב עס זאָל געשאַפֿן ווערן דער בי־נאַציאָנאַלער שטאַט, וואָס דער „השומר הצעיר" האָט שוין אין קעשענע — וועט די העלפֿט אָדער דריטל פֿאַרשטייער זיינע פֿאַרטרעטן דאָס אידישע פֿאָלק אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן פֿאָרום?

איך שעם זיך, וואָס איך בין געצוואונגען אין אָט דער געזעלשאַפֿט קלאָר צו מאַכן אַזעלכע זאַכן, אַזוי ווי מיר וואָלטן צוזאַמען ניט געוויייטיקט און ניט געווען באַקאַנט מיט זיי אין דער גלייכער מאָס. ניט מיר האָבן אַנולירט דעם מאַנדאַט, און אויב מען וויל צוריק אויפֿלעבן דעם מאַנדאַט — דאַרף מען פֿרעגן: ווער וועט אים מחיה מתים זיין? אַ פֿאָלק קען קעמפֿן פֿאַר זיין זעלבסטשטענדיקייט, אַפֿילו אויב אויסערלעכע כּוחות ווילן דאָס ניט דערלאָזן. קען אַ פֿאָלק קעמפֿן דערפֿאַר, אַז עמעצער זאָל עס נעמען אונטער זיין שוץ — בעת די פּראָטעקטאָרן ווילן עס ניט? פֿון אויבן אויף איז דער מאַנדאַט ניט אַנולירט געוואָרן. דאָס וואָרט עקזיסטירט. אָבער צו וואָס איז עס מחייב? די גאַנצע וועלט ווייס, אַז אַ מאַנדאַט איז אַן איבער־גאַנגס־צושטאַנד. די פֿראַגע איז: וואוהין דאַרף ער אונז פֿירן? אויב

זיין אויפֿגאַבע איז שאַפֿן די באַדינגונגען פֿאַר אַ אידישער מלוכה — איז דאָס איין מאַנדאַט. אויב זיין אויפֿגאַבע איז שאַפֿן אַ פּאַלעסטינער מלוכה — איז דאָס גאָר אַן אַנדער מאַנדאַט. בעת דער מאַנדאַט איז אַריין אין קראַפֿט, האָט מען געזאָגט, אַז ער האָט אַ באַשטימטע אויפֿגאַבע — שאַפֿן די אידישע נאַציאָנאַלע היים. זינט דעמאָלט זיינען זיינע אויפֿגאַבן געביטן געוואָרן אַזוי אָפֿט, ווי מען בייט הענטשקעס. מען האָט ביי אונז ליב געוויסע פּאָלי־טישע טערמינען, מען האַלט זיך ביי זיי און מען שפּאַרט זיך אַרום זיי — און מען טראַכט זיך ניט אַריין אין זייער קאָנקרעטן אינהאַלט. שטויסט אונז טאַקע אָפּ דער טערמין בי־נאַציאָנאַלער שטאַט? וואָלטן מיר זיך דער־שראָקן פֿאַר דעם דאָזיקן טערמין, ווען ער וואָלט אַריינגענומען אַ גרויסע אידישע עליה, אידישע קאָלאָניזאַציע און אידישע קולטור? האָבן מיר טאַקע געוואָרפֿן סתם אַן אומחן אויפֿן מאַנדאַט? כּל זמן מיר האָבן געהאַט מעגלעכקייטן איינצוואַנדערן און בויען אין די גרענעצן פֿון דעם מאַנ־דאַט, האָבן מיר אויך אָנגענומען זיינע ביטערע זייטן — און אים ניט אָפּ־געפֿרעגט. אָבער אַט האָבן מיר זיך איבערצייגט, און באַזונדערס האָבן מיר עס איבערגעלעבט אין די פֿיר מלחמה־יאָר, אַז דער מאַנדאַט איז געוואָרן אַן אינסטרומענט אויף איבערלאָזן אונזערע ברידער אין היטלערס נעגל, אַז ער דינט זייער שיין אונזערע פֿיינט. און אַט פֿאָדערט מען, אַז מען זאָל ווידער אויפֿלעבן דעם מאַנדאַט — אונטער אַלע אומשטענדן, וואָס זיין אינהאַלט זאָל ניט זיין, אַבי אָפּצוהיטן די ראַם? און פֿון וואַנען ווייסט איר, אַז איר האָט דעם כּוח אים ווידער אויפֿצולעבן? אפֿשר איז אין אַ נייער פּאָליטישער וועלט־סיטואַציע לייכטער אונז צו געבן ארץ־ישראל ווי אַ נייעם מאַנדאַט? איך בין ניט קיין בן בית ביי די וועלט־הערשער און איך ווייס ניט — נאָך אונזערע דערפֿאַרונגען פֿון די לעצטע יאָרן — צי זיי ווילן אונז נאָך איבערלאָזן וועלכן עס איז לעבנס־ווינקל אין דער דאָזיקער וועלט — אָדער ניט. קיינער קען ניט וויסן וואָס די וועלט־הערשער ווילן אונז געבן — מיר קענען בלויז וויסן, וואָס פֿון זיי צו פֿאָדערן.

און זאָל מען אונז ניט שרעקן מיט אַן איבערפֿלוס פֿון נאַציאָנאַלער סאָווערעניטעט, זיינען מיר דען אַזוי נאַאיוו, אַז מיר זאָלן חלומען וועגן אַבסאָלוטער סאָווערעניטעט? אַפֿילו גרעסערע פֿעלקער ווי מיר זיינען איצט ווייט פֿון אַבסאָלוטער סאָווערעניטעט. מיר רעדן וועגן אַ באַשטימטן ענין — וועגן דער מאָס פֿון זעלבסטשטענדיקייט וואָס זאָל מעגלעך מאַכן אונזער איינוואַנדערונג, אונזער אויפֿבוי און אונזער נאַציאָנאַלן קיום. זאָרגט זיך ניט, טאָמער וועט אונז פֿעלן אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנטראָל. ער וועט אונז ניט פֿעלן.

איך בין ניט קיין בר סמכא, ווען עס קומט צום „מאָרגן" און די

„כּוחות פֿון מאָרגן". איך צווייפֿל, בכלל, צי עס איז פֿאַראַן עמעצער אין דער וועלט, וואָס ווייס יאָ ווער זיי זיינען. אונזערער אַ חבר האָט אונז געזאָגט אַז „די כּוחות פֿון מאָרגן" זיינען ענגלאַנד, רוסלאַנד און אַמעריקע. אויב אַזוי איז דאָך ניטאָ קיין געוואַלדיקער אונטערשייד צווישן „נעכטן" און „מאָרגן". די דאָזיקע „כּוחות פֿון מאָרגן" זיינען דאָך געווען אויך נעכטן.

מיר לעבן אין אַ וועלט, וואָס מאַכט פֿון נביאים — ליגנער. מיט אַ יאָר אָדער צוויי צוריק האָט מען אין דער גרויסער וועלט פֿיל גערעדט וועגן פֿעדעראַליזם. עס זיינען דערשינען אַן אַ שיעור ביכער און בראָשורן, וואָס האָבן רעקאָמענדירט דעם פֿעדעראַציע־פּרינציפּ ווי אַ תּרופֿה פֿאַר אַלע צרות, ווי אַן אָנספֿקדיקן מיטל צו ליקווידירן אַלע קאָנפֿליקטן. באַלד האָבן זיך ביי אונז געפֿונען חכמים, פֿרייע פֿון יעדן שאָוויניזם און ענגהאַרציקייט, וואָס האָבן געזאָגט: איצט בעת דער פּרינציפּ פֿון קליינע מלוכות האָט באַנקראָטירט — אָט דער פּרינציפּ, וואָס צוליב אים זיינען אויף דער וועלט געקומען אַלע צרות און מלחמות — און די גאַנצע אויפֿגעקלערטע מענטשהייט שטרעבט צו גרויסע פֿעדעראַציעס, און דער אָדער יענער באַרימטער פּראָפֿעסאָר שרייבט אַזוי צי אַזוי, ווילט איר גיין צוריק צו דער פֿאַרגאַנגענהייט? און אָט האָבן מיר זיך איין טאָג אויפֿגעכאַפּט און זיך דערוואוסט, אַז עס איז געקומען דער שוחט און האָט געשאָכטן די פֿעדעראַציע — און דער וואָס וואָגט איצט צו רעדן וועגן פֿעדעראַליזם איז אַ רעאַקציאָנער און אַ שונא פֿון דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. און וואָס וועט זיין, אַז מאָרגן וועט פּראָקלאַמירט ווערן, אַז דער מאַנדאַט אָדער דער בי־נאַציאָנאַלער שטאַט גראַמט זיך ניט מיט די „כּוחות פֿון מאָרגן"?

מיר ווייסן נאָך ניט, וואָס עס וועט זיין דער פּאָליטישער פּרינציפּ, וואָס וועט הערשן אין די באַציאונגען צווישן פֿעלקער און מלוכות אין דער נאָך־מלחמה־תּקופֿה. עס זיינען אָבער אויך פֿאַראַן מעגלעכקייטן, וועגן וועלכע מיר האָבן אַפֿילו ניט געחלומט. אפֿשר וועלן מיר גאָר דעמאָלט שטיין, ווי אין 1815, אין דער צייט פֿון דער „הייליקער אַליאַנץ", פֿאַר אַ צעטיילונג פֿון די איינפֿלוס־ספֿערן צווישן די דריי וועלט־גיגאַנטן? די מאַדאַם היסטאָריע איז זיך נוהג פֿון צייט צו צייט מכבד צו זיין מיט אַן אַלטן געקעכטס אין אַ נייעם סאָוס. און ווען איך זע פֿאַר זיך אַזאַ מעגלעכקייט, פֿרעגט איך זיך: וואָס וועט זיין דער גורל פֿון די קליינע פֿעלקער אין אַזאַ וועלט? וועלן זיי דען אַלע, קליינע און מיטלמעסיקע, ניט ווערן די וואַסאַלן פֿון די דריי גיגאַנטן? וועט דאָס ניט זיין אַ מין נייער פֿעאָדאַליזם?

און באַזונדערס פֿון אונזער שטאַנדפּונקט: דראָט אונז ניט אַ נייע אַסימילאַציע, וואָס מיר וועלן גאָר ניט זיין בכּוח זיך איר אַנטקעגן צו

שטעלן? אין אוניווערסאַלע רעזשימען, וואָס קאָנטראָלירן די עקאָנאָמיק און פּאָליטיק, די טעכניק און די וויסנשאַפט און די אַרמיי, איז מעגלעך, אַז אויך נאָך אַלע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען און אויטאָנאָמיעס זאָל קומען אַן אַסימילאַציע־כוואַליע, וואָס מיר האָבן נאָך ניט געזען איר גלייכן.

עס איז ניט שווער צו טיילן מיט איין האַנט די קליינע פעלקער כל־ערליי רעכט, שטיצן זייערע טעאַטערן און אַזוי ווייטער, און מיט דער צווייטער האַנט שאַפן באַדינגונגען וואָס זאָלן פירן צו דעם פאַרטושן פון זייער נאַציאָנאַלער אייגנאַרט און צו פרייוויליקער אַסימילאַציע. און וואָס איז שייך אונז, וואָס די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז נאָך פאַר אונז אויך אַ ווייטער אידעאַל — קענען מיר זיך פאַרשטעלן צו וואָס פאַר אַ פאַר־ניכטונגס־שטורעמס מיר וועלן אויסגעשטעלט ווערן?

ענגלאַנד איז באַרימט דערמיט, וואָס זי צווינגט ניט אַרויף איר קולטור אויף די איינגעבוירענע, און זי האָט אויך ניט קיין אַפּעטיטן פאַר קולטור־רעלער עקספּאַנסיע. און אָט ווירקט צווישן אונז דער „בריטישער ראַט" [אַ מלוכה־אָרגאַניזאַציע פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון ענגלישער קולטור], און מען רעדט שוין ביי אונז וועגן עפענען אַן ענגלישע אוניווערזיטעט אין ירושלים.

אין אָט דער וואונדער־וועלט, אין דער וועלט פון סינעמאַ־ און ראַדיאָ־קולטור, אין אָט דער שפע פון ענגלישע און אַמעריקאַנער און רוסישע פילמען, פון אינטערנאַציאָנאַלער מוזיק, אין דעם רייכטום פון וועלט־ליטעראַטור, וואָס פאַרפלייצט אונזער אָרעמען ווינקל, מיט דער מעגלעכקייט צו מאַכן אַ קאַריערע, וואָס ווערט געגעבן יעדן איינעם, וואָס איז גרייט זיך צוצופּאַסן צו דעם געשמאַק פון דער פרעמדער מאַכט, וואָס מוז, אָביעקטיוו גענומען, פאַרשפּרייטן אַסימילאַציע, און באַזונדערס די וואָס זיינען גרייט זיך צוצופּאַסן אין אַ מאַקסימאַלער מאָס — ווי אַזוי קען אַ קליין פאָלק זיך קעגנשטעלן דעם איינפלוס פון אַסימילאַציע? און ווי אַזוי וועט עס קענען זיך קעגנשטעלן, ווען אויך יענע שווץ, וואָס עס געניסט אַ דאַנק זיין כמו־מלוכהשקייט, קען אים ניט שטענדיק ביישטיין? און ווי אַזוי וועט עס קענען זיך קעגנשטעלן ניט אין משך פון איין טאָג אָדער איין יאָר — נאָר אין משך פון דורות?

וועלן די גרויסע מלוכה־בלאָקן באַשיצן די קולטורעלע אייגנאַרט פון די קליינע פעלקער — אָדער זיי פאַרניכטן? קיין לאַנד האָט אַזוי פיל ניט געטאָן פאַר זיינע פעלקערשאַפטן, צווישן זיי האַלב און נאָך ווייניקער קולטורעלע, ווי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד. די סאָוועטישע פּאָליטיק האָט פון זיי געפאָדערט זיך ניט צו אַסימילירן. אדרבא, זי האָט זיי באַזאָרגט מיט די אינסטרומענטן פון אַ נאַציאָנאַלער קולטור: טעאַטערן און שולן, ליטע־

ראַטור און אַן אינטעליגענץ. דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד קען מיט רעכט זאָגן, אַז ער האָט די שוואַכע פֿעלקער באַהאַנדלט אַזוי, ווי עס האָט ניט געטאָן קיין שום אַנדערע מלוכה. עס זיינען געווען פֿאַלן ווען דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָט זייער קולטור באַשאַפֿן בידים, מיט זיינע אייגענע הענט. און פֿונדעסטוועגן: אַ פּאָליטישע סיסטעם פֿון שאַפֿן נאַציאָנאַלע קולטור איז איין זאַך, און אָביעקטיווע פּראָצעסן און מאַכט־אינטערעסן — איז אַן אַנדער זאַך. און די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, אַדמיניסטראַטיווע און קולטורעלע צוצי־קראַפֿט פֿון דעם מערהייט־פֿאָלק איז אַזוי גרויס, אַז פֿון די אַלע מעגלעכקייטן וואָס זיינען געגעבן געוואָרן די מינדערהייט־פֿעלקער, קען גאָרניט ווערן אין די פּראָצעסן פֿון אַסימילאַציע און דורך דעם פֿאַרלוסט פֿון דעם נאַציאָנאַלן פּרצוף־פּנים. דעמאָלט קען אויך קומען אַ באַשטימטער פּאָליטישער קורס, וואָס וועט שוין דעם ענין פֿאַרענדיקן. מיר האָבן איצט געלייענט וועגן אַ נייעם געזעץ, וועגן דער פֿליכט צו לערנען רוסיש אין די שולן פֿון אַלע אַנדערע פֿעלקער פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. איז דאָס אַן אָנזאָג אויף אַזאַ קורס?

מיר דוכט זיך, אַז אין דערווירקלעכער וועלט פֿון מאָרגן, אין וועלכער פּאָליטישע מאַכט־עלעמענטן און מעכטיקע ניוועלאַציע־פּראָצעסן וועלן שפּילן אַזאַ ראָליע, דאַרף יעדעס ברעקל פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט זיין פֿון דער גרעסטער וויכטיקייט פֿאַרן גורל פֿון אַ פֿאָלק, שוין פֿון שטאַנדפּונקט פֿון זיין עקאָנאָמישן און קולטורעלן קיום. צווישן דער ערשטער און דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן מיר עפּעס געלערנט וועגן דעם כּוח פֿון עטאַטיזם לגבי פֿעלקער, וואָס זיינען פֿון אים אָפּהענגיק. מיר האָבן געזען, וואָס די אידן פֿון פּוילן, ליטע און רומעניע האָבן דורכגעמאַכט אין „נאָרמאַלע צייטן”. אין דער איצטיקער מלחמה האָבן מיר געזען וואָס דער עטאַטיזם האָט געטאָן צו די אידן אין טערקיי. פֿאָדערט זיך טאַקע אַזאַ גרויסע פֿאַנטאַזיע, כּדי זיך פֿאָרצושטעלן, וואָס עס וועט זיין אונזער עקאָנאָמישער גורל און קולטורעלער פּרצוף־פּנים אונטער אַ פֿרעמדער מאַכט, אַפֿילו ווען דאָס זאָל זיין בלויז אַ פּראָטעקטאָראַט־מאַכט? האָבן מיר דען ניט געלערנט, אַז אַ פּראָטעקטאָראַט איז אַ „קרוב לעצמו”, און ער הערשט איבער אונזערע ענינים — די סאַמע לעבנס־וויכטיקע: אינדוסטריע, טאַריפֿן, עקספּאָרט און אימפּאָרט — ווי זיי וואָלטן געווען זיינע? האָבן מיר ניט געלערנט אויף אונזער אייגן לייב, אַז ווען עס קומט אַ צרה אָדער אַ פּלאָנטער, איז ער שטענדיק גרייט אונז צו מאַכן פֿאַר דעם קרבן פֿון זיינע אינטערעסן?

אַנטי־בריטיש און אַנטי־סאָוועטיש

מען רעדט ביי אונז אַמאָל, ווי עס וואָלט צווישן אונז געווען, פֿון איין זייט, אַנטי־בריטישע און פֿון דער אַנדער זייט — אַנטי־סאָוועטישע עלעמענטן. די דאָזיקע רייד ברענגען אונז פֿיל שאָדן כלפּי חוץ און כלפּי פּנים.

עמעצער האָט דערמאָנט די „שנאה צום סאָוועטן־פֿאַרבאַנד", וואָס מען געפֿינט ביי געוויסע קרייזן. וואָס מיינט עס? מעג מען אַזוי נוצן דאָס וואָרט „שנאה"? ווער זיינען זיי דאָס — די „שונאים"? מענטשן וואָס האָבן דאָרט פֿאַרלאָרן זייערע נחלות און זיי זיינען ברוגז, וואָס מען האָט ביי זיי אָוועקגענומען זייערע פּריווילעגיעס? האָבן זיי פֿיינט דעם רוסישן פֿאָלק, די רוסישע שפּראַך, די רוסישע ליטעראַטור? זיינען די חשבונות, וואָס זיי האָבן מיט רוסלאַנד בלויז זייערע חשבונות — ניט אונזערע אַלעמענס חשבונות? און די באַגייסטערטע חסידים פֿון סאָוועטן פֿאַרבאַנד — זיינען זיי פּטור פֿון אַזעלכע חשבונות?

און אפֿשר זאָלן מיר פֿרעגן: וואָס איז אַזוינס „שנאה"? איז יעדעס וואָרט, וואָס עס געפֿעלט ניט די מאַכטהאָבער — שנאה? איך, צום ביישפּיל, בין זייער ווייט פֿון אַנטי־בריטישקייט. וועל איך זיך דערפֿאַר אָפּזאָגן פֿון אַרויסגעבן אַ קריטיש בוך וועגן ענגלאַנד? איך שעץ זייער הויך טשוירטשילס ראָליע אין דער וועלט־געשיכטע — מוז איך דערפֿאַר אַפּלאָדירן אַלץ וואָס ער טוט און זיך אָפּזאָגן פֿון מיין רעכט אים צו זאָגן ווי איך זע אים לגבי אונזער פֿאָלק, לגבי אינדיע, לגבי דער ענגלישער אינערלעכער פּאָליטיק? איך ווייס, אַז מיר זיינען אַ קליין, שוואַך פֿאָלק, און פֿיל דורות האָט מען אונז געלערנט צו זיין נידעריקער פֿון גראָז און שטילער פֿון וואַסער. נאָכדעם ווי מיר האָבן רעוואָלטירט קעגן אונזערע עלטערן, וואָס זיינען געווען פֿאַרזיכטיק אויך בנוגע אַ „קליינעם גוי", לערנט מען אונז ווידער צו זיין „פֿאַרזיכטיק". איז אָבער ניטאָ קיין גרענעץ צו דער דאָזיקער פֿאַרזיכטיקייט? וועט דאָס זיין דער רעזולטאַט פֿון אַ סאָציאַליסטישער און רעוואָלוציאָנערער דערציאונג, אין משך פֿון צוויי דורות — אַז מיר זאָלן באַפֿעלן אונזער געוויסן ניט צו שטעלן קיין פֿראַגעס בנוגע מאַכטהאָבער, וואָרעם דאָס קען אונז נאָך ברענגען שאָדן?

מיר זיינען אַלע „שטאַטסמענער". מיר זיינען אַלע באַקאַנט מיט די אינטערנאַציאָנאַלע חשבונות. אָבער פֿונדעסטוועגן איז אין דעם וואָס מיר טוען פֿאַראַן אויך גאָר אַן אַנדער זייט — אַן אינערלעכע דערציערישע זייט. מיר זאָרגן זיך וועגן אונזערע קינדער, מיר חלומען וועגן אַ געשטאַלט פֿון אַ מענטשן, וואָס זאָל ביי אונז אויפֿקומען. איז דאָס אונז ניט מחייב? די חובבי ציון האָבן געמיינט, אַז זאָגן „הנותן תשועה" וועט זיי ראַטעווען

פֿון די רדיפֿות פֿון דער צאַרישער רעגירונג. זיי האָבן געטריי מקיים געווען די מצוה פֿון „לאָיאַליטעט". דער דערציערישער פֿאַרלוסט, וואָס דאָס האָט געבראַכט, איז ניט געווען קיין קלײנער. די יוגנט האָט זיך געמיאוסט מיט דער דאָזיקער קריכערישקייט — און דאָס האָט איר דערווייטערט פֿון ציוניזם. הערצל האָט אויך געהאַלטן, אַז פֿרידלעכע באַציאונגען מיט די מאַכטהאָבער פֿון דער וועלט זיינען אַ פֿאַרבאַדינג פֿאַר דער הצלחה פֿון פּאָליטישן ציוניזם. עס זיינען אָבער געווען ציוניסטן, צווישן זיי נחמן סירקין, וואָס האָבן דעם דאָזיקן ציגנז באַטראַכט ווי אַ דערנידעריקונג און האָבן אויף די קאָנגרעסן אָרגאַניזירט אָבסטרוקציעס קעגן די ציגנז־אַפּצאָלן צו ווילהעלם און ניקאָלאַי. עס איז ביי אונז געווען אַ צייט ווען משה ביילינסאָן האָט געשריבן אָפּן וועגן מוסאָליניען, און ציוניסטישע פּובליציסטן, וואָס האָבן געהנפּעט דעם פּאַשיזם, האָבן געפּרעדיקט מוסר דעם „דבר", וואָס ער איז ניט פֿאָרזיכטיק בנוגע דעם כּבוד פֿון מאַכטהאָבער און ער שעדיקט דערמיט דעם ציוניזם.

אַוודאי זיינען פֿאַראַן חשבונות — און מיר דאַרפֿן זיך מיט זיי רעכענען. אָבער ווי וועט אונדז זיין, ווען אָט די חשבונות וועלן באַרירן אונזער גייסטיקע פֿרייהייט, וועלן אונדז מאַכן איינבויגן די קעפּ פֿאַר אומרעכט. און אויב די עוולות ווערן באַגאַנגען מצד אַ רעגירונג, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער רעוואָלוציע, וואָס האָט אַ רויטע, זיגרייכע אַרמיי, איז טאַקע דאָס בלוט פֿון אונזערע חלוצים און פּליטים ניט רויט און איז עס ניט אונזער בלוט, און מען דאַרף אַלץ פֿאַרקוקן? און דערפֿאַר דאַרף דער, וואָס די וויזיע פֿון סאָציאַליזם לעבט אין זיין האַרצן, דערשטיקן זיין האַרצווייטיק און זאָגן אויף אַן אומרעכט, אַז עס איז — גערעכטיקייט?

איך וואָלט דאָ געוואָלט דערמאָנען אונזער חסד־נעורים. מיט וועלכן כּוח האָבן מיר דערגרייכט דאָס, וואָס מיר האָבן דערגרייכט אין גלות און אין ארץ־ישראל און זיינען געוואָרן דאָס וואָס מיר זיינען? מיט אָט דעם כּוח: מיר האָבן אין אונזערע קינדער־יאָרן דערוואָרבן דאָס רעכט אויף גייסטיקער פֿרייהייט לגבי די כּוחות אַרום אונדז, און ניט נאָר לגבי די כּוחות פֿון דער אַלטער וועלט. מיר האָבן געהאַט די העזה צו רעוואָלטירן קעגן די באַגריפֿן פֿון וואָרטזאָגער אין סאָציאַליזם, קאַוטסקי און פּלעכאַנאָוו. די דאָזיקע פֿרייהייט האָבן מיר זיך גענומען ניט נאָר אין דער ספֿערע פֿון אידישע ענינים. דערפֿאַר וואָס מיר זיינען געקומען צום שלוס, אַז אין אידישע ענינים זיינען זייערע לערעס ניט צופֿרידנשטעלנדיק, און מיר דאַרפֿן זיך אַליין דורכבּרעכן אַ וועג, האָבן מיר אויך אָנגעהויבן צו באַמערקן זייערע טעותן אויף אַנדערע געביטן. ווען ניט אונזער גייסטיקע פֿרייהייט, וואָלטן מיר ניט אויפֿגעבויט די קבוצה. מיר וואָלטן

ניט געוואָרן קיין בויער פֿון אַרבעטער־אייניקייט, ווען מיר וואָלטן זיך ניט באַפֿרייט פֿון די באַגריפֿן פֿון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס זיינען דעמאָלט געווען גאַנגבאַר. מיר האָבן פֿאַר דער דאָזיקער פֿרייהייט באַצאָלט אַ גרויסן פּרייז. מיר זיינען געווען יוצאי־דופֿן. מיר האָבן מוותר געווען אויף פֿיל באַקוועמלעכקייטן פֿאַרן רעכט אויף דער דאָזיקער פֿרייהייט. און מיר האָבן די דאָזיקע פֿרייהייט אויסגענוצט מיט אַ ברייטער האַנט. מיר האָבן קריטיקירט פֿאַרערטע פּערזענלעכקייטן. מיר האָבן זיי געהאַלטן פֿאַר גרויסע אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע אויטאָריטעטן, אָבער געוויסע הנחות זייערע האָבן מיר אָפּגעוואָרפֿן. מיר האָבן געוואוסט, אַז אויף אונז ליגט די פֿליכט זיך דעראַבערן אַ וועג פֿאַר זיך, פֿאַר אונזער פֿאָלק — און ממילא דאַרפֿן מיר אָפּפֿרעגן פֿיל אָנגענומענע מיינונגען. אין פֿאַרערטע ביכער — פֿון דעם קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט ביז דער ערפֿורטער פּראָגראַם — האָבן מיר געלערנט, אַז עס איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט צו בויען סאָציאַליזם אין דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, און די וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע זאַכן, זיינען פּוסטע טרוימער, אוטאָפּיסטן. ווען מיר וואָלטן ניט אויסגעטראָטן אייגענע וועגן, סיי אין אידישע פֿראַגן, סיי אין גרונט־פֿראַגן פֿון סאָציאַליסטישן געדאַנק — וואָלטן מיר דען אין יענער צייט עולה געווען קיין ארץ־ישראל? און ווען מיר וואָלטן פֿון זיך ניט אַראָפּגעוואָרפֿן די גייסטיקע אָפּהענגיקייט בנוגע די אָנשויאונגען, וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט אין סאָציאַליזם — וואָלטן מיר דען געשאַפֿן די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג, אָט אַזוי ווי זי איז? זאָלן מיר אָט דאָס רעכט אָוועקנעמען ביי אונזערע קינדער אין ארץ־ישראל?

אַוודאי נויטיקן מיר זיך זייער און זייער אין גוטע אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען, און מיר זיינען גרייט פֿאַר זיי צו צאָלן אַ פּרייז — אָבער יעדן פּרייז? ס'איז ניט אונזער אויפֿגאַבע צו געבן אַנדערע פֿעלקער עצות, אונטער וועלכע אומשטענדן און ווי אַזוי זיי זאָלן מאַכן זייערע רעוואָלוציעס. אָבער עס קען ניט זיין קיין תנאי פֿאַר אָנשטענדיקע אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען — ווי מען מיינט — אַז מיר זאָלן בנוגע אַנדערע פֿעלקער און סיסטעמען זאָגן: „כזה ראה וקדש".

דאַרף דער פּרייז, וואָס מיר דאַרפֿן צאָלן פֿאַר אָנשטענדיקע אינטער־נאַציאָנאַלע באַציאונגען זיין, אַז מיר זאָלן זיך מאַכן ניט וויסנדיק וועגן דער לאַגע פֿון ציוניזם און ציוניסטן, וועגן דעם רעכט פֿון אידישע פּליטים זיך אָנצושליסן אָן אונז? דאַרפֿן מיר צוליב פּאָליטישע חשבונות זיך ניט וויסנדיק מאַכן וועגן דעם בלוט פֿון ערליך און אַלטער? יאָ, איך וויים, אַז געוויסע וויכטיקע סאָציאַליסטן האָבן באַשלאָסן זיך ניט וויסנדיק צו מאַכן וועגן בלוט פֿון זייערע חברים אין „אינטערנאַציאָנאַל". „איצט איז

ניט די צייט". אָבער אויב עס איז אָפּהענגיק פֿון „צייט" אָדער פּלאַץ — קען מען זיך מאַכן ניט ווייסנדיק וועגן אידיש בלוט אין אַלע צייטן און אַלע ערטער. די פּאָליטיק פֿון קרעמל איז ניט אָפּהענגיק פֿון אונזער זאָגן „יאָ", אָדער „ניט". איך ווייס, אַז קיין שום פּראָטעסטן וועלן ערליכן און אַלטערן צוריק ניט לעבעדיק מאַכן. אָבער איך וויל האַנדלען אַזוי, אַז איך זאָל ניט דאַרפֿן פֿילן קיין עקל צו זיך אַליין. איך קען ניט אויפֿהערן טראַכטן וועגן אונזערע קינדער. איך ווייס צו וואָס עס קען פֿירן אַ דערציאונג פֿון זיך ניט ווייסנדיק מאַכן וועגן אומגערעכטיקייט. די גאַנצע וועלט ווערט דאָך דערצויגן צו דעם דאָזיקן „זיך ניט ווייסנדיק מאַכן". און מיר זיינען די קרבנות פֿון דער דאָזיקער דערציאונג.

עס איז ניטאָ קיין גרונט זיך צו זאָרגן וועגן אונזער „שנאה", אָבער מיר דאַרפֿן זיך היטן פֿאַר אַן איבערפֿלוס פֿון ליבע. קיין פֿאָלק איז ניט אַזוי מסוגל, ווי מיר אידן, צו אַ שפֿע פֿון איבערטריבענער ליבע צו אַנדערע פֿעלקער. אַ אידישער מיליאָנער, וואָס האָט זיין גאַנצן לעבן באַקעמפֿט די אידישע האָפֿענונגען, האָט זיינע טרוימען און געלט אָפּגעגעבן די נעגער. אידישע טעכטער האָבן זייער ליבע און לעבן אָפּגעגעבן אין גאַנצן דעם רוסישן דאָרף, דעם אוקראַינישן דאָרף. איך האָב מורא פֿאַר אַן איבערפֿלוס פֿון ליבע פֿאַר ענגלאַנד, פֿאַר אַן איבערפֿלוס פֿון באַגייסטערונג פֿאַר ענג־לאַנד. זי דאַרף עס ניט האָבן, און אונז וועט דער דאָזיקער איבערפֿלוס קאָסטן זייער טייער. און איך האָב מורא פֿאַר אַן איבערפֿלוס פֿון ליבע פֿאַר רוסלאַנד. און ווידער אַמאָל: זי דאַרף עס ניט האָבן, און מיר וועלן דערפֿאַר באַצאָלן אַ טייערן פּרייז.

דורות נאָך דורות שלעפּן מיר נאָך זיך די ליבע צו די שטיף־פֿאָטער־לענדער. די יוצאי ספֿרד האָבן אין משך פֿון דורות געכאָוועט די שפּאַניאָ־לישע שפּראַך. ווער ווייסט ווי לאַנג די אויסוואַנדערער וועלן אין ארץ־ישראל כאָוועט די דייטשע שפּראַך? און גרילצט אונז ניט אין אונזערע אויערן דאָס כלינגען זיך מיט די סלאַווישע שפּראַכן אין אונזערע שטעט און דערפֿער? אָט די „נשמה יתירה" אונזערע, אונזער גרויסער טאַלאַנט זיך צו כלינגען מיט דער ליבע צום פֿרעמדן, זיך צו שפּיגלען אין זיין גלאָריע, זיך צו טוליען צו זיינע שאַפֿונגען, נתפּעל צו ווערן פֿון זיין גבורה, האָט אַ צווייטע זייט: גרינגשעצן אונזער אייגענעם ווערט, גלייכגילטיק זיין צו אונזער שאַפֿן, זיך אַליין צו פֿאַרלייקענען, פֿיינט האָבן אונזער ברודער. דאַרפֿן מיר ניט אָנהויבן טראַכטן, ווי אַזוי זיך צו פֿאַרטיידיקן קעגן יענעם ליבע־איבערפֿלוס, וואָס פֿירט צו ניט־ליבע צו אונזער מהות?

III

איינער קעגן אַלעמען — נחמן סירקין
אַ. ליעסין
דער לעצטער פֿון די ערשטע — מ. מ. אוסישקין
דער בוי־מייסטער — ד״ר אַרטור רופּין
אַלכּסנדר זיסקינד ראַבינאָוויטש
אַ זון פֿון עם קשה עורף — ש. לביא
אליעזר יפֿה
ניט נתגלה געוואָרן — אליעזר שיין
מיכה יוסף בערדיטשעווסקי

איינער קעגן אַלעמען: נחמן סירקין

[אין העברעאישן אָריגינאַל: „האחד במערכה" (ראשיתו של נחמן סירקין). אַריינפיר צום בוך „כתבי נחמן סירקין". ערשטער באַנד, דערשינען אין פֿאַרלאַג „דבר", תּל־אָביב, תרצ"ט (1939) אונטער דער רעדאַקציע פֿון ב. קאַצנעלסאָן און יהודה קאָופֿמאַן.]

ערשטער קאַפּיטל

בין השמשות

א

אָנהויב ניינציקער פֿון 19טן יאָרהונדערט. נאָך די פּאָגראָמען פֿון די 80ער יאָרן, וואָס האָבן אויפֿגעטרייסלט די נשמה פֿון רוסישן אידנטום, איז ווידער געוואָרן שטיל אויף דער אידישער גאַס. צו די גזירות פֿון אַלעקסאַנדער דעם דריטן איז מען שוין געווען צוגעוואוינט, די רייכע בעל־הבתּישע קלאַסן האָבן זיך ווי־ניט־איז צוגעפּאַסט און אַפֿילו אָנגעהויבן געשמאַק פֿאַרדינען. גירוש מאָסקווע (1891) האָט געמאַכט אַ רושם, אָבער אינדעראמתן האָט ער נאָר צוגעגאָסן אַ ביסל נייע טרערן אין אַלטן כּוס. האָט זיך דענסטמאָל געשטאַרקט די עמיגראַציע קיין אַמעריקע — אין די ערי־מקלט פֿאַרן אידישן נע־ונדניק — אָבער צו אַן אמתן אויפֿטו אין נאַציאָנאַלן פֿאַרנעם איז קיין כּוח ניט געווען און אַ ראַדיקאַלע תּשובה אויף דער אידישער פֿראַגע האָט מען ניט געזוכט. דער פֿלאַם־פֿייער, וואָס די ערשטע עליה קיין ארץ־ישראל האָט אים אָנגעצונדן אין די אידישע הערצער (ביל"ו, ראשון־לציון, יסוד־המעלה), האָט שוין געהאַלטן אין אויסגיין. אַפֿילו די באַנייטע אידישע עליה און קאָלאָניזאַציע, וואָס איז פֿאַרקניפּט מיט די נעמען פֿון יהושע ברזילי, זאב (וולאַדימיר) טיאָמקין און יהושע כאַנקין — דענסטמאָל האָט מען געגרינדעט רחובות און חדרה און געקויפֿט אויך אַנדערע נחלות, וואָס זיינען ניט פֿאַרבליבן אין אידישע הענט — אָט די גאַנצע תּקופֿה פֿון געזונטן בעל־הבתּישן מיטלשטאַנד האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן און אויסגעלאָזט האָט זיך פֿון איר אַ בוידעם: אידישע ערד־ספּעקולאַציע און טערקישע גזירות האָבן געמאַכט פֿון איר אַ תּל. די חיבת־ציון־באַוועגונג האָט געקראָגן אַ נעבעכדיקן פּנים, איז איינגעזונקען געוואָרן אין קליינע השגות פֿון קליינע מענטשעלעך; די אַרבעט ווידער אין ישוב גופֿא איז געלעגן, אַ געפּענטעטע ווי אַ שקלאַף, אין די הענט פֿונם באַראָן ראָטשילדס טשינאָווניקעס. אויף דער אידישער גאַס — ניט קיין טיפֿער גלויבן, ניט קיין ערנסטער אויפֿטו.

צי האָט מען גאָר געקענט צוגלייכן דעם גרויסן חלום פֿון דער באַ־וועגונג חיבת־ציון אין דער ערשטער צייט, וואו זי האָט אַ שיין געטאָן אין אידישן לעבן, מיט דער נעבעכדיקער קליינקעפּלדיקער אַרבעט פֿון די חובבים, וואָס זיינען פֿאַרבליבן די איינציקע טרעגער פֿונם אידעאַל? פֿונדערווייטנס, אויפֿן ברעג האָריזאָנט האָט שעמערירט די נבואה פֿון אחרית הימים, אָן אויפֿלעבן פֿון גאַנצן פֿאָלק ישראל, אַ נייער יציאת מצרים, פֿרייע אידן וואָס אַרבעטן אויף זייער ערד, נייע חשמונאים, וואָס בויען אַ אידישע צוקונפֿט מיט אַ טעמפּל פֿון אידישער וויסנשאַפֿט; און האָט מען זיך צוגע־קוקט נעענטער, האָט מען דערזען: אָפּגעבליאַקעוועטע האָפֿענונגען, צדקה־פּושקעס, קערות אויף פּרוטות פֿאַר ישוב ארץ־ישראל, וואָס פֿאַרן זכות זיי אָוועקצושטעלן אין די בתי־מדרשים האָט מען זיך ערשט געדאַרפֿט מיען און דאָס אויספּועלן ביי אונזערע כּלי־קודש, ביי רבנים און גבאים. מחלוקת צוליב שמיטה־שאלות, טענות קעגן „קאָלאָניסטן", וואָס היטן ניט אָפּ אַלע תּרי"ג מצוות, חניפֿה־רייד פֿאַר גבירים, מורא פֿאַר תּקיפֿים, גע־פֿאַלנקייט פֿאַר די מענטשן, די נאמנים פֿונם באַראָן, דעם „הנדיב הידוע", און וואָרענישן צו די אָרעמע אידישע מאַסן: „רוקט זיך ניט, ציון איז ניט פֿאַר קבצנים". דער חלום פֿון גאולה איז טאַקע גאַנץ שיין, אָבער אָרעמקייט מאַכט אים מיאוס.

נאָר אַפֿילו דער ווייטער האָריזאָנט מיטן אידעאַל איז עפּעס ווי פֿאַר־נעפּלט געוואָרן. די ביטערע נעבעכדיקעווירקלעכקייט פֿון דער באַוועגונג שפּיגלט זיך אָפּ אין די מיינונגען און שיטות און האָקט אונטער די פֿליגלען פֿונם שעפֿערישן געדאַנק. אחד־העם, דער גרויסער טעאָרעטיקער פֿון דער חיבת־ציון־באַוועגונג, וואָס האָט מיט זיין שיין פֿאַרשטעלט ליליענבלומען, שפּ"רן, פּינעסן און יעבצן — האָט אויפֿן כּסא־הכּבוד אָוועקגעזעצט דעם ניכטערן שכל, וואָס האָט פֿיינט פֿאַנטאַזיעס און אַנטלויפֿט פֿון אילוזיעס. ניט ער אַליין: אַ סך מענטשן פֿון זיין דור האָבן געזען די חסרונות און פֿלאָנטערישן פֿונם ישוב, נאָר מחמת „מורא פֿאַרן אמת" האָבן זיי אים ניט געוואָלט אויסזאָגן. געווען ניט וויניק געזעלשאַפֿטלעכע טוערס, וואָס האָבן געזען די נעבעכדיקייט פֿון דער באַוועגונג, נאָר פֿון רחמנות וועגן האָבן זיי געשאָנעוועט זייער אייגענעם נשמה־לעבן, האָבן ניט געמאַכט די פּאַסיקע אויספֿירן און געטרייסט זיך מיט האָפֿענונגען, מיט אויסוואָרטענישן.

גאָר אַן אַנדערער איז געווען אחד־העם. מיט אַ זיכערער און אַכזרישער האַנט האָט ער אויפֿגעדעקט אַלע וואונדן פֿונם ישוב און האָט קיין זאַך ניט פֿאַרבאַהאַלטן. זיין מוטיקער קריטישער קוק האָט אים געוויזן, אַז די באַוועגונג איז געוואָרן אַפּאַטעטיק, ער האָט דערזען, ווי אָרעם ס'זיינען אירע מעגלעכקייטן און ווי שוואַך ס'איז דער ווילן פֿון אירע טרעגער — אָרגאַנ־

גערעכנט צווישן זיי אויך זיינע חברים און תּלמידים — און מיט אײַזערנער לאָגיק האָט ער געמאַכט דעם געהעריקן אויספֿיר: ניטאָ וואָס צו האָפֿן און מען קען זיך ניט ריכטן אויף עפּעס גרויסעס פֿון אַזאַ מין באַוועגונג. ביין, זי קען ניט אויפֿבויען עפּעס געזונטעס, עפּעס רעכטס. זי קען ניט פֿאַר־גרינגערן און מינערן די אידישע צרות.

דער שאַרפֿער שכל פֿון אחד־העם, שאַרף ווי אַ מעסער, האָט אַ גע־וואַלטיקע השפּעה געהאַט הן אויף דער העברעאישער ליטעראַטור, הן אויפֿן נאַציאָנאַלן געדאַנק. מיט זיין גרויסן גייסטיקן כּוח האָט ער אויסגעלערנט האָבן דרך־ארץ פֿאַרן אמת, שטרעבן צו קלאָרקייט, צו אויסגערעכנטקייט, צו אַ שטרענגן נוסח פֿאַר די געדאַנקען. ער האָט נישט באַדאַרפֿט ערשט מודיע זיין וועגן אַ מלחמה קעגן „מליצה": מיט זיין עצם סטיל, וואָס איז געווען אַזוי קלאָר, אַזוי אָפּגעוואויגן און אָנגעמאָסטן פֿאַר זיין כּוונה, פֿאַר זיין פּובליציסטישן תּכלית, האָט ער אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן אָפּגעשטויסן מליצה. דערפֿאַר אָבער האָט ער זיינע בעסטע כּוחות אַוועקגעגעבן פֿאַרן קאַמף מיט דער מ ל י צ ה פֿ ו ן ג ע ד אַ נ ק. אין דעם פּרט האָט ער צו זיך קיין גלייכן ניט געהאַט. ער האָט געפֿאָדערט ח ש ב ו ן ביי די מענטשן פֿון זיין דור: אחריות פֿאַר זייער אייגענעם געדאַנק, פֿאַר זייער אידעאַל, אַ האַרמאָניע צווישן ווערטער און מעשׂים. נאָר אחד־העמס מעסער־שאַרפֿער שכל האָט זיך ניט באַגנוגנט מיט שאַרפֿן די קריטיק קעגן חיבת־ציון אין לעבן, אין דער פּראַקטיק: אחד־העם האָט ניט געשאָנעוועט אויך דעם אי־דעאַל פֿון חיבת־ציון. מען קען אַפֿילו זאָגן, אַז מער ווי צום נעבעכדיקן אויסזען פֿון די חובבים איז ער געווען אַכזריש צו דער עצם נבואה פֿון ציון. אַ נייעם פּירוש האָט ער געגעבן פֿאַרן אידעאַל פֿון חיבת־ציון, אַ פּירוש וואָס טוט איבעראַנדערשן דעם עיקר: ניט ראַטעווען דאָס אידישע פֿאָלק פֿון גלות־לעבן דורך אומקערן זיך צוריק קיין ציון, נאָר שטאַרקן דעם גייסט און די נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיניקייט פֿון אידן אין גלות דורך אויפֿשטעלן אַ צענטער מיט גרויסער השפּעה אין ציון. די קראַפֿט פֿון „ניכטערנעם שכל" האָט זיך דאָ געגעבן אַ הויב־אויף קעגן דער „פֿאַנטאַזיע" פֿון אַ מאַסן־עליה קיין ציון: ניט ארץ־ישׂראל קען פֿאַרגרינגערן דעם מצב פֿון די אי־דישע מאַסן, וואָס ווערן גערודפֿט און געפּייניקט אין גלות. חיבת־ציון און שיבת־ציון זיינען ניט אַלצאיינס.

און אַזוי ווי די פּראַקטיק פֿון דער באַוועגונג איז געווען אַ נישטיקע און האָט זיך וויניק אָנגעזען, אַזוי ווי ביי דעם אידעאַל האָט מען אָפּגע־שניטן די פֿליגלען, האָט זיך אויך צוגעפּאַסט צו זיי די נאַציאָנאַלע תּורה, די נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע. ווער ס׳האָט צום ערשטן מאָל געלאָזט אונז הערן די ווערטער „לא זו הדרך", איז דערנאָך אַליין געקומען און מוסיף געווען,

אַז ניט דאָס איז אויך די עצם שאלה. דער ענין פֿון אידישער אָרעמקייט, פֿון רדיפֿות און גירושים, פֿון אידישע מאַסן־וואַנדערונגען איז בכלל ניט קיין נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע פ ר אַ ג ע, ניט דער כּלל, נאָר דער פּרט דאַרף זיך דערמיט מתעסק זיין, זאָל יעדער פֿאַר זיך אַליין פּרוּוון געפֿינען אויף זיין מאַטעריעלער פֿראַגע אַן ענטפֿער לויט זיינע מעגלעכקייטן, און מיט דער צייט קען געמאָלט זיין, אַז אויך פֿאַר אידן וועט ווען עס איז אַ שיין טאָן די זון פֿון גערעכטיקייט אין די גלות־לענדער, אויף זייערע איצטיקע וואוין־ערטער.*

די נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע פֿראַגע דאַרף געשטעלט ווערן אָט אַזוי: ווי קענען מיר באַוואָרענען אונזער נאַציאָנאַלן קיום אין די גלות־לענדער, בעת די געטאָ־ווענט זיינען צעטרייסלט געוואָרן און די נייע צייט פֿאַרפֿירט אידן און ציט זיי אַריין אין איר כּישוף־קרייז? יענע כּוחות, וואָס זיינען אונז ביי געשטאַנען אַמאָליקע יאָרן און האָבן אונז אָפּגעהיט פֿון אַסימילאַציע, פֿון בטל ווערן ביי זיך און צווישן די אַנדערע פֿעלקער, זיינען ביי איצטיקע צייטן טיילווייז אַליין בטל געוואָרן, טיילווייז איז זייער פּעולה אָפּגעשוואַכט אין אידישן לעבן.

מיט דער תּקיפֿות פֿונם שאַרפֿן דענקער, וואָס איז באַוואָפֿנט מיט אַן אייזערנער לאָגיק, איז אחד־העם אַרויסגעטראָטן ניט נאָר קעגן די גוזמאַדיקע חשבונות פֿון די חובבי־ציון פֿאַר זייער צייט, נאָר אויך קעגן דעם גלויבן אין קיבוץ־גליות בכלל. צונויפֿקלייבן אַלע צעזייטע און צעשפּרייטע אידן פֿון דער גאָרער וועלט און זיי ברענגען קיין ארץ־ישראל איז ניט קיין ממשותדיקע אַרבעט פֿאַר די נאָענטע דורות, נאָר אַ פּוסטע פֿאַנטאַזיע, וואָס מען דאַרף זיך פֿון איר אָפּזאָגן.**

* „און אויב עס זיינען פֿאַראַן צווישן אונז אַזעלכע וואָס ענטפֿערן אונזערע נויטבאַדערפֿטיקע אידן, בעת זיי בעטן ברויט: ‚האָט ליב ציון, ווערט חובבי ציון‘, זיינען דאָס נאַראָנים, און מען ברענגט ניט קיין ראיות פֿון נאַראָנים. פּונקט פֿאַרקערט, אַלע יענע אומגליקלעכע, וואָס גייען אויס פֿון עלנט און דחקות און זוכן הילף אין חיבת־ציון, אַלע יענע מענטשן זאָגן מיר בפּירוש: האָט ניט ליב ציון, וואָרעם חיבת־ציון האָט קיין שום שייכות ניט מיט די צרות פֿונם יחיד, פֿונם פּרט. — — נאָר פֿאַראַן אַ סך אידן, וואָס זייער פּריוואַטער מעמד איז נאָך ניט אַזוי שלעכט, און דערביי האָבן זיי ליב זייער פֿאָלק אין האַרצן און ווילן, אַז אידן זאָלן פֿ אַ ר ב ל י י ב ן ו ו י אַ כּ ל ל — — — אָט די דאָזיקע לייט און נאָר די דאָזיקע ענטפֿערן מיר — און קיין אַנדער ענטפֿער איז ניטאָ: ‚האָב ליב ציון‘ („פּצעי אוהב“, על פּרשת דרכים, חלק א׳).

** „מיר דאַרפֿן מודה זיין, אַז קיבוץ גליות איז ניט מעגלעך בדרך הטבע. ס׳קען געמאָלט זיין, אַז קומען וועט אַ צייט און מען וועט גרינדן אַ אידישע מלוכה. מעגלעך איז אויך, אַז אידן זאָלן זיך מערן און שטאַרקן און דאָס לאַנד זאָל פֿול ווערן מיט זיי, אָבער אויך דענסטמאָל וועט די מערהייט פֿון אידישן פֿאָלק זיין צעזייט און צעשפּרייט

אָט אָ דאָ איז געווען דער „שיידוועג". ניט אין אחד־העמס קריטיק פֿון די „אויפֿטוען" אין דער באַוועגונג, ניט אין שטעלן דעם טראָפּ אויף אידישער נאַציאָנאַלער קולטור און אַפֿילו ניט אין איינפֿלאַנצן דעם באַוואוסטזיין, אַז ס'איז נויטיק „צוצוגרייטן די הערצער" פֿאַר דער „ליבע צו ציון". די חובבי־ציון מיט פּינסקער און לילִיענבלום בראש (פּונקט אַזוי ווי דערנאָך הערצל) האָבן פֿאַרמאָגט אַ תּמימות אין זייער גלויבן. זיי האָבן געפֿילט דעם גלות און אים אָפּגעשאַצט פּעסימיסטיש. ניטאָ דאָ קיין האָפֿענונג, ניט שייך קיין פּשרה, און שלום מאַכן מיטן גלות קען מען ניט בשום אופֿן. זיי האָבן געזען די אידישע לאַגע ווי זי איז אונטערגעגראָבן און צעפֿוילט ביז טיף אַראָפּ אין אירע יסודות, און אויף די כוואַליעס פֿון דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפֿע האָט פֿאַר זיי געשוועבט דער נבֿואישער גייסט, דער אידעאַל פֿון ציוניזם. זייערע קעגנער זיינען דעריבער געקומען מיט טענות און האָבן זיי אויסגערעדט, אַז זייער ציוניזם שפּייזט זיך פֿון אידישע אומגליקן. אָבער דאָס איז געווען זייער אמת. און ניט אויסריידן, נאָר לויבן האָט מען זיי געדאַרפֿט צוליב דעם. וואָרעם יעדע אמת־גרויסע באַוועגונג שפּראָצט אַרויס פֿון אומגליקן, פֿון אַ קאַטאַסטראָפֿע. מער נישט די נעבעכדיקע פּראַקטיקע פֿון חיבת־ציון, וואָס האָט ניט פֿאַרמאָגט אין זיך קיין ברעקל כּוח אויף צו פֿאַרגרינגערן די אידישע נויט, האָט דעם אידעאַל פֿון די ערשטע חובבים געמאַכט צו קליינגעלט, צו אַ פּוסטער פֿאַנטאַזיע, וואָס אַ מענטש מיט אַ גלייכן קוק האָט זיך געמוזט פֿון איר אָפּטרייסלען. און אָט דעמאָלט האָט זיך באַוויזן דער נאַציאָנאַלער טעאָרעטיקער, וואָס מיט זיין ניכטערנעם קוק שטרעבט ער צו זען די ענינים ווי זיי זיינען אינדעראמתן, און האָט אַוועקגעשטעלט דעם ציוניסטישן צוזאָג אויף אַ מינימום: ציון וועט נאָר מוסיף זיין, וועט געבן אַ תּיקון פֿאַרן אידישן לעבן און גלות. קעגן דעם תּמימותדיקן גלויבן, וואָס טאַפּט אמת אין דער פֿינצטער, זוכט אַן אויסוועג און געפֿינט ניט, אָבער גיט זיך ניט אונטער און פֿאַלט ניט אַריין אין יאוש, ווייל ער שטעלט ניט אויס נאָר אויפֿן ניכטערנעם שׂכל, ווייל ער פֿילט די גרויס פֿונם אומגליק און דעם ליתּ־ברירה פֿון דער באַפֿרייאונג, אָט די נסתּרדיקע קראַפֿט פֿונם „בעל־כּרחך", וואָס איז שטאַרקער פֿונם „נגלה" — קעגן אָט דעם גלויבן, וואָס איז עוקר הרים, האָט אחד־העם אַרויסגעשטעלט זיין ראַציאָנאַליסטיש, פֿון שׂכל דיקטירטע תּורה וועגן די „השילוח־וואַסערן, וואָס שטראָמען פּאַמעלעך, פּאַ־

און פֿאַרבלייבן אין פֿרעמדע לענדער — 'און צונויפֿקלייבן אונזערע ברידער פֿון אַלע פֿאַרוואָרפֿענע ווינקעלעך' איז ניט מעגלעך: אַזוינס קען צוזאָגן נאָר די רעליגיע דורך אַ גאולה על־פּי־נס" (על פּרשת דרכים, 2טער טייל, מאמר „אידישע מלוכה און אידישע צרות").

מעלעך". די גאולה פֿון אידישן פֿאָלק איז אפֿשר אַ ענין פֿאַר משיחס צייטן, אונז אָבער און אונזער דור איז באַשערט נאָר איין אידעאַל, איין ציל: אויסלייזן דעם גייסט פֿון אידישן פֿאָלק, ניט אידן, נאָר אידישקייט באַפֿרייען פֿון גלות.

און אָט אַ דער צניעותדיקער אידעאַל, די דאָזיקע פֿאַרשמעלערטע נבואה וועט ניט קומען צו פֿליען צו אונז אויף אָדלער־פֿליגלען, און אויך ניט דורך חורבן, נויט און אַ לויפֿן זיך ראַטעווען: אויף אַ רואיקן געוויטער וועט די דאָזיקע גאולה צושווימען צו אונזערע ברעגעס. ס'וועט זיך אויפֿכאַפּן פּאַמעלעך די נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיניקייט אין די אידישע ישובים פֿון די גלות־לענדער. קעגן דעם טראַגישן קוק פֿון די ערשטע ציוניסטן, וואָס האָבן געזען די תוכחה באַשיימפּערלעך: „און צווישן די גוים־פֿעלקער וועסטו קיין רו ניט האָבן און דיין פֿוס וועט זיך דאָרטן ניט קענען אָנשפּאַרן", און דעריבער: „בית יעקב לכו ונלכה" — „קומט אידן לאָמיר גיין און אַ היים זיך אויפֿבויען" — אָט קעגן דעם דאָזיקן פֿלאַם־פֿייער פֿון דער אידישער גלות־טראַגעדיע האָט אחד־העם ווידער אַמאָל אַרויסגעשטעלט דעם לאָמטערן פֿון אַ אידישער צוקונפֿט־אידיליע אויפֿן שטייגער פֿון דער אַמאָליקער גאָלדענער תקופֿה אין שפּאַניע, אָדער פֿון דער אידישער עמאַנציפּאַציע אין מערב־אייראָפּע, וואָס וועט סוף כּל סוף אָנשפּאַרן אויך צו די אידן אין מזרח־אייראָפּע; מער נישט דאָ און איצטער וועט די פֿאָרם זיין אַ נאַציאָנאַלע, אָן אויסגעבעסערטע: ניט „עבֿדות בתוך חרות", ווי אין מערב־אייראָפּע, נאָר אמתע פֿרייהייט אין גלות אָן אינעווייניקסטער פֿאַרשקלאָפֿונג, אָן פּענטעס אויף דער נשמה, אָן אַ מה יפֿית. ס'איז דעריבער בטל געוואָרן דער אויסקוק, די פּערספּעקטיוו אויף וויסנשאַפֿטלעכער און פּאָליטישער אויטאָעמאַנציפּאַציע, אויף אַליין־באַפֿרייאונג פֿון גאַנצן אידישן פֿאָלק, און אויף דער נאַציאָנאַלער פֿאָן האָט זיך באַוויזן אַ נייער לאָזונג: אָן אויטאָעמאַנציפּאַציע פֿון אידישן גייסט, באַפֿרייען די אידישקייט פֿון גלות.

ב

און די יוגנט, דער צווייטער דור נאָך די ביל"וצעס, גייט שוין ניט אין די וועגן פֿונם ערשטן דור: ניטאָ וואו אַהין צו גיין, ניטאָ צו וואָס צו גיין, קיינער רופֿט גאָרניט גיין. ס'איז אָנגעקומען אַ צייט פֿון קליינינקייטן און די יונגע לייבן מאַטערן זיך אין זייערע שטייגן. דאָס, וואָס ביאַליק האָט געזאָגט וועגן זיך אַליין, איז געוועזן צוגעטראָפֿן אויך אויף אַנדערע פֿון זיין צייט, פֿון די קערנדיקע, און אפֿשר אַממערסטן אויף מיכה יוסף בערדיטשעווסקי „דעם יחיד ברשות־הרבים": די קאַוואָדלע האָט ניט געפֿונען איר האַמער. און ס'מערן זיך וואָס פֿון טאָג אידישע קינדער, וואָס ווערן

פֿאַרפֿאַלן צווישן גויים, ס׳מערן זיך גלייכגילטיקע, דערווייטערטע, פֿאַר־פֿרעמדטע, פֿאַרלייקנדיקע און אַנטלויפֿנדיקע פֿונם אייגענעם נעסט. די „השכלה", וואָס די נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע האָט זי אין פֿלוג שוין געזאָלט האָבן גובר געווען און האָט זי מבטל געמאַכט ווי אַ מאָדע, וואָס איר צייט איז שוין אַוועק, איז דווקא איצטער אַריבער אין רשות הרבים און אַריינ־געדרונגען אין דער אידישער גאַס, אין לעבן פֿון שטאָט און שטעטל, אין הויז און בית־מדרש. די רייכערע טאַטעס האָבן זיך אָנגעטאָן דעם גרעסטן כּוח און נאָך מער פֿון די כּוחות, אַבי נאָר צו באַוואָרענען די „צוקונפֿט" פֿון זייערע קינדער, און דער פּשט דערפֿון איז געווען ניט רבנות, אַפֿילו ניט מסחר און שוין אָפּגערעדט אַ מלאָכה, אַ פֿאַך אין האַנט, נאָר טאַקע, „אמתע" השכּלה, בילדונג מיט אַ דיפּלאָם: אַ דאָקטאָר, אַדוואָקאַט אָדער לכל הפּחות אַ פּראָוויזאָר. און דאָס פּעדער־שטיבל צום דאָזיקן פּאַלאַץ איז געווען — די גימנאַזיע, די רעגירונגס־שול מיט אירע בלישטשענדיקע קנעפּלעך. און ווער ס׳איז ניט זוכה אַריינצושפּאַרן זיך אין גימנאַזיע, נעמט און ווערט אַן „עקסטערן". דאָרטן וואו מען האָט פֿריער געקאָנט הערן דעם ניגון פֿון אַ ישיבה־בחור, פֿון אַ מתמיד אין בית־מדרש, האָט אַ גרילץ געטאָן די טרוקענע שטים פֿון עקסטערן, וואָס חזרט זיין „אוראָק", זיין לעקציע. דער עקסטערן פֿאַר זיך אַליין, אינעווייניק, האָט אפֿשר געצויגן זיין גייסטיקע יניקה פֿון גאָר אַן אַנדער וועלט און האָט געבענקט גאָר צו עפּעס העכערס — אָבער דעם בילעט, דאָס אַריינטריט־קאַרטל אין לעבן, צווישן מענטשן, צו דער „קאַריערע" האָט מען זיך געקענט איינקויפֿן נאָר מיט אַזאַ מין פּרייז: מיט חזרן און חזרן די רוסישע לערנביכער. דער נאַ־ציאָנאַלער רעיון איז עפּעס אַ זאַך פֿאַר זיך, און „דאָס לעבן" שטראָמט און פֿאָדערט עפּעס אַנדערש. אָבער אַפֿילו פֿאַר דעם נאַציאָנאַלן רעיון גופֿא איז אויפֿגעשטאַנען אַ נייער קאָנקורענט: פּונקט אַזוי ווי אין די אַמאָליקע השכּלה־יאָרן פֿלעגט מען געפֿינען ביי דעם ישיבה־בחור טריף־פּסולס צווישן די בלעטער פֿון דער גמרא, אַזוי פֿלעגט מען איצטער אונטער די פֿאַרטעס פֿון דער גימנאַזיע, צווישן לערנביכער פֿון לאַטיין און אַלט־סלאַ־וויש געפֿינען נייע טריף־פּסולס, נייע ספֿרים חיצוניים, בראָשורקעלעך אַזעלכע, עפּעס שריפֿטן מאָדנע אויף פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, וואָס האָבן גע־וואונקען און גערופֿן צו נייע וועלטן, אין אַ ווייטן דרויסן, און אָנגעזאָגט נייע בשורות: אַ סוף צו טיראַנען און זייער ממשלה, אַ סוף צו זעלבסט־הערשונג, אַ נייע אָרדענונג קומט אָן, פֿרייהייט און גלייכהייט, אַ וועלט־איבערקערעניש. און אידישע טעכטער, וואָס זיינען דאָך פּטור כּידוע פֿון לערנען תּורה, בעת די טויערן פֿון דער פֿרעמדער שפּראַך און פֿון דער פֿרעמדער שול שטייען פֿאַר זיי אָפֿן, פֿלעגן אַריינטראָגן אין דער אידישער

שטוב פֿון דער דרויסנדיקער שיינהייט, אַנצוהערענישן פֿון פֿרעמדע אָבער הייליקע און געהויבענע וועלטן. ווי אָרעם זיינען געווען יעקב, דיינע גע־צעלטן לגבי אַזאַ שיינענדיקער, רייכער וועלט, ווי נעבעכדיק האָבן זיך אָנ־געזען דיינע שטיבעלעך, ישראל, אַקעגן די נייע, שטאַרקע שטראָמען. אי־נעווייניק, אויף דער אידישער גאַס, אין דער אידישער שטוב זיינען פֿאַר־בליבן נאָר די אָפּגעשטאָנענע, וואָס האָבן קיין כּוח ניט פֿאַרמאָגט זיך אויפֿצוהויבן, אָט אַלע רואיקע און שטילינקע, וואָס באַגנוגענען זיך מיט ווייניק. אויף זיי האָט זיך דאָס אָנגעשפּאַרט די באַוועגונג חיבת־ציון, אויף זיי האָט זי דאָס אַרויפֿגעלייגט דעם עול פֿון אירע מצוות, אָט זיי האָבן דאָס באַדאַרפֿט אָפּהיטן די ירושה פֿון די אבות — אָבער ווער ס'האָט נאָר אויפֿן שפּיץ מעסער אַ לעק געטאָן פֿון דער דרויסנדיקער וועלט און האָט דער־הערט ווי ס'בלאָזן דאָרטן נייע ווינטן — און אויב ער האָט אַפֿילו אינגלווייז געקוויקט זיך מיט מאַפּוס „אהבת ציון", אויב אַפֿילו זיין פֿריע יוגנט איז געווען אָנגעהויכט מיטן תּמימותדיקן חן פֿון „שפה ברורה" — איז אים שוין ענג, דריקנדיק און שטיקנדיק געוואָרן אין דער היים, אין די ד' אמות פֿון דער אידישער וועלט. די אַלטע טענות פֿון דער נאַציאָנאַלער ליטעראַ־טור קעגן אַלע יענע „וואָס פּאַשן זיך אין פֿרעמדע פֿעלדער", וואָס „וועכ־טעווען ביי פֿרעמדע וויינגערטנער", קעגן דעם „אידישן מיידל וואָס לאָזט זיך פֿאַרפֿרעמדן" — זיינען אָפּגעבליאַקעוועט געוואָרן און האָבן אויפֿגע־הערט משפּיע זיין אויפֿן עולם. אַ סך, אַ סך פֿון יענע, וואָס האָבן זיך דערנאָך אַרויסגערוקט אין די ערשטע רייען קעמפֿער קעגן ציוניזם מיט זיינע לופֿט־בנינים, קעגן ציוניסטישע אוטאָפּיעס, נאַציאָנאַלער רעאַקציאָנערישקייט און קליינבירגערלעכקייט — גיב זיי אַ טאַפּ וועסטו אויסגעפֿינען, אַז זיי זיינען גאָר היימישע האַדעוואַנקעס, אַז זיי זיינען גאָר אַמאָל געווען חובבי־ציון, און די נאַציאָנאַלע באַוועגונג האָט זיי נאָר געדינט ווי אַ בריקל אויף אַריבערצוגיין, אויף אַריינצושפּרינגען אין דער „גרויסער וועלט" אַריין. אמת, די נעבעכדיקע חיבת־ציון איז געווען אַזוי אָרעם, אַז זי האָט טאַקע ניט געקענט אָנזעטיקן אַ גייסט, וואָס האָט געשטרעבט צו ברייטע אָפֿענע וועלטן, אָבער אויך זיי, די גרויסקייט־זוכערס, זיינען געווען אַליין צו אָרעם כּדי אַרויסצוזען די רייכע מעגלעכקייטן, וואָס זיינען געווען נסתּרדיק פֿאַרוויקלט אינם רעיון פֿון שיבת־ציון.

ג

די לערן־יוגנט, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון אידישן געטאָ, פֿון תּחום־המושב, קלויבט זיך צונויף אין „קאָלאָניעס", אין די אוניווערזיטעט־שטעט פֿון מערב־אייראָפּע. און אידישע בחורים, קינדער פֿון פֿינצטערע קלערס, פֿון

אַ האַמלער ראַי און וואַרשעווער סמאַטשע גאַס האָבן מיטאַמאָל אַ גרויסע שיין, אַ נייע וועלט דערזען: פֿרייהייט, נייע פּראַגרעס, וויסנשאַפֿט און קולטור, נייע אידעען. אַ וועלט וועט מען אויפֿבויען אויף יסודות פֿון גע־רעכטיקייט. אין די קאָלאָניעס שאַפֿט זיך אַ לעבנס־שטייגער פֿון אידישער יוגנט, אַ באַהעמע, וואָס צווישן הערן אַ לעקציע אין אוניווערזיטעט און לויפֿן כאַפּן אַ גמילת־חסד אויף אַפּצועסן אַ מיטאַג פּאַרקלערט זי זיך בינו־לבינו וועגן דער וועלט און פֿאַרטראַכט פּלענער ווי צו פֿאַרריכטן אַלע אירע חסרונות. אויך אָט אַ דאָ, ווי אין אַלע אכסניות של תורה, זיינען פֿאַראַן מתמידים און ליידיק־גייער, יוגנט וואָס גאַרט נאָך וויסן און ווידער אַזאַ, וואָס פֿאַרזינקט אין עם־הארצות, דענקער און פּלאַפּלער, טיף־פֿאַר־טראַכטע און ווידער פּוסט־קלינגענדיקע יוגנט, לערנער לשמה און קאַריער־ריסטן. נאָר די הערשנדיקע אַטמאָספֿערע איז — אַ דבקות, אַ פֿלאַם־פֿייער־דיקער באַהעפֿט צו דער גרויסער שיינער וועלט, צו אירע שאלות און תשובות, צו אירע גרויסע מענטשן, צו אירע אויפֿברויזן און באַוועגונגען. און די שטורינדיקע יוגנט גייט אַרום מיטן באַוואוסטזיין, אַז אָט פֿון דאַנען וועלן זיי אויב ניט היינט, איז מאָרגן, זיך פֿונאַנדערשפּרייטן איבער דער וועלט איטלעכער מיט זיין שליחות. אָט אַ דאָ, ווייסן אַלע, ווערן געבוירן אידעען, וועלט־אַנשויאונגען, דאָ ווערן פֿאַרזייט די קערנדלעך פֿון באַווע־גונגען, פֿון אַפּשאַצונגען און איבערשאַצונגען, דאָ ווערט אַרויסגעטראָגן דער פּסק־דין פֿאַר גרויס און קליין, פֿאַר איטלעכנס אָרט אין דער וועלט.

און די דאָזיקע סביבה האָט זיך איר ממשלה, אירע פֿירערס, מענטשן מיט אַ „פֿאַרגאַנגענהייט", מיט אַקומולירטע „רעכט", וואָס זייער נאָמען און זייער גייסט שוועבט איבער די קאָלאָניעס, נעמען פֿון גרויסע טעאָרע־טיקער אָדער גרויסע רעדנערס מיט שאַרפֿע קעפּ פֿאַר דיסקוסיעס, אָדער מענטשן פֿון רעוואָלוציאָנערער פּראַקטיק, העלדן פֿון דער אונטערערדישער אַרבעט, אָדער קלענערע געטער, לוויים, וואָס גיסן וואַסער אויף די הענט פֿון די כוהנים גדולים. די קלענערע צווישן דער כּתּה פֿירער געוועלטיקן אין זייער קאָלאָניע, די גרויסע פֿירער גייט זייער נאָמען פֿאַרויס און מאַכט זיי געוועלטיקן איבער גאַנץ „אויסלאַנד", און פֿאַראַן גאָר־גאָר גרויסע, מורינוס און רבינוס, וואָס די שכינה פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע רוט אויף זיי אין אַלע זייערע וועגן און שטעגן, אין זייער גיין און שטיין, ריידן און שווייגן.

וואָרעם די געזעלשאַפֿטלעכקייט פֿון די סטודענטישע קאָלאָניעס האָט אין מערב־אייראָפּע נאָר איר צופֿעליקע, צייטווייליקע דירה, און הגם זי איז אין איר גרויסער מערהייט אַ אידישע, און באַשאַפֿן ווערט זי פֿון אחינו בני ישראל, וואָס זיינען שטיף־קינדער ביי דער מאַמע־רוסלאַנד, פֿונדעסט־

וועגן זיינען זיי מיט אַלע זייערע געדאַנקען נאָר ביי דער גרויסער רוסלאַנד: איר שפּראַך, איר קולטור, אירע פּערזענלעכקייטן און די שטרעמונגען פֿון דער רוסישער געזעלשאַפֿטלעכקייט געוועלטיקן איבער דער אידישער סטודענטישער קאָלאָניע מיט אַן אויסטערלישער, כּמעט ניט באַגרענעצטער קראַפֿט.

טעאָרעטיש און לפֿנים איז אויף דער פֿאָן פֿון די סטודענטישע קאָלאָניעס אויפֿגעשריבן קאָסמאָפּאָליטיזם, וועלטבירגערשאַפֿט, אָבער אין דער אמתן האָט דאָס ביי זיי נאָר איין מיין, איין פּירוש: די וועלטבירגערשאַפֿט פֿון רוסלאַנד. און מען מוז מודה זיין: די דאָזיקע רוסישע וועלט מיט אירע גרויסע שרייבער און הייליקע רעוואָלוציאָנערן פֿאַרמאָגט אין זיך אַ גרויסן כּישוף, וואָס דעקט צו דעם פּרצוף פֿון אירע קליינע מענטשעלעך און אומריינע נפֿשות. און ביי די אידישע בחורים און מיידלעך, וואָס זייער נעכטן איז געווען אין אידישן געטאָ, אין „תּחום־המושב" פֿון מערב־רוסלאַנד, און זייער מאָרגן, ווער ווייסט, וועט גאָר אפֿשר זיין אויף יענער זייט אוקינוס, ביי זיי גייט די נשמה אַרויס פֿון ליבשאַפֿט און דבקות צו דער דאָזיקער פֿאַרכּישופֿטער רוסישער וועלט. און אַז מען צעגייט זיך אַביסל אין השתּפֿכות הנפֿש זינגט מען לידער וועגן דער מאַמע־וואָלגאַ, וואָס מען האָט זי קיין מאָל אין די אויגן ניט געזען, און פֿון גרויס ליבשאַפֿט צו פֿרייהייט לאָזט מען הערן אַפֿילו אַ זמרל פֿון אוקראַאינישן פֿאָלק, ניט פֿאַרטראַכטנדיק זיך חלילה — אַזוי גרויס איז די בענקשאַפֿט נאָך איידלקייט און געהויבנקייט אין יונגע אידישע הערצער, און אַזוי טיף די דאַנקבאַרקייט פֿאַר דעם וואָס זיי האָבן זוכה געווען זיך מצרף זיין צום מנין פֿון דער געהויבענער רוסישער קולטור — און ס׳איז זיי גאָר אויפֿן זינען ניט אַרויף, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ סמיכות הפּרשות אין דער פֿאַרגאַנגענהייט צווישן אָט די אוקראַאינישע זמרלעך און די צייטן פֿון באָגדאַן כמעלניצקי, גאָנטע און זשעליעזניאַק מיט אַלע אַנדערע אַטאַמאַנען פֿון די גזירות ת״ח ות״ט. שוין אָפּגערעדט דערפֿון אַז ס׳האָט זיך זיי ניט געחלומט וועגן נייע פּאָגראָמען אין דער נאָענטער צוקונפֿט, וועגן אָנקומענדיקע צייטן פֿון אַ פּעטליוראָ, מאַכנאָ און אַנדערע באַנדיטן, וואָס וועלן אַריינברענגען אין אידישע שטעטלעך די אייגענע לידער אויפֿן שפּיץ פֿון זייערע שפּיזן און ווי אַ באַגלייטונג צו נייע אידישע שחיטות. ביז וואַנען די זון פֿון „פֿאָלקיזם" האָט געשיינט איבער די הימלען פֿון דער רוסישער ליטעראַטור האָבן אידישע בחורים און מיידלעך שטאַרק געבענקט נאָכן רוסישן מוזשיק, וואָס אינדערהיים, אינם שטעטל האָט מען אים געזען נאָר אין זיין ווילדקייט און שכּרות און וואָס ערשט איצטער האָבן זיך מיטאַמאָל געעפֿנט די אויגן פֿון דער אידישער יוגנט און זי האָט אין אים דערזען די געשטאַלט פֿון אַ הייליקן מאַר־

טירער, דעם סימבאָל פֿון אויבערשטער חכמה אין אַגראַר־פּאָליטיק, דעם טרעגער פֿון סאָציאַלער גערעכטיקייט אין דער קומענדיקער געזעלשאַפֿט־לעכער אָרדענונג.

נאָר אָט איז דער מוזשיק אַראָפּ פֿון דער בימה אין דער רוסישער ליטעראַטור און אין די רוסישע אידעאַישע שטרעמונגען און דעם אויבן־אָן האָט פֿאַרנומען אַ נייער העלד דער רוסישער „באָסיאַק”, דער באַרוועסער רוסישער שאָלטיק. אין לעבן גופֿא האָט אַ אידישער בחור, שוין אָפּגערעדט פֿונם אידישן מיידל, שטאַרק, שטאַרק מורא געהאַט גאָר צו שטיין אין איין מחיצה מיטן „באָסיאַק”, וואָרעם אינדעראמתן איז דאָך דער רוסישער שאָל־טיק געווען אומעטום אין די ערשטע רייען פֿון די פּאָגראָמשטשיקעס. מער נישט די ליטעראַטור האָט פֿון אים געמאַכט אַ סימבאָל פֿון ווידערשפּע־ניקייט, פֿון אויפֿשטאַנד, פֿון אַ פּורץ גדר, וואָס שטעלט זיך ניט אָפּ פֿאַר קיין שום אָנגענומענעם ליגן אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, און תּיכּף האָבן צו אים אַ ציי געטאָן אין ליבשאַפֿט און התפּעלות די הערצער פֿון דער אידישער יוגנט. אָבער אויך די עבֿודת־הקודש פֿאַרן „באָסיאַק” איז ניט מאריך ימים. ס'דרייט זיך כּסדר די ראָד פֿון דער רעוואָלוציע־ראָמאַנטיק, ביז וואַנען ס'טוט אַ שיין מיט אַן אויסטערלישן גלאַנץ דער שטערן פֿון רוסישן פּראָלעטאַריער, פֿונם אַרבעטער אין דער פֿאַבריק, וואָס אַלע חסרו־נות פֿונם „מוזשיק” און „באָסיאַק” האָבן זיך צו אים ניט צוגעקלעפּט, און וואָס ער איז דאָס דער אמתער באַשערטער, אָט ער וועט דאָס זיין דער משיח, דער אויסלייזער פֿון דער קרענקנדיקער מענטשהייט.

און אָט אין דער דאָזיקער פֿאַרכּישופֿטער וועלט פֿלעגט דאָס אַריינ־פֿאַלן דער אידישער בחור, דאָס אידישע מיידל, אַקאָרשט אַרויס פֿונם געטאָ, פֿונם תּחום־המושבֿ. קליין אין די אייגענע אויגן, מיט אַ געפֿיל פֿון ביטול צו זיך אַליין איז געשטאַנען די אידישע יוגנט פֿאַר די וועטעראַנען פֿון דער רעוואָלוציע, כּעבֿדא קמא מריה פֿאַר איטלעכן, וואָס האָט שוין זוכה געווען צו ווערן אַ פּאָליטישער עמיגראַנט, אָדער וואָס האָט זיך ערשט געגרייט צו אַזאַ גורל, צי גאָר געמאַכט דעם אָנשטעל פֿון אַ רעוואָלוציאָנער. מיטן אמתן יראת הכּבֿוד האָט מען געקוקט אויף די גדולים, די לייבן פֿון דער רעוואָלוציע, די העלדן פֿון וויכּוחים און פֿון ניט־לעגאַלער „אונטער־ערדישער” אַרבעט, וואָס איטלעכס וואָרט זייערס איז געווען אַ געזעץ, אַ מוז פֿאַר יעדן מיטגליד פֿון דער „קאָלאָניע”. און דער אידישער בחור, אויב ער האָט אַפֿילו יאָ מיטגעבראַכט אין זיין רענצל עפּעס וואָס פֿון אידישער קולטור, איז ער דאָך געווען געגליכן צו אַ וועוויריקל לגבי די דאָזיקע ריזן פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע־קולטור. און טאָמער האָט דער בחור ניט געוואָלט זיין אַן „אַלטפֿרענקישער” און פֿאַררעכנט ווערן צווישן די אָפּגע־

שטאַנענע, האָט ער נאָר באַדאַרפֿט אַרויסוואַרפֿן זיין שעמעוודיקן אידישן באַגאַזש.

אונזערע צייטן ווייזן פֿון אויסטערלישע שיטות אין הערשן איבערן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. אין רשות פֿון די היינטיקע דיקטאַטאָרס זיינען פֿאַראַן בייטשן און קאַנטשיקעס, פּאָליטאיזאָלאַטאָרן, קאָנצענטראַציע־לאַגערס, ווידויים פֿון געמשפּטע פּאָליטישע „פֿאַרברעכער", טויט־אורטיילן מיט פּראָצעסן און טויט־אורטיילן אָן פּראָצעסן צווישן די פֿיר ווענט פֿון אַ תּפֿיסה, און פֿונדעסטוועגן קלעקט דאָס אַלצדינג ניט אויף איינצוצאַמען די ווידערשפּעניקע און זיי אַרויפֿצופֿירן אויפֿן „דרך הישר". אַ סימן איז דאָס פֿאַרן תּהום פֿון שׂנאה, וואָס ס'האָט זיך געעפֿנט צווישן דער געזעלשאַפֿט און אירע הערשער. אָבער אַ געזעלשאַפֿט, וואָס לעבט אין האַרמאָניע מיט אירע פֿירער און הערשער, נויטיקט זיך ניט אין אַזעלכע אויסטערלישע ווייטאָגדיקע מיטלען פֿאַר איר הערשונג. אַפֿילו מיט אַ גלעט, מיט אַ גוט וואָרט פֿאַרשטייט זי איינצושטעלן איר פֿירערשאַפֿט, און זי קליגט זיך מיט דרכי שלום צו ברעכן יעדן ווידערשטאַנד און מאַכן עפּר ואפר פֿון די ווידערשפּעניקע.

ווער רעדט נאָך, אַז די געזעלשאַפֿט לעבט אין אַ געהויבענער שטימונג און אָטעמט מיט רעוואָלוציע, מיט אַ פֿייערדיקן גלויבן, מיט אַ התלהבות, אַז זי איז „שיכּור און ניט פֿון וויין", דעמסטמאָל פֿאַרמאָגט זי אַ סך גייסטיקע מיטלען אויף איינצושלינגען און פֿאַרדייען אַלע יענע, וואָס טרעטן אַרויס קעגן איר הערשאַפֿט. ס'קלעקט פֿאַר אַזאַ געזעלשאַפֿט דער כּוח פֿון סוגעסטיע, ס'איז פֿאַר איר גענוג די לופֿט פֿון יראת־הכּבוד און הכנעה, וואָס זי באַשאַפֿט אַרום אירע לייט, אַרום „אנשי שלומנו", אַקעגן דעם ביטול, וואָס זי פֿאַרשפּרייט לגבי איטלעכן וואָס דערוועגט זיך נאָר אַרויסצוטרעטן מיט אַ קעגנערישער מיינונג. וואָסער באַטרעף האָט שוין די שטאַרקסטע טענה לגבי אַ העוויה פֿון ביטול, וואָס ווירקט מיט אַזאַ זיכערקייט ? וואָס אַ געלעכטערל קען פּועלן, וועט דער שׂכל ניט באַווייזן. ווער האָט דאָס נויטיק דווקא טיראַנען־שטיק ? צוליב וואָס בלוטיקער טעראָר ? ס'איז גענוג אָנצוּוואַרפֿן אַ פּחד אויף אַ מענטש מיט אַ וואָרט, מיט אַן אָנצוהערעניש, אַז ער באַלאַנגט צו די אָפּגעשטאַנענע. ווער וויל זיך דאָס חברן מיט הינטערשטעליקע ? איטלעכער מענטש ווייס סיי־ווי, אַז לגבי פּלוני בן פּלוני איז ער הינטערשטעליק, אַפֿילו בעת ער איז אַליין אַ העכערער מענטש איז דאָך תּמיד פֿאַראַן עמעצער צי אַ יחיד, צי אַ סביבה, וואָס איז נאָך העכער פֿון אים. נאָר ווער וועט דאָס אויסקלויבן לכתּחילה דעם גורל פֿון אַ הינטערשטעליקן, בעת ס'איז אַזוי גרינג פּטור צו ווערן פֿון דער אייגענער הינטערשטעליקייט און זיך אויסגלייכן אין דער מדרגה

מיט אַלע אַנדערע מענטשן? ווער וויל דאָס זיין דווקא אַ קליין מענטשעלע, אַן אויסנאַם אין דער מחנה, בעת קיינער נויט אים ניט דערצו? און וואָס פֿאָדערט פֿון דיר די געזעלשאַפֿט — אויב נישט אַ קליינקייט: ניט צו זיין קיין אויסנאַם, זיין ווי אַלע, ניט פֿאַרעקשנען זיך מער וויפֿל מען באַדאַרף און מקבל זיין באהבה אַלע אמתן און אני מאמינס פֿון דער סביבה. צי איז דאָס אַזאַ גרויסער קרבן? אַדרבה, אַ פּריווילעגיע גיט דיר דאָך די געזעלשאַפֿט, אַ רעכט אויף גלייכהייט, אויף אויפֿצונעמען די שפֿע, וואָס שטראָמט אַרויס פֿון דער סביבה.

גרויס איז דער כּישוף און די שיכּרות פֿון דער געזעלשאַפֿט, וואָס אָטעמט מיט דער לופֿט פֿון רעוואָלוציע, גרעסער פֿון אַ געזעלשאַפֿט אין געוויינטלעכע צייטן. און איר גייסטיקע טיראַנישקייט, אירע גייסטיקע הער־שונג־גלוסטן זיינען דעריבער אויך אַ סך גרעסער. וואָרעם די הערצער זיינען פֿאַר איר אָפֿן און מען איז מקבל איר הערשאַפֿט גערנווייליק, ניט איבערגוואַלד. בפֿרט קומט איר אַנטקעגן די אידישע יוגנט. וואָס זי האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך, טאָקע אַלצדינג אַן אויסנאַם איז איר נמאס געוואָרן, אַ פֿאַרשימלט לעבן פֿון אידישן געטאָ און אַלצדינג וואָס זי זעט דאָ אַרויס אינם נייעם לעבן, און ווידעראַמאָל אַלצדינג אַן אויסנאַם, כאַפּט זי אַן פֿאַרן האַרצן און וועקט אויף אין איר אַ געפֿיל פֿון יראת־הכּבוד. און וואָס פֿאָדערט פֿון איר אָט די געזעלשאַפֿט, וואָס זי בענקט אַזוי נאָך איר? זיך נאָר באַהעפֿטן מיט דער „מענטשהייט״, זיך באַפֿרייען אַפֿריער פֿון יענע פֿאַרבינדונגען, וואָס רייסן זיך איבער ממילא, פֿון באַציאונגען אַלטפֿרענקישע, פֿון איינרעדענישן און פֿאַלשע איינגלויבענישן, פֿון קינ־דערשע פֿאַנטאַזיעס, פֿון קליינקעפּלדיקייט, פֿון שמאָלע האָריזאָנטן און אויפֿהערן זיך שרעקן פֿאַר דער וועלט. אידישער נאַציאָנאַליזם איז דאָך דער היפּוך פֿון גלויבן אין דער „מענטשהייט״, אין וועלט־פּראָגרעס. וואָס באַ־טייט אידישקייט, אויב ניט רעליגיעזער פֿאַנאַטיזם, שאָוויניסטישע רע־אַקציע, קליינבירגערלעכע פּסיכאָלאָגיע, אַן אָוועקשטעלן זיך אַן אַ זייט, ווייט פֿון דער וועלט־רעוואָלוציע, וואָס געגנעט שוין? וואָסער אידישער בחור, וואָס גייט נאָך פֿוסטריט דעם צייטגייסט, וועט איינשטעלן זיין לעבן, זיין נשמה, און זיך באַהעפֿטן מיט אַזאַ אַלטוואַרג? ווער וועט וועלן שווימען קעגן שטראָם און זיך אַוועקשטעלן קעגן דעם הערשנדיקן, פֿאַרכאַפּערישן צייטגייסט?

ניט גאָר שווער איז אַזאַ אָפּזונדערן זיך פֿאַר יענע, וואָס די פֿליגלען פֿון דער שטורמישער תּקופֿה האָבן זיי ניט אָנגערירט. געווען צווישן זיי מיטגלידער פֿון די סטודענטישע קאָלאָניעס אויך אַזעלכע, וואָס זיינען גע־לעגן אין זייער שאָלעכץ און האָבן זיך געווייקט אין זייער ראָסל. איינער איז

פֿאַרטאָן מיטן לייב און לעבן אין דער גמרא און אַהער איז ער געקומען נאָר בכדי זיך אויסצולערנען אַביסל גוײשע חכמות, וואָס אַזוינס פֿאָדערט די הײנטיקע וועלט. פֿאַרשטאַפּט ער דעריבער די אויערן מיט וואַטע, אַז קיין שום אויסטערלישער דרויסנדיקער ווינט זאָל אים ניט פֿאַרשאַטן. אַ צווייטער, אַ קליין מענטשעלע, קלערט נאָר וועגן זיינע שמאָלינקע פּראַקטישע פּריוואַט־אינטערעסן, און מעג די וועלט זיך איבערקערן, זאָל עס אים גאָר אָנהויבן אָרן. פֿאַראַן אויך אינדיווידואַליסטן, שייגגייסטיקע פֿערזענלעכקייטן, וואָס לעבן אין אַנדערע וועלטן, ווייט פֿונם געזעלשאַפֿטלעךפּאָליטישן טומל אַרום און אַרום.

אָבער אַ סך און אַ סך שווערער איז די לאַגע פֿון יענע וואָס פֿאַרמאַכן ניט די אויערן פֿאַר די שטורעמס פֿון זייער דור, וואָס זייער האַרץ קלאַפּט אין האַרמאָניע מיטן גייסט פֿון זייער צייט, וואָס דער וועלט־שמערץ איז זיי ניט פֿרעמד און דער גורל פֿון פֿעלקער און קלאַסן, דער חשבון פֿון דער גרויסער און ברייטער וועלט פֿאַרנעמט ניט קיין קליינעם אָרט אין זייערע געדאַנקען און געפֿילן, ניט קיין קלענערן ווי ביי די מענטשן פֿון זייער סביבה אין די סטודענטישע קאָלאָניעס; מער נישט זייערע חשבונות מיט דער וועלט זיינען שטאַרק פֿאַרפּלאָנטערט, ניט אַזוי פּשוט ווי ביי די אַנדערע; זיי געדענקען וואָרן זייער שייכות צו זייער פֿאָלק און די דאָזיקע שייכות איז ניט סתּם אַ ביאָלאָגישע ירושה, ניט עפּעס אַ צוטשעפּעניש און נאָכשלעפּעניש, וואָס ס'איז כדאי דערפֿון פּטור צו ווערן, פֿונקט פֿאַרקערט: זייער פֿאַרגאַנגענהייט קענען זיי ניט און ווילן ניט פֿאַרגעסן אין גאַנצן, און זייער צוקונפֿט שמייכלט ניט צו זיי אַזוי יום־טובדיקלייכטזיניק ווי צו די אַנדערע פֿון זייער סביבה און זיי זעען אין איר געננג טראַגישע שטריכן. אָט זיי איז טאַקע שווער. ניטאָ קיין אָנשפּאַר. דער נס פֿון הערצל איז נאָך ניט געשען: עלנט איז מען. די וועלט פֿון די חובבי ציון איז ביי זיך שטאַרק אַראָפּגעפֿאַלן, מען איז געוואָרן אַ יורד. אָט די איינזאַמע און עלנטע קעמפֿן מיט זיך אַליין: אַ „קרע שבלב", אַ ריס אין האַרצן איז זייער גורל. זיי בלאָנדזשען אַרום ווי ניט דאָאיקע, זוכן און טאַפּן אין דער פֿינצטער. אויך פֿון זיי פֿאַלן אָפּ עטלעכע און ווערן מיטגעשלעפּט מיטן אַלגעמיינעם שטראָם. נאָר איינגעשפּאַרטע, שטאַרק־גייסטיקע און חוצפּהדיקע צווישן זיי אַסימילירן זיך ניט מיט דער סביבה, און הגם זיי האָבן ניט קיין מחנה, קיין אָנשפּאַר הינטער זיך, פֿונדעסטוועגן גיבן זיי זיך ניט אונטער, זיינען זיי באַהאַרצט און באַוויזן זייער אייגענעם פּרצוף, טענהן, זיינען זיך מתווכח און קוקן אויס אויף עפּעס אַזוינס, וואָס באַדאַרף ערשט אָנקומען, וואָס איז איצט נאָך ניטאָ, נאָר וואָס די צוקונפֿט איז זיינע.

אַט אַזאַ מין גרופּע פֿון איינגעשפּאַרטע אידישע יונגע לייט, וואָס ווערן ניט בטל פֿאַר די קעגנער, אַפֿילו בעת זיי אַליין בלאָנדזשען נאָך אַרום אָן אַ קלאָרן וועג און ציל, אָן אַ מחנה און אָן אַ פֿירונג, האָט זיך דענסטמאָל צונויפֿגעקליבן אין בערלין. צווישן זיי געפֿינען מיר עטלעכע וואָס האָבן דערנאָך זוכה געווען צו זיין צווישן די ערשטע אַרום הערצל, אַנדערע ווידער האָבן אַ גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן פֿאַר שעפֿערישער ציוניס־טישער אַרבעט. די נעמען פֿון לעאָ מאָצקין, שמריהו לעווין, אביגדור יאַ־קאָבסאָן, יוסף לוריע, עליהם השלום, און חיים וויצמאַן, אים צו לענגערע יאָר — מיר היטן זיי אַלעמען אָפּ אין אונזער זכרון.

בערלין איז געווען, די ערשטע שטאָט פֿון מערב־אייראָפּע, וואו אידישע סטודענטישע יוגנט פֿון מזרח־אייראָפּע מיט אַ נאַציאָנאַלער באַוואוסטזי־ניקייט האָט אויסגעשפּרייט אירע געצעלטן. מען האָט געגרינדעט אַ „אידיש־רוסישן פֿאַראיין פֿאַר וויסנשאַפֿט". שוין אינם נאָמען אַליין, וואָס האָט באַ־וויזן דעם אידישן פּרצוף האָט געשטעקט אַ העזה. וואָס האָט מען געטאָן אינם פֿאַראיין? פֿאַרשטייט זיך וואָס: מען האָט געלייענט רעפֿעראַטן און געפֿירט וויכּוחים. אין דער ריי האָט איטלעכער חבר געלייענט זיין רעפֿעראַט. מען האָט אַרומגערעדט אַלע פּראָגעס, וואָס אַרום זיי האָט אין יענע צייטן געפֿלאַקערט דער קאַמף פֿון מיינונגען: נאַציאָנאַליזם און קאָס־מאָפּאָליטיזם, צי זיינען אידן אַ נאַציע און אַנדערע אַזעלכע פּראָבלעמען. אָבער אויך ווייט־פֿאַרכאַפּנדיקע ענינים, ווי אַ שטייגער — אידישע מלוכה און אַפֿילו די אַראַבישע פּראָבלעם האָט מען דענסטמאָל אָנגערירט. מען איז געווען פֿאַרטאָן אין שאַפֿן אַן „אידעאָלאָגיע", אַ טעאָרעטישן יסוד פֿאַרן ציוניזם, און די נויטיקע כּלי־זיין דערצו האָט מען גענומען פֿון די גייס־טיקע שטרעמונגען אין יענער צייט, פֿון די וויסנשאַפֿטלעכע אויטאָריטעטן אין יענער תּקופֿה, פֿון ספּענסער, פֿון מאַרקס. אָט די דאָזיקע אַסיפֿות האָבן ניט געלאָזט רוען דעם צד שכּנגד. פֿלעגן אין פֿאַראיין צו די וויכּוחים זיך באַווייזן די גדולים פֿון קעגנערישן לאַגער. האָבן די אַסיפֿות דענסט־מאָל אָנגענומען דעם כאַראַקטער פֿון אַ אידעאישן שלאַכטפֿעלד — אַן אָנצוהערעניש פֿון יענעם גרויסן קולטור־היסטאָרישן וויכּוח, וואָס האָט גאָן אינגיכן באַדאַרפֿט זיך צעפֿלאַקערן אין אַלע תּפֿוצות ישראל.

אָט אויף דעם קאַמף־פֿעלד פֿון בערלינער פֿאַראיין האָט זיך דענסט־מאָל באַוויזן נ ח מ ן ס י ר ק י ן.

צווייטער קאַפּיטל

נאָכקע דער משוגענער

א

ווער און וואָס איז געווען נחמן סירקין?

אַ בחור אַן אויפֿברויז, אַ שטורעמדיקער. ער קאָכט זיך און בונטעוועט. אַ „קאָפּ" און „שגיונות". זיין סביבה איז געווען מחולק אין זיין אָפּשאַצונג. יש אומרים, אַז ער איז געווען אַ שאַרפֿער קאָפּ, אַ חריף, אַנדערע ווידער מיינען, אַז ער איז געווען אַ מתמיד. אָבער לכל הדעות איז ער געווען „ניט גאָר אינגאַנצן קלאָר ביים זינען". דער זון פֿון אַ טאַטן אַ למדן, אליעזר, און פֿון אַ מאַמען אַן אשת־חיל, אַ ברען, צביה האָט מען זי גערופֿן. אָפּגעשטאַמט פֿונם ב"ח („בית חדש", אַ באַוואוסטער פּלפּול־ספֿר, אַ פּירוש אויף די „טורים". זיין מחבר האָט געהייסן: ר' יואל סירקיס, אַ פּוסק און אַ מקובל, איז געווען רב אין עטלעכע קהילות — פּרוזשאַנע, לובלין, בריסק פֿון ליטע און קראָקע. געשטאָרבן אין קראָקע אין 1640, אין עלטער פֿון 80 יאָר).

געבוירן איז סירקין אין מאָהילעוו — אַ שטאָט פֿון באַרימטע רעוואָלוציאָנערן (אליעזר צוקערמאַן, פּיאָטר אַקסעלראָד, מ. אַראָנסאָן און אַנדערע). פֿון איר זיינען אויך אַרויס די ערשטע בילו"צעס: ישראל בעלקינד מיט זיינע ברידער און שוועסטער. אַ גייסט פֿון ווידערשפּעניקייט האָט זיך אין סירקינען באַוויזן נאָך אינגלווייז. מען האָט אים אַרויסגעטריבן פֿון גימנאַזיע, ווייל ער האָט פּראָטעסטירט קעגן אַ לערער, וואָס האָט פּוגע געווען אין אידישן כּבוד. אין מינסק, וואו ער האָט פֿאַרענדיקט די גימנאַזיע און געגעבן לעקציעס, איז ער שוין געווען פֿאַררעכנט צווישן די חובבי ציון. בעלי זכרונות, וואָס געדענקען סירקינען נאָך פֿון יענע צייטן, דערציילן, אַז שוין דענסטמאָל פֿלעגט ער אַרויסזאָגן „משונהדיקע מיינונגען". אין מינסק האָט ער זיך געחברט מיט רעוואָלוציאָנערן פֿון „אונטערערדישן" רוסלאַנד. האָט מען אים אַרעסטירט. אַרויס אויף דער פֿריי, האָט ער איבערגעלאָזט דעם טאַטנס שטוב און איז אַוועק קיין לאָנדאָן. זיך אַרומגעדרייט אין באַרימטן אידישן קוואַרטאַל פֿון לאָנדאָן — אין ווייטשעפּל. מען דערציילט, אַז ער האָט דעמאָלט זיך אַריינגעלאָזט מיט קאָמעדיאַנטשיקעס און האָט זיך אַפֿילו גענומען שרייבן דראַמעס פֿאַר אידישן טעאַטער (אויך אין שפּעטערע יאָרן איז ביי אים פֿאַרבליבן די דאַזיקע נטיה, נאָר קיין מזל ברכה איז ניט געווען אין זיינע דראַמאַטישע פּרוואוון). אין עלטער פֿון אַ יאָר צוואַנציק איז ער אָנגעקומען קיין בערלין (1888).

האָט זיך מיט אימפּעט אַראָפּגעלאָזט אינם ים פֿון למודים, הגם ער האָט קיין ספּעציעלן „פֿאַך" ניט געלערנט. אַ גרויסן דאָרשט צו וויסן האָט ער פֿאַרמאָגט, אים האָט אינטערעסירט פֿילאָזאָפֿיע, סאָציאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע, עקאָנאָמישע פֿאָרשונגען, נאַטורוויסנשאַפֿט און חכמת ישראל. צו לערנען איז אויסגעקומען מיט אַ הונגעריקן מאָגן. און מען האָט געדאַרפֿט זיך קליגן כּדי אָפּצופּטרן דעם מאָגן מיט פֿאַרשיידענע המצאות. אָט די סגולה צו קענען פּטרן דעם מאָגן מיט שיהי פּיהי איז אים דערנאָך בייגעשטאַנען אין יאָרן פֿון נויט.

צי האָט ער געלערנט תּורה לשמה? געוויס ניט צוליב אַ פֿאַך, ניט צוליב קאַריערע. צוליב וויסן, כּדי צו זעטיקן דעם דאָרשט און די ליבשאַפֿט צו וויסן. אָבער אויך אַ „לא לשמה" איז געווען אין זיין לערנען. ער האָט שטודירט, כּדי דערמיט עפּעס „אויפֿצוטאָן". אַלצדינג, וואָס ער האָט געלערנט, האָט אים באַדאַרפֿט העלפֿן אין פֿאַרענטפֿערן די וועלט־קשיות, וואָס האָבן געעגבערט דעם מוח. און ניט נאָר איין פֿראַגע מאַטערט אים, אים זיינען נוגע אַלע פֿראַגעס פֿון דער איצטיקער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג, וואָס מען געפֿינט ניט אין איר ניט קיין גערעכטיקייט, ניט קיין חכמה, ניט קיין פֿרייהייט און ניט קיין גלייכהייט. און דער עיקר עגבערט דעם מוח די נאַציאָנאַלע פֿראַגע. וואָס וועט זיין מיטן פֿאָלק ישראל? וואו אַהין פֿירט אים זיין וועג אין דער געשיכטע? און אַזוי ווי ער איז פֿאַרוואָגלט געוואָרן קיין מערב־אייראָפּע און זעט דאָ מיט זיינע אייגענע אויגן די גדלות פֿון אידן אין דייטשלאַנד, וואו זיי זיצן זיך „אונטער זייער וויינשטאָק און זייער פֿייגנבוים", אונטערן שוץ פֿון זייער וויסנשאַפֿט, פֿון זייער געלט און פֿון זייער גלייכבאַרעכטיקונג, זייער עמאַנציפּאַציע — פֿאָדערט פֿון אים אַ תּשובה די פֿראַגע: וואו אַהין־זשע פֿירט דער וועג, וואָס מיט אים זיינען אַוועקגעגאַנגען די אידן פֿון מערב־אייראָפּע, זייערע חכמים און זייערע גבירים?

סירקין זוכט, פֿאָרשט, אָבער ניט דאָס אַליין, ער משפּט אויך און טראָגט אַרויס זיין פּסק־דין אויף די דייטשע אידן.

און זיינע ערשטע העברעאישע אַרטיקלען („זכרון לחכם" ,המגיד, תּרמ"ט) — ער איז דענסטמאָל געווען אַלט 21 יאָר — רעדט ער אַרום די מיינונגען פֿון די חכמי־ישראל אין מערב־אייראָפּע, און ניט קוקנדיק אויף זיין יראת־הכּבוד פֿאַר אַזעלכע געלערנטע ווי גייגער מיט זיינע חברים און זייערע דערגרייכונגען אין דער פֿאָרשונג פֿון אידישער וויסנשאַפֿט, גיט ער אָט אַזאַ בילד וועגן דעם אינעווייניקסטן וועג פֿון דער אידישער עמאַנציפּאַציע:

„דעם אידעאַל פון שיינקייט און ריינקייט האָט דער איד דערזען אין זיינע שכנים און איז אַוועק מיטן פרעמדן וועג און אויף זיך אַליין האָט ער אויסגעגאָסן אַ פּאַמוויניצע און ער איז נמאס ומיאוס געוואָרן אין די אייגענע אויגן — — —

„פאַר אַ שמייכעלע, פאַר אַ קליין מעסטעלע חניפה האָט יעקב פאַרקויפט זיין בכורה און מיט זיין נשמה האָט ער באַצאָלט זיינע שונאים פאַר זייער חסד, וואָס זיי טרעטן אים מער ניט מיט די פיס מיט זייער גוישער האַפּערדיקייט: די הייליקסטע האָפענונגען, וואָס צוליב זיי האָבן זיינע קינדער זיך מוסר־נפש געווען, זיינען אָפּגעקילט געוואָרן אין זיין הארצן, פאַרלאָשן געוואָרן דער פייער פון ליבע צו ציון און ירושלים, וואָס האָט געפלאַקערט אין זיין האַרצן ווי אַ געטלעכער פלאַם אין אַלע צייטן פון גלות, און דער אידישע גייסט האָט זיין פרצוף צוגעדעקט און האָט זיך צעוויינט".

ניט אַלצדינג וואָס אַ מענטש שרייבט אין אַזאַ עלטער זאָגט עדות, אַז ער וועט ווייטער אויך אַזוי אָנגיין אין זיין גייסטיקן שטרעבן. אָבער סירקינס המשך באַווייזט אונז, אַז ניט פון פרעמדן מויל זיינען געשריבן געוואָרן די ערשטע אַרטיקלען זיינע.

אינם דאָזיקן פראַגמענט פון אַ יונגן בחור געפינען מיר שוין דעם נשמה־ריטם פונם שפּעטערדיקן סירקין, מען זעט דאָ שוין אַרויס זיין אימפעט, זיין שנאה צו קריכערישקייט, זיין חוש פאַרן וועג פון דער אידישער געשיכטע און זיין כעס אויף יענע לייט, וואָס לויפן אַריבער פון די גערודפטע צו דער מחנה פון די תקיפים. „אידישער גייסט" איז פאַר אים ניט קיין נאַקעטע נשמה, ניט קיין פוסטע מליצה. ער איז אַריינגעטאָן אין אים, ווייטאָגט און נעמט זיך אָן זיין קרויודע, און ער האָט גרויס צער ווען דער אידישער גייסט ווערט פאַרשוועכט. מיר זעען שוין אַרויס אינם אַרטיקל יענעם סירקין, וואָס האָט שפּעטער אַ שליידער געטאָן אין פּנים פונם פאָלק די באַשולדיקונג, אַז ער האָט פאַרביטן דעם „אתה בחרתנו" מיט אַן „אתה מאסתנו" — ניט אויסגעקליבן, נאָר פאַרמיאוסט האָסטו אונז אין די אייגענע אויגן!...

אויב סירקינס פייערדיקער געדאַנק וואָלט נאָר דערפירט געוואָרן ביז אָט די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען, וואָלט ער פאַררעכנט געוואָרן צווישן די געטרייע חובבי ציון. אָבער סירקינס שיף איז נאָך זייער ווייט פונם האַפן. ער קעמפט מיט די טרעגער און תמימותדיקע חסידים פון דער חיבת־ציון־באַוועגונג, מיט זייערע קליינע השגות און נעבעכדיקע געוועגלעך. ניטאָ צו אים קיין גלייכן אין שנאה צו קליינקעפּדיקער בעל־הבתישקייט, צו

שמאָלע האָריזאָנטן, צו פאַרגליווערטקייט, צום הכנעהדיקן דרך־ארץ פון די חובבי ציון פאַרן „גביר".

חיבת־ציון האָט סירקינען ניט אָפּגעריסן פון דער קעמפערישער השכלה. געווען אין אים אַ ניצוץ, אַ היפּשע ירושה פון ליליענבלומען, סמאָ־לענסקין און יהודה־לייב גאָרדאָן. זיין יראת־הכבוד פאַר דער העברעאישער קולטור־שאַפונג, זיין טיפער באַהעפט צום תנ"ך, וואָס איז געווען פאַר אים אַ לעבנס־בוך, זיין טיפער אינטערעס פאַרן „כוזרי", פאַרן „מורה נבוכים" און די אַנדערע חקירה־ספרים פון מיטלאַלטער, האָבן ביי אים ניט אָפּ־געשוואַכט די אָפּאָזיציע צו דער אידישער „פּראַקטישער" גלות־אמונה מיט אירע תרי"ג מצוות, וואָס ער האָט געזען אין איר די ירידה פון דער אידישער נביאים־רעליגיע.

ער האָט געלעבט אין דער וועלט פון די נביאים פון די גרויסע או־טאָפּיסטן און רעוואָלוציאָנערן. געווען פון יענע דענקער און טוער וואָס פאָדערן אַ סך און נעמען אַרום אַ סך. די שאַפונגען און אויפטוען פון היינע, לאַסאַל, מאַרקס, סען־סימאָן, פּרודאָן, גערצען, טאָלסטאָי און אַנ־דערע דענקער זיינען געווען אָפן פאַר אים. ער לאָזט זיך אַראָפּ אינעם ים פון דער פּאָליטישער און סאָציאָלאָגישער ליטעראַטור. ער קומט צו די פאַר־זאַמלונגען פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און שטודירט די פּראָגעס פון דער נאָענט. נאָר ער רוט ניט און בלייבט דאָ ניט שטיין. ער קוקט אַריין אין ספרים, אָבער פאַרטיפט זיך אויך אין די אייגענע געדאַנקען. ער נעמט ניט איבער קיין אָנגענומענע מיינונגען. אַ גרייטער פּסק־דין, אַן אָנגענומענער אַלגעמיינער געדאַנק איז אים ניט מחייב. ער פילט זיך ווי אַ תנא, וואָס מעג האָבן זיין קעגנערישע מיינונג. ער האָט זיך זיינע אייגענע טענות, זיינע אייגענע ראיות מיט זיינע חידושים און אויפטוען. זיין סאָ־ציאַליזם מיט זיין רעוואָלוציאָנערישקייט קען מען ניט אַריינשפּאַרן אין דער ראַם פון די פּאָפּולערע בראָשורקעס. ער פאָדערט אַ סך הן פון דער רעוואָלוציע, הן פון סאָציאַליזם און פון נאַציאָנאַליזם. ער וויל ניט נושא־חן זיין און קריגן עמעצנס „הסכמה" מיט דער הילף פון אַ פּשרה־געדאַנק, מיטן פּרייז פון אַ ציטווייליקן, פאַרבייגייענדיקן נצחון. ער איז גרייט זיך איינ־צושפּאַרן אויף זיין אייגענער פּאָזיציע און אַרויסטרעטן אין קאַמף קעגן דער גאַנצער וועלט. זיין צוגעבונדנקייט צו דער רעוואָלוציע וועט אים פונדעסט־וועגן ניט דערפירן, אַז ער זאָל שלום מאַכן מיט די סימנים פון איר גע־פאַלנקייט, מיט אירע פאַנען־טרעגער, וואָס זיינען געוואָרן די כלי־קודש פון דער „פּראַקטישער" סאָציאַליסטישער אמונה.

ב

ער איז גרייט צו מלחמה. אונזערע חכמים פֿון אַמאָליקע צייטן וואָלטן אויף אַזאַ מענטש געזאָגט, אַז די תּורה קאָכט אין אים. די תּורה פֿון סירקין איז ניט קיין גלאַטע, ניכטערע און סיסטעמאַטישע. זי איז אין עצם ברען און קאָך. פֿאַרע־בלעזלעך און שוים שפּריצן אַרויס פֿון איר. ס׳קאָכט אין אים דער שאַרפֿער שכל, וואָס רייסט אַראָפּ די שאָלעכץ פֿון אַלע פֿראַגעס און ווערט צעוויטיקט פֿונם ליגן אין די אָנגענומענע „אמתן״; ס׳קאָכט אין אים די שנאה צו געמאַלנקייט, קריכערישקייט, צו אַ לעבן אין שקלאַפֿעריי און פֿאַראַכטונג; ס׳קאָכט אין אים דער כּעס צו צביעות, צו כּל המינים צביעות, סיי יענע וואָס פֿאַרבאַהאַלטן זיך אונטער דער מאַסקע פֿון אמונה, טראַדיציע און נאַציאָנאַליזם, סיי יענע, וואָס טוען אָן אויף זיך דעם שטריימל פֿון סאָציאַליזם, רעוואָלוציע און „מענטשהייט״; ס׳פֿלאַקערט אין אים דער ניצוץ פֿון אַ נביאישער וויזיע, פֿון אַ זעאונג, וואָס דוכט זיך אויס אַזוי משונהדיק אַפֿילו אין די אויגן פֿון זיינע נאָענטע פֿריינד און חברים און וואָס אין זיינע אייגענע אויגן איז זי אַזוי פּשוט, אַזוי פֿאַרשטענדלעך, ממש אָנצוטאַפּן מיט דער האַנט: אַט גיי און טו דאָס!

אַ מענטש פֿון קאַמף און שטרייט. ניטאָ זיין גלייכן אין אַרויספֿאָדערן אויף אַ מלחמה. און ניט נאָר מיט אַ שונא, נאָר אויך קעגן אַן אייגענעם חבר. ניט נאָר קעגן די „תּלמידים״, נאָר אויך מיט די מאַרקסיסטישע רבנים און פּויפּסטן אַליין. אַ מענטש אָן שום פּחד. ער שרעקט זיך אַפֿילו ניט פֿאַר אַזוינס, וואָס מיר אַלע האָבן דערפֿאַר מורא: צו זיין קאָמיש, לעכערלעך. „שעמט זיך ניט פֿאַר אָפּלאַכער״ איז געווען ווי איינגעקריצט אין זיין כאַראַקטער. ער האָט גיכער געוואָלט בלייבן אַ שוטה צווישן די „קלוגיטשקע״. אין די וויכּוחים מיט די קעגנער האָט ער זיך ניט אונטערגעגעבן זייער געדאַנקען־גאַנג און איז ניט געגאַנגען אין זייערע פֿוסטריט כּדי זיי אָפּצופֿרעגן, נאָר ער פֿלעגט קעגן זיי אַרויסטרעטן מיט זיין אייגענער לאָגיק, וואָס איז ניט געווען גלייך צו זייער גאַנג, מיט זיין אייגענער שאַרפֿקייט, וואָס איז ניט געווען געגליכן צו זייער חריפֿות. און וואָס איר ציל איז געווען ניט קיין וויץ אָדער סתּם אַ פֿריילעכע מחשבה. ניין, די כּוונה פֿון זיינס אַ שאַרף ווערטל איז געווען אויפֿצודעקן די נאַרישקייט, וואָס האָט געשטעקט אין זייער חכמען זיך, צערייסן די שפּינוועבס פֿון זייער געדאַנקען־בנין.

וויפֿל בליצן און שפּריצן פֿון סירקינס וויכּוחים מיט קעגנער זיינען פֿאַרבליבן אויף צענדליגער יאָרן אין זכּרון פֿון זיינע חברים און אַפֿילו ווען זיי זיינען דערנאָך געוואָרן זיינע קעגנער!

שמריהו לעווין דערציילט אונז אַ מעשהלע מיט סירקינען און פֿאַרוואוסן,* וואָס איז שוין שטאַרק באַוואוסט געווען בײַ די דײַטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און האָט דעריבער אויך געשמט אין די סטודענטישע „קאָלאָניעס". ער איז געווען אַן אָפֿטער אַרײַנגייער צו די אַסיפֿות פֿון „אידיש־רוסישן וויסנשאַפֿטלעכן פֿאַראײן", כּדי צו קעמפֿן קעגן די אָפּגעשטאַנענע געדאַנקען פֿון די יונגעלײַטלעך, וואָס זײַנען נוטה צום אידישן נאַציאָנאַליזם. אײן מאָל, אַז ער האָט שוין אויסגעשאָטן אַלע זײַנע „וויסנשאַפֿטלעכע" ראיות קעגן נאַציאָנאַליזם, איז אים אײַנגעפֿאַלן אַ המצאה און ער האָט אילוסטרירט זײַנע געדאַנקען מיט אַ שפּאָגל־נײַער ראיה: מיט זײַן אײגענעם בגד: „אָט קוקט זיך צו צו מײַן בגד, האָט ער אַ רוף־אויס געטאָן צו זײַנע צוהערער אין זאַל, דער וואָלשטאָף זײַנער שטאַמט פֿון שעפּסן, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט אין אַנקאָראַ, אויסגעשפּונען האָט מען די וואָל אין ענגלאַנד, געוועבט אין לאָדזש, די קנעפּלעך זײַנען צוגעשיקט געוואָרן פֿון דײַטשלאַנד און די פֿעדעם פֿון עסטרײַך" — צי באַדאַרף מען נאָך האָבן אַ מער קלאָרע ראיה, אַז נאַציאָנאַליזם איז אין אונזערע צײַטן אַן אַלטפֿרענקישער אומזין? אָט דער בולטער משל האָט געמאַכט אַ מוראדיקן אײַנדרוק. „עס האָבן זיך שוין אַ הויב־אויף געטאָן די הענט צו פּאַטשן בראַוואָ, נאָר דאָ האָט פּאַסירט אַן אויסערגעוויינטלעכע זאַך. פֿאַרוואוסעס בגד איז געווען אַ פֿאַרשמעלערטער. אַז ער האָט זיך אַזוי געדרייט אין אים, געטאַפּט און באַוויזן פֿאַרן עולם, אילוסטרירנדיק זײַנע ווערטער, האָט אין דער היץ פּלוצים די נאָט געפּלאַצט אויפֿן עלנבויגן. אין אַ גלײַכער ליניע אַ קעגן פֿאַרוואוסן איז געזעסן נחמן סירקין, זײַנע אויגן האָבן געברענט פֿון צאָרן און פֿאַראַכטונג, און אַקוראַט ווען פֿאַרוואוס האָט פֿאַרענדיקט, האָט סירקין, וועלכער האָט זיך שוין ניט געקענט אײַנהאַלטן פֿון כּעס, אַ שפּרונג־אויף געטאָן פֿון זײַן זיץ מיט אַ געשרײ אויס: „און אָט דער געוואַלדריס אינם בגד פֿון אדוני פּריץ שטאַמט פֿון די פּאָגראָמען אין קיעוו". דער אײַנדרוק פֿון סירקינס ווערטער איז געווען אין לשער. פֿאַרוואוס האָט גערעדט אַ היפּשע שעה ביז וואַנען ער האָט זיך אַ הויב־אויף געטאָן אויפֿן שפּיץ און האָט

* זײַן אמתער נאָמען איז געווען העלפֿאַנד: אַ רוסישער איד, וואָס איז עולה לגדולה געווען בײַ דער דײַטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. בשעתו האָט ער באַלאַנגט צום לינקן פֿליגל פֿון דער פּאַרטיי. אין יאָר 1905 האָט ער אין פּעטערבורג אין אײנעם מיט טראָצקין געהאָלפֿן גרינדן דעם ערשטן רוסישן סאָוויעט. אין דער וועלט־מלחמה האָט ער געטרײַ געדינט דעם קיסר ווילהעלמס רעגירונג. ניט קוקנדיק אויף זײַן לינקיזם האָט ער זיך אַרײַנגעלאָזט אין ספּעקולאַטיווע געשעפֿטן און איז געוואָרן אַ גביר. אין דער אײגענער צײַט האָט אים דאָס ניט געשטערט צו שפּילן די ראָלע פֿון אַ פֿאַרמיטלער צווישן ווילהעלם און די באָלשעוויקעס.

דערלאנגט ביז צו דעם אינטערנאציאנאליזם פון זיין בגד, און מיט איין קלאפ האט סירקין צעשטערט אלע זיינע בנינים.*

א צווייטע מעשהלע פונם אייגענעם כאראקטער דערציילט אונז מיט עטלעכע און פערציק יאר שפעטער א יוגנטפריינד סירקינס, וואס איז דערנאך אריבער אין פיינטלעכן לאגער.** געפירט האט זיך א וויכוח, צי זיינען אידן א פאלק, א נאציע, צי ניט (די דאזיקע „פראגע" איז יארן נאכאנאנד געשטאנען אויף דער טאג־ארדענונג ביי דער אידישער אינטעליגענץ, און אויך עטלעכע ניט־אידישע טעארעטיקער האבן געהאלטן, אז זיי דארפן זיך אריינמישן אינם וויכוח. דאס איז אבער ניט געווען סתם אן אקאדעמישער שטרייט, מען האט פון אים גערדרונגען אויך פראקטישע אויספירן: אויב מען וועט קענען אויפווייזן מיט וויסנשאפטלעכע ראיות, אז אידן זיינען בכלל ניט קיין נאציע, וועלן דאך ממילא בטל ווערן אלע אידישע נאציאנאלע שטרעבונגען און זיי וועלן בכן זיך גארניט נויטיקן אין אן אייגן אידיש לאנד).

אינם דאזיקן וויכוח האט אנטייל גענומען אויף דער זייט פון די קעגנער צו אידישן נאציאנאליזם א באוואוסטער פילאזאפישער דענקער — איטעלסאן, וואס איז געווען א סך עלטער פון זיינע צוהערער.*** ער

---

* שמריהו לעווין: „זכרונות פון מיין לעבן", 2טער בוך: דער אויפשטאנד פון דער יוגנט.

** אליהו דאווידסאן, פון די קאנטיקע פערזענלעכקייטן אין דער בערלינער גרופע, א אידישער תלמיד־חכם, אמאליקער התלהבותדיקער חובב ציון, א חבר פון אחד־העמס „בני משה" און אנטיילנעמער אין ערשטן ציוניסטן־קאנגרעס. אוועק פון ציוניזם און אריבער צו דער רוסישער סאציאל־דעמאקראטיע, צו דער גרופע פלעכאנאוו, און איז ביי זיי געווען א מומחה פאר אידישע ענינים, קעמפנדיק אין איר נאמען קעגן ציוניזם און קעגן „בונד". נאך דער רעוואלוציע איז ער געווארן פראפעסאר אין קיעוו און דארטן געשטארבן. אויף מיין בקשה האט ער אנגעשריבן זיינע זכרונות וועגן סירקינען (אין כתב־יד). סירקין האט זיך שטארק גערעכנט מיט אים און זיין אוועקגיין פון ציוניזם האט אים פארשאפט א סך צער. אויף ווי ווייט סירקין האט געדענקט דאווידסאנען באווייזט אונז דער פאקט, אז בעת ער איז געקומען אין א"י אין יאר תרפ, מיט א דעלעגאציע פון פועלי־ציון, האט ער געפונען פאר נויטיק אים מיטצוטיילן זיינע מיינונגען און זיין גלויבן.

***גריגארי איטעלסאן, א רוסישער איד, וואס האט עמיגרירט קיין דייטשלאנד אין די 70ער יארן פון פאריקן יארהונדערט. געווען כעמיקער, מאטעמאטיקער, פילאזאף. געשטארבן אין יאר 1926 אין בערלין, אין עלטער פון 70 יאר, נאכדעם ווי ס'האט אים פארוואונדעט א ווילדער נאצי־העלד. פראנץ אפענהיימער האט וועגן אים געשריבן (מוסף פון „דבר", תרפ"ו, ג' ל"ט): „אזוי ווי איך האב אים געקענט, האבן די גוף־יסורים פון אנפאלער ווייניקער משפיע געווען אויף אים ווי די מאראלישע ליידן, די גערדיקטע שטימונג איבער דעם פארשוועכטן כבוד פון א מענטש". „געווען איינער פון

האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ ברייטער און טיפער בילדונג, מיט אַ שאַרפן מוח, און איז געווען שטאַרק אָנגענומען ביי דעם עולם. איטעלסאָן האָט געטענהט, אַז דער גאַנצער וויכּוח איז ניט קיין פּרוכפּערדיקער. מען קען קוקן אויף אידן ווי אויף אַ פֿאָלק און מען קען זיי אָפּשאַצן אַנדערש, ווי אַ ניט־פֿאָלק: אַלצדינג הענגט אָפּ פֿון אונזער השגה וועגן פֿאָלק, נאַציע. און כּדי צו געבן צו פֿאַרשטיין זיין געדאַנק האָט ער געבראַכט אַ משל: אין אַלע לערנביכער פֿאַר זאָאָלאָגיע ווערט די הון פֿאַרצייכנט צווישן די פֿויגלען. נאָר אַ רוסיש ווערטל זאָגט, אַז אַ הון איז ניט קיין פֿויגל. „אָט אָ דאָ איז אויפֿגעשפּרונגען נחקע און האָט אים איבערגעריסן מיט אַ געשריי: און בעת די נאַרישע און האָפֿערדיקע הינער קריגן זיך, קומט דער שפּאַרבער און שטעכט זיי אויס די אויגן!"

פֿאַר קיינעם האָט ער קיין מורא ניט געהאַט, אַפֿילו ניט פֿאַר די לייבן פֿון דער רעוואָלוציע און פֿון די וויכּוחים. און אויך קיין אימתא דציבורא האָט ער ניט געהאַט, זיך ניט געשראָקן אַפֿילו פֿאַר אַ פֿיינטלעכער אוידיטאָריע. איין מאָל האָט מען אין דער „קאָלאָניע" געפֿירט אַ שטורמישן וויכּוח וועגן אַזאַ מין פֿראַגע: „ווען פֿאַלט אויס ראש־השנה"? פֿאַרשטייט זיך, אַז מען האָט דערמיט ניט געמיינט דעם אידישן ראש־השנה, נאָר דעם גוישן ניי־יאָר. מער נישט אויך ביי גוים זיינען דאָך געווען צוויי קאַלענדאַרן: אַ רוסישער, פּראַוואָסלאַוונער און אַ מערב־אייראָפּעאישער. אין יענע יאָרן האָט מען אין רוסלאַנד זיך נאָך נוהג געווען לויטן אַלטן פּראַוואָסלאַוונעם לוח. די אידישע סטודענטן, וואָס האָבן הויך געהאַלטן די פֿאָן פֿון „מענטשהייט" און „קאָסמאָפּאָליטיזם" האָבן געוואָלט — פֿון התלהבות און ליבשאַפֿט צו רוסלאַנד, וואָס איז דאָך געווען אַלץ איינס וואָס רעוואָלוציע — פּראַווען דעם „נייעם יאָר" דווקא לויט רוסלאַנדס שטייגער, וואָס אירע מנהגים ווערן געהייליקט פֿון דער רעוואָלוציע. די אָפּאָזיציע פֿון די נאַציאָנאַל־אידישע סטודענטן האָט געפֿאָרנען איר אויסדרוק אין דער פֿאָדערונג, אַז מען זאָל פּראַווען דעם „נייעם יאָר" לפי דעם מערב־אייראָפּעאישן קאַלענדאַר. און אויך דאָ איז סירקין געוואָרן דער פּראָקוראָר: ס'טייטש, היתּכן, צי יום־טובן דען אַלע רוסישע

די געהויבנסטע מענטשן־טיפּן, וואָס באַווייזן זיך אויף דער וועלט". „דאָס גאַנצע רייכע וויסן, די ליכטיקע קלאָרקייט פֿון געדאַנק, דעם גאַנצן וויסנשאַפֿטלעכן שטאָף, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין זכּרון, האָט ער מיטגענומען מיט זיך אויף יענער וועלט". זע אויך הוגאָ בערגמאַן: „טויזנט יאָר ווי אַ נעכטיקער טאָג" (מוסף פֿון „דבר", תּרפּ"ג, ג' ל"ח). זיין ביבליאָטעק האָט ער איבערגעלאָזט אַ ירושה פֿאַרן ירושלימער אוניווערסיטעט. דאָרטן געפֿינט זיך אויך סירקינס אַן אַרטיקל: "Das Zweckmässig-Heroische in der Geschichte" מיט אַ ווידמונג אין העברעאיש: „לידידי ולאהובי מזכּרת"

פּעלקער זייערע ימים־טובים לויטן רוסישן קאַלענדאַר? ווי זיינען זיך נוהג די אַנדערע פּעלקער פון רוסלאַנד — פּאָליאַקן, לאַטוועשן, טאַטערן, צי פּראַוועץ זיי אויך דעם „נייעם יאָר״ לויטן רוסישן לוח? ווייזט אויס, אַז איר, כּלומרשטע רעוואָלוציאָנערן, פּאַלט כּורעים פאַרן הערשנדיקן רוסישן פּאָלק און באַרעכטיקט דערמיט דעם יאָך, וואָס ער לייגט אַרויף אויף די אַנדערע פּעלקער!... און געזאָגט האָט סירקין די ווערטער מיט כּעס, מיטן טאָן פון אַן אַרויספאָדערונג. און קעגן וועמען האָט ער געשליי־דערט זיינע באַשולדיקונגען? ער האָט זיי אין פּנים אַריינגעזאָגט יענע לייט, וואָס איטלעכער פון זיי האָט געקוקט אויף זיך ווי אויפן אמתן חתן פון דער רעוואָלוציע הבאה עלינו לטובה, ווי אויפן פאַנגענטרעגער פון דער געלייטערטער „מענטשהייט״, וואָס פאַר איר עקזיסטירט דאָך ניט קיין חילוק צווישן „העלען און איד״. אַט אַזוי ווייניק טאַקט האָט פאַרמאָגט דער סירקין, און ס׳איז טאַקע שווער געווען אים מוחל צו זיין!

אַ היפּשע צייט האָט זיך אין דער „קאָלאָניע״ געפירט אַ וויכּוח וועגן דעם נאָמען פון דער סטודענטישער הילף־קאַסע: צי דאַרף מען זי אָנרופן „רוסישע״, צי „אידיש־רוסישע״. קיין רוסישע סטודענטן האָט מען כּמעט ווי ניט באַגעגנט אין דער „קאָלאָניע״, פּשוט צוליב דעם, ווייל בדרך כּלל זיינען נאָר אידן געוויט געווען אויף יענער זייט גרענעץ זיך געפינען אַן אָרט אויף צו לערנען. פונדעסטוועגן האָבן אַלע פאַנגענטרעגער פון „קאָסמאָפּאָליטיזם״, וואָס האָבן געקוקט אויף זיך ווי אויף אמתע רוסן, אין איין קול געפאָדערט, אַז מען זאָל די קאַסע אָנרופן „רוסישע״. יענע ווידער וואָס האָבן געפאָדערט, אַז די קאַסע זאָל באַווייזן איר אידישן פּרצוף, האָבן זיך סומך געווען אויפן צונויפשטעל פון דער סטודענטנשאַפט, אויף די רדיפות קעגן אידן אין רוסלאַנד. די „אַל־מענטשלעכע״ האָבן ווידער געטענהט, אַז די רדיפות זיינען אַ פועל־יוצא פונם טיראַנישן, זעלבסט־הערשערישן רעזשים, וואָס גאַנץ רוסלאַנד ליידט פון אים, בכן איז דאָס אַ כּלל־זאַך ניט נאָר אַ אידישער ענין, בפרט אַז די בעסערע מענטשן פון דער רוסישער געזעלשאַפט זיינען קעגן דער זעלבסט־הערשונג און ס׳איז ניטאָ קיין אַנדער עצה אויף פּטור צו ווערן פון איר, סיידן מיר וועלן זיך אויסמישן מיט אַט די חסידי־אומות־העולם פון רוסלאַנד. סירקין, ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט זיך ניט באַ־גנוגנט מיט זעלבסט־פאַרטיידיקונג, נאָר האָט אַליין פאַרפירט אַ קאַמף און איז אַליין געוואָרן דער אָנפאַלער. ער האָט פאַרמאָגט די העזה צו לייקענען אין דער עצם טענה, אַז די שנאה צו אידן שטאַמט נאָר פונם רעזשים. אויב עס פאַרלויפן זיך פּאָגראָמען, וואָס חזרן זיך איבער פון צייט צו צייט, קען מען ניט אָראָפּנעמען די אחריות פאַר זיי

פֿונם פֿאָלק פֿון די פּאָגראָמשטשיקעס, און ניט געגוג דערמיט, וואָס ער האָט זיך דערוועגט פּוגע בכבוד צו זיין דאָס רוסישע פֿאָלק, פֿלעגט ער נאָך ווייטער גיין און אַריינברענגען אין כעס די חסידים פֿון דער אַסימילאַציע: אויך די רוסישע אינטעליגענץ איז ניט אין גאַנצן ריין פֿון שולד, לויט זיין מיינונג, אויך אויף איר פֿאַלט אַ גרויסער טייל פֿון דער אחריות פֿאַר די פּאָגראָמען, וואָרעם זי שטעלט זיך ניט איין ווי ס'באַדאַרף צו זיין!

מען קען זיך משער זיין, ווי אַזוי די אודיטאָריע האָט אויפֿגענומען אַזעלכע רייד — אָט די אודיטאָריע וואָס איז געווען אויפֿגעהאָדעוועט אויף אומבאַגרענעצטן יראת־הכּבֿוד צום רוסישן פֿאָלק און צו דער רוסישער אינטעליגענץ און וואָס האָט זיך כּסדר איינגערעדט, אַז די פּאָגראָמען זיינען נאָר אַ פּועל־יוצא פֿונם אַלטן, בייזן רעזשים. ניט אומזיסט פֿלעגט מען בכן באַשולדיקן סירקינען, אַז ער פֿאַרשטייט ניט ווי זיך צו פֿירן און אַז ער פֿאַרמאָגט ניט קיין חוש פֿאַר טאַקט.

און דער מענטש, וואָס דערציילט אָט די זכרונות און האָט זיך שוין לאַנג דערווייטערט פֿון זיין יוגנט־פֿריינד און באַלאַנגט גאָר בעתן שרייבן צום קעגנערישן לאַגער, געפֿינט פֿונדעסטוועגן פֿאַר נויטיק מוסיף צו זיין: „אָט דער משוגענער און טאַקטלאָזער אויפֿברויזן סירקינס פֿלעגט אָבער נויטן אַ סך פֿון זיינע צוהערער זיך צו פֿאַרטראַכטן איבער די אַנגעריירטע ענינים".

ג

כל־זמן סירקין פֿלעגט שמייסן זיינע קעגנער מיט דער בייטש פֿון סאַטירע, האָבן זיך געפֿונען מענטשן, וואָס פֿלעגן זיך צוהערן צו זיינע רייד. מען איז טאַקע אָפֿט געווען אויף אים אין כעס, אָבער מען האָט אויך אָפֿט הנאה געהאַט פֿון זיין חריפֿות. ער האָט אַמאָל אָנגעשריבן אַ סאַטירע אויפֿן פֿאַראיין און זי פֿאַרגעלייענט אויף אַ פֿאַרזאַמלונג. ס'האָט זיך דאָרטן גערעדט וועגן דעם קליינשטעטלדיקן בדחן אלימלך, וואָס איז פֿאַרוואָגלט געוואָרן קיין בערלין און אָנגעהויבן אַריינקומען אין פֿאַראיין און הערן אויף די אַסיפֿות די דרשות פֿון די מענטשהייט־ראַטירער, פֿון די נייע גואלים און משיחים. געהאָרעוועט נעבעך האָט אלימלך כּדי צו באַנעמען די רעדנער און זיך דערגרונטעווען מיט זיין פּשוטן שכל ביז צו דער טיפֿקייט פֿון זייערע כּוונות. און דערביי פֿלעגן אַרויסקומען קוריאָזן איבער קוריאָזן און דער געלעכטער פֿונם עולם צוהערער האָט פֿאַרהילכט דעם זאַל. מען האָט אָפֿט זיך ביי אים געבעטן ער זאָל איבערחזרן און לייענען זיין חיבור. שוין דעמאָלט האָט זיך ביי אים אַנטפּלעקט דער

טאַלאַנט פֿון שאַרפֿער סאַטירע, וואָס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן אין זיין פֿולן גלאַנץ אין זיינע פּאָלעמישע שריפֿטן.

גאָר אַנדערש איז אָבער געווען סירקינס גורל, בעת ער פֿלעגט זיך נעמען אַרויסגעבן זיינע אייגענע מיינונגען, זיין אייגענע וועלט־אַנשויאונג. דאָ פֿלעגן זיך זיינע צוהערערס אַנשטויסן אויף משונהדיקע ענינים, וואָס האָבן זיך אינפֿלוג גאָרניט געלייגט אויפֿן שכל.

שמריהו לעווין, וואָס האָט סירקינען געקענט נאָך פֿון זיין מינסקער תּקופֿה, סך־הכּל איז ער דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר צוואַנציק, דערציילט אונז אין זיינע זכרונות, אַז שוין אין יענע צייטן, דהיינו אין יאָר 1888 „האָט סירקין זיך געפּלייסט צונויפֿצופֿירן און באַהעפֿטןביידע אידעאַלן — דעם אידישן נאַציאָנאַליזם מיטן אַלגעמיינעם סאָציאַליזם און געפּרואווט זיי מצרף צו זיין אין איין אַלגעמיין־מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע שטרעבונג".

שוין אַזאַ מין נטיה אַליין צו פֿאַראייניקן אין גייסט אַזעלכע שטרע־בונגען, וואָס האָבן זיך יעדן בר־דעת אויסגעדוכט ווי סתּירות, ווי היפּוכים, האָט געמוזט דערפֿירן דערצו, אַז מען זאָל שאָקלען מיטן קאָפּ אויף סיר־קינען און צווייפֿלען אין דער נאָרמאַלקייט פֿון זיין שכל. ס'טייטש, האָט מען שוין אַזוינס געהערט? אַזאַ מין אומנאַטירלעכער זיווג — אידישקייט און סאָציאַליזם! אָבער סירקין איז נאָך ווייטער געגאַנגען. אין זיינע בערלינער לעקציעס האָט ער זיך געפּלייסט אויפֿצואווייזן, אַז אויב דער אידישער סאָציאַליזם וויל ניט פֿאַרבלייבן אַ צוטשעפּעניש צו דער בורזשואַזער אַסי־מילאַציע, מוז ער ווערן ציוניסטיש; און פֿון דער צווייטער זייט פֿלעגט ער טענהן, אַז די אידישע נאַציאָנאַלע פֿרייהייט־באַוועגונג וועט זינדיקן און פֿעלשן אין זיך אַליין און פֿאַרשוועכן די אידישע געשיכטע אויב זי וועט ניט ווערן סאָציאַליסטיש.

אַט אַזוי האָט זיך פֿאַרמאָסטן אַ יונגערמאַנטשיק, אַ האַלבער מטורף אין פֿלוג, און איז אַרויסגעטראָטן מיט זיינע „פֿאַנטאַזיעס" קעגן דער „ווירק־לעכקייט", קעגן אַלע אָנגענומענע מיינונגען, קעגן דעם סאָציאַליזם פֿון זיין צייט, אין זיין דעמאָלטדיקער פֿאָרם, און קעגן חיבת־ציון פֿון זיין צייט, אין איר דעמאָלטיקער געשטאַלט.

און אין דער אייגענער צייט, בעת די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט געיומטובט אירע נצחונות, וואָס זיינען געווען אויפֿגעבויט אויפֿן פּראָ־לעטאַריער פֿון דער אינדוסטריע, האָט סירקין געפּרואווט געפֿינען אַ ברייטערן יסוד פֿאַר זיין סאָציאַליזם און האָט געלייקנט אין אָרטאָדאָקסישן מאַרק־סיזם, אַז נאָר דער פּראָלעטאַריער, נאָר דער געדונגענער אַרבעטער אַליין טראָגט מיט זיך די סאָציאַלע רעוואָלוציע: ניין, אַלע פֿאַרשקלאַפֿטע, אַלע קעמפֿערישע קלאַסן נעמען אַנטייל אין איר, און די פֿאַרווירקלעכונג פֿון

סאָציאַליזם הענגט ניט אָפּ נאָר פֿון דער קאָנצענטראַציע פֿון קאַפּיטאַל, ווי עס פֿאָדערט די מאַרקסיסטישע טעאָריע. דער עיקר איז, אַז די באַפֿעל־קערונג, און זאָל דאָס זיין נאָר אַ טייל פֿון איר, זאָל דערפֿילן, אַז ס׳קען אַזוי ווייטער ניט גיין און אַז מען קען ניט אַריבערטראָגן די קאַפּיטאַליס־טישע אָרדענונג — אָט דענסטמאָל וועלן אַלע זיך אַנטקעגנשטעלן דעם קאַפּיטאַליזם און וועלן אַרויסווייזן זייער מאַקסימאַלן אימפּעט אויף צו פֿאַרבייטן די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג מיט אַ סאָציאַליסטישער סיסטעם. און דאָס אידישע פֿאָלק, וואָס איז פֿאַרשקלאַפּט און ווערט געדריקט און געטראָטן מיט די פֿיס, איז דאָס נאָר נאַטירלעך ווען ער וועט פֿאַראייניקן זיין גורל מיט די ווידערשפּעניקע, מיט די רעוואָלוציאָנערן. דאָס אידישע פֿאָלק מוז אָנטייל נעמען אין יעדער סאָציאַליסטישער פֿרייהייט־באַוועגונג, אָבער דערביי ניט מוותּר זיין אויף זיין נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט, פּונקט פֿאַרקערט. אין דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג מוז דאָס אידישע פֿאָלק שטרעבן צו זיין נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונג. דאָס אידישע פֿאָלק, וואָס ליידט מער פֿון אַלע אַנדערע פֿעלקער און וואָס ווערט געַ־שטויסן אונטערן דרוק פֿון זיין געשיכטע צו נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונג, וועט ניט וועלן אויפֿבויען זיין ניי הויז אויף אַ צעפֿוילטן פֿונדאַמענט, ער וועט ניט אַריינפֿירן אין זיין באַנייטן לעבן אַ געזעלשאַפֿטלעכע אָרדענונג, וואָס איז פֿאַרמשפּט אויף אונטערצוגיין.

אָט אַזוי האָט געדרשנט סירקין אין יענע יאָרן. „און תּמיד פֿלעגט ער פֿאַרבלייבן איינער אַליין מיט זיינע מיינונגען, ניט די ציוניסטן און ניט זייערע קעגנער האָבן אים געשטיצט. אַפֿילו אויף אַ ליאַדע מינוט פֿלעגט מען זיך ניט צוהערן צו זיין תּורה״.*

און אויב די תּורה סירקינס איז שוין פֿאַר זיך אַליין געווען אַזאַ משונהדיקע, האָט נאָך מער פֿאַרשטאַרקט דעם דאָזיקן איינדרוק דער פֿאַקט, וואָס זי האָט קיין חסידים ניט געהאַט, וואָס נאָר איין מענטש אויף דער וועלט האָט זי פּראָפּאַגאַנדירט. „נאָר די דאָזיקע שלימזלדיקייט האָט נחקען ניט מטושטש געמאַכט און ער האָט זיך געטענהט זיינס, יאָר־איין, יאָר־אויס פֿלעגט ער איבערחזרן זיין אני מאמין, וויסנדיק לכתּחילה און אַפֿריער, אַז ער וועט קיין שום השפּעה ניט האָבן אויף זיינע צוהערער״.*

שפּעטער אין די קומענדיקע טעג וועט אונז סירקין דערציילן וועגן זיך אַליין: „אַ אינעווייניקסטער אינסטינקט און אַ טיפֿע זיכערקייט אין אַ העכערן אמת האָבן מיך געמאַכט באַהאַרצט און געגעבן כּוח אָנצוהויבן

* פֿון דאַווידסאָנס רשימות.

די פּראָפּאַגאַנדע פֿאַרן סאָציאַליסטישן ציוניזם און זיך אַוועקשטעלן קעגן דער גאַרער אידישער אינטעליגענץ פֿון יענער צייט".

איינער אַליין, איינער קעגן אַלעמען.

דריטער קאַפּיטל

די ערשטע טריט

א

קיין זאַך האָט ניט געקענט איינברעכן די בערלינער גרופּע און צעשטערן איר קערנדל: ניט די ירידה־יאָרן פֿון דער חיבת־ציון־באַוועגונג — דער דורכפֿאַל פֿון דער צווייטער עליה־כוואַליע אין יאָר תרנ"ב, ניט דער אויפֿקום פֿון באַראָן הירש און די התלהבות פֿון גבירים און פֿון אידישע מאַסן פֿאַר דער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע ווי אַ קאָנקורענץ צו ארץ־ישראל, אויך ניט דאָס אַוועקגיין פֿון די פֿאַרצווייפֿלטע און אין יאוש אַריינגעפֿאַלענע. אמת, עטלעכע חברים זיינען אַוועק אויפֿן וועג פֿון קולטור־אַסימילאַציע, אַנדערע ווידער צום פֿאָלקיסטישן גלות־נאַציאָנאַליזם (וואָס האָט ערשט דעמאָלט אָנגעהויבן זיך באַוויזן), אָבער דאָס קערנדל פֿון דער גרופּע איז, ווייזט אויס, געווען געקנאָטן פֿון יענעם שטאָף, וואָס די אידישע לעגענדע דערציילט אונז ביי דעם „לוז": „ניט איז ער אין וואַסער צעווייקט געוואָרן, ניט אין דער לופֿט פֿאַרברענט און ניט אין אַ מיל צעמאָלן". די מערהייט פֿון דער גרופּע איז נאָך דעמאָלט ניט אַרויס אין דער פּראַקטישער וועלט און האָט געלעבט אין אַ גייסטיקן גערודער, געפּלאָנעוועט פֿאַרשיידענע פּלענער און געוואַרט...

אין די אייגענע טעג איז זיך אין בערלין צונויפֿגעקומען אַ גרופּע יונגע תּלמידי־חכמים פֿון גאַליציע. אויך זיי האָבן געזוכט נייע וועגן, נאָר דער עיקר האָט זיי געצויגן צו פֿאָרשונג, צו וויסנשאַפֿט און ליטעראַטור. צווישן זיי זיינען געווען דר. ניימאַרק און צבי מאַלטער, וואָס האָבן דערנאָך זוכה געווען צו אַ שיינעם נאָמען אין דער אידישער וויסנשאַפֿט, מרדכי ערענפּרייז, וואָס האָט תּחילת אָנגעזאָגט דעם אויפֿשטאַנד פֿון די „יונגע" אין דער העברעאישער ליטעראַטור אָבער איז דערנאָך אַליין אַריבער צו רבנות און צו ליטעראַרישער אַרבעט אין פֿרעמדע שפּראַכן, און יהושע טאָן, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט ציוניזם און קולטור־עסקנות. און צווישן זיי האָט זיך אויסגעטיילט דער נזיר פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור, דער איינזאַמער אין דער מחנה — מיכה יוסף בערדיטשעווסקי.

אינטערעסאַנט וואָלט געווען צו דערוויסן זיך, וואָסערע באַציאונגען,

װאָסער מגע־ומשא איז געװען צװישן די בײדע גרופּעס. אָבער די מענטשן פֿון יענער תּקופֿה, װאָס ס'רוב זײנען זײ שױן אױפֿן עולם האמת, האָבן אונז דעם דאָזיקן טונקעלן קאַפּיטל ניט אױפֿגעקלערט. װען מען װאָלט בײ אונז מער געשאַצט און געאַכפּערט די גײסטיקע אױפֿברױזן און יוירענישן פֿון אונזער געזעלשאַפֿטלעכקײט, װאָלט מען אודאי אױסגעפֿאָרשט און אונז מודיע געװען װעגן די גײסטיקע און פּערזענלעכע באַציאונגען צװישן בערדיטשעװסקי און סירקין, װאָסער כאַראַקטער האָט געהאַט זײער מגע־ומשא — די מאָס פֿון נאָענטקײט אָדער פֿון קעגנערשאַפֿט.

פֿאַרבליבן איז נאָר פֿון יענע טעג אַ נאָטיץ בײ ראובן ברײנין. ער מאָלט אונז אױס אַ דיסקוסיע־אָװנט אין זײן פּריװאַט־װאױנונג. די געסט זײנען געװען נאַציאָנאַליסטן, װאָס האָבן זיך געטײלט אין צװײ מחנות — קולטור־נאַציאָנאַליסטן און נאַציאָנאַל־פּאָליטיקער, רעװאָלוציאָנערן, מאַרקסיסטן. בערדיטשעװסקי איז זיך געזעסן אָן אַ זײט און האָט אַרײנגעקוקט אין אַ ספֿר. ס'האָט אים דער אױער געריסן, װען מען פֿלעגט אױפֿהױבן אַ הױכן קול אָדער רײדן מעשה לאָזונג פֿאַר אַגיטאַציע. אָן אומצופֿרידנהײט האָט מען דענסטמאָל געזען אין זײן פּנים און די נערװען זײנען געװען בײ אים אָנגעצױגן, אָבער ער האָט געשװיגן. רײדן האָט ער געקענט נאָר זאַלבעצװײט, אָדער העכסטנס אין אַ געזעלשאַפֿט פֿון דרײ פּערזאָן. טאָמער זײנען געװען מער מענטשן, האָט ער אַ מױל ניט געעפֿנט. דער װיכּוח האָט זיך שױן כּמעט אינגאַנצן אױסגעװעפּט, אַלע װײסן װאױל די פֿראַגעס, שױן פֿאַר קײנעם קײן נײעס ניט. נאָר דאָ טוט פּלוצים אַ פּראַל־אױף די טיר און אין צימער באַװײזט זיך סירקין, װי זײן שטײגער איז, אָנגעלאָדן מיט גײסטיקן דינאַמיט, אָנגעשטאָפּט מיט למדנות און גרײט צום קאַמף. זײן גײסט שטורעמט, ער איז פֿול מיט קװעקזילבער און עלעקטריזירט איבעראַנײס די אױסגעלאָשענע תּאװה צו װיכּוחים. סירקין איז אין זײן פֿולן גלאַנץ, גוט און האַרציק איז ער לפֿי זײן טבע. נאָר ס'פֿאַרשאַפֿט אים הנאה אַרױסצוברענגען די מענטשן פֿון גלײכגעװיכט, צו פֿאַרטרײבן די גײסטיקע גלײכגילטיקײט. דער װיכּוח צעפֿלאַקערט זיך װידעראַמאָל. די קעגנערישע שטרײטער לײגן אױך ניט די הענט אין די קעשענעס און שאַנעװען אים ניט. סירקין קעמפֿט מיט אַלעמען און קעגן אַלצדינג. פּאַראַדאָקסן, געדאַנקען־בליצן, מוטיקע המצאות, װידעראַנאַנדן שנײדן דורך די אַטמאָספֿער. בערדיטשעװסקי הערט זיך צו צו סירקינס רײד און איז צופֿרידן. ער האָט שױן אַװעקגעלײגט דעם ספֿר, װאָס ער האָט געבלעטערט אין אים אַ גאַנצן אָװנט: סירקינס אופֿן פֿון װיכּוח רײצט אים, פֿרישט אים אָפּ. קאָנטיק, אַז ער האָט שטאַרק הנאה דערפֿון, װי סירקין רײסט אַראָפּ בנינים, אַז ער קװיקט זיך מיט זײן אינעװײניקסטן פֿלאַם־

פּייער. נאָר אָט האָט סירקין פאַרטשעפּעט אגב אורחא ניט נאָר קאַנטן און מאַרקסן, נאָר אַפילו ניטשען: דאָס קען שוין בערדיטשעווסקי ניט אַריבערטראָגן און ער הויבט אָן וויטער טאַפּן מיט די פינגער און בישטערן אינם ספרים־שראַנק. און סירקין, אַז ער האָט שוין אַרויסגעשאָסן זיין פּולווער, ווערט ווידער היימיש, ליב, אַ מעורב עם הבריות. ער האָט ניט פאַראיבל אויף די אָנפאַלן. געפילן פון קנאה אָדער נקמה זיינען אים פרעמד.

מיר ווייסן ניט ווי ווייט זיינען געגאַנגען די באַציאונגען צווישן די דאָזיקע צוויי פּערזענלעכקייטן, וואָס זיינען אינפלוג געווען אַזוי אַנדערש, אַזוי אָפּגעשיידט איינער פון צווייטן: פון איין זייט דער דיכטער־דענקער, וואָס לעבט איינזאַם אין זיין געצעלט, פון דער צווייטער זייט דער קעמפער־דענקער, וואָס שטורעמט אין די גאַסן; מיר ווייסן ניט די באַציאונגען צווישן דעם צווייפלער און פאַרצווייפלער און דעם גלויביקער, וואָס לעבט אין זיין גלויבן — נאָר אָן שום ספק איז געווען אַ מין שותפות אין זייערע וואָרצלען, אין זייער גייסטיקן פּיזאַזש. דער גרויסער אויפקום, וואָס האָט זיך דענסטמאָל אָנגעמערקט אין לעבן פון אידישן פאָלק, האָט אַרויס־געקוקט פון זייביידן. זיי זיינען געווען די זעערס און די אָנזאָגערס פון דער נייער תקופה. און ווער ס'וויל אַפילו ניט מודה זיין אין דער דאָזיקער אָפּשאַצונג, וועט מוזן אָנערקענען אַ געוויסע שותפות אין דעם פאַקט, וואָס זיי זיינען ביידע געווען אין אַ לחלוטינדיקער אָפּאָזיציע צו זייער דור מיט זיינע פירערס, וואָס זיי האָבן ביידע זיך אויסגעטיילט און אָפּגעטיילט פון אַלע אַנדערע, וואָס מען האָט זיי ניט פאַרשטאַנען און ניט אָפּגעשאַצט אין זייער צייט, וואָס זיי זיינען געווען איינזאַמע אין דער מאַסע, יחידים אין אַ רשות־הרבים.

ב

אין דער קליינער „לאַבאָראַטאָריע" פאַר געזעלשאַפטלעכקייט פון דער בערלינער גרופּע פלעגט מען פלאַנעווען פּלענער, כל המינים פּלענער, צי אין איינעם, צי יעדער באַזונדער, אויף זיין אייגענער אחריות. מען דער־ציילט, אַז אין איין שיינעם טאָג איז סירקין דערגאַנגען אַפילו צו אַן אויפטו פון שטילער דיפּלאָמאַטיע: אַוועק צום טערקישן געזאַנדטן און אים פאַרגעלייגט אָפּצוקויפן ארץ־ישראל פאַר הונדערט טויזנט פראַנק. מען קען שטאַרק מסופק זיין, צי סירקין האָט דעמאָלט געהאַט דריי מאַרק אין דער קעשענע. נאָר דער געזאַנדטער האָט ניט געפאָדערט קיין אָדערויף, ער האָט נאָר אַן עצה געגעבן סירקינען זיך צו ווענדן וועגן דעם ענין צום גרויס־וויזיר אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

און פֿון „דיפּלאָמאַטישע״ פּרואוון איז מען אַריבער צו פּרואוון פֿון אָרגאַניזירן די פֿאָלקסמאַסן. אין בערלין האָט מען געחלומט וועגן אַ ציוניסטישן קאָנגרעס. מען האָט אָנגעקניפּט פֿאַרבינדונגען, געזוכט פֿריינד, פֿאַרבינדעטע, געשריבן בריוו. צום ענין איז צוגעשטאַנען נתן בירנבוים. נאָר אויסגעלאָזט האָט זיך דערפֿון אַ בוידעם, לפּי אַ ווערטל פֿון סירקין „ווייל מאַרקעס אויף בריוו האָבן אויסגעפֿעלט״. אויך אין שפּעטערדיקע יאָרן פֿלעגט סירקין זאָגן, אַז דעם גוטן געדאַנק פֿאַרמאָגט ער, נאָר וואָס־זשע פֿעלט אויס? — „דער „בריה״, דער טיכטיקער מענטש, וואָס זאָל דעם געדאַנק דורכפֿירן אין לעבן״.

ג

און דער מענטש איז געקומען. הערצלס באַוויזן זיך האָט פֿאַרענטפֿערט ניט נאָר די פֿראַגע פֿון בריוו־מאַרקעס, נאָר אויך אַ סך אַנדערע שאלות. ניט אומזיסט האָבן געוואַרט אין בערלין, און אין אַנדערע ערטער אַלע אויסקוקער אויף ציון. מיטאַמאָל איז געקומען אַ סוף צו דער ירידה, צום קריזיס: די פֿאָן האָט מען אויפֿגעהויבן. און אויך פֿאַר סירקינען האָבן זיך אָנגעהויבן נייע טעג. איצטער איז אָנגעקומען זיין צייט, ער האָט שוין געקענט אַרויסגיין אויף דער פֿרייער וועלט. ער איז געקומען צום ערשטן קאָנגרעס, אָנגעלאָדן מיט זיין גייסטיקן באַגאַזש, מיט גרויסע פֿאָדערונגען הן ווי אַ ציוניסט, הן ווי אַ סאָציאַליסט. ער שטעלט זיך אַוועק אין די רייען פֿון הערצלס מחנה, אָבער איז ניט מוותר אויף זיינע אייגענע חלומות. און ווידער אַמאָל באַגעגענען אים ביטול, געלעכטער, חוזק און דער פּחד פֿון די כשרע ציוניסטן, וואָס האָבן מורא פֿאַר די מסוכּנע סאָציאַליסטן: זיי קענען נאָך אַלצדינג קאַליע מאַכן. און ווידעראַמאָל גייען אַוועק די געציילטע סאָציאַליסטן, וואָס זיינען געקומען צום ציוניסטן־קאָנגרעס צוליב זייערע קווענקלענישן, ספֿקות און האָפֿענונגען, זיי זיינען געקומען מיט אַ ווילן צו גלויבן, אָבער דעם כּוח פֿון גלויבן האָבן זיי ניט פֿאַרמאָגט. און נאָענטע חברים דרייען זיך אויס מיטן רוקן צו סירקינען. אָבער סירקין, אַ געפּרואווטער מיט מפּלות, פֿאַלט ביי זיך ניט אַראָפּ.

„אויב ס׳איז מעגלעך, אַז אינם מוח פֿון איין מענטש זאָל זיך שאַפֿן אַ זיווג פֿון צוויי געדאַנקען, אַ שיינע האַרמאָניע פֿון אַ אידיש לאַנד מיט אַ אידישער רעוואָלוציע, היינט פֿאַרוואָס־זשע זאָל דער אייגענער סינטעז ניט ווערן דער לעבעדיקער און שעפֿערישער געדאַנק פֿון דער גאַנצער אידישער אינטעליגענץ, פֿון דעם גאָרן אידישן המון?... אָט דעמאָלט האָב איך אויף מיר גענומען די שווערע און אומדאַנקבאַרע אויפֿגאַבע צו זיין אַ סאָציאַליסט צווישן ציוניסטן און אַ ציוניסט צווישן סאָציאַליסטן.

פאַרשטייט זיך, אַז יעדער צד פלעגט מיך אָפּשטויסן מיט ביידע הענט און מיך שיקן צום צד שכנגד".

ד

די פרוכט פון דעם דאָזיקן באַשלוס און פון זיינע ערשטע לעקציעס נאָכן קאָנגרעס איז געווען די בראָשור: „די אידן־פראַגע און די אידיש־סאָציאַליסטישע מלוכה" * וואָס איז לכתחילה געווען אָפּגעדרוקט ווי אַ ריי אַרטיקלען אינם ווינער סאָציאַליסטישן זשורנאַל „דייטשע וואָרטע" (יולי 1898), אונטער דער רעדאַקציע פון ענגעלבערט פּערנערסטאָרפער — צווישן די ערשטע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ סימ־פּאַטיע צו דער נייער באַוועגונג. מען קען זאָגן מיט זיכערקייט, אַז דאָ האָט מען צום ערשטן מאָל אויף אַ סאָציאַליסטישער טריבונע דערהערט די שטים פון אַ איד, וואָס באַהאַלט זיך ניט, וואָס פאַרווישט ניט זיין פרצוף און רעדט ווי אַ איד, ווי אַ גלייכער מיט גלייכע, וואָס בעט ניט מחילה און זאָגט ניט קיין הלל פאַר זיין פאָלק, וואָס אַנטפּלעקט אָן רחמנות די וואונדן פון זיין נאַציע, די סתירות און ווידעראַנאַנדן פון זיין לעבן, איז מוסר־מודעה וועגן זיין נאַציאָנאַלן שטרעבן, ניט מורא האָבנדיק פאַרן „מה יאמרו", פאַר די רייד פון פאַרשיידענע לייט, און פאָדערט זיין רעכט אויף פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט.

סירקין איז ניט געווען דער ערשטער אידישער סאָציאַליסט, וואָס האָט פאַרטראַכט דעם ציוניסטישן געדאַנק. שוין דער יונגער לאַסאַל איז בשעתו שטאַרק צערודערט געוואָרן פונם בלוט־בלבול אין דמשק: ער האָט דענסט־מאָל געחלומט וועגן דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פונם אידישן פאָלק, אָבער עלטער געוואָרן, האָט ער דעם חלום פאַרגעסן פונקט ווי אַ סך אידן־רעוואָלוציאָנערן פאַרגעסן די נאַציאָנאַלע חלומות פון זייער יוגנט. פינף און דרייסיק יאָר פאַרן ערשטן ציוניסטן־קאָנגרעס האָט דער גרויסער אידישער סאָציאַליסט משה העס אַרויסגעלאָזט זיין חיבור „רוים און ירושלים" — דעם ערשטן ספר וועגן אידישן ציוניסטיש־רעוואָלוציאָנערן געדאַנק. נאָר ניט זיין נאָמען, ניט זיינע אויפטוען און פאַרדינסטן פאַר דער אַלגעמיינער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען ניט בייגעשטאַנען משה העסן און די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור האָט געמאַכט אַ שוויג וועגן דעם אפיקורסישן ספר פון אַ אידישן סאָציאַליסט. אַצינדערט אָבער האָט זיין תלמיד און גייסטיקער יורש נחמן סירקין זוכה געווען

* Die Judenfrage und der sozialistische Judenstaat, von Ben-Elieser, Bern 1898. Verlag von Steiger & Co.

פונאַנדערצעוויקלען די פּאַן פון אידישער נאַציאָנאַלער פרייהייט אויף דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער טריבונע.

פאַראַן נוסחאות פאַרעלטערטע אין דער דאָזיקער בראָשור און ס׳איז קאַנטיק אויף זיי דער שטעמפּל פונם צייט־גייסט; צייטנווייז פילט זיך, אַז סירקין האָט מיט געוויסע פאָרמולעס געגעבן זיין אַפּצאָל פאַרן גענדאַנ־קען־גאַנג פון זיין דור. אָבער דאָס אַלצדינג איז נישט מער ווי דאָס שאָלעכץ. דער עיקר פון די אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען איז אַן אַנדערער. אַדרבא, אַ סך מיינונגען, וואָס זיינען דעמאָלט געווען ביז גאַר טשעקאַווע און האָבן אַרויסגערופן ספקות און אַ שאָקל מיטן קאָפּ, זיינען דערנאָך אויף אַזוי ווייט באַרעכטיקט געוואָרן פון דערווירקלעכקייט, פון די געשעענישן, אַז זיי דוכטן זיך אונז איצטער אויס ווי „באַוואוסטע" זאַכן און מיר כאַפּן זיך ניט, אַז אין דער אמתן זיינען זיי אין זייער צייט געווען חידושים. זייט ביי זייט מיט געדאַנקען און אָפּשאַצונגען, וואָס די צייט האָט זיי געפּסלט אָדער פאַרריכט, געפינען מיר אין דער בראָשור די עיקרים, וואָס די צייט האָט זיי באַרעכטיקט און פאַרשטאַרקט. די בראָשור סירקינס באַלאַנגט ניט צו יענע ספרים, וואָס זיינען אונז מסביר אַ טעאָרעטישע שיטה און ווילן זיין די פוסקים אחרונים. די בראָשור איז אַן אַנזאָגער, אַ קול מבשר, און איז די פּערטע אין דער ריי גרונטווערק פון דער ציוניסטישער באַוועגונג; אין דער ריי תיכּף נאָך די בראָשורעס פון ליליענבלום, פּינסקער און הערצל: אויך איבער סירקינס בראָשור שוועבט דער גייסט פון ראשונים, עס ברענט אין איר דעם פלאַם־פייער פון פּיאָנערנ־טום און זי קוקט אַריבער אויף יענער זייט פון היינטיקן טאָג.

ה

פונקט ווי הערצל הויבט אויך סירקין אָן מיט די אידישע צרות, מיט דער אידישער טראַגעדיע, מיטן אייביקן פלאָנטער פון די באַציאונגען צווישן אידן און ניט־אידן. אין יענע צייטן האָבן ציוניסטן אין מזרח־איראָפּע געזען עפּעס אַ פאַרשוועכונג פון זייער געדאַנק, בעת מען האָט אים באַגרינדעט ניט מיט דער אויפלעבונג פון אינעווייניקסטן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, נאָר געבראַכט פאַר אים די עיקר־ראיות פונם אויסנווייניקסטן כּוח, פונם אַנטיסעמיטיזם. סירקין, וואָס איז אויך געקומען פון אינעווייניק און זעט דעם וועזן פון דער אידישער געשיכטע אינם „קאַמף אַן הפסקות אויף צו דערפירן דעם געדאַנק פון אונזערע נביאים ביז צו ממשות, ביז פאַרווירקלעכונג אין לעבן", אָט דער אייגענער סירקין קווענקלט אָבער ניט צו מאַכן פון דער מאַטעריעלער אידישער נויט, פון די צרות פון אידישן המון דעם אויסגאַנגספּונקט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג.

ער זעט אינם אויפֿלעבן פֿון די נאַציאָנאַלע כּוחות ניט אַן אָפּגעשיידטע זאַך, וואָס איז ווייט פֿון דער מאַטעריעלער און פּאָליטישער ווירקלעכקייט און הענגט ניט אָפּ פֿון דער אידישער לאַגע צווישן די פֿעלקער פֿון דער וועלט. דער נאַציאָנאַלער ווען פֿון אידישן פֿאָלק איז אין זיינע אויגן אַ ממשות, וואָס רופֿט ניט אַרויס קיין ספֿקות; אידן פֿאַרמאָגן אַ באַזונדערן מהות, וואָס טיילט זיי אויס צווישן אַנדערע פֿעלקער, אָבער אויף דעם דאָזיקן נאַציאָנאַלן וועזן זיינען משפּיע די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע כּוחות פֿון דער וועלט, וואָס באַשטימען די פֿאַרהעלטענישן פֿון אידישן קיום. „דער געפֿיל און באַוואוסטזיין פֿון דער אידישער נאַציאָנאַלער גאונות, וואָס אידן האָבן מיטגעבראַכט נאָך פֿון ארץ־ישראל, האָט אַ צוגאָבחיות באַקומען פֿון דער אידישער נויט, פֿון די אידישע צרות". די רדיפֿות און יסורים ווירקן ניט אין אַ פּוסטן חלל, זיי זיינען ניט משפּיע עפּעס אויף אַ פֿינצטערן גוף אָן דער אייגענער אויסשטראַלונג. ס'איז פֿאַראַן אַ באַזונדער אידישער וועזן, אַ בולטער אידישער קיום, אַ אידישער כאַראַקטער, פֿאַראַן אַ היסטאָרישע ירושה, וואָס ציט זיך נאָך פֿון יענע צייטן, בעת אידן האָבן געלעבט אַ זעלבסטשטענדיג לעבן אין ארץ־ישראל. און דער אַנטיסעמיטיזם איז פֿאַר אים ניט קיין צופֿאַל, נאָר די פֿרוכט פֿון אידישן מצב און פֿון דער אַלגעמיינער וועלט־לאַגע, ס'מינערט דעריבער גאָרניט דעם כּבוד פֿון ציוניזם, אויב ער מאַכט פֿון דער אידישער נויט, פֿון די רדיפֿות אויף אידן דעם אויסגאַנגספּונקט פֿאַר דער נאַציאָנאַלער אויפֿלעבונג. פּונקט אַזוי ווי די נויט פֿון די פֿאָלקסמאַסן רופֿט אַרויס די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וואָס „שעפּט איר ממשותדיקן און מאָראַלישן כּוח אין דער נויט, אין דער עקאָנאָמישער ירידה פֿון ברייטע פֿאָלקסשיכטן", אַזוי איז אויך מיטן אַנטיסעמיטיזם, וואָס אין אים איז פֿאַראַן אַ קראַפֿט פֿאַר דער אידישער מאָראַלישער אויפֿלעבונג, אַן אויסגאַנגספּונקט אויף צו באַנייען די לעבנספֿאָרמען פֿון גאָרן אידישן כּלל".

די בראַשור הויבט זיך אָן מיט די דאָזיקע כאַראַקטעריסטישע ווערטער: די שטענדיקע אָנגעצויגנקייט וואָס הערשט צווישן אידן און דער אַרומיקער וועלט זינט יענעם מאָמענט, ווען זיי זיינען אַריין אין שותּפֿותדיקע באַציאונגען,* אַן אָנגעצויגנקייט, וואָס האָט אין אַנדערע טעג, אין דער נייער צייט אָנגענומען די פֿאָרם פֿון אַנטיסעמיטיזם, קען מען זי פֿאַרשטיין און אויפֿקלערן דורך די אַלגעמיינע באַוועגנדיקע כּוחות, וואָס הויבן אָן משפּיע זיין איטלעכס מאָל, ווען די אידישע וועלט און די ניט־אידישע שטויסן זיך צונויף. און ווייל פֿיינדלעכע באַציאונגען צווישן אידן און ניט־אידן

* דאָ און ווייטער האָט דער ציטירער אויסגעטיילט די שורות.

געפֿינען מיר בײַ אַלע פֿעלקער און אין אַלע צײַטן, מוז מען זוכן די סיבות פֿון די דאָזיקע דערשײַנונגען פֿון אײן זײַט אין די באַזונדערע מידות פֿון אידישן פֿאָלק גופֿא, אין דער משונהדיקייט פֿון זײַן היסטאָרישער לאַגע, און פֿון דער צווייטער זײַט אין די בשותּפֿותדיקע לעבנספֿאָרמען פֿון די מענטשן בכלל אין פֿאַרגאַנגענע צײַטן און אין אונזערע טעג, וואָס זײ האָבן דאָס געמאַכט אַרויסשפּראָצן און געשפּײַזט די פֿאַרשײדענע אַנטפּלעקונגען פֿון דער שנאה צו אידן.

„פֿון יענעם טאָג אָן, ווען אידן האָבן אָנגעוואָרן זײער נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט אין ארץ־ישראל, האָבן זײ אָנגעהויבן לעבן אַ משונהדיקן לעבן, וואָס האָט ניט זײַן גלײַכן אין דער געשיכטע, אַ לעבן פֿון אַ פֿאָלק אָן אַ לאַנד, אַ לעבן פֿון אַ נאַציע אין צעזײטקייט און צעשפּרײטקייט. און אָט אין זײערע וואַנדערונגען האָבן אידן זיך באַגעגנט מיט אַ סביבה, וואָס איר כאַראַקטער, אירע נטיות, איר גײַסט און איר נשמה זײַנען פּונקט דער היפּך פֿון די אידישע".

און סירקין מאָלט אונז אויס ווײַטער ווי אַזוי־אַרום ס'האָט אַרויס־געשפּראָצט די אידנפֿראַגע און האָט אָנגענומען שאַרפֿע פֿאָרמען אויפֿן יסוד פֿון „דער אײביקער קעגנערשאַפֿט, וואָס הערשט אין אַלע צײַטן צווישן דעם שטאַרקן און דעם שוואַכן, צווישן דער האַפֿערדיקייט און געפֿאַלנקייט, צווישן דעם שונא און דעם גערודפֿטן, וואָס שטאַמען אַלע פֿון אַ ניט־גלײַכער צעטײלונג פֿון קראַפֿט און מאַכט אין דער וועלט".

„די וועלט איז געווען פֿול מיט שנאה און פֿאַראַכטונג צו דעם פֿרעמדן, וואָס האָט צו איר אַרײַנגעוואַנדערט און וואָס פּונקט אַזוי גרויס ווי זײַן שוואַכקײט איז געווען קאַנטיק זײַן ווידערשפּעניקייט, און צו דער מאָס פֿון זײַן אָנמאַכט איז געווען געגליכן זײַן עקשנות".

„פֿון דעם פֿאַקט, וואָס מען האָט אידן גערודפֿט, האָט מען געמאַכט דעם אויספֿיר, אַז ס'איז רעכט אויף זײ, אַז די רדיפֿות קומען זײ, פֿון זײער שוואַכקייט האָט מען אַרויסגעדרונגען זײער זינד, זײער פֿאַרברעכן".

„אַל־דאָס־בײז, דאָס ערגסטע, וואָס איז נאָר פֿאַראַן אין דעם מין מענטש, האָט אויסגעפּרוּווט זײַנע כּוחות אויפֿן אידישן פֿאָלק".

ו

סירקין האָט געזען ניט נאָר אײן זײַט פֿון דער מטבע, ניט נאָר די שנאה און קנאה, די אכזריות און דעם חוזק פֿון דער קריסטלעכער וועלט. ער שאַנעוועט אויך ניט די אידן און מאָלט אויס מיט שוואַרצע פֿאַרבן, ווי אידן האָבן אָפּגעענטפֿערט זײערע פּײַניקער און שענדער מיט אַ באַהאַל־טענער, סאַרקאַסטישער שנאה און אַ שטילער פֿאַראַכטונג. ער משפּט ניט

אידן לכף זכות. ער „פאַרענטפערט" ניט דעם אידישן סוחר און פּראַ־צענטניק שיילאָק („שיילאָק לייקנט ניט, אַז ער וויל נקמה נעמען פון אַנטאָניוס'ן"), ער זעט דוקא אין שיילאָקן דעם סימבאָל פון דער אידישער באַציאונג צו דער אַרומיקער קריסטלעכער וועלט. „מען האָט צוגענומען ביי אידן זייער נאַציאָנאַלן קיום, זייער פאָלקסכאַראַקטער, זיינען זיי אויפ־געשטאַנען און האָבן געלייקנט די מענטשלעכקייט פון דער קריסטלעכער וועלט". „מען האָט פאַר אידן איבערגעלאָזט נאָר ווינטיקע און מיאוסע פרנסות, זיינען זיי געוואָרן אין זייערע הענט צעשטערנדיקע כּלי־זיין פאַר דער קריסטלעכער געזעלשאַפט". „פונם גויס נויט האָט ער געצויגן זיין חיונה, זיינע רווחים, פונם גויס שוואַכקייט האָט ער געשעפּט זיין כּוח, פונם גויס ווילדקייט און עם־הארצות — די וויגאַדעס, די מעלות פון זיין שטאַנד". דער איד האָט געזען אינם גוי דעם סימבאָל פון געוואַלט־כּוח, אכזריות און ווילדקייט און האָט דעריבער צו זיך אַליין געזאָגט און זיינע קינדער געלערנט: נאָר איר ווערט אָנגערופן מענטשן, און ניט די אומות העולם זיינען מענטשן".

אין געטאָקטע ווי פון שטיין אויסגעהאַקטע שורות מאָלט אונז סירקין דאָס בילד פון אַ סדר־נאַכט און זעט אין אים דעם סימבאָל פון דער אידישער קעגנערשאַפט און פיינטשאַפט צו דער וועלט:

„אין הוילער שרעק פאַרן בלוטדורשטיקן קריסטלעכן המון איז זיך דער איד געזעסן מיט זיין הויזגעזינד אין דער סדר־פּסח־נאַכט און האָט אין הייליגן ציטער זיך פאַרטראַכט איבערן טראַגישן גורל פון זיין ראַסע. אַלצדינג אין דער דאָזיקער נאַכט איז געווען אַ טיפמייניקער סימבאָל פאַר זיין היסטאָרישער נויט. דער ווייסער קיטל — אַט די תּכריכים — וואָס דער טאַטע פון דער משפּחה האָט אים געטראָגן איז געווען אַ זכר חורבן ירושלים און צום אונטערגאַנג פון דער נאַציאָנאַלער גדולה; דער מרור האָט דערמאָנט די יסורים אין מצרים, וואָס זיינען אין דער אידישער נשמה געוואָרן אַן ערשט רינגל פון דער קייט יסורים אין צוויי־טויזנט־יאָריקן גלות; דער רויטער וויין, וואָס האָט אַרויסגעשיינט פון די כּוסות, האָט געוועקט זכרונות וועגן אידישן בלוט, וואָס די וועלט האָט אים פאַרגאָסן אָן רחמנות. און אַז די פּסח־צערעמאָניע האָט אַרום האַלבע נאַכט דערגרייכט ביז צום העכסטן פונקט, האָט מען די טירן געעפנט פאַר אליהו הנביא, ער זאָל אַריינקומען און די גאולה ברענגען און דענסטמאָל פלעגט דער בעל־הבית אַרויסשיקן מיט אַ הויכן קול זיין קללה צו דער וועלט: שפוך חמתך... גיס אויס דיין גרימצאָרן אויף די גויים, וואָס ווייסן דיך ניט... וואָרעם זיי האָבן אויפגעפרעסן יעקבן און זיין וואוינונג חרוב געמאַכט..."

מערנישט, אַט דער דאָזיקער „בײַן!" צו דער װעלט, װאָס האָט אַרױס־געשריען פֿונם „שפֿוך חמתך", איז נאָר געװען אײן זײַט אינם גײַסטיקן לעבן פֿון געטאָ־איד. װי אומגליקלעך װאָלט דאָס אידישע פֿאָלק געװען, װען דאָס דאָזיקע נקמה־געפֿיל װאָלט געװען דער אײנציקער יסוד פֿון זײַן נשמה. זײַן גליק איז געװען, װאָס ער האָט פֿאַרמאָגט אױך אַנדערע געפֿילן און געדאַנקען־גענג. אַן אױסדרוק פֿאַר זײ האָט ער געגעבן אין זײַנע ימים־נוראימדיקע תּפֿילות.

„אױב די רדיפֿות האָבן געמאַכט פֿונם איד א שונא פֿון דער װעלט, האָבן אָבער זײַנע לײַדן אים אױסגעלײַטערט און אױפֿגעהױבן ביז צו דער מדרגה פֿון װעלט־שמערץ. דאָס פֿאָלק פֿון הענדלער האָט מיט אַמאָל דער־פֿילט, אַז עס איז אַ פֿאָלק פֿון לײַדנדיקע; דאָס פֿאָלק פֿון פּאַראַזיטן האָט אין זיך דערזען אַ פֿאָלק פֿון געפּײַניקטע; די אײגענע מענטשהײט, װאָס ער האָט זי אָפּגעשטױסן, האָט ער אין די „ימים נוראים" געבעטן פֿאַר איר צו זײַן גאָט מיט אַן אַנגעװײטיקט האַרץ". — — — „דער אײגענער איד, װאָס האָט אום פּסח־צײַט געשיקט זײַן כּעס און זײַן קללה אין דער װעלט אַרײַן, האָט אום ראש־השנה אױסגעגאָסן זײַן האַרץ אין הײליקע תּפֿילות פֿאַר דער װעלט: — און זײ װעלן אַלע װערן אײן װעלט־פֿאַרבאַנד כּדי צו טאָן דײַן װילן מיטן גאַנצן האַרצן — אַזױ זאָגן מיר אין די ראש־השנהדיקע תּפֿילות — און דאָס אומרעכט װעט פֿאַרמאַכן דאָס מױל, און אַל־דאָס־בײז װעט אַװעק װי אַ רױך, װאָרעם דו װעסט אױסמעקן דאָס בײזװיליקײט פֿון דער ערד".

אָבער ניט נאָר אין תּפֿילות און מנהגים אַלײן זעט סירקין די צװײ־איקײט, די סתּירות אין דער באַציאונג פֿון אידן צו דער װעלט. די געטאָ־קינדער זײַנען פֿאַרטאָן ניט נאָר אין מסחר, נאָר אױך אין מעדיצין, ניט נאָר אין צײלן געלט און שרײַבן װעקסלען נאָר אױך אין צײלן די שטערן און אין שטודירן און פֿאַרשן לשמה. דאָס געטאָ גיט פֿון זיך אַרױס ניט נאָר געלטמענטשן, ניט נאָר פּראַצענטניקעס, נאָר אױך דיכטער און דענ־קער — אַן אבן־גבירול, אַ יהודה הלוי, אַ רמב"ם און אַ שפּינאָזאַ, װאָס זײַנען מותּר אױף אַלע תּענוגים און מאַיאָנטקעס פֿון דער דאָזיקער װעלט צוליב דעם געהױבענעם נחת פֿון דיכטונג און װיסנשאַפֿט.

דאָס לעבן פֿון אידן אין גלות, בדרך כּלל, איז פֿול מיט סתּירות, מיט װידעראַנאַנדן. זײ שטאַמען פֿון די אידישע צרות. אָבער דאָס גלות־לעבן האָט אױך צוגעגרײט אידן, זײ זאָלן קענען בײַשטײן די צרות.

„אױפֿן באָדן פֿון שנאה און רדיפֿות, פֿאַרשקלאַפֿונג און בזיון האָט אַרױסגעשפּראָצט און האָט זיך אַנטװיקלט די האָפֿענונג אױף אױסלײזונג, אױף גאולה — און די דאָזיקע האָפֿענונג איז ניט געװען סתּם אַ פֿאַרנעפּלט

געפיל, נייך, זי האָט אויך משפיע געווען ווי אַ פּראַקטישער כּוח, וואָס האָט פאַרכאַפּט די הערצער". „אין געטאָ איז ירושלים ניט חרוב געוואָרן, וואָרעם זי האָט ווייטער געלעבט אין די הערצער פון די געטאָ־אידן". די דאָזיקע צוויאיקייט גופא, וואָס סירקין אַנטפּלעקט זי אין לעבן פון געטאָ, אין דער נשמה פונם געטאָ־איד, ווירקט און יוירט אויך אין דער באַציאונג פון סירקינען צום געטאָ־אידנטום. וויפיל גאַל גיסט ער אויס אויף דעם פאַרדאַרבענעם אידישן לעבן אין געטאָ, אויף זיין גייסטיקער פאַרגליווערט־קייט, אויף זיין תּלמודיש־פאַרפּילפּולטער אידישקייט, אויף זיין שיילאָקנטום לגבי דער גוישער וועלט. און פונדעסטוועגן איז ער פול מיט דרך ארץ צום געטאָ־איד צוליב זיין אינעווייניקסטן גייסטיקן כּוח, צוליב זיין תּקיפות און איינגעשפּאַרטקייט, צוליב דעם ניט־אונטערגעבן זיך. „דער געטאָ־איד האָט זיך ניט געשעמט און האָט אַרויסגעשטעלט מיט ווערדע זיין אידיש־קייט פאַר דער גאַרער וועלט — אין זיין שפּראַך, אין זיין קליידונג, אין זיין לעבנסשטייגער און אין זיינע מנהגים".

ניט נאָר פאַרן געטאָ־איד, אויך פאַר סירקינען איז דאָס נעבעכדיקע אידישע לעבן אין געטאָ געווען פול מיט אַ געהויבענעם אינהאַלט. דאָס אידישע געטאָ־פאָלק איז אין דער אייגענער צייט אַן אַרויסגעשטויסן און אַן אויסדערוויילט פאָלק.

„פאַרשיידענע גייסטיקע מידות, היסטאָרישע סתּירות און נאַציאָנאַלע כּוחות מיט טיפע וואָרצלען האָבן זיך באַהעפט כּדי אָפּצוהיטן דעם אידישן קיום אין אַלע אומגליקן פון אַלע צייטן און מאַכן פון אים אַ לעבעדיקן עדות פון דער וועלט־געשיכטע".

נאָר אָט האָט זיך באַוויזן אַ נייַ קאַפּיטל אין דער וועלטגעשיכטע און מיט אים אינאיינעם איז אינפלוג געקומען אַ סוף צו דער אידישער נויט און — צום אידישן פאָלק.

ז

דער נצחון פונם נייעם פּאָליטישן רעזשים אין אייראָפּע האָט אויך פאַר אידן געבראַכט די עמאַנציפּאַציע, די בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג. סירקין זאָגט בפירוש, אַז ניט די אידן האָבן פאַר זיך אויסגעקעמפט די עמאַנציפּאַציע, נאָר אַז זיי האָבן זי געקראָגן און זוכה געווען פונם זאַק־רויב, וואָס דער היסטאָרישער פּראָצעס האָט זיי צוגעוואָרפן. די גלייכבאַרעכטי־קונג איז אויסגעפאַלן אויף זייער חלק ווי אַ פועל־יוצא פונם נצחון פון אַן אַלגעמיינעם פּרינציפּ — דעם פּרינציפּ פון ליבעראַליזם און דעמאָקראַטיע. אויך פאַר דער בירגערלעכער געזעלשאַפט איז דאָס מער „אַן ענין פון פּרינציפּיעלער אויסגעהאַלטנקייט איידער אַ ממשותדיק באַדערפעניש".

און פֿונדעסטוועגן האָבן אידן געקראָגן זייערע פּראָווען, זייער גלייכ־באַרעכטיקונג ניט אומזיסט. ניין, זיי האָבן פֿאַר איר באַצאָלט אַ פֿולן פּרייז — מיט אַ פֿעלשן אין זיך, מיט אַ נאַציאָנאַלן פֿאַרראַט.

„דאָס אייגענע פֿעלקל ישראל, וואָס האָט דאָ גאַרניט לאַנג דריי מאָל אין טאָג געדאַוונט און מתפּלל געווען צו זיין גאָט, אַז ער זאָל אים צוריק־פֿירן קיין ירושלים, איז מיט אַמאָל צעשמאָלצן געוואָרן פֿון פּאַטריאָטיזם, פֿון ליבע צו זיין וואוינאָרט".

„אויב אידן האָבן אַמאָל געקוקט אויף זיך ווי אויפֿן צענטער פֿון דער באַשאַפֿענער וועלט, ווי אויפֿן אַלף און תּיו פֿון דער וועלט־געשיכטע, האָבן זיי איצטער אָנגעהויבן אָפּלאַכן און חוזק מאַכן פֿון זיך אַליין, פֿאַראַכטן זיך אינעווייניק אין אַזאַ מאָס, ווי ס'האָבן ביז דענסטמאָל זיך ניט דערוועגט דאָס טאָן אַפֿילו זייערע ערגסטע שונאים". די עמאַנציפּירטע „באַפֿרייטע" אידן האָבן אַ פֿלי געטאָן צו דער קאַפּיטאַליסטישער סעודה כּדי צו געניסן פֿון אַל־דאָס גוטס. אַלצדינג וואָס האָט געשטערט פֿון אינעווייניק אין צו־פּאַסן זיך צו דער נייער סביבה, אַלצדינג וואָס האָט נאָך געגעבן אַן אָנ־צוהערעניש אויף אַן אָפּגעזונדערטן אידישן קיום — האָט מען אַרויסגע־וואָרפֿן ווי אַן איבעריקן באַלאַסט. דער תּכלית האָט זיך באַהעפֿט מיט דער אידעע: אַראָפּצוואַרפֿן די פֿאַרעלטערטע אידישע ירושה און צע־שמאָלצן ווערן אין ים פֿון דער מענטשהייט. די אידישע בורזשואַזיע האָט „מפֿקיר געווען דעם אידישן נאַציאָנאַליזם מיט אַלע זיינע האָפֿענונגען, מיט אַלע זיינע אידעאַלן, כּדי צו קענען פֿריי אַרומשפּאַצירן — אָן דער אידישער משא — איבער דער קאַפּיטאַליסטישער בירזשע". דער איד האָט געוואָלט איבערלאָזן פֿאַר זיך נאָר יענע פּראַקטישע מעלות, וואָס ער האָט אָנגעלעבט אין זיין עקזיסטענץ־קאַמף אין געטאָ. נאָר דאָ האָט ער אַ ביטערן טעות געהאַט אין חשבון: די קאַפּיטאַליסטישע סעודה האָט ניט געקלעקט פֿאַר אַלעמען.

ח

די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפֿטס־אָרדענונג, וואָס האָט צוגעזאָגט אידן עמאַנציפּאַציע, גלייכע רעכט מיט אַלע אַנדערע בירגער פֿון לאַנד — קען ניט האַלטן איר צוזאָג. דער קאַפּיטאַליזם קען ניט באַפֿרידיקן די באַדערפֿע־נישן פֿון אַלע בירגער אין אַ גלייכער מאָס, ער קען זיי ניט זאַט מאַכן און ער מוז פֿאַרשאַרפֿן זייער קאַמף פֿאַר דעם שטיקעלע ברויט, פֿאַר דער פּאָזיציע, פֿאַר דער מאַכט איבערן לאַנד. און אינם דאָזיקן קאַמף באַווייזט איטלעכער זיינע נעגל און ווידער אַמאָל שטעכט מען די נעגל אינם איד אַריין. און אויב אַפֿילו מען נעמט ניט אַוועק לפֿי דעם געזעץ די רעכט

ביים איד, קומט אָבער די געזעלשאַפֿט אַליין און מינערט פֿאַקטיש זיינע רעכט. וואָס דאָס געזעץ באַווייזט ניט אָפּצוטאָן דעם איד, קומט די באַוועגונג פֿון פֿאָלקס־שנאה (אַנטיסעמיטיזם) און איז ממלא וואָס ס'פֿעלט נאָך.

„די פֿרייע קאָנקורענץ ווערט מגולגל אין דער בורזשואַזער געזעל־שאַפֿט אין אַ קאַמף פֿון אַלעמען קעגן אַלעמען, אין אַ שטענדיקער מלחמה פֿון איין מענטש קעגן צווייטן, פֿון איין קלאַס קעגן צווייטן". אין דער דאָזיקער מלחמה איז איין מענטש אַ שונא דעם צווייטן און איז אים מקנא. און אויב דו האָסט עמעצן פֿיינט מוזטו אויפֿדעקן אַלע שוואַכקייטן פֿון דיין קעגנער און זיי אַרויסשטעלן פֿאַר דער וועלט. איצטער איז מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן אַז די אידישקייט איז אָט אַזאַ שוואַכער פּונקט, וואָס רייצט די געשאַרפֿטע ציין פֿונם שונא. אַפֿילו נאָך דער אַסימילאַציע, נאָכן אויס־מישן זיך מיט דער אַרומיקער סביבה, אַפֿילו נאָכן שרייענדיקן פּאַט־ריאָטיזם האָט דאָס דאָזיקע פֿינטעלע איד ניט אויפֿגעהערט עקזיסטירן. אַלע קונצן פֿון דער אידישער פֿאַרשטעלעניש און שפּיל אין באַהעלטעניש האָבן ניט געהאָלפֿן. אדרבא, וואָס מער אידן האָבן זיך פֿאַרשטעלט, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן די שנאה צו זיי.

„אָט אַזוי האָט זיך צעפֿלאַקערט די שנאה צו אידן מיט נאָך אַ גרע־סערער קראַפֿט... שנאה, פֿאַראַכטונג, חוזק זיינען ווידער אַמאָל אויס־געפֿאַלן אויף זייער גורל פּונקט ווי אין די צייטן פֿון מיטלאַלטער. פֿון געזעלשאַפֿטלעכן שטאַנדפּונקט ווערן אידן שוין לאַנג באַיקאָטירט, און אויך פּאָליטיש פֿאַרשפּרייט זיך אַלץ מער דער לאָזונג מבטל צו מאַכן זייער גלייכבאַרעכטיקונג. דער ציל־פּונקט פֿון דער דאָזיקער פֿאָלקס־באַוועגונג קעגן אידן איז דער גירוש, אַרויסטרייבן אידן גאָר אינגאַנצן פֿונם לאַנד".

נאָך זיינען די אידן פֿון מערב־איראָפּע רואיק געזעסן אויף זייערע ערטער און האָבן געקוקט אויפֿן אַנטיסעמיטיזם ווי אויף אַ פֿאַרבייגייענ־דיקן וואָלקן, וואָס קען נאָר צייטנווייז טונקעלער מאַכן אָבער ניט אינ־גאַנצן פֿאַרפֿינצטערן די הימלען פֿון דער עמאַנציפּאַציע; נאָך האָבן די אידן פֿון רוסלאַנד, פּוילן און רומעניע געוואַרט און צו גאָט תּפֿילה געטאָן, אַז ער זאָל זיי איינטיילן אַ גלייכן חלק מיט די אידן פֿון דייטשלאַנד, עסטר־רייך און אונגאַרן. און פֿונדעסטוועגן קווענקלט ניט נחמן סירקין און לאָזט אַרויס פֿון זיך מויל די התראה: דער ציל־פּונקט פֿון דער פֿאָלקס־באַוועגונג קעגן אידן איז דער גירוש, אַרויסצוטרייבן זיי גאָר אינגאַנצן פֿונם לאַנד!

ט

אויפֿן אַנטיסעמיטיזם האָט סירקין געקוקט ווי אויף אַ דערשיינונג, וואָס איז ניט אויסצומיידן כּל זמן עס עקזיסטירט אַ געזעלשאַפֿטס־אָרדענונג אויפֿן יסוד פֿון קאָנקורענץ. דאָס איז דער באָדן פֿון היינטוועלטיקן אַנטי־סעמיטיזם. און אויף אים בויט זיך אויף דער „אידעאָלאָגישער גאָרן", די תּורה פֿונם ווידעראַנאַנד, פֿון דער שנאה און קעגנערשאַפֿט צווישן די פֿאַרשיידענע ראַסן. אין דער תּקופֿה, בעת סירקין האָט געשריבן זיין בראָ־שור, איז די ראַסן־תּורה נאָך געווען אַ גרינג־געשעצטע, שטאַרק אין דער נידער. נאָר סירקין האָט פֿאָראויסגעזען, אַז די דאָזיקע תּורה וועט עולה לגדולה זיין און ווערן אַ כּלי־זיין צו רודפֿן און אַרויסצושטופּן אידן און וועט פֿאַרבייטן דעם רעליגיעזן מאָטיוו, די חלוקי דעות ביי די פֿאַרשיידענע אמונות, וואָס האָבן אָנגעוואָרן זייער חן און ווערט אין דער היינטוועלטיקער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט.

אוי פּונקט אַזוי ווי דער אַנטיסעמיטיזם איז אין אונזערע צייטן ניט געבונדן מיט דער רעליגיע, פּונקט אַזוי איז ער אויך ניט געקניפּלט מיט אַ באַשטימטן קלאַס. אין סירקינס סביבה איז געווען פֿאַרשפּרייט אַ זייער פּשוטע און באַקוועמע אויסטייטשונג פֿונם אַנטיסעמיטיזם פֿון „קלאַסן־שטאַנדפּונקט": אַזוי ווי ס'איז דאָך באַוואוסט און אָן שום ספֿק, אַז דער פּראָלעטאַריאַט איז הוילע שלימות און ווייט פֿון יעדן שאָוויניזם אָדער סתּם מענטשן האַס, און די בורזשואַזיע איז דאָך ווידעראַמאָל באַוואוסט, אַז זי איז דער מקור פֿון אַלע זינד אין דער געזעלשאַפֿט, ממילא איז דאָך דערפֿון געדרונגען, אַז אַנטיסעמיטיזם געפֿינט מען נאָר ביי דער בורזשו־אַזיע. סירקין טרעט אַרויס קעגן דער דאָזיקער איינרעדעניש: דער אַנטי־סעמיטיזם איז ניט קיין אינטערעס פֿון אַ ספּעציעלן קלאַס. „אין דער פֿאַרב פֿון אַ מעגלעכקייט איז דער אַנטיסעמיטיזם פֿאַראַן ביי אַלע קלאַסן". אַפֿילו דער אַרבעטער־קלאַס איז ניט פֿאַרפּאַנצערט קעגן אַנטיסעמיטיזם. און ווי אַ תּלמיד, וואָס לערנט זיך ביי דער ווירקלעכקייט, פּרוּווט ער אויס און מאָלט אונז די פֿאַרשיידענע קלאַסן־כּוחות, וואָס שפּייזן די שנאה צו אידן. „זי דערגרייכט צו איר העכסטן פּונקט ביי יענע קלאַסן, וואָס כּאַפּן מפּלות און מוזן זיך אונטערגעבן אין געזעלשאַפֿטלעכן קאַמף: די דאָזיקע קלאַסן קעמפֿן ווי פֿאַרצווייפֿלטע אויף אַ באָדן, וואָס גליטשט זיך אַרויס פֿון אונטער זייערע פֿיס".

סירקין גיט סמנים פֿאַר די דאָזיקע קלאַסן און אַז מען לייענט זיינע ווערטער אַצינדערט, נאָך פֿאַרגאַנגענע פֿערציק יאָר, וועט מען אינם בילד, וואָס ער מאָלט, דערקענען גרינג יענע קלאַסן, וואָס האָבן אויפֿגעהויבן די פֿאָן פֿון פֿאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם:

„זיי זיינען קינדער פֿון קאַפּיטאַליסטן־קלאַס, אָבער זייער קאַפּיטאַל זיינען חובות; זיי זיינען אינפֿלוג פֿאַרמעגלעך, אָבער אַפֿילו אַרבעטער־קראַפֿט פֿאַרמאָגן זיי אויך ניט. מיט איין פֿוס שטייען זיי אין פֿאַרמעגלעכן קלאַס אָבער מיטן צווייטן פֿוס שטעקן זיי שוין אינם לאַגער פֿון פּראָלע־טאַריאַט. און אָט אַזוי לויפֿן זיי אַהין און צוריק, האַבנדיק פֿאַר די אויגן דעם שרעקנדיקן אויסקוק אַריינצופֿאַלן אין פּראָלעטאַרישן תּהום. — — — הגם זיי זיינען שטאַרק געפֿאַלן אין מעמד, אין עקאָנאָמישן פּרט, פֿונדעסט־וועגן זיינען זיי ניט מער ווי אַ נאָכשלעפּעניש פֿונם הערשנדיקן קלאַס. — — — די דאָזיקע ירידה־קלאַסן מאַכן אַ רעוואָלוציאָנערן אָנשטעל, אָבער זייער אָפּאָזיציע איז אַ קאַטילינישע,* ניט קיין פּרינציפּיעלע און האָט ניט אין זינען טובת הכלל. — — — טאָמער וואַרפֿט מען צו אַביינדל אויף אָפּצולעקן, זיינען זיי תּיכּף צופֿרידן מיט זייער קיצבה, און — אויס אָפּאָ־זיציע: שוין ווידער אַמאָל ניטאָ קיין בעסערע וועלט פֿון דער דאָזיקער וועלט און זיי ווערן ווידער געטרייע העלפֿער פֿון דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפֿטס־אָרדענונג. „ניץ אויס, עקספּלואַטיר, אָבער לאָז אויך איבער פֿאַר אַנדערע, אַז זיי זאָלן אויך קענען עקספּלואַטירן!" — אָט דאָס איז זייער לאָזונג כּלפּי די הערשער, די שררות אין דער איצטיקער גע־זעלשאַפֿט".

און סירקין דערקענט, שוין אין אירע ערשטע אַנטפּלעקונגען, דעם גייסטיקן פּרצוף פֿון דער באַוועגונג און פֿון איר פֿירערשאַפֿט.

„דער אַפּאַל, די ערגסטע עלעמענטן פֿון דער בורזשואַזער און פּראָ־לעטאַרישער געזעלשאַפֿט, אַלע יענע, וואָס האָבן אָנגעוואָרן יעדן געפֿיל פֿון אמת און כּבוד, אַלע יענע חשודע מענטשעלעך, וואָס פֿאַרמאָגן נאָר דעם כּוח אויפֿצוּוועקן די נידעריקסטע אינסטינקטן פֿון די מענטשן — אָט זיי אַלע האָבן דאָס אויפֿגעהויבן די פֿאָן פֿון אַנטיסעמיטיזם און זיינען געוואָרן די הויפּט־רעדנער פֿון דער קאַטיליניש־רעוואָלוציאָנערישער באַ־וועגונג אין דער איצטיקער צייט".

וואָס מיר רופֿן היינט אָן מיטן נאָמען פֿאַשיזם, האָט סירקין בשעתו אָנגערופֿן מיטן נאָמען „קאַטילינישע רעוואָלוציאָנערישקייט".

אָבער אויפֿדעקנדיק די סאָציאַלע שפֿלות און מאָראַלישע געפֿאַלנקייט

---

* קאַטילינאַ — אַ זון פֿון אַ רוימישער פּאַטריצישער משפּחה, וואָס איז פֿאַר־אָרעמט געוואָרן. שטרעבנדיק צו מאַכט האָט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט פֿאַר קיין שום אינטריגעס. ער האָט אָרגאַניזירט אַן אויפֿשטאַנד פֿון יונגע פּריצים און באַפּרייטע זעלנער, צוזאָגנדיק, אַז ער וועט זיי אַרויסראַטעווען פֿון זייער נויט. דער נאָמען קאַטילינאַ איז געוואָרן אַ שם־דבר פֿאַר דעמאַגאָגישע מרידות, וואָס ווערן אָרגאַניזירט אָן געוויסן און אָן פּרינציפּן.

פֿונם אַנטיסעמיטיזם, איז סירקין ניט אַוועק מיטן וועג פֿון יענע אידן, וואָס באַרואיקן זייער גייסט, באַרימען זיך מיט דער שענדלעכקייט פֿון זייערע שונאים און טרייסטן זיך דערמיט, אַז אַ ליגן האָט קורצע פֿיס און אַז די פֿינצטערניש וועט איינגיכן אָפּטרעטן איר אָרט פֿאַרן ליכט פֿון דער זון. סירקין זעט און זאָגט פֿאַראויס:

„דער אַנטיסעמיטיזם האַלט אין איין וואַקסן און פֿונאַנדערשפּרייטן זיך. וואָס מער די שטאַנדן און קלאַסן וועלן צעטרייסלט ווערן, וואָס מער דאָס לעבן וועט ווערן שווערער און ס'וועט אויספֿעלן זיכערקייט אין דער צוקונפֿט, וואָס גרעסער און שטאַרקער ס'וועט ווערן דער שטורעם אויפֿן מיטלשטאַנד און ס'וועט וואַקסן די מורא פֿאַרן רעוואָלוציאָנערן פּראָלע־טאַריאַט, אַלץ מער וועלן זיך שטאַרקן די כוואַליעס פֿון אַנטיסעמיטיזם. און די פֿיינטליכע כוחות, וואָס פֿירן מלחמה איינער קעגן דעם צווייטן, וועלן אָבער זיך פֿאַראייניקן אין זייער בשותּפֿותדיקן קאַמף קעגן אידן".

ער זעט, אַז דאָס אידישע לעבן געפֿינט זיך אונטערן עול פֿון אַן אַכזרישן געזעץ, וואָס מען קען אים ניט אויסמיידן:

„כּל זמן די געזעלשאַפֿט וועט זיין אויפֿגעבויט אויפֿן געזעץ פֿונם שטאַרקן און כּל זמן אידן וועלן פֿאַררעכנט ווערן צווישן די שוואַכע, וועלן פּיין און ליידן זען אַ סוף פֿאַרבלייבן זייער גורל".

אָט אַזוי זעט סירקין די אידישע לאַגע און ער זאָגט דאָס אַרויס מיט פּשוטע אָבער וואָגיקע ווערטער, וואָס זיינען ראוי אויסגעקריצט צו ווערן אין די הערצער פֿון יעדן איד און פֿון יעדן ערלעכן מענטש ביי די אומות העולם:

„די היסטאָרישע אידישע נויט איז אַן איין־און־איינציקע און זי האָט ניט איר גלייכן אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט".

די צרות שטויסן אידן צו אָפּאָזיציע, צו פּראָטעסט. אָבער דער איינ־האַלט פֿונם פּראָטעסט בייט זיך פֿון תּקופֿה צו תּקופֿה. אין די צייטן פֿון מיטלאַלטער איז דער אידישער פּראָטעסט געווען אָנגעזאָפּט מיט שנאה און פֿאַראַכטונג צום טיראַנישן שונא און מיט טיפֿן גלויבן אין דער חשיבות פֿון אידישן פֿאָלק, וואָס לעבט לפֿי זיינע אייגענע מנהגים און פֿירט זיך זיין אייגענעם לעבנסשטייגער. דער פּראָטעסט פֿונם בורזשואַזן איד אין דער נייער צייט איז געווען מער פּערזענלעך, מער עגאָאיסטיש. ניטאָ אין אים די זעלבסטפֿאַרטיידיקונג פֿונם כּלל, וואָס היט אָפּ זיין זעלבסטשטענדיקייט און זיין כּבוד פֿאַר די אויגן פֿונם שונא. ביי דער אידישער בורזשואַזיע וויל דער פּרט, דער יחיד, ראַטעווען זיך אַליין מיט כּלערליי מיטלען און המצאות, מיט וואָס עס מאַכט זיך נאָר אונטער דער האַנט, און מעג דאָס זיין פֿאַרראַט צום אייגענעם אָפּשטאַם, צו דער אייגענער היים, מעג דאָס זיין

אָן אַנטלויפֿן פֿונם געררודפֿטן און דערנידעריקטן כּלל צו דער מחנה פֿון די תּקיפֿים און רודפֿים.

און די אידן־סאָציאַליסטן פֿון אונזער תּקופֿה, צי האָט זיך דען זייער פּראָטעסט געביטן לגבי דעם פּראָטעסט פֿון דער אידישער ליבעראַלער בורזשואַזיע ?

דער עצם פֿאַקט, וואָס אַ איד פֿון אונזער צייט, אַפֿילו אויב ער איז ניט קיין פּראָלעטאַריער, טוט זיך אַ קער צום סאָציאַליזם, איז לפֿי סירקינען דער אויסדרוק פֿון אידישן פּראָטעסט און דוכט זיך אים אויס נאַטירלעך און באַרעכטיקט, וואָרעם די אידישע נויט איז אַ פּועל יוצא פֿון דער אידישער אָנמאַכט אין אַ געזעלשאַפֿט, וואָס איז אויפֿגעבויט אויף עקאָנאָמישער קאָנקורענץ און קלאַסנקאַמף און דער סאָציאַליזם זאָגט נביאות און איז מבטיח אויסצורייסן מיטן וואָרצל די עקאָנאָמישע קאָנקורענץ און מבטל מאַכן די פּריווילעגיעס פֿון איין נאַציע אָדער ראַסע קעגן דער צווייטער. ס׳איז בכן נאָר נאַטירלעך, אַז דער איד איז נוטה צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס „שטרעבט — די איינציקע צווישן אַלע אַנדערע פּאַרטייען — אָפּצושאַפֿן די קלאַסן מיטן קלאַסנקאַמף און אויף אַ גערעכטיקן אופֿן פֿונאַנדערטיילן די מאַכט אין דער געזעלשאַפֿט".

סירקין פֿאַרצייכנט דעם פֿאַקט, אַז אידן האָבן מאַסנוויז אָנגעהויבן זיך מצרף זיין צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זינט יענעם מאָמענט, ווען ס׳האָט זיך באַוויזן דער אַנטיסעמיטיזם. דאָס לערנט אונז, אַז ניט צוליב קלאַסן־טעמים האָבן אידן פֿון פֿרייע פּראָפֿעסיעס, קינדער פֿון בורזשואַזע עלטערן זיך אַ קער געטאָן מיטן פּנים צום סאָציאַליזם, נאָר צוליב זייער אידישער לאַגע. אַזוי ווי פֿריער האָבן אידן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, וואָס האָט אויפֿגעהויבן די פֿאָן פֿון גלייכבאַרעכטיקונג, פּונקט אַזוי זוכן אידן אַצינדער אַן אָנשפּאַר ביי דער אָפּאָזיציאָנעלער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ווייל די ליבעראַלן האָבן אָנגעהויבן מאַכן פּשרות מיט די פּויסטן־מענטשן און די פֿאַרשטייער פֿון רעאַקציע, כּדי צו קריגן זייער חלק אין דער מאַכט.

וואָס באַטייט די אָפּאָזיציאָנערישקייט פֿון די אידן־סאָציאַליסטן ?

אויף די שפּאַלטן פֿון אַ ניט־אידישער סאָציאַליסטישער טריבונע, וואָס גייט אַרויס אין אַ צענטער פֿון דער אידישער אַסימילאַציע בכלל און דער סאָציאַליסטיש־אידישער אַסימילאַציע בפֿרט, מאָלט אונז סירקין אויס אָט אַזאַ מין טרויעריק בילד :

„די אידן־סאָציאַליסטן פֿון מערבֿ־אייראָפּע, וואָס זייער אָפּשטאַם דאַרף מען זוכן ביי דער אַסימילירטער אידישער בורזשואַזיע, האָבן מיטגענומען צום באַדויערן די אַסימילאַטאָרישע ירושה און מען קען דערזען ביי זיי

די אײגענע סימנים פֿון אױספֿעלנדיקן װערדע־געפֿיל, פֿון גײסטיקער אָרעמ־קײט, װאָס בײ די אידן פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער בירזשע; מערנישט די אינעװײניקסטע פֿױלקײט באַװײזט זיך בײ זײ נאָך בולטער צוליב דעם סאָציאַליסטישן צודעק. בײ די אידן־סאָציאַליסטן האָט דער סאָציאַליזם זיך אַראָפּגעלאָזט און איז פֿאַרדאָרבן געװאָרן ביז צו אַ פֿאַרפֿרעמדן זיך פֿונם אידישן פֿאָלק, פּונקט אַזױ װי דער ליבעראַליזם האָט דערפֿירט די אידישע בורזשואַזיע ביז צו דער אַסימילאַציע — — —

אַז זײער אידישקײט האָט די אידן־סאָציאַליסטן געשטױסן אױפֿן װעג פֿון דער רעװאָלוציע, האָבן זײ דערנאָך געמאַכט דעם גרױסן לאַגישן און מאָראַלישן פֿעלער, װאָס זײ האָבן ניט אָפּגעהיט די רײנקײט פֿון זײער פּראָ־טעסט. זײ האָבן באַדאַרפֿט אונטערשטרײכן און אױסטײלן דעם טעם פֿון זײער רעװאָלוציאָנערן אױפֿשטאַנד קעגן דער קלאַסן־געזעלשאַפֿט — זײער שײכות צו אײנעם פֿון די דערשלאָגנסטע און דערנידעריקסטע פֿעלקער פֿון דער װעלט. — זײ האָבן באַדאַרפֿט אַרױסשטעלן זײער פּראָטעסט װי אַ ספּעציעל אידישן פּראָטעסט לפֿי זײן מקור און אים דערנאָך אױפֿהױבן ביז צו אַ העכערער און אַלגעמײנער מדרגה: האָבן זײ אָבער געטאָן פּונקט פֿאַרקערט — — — אַראָפּגענומען פֿון זײער פּראָטעסט יעדן אידישן כאַ־ראַקטער, נאָכמער, אַפֿילו פֿאַרװישט און אױסגעמעקט פֿונם באַװאוסט־זײן זײער שײכות צום אידישן פֿאָלק, און אַזױ האָבן זײ פֿאַרן אידנטום באַשאַפֿן נאָר אַ ספּעציעלן נוסח פֿון דער בורזשואַזער אַסימילאַציע".

די בורזשואַזע אידן האָבן אײנגעװיקלט זײער אַסימילאַציע אין אַ פֿרעמדן פּאַטריאָטיזם. די סאָציאַליסטישע אידן האָבן אײנגעװיקלט זײער אַסימילאַציע אין אינטערנאַציאָנאַליזם. יענע האָבן דערמיט געדינט דער מאַכט פֿונם הערשנדיקן פֿאָלק, און די סאָציאַליסטן האָבן אַרױסגעשטעלט דעם לאָזונג פֿון פֿרײהײט און גלײכהײט פֿאַר אַלע פֿעלקער. סירקין זאָגט צו בײדע מחנות: „מען טאָר ניט באַרעכטיקן דאָס אױסטאָן זיך פֿון אידיש־קײט, אַ שפּלדיקן פֿירן־זיך, אָן כּבֿוד־געפֿיל און אָן אחריות, לגבי דעם אײגענעם אָפּשטאַם ניט מיטן ליגן פֿון אַ פֿרעמדן נאַציאָנאַליזם און ניט מיטן אמת פֿון אַלגעמײנעם אינטערנאַציאָנאַליזם".

ס'איז אַ ליגן, אַז דער רעיון פֿון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם פֿאָ־דערט פֿונם אידן אַ גלײכגילטיקע באַציאונג צום גורל פֿון זײן פֿאָלק. ניט צוליב דער אינטערנאַציאָנאַלער אידעע גיט זיך דער אידישער סאָציאַליסט אַ קער אָפּ פֿון זײן אײגענעם פֿאָלק, פּונקט אַזױ װי ניט צוליב דער ליבע־ראַלער אידעע איז דער אידישער בורזשױ דערגאַנגען ביז אַסימילאַציע. הן בײ דעם אידישן סאָציאַליסט, הן בײ דעם בורזשױ זײנען דאָס אָנטפּלע־קונגען פֿון אידישער געפֿאַלנקײט, פֿון גערנװיליקער פֿאַרשקלאַפֿונג, פֿון

מוטלאָזיקייט און כאַראַקטער־פֿאַרדערבעניש — „אַלץ רעזולטאַטן פֿון אונ־זער פֿאַרשקלאַפֿונג אין משך פֿון טויזנטער יאָרן". דאָס וואָס אידן פֿאַר־לייקענען זייער אָפּשטאַם, וואָס זיי זיינען גלייכגילטיק צום כבוד און פּרעס־טיזש און צו דער פֿרייהייט פֿון זייער פֿאָלק האָט ניט קיין שום שייכות צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער פֿאַרראַט איז נאָענט צום „אינטערנאַציאָנאַליזם פֿון די בירזשע־לייט, פֿון די כּל המינים אַפֿעריסטן, וואָס ווייסן ניט פֿון קיין אַנדער פֿאָטערלאַנד אַחוץ זייער געלט, פֿון קיין אַנדער נאַציע אַחוץ זייערע חברה־לייט און פֿון קיין אַנדער כּבוד אַחוץ קריכערישקייט".

דער סאָציאַליזם באַגריסט יעדע אָנשטרענגונג פֿון די פֿאַרשקלאַפֿטע פֿעלקער, וואָס קעמפֿן פֿאַר זייער פֿרייהייט. דער סאָציאַליזם האָט אָנער־קענט, אַז די שטרעבונגען פֿון די פֿעלקער צו נאַציאָנאַלער פֿרייהייט זיינען אים נאָענט צום האַרצן, ער באַגייסטערט זיך אַפֿילו פֿאַר זיי און שטיצט זיי. די נאַציאָנאַלע פֿרייהייטס־באַוועגונגען שפּייזן זיך אומעטום פֿון דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט, פֿון דער מאָראַלישער אויפֿלעבונג, וואָס דער סאָציאַליזם טראָגט אַריין אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, פֿונם סאָציאַ־ליסטישן קאַמף פֿאַר גלייכהייט און פֿרייהייט. אויב די זין פֿון פֿאַרשקלאַפֿ־טע פֿעלקער זיינען סאָציאַליסטן, פֿילן זיי ניט קיין שום סתירה, קיין שום ווידעראַנאַנד צווישן זייער נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם. זיי וועלן קיינמאָל ניט פּראָפּאַגאַנדירן נאַציאָנאַלע אַסימילאַציע און וועלן אין דער מעג־לעכקייט צו אַנטלויפֿן פֿון זייער אייגענעם פֿאָלק ניט דערזען אַ ספּעציעלע פּריווילעגיע. מיט וואָס־זשע שיידן מיר זיך אָפּ פֿון אַלע אַנדערע פֿעלקער אין דער וועלט? פֿאַרוואָס־זשע האָבן די אידישע סאָציאַליסטן געמאַכט פֿון דער אַסימילאַציע זייער גייסטיק האָב־און־גוטס און פּרואוון מיט אַלע כּוחות זיך אויסטאָן פֿון אידישקייט? פֿאַרוואָס זאָל דער אידישער סאָ־ציאַליזם אַרומבלאָנדזשען און אַרויסווייזן לגבי אידישע ענינים די אייגענע גייסטיקע פֿאַרשקלאַפֿטקייט וואָס די אידישע בורזשואַזיע?

יא

דער איד, וואָס בענקט נאָך אַסימילאַציע און וויל זיך באַהעפֿטן מיט די הערשנדיקע פֿעלקער און זייער רייכער קולטור, וועט אַ סך טעמים אויסגעפֿינען פֿאַר זיין שטרעבונג. ער קען אויפֿווייזן די שוואַכע פּונקטן אין אידישן נאַציאָנאַליזם, אויפֿדעקן זיין נעבעכדיקייט, אַרויסרופֿן ספֿקות אין זיין שאַפֿנדיקן פּראָגרעסיוון כּוח, ער קען פֿרעגן קשיות וועגן דעם כאַראַקטער פֿון אידישן נאַציאָנאַליזם און וועגן זיין צוקונפֿט. און אָט פֿון דעם אַלעמען קען ער מאַכן דעם געהעריקן אויספֿיר, אַז מען דאַרף זאָגן

„בײַן!״ און אַפּלײקענען דעם אידישן נאַציאָנאַליזם. סירקין פּלײסט זיך גאָר ניט אָפּצואוואַרפן אַט די אַלע טענות. ער איז אַפילו נוטה אָנצונעמען אַ סך שלעכטע מײנונגען וועגן דער אידישער ווירקלעכקײט. מערניטשט ער קוקט אויף די אידישע שוואַכקײטן ווי אַ היסטאָריקער: דאָס זײַנען פאַרבײַגײענדיקע דערשײנונגען, אַ פּרוכט און אַ פּועל יוצא פון היסטאָרישע כּוחות, וואָס זײַנען משפּיע אויפן אידישן גלות-לעבן. אַט דער גלות האָט דאָס פון אידן געמאַכט אַ נעבעכדיק פאָלק, אַט דער הײנטוועלטיקער גלות מיט זײַן אַסימילאַציע האָט אויסגעלײדיקט דעם אידישן נאַציאָנאַליזם און אָפּגענומען בײַ אים דעם אינהאַלט און ער דערלאָזט ניט, אַז ס׳זאָל זיך אויפהאַדעווען בײַ אידן אַ „געהויבענער נאַציאָנאַלער גײַסט״. אַט דאָס איז דער טראַגישער ווידעראַנאַנד אין אידישן לעבן, נאָר מען דאַרף זיך ניט אונטערגעבן און מען מוז דאָס גובר זײַן. סירקינס געדאַנקט פאַרמעסט זיך אין אַ קאַמף מיטן מלאך פון דער אַסימילאַציע, וואָס געוועלטיקט איבער דער געדאַנקען-וועלט פון דער אידישער אינטעליגענץ:

„הגם די אידישע אומה פאַרמאָגט ניט קײן קאָנטיקע נאַציאָנאַלע סימנים: זי איז צעזײט און צעשפּרײט איבער אַלע לענדער פון דער וועלט, רעדט אויף שבעים לשונות און אויף אַ מישמאַש פון שפּראַכן, הגם זי פאַרמאָגט ניט קײן שום ממשותדיקן נאַציאָנאַלן האָב-און-גוטס און אויך ניט קײן נאַציאָנאַלע שעפער-קראַפט, פונדעסטוועגן איז זי אַן אויסטערלישע נאַציע און איר עצם קיום גיט אַן אינהאַלט פאַר איר וועזן. דער קיום פון אידישן פאָלק, וואָס אידן האָבן אים פאַרטײדיקט און אָפּגעהיט אין אַן עקשנותדיקן קאַמף מיט דער אַרומיקער וועלט אין משך פון טויזנטער יאָרן, האָט פאַר זיך אַלײן אַ גרויסע חשיבות, וואָרעם אידן סימבאָליזירן מיט זײער קיום די פרײהײט פונם מענטש און אַ טײל פון אַ געהויבענעם מענטשן-רעכט. היות דער קאַמף קעגן אידן איז אַן אומגערעכטיקער און ער שטאַמט אָפּ פונם כּוח, וואָס עס פאַרמאָגט דער שטאַרקערער, דער איבער-געוואַלט-מענטש, איז בכן דער קיום פון אידישן פאָלק אַ לעבע-דיקער פּראָטעסט קעגן גזלנות, אַ קאַמף פאַר גערעכטיקײט, אַ שטרעבונג פונם מענטש צו זײַן רעכט אויף עקזיסטענץ. אַ היפּשע טײל אַלגעמײנע מענטשן-רעכט איז פאַרקערפּערט געוואָרן אין אידן, און טאָמער גײען אידן אונטער, ווערט מיט זײ אינאײנעם נעלם דאָס מענטשן-רעכט. מען מוז דעריבער קוקן אויפן פאַרשווינדן פון אידישן פאָלק ווי אויף אַ פאַר-שווינדן פון מענטשלעכקײט אין דער וועלט״.

ס׳האָבן קײנמאָל ניט אויסגעפעלט קלוגיטשקע, ניכטערע אידן, וואָס ס׳איז זײ „שווער צו זײַן אַ איד״, וואָס קלערן וועגן אַנטלויפן און זיך ראַטעווען, אָדער חכמענען זיך סתם, אָדער וואָס זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין

אַ לעצטן יאוש, און זיי שפּילן זיך דעריבער מיטן געדאַנק און מיט דער האָפענונג, אַז אָט וועט אָנקומען אַ צייט ווען דער לעצטער איד וועט נעלם ווערן פון דער וועלט. סירקין טרעט אַרויס קעגן אָט די פאַרשווינען מיט זייער „פריילעכער" האָפענונג:

„פאַר אידן אַליין וואָלט דער נאַציאָנאַלער טויט געווען די גרעסטע טראַגעדיע אין זייער היסטאָרישן גורל, און יענע אידישע תקופה, וואָס וואָלט באַדאַרפט טרינקען פון אַזאַ ביטערן בעכער, וואָלט אַוודאי געווען די ביטערסטע און טרויעריקסטע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. — — — ס׳וועט די מענטשן דאָך אויפטרייסלען די טראַגיק פונם לעצטן איד, וואָס וועט איבערלעבן די ווייטאָגן פון זיין שטאַרבנדיקן פאָלק אינמיטן אַ רייכער פאַנאָראַמע פון נאַציאָנאַלע פאַרבן אין דער מענטשהייט. אויב אָט דער לעצטער איד וועט נאָך זיין מסוגל צו אַ געהויבענעם געדאַנקענגאַנג בכלל. מיליאָנען אידישע קרבנות אין אַלע לענדער פון דער וועלט, וואָס זאָגן עדות אויפן רעוואָלוציאָנערן ווידערשטאַנד פון אידישן פאָלק אין זיין קאַמף מיט די תקיפים פון דער ערד, — דאָס אַלץ וואָלט דאָך באַדאַרפט אויסזען אין זיינע אויגן ווי אַ נעבעכדיקע קאָמעדיע, ווי אַ פאַרשפּילטער ענין. — — — פאַר אידן איז דאָס לעבן אַ מוז, אַ מצווה, וואָרעם זייער טויט וואָלט געווען אַ זינד".

און אויב דער סאָציאַליזם פון אידן וויל ניט פאַרבלענדן די אויגן און דינען ווי אַ דעקמאַנטל פאַר דער תאווה זיך צו באַהעפטן מיט די הערשנדיקע פעלקער, אויב ער וויל זיך אויפהויבן ביז צו דער מדרגה פון אַן ערלעכען מאָראַלישן „פראָטעסט", טאָר ער ניט פאַרלייקענען דאָס אידישקייט און זיך אָפּזאָגן פון אַ אידישן לעבן מיטן תירוץ אַז דאָס אידישע נאַציאָנאַלע לעבן איז אויסגעלעבט און פאַרמאָגט ניט קיין אינהאַלט, נאָר פאַרקערט, ער מוז אָנערקענען די אידישע נויט און דעם אידישן פראָטעסט, — וואָס מיט זיי שפּייזט זיך דער אַלגעמיינער אידישער אויפשטאַנד קעגן אומרעכט אויף דער וועלט — און ער דאַרף ווערן אַן אמתער אידישער סאָציאַליסט.

יב

סירקין פאַרקניפט זיין האָפענונג מיט די אידישע פּראָלעטאַרישע מאַסן פון מזרח־אייראָפּע, וואָס „די שפּראַך, דאָס געשריפט און דער אופן דענקען לייגן אויף זיי אַרויף אַ בולטן נאַציאָנאַלן שטעמפּל און שיידן זיי אָפּ פון אַלע אַנדערע פעלקער".

אמת, לעת עתה געפינט זיך דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אונטער דער השפעה פון דער אַסימילאַציע, וואָרעם אין אָנהויב פון זיין אַנטוויקלונג

קריגט ער זיין קלאַסן־דערציאונג פֿון דער אַסימילירטער אינטעליגענץ, אָבער סוף כּל סוף וועט ער די דאָזיקע השפּעה גובר זיין און אַפילו ווערן דער לערער פֿון זיינע דערציער.

„דער אידישער סאָציאַליזם וועט זיך באַפרייען פֿון דער אַסימילאַ־טאָרישער אַפּנאַרעריי און מיט אַ געפיל פֿון געטריישאַפט און פֿרייהייט וועט ער זיך פּראָקלאַמירן ווי אַ פֿאָרם פֿון שטאַרקן אידישן פּראָטעסט, וואָס האָט אינם סאָציאַליזם געפֿונען זיין תּיקון".

און אַ חילוק איז פֿאַראַן צווישן סירקינען און די אידישע סאָציאַליסטן, וואָס זיינען געווען פֿאַר אים און געקומען נאָך אים, אַפילו יענע, וואָס פֿאַרמאָגן אַ נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיניקייט: סירקין זעט אינם אידישן סאָציאַליזם ניט נאָר דעם אינטערעס פֿון די לוינאַרבעטער, נאָר אויך אַן אַלגעמיין־אידישן נאַציאָנאַלן ענין.*

אַזוי ווי די אידישע נויט דריקט מיט איר שווערקייט הן אויפֿן קרע־מער, אויפֿן בעל מלאכה, הן אויפֿן אידישן מלמד און אינטעליגענט, וועלן בכן די דאָזיקע קלאַסן מענטשן, דערקענענדיק דעם כאַראַקטער פֿון די אידישע צרות און וועלנדיק זיך פֿאַרטיידיקן און באַוואָרענען זייער קיום, אין נאַציאָנאַלער אויפֿלעבונג זיך מצרף זיין צום סאָציאַליזם, וואָס וועט דעמאָלט זיין ריין פֿון אַסימילאַטאָרישן שטויב.

„ווי אַ פּראָטעסט קעגן אידישע פּיין איז דער סאָציאַליזם מסוגל אַריינצודרינגען אין גאַנצן כּלל ישראל, וואָרעם די אידישע נויט פּילן אַלע קלאַסן, הן דער אידישער מיטלשטאַנד און אַפילו די אידישע בורזשואַזיע. שפּאָט און שאַנד, נויט און באַליידיקונג זיינען דער גורל פֿון אידישן פֿאָלק אין אַלע זיינע קלאַסן, און בשעת דאָס אידישע פֿאָלק וועט זיך פֿאַרקלערן איבער זיינע צרות, וועט ער פֿאַרציטערט ווערן ביז אין די טיפֿענישן פֿון זיין האַרצן און דערקענען די גרויסע, אָן־סופֿיקע טראַגעדיע פֿון זיין איצ־טיקן קיום".

---

* אויך ביי א. ש. ליבערמאַנען אין זיין צייט קען מען געפֿינען אָנצוהערענישן פֿון אַזאַ מין מיינונג. אויך ער האָט געזוכט מענטשן פֿאַרן סאָציאַליזם ניט ביי אַ גע־וויסן קלאַס, נאָר אין פֿאַרשיידענע קרייזן און שיכטן און דער עיקר צווישן די ישיבה־בחורים, וואָס ער האָט אין זיי געגלויבט מערער איידער אין דער דיפּלאָמירטער אינ־טעליגענץ און געקלערט, אַז זיי וועלן גיכער דערזען די גערעכטיקייט אינם סאָציאַ־ליזם און זיך פֿאַר אים מוסר־נפש זיין. צוליב די דאָזיקע מיינונגען האָבן פֿון אים אָפּגעלאַכט זיינע חברים, אידן און ניט־אידן. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל וועט מען קענען אויפֿקלערן ערשט דעמאָלט, בעת מען וועט פֿאַרעפֿנטלעכן די רוסישע קאָרעספּאָנדענץ צווישן ליבערמאַנען און זיינע חברים — אַ בינטל בריוו, וואָס געפֿינט זיך אין אַרכיוו פֿון דער רעדאַקציע „ווּפּעריאָד".

און דענסטמאָל וועט פאַר אים ניט זיין געווג אַ באַהעפט מיט דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, וואָס וועט אויסדריקן זיין פּראָטעסט־געפיל: ער וועט דעמאָלט אויך געפינען דעם אויסדרוק פאַר זיינע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אינסטינקטן, ער וועט זוכן אַ רפואה און גאולה שלמה און דאָס וועט ער געפינען אינם ציוניזם.

פערטער קאַפּיטל

„די אידישע סאָציאַליסטישע מלוכה"

א

מען קען פרעגן אַ קשיא: ווער ס'קוקט אויס אויפן נצחון פונם סאָציאַליזם און זעט בחוש, אַז ער וועט מאַכן אַ סוף מיט אַלע קלאַסן און בכן אויך מיטן קלאַסן־קאַמף און מיט דער עקאָנאָמישער קאָנקורענץ און מיט דער הערשאַפט פון די איבערגעוואָלד־מענטשן און טיראַנען — וואָס זיי זיינען דאָך אַלע די עיקר־סימנים פון דער הערשנדיקער געזעלשאַפטס־אָרדענונג און וואָס פון זיי שפּראָצט אַרויס דער היינטוועלטיקער אַנטיסעמיטיזם — טאָ פאַרוואָס־זשע זאָל ער זיך ניט באַגנוגענען מיט אַזאַ אַלגעמיינעם באַשייד, וואָס וועט ברענגען אַ רפואה פאַר אַלע קרענק פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און ממילא אויך פאַר די אידישע צרות? פאַרוואָס זאָל ער אַחוץ דעם זוכן אַ ספּעציעלע, נאַציאָנאַלע תשובה, אַ טייל־ענטפער פאַר דער אידישער פראַגע?

און טאַקע אַזוי האָבן אין יענער תקופה געקלערט די אידישע סאָציאַליסטן, וואָס סירקין האָט זיך מיט זיי געראַנגלט. אַלע אידישע סאָציאַליסטן האָבן געקוקט אויף דער אידישער פראַגע ווי אויף אַ טייל־פראַגע פון דער אַלגעמיינער געזעלשאַפטס־אָרדענונג. ס'איז ביי זיי קיין שום ספק ניט געווען, אַז די אידעאַלע געזעלשאַפטס־אָרדענונג פון לעתיד־לבוא, וואו ס'וועט שוין ניט זיין קיין חילוק צווישן אויבערשטע און אונטערשטע קלאַסן און וואו ס'וועט נעלם ווערן די שנאה פון ראַסן, די קנאה פון פעלקער און דער פאַנאַטיזם פון רעליגיעס, אַז אַזאַ מין נייער אידעאַלער רעזשים וועט שוין ממילא, פון זיך אַליין, פאַרענטפערן גאָר אין גאַנצן די אידן־פראַגע. אידן וועלן דענסטמאָל נאָר באַדאַרפן נהנה זיין פון די פּרוכטן, וואָס עס וועט אַריינברענגען די אַלגעמיינע גלייכהייט און ברידערלייכקייט אין דער מענטשהייט. אָבער אַפילו נאָר אויפן וועג צו דעם דאָזיקן נבואישן צוקונפט־אידעאַל וועט די אידן־פראַגע שוין געפינען איר פאַרענטפערונג. וואָרעם וואָס־זשע איז אַזוינס די אידן־פראַגע? דאָס זיינען

דאָך די גזירות און באַגרענעצונגען, וואָס שטערן דעם איד הנאה האָבן פֿון דער דאָזיקער וועלט: מען לאָזט אים ניט וואוינען „מחוץ לתחום", אין די אינעווייניקסטע גובערניעס פֿון רוסלאַנד, מען פֿאַרווערט אים קויפֿן ערד, קריגן אַ שטעלע ביי דער רעגירונג, זיך פֿאַרנעמען מיט בכבודיקע פּראָפֿעסיעס, מען נעמט אים ניט אויף אין די מיליטערישע שולן און מען באַגרענעצט זיין רעכט אַריינצוקומען אין גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטן און נאָך און נאָך אַזעלכע תקנות. אָט די אַלע גזירות האָבן ניט די פֿעלקער אָנגעשיקט אויף אידן, נאָר זייערע טיראַנישע, רשעותדיקע רעגירונגען, און אומעטום וואו ס׳פֿאַלט דער זעלבסטהערשערישער מאָנאַרכיסטישער רעזשים און ער ווערט פֿאַרביטן אויף אַ קאָנסטיטוציע, דאָרטן ווערן אויך בטל די אַלטפֿרענקישע באַגרענעצונגען פֿאַר אידן, דאָרטן איז גובר דער פּרינציפּ פֿון בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג און אידן גייען אַרויס פֿון דער פֿינצטערניש אויף דער פֿריי און דערזען די ליכטיקע שיין. און אויב מיר געפֿינען אַפֿילו, אַז אויך אין די פֿרייע לענדער גייט אום און שפּרייט זיך אויס די מכה פֿון אַנטיסעמיטיזם און גרויסע פֿאָלקס־מאַסן ווערן פֿאַר־כאַפּט פֿון דער דאָזיקער מגפֿה, מוזן מיר דאָך זען אין איר ניט מער ווי אַ רעשטל פֿון אַלטפֿרענקישע, אָפּגעשטאָרבענע וועלטן, אַ מין פּגירה, וואָס גייט אום אין דער וועלט, ניט ווויסנדיק אַז זי איז שוין לאַנג טויט. אָבער סוף כל סוף וועט די דאָזיקע פּגירה באַגראָבן ווערן. און דער מלאך, וואָס איז ממונה אויפֿן פּראָגרעס פֿון דער מענטשהייט, וואָס האָט דאָך באַשאַפֿן די רפֿואה פֿאַר דער מכּה: די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס האַלט אין איין שטייגן און מנצח זיין, וועט אויף איר וועג ווי מיט אַ בעזים אויסקערן אַלע בייזע רוחות און באַגראָבן זיי אויף אייביקע צייטן. אַז אידן וועלן זיך באַהעפֿטן מיט דער רעוואָלוציע, וועט דאָס נאָר העלפֿן צואיילן זייער באַפֿרייאונג און זיי אויסלייזן פֿון אַלע אָנשיקענישן פֿון רעאַקציע און אַנטיסעמיטיזם.

נחמן סירקין, וואָס האָט זיך אָפּגעשיידט פֿון אַנדערע אידישע סאָציאַ־ליסטן אין אויפֿדעקן די קוואַלן פֿון סאָציאַליזם ביי אידן, האָט אויך אַנדערש ווי זיי אָפּגעשאַצט די רעזולטאַטן פֿון אידישן צושטיין צו דער רעוואָלוציע און צום סאָציאַליזם.

פֿאַר סירקינען פֿאַרענדיקט זיך ניט די אידן־פֿראַגע מיטן פֿאַלן פֿון פֿעאָדאַליסטישן רעזשים; פֿאַרקערט, ערשט מיט דער אַנטוויקלונג פֿון קאַפּיטאַליזם, בעת אידן הויבן אָן אַרויסגיין פֿון געטאָ און פֿון זייער התּ־בודדות און דרינגען אַריין אין דער נייער וועלט, ערשט דאָ הויבט אָן אויך די אידן־פֿראַגע שאַרפֿער ווערן. אַ דענקער ווי סירקין, וואָס זעט אין דער היסטאָרישע אידישער נויט אַן איין־און־איינציקע דערשיינונג, „וואָס האָט

ניט איר גלייכן אין דער נויט פֿון דער מענטשהייט", שרעקט זיך אויך ניט פֿאַר אַן אַכזריותדיקן אַנאַליז פֿון דער ווירקלעכקייט און לאָזט זיך ניט פֿאַרפֿירן פֿון גרינגע און באַקוועמע לאָזונגען. סירקין קומט אין זיין פֿאָרשן צו גאָר אַנדערע אויספֿירן, וואָס זיינען סותר די אַנגענומענע מיי־נונגען און רודערן אויף אַפֿילו אויפֿן ערשטן קוק מיט זייער פּאַראַדאָק־סאַלישקייט.

סירקין לייקנט אינם הערשנדיקן גלויבן, אַז דער קאַמף פֿאַר רעוואָ־לוציע און סאָציאַליזם קען גרינגער מאַכן די לאַגע פֿון אידן שוין אין דער קעגנוואַרט. די סאָציאַליסטישע נבואה וועגן דער ליכטיקער צוקונפֿט איז זיך איין זאַך, און די פּראָצעסן, וואָס זיינען משפּיע אויף דער אידישער נויט זיינען זיך גאָר אַן אַנדער זאַך. די דאָזיקע געזעלשאַפֿטלעכע פּראָצעסן, וואָס רופֿן אַרויס די אידישע נויט ווערן ניט אָפּגעשוואַכט דורך דעם סאָ־ציאַליסטישן קאַמף, צייטנווייז פֿאַרשטאַרקן זיי זיך גאָר. דער וועג צו דער רעוואָלוציע איז ניט מבטל די שנאה צו אידן, פֿאַרקערט, ער פֿירט דערצו, אַז זי זאָל זיך נאָך פֿאַרשאַרפֿן.

ס'איז איצטער שווער זיך אויסצומאָלן, אויף וויפֿל אַזאַ מין מיינונג און אַזאַ פּראָגנאָז איז זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען מיט די אַנגענומענע מיינונגען ביי דער אידישער אינטעליגענץ. אָבער סירקין, וואָס האָט זיך קיין מאָל ניט געיאָגט נאָך פּאַראַדאָקסישע שפּילעכלעך, האָט זיך אָבער אויך ניט געשראָקן, ווען זיינע מיינונגען האָבן אויסגעזען ווי פּאַראַדאָקסן, אויב ער האָט נאָר געגלויבט אין זייער גערעכטיקייט. ער אַנאַליזירט די לאַגע פֿון פֿאַרשיידענע שיכטן אין אידישן פֿאָלק: דעם מיטלשטאַנד, וואָס צעטיילט זיך אויף סוחרים און אינטעליגענץ, די אָרעמע פֿאָלקס־שיכטן, וואָס לאָזן זיך ווידער איינטיילן אין צוויי קלאַסן — אַרבעטער און אביונים, און ער קומט צום אויספֿיר, אַז דער קלאַסנקאַמף און די סאָציאַליסטישע פּראַקטיק קענען ניט אַרויסראַטעווען די אידישע מאַסן פֿון זייער ספּעציעלער נויט. דער אידישער מסחר ווערט דאָך אַוודאי חרוב, און וואָס ווייטער אַלץ מערער, פֿונם וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם און אויך די פֿרייע אידישע פּראָ־פֿעסיעס פֿילן אויף זיך דעם דרוק פֿון דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג. „די נויט פֿון דער אידישער אינטעליגענץ ווערט ניט בטל צוליב דעם קלאַסנ־קאַמף; פֿאַרקערט, זי ווערט שאַרפֿער אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿל עס שטאַרקט זיך די ניט־אידישע קאָנקורענץ".

„אַ געזעלשאַפֿטלעכער באָיקאָט האָלט אין איין שטייגן קעגן אידישן פֿאָלק בכלל און קעגן דער אידישער אינטעליגענץ בפֿרט".

„און אויך די מעשים פֿון דער רעגירונג זיינען קעגן דעם דאָזיקן קלאַס ביי אידן, אַפֿילו אין יענע לענדער וואו אידן פֿאַרמאָגן גלייכבאַ־

רעכטיקונג לויט דעם געזעץ. ווײַל די אינטעליגענץ פֿון איטלעכן פֿאָלק פֿאַלט אַרונטער וואָס ווײַטער, אַלץ מערער אונטער דער השפּעה פֿון דער רעגירונג און ווערט אָפּהענגיק פֿון איר". וואָס איז שייך צום "אָפּגעשטאָ־נענעם פּראָלעטאַריאַט", דעם אַזוי גערופֿענעם "לומפּנפּראָלעטאַריאַט", וואָס ער איז די מערהייט ביי דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט — קליינע סוחרים־לעך, מעקלער, פֿאַקטאָרס, פּעדלער, גאַסן־הענדלער און אַזוי ווײַטער — קען ער, פֿאַרשטייט זיך נאָר שטרעבן צום ענדציל פֿון סאָציאַליזם און אָנטייל נעמען מיט זיין געפֿיל אין סאָציאַליסטישן קאַמף — אָבער אויף אַ דירעקטן גלייכן אופֿן קען אים דער קלאַסנקאַמף ניט העלפֿן. דער סאָציאַ־ליסטישער קאַמף קען אין אַ געוויסער מאָס העלפֿן נאָר דעם אַרבעטנדיקן פּראָלעטאַריאַט וואָס איז אָבער נאָר אַ קליינער טייל פֿון דער אָרעמער אידישער פֿאָלקס־מאַסע".

סירקין באַגנוגנט זיך ניט מיטן דאָזיקן אַנאַליז פֿון דער אָביעקטיווער לאַגע פֿון אידישן המון, וואָס דערלאָזט ניט, אַז די אידישע מאַסע זאָל גע־ניסן מיט דער פֿולער מאָס פֿון די נצחונות אין סאָציאַליסטישן קאַמף. ער קוקט זיך צו צו דער טאַקטיק פֿון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און זעט, אַז ניט תמיד קען מען זיך אויף זיי פֿאַרלאָזן און זיין זיכער, אַז זיי וועלן פֿאַרטיידיקן און באַשיצן אידן. פֿון פּרינציפּיעלן קוקפּינקט זיינען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, פֿאַרשטייט זיך, קעגן פּריווילעגיעס אָדער באַגרע־נעצונגען מחמת ראַסן־טעמים בכלל און קעגן באַעוולען אידן בפֿרט, אָבער טאַקטישע פֿראַגעס און מאָמענט־חשבונות קענען זיי דערפֿירן דערצו, אַז זיי זאָלן גאָר נוצן ציען פֿונם אַנטיסעמיטיזם אָדער זאָלן לכל הפּחות זיך אָפּ־האַלטן פֿון קעמפֿן קעגן אים. סירקין זעט דעם "אָפּאָרטוניזם", וואָס גע־וועלטיקט ביי די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און געפֿינט, אַז צוליב דעם טאַקע פֿאַרלייקענען די פּאַרטייען די פֿאָדערונגען פֿון דער אַבסאָלוטער גערעכטיקייט, בעת עס ווערט פֿאַר זיי ניט באַקוועם צו פֿאַרטיידיקן אידן און זיך אַוועקשטעלן קעגן דעם "צאָרן פֿון פֿאָלק", קעגן זיינע ליידנשאַפֿטן, אויף דער זייט פֿון דער בורזשואַזיע פֿון אַ פֿאַרהאַסטן פֿאָלק.

און נאָך ווײַטער טרעט סירקין אָפּ פֿון די אָנגענומענע מיינונגען אין זיין צייט, בעת ער שאַצט אָפּ אַנדערש פֿון אַלע אַנדערע די האָפֿענונגען, וואָס מען פֿאַרקניפּט מיט דער רוסישער רעוואָלוציע. פֿון דער אידישער גלייכבאַרעכטיקונג אין רוסלאַנד וועט ניט געבוירן ווערן ביי אידן קיין געזונטער אַרבעטער־קלאַס, וואָס זאָל מיט זיין קיום און זיין קאַמף אויפֿ־הייבן דאָס לעבן פֿון אידישן המון. "ווי באַלד אידן וועלן קריגן אַלע ביר־גערלעכע רעכט אין רוסלאַנד וועלן זיי אָנווערן זייער פּראָלעטאַרישן כאַ־ראַקטער", ווײַל זיי וועלן זיך אַ נעם טאָן צו פֿרייע פּראָפֿעסיעס. צו

פֿאַרמיטלערישע געשעפֿטן און אַזוי ווייטער, און וועלן דערמיט אויפֿוועקן דעם צאָרן פֿון די פויערים און פֿון אַלע יענע שיכטן, וואָס קאָנקורירן מיט זיי. לפּי סירקין וועלן אידן קריגן אמתע גלייכבאַרעכטיקונג אין רוסלאַנד נאָר דעמאָלט, ווען מען וועט דאָרט אויפֿבויען אַ סאָציאַליסטישע מלוכה. ביי יעדן אַנדערן רעזשים וועט עס קומען אין רוסלאַנד צו אַ פֿאַרשאַרפֿטער קאָנקורענץ און צו אַנטיסעמיטיזם.

אַצינדערט, פֿערציק יאָר שפּעטער נאָכדעם ווי די דאָזיקע ווערטער זיינען געשריבן געוואָרן, איז ניט שווער צו טענהן, אַז סירקין האָט אַ טעות געהאַט, וואָרעם קעגן זיין פּראָגנאָז האָבן אידן געקראָגן זייער גלייכבאַרעכטיקונג אין רוסלאַנד נאָך אין דער פעברואַר־רעוואָלוציע, וואָס איז געווען אַ בירגערלעכע און ניט קיין סאָציאַלע איבערקערעניש. אָבער פֿון דער אַנדער זייט, אויב מיר וועלן אָראָפּרעכענען קערענסקיס צייטן אין רוסלאַנד, וואָס האָבן דאָך געדויערט ניט מער ווי עטלעכע חדשים און מיר ווייסן טאַקע ניט, וואָס עס וואָלט דאָרטן געשען מיט אידן אויב דער קערענסקי־רעזשים וואָלט אָנגעהאַלטן לענגער, און אויב מיר קוקן זיך צו צו די זעלבסטשטענדיקע לענדער, וואָס האָבן זיך, אָפּגעריסן פֿון אַמאָליקן רוסלאַנד — פּוילן, בעסאַראַביע, ליטע, לעטלאַנד — וועלן מיר זיך איבערצייגן, אַז דער פּעסימיסטישער פּראָגנאָז סירקינס וועגן דער אידישער עקאָנאָמישער צוקונפֿט איז געווען אין זיין עיקר אַ ריכטיקער. דאָס זעט מען פֿונם עטאַטיזם, וואָס געוועלטיקט אין די דאָזיקע מלוכות; פֿון דער שוואַכקייט און צופֿאַטונג פֿון די ניט־אידישע אינטעליגענטע שיכטן, וואָס האַלטן מיט דער רעגירונג אין איר קעגנערשאַפֿט צו אידן; פֿונם פֿאַרשאַרפֿטן אַנטיסעמיטיזם, וואָס שטופּט אַרויס אידן פֿון אַלע פּראָפֿעסיעס און פּרנסות מיט דער הילף פֿון רעגירונגס־אַפּאַראַט; פֿונם געזעלשאַפֿטלעכן באָיקאָט; פֿון דער שותּפֿות פֿון אַלע קלאַסן (אַחוץ דער אַרבעטערשאַפֿט) אין זייער קאַמף קעגן אידן און פֿון דער שוואַכקייט ביי די אַרבעטער אין פֿאַרטיידיקן אידן: דער עיקר פֿון סירקינס פּראָגנאָז האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַן אמת אין דער פֿולסטער מאָס.

ב

קוקנדיק אָט אַזוי אויף דער אידישער לאַגע איז סירקין דערגאַנגען ביז צום טרויעריקן אויספֿיר וועגן דעם אויסנאַם־מצב פֿון אידן, וואָס „פֿאַרמאָגן ניט, להיפּוך צו אַנדערע פֿאַרשקלאַפֿטע פֿעלקער, די געהעריקע כּלי־זיין פֿאַר דער מלחמה אויף אויסצובעסערן זייער לאַגע און גרינגער מאַכן זייער נויט אין דער קעגנוואַרט". דער אידישער סאָציאַליזם פֿאַרמאָגט דעריבער אַ סך פּראָטעסט־געפֿילן, אַ סך אידעאַליזם, עס אַנטפּלעקט זיך

אין אים אַן אחדות־געפֿיל מיט אַלע אַנדערע געפּייניקטע און געדריקטע, אָבער ער האָט ניט דעם כּוח צו ענדערן די אידישע לאַגע. אויך דער אידי־שער סאָציאַליסט, וואָס איז אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן אין דער רעוואָלוציע, זוכט ניט אין דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי אַ פֿאַרבעסערונג פֿון זיין לאַגע, און ניט אינם לאַנד, וואָס ער האָט אים געשוואָרן געטריי־שאַפֿט זוכט ער פֿאַרגרינגערן זיין פּערזענלעכע נויט. הילף פֿאַר זיך אַליין זוכט ער און געפֿינט אין דער עמיגראַציע: „דער אייביקער איד האָט זיך ווידער אַמאָל געכאַפּט פֿאַר זיין וואַנדערשטעקן".

ניט דאָס אידישע אויסקוקן און וואַרטן אויף גלייכבאַרעכטיקונג ווי אַ רעזולטאַט פֿון דער איבערקערעניש, נאָר דאָס אַנטלויפֿן פֿון זייערע וואוינערטער כאַראַקטעריזירט ווי אַ גרויסער היסטאָרישער פֿאַקט דאָס לעבן פֿון אידן אין דער איצטיקער צייט. און בעת מיט דער אויסוואַנדערונג באַהעפֿט זיך אַ באַוואוסטזיניק שטרעבן צו נאַציאָנאַלער אויפֿלעבונג, צו גאולה — ווערט דענסטמאָל געבוירן דער ציוניזם.

„אויסלייגן אַן איינהייטלעכן וועג פֿאַר דער אויסוואַנדערונג, וואָס ווערט אַרויסגעצוואונגען אויף אידן, און פֿאַר יענע אידעלע אידן מיטן פֿיינעם חוש, וואָס פֿילן דעם אידישן צער און די פֿאַרשוועכונג פֿון אידישן כּבוד, געבן אַט זיי די מעגלעכקייט זיך אָפּצוזונדערן און אָנהייבן לעבן פֿאַר זיך; פֿאַר אַלע אידן וואָס טרויערן אויף דער ירידה פֿון אידישן פֿאָלק און וויינען אויף חורבן ירושלים, וואָס זיינען באַהעפֿט מיט דער אידישער נאַציאָנאַלער האָפֿענונג און גלויבן אין דער אידישער גאולה — מיט איין וואָרט, פֿאַר אַלע יענע וואָס קרענקען און פֿילן דעם צער פֿון גלות צו געבן אַ באַוואוסטזיניק שטרעבן און אויפֿהויבן זייער פּערזענלעכן, יחידישן פּראָטעסט ביז צו דער מדרגה פֿון אַן אַלגעמיינעם מאָראַלישן פּראָטעסט, וואָס שטרעבט צו באַנייען און איבערפֿאָרמירן דאָס לעבן — אָט דאָס איז דער ציל פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג".

פֿון אָט דער דעפֿיניציע, וואָס רעכנט אויס הן מאַטעריעלע כּוחות, הן פּסיכאָלאָגישע און סאָציאַלע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, איז צו זען, אַז סירקין האָט פֿון איין זייט בולט אויסגעטיילט די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּראָצעסן, וואָס פֿאַרשאַרפֿן די אידישע נויט און צווינגען אידן צו זוכן באַוואוסטזיניק אַן אויסוועג, אָבער פֿון דער אַנדער זייט האָט ער אויך ניט פֿאַרגעסן די נאַציאָנאַלע בענקשאַפֿט און דעם צער איבער דעם אָנגעוואָרענעם פֿאָטערלאַנד, וואָס איז אַריינגעוועבט אינם נשמה־לעבן פֿונם פֿאָלק. און פֿונדעסטוועגן זעט ניט סירקין אין ארץ־ישראל דעם אַבסאָלוטן כּוח, וואָס אָן אים קאָן די גאולה ניט קומען. פֿונם פֿאַקט, אַז דער רעיון פֿון דער אידישער נאַציאָנאַלער אויפֿלעבונג און גאולה האָט זיך

ניט באַוויזן נאַקעט אין דער אידישער געשיכטע, נאָר איז געווען תמיד איינגעוויקלט אינם לבוש פֿון ארץ־ישראל, ווי דעם איינציקן, קיינמאָל ניט פֿאַרגעסענעם אידישן לאַנד, האָט מען אינפֿלוג געקענט מאַכן דעם אויספֿיר, אַז מען קען דעם געדאַנק ניט אָפּטיילן פֿון זיין צורה און אַז מען קען ניט גרינג מבחין זיין, וואָס איז דער עיקר און וואָס דער טפֿל אין דער אידישער נאַציאָנאַלער שטרעבונג. אָבער סירקין גיט זיין אָפּ־צאָל פֿאַר די אַלגעמיינע מיינונגען פֿון זיין דור און זאָגט אַרויס אַגב אורחא דעם געדאַנק, אַז ציון איז פֿאַרן ציוניזם לאו דווקא, פּונקט אַזוי ווי אַמעריקע פֿאַר דער איקאַריען־באַוועגונג.* אמת, אין אַן אַנדער אָרט, אין דער אייגענער בראַשור, זאָגט סירקין:

„דאָס לאַנד, וואָס מען דאַרף נעמען אין חשבון, איז קודם כל ארץ־ישראל — דאָס אַלטע פֿאָטערלאַנד פֿון אידישן פֿאָלק, וואו אידן האָבן געהאַט זייער היסטאָרישע זעלבסטשטענדיקייט און וואָס האָט פֿון דענסט־מאָל אָן געלעבט אין זייער באַוואוסטזיין ווי דאָס אידיש לאַנד, ווי ארץ־ישראל". פֿונדעסטוועגן געפֿינט סירקין פֿאַר נויטיק צו נעמען אין חשבון אויך אַזאַ פֿאַל, ווען אַלע פּרואוון צו קריגן ארץ־ישראל וועלן זיך ניט איינגעבן. „דעמאָלט — זאָגט סירקין — וועלן אידן זיך דאַרפֿן אויסקלייבן אַן אַנדער לאַנד". „אַ פֿריער וועט מען דאַרפֿן האָבן אין זינען דעם אינדזל ציפּערן און די שכנותדיקע לענדער פֿון ארץ־ישראל — — — כדי אָפּ־צוהיטן דעם באַהעפֿט מיט דער אידישער נאַציאָנאַלער טראַדיציע". אָבער ער זאָרגט אויך וועגן דעם ערגסטן פֿאַל, ווען אַלע פּרואוון וועלן זיך ניט איינגעבן, און ער איז מוסיף: „דעם באַשלוס וועגן קויפֿן פּרוכפּערדיקע ערד אין אַן אַנדער אָרט — בעסער אין אַפֿריקע — וועט מען דאַרפֿן אָפּלייגן אויף גאָר צולעצט".

אָט אין דעם פּונקט, וואו ס'איז גובר ריינע, ראַציאָנאַליסטישע לאָגיק, האָט סירקין אָנגעוואָרן זיין טיפֿן היסטאָרישן חוש. אין אַלצדינג, וואָס סירקין האָט געזאָגט ביז איצטער געפֿינען מיר, אַז ער האָט קלאָר געזען הן די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע סיבות, וואָס רופֿן אַרויס דעם ציוניזם, הן די היסטאָרישע אַנטוויקלונג, וואָס האָט באַשאַפֿן דאָס אידישע פֿאָלק מיט זיין באַשטימטן כאַראַקטעריסטישן פּנים, מיט דער אידישער גאונות, און עקשנות, מיט זיינע אידעאַלן און זיין היסטאָרישן באַהעפֿט צום שטיקל לאַנד, וואָס רופֿט זיך ארץ־ישראל. אָבער אָפּוועגנדיק די גרויסע מעגלעכע מניעות און שטרויכלונגען אויפֿן וועג, דערלאָזט ער אין אָט דעם פּונקט די מעגלעכקייט פֿון אַן אָפּטרעטן, פֿון אַן אויסקלייבן. און דאָ געפֿינען מיר

* די „אוטאָפּיע" פֿונם פֿראַנצויזישן קאָמוניסט קאַבע.

אויך דעם מקור און דעם אָנהויב פֿונם גרויסן היסטאָרישן טעות, וואָס אין אַ מאָמענט פֿון יאוש, אַ מאָמענט וואָס איז מגולגל געוואָרן אין אַ טראַגישן שייד־וועג, האָט ער דערנאָך דערפֿירט סירקינען אַזוי ווייט, אַז ער האָט זיך צעשיידט מיטן ציוניזם, בכדי צו בויען אַ אידישע מלוכה אין אַן אַנדער אָרט. און נאָר סירקינס טיפֿער באַהעפֿט צום ציוניזם, און אויך זיין דענקעריש מוטיקער כאַראַקטער, וואָס האָט ניט מורא געהאַט אָפֿן מודה צו זיין אַ טעות, האָט אים אַרויסגעראַטעוועט פֿונם טרויעריקן און שענדלעכן גורל פֿאַר דער גאָרער עדה אָפּגעשיידטע, וואָס — אַחוץ איינציקע געקליבענע יחידי סגולה — האָבן זיי געשפּרייזט פֿון איין שטרויכלונג צו דער צווייטער, פֿון פֿאַלשער טעריטאָריאַליסטישער משיחיות ביז צו נאַציאָנאַלן שמד.

ג

פונקט אַזוי ווי הערצל, זעט סירקין אין דער אידישער מדינה אַ פּלאַן אויפֿן שטייגער פֿון הערצקאָס און קאַבייס פּלענער, וואָס מען האָט זיי אָנגערופֿן „אוטאָפּיעס". אָבער סירקין געפֿינט אינם ציוניזם אַ מעלה, וואָס טיילט אים אויס צווישן די געוויינטלעכע „אוטאָפּיעס": דער ציוניזם איז ניט קיין המצאה פֿון אַ יחיד, פֿון אַן איינזאַמען דענקער, די נויט פֿון די מאַסן און די אינסטינקטן פֿון אַ פֿאָלק האָבן באַשאַפֿן דעם ציוניזם. די באַוואוסטע סאָציאַלע אוטאָפּיעס האָבן ניט אַרויסגערופֿן קיין פֿאָלקס־באַוועגונג פֿאַר זייער פֿאַרווירקלעכונג. פֿאַרקערט איז דער ציוניזם אין זיין עצם מהות אַ פֿאָלקס־באַוועגונג. און נאָך אַ חילוק איז פֿאַראַן צווישן ציוניזם און די פֿאַרשיידענע סאָציאַלע אוטאָפּיעס: די דאָזיקע פּלענער האָבן פֿאַרמאָגט נאָר איין באַוועגנדיקן כּוח — דעם סאָציאַלן אידעאַל, „וואָס האָט באַדאַרפֿט צונויפֿקלייבן די מענטשן מיט איין דעה און אַנטפּלעקן דאָס לאַנד פֿאַרן פּרואוו"; אַנטקעגן־זשע איז די אידישע מלוכה באַהעפֿט מיט אַן אמתן פֿאָלק אין דער ווירקלעכקייט (און דאָ וואָלט געווען פּאַסיק מוסיף צו זיין: און אויך מיט אַ באַשטימטן לאַנד, וואָס די בענקשאַפֿט פֿונם פֿאָלק האָט אים קיין מאָל ניט אָפּגעלאָזט).

סירקין האָט געהאַט אַ באַזונדערע גייסטיקע באַציאונג צו די פּלענער פֿון די סאָציאַליסטן־אוטאָפּיסטן און דעריבער איז פֿאַר אים געווען חשוב אויפֿצואווייזן דעם צד השווה צווישן ציוניזם און די סאָציאַלע אוטאָפּיעס. אָבער אין זיין צייט, און אין די הייסע וויכּוחים וואָס האָבן זיך דענסטמאָל געפֿירט אַרום סאָציאַלע פֿראַגעס האָט אַזאַ מין קרובהשאַפֿט פֿון ציוניזם צו אוטאָפּיעס ניט געקאָנט שטאַרקן די פּאָזיציע פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג. ניט נאָר די חסידים פֿון קאַפּיטאַליסטישן רעזשים פּלעגן

זיך דערנסטמאָל באַציען מיט ביטול צום אוטאָפּישן סאָציאַליזם, נאָר אַפֿילו די סאָציאַליסטן גופֿא. אין אַ צייט ווען די פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס צווישן דער אַרבעטערשאַפֿט האָבן געהאַלטן אין איין שטייגן אין איינעם מיט די פּאָליטיש־פּאַרלאַמענטאַרישע דערגרייכונגען פֿונם פּראָלעטאַריאַט האָבן די סאָציאַליסטן געהאָפֿט, אַז דער סאָציאַליזם וועט אָנקומען רייטנדיק אויפֿן אייזערנעם רייטוואָגן פֿון דער „היסטאָרישער נויטווענדיקייט", און דעריבער האָט פֿאַר זיי קיין שום חשיבות ניט געהאַט דאָס פֿאַרקלערן זיך וועגן דעם כאַראַקטער און וועגן די פֿאָרמען פֿון דער קומענדיקער געזעלשאַפֿטס־אָרדענונג, וואָס דאַרף דאָך אָנקומען ממילא: שיינע אוטאָפּיעס־חלומות האָבן זיי איבערגעלאָזט פֿאַר קינדער און דיכטער. שוין אָפּגערעדט וועגן פּראַקטישע פּרואוון פֿאָראויסצולויפֿן דער צוקונפֿט, דעם „לעתיד לבוא", און איינפֿלאַנצן אין דער איצטיקער געזעלשאַפֿט קערנדלעך פֿון אַ נייער געזעלשאַפֿטס־אָרדענונג, ווי אַ שטייגער קאָאָפּעראַציע, קאָלעקטיווע ווירטשאַפֿט: אין זייערע אויגן האָבן אַזעלכע אָנשטרענגונגען באַדייט פּטרן אומזיסט כּוחות פֿאַר דער צייט. די אוטאָפּיסטישע פּרואוון צו פֿאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם וואָס האָבן זיך ניט איינגעגעבן אין דער פֿאַרגאַנגענהייט האָבן ביי די היינטוועלטיקע סאָציאַליסטן קיין דאגות ניט אַרויסגערופֿן און מען האָט זיי אויך ניט געפֿאָרשט און קיין מוסר פֿון זיי ניט אַראָפּגענומען. לגבי זיי האָט געהערשט די אַלגעמיינע מיינונג: וואָס ס'איז אַמאָל געטאָן געוואָרן איז געקומען פֿאַר דער צייט און ס'איז דעריבער נאָר נאַטירלעך, אַז עס האָט זיך ניט איינגעגעבן; וואָס עס וועט קומען, וועט אָנקומען אין זיין צייט, און דעריבער וועט עס זיין פֿאַרשטענדלעך און געזונט; פֿראַגעס פֿון דער נייער קומענדיקער געזעלשאַפֿט, פּראָבלעמען פֿון דער סאָציאַליסטישער פֿאַרווירקלעכונג זיינען ניט קיין פּראָבלעמען, דער אליהו הנביא פֿון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע וועט שוין פֿאַרענטפֿערן אַלע קשיות. אין סירקינס צייטן האָט מען קיין שאַרפֿערע טענה ניט געקענט אַרויסשטעלן קעגן אַ געזעלשאַפֿטלעכער באַוועגונג ווי דאָס צונעמעניש אוטאָפּיע: דערמיט האָט מען זי מבטל געמאַכט כּפּרה דרעא און אויפֿגעוויזן, אַז זי טראָגט זיך אַרום מיט אַ פֿאַנטאַסטישן פּלאַן, וואָס האָט ניט קיין שום אָנשפּאַר אין דער ווירקלעכקייט און קיין שום האָפֿענונג דורכגעפֿירט צו ווערן אין לעבן. דאָס דאָזיקע זידל־וואָרט „אוטאָפּיע" האָט מען גענוצט צווישן די פּיילן, וואָס מען האָט געשאָסן אין סירקינען: ער איז געווען פֿאַררעכנט פֿאַר אַ כּפֿול־שמונהדיקן אוטאָפּיסט, הן צוליב דעם וואָס ער האָט בכלל שטודירט די פּראָבלעמען און די פֿאָרמען פֿון דער קומענדיקער געזעלשאַפֿטס־אָרדענונג און האָט פֿאַרמאָגט דרך־ארץ פֿאַר די אָנשטרענגונגען פֿון די סאָציאַלע אוטאָפּיסטן, פֿאַר זייער גייסטיקע און מאָראַלישע

מעלות, הן בפרט צוליב דעם וואָס ער האָט געגלויבט אין אַ אידישער מלוכה און נאָך מער, דווקא אין אַ סאָציאַליסטישער אידישער מלוכה.

סירקין איז ניט אָפּגעטראָטן און האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אויך אין דאָזיקן וויכוח. ער פרעגט: וואָס איז דאָס אַזוינס אוטאָפּיע? ניט־שוין־זשע איז יעדער פּלאַן פון לעתיד־לבוא, וואָס קלײנע מענטשעלעך מיט קלײנע השגות קוקן אויף אים ווי אויף אַ פאַנטאַזיע, ניט־שוין־זשע איז אַזאַ פּלאַן תמיד באַשערט ניט מקוים צו ווערן? און סירקין פּרוּווט פונאַנדערקלײַבן צווישן אַן אוטאָפּיע, וואָס קען ניט דורכגעפירט ווערן אין לעבן, צי צוליב דעם וואָס זי איז סותר די נאַטירלעכע נטיות פון דער מענטשלעכער נשמה, צי צוליב דעם, וואָס די געזעלשאַפט פאַרמאָגט נאָך ניט גענוג כוחות פאַר איר פאַרווירקלעכונג, און אַן אוטאָפּיע, וואָס קען שוין יאָ דורכגעפירט ווערן אין לעבן, הגם זי איז סותר אַנגענומענע מײנונגען און עקזיסטירנדיקע אינטערעסן, טאַקע דערפאַר ווײַל זי איז ניט סותר די נאַטירלעכע שטרעבונגען פון די מענטשן און ווײַל עס זײַנען פאַראַן סיבות און כוחות, וואָס וועלן איר בײַשטײן בײַ דער פאַרווירקלעכונג.

„דער ציוניזם איז ניט קײן אוטאָפּיע, ווײַל ער האַרמאָנירט מיט די באַוועגנדיקע כוחות פון אידישן פאָלק און שטאַמט פון דער אידישער נויט. ער פאַרמאָגט ניט מער אוטאָפּיסטישע עלעמענטן פאַרן הײַנטוועלטיקן סאָציאַליזם, וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף די אינטערעסן פונם יחיד און אויף דער געזעלשאַפטלעכער נויטווענדיקײט. דער ציוניזם האָט זײַן יסוד אין די צרות פון אידן, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער נײַער צײַט און דערפילט זײַער כוח און זײַער כבוד". „ניט דער אוטאָפּיזם האַלט אָפּ ברײַטע קרײַזן פונם אידנטום און שטויסט זײ אַוועק פונם ציוניזם, נאָר דער פאַרשקלאַפטער אידישער גײַסט, די נעבעכדיקײט און טעמפּקײט פונם כבוד־געפיל, דאָס פעלן פון זעלבסט־אַכטונג, פון אָפּשאַצן די אײגענע ווערדע —אַלץ אַזעלכע חסרונות, וואָס זײַנען אונז פאַרבליבן בירושה פון אונזער פאַרשקלאַפונג אין משך פון טויזנטער יאָרן".

און אַנטקעגן דעם גרויסן כאָר שרײַערס, וואָס טענהן טאָג־אײַן, טאָג־אויס אַז דער ציוניזם איז אַן אוטאָפּיע, טרעט אַרויס דער אײנזאַמער סירקין מיט דער קעגן־טענה: איר האָט אַ טעות, ניט דער ציוניזם איז אַן אוטאָפּיע, ניט דער ציוניזם קען ניט פאַרווירקלעכט ווערן, פונקט פאַרקערט, די אַסימילאַציע איז אַן אוטאָפּיע און אַן אומזיסטע האָפענונג; אַן אוטאָפּיע איז אײַער האָפענונג זיך אַרויסצוראַטעווען פון אַנטיסעמיטיזם, כּל־זמן עס עקזיסטירט די איצטיקע געזעלשאַפטס־אָרדענונג; אַן אוטאָפּיע איז די האָפענונג פון די גבירים־פילאַנטראָפּן, אַז זײ וועט זיך אײַנגעבן צו מאַכן פון די אידישע מאַסן אין גלות ערד־אַרבעטער, בכדי די אידישע

גבירים זאָלן זיך קענען זיצן בשלווה און ניט דאַרפֿן שעמען זיך פֿאַר די גוים צוליב זייערע בּרידער די אביונים און די שנאָרערס, די פּעדלערס און די שענקערס. „דער שטעמפּל פֿון אוטאָפּיזם ליגט אויף אַלע ניט־ציוניסטישע פּרוּווּן צו פֿאַרענטפֿערן די אידן־פֿראַגע".

ד

אַחוץ דער „רעאַליסטישער" ראיה, וואָס ווייזט אויף אינפֿלוג מיט אייזערנער לאָגיק, אַז דעם ציוניזם קען מען ניט דורכפֿירן אין לעבן (אין די ערשטע טעג פֿון ציוניזם, איידער עס זיינען פֿאַרגליווערט געוואָרן די באַציאונגען צווישן די פֿיינטלעכע מחנות, זיינען געווען קעגנער, וואָס האָבן געטענהט: מיר וואָלטן אויך מסכּים געווען מיט אַ אידישער מלוכה, אויב זי וואָלט נאָר מעגלעך געווען), איז אַחוץ אָט דעם „ממשות־דיקן" טעם האָט זיך אין דעם אידעען־קאַמף קעגן ציוניזם אויסגעטיילט אַ צווייטער טעם, אַ פּרינציפּיעלער: דער פּראָגרעס פֿון דער וועלט איז פֿאַרקניפּט מיטן קלאַסנקאַמף, וואָס איז דער איין־און־איינציקער כּוח אין דער קולטור פֿון דער מענטשהייט, און ווער עס קומט און פּרוּווט אָפּשוואַכן אָדער פֿאַרווישן דעם קאַמף שעדיקט די אינטערעסן פֿונם אַרבעטער און האַלט אָפּ די פֿאַרווירקלעכונג פֿון סאָציאַליזם. דער נאַציאָנאַלער שטרעב שוואַכט אָפּ דעם קלאַסנקאַמף און פֿאַרטונקלט דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין און צוליב דעם איז דער נאַציאָנאַליזם שעדלעך. און ווייטער פֿלעגט מען זאָגן: דאָס אידישע פֿאָלק איז צעטיילט אויף קלאַסן, וואָס קעמפֿן צווישן זיך, דאָס איז די ווירקלעכקייט. קומט דער ציוניזם און רעדט וועגן אחדות פֿון אידישן פֿאָלק, וואָס עקזיסטירט נאָר אין דער פֿאַנטאַזיע — דאָס איז אַ סתּירה קעגן דעם פּרינציפּ פֿון קלאַסנקאַמף און אויך קעגן דער אידישער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט. בכן, דאַרף יעדער סאָציאַליסט, וואָס זאָרגט זיך פֿאַר דער ריינקייט פֿון דער קלאַסן־באַוואוסטזיניקייט, ממילא זיין אַ קעגנער פֿון ציוניזם. סירקין לאַכט זיך אויס פֿון אָט דעם טעאָרעטישן טורעם. וואָס באַשאַפֿט סתּירות, בעת זיי זיינען גאָר ניטאָ אין אמתן לעבן. „ניטאָ קיין גרעסערע נאַרישקייט ווי ברענגען פֿונם קלאַסנקאַמף אַ ראיה קעגן ציוניזם!" ווי אַזוי קען מען פֿונם סאָציאַליזם מאַכן דעם אויספֿיר, אַז מען טאָר ניט געפֿינען קיין שוץ־און־היימלאַנד פֿאַר אומגליקלעכע, געררודפֿטע און געפּייניקטע מאַסן? סירקין מאַכט חוזק פֿון אַלע איבערגעשפּיצטע טעאָריעס, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין יענע טעג און וואָס פֿלעגן אויפֿווייזן, אַז דער ציוניזם איז כּלומרשט אויסן נאָר איין זאַך: געבן פֿאַר די אידישע קאַפּיטאַליסטן מער וואָלוועלע אַרבעטער, איידער אין רוסלאַנד, אין אידישן תּחום המושב, און ווי דערזעענדיק די צוקונפֿט זאָגט

ער אַרויס דעם געדאַנק, אַז דער „אידישער פּראָלעטאַריאַט וועט זיין דער ערשטער, וואָס וועט האָבן די טובת הנאה פון ציוניזם". אמת איז, אַז פאַרשיידענע שטרעמונגען מיט פאַרשיידענע פּאָנען און קלאַסן־אינטערעסן שטייען־צו צום ציוניזם. אָבער ניט־שוין־זשע באַדאַרף דער אַרבעטער זיך אָפּזאָגן פון די מעגלעכקייטן, וואָס עס גיט אים דער ציוניזם, נאָר צוליב דעם, וואָס אויך אַנדערע, אים פיינטלעכע קלאַסן נעמען אָן דעם ציוניסטישן אני מאמין?

אָבער סירקין, אויף זיין שטייגער, באַגנוגנט זיך ניט מיט אַ פּאַרטיי־דיקונגס־קאַמף, נאָר גייט אַריבער אין אַנגריף און פאָדערט אַרויס דעם שונא. ער לעבט אינפלוג מיט זיין גאַנצן וועזן אין דער קלאַסן־ווירקלעכ־קייט. ער פאָדערט פון גאַנצן אידישן פאָלק אַז ער זאָל צוטרעטן צום קלאַסנקאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט און אין געזעלשאַפטלעכן צוקונפט־בילד זעט ער פאַראויס, אַז די קלאַסן וועלן בכלל בטל ווערן, און פונדעסטוועגן נעמט ער ניט אָן די אָרטאָדאָקסישע אַבסאָלוטע טעאָריע פון קלאַסנקאַמף. „דער קלאַסנקאַמף, זאָגט סירקין, שעפּט ניט אויס אַלע אַנטפּלעקונגען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן". „דער קלאַסנקאַמף איז דער עיקר כּוח אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אָבער מען פאַרדרייט און פעלשט דעם וועזן פון דער געשיכטע, אויב מען וויל אָוועקשטעלן דאָס גאַנצע געזעל־שאַפטלעכע לעבן אין זיין פילפאַרביקייט אויפן יסוד פון קלאַסנקאַמף אַליין". אין לעבן פון יעדער מלוכה, פון יעדן פאָלק און פון יעדער קולטורעלער געזעלשאַפט זיינען פאַראַן ענינים בשותּפותדיקע פאַר אַלע קלאַסן. ווער ס'איז מגזם און זעט נאָר די ווידעראַנאַנדן צווישן די קלאַסן און לייקנט יעדע שותּפות צווישן די קלאַסן פון איין פאָלק, יענער זעט ניט אַרויס די אמתע נאַטור פון אַ קולטורעלער געזעלשאַפט. פאַראַן גענוג אַנט־פּלעקונגען פון מענטשלעכער און נאַציאָנאַלער אחדות, וואָס בינדן צונויף די קעמפנדיקע קלאַסן. בעת אַ שונא פון דרויסן פאַלט אָן אויף אַ לאַנד — פאַראייניקן זיך אַלע פּאַרטייען און פאַרטיידיקן זיך. און אַפילו קעגן אַן אינעווייניקסטן שונא פאַראייניקן זיך עטלעכע קאָנקורירנדיקע פּאַרטייען, בעת זייער קעגנערשאַפט פאַרבלייבט באַשטיין אויך אויף ווייטער. וואָרעם אויב ניט אַזוי וואָלט בכלל אַ פּאַרלאַמענטאַרישער רעזשים ניט געקענט עקזיסטירן.

און סירקין וויל אויך ניט כּשרן דעם ציוניזם דערמיט, וואָס ער וועט אויפווייזן, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג האָט אין איר וועזן אַ קלאַסן־כאַראַקטער. די אידישע נויט איז ניט באַגרענעצט מיט איין קלאַס און דעריבער איז אויך דער ציוניזם באַשאַפן ניט נאָר פאַר איין קלאַס. „אַלע אידן קענען אָננעמען די תּורה פון ציוניזם, אַלץ איינס צו וואָסער קלאַס

זיי זאָלן ניט באַלאַנגען". הגם סירקין איז ניט מודה אינם אָרטאָדאָקסישן נוסח פון דער קלאַסן־תורה, וואָס פּרואווט מיט קלאַסנקאַמף אַלצדינג אויס־צוטייטשן, אַלצדינג אַריינצוגעמען און אָפּפּסקענען, פונדעסטוועגן זעט ער גאַנץ וואויל די קלאַסן־ווירקלעכקייט און איר השפעה אויף אַלע אָנטפּלע־קונגען פון לעבן. ער זעט דעריבער אויך די קלאַסן־קעגנזאַצן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. אמת, דער רעיון „ציוניזם" איז אַ בשותפותדיקער פאַרן גאַנצן פאָלק, אָבער יעדער קלאַס זעט אינם ציוניזם דאָס, וואָס זיינע אינטערעסן און אינטימע שטרעבונגען הייסן אים זען.

ווייטער וועלן מיר לייענען, וויפל גייסטיקע כוחות סירקין האָט אָפּ־געגעבן אויף צו כאַראַקטעריזירן און אויסצוטיילן דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון פאַרשיידענע שטרעמונגען אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג און קעמפן קעגן דער הערשונג פון בעל־הבתּישן קלאַס אין ציוניזם, „וואָס זיין אידישער צוקונפט־אידעאַל באַהעפט זיך ביי זיי אין דער פאַנטאַזיע מיט די רע־אַקציאָנערע געלוסטן פון זייער ווירקלעכקייט.* איצטער שטעלט ער זיך ניט אָפּ אַ סך אויף דעם, ווארעם דער עיקר איז איצטער ביי אים צו רופן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט און די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ, אַז זיי זאָלן קומען און נעמען פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם, און אים באַ־פרייען פון דער הערשונג „פון בירגערלעכע קלאַסן־אינטערעסן" וואָס וועלן דערפירן ביז צו אַ קלאַסנקאַמף אין דער אידישער מדינה און זי חרוב מאַכן אין עצם אָנהויב".

ה

וואָסערע האָפענונגען פאַרקניפּט סירקין מיטן אַרבעטער, מיטן המון און מיט דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ, ווען זיי וועלן צושטיין צום ציוניזם, און וואָס פאָדערט ער פון זיי? ניט מער און ניט ווייניקער ווי, אַז זיי זאָלן אויפבויען די אידישע מלוכה ווי אַ סאָציאַליסטישע מדינה.

„אמת, אַפילו סתם אַ אידישע מלוכה וואָסער פאָרם זי זאָל ניט אָנ־נעמען, וועט קענען אָפּשאַפן אַ גרויסן טייל אידישע צרות, אָבער דאָס היינטוועלטיקע באַוואוסטזיין איז שוין אָנגעזאַפּט מיט אידעאַלן פון עקאָ־נאָמישער און סאָציאַלער גערעכטיקייט אין אַזאַ גרויסער מאָס, אַז אַ אידישע קאַפּיטאַליסטישע מלוכה וועלן זייער ברייטע קרייזן פונם אידישן פאָלק ניט אויפנעמען גערנוויליק — און זיי וועלן זיין גערעכט אויב זיי וועלן זי ניט וועלן אויפנעמען".

---

* די דאָזיקע דעפיניציעס זיינען גענומען פונם „אויפרוף צו דער אידישער יוגנט", 1901.

דער ציוניזם וועט ניט ווערן פאַרווירקלעכט, אויב ברייטע פאָלקס־קרייזן וועלן זיך ניט נעמען און אים דורכפירן אין לעבן. „אָן די לייט פון אַרבעט איז דאָך דער ציוניזם אַ מפּיל־קינד. די רעדער פון דער אידישער רעפּובליק וועלן זיך ניט דרייען אָן די פעסטע אָרעמס פונם אי־דישן אַרבעטער". און די ציוניסטישע באַוועגונג וועט זיך מוזן רעכענען מיט די סאָציאַליסטישע נטיות פונם אידישן אַרבעטער און פון אַנדערע געזעלשאַפטס־קרייזן: פונם אָרעמען המון, פון דער אינטעליגענץ און פונם מיטלשטאַנד, וואָס וועלן ניט וועלן, מען זאָל זיי פאַרשקלאַפן ביי דעם גרויסן קאַפּיטאַל. אָט די דאָזיקע עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט וועלן דערפירן צו אַ זיווג צווישן ציוניזם מיט סאָציאַליזם.

„וואָס מער דער ציוניזם וועט נעענטער צוקומען צו זיין פאַרווירקלעכונג, אַלץ מער וועט ער זיך אויסלייטערן און אויפהויבן ביז צו דער מדרגה פון אַ סאָציאַליסטישער אוטאָפּיע".

סירקין מאָביליזירט אַלע ראיות, בכדי אויפצואווייזן און באַרעכטיקן זיין טעזיס, אַז אַ אידישע מלוכה קען נאָר זיין אַ סאָציאַליסטישע. קיין אַנדער פאָרם קען אַ אידישע מדינה ניט האָבן, און ניט נאָר פון געזעל־שאַפטלעכן שטאַנדפּונקט: אויך די טעכניק פאָדערט דאָס.

סירקין ווייס, פאַרשטייט זיך, אַז די פּרואוון צו קאָלאָניזירן אידן אין ארץ־ישראל און אין אַרגענטינע זיינען געמאַכט געוואָרן ניט לפי די היינטוועלטיקע סאָציאַלע פּרינציפּן; פאַרקערט, זיי זיינען אויסן געווען אָפּצוהיטן דעם אַלטן אידישן לעבנס־שטייגער. אָבער ס'איז אים שווער צו גלויבן, אַז אויב אידן וועלן צוטרעטן אויף אויסצובויען אַן אויטאָנאָמע מדינה, וועלן זיי זי אויפריכטן אויפן יסוד פון געזעלשאַפטלעכער אומ־גלייכהייט. „צו וואָס וואָלט דאָס געווען געגליכן? צו אַ געזעלשאַפטלעכן אָפּמאַך אויף קעגנזייטיקער פאַרשקלאַפונג". סירקין קוקט אויפן מענטש ווי אויף זיין אייגן בילד, ער זעט אין אים אַ פריי באַשעפעניש מיט אַ פרייען ווילן. עס לייגט זיך אים ניט אויפן שכל, אַז מענטשן באַוואוסטזיניקע וועלן אין דער נייער מדינה אַריינפירן די מיאוסע און פסולע לעבנס־פאָרמען, וואָס זיי האָבן זיי מיטגעבראַכט פון דרויסן. „עס קאָן דאָך גאָר ניט געמאָלט זיין אַזוינס, ווייל ס'רוב אידן שטאַמען פון פּראָלעטאַריאַט און פון מיטלשטאַנד, און זיי וועלן דאָך ניט דערלאָזן אַזוינס אויף אַ אידישן קאָנגרעס, האָבנדיק אַ קלאָרע השגה וועגן זייערע אינטערעסן".

פונדעסטוועגן באַגנוגנט זיך ניט סירקין מיט לאָגישע ראיות אַליין, נאָר ער זעט פאַראויס אויך דעם פּועל־יוצא, אויב מען וועט אָנהויבן קאָ־לאָניזירן אידן אויפן יסוד פון פּריוואַט־אייגנטום און פון אַלגעמיינער קאָנקורענץ. ס'איז פאַר אים קלאָר, אַז מען וועט מיט אַזאַ שיטה ניט

נאָר עקספּלואַטירן דעם אַרבעטער, נאָר אויך נוצן פֿרעמדע וואָלוועלע אַרבעטער:

„אַזוי ווי די קאָלאָניזאַציע ווערט געמאַכט אין אַ לאַנד, וואָס איז זייער שוואַך אַנטוויקלט, איז דאָרטן דער אַרבעטסלוין זייער אַ נידעריקער, און מיט אַזאַ שכירות קען אַן אייראָפּעאישער איד ניט באַשטיין. די אַרבעטער וועט מען דעריבער אויסקלייבן ס׳רוב צווישן דער איינגעבוירענער באַפעלקערונג פֿונם לאַנד, וואָס זייער אַרבעט איז אַ וואָלוועלע".

און דער נאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל, וואָס וועט ווירקן אין לאַנד, וועט צוליב אַזאַ שיטה מוזן אַרבעטן אין געוויסע בעגרענעצטע פֿאַרהעלטענישן:

„די קאָלאָניסטן וועלן זיין אָפּהענגיק פֿון אַן אַדמיניסטראַציע, וואָס וועט שטענדיק זיין אַ שלעכטע, פּשוט צוליב דעם ווייל זי איז אַן אַדמיניסטראַציע. עס וועלן דאָרטן אַרויסשפּראָצן קעגנערישע אינטערעסן, די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט וועט אויסגענוצט ווערן צום שלעכטן, ס׳וועלן זיין פֿאַראיבלס, פֿיינטשאַפֿטן און אויך געוואַלד־מיטלען, צוליב דעם אידישן כאַראַקטער, וואָס איז נוטה צו פֿרייהייט און אינדיווידואַליזם, וועלן די דאָזיקע צוזאַמענשטויסן אָננעמען אַ שאַרפֿע פֿאָרם און אויפֿרייסן די קאָלאָניעס".

און אַפֿילו פֿון טעכנישן שטאַנדפּונקט וועט עס זיין אַ טעות אויב מען וועט פּרוּוון אויפֿצובויען די אידישע ווירטשאַפֿט אויפֿן יסוד פֿון קאָנקורענץ, פֿלאַנלאָזיקייט און אויסברענגען פֿון כּוחות. און סירקין קומט צום אויספֿיר:

„די אידישע מלוכה וועט מוזן זיין אַ סאָציאַליסטישע, אויב זי וועט בכלל ווערן פֿאַרווירקלעכט — — אין אַ סאָציאַליסטישער פֿאָרם וועט דער ציוניזם זיין מסוגל צו ווערן אַ האָב און גוטס פֿון גאַנצן אידישן פֿאָלק. זיך באַהעפֿטנדיק מיטן סאָציאַליזם וועט דער ציוניזם זיך אויפֿהויבן און שטאַרקן ביז וואַנען ער וועט אויסוואַקסן און ווערן אַ מוראדיק שטאַרקע פֿאָלקס־בעוועגונג. — — די משיחישע האָפֿענונג, וואָס איז געווען דער העכסטער און אינטימסטער געדאַנק פֿון אידן אין גלות, וועט מגולגל ווערן אין אַ פּאָליטישן אויפֿטו. דאָס אידנטום, וואָס מאַכט אַ נעבעכדיקן לעבן, וועט קריגן צוליב דעם אַ געהויבענעם לעבנס־אינהאַלט".

ו

סירקין האָט געקענט זיך באַגנוגענען מיטן אויפֿהויבן די פֿאָן פֿון אַ אידישער סאָציאַליסטישער מלוכה. אָבער ווי אַלע פּראָיעקטן־מאַכער, וואָס זייער זעאונג איז זיי זייער טייער און זיי האָבן ניט קיין מורא פֿאַר די אָפּלאַכער, פּרוּווט אויך סירקין אויסצורעכענען פֿאַרשיידענע עיקרים און

פּרטים פֿון זײַן פּראַקטישן פּלאַן. ער איז מודיע לכתחילה, אַז ער פּסקנט ניט קײן הלכות. דער עיקר איז בײַ אים, אַז אין דער אידישער מלוכה זאָל ניט זײַן קײן פּריוואַט־אײגנטום אויף ערד און פּראָדוקציע־מיטלען. איבער אַלע אַנדערע פּרטים קען מען פֿירן אַ װיכּוח.

אָבער פֿונדעסטוועגן איז כּדאַי זיך צוצוקוקן אויך צו די דאָזיקע פּרטים, וואָרעם מיר געפֿינען דאָ אַ סך ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע געדאַנקען פֿונם מחבר. צווישן זײ אויך אַזעלכע ענינים, וואָס זײַנען אין זײער צײַט געווען נײַ און מען האָט זיך איבער זײ געחידושט, אָבער מיט דער צײַט זײַנען זײ געוואָרן אָנגענומען בײַ אונז אַלעמען.

די אידישע מלוכה וועט ניט אויפֿקומען דורך אַן אַנאַרכיסטישע אײַנוואַנדערונג, נאָר ווי אַן אָרגאַניזירטער און פּלאַנירטער קאָלאָניזאַטאָרישער אויפֿטו. די קאָלאָניזאַציע וועט ווערן פֿאַרווירקלעכט דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט וואַקסן און ווערן וואָס ברײטער ביז וואַנען זי וועט אַרומנעמען דעם גאַנצן אידישן כּלל. די ערד וועט ווערן אײַנגעקויפֿט פֿון „נאַציאָנאַל־פֿאָנד". קהילות, שולן, צדקה־חברות, פֿאַראײנען, פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראײנען — אַלע וועלן צאָלן אַ שטײַער פֿאַרן „נאַציאָנאַל־פֿאָנד".* „קײן געשעעניש אין אידישן לעבן, צי פֿון פֿרײד, צי פֿון צער, וועט זיך ניט פֿאַרלויפֿן און אַ איד זאָל זיך דערבײַ ניט דערמאָנען אין זײַן העכסטע נאַציאָנאַלע פֿליכט".

ווי אַזוי וועט מען קריגן דאָס לאַנד? סירקין זעט דאָ צוויי וועגן: „אָדער די ציוניסטן וועלן אָפּשליסן דעם ענין מיט טערקײַ בדרך שלום, אַקעגן אַ געוויסער געלט־סומע, אָדער זײ וועלן אַריבערציען אויף זײער זײַט די אײראָפּעאישע דעמאָקראַטיע און דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס וועלן מאַכן אַ פּאָליטישן דרוק אויף טערקײַ; אָדער זײ וועלן דערגרײכן זײער ציל מיט דיפּלאָמאַטישע מיטלען". אין די אידישע סאָציאַליסטישע קרײַזן האָט מען דעמאָלט אויף פֿאַרהאַנדלונגען מיט רעגירונגען געקוקט ווי אויף אַ מיאוסן ענין צוליב עסטעטיש־רעוואָלוציאָנערע טעמים. נאָר סירקין פּסלט ניט קײן שום וועג, ווען ער קען נאָר דערפֿירן צום ציל, מער נישט ער אַנטפּלעקט פֿאַרן לײענער, אַז אַחוץ די וועגן, וואָס מען רעדט וועגן זײ אויפֿן קאָנגרעס און אין פֿאַרשײדענע ציוניסטישע פֿאַרזאַמלונגען זעט ער נאָך אַ וועג, וואָס איז אים נענטער צום האַרצן, ווײַל ער איז דער „שענסטער און גלײַכסטער וועג": דער וועג פֿון פֿאַראײניקונג מיט די אַנדערע „אונטערדריקטע פֿעלקער אין טערקײַ".

---

* די דאָזיקע ווערטער זײַנען געשריבן ערב דעם צווײטן קאָנגרעס. ערשט אויפֿן פֿינפֿטן קאָנגרעס אונטערן דרוק פֿון הערצל איז באַשאַפֿן געוואָרן דער קרן קימת לישראל.

און ער טייטשט אויס ווייטער, אַז זיין כּוונה איז ניט חלילה אָפּצו־נעמען די זעלבסטשטענדיקייט אָדער די פֿרייהייט ביי דער טערקיי, ער איז נאָר אויסן מיט זיין פֿאָרלייג, אַז אויך אַנדערע פֿעלקער פֿון דער אָטאָ־מאַנישער מלוכה זאָלן קריגן זייער פֿרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט.

אָט דער פּלאַן פֿון אויפֿבונטעווען די פֿעלקער פֿון טערקיי איז ביי סירקינען פֿאַרקניפּט מיטן געדאַנק פֿון אַריבערפֿירן טיילן פֿון דער באַפֿעל־קערונג, וואָס ער זעט דערין, אַ באַשייד און שלום פֿאַר אַ פֿאַרפּלאָנטערטער לאַגע. און ער זעט פֿאַראויס די מעגלעכקייט, אַז דורך אַ קעגנזייטיקן אָפּמאַך וועט מען קענען פֿריי מאַכן ארץ־ישראל פֿאַר אידישע קאָלאָניסטן.

„אין יענע ערטער, וואו ס'איז פֿאַראַן אַ געמישטע באַפֿעלקערונג, וועט מען קענען איינאָרדענען אַ פֿרידלעכע פֿעלקער־וואַנדערונג און אַ נאַציאָנאַלע טיילונג פֿון דער טעריטאָריע. ארץ־ישראל, וואָס איז זייער שוואַך באַפֿעלקערט און וואָס אידן פֿאַרנעמען דאָרטן היינט־צו־טאָג צען פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג, דאַרף ווערן פֿריי געמאַכט פֿאַר אידן. אידן וועלן מאַכן אַ בונד מיט די אונטערדריקטע פֿעלקער פֿון טערקיי און וועלן שטרעבן צו אַ גערעכטער פֿאַרטיילונג פֿון דער דאָזיקער אימפּעריאַליס־טישער מלוכה. זיי וועלן שטיצן די אויפֿשטענדער מיט די געלטער פֿון נאַציאָנאַל־פֿאָנד און אויך געבן פֿרייוויליקע פֿאַר דער מלחמה. טערקיי וועט דאָך קיין מאָל ניט האָבן קיין שלום אין אירע גרענעצן".

וועגן אַזאַ פּאָליטישער מעגלעכקייט האָט סירקין געחלומט מיט פֿער־ציק יאָר צוריק, מער ניט איין תּנאַי האָט אויסגעפֿעלט אויף דורכצופֿירן אַזאַ פּלאַן אין לעבן: אידן, וואָס ווילן זיך באַפֿרייען דורך אַ באַפֿרייאונגס־קאַמף מיט אַלע פֿעלקער פֿון טערקיי אין איינעם, האָבן באַדאַרפֿט זיך געפֿינען אינעווייניק און ניט פֿון דרויסן. ווען דער אידישער אַרבעטער וואָלט דענסטמאָל געווען גענוג באַוואוסטזיניק אויף זיך צוצוהערן צו סירקינס פּראָפּאַגאַנדע, ווען די אידישע יוגנט פֿון יענער צייט וואָלט זיך געפֿעדערט און אויסגעפֿונען אַ וועג עולה צו זיין אין מאַסן, מעשה חלוצים, קיין ארץ־ישראל — וואָלט דער באַשייד פֿון סירקינס חלום געווען אַן אַנדערער איידער ער איז געווען אין דער ווירקלעכקייט.

ז

ווי אַזוי מאָלט זיך אויס סירקין די סאָציאַליסטישע קאָלאָניזאַציע? ניט ווי אַ צענטראַליזירטע ווירטשאַפֿט, וואָס ווערט אָנגעפֿירט פֿון דער מלוכה, נאָר ווי אַ בונד פֿון שותּפֿישע, קאָאָפּעראַטיווע פֿאַראיינען. צו צען טויזנט אַרבעטער אין איין פֿאַראיין. די הייזער, די אינדוסטריעלע אונטער־נעמונגען, די פּראָדוקציע־מיטלען — דאָס אַלץ איז דאָס האָב־און־גוטס

פֿונם פֿאַראײן. די אַרבעט פֿירט זיך לפֿי די אָנווײַזונגען פֿונם פֿאַראײן. דעם ווערט פֿון דער אַרבעט מעסט מען ניט נאָר לפֿי דער צײַט, וואָס ווערט אין איר אַרײַנגעלײגט, נאָר אויך לפֿי דער צוציִענדיקער אָדער אָפּשטויסנדיקער קראַפֿט פֿון דער אַרבעט גופֿא. אַט אַזוי למשל איז אַ שעה דערפֿרײַענדיקע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעט שקול כּנגד אַנדער־האַלבן שעה לאַנגווײַליקע אינדוסטריעלע אַרבעט. איטלעכער חבר פֿונם פֿאַראײן איז מחויב צו געבן אַ מינימום אַרבעט אויף אומצוקערן דעם קרן מיטן פּראָצענט פֿאַר דער קאָלאָניזירנדיקער אינסטיטוציע. „אַלצדינג וואָס עס שטײַגט אַריבער דעם דאָזיקן מינימום געפֿינט זיך שוין אין רשות פֿון דער פּערזענלעכער פֿרײַהײט". די חברים קריגן פֿון דער אַרבעטס־אָנפֿירונג אַ קבלה אויף דעם סכום אַרבעט, וואָס זײ האָבן אָפּגעטאָן און איטלעכער חבר איז פֿרײַ און קען זיך אײַנאָרדענען זײַנע געשעפֿטן אין די דאָזיקע גרענעצן. „איטלעכער אַרבעטער מעג פֿאָדערן פֿאַר זײַן שכירות, אָבער ניט דער דערפֿינדער. אויפֿן אָרט פֿון פֿאַרדינסטן דורך פּאַטענטן, ווערט אײַנגעפֿירט די שיטה פֿון פֿונאַנדערטײלן עפֿנטלעכע פּרעמיעס. יעדע דערפֿינדונג קריגט אַ פּרעמיע לפֿי געוויסע פּרינציפּן, וואָס ווערן אויפֿגעשטעלט דורך דער עקאָנאָמישער אָנפֿירונג".

אין רשות פֿון דער מלוכה פֿאַרבלײַבט נאָר דאָס רעכט צו רעגולירן דאָס עקאָנאָמישע לעבן. „די מענטשן פֿאַראײניקן זיך בכדי צו הערשן איבער די פֿאַרמעגנס, אָבער ניט כּדי צו קאָמאַנדירן אײנער איבערן צווײטן. די מלוכה ווערט איבעריק און אויף איר אָרט קומט די פֿאַראײניקונג פֿון פֿרײַע פּראָדוצענטן". די מלוכה דאַרף זיך ניט שטאַרק זאָרגן וועגן אָפּהיטן די אָרדענונג און באַשיצן אירע בירגער פֿון פֿאַרשײדענע אַנשיקעניש. „גרינגע עבירות און טעותן ווערן פֿאַרריכט דורך אַ געזעלשאַפֿטלעכן משפּט; שווערע עבירות ווערן באַהאַנדלט פֿון דער מעדיצין־וויסנשאַפֿט, וואָרעם זײ זײַנען נאָר אַ מיאוסער, נעבעכדיקער אָפּנײג פֿונם גוטן און פּאַסיקן".

די באַציִונגען צווישן די פּראָדוצענטן מאָלט זיך אויס סירקין ווי אַ פֿעדעראַציע פֿון פֿאַראײנען. „די באַציִונגען צווישן די פֿאַראײנען זײַנען זײער לעבעדיק, הן פֿון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט, הן פֿון געזעלשאַפֿטלעכן און וויסנשאַפֿטלעכן". דער צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס ווערט אויסגעקליבן פֿון די פֿאַראײנען, וועט האָבן די השגחה אויף דעם עקאָנאָמישן לעבן און וועט עס רעגולירן.

די ווירטשאַפֿט וועט מען ניט בויען אויפֿן אַלטן שטײגער, שטעט פֿאַר אינדוסטריע און דערפֿער פֿאַר לאַנדווירטשאַפֿט. „דאָס דאָרף וועט זײַן אַ מין גרויס און שטאַרק אינדוסטריע־דאָרף, וווּ אינדוסטריע און לאַנד־

ווירטשאַפֿט וועלן גרענעצן איינע מיט דער צווייטער. דער ווידעראַנאַנד צווישן שטאַט און דאָרף ווערט בטל". אמת, עס זיינען פֿאַראַן פֿאַרשיידענע צענטערס פֿאַר קונסט און וויסנשאַפֿט און פֿאַר עקאָנאָמישער אָנפֿירונג, אָבער דער זיץ־אָרט פֿון די דאָזיקע צענטערס איז ניט קיין פֿעסטער איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל. ניטאָ קיין אָרט אין דער נייער געזעלשאַפֿט פֿאַר גרויסע שטאָטישע פֿאָלס־מאַסן. אין צענטער קומט מען פֿון אַלע עקן לאַנד אין אַ באַשטימטער צייט, צוליב אַ באַשטימטן ציל. פֿאַרענדיקט דער סעזאָן — קערט זיך איטלעכער אום צו זיך אַהיים.

אין אויסלאַנדס־באַציאונגען היט אָפּ די אידישע מלוכה איר נייטראַליטעט. כּדי זיך צו פֿאַרטיידיקן קעגן אַן אויסנווייניקסטן שונא ווערט אויפֿגעשטעלט אַ פֿאָלקס־מיליץ: „אין אַ צייט פֿון מלחמה נעמט זיך איטלעכער בירגער פֿאַרן כּלי־זיין".

סירקין ווייסט גאַנץ וואויל אַז זיין פּלאַן, וואָס ער צייכנט דאָ אָן נאָר די עיקרים, וועט אויפֿגענומען ווערן און אָפּגעשאַצט ווי אַן אמתע אוטאָפּיע, ווי אַ געזעלשאַפֿטלעכער חלום. אָבער ער גלויבט אַז די אייגענע היסטאָרישע טראַדיציע, וואָס שטופּט אידן צו זוכן אַ פֿאָטערלאַנד און בויען אַ מלוכה, וועט אויך שטאַרקן זייער גייסט און זיי וועלן פֿון דער אוטאָפּיע מאַכן אַ ווירקלעכקייט. „אָט טאַקע דאָס, וואָס איז בדרך כּלל אַ חלום און אַ פֿאַנטאַזיע פֿון יחידים, ווערט ביי אידן מגולגל אין אַ שטאַרקער פֿאָלקס־באַוועגונג; אין אַן אַנדער אָרט איז עס אַן אוטאָפּיע — אָבער ביי אידן ווערט דאָס אַ נויטווענדיקייט".

און דער האַרבער שטראָפֿער און שאַרפֿער קריטיקער גייט אַרויס פֿון זיינע כּלים בעת ער דערזעט דאָס צוקונפֿט־בילד, ווי דאָס פֿאָלק הויבט זיך אויף און באַנייט זיינע כּוחות, זיך אומקערנדיק קיין ציון. דער גאַנצער כּעס און חוזק, וואָס סירקין פֿאַרמאָגט פֿאַר דער אידישער שפּלדיקער קעגנוואַרט, ווערט מגולגל אין אַ צאַרטער און געהויבענער ליבע בעת ער רעדט וועגן דער העלדישער צוקונפֿט. „מיאוס, פֿאַרשקלאַפֿט, געפֿאַלן און אכזריותדיק איז דער איד בעת ער פֿאַרגעסט זיין אייגענעם מהות און פֿאַרלייקנט דעם אייגענעם פּרצוף. אָבער גרויס, שיין, מאָראַליש און סאָציאַל ווערט ער, בעת ער קערט זיך אום צוריק צו זיך און דערקענט דעם אייגענעם איך".

און „דענסטמאָל וועט ישראל ווידער אַמאָל ווערן אַן אויסדערוויילט פֿאָלק".

אָט אַזוי מאָלט זיך אויס סירקין דעם נס פֿון אַ נייעם יציאת מצרים.

פינפטער קאַפּיטל

אַן אַ טריבונע

א

מען קען ניט געפינען קיין רמז אויף דעם, אַז די דאָזיקע בראָשור, וואָס איז געווען די ערשטע אין דער ציוניסטיש-סאָציאַליסטישער ליטע־ראַטור, זאָל האָבן געגעבן סירקינען חסידים, תלמידים אָדער סימפּאַטיקער. שווער אַפילו צו זאָגן, צי די בראָשור האָט אַרויסגערופן אַן אָפּקלאַנג. אויב מען זאָל ניט רעכענען די שאַרפע קריטיק פון זיינע נאָענטע פריינט אין זייערע פריוואַטע בריוו. סירקין אַליין דערמאָנט אין אַ נאָטיץ פון זיינע זכרונות צוויי רעצענזיעס סך הכל, וואָס ער האָט צו זיי זוכה געווען אין דער פּרעסע. און פאַרגעסט צו פאַרצייכענען, אַז ער אַליין האָט אינם אייגענעם חודש־זשורנאַל פון פערנערסטאָרפער, אין אַפּריל העפט, 1900, אָפּגעדרוקט אַ גרויסן מאמר „וועגן דער אידן־פראַגע״ ווי אַן ענטפער אויף דריי פּאָליטישע אַרטיקלען קעגן זיין בראָשור. אין זיין ענטפער וויזט אויף סירקין, אַז די אידישע סאָציאַליסטן האָבן זיך ניט אָפּגערופן און ניט פאַרפירט קיין וויכוח, דערפאַר אָבער פּאָלעמיזירן מיט אים צוויי אידן־אַסימילאַטאָרן* און אַ קריסטלעכער שרייבער, יוסף פאָן נייפויער, וואָס זעט דעם באַשייד פאַר דער אידנפראַגע אין דער אידישער שליחות אומ־צוקערן דאָס קריסטנטום צו זיין אַמאָליקער ריינקייט, בעת די קריסטליכע אמונה איז נאָך ניט געווען פונאַנדערגעטיילט אויף פאַרשיידענע קירכן. בדרך כלל קען מען זאָגן, אַז די אידישע פּרעסע, הן די ציוניסטישע, הן די סאָציאַליסטישע, האָט סירקינען פאַרשוויגן. מען האָט זיך אַפילו ניט מטריח געווען מבטל צו מאַכן זיינע טענות. אין די פאַרוואָרפענע ווינקלען פון אידישן געטאָ אין רוסלאַנד, בעת אידישע יונגעלייט זיינען געווען פאַרטיפט אין געדאַנקען, וואָס האָבן דערנאָך באַשאַפן די פועלי־ציוניסטישע באַוועגונג, האָט די בראָשור אַוודאי ניט דערלאַנגט. פאַר דער רוסישער צענזור איז די בראָשור געווען אומלעגאַל און מען האָט זי ניט געטאָרט אַריינפירן, בכן האָט מען זי געקאָנט פאַרשפּרייטן נאָר מיט קאָנספּיראַ־טיווע מיטלען. נאָר אויב סירקין האָט געפונען אַ ניט־אידישן סאָציאַליסט, וואָס האָט זיין בראָשור אָפּגעדרוקט, האָט ער געמעגט זוכן אָבער ניט

* איינער פון זיי פּסלט סירקינען דערפאַר, וואָס ער איז ניט קיין דייטשער איד און סירקין ענטפערט „דעם דאָזיקן דייטשן איד״, אַז דער אמת פאַרבלייבט אַן אמת אַפילו אויב ער ווערט אַרויסגעזאָגט פון אַ רוסישן איד.

געפֿינען אידישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זאָלן מסכּים זיין אַריבערצופֿירן די גרעניץ אומלעגאַלע ציוניסטישע ליטעראַטור. און אויב די בראָשור וואָלט אַפֿילו אָנגעשפּאַרט ביז רוסלאַנד, וואָלט איר השפּעה געמוזט זיין אַ שוואַכע: דער אידישער משׂכּיל און אַרבעטער, וואָס לייענט אידיש, האָט ניט באַדאַרפֿט האָבן איר דייטשע שפּראַך און אויך ניט דעם אופֿן פֿון סירקינס הסברה, בעת דער אידישער לייענער אין מערב־אייראָפּע, וואָס איז געווען איינגעזונקען אין בורזשואַזער אָדער סאָציאַליסטישער אַסימילאַציע, האָט זיך ניט גענויטיקט אין איר אינהאַלט.

אָבער סירקין האָט זיך ניט מיאש געווען. ער האָט שוין דענסטמאָל געהאַט אָפּגעדרוקט אין דייטש זיין אויספֿאָרשונג „געדאַנקען וועגן גע־שיכטס־פֿילאָזאָפֿיע" (בערלין, 1896), ער האָט זיך שוין געגרייט צו זיין אַרבעט וועגן „עמפּפֿינדונג און פֿאָרשטעלונג", אַרויסגעגעבן פֿון דער פֿילאָ־זאָפֿישער געזעלשאַפֿט (בערן, 1903); ער האָט שוין געהונגערט ניט אויף קאַטאָוועס און ניט אַליין נאָר אויך מיט אַ ווייב און מיט אַ טעכטערל, נאָר דאָס האָט אים ניט געאַרט און דער ברענפּונקט פֿון זיין שטרעבן איז פֿאַר־בליבן: די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע בשׂורה. צוליב איר האָט מען ניט וויניק חוזק געמאַכט פֿון אים, צוליב איר איז ער געוואָרן אַ דאָן־קיכאָט־פֿיגור אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן.

ב

דער פּאָליטישער ציוניזם, וואָס סירקין איז צו אים צוגעשטאַנען זינט דעם ערשטן קאָנגרעס, האָט אים געבראַכט ביטערע אַנטוישונגען. געוויסע באַגלייטנדיקע דערשיינונגען, וואָס האָבן אין זיינע אויגן פֿאַרמיאוסט די אַלטע חיבת־ציון־באַוועגונג, האָבן זיך ווידער אַמאָל באַוויזן און האָבן זיך באַהעפֿט אויך מיט דער באַנייטער באַוועגונג: איבעראַנייס באַגעגנט ער זיך דאָ מיט דער ממשלה פֿון אידישן בעל־הבית, ווידעראַמאָל הענגט מען אָפּ פֿון גבֿירים און מען יאָגט זיך נאָך הסכּמות פֿון רבנים. און אַצינדערט איז צו די אַלע שאָטנס צוגעקומען נאָך עפּעס: דאָס אויסקוקן און אויס־וואַרטן אויפֿן חסד פֿון מלכים און האַרן. די ציוניסטישע דיפּלאָמאַטיע, אָן אַ באָדן אונטער די פֿיס, אָן אַ יסוד פֿאַר אַ ממשותדיקער הצלחה, האָט דערפֿירט הערצלען אַזוי ווייט, אַז ער האָט זיך געוואָרפֿן אין אַלע זייטן און אָנגעקניפּט פֿאַרבינדונגען הן מיטן בלוטיקן אַבדול־חאַמיד, הן מיטן קיסר ווילהעלם און אַפֿילו מיטן רוסישן צאַר ניקאָלאַי. די קלאַנגען און ידיעות, אַז דער אידישער פֿירער קען זיך „אַוועקשטעלן פֿאַר מלכים", האָט אָנגעצונדען די פֿאַנטאַזיע פֿון די אידישע מאַסן און געזעטיקט זייער נאַציאָנאַלע גאווה. אָבער סירקינס רעוואָלוציאָנערע אידעען, זיין שׂנאה

צו די וועלט־טיראַנען, זיין זאָרג וועגן דעם כּבוד פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג און בכלל זיינע השגות וועגן כּבוד און אום־כּבוד האָבן אים באַוויזן דעם דיפּלאָמאַטישן ציוניזם אין גאַר אַן אַנדער שיין. זיין שטורעמ־דיקער טעמפּעראַמענט האָט אים געפֿירט ביז צו צוזאַמענשטויסן מיט די פֿירער פֿונם ציוניסטישן קאָנגרעס. וואָס זיי האָט זיך אויסגעוויזן ווי אַ סימן אויף אַ גוטער בשורה, האָט אין זיינע אויגן באַטייט אַ שאַנדפֿלעק. אויך דער כּישוף פֿון הערצל האָט אים אין דעם פּרט ניט אָפּגעהאַלטן. דאָרטן וואו עס ווערט פֿאַרשוועכט דער כּבוד פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג, שאַנעוועט מען אויך ניט דעם כּבוד פֿון איר פּרעזידענט. „דאָס וואָס הערצל האָט מיט איין האַנט געשאַפֿן ווי אַ פּאָליטישער טוער, וואָס זעט פֿאַראויס די צוקונפֿט, האָט ער מיט דער צווייטער האַנט פֿון אַ פּאָלי־טישן שתדלן פֿאַרוואַנדלט אין אַ קאַריקאַטור" — האָט סירקין שפּעטער אַמאָל דערציילט. „בעת הערצל האָט אָנגעהויבן מאַכן די הכנות פֿאַר זיין באַגעגעניש מיט קיסר ווילהעלם אין ירושלים האָט די ציוניסטישע פּרעסע, בפֿרט דער אָפֿיציעלער אָרגאַן „די וועלט", אָנגעהויבן קלאַפּן אין די טאַצן און פּויקן לכּבוד ווילהעלם ירום הודו. ——— מען האָט אים צוגעגליכן צו אַלעקסאַנדער מוקדון, וואָס האָט זיך אויפֿגעהויבן אויף די פֿליגלען פֿון אַן אָדלער — — פּונקט ווי מען האָט אים געגליכן צו אַנדערע גדולים פֿון דער וועלט־געשיכטע, פֿאַרשטייט זיך, אַלץ מיט דער כּוונה אַרויסצוקריגן פֿון אים אַ שטיקעלע גאולה". געקומען עפּעס אַ קאָרעספּאָנדענט און שמועסט מיט הערצלען וועגן דעם האַגער שלום־קאָנגרעס, וואָס דער צאַר ניקאָלאַי קלייבט זיך אים צונויפֿצוקלייבן און הערצל כאַפּט זיך אָן אין דער געשיכטע ווי אַן אַ הייסן פֿלאַדן און תּיכּף קומט מען צום קאָנגרעס מיט אַ פֿאַרלייג צו שיקן אַ הכנעהדיקע טעלעגראַמע צום צאַר ניקאָלאַי. דער תּמימותדיקער הערצל מיט זיינע ריינע כּוונות זעט פֿאַר זיך נאָר איין ציל — ווי אַזוי צו ראַטעווען דאָס געפּייניקטע פֿאָלק פֿונם גיהנום, און פֿאַר אים זיינען אַלע מלכים פֿון מזרח און מערב נאָר פֿיגורן פֿון זיין שאַך־שפּיל; דעריבער פֿילט ער גאָרניט קיין מאָראַלישן פּגם אין זיין דיפּלאָמאַטיע, און אויב ער פֿילט אַפֿילו יאָ, איז ער גובר זיין געפֿיל און שלינגט עס אַראָפּ. סירקין לייקנט בכלל אַז די דאָזיקע דיפּלאָמאַטיע קען עפּעס האָבן אַ ממשות, אָבער זיין מאָראַלישער צער און צאָרן איז אים נאָך בילכער פֿון זיין פּאָלי־טישן חשבון. זיין האַרץ ווערט אים פֿאַרביטערט: ווי גרויס איז די חרפּה, אַז דאָס פֿאָלק, וואָס איז מער געדריקט פֿון אַלע אַנדערע אונטערדריקטע פֿעלקער, זאָל שיקן באַגריסונגס־טעלעגראַמעס צום גרעסטן טיראַן פֿון אַלע טיראַנען.

ג

און נאָך אַ שטריך פֿאַרשאַפֿט סירקינען ווייטאָגן. די פֿירער פֿונם ציוניזם יאָגן זיך נאָך גבירים, עשירים, נאָך מענטשן מיט דיפּלאָמען. זיי פֿאַרשטייען ניט, אַז דער אמתער טרעגער פֿונם ציוניזם, וואָס אָן אים קען מען אים ניט דורכפֿירן אין לעבן, איז דער אידישער המון, און אין דער ערשטער ריי דער אַרבעטער און די יוגנט. ער גיט אַוועק זיין לעבן אויף צוצופֿירן אָט די דאָזיקע עלעמענטן צום ציוניזם, אויף צו ווייזן זיי דעם ציוניזם ווי אַ פּראָגרעסיווע פֿרייהייטס-באַוועגונג, וואָס דאַרף דורכפֿירן די אידישע רעוואָלוציע און מאַכן פֿונם אידישן פֿאָלק דעם טרעגער פֿון דער סאָציאַליסטישער פֿאַרווירקלעכונג. און מיטאָמאָל קומט דער ציוניזם אַליין מיט זיינע פֿירער און מאַכט אים פֿאַר אַ ליגנער. אַלע פֿרייהייטס-קעמפֿער, אַלע יענע, וואָס האָבן פֿיינט תּכלית שנאה די טיראַנישע הער-שאַפֿט, וועלן איצטער זען, ווי דער ציוניזם וואַלגערט זיך ביי די פֿיס פֿון די טיראַנען.

און טאַקע האָבן די דיפּלאָמאַטישע געגנ פֿון הערצל פֿון איין זייט אויפֿגעהויבן זיין כּבוד און געמערט זיין חן ביי די תּמימותדיקע מאַסן, און פֿון דער אַנדער זייט פֿאַרשטעלט ביי אַנדערע דעם אמתן אינהאַלט פֿון הערצלס קאַמף. און אויב מען האָט אין זינען אַ וויטן חשבון האָט די דאָזיקע הערצלישע דיפּלאָמאַטיע געקאָסט זייער טייער צוליב דעם אַנווער פֿון אַ טייערן מענטשן-מאַטעריאַל. געוועזן אַזעלכע, וואָס זיינען שוין גע-שטאַנען אויפֿן שוועל פֿון ציוניזם און זיינען צוליב דער דיפּלאָמאַטיע אָפּגעשטויסן געוואָרן; אַנדערע ווידער האָבן געגלויבט צופֿיל אין דער דיפּלאָמאַטיע און זיינען דערנאָך אַנטוישט געוואָרן. אַזעלכע, וואָס זיינען שוין געווען אינעווייניק, האָבן די באַוועגונג פֿאַרלאָזט. אַזוי למשל איז געווען מיטן באַרימטן אידיש-פֿראַנצויזישן קעמפֿער—אַנאַרכיסט בערנאַרד לאַזאַר, אַ מענטש אַ געהויבענער מיט אַן איידעלן גייסט, וואָס איז — דער איינציקער צווישן די ראַדיקאַלע אידן אין מערב אייראָפּע — צוגעשטאַנען צו הערצל און האָט דערנאָך צוליב דער ציוניסטישער דיפּלאָמאַטיע פֿאַר-לאָזט דעם ציוניזם. ער האָט בשום אופֿן ניט געקענט שלום מאַכן מיט הערצלס דיפּלאָמאַטישע געגנג. אין רעוואָלוציאָנערער תּמימות האָט ער געוואָלט אויפֿבויען די ציוניסטישע פּאָליטיק אויף פֿאַרבינדונגען מיט די יונג-טערקן.

נאָר סירקין פֿאַרלאָזט ניט דאָס שלאַכט-פֿעלד. די בלוטן קאָכן אין אים. ער פֿאַרפֿירט אַ קאַמף. ער שליידערט אַריין אין זאַל צווישנרופֿן, און אַז ער גייט אַרויס פֿון די כּלים פֿאַרגעסט ער אַפֿילו הלכות דרך ארץ. בעת דער צווייטער קאָנגרעס באַשליסט שיקן דעם רוסישן צאַר ניקאָלאַי אַ

טעלעגראַמע מיטן אויסדרוק פֿון דאַנק־געפֿילן, רייסט זיך אַריין סירקין און מאַכט קאַליע דעם גאַנצן חשבון. ער פֿאַרשאַפֿט אַ סך מי און צרות הערצל און נאָרדוי, וואָס האָבן מורא אַז דאָ קען זיך פֿונאַנדערפֿלאַקערן אַ פּאָליטישער סקאַנדאַל און עס קומט זיי אָן שווער צו געפֿינען עפּעס אַ בכבודיקן אויסגאַנג פֿון דער לאַגע. באַדענהיימערן גיט זיך איין דעם סכסוך אויסצוגלייכן און דער סוף איז, אַז מען שיקט ניט אַוועק די טעלע־גראַמע און דער ענין ווערט אויף אַן איידעלן אופֿן באַגראָבן. סירקין ווערט דאָס עזותדיקע קאַפּריזן־קינד פֿון קאָנגרעס; בעת ער רעדט רייסט מען אים איבער כסדר, מען שרייט אויף אים, ער זאָל גיכער פֿאַרענדיקן זיין ריידן, און איינמאָל, ביי אַ שטורעמדיקער סצענע קומט פּראָפֿעסאָר מאַנ־דעלשטאַם, אַן אַלטער שיינער ליבעראַל, פֿון די עלטסטע רוסישע ציוניסטן, און טראָגט אַריין אַ פֿאָרלייג „אויסצושליסן אַלע סאָציאַליסטן פֿון ציוניסטן־קאָנגרעס". אַ סך דעלעגאַטן זיינען מסכים מיט אים און פּאַטשן אים בראַוואָ. נאָר הערצל, דער פֿירער פֿון דער זיצונג, פֿאַרשטייט מיט זיין חכמה, אַז מען קען אַזאַ פֿאָרלייג ניט אַוועקשטעלן צום אָפּשטימען: „עס קען זיך ניט לייגן אויפֿן שכל, אַז מיר זאָלן אויסשליסן פֿונם ציוניזם וואָסער ניט איז פּאָליטישע מיינונג".

ד

אויף דעם אייגענעם צווייטן קאָנגרעס, נאָכן ערשטן וואָס האָט באַוויזן פֿאַר דער וועלט די אידישע נאַציאָנאַלע אחדות, זיינען בכלל געווען אַ סך חילוקי דעות. אַ גרויסער וויכוח האָט זיך פֿונאַנדערגעפֿלאַקערט אַרום דער גרינדונג פֿון קאָלאָניאַל־באַנק. ווי ס'איז באַוואוסט, האָט מען שוין אויפֿן ערשטן קאָנגרעס באַשלאָסן צו גרינדן צוויי אינסטיטוציעס: דעם נאַציאָ־נאַל־פֿאָנד (קרן קימת) און דעם קאָלאָניאַל־באַנק. אָבער די גרינדונג פֿונם קרן קימת האָט מען כסדר אָפּגעלייגט (ביז צום פֿינפֿטן קאָנגרעס), און מיטן גרינדן דעם באַנק האָט זיך שוין פֿאַרנומען דער צווייטער קאָנגרעס. הערצל, לפֿי זיין כאַראַקטער, האָט געשטופּט און געאיילט און ער האָט שוין געזען אין זיין פֿאַנטאַזיע דעם נאַציאָנאַל־באַנק מיט זיין גאַנצן קאַ־פּיטאַל, אַנדערע ווידער האָבן געפֿאָדערט, מען זאָל זיין „אָפּגעהיט", מען זאָל וועגן און מעסטן, און די מער ראַדיקאַלע קרייזן אין קאָנגרעס און מחוץ דעם קאָנגרעס האָבן געזען אין דער גרינדונג פֿון אַ באַנק, וואָס וועט זיין ווי אַלע בענק, דעם נצחון פֿון קאַפּיטאַליסטישע שטרעבונגען אינם ציוניזם. דער עיקר וויכוח האָט זיך געפֿירט צווישן די מזרח־אידן און די מערב־אידן וועגן דעם זיצאָרט פֿונם באַנק און זיין אַרבעט: צי זאָל דער באַנק זיין אין „מזרח" (אָריענט), ווי דאָס האָבן געמיינט די אויס־

אַרבעטער פֿונם פּראָיעקט, אָדער מען זאָל בפֿירוש אויסטייטשן „ארץ־ישראל און סיריע״, ווי דאָס האָבן געפֿאָדערט אַ סך ציוניסטן פֿון רוסלאַנד, וואָס האָבן מיט חשד זיך באַצויגן צו דער פֿירונג. אָבער אַ הייפּעלע דעלעגאַטן האָט דער צענטער וויכּוח געזען גאָר אין אַן אַנדער אָרט: זיי האָבן מורא געהאַט אַז צוליב דעם באַנק וועט די שליטה איבער דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג קריגן אַ הייפּעלע באַנקירן און ספּעציאַליסטן. זיי האָבן דעריבער געפֿאָדערט אַז מען זאָל גאַראַנטירן די השגחה פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איבער די געשעפֿטן פֿונם באַנק (בוכמיל, ווייצמאַן). די קליינע סאָציאַליסטישע גרופּע (סירקין, פֿאַרבשטיין און ש. ר. לאַנדוי) איז אַרויס קעגן דעם קאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער פֿונם באַנק. סירקין האָט געפֿאָדערט אַז מען זאָל אינם באַנק אַריינעמען דעם פּרינציפּ פֿון קאָאָפּעראַציע. און ער טייטשט אויס זיין געדאַנק, אַז ער מיינט ניט דערמיט צו פֿאַרווירקלעכן אַ סאָציאַלע אוטאָפּיע, נאָר האָט אין זינען אַ געזעלשאַפֿטלעכן און עקאָנאָמישן פּרינציפּ, וואָס פֿאַרמאָגט שוין אַ גרויסע חשיבות אין אונזערע צייטן און וואָס וועט נאָך שפּעטער קריגן אַ גרעסערע חשיבות פֿאַר די מאַסן קאָלאָניסטן אין דער צוקונפֿט. דער וויכּוח ווערט געפֿירט אָן טאָלעראַנץ און אָן געהעריקער אויפֿקלערונג. ניט מען לייטערט אויס די פֿאַרשיידענע ענינים, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט דער פֿראַגע, נאָר ביי אַלעמען פֿילט זיך עפּעס אַ באַהאַלטענער פּחד: איין טייל דעלעגאַטן האָבן מורא פֿאַר דער קאַפּיטאַליסטישער פֿאָרם און זעט דערין אַ סכּנה, אַז די בירזשע וועט דאָ געוועלטיקן און אויפֿשטעלן אַ שיידוואַנט צווישן די ציוניסטישע פֿינאַנצן און די אידישע מאַסן; אַ צווייטער טייל ווידער פֿון די דעלעגאַטן האָפֿט דווקא, אַז צוליב דער קאַפּיטאַליסטישער פֿאָרם וועט געלט אַריינשטראָמען אין באַנק און זיי האָבן דעריבער שטאַרק מורא, בעת מען רעדט וועגן קאָאָפּעראַציע און שותּפֿות. סירקין טענהט, אָבער מען האָט ניט די געדולד אים צו הערן. ער קערט זיך אויס צו די דעלעגאַטן און זאָגט זיי, אַז ער קלערט ניט, מען זאָל זיינע פֿאָרשלאַגן אָננעמען נאָר ער האָפֿט, אַז אין אַ צווייטן קאָנגרעס וועלן אָנטיילנעמען „קליגערע דעלעגאַטן״. די ווערטער רופֿן אַרויס אַ רוגז, און מען וואַרפֿט אים אין פּנים אַריין דאָס זידלוואָרט „סאָציאַל־דעמאָקראַט!״. סירקין, וואָס שטייט פֿאַר די דערצאָרנטע דעלעגאַטן, בייט די שאַרפֿקייט פֿונם אָבגריף און הויבט אָן אויפֿקלערן מיט ווייכקייט: „ניט די אינטערעסן שיידן אונז אָפּ פֿון אייך, אינטערעסן האָבן מיר אַלע גלייכע. מיר אידן זיינען אַ משונהדיק פֿאָלק. ניט דער צווישנשייד פֿון אינטערעסן, נאָר דער חילוק אין דער דערציאונג שיידט אונז פֿונאַנדער. מען טראַכט, פֿילט און אורטיילט ביי אונז לפֿי דעם, וואָס מען האָט אויסגעלייענט אין אַ בוך; אָבער

די אינטערעסן זיינען ביי אונז גלייכע. איך בעט אייך דעריבער, פאַרטיפט זיך מערער אינם געדאַנק. וואָרעם מיין פאַרלייג רירט ניט אָן אייערע אינטערעסן. אויב איר וועט אין אים אַריינדרינגען וועט איר פאַרשטיין, אַז דער געדאַנק איז מסוגל אויפצוהויבן דעם ציוניזם אויף אַ העכערער מדרגה, העכער פונם שטאַפּל וואָס ער געפינט זיך איצטער אויף אים".

אַלעקסאַנדער מאַרמאַרעק, וואָס האָט געענטפערט סירקינען אין נאָמען פון דער מערהייט, האָט דענסטמאָל גערעדט וועגן „על־תנאי־ציוניסטן"...

ה

און דערוויל לייגט ניט סירקין די הענט אין די קעשענעס. ער זוכט נאָך דעם ערשטן „מזומן", וואָס מיט אים וועט מען קענען מאַכן דעם אָנהויב און אויפשטעלן אַ באַוועגונג, וואָס ער גלייבט, אַז זי וועט אָנקומען. פאַרשיידענע געלעגנהייטן זוכט ער אויס אויף צו פאַרשפּרייטן זיינע געדאַנקען. ער זוכט אַן אָרט וואו אַריינצוקלאַפּן דעם ערשטן נאָגל.

אין ברין — אַמאָליקע עסטרייך, איצטיקע טשעכאָסלאָוואַקיע — איז דענסטמאָל געווען אַ אידישער אַרויסגעבער, מאַקס העקל, וואָס האָט אין יאָר 1900 געגרינדעט אַ צוויי־וואָכנבלאַט אין דייטש אונטערן נאָמען "Jüdische Volkstimme" (אידישע פאָלקס־שטימע). ער האָט זיך באַרימעריש טיטולירט, אַז ער איז „דער צענטראַל־אָרגאַן פון אידישע אַרבעטער און האַנדלס־אָנגעשטעלטע". און טאַקע האָט די צייטונג פאַרמאָגט פאַרבינדונגען מיטן פּראָפעסיאָנעלן פאַרבאַנד פון די אידישע האַנדלס־אָנגעשטעלטע אין עסטרייך, פלעגט ברענגען באַריכטן וועגן זייערע קאָנפערענצן און אָפּגעבן אַן אָרט פאַר אידעאָלאָגישע אויפקלערונגען אין הלכות ציוניזם און סאָציאַליזם, פּאָלעמיזירנדיק מיט סאָציאַליסטן־אַסימילאַטאָרן. סירקין פּרוּווט אין דער דאָזיקער צייטונג זיין מזל. שרייבט פאַר איר אַ פּראָגראַמאַטישן אַרטיקל. אויב ער האָט אין זיין בראָשור גערעדט פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלן עולם, באַווייזט ער זיך דאָ צום ערשטן מאָל פאַרן אידישן אַרבעטער. ער טייטשט אויס דעם ליגן פון דער אַסימילאַציע, וואָס האָט געוואָלט זיין די אידעאָלאָגישע תורה פאַר כלל ישראל אָבער איז גאָר אין דער אמתן אַ קלאַסן־דערשיינונג, אַ באַשעפעניש פונם גייסט און פון די אינטערעסן פון דער אויבערשטער אידישער בורזשואַזיע בעת זי האָט דערגרייכט איר פינאַנציעלע און פּאָליטישע מאַכט. ער טרעט אַרויס קעגן דער פאַרשפּרייטער מיינונג, בפרט צווישן אידישע סאָציאַליסטישע קרייזן, וואָס האָט איר אויסדרוק געפונען אין די ווערטער פונם יונגן מאַרקס, אַז די אידן־פראַגע איז דאָס אייגענע וואָס די פראַגע פון דער אידישער בורזשואַזיע. פאַרוואָס ווייסן ניט די אידישע סאָציאַליסטן „אַז עס איז פאַראַן

אַ אידישער פּראָלעטאַריאַט, וואָס מאַכט אויס לכל הפּחות דריי פערטל פון גאַנצן פאָלק און לעבט אין עלנטע עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע פאַר־העלטענישן, עלנט אָן אַ שיעור?" און סירקין רופט די אידישע אַרבעטער צום קלאַסנקאַמף — "אַ קלאַסנקאַמף קעגן דער בורזשואַזיע פון זייער פאָלק", אַ קאַמף וואָס וועט זיך ניט באַגרענעצן מיט דער פראַגע פון די באַציאונגען צווישן דעם אַרבעטסגעבער און אַרבעטסנעמער, נאָר זאָל אויך האָבן אַ פּאָליטישן און אידעאָלאָגישן אינהאַלט און אַז דער אידישער אַרבע־טער זאָל זיך באַפרייען פון דער בורזשואַזער השפּעה מיט איר אַסימילאַציע. די קלאַסן־קעגנערשאַפטן אין פאָלק גופא דאַרפן ניט פירן צו אַן אָפּזאָג פונם נאַציאָנאַליזם.

„דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, ווי אַ קלאַס, האָט בשותפותדיקע אינ־טערעסן מיטן ניט־אידישן פּראָלעטאַריאַט. ס'איז אָבער פאַלש און נישטיק צו מאַכן דעם אויספיר פונם דאָזיקן פאַקט, וואָס איז אָן אמת פאַר זיך, אַז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט איז בכלל ניט קיין אידישער און אַז ער שטעלט ניט פאַר קיין נאַציאָנאַלע גרופּע פאַר זיך אַליין. דאָס לייקענען אין אידישן נאַציאָנאַליזם אויף דעם סמך, וואָס דער אידישער פּראָלעטאַריאַט האָט בשותפותדיקע אינטערעסן מיטן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, באַטייט, אַז מען מישט אויס אויף אַ נאַרישן אופן די גרענעצן צווישן אינ־טערנאַציאָנאַליזם און אַנטי־נאַציאָנאַלן קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס איז נאָך שטאַרק אָנגענומען ביי אַ סך אידן, ווייל דער טעות פון דער אידישער בור־זשואַזער אַסימילאַציע איז אַריבער צו דער אידישער אינטעליגענץ, וואָס איר אָפּשטאַם איז פון דער אידישער בורזשואַזיע".

די דאָזיקע פּשוטע ווערטער, וואָס זיינען היינטצוטאָגס דער יסוד פון יעדער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, זיינען אָבער דענסטמאָל געווען אַ נייס און אַן אפּיקורסות, און מען האָט באַדאַרפט זיך מוסר נפש זיין כדי אַריינצוברענגען אָט דעם געדאַנק אין די מוחות.

אָבער סירקין באַגנוגנט זיך ניט מיטן אויסטיילן דעם פאַקט, אַז דער אידישער אַרבעטער איז שייך צו זיין פאָלק, נאָר ער קוקט אויפן קלאַס פון די אידישע אַרבעטער ווי אויף „אַ נאַציאָנאַלע גרופּע מיט באַזונדערע אינטערעסן און שטרעבונגען" און ער פאָדערט פון טעאָרעטישן און פּראַק־טישן סאָציאַליזם, אַז ער זאָל זיך רעכענען מיטן באַזונדערן לעבן און מיט די באַזונדערע אינטערעסן פונם אידישן אַרבעטער און מאַכן דערפון די פּאָסיקע אויספירן „וועגן באַזונדערע פאָדערונגען און סאָציאַלע שאַפונגען". די באַזונדערקייט און ניט־נאָרמאַלקייט אינם קיום פונם אידישן פּראָלע־טאַריאַט דאַרף מען זען ניט נאָר אין די געזעצן, וואָס באַגרעניצן די אידישע רעכט, ווי אַ שטייגער אין רוסלאַנד, נאָר אין עפּעס אַזוינס וואָס איז מחוץ

דעם געזעץ: אין אויסטיילן צום שלעכטן די אידישע אַרבעטנדיקע שיכטן אַפֿילו אין יענע לענדער וואו עס הערשט לפֿי דעם געזעץ בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג לגבי אידן.

און אויף נאָך אַ דערשיינונג, וואָס געוויינטלעך אינטערעסירט זי גאָרניט די אידישע סאָציאַליסטן, ווענדט סירקין די אויפֿמערקזאַמקייט: אַז ס'איז פֿאַראַן ביי אידן אַ ספּעציעלער קלאַס, וואָס זיין שפּלער מאַטע־ריעלער מעמד מאַכט אים אַ שותף צום פּראָלעטאַריאַט, אָבער זיין ניט־פּראָדוקטיווקייט דערנענטערט אים צום מיטלשטאַנד. די אידישע אָרעמ־קייט, וואָס עס באַלאַנגען צו איר קליינע קרעמערס, פּעדלערס און מעק־לערס, אָט אַלע יענע פֿאַרשוינען וואָס האָבן ניט קיין פֿאַך, קיין אַרבעט אין די הענט און ניט קיין שטענדיקע פּרנסה און פּראָפֿעסיע, ווערן אַרויס־געשטויסן פֿון לעבן און פֿאַר זיי איז פֿאַראַן נאָר איין תּקנה: זיך צופּאַסן צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. סירקין פֿאָדערט פֿונם „באַוואוסטזיניקן פּראָלע־טאַריאַט", אַז ער זאָל זיין דער אמתער פֿאַרשטייער פֿונם דאָזיקן קלאַס, פֿון דער אידישער אָרעמקייט.

אַצינדערט, בעת די פֿראַגע פֿון פּראָדוקטיוויזאַציע גייט ניט אַראָפּ פֿון דער טאָג־אָרדענונג ביי אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס און מען איז נאָר מחולק דערינען, ווי מען דערגרייכט זי; אַצינדערט בעת אין אַ סך לענדער האָבן זיך אויסגעמישט די גרענעצן צווישן דעם „אָרגאַניזירטן און באַ־וואוסטזיניקן" אידישן אַרבעטער און די כראָנישע אַרבעטסלאָזע און דע־קלאַסירטע אידן; איצטער אַז מען וועט איבערלייענען סירקינס ווערטער, וועט מען אפֿשר ניט כאַפּן דעם חילוק צווישן זיי און די באַנאַלע סטערעאָ־טיפּן, וואָס וואַנדערן אום היינטצוטאָגס אין אונזער געזעלשאַפֿטלעכקייט. אָבער אין יענע צייטן און אויך אַ סך שפּעטער, בעת פֿאַר אַלע סאָציאַליס־טישע שטרעמונגען ביי אידן איז געווען קלאָר ווי די זון, אַז די דאָזיקע אָרעמע שיכטן זיינען פֿאַרמשפּט פֿונם היסטאָרישן פּראָצעס אויף אונטער־גיין און אַז אויף זייער אָרט דאַרף קומען אַ געזונטער קאַמף־גלוסטיקער פּראָלעטאַריאַט, און דעריבער האָלט מען אָפּ די סאָציאַליסטישע גאולה בעת מען זאָרגט זיך וועגן דעם דאָזיקן דעקלאַסירטן עלעמענט — אין יענע צייטן קומען און פֿאָדערן פֿון אידישע סאָציאַליסטן, אַז זיי זאָלן קוקן אויף זיך ווי אויף געטרייע פֿאַרשטייער פֿון די דאָזיקע אומגליקלעכע שיכטן, וואָס זייער גורל האָט זיי געגעבן אַלע צרות פֿונם פּראָלעטאַריאַט און פֿונם אָרעמען מיטלשטאַנד אינאיינעם — אויף אַזאַ מין סאָציאַליסטישע פּאָזיציע האָט זיך דענסטמאָל געפֿאָדערט, מען זאָל זיין זעלבסטשטענדיק, אָריגינעל, מיט אַ פֿרייען און מוטיקן גייסט, און אַ... אוטאָפּיסט, וואָס מען קען אים ניט אויסהיילן.

די סאָציאַליסטישע טעאָריע, זאָגט סירקין ווייטער, דאַרף דערקענען די דאָזיקע אידישע ווירקלעכקייט און איר פועל יוצא — די עמיגראַציע. ס'איז ניטאָ קיין אַנדער תשובה פאַר די אידישע וואַנדערונגען ווי די ציוניסטישע תשובה. „די דאָזיקע אויסוואַנדערונג, וואָס דאַרף שאַפן אַ אידישע געזעלשאַפט און פאַרווירקלעכן נייע, רעפאָרמירטע געזעלשאַפט־לעכע לעבנס־פאָרמען, איז אַ לעבנס־פראַגע פאַרן פראָלעטאַריאַט". אָבער די לעבנס־נויטווענדיקייט פונם דאָזיקן ענין פאַרבלייבט ניט אין די גרענעצן פונם פראָלעטאַריאַט אַליין, נאָר קריגט אַ באַשליסנדיקע נאַציאָנאַלע חשיבות. „אַט דאָ רירן זיך אָן און גייען זיך צונויף די געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן פונם אידישן פראָלעטאַריאַט מיטן אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן אינטערעס". סירקין הזרט איבער זיין געדאַנק, אַז אויך די אַנדערע קלאַסן זיינען פאַראינטערעסירט אינם ציוניזם: די בעסערע עלעמענטן פון דער בורזשואַזיע, וואָס פילן דעם בזיון פון איצטיקן אידישן קיום, די אידישע קליינבירגער, וואָס זיינען איינגעוואָרצלט אין אידישקייט און ליידן פון אַנטיסעמיטיזם, נאָר מער פון אַלעמען דער אידישער פראָלעטאַריאַט. „וואָרעם זיינע מאַטעריעלע אינטערעסן שטויסן אים אויפן וועג פון ציוניזם, בפרט אַז אויך פאַר זיינע סאָציאַליסטישע אידעאַלן קען ער דאָ געפינען אַן אַרבעטס־פעלד און אויפבויען אַ נייע געזעלשאַפט". און זעענדיק אין דער אַמאָליקער אידישער געשיכטע דעם קאַמף פאַר סאָציאַליסטישע לעבנס־פאָרמען, קומט סירקין צום אויספיר, אַז אין „סאָציאַליסטישן ציוניזם וועט דאָס אידישע פאָלק זיך ווידעראַמאָל דערקענען מיט אַ היסטאָרישער באַוואוסטזיניקייט".

ו

סירקין האָט קיין סך ניט געאַרבעט אין דער צייטונג, וואָס ער האָט געשריבן פאַר איר דעם פראָגראַמאַטישן אַרטיקל. איינגיכן איז פאַר אים קלאָר געוואָרן, אַז דער אַרויסגעבער פון דער צייטונג איז אויסן נאָר געשעפט, ביזנעס און אַז זיינע ווערטער זיינען אַרויסגעוואָרפן, געגרעדט, „אל העצים ואל האבנים": ער האָט זיך דעריבער צוריקגעצויגן. אָבער אין די ערשטע נומערן קען מען נאָך געפינען דעם אָנהויב פון אַ סעריע אַר־טיקלען, וואָס קלערן אויף דעם מיין פון „סאָציאַליסטישן ציוניזם", אַ באַגריף, וואָס ער האָט אים באַנייט ערב דעם דריטן קאָנגרעס. אינם דאָזיקן אַרטיקל האָט דער מחבר וויזט אויס געוואָלט אויפבויען אַ גרויסן און ברייטן טעאָרעטישן בנין. פאַראַן דאָס ערשטע קאַפיטל, וואו עס ווערט געמאַכט דער פרואוו איינצושטעלן די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן דיביידע כוחות — נאַציע און קלאַס — אין דער געזעלשאַפט.

דער ציל פֿון די נאַציאָנאַלע קאַמפֿן איז פֿרייהייט. „דער קאַמף פֿאַר פֿרייהייט איז אַ קאַמף פֿאַר לעבן״. אַ סך און פֿאַרשיידענע פֿאָרמען פֿאַרמאָגט דער דאָזיקער קאַמף ביי די אונטערדריקטע פֿעלקער:

„אַמאָל ווערט דער נאַציאָנאַלער קאַמף פּאַראַליזירט צוליב דעם פֿאַרראַט פֿון די העכערע קלאַסן און דער אָרעמקייט פֿון די אויסנוויניקסטע נאַציאָנאַלע פֿאָרמען, פֿון ליטעראַטור און שפּראַך, ביי די נידעריקע קלאַסן; אַמאָל ווידער פֿלאַקערט זיך דער קאַמף פֿונאַנדער ווייל עס האָט זיך געהויבן די קולטור־מדרגה פֿון די פֿאָלקס־מאַסן; אַמאָל ווערט די איינהייט פֿון נאַציאָנאַלן קאַמף געשטערט צוליב דער עקאָנאָמישער קעגנערשאַפֿט פֿון דער בורזשואַזיע, און אַמאָל ווידער פֿאַלט דער מאָראַלישער באַטרעף פֿונעם נאַציאָנאַלן קאַמף צוליב פֿאַרשיידענע אַנדערע אידעאָלאָגישע שטרעמונגען, וואָס פֿאַרכאַפּן די אויפֿשטייגנדיקע קלאַסן. ביי יעדן פֿאָלק און אין יעדן בולטן היסטאָרישן מאָמענט נעמט אָן דער נאַציאָנאַלער קאַמף אַ ספּעציעלע, אינדיווידועלע פֿאָרם, אין הסכּם מיט די עקאָנאָמישע און קולטורעלע פֿאַרהעלטענישן פֿון דער היסטאָרישער תּקופֿה״.

און סירקין גיט אונדז סימנים פֿאַר דער באַציאונג פֿון פֿאַרשיידענע קלאַסן צום נאַציאָנאַלן פֿרייהייטס־קאַמף. ביי די העכערע קלאַסן, ביי דער בורזשואַזיע און דער קירכע, איז ניטאָ קיין שטענדיקע באַציאונג צום נאַציאָנאַלן קאַמף. אַלצדינג הענגט אָפּ פֿון די קאָנקורענץ־און־הערשאַפֿט־פֿאַרהעלטענישן: די אייגענע העכערע קלאַסן פֿון פּוילישן פֿאָלק, למשל, וואָס אין עסטרייך שטייען זיי צו צו דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, ווייל זיי באַשיצן זיך דערמיט קעגן דער קאָנקורענץ און דער אָקופּאַציע פֿון דער בורזשואַזיע ביים הערשנדיקן פֿאָלק, אָט טאָקע די אייגענע קלאַסן מאַכן שלום מיט דער רוסישער צאַרישער מאַכט, ווייל זי עפֿנט פֿאַר זיי דעם ברייטן מאַרק פֿון גרויסן רוסלאַנד. אַנדערש איז די לאַגע ביי דעם מיטלשטאַנד, וואָס ער איז אומעטום דער „אַקטיווער טרעגער פֿון נאַציאָנאַלן געדאַנק״, הן צוליב דעם, וואָס ער איז איינגעוואָרצלט אין דער פֿאָלקס־טראַדיציע און הן צוליב דעם, וואָס די נאַציאָנאַלע פֿאַרשקלאַפֿונג רירט אָן שטאַרקער זיינע אינטערעסן. און אַזוי ווי די קירכע מיט אירע כּלי קודש העלפֿט די העכערע קלאַסן, פּונקט אַזוי העלפֿט די אינטעליגענץ דעם מיטלשטאַנד, וואָס פֿון אים קומט זי אַרויס, און זי ליידט פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿאַרשקלאַפֿונג, און ווייל איר נאַציאָנאַלע קולטור איז העכער איידער ביי די אַנדערע קלאַסן ווערט די דאָזיקע אינטעליגענץ דער אַקטיווער כּוח אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

אין דער באַציאונג פֿונעם פּראָלעטאַריאַט צום נאַציאָנאַלן קאַמף געפֿינט סירקין דריי מדרגות: ערשטער שטאַפּל — דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך

נאָך ניט דערקענט, איז נאָך ניט געוואָרן באַוואוסטזיניק און לעבט נאָך אין דער אַטמאָספֿער פֿון דער פֿאָלקס־טראַדיציע, זיין ערשט שטרעבן צו פֿרייהייט און גערעכטיקייט פֿירט אים צו אַן אַקטיוון אָנטייל אין נאַציאָנאַלן קאַמף; צווייטער שטאַפּל — אינם פּראָלעטאַריאַט כאַפּט זיך אויף זיין קלאַסן־באַוואוסטזיניקייט און ער דערזעט די קעגנערשאַפֿטן צווישן אים און די אַנדערע קלאַסן, ער „הויבט אָן פֿאַרשטיין, אַז דער פּירוד הלבבות און די קעגנערשאַפֿטן, וואָס ווערן באַשאַפֿן אין פֿאָלק צוליב עקאָנאָמישע און געזעלשאַפֿטלעכע טעמים, זיינען גרעסער פֿון דער אחדות, וואָס ווערט באַשאַפֿן פֿון גלייכן נאַציאָנאַלן גורל און בשותּפֿותדיקער חרפּה. עס כאַפּט זיך אויף דער קריטישער חוש לגבי די הערשנדיקע קלאַסן, ער הויבט אָן זען די פֿאַלשע וועגן און פּסולע טעמים וואָס פֿירן זיי אין זייער נאַציאָנאַלן קאַמף, און זיי ווערן אים נמאס. זיין קלאַסן־דערציאונג פֿירט אים דערצו, אַז ער וואַרפֿט פֿון זיך אַראָפּ די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע טראַדיציע, און אויך „זיין אינעווייניקסטער באַהעפֿט מיט דער נאַציע ווערט אָפּגעשוואַכט אין ערשטן מאָמענט“. די דאָזיקע ריכטונג פֿון אויסוואָרצלען דעם נאַציאָנאַליזם ווערט נאָך אונטערגעהאַלטן דורך די „חוצפּהדיק עם־האַרצישע אַרויסטריטן פֿון יענע אידעאָלאָגן, וואָס פֿאַרשטייען נאָר זעלטן דעם אמתן צוזאַמענבונד צווישן די דאָזיקע ענינים“. און נאָר נאָך אַ געוויסער אַנטוויקלונג דערגרייכט דער פּראָלעטאַריאַט ביז צום דריטן שטאַפּל, וואָס דאָ נעמט ער שוין אויף זיך אויך דעם נאַציאָנאַלן קאַמף, אָבער שוין פֿונם קוק־ווינקל פֿון זיינע פּראָלעטאַרישע קלאַסן־אינטערעסן און פֿון זיין סאָציאַליסטישער וועלטאַנשויאונג. — — און ווייל ער פֿאַרמירט זיין נאַציאָנאַליזם אויפֿן יסוד פֿון גערעכטיקייט און שלום, הויבט ער אָן זען אין זיין נאַציאָנאַלן באַפֿרייאונגס־קאַמף אַ טייל פֿון זיין סאָציאַליסטישן קאַמף בכלל. „אַז ער האָט שוין דערגרייכט ביז צו אַ געוויסער מדרגה פֿון צייטיקייט און אַנטוויקלונג וואַרפֿט ער שוין ניט אַוועק דעם נאַציאָנאַליזם, אָבער ער נעמט אים אויך ניט אויף אין זיין עקזיסטירנדיקער פֿאָרם, נאָר פֿאַרקניפּט אים מיט זיין קלאַסן־אינטערעס און הויבט אים אויף ביז צו דער מדרגה פֿון איינעם פֿון די עיקר־פּרינציפּן אין זיין קאַמף פֿאַר אַ נייער קומענדיקער געזעלשאַפֿטס־אָרדענונג“.

זעקסטער קאַפּיטל

אידיש און העברעאיש

א

בעת די באַציאונגען מיטן צוויי־וואָכנבלאַט „אידישע פֿאָלקס־שטימע" זיינען איבערגעריסן געוואָרן, איז סירקין ווידער אַמאָל פֿאַרבליבן אָן אַ טריבונע.* די אידישע סאָציאַליסטישע פּרעסע פֿון אייראָפּע איז אין די הענט פֿונם „בונד" און אין די ווייטע לענדער פֿון יענער זייט ים אין די הענט פֿון די „געגנאָסן": איבעריק צו זאָגן, אַז זי איז פֿאַר אים פֿאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. און אָט געפֿינען מיר אים אין דער צייטונג „דער יוד", אַ בכּבודיק ציוניסטיש וואָכנבלאַט, וואָס גייט אַרויס אונטער דער רע־דאַקציע פֿון ד"ר יוסף לוריע, אַ חבר פֿון זיינע לערן־יאָרן אין בערלין. אינם דאָזיקן וואָכנבלאַט האָט אויך אַ נאָענטן אָנטייל גענומען איסידאָר עליאַשעוו, וואָס איז שפּעטער נתגלה געוואָרן אין דער אידישער ליטעראַטור אונ־טערן נאָמען „בעל־מחשבות" און האָט אויך אַ געוויסע צייט באַגלייט סיר־קינען אין זיין קאַמף קעגן דער הערשאַפֿט פֿון די גבירים־אַסימילאַטאָרן אין דער אידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט. מיר געפֿינען אָבער ניט קיין סימנים אין דער צייטונג „דער יוד", אַז סירקין זאָל דאָרטן האָבן געשריבן וועגן פּראַגעס, וואָס שטייען אויפֿן סדר־היום. דערפֿאַר אָבער האָט סירקין דאָרטן אָפּגעדרוקט אַ גרויסע פֿאָרשונג אין דער שפּראַכן־פּראַגע.**

אינפֿלוג איז דאָס אַ טעאָרעטישער ענין פֿון ריינער פֿאָרשונג, אָבער סירקינען גיט זיך איין אויך דאָ אַריינצושמוגלען זיינע פּרינציפּיעלע מיי־נונגען.

אין יענע צייטן האָט זיך נאָך ניט פֿונאַנדערגעפֿלאַקערט די גרויסע אידישע מחלוקת וועגן די שפּראַכן, וואָס איר איז באַשערט געווען צו צערייסן די אידישע נאַציאָנאַלע אחדות; דער באַגריף „אידישיזם" איז

* אין שפּעטערדיקע נומערן פֿון דער צייטונג געפֿינען מיר נאָך אַרטיקלען אונ־טערגעשריבענע מיט די נעמען בן־אליעזר און ד"ר ג. סירקין, אָבער דאָס זיינען נאָר פֿראַגמענטן פֿון סירקינס ערשטער בראָשור.

** „דער זשאַרגאָן", „דער יוד", 1900, און די נומערן 30, 36, 37, 38, 40, 42, 47. פֿריער נאָך (אין נומער 7) האָט סירקין אָנגעשריבן אַ רעצענזיע־קריטיק אויף דעם ענגלישן בוך פֿון לעאָ ווינער וועגן דער געשיכטע פֿון דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור. סירקינס קריטיק איז געשטיצט געוואָרן פֿונם פֿאָרשער אלעזר שולמאַן (דאָרטן, נומערן 17, 18).

נאָך דענסטמאָל ניט באַשאַפֿן געוואָרן, און די אידעאָלאָגיע, וואָס פֿירט צו איר מאַכט ערשט דענסטמאָל אירע ערשטע טריט. די יונגע פֿאָלקס־אינטעליגענץ, צי זי איז פֿאַרן גלות, צי זי איז ציוניסטיש, איז נאָך ניט פֿונאַנדערגעשפּאָלטן אין דער דאָזיקער פֿראַגע. אדרבה, זי האָדעוועט מיט ליבע און פֿרייד די ערשטע שפּראָצונגען פֿון דער יונגער אידישער ליטעראַטור, ניט ווינסדיק וואו אָהין זי וועט פֿאַרקערעווען — און סירקין, וואָס האָט זיך שוין פֿאַרטיפֿט אין דער אידישער שפּראַך און האָט אין דער צוקונפֿט באַדאַרפֿט ווערן איינער פֿון אירע חשובסטע פּובליציסטן, שטייט ניט צו צו דער ריכטונג פֿון חובבי שפֿת אידיש. ער גייט אַרויס אין קאַמף מיט זיין אייגענעם צוגאַנג און ענטפֿערט אויף זיין שטייגער אויף פֿראַגעס, וואָס זיינען נאָך גאָרניט געשטעלט געוואָרן, אָבער אין דער אַנטוויקלונג וועלן זיי מוזן אַוועקגעשטעלט ווערן מיט דער גאַנצער שאַרפֿקייט.

די טעאָרעטישע פֿאָרשונג סירקינס איז געשריבן צוליב אַ פּראַקטישן ציל. „די אַלטע שונאים פֿון זשאַרגאָן האָבן אים צופֿיל פֿיינט געהאַט, און זיינע נייע פֿריינט האָבן אים אָנגעהויבן צופֿיל ליב האָבן". דעריבער דאַרף מען אָפּשאַצן דעם אמתן ווערט פֿון דער דאָזיקער פֿאָלקס־שפּראַך, און אַזוי אַרום זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון וועגן איר צוקונפֿט.

די געוויינטלעכע טעמים, וואָס מען האָט זיי אַרויסגערוקט אויף צו פֿאַרטיידיקן די אידישע שפּראַך, זיינען ניט שטאַרק געגוג אויף אים איבערצייגן. ער אַנאַליזירט די צוזאַמענזעצונג פֿון דער אידישער שפּראַך, אירע העברעאישע און ניט־אידישע יסודות, ער פֿרעגט קשיות אויפֿן היסטאָרישן מקור פֿון דער שפּראַך און אויף איר צוקונפֿט. און אויף זיין שטייגער דערגייט ער ביז צו זיין פֿונדאַמענטאַלן פּונקט, ביז צו דער לאַגע פֿון אידן צווישן די פֿעלקער. אַט די דאָזיקע לאַגע האָט אַרויסגערופֿן די פֿאַרשיידענע זשאַרגאָנען אין מויל פֿון פֿאָלק און די אייגענע לאַגע פֿאַרמשפּט זיי אויף אונטערגאַנג. „די אידישע האַנט איז פֿאַרמישט אין מיטן דערינען — דאָס איז ניט נאָר אַ כאַראַקטעריסטיש גלייכווערטל, וואָס טיילט אויס געוויסע מידות פֿונם אידישן פֿאָלק; דאָס פֿאָלקס־ווערטל ווייזט אויך אויף דער גאָרער מאַטעריעלער לאַגע פֿון אידן און אויף זייער קיום צווישן די פֿעלקער". אַזוי ווי דאָס אידישע פֿאָלק אין גלות האָט ניט געקענט פֿירן אַ זעלבסטשטענדיקן עקאָנאָמישן לעבן און האָט זיין חיונה געצויגן פֿון דער פֿאַרמיטלונג, פֿון דער אַגענטן־פּראָפֿעסיע צווישן פֿאַרשיידענע קלאַסן, פּונקט אַזוי האָבן אידן אויך ניט געקענט באַשאַפֿן זייער אייגענע שפּראַך. די צופּאַסונג צו נייע לענדער פֿון איין זייט און די גירושים מיט די וואַנדערונגען פֿון דער צווייטער זייט האָבן געמאַכט פֿון זייער פֿאָלקס־שפּראַך אַ „זשאַרגאָן".

און סירקין גיט אָט וואָסערע סימנים פֿאַר דער אידישער שפּראַך:

„זי איז ביידעס: דרויסנדיק־פֿרעמד און נאָענט־אינטים, וואָכעדיק און הייליק, גוייש און אידיש, געאָכפּערט און פֿאַרמיאוסט אין איינעם. הגם דער זשאַרגאָן איז געווען פֿאַר אים פֿרעמד, פֿונדעסטוועגן האָט דאָס פֿאָלק אים געמאַכט פֿאַר זיין שפּראַך, וואָס ער האָט מיט איר געלעבט און גע־פֿילט, גערעדט און געהאָפֿט, וואָס ער האָט אין איר אַריינגעטאָן זיין האַרץ און זיין שכל. — — דער צונויפֿשטעל פֿונם זשאַרגאָן, דער נאַציאָנאַל־העב־רעאישער עלעמענט און די ניט־אידישע שפּראַכן, האָבן אים צוגעגעבן אַ טאָפּלטן כאַראַקטער. צוליב אירע העברעאישע ווערטער איז די שפּראַך געוואָרן אַ אידישע שפּראַך. און צוליב דעם פֿרעמדן דייטשן סקעלעט, אויך צוליב דער גרינגקייט פֿאַר אַנדערע ניט־אידישע שפּראַכן אַריינצודרינגען אין אידיש איז די שפּראַך געוואָרן אַ זשאַרגאָן, אַ וואָכעדיקער לשון אָן דער שטאַנדהאַפֿטיקייט און הייליקייט פֿון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך".

צי קען דער אידישער לשון ווערן אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך? סירקין ענטפֿערט מיט זיכערקייט: ניין. ער שאַצט הויך און אָכפּערט די נייע אידישע ליטעראַטור. ער ליבט און גיט אָפּ כּבוד שלום־עליכמען, ער אָכפּערט פּרצן און ווייזט בכלל אַרויס אַ גרויסן אינטערעס פֿאַר די יונגע, אַנהויבנדיקע שרייבער. ער זעט גרויסע פּראַקטישע אויפֿגאַבעס פֿאַר אידיש. ווייט איז ער דעריבער פֿון יענע, וואָס האָבן פֿיינט אידיש, זיינען מזלזל מיט דער דאָזיקער שפּראַך און קוקן אויס אויפֿן אונטערגאַנג פֿון אידיש. נאָר פֿון דער אַנדער זייט באַלאַנגט ער ניט צו די חסידים פֿון היינטיקן טאָג, פֿון דעם, וואָס עקזיסטירט אין איצטיקן מאָמענט. „דער זשאַרגאָן קען ניט זיין וויניקער אָדער מערער איידער ער איז עס אַליין". אַלע לעבנס־פּראָצעסן אין גלות פֿירן אָוועק פֿון אידיש צו די ניט־אידישע שפּראַכן. די ערשטע חכמה פֿון די משכּילים איז געווען צו לערנען אַ גויישע שפּראַך. אַזוי האָט מען דענסטמאָל פֿאַרשטאַנען דעם עיקר, דעם מהות פֿון דער השכּלה. און פֿאַר יענע, וואָס לייגן זייער האָפֿענונג אויף דער נייער אידישער ליטעראַטור, אַז זי וועט דאָס פֿאַרפֿעסטיקן די אידישע שפּראַך, שטעלט סירקין אָוועק די פֿראַגע: צי האָט זיך געמערט די צאָל אידיש־ריידנדיקע צוליב דער אידישער ליטעראַטור? ס'איז דאָך קלאָר, אַז די צאָל אידיש־ריידנדיקע האָט זיך געמינערט. ניט קוקנדיק אויף דער פּראָפּאַגאַנדע פֿון די פֿריינד פֿון אידישן לשון. און טאָקע די חובבים פֿון אידיש אַליין צווישן דער אינטעליגענץ, צי זיינען זיי מותר אויף זייער גויישער שפּראַך? „צי איז דאָס אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, אויב אירע חסידים און פֿריינד ריידן ניט אויף דער שפּראַך?" — פֿרעגט סירקין אַ קשיא, וואָס קען צעטומלען אויך אַ סך צעפּלאָמטע העברעאיסטן.

ער זעט שוין דעם אָנהויב פון יענער שטרעמונג, וואָס וועט שפּעטער די אידישע ליטעראַטור אָפּשאַצן ווי די אַנטפּלעקונג פונם אידישן נאַציאָנאַליזם און טייטשט דאָס אויס ווי „אַ קראַנקע און משונהדיקע דערשיינונג“, וואָס מען דאַרף אַרויסטרעטן קעגן איר. ער איז מבטל דעם גלויבן, אַז אידיש קען ווען־ניט־איז ווערן די נאַציאָנאַלע שפּראַך פונם אידישן פאָלק און ער זעט אינם דאָזיקן גלויבן דעם טעות פון די פאָלקספריינד „וואָס קענען זיך ניט פונאַנדערקלייבן אינם לעבן פונם פאָלק און מישן אויס אַלצדינג, וואָס די אונטערדריקונג און דער היסטאָרישער אומגליק האָבן אַרויסגעבראַכט אין זיין לעבנס־שטייגער מיט אַלע יענע שאַפונגען, וואָס זיינע פרייע כוחות האָבן זיי אַנטפּלעקט און ער האָט זיי דעריבער פאַרהייליקט ווי דעם עצם יסוד פון זיין לעבן“. אָבער ער מאַכט דערפון ניט דעם אויספיר, אַז מען דאַרף אַרויפזעצן אויף העברעאיש די קרוין און זי מאַכן פאַר דער נאַציאָנאַלער שפּראַך אין גלות. ביי זיין גאַנץ גרויסער ליבע צו דער העברעאישער שפּראַך און ביי זיין גלויבן אין איר צוקונפט פאַרגעסט ער פונדעסטוועגן ניט אירע באַגרענעצטע מעגלעכקייטן אין אידישן גלות־לעבן. ער שאַצט אָפּ זייער פּעסימיסטיש די קעגנוואָרט דעם איצט פון העברעאיש. סירקין, וואָס גלויבט אַזוי שטאַרק אין דער חשיבות פונם מענטשנס ווילן, לאָזט דווקא דאָ אַראָפּ די הענט: „ביי קיין שום זאַך איז דער ווילן פונם יחיד ניט אַזוי אָפּהענטיק, ווי ביי דער פראַגע וועגן דעם קיום פון דער שפּראַך“. די גאַרע האָפענונג פון העברעאיש איז אַ תּנאי־ענין — העברעאיש וועט האָבן אַ קיום נאָר דענסטמאָל, אויב מען וועט אויפשטעלן אַ אידישע מדינה און עס וועט זיך אָנהויבן שאַפן אַ זעלבסטשטענדיק אידיש לעבן.

„דאָס אידיש פאָלק פאַרמאָגט ניט קיין נאַציאָנאַלע שפּראַך, פּונקט ווי אידן האָבן ניט קיין נאַציאָנאַלע ערד. היינט־צו־טאָג איז העברעאיש ניט די נאַציאָנאַלע שפּראַך פונם אידישן פאָלק, נייערט די שפּראַך פון דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור. דאָס אידישע פאָלק אין גלות פאַרמאָגט ניט קיין נאַציאָנאַלע שפּראַך. ערשט דעמאָלט ווען אידן וועלן לעבן אין זייער אייגן לאַנד, וועלן זיי אויך זיך אַנלעבן אַן אייגענע נאַציאָנאַלע שפּראַך, נאָר דעמאָלט, ווען עס וועלן בטל ווערן די כוחות, וואָס צווינגען אויף זיי אַרויף אַ פרעמדע שפּראַך“.

„די נאַציאָנאַלע שפּראַך פונם אידישן פאָלק איז העברעאיש, וואָס האָט זיך אָפּגעהיט אין דער רעליגיעזער און וועלטלעכער ליטעראַטור, איז שטענדיק געווען פאַרהייליקט ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך און האָט פאַר אַלע זשאַרגאָנען פונם אידישן פאָלק אָפּגעגעבן דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט, אַט יענעם טייל, וואָס האָט אויסגעדריקט די טיפערע געדאַנקען און מענטש־

לעכע געפֿילן. אויף ווי ווײַט עס וועט זיך שטאַרקן בײַ דעם אידישן פֿאָלק די האָפֿענונג אויף אַ אידיש לאַנד, אויף ווי ווײַט די דאָזיקע האָפֿענונג וועט זיך אָנהויבן פֿאַרווירקלעכן, וועט אויך די העברעאישע שפּראַך זיך פֿאַרשפּרייטן ווי די שפּראַך פֿון דער ליטעראַטור, וועט ווערן רײַכער מיט ווערטער און אויסדרוקן, וועט אויפֿנעמען אין זיך נײַע עלעמענטן פֿון פֿרעמדע שפּראַכן, וועט ווערן פֿינקטלעך־געניער און לאָגישער און צוגעפּאַסטער, ווי אַ שפּראַך פֿון לעבן און ליטעראַטור. מען קען דאָס שוין איצטער אַרויסזען אין דער נײַער העברעאישער ליטעראַטור, און דער דאָזיקער פּראָצעס וועט זײַן שטאַרקער, ווען דער ציוניזם וועט זיך אָנהויבן פֿאַרווירקלעכן און ווען ער וועט אַרומנעמען גרעסערע פֿאָלקס־מאַסן״.

מען קען פֿון די דאָזיקע ווערטער גרינג אַרויסזען, אַז זיי זײַנען ניט סתם אַזוי און צופֿעליק געשריבן געוואָרן. און טאַקע איז סירקין דערנאָך אינם שפּראַכן־קאַמף שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער אידישיסטישער אידעאָלאָגיע, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט דער עיקר געשריבן אידיש, געלעבט צווישן אידיש־שרײַבער און אין דער געזעלשאַפֿטלעכקייט פֿון אידישע אַרבעטער־פּאַרטייען. ער האָט אין זיך געטראָגן אַ טיפֿע זיכערקייט און גלויבן אין דער חשיבות פֿון דער העברעאישער שפּראַך, פֿון אירע שעפֿערישע כּוחות, אַ גלויבן אין דער אַלוועלטלעכער חשיבות פֿון דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור, אין איר כּוח זיך צו באַנײַען אין אײנעם מיט דער באַנײַאונג פֿונם אידישן פֿאָלקס־לעבן אין זײַן אײגענעם לאַנד.

ב

אין דער אײגענער צײַט, ווען ער האָט געשריבן זײַן ערשטן אַרטיקל אויף צו פֿאַרטײדיקן העברעאיש קעגן אַלע יענע באַרימער, וואָס ווילן זי אָפּפּטרן ווי אַ רעשט פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, איז ער אָבער געשטאַנען אין אַ שאַרפֿער אָפּאָזיציע קעגן דער העברעאישער בעל־הבתּישער פּרעסע, וואָס ער האָט זי פֿאַרמשפּט אויפֿן האַרבסטן אופֿן. אין זײַנע יוגנט־יאָרן פֿלעגט ער נאָך דרוקן מאמרים אין „המגיד״ און „המליץ״. אַצינדערט האָט ער שוין קײן אָרט ניט געפֿונען פֿאַר זײַנע געדאַנקען אין די העברעאישע צײַטונגען. פֿאַרשטײט זיך ממילא — אויך ניט אין „השלח״. פֿרישמאַנס „הדור״, וואָס איז געווען אָפֿן פֿאַר אַלע הײנטוועלטיקע שטרעמונגען איז געווען די אײנציקע צײַטונג וואו סירקינס מאמרים האָבן נאָך געקענט געפֿינען ווי־ניט־איז זײער אָרט. מיר געפֿינען טאַקע דאָרטן (1901) סירקינס אַן אַרטיקל אונטערן קעפּל: „ראַסע, פֿאָלקסטימלעכקייט און נאַציאָנאַליזם״.

דער דאָזיקער טעאָרעטישער אַרטיקל, פּונקט אַזוי ווי דער מאמר „זשאַרגאָן", איז געווען געשריבן קעגן דעם מגוזמדיקן דרך־ארץ פֿאַר פֿאָלקסטימלעכקייט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַרשפּרייטן ביי דער אידישער אינטעליגענץ מיט איר זוכעניש צו געפֿינען עפּעס אַן אָנשפּאַר ביי די אידישע פֿאָלקס־מאַסן. סירקין טרעט אַרויס קעגן אָט דער נייער כּלומרשטער ראָמאַנטיק, וואָס נעמט אויף מיט התפּעלות — לכל הפּחות טעאָרעטיש — אַלע אָנגעלעבטע גייסטיקע פֿאַרמעגנס פֿונם פֿאָלק און בויגט איין דעם קאָפּ פֿאַר זיי; ער פֿאָדערט, אַז מען זאָל זיך פֿונאַנדערקלייבן צווישן יענע פֿאָלקס־שטריכן, וואָס זיינען נאָר אַ פּרוכט פֿון דער פֿינצטערניש פֿונם היסטאָרישן אומגליק, פֿונם פֿאָלקס ירידה און יענע מעלות, וואָס באַפֿרייען און הויבן אויף זיין גייסט. „אָט אַזוי ווי די מעלות און כאַראַקטער־שטריכן פֿון דער ראַסע זיינען ניט אַלע פֿון איין מין און זיינען ניט אַלע מסוגל צו העלפֿן דער ראַסע זיך אויסצובעסערן, פֿאַרקערט, פֿאַראַן צווישן זיי אַזעלכע, וואָס דערפֿירן דעם קיבוץ, דעם קאָלעקטיוו צו אונטערגאַנג, צו טויט — פּונקט אַזוי איז אויך מיט דער פֿאָלקסטימלעכקייט, וואָס פֿאַרמאָגט פֿאַרשיידענע יסודות, אַמאָל פּאָזיטיווע, העלפֿנדיקע, אַמאָל נעגאַטיווע, שטערנדיקע פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿונם פֿאָלק. — — דער פּראָגרעס פֿון דער געזעלשאַפֿט איז ניט אַנדערש ווי דער נצחון פֿון די פּאָזיטיווע גייסטיקע פֿאַרמעגנס אין דער פֿאָלקסטימלעכקייט איבער אירע נעגאַטיווע שטריכן". און די דאָזיקע פּאָזיטיווע שטריכן באַשאַפֿן אינם פֿאָלק מיט זייער נצחון נייע מעלות, וואָס ווירקן אין זיין געשיכטע „און רופֿן אים צו דערקענען די ווירקלעכקייט און פֿילן דאָס לעבן פֿון דער געזעלשאַפֿט". „אינם גאַנג פֿון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג ווערן געבוירן אינם פֿאָלק אַלץ נייע גייסטיקע פֿאַרמעגנס, ווערט באַשאַפֿן אַ נייער נאַציאָנאַלער האָב־און־גוטס, וואָס ווערט אַליין אַ וועקנדיקער היסטאָרישער כּוח אינם פֿאָלק".

מיט דער דאָזיקער טעאָריע איז סירקין געווען אויסן צו באַפֿריידיקן אַ באַדערפֿעניש אין פֿונאַנדערקלייבן זיך אין די פּראָגרעסיווע און רעאַקציאָנערע יסודות פֿון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג; געווען אויסן צו באַפֿרייען דעם ציוניזם פֿון אַ מגוזמדיקן שטרעב זיך צו באַהעפֿטן מיט דער רעליגיעזער טראַדיציע (גענויער — מיט דער רבנישער) און האָט געוואָלט, אַז די נאַציאָנאַלע באַוועגונג זאָל איבערנעמען די ירושה נאָר פֿון יענעם נאַציאָנאַל־גייסטיקן האָב און גוטס, וואָס איז אויסגעלייטערט געוואָרן אינם היינטוועלטיקן געזעלשאַפֿטלעכן באַוואוסטזיין. „פֿאַראַן אינם פֿאָלק אַ סך גייסטיקע פֿאַרמעגנס מיט אַ געהויבענעם כאַראַקטער, וואָס זייער מין, זייער מאָראַלישע און שכלדיקע כּוונה לעבט נאָך עד היום אינם

באַוואוסטזיין פֿונם פֿאָלק און וואָס זיינען אַמאָל געווען די אמתע פֿאָרם פֿאַר זיינע רופֿנדיקע און וועקנדיקע כּוחות, אָבער דערנאָך, אין משך פֿון זיין געשיכטע, איז זייער טעם געוואָרן ווי אויסגעוועפּט, ווי איבערגעביטן און פֿאַרבליבן פֿון זיי זיינען נאָר גרינג־ווערטיקע מנהגים, דינים, מצוות, תּורות, אַזוי אַז זייער נאַציאָנאַלע קדושה איז בטל געוואָרן אין זייער וואָכעדיקער פֿאָלקסטימלעכקייט".

ג

אינם אייגענעם „הדור" און אינם אייגענעם יאָר איז אָפּגעדרוקט אַ צווייטער אַרטיקל סירקינס, ערב דעם 5טן קאָנגרעס, וועגן אויפֿבויען דעם קרן קימת („נאַציאָנאַל־פֿאָנד"). דער היסטאָריקער פֿונם ציוניזם וועט מן־הסתּם זיך דאַרפֿן פֿונאַנדערקלייבן אין די פֿאַרשיידענע מיינונגען, וואָס האָבן אין זייער צייט באַגלייט די גרינדונג פֿונם קרן קימת. וועט ער דענסטמאָל אַ באַזונדערן אינטערעס געפֿינען אין סירקינס מאמר.

דער דאָזיקער אַרטיקל איז אָנגעזאַפּט מיט אַן אינעווייניקסטן אומרו, מיט אַ וואַרטעניש און אַ האָפֿן, מיט אַ טיפֿער זאָרג. „אַזאַ מין אינסטיטוציע איז ניט נאָר פֿרעמד און ניי פֿאַרן פֿאָלק, וואָס ביי אים ווערט זי באַשאַפֿן, זי איז ניי בכלל און האָט ניט איר גלייכן". שווער פֿאָראויסצוזאָגן דעם גאַנג, די אַנטוויקלונג פֿון דער דאָזיקער אינסטיטוציע, וואָרעם זי באַלאַנגט צו יענע אויפֿטוען „וואו אין אָנהויב ווערט געטאָן און ערשט דערנאָך גרונטעוועט מען זיך ביז זיין מיין, ביז צו זיין געדאַנק". די אינסטיטוציע האָט מען שוין גערדאַפֿט אויפֿבויען אויפֿן ערשטן קאָנגרעס, אָבער די רייד און די פֿאַרהאַנדלונגען זיינען דעמאָלט ניט דערגאַנגען ביז צו מעשים. און אַפֿילו איצטער איז „ניט פֿאַראַן ביי דעם עולם אַ טיפֿע פֿאַרשטענדעניש פֿאַרן כאַראַקטער פֿון דער אינסטיטוציע".

„דער נאַציאָנאַל־פֿאָנד קען ווערן אַ פּראַקטישע הילף פֿאַר אַלע יענע נייע שטרעמונגען, וואָס הויבן אָן ביסלעכווייז אַרויסצושפּראָצן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. — — דער אינהאַלט וואָס לעבט אין דער דאָזיקער אינסטיטוציע, אונזער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער שטרעב, קען אויף איר משפּיע זיין, זי צופּאַסן צו נייע געדאַנקען און אויפֿהויבן צו אידעאַלן, וואָס זיינען איצטער העכער פֿון דער ווירקלעכקייט. די נייע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע געדאַנקען, וואָס די הערצער פֿון פֿאַרשיידענע אידישע פּאַרטייען זיינען אָנגעצונדערט אָנגעזאַפּט מיט זיי, קענען דורכגעפֿירט ווערן אין לעבן דווקא דורך דער דאָזיקער אינסטיטוציע און זיי קענען משפּיע זיין אויף אַלע אירע אויפֿטוען, ביז זי וועט ווערן אַ קוואַל פֿון געהויבנקייט, פֿון אַ באַנייטן לעבן ניט נאָר פֿאַר יחידים, ניט נאָר פֿאַר אַ רבים, נייערט פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק".

„און ווייל דער נאַציאָנאַל־פֿאָנד איז דאָס האָב־און־גוטס פֿון דער נאַציע, הן מיט זיין אינהאַלט, הן מיט זיין פֿאָרם, איז ער דעריבער מסוגל זיך צו אַנטוויקלען און ווערן אַ קוואַל, וואָס וועט שאַפֿן אַ ניי לעבן ניט נאָר פֿאַר יחידים, און ניט אַפֿילו פֿאַר אַ רבים, נאָר פֿאַרן כּלל. וואָס ער וועט אים אויפֿהויבן אויף אַ העכערער מדרגה, — און דעריבער טאַקע פֿאַרמאָגט דער נאַציאָנאַל־פֿאָנד יענעם מאָראַלישן יסוד, וואָס וועט פֿאַר אים געווינען די ליבשאַפֿט פֿון אַלע אידישע הערצער. אינם דאָזיקן אויפֿטו געפֿינען מיר יענעם כּוח, וואָס פֿעלט אין אַלע אַנדערע אינסטיטוציעס — — דער נאַציאָנאַל־פֿאָנד קען ריידן אין נאָמען פֿון דער גאַרער נאַציע, אין נאָמען פֿון אירע היסטאָרישע און סאָציאַלע שטרעבונגען״.

און סירקין פֿרעגט:

„צי וועט מען דערקענען אין ציוניסטישן לאַגער די גרויסקייט, צי וועט מען דערזען דעם שפּיץ־בוים, וואָס זיין זאָמען גייט מען דאָס איצטער פֿאַרזייען?״

זיבעטער קאַפּיטל

דער „אויפֿרוף״

א

אַ סך יאָרן האָט סירקין זיך געמיט, געדרשנט, וויכּוחים פֿאַרפֿירט ביז וואַנען עס האָט זיך אים איינגעגעבן סוף כּל סוף אָרגאַניזירן אין יאָר 1901 דריי מענטשן (ער אַליין איז געווען דער פֿערטער) און גרינדן אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן פֿאַראיין, וואָס ער האָט אים אַנגערופֿן אויפֿן נאָמען פֿונם ערשטן ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן אַנזאָגער משה העס. דער ערשטער אויפֿטו פֿונם פֿאַראיין איז געווען — אָרגאַניזירן אַן עפֿנטלעכע לעקציע פֿון סירקינען. אין דרוק האָט זי זיך דערנאָך באַוויזן אין דער פֿאָרם פֿון אַ בראָשור פֿאַר אַגיטאַציע (אין רוסיש) אונטערן קעפּל: „אַן אויפֿרוף צו דער אידישער יוגנט, אַרויסגעגעבן פֿון ציוניסטן־סאָציאַליסטן״.

די פּרינציפּן און טעזיסן פֿונם דאָזיקן אויפֿרוף זיינען געווען די אייגענע וואָס אין דער ערשטער דייטשישער בראָשור און די דייטשע מאמרים. אָבער עס פֿילט זיך אין איר שוין די פּאָליטישע אַטמאָספֿערע פֿונם מאָמענט. אויך די אוידיטאָריע, דער עולם הערער איז געווען אַן אַנדערער, וואָס צו אים זיינען די ווערטער אַצינדערט געזאָגט געוואָרן. אויב די ערשטע בראָשור האָט געהאַט אין זינען דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן עולם און האָט פֿאַר זיי געוואָלט קלאָר מאַכן — כּמעט איבער די

קעפּ" פון זייערע אידישע אַסימילאַטאָרישע חברים — דעם מהות פון דער פאַרפלאָנטערטער אידישער פּראָבלעם, פונאַנדערוויקלען און אויסמאָלן פאַר זייערע אויגן דאָס צוקונפטס־בילד פון דער אידישער סאָציאַליסטישער מדינה; אויב סירקינס דייטשע מאמרים זיינען געווען געשריבן פונקט ווי עס וואָלט פאַר אים געשטאַנען אַן עולם אידישע אַרבעטער אין מערב־אייראָפּע — איז אָבער דער „אויפרוף" געווענדט „צו דער אידישער יוגנט" און געמיינט איז דערמיט אָט יענע יוגנט, וואָס איז אָנגעקומען פון רוסלאַנד און האָט באַשאַפן אין מערב־אייראָפּע די באַוואוסטע „סטודענטישע קאָלאָניעס", די תלמידים און האַדעוואַנקעס פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען. די דאָזיקע יוגנט האָט שוין אין איר גרויסן טייל ניט געדינט דער עבודה זרה פון דער בורזשואַזער אַסימילאַציע, און דעריבער האָט מען אינם „אויפרוף" ניט געדאַרפט אַ סך וועגן איר ריידן, אָבער פון דער אַנדער זייט איז „די דאָזיקע יוגנט געווען גלייכגילטיק, אויב ניט גאָר אין גאַנצן פיינטלעך צום געדאַנק וועגן אַ אידישער מדינה, און וועגן דער אידישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג". דער „אויפרוף" האָט באַדאַרפט אויס־וואָרצלען ביי דער אידישער יוגנט אַזאַ מין באַציאונג, וואָס איז, ווערדליק סירקין מיינט, נישט מער ווי „אַ רעשטל פון דער אַנטי־אידישער פּסיכאָלאָגישער השפּעה פון דער אידישער אַסימילאַטאָרישער בורזשואַזיע".
פון דער אַנדער זייט פּרוּווט סירקין אויסטייטשן די באַציאונג פון דער יוגנט צום ציוניזם ווי אַ רעאַקציע אויף דער בורזשואַזער, אָפּגעשטאַנענער פאָרם, וואָס דער געדאַנק פון דער אידישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג האָט אָנגענומען אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון זיין צייט. דער „אויפרוף" איז געווען אויסן פונאַנדערצושיידן צווישן ביידע ענינים אויפצו־ווייזן, אַז ס'איז ניט פאַראַן קיין שייכות צווישן דעם געלייטערטן ציוניס־טישן געדאַנק און דעם רעאַקציאָנערן מלבוש, וואָס די נאַציאָנאַלע אידישע בורזשואַזיע האָט אים אָנגעטאָן, אַז דער דאָזיקער מלבוש איז גאָר ניט צוגעפּאַסט פאַר אים. דערפון נעמען זיך אינם אויפרוף געוויסע פאַרמור־לירונגען און אויסטייטשונגען, וואָס זיינען אויסן צו פאַרגרינגערן פאַר דער אידישער יוגנט דעם וועג צום סאָציאַליסטישן ציוניזם. מיטן אויפרוף איז סירקין אויך געווען אויסן צו געבן אַ תשובה יענע האַדעוואַנקעס פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָבן זיך שוין דערנענטערט צום ציוניסטישן גע־דאַנק, אָבער בלאָנדזשען נאָך אַרום און געפינען ניט די סמיכת הפּרשיות פון ציוניזם און סאָציאַליזם. און קודם כל האָט דער „אויפרוף" אין זינען יענע „מענטשן אינם ציוניסטישן לאַגער גופא, וואָס זעען ניט קיין ציוניזם אינם איצטיקן „ציוניזם" — און זיי זוכן נייע פאָרמען, וואָס זאָלן זיין מער צוגעפּאַסט צו זייער סאָציאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג".

ב

סיי די דאָזיקע לייט, סיי יענע — האָבן זיך געמאַטערט מיט דער פֿראַגע: אַ איד וואָס האָט זיין „יאָ” געזאָגט צום געדאַנק פֿון אַ אידישער מדינה — וואָסערע פּראַקטישע אויספֿירן דאַרף ער דערפֿון מאַכן לגבי דער רוסישער רעוואָלוציע? איינער פֿון די טעמים, וואָס האָבן אָפּגע־שטויסן די רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ פֿונם ציוניזם, איז געווען דער פֿאַקט, וואָס ער האָט אָפּגעצויגן די אידישע יוגנט פֿון דער רעוואָלוציע. ס'איז געווען אַ ציוניסטישע סברה: איר, וואָס איר זעט אייער צוקונפֿט און אייער אידעאַל אין ארץ־ישראל — וואָס אַרט אייך דער רעזשים, די רעגירונגס־פֿאָרם און דער געזעלשאַפֿטלעכער קאַמף אינם לאַנד, וואָס איר גייט פֿון אים אַוועק? איר האָט סימפּאַטיעס פֿאַר יענע לייט, וואָס קעמפֿן פֿאַר גערעכטיקייט און פֿרייהייט — זייער שיין, אָבער אייער עסק איז דאָס ניט. איר זייט סאָציאַליסטן — אַז איר וועט זיך דערשלאָגן צו אַ אידישער מדינה וועט איר דאַרטן מקיים זיין די מצוה פֿון סאָציאַליזם. אָט אַזוי האָט דעמאָלט געטראַכט ניט נאָר בעל־הבתישע ציוניסטן, נאָר אויך די ערשטע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן זיך מצרף געווען צום ציוניסטישן מנין, און די ערשטע פֿאַראיינען פּועלי־ציון, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַרויס־שפּראַצן אין אידישן תחום המושב.

אַזאַ מין לאָגיק, וואָס ציט אַרויס דעם מענטש פֿון דער שטורעמדיקער וועלט אַרום אים, איז געווען צוגעפּאַסט פֿאַר דער שטימונג פֿון יענע לייט, וואָס די רעוואָלוציע איז געווען פֿרעמד צו זייער גייסט. אַזאַ מין געדאַנקען־גאַנג איז געווען זייער אָנגעלייגט און באַקוועם פֿאַר אַלע יענע, וואָס ווילן לעבן וואָס ווייטער פֿונם וועלט־שטורעם און מיען זיך צו פֿאָלגן די קלוגע עצה פֿון אונזערע חכמים „אַז קיינמאָל זאָל אַ מענטש זיך ניט אוועקשטעלן אויף יענעם אָרט, וואו ס'איז פֿאַראַן אַ סכנה”. דערפֿאַר אָבער האָט אַזאַ פּשטות אין טראַכטן געמאַטערט און געעקבערט דעם מוח פֿון יענע, וואָס דער ריזן־קאַמף אַרום זיי האָט באַוויזן אָנצוציען אַלע סטרונעס פֿון זייער נשמה, וואָס די מענטשלעכע שיינקייט אינם פֿאַרמעסטן זיך מיט די וועלט־טיראַנען האָט פֿאַרכישופֿט זייער גייסט, אַלע יענע, וואָס האָבן מיט פֿרייד זיך געוואָלט וואַרפֿן אין קאַמף אַריין און האָבן זיך געשעמט אַרויסצו־דרייען זיך פֿון סכנות און קרבנות.

און דערווייל באַרעכטיקט אַפֿילו ניט דער לעבנסגאַנג אַזאַ מין רעאַק־ציאָנערע לאָגיק. די אידישע מדינה איז נאָך ווייט און ניט פֿון היינט אויף מאָרגן וועט מען זי אויפֿבויען. פֿאַר דער עליה, פֿאַר דער איינוואַנדערונג אין ארץ־ישראל איז נאָך ניט אָנגעקומען די צייט. די פֿראַגע איז נאָך ניט „אַקטועל”, ניט לפֿי דער שיטה פֿון הערצל און ניט לפֿי דער שיטה פֿון אחד

העם. און דערװײל הױבן זיך און שטײגן אַלץ העכער די כװאַליעס פֿון דער רעװאָלוציע, װאָס טראָגט מיט זיך די גוטע בשורות און הבטחות פֿאַר יענע טעג, װען די זעלבסטהערשונג װעט צעטרײסלט און בטל װערן. און דער אידישער געדאַנק הױבט אָן װידער אַמאָל זיך װאַקלען אױף זײן געװײנט־לעכן שטײגער צװישן לײקענען אין גלות און גלױבן אין „פּראָװעס״, אין גלײכבאַרעכטיקונג. און װידעראַמאָל הױבן אָן אידן האָפֿן אױפֿן שׂכר װאָס זײ װעלן קריגן אין עולם הזה, אין דער דאָזיקער און דאָאיקער װעלט, צװישן די אומות העולם אױף זײערע איצטיקע װאױנערטער, אַ שׂכר פֿאַר זײער אָנטײל אינם קאַמף פֿאַר פֿרײהײט. יעדע נײע רעװאָלוציאָנערע כװאַ־ליע פֿאַרשטאַרקט דעם כּישוף, איז מוסיף שײנע צוזאָגן און ציט אַרײן נײע כּוחות.

און אַפֿילו יענע װאָס שטײען אײנגעשפּאַרט און לאָזן זיך ניט אַרײנ־ציען אין אַלגעמײנעם שטראָם — און צװישן זײ זײנען אױך יענע, װאָס שפּאַרן זיך נאָר לעת עתּה, ביז װאַנען עס װעט אָנקומען אַ שטאַרקערע כװאַליע און װעט זײ מיטציען — אָט אַפֿילו בײ די דאָזיקע לײט איז די נשמה עפּעס אין אומרו. סוף כּל סוף איז דאָך דאָס ניט קײן „אױסנװײ־ניקסטע װעלט״, װאָס נעמט זײ אַרום פֿון אַלע זײטן און װאָס זײ האָבן זיך לגבי איר אַזױ פֿאַרעקשנט. דער שטורעם אַרום איז פֿאַר זײ ניט נאָר אַן אױסנװײניקסטער ענין, עס שטורעמט דאָך בײ זײ אין האַרצן גופֿא. צי קען מען אים אַזױ סתּם אָפּשטופּן פֿון זיך און אים הײסן װאַרטן ביז צו יענע צײטן, װען דער נאַציאָנאַלער איד װעט קענען לעבן זײן אײגן גאַנץ לעבן אין אײגענעם לאַנד און װעט זיך דענסטמאָל מתּיר זײן צו פֿאַר־בלײבן געטרײ זײן פֿרײהײטלעכן באַװאוסטזײן און זײנע רעװאָלוציאָנערע באַדערפֿענישן ?

שױן אין זײן ערשטער בראָשור האָט סירקין געגעבן זײן אײגענעם ענטפֿער אױף דער פֿראַגע ציוניזם־סאָציאַליזם, אַ תּשובה, װאָס איז געװען גאָר אַן אַנדערע אײדער די מײנונג פֿון יענע אידישע סאָציאַליסטן, װאָס, װערנדיק ציוניסטן, פֿלעגן זײ זיך אָפּזאָגן פֿונם סאָציאַליזם און פֿון יעדן אָנטײל אין דער רעװאָלוציע. סירקינס תּשובה טראָגט אױף זיך גאָר אין גאַנצן דעם שטעמפּל פֿון זײן פּערזענלעכקײט. בײ דער גאַנצער טיפֿקײט פֿון זײן נאַציאָנאַלער באַװאוסטזיניקײט און פֿון זײן נאַציאָנאַלן געפֿיל, בײ זײן לחלוטינדיקן פֿאַרלײקענען דעם גלות, קען ער ניט פֿונדעסטװעגן זיך פֿאַרשפּאַרן אין די ד׳ אמות פֿונם געטאָ און ער װאַרפֿט אָפּ די טעאָריע פֿון דער אידישער אָפּגעזונדערטקײט, פֿונם „עם לבדד ישכּון״. אָבער פֿון דער אַנדער זײט, אַפֿילו זײענדיק מיט דער נשמה אַ װעלט־בירגער און אַן אײגענער אין דער װעלט־רעװאָלוציע, װערט ער ניט פֿאַרפֿירט פֿון אילוזיעס

און שאַצט אָפּ ניכטער דעם גורל פֿון אידן אין דער רעוואָלוציע און נאָך איר.

זיין ענטפֿער איז געווען: מען דאַרף צושטיין צו דער רעוואָלוציע, אָבער ניט אויסמעקנדיק דערביי דעם נאַציאָנאַלן פּרצוף און ניט אויס־רעכענענדיק אויף אַ שכר פֿאַר דער רעוואָלוציאָנערישקייט. טאַקע אחדות, סאָלידאַרישקייט מיט אַלע קעמפֿער קעגן פֿאַרשקלאַפֿונג, מיט אַלע יענע וואָס גאַרן נאָך פֿרייהייט און גלייכהייט, אָבער ניט האָפֿן דערביי אַז צוליב דעם אידישן אָנטייל אין דער רעוואָלוציע וועט די אידישע לאַגע קריגן אַ תּיקון, ווייל אין גלות איז פֿאַר אידן קיין תּיקון ניטאָ.

אַ לחלוטינדיקער יאָ פֿאַרן אידישן אָנטייל אין דער רעוואָלוציע און פּונקט אַזאַ ניין פֿאַר דער האָפֿענונג צו געווינען עפּעס דערפֿון — אַזאַ מין מיינונג איז געווען זייער אַ משונהדיקע, הן פֿאַר די ציוניסטן, וואָס האָבן מורא געהאַט, אַז אַ באַהעפֿט מיט דער רעוואָלוציע וועט אָפּציען די יוגנט פֿון דער באַוועגונג פֿאַר דער נאַציאָנאַלער אויפֿלעבונג, הן פֿאַר די חסידים פֿון דער רעוואָלוציע מיט אירע מאמינים פֿון כּל המינים, וואָס אַלע אינ־איינעם זיינען זיי געווען זיכער, אַז דער אידישער אָנטייל אין דער רעוואָ־לוציע וועט ברענגען מיט זיך די אידישע באַפֿרייאונג פֿון פֿאַרשקלאַפֿונג, די אידישע גאולה. סירקינס מיינונג איז געווען דער היפּוך פֿון דער אַלגע־מיינער האָפֿענונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אידן אין די ערשטע יאָרן פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ערב דער רוסישער רעוואָלוציע.

ג

דער „אויפֿרוף צו דער אידישער יוגנט" האַלט זיך ניט ביי דער דאָזי־קער מיינונג אין איר גאַרער שאַרפֿקייט. זיינע פֿאָרמולירונגען זיינען אָפּגע־היטער, וויכער. סירקינס טעאָרעטישער אמת, וואָס ער האָט אים שוין אויסגעדריקט אין זיין ערשטער בראשור און וואָס ער וועט נאָך פֿאַר אים קעמפֿן מיט זיין גאַרער קראַפֿט, איז דאָ אינם אויפֿרוף אַביסל אָפּגעשוואַכט, גרייט צו וויתּורים. רעדט ער דאָך דאָ שוין ניט אין זיין אייגענעם נאָמען נאָר ווי אַ „שליח צבור", גיט ער דאָך דאָ אַ שטיקל אָפּצאָל פֿאַרן גייסט פֿון דער צייט, פֿאַר די באַדערפֿעניש פֿון פּראָפּאַגאַנדע און באַמיט זיך ניט צו זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל שוין גאַרניט זיין פֿאַרשטענדלעך. דאָ רעדט סירקין ניט וועגן געדרודפּטע אידן, פֿאַרשקלאַפּטע צווישן פֿאַרשקלאַפּטע, וואָס שטיצן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, נאָר וועגן דעם „פּאָליטישן קאַמף פֿון די אידישע פֿאָלקסמאַסן אין זייערע וואוינערטער", וואָס איז ניט סותר זייער „שטרעבן צו שאַפֿן פֿאַר זיך אַ זעלבסטשטענדיקן, אויטאָנאָמישן צענטער".

„די אידישע אויסוואַנדערונג איז אַ היסטאָרישער פּראָצעס, און עס קען ניט געמאָלט זיין, אַז זי זאָל זיך פאַרענדיקן אין משך פון אַ קורצער צייט. די אידישע מאַסן וועלן נאָך אַ היפּשע צייט פאַרבלייבן אויף זייערע וואוינערטער און וועלן מוזן מיט וואָס ניט איז אַפּענטפערן אויף זייער שלעכטער לאַגע, קעמפן פאַר אַ בעסערן עקאָנאָמישן מעמד, פאַר פּאָליטישע רעכט, פאַר דעם אַלגעמיינעם שטרעב פון דער געזעלשאַפט צו רעכט אויף אַרבעט און פאַר זייער מענטשלעכן כבוד. ווער עס ווענדט אָפּ די הערצער פון די אידישע מאַסן פון זייער קאַמף אויף די וואוינערטער מיטן תירוץ פון דער אידישער זעלבסטשטענדיקייט אין ארץ־ישראל — דער דאָזיקער טוט איבערגעבן די אידישע מאַסן און דאָס גאַנצע אידישע פאָלק אין די הענט פונם שונא און דערפירט דאָס גאָרע אידנטום צו אַ מאַטעריעלן און גייסטיקן חורבן. און פון דער צווייטער זייט — זינדיקן קעגן די לעבנס־אינטערעסן פונם אידישן פאָלק אַלע יענע, וואָס צוליבן קאַמף פאַרן סאָ־ציאַליזם, צוליב רעפאָרמען אינם לעבן פון די אַרבעטער, זעען זיי ניט דעם שרעק פון אידישן לעבן, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעט קען אים על פּי טבע ניט פאַרגרינגערן. און ווער עס קומט צו די גע־רודפטע אידישע מאַסן, צו די אידישע וואַנדערער, וואָס זוכן שוץ און אַרבעט, און טרייסט זיי מיט דער האָפענונג אויף דער קומענדיקער סאָ־ציאַליסטישער אָרדענונג — דער דאָזיקער איז געגליכן פונקט ווי ער וואָלט געגעבן אַ שטיין דעם מענטש, וואָס בעט ביי אים ברויט".

ד

ווער עס זאָגט „יאָ!" צום פּאָליטישן קאַמף פון די אידישע פאָלקס־מאַסן אויף זייערע ערטער און רופט אין דער אייגענער צייט די אידישע פאָלקסמאַסן און די אידישע רעוואָלוציאָנערע יוגנט צום אַקטיוון אָנטייל אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג מיט אַ בפירושדיקן סאָציאַליסטישן ענד־ציל, יענער איז מחויב אויך אויפצואווייזן מיט וואָסערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַטאָרישע מיטלען קען מען די דאָזיקע צילן דורכפירן אין לעבן. מען קען זיך האָבן צווייערליי מיינונגען וועגן דער דאָזיקער פראַגע און זאָגן: ווער ס'איז מודה הן אין ציוניזם, הן אין סאָציאַליזם, ווערט אַ חבר פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פון דער אַנדער זייט קלייבט ער זיך אויס אַ סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע און איז זיך צו איר מצרף. אַזאַ מין מיינונג דרינגט אַרויס פון דער ערשטער בראָשור, הגם זי איז דאָרטן ניט בפירוש אַרויסגעזאָגט. מען קען אָבער אויך זאָגן: די איינאונ־איינציקע פּאַרטיי מיט איר פּלאַן דאַרף אַרומנעמען הן די אַרבעט פאַר ארץ ישראל הן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבעט אין די גלות לענדער —

ווי עס האָבן געטענהט די פֿאַרשיידענע פּאַרטייען, וואָס האָבן דערנאָך אַרויסגעשפּראָצט פֿון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג. סירקינס „אויפֿרוף" האַלט זיך ביי אַן אַנדער שיטה. הן די אַרבעט פֿאַר ארץ־ישראל, הן די אַרבעט אין די גלות־לענדער דאַרף געטאָן ווערן ניט לפֿי אַ פּערזענלעכן אָפּקלייב. מען דאַרף צוליב זיי שאַפֿן אָרגאַניזאַטאָרישע כלים, וואָס זיינען צוגעפּאַסט צו די פֿאַרשיידענע צוועקן. איין אָרגאַניזאַציע אָדער צוויי? „די צילן און מיטלען פֿוןביידע געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונגען ליגן אויף פֿאַרשיידענע פּלאַכן". און צווייערליי פּלאַכן פֿאָדערן פֿאַר זיך צווייערליי אָרגאַניזאַציעס. די פֿונאַנדערטיילונג דרינגט אַרויס ניט פֿון פּרינציפּיעלע טעמים, נאָר פֿון פּראַקטישע ראיות. „די פֿעדים, וואָס באַהעפֿטן זיי מיט אַנדערע געזעל־שאַפֿטלעכע שטרעמונגען, פֿירן אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען לגמרי". דער פּאָליטישער קאַמף אין די גלות־לענדער פֿירט צו אַ באַהעפֿט מיט ניט־אידישע רעוואָלוציאָנערישע באַוועגונגען; פֿון דער אַנדער זייט מוז דער סאָציאַליסטישער ציוניזם „זיך זוכן וועגן ווי משפּיע צו זיין אויפֿן ביר־גערלעכן ציוניזם און אויף די אידישע פֿילאַנטראָפּישע חברות". דער „אויפֿרוף" רעכנט אויס, אַז פֿאַרשיידענע קרייזן פֿון דער אידישער געזעל־שאַפֿטלעכקייט, וואָס נעמען ניט אָן די תּורה פֿון דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע, וועלן פֿונדעסטוועגן צושטיין צום סאָציאַליסטישן ציוניזם, וואָס געפֿינט זיך אויף יענער זייט גרענעץ פֿון די קלאַסן־אינטערעסן". „און ווייל דער אידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קאַמף איז ניט פֿאַרקניפּט פֿון אינעווייניק מיטן אויפֿבוי פֿון דער אידישער סאָציאַליסטישער מדינה, מוז מען פֿאַר די ביידע מינים געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט, וואָס גיבן אַ תּשובה אויף דער אידנפֿראַגע, שאַפֿן ספּעציעל צווייערליי זעלבסטשטענדיקע אָר־גאַניזאַציעס".

„פֿון איין זייט אַ אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג מיט אַ וואַרעמער באַציאונג צום סאָציאַליסטישן ציוניזם און צום געדאַנק פֿון דער אידישער אויפֿלעבונג, און פֿון דער צווייטער זייט אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וואָס איז מודה אין דער נויטיקייט פֿון אַ רעוואָ־לוציאָנערער סאָציאַליטישער באַוועגונג ביי אידן אין זייערע פֿאַרשיידענע וואוינערטער — אָט דאָס זיינען די צוויי פֿאָרמען פֿון אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען בכּוח צו געבן די אמת פּאָסיקע תּשובה אויף דער אידנפֿראַגע און אויף די באַדערפֿענישן פֿון די אידישע מאַסן".

אין די דאָזיקע שורות מוז מען זען אַן אויסגעשטרעקטע האַנט צום „בונד", וואָס איז דעמאָלט געווען דער איינציקער פֿאַרשטייער פֿון די אידישע אַרבעטער־מאַסן: זאָל דער „בונד" זיך אָפּזאָגן פֿון אַנטי־ציוניזם, זאָל ער מושווה ווערן מיט יענער סאָציאַליסטישער שטרעמונג, וואָס וויל

זיין אַקטיװ אין פֿאַרװירקלעכן דעם ציוניזם. די ביידע פּאַראַלעלע שטרע־מונגען װעלן ממלא זיין איינע די צווייטע און שלום מאַכן צווישן זיך און אַחדות װעט זיך איינשטעלן בײַ דער גאַרער אידישער אַרבעטער־באַװעגונג.

וואָלט דער „בונד" דערנסטמאָל זיך געקאָנט באַפֿרייען פֿון זיין שנאה צו אַלצדינג, וואָס איז געבונדן מיט ארץ־ישראל, קאָן זייער געמאָלט זיין, אַז די געשיכטע פֿון דער אידישער אַרבעטער־באַװעגונג וואָלט גאָר אַן אַנדער פּנים געקראָגן. נאָר דער „בונד" האָט געקוקט אויפֿן לייקענען אין ארץ־ישראל און אין דער אידישער טעריטאָריאַלער זעלבסטשטענדיקייט ווי אויף אַן עיקר פֿון זיין מהות און אויפֿן פֿאַרביטערטן קאַמף מיטן ציוניזם ווי אויף אַ פּרינציפּ אין זיין אַרבעט. און אַזוי אַרום האָט ער דערפֿירט דער־צו, אַז עס זאָל אויפֿקומען אַ נייע באַװעגונג, און מאָביליזירן מוראדיקע כּוחות אויף צו באַפֿרייען די אידישע אַרבעטער פֿון דער בונדיסטישער השפּעה און אַריינגעמען, וועלנדיק אָדער ניט־וועלנדיק די פֿאַרשיידענע אויפֿגאַבעס — הן דעם ציוניזם, הן דעם רעװאָלוציאָנערן קאַמף — אין איין אָרגאַניזאַציע פֿון ציוניסטן־סאָציאַליסטן. דער „בונד", וואָס איז געווען דער בעל דעה אין די ערשטע „אונטערערדישע" פּראָפֿעסיאָנעלע אַרבעטער־פֿאַראיינען, פֿלעגט אויסשליסן יעדן אַרבעטער פֿאַרן חטא פֿון נעמען אַ ציוניסטישן שקל, און אַזעלכע בונדיסטן, וואָס האָבן זיך פֿאַרזינדיקט מיט זייער ציוניזם, האָט מען דערנסטמאָל געקענט געפֿינען צווישן די ערשטע פּועלי ציון.

די שיטה פֿון די „צוויי פּאַראַלעלע פּלאַנען", וואָס אַחוץ די אויבנדער־מאָנטע סטראַטעגישע טעמים האָט זי פֿאַרמאָגט אַן אַנצוהערעניש אויף „אַ סך אַנדערע טעמים", איז געווען גאָר אין גאַנצן צוגעפּאַסט צו סירקינס השגה װעגן דעם אָרט פֿון גלות און ארץ ישראל אין אידישן סאָציאַליזם. די אַרבעט אין גלות איז געווען אַ פּאַליאַטיװ, אַ צייטווייליק העלפֿמיטל אין סירקינס אויגן, בעת די אַרבעט אין ארץ־ישראל האָט פֿאַרמאָגט אַ ראַדי־קאַלע חשיבות. די דאָזיקע שיטה האָט בשעתּה אַרויסגערופֿן אַ שטאַרקע קעגנערשאַפֿט ביי יענע ציוניסטן־סאָציאַליסטן, וואָס זיינען געווען פֿאַרן פּאָליטישן קאַמף אין גלות. דער דור, וואָס איז געווען אויסגעהאָדעוועט אויף פּלעכאַנאָװס „מאָניזם", אויף „אחדות" אין וועלט־אַנשויאונג און אין מעשים, אויף אויסטייטשן אַלע געזעלשאַפֿטלעכע געשעענישן און דערשיי־נונגען מיט דער הילף פֿון איין כּוחות־סיסטעם און געבן איין־און־איינציקע תּשובה אויף אַלע האַרבע קשיות און אַנגעווייטיקטע פֿראַגעס פֿון דער מענטש־הייט; אַ דור, וואָס האָט קאָנצענטרירט זיין גאַנצן כּוח אין איין ריכטונג, אין אויפֿטו — אין דער רעװאָלוציע — אַזאַ מין דור האָט ניט געקענט מסכּים זיין מיט אַ מיינונג וועגן „צווייערליי פּלאַנען" אין לעבן, וועגן פֿאַר־

שיידענע אויפֿטועכצן אין צווייערליי אָרגאַניזאַטאָרישע פֿאָרמען. און דער סוף איז געווען, אַז די שיטה פֿון „צוויי פֿלאַכן" האָט געמוזט אָפּטרעטן איר אָרט פֿאַר דער טעאָריע פֿון „איין פֿלאַך" און פֿאַרן שטרעב צו פֿאַר־איייניקן אין איין אָרגאַניזאַציע די אַרבעט פֿאַר דער אידישער מלוכה מיטן פּאָליטישן קאַמף אין גלות. מיטגעהאָלפֿן האָבן דערביי נאָך עטלעכע סיבות. איטלעכע אָפּגעשפּאָלטענע און אָפּגעזונדערטע שטרעמונג אין דער צערי־סענער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג (און געשפּאָלטן האָט מען זיך לכתחילה אויף דער ליניע: ציוניזם און אַנטי־ציוניזם; דערנאָך שוין אין דער ציוניסטישער מחנה גופֿא: ארץ־ישראל און טעריטאָריאַליזם; און ווידעראַמאָל האָט זיך איטלעכער שטראָם געשפּאָלטן אויף דער ליניע: סאָציאַליזם און קאָמוניזם, און חריפֿים־היצקעפּ האָבן זיך נאָך ווייטער געשפּאָלטן), איטלעכע כיתה האָט גערעכנט, אַז ס'איז איר חוב אַרומצו־נעמען אַלע אויפֿגאַבעס און געבן איר ענטפֿער אויף אַלע פֿראַגעס. און פֿון דער אַנדער זייט, וואָס מער די באַציאונג צום גלות איז צוליב דער רעוואָלוציע געוואָרן אַקטיוועד, יאַ־זאָגערישער און די אַרבעט פֿאַר ארץ־ישראל האָט מען אָפּגערוקט אויף שפּעטערע צייטן, דאָס וויניקער איז דער ציוניזם געווען אַ הלכה למעשה, דאָס ווינציקער פּראַקטישער ענין, און איז מגולגל געוואָרן אין אַ טעמע פֿאַר וויכּוחים אָן אַ סוף. בעת די רעוואָלוציע איז געוואָרן אַ תּוך־און־עיקר־זאַך און דערנאָך אויך דאָס איינציקע אַרבעט־פֿעלד. אָט דעמאָלט האָט די שיטה פֿון די „צוויי פֿלאַכן" אָנגעוואָרן אויך יעדן פּראַקטישן טעם און די כוואַליעס פֿון דער רעוואָלוציע האָבן זי גאָר אין גאַנצן אָפּגעמעקט.

ה

און נאָך אַ שטריך דאַרף מען אויסטיילן אינעם אויפֿרוף: די בולטע אָפּאָזיציע צו דער „פּראַקטישער רעליגיע". סירקין האָט אַריינגענומען דעם קאַמף קעגן דער מנהגים־רעליגיע צווישן די נאַציאָנאַלע און סאָציאַליס־טישע אויפֿגאַבעס. אויך דאָ זיינען געווען עטלעכע סיבות וואָס האָבן גורם געווען צו סירקינס פּאָזיציע.

אַז עס פֿעלן אויס ממשותדיקע צילן פֿאַר אַ לעבעדיקן געזעלשאַפֿט־לעכן קאַמף, ווערט אין אידישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן זייער אָפֿט פֿאַר־שאַרפֿט דער סכסוך אַרום אמונה־ענינים. אַזוי ווי די אידישע רעליגיעזקייט איז ניט תּמיד לשמה, ניט שטענדיק צוליב דעם לויטערן גלויבן, פּונקט אַזוי איז אויך די אידישע אפּיקורסות נאָר זייער זעלטן אַ פֿריידענקער־רישקייט לשמה, אַ באַדערפֿעניש פֿון דער נשמה, אָדער אַ פֿאָדערונג פֿונם טעאָרעטישן שכל. אַזאַ מחלוקת אין אידישן לעבן צוליב אמונה־ענינים

איז ווײַט ניט שטענדיק לשם שמים און שפּיזט זיך אָפּט פון זײַטיקע סיבות און פּניות. דעם אידישן „משכּיל״ האָט זיך מיטאַמאָל פאַרגלוסט „תּיקונים בדת״, רעליגיעזע רעפאָרמען, און אין דער אמתן האָט ער גאָר געגאַרט נאָך רעפאָרמען אין לעבן, נייערט ער האָט ניט געוואוסט ווי מען קומט צו זיי. דער אידישער רעוואָלוציאָנער, וואָס קען זיך ניט דער־שלאָגן צו אַ סאָציאַלן נצחון אין אידישן לעבן, זוכט זיך אויס אַ גרינגן און באַקוועמען אָרט פאַר זײַן אָנפאַל: די אידישע רעליגיעזע טראַדיציע מיט איר גלויבן־און־לעבן־שטייגער. און אויך סירקין, וואָס האָט פאַר זיך און זײַן געזעלשאַפטלעכן, פּאָליטישן און נאַציאָנאַלן קאַמף דעם אמתן וואָר־שטאָט ניט געפונען, רעכנט אינם דאָזיקן מאָמענט פאַר זײַן אויפגאַבע אַרויסצוגיין אין קאַמף קעגן דער אידישער רעליגיעזער טראַדיציע. הגם ער איז אין זײַן גאַנצן מהות זייער ווײַט פון אַזאַ מין אויבנאויפיקער באַציאונג צו אמונה־פראַגעס, זייער ווײַט פון דער ניהיליסטישער, נײַן־זאָגע־רישער באַציאונג צו היסטאָרישע קנינים, וואָס הערשט אין די קרייזן פון דער אידישער אינטעליגענץ, פונדעסטוועגן גיט ער זיך אונטער אין דעם פּרט דעם גייסט פון דער תּקופה און צאָלט איר זײַן אָפּצאָל.

סירקינס חשבונות מיט דער אידישער טראַדיציע זײַנען געווען ווײַט ניט קיין פּשוטע, און צו פאַרשיידענע צײַטן זעען מיר ביי אים אויך אַ סך וואַקלענישן. וויסן, אַריינדרינגען, פאָרשן, קריטיקירן, ליבן, אָכפּערן אָבער אויך אַ לייקענען, אַ פאַראַכטן און מבטל מאַכן — מען האָט דאָס אַלץ אַמאָל געקענט געפינען ביי סירקינען אײַנצײַטיק.

ער שרײַבט אויפרייצנדיקע און שטעכנדיקע אַרטיקלען קעגן איינ־געפונדעוועטע השגות פון דער אידישער טראַדיציע און שרעקט זיך ניט אָפּ אַפילו אין אויסנוצן געדאַנקען פון קריסטלעכע קריטיקער, אָבער אין דער אייגענער צײַט ענטפערט ער מיט תּקיפות איטלעכן, וואָס מאַכט נאָר אַ פּרוּוו אויפצוהויבן דאָס קריסטנטום העכער פון אידנטום. אין אַ וויכּוח מיט נייפּויער, וואָס פאַרטיידיקט אַ געלויטערטן קריסטנטום רעדט ער וועגן דעם עבודה־זרה־כאַראַקטער פון די עוואַנגעלישע שריפטן, וואָס „זײַנען אין פּרט פון ריינעם מאָנאָטעאיזם שטאַרק הינטערשטעליק לגבי די אידישע נביאים״. און הגם ער שאָנעוועט ניט און ווייזט אויף די חסרונות פון אידישן פאָלק, פונדעסטוועגן טרעט ער מיט גרויסער קראַפט אַרויס קעגן איטלעכן, וואָס פּרוּווט נאָר צו מינערן די אידישע אָריגי־נעלקייט. קעגן די פאַרשיידענע מינים לייקענער אין דער חשיבות אין דער אָריגינעלער קראַפט און אין דעם פּאָזיטיוון באַטרעף פונם אידנטום רוקט ער אַרויס ווי אַ פאָן דעם אידישן שבת, ווי אַ סאָציאַלע דערשיינונג פון גאָר אַ באַזונדערן מין אין די טויזנטער יאָרן קולטור־געשיכטע פון

דער מענטשהייט און ווי אַן עדות פֿאַר דער שעפֿערישער קראַפֿט און דער סאָציאַליסטישער נטיה וואָס מיר געפֿינען ביי אידן שוין אין די יוגנט־יאָרן פֿון זייער געשיכטע. סירקין טרעט אַרויס קעגן דער מיינונג, וואָס ער רופֿט זי מיט אַ ביסל איראָניע „די ניט־באַוואוסטזיניקע היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישע וועלט־אַנשויאונג", וואָס טייטשט אונז אויס די מידות פֿונם אידישן פֿאָלק דורך דעם פֿאַקט פֿון דער אידישער פֿאַרשקלאַפֿונג: אַזאַ מין אויסטייטש מאַכט אונז ניט קלאָר גאָרניט —

„פֿאַרוואָס איז דווקא דאָס דאָזיקע שקלאַפֿן־פֿאָלק פֿאַרבליבן אַן אייביק פֿאָלק, בעת אַנדערע שקלאַפֿן־פֿעלקער זיינען אונטערגעגאַנגען? מן הסתם איז דערפֿון געדרונגען, אַז נאָך איידער דאָס פֿאָלק איז פֿאַרשקלאַפֿט געוואָרן האָט מען אין זיין נשמה איינגעוואָרצלט אַזעלכע כוחות, וואָס האָבן אַרויפֿגעלייגט זייער שטעמפּל אויף זיין וואונדערלעכן כאַראַקטער און האָבן אים אָפּגעהיט פֿון אונטערגאַנג. ס'איז קלאָר, אַז די מידות טובות, די מאָראַלישע אייגנשאַפֿט פֿונם אידישן פֿאָלק, האָבן זיך פֿאַרטיפֿט און אַנטוויקלט אין דער צייט פֿון זייער פֿאַרשקלאַפֿונג און האָבן דאַ אַפֿילו אָנגענומען ממשותדיקע פֿאָרמען. אַט אַזוי למשל, דער שבת, וואָס האָט ניט זיין גלייכן ביי קיין שום פֿאָלק פֿון די אַלטע צייטן, און וואָס האָט נאָר אין דער נייער צייט זוכה געווען, אַז די פֿאַרשיידענע פֿעלקער זאָלן אים אַריינ־נעמען אין זייער געזעצגעבונג. אַט דער שבת איז אינדערעמתן אַ אידישער אָפּרופֿן זיך, אַ מאָראַליש רעאַגירן אויף זייער פֿאַרשקלאַפֿונג. אין יעדן אָרט פֿון תנ"ך, וואו עס רעדט זיך וועגן שבת, ווערט אויך דערמאָנט די פֿאַרשקלאַפֿונג אין מצרים. דער שבת און יציאת מצרים זיינען צוגעפּאַסטע השגות, וואָס זיינען ממלא איינע די צווייטע. די שקלאַפֿן־אַרבעט אָן הפּסקות און איבער די מענטשלעכע כוחות אין דער פֿרעמד — אַט דאָס האָט באַשאַפֿן אַ תורה פֿון סאָציאַלע מידות, וואָס זי האָט געהייליקט דעם אָפּרו־טאָג פֿאַרן פֿאַרשקלאַפֿטן, פֿאַר דער דינסט און אַפֿילו פֿאַר דער בהמה. אינם תנ"ך קען מען געפֿינען אַ סך אַזעלכע מאָראַלישע לעבנס־תקנות, וואָס לאָזן זיך אויסטייטשן ווי אַן ענטפֿער אויף דער פֿאַרשקלאַפֿונג צו פֿרעמדער הערשונג. מען דאַרף אָבער אויך ניט פֿאַרזען דעם פֿאַקט, אַז די אידישע תורה פֿון מוסר־מידות איז אויך אַ פּועל־יוצא פֿונם אינווייניקסטן קלאַסן־קאַמף. ווי עס ווייזט אויס, איז קיין שום אַרענע פֿון דער וועלט־געשיכטע ניט געווען אַזוי איבערגעאַקערט פֿון קלאַסן־קאַמף, וואָס האָט געצילעוועט צו אַ געזעלשאַפֿטלעכן גלייכגעוויכט, אַזוי ווי דאָס לאַנד יהודה. און דער ספֿר „דברים" פֿונם חומש איז אַ ליטעראַריש געדעכעניש פֿאַרן נצחון פֿון די פֿאַרשקלאַפֿטע קלאַסן איבער זייערע האַרן אינם קלאַסן־קאַמף. און וואָס איז דען אַזוינס די נבואה אויב ניט אַ רעלי־

גיעז־פּאַטעטישער תיקון, אַ געלייטערטער און אַ געהויבענער פֿאַרן מאַטע־ריעלן קלאַסן־קאַמף״.*

סירקין האָט קיינמאָל ניט אויפֿגעהערט צו באַטראַכטן דעם ווערט און דעם זין פֿון אידישקייט. דערמיט האָט ער אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע אַרבעט און פּונקט מיט אַזאַ מין אידישלעכן חשבון הנפש האָט ער אויך פֿאַרענדיקט זיינע יאָרן. מען קען אויף אים זאָגן בפֿירוש: ער האָט ניט איבערגעריסן דאָס לערנען. די נאָטיץ־ביכלעך, וואָס ער האָט צונויפֿגעש־טעלט פֿאַר זיך אַליין, זיינען פֿול מיט געדאַנקען, קריטישע אָנמערקונגען און ציטאַטעס פֿון פֿרעמדע שריפֿטן: קדמונים און אחרונים, אידישע און ניט־אידישע געלערנטע. און אין זיינע חשבונות מיט פֿראַגעס פֿון אידיש־קייט זיינען געווען אַ סך שטאַפּלען, אַמאָל אַן איבערראַש, אַ שפּרונג, אַמאָל אויך אַ פֿרעמדע השפּעה, אָבער אונטער דער שאָלעכץ, ביי אַלע בייטענישן איז ביי אים געווען בולט זיין אייגענע, אינטימע, איינגעוואָרצלטע באַ־ציאונג צו אידן און אידישקייט.

זיין שנאה צו צביעות האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ שונא פֿון דער רעלי־גיעזער „רעפֿאָרמע״ פֿון דער „געלייטערטער סינאַגאָגע״, וואָס האָט געדינט די אינטערעסן פֿון דער אידישער קאַפּיטאַליסטישער בירזשע; פּונקט ווי ער וואָלט געווען אַ פֿרומער אָרטאָדאָקסישער איד זיינען אים געווען נמאס די „קאַזיאָנע ראַבינערס״, אָט די אידישע טשינאָווניקעס — על פּי רוב זיינען זיי דאָך געווען פֿרעמד צו זייער פֿאָלק און האָבן אויף אים געקוקט פֿון אויבן אַראָפּ, האָבן קיין פֿונק אידישקייט ניט פֿאַרמאָגט און אויך ניט קיין אידישע ידיעות פֿון אַ חדר־אינגל, און אַ חוץ דעם האָט זיי דאָך די צאַרישע רעגירונג אָנגעזעצט אויפֿן אידישן קאָפּ און געהייסן שערן און דריקן דאָס אידישע פֿאָלק. און אויף אַזוי ווייט איז געגאַנגען זיין שנאה צו די „צאַרישע רבנים״, אַז ער האָט זיי פֿאַררעכנט צווישן יענע פֿינצטערע כּוחות, וואָס „האָבן אונטערגעהאַלטן דאָס עם־הארצות צווישן די אידישע מאַסן״, הגם אינדעראמתן האָבן אידן געקוקט אויף זיי ווי אויף אַן אָנשיי־קעניש און זיך כּלל וכלל ניט גערעכנט מיט זיי. און אַז עס האָבן זיך באַוויזן אין זיין ציוניסטישן דור קאַזיאָנע ציוניסטישע רבנים און צווישן זיי, זייט ביי זייט מיט שפּלע קאַריערעסטן, זיינען אָבער אויך געווען אַזעל־כע, וואָס האָבן זייער פּאָסטן אויסגעקליבן כּדי צו קענען דינען אויף אַ בעסערן אופֿן דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט סירקין זיי ניט געוואָלט מוחל זיין דעם דאָזיקן „קאַזיאָנעם״ דרך.

---

* Zur Judenfrage. Eine Erwiderung. "Deutsche Worte," XX, April 1900.

זיין שנאה צו פֿאַרגליווערטקייט, צו גייסט־פֿאַרשקלאַפֿונג, צו יעדער געדריקטקייט פֿון דער נשמה האָט פֿון אים געמאַכט אַ קעמפֿער קעגן דער אידישער רבנות. ער האָט זי געזען אין איר מלחמה קעגן דער השכלה, בעת זי האָט גערודפֿט יעדן פֿונק פֿון פֿרייען געדאַנק, אין איר קעגנערשאַפֿט צו חיבת־ציון און צום ציוניזם, אין איר פֿרעמדקייט און שנאה צום סאָציאַליזם, אין איר אונטערגעבן זיך צו אידישע און ניט־אידישע תּקיפֿים; ער האָט אויך געזען יענע רבנים, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צום ציוניזם, ווי זיי ווילן דאָס פֿאַרכאַפּן די ממשלה אין דער באַוועגונג און שטעלן זיך אַנטקעגן יעדער סאָציאַלער און קולטורעלער באַנייאונג — האָט ער אָנגעהויבן שיסן אין זיי זיינע פֿיילן.

זיין שנאה צום גלות און צו דער אידישער שפֿלות און געדריקטקייט וואָס זיינען פֿאַרקניפּט מיטן גלות האָט אים דערפֿירט ביז צו דעם געדאַנק, אַז מען דאַרף אָפּשיידן דאָס אידישקייט פֿון די נביאים, וואָס איז געבוירן אין פֿרייהייט, אינם אייגענעם לאַנד און איז אַ סימן פֿון אידישער גבורה, שעפֿערישקייט און פֿון אַ געהויבענעם אוניווערסאַלן אידעאַל פֿון סאָציאַלער גערעכטיקייט, אַז מען מוז אָפּשיידן גאָר אין גאַנצן תּנ״ך־אידישקייט פֿונם „תּלמוד־אידישקייט״, וואָס איז אַ קינד פֿונם גלות און וואָס זיינע סימנים זיינען — ווילדער ניט־וויסן פֿון דער וועלט, אָפּגעזונדערטקייט און פֿאַרקרימטקייט. „דאָס אידישע פֿאָלק איז איינע פֿון די העכסט געבענטשטע און פֿיאיקסטע נאַציעס, איינס פֿון די גאונישסטע פֿעלקער אין דער מענטשהייט. — — דער גלות און די פֿאַרשקלאַפֿונג האָבן פֿונם אויסטערלישן פֿאָלק געמאַכט אַ קאַריקאַטור, האָבן אים געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט צווישן די פֿעלקער און צו אַ שווערער משא פֿאַר זיך אַליין, זיי האָבן זיינע מידות פֿאַרדרייט און פֿאַרדאָרבן״. און די דאָזיקע ירידה, דאָס דאָזיקע פֿאַרדרייעניש אין זיין נשמה געפֿינען זיך זייער נעסט און ווייזן זיך אַרויס אין פֿאַרשיידענע דערשיינונגען פֿון זיין לעבן: אין דער אידישער קאַפּיטאַליסטישער בירזשע, אין דער אַסימילאַציע, אין דער רעפֿאָרמירטער סינאַגאָגע, אין דער מערב־אייראָפּעאישער טעאָלאָגיע, אין נאַרישע איינרעדענישן און איינגלויבענישן און אין דער אידישער „מנהגים און דינים־רעליגיע״. אָט קעגן זיי אַלעמען, קעגן די סימנים פֿון דער אידישער ירידה אין גלות דאַרף מען אַרויסטרעטן מיט אַ קאַמף, כּדי עס זאָל זיך ווידעראַמאָל פֿונאַנדערפֿלאַקערן דער פֿייער פֿון דער שעפֿערישער נבואישער אידישקייט.

ו

די ציוניסטישע באַוועגונג אין איר איצטיקער פֿאָרם פֿירט ניט דעם דאָזיקן גייסטיקן קאַמף פֿאַר „קולטור, וויסנשאַפֿט און פֿרייהייט״. אדרבא,

פונקט פאַרקערט: „זי האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט צו פינצטערע רבנים און האָט באַשאַפן אין ציוניזם אַ צבועקישן קולט פון דער רעליגיעזער אידישקייט; זי איז זיך מתעסק אַליין מיט דער מיאוסער מלאכה פון צושטעלן דער צאַרישער רעגירונג „קאָזיאָנע ראַבינערס" און פּראָפּאַגאַנדירט צווישן אידן, אַז זיי זאָלן איבעררייסן די באַציאונגען מיט אַלע געהויבענע און פּראָגרעסיווע געדאַנקען פון דער מענטשהייט, וואָס האָבן כּלומרשט אָפּגענאַרט דאָס אידישע פאָלק".

פאַרוואָס האָט דער ציוניזם אָנגענומען אַזאַ פאָרם? אידישע סאָציאַליסטן זוכן און געפינען אַזאַ מין פּירוש דערצו: דער ציוניזם איז ניט אַנדערש אויסן ווי באַוואָרענען די ממשלה פאַר דער אידישער בורזשואַזיע אין איר שטרעב צו רווחים. „אַזאַ מין פּירוש איז פונקט אַזוי תּמימותדיק ווי גראָב". „ניט פון בורזשואַזע קלאַסן־אינטערעסן שטאַמט דער בורזשואַז־רעאַקציאָנערער כאַראַקטער פונם ציוניזם, ניט דער שטרעב פון די אידישע בורזשויעס צו רווחים אָדער צו פּאָליטישער הערשונג איז דאָ שולדיק; דער ציוניזם האָט זיין איצטיקן כאַראַקטער געקראָגן צוליב דער עם־הארצות און פינצטערקייט פון די אידישע פאָלקס־מאַסן". און אויך די אידישע סאָציאַליסטן האָבן זיך זייער חלק שולד אין דער איצטיקער לאַגע: „זיי האָבן מיט שנאה געקוקט אויפן עצם מהות פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און האָבן לאַ די וואָס ניט געפּרואווט אַריינצוברענגען אינם ציוניזם סאָציאַליסטישע געדאַנקען, נאָר אַפילו פאַרדרייט אויף אַ ליגנערישן אופן דעם אָפּשטאַם פון דער באַוועגונג און איר אינעווייניקסטן וועזן און האָבן זי אויסגעטייטשט אין גאַנצן ווי אַ שטרעב פון דער אידישער בורזשואַזיע צו באַוואָרענען פאַר זיך רווחים און פּאָליטישע הערשונג".

אַזאַ מין אויסמאָלן דעם ציוניזם איז אַ פעלשונג פון זיין אמתן יסוד. דער מהות פון ציוניזם איז גאָר אַן אַנדערער, און אַפילו זיין איצטיקער ציל, ניט־קוקנדיק אויף זיינע חסרונות, איז ניט רווחים. נאָר פונדעסטוועגן קען מען ניט זאָגן, אַז די סכּנה פון יאָגעניש נאָך געשעפטלעך און פאַרדינסטן לאָקערט ניט ביי דער טיר פון ציוניזם.

„אין דעם מאָמענט ווי עס וועט זיך אָנהויבן די פּראַקטישע אַרבעט, וועלן זיך תּיכּף לאָזן פילן די אינטערעסן פון די קאַפּיטאַליסטן, בורזשויעס, טעכניקער, אַגראָנאָמען, דירעקטאָרן, ביוראָקראַטן און אַלע אַנדערע הערשנדיקע קלאַסן. ביי דער קאָלאָניזאַציע וועט זיך פונאַנדערפלאַקערן אַ קלאַסן־קאַמף, וואָס וועט צעשטערן די אידישע מדינה אין עצם אָנהויב. די קעגנערשאַפט פון אינטערעסן, וואָס ווערט באַשאַפן דורכן ציוניזם גופא, אָט זיי וועלן דאָס ווערן דער פעלזן־שטיין, וואָס וועט צעברעכן די ציוניסטישע שיף".

און פֿאַרן ריכטער־שטול פֿון דער געשיכטע וועלן דענסטמאָל זיין די שולדיקע ניט נאָר די ציוניסטישע רעאַקציאָנערן. „ניט קלענער וועט זיין דער חטא פֿון די אידישע סאָציאַליסטן, אויב זיי וועלן בלייבן שטיין פֿונדערוייטנס. זיי פֿאַרמאָגן אין זיך דעם כּוח — צו פֿירן די ציוניסטישע באַוועגונג אין אַ סאָציאַליסטישער ריכטונג״.

כּדי אָפּצוהיטן דעם ציוניזם פֿון סכּנות, וואָס לאָקערן אויף זיין וועג, דאַרף אויפֿשטיין אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג. זי פֿאַרברייטערט די השגה וועגן „ארץ־ישראל״ און נעמט אַריין אויך די „שכנותדיקע לענדער, וואָס באַלאַנגען צו ענגלאַנד״ (סירקין איז דערמיט אויסן אַל־אַריש און ציפּערן), און צוליב דעם טאַקע „קריגט מען די מעגלעכקייט תּיכּף צוצוטרעטן צו דער אַרבעט און אויפֿבויען די אידישע מדינה״. „דער ציוניסטישער סאָציאַליסט וועט אויך דערפֿירן צו אַ האַרמאָניע צווישן ציוניזם און די מאַטעריעלע און גייסטיקע אינטערעסן פֿון די פֿאָלקס־מאַסן און וועט פֿאַרוואַנדלען דעם ציוניזם אין אַ געהויבענעם אידעאַל, וואָס דאָס פֿאָלק וועט פֿאַר אים קעמפֿן און פֿאַר אים לעבן״.

„מיר, ציוניסטן־סאָציאַליסטן, הויבן איצטער אויף די פֿראַגע פֿון דער אמתער פֿרייהייט פֿאַרן אידישן פֿאָלק, מיר טראָגן אַריין אַן אויפֿלעבונג אינם אידנטום דערמיט, וואָס מיר ברענגען אַריין אין יעדן קעמערל דעם געהויבענעם געדאַנק פֿון סאָציאַליזם, מיר — זיינען די ציוניסטן״.

די דאָזיקע שטאָלצע ווערטער — אַ בשורה אויף נייע אויפֿקומענדיקע כּוחות אין ציוניזם — זיינען ניט געזאָגט געוואָרן אין נאָמען פֿון פֿאַראַנענע קרעפֿטן, וואָס מען קען זיי אָנטאַפּן מיט דער האַנט, נייערט אין נאָמען פֿון אַ פֿאַראיין וואָס די צאָל חברים זיינע האָט סך הכּל דערגרייכט ביז פֿיר, און וואָס זיין עצם קיום האָט אַרויסגערופֿן דענסטמאָל מער חוזק איידער כּעס. וועגן דער אַרבעט פֿונם דאָזיקן פֿאַראיין ווייסן מיר גאָרנישט. מיר ווייסן אויך ניט, וואָס איז געבליבן פֿון זיינע גרינדער, צי זיינען זיי, אין די איבערקערענישן פֿון די צייטן פֿאַרבליבן געטריי צו זייערע עיקר־געדאַנקען.

נאָר דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אומרו און קאָך האָט זיך שוין דענסטמאָל אָנגעהויבן. אַ געוויסע צייט נאָכן אַרויסלאָזן דעם „אויפֿרוף״ זעען מיר ווי סירקין גרינדעט אַ נייע אָרגאַניזאַציע: „חירות״. זי האָט שוין פֿאַרמאָגט צען חברים,* מיט צוויי צווייג־אָפּטיילונגען — אין בערלין און צוריך.

---

* צווישן זיי: בעל־מחשבות, א. גורלאַנד, משה זילבערפֿאַרב, וו. לאַצקי, ז. קאַלמאַנאָוויטש.

אַכטער קאַפּיטל

„חירות"

א

„חירות" האָט זיך באַוויזן אויף דער וועלט אין די טעג פֿון פֿינפֿטן ציוניסטן־קאָנגרעס, אין איין צייט מיט דער „דעמאָקראַטישער פֿראַקציע", וואָס האָט אויך אַרויסגעשפּראָצט פֿונם אייגענעם בערלינער קרייז אידישע אינטעליגענץ, אויסגעהאָדעוועט אין מערב־אייראָפּע און אָנגעזאַפּט מיטן גייסט פֿון ראַדיקאַליזם. דער חילוק צווישן ביידע אָרגאַניזאַציעס איז געלעגן ניט נאָר אין זייער באַציאונג צום סאָציאַליזם און צו דער קומענדיקער געזעלשאַפֿטס־אָרדענונג אין דער אידישער מדינה. אויך אין דער דעמאָקראַטישער פֿראַקציע האָבן ניט אויסגעפֿעלט קיין מענטשן, וואָס וואָלטן בלב ונפֿש מסכּים געווען, אַז די אידישע מלוכה זאָל מען אויסבויען אויף אַ ריינעם סאָציאַליסטישן יסוד. דער עיקר, וואָס האָט זיי צעשיידט, דאַרף מען זען אין זייער באַציאונג צו דער ציוניסטישער קעגנוואַרט־אַרבעט.

די „דעמאָקראַטישע פֿראַקציע", וואָס האָט זיך באַוויזן אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן מיט אַ גרויסער פּאָמפּע, האָט געפּרוּווט פֿאַרריכטן עטלעכע חסרונות אינם הערצלישן ציוניזם: געפֿאָדערט דעמאָקראַטישע פּאַראַגראַפֿן אין דער קאָנגרעס־אַרבעט, פּראָטעסטירט קעגן הערצלס „זעלבסט־הערשונג", געמאָנט מען זאָל די קולטור־אַרבעט אַריינעמען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג (הגם זי האָט קיינמאָל קלאָר ניט אַרויסגעזאָגט זיך וועגן איר קולטור־פּראָגראַם), האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער קלערי־קאַלער סכּנה, געוואָלט אויך „קעגנוואַרטס־אַרבעט" און געקלערט וועגן פֿאַראייניקן די תּורה פֿון אחד־העם מיטן פּאָליטישן ציוניזם.

די פֿראַגע וועגן פֿאַרווירקלעכן דעם ציוניזם איז דענסטמאָל נאָך ניט געשטאַנען פֿאַר די ציוניסטן אין איר גאַנצער שאַרפֿקייט. דער סתּם־ציוניסט האָט געגלויבט אין הערצלען און האָט קיין קשיות ניט געפֿרעגט. ער האָט געלעבט מיט האָפֿענונגען. הערצלס כּישוף, האָט ער זיך געטראַכט, וועט סוף כּל סוף ווייך מאַכן דאָס האַרץ פֿונם טערקישן סולטאַן און פֿון די אַנדערע מלכים, און אויך די אידישע גבירים וועלן דענסטמאָל זאָגן אמן. איטלעכע נייע דיפּלאָמאַטישע באַגעגעניש פֿון הערצלען מיט פֿאַרשיי־דענע מלכים און מיניסטאָרן פֿלעגט שטאַרקן דעם גלויבן פֿון תּמימות־דיקן ציוניסט, הגם זי האָט נאָך ניט געבראַכט די ישועה. דער כּלל־טוער, וואָס האָט צוליבן פּאָליטישן ציוניזם נאָך ניט פֿאַרגעסן די אַרבעט פֿון אַ חובֿבֿי־ציון, האָט אַחוצן וואַרטן אויף ישועות פֿון פּאָליטיק און אָרגאַ־

ניזאַציע ניט אָפּגעלאָזט די הענט אויך פֿון דער קליינטישנקער חובבֿ־ציוניִשער אַרבעט פֿאַרן ישוב ארץ־ישראל: ער האָט זיך דערמיט אַ מין גאַראַנטיע און פֿאַרזיכערונג געשאַפֿן קעגן אילוזיעס. און דער ציוניסטישער אינטעליגענט און ראַדיקאַל, וואָס זיין גלויבן אין הערצלס דיפּלאָמאַטיע איז געווען אויסגעמישט מיט אַ היפּשער פּאַרציע ספֿקות, האָט מער גע־דאגהט פֿאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג, איידער פֿאַר אירע צילן. ער האָט זיך דעריבער ווייניק וואָס אינטערעסירט מיט דער פֿראַגע: ווען און ווי אַזוי וועט מען קענען פֿאַרווירקלעכן דעם ציוניזם? די זאָרג פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון ציוניזם האָט ער אָפּגעלייגט אויף אַ שפּעטערדיקער צייט. דער ציוניזם איז אַ היסטאָרישער פּראָצעס און ס'איז פֿאַראַן גענוג אַרבעט פֿאַר פּראָפּאַגאַנדע, אָרגאַניזאַציע, וויכּוחים וועגן די אינעווייניקסטע פֿראַגעס פֿון דער באַוועגונג. דערווייל האָבן זיך באַוויזן אויך גוטע אויסקוקן פֿאַר דער גלות־אַרבעט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה וויכּוחים וועגן „קעגנוואַרטס־אַרבעט" וואָס רופֿט אַרויס ניט קיין קליינעם אינטערעס.

„חירות", וואָס האָט פֿאַרמאָגט געוויסע ראַדיקאַלע פּונקטן בשותּפֿות מיט דער „דעמאָקראַטישער פֿראַקציע", און אַנדערע פּונקטן ווידער פֿון דער באַוועגונג האָבן ביי איר אַרויסגערופֿן אַ גרעסערן צער און צאָרן, האָט אָבער דערינען ניט געזען דעם עיקר. אין צענטער אינטערעס ביי „חירות" איז געשטאַנען די פֿראַגע: ווי אַזוי פֿאַרווירקלעכט מען דעם ציוניזם? ווער זיינען דאָס די געזעלשאַפֿטלעכע כּוחות, וואָס וועלן דאָס טאָן, און פֿון וואַנען וועט מען נעמען די מיטלען אויף דורכצופֿירן דעם ציוניזם אין לעבן?

ב

„חירות" קערט זיך אויס מיטן פּנים „צו די פּראָגרעסיווע ציוניסטן, וואָס דער ציוניזם איז פֿאַר זיי ניט סתּם אַן ענין פֿון צייט־אויסבערענגען, נאָר אַן ערנסטע און הייליקע זאַך" * וואָס זיי „טרייסטן זיך ניט דערמיט, אַז דער ציוניסטישער געדאַנק וועט מקוים ווערן ערשט אין הונדערט יאָר אַרום"; ** „חירות" ווייזט אויף, אַז די לאַגע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג איז זייער אַן ערנסטע: אמת, דער ציוניסטישער רעיון איז שוין באַוווּסט געוואָרן אין דער וועלט און מען האָט שוין באַשאַפֿן כּלים פֿאַר דער ציוניסטישער אַרבעט, די עפֿנטלעכע מיינונג פֿון דער וועלט ווערט אויך ביסלעכווייז געוואונען פֿאַרן ציוניזם, אָבער די פֿאַרווירקלעכונג איז נאָך

---

* „דאָס פֿאָלק אין זיין קאַמף פֿאַר פֿרייהייט", ערשטעס פֿלוגבלאַט פֿון „חירות".

** „דער קאַמף פֿאַר ציוניזם", צווייטעס פֿלוגבלאַט פֿון „חירות".

אַלץ זייער ווייט. עס פֿעלט דער עיקר: „דאָס אידישע פֿאָלק איז נאָך אַלץ פֿאַרזונקען אין שלאָף און עס האָבן זיך אין אים נאָך ניט אויפֿגעכאַפּט די כּוחות, וואָס דאַרפֿן דורכפֿירן דעם ציוניזם אין לעבן"; „די כּלים, די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען באַשאַפֿן געוואָרן, פֿאַרמאָגן ניט גענוג מאַטעריעלן און פּאָליטישן כּוח אויף דורכצופֿירן דעם ציוניזם". אויך די סימפּאַטיעס פֿון דער עפֿנטלעכער מיינונג אין דער וועלט וועלן ניט העלפֿן, אויב אין פֿאָלק גופֿא וועלן זיך ניט באַווייזן יענע כּוחות, וואָס וועלן פֿאַרשטיין ווי אויסצוניצן די דאָזיקע סימפּאַטיעס צוליב ממשותדיקע אויפֿטועז. „ס'איז נאָך ניט געווען אַזאַ גינציקע און מזלדיקע שעה פֿאַרן ציוניזם ווי די איצטיקע, און פֿונדעסטוועגן איז דאָס פֿאָלק ניט אויפֿגעשטאַנען ווי איין מענטש, מיט אַ פּאָליטישן ווילן און מיט אַ גרויסער קראַפֿט, כּדי זיך צו דערשלאָגן צו זיין פֿרייהייט".

דער עיקר־חסרון פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז דאָס, וואָס זי האָט נאָך ביז אַצינדערט ניט אַנטפּלעקט דעם געזעלשאַפֿטלעכן טרעגער פֿון איר אידעאַל.

„מען האָט געפּרואווט געווינען פֿאַרן ציוניזם די גרויסע און די קליינע בורזשואַזיע. על פּי טעות האָט מען געטראַכט, אַז ווייל די דאָזיקע קלאַסן זיינען רייך, וועט אויך זייער חשיבות פֿאַרן ציוניזם זיין אַ גרויסע". „ניט ווייניק טעותן געפֿינען מיר אין דער אָרגאַניזאַציע און פּראָפּאַגאַנדע פֿון ציוניזם, וואָרעם זי האָט זיך געפֿלייסט אַלצדינג צוצופּאַסן צו די רעאַקציאָנערע מיינונגען און געפֿילן פֿון דער בורזשואַזיע — אָבער געבליבן איז מען נאָר ביי די טעותן: דער אידישער גבירישער קלאַס איז ניט צוגעשטאַנען צום ציוניזם".

„דאָס אידישע קליינבירגערטום שטרעבט אמת ניט צו אַסימילאַציע — די דאָזיקע שיכט איז נאַציאָנאַל אין איר מהות און איז מסוגל צוצושטיין צום ציוניזם, אָבער זי קען בשום אופֿן ניט ווערן אַן אַקטיווער ציוניסטישער כּוח".

„די אידישע מדינה דאַרף זיין פֿאַרשטענדלעך פֿאַר די אידישע פֿאָלקסמאַסן (פֿאַרן המון), זי דאַרף לעבן אין זייער באַוואוסטזיין ווי אַ הייליק, משיחיש שטרעבן צו געהויבענע לעבנספֿאָרמען און צום נצחון פֿונם אמת אויף דער וועלט. די פֿאָרמען פֿון דער קאָלאָניזאַציע דאַרפֿן זיין צוגעפּאַסט צום געדאַנק וועגן אַ באַנייטן און געהויבענעם לעבן. די ערד און דאָס פֿאַרמעגן, וואָס ווערן אָנגעקליבן פֿונם קרן קימת, דאַרפֿן פֿאַרבלייבן אויף שטענדיק דאָס האָב־און־גוטס פֿון דער נאַציע, די אינדוסטריע און דעם סחורות־אויסבייט דאַרף מען אויפֿבויען אויף נאַציאָנאַלע קאָאָפּעראַטיווע יסודות — און וואָס ווייטער עס וועט זיך הויבן און גרעסער און שענער

ווערן דער ציוניסטישער אידעאַל אין די אויגן פֿונם פֿאָלק, אַלץ בעסער וועט דאָס פֿאָלק דערזעזן און דערפֿילן דעם תּהום, וואָס שיידט אָפּ זיין איצטיק שלים־מזלדיק לעבן פֿונם אידעאַל, און אַלץ מער וועט עס זיך פֿאַרטיפֿן און פֿאַרשטאַרקן אין זיינע ציוניסטישע איבערלעבענישן און אין זיין שטרעבן צו דער ציוניסטישער פֿאַרווירקלעכונג".

דער מעגלעכער טרעגער פֿון דער אידישער פֿרייהייטס־באַוועגונג איז דער „המון", וואָס די אידישע טראַגעדיע איז אים נוגע מיט איר גאַנצער שאַרפֿקייט און וואָס טראָגט אויף אים אַרויס איר גזר־דין — אויסגע־וואָרצלט צו ווערן פֿון זיינע פּרנסה־קוואַלן און פֿון די לענדער־וואוינ־ערטער, וואו ער געפֿינט זיך איצטער. אָט דער „המון" וועט דאָס פֿאַרווירק־לעכן דעם ציוניזם. „ער פֿאַרמאָגט ניט דעם ווילן צו דער דאָזיקער שליחות און וייס נאָך ניט מיט וואָסער וועג ער זאָל גיין צו דער ציוניס־טישער פֿאַרווירקלעכונג". אָבער דאָס איז איצט די אויפֿגאַבע — אויפֿצו־וועקן אינם המון דעם געפֿיל פֿון זיין היסטאָרישער טראַגעדיע, דעם באַוואוסטזיין, אַז אינם גלות־לעבן איז פֿאַר אים קיין האָפֿענונג ניטאָ, ווייל ער איז דאָ „אַ פֿאָלק אָן אַ לאַנד, אָן אַרבעט, אָן אַ שפּראַך, אָן אַ קולטור און אָן כּבוד", און אַזוי אַרום פֿאַרשטאַרקן אין אים דעם ווילן „צו פֿאַר־ווירקלעכן דעם ציוניזם, צו קעמפֿן פֿאַר אים, צו לעבן און שטאַרבן פֿון זיינטוועגן".

כּדי דער אידישער המון זאָל אַדאָפּטירן דעם ציוניזם, דאַרף די ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס האָט ביז איצטער זיך געיאָגט נאָך די רעאַק־ציאָנערע קרייזן און געפֿלייסט זיך צופּאַסן איר תּורה, איר אידעאָלאָגיע צו זייער פּסיכאָלאָגיע, „דאַרף דער ציוניזם וואָס טיפֿער און רייכער מאַכן זיין געדאַנק, אַרויסטראָגנדיק אין אים די לעבנס־אידעאַלן פֿונם המון".

ג

ווער עס זעט דעם דורכפֿירנדיקן עיקר־כּוח פֿונם ציוניזם אינם „המון" און ניט אין די העכערע קלאַסן, יענער מוז אויך געבן זיין אייגענעם ענטפֿער אויף דער פֿראַגע פֿון די מיטלען. ס'איז איבעריק אויפֿצוּוויזן, אַז די פּרוטות נדבות, וואָס די חובבי ציון פֿלעגן אויפֿקלייבן, אָדער שפּע־טער דערנאָך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אַז אַזעלכע נישטיקע מיטלען האָבן פֿאַרמאָגט אַ קנאַפּן באַטרעף פֿאַרן פֿאַרענטפֿערן די דאָזיקע האַרבע קשיא. נאָר דער ציוניסטישער בעל־הבית, דער קליינבירגער, האָט געקאָנט אויסמיידן די דאָזיקע האַרבע פֿראַגע און זיך טרייסטן מיט דער האָפֿענונג, אַז ארץ־ישראל וועט אַמאָל ווערן אַ לאַנד, וואָס פֿון אים וועלן שטראָמען דיווידענדן און דענסטמאָל וועט עס צוציען פֿון אַלע זייטן דעם פּריוואַטן

קאַפּיטאַל. װי אַזױ אַרום װעט דאָס געשען אַזאַ נס פּאַרװאָס װעט דװקא דאָס דאַזיקע לאַנד ציען צו זיך די קאַפּיטאַלן? — אױף אַזעלכע פֿראַגעס האָט קײנער ניט גערעכנט, אַז ער איז מחויב צו געבן אױף זײ אַ תשובה, און דער ציוניסטישער אָפּטימיזם, װאָס מײדט אױס צו שטעלן שװערע קשיות אין פֿאַרשײדענע מאָמענטן, האָט אױך דאָ פּונקט אַזױ זיך נוהג געװען, בפֿרט אַז דעם ציוניזם האָט דענסטמאָל נאָך ניט מטריח געװען קײן שום פֿראַגע װעגן פֿאַרגרעסערן דעם עקזיסטירנדיקן אידישן ישוב פֿון ארץ־ישראל, װעגן אַ נײער אידישער אײנװאַנדערונג, װעגן אַ נײער עליה און קאָלאָניזאַציע און מען איז אױסגעקומען מיטן אױפֿהאַלטן דעם אָרעמען קיום: איטלעכע זאָרג, האָט מען געקלערט, האָט זיך איר צײט. נאָר װער עס האָט געזען אין פֿאַרװירקלעכן דעם ציוניזם אַ ברענענדיקע אַקטועלע פֿראַגע, יענער איז שױן מחויב געװען צו זען די פֿראַגע װעגן מיטלען אין איר גאַנצער שאַרפֿקײט.

„די מיטלען און װעגן פֿאַר דער פֿאַרװירקלעכונג פֿונם ציוניזם זײנען אַנדערע, אײדער די מיטלען פֿון יעדער אַנדערער פֿרײהײטס־באַװעגונג. יעדע נאַציאָנאַלע פֿרײהײטס־באַװעגונג שפּאַרט זיך אָן אױפֿן פּאָליטישן כּוח פֿון די אונטערדריקטע קלאַסן; גאָר אַנדערש איז אָבער די לאַגע אין ציוניזם, װאָס מוז אַפֿריער באַשאַפֿן פֿאַר זיך דעם עקאָנאָמישן כּוח, כּדי דערנאָך מגולגל צו װערן אין אַ פּאָליטישן כּוח".

די דאָזיקע װערטער זײנען אַרױסגעזאָגט געװאָרן שױן אין יאָר 1902. פֿריער אײדער עס האָט זיך אָנגעהױבן, אין יאָרן אַרום, דער װיכּוח אין דער ציוניסטישער באַװעגונג װעגן דער „פּראַקטישער אַרבעט" (אין ארץ־ישראל) און אײדער עס האָבן זיך פֿונאַנדערגעפּלאַקערט, אַפֿילו נאָך דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע, די װיכּוחים װעגן עקאָנאָמיק און פּאָליטיק אין דער פֿאַרװירקלעכונג פֿונם ציוניזם. אין די דאָזיקע װערטער איז שױן אָנגעמערקט אָט יענער צוגאַנג צו די דאָזיקע פֿראַגעס, װאָס אין דערנאָך געװאָרן די פֿעסטע מײנונג פֿון דער אַרבעטער־באַװעגונג אין ארץ־ישראל.

אָבער פֿונװאַנען װעט מען קענען שעפּן דעם נױטיקן עקאָנאָמישן כּוח? די אידישע מדינה װאָס דאַרף זײן אַ נײע פֿרײע אידישע געזעלשאַפֿט פֿון אַרבעטס־מענטשן, אָן האַרן און קנעכט, אַלע גלײַך, אַזאַ מין מדינה װעט ניט אױפֿגעבױט װערן דערפֿון, װאָס מען װעט צעפּלאָמען די קאַפּיטאַליסטישע פֿאַנטאַזיע פֿון געשעפֿטס־מאַכערס און רװחים־יעגערס. מען דאַרף בכן באַשאַפֿן אַ נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל.

דעם אָנהױב פֿון אַ נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל דאַרפֿן מיר זען אינם קרן קימת, װאָס פֿון זײן זכות װעגן איז דער „ציוניזם געװאָרן דאָס האָב־און־גוטס פֿונם אידישן המון". דער לאָזונג פֿון „חירות" איז דעריבער געװאָרן:

דערציען די אידישע מאַסן צו דער אַרבעט פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד. און „חירות" בויט אויך פּלענער וועגן איינפירן אַ נאַציאָנאַלן שטייער פאַרן קרן קימת.* אָבער די מיטלען, וואָס דער קרן קימת קריגט זיי, זיינען נישטיקע לגבי די אויפגאַבן און צילן פון ציוניזם. פונוואַנען וועט מען קריגן דאָס פעלנדיקע? דער גבירישער קלאַס איז „אַנטי־ציוניסטיש לפי זיין פּאָזיציע אין דער געזעלשאַפט". ער איז „געניט צו שרייען הויך אויפן קול, אַז אידן האָבן ניט קיין אַנדער צוקונפט, זוכן ניט אַנדערע לענדער, און זיינען באַהעפט, אויף ניט פונאַנדערצושיידן זיך, מיט די לענדער, וואו זיי וואוינען אַצינדערט". די מאַסן ווידער, וואָס שטייען צו צום ציוניזם, פאַרמאָגן ווייניק אָדער זיינען בכלל אָן מיטלען. קומט אַרויס בכן, אַז דער ציוניזם קען בכלל ניט דורכגעפירט ווערן לפי זיין עצם מהות, אויב...

און דאָ קומט „חירות", געמיינט איז דערמיט סירקין, און עס בליצט אין אים אויף אַ געדאַנק אין סטיל פון דער רעוואָלוציאָנערער תקופה: זאָל אויפשטיין דער אידישער המון און נויטן די אַנטי־ציוניסטישע אַסימילירטע בורזשואַזיע, אַז זי זאָל געבן די נויטיקע מיטלען אויף דורכצופירן אין לעבן דעם ציוניזם! „דאָס אידישע פאָלק טראָגט אויף זיך די שווערע דריקנדיקע משא פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז ניט אין אַ קלענער מאָס אַ פועל יוצא פון דער פּריווילעגירטער לאַגע פון די רייכע קלאַסן אין אידנטום, האָט דעריבער דער אידישער המון דאָס רעכט צו פאָדערן פון דער דאָזיקער בורזשואַזיע הילף פאַר זיין פרייהייטס־באַוועגונג".

סירקינס אויסגעהאָדעוועטער געדאַנק, אַז די אידישע בורזשואַזיע, בפרט די מערב־אייראָפּעאישע, איז די פאַנען־טרעגערין פון דער אַסימי־לאַציע, בעת די אַרבעטער און די אָרעמע פאָלקס־מאַסן זיינען די באַ־שערטע טרעגער פונם ציוניזם — פונם דאָזיקן טעאָרעטישן געדאַנק האָט סירקין איצטער געמאַכט דעם פּראַקטישן אויספיר: זאָל קומען דער געזעלשאַפטלעכער קאַמף צווישן די העכערע און אונטערשטע קלאַסן און אַריינבעמען, אַ חוץ די טאָג־טעגלעכע קעגנערישע אינטערעסן, אויך די גרויסע היסטאָרישע קעגנערשאַפט לגבי דער צוקונפט פון אידישן פאָלק!

אָבער ווי אַזוי קענען אידישע אַרבעטער, אידישע אביונים כאַפּן די אידישע גבירים, וואָס לייקענען אין זייער אייגן פאָלק, ווי אַזוי קען מען זיי צווינגען צו טאָן זייער פאָלקס־פליכט, בעת דער אידישער המון האָט ניט קיין אייגענע בשותפותדיקע מדינה־רעמל מיט זיינע גבירים? — די דאָזיקע האַרבע קשיא האָט אויך סירקין זיך געפרעגט. „שווער צו זאָגן

* זע דעם אַרטיקל פון ל. (לאַצקי), „עטלעכע ווערטער וועגן נאַציאָנאַל־פאָנד", דער המון, בערלין, תרס"ג.

לכתּחילה, וואָסער פאָרם עס וועט אָננעמען דער קאַמף פון אידישן המון קעגן דער אַסימילירטער בורזשואַזיע און ווי ער וועט זיך אויסגיסן אין דער פּראַקטיק, וואָרעם די דאָזיקע קעגנערשאַפט האָט ניט איר גלייכן אין דער געשיכטע". אָבער ביז וואַנען מען וועט ניט אויסגעפינען די וועגן ווי צו נויטן די איינצלנע גבירים, אַז זיי זאָלן צאָלן זייער שטייער דעם אידישן פאָלק, וואָס זיי זיינען פון אים אומאָפּהענגיק און ווילן פון אים ניט וויסן — ביז וואָס־ווען דאַרף מען פאַרפירן אַ מלחמה קעגן דער ממשלה פון די אידישע גבירים אין דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט, אין די אידישע הילפס־פאַראיינען, אין די אינסטיטוציעס פאַר עמיגראַציע, קאָלאָניזאַציע און בכלל אידישע פילאַנטראָפּיע. אַ קאַמף קעגן איק"א און אַליאַנס און אַנדערע חברות, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן פון דער אידישער פילאַנ־טראָפּיע און וואָס וואָלטן מיט זייערע רייכע מיטלען און מיט זייער השפּעה געקאָנט אַ סך העלפן אין פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם. אָבער זיי טוען דעם היפּך דערפון, זיי זיינען די שונאים פון ציוניזם, זיי העלפן צעזייען און צעשפּרייטן די אידישע וואַנדערער, זיי דעמאָראַליזירן די אידישע אַרבע־טערשאַפט און פאַרוואַנדלען זי אין אַ אידיש קליינבירגערטום. „זיי פאַר־שפּרייטן צווישן די אידישע פאָלקס־מאַסן אַ שאַרלאַטאַנישן אַסימילאַ־טאָרישן פּאַטריאָטיזם לגבי די לענדער פון זייער צעזייטקייט"; איק"א גיט די אידישע אַרבעטער פון ארץ־ישראל געלט־מיטלען אויף צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד און זשאַלעוועט זיי מיטלען, אויף איינצואוואָרצלען זיך אין ארץ־ישראל". מען דאַרף דעריבער אַרויסטרעטן מיט אַ מלחמה קעגן איק"א און זי צווינגען אירע מיליאָנען־קאַפּיטאַלן אויסצונוצן פאַר ישוב ארץ־ישראל.

דער רעיון וועגן אַן עפנטלעכן געזעלשאַפטלעכן קאַמף קעגן דער איק"א איז געווען אַ מין פּאַראַלעל־געדאַנק צו הערצלס פּערזענלעכן קאַמף־שטיי־גער קעגן די אידישע גבירים פון ווין, פּאַריז און לאָנדאָן. הערצל איז געפאַלן אינם דאָזיקן קאַמף, און סירקינס פּרואוו פון אַ געזעלשאַפטלעכער מלחמה איז אויך פאַרלאָשן געוואָרן. סירקין איז אַוועק קיין לאָנדאָן, כּדי דאָרטן צו אָרגאַניזירן די אידישע מאַסן אין קאַמף קעגן דער איק"א. ער האָט פאַררופן אַ פאַרזאַמלונג אין ווייטשעפּעל, און געהאָלפן האָט אים דערביי אַ רוסישער רעוואָלוציאָנער: ער איז געווען געניט אָפּצוהיטן די אָרדע־נונג קעגן דעם מוראדיקן טומל פון די אידישע אַנטי־ציוניסטן, וואָס האָבן גערעדט אין נאָמען פון סאָציאַליזם, אַנאַרכיזם און אינטערנאַציאָנאַליזם;*

*וועגן דער אַטמאָספער צווישן די אידישע עמיגראַנטן אין ווייטשעפּל פון יענע צייטן האָט סירקין אין יאָרן אַרום געשריבן אין „קונטרס": „אינם דאָזיקן רעוואָלוציאָ־

„בעל מחשבות” האָט אָפּגעדרוקט אויף דער דאָזיקער טעמע עטלעכע אַרטיקלען פול מיט התלהבות;* עטלעכע אָפּקלאַנגען וועגן דעם קאַמף קעגן איק״א זיינען אָנגעקומען אויך קיין רוסלאַנד, און אין אַ שטאָט פון תחום המושב (בערדיטשעוו) איז מען זיך צונויפגעקומען אויף אַ געהיימער, אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג, וואו מען האָט אַרומגערעדט די מיטלען פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע — אָבער פונדעסטוועגן האָט זיך ניט איינגעגעבן איינצוברעכן די יריחו־מויערן פון דער אידישער אַסימילאַציע. די פראַגע, ווי אַזוי אַרויפצוצווינגען דעם ווילן פון אידישן פאָלק אויף זיינע גבירים און אויף די גרויסע סאָציאַלע הילפס־מיטלען, וואָס געפינען זיך אין זייער רשות, איז נאָך ביז צום היינטיקן טאָג ניט פאַרענטפערט, אויך ניט אין די צייטן פון דער „אידישער אַגענץ פאַר ארץ־ישראל”.

ניינטער קאַפּיטל

„דער המון”

א

גאָר ווייניק סימנים און דאָקומענטן זיינען פאַרבליבן וועגן דעם אינע־ווייניקסטן לעבן פון „חירות”, וועגן די וויכוחים וואָס אירע חברים האָבן געפירט צווישן זיך (און מען דאַרף זיך משער זיין, אַז מען האָט דאָרטן געפירט אַן אינטענסיוו גייסטיק לעבן).** פון דעם, וואָס איז אין איר נאָמען פאַרעפנטלעכט געוואָרן, איז צו דרינגען, אַז ניט אין אַלע אַרומגערעדטע פראַגעס האָט מען געקענט קומען צו אַ גלייכן בשותפותדיקן סך־הכל.

אַ פעסטע מיינונג איז געווען אין „חירות” וועגן דער אַזוי־אָנגערו־פענער „קעגנוואָרטס־אַרבעט”, אָדער ריכטיקער: וועגן דער שייכות, דער באַציאונג צווישן ציוניסטישער אַרבעט און דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין די גלות־לענדער. אָנגעהויבן פון פערטן ציוניסטישע קאָנגרעס האָט זיך צווישן ציוניסטן גענומען פאַרשפּרייטן און שטאַרקן די מיינונג, אַז מען דאַרף אַריינגעמען צווישן די אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַ־

נערן פייער איז פאַרברענט געוואָרן וואָסער ניט איז אידיש געפיל, הגם דאָס געפיל האָט געמעגט שטאַמען פון טיפע רעוואָלוציאָנערע קוואַלן”.

* אין „דער יוד”, מיט אַ כאַראַקטעריסטישער אונטערשריפט: „גר צדק”.

** אַ גרויסן „חירות”־אַרכיוו האָט מיט זיך אַריבערגעפירט קיין רוסלאַנד סירקינס אַמאָליקער חבר מירקין, וואָס האָט דעם אַרכיוו פאַרברענט אין די צייטן פון בירגער־קריג אין אוקראַינע (נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע).

ציע אויך די אַרבעט וועגן אויסבעסערן די אידישע קעגנוואַרטס־לאַגע אין גלות. קעגן דער דאָזיקער מיינונג, וואָס איז אַרויסגעטראָטן „חירות״, וואָס האָט געקלערט, אַז די „אַרבעט אויף אויסצובעסערן די אידישע לאַגע אויף זייערע וואוינערטער איז ניט צונויפֿגעקניפּט מיט ציוניזם״ און דאָס צו־נויפֿבינדן פֿון קעגנוואַרטס־אַרבעט מיט ציוניזם „איז אַ פּאָליטישער און אָרגאַניזאַטאָרישער טעות״: אין דער ציוניסטישער אַרבעט איז דווקא יאָ מעגלעך אַז פֿאַרשיידענע קלאַסן און וועלט־אַנשויאונגען זאָלן זיך געפֿינען אין איין מחיצה; אָבער אין דער סאָציאַלער פּאָליטיק פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע מוזן זיך אַרויסווייזן קעגנערשאַפֿטן און סתירות צווישן פֿאַר־שיידענע קלאַסן״. ווער עס וויל אַרויפֿלייגן אַ גלייכע און איין־איינציקע סאָציאַלע פּאָליטיק אויף די פֿאַרשיידענע עקאָנאָמישע שיכטן פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג, דער דאָזיקער גיט אינדעראמתן אַוועק די בכורה צו די אינטערעסן פֿון איין קלאַס לגבי די אינטערעסן פֿון אַלע אַנדערע קלאַסן אין פֿאָלק, פּונקט ווי דער ציוניזם וואָלט געווען די באַוועגונג פֿון איין קלאַס און ער קען דערפֿירן דערצו, אַז די אַנדערע קלאַסן זאָלן ווערן אָפּגעשטויסן פֿונם ציוניזם. אַחוץ דעם איז קלאָר, אַז ביי דעם איצטיקן מצב אין ציוניזם וועט די פּאָליטיק פֿון דער באַוועגונג אַוודאי זיין אַ רע־אַקציאָנערע. וועט מען אָבער פֿונאַנדערשיידן צווישן ביידע מינים אַרבעט —פֿאַרן ציוניזם און פֿאַרן גלות — קען דערפֿון אַרויסקומען אַ טובה פֿאַר זיי ביידן.

מיטן דאָזיקן קוק אויף דער פֿראַגע האָט „חירות״ — צום ערשטן מאָל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג — געלאָזט הערן די פֿאָדערונג, אַז מען זאָל זיך רעכענען מיט דער קלאַסן־דיפֿערענצירונג אין לעבן פֿון אי־דישן פֿאָלק און ניט פֿאַרוואַנדלען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מיט איר איבער־קלאַסן־כאַראַקטער אין אַ פּאָליטישער און עקאָנאָמישער פּאַרטיי פֿאַר קעגנוואַרטס־אַרבעט, וואָס וועט ממילא מגולגל ווערן אין אַ קלאַסן־פּאַרטיי. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פֿון די ציוניסטישע ענינים און דער אַריינ־שטראָם פֿון ברייטע מאַסן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט מיט דער צייט געפֿירט דערצו, אַז די דאָזיקע מיינונג פֿון „חירות״ איז געוואָרן אויך די אָנגענומענע מיינונג פֿון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, הגם די אָרטיקע ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס האָבן ניט געקענט ביי־שטיין די תאווה פֿון „משפּיע זיין אויפֿן גאַנג פֿון לעבן״ און זיינען מגולגל געוואָרן אין קלאַסן־פּאַרטייען.

כאַראַקטעריסטיש פֿאַר „חירות״ איז געווען, אַז זי האָט געפֿאָדערט אַזאַ מין פֿונאַנדערטיילונג צווישן די צוויי מינים אַרבעט — פֿאַרן ציוניזם און פֿאַרן גלות — ניט אַליין פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, נאָר

אויך פֿון זיך און פֿון איר שטרעבן צו אָרגאַניזירן דעם אידישן המון פֿאַרן ציוניזם. אויך דער אידישער המון איז ניט פֿון איין פֿעל געשניטן. „אין ציוניסטישן פּרט איז דער המון ווי פֿון איין שטיק געגאָסן, ער קען דאָ פֿאַרמאָגן נאָר איין שטרעב, איין ציל און באַלאַנגען צו איין אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט איינזאַפּן די פּראָגרעסיווסטע געדאַנקען. אָבער אין פּרט פֿון עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסן אין גלות — איז דער המון פֿונאַנדערגעטיילט לפֿי זיינע באַדערפֿעניש, לפֿי זיין באַנעם און בילדונג", ער דאַרף דעריבער צוליב די דאָזיקע טאָג־אינטערעסן זיך אָרגאַנאַזירן אויף אַן אַנדער אופֿן, לפֿי די אינטערעסן פֿון די פֿאַרשיידענע שיכטן.

אין דעם דאָזיקן פּונקט און אויך אין דער פֿראַגע וועגן דעם סאָציאַליסטישן כאַראַקטער פֿון דער אידישער מדינה, וועגן דער קאָלאָניזאַציע אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות און וועגן פֿאַרפֿירן אַ קאַמף קעגן דער ממשלה פֿון די אַסימילאַטאָרן האָט „חירות" אָנגענומען סירקינס מיינונגען. ניט אַזוי אָבער אין אַנדערע פֿראַגעס, וואָס זיינען פֿאַרבליבן שטרייט־פּונקטן. אַזוי למשל, איז מען זיך ווייזט אויס ניט צונויפֿגעקומען אין דער פֿראַגע וועגן „קולטור־אַרבעט". די „אַלגעמיינע ציוניסטן" זיינען געווען קעגן אַריינגעמען די קולטור־אַרבעט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ניט נאָר צוליב דעם וואָס דער גאַנצער ענין איז זיי פֿרעמד געווען און זיי האָבן אין אַזאַ מין אַרבעט קיין באַדערפֿעניש ניט געפֿילט, נאָר אויך צוליב זייער זאָרג פֿאַר אחדות אין דער אָרגאַניזאַציע און צוליב טעמים, וואָס זיינען געווען נאָענט צו די טעמים פֿון „חירות" אין פֿראַגעס פֿון עקאָנאָמישער און פּאָליטישער גלות־אַרבעט. פֿאַרקערט, די לייט פֿון דער „דעמאָקראַטישער" פֿראַקציע און די „גייסטיקע" ציוניסטן האָבן געקעמפֿט — מיט דיסקוסיעס און אַפֿילו אָבסטרוקציעס — פֿאַר אַריינגעמען די „קולטור־אַרבעט" אין ציוניזם. „חירות" האָט געקלערט אַז „דער ציוניזם, ווי אַ פֿרייהייטס־באַוועגונג, וועט אויך פֿירן צו דער אויפֿלעבונג פֿון אידישן קולטור־שאַפֿן, אַז זי וועט אַנטוויקלען און בולט אַרויסווייזן די אָריגינעלקייט, די איין־און־איינציקייט פֿון זיין קולטור, אָבער דערווייל בעת די פֿראַגע וועגן די פּרינציפּן פֿונם דאָזיקן קולטור־שאַפֿן זיינען נאָך ניט גאָר אין גאַנצן קלאָר, קען „חירות" זי אַוועקשטעלן נאָר צו דיסקוסיע און צו אַ ווייטערדיקן באַטראַכטן. ווי עס ווייזט אויס, האָבן די חברים פֿון „חירות" אין פֿראַגעס פֿון שפּראַך און קולטור ניט אָנגענומען די מיינונגען פֿון סירקינען.

אויך דער ענין וועגן קאָלאָניזירן די שכנותדיקע לענדער פֿון ארץ־ישראל — אל־אַריש, ציפּערן — וואָס דוד טריטש פֿלעגט ניט מיד ווערן אים אויפֿצוהויבן אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן און סירקין פֿלעגט אים

דערביי שטיצן — איז אין דער אָרגאַניזאַציע „חירות" פֿאַרבליבן אַ דיס־קוסיע־פֿראַגע.

ב

דער קאַמף קעגן איק"א האָט באַדאַרפֿט דינען ווי אַן אַרכימעדישער פּונקט אויף אויפֿצוהויבן די אידישע פֿאָלקס־מאַסע קעגן דער אַסימילאַטאָרישער בורזשואַזיע און אויסנוצן אירע קאַפּיטאַלן אויף פֿאַרווירקלעכן דעם ציוניזם. די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך דערווייל נאָך געפֿירט כּמעט נאָר בעל־פּה און אין עטלעכע פֿלוגבלעטלעך פֿאַר דער אינטעליגענץ. אַצינדערט האָט „חירות" שוין געקלערט אויפֿצושטעלן אַ „פֿאָלקס־צייטונג", וואָס זאָל „באַלויכטן אַלע ציוניסטישע פֿראַגעס פֿון „חירות"יסטישן קוק־ווינקל און אין די אינטערעסן פֿונעם המון". אַ באַשלוס האָט מען אָנגענומען וועגן אַזאַ צייטונג, אָבער ער איז פֿאַרבליבן אַ פּראָיעקט. דערווייל, ביז וואַנען מען וועט קומען צו אַ צייטונג, האָט „חירות" געוואָלט האָבן אַן אָרגאַן פֿאַר איר אָרגאַניזאַציע. און זי האָט אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל מיטן נאָמען „דער המון". פֿונעם זשורנאַל איז אַרויס נאָר איין בראָשור, וואָס אַלע אירע אַרטיקלען אַחוץ איינעם, זיינען געשריבן געוואָרן פֿון סירקינען.

עס הערט זיך די דונער־שטים פֿון אַ מלחמה פֿונעם דאָזיקן העברעאישן נאָמען, וואָס אין אידיש האָט ער גאָר אַ באַזונדערן פּירוש: „המון" מיינט אין אידיש — אין זידל־לשון — נידעריקע מינים מענטשן, דלפֿונים, עם־הארצים, וואָס טאָרן ניט אַריינקומען צווישן נגידים און למדנים. סירקין האָט דעם דאָזיקן זלזול־נאָמען אויפֿגעהויבן אויף זיין פֿאָן, וואָס האָט געדאַרפֿט ווערן די פֿאָן פֿון אויפֿשטאַנד פֿאַר די אידישע פֿאָלקס־מאַסן און איבעראַנדערשן די אידישע געשיכטע. דעם עיקר, דעם תּוך פֿון זיין סאָציאַליסטישער תּורה, זיין ליבע און זיין גלויבן האָט סירקין אַריינגעלייגט אינעם דאָזיקן זידל־נאָמען.

סירקין ווערט ניט מיד קלאָר צו מאַכן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, אַז די אידישע נויט איז ניט קיין צופֿאַל־זאַך, נייערט אַ פּועל־יוצא פֿון דער אידישער געשיכטע אין גלות, און אַז פֿאַר דער דאָזיקער נויט איז קיין אויסוועג ניטאָ אינעם גלות־לעבן. „כּדי צו קענען לעבן און האָבן אַ קיום צווישן די פֿעלקער, זיינען אידן געוווען גענויט זיך צו פֿאַרנעמען מיט אַזעלכע עסקים, וואָס די אַרומיקע געזעלשאַפֿט האָט זיי באַדאַרפֿט האָבן צו יענער צייט, און וואָס פֿאַר די אידן איז דאָס געווען גרינגער דורכצופֿירן איידער פֿאַר אַנדערע". אָבער אין דעם מאָמענט, ווען די אַנדערע פֿעלקער האָבן אַליין גענומען זיך פֿאַר די אידישע מלאכות און פּרנסות,

פלעגן זיך אָנהויבן רדיפות און גזירות, וואָס האָבן זיך פאַרענדיקט מיט גירושים. אין אונזערע צייטן האָבן די פעלקער פון צענטראַל־ און מזרח־אייראָפּע אָנגעהויבן קוקן אויף אידן ווי אויף איבעריקע מענטשן פאַר דער געזעלשאַפט. און דאָס שטעלט אַוועק די אידישע מאַסן אין אַ באַזונ־דערן מצב. ס'רוב אידן זיינען „פּראָלעטאַריער, וואָס לעבן ניט פון אַרבעט; נאָר אַ קליינער טייל פון זיי איז שייך צום אַרבעטס־פּראָלעטאַריאַט". די אידישע אַרבעט איז געוואָרן איבעריק פאַר די אַרומיקע פעלקער, וואָס דער איד זיצט צווישן זיי, און דעריבער „רודפט מען אים, דריקט מען אים און מען טרייבט אים אַרויס פון איין לאַנד אין צווייטן, און באַשערט איז אים דאָרטן — קערפּערלעכער און מאָראַלישער אונטערגאַנג". „ער פאַר־נעמט זיך מיט די מיאוסטע מלאכות און געשעפטן — — און ווערט מגולגל אין אַ שווערער משא פאַר זיך אַליין און פאַר דער וועלט: אָט דאָס איז ער — דער אייביקער אידישער וואַנדערער וואָס די קללה פון דער געשיכטע האָט אַראָפּגענידערט אויף זיין קאָפּ".

סירקין זעט די לאַגע און די אַרבעטס־באַדינגונגען פונם אידישן אַרבעטס־פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז „מער געדריקט אידער יעדער פּראָ־לעטאַריאַט פון אַן אַנדער פאָלק": „ער איז פאַרנומען אין די אָרעמסטע מלאכות און פונדעסטוועגן ליידט ער נאָך פון אַרבעטסלאָזיקייט". די דאָזיקע ווערטער זיינען געזאָגט געוואָרן אין אַ צייט, בעת די אַרבעטס־לאָזיקייט פון גרויסע מאַסן איז נאָך ניט געווען אַ מכה פאַר די מדינות פון דער גאָרער וועלט. אָבער שוין דענסטמאָל איז סירקין געקומען צו דעם אויספיר, אַז דער „גרויסער איבעריקער אידישער המון האָט קיין שום אויסקוק ניט אַריבערצוגיין אין גלות צו פּראָדוקטיווער אַרבעט".

אמת, דערווייל ווערט דעם אידישן המון אַביסל גרינגער צוליב דער אויסוואַנדערונג אין די לענדער פון יענער זייט ים. שוין צענדליגער יאָרן, ווי עס גייט־אָן די דאָזיקע עמיגראַציע און „ס'איז שוין כמעט קיין לאַנד ניט פאַראַן, וואו אידן זיינען דאָרטן ניט צעזייט און צעשפּרייט, אויב מען לאָזט זיי נאָר אַריין", אָבער די דאָזיקע עמיגראַציע איז נאָר אַ גיכע הילף, אויף אַ צייט, אָבער ניט אויף דורות. „זי איז אַן אויסהילף פאַר דער נויט פון מאָמענט, אָבער ניט קיין היסטאָרישער ענטפער אויף די יסורים פון גלות".

סירקין זעט אויך די צוקונפט פון דער אידישער עמיגראַציע: דער אידישער היימלאָזער עמיגראַנט נעמט זיך אין די נייע לענדער פאַר די אָרעמסטע מלאכות, וואָס זיינען נאָך געבליבן אָפן פאַר אים, אָבער דער דאָזיקע באַנייטער און מער צעשפּרייטער גלות „וועט אים ניט געבן די מעגלעכקייט זיך צו אַנטוויקלען ווי אַן אַרבעטער־קלאַס, נאָר פונקט פאַר־

קערט, ער װעט אים שטױסן זיך אַריבערצוכאַפּן צום בירגערלעכן קלאַס און װעט פֿון אים מאַכן אַן אַנטי־סאָציאַלן עלעמענט אין דער װעלט״, און װידער אַמאָל װעט מען אים אַרױסשטױסן פֿון דער געזעלשאַפֿט, בעת ער װעט שױן האָבן אָפּגעטאָן זײַן שליחות.

און בעת אַלע אַנדערע פֿון עבר לים נעמען אױף צענדליגער טױזנ־טער עמיגראַנטן און קײן שום װאָלקנדל פֿאַרפֿינצטער ניט אײנפֿלוג די הימלען פֿון דער אײנװאַנדערונג אין גרעסטן אײנװאַנדערונגס־לאַנד פֿון יענע צײַטן, שטעלט זיך אָװעק סירקין און זאָגט, אַז ניט אַלײן ענגלאַנד (װאָס האָט שױן דענסטמאָל אָנגעהױבן פֿאַרשן די אײנװאַנדערונג, כּדי זי צו באַגרענעצן), נאָר אױך אַמעריקע גרײט זיך „אַרױסגעבן געזעצן קעגן דער אײנװאַנדערונג פֿון אידן״. דעריבער האָט ניט דער אידישער המון קײן שום האָפֿענונג אױסגעלײזט צו װערן פֿון זײַן נױט, סײַדן עס זאָל בטל װערן די עיקר־סיבה פֿון זײַן לאַגע — דער גלות, דורך דער פֿאַרװירקלעכונג פֿון ציוניזם. „יעדער אַנדער ענטפֿער איז קעגן די היס־טאָרישע אינטערעסן פֿונם אידישן המון״.

ג

װער װעט אַרױספֿירן דאָס אידישע פֿאָלק פֿון גלות צו פֿרײַהײט? דער „המון״ אין זײַן בונד מיטן ציוניזם. דערװײַל שפּילט נאָך דער „המון״ קײן שום ראָלע ניט אין ציוניזם און דאָס איז אױך די סיבה פֿאַר דער שװאַכקײט פֿון דער באַװעגונג. „ניט אױסנװײיניקסטע מניעות האַלטן אָפּ די אידישע גאולה אין ציוניסטישן גײסט, נאָר אינעװײיניקסטע שטרױכ־לונגען, װאָס שטאַמען פֿונם פֿאָלק אַלײן״. קײן שום געזעלשאַפֿטלעכע באַװעגונג דערגרײכט ניט איר ציל, ביז װאַנען זי האָט ניט געפֿונען איר נאַטירלעכן פֿאַנען־טרעגער, אַט יענעם „קלאַס, װאָס איז גענױט צו־ליב זײַנע לעבנס־פֿאַרהעלטענישן צו זוכן אין איר אַ הײלונג פֿאַר זײַנע לײדן, פֿאַר זײַנע צרות״. און אַט די שטאַרקע כּוחות, װאָס זײַנען נױטיק פֿאַר דער פֿאָלקס־באַפֿרײַאונג, זײַנען נאָך ניט אױפֿגעװעקט געװאָרן אין אידישן פֿאָלק.

„דער ציוניזם קען אַרױסגײן פֿונם קריזיס און װערן אַן אמתע באַ־װעגונג פֿאַר פֿאָלקס־באַפֿרײַאונג נאָר דענסטמאָל, װען ער װעט זיך אָנ־שפּאַרן אױף יענעם עלעמענט אין אידישן פֿאָלק, װאָס איז פֿאַרקניפּט מיט אים אין זײַנע לעבנס־באַדערפֿענישן און איז מסוגל צו קעמפֿן פֿאַר זײַן ציל אין לעבן פֿון זײַנטװעגן. דער ציוניזם מוז װערן אַ פֿאָלקס־באַװעגונג פֿון מיליאָנען אידן װאָס פֿאַרמאָגן ניט קײן לאַנד, קײן רו, קײן אַרבעט, קײן שפּראַך, קײן קולטור; און אױב זײ זײַנען שױן יאָ אַרבעטס־לײַט,

ווערן זיי געדריקט מער פון אַלע אַנדערע אַרבעטער אין דער וועלט, און אויב זיי זיינען קרעמער, פאַרמיטלער, לופט־מענטשן — זיינען זיי איבעריק פאַר דער וועלט, וואַנדערן אום פון איין לאַנד אין צווייטן, פון איין געשעפט צום צווייטן, פון קלאַס צו קלאַס, פון קולטור צו קולטור, פון שפּראַך צו שפּראַך און געפינען אין ערגעץ ניט קיין רו־אָרט, קיין פרייהייט. דער אידישער המון איז פאַרקניפּט מיטן ציוניזם אין אַ לעבנס־בונד און ער איז מסוגל זיך אויפצוכאַפּן און זיך אָוועקשטעלן אין צענטער פון דער באַוועגונג, איר אָפּצוגעבן זיינע כוחות און זי דערפירן ביז צום היסטאָרישן נצחון".

סירקינס גלויבן אין דער היסטאָרישער שליחות פונם אידישן המון פאַרפירט אים ניט ביז צו אַן אידעאַליזאַציע, ביז צו אַ בלינדער פאַר־שענערונג פונם דאַזיקן המון אין איצטיקן מאָמענט. ער פאַרמאַכט ניט די אויגן אויף זיין איצטיקער גרינג־ווערטיקייט און גייסט־אָרעמקייט. ער ווייס גאַנץ וואויל, אַז דער אידישער המון איז תיכף אַוועק פון חיבת־ציון, "ווי נאָר ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז אויפן וועג פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל באַגעגנט מען גרויסע שוועריקייטן און אַז בכלל פאָדערט זיך דאָרטן אַ ספּעציעלער סדר און אַ שווערע און לאַנגע אַרבעט". סירקין ווייס, אַז דער המון קוקט אויס מיט התלהבות אויף דער גלייכבאַרעכטיקונג אין רוסלאַנד ניט כּדי זיך צו אַנטוויקלען ווי אַ אידי־שער פּראָדוקטיווער אַרבעטער־קלאַס, נאָר פאַרקערט, אַז ער גאַרט אַרי־בערצוגיין צום בירגערטום, און ער זעט אַפילו ווי דער אידישער פּראָ־לעטאַריאַט שרייט מיטן מויל: "סאָציאַליזם, סאָציאַליזם!" און אין דער אייגענער צייט קלערט ער גאָר ווי אַרויפצוכאַפּן זיך אויף די אויבערשטע שטאַפּלען פון דער געזעלשאַפט און פאַרוואַנדלט ווערן "אין אַן אַנטי־סאָציאַלן עלעמענט אין דער וועלט". ער ווייס וועגן דעם לעבן־ און אַרבעט־שטייגער פון די אידישע עמיגראַנטן אין ענגלאַנד און אַמעריקע "וואו גרויסע טיילן פונם המון האָבן זיך שוין אַריבערגעכאַפּט אינם גן־עדן פון קליינבירגערטום". אָבער ווייל ער גלויבט אין דער באַשער־טער שליחות פונם המון, קעמפט ער פאַרן המונס נשמה, שטורעמט ער קעגן יענע, וואָס האַלטן אונטער די גייסטיקע אָרעמקייט פונם המון. און דעריבער — ווען ער שרייבט אין דייטש, פאַלט ער אָן אויף דער בורזשואַזער און סאָציאַליסטישער אַסימילאַציע, און שרייבט ער העבראיש, טרעט ער אַרויס קעגן דעם בעל־הבתישן ציוניזם, און אַז ער שרייבט אידיש, שיסט ער זיינע פיילן קעגן דעם "בונד".

ד

מיט גרויס חריפות נעמט ער פונאנדער דעם „בונדס" טענות קעגן ציוניזם, וואס בייטן זיך כסדר. אט פרואווט דער „בונד" אויפצואווייזן די אידישע ארבעטער, אז דער ציוניזם איז סך־הכל א המצאה פון די אידישע אונטערנעמער, וואס זיינען אויסן מיטן ציוניזם אפצורייסן די ארבעטער פונם קלאסנקאמף און דערווייל זיי האלטן ביי נידעריקע שכירות. אויב דער דאזיקער טעם וואלט טאקע געווען אן אמתער, האט ער באדארפט אויפדעקן די שאנד פון ציוניזם און אים געבן א טויט־קלאפ אין מאראלישן פרט. אבער מען ווייס ניט פארוואס און פארווען, און דער „בונד" האלט זיך נישט לאנג ביי דעם דאזיקן טעם און זוכט זיך אויס א צווייטן טעם: דער קאפיטאל פון דער אידישער בורזשואזיע געפינט זיך שווער אן ארבעטס־פעלד, ווייל דער אנטיסעמיטיזם דריקט דעם אידישן קאפיטאליסט, זוכט ער דעריבער אן אייגן לאנד מיט פרייהייט פארן נאציאנאלן אידישן קאפיטאל, א זיכערן ארט פאר אינוועסטירונגען און היפשע רווחים. נאר אויך דער דאזיקער טעם האלט זיך עפעס ניט לאנג און עס באווייזט זיך א שפאגל־נייע ראיה קעגן ציוניזם: די אידישע בורזשואזיע פארמאגט כל־טוב, איר פעלט באמת גארנישט אחוץ פאליטישע הערשונג, האט זי דעריבער צוגעקלערט דעם ציוניזם, דעם רעיון פון א אידישער מדינה, כדי נאכצוגעבן איר תאווה פון הערשונג. און אט אזוי בייטן זיך כסדר די טעמים פון „בונד" קעגן ציוניזם, איינער נאכן צווייטן פארלאזן די אנטי־ציוניסטישע טעמים דעם שלאכטפעלד, בעת זיי האבן שוין אפגעטאן זייער שליחות פארן מאמענט און זייער „אמת" האט זיך מיט דער צייט אויסגעוועפט.

סירקין מאכט חוזק פון די דאזיקע בונדישע געדאנקען־טענץ, וואס באנייען זיך פון טאג צו טאג און זיינען אויסן נאר איין זאך: אויפצואווייזן, אז דער ציוניזם איז ניט אנדערש ווי דער אינטערעס פון דער אידישער בורזשואזיע. אזא מין בילבול אויף דער פרייהייט־באוועגונג, אויף דעם גאולה־שטרעב פונם געפייניקטסטן פאלק צווישן אלע פעלקער פון דער וועלט, איז לעכערלעך און שענדלעך באגלייך, „אן אומזיניקייט און א היסטארישער ליגן". אפילו יענער, וואס איז ניט מסוגל זיך דערגרונטעווען ביז צו דער טיפקייט פונם ציוניזם קען פונדעסטוועגן זען, ווי די טאג־טעגלעכע ווירקלעכקייט פרעגט אפ און לייקנט אפ די דאזיקע אנטי־ציוניסטישע „קלאסן־טעאריע". ווי אזוי קען מען דאס זען אין ציוניזם דעם קלאסן־אינטערעס פון דער בורזשואזיע, בעת די בורזשואזיע גופא מיט אירע פירער און משרתים, מיט אירע רבנים, שרייבער און שמשים האט פיינט דעם ציוניזם שנאת־מות און זשאלעוועט ניט קיין טירחה און

קיין געלט אויף אויסצוגעפֿינען וועגן ווי פּטור צו ווערן פֿון אים. אַפֿילו „די שנאה צום ציוניזם, וואָס האָט זיך איר נעסט געפֿונען אין די הערצער פֿון די אַסימילאַטאָרישע סאָציאַליסטן איז דאָך אויך ניט מער ווי אַ פֿאַר־שאָלטענע ירושה פֿון דער בורזשואַזיע". און ווי אַזוי קען מען דאָס זען אין ציוניזם דעם אויסדרוק פֿון דער בורזשואַזער „גלות־פּסיכאָלאָגיע", בעת די אידישע בורזשואַזיע האָט זיך פֿאַר איר אייגענע, בולט־כאַראַקטע־ריסטישע גלות־פּסיכאָלאָגיע: „אַסימיליר זיך, ווער נעלם ווי אַ איד, באַ־האַלט זיך אויס, כּדי מען זאָל דיך ניט דערזען און ניט געפֿינען, ווי אַ גנב אין דער פֿינצטער, בייט דעם פּרצוף, די פֿעל — אָט דאָס זיינען דאָך די וועגן, וואָס די אידישע בורזשואַזיע ווערט אויף זיי געשטופּט צו־ליב דער גזירה פֿון איר פּאָליטישן גלות". אָט קעגן דער דאָזיקער גלות־פּסיכאָלאָגיע פֿון דער בורזשואַזיע איז אויפֿגעשטאַנען דער ציוניזם, וואָס איז די אמתע באַוועגונג פֿון אידישן אויפֿשטאַנד, ער און ניט דער אַסימי־לאַטאָרישער סאָציאַליזם: „ווען ניט דער ציוניזם וואָלט די אַסימילאַציע געוואָרן דער היסטאָרישער אידעאַל פֿון גאַנצן אידישן פֿאָלק".

ה

אָבער קעגן אַלע ראיות און חקירות פֿון סירקינען האָט דער „בונד" געקענט אַרויסטרעטן מיט אַ ראיה, וואָס איז אויך געווען געגומען פֿון דער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט: ווער זיינען דאָס יענע, וואָס שטייען בראש פֿון ציוניזם, אויב ניט בורזשויעס? ראיות האָבן דעם „בונד" ניט געפֿעלט אינעם דאָזיקן פּרט. יעדער פֿאָרזיצער פֿון אַ ציוניסטישן פֿאַראיין אין שטעטל איז דאָך געווען פֿון די בורזשויעס. און אויב ס'איז געשען אַ נס און אַ אידישער אונטערנעמער האָט אַמאָל געגומען אַ שקל אָדער גאָר געקויפֿט אַן אַקציע פֿון קאָלאָניאַל־באַנק, איז דאָך דאָס אַוודאי געווען אַ לעבעדיקע ראיה, אַז דער ציוניזם האָט אַ בירגערלעכן כאַראַקטער (כּדי אויסצומאָלן דעם שטייגער פֿון די וויכּוחים אין דעם פּרט, איז כּדאי צו ציטירן אַ ווערטל פֿון יענע צייטן: אין דווינסק האָט אַמאָל געלעבט דער באַוואוסטער פֿאַבריקאַנט זאַקס, וואָס איז געווען פֿאַררעכנט צווישן די ציוניסטן און דער „בונד"־פֿלעגט תּמיד אַריינשלעפּן זיין נאָמען אין די וויכּוחים. אַז ער איז נפֿטר געוואָרן האָט דער יונגער חיים וויצמאַן דעמסט־מאָל אַ זאָג געטאָן: געשטאָרבן נאָך אַ ראיה קעגן ציוניזם). וואָס האָט סירקין געהאַט צו ענטפֿערן אויף דער דאָזיקער בונדישער טענה, וואָס איז אין יענע צייטן געווען זייער אַ שטאַרקע? ער נעמט זי אויף, די דאָזיקע טענה, ווי אַן אייגענע. ער פּרוווט ניט דאָס מאָל אויפֿצואווייזן, לפֿי זיין שטענדיקער אָפּשאַצונג, אַז די בורזשואַזיע, וואָס שטייט בראש פֿון ציו־

ניזם, איז ניט יענע פּעטע און גראָב־בייכיקע בורזשואַזיע, וואָס טראָגט די פאָן פון אַסימילאַציע, נאָר דער עיקר גאָר דאָס מאָגערע, מיטל־בירגער־לעכע בירגערטום, וואָס האָט זיך נאָך זייער וויניק אויפגעהויבן העכער פון די פּלייצעס פונם אידישן המון און דעריבער איז זיין צובונד צום אידישן גורל נאָך ניט אויסגעמעקט פון זיין באַוואוסטזיין און זכרון. סירקין פאַרנעמט זיך דאָס מאָל ניט מיט אַזאַ מין אַנאַליז. ער זאָגט: „יאָ!”, דער פאַקט, וואָס די בונדיסטן ווייזן אים אויף איז אַ ריכטיקער, מער נישט זייער אויסטייטשונג פונם פאַקט איז אַ פאַלשע.

„אַוודאי שטייט איצטער די בורזשואַזיע אין מזרח־וואַנט פון ציוניזם, אָבער זי איז צו דער באַוועגונג צוגעשטאַנען ניט צוליב אירע קלאַסן־אינטערעסן, נאָר צוליב איר נאַציאָנאַלן געפיל און גייסטיקן אינטערעס. זי איז משפיע אויפן גאַנצן ציוניזם, ווייל זי שטייט פאַרן עמוד, זי האָט די דעה, ווייל זי גיט אויך אַביסל די מאה. זי שטייט בראש, ווייל זי האָט אויף דעם אַ הכשר, ווייל די באַוועגונג האָט זיך נאָך ניט אויף אַזוי ווייט פונאַנדערגעוואַקסן, אַז די קלאַסן־פּסיכאָלאָגיע פון אירע אמתע פאַנען־טרעגער זאָל אַרויסטרעטן פון איר פּאָליטישער באַהעלטעניש. דער ציוניזם איז בירגערלעך ניט צוליב דעם, וואָס ער שפּיגלט אָפּ די קלאַסן־אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע, נאָר ווייל די פּסיכאָלאָגיע און די קלאַסן־אינטערעסן פונם אידישן המון האָבן נאָך ניט אָנגעהויבן זיך אָפּשפּיגלען אין דער באַוועגונג”.

סירקין זעט פאָראויס מיט אַזאַ זיכערקייט, מיט אַזאַ גלויבן דעם אויפ־קום פון אידישן המון ווי אַ כוח, וואָס וועט פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם און אַרויפפלייגן אויף אים זיין שטעמפּל, אַז ער זאָגט אויף זיין שטייגער און מיט ציוניסטיש־רעוואָלוציאָנערער העזה אויפן זעלבן משקל, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן ערב דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע:

„אַצינדערט איז די בורזשואַזיע אין ציוניזם אַלצדינג; אָבער פון אַ היסטאָרישן קוקווינקל איז זי גאָרנישט”.

ו

אין יענע צייטן אונטערן דרוק פון ציוניזם, וואָס האָט זיך אַלץ ווייטער געשטאַרקט, האָט דער „בונד” אָנגעהויבן זיך אַרומטראָגן מיטן געדאַנק אַנטקעגנצושטעלן דעם ציוניזם אַ במקום, אַ סוראָגאַט — די אידישע אויטאָנאָמיע אין גלות. ס'איז געווען טשיקאַווע, אַ מין איראָניע אין דער געשיכטע פון אידישן סאָציאַליזם, אַז דווקא יענע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען דער פאַרשטייער פון די אידישע אַרבעטער פאַר דער וועלט, האָט גאָרנישט ניט געוואָלט וויסן וועגן אַ אידישער ספּעציעלער עקאָנאָמיק,

וואָס איז שטאַרק הינטערשטעליק און ליידט פון פאַרשיידענע חולאתן. מאַסן בונדישע חברים פלעגן פאַרלאָזן זייער אַלטע היים, זייער אָרגאַ־ניזאַציע מיט איר פּאָליטיש־רעוואָלוציאָנערן קאַמף, פלעגן אויסוואַנדערן אויף יענער זייט ים, און פונדעסטוועגן האָט זייער פּאַרטיי ניט מודה געווען, אַז ס׳איז פאַראַן אַ אידישע עמיגראַציע ווי אַ פּראָבלעם פון אידישע מאַסן. זי האָט ניט געזוכט אינם לעבן פון אידישן אַרבעטער קיין ספּעציעל אידישע פּראָגרעס, ניט געפילט דאָס באַדערפעניש אויפצושטעלן ספּעציעלע, נאַציאָ־נאַלע אָרגאַנען אויף צו פאַרריכטן די חסרונות פון דער אידישער עקאָנאָ־מיק. פון אַלע פאַרפלאָנטערטע און אָנגעווייטיקטע ענינים פון אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט דער „בונד" אַרויסגענומען נאָר איין אינטערעס פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, די אידישע קולטור — און אויך דאָס אין אַ כלומרשטער „קלאַסן־פאָרם" — אַ נאַציאָנאַלע קולטור, וואָס פון איר איז אָפּגעשניטן העברעאיש און בכלל אָפּגעריסן דער צוזאַמענבונד מיט דער אידישער געשיכטע.

דער געדאַנק וועגן אידישער אויטאָנאָמיע אין גלות, וואָס שמעון דובנאָוו איז געווען זיין ערשטער אָנזאָגער און וואָס דער „בונד" האָט אים אויפגענומען ערשט נאָך דעם ווי דער צוזאַמענפאָר פון דער עסטרייכי־שער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין ברין (1899) האָט איבערגענומען די תורה פון קאַרל רענער וועגן איבעראַנדערשן די עסטרייך־אונגאַרישע מלוכה אין אַ מדינה פון נאַציאָנאַליטעטן מיט קולטור־אויטאָנאָמיע פאַר יעדער נאַ־ציע — דער דאָזיקער געדאַנק האָט זיך פאַרשפּרייט אויך צווישן ציוניסטן. אין אַ צייט אַרום האָבן אַלע אידישע פּאַרטייען און אויך פּועלי־ציון אָנ־גענומען דעם לאָזונג פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, הגם אין פאַרשיידענע נוסחאות. איינע פון די נאַציאָנאַלע שטרעמונגען אין אידישן סאָציאַליזם האָט אַפילו דערזען אין דער אידישער גלות־אויטאָנאָמיע אַן עיקר־יסוד און געמאַכט אים פאַר אַן עיקר־פּונקט אין דער פּאַרטיי־פּראָגראַם, געזען אין דער אויטאָנאָמיע אַ נויטיקן שטאַפּל פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונם ציוניזם אָדער טעריטאָריאַליזם (סיימיסטן). אויך דער אַלגעמיינער ציוניזם פון רוסלאַנד האָט אַדאָפּטירט די תורה פון אויטאָנאָמיע אין גלות („העל־סינגפאָרסער פּראָגראַם"). סירקין האָט געלייקנט גאָר אין גאַנצן די דאָזיקע תורה. ער זעט ניט אינם גלות־לעבן וואָסער ניט איז האָפענונג אויף אויפבויען אַ נאַציאָנאַלן לעבן, און ער פרעגט אָפּ דעם עיקר־יסוד פאַר אַ נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע: צי איז טאַקע אמת, אַז דאָס פאָלק אַליין וויל גאָר אָפּהיטן די איצטיקע פאָרמען פון דער אידישער קולטור? צי זיינען אידן גרייט פאַר זיי צו קעמפן?

סירקינס מיינונג וועגן דער שפּראַכן־פראַגע ביי אידן ווייסן מיר

שוין. אַרום און אַרום האָט זיך פאַרשפּרייט דער קולט פון אידיש, אָבער סירקין איז זיך געבליבן ביי זיינס, אַז „אידיש פאַרמאָגט ניט אין זיך דעם כוח אויפצואוועקן ליבע און התלהבות צו זיך גופא״; „די אידישע ליטע־ראַטור דינט ביי דעם פּראָלעטאַריאַט ווי אַ מיטל פאַר קולטור, און נאָר ווי אַ מיטל״; „דער המון נוצט די זשאַרגאָן־ליטעראַטור, נאָר בכדי זיך דערנאָך צו באַפרייען פונם זשאַרגאָן״. אמת, אויך די נייע העברעאישע ליטעראַטור האָט אין אָנהויב געדינט פאַר דער אידישער בורזשואַזיע נאָר ווי אַ מיטל צו בילדונג, צו השכלה און אַסימילאַציע, אָבער „וויל די שפּראַך אַליין איז שטאַרק און שיין און איז אַריינגעפלאָכטן אין דער געשיכטע פונם פאָלק, אין זיינע געפילן און שטרעבונגען, האָט העברעאיש באַוויזן פון אַ מיטל צו ווערן אַ נאַציאָנאַלער ציל. נאָר ווען ניט דער ציוניזם, וואָלט אויך העברעאיש נעלם געוואָרן, פּונקט ווי ס׳איז נעלם געוואָרן די העברעאישע שפּראַך אין דייטשלאַנד. — — דער ציל פון העברעאיש איז שוין ניט מער ווי אַמאָל — אַריינברענגען אייראָפּעאישע קולטור אין אידישן לעבן כדי צו אַסימילירן אידן מיט דער אַרומיקער וועלט — אַצינדערט איז העברעאיש אויסן קלאָר צו מאַכן, באַלויכטן די אידישע לאַגע, אַנטפּלעקן די כוחות פון אידישן שאַפן, די אָריגינעלע מעגלעכקייטן, וואָס ליגן באַהאַלטן אין אידישן פאָלק. — — אַרעם איז נאָך די העברעאישע ליטעראַטור, שוואַך, ווייניק רירעוודיק, תּמימותדיק, און אין פאַרשיידענע פּרטים אויך בירגערלעך און רעאַקציאָנער — אָבער נאָך אַלעמען האָט זי אויסקוקן אויף וויטערדיקע אַנטוויקלונג, וואָרעם איר ציל איז צו דינען אַ היסטאָרישן נאַציאָנאַלן ציל. און וויל העברעאיש איז איצ־טער דער סימן און סימבאָל פון ציוניזם, וועט זי אין איינעם מיטן וואַקסן פון ציוניזם און מיטן אויפוואַכן פונם המון צו זיין ציוניסטישן באַפרייאונגס־קאַמף רייכער ווערן, פּראָגרעסירן און זיך אַריינפלעכטן אין די לעבנס־באַדערפענישן״.

און וואָס־זשע פאַרבלייבט דען אין רשות פון דער גלות־אויטאָנאָמיע אַחוץ די אידישע שפּראַך? מען וועיזט אָן אויף נאָך צוויי ענינים: אידישער געריכט, אידישע זעלבסטפאַרוואַלטונג. סירקין לייקנט אָפּ די מעגלעכקייט, אַז דאָס אידישע רעכט, דער אידישער בית־דין זאָלן זיך קענען אַנטוויקלען אין גלות און ער גלויבט ניט אין זיין פּראָגרעסיווקייט. ער זעט אויך ניט קיין ממשותדיקן אינהאַלט פאַר אַ אידישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. „און אויב עס וואָלט געשען אַ נס און אידן וואָלטן שוין זוכה געווען צו זעלבסט־פאַרוואַלטונג, וואָלטן זיי ניט געוואוסט וואָס אָנצוהויבן דערמיט״.

סירקין שיסט סאַרקאַסטישע פיילן אין „בונד״ וואָס זעט אין דער גלייכבאַרעכטיקונג אַן ענטפער אויף דער אידישער פראַגע און אין דער

אייגענער צייט חלומט ער וועגן אַ נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין גלות. אָט די צוויי ענינים זיינען זיך סותר איינער דעם צווייטן. די בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג איז דער שונא פֿון יעדן גלות־נאַציאָנאַליזם און וועט פֿון אים ניט איבערלאָזן קיין שריד ופליט. דער „בונד" פֿאַראייניקט אין זיין טעאָריעביידע זאַכן נאָר דערפֿאַר, ווייל ער האָט זיך וועגן דעם ניט אָנגעפֿרעגט ביי דעם אידישן לעבן, דערגאַנגען צו אים קלאַנגען וועגן אַ באַשלוס פֿון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין ברין און ער האָט תיכף געפּסקנט, ניט מאַטערנדיק אַ סך דעם מוח, אַז אויך פֿאַר אידן פּאַסט זיך אַ נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע.

ווי אַ שטאַרקע ראיה פֿאַרן גלות־אויטאָנאָמיזם האָט מען אָנגעוויזן אויף עסטרייך, אַ לאַנד פֿון אַ סך פֿעלקער, אָט עסטרייך־אונגאַרן פֿון פֿאַר דער וועלט־מלחמה: פֿאַרן נאַציאָנאַלן פּלאָנטער פֿון דער דאָזיקער מדינה האָט מען קיין בעסערן סדר ניט איידער אַ נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פֿאַר יעדער אומה אין די רעמלעך פֿון דער בשותּפֿותדיקער מדינה. סירקין צעטרייסלט די גזירה שווה צווישן עסטרייך און אידן: „יענער, וואָס וויל אָפּלערנען פֿון עסטרייך אויף די רוסישע אידן, מוז זיך נעמען דעם נמשל ניט פֿון די פּאָליאַקן, טשעכן אָדער רוטענער אין עסטרייך, נאָר פֿון אירע אידן, וואָרעם אויב ניט אַזוי איז דער משל גאָר קיין משל ניט — — אויב די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פֿאַר אידן שטאַמט אָפּ פֿון זייערע לעבנס־באַדערפֿעניש, וואָלט אַזאַ מין נאַציאָנאַלע באַוועגונג באַדאַרפֿט שוין פֿון לאַנג אויפֿקומען צווישן די עסטרייכישע אידן".

אָבער אַזוי שטאַרק ווי ס'איז סירקינס ניט־גלויבן אין דער מעג־לעכקייט פֿון אַ נאַציאָנאַלן לעבן אין גלות, פּונקט אַזוי פֿעסט און שטאַרק איז זיין גלויבן אין אַ פּאָליטיש־טעריטאָריאַלן אויטאָנאָמיזם.

„אין אַ זעלבסטשטענדיקער אידישער געזעלשאַפֿט, וואו דער המון וועט זיין פֿריי און שטיין אויף זיינע אייגענע פֿיס אין עקאָנאָמישן פּרט, וועט זיך אַנטוויקלען די העברעאישע שפּראַך, וואָס זי איז אַצינדערט שוין די שפּראַך פֿון ציוניזם, און וועט דענסטמאָל ווערן די שפּראַך פֿונם פֿאָלק. די שעפֿערישע גאונות פֿונם אידישן פֿאָלק וועט באַנייען איר יוגנט אין דער דאָזיקער שפּראַך. דער „לשון קודש" פֿון בית־מדרש וועט געהייליקט ווערן מיט דער שפּראַך־הייליקייט פֿונם וואָכנדיקן לעבן. און אַז עס וועלן זיך אַנטוויקלען די נייע לעבנס־פֿאָרמען — אויף נאַציאָנאַלער ערד, אויף קאָאָפּעראַטיווער אַרבעט, אויף קאָלעקטיוויזם — וועט זיך אויך אַנטוויקלען אַ נייער דין און אַ נייער משפּט, אַ פֿאָלקס־געזעץ, וואָס די זעלבסטשטענ־דיקע לעבנס־פֿאָרמען וועלן זיך אין אים אָפּשפּיגלען. אין אַ אידיש לאַנד קען געמאָלט זיין אויך אַ אידישע קולטור; אַז ס'איז פֿאַראַן עקאָנאָמישע

און פּאָליטישע גלייכהייט און זעלבסטשטענדיקייט, אַז ס׳איז פֿאַראַן נאַציאָנאַלע פֿרייהייט, איז אויך מעגלעך נאַציאָנאַלע שאַפֿונג".

ז

אַ קליינער אַרטיקל אונטער אַ באַשיידענעם אָבער סימבאָלישן קעפּל — „אידישע כראָניק" — האָט אונז אָפּגעהיט סירקינס ענטפֿער אויפֿן קישינעווער־פּאָגראָם. ער רעדט ניט קיין סך וועגן די פּאָגראָמשטשיקעס און וועגן זייערע האַרן און שיקערס. סירקין דער שטראָפֿער, דער בעל־מוסר קערט זיך אויס מיטן פּנים אויף אינעווייניק. אָבער בעת ביאַליק גיסט אויס זיין צער און צאָרן אויפֿן אידישן פֿאָלק, וואָס ליידט זיין ליידן און זיין שאַנד און ענטפֿערט ניט, טרעט אַרויס סירקין מיט זיין כּעס קעגן דער אידישער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ, וואָס אויך אין אַזאַ טראַגישן מאָמענט פֿאַרבלייבט זי געטריי אירע האַרן אָבער ניט די געשאַכטענע ברידער און זי שפּילט זיך און טרייסט זיך מיט פֿאַלשע אויסטייטשונגען.

סירקין ווייס גאַנץ וואויל, אַז די רעגירונג האָט אָרגאַניזירט די פּאָגראָמען, אַז דאָס אידישע בלוט איז פֿאַר איר אַ מיטל קעגן דער רעוואָלוציע, אָבער ער טרעט אַרויס קעגן יענע, וואָס פּרואוון אויסטייטשן די פּאָגראָמען נאָר ווי אַ פּועל־יוצא פֿון דער רעגירונגס־פּאָליטיק. „די פּאָגראָמען זיינען נאָר דער מוראדיקער דונער אינם שטענדיקן אַנטיסעמיטישן שטורעם, וואָס אידן לעבן אונטער אים אין גלות".

און בשעת די רוסישע רעוואָלוציאָנערן און מיט זיי אין איינעם אויך די אידישע רעוואָלוציאָנערן קומען און ברענגען די ראיה פֿון קישינעווער פּאָגראָם אויף דער רשעות פֿון דער צאַרישער רעגירונג און אויף דער צידקות פֿון די רעוואָלוציאָנערן, שטייט אויף סירקין און שליידערט די רעוואָלוציאָנערן אין פּנים אַריין: „ניט פֿאַר דער רוסישער רעגירונג אַליין, אויך פֿאַר די רוסישע רעוואָלוציאָנערן זיינען אידן נישט מער ווי אַ מיטל פֿאַר דער רעוואָלוציע". און ער דערמאָנט זיי די אַלטע זינד פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", בעת אַ גרופּע רעוואָלוציאָנערן האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפֿרוף קעגן אידן צוליב דער רעוואָלוציע *; אַצינדערט, נאָכן קישי־

* די דאָזיקע מעשה אין דער געשיכטע פֿון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" (צו אונזער גרויסן בזיון האָבן אויך די הענט פֿון אידישע רעוואָלוציאָנערן געשטעקט אין דער שיינער אַרבעט) איז געווען באַוואוסט נאָר צו יחידי סגולה, וואָס זיינען געווען בקיאים אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. איז סירקין געקומען און דערמאָנט די מעשה אויף אַן עפֿנטלעכער פֿאַרזאַמלונג אין בערלין נאָכן קישינעווער פּאָגראָם. דער עולם,

נעווער פּאָגראָם, טומלען די רעוואָלוציאָנערן קעגן דער רעגירונג, וואָס וויל דערשטיקן די רעוואָלוציע אין אידיש בלוט. „די פֿראַגע פֿון אידישע פּאָגראָמען איז אין די אויגן פֿון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן נאָר אַ פֿראַגע פֿון רוסלאַנד, פֿון דער רעוואָלוציע, אָבער ניט מער. די אידישע פֿראַגע עקזיסטירט בכלל ניט ביזן היינטיקן טאָג פֿאַר דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. און הגם דער אַנטיסעמיטיזם בושעוועט אין דער גאָרער ברייטער רוסלאַנד, אין די העכערע קלאַסן און ביי די נידעריקע שיכטן, און אפֿשר ביי די נידעריקע נאָך שאַרפֿער איידער ביי די העכערע, פֿונדעסטוועגן האָט ביז איצטער קיין שום רוסישע רעוואָלוציאָנערע גרופּע — אַחוץ דעם הייפֿעלע רעוואָלוציאָנערן פֿון דער גרופּע „סוואָבאָדאַ" — ניט געפֿונען פֿאַר נויטיק אַרויסצוטרעטן קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם און עפֿענען דעם רוסישן פֿאָלק די אויגן".

זינט ווען האָבן די רוסישע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס אָנגעהויבן זיך פֿאַראינטערעסירן מיט דער אידישער פֿראַגע? ניט אין משך פֿון די דריי־און־צוואַנציק לעצטע יאָרן פֿון פּאָגראָמען און גזירות, נאָר בעת זיי האָבן איינגעזען, אַז מען דאַרף פֿירן אַ קאַמף קעגן ציוניזם און קעגן דעם „בונד", וואָס „אַפֿילו ער איז אין זייערע אויגן צופֿיל אידיש און ציוניסטיש". און סירקין דעקט אויף אָן רחמנות די מיאוסע באַהאַנדלונג פֿון אידישן נאַציאָנאַליזם מצד די רעוואָלוציאָנערן און זייערע מעשים.

„זיי האָבן דערזען, אַז צווישן אידן איז אויפֿגעשטאַנען אַן אייגענע פֿרייהייטס־באַוועגונג, אַז אידן ווילן ווערן אַ פֿאָלק, אַ מדינה פֿאַר זיך אַליין, אַ ציל פֿאַר זיך און ניט אַ מיטל פֿאַר אַנדערע, זיינען זיי תיכף אַרויסגעשפּרונגען מיט אמתער אַנטיסעמיטישער חוצפּה און האָבן אָנגעהויבן אָנוואַרפֿן אויף דער באַוועגונג רעאַקציאָנערישן שמוץ און בורזשואַזע שענדלעכקייט. און הגם זיי האָבן גאָר קיין אינטערעס ניט פֿאַרן אידישן פֿאָלק

וואָס האָט געהאַט גאָר קנאַפּע ידיעות אין דער געשיכטע פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע און איז געווען אָנגעזאַפּט מיטן גרעסטן יראת הכבוד צו די העלדן פֿון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָט קיין שום קריטישע באַציאונג צו זיי ניט דערלאָזט און איז שטאַרק געווען באַליידיקט פֿון דעם „חילול הקודש", וואָס האָט געשטעקט אין סירקינס רייד. ער האָט עס דעריבער אויפֿגענומען ווי אַ בלוט־בילבול אויף דער רעוואָלוציע. אין דער פֿאַרזאַמלונג איז געוואָרן אַ טומל און מען האָט זיך געוואָרפֿן אויף אים שלאָגן. אַ ידיעה וועגן דער מעשה איז דעמסטמאָל דערגאַנגען צו געאָרג פּלעכאַנאָוו, דעם גרינדער און גרעסטן מומחה פֿון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. ער האָט באַשטעטיקט די מעשה אינעם אָפֿיציעלן זשורנאַל פֿון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע „איסקראַ". דער אָפּרוף פֿון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן אין זייערע פֿאַרשיידענע שטרעמונגען — נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ און אַנדערע — אויף די אידישע פּאָגראָמען פֿון די 80ער יאָרן איז אַ טעמע, וואָס איז כדאי אויסגעפֿאָרשט צו ווערן אין אירע פּרטים.

אין זיין אינעווייניקסטן לעבן, הגם זיי ווייסן גאַרנישט און פֿאַרשטייען גאַרנישט פֿון דער דאָזיקער באַוועגונג. פֿונדעסטוועגן לאָזן אַרויס די דאָזיקע קאָמיטעטן און אָרגאַניזאַציעס קעגן ציוניזם מאמרים און פּראָקלאַמאַציעס פֿול מיט עם־הארצות, מיט פֿינצטערע אַנטיסעמיטיש־רעאַקציאָנערישע שפּיצלעך. זיי קוקן אויף אידן ניט ווי סאָציאַליסטן, נאָר ווי סוחרים; דער איד איז פֿאַר זיי ניט אַ ציל פֿאַר זיך, נאָר אַ מיטל פֿאַר דער רוסישער רעוואָלוציע, אויב עס וועט אויפֿקומען צווישן אידן אַן אייגענע פֿרייהייטס־באַוועגונג, קען דאָך געמאָלט זיין, אַז עס וועט דערפֿון אַרויסקומען אַ היזק פֿאַר דער רעוואָלוציע און אידן וועלן אַביסל ווייניקער מענטשן צושטעלן פֿאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי — איז בכן דאַרף מען פֿאַרווערן אידן זיי זאָלן זיך אויפֿהויבן פֿון זייער קנעכטשאַפֿט צו אַ העכערן לעבן".

ניט תחנונים געבעטן, נאָר עזותדיק האָט סירקין גערעדט מיט די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, ער בעט ביי זיי ניט קיין הסכמה, אַז אידן מעגן קוקן אויף זייערע אייגענע אינטערעסן מיט אידישע אויגן. ער גיסט אויס אויף זיי זיין צאָרן, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן ביי אים צוליב זייער פֿרעמדקייט, צוליב זייער קאַלטן גלייכגילט צו די יסורים פֿון אַ פֿאַרשקלאַפֿטן, ביי זיי פֿאַרשקלאַפֿטן פֿאָלק, צוליב זייער טעמפּקייט און חוצפּה, בעת זיי טראָגן אַרויס זייער פּסק דין וועגן אים. ער מאַכט אַפֿילו חוזק פֿון זייער מציאה וואָס זיי האָבן אויסגעפֿונען קעגן דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס האָט געוואָלט שיקן די באַוואוסטע טעלעגראַמע צום צאַר ניקאָלאַי און האָט זי ניט געשיקט, — אַ מעשהלע, וואָס פֿלעגט ניט אַראָפּגיין פֿון טאָג־אָרדענונג ביי אַלע רעדנער און שרייבער פֿון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. מיר האָבן שוין פֿריער דערציילט, ווי שטאַרק ווייטיק געטאָן עס האָט סירקינען דער פּראָיעקט פֿון דער דאָזיקער טעלעגראַמע און ווי ער האָט זיך געפֿלייסט, אַז מען זאָל די טעלעגראַמע ניט אָפּשיקן, נאָר דעם ליגן פֿון דער טענה אין מויל פֿון די אַנטי־ציוניסטן האָט ער ניט געקענט איבערטראָגן. איז דאָך געווען אַ מעשה, אַז פֿינלענדישע סטודענטן האָבן אַמאָל באַשלאָסן צו דערלאַנגען דעם צאַר אַ פּעטיציע וועגן די רעכט פֿון פֿינישן פֿאָלק און זיינען צוליב דעם אַרומגעפֿאָרן איבער די דערפֿער פֿון פֿינלאַנד כּדי אויפֿצוקלייבן חתימות. דער דאָזיקער קינדערשער אַקט האָט זוכה געווען ניט צו קיין באַשולדיקונג, ניט צו קיין אויסרייד, נאָר פּונקט פֿאַרקערט, צו סימפּאַטיעס און האָט ממש אַ התלהבות אַרויסגערופֿן אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע. איז דאָך דערפֿון געדרונגען, אַז ניט די טעלעגראַמע גופֿא, וואָס איז ניט אָפּגעשיקט געוואָרן, נאָר דער ציוניזם אַרט זיי, וואָס זיי זיינען ניט צופֿרידן מיט אים.

אָבער דעם קוואַל פֿון אַל־דאָס־בייז האָט סירקין געזען ניט אין די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, נאָר אין די אידן, וואָס האָבן זיך ווי שמשים אַרומגעדרייט אַרום זיי „און האָבן אויסגעמאַכט אַ היבשער טייל פֿון די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס". אויך פֿאַר זיי עקזיסטירן אידן ניט צוליב זיך אַליין, נאָר זייער קיום ווערט באַרעכטיקט אויף אַזוי ווייט, אויף וויפֿיל זיי דינען און ברענגען נוצן אַנדערע פֿעלקער.

„די אידישע אינטעליגענץ וויל ניט דינען ביי אַ פֿאָלק וואָס האָט ניט קיין כּוח, קיין הערשונג, קיין קולטור און קיין כּבוד; זי וויל ניט באַלאַנגען צו אַ פּראָלעטאַרישן פֿאָלק. עגאָאיסטיש איז דער אידישער אינטעליגענט, דעריבער אַנטלויפֿט ער פֿון זיין פּראָלעטאַרישן פֿאָלק. דעריבער פּרוּווט ער זיך ראַטעווען דורכן סאָציאַליזם און אויסבאַהאַלטן זיך פֿונם אידישן גלות־פֿאָלק. — — — די אידישע אינטעליגענץ שטייט־צו צום אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, ווייל זי וויל אַנטלויפֿן פֿונם פּראָלעטאַריער צווישן אַלע פּראָלעטאַריער; זי איז רעוואָלוציאָנער ווייל זי איז פּחדניש, אָנגעשראָקן, גרינג־געשאַצט אין אירע אייגענע אויגן, אָנמעכטיק צוליב איר אידישקייט. דעריבער האָט ניט דער סאָציאַליזם און די רעוואָלוציאָנערישקייט פֿון די אַסימילאַטאָרן קיין שום מאָראַלישע חשיבות".

וואָרעם וואָס־זשע איז אַזוינס די רעוואָלוציאָנערישקייט פֿון די אידישע אַסימילאַטאָרן? זיי פֿלייסן זיך פּטור צו ווערן פֿון זייער אידישקייט און ווילן דעריבער אַז דאָס אידיש פֿאָלק זאָל זיך אָפּזאָגן פֿון זיך אַליין, אָבער דערווייל ביז וואַנען עס לעבן נאָך די אידישע מאַסן דאַרף מען אויסגעפֿינען אַ תּירוץ פֿאַר זייער קיום, אַ „הסכּמה פֿון אַנדערע פֿעלקער אַז אידן מעגן אויך אָטעמען מיט דער לופֿט און טרעטן מיט די פֿיס אויף דער ערד".

„און אַזוי ווי דער אידישער באַנקיר זוכט אַ תּירוץ פֿאַרן אידישן קיום דערינען, ווען ערגעץ וואו אַ איד האָט באַקומען אַן אָרדן, אַ מעדאַל, אַן ערנצייכן, אָדער האָט זוכה געווען צו אַ שמועס מיט אַ גובערנאַטאָר, פּונקט אַזוי זוכט דער כּלומרשטער אידיש־אַסימילאַטאָרישער סאָציאַליסט אַ זכות פֿאַרן קיום פֿון אידן דערינען, וואָס זיי זיינען אַ גוטער רעוואָלוציאָנערער מאַטעריאַל פֿאַר אַנדערע פֿעלקער". און אויב דער דאָזיקער אַסימילאַטאָרישער סאָציאַליסט פּרוּווט פֿאַרטיידיקן אידן קעגן אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָמען, טוט ער דאָס ניט צוליב די אידישע רעכט אויף לעבן און פֿרייהייט, נאָר צוליב די אינטערעסן פֿון רוסלאַנד און אין נאָמען פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע. „ער האָט ניט דעם מוט צו זאָגן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם שעדיקט אידן אַליין און אַז דעריבער זיינען זיי מחויב צו קעמפֿן קעגן אים ווי אידן".

אָבער סירקין פֿאָדערט, אַז אידן זאָלן קעמפֿן פֿאַר זייער לעבן ווי אידן. „אידן האָבן ניט אויף ווען זיך צו פֿאַרלאָזן און דאַרפֿן ניט וואַרטן אויף שוץ פֿון עמעצן אָדער פֿון ערגעץ, — נאָר ביי זיך אַליין און ביי דער אייגענער קראַפֿט דאַרפֿן זיי זוכן הילף. — — אין אַלע זייערע וואוינערטער דאַרפֿן זיי זיך אָרגאַניזירן און זיך באַוואָרענען מיט כּלי זין און אַרויסגיין מיטן וואָפֿן אין דער האַנט קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס. קעגן מאָרד מוז מען זיך פֿאַרטיידיקן נאָר מיט כּלי זין, און אויב ס׳איז באַשערט, אַז בלוט זאָל פֿאַרגאָסן ווערן, איז בעסער אַז דאָס זאָל געשען אין קאַמף אויף די גאַסן, איידער אויסשטרעקן דעם האַלז צו די מערדער אין די קעלערס. — — דער המון און די יוגנט דאַרפֿן זיך אָרגאַניזירן אין פֿאַראיינען און אַרויסגיין קעגן דעם שונא אויפֿן גאַס מיטן כּלי זין אין האַנט. גענוג שוין פֿאַר אידן זיך בוקן פֿאַר יעדן מושל און בעטן תּחנונים ביי יעדן טשינאָווניק — ס׳איז אָנגעקומען די שעה ווען אידן וועלן שוין מער ניט אונטערשטעלן דעם רוקן פֿאַר זייערע באַדריקער און וועלן זיך אַקעגנשטעלן. געקומען די צייט, ווען מיר זאָלן מיט כּוח ענטפֿערן אויף דרוק און מיט כּלי זין אויף מאָרד".

סירקין זאָגט ניט צו, אַז דער זעלבסטשוץ וועט זיך איינגעבן און וועט מנצח זיין, ער זאָגט ניט צו, אַז די פּאָגראָמשטשיקעס, וואָס ווערן געשטיצט פֿון דער רעגירונג, וועלן אָפּטרעטן פֿאַר אידן, אויב זיי וועלן זיך פֿאַרטיידיקן. אָבער אין סירקינס אויגן איז דאָס אַ מוז־זאַך, אַן ענין פֿון אידישן כּבוד. „הגם אידן שטרעבן אַרויסצוגיין פֿונם גלות און אויפֿ־בויען פֿאַר זיך אַ זעלבסטשטענדיקע נייע און פֿרייע אידישע געזעלשאַפֿט, פֿונדעסטוועגן דאַרפֿן זיי אויך אין גלות גיין מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ".

אָט אַזוי ווי דער אידישער אָנטייל אין דער רעוואָלוציע, פּונקט אַזוי איז אויך זייער אַרויסטריט מיט אידישן זעלבסטשוץ פֿאַר סירקינען ניט קיין ענין פֿון פּאָליטישן תּכלית, וואָס וועט ברענגען אַ זיכערן ריווח, נאָר אַ מאָראַלישער חוב, אַן ענין פֿון מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן כּבוד־געפֿיל.

צענטער קאַפּיטל

„השחר"

א

אין איין צייט מיטן „המון" אין אידיש אין נאָמען פֿון „חירות" איז סירקין צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן אין העברעאיש דעם „השחר", ווי אַן אייגענע טריבונע. פֿאַרטראַכט איז דערמיט געווען אַ „פּאָליטיש־ליטעראַ־

רישער זשורנאַל, וואָס דאַרף אַרויסגיין פֿיר מאָל אין יאָר דורך בן־אליעזר״, אָבער ער האָט זוכה געווען נאָר צו איין בראָשור, וואָס איז אין גאַנצן געשריבן פֿון סירקין אונטער פֿאַרשיידענע פּסעוודאָנימען.

זינט עס איז איבערגעריסן געוואָרן דער אַרויסגיין פֿון „האמת״ (אהרן ליבערמאַן) און „אספֿת חכמים״ (ווינטשעווסקי), איז די סאָציאַליסטישע פּובליציסטיק און פּאָעזיע נעלם געוואָרן פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור. ליבערמאַן איז אַוועק פֿון דער וועלט, אליעזר צוקערמאַנען האָט מען פֿאַרטריבן קיין סיביר, וואו ער האָט אויף גיך פֿאַרענדיקט זיינע יאָרן, בן־נץ (ווינטשעווסקי) איז אַריבער צו אידיש, יהל״ל און או״ר זיינען געוואָרן חובבי ציון. אַצינדערט, נאָך פֿינף־און־צוואַנציק יאָר, בעת אַלע אידישע סאָציאַליסטן האָבן שוין אָפּגעזאָגט דעם רבנן קדיש נאָך דער העברעאישער שפּראַך און איר ליטעראַטור, האָט סירקין מיטאַמאָל פֿאַרטראַכט אויפֿצושטעלן אַ העברעאישע טריבונע, אָבער ניט מיט משכּיליש־קאָסמאָפּאָליטישע (ליבערמאַן), נאָר מיט אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פּראָגראַם. ווי זיין שטייגער איז געווען אין אַ סך אַנדערע זאַכן, איז ער אויך דאָ געווען די ערשטע שוואַלב, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער ניי ער סאָציאַליסטיש־העברעאישער פּובליציסטיק.

ניט על פּי צופֿאַל האָט ער אויסגעקליבן דעם נאָמען „השחר״, דאָס האָט באַדאַרפֿט זיין אַן אָנזאָג אויף קאַמף, אָבער ניט אַן וואָרצלען, ניט אַן אַ יחוס.

„השחר״! וויפֿיל זכרונות און זיסע חלומות זיינען פֿאַרקניפּט מיטן דאָזיקן נאָמען, וויפֿיל געהויבענע האָפֿענונגען וועקט אויף אין אונזער האַרץ דער דאָזיקער נאָמען. אַ קאַמף־געשריי קלינגט אַרויס פֿון אים, אַ קאַמף־געשריי פֿאַרן לעבן, פֿאַרן אמת, פֿאַר דער פֿרייהייט און פֿאַר דער צוקונפֿט, אַ שטים פֿון אויפֿהויבן זיך צו נייע אינהאַלטן פֿון געדאַנק און געפֿיל, צו איבערשאַצן אויף אַן אַנדער אופֿן אַלטס און אויפֿשטעלן נייס, צו צעשטערן און בויען. — — און אינאיינעם מיטן דאָזיקן נאָמען שוועבט אַרויף פֿאַר אונזערע אויגן דאָס בילד פֿונם פּובליציסט־דיכטער, פֿונם שרייבער־קעמפֿער און אָנזאָגער, וואָס איז אַרויס אין דער מלחמה קעגן די חסרונות פֿונם איצטיקן לעבן, קעגן דער נידעריקייט און געמאַלנקייט, קעגן קליינקעפּלדיקייט, ווייל ער האָט געגלויבט אין דער צוקונפֿט, ווייל ער האָט געפֿילט דאָס קומענדיקע, וואָס באַוויזט זיך אין זיין האָפֿערדיקייט, ווייל ער האָט געזען און פֿאָראויסגעזען — דאָס בילד פֿון פּרץ סמאָלענסקין״ („השחר״, אַריינפֿיר־אַרטיקל).

פֿאַרשטייט זיך ממילא, אַז סמאָלענסקיס „השחר״ איז פֿאַר סירקינען נאָר אַ סימבאָל און ניט קיין פּראַקטישע אָדער טעאָרעטישע פּראָגראַם.

סמאָלענסקין איז אים טייער ווי דער פֿאָנענטרעגער אינם קאַמף קעגן דעם שוואַרצן מיטלאַלטער אין אידישן לעבנסשטייגער, ווי דער שטרייטער פֿאַר אייראָפּעאישע קולטור, וואָס האָט אָבער אין דער אייגענער צייט דערזען דעם גאַנג און די אַנטוויקלונג פֿון דער השכלה און איר היסטאָרישן סוף אין דער אַסימילאַציע און איז מיט זיין „אמתן, אינעווייניקסטן פֿאָלקס־אינסטינקט״ אַרויסגעטראָטן קעגן דער מערב־אייראָפּעאישער אידישער אַסימילאַציע. אָבער אין סמאָלענסקיס צייטן האָבן נאָך אויסגעפֿעלט „די ממשותדיקע פֿאַרהעלטענישן, וואָס האָבן געקאָנט באַשאַפֿן אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג און אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור״. „זינט דעמאָלט האָט זיך אָבער די לאַגע שטאַרק געביטן, ס׳איז אויפֿגעקומען די ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס ניט קוקנדיק אויף אַלע אירע חסרונות איז זי אָבער פֿונדעסטוועגן דאָס איינציק און צענטראַל פּינטעלע פֿון דער אידישער נאַציע״.

אָבער אַזוי ווי אין ציוניזם געוועלטיקן „די בעלי־בתים און כּשרע משכּילים״, די רבנים, וואָס וויקלען זיך אין אַ „טלית פֿון כּולו שוואַרץ, פּונקט אַזוי זעען מיר דאָס אייגענע אין דער העברעאישער ליטעראַטור: עס געוועלטיקן אין איר די געטרייע זינדלעך, געטרייע אין מאַטעריע און גייסט, פֿון די אידישע בעלי־בתים. און די אידן־ליטעראַטור אין פֿאַרשיידענע שפּראַכן — — איז אמת פֿון אויסנווייניק אָפּטמאָל מער הייגטוועלטיק איידער די העברעאישע ליטעראַטור, אָבער איר תּוך איז פּוסט און וויזט ניט אויף קיין אָריגינעלן געדאַנק״.

„השחר״ איז גרייט צום קאַמף. זיין אויפֿרייצנדיקער טאָן איז קאָנטיק שוין פֿון די ערשטע ווערטער. אַזוי ווי ער גרייט זיך אַריבערצופֿירן דעם שווער־פּונקט אין ציוניזם פֿון די מיטעלע קלאַסן צום אידישן „המון״, פֿלייסט ער זיך אַריינצוברענגען אינם ציוניזם אויך „נייע השגות וועגן נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט און אָריגינעלקייט, וועגן דער אידישער פֿאַרגאַנגנהייט, וועגן אידישקייט און וועגן דער צוקונפֿט פֿון ציוניזם״. „השחר״ וועט אויסשפּרייטן אַ נייַ ליכט אויף דער אידישער געשיכטע, אויפֿן „תּנ״ך, אויף דער אַנטוויקלונג פֿון דער אידישער רעליגיע און ער „וועט פֿאַרשוועכן די אַלטע אידישע הייליקטימער״ און אויף זייער אָרט פֿאַרשפּרייטן אמתע, וויסנשאַפֿטלעכע קענטעניש. מיט איין וואָרט, דער „השחר״ איז אויסן צו באַשאַפֿן אַ נייעם פּראָגרעסיוון עולם צווישן דעם אידישן המון פֿאַר דער העברעאישער ליטעראַטור, ער וויל אויפֿהויבן די דאָזיקע ליטעראַטור און איבעראַנדערשן זי, כּדי זי זאָל ווערן פֿון אַ רעאַקציאָנערער טראַדיציע ביי אַ פֿאָלנדיקער פּאַרטיי * אַ גייסטיקער,

* אין העברעאיש האָט מען נאָך דענסטמאָל ניט געהאַט קיין ספּעציעל וואָרט פֿאַר „קלאַס״, אָבער ס׳איז קלאָר, אַז סירקין מיינט דאָ ניט „פּאַרטיי״ נאָר „קלאַס״.

פֿאָרווערטס־גייענדיקער כּוח פֿון אַן אויפֿקומענדיקער, באַפֿרייענדיקער פּאַרטיי".

צי קען פֿאַרן ציוניזם אַרויסשפּראַצן אַ האָפֿענונג פֿונם „המון", וואָס „זײַנע מער פּראָגרעסיווע טיילן שטעלן זיך מיט אַלע זייערע כּוחות קעגן ציוניזם, און וואָס די טעאָרעטיקער זייערע האָבן פֿײַנט דעם ציוניזם מיט אַ מוראדיקער שנאה? סירקין פֿרעגט די דאָזיקע קשיא און גיט אויף איר אַ תּירוץ. ער פֿאַלט בײַ זיך ניט אַראָפּ. דאָס לעבן מיט זײַנע פּאַסירונגען בײַט זיך און בײַטן וועט זיך אויך די באַציאונג פֿונם „המון" צום ציוניזם. די שליחות פֿון „השחר" איז אויסצוטײַטשן די לעבנס־געשעענישן און זייערע בײַטענישן, זיי אַרויסצושטעלן אין זייער גאַנצער קראַפֿט און באַווײַזן דעם וועג אינם פּלאָנטער פֿון די צײַטן. און דער פּלאָנטער איז גרויס:

„די פֿאָלקס־פֿרײַנד, וואָס ווילן באַוואָרענען זײַן פּראָגרעס, אַנטלויפֿן פֿונם מיטל־בירגערלעכן ציוניזם, אָבער זיי געפֿינען אויך ניט קיין רו בײַ דעם אַנטי־ציוניזם פֿונם פּראָגרעסיוון „המון". יענע אַנטלויפֿן פֿונם ציוניזם, ווײַל זיי קענען ניט אַריבערטראָגן זײַן איצטיקן פּרצוף, ווײַל ער קען ניט צופֿרידנשטעלן זייערע באַדערפֿענישן, און זיי פֿאַלן דעריבער אַרײַן אין נעץ פֿון דער אַסימילאַציע; און אַנדערע ווידער אַנטלויפֿן פֿונם קאַמף־פֿעלד פֿונם פּראָגרעסיוון אידישן המון, ווײַל די היסטאָרישע אידישע פֿראַגע, ווי די פֿראַגע פֿון דער צוקונפֿט פֿונם אידישן המון, די פֿראַגע פֿונם אידישען נאַציאָנאַליזם פֿאָדערט פֿון זיי אַ תּשובֿה, און זיי פֿאַלן דעריבער אַרײַן אין נעץ פֿון רעאַקציאָנערן ציוניזם, און סײַ בײַ די דאָזיקע, סײַ בײַ יענע געפֿינען מיר אַ סך האַרצווייטיקן, גײַסטיקע געפֿאַלנקייט און האַרצרײַסעניש".

אָט קעגן דעם דאָזיקן פּלאָנטער און בלאָנדזשען דאַרף באַשאַפֿן ווערן אַ העברעאישע ליטעראַטור, וואָס וועט געבן דעם ענטפֿער אויף די אָנגעווייטיקטע פֿראַגעס, זאָגנדיק איר „יאָ!" צום ציוניזם, אָבער אין דער אייגענער צײַט ניט אָנווערנדיק די גײַסטיקע ווערטן פֿונם פּראָגרעסיוון המון. „און אַז עס וועט באַשאַפֿן ווערן אַזאַ מין העברעאישע ליטעראַטור — וועט זי אין דער צוקונפֿט ווערן אָט יענער באַרג, וואָס אַלע וועלן אויף אים קוקן, זי וועט ווערן דאָס האַרץ פֿונם פֿאָלק".

סירקין האָט ניט זוכה געווען אויפֿצובויען די דאָזיקע העברעאישע ליטעראַטור, אָבער ער האָט געגלויבט, אַז זי וועט זיך אַמאָל באַווײַזן.

ב

דער „השחר״ קערט זיך אויס מיטן פּנים צום העברעאישן לייענער. דעריבער פאַרנעמט ער זיך ניט מיט וויכוחים קעגן „בונד״ און קעגן די אַסימילאַטאָרן. דאָ, אין העברעאישן זשורנאַל, שטורעמט ער גאָר אַנדערע פּעסטונגען. דאָ קעמפט ער מיט די פירער, מיט די גװועלטיקער איבערן גייסט פון דער העברעאישער ליטעראַטור פון פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

אין זיין אַרטיקל „דער סאָציאַליסטישער ציוניזם״ האָט דער מחבר, ווייזט אויס, געוואָלט איבערגעבן דעם העברעאישן לייענער זיינע ציוניס־טישע מיינונגען אין זייער גאַנצן פאַרנעם. אָבער דער אַרטיקל אין גאַנצן איז ניט פאַרענדיקט געוואָרן און האָט זיך אין דרוק ניט באַוויזן. מערנישט צוויי ערשטע קאַפּיטלען זיינען פאַראַן אין „השחר״: אַ קריטיק אויף חיבת ציון און אויפן פּאָליטישן ציוניזם.

סירקין זעט ווידעראַמאָל, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג איז אַריינ־געפאַלן אין אַ קריזיס „פּונקט ווי אין יענע טעג פאַרן אויפקום פון פּאָלי־טישן ציוניזם״: דער צענטראַלער געדאַנק איז ווידער מטושטש און צו־מישט די מוחות און דער געזעלשאַפטלעכער ווילן איז שוואַך, אָן לעבן און אָן כּוח. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס דער ציוניסטישער געדאַנק האָט זיך שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן עולם און די באַוועגונג האָט באַוויזן צו באַשאַפן אָרגאַניזאַציעס פאַר אירע צילן, פונדעסטוועגן איז דאָס פאָלק אַליין „ניט אויפגעשטאַנען ווי איין מענטש בכדי צו דערגרייכן זיין פריי־הייט, אַזוי — — ווי מיר זעען דאָס ביי די פרייהייטס־באַוועגונגען פון אַנדערע פעלקער; פּונקט פאַרקערט, דאָס אידישע פאָלק איז ניט מנדב פאַר זיין נאַציאָנאַלער רעטונג אַן אַכטל פון אַן אַכטל ענערגיע, וואָס ער גיט אַוועק אויף רעכטס און אויף לינקס פאַר א סך אונטערנעמונגען פון צופעליקער גיכער הילף, אויב מען גלייכט זיי צו צו דער ראַדיקאַלער נאַציאָנאַלער אויסלייזונג, וואָס דער ציוניזם קען זיי געבן״.

אַזאַ מין לאַגע פון דער באַוועגונג איז מחייב אויסצופאָרשן און קאָנ־טראָלירן די דריי כּוחות: דעם געזעלשאַפטלעכן טרעגער פון דער באַוועגונג, דעם ציל, וואָס זי שטעלט אַרויס פאַר זיך און די מיטלען, וואָס זי אַרבעט מיט זיי. „אויב אין דער ציוניסטישער באַוועגונג איז איצטער ניט פאַראַן קיין לעבן, קיין וואַכקייט און קיין שטאַרקער פּאָליטישער ווילן, איז דאָס אַ סימן, אַז די דאָזיקע דריי עלעמענטן, וואָס פון זיי איז צונויפגע־שטעלט די באַוועגונג, האָבן נאָר געקלעקט אויף צו דערפירן זי ביז צום איצטיקן מאָמענט, אָבער זיי פאַרמאָגן ניט מער קיין כּוח זי צו פירן

ווייטער אַלץ העכער אויפֿן וועג פֿון דער אַנטוויקלונג און אַז זיי באַדאַרפֿן אויסגעפֿאָרשט און באַגייט ווערן".

סירקינס געדאַנקען־גאַנג אין דעם פּרט איז אונז שוין באַוואוסט פֿון די פֿריערדיקע שריפֿטן, אָבער ס'איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף די ספּעציעלע אויסשטיילונגען אין דעם דאָזיקן מאמר:

„דער אָנהויב פֿון חיבת ציון — זאָגט סירקין — איז געווען פֿאַרקניפּט מיט אַ גרויסן פּאָליטישן געדאַנק און אַ ברייטער פּאָליטישער שטרעבונג"; פּינסקערס בראָשור פֿאַרמאָגט שוין דעם גאַנצן אוצר געדאַנקען פֿון פּאָליטישן ציוניזם"; די בילויצעס זיינען געקומען קיין ארץ ישראל „מיט געהויבענע מענטשהייטס־אידעאַלן, מיט אַ שטרעבן צו פֿאַרווירקלעכן אינם נייעם אידישן לאַנד אויך אַ ניי לעבן"; אָבער ניט די ברייטע און טיפֿע השגות פֿון פּינסקער און ניט די שטרעבונגען פֿון די בילו־לייט האָבן אָנגעצייכנט דעם וועג פֿאַר דער חיבת־ציון־באַוועגונג. ארץ־ישראל איז ניט געוואָרן קיין רעטונגס־אָרט פֿאַר עמיגראַנטן, וואָס זוכן אַרבעט; די קאָלאָניזאַציע האָט זיך אָנגעשטויסן אויף גרויסע שוועריקייטן: ס'רוב בילויצעס האָבן זיך אין זייער יאוש צעזייט און צעשפּרייט אין אַלע עקן וועלט, און די מינדערהייט איז טיף איינגעזונקען אין תהום פֿון מיטלמעסיקייט, ביז וואַנען עס האָט זיך ניט שוין אַרויסגעזען דער געהויבענער אָנהויב; דער אידישער המון איז דענסטמאָל נאָך געווען אָרעם אין קולטור און אַ פּאָליטישער וועלן האָט לחלוטין ביי אים אויסגעפֿעלט; „די אויפֿגעקלערטע און פּראָגרעסיווע שיכטן פֿון דער אינטעליגענץ, וואָס ביי אַנדערע פֿעלקער זיינען זיי די ערשטע טרעגער פֿון דער פֿרייהייטס־באַוועגונג, האָבן זייער פֿאָלק פֿאַרלאָזט אין שטראָם פֿון דער אַסימילאַציע"; זיינען אין חיבת־ציון פֿאַרבליבן נאָר יענע לייט פֿונם מיטלשטאַנד, וואָס זיינען אַביסל געווען געכאַפּט אין אפּיקורסות, ביי טריף־פּסולס: זיי האָבן זיך אויפֿגעהאָדעוועט אין אַלטפֿרענקישער אידישקייט, מערנישט מיט דער צייט איז זייער גלויבן אָפּגעשוואַכט געוואָרן און דאָס פּינטעלע אידישקייט, וואָס איז ביי זיי פֿאַרבליבן, האָט זיין אויסדרוק געפֿונען אין דער נייער העברעאישער ליטעראַטור. אַזעלכע לייט זיינען ניט געווען צוגעפּאַסט פֿאַר אַ באַוועגונג, וואָס פֿאָדערט בייטן דאָס לעבן און מוטיק זיך אָנשטרענגען, זיי האָבן געזוכט נאָר אַ „במקום", אַ סוראָגאַט פֿאַר דער אמונה, וואָס זיי האָבן אָנגעוואָרן, און געוואָלט פֿאַרבלייבן טריי צו אידישקייט אָבער אויף זייער שטייגער, בעת דער ווייַן איז שוין אויסגעגאָסן, נאָר די פֿאַס איז נאָך פֿאַרבליבן גאַנץ. און אָט דידאָזיקע אפּיקורסיש־אידישלעכע משכּילים האָבן דאָס זייער שטעמפּל אַרויפֿגעדריקט אויף חיבת־ציון, אויף אירע אויפֿטוען און מיינונגען.

די ירידה פֿון חיבת־ציון האָט באַשאַפֿן די נייע תּורה פֿונם „גייסטיקן צענטער" (מרכּז רוחני), וואָס סירקין טייטשט אים אויס בזה הלשון: „ברויט און זיכערקייט פֿאַר זייער לעבן וועלן אידן, ווען דער אידישער המון, זיך זוכן ערגעץ־וואו אין אַמעריקע, אַפֿריקע אָדער אויף זייערע איצטיקע וואוינערטער, בעת דער אידישער גייסט וועט זיך פֿאַמעלעך וואַקסן און אַנטוויקלען אין ארץ־ישראל, דורך די יחידי סגולה, די גע־קליבענע צווישן דעם המון, אָבער אָן שום אָנטייל פֿונם המון, וואָס איז פֿאַרדאַגהט מיט מאַטעריעלע אינטערעסן, און אָן דעם אָנטייל פֿון דער יוגנט, וואָס איז אָנגעזאָפּט מיט התלהבות און פֿאַנטאַזיעס. דער גייסטיקער צענטער אין ארץ־ישראל וועט זיך זיין אַ מיושבדיקער און אָנגיין מיטן דרך פֿון געזונטן שכל..."

אחד העמען חלומט זיך זיין באַוואוסטער חלום, וועגן די גרויסע לייט אין אונזער פֿאָלק,* וואָס קומען זען אין ארץ ישראל דעם גרויסן וואונדער ווי „אמתע אידישע קאָלאָניסטן אַקערן, זייען און שניידן טאַקע מיט זייערע אייגענע הענט, ווי זיי קומען פֿון פֿעלד אין אָוונט, לייענען און לערנען און שיכּורן זיך ניט אָן מיט וויין", ווי די שיינע לייט פֿונם אידישן פֿאָלק ווערן פֿון אָט דעם בילד אָנגעזאָפּט מיט אַזאַ מין התלהבות, אַז עטלעכע פֿון זיי זיינען מסכּים אַפֿילו „איינצוקויפֿן פֿאַר זיך אַליין אַ וויינגאָרטן, אַ שטיקל פֿעלד פֿאַר אַן אייביקער געדעכעניש". און אָט אַזוי ווערט באַשאַפֿן אַ נייער מנהג ביי אידן: חשובֿע בעלי־בתּים האַלטן פֿאַר זייער חוב זיך צו פֿאַר־שרייבן צווישן די חובבי ציון און צייטנווייז, ווי טוריסטן, באַזוכן דאָס לאַנד, דער עיקר אין דער צייט „ווען מען פֿאָרט קיין אויסלאַנד כּדי זיך אויסצורוען פֿון דער אַרבעט". אין אחד העמס חלום זעט סירקין דעם „טעאָרעטישן אויסדרוק פֿונם יאוש אין ציון" ביי דעם מיטלקלאַס, וואָס ארץ־ישראל איז פֿאַר אים ניט קיין לעבנס־באַדערפֿעניש און ער איז דע־ריבער ניט מסוגל צו „היסטאָרישע און פּאָליטישע שטרעבונגען". „ביי דעם מיטלקלאַס, ביי די אידישע בעלי־בתּים, וואָס זיינען זיך מפֿרנס פֿונם גוי — וואָס זייער גאַנצער שטרעב איז ברייטער און זיכערער מאַכן זייערע רעכט כּדי זיי זאָלן בעסער קענען לעבן פֿונם „ערל" — ביי אַזעלכע לייט האָט ניט געקענט אויפֿקומען אַ שטאַרק פּאָליטיש שטרעבן איבערצובייטן די לעבנס־פֿאָרמען. און אַז די חיבת־ציון באַוועגונג האָט שוין געהאַלטן אין גוססן, אַז די עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל האָט זיך נאָכן ערשטן אויפֿבלי אָפּגעשטעלט, האָט זיך ביי דעם מיטלקלאַס אויפֿן

---

* „על פּרשת דרכים", ד"ר פּינסקר ומחברתו.

אָרט פֿון חיבת־ציון אויפֿגעכאַפּט די בענקשאַפֿט צו ראַטעווען זיין אידישלעכע גייסטיקייט.

אין פֿלוג, זאָגט סירקין, איז דאָך פֿאַראַן אַ לאָגישע סתירה אין אחד העמס ראיות, מערנישט די דאָזיקע סתירה איז שטאַרק צוגעפּאַסט צום ממשותדיקן לעבן. „ווייל מיר קענען ניט פֿאַרענטפֿערן די פֿראַגע פֿון אידן, לאָמיר דעריבער פֿאַרענטפֿערן די פֿראַגע פֿון אידישקייט"—זאָגט אחד העם מיט זיין שיטה פֿון גייסטיקן צענטער. — „אַ טעות אין דער לאָגיק! ווער אפשר זאָגן אַ תמימותדיקער לייענער. אָבער אומזיסט! פֿון אויבנאויף קען זיך טאַקע אויסדוכטן אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ פֿאַלשן דענקען, אָבער אין תוך שפּיגלען זיך דאָ אָפּ דער אמת פֿונם לעבן. ווייל מיר קענען ניט פֿאַרענטפֿערן די פֿראַגעס פֿון אידן — דערמיט איז געמיינט, ווייל ביי דעם אידישן מיטלשטאַנד איז ניטאָ קיין באַדערפֿעניש צו פֿאַרענטפֿערן די פֿראַגע פֿון אידן און דעריבער האָט ער אויך ניט די מעגלעכקייט און די קראַפֿט פֿאַר אַזאַ מין נאַציאָנאַלן אויפֿטו, דעריבער — ווילן מיר פֿאַרענטפֿערן די פֿראַגע פֿון אידישקייט, — דאָס מיינט, אַז ביי דעם מיטלשטאַנד איז פֿאַראַן אַ גייסטיקע באַדערפֿעניש ווייטער צו לעבן מיט אַ אידישלעכן בעלי־בתישן לעבנס־שטייגער, אָט דאָס איז דער לעבעדיקער פּירוש צו דער לאָגישער סתירה אין דער שיטה פֿון אחד העם".

וואָס וויל דער בעל־הבתישער קלאַס? באַפֿרידיקן זיינע גייסטיקע באַדערפֿענישן אויף זיין שטייגער, „לפֿי די פּרינציפּן פֿון אידישקייט אין דער איצטיקער צייט". ער פֿילט ניט קיין באַדערפֿעניש, אַז „די אידישקייט זאָל זיך אַנטוויקלען אין נייע פֿאַרהעלטענישן און זאָל באַשאַפֿן נייע ווערטן". און דאָס זיינען די סימנים, וואָס סירקין גיט פֿאַר אונזער בעלי־בתישן קלאַס: „ראָמאַנטיקער זיינען זיי לגבי אונזער פֿאַרגאַנגענהייט און זיי אַכפּערן און שאַצן אַלצדינג וואָס אַמאָל איז געווען, אין דער קעגנוואַרט ווערן זיי פֿאַרכאַפּט אין נעץ פֿון דער נידעריקער ווירקלעכקייט און אַקעגן דער צוקונפֿט זיינען זיי בעלי דמיונות".

די האָפֿענונג צו פֿאַרענטפֿערן די פֿראַגע פֿון אידישקייט ניט געבנדיק קיין תשובה אויף דער פֿראַגע פֿון אידן דוכט זיך אויס סירקינען ווי, אַ רעאַקציאָנערע פֿאַנטאַזיע. „לאָמיר דערלאָזן, אַז ס'איז שוין באַשאַפֿן געוואָרן דער „גייסטיקער צענטער", צי וועט דאָרטן די אידישקייט זיך קענען אַנטוויקלען אויף אַ געזונטן אופֿן? צי קען דאָרטן מקוים ווערן דער נאַציאָנאַלער אידעאַל? כּדי עס זאָלן קענען אויסוואַקסן און זיך אַנטוויקלען נייע גייסטיקע ווערטן, דאַרף אַריינקומען אַ שינוי אין אַלע לעבנס־פֿאָרמען. — — אַ גייסטיקער צענטער אין ארץ־ישראל אָן אַ אידישער מלוכה, אָן נייע געזעלשאַפֿטלעכע אידעאַלן אין דער קאָלאָניזאַציע וועט

זיין אַ צענטער פֿון אָרעמקייט און געזעלשאַפֿטלעכער שפֿלות, וואָס קוקט אויס אויף צדקה און חלוקה, אַ געזעלשאַפֿט פֿון ליידיק־גייערס, וואָס הענגען אָפּ פֿון אַ פֿרעמדער מיינונג, פֿון דער סביבה און פֿון דער אידישער פֿאָלקס מיינונג אין גלות — דאָס וועט זיין אַ לעבעדיקע וואָרעניש, וואָס וועט שרעקן".

אויך סירקין איז ניט גלייכגילטיק לגבי דער „פֿראַגע פֿון אידישקייט", אַזוי ווי ער פֿאַרשטייט דאָס, נאָר ער זעט פֿאַר איר אַן ענטפֿער פּונקט דעם היפּוך פֿון אחד העמס חלום: „אַ גייסטיקער צענטער פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון אידישקייט קען אויסוואַקסן נאָר אין אַ מאַטעריעלן צענטער אויפֿן יסוד פֿון נייע לעבנס־דערשיינונגען, אָדער מיט אַנדערע ווערטער: די פֿראַגע פֿון אידישקייט וועט געפֿינען איר פּראָגרעסיוון ענטפֿער נאָר אין צוזאַמענבונד מיט די פֿראַגן פֿון אידן".

ג

„דער פּאָליטישער ציוניזם, האָט אין דער באַוועגונג אַריינגעטראָגן נייע יסודות, הייטנוועלטיקע, מערב־איראָפּעאישע, וואָס זיינען געווען אַ פּועל־יוצא פֿון דער רעוואָלוציע און פֿון דער מערב־איראָפּעאישער עמאַנציפּאַציע, קינדער פֿון איראָפּעאישער קולטור, וואָס זיינען געווען געוואויגט און צוגעגרייט צו פּאָליטישע שטרעבונגען און געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונגען. אין זייער סביבה האָבן אויך אויסגעפֿעלט אידישע היסטאָרישע טראַדיציעס, די גייסטיקע אידישקייט פֿון דער פֿאַרגאַנגנהייט און זייער אָרט האָבן פֿאַרנומען טראַדיציעס פֿון איראָפּעאישן ליבעראַליזם". די נייע יסודות האָבן ברייטער געמאַכט די האָריזאָנטן פֿון דער באַוועגונג און האָבן אַנטפּלעקט אַ פֿייאיקייט צו אָרגאַניזאַציע און פּאָליטישער פֿירונג. „אויך אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט פֿירט זיך דער פּאָליטישער ציוניזם אויף אַ מער הייטנוועלטיקן שטייגער און ווייזט אַרויס מער הייטנוועלטיקע שטרעבונגען". אָבער אין תּוך, אינם עיקר האָט זיך אַ סך נישט געביטן. פֿאַרבליבן ווי פֿריער דער אייגענער געזעלשאַפֿטלעכער צונויפֿשטעל פֿונם ציוניזם. אויך יענע, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו אים פֿון מערב־איראָפּע שטאַמען פֿון מיטלקלאַס און פֿון דער אינטעליגענץ, וואָס איז מיט איר צונויפֿגעקניפּט. אויך זיי, פֿאַרשטייט זיך, פֿילן דעם דרוק פֿון אַנטיסעמיטיזם, אָבער ניט אויף אַזוי פֿיל, אַז זיי זאָלן פֿאַר זיך אַליין זוכן דעם ענטפֿער אין אַרויסוואַנדערן אין אַ אידישער מדינה". ניט דער מיטלקלאַס אין מזרח־איראָפּע און ניט דער מיטלקלאַס אין מערב־איראָפּע האָבן געפֿילט אַן עקאָנאָמישע באַדערפֿעניש צו בייטן די לעבנס־פֿאָרמען. די מאַטעריעלע און גייסטיקע נויטן פֿון דער מיטעלער בורזשואַזיע אין מערב־

איראָפּע קענען נאָך ווייניקער אויפוועקן ביי איר אַ שטרעבונג צו בייטן די לעבנס־פאָרמען איידער ביי די בעלי־בתּים פון מזרח־איראָפּע. די אידישע נויט „וועט זיי ניט שטופּן אויפן וועג פון אויפבויען אַ אידישע מדינה, נייערט וועט זיי אונטערזאָגן, אַז זיי דאַרפן זוכן כל המינים המצאות ווי אַזוי זיך אויפהאַלטן אויפן קאָנקורענץ־פעלד אין זייער סביבה". דער אַנטיסעמיטיזם טרייבט זיי אַרויס פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט, פאַרשאַפט זיי חרפּות און בזיונות, אָבער „ביז וואַנען זייער מעמד איז נאָך ניט צוטרייסלט געוואָרן צוליבן אַנטיסעמיטיזם אין אַ גרויסער מאָס", קען זייער אידישער ווייטיק ניט צוגעבן זיי דעם כּוח און דעם ווילן איבערצו־אַנדערשן זייער לעבנס־שטייגער. „ניט יעדער אַנטיסעמיטיזם קען אויפ־וועקן און צוגעבן אַ כּוח פאַרן פּאָליטישן ציוניזם", זאָגט סירקין קעגן דער אַנגענומענער מיינונג אין פּאָליטישן ציוניזם, „נאָר יענער, וואָס רירט אָן און שניידט איבער די וואָרצלען פונם קיום און פון דער אידישער עקאָנאָ־מיק". און אין דעם פּרט ווערט איצטער שטאַרק אַנגערירט נאָר דער אידישער המון און ניט די העכערע שיכטן. און דערינען דערזעט סירקין די ערשטע זינד פון פּאָליטישן ציוניזם, די זינד לגבי דעם טרעגער פון דער באַוועגונג: „פונקט ווי די חיבת־ציון פאַר אים, רופט אויך ניט אַרויס דער פּאָליטישער ציוניזם אַט יענע שעפערישע כּוחות, וואָס דאַרפן צו־גרייטן די נייע צוקונפט". נאָך שווערער איז זיין זינד לגבי דעם ציל פון דער באַוועגונג: דער פּאָליטישער ציוניזם שטרעבט אויפצובויען די אידישע מדינה אויף די יסודות פון די עקזיסטירנדיקע מלוכות פון אונזער צייט, דאָס מיינט, אויף דער קעגנערשאַפט פון די קלאַסן. דער שטרעב צו אַ קלאַסן־מדינה פעלשט דעם נאַציאָנאַלן אידעאַל און שטויסט אָפּ פונם ציוניזם די אידישע מאַסן. אָבער עס זיינען נאָך פאַראַן אָביעקטיווע סיבות, וואָס זייער כּוח דערנענטערט און איז שטאַרקער פונם כּוח, וואָס דערוויי־טערט פונם ציוניזם, שטאַרקער פון אַלע דיבורים און גיינגעלעך פון די בורזשואַזע ציוניסטן, און עס הויבן שוין אָן אַריינצושטראָמען אין ציוניזם קינדער פון די נידעריקע קלאַסן, וואָס קומען אַהער מיט דער האָפענונג צו בייטן דעם פּנים פונם ציוניזם און משפּיע זיין אויף אים מיט זייער גייסט און מיט זייערע שטרעבונגען.

אַט פונקט ווי דער געזעלשאַפטלעכער טרעגער איז אויך דער ציל, און ווי דער ציל אַזוי אויך די מיטלען. אויך די פּאָליטישע ציוניסטן, באַגלייך מיט די אַמאָליקע חובבי ציון, קוקן אויס אויף די גבירים, אַז זיי וועלן דאָס אויפבויען די אידישע מדינה און מיט פולע הענט גיבן זיי אָפּ כּבוד אונ־זערע נגידים און זשאַלעווען ניט קיין חניפות. נאָר די גבירים האָבן פאַר־שטאָפּט זייערע אויערן און אויך די געציילטע נגידים, וואָס זיינען שוין יאָ

צוגעשטאַנען צום ציוניזם, טוען ניט אויף קיין גרויסע זאַכן: זיי גיבן אָפּ פֿאַרן ציוניזם זייערע סימפּאַטיעס, אָבער ניט זייערע קעשענעס. קומען דערנאָך די ציוניסטן און זאָגן זיי צו אין ארץ ישראל רווחים און עשירות און זיי האָפֿן צוצוציען אונזערע נגידים מיט זייערע הבטחות, פּונקט ווי אונזערע גבירים וואָלטן זיך נויטיקן אין ציוניזם, אַז ער זאָל זיי ווייזן צו מאַכן געשעפֿטן און כאַפּן פֿאַרדינסטלעך. און וואָס איז דער פּראַקטישער פּועל יוצא פֿון אַזאַ מין ציוניסטישער אַגיטאַציע, וואָס פּאַסט זיך צו כּלומרשט צום טעם פֿון אונזערע קאַפּיטאַליסטן? דעם ציל דערגרייכן ניט די ציוניסטן, די קאַפּיטאַליסטן געווינט מען ניט פֿאַר די ציוניסטישע שטרעבונגען, אָבער דעם המון שטויסט מען אָפּ מיט אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע.

ד

קולטור־פֿראַגן רעדט סירקין אַרום אין „השחר" אינם אייגענעם גייסט, וואָס אינם זשורנאַל „דער יוד" און אינם „המון". נאָר בעת פֿאַר די אידיש־לייענער קלייבט ער זיך אויס פֿאַר אַ קאַמף־ציל די אידישיסטישע אידעאָלאָגיע און דעם גלות־אויטאָנאָמיזם, וואָס האָבן דענסטמאָל געמאַכט די ערשטע טריט אויף איינצונעמען די וועלט ווי אַ ניט־באַשיצט לאַנד, פֿאַלט ער אָן ביי די העברעאיש־לייענער אויפֿן קאָנסערוואַטיוון נאַציאָנאַליזם, וואָס זיצט רואיק אויפֿן כסא הכבוד, היט אָפּ און הייליקט אַלצדינג וואָס עקזיסטירט שוין, די אידישקייט פֿון היינטיקן טאָג און פּראָפּאַגאַנדירט צווישן אידן, אַז זיי זאָלן זיך פֿאַרשפּאַרן אין גייסטיקע ד' אמות און זיך אָפּשיידן פֿון דער וועלט, מיינענדיק, אַז בעת מען קעמפּט קעגן אַסימילאַציע דאַרף מען זיך אָפּזאָגן פֿון אַלצדינג, וואָס קומט פֿון דער פֿרעמד.

„פֿון דער דרויסנדיקער וועלט ביז אינעווייניק אין געצעלט" — אַזאַ נאָמען האָט סירקינס טעאָרעטישער אַרטיקל, וואָס דאַרף מסביר זיין מיט ראיות פֿון דער געשיכטע זיינע מיינונגען וועגן דעם גורל פֿון דער אידישער קולטור אין דער פֿאַרגאַנגנהייט און אין דער צוקונפֿט. דער עיקר נעמט סירקין זיינע ראיות פֿון דער תנ"ך־קריטיק, פֿון די פֿאָרשונגען אין דער אידישער געשיכטע, וואָס זיינען געווען פֿאַרשפּרייט אין יענע צייטן. נאָר די כּוונה פֿון זיין אַרטיקל איז אין גאַנצן זיין אייגנס.

סירקין מאַכט אינם אַרטיקל אַן עקסקורסיע איבער אַלע תּקופֿות פֿון דער אידישער געשיכטע, פֿון אברהם אבינו ביז מענדעלסאָנען און פּרוּווט זיך דערגרונטעווען און קלאָר מאַכן די באַציאונגען צווישן אידנטום און דער אַרומיקער וועלט, אָפּשיידן די תּקופֿות, אין וועלכע די אידישע קולטור האָט באַקומען הילף פֿון דער אַרומיקער וועלט און איז צוליב דעם געוואָרן פּרוכפּערדיקער, שעפֿערישער, פֿון יענע תּקופֿות, ווען די אַנטוויקלונג פֿון

אידנטום איז איבערגעריסן געוואָרן, ווייל די אידישע כוחות האָבן זיך אָ צי געטאָן אין דרויסן, צו דער אַרומיקער וועלט, אָדער דאָס אידנטום איז פאַרגליווערט, איינגעשרומפּן געוואָרן און האָט זיך פאַרבאַהאַלטן אין די אייגענע ד״ אַמות צוליב דער מורא פאַר דער השפּעה פון דער דרויסנ־דיקער וועלט.

סירקין האַלט ניט פון דער שיטה „עם לבדד ישכון״, אַז אַ פאָלק ציט די יניקה פון זיך אַליין, אויך פעלקער, וואָס לעבן אויף זייער אייגענער ערד און זיינען גאָר אין גאַנצן זעלבסטשטענדיק, שעפּן פונדעסטוועגן איינס פונם צווייטן, און זייער נאַציאָנאַלע קולטור „הגם זי איז די העכסט אָרי־גינעלע שאַפונג פונם פאָלק״ קריגט פונדעסטוועגן אויך איר טייל השפעה און באַפרוכפּערונג פון דער שכנישער קולטור, און זי, פון איר זייט, איז משפיע אויף איר שכנטע. היינט אַ פשיטא שוין די קולטור פונם אידישן פאָלק, „וואָס איז שטענדיק געווען אין אַ מגע ומשא מיט אַנדערע פעלקער״, וואָס איז אין זיינע גלות־יאָרן תמיד געווען אין באַציאונגען מיט די קול־טורן פון זיין סביבה, האָט געשעפּט פון זיי און זיך געראַנגלט מיט זיי. דער פועל יוצא פון אַזאַ מין מגע ומשא איז ניט תמיד געווען דער אייגע־נער, תמיד פאַרשיידן לפי די פאַרהעלטענישן.

„געווען צייטן, ווען נייע גייסטיקע כוחות זיינען אַריין צו אידן פון דער אַרומיקער קולטור־וועלט, האָבן דאָס אידנטום געמאַכט פרוכפּער־דיקער, שעפערישער, רייכער מיט נייע אינהאַלטן און ווערטן. דאָס איז געווען אַ השפעה „פון דער דרויסנדיקער וועלט אַריין אין אידישן געצעלט״, און דאָס אידנטום האָט דעמאָלט אויפגעלעבט און זיך אויפגעהויבן צו נייע אייגענע שאַפונגען. געווען אָבער צייטן, ווען אידן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פון זייערע שמאָלע ד׳ אַמות צו דער ברייטער אַרומיקער קולטור און דער לעבנס־שטראָם האָט זיי פאַרפירט „פונם געצעלט אַרויס אין דרויסן״, פונם אידנטום צו דער אַסימילאַציע; דעמאָלט פלעגט די אידישקייט בטל ווערן; און געווען צייטן וואו דאָס אידנטום פלעגט זיך פאַרשפּאַרן אין די ד׳ אמות פונם געטאָ, פאַרגליווערט ווערן אונטער דער משא פון טראַ־דיציע, פון סקאַרבאָווע נוסח און זויגן זיין השפעה פון דער פאַרגאַנגנהייט — דעמאָלט האָט דער לעבנס־שטראָם פאַרשטופּט די אידישקייט פונם געצעלט נאָך טיפער אין געצעלט אַריין, יעדע אָריגינעלע שאַפונג איז איבערגעריסן געוואָרן, יעדע השפעה פון דרויסן איז בטל ומבוטל געוואָרן און דאָס אידנטום איז דעמאָלט איינגעצוונקען ביז גאָר גאָר נידעריקע שטאַפּלען פון גייסטיקער געפאַלנקייט״.

די גאַנצע אידישע געשיכטע אין גלות דוכט זיך אויס סירקינען ווי אַן שעפערישע כוחות. אַז ס׳איז ניטאָ קיין קראַפט, קיין אייגן און פריי נאַ־

ציאָנאַל לעבן איז אויך קיין אָריגינעל און אייגן גײסטיק שאַפן ניט מעג־לעך. די צייטן פון רדיפות פלעגן צונויפבינדן דאָס פאָלק, אָבער אויך צונויפקוועטשן זיין גייסט, און פון זיין צוזאַמענבונד פלעגן דענסטמאָל אויסוואַקסן „גייסטיקע קייטן, מאָראַלישע און גייסטיקע קנעכטשאַפט". טאָמער איז אָבער געוואָרן עפּעס גרינגער און געהויבענער, פלעגט דאָס פאָלק פונאַנדערפאַלן, און אין גייסטיקן לעבן פלעגן די קעגנערישע יסודות מושוה ווערן אויף פשרות, וואָס האָבן ניט אַנטפּלעקט, ניט קיין אָריגינעלע קראַפט, ניט קיין היסטאָרישע אויסקוקן: דאָס זיינען געווען צייטן פון „אַרויסגיין אין דרויסן", צו דער אַסימילאַציע. פילאָן פון אלכסנדריה, די משיח־באַוועגונג, וואָס איז מגולגל געוואָרן אין קריסטנטום, דער רמב״ם, שפּינאָזאַ, מענדעלסאָן — דאָס זיינען אַלץ אילוסטראַציעס פאַרן פאַרלאָזן די אידישע געצעלטן און אַרויסגיין צום דרויסן. דער פערזענלעכער גורל פונם רמב״ם איז געווען פאַרשיידן לגבי די אַנדערע, ווייל די מאַכמע־דאַנישע סביבה האָט ניט געקאָנט איינעמען און אַרויסשטופן אַנדערע קולטורן און איר כוח האָט ניט געקלעקט אויף צוצוציען אַפילו דאָס אָפּגע־שוואַכטע אידנטום; פון דער אַנדער זייט ווידער האָבן די גזירות און קרייץ־צוגן (מסעי הצלב) איבערגעריסן די נטיה צו פילאָזאָפישע פאָר־שונגען, דאָס פאָלק האָט זיך ווידער פאַרשפּאַרט אין געטאָ און האָט אָריינ־גענומען צו זיך דעם רמב״ם, אָבער ניט ווי דעם דענקער פון „מורה נבוכים", נאָר ווי דעם מחבר פון „יד החזקה". אַנדערש ווידער איז געווען דער גורל פון שפּינאָזאַ, וואָס איז אַוועק צו דער וועלט־קולטור, לייקנט אין אידיש־קייט אָבער זאָגט ניט יאָ צו זיין קעגנער", „פון שפּינאָזאַס צייטן הויבט זיך אָן די גייסטיקע אַסימילאַציע פון די וועלטלעכע אידן מיט דער וועלט־קולטור".

דעם גייסטיקן אינהאַלט פונם ציוניזם זעט סירקין ניט אין „אַרויסגיין צום דרויסן" און ניט אינם „באַהאַלטן זיך אין געצעלט", נאָר אינם „ברייטן עפענען דעם געצעלט פאַר דער וועלט־קולטור". ניט דער לאָזונג פון דער השכלה: „זיי אַ איד אינדערהיים און אַ מענטש אינדרויסן", אויך ניט דער לאָזונג פון אחד העם: „זיי אַ מענטש אינדערהיים און אַ איד אינדרויסן", נאָר גאָר אַ נייער זיווג פון „דרויסן און געצעלט" איז דער גייסטיקער אינהאַלט פונם ציוניזם. בעת דאָס פאָלק לעבט אויף און דערגרייכט זיין פאָליטישע זעלבסשטענדיקייט, בייט איבער באַוואוסטזיניק זיין עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן" — מוז דאָס פאָלק אויפשטיין און אַרויסטרעטן קעגן דער „אידישקייט פון מיטל־אַלטער", אָבער ניט צוליב אַסימילאַציע, נאָר כדי צו אַנטפּלעקן נייע אינהאַלטן אין דער אידישקייט.

סירקין פּרוּווט פונאַנדערצושיידן צווישן „אַ אידישקייט, וואָס האָט אַ

להלוטינדיקן אַבסאָלוטן באַטרעף, אַ שעפערישע חשיבות אין דער אידישער געשיכטע" און אַ אידישקייט, וואָס איז נאָר „אַ פסולת, אַן אָפּפאַל פון דער געשיכטע, קייטן פון דער פאַרגאַנגענהייט און אַ שטרויכלשטיין פאַרן לעבן". בדרך כלל איז סירקין נוטה צו זען אַ נאַציאָנאַל־פּאָזיטיוון באַטרעף נאָר אין דער אַלטער אידישקייט פון די נביאים, וואָס איז געווען אָריגינעל און שעפעריש, און אַלע חסרונות געפינט ער אין דער גלות־אידישקייט, בעת דאָס אידנטום איז געווען פאַרשקלאַפט, אַלע נעגאַטיווע יסודות געפינט ער אין דער אידישקייט פונם תלמוד און פון דער רבנות, וואָס איז אַן קראַפט און קען נישט שאַפן, נישט באַנייען זיך. פונדעסטוועגן פאַרבלייבט ער ניט שטענדיק ביי אַזאַ פשוטן און באַקוועמען נוסח, שוין צו פשוט און צו פיל באַקוועם.

„די גלות־אידישקייט איז מיט אירע חסרונות אַ סימבאָל פונם ביטערן פאַרשקלאַפטן און פאַרמיאוסטן לעבן פונם פאָלק. ס'רוב אינהאַלטן פון דער גלות־אידישקייט איז ניט מער ווי דאָס גייסטיקע און מאָראַלישע פסולת פונם אידישן פאָלק. אָבער ווי אַ גערודפט און געפייניקט פאָלק, וואָס האָט זיך פאַרטיידיקט ניט מיט דער שווערד, נאָר מיטן גייסט און וואָס זיין גאַנצער כוח האָט אַרויסגעשטראָמט פונם האַרצן, פון דער נשמה, האָבן זיך אינם פאָלק צוליב דעם גלות אויסגעאַרבעט ספּעציעלע מאָראַלישע און גייסטיקע מעלות, וואָס כאַראַקטעריזירן זיין גאַנץ לעבן און גיבן אים אַ באַזונדער פּרצוף. אַ ספּעציעלע באַציאונג פון איין מענטש צום צווייטן, אַ הויכע אָפּשאַצונג פון גוטסקייט און גערעכטיקייט, אַ גלויבן אינם מענטש, רחמנות און באַרעמהערציקייט — אָט דאָס זיינען די געהויבענע מידות, וואָס דאָס אידיש פאָלק טיילט זיך אויס מיט זיי אין נאַציאָנאַל־פּסיכישן פּרט צווישן אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט. אַ געפיל פון פרייהייט און גלייכהייט ביי די זין פונם אידישן פאָלק צווישן זיך אַליין, גייסטיקע אַרבעט, אַן אַנטלויפן פון דער פשטות אינם לעבן, אַ שטרעב און אַ חשק צו גרויסע אויפטואונגען, אַ כוח פון האָפענונג, פון בטחון, אַ גרינגשעצונג פון גראָבקייט און קליינקעפּלדיקייט — אָט דאָס זיינען די נאַציאָנאַלע מעלות, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט זיי אַנגעלעבט אין משך פון זיין געשיכטע און זיי זיינען געוואָרן בולטע און שטענדיקע שטריכן פון זיין גייסטיקן און מאָראַלישן כאַראַקטער. אָט די דאָזיקע נאַציאָנאַל־פּסיכישע מעלות, וואָס זייער פעולה זעען מיר אין אַלע היסטאָרישע פּאַסירונגען ביי דעם דאָזיקן פלאַי־פלאַימדיקן פאָלק, אינאיינעם מיטן מעטאַפיזישן און רעליגיעזן געפיל, וואָס באַשאַפט ביי אים דעם חשק צו זוכן אַ באַשייד פאַר דעם רעטעניש פון דער וועלט און זיך באַהעפטן מיט איר גאַנצקייט אין אַ געטלעכער ליבשאַפט אין אַ באַהעפט צו גאָט מיטן גאַנצן האַרצן, מיט דער גאַנצער

נשמה און מיט דער גאַנצער קראַפט — אַט די דאָזיקע אידישקייט איז דער בולטער כאַראַקטער פונם פאָלק, זיין אָריגינעלע שאַפונג, וואָס איר אָנהויב איז אין דער פאַרגאַנגנהייט און איר סוף אין דער צוקונפט".

מיר האָבן שוין געזען, ווי סירקין פּראָוואָוט אין זיין ערשטער בראַשור זיך דערגרונטעווען און קלאָר מאַכן די צווייזייטיקייט אין דער נשמה פונם מיטל־אַלטערלעכן געטאָ־איד, און דערפון שטאַמט אויך די צווייזייטיקייט אין זיין אָפּשאַצן די געטאָ־אידישקייט. פּונקט אַזוי זעען מיר אויך איצטער, ווי ער גייט אַריבער פון אַ פאַרביטערטער קריטיק לגבי דעם סקאַרבאָוון, טראַדיציאָנעלן נוסח פון מנהגים־און־דינים־אידישקייט צו אַ געהויבענעם לויבגעזאַנג אויף נשמה־אידישקייט, וואָס האָט פאַר אים „אַ פּראָגרעסיווע און אייביקע חשיבות". „די אידישקייט וועט אויפלעבן, די אידישקייט ווי אַ צונויפקלייב פון אַלע „נאַציאָנאַלע ווערטן מיט אוניווערסאַלער חשיבות", ווען דאָס אידיש פאָלק וועט אויפלעבן אין זיין אייגן לאַנד, אין פּאָליטישן און עקאָנאָמישן פּרט. „אינאיינעם מיטן ציוניזם וועט די וועלט־קולטור אַריינשטראָמען אין אידישן לעבן, וועט זיך באַהעפטן מיט די אידישע נאַציאָנאַלע מעלות, מיט די אידישע נאַציאָנאַלע ווערטן און זיך אויפהויבן צו דער מדרגה פון אַ אידישער נאַציאָנאַלער קולטור; די אידישקייט וועט אינאיינעם מיט דער אַנטוויקלונג פונם ציוניזם בייטן אין גאַנצן איר פאָרם"... „בעת די וועלט־קולטור וועט צוליב דעם ציוניזם אַריינדרינגען אין אידישן פאָלק, וועט באַשאַפן ווערן אַ נייע אידישקייט, וואָס וועט זיין צונויפגעשטעלט פון די געהויבנסטע ווערטן פון דער וועלט, פונם „דרויסן", אינאיינעם מיט די נאַציאָנאַלע כאַראַקטער־שטריכן און ווערטן פונם אידישן פאָלק אין זיין געצעלט".

דעם אמת געזאָגט האָט אין סירקינס גייסט אויפגעלעבט איבעראַנייס דער אַלטער מאמר: „די דאָזיקע נאַציע איז געגליכן צו שטויב און צו שטערן: בעת זי פאַלט, פאַלט זי ביז אין שטויב אַריין, און בעת זי הויבט זיך אויף, הויבט זי זיך אויף ביז צו די שטערן".

ניט שלום מאַכן מיטן שטויב, נאָר אַן אויפפאָדערונג: ביז צו די שטערן אַרויף.

ה

„חירות" האָט ניט געהאַט קיין לאַנגע יאָרן און האָט ניט איבערגעלאָזט קיין אויפטוען. ווען ניט די שריפטן פון סירקין איז אַ ספק צי מיר וואָלטן זיך דערמאָנט אין דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. פאַרשיידענע צווייגעלעך האָבן פון איר אַרויסגעשפּראָצט, דווקא ניט אינם גייסט פון איר גרינדער. אַוודאי איז אויך „חירות" געווען נאָר איינער פון סירקינס פּרוּוון, וואָס

האָבן זיך אים ניט איינגעגעבן. אָבער סירקין פֿאַלט זיבן מאָל און שטעלט זיך ווידער אויף. ער האָט ניט פֿאַרמאָגט די מידות פֿון אַ חסידישן רבי, וואָס פּראַוועט אַ טיש, וואָס פּרוּווט באַהעפֿטן און צושמידן זיינע חסידים צו זיך, וואָס עס זאָל ניט קאָסטן. ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט וואָס צו געבן זיינע פֿריינט, אַ חוץ אידעלע פֿריינדשאַפֿט און גייסטיקע פֿרייהייט. זיין אייגענע גייסטיקע זעלבסטשטענדיקייט האָט ער אָפּגעהיט ניט נאָר לגבי זיינע קעגנער, נאָר אויך — און דאָס איז אַ סך שווערער — לגבי זיינע „תּלמידים". דעריבער פֿלעגט ער זיי אָנווערן אונטערוועגס. שוין אַזאַ גורל זיינער געווען. פֿון מאָל צו מאָל פֿלעגט מען צו אים צושטיין, מיט אים גיין אַ צייט אויף זיינע שטעגן, און דערנאָך אים איבערלאָזן. אויף יעדער סטאַנציע פֿון זיין לעבנסוועג האָט ער איבערגעלאָזט באַגלייטערס, אַמאָליקע חסידים און תּלמידים. עטלעכע צווישן זיי פֿלעגן נאָך געדענקען די ליכטיקע שיין פֿון זיין פּערזענלעכקייט, אַנדערע ווידער זיינען צוגעשטאַנען צו זיינע אָפּלאַכערס און חוזק־מאַכערס. צווישן זיינע ערשטע פֿריינט זיינען געווען אַזעלכע, וואָס זיינען געוואָרן סאָציאַליסטן און זיך צעשיידט מיטן ציוניזם, און געווען אויך אַזעלכע, וואָס זיינען געוואָרן ציוניסטן און זיך צושיידט מיטן סאָציאַליזם. און אַז עס האָבן זיך שוין איינגעפֿונען אַזעלכע, וואָס האָבן מסכּים געווען מיט זיין זיווג פֿון ציוניזם און סאָציאַליזם, זיינען זיי זיך אָבער פֿונאַנדערגעגאַנגען מיט אים צוליב זיין פּעסימיסטישן קוק אויפֿן גלות. און ווער עס האָט שוין יאָ מסכּים געווען מיט זיין דאָזיקן קוק אויפֿן גלות, האָט זיך אָבער אָפּגעשטעלט און ניט געוואָלט מיטמאַכן זיין „אוטאָפּיע", דעם חלום פֿון אַ סאָציאַליסטישער, קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע. און ווער סאיז געגאַנגען מיט אים אַפֿילו אַזוי ווייט, ביז צו דער קאָלאָניזאַטאָרישער „אוטאָפּיע", האָט אָבער מיט אים קיין שותּף ניט געוואָלט זיין אין זיין באַציאונג צו דער העברעאישער שפּראַך. און ווער ס'האָט מסכּים געווען מיט זיין מיינונג וועגן דעם שפּלן אידישן לעבן אין גלות, האָט אָבער ניט געקענט אים נאָכגיין אין זיין ניט־ראַציאָנאַלן גלויבן אין דער געהויבנקייט פֿון דער צוקונפֿט.

אָבער סירקין אַליין האָט מיט אַ גרינג האַרץ געטראָגן זיין שווערע משא. ער געדענקט ניט צום שלעכטן אַמאָליקע פֿריינט און תּלמידים און ווערט ניט מיד צו זוכן נייע מענטשן. און אויך צום סוף פֿון זיינע יאָרן זעען מיר אים ווי ער וואַרט באַגלייך, אַז אַמאָליקע וועלן זיך אומקערן און נייע וועלן זיך באַווייזן.

סירקין וואַנדערט איבער דער וועלט. פֿון דער שווייץ קערט ער זיך אום צוריק אין בערלין. קיסר ווילהעלמס רעגירונג טרייבט אים אַרויס פֿון דייטשלאַנד. ער פֿאָרט אַוועק קיין פּאַריז מיטן ווייב און מיט דער טאָכ־

טער. הונגערט אין פּאַריז, פונקט ווי ער האָט געהונגערט אין בערלין. נאָר וואָס איז שייך? פֿאַראַן ברייטע און רייכע וועלטן, פֿאַראַן געדאַנקען, שיינקייט, רעוואָלוציע. און אויב ניט קיין קעגנוואַרט, איז פֿאַראַן אַ צוקונפֿט. און די צוקונפֿט איז פֿאַר אים ניט קיין פֿאַנטאַזיע, נאָר אַ זאַך, וואָס מען קען זי אַנטאַפּן מיט דער האַנט. אויך דאָ איז פֿאַראַן אַ ביבליאָטעק, אויך דאָ קען מען געפֿינען צוהערערס, וואָס היינט וועלן זיי מיט דיר מיטגיין און מאָרגן וועלן זיי זיך מיט דיר צושיידן.

סוף כּל סוף האָבן די כוואַליעס פֿון סאָציאַליסטישן ציוניזם אָנגעהויבן שטייגן און שטייגן. און סירקין דערזעט שוין אַ האַלבע טרייסט. זיך איינגעפֿונען ערשטע תּלמידים, וואָס האָבן מיט סכּנת נפֿשות געשוואַרצט די רוסישע גרענעץ און אַריבערגעפֿירט קיין רוסלאַנד דעם „המון" מיטן „השחר", אַנדערע ווידער בינדן אים צונויף מיט די ערשטע פּועלי־ציון. דער „המון", וואָס ער האָט אויסגעקוקט אויף אים און אָנגעזאָגט זיין קומען, באַווייזט זיך טאַקע, און אָט גייט ער. די מחנה, וואָס האָט ביי אים אויסגעפֿעלט און וואָס זיינע קעגנער האָבן אינם דאָזיקן אויספֿעלן געזען איינע פֿון זייערע שטאַרקסטע ראיות, אָט די מחנה ציוניסטן־סאָציאַליסטן הויבט אָן וואַקסן. אין אַ צייט אַרום וועט ער בעטן מיט דער עניוות פֿונם זעערישן תּלמיד חכם, אַז מען זאָל אים מצרף זיין צו זיין מחנה. אָבער אויך דאָרטן וואַרט אויף אים זיין גורל: די מחנה האָט ניט דערקענט איר אָנזאָגער. דאָס איז אַ נייַ קאַפּיטל, וואָס פֿאָדערט אַ באַזונדערן צוקוק מיט אַ באַזונדער פֿאָרשונג: דער וועג און דער גורל פֿונם ערשטן אָנזאָגער, פֿונם מבשר, פֿונם חלוץ אין זיין באַוועגונג, זיין בלאָנדזשען מיט דער מחנה און זיינע קאַמפֿן אין דער מחנה, זיין שיידן זיך מיט איר, דאָס איבעררייסן און ווידער אַמאָל דאָס באַהעפֿטן־זיך. און אינם דאָזיקן קאַפּיטל אויך דאָס אינעווייניקסטע באַדערפֿעניש צו שווימען קעגן דעם שטראָם אין דער אַלט־נייַער מחנה. אַ גרויסער קאַפּיטל, וואָס האָט זיך פֿאַרענדיקט נאָר מיטן סוף פֿון זיין לעבן. דער שרייבער פֿון די דאָזיקע שורות האָט דאָ דערציילט נאָר וועגן סירקינס אָנהויב, בעת ער איז אַרויסגעטראָטן איינער אַליין קעגן אַלעמען און ס'איז נאָך ניט געווען אַרום אים קיין סימן פֿון אַ מחנה.

(געענדיקט אָבער ניט פֿאַרענדיקט)

א. ליעסין

[אין אָריגינאַל „בין אדם לחבריו״ אַן אַריינפיר צום בוך „זכרונות וחוויות״, אַ זאַמלונג פון א. ליעסינס זכרונות און אַר־טיקלען אין העברעאישער איבערזעצונג, וואָס איז דערשינען אין הסתדרות־פאַרלאַג, „עם עובד״ אין 1943.]

די אויטאָביאָגראַפישע ירושה, וואָס עס האָט אונז איבערגעלאָזט א. וואַלט, אָדער ווי ער איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אונטער זיין ליטע־ראַרישן פסעוודאָנים, א. ליעסין, איז ניט גרויס אין כמות. אַרום פינף צענדליק יאָר האָט ער אַלס אידישער דיכטער און שריפטשטעלער געווירקט אין זיין פאָלק און אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אין וועלכער ער איז געקומען צום וואָרט, זי טריי געדינט אַ גאַנץ לעבן, בלשון „מיר״, אַלס וואָרטזאָגער, פובליציסט און רעדאַקטאָר. ערשט אין זיין לעבנס־אָוונט האָט ער גענומען דערציילן וועגן זיך אַליין און וועגן דעם ווי אַזוי ער איז געוואָרן דאָס, וואָס ער איז געוואָרן. און ער האָט טאַקע געהאַט וואָס צו דערציילן, כאָטש דער ביאָגראַפישער עלעמענט האָט זיך דורכגעריסן אין אַלע זיינע שרייב־זשאַנערן, און ער האָט אויף אַלע אינסטרומענטן, אויף וועלכע ער האָט געשפּילט, אַרויסגעשפּילט בלויז זיך אַליין. בעת ער האָט פון דער עפנטלעכער טריבונע געפּרעדיקט איבערצייגונגען, האָט ער אין זיי אַריינגעפלאָכטן איבערלעבונגען, און אַפילו זיין פּאָעזיע איז געווען דורכגעדרונגען מיט לעבנס־געשעעניש (פּערזענלעכע אָדער נאַציאָנאַלע; ער האָט אויך דאָס לעבן פון די דורות דורכגעלעבט ווי פּערזענלעכע איבער־לעבונגען). אָבער דאָך איז אין אים, אין זיין פּערזענלעכקייט און אין זיין לעבנס־געפיל, אין זיין וועג צו זיך און אין זיין געראַנגל פאַר זיין נשמה געבליבן עפּעס, וואָס האָט געפאָדערט, אַז עס זאָל וועגן דעם דערציילט ווערן און אויסגעטייטשט ווערן. ער האָט דאָס פּרובירט טאָן. אָבער עס איז אים ניט געבליבן קיין סך צייט. בעת די פען איז אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט, האָט ער באַוויזן בלויז אויפצושרייבן די געשיכטע פון זיין קינדהייט און עטלעכע קאַפּיטלעך וועגן זיין יוגנט.

איך בלעטער ליעסינס זכרונות — און איך האָב הנאה. איך בין אין זיי טועם דעם טעם פון אַ מוסטער־ווערק. ווען ליעסין וואָלט פאַר־ענדיקט דאָס וואָס ער האָט אָנגעהויבן, וואָלטן מיר געהאַט אַ גרויסן אידישן

בוך, אַ לעבנס־בוך וועגן דער גייסטיקער וועלט פֿון אַ מענטשן א „חכם לב“, אַ אידישן סאָציאַליסט, וועלכער איז געווען איינגעוואָרצלט אין זיין פֿאָלק, וואָס האָט זיין יניקה געצויגן פֿון זיינע טיפֿענישן, וואָס האָט געלעבט מיט זיין דור און האָט זיך געראַנגלט מיט די, וועמען ער האָט פֿאַרערט. איצט געפֿינט זיך אין אונזערע הענט בלויז אַ ברוכשטיק פֿון אַ שאַפֿונג. אָבער אַלע גוטע אייגנשאַפֿטן פֿונם מחבר זיינען דאָרט פֿאַראַן: דער לעבעדיקער, פֿריש־פֿאַרבליבענער זכרון, דער פּלאַסטישער אופֿן דערציילן, דער שאַרפֿער דיאַלאָג, דער פֿיינער הומאָר און דער פֿרייער בליק. און איבער אַלץ שוועבט דער חן פֿון אַ צויבערנדיקער פּערזענלעכקייט, וואָס דיריזשירט איבער דעם גאַנג פֿון דער דערציילונג, דיריזשירט מיט אַ פֿעסטער האַנט.

ליעסין דערציילט ניט בלויז אויס ליבע צו דער קונסט פֿון דער־ציילן. ווי ר׳ מענדעלע בשעתו, דערציילט ער ניט קיין סתם מעשיות. ער גיט אונז ניט סתם „סביבה־שילדערונג“ און „לעבנס־שטייגער“, נאָר זיין אייגענע און זיין סביבהס גייסטיקע וועלט. יעדע מעשה, וואָס ער דער־ציילט, יעטוועדער שמועס און ווערטער־צוזאַמענשטויס, האָט אַ זין. אַ זין וואָס וועט בלייבן לעבן אויך נאָכדעם, ווי עס וועט אַוועקגיין „יענער גאַנ־צער דור“. זיינע סיפּורי־זכרונות וועלן ווערן אַ טייל פֿון יענע „ספֿרי־עדות“, פֿון די ביכער וועגן די אידעען־קאַמפֿן אין אידנטום פֿון די לעצטע דורות: מ. ל. ליליענבלומס „חטאת נעורים“, פּייערבערגס „לאָן?“, ברענערס „מסביב לנקודה“. אין רייף נעמט אַרום די אַלע קאַפּיטלעך. דאָס אינגל, דער חריף, דער זוכער און פֿראַגע־שטעלער, וואָס דער פֿאָטער פּרובירט אים אָפּפּטרן מיט אַ וויץ: „איך האָב מורא, אברהמל, אַז דו וועסט אויך ווערן איינער פֿון זיי“ — איז טאַקע געוואָרן איינער פֿון „זיי“. טאָקע מיט דער גאַנצער נשמה — און דאָך איז ער אַנדערש פֿון „זיי“. און אָט די אַנדערשקייט, וואָס באַשעפֿטיקט אים זיין גאַנצן לעבן, פֿאָדערט פֿון אים אויך, אַז ער זאָל דאָס אַלץ דערציילן.

א

עס איז געשען מיט עטלעכע און פֿופֿציק יאָר צוריק, אין די טעג פֿון אַלעקסאַנדער דעם דריטן. אין דער רוסישער געשיכטע זיינען יענע יאָרן באַקאַנט אַלס די „קליינע יאָרן“, יאָרן פֿון מידקייט און אָפּהעגטיקייט. אָבער גראָד אין יענע יאָרן זיינען בחדרי־חדרים געוואַקסן די כּוחות, וואָס האָבן נאָכדעם געמאַכט די רוסישע און אפֿשר די וועלט־געשיכטע. פֿאַר די אידן זיינען יענע יאָרן געווען באַזונדערס פֿינצטערע יאָרן, אָבער אין פֿאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס איז געלעגן אין „שויס פֿון דער צוקונפֿט“, איז די דאָזיקע פֿינצטערניש געווען אַ גרויסע אידיליע. און אויך ביי

אידן האָט אונטער דער פּינצטערניש און דער הילפֿלאָזיקייט געברויזט דאָס לעבן, זיינען געוואָקסן מענטשן, וואָס האָבן נאָכדעם געמאַכט די אידישע געשיכטע. מאָסן האָבן געזוכט אַן אויסוועג פֿון דעם דלות און די גזירות — האָבן זיך געלאָזט טראָגן מיטן ווינט. און דער ווינט האָט זיי פֿאַרטראָגן מעבר לים, אין דעם „גאָלדענעם לאַנד". יחידים האָבן געחלומט דעם חלום פֿון שיבת ציון, אָבער לעת עתה האָבן זיי גאָרניט געטאָן פֿאַר זיין פֿאַרווירקלעכונג. אַנשטאָט דער האָפֿענונג אויף „פּראָוועס" (גלייכע רעכט) בחסד המלכות, וואָס האָט באַוועגט די משכּילים אין די טעג פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, האָט איבער די נייע אידישע אינטעליגענטן אויפֿגעשיינט אַ ניי ליכט: דאָס ליכט פֿון סאָציאַליזם און רעוואָלוציע. דאָס דאָזיקע ליכט איז פֿאַר זיי געוואָרן דאָס וואָס דער גלויבן פֿון די אבות איז געווען פֿאַר זייערע עלטערן און אור־עלטערן. זיי האָבן זיך אים איבערגעגעבן מיט דער גאַנצער נשמה, זיינען פֿאַר דעם גרייט געווען צו גיין אויף דער עקידה, און זיינען טאַקע געגאַנגען אין טורמע און פֿאַרשיקונג. און דעם דאָזיקן גלויבן האָבן זיי אַרומגערינגלט מיט אַן אַטמאָספֿערע פֿון אָרטדאָקסיע און פֿרומקייט, ווי זייערע עלטערן האָבן געטאָן מיט זייערע הייליקטימער.

אָט די אידישע יונגעלייט האָבן כּמעט אַלע געהאַט אַ גאַנץ אָרעמען אידישן „באַגאַזש". צו זייער מזל, האָבן זייערע עלטערן — אַפֿילו אויב זיי זיינען געווען העברעאישע שרייבער אָדער לערער, אַפֿילו אויב זיי זיינען געווען חובבי ציון — זיך באַמיט זייערע קינדער לייכטער צו מאַכן „די דאָזיקע זאַכן". וואָס איז שייך די טעכטער, איז דאָך אַפֿילו ניט נויטיק געווען זיי לייכטער צו מאַכן; זיי זיינען דאָך לכתּחילה געווען פּטור פֿון תּורה־לערנען. דאָס ליכט פֿון דער וועלט איז צו זיי דערגאַנגען דורך ניט־אידישע קאַנאַלן. אַפֿילו די וואָס האָבן אין דער קינדהייט פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון „חדר", האָבן פֿון דאָרט מיט זיך ניט אַוועקגענומען קיין וואַגיקע זכרונות.

דאָס נייע ליכט איז געווען אַזוי מאַניסטיש ווי די גאָטהייט אַליין: לא יהיה לכם אור אחר על פני. זיי האָבן זיך באַטראַכט פֿאַר פֿולשטענדיקע קאָסמאָפּאָליטן, און דער צופֿאַל, וואָס זיי זיינען געבוירן געוואָרן ביי אידישע עלטערן האָט פֿאַר זיי געהאַט אַ קנאַפּע באַדייטונג. די טעאָריע איז געווען — דער ריינסטער „קאָסמאָפּאָליטיזם". און דאָס לעבן? די בילדונג איז געווען אַ רוסישע, די ליטעראַטור, וואָס האָט זיי גייסטיק גענערט, איז געווען אַ רוסישע, די צוקונפֿט, וועגן וועלכער זיי האָבן געחלומט, איז געווען די קומענדיקע רוסישע רעוואָלוציע, אַלע זייערע אינטערעסן זיינען געלעגן אין דער רוסישער מלוכה. און רוסיש האָט געהייסן — גרויסרוסיש:

צו דער באַפֿרייאונגס־באַוועגונג פֿון די דורך רוסלאַנד אונטערדריקטע פֿעלקער האָט זיי ניט געצויגן, און די פּוילישע און אוקראַינישע רעוואָלוציאָנערן האָבן אויף זיי געקוקט ווי אויף רוסיפֿיקאַטאָרן, ווי אויף די דינער פֿון דעם ווילן פֿון דעם הערשנדיקן פֿאָלק. זייערע סימפּאַטיעס און זייער באַגייסטערונג האָבן זיי פֿריער געגעבן דעם רוסישן מוזשיק, וועלכער איז, לויט דער טעאָריע פֿון דער פֿאָלקיסטיש־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג (נאַראָדניקעס), געווען דער באַזיצער פֿון אַלע טוגנטן און אין זיך געטראָגן די עלעמענטן פֿון אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג. פּעטער לאַוראָוו, דער רוסישער דענקער, וואָס איז דעמאָלט געווען זייער פֿאַרערט, האָט דעם רוסישן אינטעליגענט, דעם זון פֿון דעם גוטבאַזיצער, געלערנט, אַז ער לעבט בלויז אין זכות פֿון די מאַסן געמאַטערטע דאָרף־מענטשן, פֿון זייער דורות־לאַנגער האָרעוואַניע. אויב ער געניסט אַ הויכן לעבנס־סטאַנדאַרט, אויב ער האָט הנאה פֿון לעבן, אויב זיין בילדונג האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו ווערן אַ „קריטיש־דענקענדיקע פּערזענלעכקייט", דאַרף ער דערפֿאַר „באַצאָלן אַ חוב" דעם „פֿאָלק". און „דאָס פֿאָלק" איז דער „מוזשיק". און אידישע יונגעלייט, זין פֿון מלמדים און קרעמער און כּלי־קודש, האָבן אויך געהאַלטן, אַז זיי דאַרפֿן צוריקצאָלן אַ חוב, ניט זייערע עלטערן — וועגן וועלכע זיי האָבן אין דער רוסישער ליטעראַטור, אין דער רעאַקציאָנערער און אויך אין דער פּראָגרעסיווער, ניט געקענט געפֿינען קיין איין גוט וואָרט — נאָר דעם רוסישן מוזשיק. פּראַקטיש האָבן די דאָזיקע אידישע יונגעלייט מיט זייער באַגייסטערונג פֿאַרן רוסישן מוזשיק גאָרניט געקענט אויפֿטאָן, וואָרעם דער וועג צו אַרבעט אין רוסישן דאָרף איז פֿאַר זיי געווען געשלאָסן (אויך דער ערשטער דור אידישע רעוואָלוציאָנערן, אין די זיבעציקער יאָרן, פֿאַר די פּאָגראָמען און גזירות און דער אַנטיסעמיטישער כוואַליע, האָט זיך — מיטן אויסנאַם פֿון איינצלנע, אין גאַנצן־אַסימילירטע — ניט באַטייליקט אַקטיוו אין דעם „גיין אין פֿאָלק", — אויסער ביים אויפֿשטעלן געהיימע דרוקערייען, אָרגאַניזירן און צוגרייטן טעראָר־אַקטן). דערפֿאַר האָבן זיי גערן אויפֿגענומען די נייע לערע, וואָס איז צו זיי דערגאַנגען פֿון זשענעווע, פֿון פּלעכאַנאָווס „שטאָט", די לערע וואָס האָט גערעדט אין מאַרקס' נאָמען, האָט זיך אומגעקערט מיטן רוקן צום מוזשיק און האָט די צוקונפֿט פֿון רוסלאַנד אין גאַנצן אָנגעהאַנגען אויפֿן אינדוסטריעלן אַרבעטער.

אָבער אויך דאָרטן איז דער וועג צו מעשים ניט געווען ברייט אָפֿן. דער רוסישער אַרבעטער האָט זיך ניט געאיילט אָפּצורופֿן. ער האָט געהאַט צייט. און דער אידישער אינטעליגענט, וועלכער איז געווען ניט נאָר אַ „ווייסהענטל". נאָר אויך אַ איד, האָט ניט געקענט האָבן קיין גרויסע הצלחה

מיט זיין פּראָפּאַגאַנדע צווישן די רוסישע אַרבעטער. די מערסטע יונגע אידן זיינען, צוליב זייער לעגאַלן סטאַטוס, אַלס אידן, געווען צוגעבונדן צום „תחום המושב", און אַפילו די יעניקע צווישן זיי, וואָס זיינען אַריינ־געדרונגען אין די הויך־שולן און אין די שטעט „אויסערן תחום", האָבן זיך געמוזט צוריקקערן אין „תחום" נאָך דעם ווי די פּאָליציי האָט זיי געכאַפּט. כּמעט בלית ברירה פלעגן זיי זיך דעמאָלט ווענדן צום אידישן אַרבעטער — און ביי אים האָבן זיי געפונען אַן אָפּרוף.

אָבער זיי האָבן זייער טעטיקייט צווישן די אידישע אַרבעטער באַטראַכט ווי אַ צייטווייליקן ענין, ווי אַן איבערגאַנגס־סטאַנציע. דער אידישער אַרבע־טער איז פאַר זיי ניט געווען וויכטיק אין זיין אייגענעם זכות. עס האָט זיך ניט געגלויבט, אַז ער זאָל ווערן אַ רעוואָלוציאָנערער כּוח מיט אַן אייגענער באַדייטונג. דער ציל איז געווען דער רוסישער אַרבעטער — אָבער דער וועג צו אים איז געווען אַ לאַנגער און פאַרמויערטער. איז אָבער ניט כּדאי זיך באַנוצן מיטן אידישן אַרבעטער, זיינע גוטע פעאיקייטן, זיינע אידעאַליס־טישע אימפּולסן, זיין באַגייסטערונג, כּדי פון אים אויסצובילדן, נאָך דער געהעריקער „אַנטוויקלונג" און „באַאַרבעטונג", פעאיקע אַגיטאַטאָרן פאַרן ניט־אידישן אַרבעטער? צוליב דער סביבה אָדער אפשר דערפאַר, וואָס די רוסישע שפּראַך איז בכלל באַטראַכט געוואָרן פאַר דער „ראשית חכמה", איז דאָס לערנען רוסיש געוואָרן דער עיקר אין דער פאַרשפּרייטונג פון סאָציאַליזם צווישן אידישע אַרבעטער. עס פאַרשטייט זיך אַליין, אַז עס איז קיינעם ניט איינגעפאַלן צו באַשעפטיקן דעם מוח פון דעם אַרבעטער מיט „אידישע אינטערעסן", אויסער אפשר צו פאַרניכטן די „פאַראורטיילן", וואָס האָבן געהערשט אין דער אידישער סביבה.

דאָס איז ניט קיין שילדערונג פון קיין קעגנער. אַזוי דערציילן וועגן זייער גייסטיקער טראַדיציע די טאַטעס פון „בונד".

דזשאָן מיל, איינער פון די ערשטע, דערציילט וועגן אַרקאַדי קרעמער, דעם „ארי שבחבורה":

זיין ציל איז געווען די רוסישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג. בעת ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער סאָציאַליסטישער טעטיקייט אין ווילנע, האָט זיך אים אַפילו ניט געחלומט, אַז דער אומפאַרמיידלעכער לאָגישער רעזולטאַט דערפון וועט זיין אַ אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג.*

און אַרקאַדי קרעמער אַליין דערציילט:

די ערשטע גרינדער פון די אַרבעטער „קרייזלעך" אין ווילנע האָבן ניט געהאַט אין זינען קיין ברייטע טעטיקייט צווישן די אידישע אַרבעטער־מאַסן; זיי האָבן בלויז געוואָלט אויסבילדן מער אַנטוויקלטע אידישע אַרבע־

* „היסטאָרישע שריפטן", דריטער באַנד, ייוו"אָ, ווילנע, 1939.

טער, זיי געבן אַ סאָציאַליסטישן באַוואוסטזיין און זיי צוגרייטן צו זיין אַגי־טאַטאָרן פאַר רוסלאַנד, פאַר די אינדוסטריעלע צענטערן, פאַרן רוסישן אַרבעטער קלאַס. דער סאָציאַליסטישער געדאַנק פון יענער צייט האָט נאָך ניט געזען קיין מעגלעכקייטן פאַר אַ קלאַסן־באַוואוסטזיניקער באַוועגונג אין די קליינע וואַרשטאַטן, און נאָך מער צווישן די איינצלנע אידן, וואָס זיינען צעשפרייט אין די קליינע וואַרשטאַטן. דאָקעגן, האָט זיך געלעגט אויפן שכל, אַז צווישן די דאָזיקע גייסטיק־אַנטוויקלטע און מאָראַליש־ריינערע עלעמענטן וועלן זיך לייכט געפינען יחידים, וואָס וועלן זיך קענען דערהויבן און בעסער פאַרשטיין דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל.*

און אין דער סאָוועטישער מאָסקווע דערציילט איינער פון די „טאַטעס״:

„מיר זיינען דעמאָלט געווען אַסימילאַטאָרן און האָבן אַפילו ניט געחלומט וועגן אַ באַזונדער אידישער מאַסן־באַוועגונג. די דאָזיקע פראַגע איז אויפגעשוואומען ערשט שפעטער, אונזער אויפגאַבע איז געווען צוצו־גרייטן ׳רעקרוטן׳ פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, זיי דערנעענטערן צו דער רוסישער קולטור״.**

ווען די פאַטערס פון „בונד״ וואָלטן דערגרייכט זייער ציל, וואָלט זיך זייער אויפגאַבע פאַרענדיקט מיטן אויסבילדן אַ דינע שיכט אידישע אַרבע־טער, וואָס זיינען אָפגעריסן פון זייער סביבה און זוכן אַריינצודרינגען אין דער ניט־אידישער וועלט, ווי עס איז געשען מיט דער אידישער רעוואָלו־ציאָנערער אינטעליגענץ אין די זיבעציקער יאָרן, און ווי עס איז שפעטער געשען מיט יחידים און גרופעס אידן, וואָס האָבן זיך געפונען אַ פלאַץ אין דער פפ״ס און פס״ד (אין די פוילישע גובערניעס) און אין די רוסישע פאַרטייען (אין די אַנדערע רוסישע געביטן). אָבער די דערגרייכונגען פון די דאָזיקע פיאָנערן האָבן איבערגעשטיגן זייערע חלומות, און דער אידישער אַרבעטער, וואָס די „טאַטעס פון בונד״ האָבן אים געוואָלט מאַכן פאַר אַן „אור לגוים״, פאַר אַ מעדיום צו פאַרשפרייטן סאָציאַליזם צווישן ניט־אידן, האָט, ניט־ווילנדיק, דורכגעבראָכן די גרענעצן, וואָס זיינע דערציער האָבן אים אָנגעצייכנט און צונישט געמאַכט זייערע פלענער.

מען קען זאָגן מיט זיכערקייט, אַז קיין שום אַרבעטערשאַפט, איינגע־שלאָסן די פון די אַנטוויקלסטע אינדוסטריעלע לענדער, האָט מאַסנווייז ניט אויפגענומען די בשורה פון סאָציאַליזם מיט אַזאַ באַגייסטערונג, ווי עס האָבן זיי אויפגענומען אידישע אַרבעטער אין די געסלעך פון „תחום

* „אונזער צייט״, וואַרשע, 1928.

** צ. קאָפעלזאָן, אין דעם זאַמלבוך: „די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן די אידן״ (רוסיש), מאָסקווע, 1930.

המושב". מער ווי די ברעקלעך „עקאָנאָמישע פֿאַרבעסערונגען", האָט זיי פֿאַרכאַפּט די סאָציאַליסטישע הערויִשע עפּאָפּייע, די דערהויבונג פֿון דעם „קליינעם מענטשן". מער ווי זיי האָבן פֿאַרשטאַנען די טעאָרעטישע שיטה, האָבן זיי זיך אָפּגערופֿן אויף דער וויזיע פֿון דער מענטשלעכער גאולה. דער אידישער אַרבעטער, וועמען די סאָציאַליסטיש־קאָסמאָפּאָלי־טישע לערע האָט אויפֿגעפֿאָדערט „אָראָפּצושאָקלען דעם שטויב פֿון דער אַלטער וועלט פֿון זיינע פֿיס", און האָט אין דעם דאָזיקן „שטויב" איינגע־שלאָסן אַלץ, וואָס עס האָט געהאַט אַ שייכות מיט דער אידישער היסטאָ־רישער ירושה, האָט אין זיין נייער וועלט אַריינגעבראַכט פֿיל פֿון זיין טראַ־דיציע: זיין הייסן טעמפּעראַמענט, זיינע אינטעלעקטועלע פֿעאיקייטן, זיין גייסטיקייט, זיין יראת הכבוד פֿאַר הייליקטימער, זיין לעכצן נאָך דעם דערלייזער. אויפֿן וועג האָבן אים באַגלייט ניגונים־גלגולים פֿון חומש און תהילים און עטישע באַגריפֿן פֿון „חדר" און „סידור",* דורות־אַלטע עכאָס פֿון פֿרייהייטס־ימים־טובים און תעניתים אויף דעם פֿאַרלוסט פֿון דער פֿרייהייט, דער אַלטער אידישער האַס צום „רשע" און „צורר" און דאָס לעכצן נאָך ווערדע און גבורה.

די „עקאָנאָמיסטישע" טעאָריע פֿון די טעאָרעטיקער, וועלכע האָבן אין אים איינגעפּלאַנצט דעם „קלאַסן־באַוואוסטזיין" און מיט אים געקנעלט זיין פֿליכט צו „פֿאַרטיידיקן די אינטערעסן" האָט זיך פֿאַנאַנדערגעפּלאַמט אין אַ נייעם גלויבן, וואָס האָט אים צוגעזאָגט דעם „אחרית הימים" במהרה בימינו, און פֿאַרהייליקט דעם „יום הזה", דעם היינטיקן טאָג, דורך חברשער ברודערשאַפֿט, דורך מעשים פֿון גבורה, מסירת־נפש און דערהויבונג. דער וועג פֿון דעם אידישן אַרבעטער צום סאָציאַליזם איז ניט געווען פֿאַרהאַקט דורך פֿיל האַרטע הינדערנישן, ווי ביי אַנדערע אַרבעטער. זיין האַרץ איז געווען אָפֿן. זיין „זכות אבות", די טראַדיציע פֿון פֿיל דורות, איז אים ביי־געשטאַנען. ער איז מיט פֿרייד געגאַנגען צו דער עקדה. ער האָט באהבה מקבל געווען דעם עול פֿון נייע מצוות, וואָס האָבן פֿאַרנומען דעם פּלאַץ פֿון די אַלטע. ער איז געווען אַ מאַקסימאַליסט, ער האָט זיך געריסן צו באַלדיקער פֿאַרווירקלעכונג. די עקאָנאָמישע דערגרייכונגען האָבן אים ניט פֿאַרשלעפּערט, די קלעפּ, וואָס זיינען אויף זיין קאָפּ געפֿאַלן, האָבן אים ניט דערשראָקן. ער האָט אויף זיך געקוקט ווי אויף אַ דוד, וואָס שטייט קעגן

* הלל בלום, איינער פֿון די ערשטע טוער פֿון דער באַוועגונג, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין גרינדונגס־צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד", דערציילט, אַז אין זיינע ערשטע יאָרן אין דער באַוועגונג פֿלעגט ער ביים אויפֿשטיין מאַכן די ברכה: „ברוך אלהינו... והבדילנו מן התועים ונתן לנו תורת אמת" („היסטאָרישע שריפֿטן", ייִוואָ, דריטער באַנד).

גליתן. ער, דער אידישער „קנעכט“ אין „תחום“, הויבט אויף זיין האַנט קעגן דעם גיגאַנט, דעם רוסישן קיסר.

פֿון דעם דאָזיקן זיווג פֿון אידישע אַרבעטער — און דער דאָזיקער באַגריף שליסט אויך איין קליינע בעלי־מלאכות, וואָס האָבן געאַרבעט „פֿאַר זיך אַליין“, געזעלן, אָנגעשטעלטע אין קראָמען, נייטערקעס און זאָקן־מאַכערקעס, וואָס האָבן געאַרבעט אויף הויז־מאַשינען — און „אינטעליגענטן“, סטודענטן פֿון רעגירונגס־שולן און תּלמידים פֿון ווילנער „לערער־אינסטיטוט“, וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפֿגאַבע פֿריער צו דערציען „קאַזיאָנע ראַבינער“ און נאָכדעם „קאַזיאָנע לערער“ פֿאַר אידישע קינדער — איז געבוירן געוואָרן די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין איר ערשטער געשטאַלטונג. פֿון אידישן שטאַנדפּונקט איז די קולטור פֿון די אַרבעטער־„תּלמידים“ געשטאַנען העכער פֿון דער קולטור פֿון די אינטעליגענטן־„לערער“, וועלכע זיינען על פּי רוב אין אידישע ענינים געווען פֿולשטענדיקע עמי־הארצים. דער באָדן איז געווען אַ זאַפּטיקער. די זריעה איז געקומען פֿון אַ ראַיעלער פּירמע: פֿון בערלין דורך זשענעווע, וואָס האָט איר צוגעגעבן דעם רוסישן „בייגעמיש“. די זייער זיינען געווען טיכטיקע, פֿלייסיקע, איבערגעגעבענע מענטשן. פֿאַר זייערע אויגן איז שטענדיק געשטאַנען אַ מענטשלעכע אידעאַל־געשטאַלט — דער בערלינער סאָציאַל־דעמאָקראַט, וועלכער איז אויך געווען דאָס „לעצטע וואָרט“ פֿון דער מערב־קולטור, דער מוסטער, צו וועלכן מען האָט געדאַרפֿט אַרויפֿקוקן. זיי זיינען טאַקע אַליין ראוי געווען צו זיין בערלינער סאָציאַל־דעמאָקראַטן, נאָר זייערע לעבנס־אומשטענדן האָבן זיי פֿאַרוואַלגערט קיין ווילנע, און זיי האָבן זיך באַמיט דעם דאָזיקן גורל צו טראָגן בכּבוד. די מערסטע פֿון זיי האָבן זיך איינגעוואָרצלט צווישן די אידישע אַרבעטער, זיינען צו זיי צוגעבונדן געוואָרן, זיינען זיי טריי געבליבן (ווער ביז צום לעצטן טאָג — און ווער ביז דער שווערער פּראָבע, דעם באָלשעוויזם), זיי אָפּגעגעבן די בעסטע כּוחות, וואָס זיי האָבן גייסטיק פֿאַרמאָגט.*

* עס זיינען געווען אַזעלכע וואָס די אידישע סביבה איז פֿאַר זיי געווען בלויז אַן איבערגאַנגס־סטאַנציע. די בולטע צווישן זיי: ליעוו יאָגיכעס, איינער פֿון די גרינדער פֿון דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (צוזאַמען מיט זיין פֿרוי, ראָזע לוקסעמבורג) און דעם דייטשן „ספּאַרטאַקוס בונד“; ליובאַ אַקסעלראָד־אָרטאָדאָקס — אַ טעאָרעטיקערין פֿון רוסישן מאַרקסיזם; חנן (שאַרל) ראַפּאָפּאָרט — איינער פֿון די גרינדער פֿון די רוסישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און שפּעטער צווישן די גרינדער פֿון פֿראַנצויזישן קאָמוניזם (פֿון וועלכן ער איז אַוועק נאָך די מאָסקווער פּראָצעסן); מענדל ראָזענבאַום — איינער פֿון די גרינדער פֿון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וועלכער האָט זיך אומגעקערט צו דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג ערשט נאָך זיין איבערוואַנדערן קיין אַמעריקע, דורך די פּועלי־ציון — און זיין „עליה“ קיין ארץ־ישראל.

זיי זיינען געוואָרן די פּראָפֿעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן אויף דער אידישער גאַס. זייערע מעלות זיינען געווען גאָר גרויסע, זיי זיינען ניט געווען קיין „שוים אויפֿן וואַסער". עס האָט זיי כאַראַקטעריזירט: איבער־געבנקייט צו דער „זאַך", ערנסט און התמדה אין דעם לעבנס־וועג, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעקליבן, גרייטקייט צו נעמען אויף זיך יסורים, טאַט־פֿעאיקייט און אַ וואונדערלעכער חוש פֿאַר אָרגאַניזאַציע. פֿון זייערע אור־עלטערן, די יראים ושלמים, האָבן זיי געירשנט פֿרומקייט אין אמונה־זאַכן און קפּדנות אין אָפּהיטן די מצוות. זיי האָבן דאָס אַריבערגעפֿירט אויף דער נייער אמונה און די נייע מצוות.

אָבער גרויס ווי זיי זיינען געווען, זיינען זיי אויך געווען באַשיידן. ווי זייערע אבות, וואָס האָבן ניט געפֿילט קיין באַדערפֿעניש עפּעס מחדש צו זיין און האָבן זיך באַנוגנט מיט דער תורה פֿון די „ראשונים", אַזוי זיינען זיי אויך געווען כשרע תלמידים פֿון דער „תורה", וואָס זיי האָבן מקבל געווען פֿון זשענעווע און בערלין. זיי האָבן זיך באַנוגנט מיט אַ רוסישער איבערזעצונג פֿון דעם דייטשן אָריגינאַל און האָבן זיך אָפּגעהיט ניט צו ענדערן אין דעם קיין אות. דאָס וואָס איז אין די פֿאַרהייליקטע שריפֿטן ניט געזאָגט געוואָרן, איז אין זייערע אויגן געווען זייער פֿאַר־דעכטיק, און אַ מענש, וואָס זיין גייסטיק געזונט איז אים טייער, טאָר ניט צולאָזן צו זיך קיין אַפּיקורסות. די יורשים פֿון די שלומי אמוני ישראל זיינען געוואָרן שלומי אמוני סאָציאַליזם.

זייער גייסטיקע וועלט איז געווען פֿאַרשלאָסן פֿאַר אַלץ, וואָס איז געווען איינגאָרטיק אין דעם כאַראַקטער און גורל, אין די צוקונפֿט־ און עקזיסטענץ־פֿראַגעס פֿון דעם אידישן אַרבעטער, און אוודאי און אוודאי פֿון דעם אידישן פֿאָלק. אין פֿראַגעס פֿון דער „גרויסער וועלט" האָבן זיי געהאַט אַ פֿאַרטיקן שולחן־ערוך. מען האָט אים נאָר געדאַרפֿט אָפּהיטן אויף אַ כשרן אופֿן. אין אידישע פֿראַגעס איז פֿאַר זיי גאָרניט געווען גרייט, אויסער דער מורא, טאָמער וועט זיך צו זיי צוקלעפּן אַ שמץ פֿון דער אַלטער אידישער וועלט. אַזוי ווי עס איז דאָרטן ניט געווען קיין „חזון", קיין וויזיע, איז דאָס דאָזיקע ווינקל אין האַרצן אָנגעפֿילט געוואָרן מיט „ניכטערקייט", מיט „דערקענטעניש פֿון דערווירקלעכקייט", מיט „רעאַליזם". נאָר ניט קיין „חלומות", נאָר ניט קיין „ראָמאַנטיק"! זיי האָבן זיך גרויס געהאַלטן דערמיט וואָס זיי „גייען אין די פֿוסטריט פֿון לעבן". מעג מען אָבער זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַ שווערער, אַ הינקענדיקער און אין לעצטן סך־הכל — הינטערשטעליקער גאַנג. איידער דער לערער האָט זיך אויסגעלערנט רעדן און שרייבן אין דער שפּראַך פֿון דעם תלמיד, אין אידיש (וואָס פֿאַרן לערער בכבודו ובעצמו איז זי אויך אַמאָל געווען אַ מוטער־שפּראַך, אָבער ער האָט

זי פֿאַרגעסן אין דער זעלבער מאָס וואָס ער האָט זיך איינגעשאַפֿן בילדונג און קולטור), האָט ער זיך באַמיט זיי, די תּלמידים, אויסצולערנען די שפּראַך, וואָס איז פֿאַר אים, דעם לערער, געווען די „מוטער פֿון אַלע חכמות" — רוסיש. די לערער האָבן מיט די תּלמידים גערעדט וועגן דעם „עקאָנאָמישן פֿאַקטאָר", אָבער זיי אַליין האָבן קיינמאָל ניט פּרובירט אַ טראַכט צו טאָן וועגן דער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט פֿון דעם אידישן אַרבעטער און וועגן דער אייגנאַרט פֿון זיין עקאָנאָמישן גורל. זיי האָבן דעם געדאַנק און געפֿיל פֿון דעם אידישן אַרבעטער פֿיקסירט אויף דער געגאַרטער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס אין איר און בלויז אין איר ליגט זיין צוקונפֿט און גליק. אַלדאָס איבעריקע איז געווען ניט מער ווי אַן אילוזיע; און יאָרן לאַנג האָט מען פֿאַרשלאָסן די אויגן כּדי ניט צו זען, אַז בעת זיין נשמה טראָגט דעם דאָזיקן אַרבעטער צו דער רוסישער רעוואָלוציע, טראָגן אים זיינע פֿיס גאָר אויף יענער זייט גרענעץ, און פֿיל צענדליקער טויזנטער רייסן זיך מעבר־לים, כּדי דאָרטן צו געפֿינען זייער „פּערזענלעכע צוקונפֿט". אָט די דערשיינונג האָט אויף זיי ניט געמאַכט קיין שום רושם און האָט זיי ניט באַוועגט צו פּרובירן איבערקוקן די פֿעסטע טעאָריע, אין וועלכער עס איז ניט געווען קיין פּלאַץ פֿאַר דער מאָדערנער דערשיינונג פֿון מאַסן־וואַנדערונג. די לייזונג פֿון דער פֿראַגע פֿון די אידן איז דאָך, ווי יעדער פּראָגרעסיווער מענטש האָט געוואוסט, געלעגן אין די וואוין־לענדער.*

בדרך כּלל, קען מען זאָגן, האָט די „אידן־פֿראַגע" זייער ווייניק וואָס באַשעפֿטיקט אָט די ערשטע סאָציאַליסטן. זי איז, יעדנפֿאַלס, ניט געשטאַנען אין צענטער פֿון זייערע אינטערעסן. אין דער אידישער עקזיסטענץ האָבן זיי גאָרניט געפֿונען וואָס זאָל זיי ליב זיין. זייערע אָנשויאונגען און טעאָריעס זיינען ניט דעטערמינירט געוואָרן דורך דער דערקענטעניש און שטודיום פֿון אידישן „זיין", נאָר די אַלגעמיינע אָנשויאונגען, וואָס זיי האָבן גענומען פֿון גרייטן, און זייער לעבנס־וועג האָט פֿאַר זיי דעטערמינירט דאָס אידישע „זיין". ווען דער מאַרקסיזם וואָלט זיי ניט אַנטדעקט דעם רוסישן אַרבעטער, וואָלטן זיי מסתּמא אַליין גאָר ניט אַנטדעקט דעם אידישן אַרבעטער, ממש ווי זייערע פֿאָרלויפֿער, אין די זיבעציקער יאָרן, האָבן אים ניט אַנט־

* „די פֿירמע, ביי וועלכער איך האָב געאַרבעט, האָט באַנקראָטירט. איך האָב אַפֿילו אַ טראַכט געטאָן וועגן אויסוואַנדערן קיין אַמעריקע אָדער ענגלאַנד, און איך האָב אַפֿילו אָפּגעשפּאָרט אַ גאַנצן קאַפּיטאַל, זעכציק רובל, אָבער אין יענער צייט האָט מען געהאַלטן, אַז עס איז ניט מאָראַליש, כּמעט אַ פֿאַרברעכן, אַז אַ סאָציאַליסט זאָל פֿאַרלאָזן רוסלאַנד, כּל זמן ער איז ניט אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿון דער רעגירונג". אַזוי דערציילט הלל בלום אין זיינע דערמאָנטע זכרונות.

דעקט, כאָטש עס איז שוין דעמאָלט געווען דער זעלבער גנזעל און משרת און וואַרשטאַט־אַרבעטער. די „אידן־פֿראַגע" האָט פֿאַר זיי געהאַט בלויז איין טייטש: דאָס פֿעלן פֿון „פּראָוועס". אין דער הינזיכט זיינען זיי ניט געגאַנגען ווייטער פֿון די משכילים, וואָס זיינען זיי פֿאָראויסגעגאַנגען. און די לייזונג איז אויך געווען די זעלבע: אַראָפּוואַרפֿן דעם צאַר. דאָס איבעריקע וועט שוין קומען פֿון זיך אַליין: „אין דעם טאָג וואָס עס וועט פֿאַלן די 'סאַמאָדערזשאַוויע' אין רוסלאַנד, וועט אויך נעמען אַ סוף צום אידישן גלות, וואָרעם אין דעם זעלבן טאָג וועלן אידן באַקומען 'ראַוונאָ־פּראַוויע'".* דער גאַנצער אידישער גלות — וואָס יעדער פּשוטער איד וויס זיין גאַנצע אימה און פּיין אין משך פֿון טויזנט אַכט הונדערט יאָר — איז ניט מער ווי אַן ענין פֿון „ראַוונאָפּראַוויע"! דאָס איז די העכסטע פּאָליטישע חכמה, וואָס אידישע אינטעליגענטן, וואוילמיינענדיקע מענטשן, וואָס זיינען אָבער אין גאַנצן פֿריי געווען פֿון יעדן וויסן וועגן זייער פֿאָלקס לעבן און געשיכטע, האָבן זיך באַמיט איינצופֿלאַנצן אין אידישן אַרבעטער. און אַט די אויפֿפֿאַסונג האָט געהייסן „רעוואָלוציאָנער". יעדער אַנדער צוגאַנג האָט געהייסן „פֿאַרטושן דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין".

עקזיסטירט יאָ אָדער עקזיסטירט ניט אַ אידיש פֿאָלק — וועגן דעם איז נאָך ניט „באַשלאָסן" געוואָרן. ערשט נאָכדעם ווי עס האָט אין משך פֿון יאָרן עקזיסטירט אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע פֿון אידישע אַרבעטער, איז אויפֿן פֿערטן צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד", אין יאָר 1901, אונטערן דרוק פֿון דעם וואַקסנדיקער ציוניסטישער פֿאָלקס־באַוועגונג און דער אָנהויב פֿון די פּועלי ציון, „באַשלאָסן" געוואָרן, אַז עס עקזיסטירט אַ אידיש פֿאָלק. מען האָט אָבער נאָך דעמאָלט אויך ניט באַשלאָסן, ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַציִען צו דעם דאָזיקן פֿאַקט — פּאָזיטיוו, אָפּוואַרפֿן די אַסימילאַציע, אָדער אָננעמען סיי צו דעם נאַציאָנאַליזם און סיי צו דער אַסימילאַציע אַ „ניי־טראַלע שטעלונג"? און יאָרן שפּעטער האָט מען נאָך דיסקוטירט, וואָס איז כשרער: נאַציאָנאַליזם אָדער „נייטראַליזם". פֿאַר דער אידישער קול־טור — אויסער פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור, דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון דאַר־וויניזם וכדומה — האָבן זיי ניט געהאַט קיין אינטערעס. די אידישע שפּראַך איז פֿאַר זיי געווען בלויז אַ טעכנישער מיטל און אַפֿילו נאָכדעם ווי זיי האָבן אַקצעפּטירט די אידישע נאַציאָנאַליטעט, האָט זיך זייער אידישער האָריזאָנט געענדיקט מיט די טעריטאָריעלע גרענעצן פֿון דער רוסישער אימפּעריע, גענויער געזאָגט: „ליטע, פּוילן און רוסלאַנד". מיט פּוילן איז

* פֿון די ערשטע פּראָפּאַגאַנדע־בראָשורן אויף אידיש. זע „היסטאָרישע שריפֿטן", ייוו"אָ, דריטער באַנד.

געמיינט געווען די פּוילן, וואָס האָט זיך געפֿונען אין רשות פֿון דעם צאַר ניקאָלאַי, און ניט חלילה די פּוילן, וואָס האָט זיך געפֿונען אין רשות פֿון פֿראַנץ יאָזעף. אויף יענער זייט פֿון די גרענעצן האָט פֿאַר זיי קיין אידיש פֿאָלק ניט עקזיסטירט. אידישע אחדות, וואָס שטייט איבער די טעריטאָ־ריאַלע גרענעצן, איז געווען איבער זייערע השגות. וואָס פֿאַר אַן אינטערעסן־שותּפֿות קענען האָבן די רוסישע אידן, וואָס זייער ישועה וועט קומען פֿון דעם שטורץ פֿון דער „סאַמאָדערזשאַוויע" מיט די אידן פֿון גאַליציע, וואָס לעבן אונטערן שוץ פֿון אַ קאָנסטיטוציאָנעלער רעגירונג? און אויב מען האָט נאָך אפֿשר געקענט טראַכטן וועגן אַ שטיקל שותּפֿות צווישן אידיש־ריידנדיקע אידן אין פֿאַרשיידענע לענדער — וואָס פֿאַר אַ שותּפֿות האָט געקענט זיין צווישן זיי און די אידן פֿון מערב־אייראָפּע? און אַפֿילו נאָכדעם ווי עס האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפֿן פֿאַרבינדונגען מיט די אידן אין אַמעריקע, וואָס זיינען ערשט נעכטן געווען מיטגלידער פֿון „בונד" אין „ליטע, פּוילן און רוסלאַנד" — איז דאָס געווען אַ קאָנטאַקט אויף צו באַקומען הילף פֿאַרן קאַמף קעגן דער „סאַמאָדערזשאַוויע" און שטיצע פֿאַרן „בונד" — און ניט מער.

דער ציוניזם — כּל זמן ער האָט הינטער זיך ניט געהאַט קיין מאַסן און איז ניט געוואָרן קיין „שעדלעכער" כּוח — האָט פֿאַר זיי ניט געהאַט קיין אינטערעס. זיי זיינען געווען זיכער, אַז דאָס איז אַ פֿאַנטאַזיע, רעאַק־ציאָנער ווי יעדע ראָמאַנטיק, וואָס וועט גיך פֿאַרשווינדן, ממש ווי דער אַנטיסעמיטיזם וועט גיך פֿאַרשווינדן פֿאַר די „זון־שטראַלן פֿון פּראָגרעס". איינער פֿון די אַקטיוווסטע פּיאָנערן, וואָס גיט איבער מיט וואָס פֿאַר אַ ביטול זיי האָבן זיך דעמאָלט באַצויגן צום ציוניזם, דערציילט וועגן אַ דיס־קוסיע, וואָס איז צושטאַנד געקומען דורך דעם באַזוך פֿון אַ חובב־ציון רעדנער אין ווילנע. מען האָט אים געגעבן אַ שלאָגנדיקן ענטפֿער. דער „טעאָרעטיקער" אין דער גרופּע האָט פֿון קעשענע אַרויסגענומען אַן אַלטע בראָשור פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און פֿון איר ציטירט, וואָס דאָרטן איז געזאָגט געוואָרן וועגן דער „אידן־פֿראַגע". אין סאָציאַליסטישע פֿראַגעס איז פֿאַר זיי דעמאָלט די ליטעראַטור פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" געווען פּסול און אָפּגעלעבט, אָבער בנוגע דער אידן־פֿראַגע איז זי פֿאַר זיי נאָך געווען גאַנץ צופֿרידנשטעלנדיק...

ב

און אָט אין אַזאַ קרייז איז אַריינגעפֿאַלן דאָס עילוי־אינגל אברהם וואַלט, וואָס איז אָקאָרשט אַרויסגעריסן געוואָרן פֿון וואָלאָזשין. מיט יאָרן שפּעטער, ווען אַן אינטעליגענטע דאַמע האָט אים געפֿרעגט, אין וועל־

כער אוניווערזיטעט ער האָט שטודירט, האָט ער געענטפֿערט: אין וואָלאָ־זשין. דער קונדס אין אים האָט זיכער שטאַרק הנאה געהאַט וואָס די דאָמע איז געווען אַזוי דערשטוינט, וואָס זי האָט קיינמאָל ניט געהערט וועגן דער דאָזיקער אוניווערזיטעט, און ער האָט צוגעגעבן: טאַקע אַ קליין שטעטל, אָבער אַ באַרימטע אוניווערזיטעט. דאָס איז געזאָגט געוואָרן יאָרן שפּעטער, ווען ער איז געווען אַ רייפֿער מענש. אָבער אין יענער צייט, נאָך די לענגערע ראַנגלענישן צווישן אמונה און כּפֿירה, נאָך די מעשׂי־קונדס, וואָס האָבן זיך געענדיקט מיטן גירוש און „איסור אכסניה" און מיט דעם האַרץ־ווייטיק וואָס איז געווען פֿאַרבונדן מיטן צוריקקערן זיך צו טאַטע־מאַמע און זיי פֿאַרשאַפֿן בושה פֿאַר לייטן, איז ער מסתּמא ניט געווען זייער שטאָלץ צו זיין אַ תּלמיד פֿון סלאָבאָדקע און וואָלאָזשין.

אויף איינמאָל האָט דאָס אינגל געמאַכט די קפֿיצת־הדרך פֿון דער ישיבה אין דעם סאָציאַליסטישן „קרוזשאָק", פֿון די שאַרפֿע סוגיות פֿון דער גמרא צו די נייע סוגיות, פֿון דעם פֿאַרלוסט פֿון דער אמונה צו אַ נייער אמונה, פֿון דעם אור־מיטאָס מיט וועלכן זיין נשמה איז פֿול געווען צו דעם מיטאָס פֿון דער צוקונפֿט. זיין גייסטיקער רכוש איז ניט געווען דער געוויינלעכער באַגאַזש פֿון אַ ישיבה־בחור וואָס איז „אַראָפּ פֿון וועג" — אַזויפֿיל און אַזויפֿיל בלעטער גמרא, נאָר אַ דביקותדיקער צובונד צום תּנ"ך, וואָס האָט אין די קינדער־יאָרן אים געמאַכט אַזוי טייער זיין באַליבטן רבין, וועלכן ער פֿלעגט זיין גאַנצן לעבן דערמאָנען צום גוטן, בקיאות אין די אידישע היסטאָרישע כראָניקעס, ווי „יוסיפֿון", דעם „שבט יהודה" און דער „צמח דוד", און אויך קלמן שולמאַנס „דברי ימי עולם", אַ האַרציקע באַציאונג צום „חובת הלבבות" און „מסילת ישרים", באַ־גייסטערונג פֿאַר יל"ג און מיכ"ל. אין קעשענע — אַ העפֿט העברעאישע לידער, אין גייסט פֿון מ. מ. דאָליצקי:

> על פּני משואות בית לחם
> אך נשקף סהר זרוח,
> תמונה יפהפיה נשאת,
> נשאת על כנפי רוח.
>
> — — — — — —
>
> הלאה, אך הלאה ציונה,
> מקור כּל חמדה רגשותיה,
> מקום שם כל אבן, כל רגב —
> ספּרי זכרונות בניה.

וואָלט איז אפֿשר געווען דער ערשטער אָבער ניט דער איינציקער, וואָס האָט אין דעם סאָציאַליסטישן קרייזל געבראַכט אַ העפֿט העברעאישע

לידער.* דאָרטן האָט די דאָזיקע „סחורה״ ניט געהאַט קיין בעלנים. דער ענין פּאָעזיִע איז דעמאָלט בכלל ניט באַטראַכט געוואָרן צווישן די גאָר געהויבענע זאַכן. עס איז אוודאי ניט קיין צופֿאַל, וואָס בעת ליעסין דערמאָנט שפּעטער עמעצן לשבח, אַז ער האָט אַרויסגעוויזן אַ פֿאַרשטענדעניש פֿאַר פּאָעזיע, פֿאַרגעסט ער ניט צו באַמערקן: „אַן אייגנשאַפֿט, וואָס איז געווײנלעך צווישן רעוואָלוציאָנערע טוער גאַנץ זעלטן״. און אויב שוין יאָ פּאָעזיע — איז ניעקראַסאָוו! ווער האָט זיך דאָס געקענט פֿאָרשטעלן, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען די „קאַזיאָנע קריטיקער״ פֿון דער רעוואָלוציע וועלן אַרויפֿלעגן די דיכטער־קרוין דווקא אויף פּושקינס קאָפּ? עס וועט נאָך קומען אַ טאָג, ווען אין סאָציאַליסטישן קרייזל וועט מען אָנהייבן אָפּשאַצן אַ אידיש ליד, אויב עס וועט האָבן די געוואונטשענע „טענדענץ״, אָבער אַ העברעאיש ליד איז דאָך בכלל אַ קוריאָז. „אויסער דער פּראָגראַם״. צווישן די יונגע אינטעליגענטן, וואָס דרייען זיך אַרום די לערער, קען מען נאָך אַמאָל געפֿינען איינעם, פֿאַר וועמען מען קען לייענען אַ העברעאיש ליד (און ווי ליידנשאַפֿטלעך ליעסין האָט עס ליב געהאַט, אויך אין זיינע לעצטע יאָרן, צו לייענען זיינע שאַפֿונגען פֿאַר אַ צוהערער!), אָבער פֿאַר די חשובע לערער, די סאָציאַליסטישע בעלי־„הלכה״, איז העברעאיש געווען אַ פֿאַרשלאָסן בוך. דאָס איז ניט געווען קיין „קעגנערשאַפֿט״ צו העברעאיש. דער פּעריאָד פֿון אידישיזם — וואָס אין זיין נאָמען איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די קעגנערשאַפֿט — איז נאָך ניט געקומען; עס איז פּשוט געווען — פֿרעמדקייט. די אינטעליגענטן־רעאַליסטן האָבן געוואוסט, אַז אַלטע שפּראַכן זיינען אַ שווערע לאַסט, און פּראָגרעס־טרעגער האָבן געקעמפֿט קעגן דעם קלאַסיציזם אין דער שול, און האָבן ניט געקענט תּופֿס זיין ווער עס דאַרף עס האָבן דעם „דרעווני יעוורעיסקי יאַזיק״, וואָס אינטעליגענטע מענטשן פֿאַרשטייען ניט. וואָס פֿאַר אַ שייכות האָבן „די מענטשן פֿון מאָרגן״ מיט דער וועלט פֿון נעכטן, וואָס איז שוין געשטאָרבן און פֿאַרגעסן געוואָרן?

די לערער זיינען געווען גוטע מענטשן־פֿישער, און די תּלמידים האָבן באהבה מקבל געווען דעם עול פֿון דרך־ארץ. זיי האָבן די לערער שטאַרק פֿאַרערט. און זיי זיינען געווען גערן ניט צו בלייבן „היינטער־

---

* אַ. ווייטער האָט אויך אָנגעהויבן מיט העברעאישע לידער. אויך וועגן קאַלמן קראַפּיאָנעץ, אַ בונדישער טוער, וואָס איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין די יוגנט־יאָרן, ווערט דערציילט, אַז ער האָט געשריבן העברעאישע לידער (זע: מ. איוועגסקי, אין דעם זאַמלבוך „ווילנע״, רעדאַקטירט פֿון יעפֿים ישורון, ניו יאָרק, 1935). דאָ איז ניט דער פּלאַץ אויסצורעכענען די אַנדערע, די פֿילצאָליקע, וואָס זיינען אַנטלאָפֿן פֿון ציוניזם און העברעאיש אין אַ שפּעטערדיקער תּקופֿה.

שטעליק״, צו זיין ענלעך, וויפֿל עס לאָזט זיך, אויף די לערער־שטולן. מיר געפֿינען ניט אין דער ליטעראַטור פֿון דער צייט קיין שפּורן פֿון גייסטיקע קאָנפֿליקטן צווישן די „אַזיאַטן״־תּלמידים און „איראָפּייער״־לערער, וואָס זאָלן דערמאָנען די דערשיטערנדיקע צוזאַמענשטויסן צווישן גלויביקע און כּופֿרים, וועגן וועלכע עס דערציילט די השׂכּלה־ליטעראַטור. די תּלמידים האָבן אויף זיך מקבל געווען אַלע „דינים״. מיט דעם גייסטיקן באַגאַזש, וואָס זיי האָבן מיטגענומען פֿון בית־מדרש און ישיבֿה האָבן זיי זיך געשעמט, און דער גוטער געשמאַק האָט דיקטירט, אַז מען זאָל עס באַהאַלטן, און צום סוף — פֿאַרגעסן. וואָס פֿאַר אַ כּוח אידישע בחורים האָבן אַרויסגעוויזן אין דעם דאָזיקן פֿאַרגעסן!

שפּעטער, אַז אַ טייל „תּלמידים״ זיינען אַרויף אויף די ערשטע שטאַפּל און זיינען אַליין געוואָרן מורי־הוראה, האָבן זיי — צוזאַמען מיט די וואָס זיינען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג געקומען פֿון ציוניסטישן לאַגער — געהאַט אַ האַנט אין מילדער מאַכן דעם „קאָסמאָפּאָליטיזם״. זיי האָבן די באַוועגונג געמאַכט מער אידיש אין אירע פֿירונגען און שפּראַך, זיי האָבן ווייכער געמאַכט איר האַרטן סטיל. פֿון זיי זיינען געקומען די מענטשן, וואָס אידיש איז פֿאַר זיי געווען ניט בלויז אַ טעכנישער מיטל. זיי זיינען געווען צוגעבונדן, אַמאָל אַפֿילו מיט אמתן ענטוזיאַזם, צו דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור (שטילערהייט — אַפֿילו געהאַט אַ שוואַכקייט פֿאַר העברעאיש). אידישע ענינים האָבן זיי באַאומרואיקט. זיי זיינען ניט געווען אַזוי אומוויסנדיק ווי זייערע לערער, און עס איז אין זיי געווען אַ ביטערקייט וואָס איז ניט געווען אין זייערע לערער. פֿון זיי זיינען אַרויסגעקומען די קנאים־קעמפֿער קעגן ציוניזם, קעגן העברעאיש. זייער זעלישע סטרוקטור איז, אין געוויסע פּרטים, געווען אַן אַנדערע ווי ביי זייערע רביים, אָבער זייער דענקען איז ניט אַרויס פֿון די גרענעצן פֿון דעם דערלויבטן. די מוירערן זיינען געווען גוט־באַפֿעסטיקטע און שטאַרקע. די שומרים זיינען געווען כּשרע און טרייע.

וואַלט, ווי די אַנדערע תּלמידים, בייגט דעם קאָפּ. עס איז אַ צייט אַראָפּצוּוואַרפֿן דעם יאָך! דער „צייטגייסט״ טוט דאָס זייניקע. די אַט־מאָספֿער, וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט אידעאַליזם און תּמימותדיקן גלויבן אין די „נייע״ הייליקטימער, און איז ניהיליסטיש לגבי אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט דער אידישער ירושה, פֿאָדערט איר קרבן. „איך האָב אָנגעהויבן שרייבן אידיש דערפֿאַר, וואָס איך האָב געוואָלט אויפֿהערן שרייבן העברעאיש״, דעקט אויף ליעסין שפּעטער אַ ווינקל אין זיין נשמה, „דער אויסגעדראָשענער פֿאַנאַטיזם האָט ביי מיר לאַנג ניט געדויערט, אָבער איך האָב אים אין גאַנצן ניט אויסגעמיטן״.

עס איז אַוועק אַ קורצע צייט זינט וואָלט האָט איינגעשלונגען שטיינבערגס רוסישן ווערטערבוך — און אָט לייזט ער שוין שווערע מאַטעמאַטישע פּראָבלעמען און ווערט אַ בקי אין דער רוסישער ליטעראַטור און אַ בן־בית אין יענע ביכער און בראָשורן און זשורנאַלן, פֿון וועלכע זיינע לערער האָבן געשעפּט זייער גייסטיקע יניקה. דער וואָס איז פֿריער געשוואומען אין „ים־התּלמוד״ ווערט איצט געטראָגן אויף די שטורעמדיקע כוואַליעס פֿון די נייע לערעס. דער לעבנס־אידעאַל איז פֿון איצט אָן און ווייטער — ניט קיין רב און אויך ניט קיין „דאָקטער־ראַבינער״, און אַפֿילו ניט קיין מעדיצינער. זיין לעבן וועט געווידמעט זיין דעם קאַמף קעגן דעם סאָציאַלן אומרעכט. „אָפּשאַפֿן די אָרעמקייט און אַלע מענטשלעכע ליידן פֿון דער וועלט, אַלע יסורים און פּיין פֿון אָרעמקייט — אָט דאָס איז געווען מיין הייליקסטע שטרעבונג פֿון מיין פֿריסטער יוגנט״ — דערציילט ער וועגן זיך אַליין אין די שפּעטערדיקע יאָרן. און זינט ער האָט געשלאָסן דעם דאָזיקן נשמה־בונד — אָפּצושאַפֿן די אָרעמקייט אויף דער וועלט — איז ער אים דבקותדיק טריי געבליבן. און פֿאַר די וואָס האָבן אים אין דעם דאָזיקן בונד אַריינגעפֿירט, האָט ער אין זיין האַרצן געטראָגן אַ טיפֿע דאַנקבאַרקייט און זייערע געשטאַלטן האָט ער שטענדיק געזען איינגעהילט אין ליכט.

אָבער עס האָט לאַנג ניט געדויערט ביז ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז זיין נשמה איז הונגעריק. די סימפּליפֿיקאַציע און זיכערקייט פֿון די לערער שטעלן אים ניט צופֿרידן. בעל־כּרחו הייבט ער צו שטעלן קשיות און זיך צו בונטעווען.

ער האָט פֿון טאַטנס שטוב געבראַכט אַ נשמה, וואָס איז געווען אי פֿרום אי רעבעליש. אין די קינדער־יאָרן איז ער געווען אַ ירא־שמים און אַ שטיפֿער, אַ איש־תּמים און אַ שטיק לץ, אַ שאַרפֿער קאָפּ און אַ פֿאַנטאַזיאָר, אַ שעמעוודיקער און אַן עזות־פּנים. זיין פּאָעזיע האָט אויך געהאַט צוויי געשטאַלטן: ער איז געווען אַ ליריקער און סאַטיריקער. אויב ער איז אין וואָלאָזשין געווען אַ בונטאַר, איז ער אויך ניט געוואָרן קיין געהאָרכזאַמער תּלמיד פֿון זיינע נייע לערער. זייער רעוואָלוציאָנערע „פֿאַרגאַנגנהייט״ — טורמעס, פֿאַרשיקונג — האָט אין אים אַרויסגערופֿן יראת־הכּבוד. ער האָט זיי באַוואונדערט פֿאַר זייער אויסגעהאַלטנקייט, פֿאַר זייער כאַראַקטער־ערנסט און גרייטקייט אויף קרבנות. די בעסטע צווישן זיי האָבן פֿאַרמאָגט אַ וואונדערלעכע אייגנשאַפֿט — זיי זיינען פֿולשטענדיק איינס געוואָרן מיט זייער באַוועגונג און אויפֿגאַבע. דאָס האָט אים פֿאַרכאַפּט אויפֿן גאַנצן לעבן. ער האָט אָבער אויך געזען די שוואַכע זייט: די איבערגעטריבענע סימפּליפֿיקאַציע, דעם „תּרגום״־עלעמענט אין זייער נשמה,

זייער גייסטיקע אָרעמקייט. אידעאַליסטישע רעוואָלוציאָנערן זיינען אויך ניט פֿריי פֿון מענטשלעכע שוואַכקייטן, וואָס סטימולירן דעם בייטש פֿון דעם סאַטיריקער, און אברהם וואָלט האָט זיך ניט אָפּגעהאַלטן פֿון ליצנות, פֿון אַ סאַטירישן עפּיגראַם, פֿון אַן אַפּיקורסישן „זיך אַ רייץ טאָן". ער האָט אָפּגעשפּאָט פֿון דער איבערגעטריבענער קאָנספּיראַטאָרישקייט (וואָס אַמאָל פֿאַרדעקט זי ניט קיין מעשים, נאָר אומטעטיקייט). ער האָט זיינע פֿיילן געצילט אין דער רעוואָלוציאָנערער גאווה, אין דער סאָציאַליסטישער היפּאָקריטסטווע. צוליב זיין „טאַלאַנט" האָט מען אים מוחל געווען און מען האָט אים ניט פֿאַרטריבן מיטן רעוואָלוציאָנערן שטעקן, אָבער מען האָט אויף אים געקוקט ווי אויף אַ מענטשן, „אויף וועלכן מען קען זיך ניט פֿאַרלאָזן".

ער איז ניט געבליבן שטעקן ביי סאַטירישע עפּיגראַמען און אַפּיקורסישע גלייכוועדטלעך, וואָס זיינען עלול אַריינצוואַרפֿן אין כּעס גראַדליניקע רעוואָלוציאָנערן. עס האָט אָנגעהויבן אויפֿשווימען דער ענין, וועלכן ער האָט געוואָלט פֿאַרגעסן.

בעת ער איז אין גאַנצן געווען אַריינגעטאָן אין דער פּלוגתא צווישן די „נאַראָדניקעס" און די מאַרקסיסטן — אין דער באַרימטער פֿראַגע: וואָס פֿאַר אַ צוקונפֿט איז רוסלאַנד באַשערט, צי וועט זי גיין אויפֿן וועג פֿון די מערבֿ־לענדער און „זיך אויסקאָכן אין דעם קאַפּיטאַליסטישן קעסל", אָדער זי וועט „אַריבערשפּרינגען" דעם דאָזיקן „עטאַפּ", וועט איירער פֿאַר־לויפֿן דעם וועג און גלייך אַריינשפּרינגען אין דעם קעניגרייך פֿון סאָציאַ־ליזם — הייבט אים אָן צו בוירען אין קאָפּ דער אידישער ענין. עס איז מעגלעך, אַז שטילערהייט האָט אים דער דאָזיקער פֿאַררוקטער ענין גע־עגבערט די גאַנצע צייט. און עס איז מעגלעך, אַז בעת ער האָט, ווי אַנדערע, געמיינט, אַז ער האָט איבערגעריסן דעם פֿאָדעם, האָט ער אין די טיפֿענישן פֿון דער נשמה וויטער אים געשפּונען. בעת ער האָט צום ערשטן מאָל זיך באַטייליקט אין אַ קאָנספּיראַטיווער פֿאַרזאַמלונג, האָט זיך אים גע־דאַכט, אַז ער געפֿינט זיך אויף אַן אסיפֿה פֿון די קרבנות פֿון דער אינקווי־זיציע, ווי עס ווערט דערציילט אין „שבט יהודה". די היגגעריכטעטע העלדן פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" שפּיגלען זיך אָפּ אין זיין צעל ווי די „עשרה הרוגי מלכות"; אַ מאָראַלישע באַרעכטיקונג פֿאַר דעם טעראָר־קאַמף קעגן דעספּאָטן זוכט ער ניט דווקא אין דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, נאָר מיט 3000 יאָר צוריק — ביי אהוד בן גרא; אין די ערשטע טריט פֿון דעם אידישן אַרבעטער הערט ער דעם ווידערקול פֿון די טריט פֿון די קנאים אויף די מויערן פֿון ירושלים; די עצם־בשורה פֿון סאָציאַליזם פֿאַרבינדט זיך ביי אים מיט עמוס און ישעיה. ער האָט אַ גוטן זכרון,

אָבער ניט נאָר פֿאַר אויסחזרן ווערטער פֿון שטיינבערגס „סלאָוואָר“. ער איז איינער פֿון די מענטשן, וואָס זייער נשמה־רעמיניסצענצן לאָזן זיך ניט אויסמעקן מיט אַ שטיקל מעק־פּאַפּיר. אַפֿילו די פּרינציפּן, וואָס פֿאָדערן, אַז מען זאָל זיי פֿאַראורטיילן צו „גניזה“ — וועלן די דאָזיקע רעמיניסצענצן ניט בייקומען.

דער אידישער ענין הויבט אים אָן באַשעפֿטיקן ניט נאָר ווי אַ נשמה־רעמיניסצענץ, נאָר ווי אַ לעבנס־פֿראַגע. זי לאָזט אים ניט צורו. עס האָבן מסתמא אויך געווירקט די אידישע צרות, וועלכע פֿאַרשאַפֿן אים שאַרפֿערע ליידן ווי די אַנדערע מענטשן אין זיין קרייז, און ער ווייס וועגן זיי, פֿאַרשטייט זיך, אויך מער ווי זיינע חברים. אָבער אפֿשר זיינען אויך געווען אַנדערע סיבות. די העברעאישע ליטעראַטור, כאָטש ער האָט זיך פֿון איר דערווייטערט, איז פֿאַר אים ניט פֿאַרשלאָסן. די חיבת־ציון, כאָטש ער קערט זיך אָפּ פֿון איר, און זעט זי בלויז אין איר אָרעמקייט און שוואַכקייט — ווי אַן ענין פֿון דעם אָנגעפּרעסענעם „אידישן פֿאָרשטייער“, וואָס איז אַ מקורב מיטן „גאָראָדאָוואָי“ און פֿון דעם אביון־קרעמער, וואָס טרייסט זיך מיט דער פֿאַנטאַזיע פֿון אַ אידישער מלוכה, אַ מלוכה פֿון גאונים און בני־מלכים — באַרירט אים גאָר אַנדערש ווי זיינע חברים. דער גייסט האָט זיך זיינע אייגענע וועגן, אַפֿילו אַז מען פֿאַרשליסט די אויגן, כּדי אים ניט צו זען. אין זיינע מעמואַרן דערציילט ער, אַז אין דעם ענין איז אים בייגעשטאַנען דער מאַרקסיזם. דער מאַרקסיזם האָט אים אַנטוויקלט דעם זין פֿאַר דער ווירקלעכקייט, און דערפֿאַר האָט ער איינגעזען, אַז בנוגע דער אידישער ווירקלעכקייט קען מען זיך ניט אין גאַנצן פֿאַרלאָזן אויף די בראָשורן, וואָס זיינען אַריבערגעשמוגלט געוואָרן פֿון זשענעווע. צי דער שטודיום פֿון מאַרקסיזם האָט טאַקע גורם געווען, אַז וואַלט זאָל זיך אָנהויבן בונטעווען קעגן זיינע רביים, אָדער עס האָבן אים דערצו געפֿירט פֿאַרבאָרגענע זעלישע פּראָצעסן, און דער מאַרקסיזם האָט זיי בלויז געהאָלפֿן און זיי צוגעשטעלט די טעאָרעטישע פֿאָרמולע — איז אַ פֿראַגע פֿאַר פּסיכאָלאָגן. וואַלט איז אין דעם פּרט ניט געווען דער איינציקער. סאַי פֿאַר נחמן סירקין, סאַי פֿאַר צבי אַבערסאָן, סאַי פֿאַר בער באָראָכאָוו איז דער מאַרקסיזם געווען אַ בויער־אינסטרומענט. ער האָט ניט אָפּגעשוואַכט זייער אידישן געפֿיל, נאָר האָט פֿאַרשאַרפֿט זייער ראיה לגבי דער אידישער ווירקלעכקייט, זיי געהאָלפֿן זען אירע שוועריקייטן און סתירות, און האָט זיי געגעבן דעם וואָפֿן אין זייער רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן באַנאַליטעטן. אָבער דער זעלבער מאַרקסיזם וואָס איז פֿאַר וואַלטן און זיין גלייכן געווען אַ סטימול, וואָס האָט זיי געטריבן צום אָריגינעלן דענקען, איז פֿאַר וואַלטס חברים, צווישן וועלכע ער האָט געלעבט, געווען

אַ שלאָף־מיטל, וואָס האָט זיי באַפֿרייט פֿון אייגענעם דענקען, און דעם אידישן ענין געמאַכט אַזוי איינפֿאַך, פֿון אים אַוועקגענומען אַלע שווערי־קייטן און סתּירות — אים געלייזט מיט דער גרעסטער לייכטקייט.

די סימפּליסטישע ענטפֿערס אויף דער אידישער פֿראַגע, וואָס וועט פֿון זיך אַליין געלייזט ווערן דורך דער רעוואָלוציע, באַפֿרידיקט אים ניט. ער הויבט אָן צו פֿרעגן: וואָס וועט מיט אידן זיין אויף מאָרגן נאָך דער רעוואָלוציע? דערוואַרטן אונז ניט קיין נייע צרות? ער זוכט אַן ענטפֿער אין דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור און ער איז דערשיטערט פֿון דער פֿולשטענדיקער גלייכגילטיקייט, וואָס זי ווייזט אַרויס צום אידישן אומגליק, שווין ניט רעדנדיק פֿון די אויסדרוקן פֿון סימפּאַטיע פֿאַר די פּאָגראָמ־שטשיקעס און דעם ווילן „אויסצונוצן" די פּאָגראָמען לטובת דער רעוואָ־לוציע. ער פֿרעגט: די פֿאַרערטע רעוואָלוציאָנערן, וואָס קעמפֿן קעגן יעדן אומרעכט — פֿאַרוואָס זיינען זיי גלייכגילטיק צום אידישן גורל, פֿאַרוואָס ווייזן זיי ניט אַרויס קיין שום פֿאַרשטענדעניש פֿאַר אונזער ענין?

ער וויל זיך אַראָפּרעדן פֿון האַרצן. ער ברענגט זיינע ספֿקות צו איינעם פֿון די פֿירער. ס'איז געווען אַן אינטעליגענטער, ערלעכער מענטש, וואָס האָט זיך באַצויגן מיט גרויסן ערנסט צו טעאָרעטישע סאָציאַליסטישע פּראָ־בלעמען, אַ מענטש מיט אַ פֿאַרגאַנגנהייט, וואָס די ליידן פֿון אַ רעוואָלו־ציאָנער האָבן געלאָזט סימנים אויף זיין פּנים, און אין אידישע ענינים איז ער געווען אומשולדיק ווי אַ קינד, געקוקט מיט דערשטוינטע אויגן. פֿאַר אים זיינען אַזעלכע פֿראַגעס „מחוץ דער פּראָגראַם", „כאָטש ער האָט געשטאַמט פֿון די ווילנער געסלעך, האָט ער אויף מיר, אין אידישע פֿראַגעס, געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ גר". וואַלט טרעט ניט צוריק. אַ קורצע צייט שפּעטער פֿאָרט ער צו דעם ארי שבחבורה, אויך אַ ווילנער, און גיסט פֿאַר אים אויס וואָס ס'האָט זיך אים אָנגעקליבן אויפֿן האַרצן. אָבער יענער, דער פֿאַרערטער לערער, „איז געווען אויסערגעוויינלעך פֿאַרגויאישט", און די ווערטער האָבן געטראָפֿן „ווי קוילן אין אַ שטיינערנער וואַנט". וואַלט פֿרעגט אים: „האָט איר אַמאָל אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם מאָרגן נאָך דער רעוואָלוציע — וואָס וועט פֿון אונז ווערן?" דער ענטפֿער איז געווען: „ס'איז ניטאָ וואָס צו טראַכטן. ס'וועט דעמאָלט ניט זיין קיין אידן־פֿראַגע, פּונקט ווי עס וועט ניט זיין קיין פֿרויען־פֿראַגע, קיין אַרבעטער־פֿראַגע" *
„אין פֿאַרגלייך מיט אים, בין איך נאָך געווען אַ אינגל, און דערצו אַ ווילד אינגל, וואָס האָט זיך ניט אָנגעשלאָסן אָן דער באַוועגונג און האָט ניט געוואָלט גיין אויף די אויסגעטראָטענע וועגן". און אָט דאָס דאָזיקע ווילדע אינגל איז אויך געווען אַן עקשן, ער איז ביי זיך ניט בטל געוואָרן פֿאַרן ביטול און דעם פֿאַרוואורף, ער איז „געבליבן ביי זיינס".

---

* „צוקונפֿט", 1937. א. ליעסין: צום פֿערציקסטן יובילייַ פֿון „בונד".

ג

עס איז ערב „בונד". עס איז נאָך ניטאָ קיין אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע, עס עקזיסטירן בלויז „קרייזלעך", אָבער ביי די יעניקע וואָס וועלן אינגיכן זיין די גרינדער פון דער גרעסטער און געשלאָסנסטער אידישער אַרבע־טער־אָרגאַניזאַציע לעבט שוין דער ווילן צו צענטראַליזאַציע און „דיס־ציפּלין" און זיי זיינען שוין שטאַרק מקפּיד אין פראַגעס פון „אסור" און „מותּר", אין דער רעגלעמענטאַציע פון מיינונגען. אָבער אַ מענטש, וואָס האָט ניט קיין חשק אויף זיך צו נעמען דעם „עול" קען זיך נאָך געבן אַן עצה. וואָלט, וועלכער איז לכתּחילה ניט קיין מענטש פון דיסציפּלין און ניט קיין קאָנספּיראַטאָר, דער פרייער פויגל, פאָרט צוריק אַהיים, קיין מינסק, ווערט אַלץ מער און מער „אַפּיקורס" און טרעט אַרויס אין אָפענער אָפּאָזיציע צו זיינע לערער. ער גרינדעט זיין אייגענע באַוועגונג, וועלכע פירט די אָפּאָזיציע קעגן דער סביבה. אין זיין קרייז איז ער אַרומגערינגלט מיט באַוואונדערונג און ליבע, און פון דאָרטן שיסט ער זיינע פיילן אין דעם „קאָסמאָפּאָליטיזם", „עקאָנאָמיזם" און „בראַשוריזם", וואָס הערשן אין די קרייזן פון אידישע רעוואָלוציאָנערן.

עס וואָלט געווען איבערטריבן צו זאָגן, אַז וואָלט האָט אַן אַנדער „פּראָגראַם", ווי די קעגן וועלכער ער איז אַרויסגעטראָטן אין קאַמף. עס איז שווער צו זאָגן, וואָס פאַר אַ פּונקט ער וויל צוגעבן צו זייער פּראָגראַם: פריידיקן סאָציאַליזם צווישן אידן און „קאַמף קעגן דער סאַמאָדערזשאַוויע". דער געדאַנק וועגן אַ ספּעציעלער אידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע (אין דער ראַם פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע), אַ געדאַנק וועלכן מען האָט אַ לאַנגע צייט מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן, טאָמער איז ער ניט כּשר, איז שוין איצט געווען גאַנץ פּאָפּולער, נאָכדעם ווי דער דריי און צוואַנציק יאָריקער מאַרטאָוו, ווען די רעגירונג האָט פאַרשיקט פון פּעטערבורג קיין ווילנע און זיין אויטאָריטעט איז געשטאַנען אויסער יעדן צווייפל, האָט דערויף געגעבן זיין היתּר. און וואָס איז שייך „נאַציאָנאַלע פאָדערונגען" איז שווער צו וויסן וואָס פאַר אַן אינהאַלט וואָלט האָט אין זיי אַריינגעלייגט אין דער פּעריאָד פון דער מינסקער „אָפּאָזיציע". דער „בונד" אַליין האָט נאָך געדאַרפט וואַרטן אַכט יאָר ביז ער איז געקומען צום באַשלוס, אַז דער אידישער אַרבעטער האָט „נאַציאָנאַלע פאָדערונגען", און ווען ער האָט זיך שוין גענומען זיי פאָרמולירן, האָט זיך עס אויס־געלאָזן מיט דער „קולטורעלער אויטאָנאָמיע", וואָס עס האָבן פאַר אים, אין משך פון יאָרן, צוגעגרייט דובנאָוו און זשיטלאָווסקי, און ס'איז טעאָ־רעטיש באַגרינדעט געוואָרן דורך קאַרל רענער, מיטן כּוח פון דער אויטאָ־ריטעט פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אָבער אין יענע

יאָרן, די יאָרן פֿון דער מינסקער „אָפּאָזיציע" האָט מען נאָך ניט געהערט קיין ברעקל וואָרט וועגן דעם וואָס עס זיינען די דאָזיקע „נאַציאָנאַלע פֿאָדערונגען"; דער חידוש איז ביי וואָלטן ניט געלעגן אין פֿאָרמולירן אַ נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פֿאַרן אידישן אַרבעטער, אָן ענין מיט וועלכן עס האָבן זיך עטלעכע יאָר שפּעטער געראַנגלט די שאַפֿער פֿון סאָציאַליסטישן ציוניזם, נאָר אין דעם נייעם, אַנדערשדיקן גייסט, וואָס ער האָט געבראַכט. עס איז אפֿשר דערלויבט צו זאָגן, אַז דער וויכּוח צווישן אים און זיינע חברים איז ניט געגאַנגען אַרום דעם וואָס מען דאַרף טאָן, נאָר ווי אַזוי מען דאַרף עס טאָן. ער האָט מיט זיין גייסט אַנגעשטעקט די באַוועגונג. ער האָט אין דער באַוועגונג אַריינגעטראָגן אַ „אידישן גייסט". ער האָט געוואָגט זיך צו דערקלערן אַלס אַ נאַציאָנאַלער איד.

ער האָט אָפּגעוואָרפֿן דעם „קאָסמאָפּאָליטיזם", וואָס זיין טייטש איז: פֿאַרלייקענונג פֿון דעם אידישן לעבן. אַנטקעגן דעם הערשנדיקן קאָסמאָ־פּאָליטיזם האָט ער געשטעלט דעם אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס לייקנט ניט אָפּ די נאַציע און פֿאַרקוקט זי ניט, נאָר באַטראַכט זי אַלס היסטאָרישע פֿאָרמאַציע, וואָס טראָגט נאָך אין זיך פֿיל לעבן און האָט דאָס רעכט זיך צו אַנטוויקלען. ער האָט געפֿאָדערט, אַז די באַוועגונג זאָל זיין אָפֿן און באַוואוסטזיניק נאַציאָנאַל. ער האָט געפֿאָדערט אַ סאָציאַליסטישע פּראָפּאַ־גאַנדע וואָס זאָל איר אינספּיראַציע שעפּן ניט נאָר פֿון פֿרעמדע ביכער, נאָר אויך פֿון אידישע קוואַלן. ער האָט אין דעם סאָציאַליזם געזען ניט קיין „פֿרעמדע פֿלאַנץ", נאָר אַ המשך פֿון דער אידישער געשיכטע.

ער האָט אָפּגעוואָרפֿן דעם „עקאָנאָמיזם", וואָס האָט געהערשט אין דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע און האָט אַלץ געשטעלט אויפֿן סטרייק און אויפֿן קלאַסנקאַמף צווישן דעם געזעל און דעם בעל־מלאכה. ער האָט געטענהט, אַז די קלאַסן־גרענעצן זיינען ביי אונז ניט קיין באַשטימטע, און אַז דער אידישער אַרבעטער איז אַן אַרבעטער „ביז דער חתונה", און נאָכדעם ווערט ער „באַלעבאָס פֿאַר זיך". אוודאי איז וויכטיק צו פֿאַר־קירצן דעם אַרבעטס־טאָג און פֿאַרבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען, אָבער מען דאַרף אויך וויסן, אַז די עקאָנאָמישע אויסזיכטן וואָס זיינען מיט דעם פֿאַרבונדן זיינען ניט קיין גרויסע, וואָרעם דאָס איז אַ קאַמף „פֿון קבצן קעגן דלפֿן". דער בעל־מלאכה און דער קרעמער („דער הונדערטסטער קרעמער אין גאַס") זיינען ניט די טרעגער פֿון דעם „קאַפּיטאַליזם", נאָר פֿון דלות. דער „עקאָנאָמיזם" מאַכט אָרעמער דעם אינהאַלט פֿון דעם סאָציאַליזם. ער האָט אויף דער קעגנוואַרט פֿון דעם אידישן אַרבעטער געקוקט מיט אייגענע אויגן. וואַרט אויף דעם אידישן אַרבעטער אין „תחום" אַן אַנדער צוקונפֿט ווי די פֿון דעם „דלפֿן און קבצן"? — וועגן דעם

זאָגט וואָלט גאָרניט. אויב ער איז פּעסימיסטיש בנוגע זיינע אויסזיכטן — ציט ער דערפון ניט קיין קאָנסעקווענצן.

די פראַגע פון דעם אָנטייל פון די אידן אין דער רעוואָלוציע, האָט ער אויך ניט פאַראייִנפאַכט, ווי עס איז געווען דער שטייגער. ער האָט אויף דער רעוואָלוציע געקוקט ווי אַ איד. ער האָט צוגעגעבן, אַז די רעוואָ־לוציע און דער אָנטייל פון די אידן אין דער רעוואָלוציע וועלן פאַרמערן די אידישע צרות. די רעאַקציאָנערע כּוחות וועלן אויף די אידן וואַרפן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דעם אָנטייל פון די אידן אין דער רעוואָלוציע האָט ער באַטראַכט אַלס אַ נאַציאָנאַלן ענין, ווי אַן ענין פון פליכט און ערע, ווי אַן אַקט פון טרייקייט צו דער היסטאָרישער ירושה, צו דער טראַ־דיציע פון נביאים און גבורים, ווי אַ המשך פון קידוש־השם, ניט ווי קיין ענין פון „געווינס". ער האָט געגעבן אַ אידישן נוסח לאַוראָווס לערע וועגן פליכט: אויפן אידישן רעוואָלוציאָנער ליגט אַ ספּעציעלע פליכט בנוגע זיין פאָלק, די פיינט פון דער רעוואָלוציע וועלן זיך מיט זיין פאָלק אָפּרע־כענען פאַר זיינע מעשים, און ער דאַרף טראָגן דעם באַוואוסטזיין פון זיין באַזונדערער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיין פאָלק, וואָס ליידט און ווערט געפּייניקט פאַר זיינע רעוואָלוציאָנערע קינדער.

וואָלטס געדאַנקען־קרייז איז ניט געווען קיין גראַדליניקער, ווי ביי זיינע חברים. אין אים האָבן זיך צונויפגעגאָסן פאַרשיידענע עלעמענטן: אַ טיפער סאָציאַלער געפיל, רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק, מאַרקסיסטישע טעאָריע, אַ שאַרפער בליק פאַר דער אידישערווירקלעכקייט, אַ הייסע פאַר־בינדקייט צו די אידישע מאַסן און אַ ווידערווילן קעגן דער אויסגעוואָרצל־טער אינטעליגענץ, אַ טיפער צובונד צו דער אידישער געשיכטע און אירע פאַרהייליקטע ווערטן, אַ טרייע עמפּפינדלעכקייט בנוגע אידישע צרות, כאָטש ער האָט ניט געזען קיין וועג צו אַ ראַדיקאַלער ענדערונג פון דער לאַגע, דער ווילן אָפּצוהיטן אין דער רעוואָלוציע אַ שטאָלצן אידישן קיבוץ, וואָס איז טריי זיך אַליין.

דער דיכטער אין אים האָט געוואָלט דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַ־גאַנדע גופא געבן אַן אַנדער פּנים, וואָס זאָל זיין אַנדערש פון דער בראַשו־ריסטישער באַנאַליטעט. ער האָט געוואָלט געפינען אייגנאַרטיקע אויס־דרוק־פאָרמעס, וואָס זאָלן אַריינדרינגען אין דער נשמה. ער האָט אין דער פּראָפּאַגאַנדע אַריינגעפלאָכטן דאָס לירישע ליד, די היסטאָרישע אידעע, דאָס חכמה־וואָרט, די סאַטירע, דעם אוראַלטן זאָג. די סימבאָליק פון דער אידישער געשיכטע האָט דורכגעדרונגען זיין גאַנצן וועזן און אויך זיין פּראָפּאַגאַנדע. אין דער צייט וואָס די פּיאָנערישע אידישע סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָט זיך אָקאָרשט אָנגעהויבן איבערזעצן פון פרעמדע

שפּראַכן, האָט זיך באַנוצט מיט אַ קינסטלעכן, לעבנסלאָזן, הילצערנעם דייטשמערישן אידיש, האָט ער אין איר אַריינגעבראַכט דעם לעבעדיקן פֿאָלקס־אידיאָם. ער האָט ניט געשריבן קיין פּראָפּאַגאַנדע־פֿערזן, נאָר אַ ליד ממש, סיי ווען ער האָט געזונגען וועגן דעם מאַרטירער־קעמפֿער, וואָס איז געבונדן אין קייטן צו דער יורטע אין די צפֿון־שנייען, סיי בעת ער האָט אין עצם פֿון דער „עקאָנאָמישער" פּראָפּאַגאַנדע מיט דער טיפֿסטער סימפּאַטיע באַזונגען דעם אידישן קרעמער וואָס זיין נשמה שוועבט אין די עולמות־העליונים און דער „קונה" וועקט אים פֿון זיין חלום־וועלט, און סיי בעת ער האָט — דעמאָלט, אין 1894 — געשריבן אין אַ ליד פֿון דער פֿולסטער אידענטיפֿיקאַציע מיטן גורל פֿון דער אומה.

איך האָב ניט, אָ עלנטע אומה, מיט וואָס דיר צו דינען
אַרום אין דעם אָרעמען, וואָכיקן לעבן;
דעם נפֿש, דאָס האָב איך, דעם נפֿש דעם היילן —
איך קען דיר אים געבן.

וואָלטס נשמה־וועלט, מיט איר גייסטיקער פֿרייהייט און אינטעלעקטועלער פֿעסטקייט, איז געווען אַן אַנדער וועלט, ווי די וועלט פֿון זיינע לערער און חברים, כאָטש מען קען ניט זאָגן, אַז עס זיינען צווישן זיי געווען חילוקי־דעות בנוגע די סאָציאַלע און פּאָליטישע צילן. און די צוויי וועלטן האָבן ניט געקענט לעבן אונטער איין דאַך. עס איז אויסגעבראָכן אַ קאַמף. פֿון ווילנע זיינען געשיקט געוואָרן קיין מינסק „אַגיטאַטאָרן" צו באַקעמפֿן וואָלטס „אַפּיקורסות". די דאָזיקע כּפֿירה האָט אויך זוכה געווען געקרוינט צו ווערן מיטן נאָמען „וואָלטאָוושצינאַ".

וואָלטס אַ יוגנט־פֿריינד, וואָס האָט געהערט צום צווייטן צד, האָט שפּעטער אַזוי דערציילט וועגן יענער צייט: ער (וואָלט) איז געווען אַ מענטש וואָס האָט ניט אָנערקענט קיין שום אָרגאַניזאַציע און קיין שום אויטאָריטעט. אָט די אייגנשאַפֿטן, צוזאַמען מיט אַן אויסערגעוויינלעכן סאַטירישן טאַלאַנט, האָבן אים באַליבט געמאַכט ביי די מאַסן. ער האָט פֿאַרגעוואָרפֿן, אַז די באַוועגונג — איז אַ קאָסמאָפּאָליטישע און געפֿאָדערט, אַז זי זאָל אָננעמען אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, דאָס הייסט, אַז מען זאָל נעמען אין באַטראַכט די ספּעציפֿיש־אידישע לעבנס־באַדינגונגען. פֿאַרשטייט זיך, אַז קיין באַשטימטע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם האָט ער ניט פֿאַרמולירט. ער האָט אויך געפֿאָדערט, אַז די אַרבעט פֿון דער באַוועגונג זאָל זיין דורכגעדרונגען מיט אַ נאַציאָנאַלן גייסט.*

* באָריס פֿרומקין, „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ", 1919.

[במאמר המוסגר:

אין דער מעמואַרן־ליטעראַטור פֿון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג פֿאַרנעמט די דאָזיקע אָפּאָזיציע פֿיל ווייניקער פּלאַץ ווי אַנדערע, אינהאַלט־אָרעמערע אָפּאָזיציעס.* מיר האָבן דאָ אַ מוסטער פֿון „גניזה”. דער דאָזיקער מזל איז באַשערט געווען אַלע יענע פּערזענלעכקייטן אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָבן זיך ניט געלאָזט אַריינפּאַסן אין די אָפֿיציעלע באַגריפֿן — זיי זיינען פֿאַרגעסן געוואָרן אָדער זייערע געשטאַלטן זיינען פֿאַרטושט געוואָרן. אין דער זעלבער צייט וואָס וואָלט האָט געווירקט אין מינסק, איז אין וויטעבסק געווען טעטיק אברהם אַמסטערדאַם. וועגן זיין לעבן און טויט ווערן דערציילט לעגענדעס. „אַ מענטש מיט אַ נביאישן טעמפּעראַמענט, אַ פֿלאַמיקער אַגיטאַטאָר, אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, אַן אויסגעצייכנטער קולטור־טרעגער, אַ גלענצנדיקער דיאַלעקטיקער, אַ מענטש מיט אַ נטיה צו אַ קינסטלערישן סטיל, ער האָט אויך פּרובירט שרייבן בעלעטריסטיק... לכל הדעות — אַן אויסערגעוויינלעכער מענטש” — אַזוי ווערט ער פֿיל יאָרן שפּעטער געשילדערט אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.** ער איז געקומען פֿון חיבת ציון און פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור. „ער איז געווען אַ מיטגליד פֿון די ׳בני משה׳ אין מאָסקווע, איז אַרומגעפֿאָרן איבער אידישע שטעטלעך און געגרינדעט פּאַלעסטינער פֿאַראיינען אונטערן נאָמען ׳דאָס אידישע פֿאָלק און די אַרבעט׳” — אַזוי ווערט דערציילט אין דעם איינציקן בונדישן נעקראָלאָג, וואָס איז וועגן אים געשריבן געוואָרן. „ער איז ניט געגאַנגען צו די רבנים און מגידים, צו די גבירים און די פֿאַרמעגלעכע בעלי־בתים, ווי עס האָבן געטאָן די אַנדערע פּאַלעסטינצעס; ער איז געגאַנגען צו אָרעמע, עקספּלואַטירטע אידן”. ווען ער איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט, האָט ער זיינע „פֿאָלקסטימלעכע” באַגריפֿן צוגעפּאַסט צום אידישן לעבן, ער איז געוואָרן אַ „פּאַקנטרעגער”, איז געגאַנגען פֿון שטעטל צו שטעטל מיט אַ זאַק ביכער אויף די פּלייצעס. „אַן אַלטע אידענע, וואָס איז איינגעבויגן איבער אַ זאָק און אַ ׳קרבן מנחה׳, אַ אינגל אין הויף, אַ בית־מדרש־מגיד, אַ דערשלאָגענע דינסט — צו יעדן איינעם איז ער צוגעגאַנגען מיט ליבע און אין זיי געוועקט די בעסטע געפֿילן, ער האָט זיי געלערנט און דערצויגן צו זיין שיינע, געזונטע, קאַמף־לוסטיקע מענטשן”. אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך געראַנגלט מיטן מאַרקסיזם, וואָרעם ער האָט געמיינט, אַז „די אידישע געשיכטע, וואָס פֿיל היסטאָריקער

---

* זע: א. טשעריקאָווער: נוסח מינסק און נוסח ווילנע. „צוקונפֿט”, 1936.

** אין דעם רוסישן זאַמלבוך „די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן אידן”. מאָסקווע, 1930.

באַטראַכטן ווי אַ ,גייסטיקע געשיכטע', קען בשום אופֿן ניט אויסגעטייטשט ווערן בהסכם מיט מאַרקס' פּשוטער שיטה". אָבער נאָכדעם האָט ער גע־ענדערט זיין מיינונג. "די אידישע געשיכטע", פֿלעגט ער זאָגן, "דאַרף נאָך געשריבן ווערן. אַלץ, וואָס איז ביז איצט געשריבן געוואָרן, איז ניט מער ווי ביאָגראַפֿיעס פֿון רבנים אָדער רשימות פֿון הריגות און גזירות", און ער האָט געזאַמלט היסטאָרישע מאַטעריאַלן, אָבער ער האָט דאָס שרייבן כסדר געהאַלטן אין איין אָפּלייגן, וואָרעם אינצווישן האָט ער זיך אַריינ־געוואָרפֿן אין דער פּראַקטישער טעטיקייט. ער איז דערטרונקען געוואָרן אין שקלאָוו בעת ער האָט זיך געבאָדן אין דניעפּער, אין עלטער פֿון אַכט און צוואַנציק יאָר. אַ ווילנער בונדיסט דערציילט וועגן אים, אַז ער האָט פֿון אים געהערט אַ לעקציע וועגן דעם קאַמף צווישן מתנגדות און חסידות אין אַ... מאַרקסיסטישער אויסטײַטשונג. אַ ווילנער בונדיסטקע דערציילט וועגן אים: "ער איז געווען מער ,איד' פֿון אונז אַלעמען — מיר אַלע האָבן גערעדט רוסיש, מיט דער אידישער ליטעראַטור און דער אידישער שפּראַך האָבן מיר געהאַט אַ קנאַפּע שייכות". און א. ליטוואַק זאָגט: "אַמ־סטערדאַם האָט אין די אידישע סאָציאַליסטישע קרייזן אַריינגעבראַכט אַ סך אידישן געמיט". און איינער פֿון זיינע דעמאָלטדיקע תּלמידים, וואָס איז געוואָרן אַן "איסקראַ"־מענטש, וואָרפֿט אים פֿאָר, דרייסיק יאָר נאָך זיין טויט, אַז ער איז געווען אַ "ציוניסט". דאָס איז כמעט אַלץ וואָס איז פֿאַרבליבן אין זכרון פֿון די יורשים וועגן אַ מענטשן, וואָס איז צו דער באַוועגונג געקומען מיט אַן אייגענעם גייסטיקן באַגאַזש און האָט, אין זיין צייט, אויפֿגעברויזט און באַצויבערט].

אויך לויט די מאָגערע ידיעות, וואָס מיר האָבן וועגן דעם קאַמף פֿון דער מינסקער "אָפּאָזיציע" מיט אירע קעגנער, האָבן מיר אַ רעכט אַרויס־צודרינגען, אַז דאָס איז שוין געווען אין מיניאַטור דער אָנהויב פֿון דעם פּאַרטייען־קאַמף אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. און עס זיינען שוין דעמאָלט בולט געוואָרן אַלע פֿליטערלעך פֿון דעם שפּעטערדיקן פּאַרטיי־קאַמף: פּערזענלעכע אָנפֿאַלן, בייזוויליקע אויסטייטשונגען פֿון דעם קעגנערס ווערטער. די אָרעמע תּלמידים, וואָס האָבן ערשט אָנגעהויבן לערנען דעם אַלף־בית פֿון סאָציאַליזם, האָבן זיך שוין געפֿונען צווישן צוויי פֿלאַמען. דאָס זיינען ניט געווען קיין צוויי גלייכע כּוחות. וואָלט האָט טאַקע פֿאַרמאָגט פֿעאיקייטן וואָס האָבן געפֿעלט זיינע קעגנער: עס איז געווען אַ באַזונדערע נאָענטקייט צווישן אים און זיינע תּלמידים און פֿאַרערערינס, זיינע משלים און ביישפּילן זיינען גענומען געוואָרן פֿון נאָענטן אַרום, פֿון זאַכן, וואָס האָבן די מענטשן דירעקט און אוממיטלבאַר באַריִרט, אַ שאַרפֿער סאַרקאַזם קעגן די קעגנער, און דער עיקר — זיין פּער־

זענדלעכער צויבער, וואָס האָט זיך אין זכרון ניט אויסגעוועפּט אפילו צענד־ליקער יאָרן שפּעטער. אָבער ער איז דאָך געווען דער שוואַכערער, ער איז געווען איינער, און קעגן אים זיינען געשטאַנען פּיל. ער האָט זיינע תּלמידים גערופן צו גיין אויף אַ ניט־אויסגעטראָטענעם וועג, און זיינע קעגנער האָבן זיי געגעבן פאַרהיילקטע פאָרמולעס. ער איז געווען אַ דיכטער; זיי זיינען געווען אָרגאַניזאַטאָרן. זיין כּוח איז געלעגן אין אינספּיראַציע, זייער כּוח — אין התמדה.

וואָלט האָט פאַרלאָזן דעם שלאַכטפעלד. ער האָט אפילו ניט געוואָרט אויפן אויסגאַנג פון דעם געראַנגל. „איך בין מיד פון קריגערייען". די „אָפּאָזיציע" איז פאַרשלונגען געוואָרן פון דער אויפקומענדיקער כוואַליע פון „בונד". און דער וואָס האָט געטראָגן פאַר דער אָפּאָזיציע די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט, וואָס האָט זיין אידישקייט ניט מצמצם געווען אין די גרע־נעצן פון „ליטע, פוילן און רוסלאַנד", האָט זיך אַרויסגעלאָזן זוכן זיינע ברידער, די אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע. דאָרטן איז ער געוואָרן ליעסין.

ד

א. ליעסין איז געקומען קיין אַמעריקע, אין דער אַמעריקע פון די „גענאָסן", די אימיגראַנטן פון די אַכציקער יאָרן, די פּראָדוקטן פון דער קאָסמאָפּאָליטישער אידעאָלאָגיע, וואָס בדיעבד ווירקן זיי צווישן אידן און אַרבעטן פאַר די אינטערעסן פון דעם אידישן אַרבעטער. פאַרן באַגריף „חבר" האָבן זיי ניט געפונען קיין אַנדער וואָרט, ווי דעם דייטשן „גענאָסע". צווישן די מענטשן, וואָס האָבן געבויט דעם בנין פון דער אידישער אַרבע־טער באַוועגונג אין אַמעריקע האָבן נאָך געהערשט קאָסמאָפּאָליטיש־אַסימילאַטאָרישע באַגריפן, מען איז נאָך דאָרטן געווען פאַרנומען מיט פריידיקן צו־להכעיס־אַסימילאַציע. דער פּראַקטישער אידעאַל איז געווען — אַמעריקאַניזאַציע. ליעסינס גאַסטגעבער וואָלטן זיכער געהאַלטן פאַר אַ גליק, ווען די אַסימילאַציע, וועגן וועלכער זיי האָבן געחלומט, וואָלט אין זייער צייט פאַרווירקלעכט געוואָרן אין אַמעריקע, אין „דעם לאַנד פון פרייהייט", אין וועלכן מענטשן קענען פון זיך אַראָפּוואַרפן „אַלטע שמאַטעס". אָבער א. ליעסין, דער רעוואָלוציאָנערער דיכטער, עפנט זיין אַמעריקאַנער תּקופה מיט אַ ליד וועגן דעם „דריי טויזנט יעריקן גזר":

און טראַכט איך, מיין פאָלק, פון דער בעסערער צוקונפט
דאַן ווערט אַזוי שווער, אַזוי באַנג:
צי וועסטו פאַרשווינדן אין גליק, טאַ צו וואָס זשע
די ליידן יאָרטויזנטער לאַנג?

ער פֿאָרט אין „עלעוויטעד"־באַן און טראַכט זיך, אַז דאָרטן, אונטן, איז צוזאַמענגעדרענגט די גרעסטע אידישע געטאָ אין דער וועלט. ער ווייס, אַז די הונדערטער טויזנטער אײנוואוינער פֿון דער דאָזיקער געטאָ זיינען אַריבערגעשפּרונגען פֿון דעם פֿאַרוויסטן שטעטל אין דער רעשדיקער וועלט־שטאָט, און די אידישע נשמה האָט דעם נסיון נישט אויסגעהאַלטן. אין דעם תוהו־ובוהו פֿון דעם נייעם אידישן לעבן, אין דעם הפֿקרדיקן כאַאָס, צווישן די חורבות פֿון די אַלטע אידישע מידות — דאַרף ער טאָן זיין שליחות. ער פֿאָרט איצט כּדי רעדעוודיק צו מאַכן זיין פּען, כּדי צו וועקן די אײנוואוינער פֿון די דאָזיקע „טענעמענט"־הייזער צו אַ נייעם לעבן, שטאַרקן זייער מוט, אָנצינדן זייערע הערצער.

און אָט די דאָזיקע שליחות טוט ער געטריי ביז זיין לעצטן טאָג, אויף זיין אייגענעם שטייגער.

דער ערשטער דור פֿון די בויער פֿון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, די אימיגראַנטן פֿון די אַכציקער יאָרן, וואָס האָבן געבענקט נאָך דעם רעוואָלוציאָנערן הערואיזם פֿון דער אַלטער היים, באַגעגענען דעם מענטש פֿון דעם נייעם דור, וואָס קומט דירעקט פֿון פֿראָנט. עס איז אים פֿאַראויסגעגאַנגען זיין רעפּוטאַציע אַלס רעוואָלוציאָנער, אַלס סאָציאַליסטישער פּאָעט. זיי ווערן דערשטוינט צו הערן פֿון אים: איך בין אַ סאָציאַליסטישער נאַציאָנאַליסט. „אידישקייט" איז אין דעם דאָזיקן קרייז ניט קיין מאָדישער ענין. עס איז אַ סינאָנים פֿאַר רעאַקציע. און אָט דער דאָזיקער יונגער רעוואָלוציאָנער, וואָס קומט פֿון „דאָרטן", פֿאַרעקשנט זיך און באַטאָנט גראָד זיין אידישקייט. אַז מאַקסים גאָרקי קומט קיין אַמעריקע און פֿרעגט ליעסינען, וועגן וועלכן מען דערציילט, אַז ער באַהערשט גוט רוסיש, פֿאַרוואָס ער שרייבט ניט קיין רוסיש — ענטפֿערט ליעסין: אויב אַלע וועלן שרייבן ענגליש אָדער רוסיש — ווער וועט שרייבן אידיש?

און אַזוי גייט ער אויף זיין אייגענעם וועג. אין אָרעמקייט, אין דחקות, אין איינזאַמקייט. אַזוי ווי אין זיינע קינדער־יאָרן ביים טאַטן אין הויז, אַזוי ווי אין דער ישיבה, אַזוי ווי אין ווילנע, אַזוי ווי צווישן די אַרבעטער אין מינסק, איז ער אַרומגערינגלט מיט וואונדער־בליקן און באַוואונדערונג, אָבער דאָך איז זיין לעבן ניט קיין לייכטס. ער באַשטימט ניט די ריכטונג פֿון דער באַוועגונג, אָבער ער איז ניט מוותר אויף זיינע מיינונגען, אונטערן דרוק פֿון די מיינונגען וואָס הערשן אין דער באַוועגונג. ער בויגט זיך ניט, לויט זיינע ווערטער, פֿאַר די „סאָציאַליסטישע פּאות און דעם סאָציאַליסטישן גאַרטל". בעת עס ווערט אים איבערגעגעבן די רעדאַקציע פֿון דער „צוקונפֿט", וועלכער איז פֿריער געווען אַ ווינקל־זשורנאַל פֿאַר סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע און פּאָפּולער־וויסנשאַפֿטלעכער „אויפֿקלע־

רונג״, וואָס איז דעמאָלט באַטראַכט געוואָרן אַלס אַן אינטעגראַלער טייל פֿון דער סאָציאַליסטישער בילדונג, שרייבט ער צו א. ליטווינען: „איך וויל דעם זשורנאַל פּאַראַידישן, איך וויל אים געבן אַן אויסגעשפּראָכענעם אידישן פּנים״. און ער האָט טאַקע דעם אָרעמען חודש־זשורנאַל, וואָס איז אים איבערגעגעבן געוואָרן אין זיין רשות, פֿאַרוואַנדלט אין אַ טריבונע, וואָס איז געווען גאָר אַנדערש פֿון די אַנדערע באַוועגונגס־אָרגאַנען — אין אַ זשורנאַל מיט אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלער חשיבות. דאָס וואָס ער האָט געפֿאָדערט פֿון אַנדערע — מיינונגס־פֿרייהייט — האָט ער אַליין מקיים געווען. אין דער פֿאַרסמטער אַטמאָספֿערע פֿון די פּאַרטיי־ און פֿראַקציע־קאָנפֿליקטן אויף דער אידישער גאַס, האָט זיך געפֿאָדערט אַ גרויסע ברייט־האַרציקייט און באַזונדערע פּערזענלעכע אייגנשאַפֿטן כּדי צו פֿאַרוואַנדלען אַן אָרגאַן פֿון אַ באַשטימטן קרייז אין אַ טריבונע, וואָס איז אָפֿן פֿאַר מענטשן פֿון די פֿאַרשיידענע ריכטונגען אין דער אידישער אַרבעטער־געזעלשאַפֿט־לעכקייט, אין אַ זשורנאַל, וואָס האָט זיי געלערנט אַנשטענדיק צו דיס־קוטירן זייערע שטרייט־פֿראַגעס. ער האָט ברייט געעפֿנט די שפּאַלטן פֿון זיין זשורנאַל פֿאַר תּלמידי חכמים. ער איז געווען אַ בויער פֿון דער אידיש־ליטעראַטור, אָבער ער איז ניט געווען צווישן די יעניקע, וואָס שטעלן די אידישע קולטור אויפֿן אידישיזם. ער האָט איבערזעצט ביאַליקן און רחל (בלאָושטיין). עס איז אים פֿרעמד געווען די שנאה צו העברעאיש פֿון די עמי־הארצים און די קנאה צו העברעאיש פֿון די תּלמידי חכמים צווישן די אידישיסטן. אַט דעם דאָזיקן פּערזענלעכן שטעמפּל האָט ער אַרויפֿגע־לייגט אויף דער „צוקונפֿט״.

אין זעלביקן יאָר, אין וועלכן ליעסין איז געקומען קיין אַמעריקע, איז געגרינדעט געוואָרן דער „בונד״. וואָס פֿאַר אַ געזעלשאַפֿטלעכע צו־קונפֿט וואָלט ליעסין דערוואַרט און וואָס פֿאַר אַ באַציאונגען וואָלטן גע־שאַפֿן געוואָרן צווישן אים און דעם „בונד״, ווען ער וואָלט רוסלאַנד ניט פֿאַרלאָזן? דאָס בלייבט אַ פֿראַגע. אָבער דער ים, וואָס האָט אָפּגעטיילט ליעסינען פֿון זיינע חברים, די גרינדער פֿון דעם „בונד״, האָט זיי ניט דערווייטערט נאָר דערנעענטערט. זיין הייסע ליבע פֿאַר די אידישע מאַסן האָט ליעסין איבערגעפֿירט אויפֿן „בונד״. עס האָט אים געשמייכלט די מחשבה, אַז ער האָט אַ חלק אין דער גרינדונג פֿון „בונד״. ער האָט זיך געפֿרייט מיט יעדן צייכן, אַז עס פֿאַרשטאַרקט זיך אין „בונד״ דער פֿאָלקס־טימלעכער און נאַציאָנאַלער יסוד. עס איז אים אָנגענעם געווען צו טראַכטן, אַז דער „בונד״ גייט, כאָטש פּאַמעלעך, אין זיינע פֿוסטריט. ער האָט זיין באַציאונג צום „בונד״ ניט באַשטימט לויט דעם אָדער יענעם אַנדערן פּרט, וואָס איז אים יאָ אָדער ניט געווען צום האַרצן. ער האָט אין דעם

„בונד" געזען אַ נייעם רינג אין דער קייט פֿון אידישער גבורה און קדושה. ער האָט געזונגען וועגן הירש לעקערט, ער האָט באַזונגען די ערשטע פּיאָנערן פֿון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. און דער „בונד" איז אויך שטאַלץ געווען מיט דעם אַרבעטער־דיכטער, וואָס האָט זיך געפֿונען אין זיין לאַגער און פֿיל צוגעגעבן צו זיין גלאָריע. איצט האָט מען אים ניט דערמאָנט זיינע „עוונות ראשונים", די זינד פֿון „נאַציאָנאַליזם" און „אָפּאָזיציע".

די קאָנגנזייטיקע ליבע איז געווען גרויס, אָבער דער גורל איז געווען אַ משונהדיקער: יעדע באַגעגעניש פֿון דער נאָענט האָט געפֿירט צו אַ צוזאַמענשטויס, צו דער אַנטפּלעקונג פֿון טיפֿערע נשמהדיקע גרונט־אונטערשיידן, וואָס האָט אים אָפּגעטיילט פֿון זיינע חברים. ער קומט, ווי אַ גאַסט־דעלעגאַט פֿון אַמעריקע, צו אַ „בונד"־צוזאַמענפֿאָר — און ברענגט מיט זיך צוריק אַנטוישונגען. זיינע שריפֿטן, וואָס דער „בונד" איז זייער גערן אַרויסצוגעבן, פֿאַלן אַ קרבן פֿון אַן אינערלעכער צענזור. מען צווייפֿלט ניט אין זיין „ענטוזיאַזם", אָבער מען פֿילט זיך געטראָפֿן פֿון זיין „סאַר־קאַזם". אַן אינערלעכן מענטשן, איינעם פֿון דער משפּחה, איז מען פֿיל מוחל, אָבער ניט אַלץ קען מען מוחל זיין.

מיט דער צייט איז צווישן ליעסינען און דעם „בונד" אויסגעוואַקסן אַ באַרג: ארץ ישראל. דער באַרג איז ניט אויסגעוואַקסן אויף אַ מאָל, נאָר געוואַקסן אין משך פֿון פֿיל יאָרן. צווישן די ערשטע „שירי ציון", וואָס ער האָט געשריבן אין דער יוגנט, און די אַרטיקלען וועגן ארץ־ישראל, וואָס ער האָט געשריבן אין די לעצטע צוואַנציק יאָר פֿון זיין לעבן, זיינען געלעגן דרייסיק יאָר אַנטי־ציוניזם. ער אויך האָט ווי געהעריק באַצאָלט דעם אַנטי־ציוניסטישן צינז. עס איז כדאי צו כאַפּן אַ קוק, פֿון וואַנען עס איז צו אים געקומען דער דאָזיקער אַנטי־ציוניזם. איז ער געקומען בלויז פֿון זיינע ווילנער „קאָסמאָפּאָליטישע" לערער? ניט בלויז פֿון זיי. זיין אייגענעם אַנטי־ציוניזם איז פֿאַרויסגעגאַנגען דער אַנטי־ציוניזם פֿון זיין טאַטן, אַן אַנדער אַנטי־ציוניזם ווי דער פֿון דעם ווילנער „קרייזל", אָבער דאָך — אַנטי־ציוניזם. וואָלט האָט דעם דאָזיקן אַנטי־ציוניזם געירשנט פֿון זיין טאַטן, ער איז ניט געווען דער איינציקער סאָציאַליסט, וואָס האָט זיין אַנטי־ציוניזם מיטגעבראַכט פֿון דער היים, פֿון אַ פֿרומען טאַטן. זיין טאַטע, ווי פֿיל גוטע און פֿרומע אידן, האָט אים געוואָלט פֿאַרהיטן פֿון ציוניזם. יעדע אידישע אָרטאָדאָקסיע — די פֿרומע, די ליבעראַלע, די סאָציאַליס־טישע — מוז זיין אַנטי־ציוניסטיש. דער רעוואָלוציאָנערער עלעמענט אין ציוניזם רופֿט אַרויס אַ ווידערווילן ביי די „שומרי החומות" פֿון אַלע מינים. אברהם גייגער האָט זיך דערשראָקן פֿאַר משה העס. די חובבי ציון רבנים

אלקלעי, קאַלישער, גוטמאַכער און שלעזינגער האָט ניט געהאָלפֿן זייער גאַנצע תּמימותדיקע פֿרומקייט; זיי האָבן אויף דער אָרטאָדאָקסיע אָנגע־וואָרפֿן אַ שרעק. אַפֿילו דער תּמימותדיקער ווילן מקיים צו זיין די „מצוות התּלויות בארץ״, די מצוות, וואָס האָבן אַ שייכות מיט ארץ־ישׂראל, גייט אַרויס פֿון די גרענעצן פֿון דער אָרטאָדאָקסיע, אין די פֿאָרמען וואָס זי האָט אָנגענומען אין גלות. אברהמל וואָלטס פֿאָטער, פֿון וועמען ער האָט געירשנט פֿיל זעלישע ווערטן, האָט אין אים אויך איינגעפֿלאַנצט דעם גלויבן, אַז ארץ־ישׂראל איז איין זאַך און חובבי ציון — גאָר אַן אַנדער זאַך. אין זיין וויכּוח מיט מעדעמען, דערציילט ער וועגן זיך, אַז אין זיינע יונגע יאָרן איז ער געווען אַ „באַהאַלטענער אָבער זייער ענטוזיאַסטישער ׳חובב ציון׳ ״. אָבער אין זיינע קינדהייטס־זכרונות דערציילט ער, אַז ער האָט פֿון זיין פֿאָטער געלערנט, אַז „חובבי ציון״ זיינען „לייכטע״ אידן, און „לייכטע״ אידן וועלן ניט ברענגען משיחן — און אַ פֿאַרוואָלצלטער איד קען מיט זיי ניט גיין. אברהמל וואָלט האָט רעוואָלטירט קעגן פֿיל קאָנצעפּציעס פֿון זיין טאַטן, אָבער אָט די קאָנצעפּציע האָט ער פֿון אים איבערגענומען. און זי איז אין משך פֿון פֿיל יאָרן געשטאַנען צווישן אים און חיבת ציון — אפֿשר טאָקע ביז יענער צייט, ווען דער ארץ־ישׂראלדיקער אַרבעטער האָט אים געלערנט, אַז ציוניזם איז ניט קיין „לייכטע אידישקייט״.

יאָ, די מאַמע רחל איז אים דערשינען אַרומגערינגלט מיט דער גאַנצער פּראַכט פֿון דער טראַדיציע, אָבער די חיבת־ציון האָט זיך אים אַנטפּלעקט, ווי ער דערציילט אין זיינע זכרונות, אין דער געשטאַלט פֿון דעם „לייכטן״ מינסקער איד בענענסאָן, וועלכער האָט ניט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער זאָל פֿאַסטן תּשעה־באב און טרויערן אויפֿן חורבן. אפֿשר האָט דעמאָלט דער קליינער אברהמל ניט געוואוסט, אַז דער דאָזיקער בענענסאָן האָט אַ טאָכטער, אַ ביל״ו־קע, וואָס בויט די קאָלאָניע גדרה, גאָרניט קיין „לייכטע״ טאַט, וואָס איז ניט וויניקער הערואיש פֿון יענע רעוואָלוציאָנערע העלדנ־טאַטן, וואָס האָבן, זינט זיינע קינדער־יאָרן, באַצויבערט זיין פֿאַנטאַזיע. ער, וועלכער האָט אַזוי שטאַרק באַוואונדערט די רעוואָלוציאָנערן פֿון די זיבעציקער יאָרן, האָט, ווייזט אויס, ניט געוואוסט, אַז צווישן די „חובבי ציון״ אין זיין מינסק געפֿינען זיך חיים חורגין — אַ פֿאַרשלאָסענער מענטש מיט אַ בייזן פּנים — און יהודה נופֿך, אַ וואַרעמער וויציקער איד — מענטשן, וואָס זיינען געקומען פֿון דאָרטן, פֿון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַלד־אויוון, פֿון די „נאַראָדניקעס״, און זיינען גאָרניט קיין „לייכטע״ אידן און ניט קיין פּחדנותדיקע מענטשן, וואָס די סאַטירע * וועגן דעם „אידישן פֿאַר־

* די סאַטירעס, וואָס זיינען געווען געצילט קעגן אייגענעם קרייז, האָט ער ניט אָפּגעהיט — אָבער די סאַטירע איז פֿאַרבליבן, און זי איז אים טאַקע זייער געלונגען.

שטייער" פֿאַסט זיי כּלל וכלל ניט און אַוודאי און אַוודאי האָט ער ניט געוואוסט, אַז אין מינסק גייט אַרום אַ אינגל־גימנאַזיסט, וואָס דער אידישער משיחיזם האָט זיך אין זיין נשמה צונויפֿגעגאָסן מיט דער וועלט־רעוואָ־לוציע — נחמן סירקין.

ליעסין האָט זיין גאַנצן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אָפּגעלעבט צווישן אַנטי־ציוניסטן, און כאָטש ער איז געווען אַ מענטש פֿון אַן אַנדער גייסטיקער וועלט, האָט ער זיך אין משך פֿון דרייסיק יאָר באַטראַכט פֿאַר אַ „באַ־באוסטזיניקן אַנטי־ציוניסט". אמת, ער האָט דעם ציוניזם ניט פֿאַראַכט, ער האָט זיך צו אים באַצויגן ווי צו אַ „פּאָעטישן הייליקטום", ווי ער דער־ציילט אַליין וועגן דעם וויכוח וואָס ער האָט געפֿירט מיט וולאַדימיר מעדעם, בעת דער לעצטער האָט אין אַמעריקע באַנייט די בונדיסטישע אַטאַקע אויפֿן ציוניזם, ביי דער געלעגנהייט פֿון דעם באַזוך פֿון דער ערשטער „הסתּדרות"־דעלעגאַציע (1921). אָבער דער ציוניזם איז פֿאַר אים דאָך געווען אַ האַפֿענונגסלאָזער „וואונדער־חלום". ער האָט זיך דער־לויבט צו זאָגן אַ טרויער־וואָרט נאָך הערצלס טויט (וואָס אַנדערע — וואָס זיינען דערפֿון אויך דערשיטערט געוואָרן — האָבן זיך ניט דערלויבט). ביי אים האָט זיך געקענט אַרויסכאַפּן דאָס וואָרט, אַז אויב די אידן וועלן זיך אומקערן קיין ארץ־ישראל, וועלן זיי דער וועלט לערנען צו לעבן סאָציאַליסטיש, פּונקט ווי זיי האָבן דער וועלט געלערנט צו דענקען סאָ־ציאַליסטיש. אָבער שיינע ווערטער פֿון דעם מין האָבן פּאַקטיש ניט געענ־דערט זיין גרונט־באַציאונג, אַפֿילו אין די מלחמה־יאָרן, בעת ער האָט זיך שטילערהייט געראַנגלט מיט די „געגנאָסן" און פֿון זיי געפֿאָדערט, אַז זיי זאָלן ניט אָפּשטיין פֿון דעם אידישן וועלט־קאָנגרעס פֿאַר דער פֿאַר־טיידיקונג פֿון די אַלגעמיין־אידישע אינטערעסן (אין דער איצטיקער מלחמה איז, ווייזט אויס, ניטאָ ווער עס זאָל דאָס פֿאָדערן, און דער גרויסער אומ־גליק האָט, ווייזט אויס, די „געגנאָסישע" אָרטאָדאָקסיע ניט באַפֿרייט פֿון איר סעפּעראַטיזם, דער עיקר דער בונדישער אָרטאָדאָקסיע, וואָס איז אין אַמעריקע געקומען פֿונעם אייראָפּעאישן שלאַכט־הויז. מיר ווייסן ניט,

---

עס איז כּדאי זי צו פֿאַרגלייכן מיט אַן אַנדער סאַטירע, וואָס איז געשריבן געוואָרן בערך אין דער זעלבער צייט, דוד פּינסקיס „גרויסער מענשנפֿריינט", וואָס שילדערט אויך אַזאַ טיפּ פֿון אַ חובב ציון, וואָס זיין „חיבה" גראַמט זיך גאַנץ גוט מיט זיין געלטגייציקייט און מיט די מידות פֿון אַ „תּקיף", וואָס שטייט אין גאַנץ פֿריינטלעכע באַציאונגען מיט דער רעגירונג. אין ליעסינען, ווי אין פּינסקין, איז געווען עפּעס וואָס האָט זיי ניט דערלאָזט אָנצוגרייפֿן די אידעע און האָט זיי געטריבן צו אַטאַקירן דעם טרעגער פֿון דער אידעע, דעם „בעל־טובה", וואָס מאַכט גוטע געשעפֿטן „צו גאָט און צו לייטן", און די „חיבת ציון" איז פֿאַר אים בלויז אַ צוגאָב, וואָס פֿאַרשאַפֿט הנאה און „כּבוד".

וואָס פֿאַר אַ וואָרט זי האָט געבראַכט דעם אידישן אַרבעטער אין אַמעריקע, אויסער אַנטי־ציוניסטישער „כשרות"). ליעסין שרייבט: „ווי שיין עס זאָל ניט זיין דער חלום פֿון שיבת־ציון נאָך אַכצן הונדערט יאָר — בלייבט ער אַלץ אַ חלום" (1916). דעם פֿאַנצער פֿון ניכטערן רעאַליזם האָט ער געטראָגן אַלע יאָרן, אַפֿילו אין יענער צייט, ווען ער פֿלעגט מסביר זיין, אַז עס איז ניטאָ קיין „איסור" אויף צו זיין אַ ציוניסט: „מיר האָבן ניט געגלויבט אין דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעם ציוניזם, כאָטש אַלס אַ וואונדער־חלום וואָס אונזער פֿאָלק האָט אין זיך געטראָגן אין משך פֿון אַ גלות פֿון אַכצן הונ־דערט יאָר, איז אונז דער ציוניסטישער ראָמאַנס שטענדיק געווען זייער סימפּאַטיש" (1918).

דער פֿאַנצער פֿון ניכטערקייט איז צעשמאָלצן געוואָרן פֿאַר דעם פֿייער פֿון דער האָפֿענונג, וואָס האָט אין ליעסינען אויפֿגעפֿלאַקערט אונטערן איינדרוק פֿון דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע: „האָבן מיר דאָס טאַקע דער־לעבט? הערן מיר טאַקע אין מיטן פֿון בלוטיקן מבול די טריט פֿון משיחן?" (1918).

און דאָך האָט אויך די באַלפֿור־דעקלאַראַציע ניט פֿאַרטריבן אין גאַנצן דעם ניכטערן רעאַליזם. ער, וועלכער איז זיין גאַנץ לעבן געווען פֿול מיט קריטיק אויף רעגירונגען און הערשער, בלייבט ניט לאַנג באַ־גייסטערט פֿאַר דער דעקלאַראַציע. ער לערנט גאָר אין גיכן, אַז מיר קענען אונזער האָפֿענונג ניט לעגן אויף אַ פּאַפּירענער דעקלאַראַציע. אָבער אינ־צווישן ווערט ער פֿאַרכאַפּט פֿון גלויבן אין דעם מענטשלעכן כוח, וואָס קען די דעקלאַראַציע פֿאַרוואַנדלען אין אַ ממשות. דער אַרבעטער־חלוץ אין ארץ־ישראל פֿאַרכאַפּט זיין נשמה. נאָך די אומרוען פֿון אויגוסט 1929, שרייבט ער: „אַ גרויסער מיליטער־מענטש האָט געזאָגט, אַז אַ מלחמה פֿאַרלירט מען בלויז אויב מען דערוואַרט זי צו פֿאַרלירן, און די אידישע בחורים אין ארץ־ישראל, וואָס האַלטן אין איין האַנט די שווערד, און אין דער צווייטער — בוי־מכשירים, גלויבן ניט, אַז די מלחמה איז פֿאַרלאָרן, און זיי וועלן זי ניט פֿאַרלירן" (1929). פֿון דעם מאָמענט באַנוגנט ער זיך ניט מיט „סימפּאַטיע" פֿאַרן „וואונדער־חלום", נאָר ער פֿאָדערט: „און אויב אַפֿילו איצט, ווען דאָס הענגט אָפּ פֿון אונז אַליין, וועלן מיר ניט שמידן אונזער גורל, וועט דאָס זיין אונזער שולד, אונזער פֿאַרברעכן, דער גרעסטער נאַציאָנאַלער פֿאַרברעכן אין אונזער געשיכטע".

דאָ איז געקומען דער ריס מיט די מענטשן פֿון „בונד". אַ פֿרעמדער קען ניט פֿאַרשטיין ווי טראַגיש דער דאָזיקער ריס איז געווען. אפֿשר פֿאַר ביידע צדדים. און מען קען אָננעמען אַז דער ריס איז פֿאַרמיטן און פֿאַר־האַלטן געוואָרן אַזוי לאַנג ווי מעגלעך — אָבער אין גאַנצן אויסמיידן אים

איז געווען אוממעגלעך. דער אויפֿקום פֿון דעם אידישן אַרבעטער אין ארץ־ישׂראל האָט אויף די מענטשן פֿון „בונד" ניט געלאָזט יענעם איינדרוק וואָס ער האָט געמאַכט אויף א. ליעסינס נשמה. אַפֿילו די איינצלנע בונ־דיסטן וואָס קומען קיין ארץ־ישׂראל כּדי צו זען מיט אייגענע אויגן דעם ענין, אין וועלכן זיי גלויבן ניט, און ווערן טאַקע „פֿאַרכאַפּט", און פֿאַר־זיכערן אַפֿילו, אַז ווען זיי וועלן צוריקפֿאָרן וועלן זיי „ענדערן די באַציאונג", קערן זיך צוריק אַהיים — און ווערן אַנטשוויגן. דער אויפֿטו פֿון דעם ארץ־ישׂראלדיקן אַרבעטער באַגייסטערט ניט, נאָר שרעקט איבער די אידישע סאָציאַליסטישע אָרטאָדאָקסיע. די אינגערע דורות אין דעם „בונד" זיינען, אין אידישע ענינים, שוין ניט אַזוי אומוויסנדיק ווי זייערע פֿאָרלויפֿער. זיי זיינען שוין אויסגעוואָקסן אין אַ אידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. אַ טייל פֿון זיי האָבן איינגעזאַפּט אידישקייט אין זייערע קינדער־יאָרן, אַ טייל האָבן אין דער יוגנט טועם געווען אַביסל ציוניזם — אָבער אַ „ראַסישער" בונדיסט, מעג ער זיין פֿול מיט אידישן געפֿיל ווי אַ מילגרוים, מעג ער זיך מתּיר זיין פֿיל באַגריפֿן וואָס זיינען פֿאַר די בונדיסטישע אבות געווען טריף־פּסול, אָבער אויף ארץ־ישׂראל בלייבט דער איסור ווי אַמאָל, און אפֿשר נאָך מער ווי אַמאָל. ארץ־ישׂראל צעשטערט דאָך זיין נשמה־וועלט, זיין גלויבן אין „אייביקן גלות".

כּל־זמן ליעסין איז געווען אַ גלות־נאַציאָנאַליסט, האָט מען מיט אים געקענט שלום מאַכן. מען האָט אויף אים געקענט זוכן אַ זכות, מען האָט געקענט זאָגן, אַז זיינע כּוונות זיינען בונדיסטיש־כּשרע, כאָטש ער באַנוצט זיך פֿון אַ בונדיסטישן שטאַנדפּונקט, מיט אַ ניט־כּשרער טערמינאָלאָגיע, כאָטש ער איבערטרייבט מיט זיין נאַציאָנאַליזם און רייצט מיט זיין אידיש־קייט.* זיין נאַציאָנאַלע ראָמאַנטיק האָט מען נאָך געקענט פֿאַרטראָגן, אָבער נאָכדעם ווי ער האָט אָקצעפּטירט דעם ארץ־ישׂראל יסוד, טעאָרעטיש און פּראַקטיש, זיינען אים מער ניט בייגעשטאַנען אַלע זיינע זכותן. מען דאַרף ווידער קעמפֿן קעגן וואָלטס אַפּיקורסותן. די דיסקוסיע מיט אים גייט אַרויס פֿון די חדרי־חדרים אין דער ברייטער עפֿנטלעכקייט. ער ענטפֿערט אויף דער אַטאַקע מיט זיין אייגענעם כּלי־זין:

— עס איז ניטאָ קיין דין אין שולחן־ערוך, ניט אין דעם קאַפּיטאַליס־טישן און ניט אין דעם סאָציאַליסטישן, אַז מיר זיינען מחויב צו בלייבן אין דער וועלט דאָס איינציקע פֿאָלק, חוץ די ציגיינער, וואָס האָט ניט קיין רעכט צו האָבן אַן אייגענע היים און וואָס זיין פֿליכט איז צו וואָגלען צווישן די פֿעלקער.

---

* צביון אין „צקונפֿט", 1919.

ער איז ניט מוותר אויף דער האָפענונג, אַז עס וועט נאָך קומען אַ טאָג, ווען דער „בונד״, וועלכער נעמט אָן אַ זאַך בלויז ווען עס איז פאַר איר געקומען די צייט, וועט אויסשטרעקן אַ האַנט דעם ארץ־ישראלדיקן אַרבעטער און העלפן שאַפן איין אידישע אַרבעטער פּאַרטיי. אָבער לעת־עתה, בעת ער שיקט זיין גרוס צום צענטן געבורטסטאָג פון דער „הסתדרות״, די „פאַרקערפּערונג פון דעם אידלסטן ראָמאַנס, וואָס האָט ניט קיין גלייכן אין דער געשיכטע״ איז ער געצוואונגען צוצוגעבן: „צו מיין באַדויערן, קען איך די ׳הסתדרות׳ באַגריסן בלויז אין מיין אייגענעם נאָמען — אָבער ניט אין נאָמען פון די פּאַרטייען, וועלכע איך האָב אָפּגע־געבן מיין יוגנט און מיין גאַנצן לעבן״.

ה

פיל לידער ליעסינס וואַרטן אויפן העברעאישן דיכטער, וואָס זאָל זיי איבערפּלאַנצן אין זייער געבורטס־פעלד, אין דעם פעלד פון דער העברע־אישער פּאָעזיע. איין ליד זיינס איז אויף העברעאיש איבערזעצט געוואָרן פון דער דיכטערין רחל. זי האָט אים אויסגעטאָן דעם לבוש פון „ליטע־ראַרישקייט״ און אים אונז ווידער געגעבן אין איר העברעאישן אידיאָם, „דער תמימותדיקער ווי אַ קינד און עניוותדיקער ווי די ערד״. איך האָב אַ באַדערפעניש דאָס ליד דאָ צו ציטירן:

און אָט ביי די שטיינער אין בלוט איז געלעגן
אַ טויטלעך פאַרוואונדעטער זעלאָט,
וואָס האָט שפּאַן פאַר שפּאַן, ווי אַ לייב זיך געשלאָגן
אין שיין פון דער ברענענדער שטאָט.

און פאַלנדיק, האָט ער זיין זעאונג, די לעצטע,
געזען מיט אַ שטאַרבענדן בליק:
עס פאַלט אויך אַ טויטלעך פאַרוואונדעטע די אומה,
און וועט שוין ניט אויפשטיין צוריק.

און שטאַרבנדיק האָט ער געקושט אָט די שטיינער,
באַנעצט מיט זיין גלוטיקער טרער,
געזעגנט זיך הייס פאַר דער אומה, דער גאַנצער,
וואָס וועט זי ניט אַנקוקן מער.

און איצט, נאָך יאָרטויזנטער, שטייט ביי די שטיינער
אַן אורקינד פון יענעם זעלאָט,
און קעמפט, אַז די אייביקע אומה זאָל האָבן
צוריק אָט די אייביקע שטאָט.

אָ, זיידע זעלאָט! ניט אַנטפּלעקט איז געווען דיר
פון פינצטערן גלות דער שיין:

עס מעג אונזער אומה ווי טויטלעך פֿאַרוואונדט זיין
דאָך טויט וועט זי קיינמאָל ניט זיין.

אָ, זיידע זעלאָט! זאָלן רעדן די שטיינער,
ווי ברענט נאָך דער אַלטער באַגער,
ווי זידט נאָך, אַזוי ווי אין נאַכט פֿון דעם חורבן,
די אידישע בלוטיקע טרער.

אָט־דאָ גלויב איך, ליגט ליעסינס שורש נשמה. ער האָט פֿון זיין יוגנט אָן אין זיך געטראָגן די וועלט פֿון דעם קנאי — און האָט ניט געפֿונען קיין לייזונג פֿאַר איר. די דרייסיק יאָר פֿון זיין שטיין פֿון דערווייטנס האָט ער אויסגעטייטשט ווי די פֿאַרצווייפֿלונג פֿון דעם „זיידע־זעלאָט". אין דעם פּרצוף־פּנים פֿון דעם אַרבעטער־חלוץ האָט ער דערקענט דאָס קינד פֿון יענעם זעלאָט. אין די הענט פֿון דעם מענטש פֿון אויפֿבוי און „הגנה" האָט ער געפֿונען די קייט, וואָס איז, ווי אים האָט זיך געדוכט, אויף אייביק איבערגעריסן געוואָרן.

און דערפֿאַר האָט ער, אין אַ וויכּוח מיט אַ בונדיסטישן פֿריינד, גע־קענט פֿון זיין נשמה אַרויסשעפּן די ווערטער:

„ווען מיר וואָלטן געבוירן געוואָרן מיט דרייסיק יאָר שפּעטער, וואָלט איך, און אפֿשר אויך איר, געווען צווישן די חלוצים אין ארץ־ישראל".

דער לעצטער פֿון די ערשטע — מ. מ. אוסישקין

[רעדע צו די שלושים נאָך מ. מ. אוסישקינס טויט,
חשון תש״ב (1942).]

מנחם אוסישקין געהערט דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג. שוין אין דעם פּרט איז ער געווען אײנער אין זײן דור. די גאַנצע באַוועגונג — מיט אירע פּאַרטײען און זײערע חילוקי־דעות — איז פֿאַראײניקט אַרום אים. יעדע שטרעמונג אין ציוניזם האָט אין אים פֿאַרזוכט איר טעם, וואָס איז אַמאָל געווען דער טעם פֿון עפּעס אַ באַזונדער נאַענטקײט.

מנחם אוסישקין איז אײנער פֿון די אבות, דער אינגסטער צווישן די אבות פֿון ציוניזם. ער איז געווען אַ בריק, וואָס האָט פֿאַרבונדן דעם ערשטן מיטן דריטן און פֿערטן דור אין ציוניזם, ביזן לעצטן טאָג איז ער געווען אונזער שותף, אַ שותף אין חלוצישן שאַפֿן. ער איז דער אײנציקער צווישן די אבות פֿון ציוניזם, וואָס האָט זוכה געווען דערצו.

אין אוסישקינס קעגנוואַרט האָבן מיר געאָטעמט אין דער אַטמאָספֿער פֿון ראשונים. כּל־זמן ער האָט זיך צווישן אונז געפֿונען, האָבן מיר געהאַט דאָס געפֿיל, אַז צווישן אונז לעבן נאָך לילינבלום, פּינסקער, מאָהילעווער, יהושע ברזילי. דער פֿרילינג פֿון דער באַוועגונג — דער פֿרילינג, וואָס קומט בלויז אײן מאָל—איז אין אים ניט אויסגעוועפּט געוואָרן. און די גאַנצע קאָנצעפּציע פֿון די ערשטע, עלעמענטאַרע יסודות פֿון ציוניזם, איז בײ אים אונטער קײנע אומשטענדן ניט פֿאַרטושט געוואָרן. עס איז ניט געווען קײן שום גרונט־עלעמענט פֿון ציוניזם, וואָס זאָל בײ אים פֿאַררוקט ווערן דורך די פֿאָדערונגען פֿון מאָמענט; וואָס זאָל בײ אים ווערן אַ בלויזע באַנאַליטעט.

אוסישקין איז ניט געווען קײן אָריגינעלער ציוניסטישער דענקער. ער האָט זיך אַלײן כאַראַקטעריזירט אין די פֿאָלגנדיקע ווערטער: „איך האָב ניט געזאָגט קײן שום נײעס... אָבער איך האָב איבערגעחזרט אַלטע אמתן, יענע אמתן וואָס וואָס עלטער זײ ווערן, ווערן זײ אַלץ אמתער״. אָט די ווערטער האָט ער געזאָגט דווקא בעת ער האָט אויפֿגעהויבן די פֿאָן פֿון רעוואָלט, בעת ער האָט געשריבן זײן „אונזער פּראָגראַם״. יאָ זײן גרויסקײט און כּוח זײנען געלעגן אין דער מאָס, וואָס ער האָט אונז דער־מאָנט די סאַמע עלעמענטאַרסטע און פּשוטסטע זאַכן, די זאַכן וועלכע מען פֿאַרגעסט אַזוי אָפֿט.

אוסישקין אַליין דערציילט, אַז ביאַליק פֿלעגט זיך חידושן: ווי אַזוי קען אַ מענטש שטענדיק איבערחזרן די זעלבע ווערטער מיט דער זעלבער באַגייסטערונג — באַזונדערס ווען די ווערטער זיינען אַזעלכע פּשוטע און זעלבסטפֿאַרשטענדלעכע? און אוסישקין ענטפֿערט אים: די פּאָעטן הערן דאָך אויך ניט אויף צו זינגען וועגן זייער ליבע. פֿאַרוואָס זאָל מען זיך חידושן וועגן אַ מענטשן, וואָס הערט ניט אויף צו זינגען זיין איינציק ליד, זיין ליבע־ליד — דאָס ליד צו היימלאַנד, צו באָדן, צו פֿרייהייט און גאולה?

צווישן די ערשטע, די רייפֿע און אַלטע, איז אוסישקין געווען דער מענטש פֿון המשך און התמדה. דאָס איז געווען זיין גוטער מזל — און אין דעם האָט ער זוכה געווען צו איבערשטייגן זיינע לערער און רביים.

לאָמיר זיך דערמאָנען וואָס עס איז געווען דאָס פּנים פֿון דער אידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט, אין וועלכער די חיבת־ציון איז געקומען צום ערשטן מאָל צום אויסדרוק אַלס אַ באַוועגונג. דאָס איז געווען די געזעלשאַפֿטלעכקייט פֿונם שטעטל, פֿון דער קהילה, פֿון דעם גבאי, פֿון מורא פֿאַר יעטווידן תקיף. די געזעלשאַפֿטלעכקייט פֿון דער השכלה איז אויך ניט אַרויס פֿון די גרענעצן פֿון קאָרעספּאָנדענץ צווישן צעשפּרייטע און איינזאַמע משכילים, פֿון דער אָפּהענטיקער פֿאַרטיידיקונג פֿון גערודפֿטע משכילים, און אַ ביסל שתדלנות פֿאַר די „שׂרים“, פֿון וועלכער עס האָט זיך געטראָגן ניט קיין איבעריקס גוטער ריח. און וואָס איז געווען די ערשטע געזעלשאַפֿטלעכע ראָם פֿון חיבת־ציון? אַ הייפֿל העברעאישע שרייבער, איינצלנע רבנים און יונגע סטודענטן, וואָס בלויז אַ טייל פֿון זיי האָבן אַרויסגעוויזן דעם אינערלעכן כּוח טריי צו בלייבן. אַוודאי זיינען צווישן זיי אויך געווען געציילטע טאַט־מענטשן (שפּ״רס ענערגיע!), עס זיינען אָבער ניט געווען די באַדינגונגען פֿאַר עכטער טאַט. די מאַסן האָט מען נאָך ניט אַריינגענומען אין חשבון אַלס מאַטעריאַל פֿאַר דער באַוועגונג; עס איז נאָך ניט געמאַכט געוואָרן, אויף דער אידישער גאַס, דער פּרואוו צו אָרגאַניזירן די מאַסן, אויסער די ווענט פֿון בית־מדרש; עס איז נאָך ניט געווען דער טיפּ פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעכן טוער, וואָס זאָל זיך אין גאַנצן אָפּגעבן דער געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט. דעם אידישן לעבן האָט קיין מאָל ניט געפֿעלט קיין געזעלשאַפֿטלעכקייט, אָבער די דאָזיקע געזעלשאַפֿטלעכקייט איז געווען אָן פֿליגלען און, אויסער איינצלנע פֿאַלן, בשעת גרויסע קאַטאַסטראָפֿעס און ביי איינזאַמע יחידים, איז זי ניט אַרויס פֿון לאָקאַלע גרענעצן. עס זיינען שטענדיק געווען פּערזענלעכקייטן, וואָס אין זייער נשמה האָט געפֿלאַמט דאָס פֿייער פֿון ליבע צום כּלל, אָבער זיי זיינען פֿאַרמשפּט געוואָרן זיך צו פֿאַרשווענדן אין אַן ענגן ווינקל. מען

דארף וויסן, וואס דער ציוניזם האט אין דעם פרט געגעבן דעם אידישן לעבן. ער האט אויף דער אידישער גאס געבראכט ניט נאר וויזיע, נאר אויך געגעבן דעם אידישן לעבן און דער אידישער געזעלשאפטלעכקייט גאר אן אנדער פארנעם — איבער די גרענעצן פונם שטעטל, גובערניע און אפילו מלוכה: כל־ישראל, אין אלע זיינע צעשפרייטקייטן. דער ציוניזם האט אנטפלעקט און געכאוועט דעם אידישן מענטש, וואס זיין גאנצער וועזן און זיינע אלע כוחות זיינען געווידמעט דעם געדאנק פון ענדערן דעם אידישן מעמד. ער האט אקטיוויזירט די מאסן און האט דעם יחיד ארויסגע־פירט אויפן ברייטן שליאך — די אידישע פערזענלעכקייט וואס נעמט ארום פאלק און וועלט; וואס שפרייט איר היקף איבער פארשיידענע לענ־דער; וואס רעדט צו מאסן; וואס ראנגלט זיך מיט דער געאגראפיע; וואס דירינגט אריין — ניט פארשטעלטערהייט — אין דער וועלט־פאליטיק; קעמפט מיט תקיפים און הערשער אין דער וועלט פון גייסט און פאליטיק.

א לאנגע צייט זיינען די דאזיקע זאכן געווען אן ענין פון פאנטאזיעס, שמועסן, הייסע דיסקוסיעס. א לאנגע צייט האט מען זיך ניט געקענט באפרייען פון קליינע השגות און טאטן. אוסישקין איז געווען צווישן די ערשטע, און אפשר טאקע דער ערשטער, וואס האט אנגעזאגט די דאזיקע ענדערונג. ער איז, אין זיין מענטשלעכן מהות, געווען אנדערש פון זיינע לערער. עס איז אים באשערט געווען ניט צו וויסן פון די יסורים און הארצווייטאג פון לילינבלום און פינסקער. מען קען זאגן, אז ער איז געבוירן געווארן אין א „כתונת פסים", אין א זיידן העמדל. פאר די דורות, וואס זיינען געקומען נאך אים — זייער פארפלאנטערטע, טראַ־גישע דורות — איז אוסישקין געווען א גאנצע, אבער אויך ניט־קאמ־פליצירטע „כלי". ניט קיין צוויבער־מענטש, ניט קיין רעטעניש־מענטש. אבער גראד אין דעם איז אויך געלעגן זיין כוח.

אין א קארעספאנדענץ, וואס ער האט אין זיינע סטודענטן־יארן פאר־עפנטלעכט אין „המליץ", אין וועלכער ער האט דערציילט די בשורה וועגן עפעס א קליינער גרופע אידן, וואס קלייבן זיך עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, דערקלערט ער די וויכטיקייט פון דער דאזיקער ידיעה: „כדי מען זאל זען — — — אז דער רעיון פון ישוב אין הייליקן לאנד — — — ווערט ביסלעכווייז א טאט". און די וועטעראנען פון דער באוועגונג, וואס האבן זיך מיט טאט־פעאיקייט ניט אויסגעצייכנט, און האבן דאס אליין געוואוסט, האבן אוודאי געהאפט און געווארט, אז עס זאל קומען עמעצער, וואס זאל זייערע מחשבות און חלומות פארוואנדלען אין טאט.

און עס איז קיין וואונדער ניט וואס ר' שמואל מאהילעווער זאגט אים ביים געזעגענען זיך: „איך ווינטש דיר, אז דו זאלסט בלייבן א תקיף

אין דיינע מיינונגען". און ליליענבלום זאָגט אים אַ ביסל שפּעטער: "אויב איך האָב מיין בראַשור געשריבן בלויז פֿאַר דיר — בין איך צופֿרידן". וואויל איז דעם לערער, וואָס האָט אין אים געפֿינען זיין תּלמיד. אַ סך יונגע מענטשן האָבן דעמאָלט זיך אָנגעשלאָסן אָן די חובבי ציון, די מערסטע פֿון זיי אויף אַ קורצער צייט, אין מאָמענט פֿון הייסן ענטוזיאַזם. און אַפֿילו פֿאַר די וואָס זיינען טריי געבליבן, איז עס געווען ניט מער ווי אַ צוגאָב־זאַך צום עיקרדיקן לעבן, צו דער פּראָפֿעסיע, צו דער קאַריערע. אויסער די בילויים, וואָס האָבן געמאַכט דעם שריט צו דער טאַט — און אַפֿילו צווישן זיי איז דאָס בלויז פֿאַר ווייניקע געווען אַ "טאַט וואָס מען קען ניט בטל מאַכן" — איז אין דער באַוועגונג נאָך ניט אויפֿגעשטאַנען דער טיפֿ מענטש, וואָס זיין גאַנץ לעבן איז געהייליקט דער "נייער אידעע". אחד־העם האָט געפֿאָדערט "התרכזות הרוח", גייסטיקע קאָנצענטראַציע. די רע־וואָלוציאָנערע באַוועגונגען האָבן באַוויזן צו דערפֿירן מענטשן צו יענעם זיך־קאָנצענטרירן אין אָן אידעע, וואָס איז אַליין פֿעאיק צו שאַפֿן גרויסע זאַכן. אוסישקין איז געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעזאָגט דעם אָנקום פֿון דעם דאָזיקן טיפּ. שפּעטער האָבן מיר געזען די פֿאַנטאַזיאָרן און פלאַן־מאַכער: יהושע ברזילי, מיכאל האַלפּערן, וואָס האָבן זייערע לעבנס אין גאַנצן מפֿקיר געווען דער באַוועגונג. מיר האָבן געזען מאַצקין, שמריהו לעווין, אַביגדור יאַקאָבסאָן, נחמן סירקין, אַ גרופּע אינטעליגענטן, וואָס זייער גאַנצע רייכע און קאָמפּליצירטע גייסטיקע וועלט האָט זיך צוזאַמענ־געשמאָלצן מיט דער ציוניסטישער אידעע און געפֿלאַמט אין איר פֿייער. אוסישקין, וואָס די בילויים האָבן געפּסלט זיין קאַנדידאַטור אַלס עולה — האָט געוואוסט, אַז דאָס ענדערט ניט דעם עיקר: זיין פּערזענלעכער לעבנס־וועג איז אין גאַנצן פֿאַרקניפּט מיטן פֿאָלק און מיטן לאַנד.

שוין אין זיינע ערשטע יאָרן אין ציוניזם האָט אוסישקין אַרויסגעוויזן אייגנשאַפֿטן און השגות, וואָס ערשט איצט, בעת זיין לעבנס־וועג האָט זיך געענדיקט, זעען מיר אין זיי דעם שליסל צו דעם דאָזיקן וועג. איך האָב פֿריער געזאָגט, אַז יעדע ריכטונג אין ציוניזם האָט אַ חלק אין אוסישקינען און פֿילט זיך נאָענט צו אים. אָבער אוסישקין איז ניט קיין געשטאַלט פֿון אַ "גוטן פֿעטער", וואָס שאָקלט אַלעמען צו מיטן קאָפּ. ווער עס האָט אַ ביסל געקענט אוסישקינען און זיינע דרכים, ווייס, ווי ווייניק עס איז אין אים געווען פֿון ווייכלעכקייט, צופּאַסונג־טאַלאַנט, פֿון פּאָליטיקאַנישקייט, פֿון דעם שוחד פֿון אַ פּאָליטיקער, וואָס דריקט אַלעמען די האַנט. ער איז געווען דער פֿולשטענדיקער היפּוך פֿון אַט דעם אַלעם. ער איז ניט געווען פֿון די מענטשן, וואָס שמייכלען צו אַלעמען. זיין פֿאַרבונדן־זיין, מער אָדער ווייניקער, מיט יעדער ריכטונג אין ציוניזם האָט אויך געהאַט אַן אַנדער

זינען: ניט אידענטיפֿיצירט זיין און אָפּאָזיציאָנעל זיין בנוגע אַלע ריכ־טונגען, אַפֿילו צו יענער ריכטונג, מיט וועלכער ער איז, באין ברירה, געווען אָפֿיציעל פֿאַרבונדן. אָבער אין אים, אין זיין מענטאַליטעט און פּער־זענלעכקייט, איז געווען עטוואָס אומפּאַסנדיקס, קאָנצענטרירנדיקס, ליי־טערנדיקס, וואָס האָט אים נאָענט געמאַכט צו די פֿאַרשיידנסטע עלעמענטן. ניט יעדער איינער האָט געקענט באַווייזן צו זיין אַ תּלמיד פֿון ליליענ־בלומען, דעם באַרימטן „אַפּיקורס", וואָס פֿילע אַנגעזעענע מענטשן האָבן באַטראַכט פֿאַרן אומגליק פֿון די חובבי ציון, און גלייכצייטיק זיין באַגייס־טערט פֿאַר ר׳ שמואל מאָהילעווער. צו זיין דער וואָפֿנטרעגער פֿון פּינסקערן, פֿון יענעם פּינסקער, וואָס האָט אַזוי שטאַרק מורא געהאַט פֿאַר דער הער־שאַפֿט פֿון דעם קלעריקאַליזם, פֿון וועלכן די רבנים האָבן געוואָלט פּטור ווערן, און אין דער זעלביקער צייט זיין דער „שלום"־פֿאַרמיטלער צווישן דער „אָדעס" פֿון ליליענבלום און פּינסקער און דער „ביאַליסטאָק" פֿון ר׳ שמואל מאָהילעווער — ניין, ניט פֿיל האָבן דאָס געקענט טאָן אויפֿ־ריכטיק. אָבער אוסישקין האָט דאָס געטאָן מיט אַ גאַנץ האַרץ, אויס אי־נערלעכער איבערצייגונג, מיט אינערלעכער גאַנצקייט.

ער, דער מאָסקווער סטודענט, פֿאַרט צום קאָפּאַסטער רבין, כּדי אים מסביר צו זיין די שטרעבונגען פֿון די חובבי ציון. און דער רבי זאָגט נאָכדעם צו איינעם פֿון זיינע חסידים: ביז וואַנען דער דאָזיקער בחור איז צו מיר ניט געקומען, האָב איך דעם ענין ניט פֿאַרשטאַנען; ער מאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פֿון אַן אָרנטלעכן בחור. און אין דער זעלביקער צייט איז ער איינער פֿון די וויניקע, וואָס זיינען טריי געבליבן די בילויים, דער חלוצישער און געדרודפּטער קאָלאָניע גדרה, וואָס פֿילע פֿון די בכּבֿודע חובבי ציון, צווישן זיי אויך וויסאָצקי — דער ראש פֿון מאָסקווער „ועד" — האָבן אויף איר געקוקט ווי אויף אַ צרה, צו וועלכער מען דאַרף מאַכן אַ סוף. צו לעבן אין אַזאַ עכטער פֿריינטשאַפֿט מיט ר׳ שמואל מאָהילעווער און שטיצן גדרה מיט אירע „פֿרייע" קאָלאָניסטן — דאָס האָט אין יענער צייט באַוויזן צו טאָן בלויז איין אוסישקין. און דאָס איז ניט געווען קיין צופֿאַל — דאָס איז אַרויסגעדרונגען פֿון זיין אויפֿפֿאַסונג פֿון חיבת־ציון.

בעת איינער פֿון די אינטעליגענטן צווישן די חובבי ציון האָט גע־פֿאָדערט אַ קאַמף קעגן חסידיזם דערפֿאַר, וואָס ער איז אַ שטרויכל־שטיין אויפֿן וועג פֿון חיבת־ציון, מוסרט דער יונגער אוסישקין עלטערע פֿון אים, אַז עס איז ניט אין די אינטערעסן פֿון חיבת־ציון צו אידענטיפֿיצירן דעם חסידיזם מיט קעגנערשאַפֿט צו חיבת־ציון. „ניט קעמפֿן קעגן חסידיזם דאַרפֿן מיר, נאָר קעמפֿן פֿאַר ישוב און קעגן זיינע שונאים, ווער זיי זאָלן ניט זיין". „מען דאַרף זיי דערנעענטערן צו אונז, ניט פֿאַרטרייבן זיי. שלום

מאַכן און ניט קעמפֿן קעגן זיי. אָבער דערצו איז נויטיק, אַז ביי יעדן איינעם פֿון אונז זאָל דער ישוב זיין טייערער פֿון זיין איבערטריבענער זעלבסט־ליבע". אין באַגריף „איבערגעטריבענע זעלבסט־ליבע" שליסט ער אויך איין די סעקטאַנטישע און אידעאָלאָגישע טענדענצן, וואָס זיינען שוין בולט געווען אין יענער צייט, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן וועלכע עס איז אָפֿיציעלע דיפֿערענציאַציע אין דער באַוועגונג. און דעם דאָזיקן אויפֿקלערונגס־אַרטיקל חתמעט ער: „החובב ציון ואת כל ישראל לכל מפלגותיו" (איינער וואָס ליבט ציון און כּל־ישראל, מיט אַלע זיינע פּאַרטייען). און אין אַן אַנדער דיסקוסיע פֿון יענער צייט שרייבט ער: „עס איז גרינג צו צעשטערן, אָבער מיר באַשעפֿטיקן זיך ניט מיט צעשטערן נאָר מיטן אויפֿבוי".

און אָט די ליביע — „כּל־ישראל, מיט אַלע זיינע פּאַרטייען" — איז ביי אים קיין מאָל ניט געבראָכן געוואָרן. ער האָט זיכער ניט געוואָלט די דיפֿערענציאַציע, וואָס איז שפּעטער געקומען אין ציוניזם. ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די „דעמאָקראַטישע פֿראַקציע", האָט ער וועגן איר געזאָגט, אַז זי האָט מצליח געווען בלויז אין איין זאַך — זי האָט געבראַכט צו דער געבורט פֿון „מזרחי". פֿונדעסטוועגן האָט ער, וועלכער איז באַטראַכט געוואָרן פֿאַר דעם סימבאָל פֿון קאָנסערוואַטיזם אין ציוניזם, אויך געקענט אָפּשאַצן די פּאָזיטיווע זייטן פֿון דער „דעמאָקראַטישער פֿראַקציע". ער האָט אויך גלייך פֿון אָנהויב אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פֿון די פּועלי־ציון — די „יעקאַטערינאָסלאַווער". ער האָט געהאַט דעם חוש צו באַמערקן און אָנערקענען די יונגע כּוחות אין דער באַוועגונג. עס איז קיין צופֿאַל ניט, וואָס צווישן זיינע וואָפֿנטרעגער אין געוויסע צייטן האָבן זיך געפֿונען ניט נאָר דרויאַנאָוו און א. מ. באָראָכאָוו, יעקב ראַבינאָוויטש און מ. גליקסאָן, נאָר אויך ב. באָראָכאָוו און זשאַבאָטינסקי. דאָס האָט לאַנג ניט געדויערט. די מענטשן זיינען אויסגעוואַקסן. אָבער זיין אויג איז שטענדיק געווען אָפֿן, און ער האָט שטענדיק געזוכט נייע שפּראָצן אין אונזערע פֿעלדער. אין מיין לעצטן שמועס מיט אים, נאָך דער זיצונג פֿון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, אויף וועלכער ער האָט געהאַלטן זיין לעצטע טראַגישע רעדע, האָבן מיר, ווי אַ המשך פֿון דער דאָזיקער רעדע, געשמועסט וועגן דער אָרעמקייט פֿון די כּוחות אין אונזער לאַגער אין אַנזיכט פֿון דעם שווערן פּאָליטישן געראַנגל, וואָס וואַרט אויף אונדז, אויפֿן פֿעלן אָדער אַלט־ווערן פֿון די יעניקע, וואָס האָבן געווירקט אין דער לעצטער מלחמה און דאָס ניט־אויסוואַקסן פֿון נייע כּוחות. ער האָט געזאָגט דאָס וואָס ער פֿלעגט שטענדיק זאָגן אין אַזעלכע שמועסן. ער גלויבט, אַז אַזעלכע כּוחות זיינען פֿאַראַן, אָבער מען לאָזט זיי זיך ניט אַנטפּלעקן. און ער האָט אַלס ביישפּיל, אָנגערופֿן אַ נאָמען — דווקא ניט פֿון זיינע נאָענטע.

אין דעם פֿאַל, ווי אין אַ סך אַנדערע פֿאַלן, האָט ער זיך אַנטפּלעקט ניט ווי איינער, וואָס באַשרענקט זיך אין זיין אייגן ווינקל, נאָר ווי איינער, וואָס זיין אויג נעמט אַרום דאָס גאַנצע פֿעלד, מיט אַלע זיינע טיילן.

אין זיין פּריוואַטן לעבן האָט אוסישקין ניט געוואוסט פֿון קיין צע־שטערונג און פֿאַרניכטונג פֿון ווערטן, נאָר בלויז דערגאַנצונג און פֿאַר־מערונג פֿון דעם וואָס איז פֿאַראַן: די גימנאַזיע האָט ביי אים ניט אַוועק־געשטופּט דעם חדר, און די אוניווערזיטעט האָט ניט מסיג־גבול געווען די אידישע היים — דאָס זעלבע איז געווען אין זיין ציוניסטישער וועלט. ער איז געווען איינער פֿון די ערשטע חובבים, פֿון די מענטשן פֿון דער „יום־כּיפּור־קערה" און פֿון דער „פּרוטה" („די פּרוטה איז דער מאָסשטאַב, מיט וועלכן מיר מעסטן די פּאָפּולאַריטעט פֿון דער אידעע", האָט ער אין יענע ערשטע ציטן געזאָגט אין אַ דיסקוסיע מיט ז. ד. לעוואָנטין, וואָס האָט שוין דעמאָלט, רעדנדיק אין היינטיקע טערמינען, פּראָקלאָמירט די ווערטלאָזיקייט פֿון דעם „נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל" און די וויכטיקייט פֿון „פּריוואַטן קאַפּיטאַל"). אָבער ווען הערצל איז דערשינען, און די רוסישע חובבי ציון זיינען געשטאַנען צעטומלטע, איז ער געווען איינער פֿון די ערשטע, וואָס האָבן זיך געשטעלט אונטער דער נייער פֿאָן. ער האָט בשלמות אַקצעפּטירט די פּאָליטישע אידעע. פּינסקער און לילייענבלום זיינען, אין זייערע אַספּיראַציעס, אויך געווען פּאָליטישע ציוניסטן. אָבער זיי האָבן געפֿונען פֿאַר נויטיק די זאַך צו פֿאַרשוויגן במשך פֿון אַ לאַנגער צייט, און אַפֿילו זי צו פֿאַרלייקענען כּלפּי־חוץ. ווען הערצל איז געקומען, האָט דער ציוניזם מער ניט געקענט איגנאָרירן די פּאָליטישע אידעע. מען האָט געמוזט נעמען אַ שטעלונג. אַפֿילו אין אַדעסער קאָמיטעט פֿון די חובבי ציון זיינען געווען מענטשן וואָס האָבן זיך, צוליב דער פּאָליטישער פֿאָן, צוריקגעצויגן פֿון דער באַוועגונג. אחד־העם האָט געפֿונען פֿאַר נויטיק צו ציען אַ ליניע צווישן זיך און דעם פּאָליטישן ציוניזם. אָבער אוסישקין, דער חבר פֿון די „בני־משה", איינער פֿון די טרייסטע חובבי ציון, האָט זיך בשלימות אידענטיפֿיצירט מיט דעם פּאָליטישן ציוניזם. און אַז ער האָט דאָס געטאָן, איז ער פֿון דעם פּאָליטישן ציוניזם קיין מאָל ניט אַוועקגעגאַנגען — און אַזוי האָט ער אויך געהאַנדלט בנוגע אַלע אַנדערע ציוניסטישע ווערטן. יעדער איינער פֿון די פֿאָטערס און דענקער פֿון ציוניזם האָט זיך באַמיט בולט צו מאַכן זיין קאָנצעפּציע, זיין געגאַרטע געשטאַלט, און זי שטעלן איבער אַלע אַנדערע ווערטן — אוסישקין האָט סינטעטיזירט און פֿאַרבונדן אַלע ווערטן. ער האָט עס געטאָן מיט גרויסער פּשטות, אָן פֿאַרטיפֿונג, אָבער מיט אַ מעכטיקן לעבנס־חוש.

אין ביישפּיל: די העברעאישע קולטור. פֿאַר אחד־העם איז די העב־

רעאישע קולטור געשטאַנען אין צענטער פון אַלע פראַגעס. אָבער די העב־רעאישע קולטור פון אחד־העם איז דאָך געווען גאַנץ אַנדערש פון דער העברעאישער קולטור פון בן־יהודה, וועלכער האָט אַלץ געשטעלט אויפן „דיבור עברי", אויפן רעדן העברעאיש. אחד־העם האָט ניט געגלויבט אין „דיבור עברי", אויך ביאַליק האָט ניט געגלויבט, און האָט בן־יהודהס אויפטו באַטראַכט ווי אַ גייסטלאָזן גולם. כאָטש זיי זיינען גערעכט געווען אין זייער קריטיק וועגן בן־יהודהס מעטאָדן פון „אויפלעבן" די העב־רעאישע שפּראַך, האָבן זיי ניט איינגעזען די לעבנס־קראַפט און די נויט־ווענדיקייט פון זיין דרך. אוסישקין האָט דעם ענין ניט געזען אַזוי טיף ווי די אַנדערע, אָבער ער האָט מיט דער גרעסטער פשטות צוזאַמענגע־שמאָלצן די פּאָליטישע אידעע, די קאָלאָניזאַציע־טאַט, די העברעאישע דערציאונג און דעם „דיבור עברי". און דערצו האָט ער נאָך צוגעגעבן די אידישע טראַדיציע — ניט קיין באַשטימטע רעליגיעזע אַנשויאונג, נאָר די טראַדיציע פון דעם פשוטן, „דורכשניטלעכן" אידן. אַזוי איז ביי אים אַרויסגעקומען זיין סינטעטישער אינטעגראַלער, אוסישקינישער ציוניזם. אויך דערפאַר האָט ער אין יעדן קרייז געפונען דאָס וואָס איז אים דאַרטן נאָענט געווען.

אוסישקינס נאָענטקייט צום אידישן אַרבעטער הויבט זיך ניט אָן מיט דער צווייטער עליה. אין דעם פּרט איז ער געווען אַ תלמיד ניט פון לילייענבלום און ניט פון אחד־העם, נאָר פון יהושע ברזילי, וועלכער איז אפשר געווען דער ערשטער, וואָס האָט טיף פאַרשטאַנען די באַדייטונג פונם אידישן אַרבעטער און האָט מיט אים זיך ברידערלעך פאַרבונדן, אין זיינע ליידן און זוכענישן.

שוין מיט העכער פופציק יאָר צוריק האָט אוסישקין געפירט אַ דיס־קוסיע מיט זיין לערער לילייענבלום וועגן דעם ענין אידישער אַרבעטער. אין יענער צייט האָבן שוין אַנגעהויבן פאַרטושט ווערן די עלעמענטאַרע ווערטן פון חיבת־ציון: יגיע־כפּים און ערד־אַרבעט בפועל ממש. די אַנ־טוישונגען פון די ערשטע קאָלאָניעס, דאָס אַריינדרינגען פון אַראַבישער אַרבעט, פריער דורך די באַאַמטע פון דעם באַראָן און נאָכדעם דורך די קאָלאָניסטן אַליין, דער פחד פאַרן פאַרמערן זיך פון אָרעמע אידן אין ארץ־ישראל, וואָס קיינער נויטיקט זיך ניט אין זייערע אַרבעטס־הענט, און זיי קענען נאָך קומען מיט טענות און פאָדערונגען — דאָס אַלץ האָט אָנגעהויבן צו פאַרטונקלען די פריערדיקע, אידילישע השגות. עס איז דער־גאַנגען דערצו, אַז אַ איד אַן מיטלען, וואָס האָט עולה געווען קיין ארץ־ישראל איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פגע־רע, ווי אַן אומנויטיקער יאָך אויף דער אָרעמער קאַסע פון די חובבי ציון. אין די צייטונגען זיינען פאַרעפנטלעכט

געוואָרן אויפֿרופֿן: „זייט ניט עולה!‟ און ווען די באַראָנישע אַדמיניסטראַציע האָט דערקלערט (אין יאָר 1890!), אַז זי וועט אידישע אַרבעטער ניט געבן קיין אַרבעט, האָט דאָס ליליענבלום אויפֿגענומען מיט „פֿרייד‟: סוף־כּל־סוף וועלן קבצנים אויפֿהערן פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל. דער ערשטער וואָס האָט געשטעלט די פֿראַגע: „וואָס איז די שמחה?‟ און וואָס האָט אָנגעוויזן אויף דער באַדייטונג פֿון אידישן אַרבעטער, איז געווען — אוסישקין. זיינע ווערטער, די פּשוטע ווערטער, האָבן ניט געעפֿנט קיין ברייטע האָריזאָנטן, אָבער עס זיינען אין זיי געווען אַלע עלעמענטאַרע יסודות פֿון דער פֿאַרטיידיקונג פֿון אידישער אַרבעט. עס איז אין זיי געלעגן די קראַפֿט פֿון אַ קלאָרן בליק, וואָס בלויז יחידים האָבן אים געהאַט.

אָבער די גרויסע שותּפֿות צווישן אוסישקין און דעם אידישן אַרבעטער הויבט זיך אָן מיטן אָנהויב פֿון דער צווייטער עליה, פֿון וועלכער ער איז געווען איינער פֿון די שאַפֿער. זיין בראָשור „אונזער פּראָגראַם‟, וואָס איז דערשינען אין די אוגאַנדע־טעג, דאַרף פֿאַררעכנט ווערן צווישן יענע ליטעראַרישע דאָקומענטן, וואָס האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פֿאַר דער צווייטער עליה. דער מחבר זעט טאַקע ניט פֿאַר זיך קיין סטאַבילן אַרבעטער־ציבור אינם לאַנד; ער רופֿט די אידישע יוגנט, אַז זי זאָל זיך שטעלן אין דינסט פֿון דעם פֿאָלק בלויז אויף עטלעכע יאָר. אָבער אין דעם דאָזיקן רוף צו יונגע אידן, אַז זיי זאָלן זייער לעבן פֿאַרבינדן מיט דעם ציוניזם, איז שוין צו מערקן די עלעמענטאַרע יסודות, וואָס האָבן געברויזט אין דער נשמה פֿון דעם יונגן עולה, נאָך איידער ער האָט געוואוסט וואוהין זיין חלום פֿירט אים. יוסף וויטקינס רוף, ערב דער צווייטער עליה, דער אָנהויב פֿון „החורש‟ („דער אַקערער‟ — אָרגאַניזאַציע פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער), „השומר‟, „הפּועל הצעיר‟ — אָט די אַלע צאַרטע שפּראָצן פֿון דעם אָנהויב פֿון דער ארץ־ישׂראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג, זיינען געקומען אויף דער וועלט באַגלייט פֿון דעם געפֿיל פֿון אוסישקינס פֿריינטשאַפֿט און שותּפֿות.

איך האָב ניט קיין שום כּוונה אַריינצוציען אוסישקינען אונטער די פֿליגלען פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג. ער איז זיין גאַנצן לעבן געבליבן אַ מענטש פֿון זיין קרייז און קלאַס. אין די טעג פֿון דער צווייטער עליה איז אוסישקינס נאָמען אין רוסלאַנד געווען דער סימבאָל פֿון דער עקסטרעמער „ציוניסטישער רעאַקציע‟, לויטן כּלל: וואָס מער ציוניסטיש — אַלץ מער רעאַקציאָנער. אָבער אוסישקינס כּוח איז געלעגן אין דעם וואָס ער האָט געזען — איבער די גרענעצן פֿון סאָציאַלע מחיצות, מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן און לעבנס־שטייגער — די ציוניסטישע שותּפֿות; וואָס ער האָט דערקענט די טרעגער פֿון דער פֿאַרווירקלעכונג, בעת זיי

האָבן נאָך געשטעלט די ערשטע טריט, בעת זיי האָבן נאָך געטאַפּט אין דער פֿינצטערניש, נאָך איידער זיי האָבן אַרויסגעוויזן סימנים פֿון אמתער טאַט־פֿעאיקייט. אַזוי איז געשאַפֿן געוואָרן דער בונד צווישן אוסישקינען און דעם ארץ־ישראלדיקן אַרבעטער. אַמאָל איז דער בונד לויזער געוואָרן, צום ביישפּיל, בעת דעם סכסוך צווישן דעם אָדעסער קאָמיטעט און דער רעדאַקציע פֿון „הפועל הצעיר" (צוליב ברענערס אַרטיקל וועגן „שמד"). אָבער אַפֿילו צוזאַמענשטויסן האָבן ניט צעריסן דעם בונד. דער מענטש פֿון דער צווייטער עליה האָט, פֿון אַלע פֿירער אין ציוניזם, אין אוסישקינען געזען דעם מענטש, וואָס פֿאַרשטייט אַממערסטן זיין לעבנס־תביעה.

איך דערמאָן זיך די ערשטע זיצונג פֿון דעם „מרכז חקלאי" (עקזע־קוטיווע פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער), וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן אויף דעם צונויפֿקום אין אום־דזשוני (דגניה) פּסח, 1910. וועגן וואָס האָט מען גערעדט אויף יענער זיצונג? וועגן דער נויטווענדיקייט צו לאָזן וויסן אין חוץ־לארץ, אַז עס זיינען פֿאַראַן פֿיל זאַכן וואָס קענען געטאָן ווערן אין ארץ־ישראל, אַז עס איז פֿאַראַן צוליב וואָס עולה צו זיין. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן אַ חבר קיין רוסלאַנד, וואָס זאָל דאָרטן איבערגעבן אונזער וואָרט. מיר האָבן געוואוסט: ווען אונזער חבר וועט קומען קיין רוסלאַנד, וועט ער זיך קודם־כל ווענדן צו אוסישקינען און וועט אים דערציילן, אַז עס איז געגרינדעט געוואָרן אַן אָרגאַניזאַציע פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער, וועט אים איבערגעבן וואָס עס טוט זיך אין גליל און אים בעטן, אַז ער זאָל העלפֿן זיין אַרבעט.

נאָך פֿריער, בעת עס איז געגרינדעט געוואָרן „אחווה", די ערשטע לאַנד־קאָמונע, און מיר האָבן געהערט, אַז פֿון ערגעץ אַ געהיימען קוואַל זיינען געקומען די ערשטע עטלעכע הונדערט פֿראַנק פֿאַר איר אַרבעט, האָב איך געפֿרעגט מיינע עלטערע חברים: פֿונוואַנען? האָט מען מיר שטיל געענטפֿערט: וויזט אויס, אַז פֿון אוסישקינען.

איך דערצייל דאָ ניט קיין זכרונות. איך וועל ניט דערציילן מיט וואָס פֿאַר אַ אויגן איך האָב אוסישקינען געזען אויפֿן מינסקער צוזאַמענפֿאָר און ווי אַזוי איך האָב אים געזען אין זיין שטאָט, אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אין די טעג פֿון דער רעוואָלוציע פֿון 1905, ווען ער איז אויפֿגעטראָטן ווי אַ לייב ממש אין דער געזעלשאַפֿט פֿון די „גלייכע רעכט"־זוכנדיקע אידישע ליבעראַלן, וואָס פֿאַר אַ כוח פֿון פּערזענלעכקייט, פֿון גלויבן און איבער־צייגונג עס איז אין אים געלעגן דעמאָלט בעת אַלע זיינען געווען זיכער, אַז דער ציוניזם האָט פֿאַרלאָרן דעם וועג און די כוחות. איך וועל דערמאָ־נען אַ קליינעם פּרט. אין מיין קינדהייט איז צו מיר דערגאַנגען אַ קליין רוסיש העפֿטל וועגן אַ מענטשן, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „מאַיסעי

געס״ (משה העס). אין יענער צייט איז נאָך ניט דערשינען די העברעאישע איבערזעצונג פֿון „רוים און ירושלים״ און משה העס׳ נאָמען פֿלעגט זייער זעלטן דערמאָנט ווערן. דער נאָמען פֿון מחבר פֿון דעם העפֿט איז אָנגעגעבן געוואָרן בלויז אין די איניציאַלן מ. ע. און אויפֿן שער־בלאַט איז געווען באַצייכנט דער נאָמען פֿון אַרויסגעבער, אינזשינער אוסישקין אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אַ יונגערמאַן, וועמענס נאָמען עס איז מיר באַקאַנט געווען פֿון די שמועסן פֿון די דערוואַקסענע. שפּעטער האָב איך אוסישקינען געפֿרעגט, ווער עס איז געווען דער מחבר פֿון העפֿט — ער האָט פֿאַרגעסן. צום סוף האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז געווען מרדכי עהרפּרייז, אין יענער צייט אַ סטודענט פֿון גאַליציע.

אָבער אין ארץ־ישראל האָב איך געזען אַן אַנדער אוסישקין, ווי דעם וועגן וועלכן איך האָב געהערט אין מיין פֿאָטערס הויז, ווי אַ יונגן עסקן, אַן אַנדערן ווי דעם, וועלכן איך האָב געזען אין מינסק, ווי דעם „דיקטאַטאָר״ פֿון רוסישן ציוניזם, אַן אַנדערן ווי דעם, וועלכן איך האָב געזען אין לאַגער פֿון די קעגנער. אין יענע יאָרן, פֿאַר דער מלחמה, פֿלעגן ציוניסטישע פֿירער, וואָס זיינען געקומען קיין ארץ־ישראל אויף באַזוך, זיך נוהג זיין צו באַגעגענען זיך מיט אַרבעטער און שמועסן מיט זיי. זיי האָבן אונז געלערנט און געפֿאָרשט — אָבער ניט ווייניקער האָבן מיר זיי געלערנט און געפֿאָרשט. די באַגעגעניש מיט אוסישקינען איז געווען אַנדערש פֿון אַלע אַנדערע באַגעגענישן. אוסישקינס גרויסקייט, זיין באַרימטע תּקיפֿות — אַלץ איז אַוועקגעפֿאַלן בעת ער איז אַריין צו אונז, אין דער אַרבעטער־קיך אין בן־שמן. ער איז מיט אונז געזעסן אַ לענגערע צייט, האָט זיך ניט געאיילט, האָט געשטעלט פֿראַגעס און אויסגעהערט ענטפֿערס און רעדעס. און מיט דעם אַליין האָט ער זיך ניט באַגנוגנט. נאָך דער באַגעגעניש איז ער צוגעקומען צו מיר און געפֿרעגט: וואו וואוינט איר? איך וויל מיט אייך רעדן. איך האָב דעמאָלט געוואוינט אין אַ נאָסן קעלער, אין וועלכן קיין איין אַרבעטער האָט ניט מסכּים געווען צו וואוינען. אוסישקין איז נאָך מיר אַרונטער די טרעפּ אין קעלער אַריין, זיך געזעצט אַנטקעגנאיבער און געזאָגט: איך וויל פֿון אייך הערן וועגן אַלץ. דערציילט מיר דעם אמת. עס זיינען פֿאַרשוואונדן אַלע אונטערשיידן פֿון קלאַס און עלטער און סאָציאַלער פּאָזיציע און באַרימטקייט. צוזאַמען זיינען געזעסן, ניט גענעראַל און נאָמענלאָזער סאָלדאַט, נאָר צוויי מענטשן, וואָס האָבן אין לעבן איין בשותּפֿותדיקע זאַך.

אוסישקין האָט געהאַט אַ באַזונדערע באַציאונג צום מענטש פֿון ציוניסטישער פֿאַרווירקלעכונג, און אַלע זיינע אַנטפּלעקונגען. דערפֿון נעמט זיך זיין באַציאונג צו די בילויים, צום פּויער, צום לערער, צום אַרבעטער.

ער האָט זיך ניט באַגנוגנט מיטן שיקן מענטשן אויפֿן פֿראָנט. ער האָט זיך געהאַלטן פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די מענטשן וואָס ער באַטראַכט ווי געשיקטע אויפֿן פֿראָנט. בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט ער געשריבן אַן אַרטיקל מיטן נאָמען: „און וואָס וועט זיין מיט ארץ־ישראל״? אין וועלכן עס איז, דוכט זיך, פֿאַראַן מער הארץ־ציטער, ווי אין אַלץ וואָס ער האָט געשריבן פֿריער און נאָכדעם. „און אויף די ברעגעס פֿון מיטללענדישן ים, ווייט, ווייט פֿון אונז שטייט אַ הייפֿל מענטשן פֿון אונזערע ברידער און קעמפֿט מיט די לעצטע כּוחות צו ראַטעווען די ערשטע שפּראָצן פֿון אונזער אויפֿלעבונג, וואָס דאָס אידישע פֿאָלק האָט זיי איבערגעגעבן אַפּצוהיטן״. ער האָט געוואוסט דעם ווערט פֿון יענעם „מענטשן־קאַפּיטאַל״, וועלכן ווייניקע האָבן אָפּגעשאַצט. דאָס האָט מען אויך געפֿילט אין דער פּראַקטישער אַרבעט און אין פּערזענלעכן קאָנטאַקט. ער האָט באַגלייט די צווייטע עליה. נאָך איידער די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך פּראַקטיש אָנגעהויבן פֿאַרנעמען מיט נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע, זיינען געגרינדעט געוואָרן די ערשטע אַרבעטער־ישובים אין יהודה: עין־גנים, באר־יעקב, נחלת־יהודה, עין־חי. ווען ניט דער נייער גייסט, וואָס אוסישקין האָט אַריינגעבראַכט אין אָדעסער קאָמיטעט, וואָלטן די דאָזיקע ישובים ניט געגרינדעט געוואָרן.

ערשט נאָך דער מלחמה, ווען ער האָט זיך פּערמאַנענט באַזעצט אין ארץ־ישראל, איז בטל געוואָרן די געאָגראַפֿישע דיסטאַנץ און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער טאָג־טעגלעכער קאָנטאַקט. דאָס איז זיכער די שווערסטע פּראָבע פֿאַר יעדן ציוניסטישן פֿירער. אוסישקין האָט דאָך זיין טעטיקייט אין ארץ־ישראל אָנגעהויבן אין אַן עלטער, אין וועלכן אַנדערע ציען זיך צוריק פֿון אַקטיווער טעטיקייט בכלל. דערצו איז ער געקומען פֿון דער באָלשעוויסטישער רוסלאַנד. מיר אַלע ווייסן דאָך, וואָס פֿאַראַ מיינונגען און סענטימענטן עס האָבן אין לאַנד געבראַכט אַלע, אָדער די מערסטע, געראַטעוועטע רוסישע ציוניסטן. זיי האָבן דעם אידישן אַרבעטער געזען דורך די ברילן, וואָס זיי האָבן זיך איינגעשאַפּט אין דעם רוסישן בירגער־קריג. אוסישקין האָט אויך אַ שטיקל צייט געטאַפּט אין דער פֿינצטער, ביז וואַנען ער האָט אָנגעהויבן זען דעם ארץ־ישראלדיקן אַרבעטער ווי ער איז, ביז וואַנען ער האָט אים אָנגעהויבן זען פֿונדאַסניי, אַזוי ווי אַמאָל. ער האָט זיך ווידער אַריינגעוואָרפֿן אין דער פּראַקטישער אַרבעט, אָבער מיט אַ נייעם פֿאַרנעם. אָבער עס איז אים נישט באַשערט געווען צו זיצן בשלווה. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ריי אינערלעך־ציוניסטישע קאַמפֿן: אויף דער לאָנדאָנער קאָנפֿערענץ מיט דער דע־לימאַ־סאָלד־סימאָן קאָמיסיע, מיט די בראַנדייס־מענטשן אין קליוולאַנד, מיט ווייצמאַנען

און די מערבֿ־ציוניסטן אין קאַרלסבאַד. צו אוסישקינס צער, אָבער אויך צו זיין גליק, האָט מען אים דעמאָלט באַזייטיקט פֿון זיין אַמט אַלס דער פֿירער פֿון „ועד הצירים”. מען האָט אים פֿאַרשטופּט, האָט זיך געדוכט, אין אַ ווינקל, אין נאַציאָנאַל־פֿאָנד, אָבער דאָס וואָס ער האָט זיין לעבן פֿאַרבונדן מיט דעם קרן קימת איז גראָד געווען זיין מזל און דער מזל פֿון ציוניזם.

אינגערע ציוניסטן קענען זיך גאָרניט פֿאָרשטעלן וואָס דער אידישער נאַציאָנאַל־פֿאָנד איז אַמאָל געווען. פֿאַר פֿילע גוטע ציוניסטן איז דאָס געווען בלויז איינער פֿון די ציוניסטישע פֿאָנדן. פֿאַר הערמאַן שאַפּיראָ אָדער פֿאַר הערצלען איז דאָס געווען אַ גרויסע אידעע, אָבער באַלעבאַטישע ציוניסטן איז די דאָזיקע אידעע געווען כמעט פֿרעמד. „און דער באָדן זאָל ניט פֿאַרקויפֿט ווערן אויף אייביק” איז אַ גאַנץ שיינער פּסוק. אָבער ציען פֿון אים קאָנסעקווענצן פֿאַר עולם־הזה ענינים? גוטע מענטשן האָבן כסדר געפֿאָדערט אַ רעוויזיע פֿון די פּרינציפּן פֿון קרן־קימת: ערשט ווען דער נאַציאָנאַל־פֿאָנד וועט אָנהויבן דערווערבן באָדן־שטחים כדי זיי צו פֿאַרקויפֿן צו קאַפּיטאַליסטן, וועט ער ווערן אַ באַדייטנדיקע אינסטיטוציע; אויב ניט — וועט ער שטענדיק בלייבן אַ גראָשן־פֿאָנד. און דער אמת איז טאַקע, אַז אין די אַלע יאָרן ביז דער „אוסישקין־תקופֿה”, האָט דער נאַציאָנאַל־פֿאָנד דערוואָרבן ניט מער ווי צוואַנציק טויזנט דונאַם און דעם גרעסטן טייל פֿון דעם דאָזיקן באָדן האָט ער דערוואָרבן איבער־געוואָלט. עמעצער אַ טוער האָט געקויפֿט באָדן, און עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דער באָדן טויג ניט פֿאַר קאָלאָניזאַציע, און מען דאַרף פֿון אים פּטור ווערן — האָט מען דעם שטח איבערגעגעבן אין רשות פֿון נאַציאָנאַל־פֿאָנד (מרחביה איז געווען דער ערשטער באָדן־שטח, וואָס איז געקויפֿט געוואָרן בכיוון, ניט צופֿעליק, פֿאַר פֿראַנץ אָפּענהיימערס קאָלאָניזאַציע־פּלאַן). אַפֿילו אין דער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען ניט געווען פֿיל, וואָס האָבן געזען דעם נאַציאָנאַל־פֿאָנד, ווי די אינסטיטוציע וואָס ער דאַרף אַמאָל ווערן. נחמן סירקין איז געווען דער איינציקער אין זיין צייט, וואָס האָט דעם קרן קימת באַטראַכט ווי אַן אידעע, ווי אַ קאָלאָניזאַציע־סיסטעם. די הערשנדיקע קרייזן, און די ס. ס. און די פּועלי־ציון, זיינען מיט אים ניט מיטגעגאַנגען.

אוסישקין האָט דעם נאַציאָנאַל־פֿאָנד פֿיל געגעבן — און ער האָט פֿון אים אויך פֿיל גענומען. שטייענדיק אין צענטער פֿון דער באָדן־טעטיקייט, אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די זידלער און חלוצישע אידעען אין דער קאָלאָניזאַציע, האָט אוסישקין פֿיל געלערנט. ער האָט קענען געלערנט נייע פֿאַקטאָרן, נייע טענדענצן. אַז מען לייענט אוסישקינס ווערטער פֿון די לעצטע יאָרן, זעט מען, אין וואָס פֿאַר אַ מאָס ער האָט אויפֿגענומען

די אידעע פון נאַציאָנאַלן באַדן. פאַר אַ מאַן, וועלכער איז מיטביידע פיס געשטאַנען אין די גרענעצן פון דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט און די באַגריפן פון פּריוואַט־אייגנטום, איז זיכער ניט גרינג געווען אין אַלע פּראָבעס טריי צו בלייבן די פּרינציפּן פון קרן קימת. און עס זיינען דאָך אויך שטענדיק געווען איינפלוסרייכע מענטשן, וואָס האָבן זיך באַמיט דעם קרן קימת אַראָפּצופירן פון זיין וועג. עס איז אוסישקינען ניט אָנגעקומען גרינג צו אַקצעפּטירן דעם געדאַנק פון שטאָטישער קאָלאָניזאַציע אויפן נאַציאָנאַלן באָדן. דאָס איז ניט אַריין אין דער וועלט פון זיינע גרונט־באַגריפן. און אַוודאי און אַוודאי איז אים אָנגעקומען שווער בעת מען האָט געדאַרפט קויפן באָדן לעבן קאָלאָניעס אָדער שטעט — פון אידישע הענט. אָבער זיין באַציאונג צום אידישן אַרבעטער, דער מוז צו באַפעסטיקן די אידישע אַרבעט, צו פאַרגרעסערן די צאָל אידישע אַרבעטער אין די קאָלאָניעס, האָט אים געפירט, נאָך פיל קווענקלענישן, זיך צו אַנטשליסן פאַר די דאָזיקע זאַכן.

אוסישקין איז געווען ניט נאָר אַ מענטש פון שטענדיקער בויאונג, ער איז געווען אַן איש־מלחמה, אַ קעמפער. מיר האָבן אים אין די לעצטע יאָרן געזען אין שווערע קאַמפן. ער האָט אַמאָל אויך אויסגעמיטן קאַמפן — און האָט געלאָזט פּלאַץ פאַר באַשולדיקונגען וועגן „פשרות" און „אַלט־ווערן". פון דעם דאָזיקן קאַפּיטל אין זיין לעבן קען מען עפּעס לערנען. אוסישקין איז געווען דער מענטש פון פּאָליטישן גרויס־ציוניזם, ער איז אָבער ניט געווען צווישן די דוחקי־הקץ. זיין שטאַרקער חוש פאַר רעאַליטעטן איז בייגעקומען די דחיקת־הקץ, וואָס איז אים געווען אַזוי נאָענט צום הארצן. אין יעדן פאַל, ווען ער האָט געגלויבט, אַז דאָס פּראָקלאַמירן דעם „ענד־ציל" פּאַסט ניט צו אונזער לאַגע, האָט ער זיך און אַנדערע געצווימט. מיר געדענקען זיין קעגנערשאַפט צו דער פאָדערונג פון די רעוויזיאָניסטן, אַז דער ציוניסטישער קאָנגרעס זאָל פּראָקלאַמירן דעם „ענד־ציל". אָבער ער האָט זיך און אַנדערע ניט געגאַרט און האָט קיין מאָל ניט מסכים געווען צו קאָמפּראָמיסן וועגן זאַכן אויף וועלכע די נשמה קען ניט מוותר זיין. ער האָט איין מאָל פּרובירט כאַראַקטעריזירן צוויי „ראָסן" אין אידנטום: עס איז פאַראַן אַ איד וואָס, בעת ער שטעלט זיך צום דינסט פון אַ געוויסער פאָן, איז ער פעאיק די פאָן צו פאַרראַטן און דערזערטירן, אָבער ער קען זי קיין מאָל ניט אַראָפּלאָזן — און עס איז פאַראַן אַן אַנדער טיפּ איד, וואָס בלייבט שטענדיק טריי, אָבער ער איז פעאיק די פאָן לייכט אַראָפּצולאָזן. ער האָט קיין מאָל ניט פאַרזען די געוואַלדיקע שוועריקייטן וואָס לויערן אויף דער ציוניסטישער פּאָליטיק. דערפאַר האָט ער זיך קיין מאָל ניט אידענטיפיצירט מיט די וואָס

רעדן לײַכט װעגן גרױסע צילן, אָבער ער האָט אָפּגעװאָרפֿן יעטװעדע פּאָליטיק, װאָס איז גרײט, צוליב אַקטועלע שװעריקײטן, מװתּר צו זײַן אױף עיקר־זאַכן. ער איז ניט געגאַנגען מיט יענע, װאָס זײַנען שטענדיק גרײט צו פֿאָדערן דעם מאַקסימום און ער האָט ניט געקענט גײן מיט די, װאָס פּרובירן אין אַן עת־צרה עפּעס ראַטעװען דורך מװתּר זײַן אױף עיקרים. אָבער אין זײַנע קאַמפֿן האָט ער קײן מאָל זיך ניט באַפֿרײַט פֿון דער זאָרג פֿאַר דער גאַנצקײט פֿון דער ציוניסטישער מחנה. בלױז אײן מאָל האָט ער געהאַנדלט אַנדערש — אין פֿרײַבורג, אין דער אוגאַנדע־פֿראַגע. אָבער װען עס האָט זיך געהאַנדלט װעגן דער „חלוקה", האָט ער געװאָוסט, אַז מען מוז קודם־כּל אָפּהיטן די גאַנצקײט פֿון דער ציוניסטישער באַװעגונג, אַזױ אַז דע־לימאַ האָט אים דערקלערט װי אַ פֿאַררעטער קעגן ארץ־ישׂראל.

מיט זײַן גאַנצער תּקיפֿות איז ער פֿעאיק געװען אױף װיתּורים און אױף פּשרות מיט חברים־קעגנער, אָבער ער האָט געקעמפֿט פֿאַרן עיקר. אין דעם דערמאָנטן אַרטיקל באַקעמפֿט ער אַ טענדענץ, װאָס האָט גע־הערשט אין רוסישן ציוניזם בעת דער לעצטער מלחמה. ער קריטיקירט יענע ציוניסטן, װאָס האָבן זיך אין גאַנצן אַרײַנגעװאָרפֿן אין דער „קעגנ־װאַרט־אַרבעט" און גרײטן זיך צו דער דער קאָנסטיטוציאָנעלער צוקונפֿט פֿון רוסלאַנד. ער אַטאַקירט דאָס פֿאַרנאַכלעסיקן ארץ־ישׂראל. „איז דען אונזער גאַנצע אַרבעט אין די לעצטע פֿינף און צװאַנציק יאָר געװען בלױז אַ קינדער־שפּיל אָדער אַ שװינדל?... פֿאַרשטײט איר טאַקע ניט, אַז אײן קאָלאָניע אין ארץ־ישׂראל איז פֿאַר אונז װיכטיקער פֿון דער פּראַגע, װיפֿיל דעפּוטאַטן מיר װעלן דערװײַלן אין דער דומע? — אויב אַזױ, טאָ הערט אױף רעדן װעגן ציוניזם".

די דאָזיקע װערטער זײַנען אױך הײַנט גילטיק, און ניט נאָר אין חוץ־לאָרץ, נאָר אױך אין ארץ־ישׂראל...

ער האָט אונז פֿאַרלאָזן זאַט אין יאָרן, אָבער הונגעריק נאָך לעבן. זײַן לעבנס־זאַפֿט איז ניט פֿאַרטריקנט געװאָרן. קורץ און שװער זײַנען געװען די לעבנס פֿון די פּירער פֿון ציוניזם. װער פֿון זײ האָט אין זײַן לעבן געזען עפּעס אַ שׂכר פֿאַר זײַן אַרבעט? אױף אוסישקינען קען מען זאָגן, אַז ער האָט זײַן שׂכר באַקומען אין לעבן. און דאָך, זײַנען זײַנע לעצטע טעג געװען זײער אומעטיקע. דאָס הײפֿל מענטשן, װאָס האָבן געהערט זײַנע לעצטע װערטער אין ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, האָבן געזען װי גרױס עס איז דער ציטער אין האַרצן פֿון גרױסן מאַמין. גלױבן איז אײן זאַך — ציטער, איז אַן אַנדער זאַך.

ווען איינער שטאַרבט אין גוטן עלטער איז ניט גרינג צו זאָגן, אַז „עס איז ניטאָ ווער עס זאָל פֿאַרנעמען זיין פּלאַץ״, אַז ער האָט נאָך זיך געלאָזן אַ „פּוסטן חלל״. אָבער אַזוי איז דאָס. עס איז ניט נאָר אַן ענין פֿון באַשטימטע פֿעאיקייטן, עס איז אַ פֿאַרלוסט פֿון אַ פּערזענלעכקייט, וואָס האָט ניט קיין גלייכן צו זיך. ער האָט צווישן אונז געלעבט ווי דער סימבאָל פֿון אַן אַלגעמיינעם ציוניזם, ניט דער אַלגעמיינער ציוניזם אין געגנזנפּיסלעך, נאָר אַזאַ וואָס נעמט אַרום דעם פֿולן אינהאַלט פֿון ציוניזם און אורטיילט וועגן אַלע איינצלהייטן פֿון דעם דאָזיקן טאָטאַלן בליק־פּונקט. ער האָט ניט נאָר געאַרבעט — ער האָט אונז געהיט. זיין עצם זיין האָט אונז אָפּגעהיט פֿון פֿיל אינערלעכע פּורעניותן, פֿון שוואַכקייט און אומכּבֿוד, פֿון צוויסטיקייטן און פֿון פּוסטע טומלענישן. עס איז גוט געווען צו זען, ווי די באַוועגונג האָט פֿון זיך אַרויסגעגעבן אַ מענטש מיט אַזאַ ראַסן־כּוח, מיט אַזאַ מעכטיקער מענטאַליטעט, אַזאַ פֿרישן און הערצוו־דיקן, וואָס זיין אויער איז אויך אָפֿן געווען צום אינגסטן פֿון אונז. וויפֿיל מאָל פֿלעגט ער מיר אין שמועסן אָדער בריוו אויפֿמערקזאַם מאַכן אויף אַן אַרטיקל, אַ נאָטיץ, אַ דערציילונג, וואָס האָט אין אים אַרויסגערופֿן אַ ווידערקול, און פֿרעגן: ווער איז דער מחבר? עס איז גוט געווען צו זען דעם מאַן, וואָס שטייט אין מיטן פֿון דער קייט פֿון דורות און פֿילט זיך דאָך פֿאַרבונדן מיטן אינגסטן צווישן די אינגסטע. עס איז וויכטיק, אַז דער דאָזיקער צובונד פֿון אונזער לעבעדיקן דור צו אויסשקינען זאָל אויך איבערגעגעבן ווערן די קומענדיקע דורות, און אַז דאָס קינד, וואָס וואַקסט אויס אין אַרבעטער־ישוב, אויפֿן באָדן פֿון קרן קימת, זאָל געדענקען דעם מאַן וואָס האָט זיך משתּתּף געווען אין זעכציק יאָר חלוצישער טאַט.

דער בוי־מייסטער — ד״ר אַרטור רופּין

[רעדע אויף דער אַזכּרה־זיצונג פֿון ציוניסטישן אַקציאָנס־
קאָמיטעט, שבט תש״ג (1943).]

מיט פֿופֿציק יאָר צוריק האָט אַ. ל. לעווינסקי, אַ באַגאַבטער העבּ־רעאישער שריפֿטשטעלער, אַ מענטש מיט הומאָר, אָנגעשריבן אַ ציוני־ניסטישע אוטאָפּיע:* ווי אַזוי וועט ארץ־ישראל אויסזען שפּעטער מיט 150 יאָר? אַגבֿ־אורחא באַרירט ער דאָרטן אַ דעליקאַטע פֿראַגע: וואָס וועט זיין דער בייטראַג פֿון די פֿאַרשיידענע אידישע שבטים אין דעם אויפֿ־בוי פֿון דער אידישער צוקונפֿט? ער פּרובירט טרעפֿן, אויף אַזוי ווייט ווי מען האָט עס געקאָנט טאָן דעמאָלט, אין אָנהויב פֿון דער חובבי ציון, וואָס עס וועלן אויפֿטאָן די רוסישע, די פֿראַנצויזישע, די ענגלישע אידן. און צום סוף פֿרעגט ער: וואָס וועט זיין דער בייטראַג פֿון די דייטשע אידן? און ער ענטפֿערט מיט אַ שפּאַס: זיי וועלן קומען לאחר המעשה און שרייבן די געשיכטע פֿון דעם ישוב. זיי זיינען דאָך מייסטער אויף שרייבן גע־שיכטע. די אַנדערע וועלן „מאַכן געשיכטע״ און זיי וועלן זי — שרייבן.

קיין מענטש אַפֿילו ניט קיין נביא, האָט זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, אַז אַזוי וועט זיין די גזירה פֿון דער געשיכטע און אַזוי וועלן מאַסן אידן פֿאַרלאָזן דייטשלאַנד, אַז זייער עליה וועט ניט זיין קיין אידיליע, נאָר וועט געטריבן ווערן פֿון אַ קאַטאַסטראָפֿע, וואָס אין פֿאַרגלייך מיט איר וועלן אויסזען זייער בלאָס אַלע פֿריערדיקע חורבנות פֿון אידישע קהילות, אַז אַזוי וועט קיין ארץ־ישראל קומען די שארית ישראל פֿון דייטשלאַנד.

און ווער האָט זיך דעמאָלט פֿאַרגעשטעלט, אַז צוואַנציק יאָר פֿאַר דער קאַטאַסטראָפֿע, דעמאָלט בעת די דייטשע אידן זיינען נאָך געווען צופֿרידן מיט זייער מערכה, בעת זיי זיינען נאָך גליקלעך געווען מיט זייער זיכער־קייט און וואוילזיין און „וועלט־קולטור״, וועט גראָד פֿון זיי קומען צו די ערשטע בויער אינם לאַנד, וואָס איז פֿאַרזונקען אין דלות און אין שוואַכ־קייט און אָנמאַכט, אַ מענטש וואָס זיין גאַנץ האַרץ וועט זיין מיט די בויער און ער וועט ווערן דער מייסטער פֿון דעם בנין און זיינע הענט וועלן זיך אָפּגעבן מיט יעדער מלאכה, פֿון צייכענען פּלענער ביז זיי דורכפֿירן, און

* א. ל. לוינסקי, „מסע לארץ־ישראל בשנת ת״ת.

ער וועט אויף זיין פּלייצע אָנלאָדן די גאַנצע משא פֿון בוי און ער וועט זיך אַפֿילו ניט אָפּזאָגן פֿון דער בעטלער־טאָרבע און זיך ניט אָפּשרעקן פֿאַר אַלע שוועריקייטן?

אין יאָר 1907 איז צו די ברעגעס פֿון ארץ־ישראל געקומען אַ יונגער מענטש, עפּעס העכער פֿון דרייסיק, וואָס איז געבאָרן געוואָרן און דער־צויגן געוואָרן אין דייטשלאַנד. ער איז געווען אַן אַדוואָקאַט, אַ פּרייסישער „אַסעסאָר". ער איז ניט געווען דער ערשטער וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין ארץ־ישראל „צו אונטערזוכן די לאַגע". פֿאַר אים זיינען געקומען פֿיל, וואָס זיינען קיין ארץ־ישראל געשיקט געוואָרן דורך אינסטיטוציעס און פֿי־לאַנטראָפּן און סתם איינפֿלוסרייכע מענטשן, כּדי צו פֿאָרשן און „אַרויס־זאָגן זייער מיינונג" און פֿאַרענטפֿערן די פֿראַגעס פֿון די, וואָס האָבן זיי געשיקט. ארץ־ישראל, דער „נייער ישוב" ווי דער „אַלטער ישוב", האָט פֿון צייט צו צייט אַרויפֿגעקוקט צו די דאָזיקע „פֿאָרשער" און „אונטער־זוכער". וואָס וועט זיין זייער אורטייל: לשבט אָדער לחסד?

אַ יאָר שפּעטער איז דער יונגערמאַן צוריק געקומען. דאָס מאָל ניט ווי אַן „אונטערזוכער", נאָר ווי אַן „אַדמיניסטראַטאָר". ארץ־ישראל האָט געקענט אַ סך אַדמיניסטראַטאָרן. יעדער „נדיב", גרויס צו קליין, האָט געהאַט זיינע „אַדמיניסטראַטאָרן". יעדע חברה, אַ קליינע, צי אַ גרויסע, האָט געהאַט אירע „ממונים". זיי זיינען געשיקט געוואָרן צוליב גוטע צילן, זיי זיינען געקומען מיט גוטע כּוונות — אָבער עפּעס אַ קללה איז אויף זיי געלעגן. צווישן זיי און די, וועמען זיי האָבן געדאַרפֿט „אַדמיניסטרירן", איז געלעגן אַ תּהום, איבער וועלכן עס איז ניט געווען קיין בריק. יאָרן שפּעטער וועט אפֿשר קומען אַ פֿאָרשער און באַווייזן, אַז הירש, אַט דער אַדמיניסטראַטאָר וואָס איז געווען דער „ממונה" איבער די בילויים, און פֿון זיי געפֿאָדערט „דיסציפּלין" און דרך־ארץ, איז געווען אַ גוטער איד און אַ חובב־ציון. יאָרן שפּעטער וועט אפֿשר די געשיכטע פֿעסטשטעלן, אַז די דאָזיקע בחורים, די פֿאַנטאַזיאָרן, וואָס האָבן גאָרניט פֿאַרמאָגט, וואָס האָבן אַזוי ווייניק אויפֿגעטאָן, די שטורעמדיקע דיסקוטאַנטן און רעבעלן, זיינען געווען די אבות־אבות פֿון דער צוקונפֿט און זייער „מזל" האָט געזען דאָס וואָס עס האָבן ניט געזען די חכמי־הדור. אָבער בשעת מעשה האָבן זיי, דער עלזאַסער איד, דער „אַדמיניסטראַטאָר", און די רוסישע יונגעלייט, וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אויף דעם רוסישן רעוואָלוציאָ־נערן פֿאָלקיזם, ניט געהאַט קיין שום געמיינזאַמע שפּראַך. אין זיינע אויגן זיינען זיי „ניהיליסטן". ער איז פֿאַר זיי — אַ „טיראַן". פֿרעמדע.

אַט דאָס איז געווען די ערשטע באַגעגעניש צווישן די ערשטע קאָלאָ־ניסטן און די פֿאָרשטייער פֿון די קאָלאָניזאַטאָרן. ניט פֿיל בעסער איז עס

גענאַנגען מיט די שפּעטערדיקע אויפלאַגעס פון דער „אַדמיניסטראַציע״. דאָס האָט געקאָסט שווערע אומזיסטע קרבנות דעם גאַנצן קאָלאָניזאַציע־ווערק. דאָס איז געווען אַ טראַגעדיע פאַר אַלע צדדים, וואָס האָבן דער־מיט געהאַט אַ שייכות: די כּוונות זיינען צעשמעטערט געוואָרן אויף די פעלזן פון פרעמדקייט — די פרעמדקייט צווישן אידישע שבטים, און די סאָציאַלע פרעמדקייט צווישן אַנשי־מעלה און אַנשי מטה.

און אָט שיקט אויך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אירן אַן „אַדמי־ניסטראַטאָר״ קיין ארץ־ישראל. וואָס פאַר אַ חידושים וועט ער באַווייזן? ער דאַרף אויפשטעלן אַן אינסטיטוציע וואָס איר דייטשער נאָמען איז שוין געווען באַקאַנט אין פאָראויס: „פּאַלעסטינע־אַמט״! וואָס קען דאָס דאָזיקע וואָרט זאָגן דעם האַרצן? די בעסטע מענטשן אין ישוב האָבן זיך געריכט אויף גרויסע צרות. עס איז זיך צונויפגעקומען אַן „ארץ־ישראל באַראַטונג״ פון די וויכטיקסטע פערזענלעכקייטן אין ישוב, כּדי צו פּראָטעסטירן. אויב די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אַ ביסל געלט — און דער גאַנצער בו־דזשעט פון פּאַלעסטינע־אַמט האָט דעמאָלט באַטראָפן 8,000 פונט אַ יאָר, און מיט דעם דאָזיקן בודזשעט איז געשיקט געוואָרן אַ שליח מיוחד צו בויען דאָס לאַנד — איז ברוך השם פאַראַן צווישן וועמען דאָס צו פאַר־טיילן. ווער דאַרף עס האָבן אַ נייע „אַדמיניסטראַציע״? צו וואָס דאַרף מען האָבן נאָך אַ ביוראָ? וואָס קען צוגעבן אַ נייער מענטש וואָס קומט פון דערווייטנס, וועלכער קען ניט קיין העברעאיש, וועלכער איז ניט באַקאַנט מיט אידישע זיטן, וואָס זיין פרעמדקייט איז אַזוי בולט? אַזוי האָבן גערעדט און אַזוי האָבן געשריבן די, וועמען ס׳איז באַשערט געווען שפּעטער צו ווערן זיינע טרייע פריינט. גלייך פון אָנהויב, הייסט עס, האָט אויף רופּינען געלויערט די פרעמדקייט, וואָס האָט אין די לעצטע דורות שווער געמאַכט דעם קאָנטאַקט צווישן מזרח און מערב, צווישן דערווייטער־טע אידישע שבטים. שוין דער אומפריינטלעכער קבלת פּנים וואָס מען האָט אים געגעבן איז עלול געווען אים צו שטרויכלען. אָבער דער גוטער מזל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט געוואָלט, אַז דער יונגער מענטש, וואָס איז קיין ארץ־ישראל געקומען אין איר שליחות, זאָל אַליין איינזען די דאָזיקע שוועריקייטן און זאָל האָבן דעם אינערלעכן כּוח זיך איר צו שטעלן אַנטקעגן.

דער מזרח־אייראָפּעאישער איד איז פאַר זיי [פאַר די גרויסע פילאַנ־טראָפּישע געזעלשאַפטן אין מערב־אייראָפּע] ניט געווען קיין מיטאַרבעטער מיט גלייכע רעכט, נאָר בלויז אַן אָביעקט פון זייער טעטיקייט. דער מערב־אייראָפּעאישער איד האָט ניט געהאַט קיין שום באַגריף וועגן דעם גייסטיקן מוט פון דעם רוסישן אידן, וועגן זיין גרויסן אידעאַליזם, וועגן זיינע וואָ־

גיקע זעעלישע אייגנשאַפֿטן. ערשט אַ דאַנק דעם ציוניזם האָט זיך די דאַזיקע לאַגע געענדערט. דער תהום צווישן מזרח און מערב איז נאָך אין גאַנצן ניט פֿאַרשטאָפּט געוואָרן, אָבער די בריק איבער אים איז שוין געבויט געוואָרן. (רופּין: „די אידן אין דער איצטיקער צייט").

יאָ, „אַ דאַנק דעם ציוניזם האָט זיך די דאָזיקע לאַגע געענדערט". אַ דאַנק דעם ציוניזם האָבן זיך די אידן פֿון מערב און פֿון מזרח באַגעגנט גאָר אַנדערש ווי זיי האָבן זיך באַגעגנט אין פֿילאַנטראָפּישע אונטערנעמונגען און קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפֿטן. שוין אויפֿן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט הערצל, צו זיין פֿרייד און איבעררראַשונג, אַנטדעקט אין דעם מזרח־אייראָפּעאישן אידן גאָר אַן אַנדער געשטאַלט ווי די, וואָס מען איז געווען געוואוינט צו זען אין מערב־אייראָפּע. „איך בין זיך מודה, אַז פֿאַר מיר איז דאָס אויפֿטרעטן פֿון די רוסישע אידן געווען די גרעסטע געשעעניש אויפֿן קאָנגרעס... אויף זיי וועט דאָך ליגן די אויפֿגאַבע צו טאָן די ערשטע קולטור־אַרבעט אין וויסטן לאַנד. זיי ווילן דאָך און וועלן דאָך אויפֿאַקערן דעם באָדן. אָבער מיר האָבן שטענדיק געמיינט, אַז זיי וועלן זיך נויטיקן אין אונזער גייסטיקער הילף און פֿירערשאַפֿט — און אָט איז פֿאַר אונזערע אויגן אויף דעם באַזעלער קאָנגרעס דערשינען אַ רוסיש אידנטום מיט אַ קולטור־ניוואָ וואָס מיר האָבן זיך קיין מאָל ניט פֿאַרגעשטעלט". אין דער ציוניסטישער ספֿערע האָבן זיך פֿון דעמאָלט אָן און ביזן היינטיקן טאָג אַנטדעקט און אַנטפּלעקט איינע די אַנדערע די פֿאַרשיידענע שבטים, כאָטש ניט שטענדיק איז עס געווען אַן אידילישע באַגעגעניש צווישן ברידער. ווען רופּין איז געקומען צום ציוניזם, האָט ער שוין דאָרטן געפֿונען אַן אַטמאָספֿער, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט גאָר אַן אַנדער באַגעגעניש צווישן מזרח און מערב. אָבער די אַטמאָספֿער אַליין מאַכט נאָך ניט די באַגעגעניש. ער אַליין, אַרטור רופּין, האָט באַזיצט די פּערזענלעכע אייגנשאַפֿטן וואָס האָבן זיך געפֿאָדערט פֿון איינעם פֿון די הויפּט־בויער פֿון דער „בריק".

שוין דער עצם פּערזענלעכער קאָנטאַקט מיט אים האָט געשאַפֿן די דאָזיקע בריק. פֿון אים האָט אַרויסגעשיינט יענע גייסטיקע פֿרייהייט, איידלקייט און מענטשן־ליבע, וואָס נעמט אַוועק מחיצות און באַפֿרייט פֿון פֿאַרטיילן, פֿאָראורטיילן פֿון אָפּשטאַם און קלאַס. ער איז דאָס געווען דער, וואָס האָט פֿון דאָס ניי אַנטדעקט יהושע כאַנקין און פֿאַר אים געעפֿנט זיין אַרבעטס־פֿעלד, וואָס פֿריער האָט ער זיך געהאַלטן אין איין עפֿענען און גלייך צוריק זיך פֿאַרשליסן* ער האָט זיין צוטרוי געשענקט יצחק

* יהושע כאַנקינס נאָמען איז פֿאַרבונדן מיט די וויכטיקסטע אידישע באָדן־קניות אין ארץ־ישראל.

ווילקאַנסקין* און אים געגעבן די מעגלעכקייט צו זוכן נייע וועגן אין דער אידישער קאָלאָניזאַציע. ער איז געווען אַ פריינט פון דעם פראַנצווי־זישן אידן פראַנק, דעם רוסישן אידן אליהו בערלין, דעם ספרדי ענתבי און אַפילו פון דעם צאַרטן בוטשאַטשער בחור, טשאַטשקעס, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן ש״י עגנון.

און עס איז אויך געווען אַ מזל וואָס רופּין איז קיין ארץ־ישראל געקומען אַ יונגער מענטש. דאָס לאַנד איז געווען יונג, זיינע בויער זיינען געווען יונג און אויך ער איז געווען יונג. ער איז ניט געקומען ווי איינער פון די באַרימטע „עקספּערטן״, וואָס זיינען אָנגעלאָדן מיט תורה און דערפאַ־רונגען און דערגרייכונגען און זיי זיינען מיט זייער פאַרגאַנגענהייט אַזוי טיף פאַרבונדן, אַז אין האַרצן בלייבט ניט קיין פּלאַץ אויפצונעמען עפּעס מיט וואָס זיי זיינען נאָך ניט באַקאַנט. מיט אַלע זיינע פריערדיקע דער־גרייכונגען אויף פאַרשיידענע געביטן און זיינע סאָלידע קוואַליפיקאַציעס פאַר זיין אויפגאַבע איז ער קיין ארץ־ישראל געקומען ווי אַן אָנפאַנגער, האָט זיך באַטראַכט ווי אַן אָנפאַנגער, און ער האָט זיך ניט באַצויגן מיט קיין ביטול צו די אַנדערע אָנפאַנגער וואָס ער האָט געפונען אין לאַנד. ער איז קיין ארץ־ישראל ניט געקומען מיט אַ פאַרטיקער קאָלאָניזאַציע־סיסטעם, מיט פאַרטיקע סכעמעס און, מען קען אפשר זאָגן, אויך אָן דאָקטרינערע פאָראורטיילן (ער האָט מיר איין מאָל דערציילט, אַז אין זיינע יוגנט־יאָרן האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט דער מאַרקסיסטישער טעאָריע און זי האָט עס אים געטריבן זיך צו אינטערעסירן מיטן שטודיום פון אידישן גורל און אים געפירט צום ציוניזם). דערפאַר האָט ער מיט זיך געבראַכט אַן אומאויסשעפּלעכן קוואַל פון זעלישער און אינטעלעקטועלער פריש־קייט, אַ באַהאַלטענעם טאַלאַנט צו גלויבן, וואָס איז געצוימט פון פאַר־זיכטיקן און סקעפּטישן, זוכנדיקן און קאַלקולירנדיקן אינטעלעקט און אַן אומאויפהערלעכע גרייטקייט צו לערנען. רופּין האָט דאָס גאַנצע לעבן געלערנט — אויף די פאַרשיידנסטע געביטן. און ניט נאָר פון די ביכער האָט ער געלערנט, נאָר אויך פון זיין אַרבעט, פון זיין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט מענטשן. מער ווי יעדער אַנדערער, האָט ער געהאַט דאָס רעכט וועגן זיך צו זאָגן: מכל תלמידי השכלתי.

---

* יצחק ווילקאַנסקי, איינער פון די פּיאָנערן־אַגראָנאָמען פון ארץ־ישראל, איז דער לייטער פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער עקספּערימענטאַלער סטאַנציע אין רחובות און פּראָפעסאָר פון לאַנדווירטשאַפט אין דער העברעאישער אוניווערזיטעט. ער פאַר־נעמט אויך אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער העברעאישער ליטעראַטור, אַלס פּובליציסט און ליטעראַטור־קריטיקער.

רופּין איז ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנער, ער האָט ניט געהאַט קיין אַספּיראַציעס צו זיין דער טרעגער פון אַ רעוואָלוציאָנערער שליחות, אָבער אין דער געשיכטע פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל האָט ער דורכגעפירט די רעוואָלוציאָנערסטע מיסיע. ער האָט אין גאַנצן, מיט אַלע זיינע אינערלעכע כּוחות, זיך אַריינגעוואָרפן אינם אויפבוי און מיטן כּוח פון זיין קאָנסטרוקטיוויזם האָט ער דורכגעפירט אַ „פרידלעכע רעוואָלוציע", אַט יענע רעוואָלוציע אין אונזער קאָלאָניזאַציע, וואָס ווען זי וואָלט ניט געשען אין אַ באַשטימטן מאָמענט, וואָלט דעמאָלט דער שעפערישער כּוח פון ציוניזם אין גאַנצן צעטרענצלט געוואָרן.

ער איז געקומען קיין ארץ־ישראל, און פון ארץ־ישראל צום ציוניזם, אין שווערע, כּמורנע צייטן, ניט אין די זוניקע טעג פון הערצלען, נאָר אין אַ ירידה־צייט, נאָך דעם אוגאַנדע־קריזיס. עס איז צעשמעטערט געוואָרן דער פּאָליטישער חלום, און אויך דאָס האַרץ פון דעם אויסדערוויילטן טרוימער, וואָס האָט געוועקט גלויבן, איז צעבראָכן געוואָרן. עס האָט זיך אָפּגעטאָן די שיין פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. זי איז געבליבן אָן פּאָליטישע דערגרייכונגען און אָן קאָלאָניזאַטאָרישע טאַטן. עס איז ניט געווען קיין קאָנקרעטע אויסזיכטן אויף וואָסער ניט איז נצחון. ס'איז גרויס געווען די צאָל אידן, וואָס האָבן פאַרלאָזט די מחנה. אין יענער צייט האָט רופּין, דער ניט־ציוניסט, זיך פאַרבונדן מיט דעם ארץ־ישראל ווערק.

ער האָט דעם ישוב געפונען אין זייער אַ שווערער לאַגע. דלות, ליידן, אָפּגעלאָזנקייט. דעם שטיקלווירטשאַפט וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין לאַנד האָט געפעלט יעדער סאָלידער יסוד. אָבער ער, דער עקאָנאָמיסט און דער סטאַטיסטיקער, האָט געזען ניט בלויז די ווירטשאַפט נאָר אויך דעם מענטשן. און דאָ האָט ער אויך געפונען אַ שווערע לאַגע. ער האָט פעסטגעשטעלט אַ דיאַגנאָז, ניט קיין עקאָנאָמישן און ניט קיין סאָציאָלאָגישן, נאָר אַ ביאָלאָגישן: „פריצייטיק אַלט־ווערן". ער האָט אויך געשעצט דעם אויפטו פון די ראשונים, זייערע קרבנות, אָבער ער האָט געזען זייער ירידה: זיי האָבן ניט קיין המשך. „עס זיינען פאַראַן קאָלאָניעס, וואָס מאַכן דעם איינדרוק פון מושבי זקנים". „די קינדער האָבן פון זייערע עלטערן ניט געירשנט די באַגייסטערונג און די האָפענונג". זיי פאַרלאָזן די „זינקענדיקע שיף". אין אַ צייט שפּעטער, ווען ער האָט איין מאָל פּרובירט פאָרמולירן דעם קריזיס, וואָס דער ישוב האָט דורכגעמאַכט ערב דער צווייטער עליה, האָט ער עס געטאָן אין די פאָלגנדיקע ווערטער: „דער בעל־הבתישער גייסט איז שטאַרקער געווען פון דעם גייסט פון חלוציות".

און אין איינקלאַנג מיט דעם דיאַגנאָז — די תּרופה. פון אַלע זייטן קומען פאָרשלאָגן וועגן „רעפאָרמען". מען דיסקוטירט די פּרייזן פון וויינ־

טרויבן און אָראַנזשן. אָבער ער, דער עקאָנאָמיסט און סטאַטיסטיקער, הויבט אָן פונם מענטשן: „עס איז נויטיק צו באַנייען דאָס בלוט. דאָס ארץ־ישראל ווערק איז האָפענונגסלאָז אָן אַ נייעם טרעגער פון ציוניסטישן ענטוזיאַזם״. און אַזוי ווי ער האָט געזוכט טרעגער פון ציוניסטישן ענ־טוזיאַזם, האָט ער זיי געפונען בלויז אין יענעם הייפל בחורים, יונגע עולים, וואָס די לופט פון ארץ־ישראל, וואָס מאַכט קלוג, האָט זיי ניט באַ־וויזן קלוג צו מאַכן. זיי האָבן נאָך ניט באַוויזן אין ארץ־ישראל צו שאַפן עפעס אַ דבר של ממש, זיי האָבן נאָך ניט געוואוסט וואוהין זיי גייען, זיי האָבן נאָך ניט אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן ווירטשאַפטלעכע פעאיקייטן און געווען וייט פון פאַרשטיין ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען, זיי זיינען נאָך אַפילו ניט געווען קיין „נאַטירלעכע אַרבעטער״ — אָבער זיי האָבן גע־פיבערט מיטן פייער פון ציוניזם. אין קיין שום טעאָרעטישן בוך וועגן קאָלאָניזאַציע איז ניט געזאָגט געוואָרן, אַז גראָד אַזעלכע מענטשן וועלן טויגן פאַר אַ קאָלאָניזאַציע־ווערק. אַזעלכע האָט רופּין געפונען אין ארץ־ישראל — און אויף זיי האָט ער געלייגט זיין האָפענונג.

רופּין האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז ער וואָלט געוואָלט שרייבן, אין דער פאָרם פון פּערזענלעכע דעראינערונגען, אויפן יסוד פון זיינע נאָטיצן און בריוו פון יענער צייט, אַ געשיכטע פון אונזער קאָלאָניזאַציע ווערק. ווען עס וואָלט אים באַשערט געווען צו שרייבן אַזאַ מין סאָרט פּערזענלעכן באַריכט וועגן זיין לעבנס־ווערק, וואָלטן מיר אפשר געקענט זען ווי אַזוי דער דאָזיקער מאַן, וועלכער איז געקומען פון דערוויטנס, האָט געפונען יענע געמיינזאַמע שפּראַך מיט דעם הייפל יונגע מענטשן, וואָס ציוניסטן וואָס זיינען זיי נאָענט געווען, מענטשן מיט אַ בשותפותדיקער קולטור, האָבן ניט געפונען. ס׳איז ניט געווען קיין פשוטער ענין. דעם „פּאַלעסטינע־אַמט״ האָבן ניט געפעלט קיין פּראָיעקטן. עס זיינען געווען אַלטע קאָלאָ־ניסטן, וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין פינאַנציעלער הילף. ס׳זיינען געווען „אַלטע אַרבעטער״, מאַהיקאַנער פון דעם באַראָנס תקופה, מיט זייערע פאָדערונגען. עס זיינען געווען „פּראַקטישע מענטשן״, וואָס האָבן געוואוסט ווי אַזוי מען דאַרף אויסגעבן די געלטער פון דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע אויף דעם סאַמע פּראַקטישסטן אופן: איר ווילט פלאַנצן אַ „הערצל־וואַלד״? אַדרבה! אין ארץ־ישראל זיינען פאַראַן דערפאַרענע מענטשן, וואָס מען קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן, אַז זיי וועלן שוין די אַרבעט טאָן, און זי וועט קאָסטן ביליקער ווי אַרבעט וואָס וועט געטאָן ווערן דורך נייע מענטשן און דווקא מיט אידישע הענט. איצט איז שווער צו גלויבן, אַז אַפילו אין די זעלבסטשטענדיקע קאָלאָניזאַציע־אָנהויבן פון דער ציוניס־טישער אַדמיניסטראַציע זיינען די „ידי יעקב״ כלל ניט געווען קיין זעלבסט־

פֿאַרשטענדלעכער ענין, און עס האָט זיך געפֿאָדערט אַ ביטערער און פֿאַר־צויגענער קאַמף ביז דאָס איז געוואָרן אַ „דרך הטבע". די „פּראַקטישע מענטשן" האָבן געוואוסט, אַז עס זיינען פֿאַראַן אין דעם עקזיסטירנדיקן ישוב געגוג ערטער, אין וועלכע צו אינוועסטירן דאָס ביסל ציוניסטיש געלט, אַזוי אַז עס זאָל ניט גיין אין גיוועץ דורך „אומפּראַקטישע אַרבעטס־מעטאָדן".

רופּין איז געגאַנגען אויף אַן אַנדערן, אויף אַן אומפּראַקטישן וועג. ער האָט געהאַלטן, אַז די „טרעגער פֿון דעם ציוניסטישן ענטוזיאַזם" דאַרפֿן ווערן די טרעגער פֿון דער קאָלאָניזאַטאָרישער טאַט. ער האָט זיך פֿאַרנומען מיט פּראָיעקטן פֿון זייער צווייפֿלהאַפֿטער פּראַקטישקייט, וואָס האָבן דערפֿאַר פֿאַרשפּראָכן אַריינצושטראָמען נייַ בלוט אין דעם קראַנקן קערפּער פֿון דעם ישוב: ער האָט געפּלאַנצט אַ וואַלד מיט אומדערפֿאַ־רענע אַרבעטער, אונטער דער לייטונג פֿון אומדערפֿאַרענע אַגראָנאָמען, ער האָט געבויט לערן־פֿערמעס, אין וועלכע אַרבעטער האָבן באַקומען אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכע שולונג. „פּראַקטישע מענטשן" האָבן געצויגן מיט די אַקסלען. זיי האָבן געקענט דערציילן, אַז דאָס אַלץ איז שוין אַמאָל געווען און עס האָט זיך אויסגעלאָזן מיט גאָרנישט. זיי האָבן געקענט באַווייזן, ווי וואַקלדיק עס זיינען די חשבונות און וואָס פֿאַראַ פֿאַרלוסטן עס זיינען פֿאַרבונדן מיט אָט די אַלע פּלענער. די חשבונות זיינען טאַקע געווען זייער וואַקלדיקע; די פֿאַרלוסטן — זיכערע. אָבער דער לעצטער חשבון איז געווען אַ גערעכטער. דער פֿאַרלוסט איז געדעקט געוואָרן, די לערן־פֿערמעס האָבן ניט געבראַכט די רעזולטאַטן, וואָס די פּלענער האָבן פֿאַרשפּראָכן, אָבער זיי זיינען געוואָרן דער וואַרשטאַט, אין וועלכן עס איז אויסגעשמידט געוואָרן די חלוצישע טאַט, פֿון וועלכן עס איז געקומען די אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, פֿון וועלכן עס איז אַרויסגעוואַקסן די אידישע געמישטע לאַנדווירטשאַפֿט.

אין רופּינס לעבנס־בוך איז געשטאַנען דער כּלל: „אַ טעות וואָס ברענגט צו אַ טאַט איז אָפֿט מאָל טויזנט מאָל ווערטפֿולער פֿון אַן אמת, וואָס צוימט די ענערגיע און שוואַכט אָפּ די הענט". דער דאָזיקער כּלל איז געשטאַנען אין פֿולשטענדיקן קעגנזאַץ צו דעם „עכט־קויפֿמענישן" שטאַנדפּונקט, וואָס עס האָט דעמאָלט פֿאַרטראָטן די ציוניסטישע פֿירער־שאַפֿט, וואָס האָט רופּינען געשיקט קיין ארץ־ישראל. זי האָט פֿאַרגעצויגן צו זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט, אַבי ניט צו מאַכן קיין טעותן און ניט צו שטעלן אין געפֿאַר קיין איין פּרוטה. רופּין האָט זיך פֿאַר קיין טעותן ניט געשראָקן, כאָטש תּקיפֿים מיט גרויסע תּביעות, וואָס האָבן ניט געקענט פֿאַרטראָגן קיין נייַע מענטשן און קיין חידושים, האָבן אויף אים געקוקט

מיט פֿאַרדעכטיקע אויגן און געזוכט פֿעלערן און דורכפֿאַלן. רופין האָט ניט געשטרעבט צו זיין אַן איש־מלחמה, אָבער פֿון צייט־צו־צייט איז קעגן אים פּראָקלאַמירט געוואָרן קריג און זיין גאַנצע טעטיקייט אין ארץ־ישראל איז פֿאַקטיש געווען פֿאַרבונדן מיט אַ פּערמאַנענטן קאַמף. גע־ראַנגל מיט שונאים און מיט קעגנער, געראַנגל מיט „בעסער־וויסער", געראַנגל מיט פֿריינד, וואָס זיינען גרייט מפֿקיר צו זיין דאָס קאָלאָניזאַציע־ווערק פֿאַר יעדער נייער „מאָדע". אין דעם דאָזיקן געראַנגל איז ער געווען דער פֿירשפּרעכער פֿון דעם קאָלאָניזאַטאָריש־חלוצישן ווערק און האָט דערצויגן די ציוניסטישע באַוועגונג און דעם קאָלאָניסט אין איין און דער זעלבער צייט.

רופין האָט געהאַט דעם גרויסן טאַלאַנט צו דערציען און מדריך צו זיין — ניט שפּאַנענדיק בראש און ניט רעדנדיק אויפֿן קול. ער האָט דער־צויגן און מדריך געווען ווי אַ באַגלייטער פֿון די טאָט־מענטשן, דורך אויס־שטרעקן אַ האַנט די נייע כּוחות, וואָס האָבן געשטעלט די ערשטע טריט. ער האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן אויפֿמערקזאַמקייט דער איניציאַטיוו פֿון דעם מיטמענטשן, ער האָט מענטשן געגעבן זיין צוטרוי, דורך זיין הילף און זיין באַנעמונג האָט ער אין זיי געשטאַרקט דעם גלויבן אין זיך אַליין און אין זייער טאָט. אויף אַזאַ אופֿן האָט ער זייער אַרבעט דיריזשירט און אין זיי געוועקט זייערע שעפֿערישע כּוחות.

רופין איז ניט געווען קיין מענטש פֿון „מאַנאַקולטור". ער איז ניט געווען קיין „משוגע לדבר אחד". ער איז געווען צווישן די איניציאַטאָרן פֿון דער גרינדונג פֿון תּל־אָביב, ער האָט געגרינדעט די „חברת הכשרת הישוב", ער האָט דערמוטיקט כּלערליי אָנהויבן פֿון אַן ארץ־ישראלדיקער אינדוסטריע. ער האָט געהאַט אַ חלק אין שיקן ש. יבנאלי קיין תּימן און אין אָרגאַניזירן קאָלאָניסטן מיט אייגענע געלט־מיטלען אין „אחוזות", אין גרינדן די אַרבעטער־באַנק און די „בנק בעלי־מלאכה", אין דעם אידישן פּרידנס־געריכט און דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער עקספּערימענטאַלער סטאַנ־ציע, אין דער קאָלאָניזאַציע געזעלשאַפֿט פֿאַר דייטשע פּליטים „ראַסקאָ" און דעם „מכון לחקר הכּלכּלה" („אינסטיטוט פֿאַר עקאָנאָמישע שטודיעס"). ער האָט פֿאַרזייט פֿיל און פֿאַרשיידענע קערנדלעך. ניט אַלע זיינען געראָטן אין דער זעלבער מאָס. און עס איז ניט קיין צופֿאַל וואָס זיין הויפּט־אויפֿטו איז געווען די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניזאַציע.

דער אַנטשיידנדיקער פּונקט אין רופינס לעבנס־ווערק — און דאָס איז אויך געווען דער ווענד־פּונקט אין דער געשיכטע פֿון אונזער קאָלאָ־ניזאַציע — איז געווען דאָס אָפּשאַפֿן פֿון דעם אַפּיטרופּסות־רעזשים. דער קאַמף קעגן דער סיסטעם פֿון פֿון אויבן אַרויפֿגעזעצטע אַפּיטרופּסים איבער

די קאָלאָניסטן איז פֿאַרבונדן מיטן נאָמען אחד־העם, און ער האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף דער ציוניסטישע עפֿנטלעכער מיינונג. אָבער וואָס זאָל קומען אויף איר פּלאַץ? אַנטקעגן דעם רעאַלן קאָלאָניסט, וואָס איז געווען אָפּהענגיק פֿון די פֿרעמדע אַדמיניסטראַטאָרן און האָט געלעבט פֿון „שטי־צע", איז גוט געווען אַוועקצושטעלן די אידעאַלע געשטאַלט פֿון אַ פֿרייען לאַנדווירט, וואָס קאָלאָניזירט זיך מיט זיינע אייגענע מיטלען, לעבט פֿון דער הכנסה פֿון זיין ווירטשאַפֿט, טראָגט פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר זיינע רווחים און פֿאַרלוסטן און נויטיקט זיך, ווי עס איז דער שטייגער ביי פֿאַרוואָרצלטע פּויערים אין דער ברייטער וועלט, בלויז אין אַ טעכני־שער עצה און אין נאָרמאַלן קרעדיט. אָבער נאָך צענדליגער יאָרן פֿון אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל איז נאָך אין לאַנד ניט געשאַפֿן געוואָרן דער טיפּ פֿון אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אונטערנעמונג, וואָס שטייט אויף די אייגענע פֿיס, און אַזאַ טיפּ פֿון אַן אידעאַלן לאַנדווירט — אַ מענטש מיט אייגענע מיטלען, וואָס האָט ליב זיין באָדן און איז אויך אַ גוטער אַרבעטער — איז אויך געווען בלויז אַן אָביעקט פֿון בענקשאַפֿט אין דער חיבת־ציון ליטעראַטור. די איינציקע מעגלעכקייט צו שאַפֿן אַן אמתע לאַנדווירטשאַפֿט איז געווען צו דערציען עולים, וואָס האָבן ניט קיין אייגענע מיטלען, דורכצופֿירן זיי דורך די פֿאַרשיידענע עטאַפּן פֿון חלוצישער אַרבעט און אויסשטאַטן זיי מיט עפֿנטלעכע געלטער. אָבער ווי אַזוי גיט מען איבער מיטלען צו מענטשן, וואָס ווייסן ניט ווי אַזוי זיך מיט זיי צו באַנוצן? ווי אַזוי דערציט מען מענטשן אָן משגיחים און אָן אַדמיניסטראַטאָרן? מיט די פּראָגעס האָט זיך דער ציוניזם געראַנגלט. די ערשטע קאָלאָניזאַטאָרישע התחלות פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, די אַזוי גערופֿענע „נאַציאָנאַלע פֿערמעס" — כנרת, בן־שמן, חולדה, — זיינען אויך געווען געבויט אויפֿן יסוד פֿון אַן „אַדמיניסטראַציע" פֿון אויבן באַשטימטע באַאַמטע — און דער עקספּערימענט איז ניט געלונגען. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער איז ניט קיין „גוטער מאַטעריאַל" צו אַרבעטן אונטער דער השגחה פֿון באַאַמטע. די ווירטשאַפֿט האָט זיך ניט באַצאָלט. די באַאַמטע האָבן באַשולדיקט די אַר־בעטער, און די אַרבעטער — די באַאַמטע. מען האָט זיך געקריגט אָן אַן אויפֿהער. מען האָט ניט געזען קיין אויסוועג.

און אָט האָט דער „פּאַלעסטינע־אַמט", נאָך אַ שווערן סכסוך צווישן די באַאַמטע און אַרבעטער אין כנרת, מסכּים געווען צו מאַכן אַ קליינעם עקספּערימענט, איבערצוגעבן אַ גרופּע פֿון זעקס אַרבעטער און איין אַרבעטערין אַ שטיקל באָדן פֿון דער פֿערמע אויף דער מזרח זייט פֿון ירדן, דעם באָדן פֿון אום־דזשוני, און זיי לאָזן עס באַאַרבעטן אויף אייגע־

נער אחריות, אַן אַ דרויסנדיקער אַדמיניסטראַציע. אַט דער קלײנער אינ־צידענט האָט געשפּילט אַן אַנטשײדנדיקע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער קאָלאָניזאַציע, אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און אפשר אויך אינם פורעמען דעם כאַראַקטער פון דעם ציוניסטישן ווערק בכלל. צי די מענטשן, וואָס האָבן זיך אין דעם באַטייליקט האָבן געזען וואוהי׳ן די זאַך וועט פירן, צי זיי זײַנען בלויז געפירט געוואָרן פון זײער יוגנט־תמימות — די צוקונפט איז געלעגן פאַרבאָרגן אין דעם דאָזיקן קלײנעם באַשלוס.

דאָס איז פאַרשטייט זיך, געווען בלויז אַן עקספּערימענט. אַ קלײנער פראַגמענטאַרישער, באַשײדענער, פאָרזיכטיקער עקספּערימענט. די וואָס האָבן זיך אין אים באַטייליקט, זײַנען געווען זײער פאָרזיכטיק. דער עקס־פּערימענט איז ניט באַגלייט געוואָרן פון קיין שום הויכע דיבורים. די ציוניסטישע פּרעסע, וואָס האָט געשפּייזט אירע לייענער מיט בשורות און נחמות וועגן קאַפּיטאַליסטן וואָס אָט באַלד קומען זיי קיין ארץ־ישראל, וועגן גרויסע אונטערנעמונגען וואָס אָט באַלד ווערן זיי געגרינדעט — האָט, דוכט זיך מיר, דער דאָזיקער טאַט ניט געווידמעט אפילו עטלעכע שורות אין דער כראָניק, אָבער דאָס פעלן פון רעקלאַמע האָט דעם ענין ניט אָנגעטאָן קיין שאָדן. דער ערשטער עקספּערימענט האָט זיך גוט באַרעכטיקט. עס איז פאַרפעסטיקט געוואָרן דער צוטרוי צווישן דער קלײנער גרופּע און דעם „פּאַלעסטינע־אַמט". ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ נײער סטיל פון באַ־ציאונגען צווישן באַאַמטע און קאָלאָניסטן, אַ סטיל וואָס איז ביז דעמאָלט אין ארץ־ישראל ניט געווען. און אפילו ווען די דאָזיקע צייטווײַליקע גרופּע האָט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ און אויף איר אָרט איז געקומען אַ פּער־מאַנענטע גרופּע (די איצטיקע דגניה), האָט זיך ניט געענדערט דער דאָ־זיקער סטיל פון קעגנזײַטיקן צוטרוי און דרך־ארץ.

אַרום יענער צײַט איז אויסגעבראָכן דער גרויסער סטרייק אין כנרת. אינם דאָזיקן סטרייק האָט דער באַאַמטן־רעזשים דורכגעמאַכט אַ שווערן קריזיס. מער ווי די שווערע באַדינגונגען, האָבן צו דעם דאָזיקן סטרייק געפירט שווערע „באַציאונגען". די אַרבעטער האָבן געלעבט אין אימה־דיקע וואוין־באַדינגונגען. פילע קראַנקע האָבן ניט באַקומען קיין שום מעדיצינישע באַהאַנדלונג. קראַנקע זײַנען געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע, אָן בעטן, אונטער אַ רינענדיקן דאַך. אין דער זעלבער צײַט איז פאַר זײערע אויגן געבויט געוואָרן אַ פּראַכטפול הויז פאַר דער פאַמיליע פון דעם באַ־אַמטן. עס זײַנען געווען צוויי טויט־פאַלן, אײנער נאָכן אַנדערן, און דער באַאַמטער האָט זיך אָנטזאָגט צו געבן אַ פּאָר מויל־אייזלען פאַר דער לוויה. ווען די אַרבעטער זײַנען צוריקגעקומען פון דער לוויה, האָבן זיי צום

באַאַמטן געשיקט אַ דעלעגאַציע, וואָס האָט אים געלאָזט וויסן, אַז ער איז אָפּגעזאָגט געוואָרן פֿון דער שטעלע. עס איז אָבער דעמאָלט געווען דער פֿאַרזיי־סעזאָן, און כּדי די נאַציאָנאַלע ווירטשאַפֿט זאָל ניט ליידן, האָבן די אַרבעטער באַשלאָסן צו נעמען די פֿערמע אין זייערע הענט ביז וואַנען דער „פּאַלעסטינע־אַמט" וועט באַשליסן וועגן איר גורל, צו לייטן זי אין דער פֿולסטער אָרדענונג, אַזוי אַז די אַרבעט זאָל זיך ניט אָפּשטעלן אַפֿילו אויף קיין איין שעה. די אַרבעטער אין כּנרת האָבן דעמאָלט אַפֿילו ניט געחלומט, אַז ס׳וועט קומען אַ טאָג, ווען אַזעלכע סטרייקן וועלן נאָך דער וועלט־מלחמה אויסברעכן אין דער גאַנצער וועלט, און וועלן טראָגן אַ ספּעציעלן נאָמען — „איטאַליענישע סטרייקן". עס איז זיי אויך ניט איינגעפֿאַלן, אַז דער דאָזיקער משונהדיקער סטרייק, מיט דער זאָרג ניט צו פֿאַראורזאַכן דעם מינדסטן שאָדן דעם אַרבעטס־סעזאָן, וועט באַטראַכט ווערן ווי דער סאַמע ערגסטער פֿאַרברעכן, נאָך פֿיל הארבער ווי דאָס אָפּ־שטעלן די אַרבעט, ווי אַן אַטענטאַט אויף די רעכט פֿון אייגנטום, ווי אַן אויפֿשטאַנד.

דאָס איז ניט געווען קיין לייכטער נסיון פֿאַר די פֿאַרשטייער פֿון דער העכסטער אינסטאַנץ, פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס פֿון אַלע זייטן קוקט מען אויס די אויגן אויף אירע מפּלות און מען ווייזט מיט די פֿינגער אויף איר „שוואַכקייט". רופּין איז דעמאָלט געשטאַנען פֿאַר אַ גאַנץ שווערער אַנטשיידונג. אין יענער צייט האָב איך זיך צום ערשטן מאָל מיט אים באַגעגנט. מען קען ניט זאָגן, אַז עס איז געווען אַ פֿריינט־לעכע באַגעגעניש צווישן דעם, וואָס האָט געטראָגן די פֿאַראַנטוואָרטלעכ־קייט פֿאַר דער לייטונג פֿון דער פֿערמע, און דעם, וואָס האָט געטראָגן די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דער דורכפֿירונג פֿון דעם סטרייק. רופּין האָט געהאַט אַ גאַנץ בייזן פּנים, ווען ער איז געקומען אויסהערן וואָס מיר האָבן געהאַט צו זאָגן. אָבער זיין כּעס אויף דער אומלעגאַלער טאַט, וואָס די אַרבעטער זיינען באַגאַנגען, וואָס האָט דעם יונגן „פּאַלעסטינע־אַמט" און זיין לייטער פֿאַרשאַפֿט פֿיל מער שאָדן ווי דער פֿערמע, און האָט געשטאַרקט זיינע קריטיקער, האָט אים ניט אָפּגעהאַלטן פֿון אויסצוהערן די רייד פֿון די בונטאָרן, פֿון פֿאַרשטיין זייער ביטערקייט, זייער פּראָטעסט און פֿון צו אָנערקענען די נאַציאָנאַלע אחריות וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן, אויף זייער אייגענעם שטייגער.

די אַרבעטער זיינען געווען אַליין. אויף דער זייט פֿון דעם לייטער פֿון דער פֿערמע זיינען געשטאַנען אַ צאָל פֿון זיינע פֿריינד, מענטשן מיט הויכע פּאָזיציעס און גרויסע פֿאַרבינדונגען אין ארץ־ישׂראל און חוץ־לארץ. רופּין האָט זיך געפֿונען אונטער אַ שטאַרקן דרוק. דער אורטייל איז געווען:

עס איז אָפּגעזאָגט געוואָרן דער באַאַמטער, וועלכער האָט דעמאָנסטרירט זײַן באַנקראָט אַלס דער לײַטער פֿון דער פֿערמע; עס זײַנען אויך אָפּגע־זאָגט געוואָרן די אַרבעטער, וואָס האָבן אָפּגעזאָגט דעם באַאַמטן אויף דער אייגענער אחריות.

צווישן אונז, די סטרײַקער, זײַנען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך באַקלאָגט אויף דער שטראָף. אונזער קריטיק האָט מען אָנגענומען — און דערפֿאַר באַשטראָפֿט מען אונז? עס זײַנען אָבער אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן פֿריידיק באַצאָלט דעם פּרײַז, וויסנדיק, אַז אַ גרויסע זאַך איז געשען אין ציוניזם. עס איז געפֿאַלן דער באַאַמטן־רעזשים — און ער וועט שוין מער ניט אויפֿשטיין. דאָס, וואָס עס וועט געטאָן ווערן פֿון איצט אָן און ווײַטער, וועט אומפֿאַרמײַדלעך געטאָן ווערן אויף אַן אַנדער אופֿן.

זינט יענער צײַט זײַנען אויך נײַע באָדן־שטחים דעראָבערט געוואָרן דורך דער „קבוצה״: מרחביה, כּרכּור, כּפר־אוריה. און אַפֿילו דער קאָלאָ־ניזאַציע־פּראָיעקט פֿון פֿראַנץ אָפּענהײַמער האָט זיך די גאַנצע צײַט גע־ראַנגלט צווישן דער שיטה פֿון אַדמיניסטראַציע און דער שיטה פֿון זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג — און צום סוף האָט דער באַאַמטן־רעזשים דאָרטן אויך געליטן אַ מפּלה. איצט, ווען מיר זעען דעם קבוצישן ווערק אין זײַן גאַנצער ווירטשאַפֿטלעכער בליאונג, מיט זײַן סאָציאַלער סטאַביליטעט, מיט זײַנע גרויסע דערגרייכונגען, קענען זיך פֿרעמדע עקספּערטן דערלויבן אונז צו געבן זייערע קאָמפּלימענטן. אָבער אין יענער צײַט, ווען מען האָט נאָך געטאָפּט אין דער פֿינצטער און די טרעגער פֿון דער קבוצה זײַנען אַליין נאָך געווען פֿול מיט ספֿקות און וואַקלעניש, האָט איר געקענט שענקען זײַן צוטרוי נאָר איינער וואָס איז געווען געבענטשט מיט אַ האַרץ וואָס איז געווען אָפֿן פֿאַר די שטימען פֿון דער צוקונפֿט.

רופּין איז געווען דער גרויסער פֿרײַנד פֿון דער קבוצה און ער האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין איר אויפֿשטײַג. מען דאַרף אים אָבער ניט צושרײַבן קיין טעאָרעטישן שטאַנדפּונקט, וועלכער זאָל אים האָבן באַוועגט צו שטיצן גראָד די קבוצה. עס איז אין אים געווען עפּעס פֿיל וויכטיקערס: די ברייטקעפּיקייט און ברייטהאַרציקייט, וואָס פֿאָלגט נאָך מיט סימפּאַטיע מענטשלעכע זוכענישן, זייער גוטן ווילן און זייער איניציאַטיוו. גלויבן אין פֿרײַען שאַפֿן, הויכשעצונג פֿון שעפֿערישע כּוחות. דערפֿאַר האָט ער זיך קיין מאָל ניט פֿאַרפֿלאָנטערט אין ענג־האַרציקע און אײַפֿערזיכטיקע דיס־קוסיעס, מיט וועלכע פֿיל פֿאַרשער און עקספּערטן זײַנען נכשל געוואָרן, דערפֿאַר האָט ער געעפֿנט אַ טיר אויך פֿאַר אליעזר יפֿהס „מושב עובדים״ און שלמה לביאס „קבוצה גדולה״.

רופּין האָט בלויז געוואָלט אַרבעטן, פֿאַראויס פֿירן דאָס קאָלאָניזאַ־ציע־ווערק, אָבער מען האָט אים ניט געלאָזט אַרבעטן, אָן צו צווינגען אים זיך צו פֿאַרטיידיקן, צו באַשיצן דעם ווערק און זיין דרך. זיינע קאָנגרעס־רעדעס — רעדעס אין וועלכע ער האָט פֿאַרטיידיקט דאָס נייע קאָלאָניזאַציע־ווערק — זיינען צווישן די בעסטע שאַפֿונגען פֿון דער ציוניסטישער ליטעראַטור. איר וועט אין זיינע ווערטער ניט געפֿינען קיין איין סתם־רעטאָרישן פֿליטערל. ער איז געווען אַ געדולדיקער לערער. אַז ער האָט אָנגעהויבן רעדן, איז די אַטמאָספֿער גלייך לויטער געוואָרן. דער קאָנגרעס האָט פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן אַלע זיינע שאַלעכצן און איז געשטאַנען פּנים אל פּנים מיטן לעבעדיקן אינהאַלט פֿון ציוניזם.

אין די ערשטע יאָרן פֿון זיין קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט איז רופּין געצוואונגען געוואָרן צו פֿאַרטיידיקן קעגן די „פּראַקטיקער", די מענטשן מיט דעם „עכט־קויפֿמענישן" שטאַנדפּונקט, זיין „ניט־קויפֿמענישן" און אומפּראַקטישן צוגאַנג צו קאָלאָניזאַציע־פּראָגעס: „איך אַליין בין יאָרן לאַנג געווען אַ סוחר, און די סוחרישע אינסטינקטן זיינען אין מיר איינגעקריצט ניט ווייניקער ווי אין וועלכן עס איז אַנדערן אידן, אָבער איך בין צופֿרידן, וואָס איך האָב דעם כּוח די דאָזיקע סוחרישע אינסטינקטן אונטערצוואָרדענען די העכערע פֿאָדערונגען פֿון אונזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג". און די, וואָס האָבן אים קריטיקירט, אַז אַמאָל דערלויבט ער זיך „אויסצוגעבן דעם לעצטן גראָשן" גאַרניט ווי קיין פּראַקטישער מענטש, האָט ער געענטפֿערט: „אַלע מיליאָנען וואָס ס'וועט אונז אַמאָל געלינגען צו זאַמלען, וועלן שפּעטער, ווען ארץ־ישראל וועט זיך אָנהויבן שנעלער אַנטוויקלען, ניט קענען קאָרעגירן דאָס, וואָס מיר פֿאַרשפּעטיקן אין אונזער צייט, און מיליאָנען וועלן דעמאָלט ניט זיין גענוג פֿאַר דעם פֿאַר וואָס עס פֿאָדערט זיך היינט בלויז הונדערטער טויזנטער" (אויפֿן ווינער קאָנגרעס, 1913).

אין די נאָך־מלחמה יאָרן איז די מאָראַלישע און זאַכלעכע אויטאָריטעט, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן אין דער אַרבעט, אים ניט בייגעשטאַנען קעגן דער קריטיק פֿון פֿאַרשיידענע „מבינים" און „עקספּערטן" און בכלל מענטשן מיט אומבאַפֿרידיקטע אַמביציעס. דאָס קאָלאָניזאַציע־ווערק איז אַלע יאָרן געשטאַנען אונטער אַ האַגל פֿון דער קריטיק פֿון אַרויף־ און אַראָפּ־גייענדיקע „מאָדעס". פֿריער איז רופּין געווען אַ דייטש, אַ „מערבֿ־אייראָפּעאישער איד" און די אַקציעס פֿון די „מערבֿ־אייראָפּעער" זיינען שטענדיק געשטאַנען זייער הויך אין ציוניזם. נאָך דער מלחמה האָבן זיך אין ציוניזם געפֿונען מענטשן, וואָס זיי זיינען נאָך געווען מער „מערבֿדיק" פֿון די דייטשע אידן, און דאָס האָט זייערע מיינונגען ממילא געגעבן אַ

גרעסערן געוויכט. רופּינס אויפטו איז פון צייט צו צייט געשטאַנען פאַר דעם ריכטער־שטול. מיטן טאָן פון סופעריאָריטעט, פון בעסער־וויסן, פון בטחון אין דעם אייגענעם פּראָגנאָז האָט מען געציילט חטאים פון דעם קאָלאָניזאַציע־ווערק און געזאָגט מוסר. און ער האָט זיך פאַרטיידיקט — מיט אַ סך הומאָר, מיט אַ טאָן פון מחילה, זיך ניט אַריינגעלאָזט אין קריגערייען. אָבער אַפילו אַ „מענטש אָן אַ גאַל״ האָט דאָך אַזעלכע זאַכן ניט געקענט איבערטראָגן מיט אַ גרינג האַרץ. אין זיין רעדע אויפן קאָנגרעס פון יאָר 1931 זאָגט ער: „אויסער דעם האָבן מיר אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר געהאַט ניט ווייניקער פון זעקס קאָנטראָל־קאָמיסיעס אָדער קאָמיסאָרן״. און צו וואָס האָבן די דאָזיקע עקספּערטן־קריטיקער, אידן און ניט־אידן, פּריוואַטע עקספּערטן און אָפיציעלע עקספּערטן, זיך ניט געטשעפּעט? איך דערצייל דאָ פון זכרון: מען טאָר זיך ניט פאַרנעמען מיט באַרג־קאָלאָניזאַציע, ווייל זי איז פון פאָראויס פאַרמשפּט זיך ניט צו באַצאָלן; מען טאָר ניט קאָלאָניזירן דעם עמק; מען דאַרף קויפן באָדן בלויז דאָרטן וואו עס איז פאַראַן וואַסער בשפע; מען טאָר זיך ניט פאַרנעמען מיט געמישטער לאַנדווירטשאַפט, ווייל זי איז זייער טייער און איר הכנסה איז זייער נידעריק, בעת מען קען בויען די קאָלאָניזאַציע אויף פּרדסים, וואָס קאָסטן ווייניק און זייער הכנסה איז זייער אַ הויכע. עס איז אויך געווען אַ מער אַלגעמיינע און פּרינציפּיעלע קריטיק. פון צייט צו צייט האָבן יחידים און קאָמיסיעס אין תוך אָפּגעפרעגט די קבוצישע קאָלאָניזאַציע. פון צייט־צו־צייט האָט מען קריטיקירט דעם עצם פּרינציפּ פון זעלבסטאַרבעט אין די מושבי עובדים. מען האָט ניט געשאַנעוועט די פּרינציפּן פון נאַציאָנאַלן באָדן און אידישער אַרבעט. אַזעלכע און פיל אַנדערע טענות זיינען באַגלייט געוואָרן מיט באַווייזן פון דער טעאָריע און פון דער דערפאַרונג אין פאַרשיידענע לענדער, מיט וויסנשאַפטלעכע אויטאָריטעטן, און מיט דער פּערזענלעכער תּקיפות פון מאַכט־האָבער.

רופּינס ענטפערס זיינען לעקציעס אין קאָלאָניזאַציע־וויסנשאַפט. די אמתן און די כּללים וואָס ער האָט געלערנט געפינען זיך אפשר ניט אין קיין שום בוך, אָבער זיי זיינען גענומען פון דעם לעבנס־בוך פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. דאָס איז אפשר טאַקע אַ גאַנץ אייגנאַרטיק בוך. ער האָט פון די עקספּערטן און קריטיקער געפאָדערט אַ ביסל באַשיידנקייט. „זאָלן די אַרבעטער־קעגנער ניט מיינען, אַז זיי פאַרשטייען אַלצדינג בעסער ווי די אַרבעטער אַליין״ (אויפן 15טן קאָנגרעס, 1927) „אין גרונט־פּראָגעס איז דער אמת געווען ביי די קאָלאָניסטן און ניט ביי די עקספּערטן״ (אויפן 19טן קאָנגרעס, 1935).

דער שווערפּונקט פֿון דעם לאַנגן וויכּוח צווישן רופּין און זיינע קעגנער איז געלעגן אין דער פֿראַגע וועגן דעם ווערט פֿון דעם „מתישב", פֿון דעם קאָלאָניסט. אין אַ צייט ווען די באַגריפֿן פֿון דעם „עקאָנאָמישן מענטשן" זיינען געשטאַנען אויף דער העכסטער הויך, האָט רופּין געוואַגט צו באַטראַכטן אַלס דער עיקר דעם מענטשן און זיינע זעעלישע אייגנשאַפֿטן. אונזערע ערשטע קאָלאָניזאַציע דערגרייכונגען האָט ער אַזוי דעפֿינירט: „אונזער גליק איז דווקא דאָס, וואָס מיט אונזער גאַנצער אָרעמקייט אין מיטלען זיינען מיר נאָך רייך אין מענטשן, וואָס זיינען פֿעאיק אויף קרבנות" (אויפֿן ווינער קאָנגרעס, 1913), און אָט די דאָזיקע עשירות האָט ער הויך געשעצט און האָט געוואוסט ווי געפֿערלעך ס'איז זי צו פֿאַרשווענדן. ער האָט זי געוואָלט אויסנוצן אויף אַ ראַציאָנאַלן אויפֿן, דאָס הייסט ניט באַהאַנדלען דעם קאָלאָניסט „כּחומר ביד היוצר" נאָר צו באַטראַכטן די נייגונגען און פֿעאיקייטן פֿון די קאָלאָניסטן ווי „פּאָזיטיווע ווערטן וואָס שטייען אין דינסט פֿון דער קאָלאָניזאַציע". ער האָט כּסדר געוואָרנט אַז „דאָס איז ניט קיין מאַטעריאַל, וועלכן עס איז גרינג צו קנעטן, דאָס איז אַ מאַטעריאַל מיט וועלכן מען דאַרף אַרומגיין זייער פֿאָרזיכטיק". בלויז אויב די, וואָס טראָגן די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דעם קאָלאָניזאַציע־ווערק, וועלן פֿאַרשטיין די אינערלעכע שטרעבונגען פֿון דעם קאָלאָניסט, וועט מעגלעך זיין פֿון אים צו באַקומען דעם מאַקסימום פֿון זיינע פּראָדוקטיווע אָנשטרענגונגען. „פּסיכישע פֿאַקטאָרן שפּילן דערין אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע. דערפֿאַר דאַרף די קאָלאָניזאַציע פּראָגראַם אַרויספֿליסן פֿון די ספּעציפֿישע נויטן און ספּעציפֿישע שטרעבונגען פֿון דעם אידישן איינוואַנדערער. יעדער פּלאַן... וואָס צייכנט אָן אַ טעאָרעטיש־גוטע סכעמע און וויל אידן אַריינשטופּן אין אַזאַ מין סדום־בעטל מוז סוף־סוף דורכפֿאַלן. מען מוז אָנהייבן פֿון די אידן — און צו זיי צופּאַסן דעם קאָלאָניזאַציע־פּלאַן" (אין זיין דייטש בוך: „דער אויפֿבוי פֿון ארץ־ישראל", 1919).

רופּין האָט געוואוסט וואָס עס פֿעלט דעם אידישן מענטשן ווען ער קומט בויען ארץ־ישראל. ער האָט געוואוסט, אַז מיר הויבן אָן אונזער ווערק אָן קוואַליפֿיצירטע קאָלאָניסטן און אָן קאָלאָניזאַציע־עקספּערטן. שוין אויפֿן ווינער קאָנגרעס אין 1913 האָט ער געפֿרעגט: „וואו געפֿינט מען אידישע קאָלאָניזאַטאָרן?" „אַפֿילו אונזערע אַגראָנאָמען קומען צו אונז ניט קיין גרייטע און פֿאַרטיקע, אויך זיי דאַרפֿן מיר שולן אין דער אַרבעט". און דערפֿאַר האָט ער אַזוי הויך געשעצט די פּיאָנערישע אייגנשאַפֿטן וואָס מיט זייער כּוח איז דער אידישער קאָלאָניסט פֿעאיק ממלא צו זיין דאָס, וואָס עס פֿעלט אים. דערפֿאַר האָט ער די חלוציות באַטראַכט ווי די טרייב־קראַפֿט,

וואָס אָן איר וועט ניט געבויט ווערן די אידישע לאַנדווירטשאַפט. יעדן נייעם סעזאָן האָבן זיך פון רעכטס און פון סאַמע עקסטרעמען לינקס געהערט שטימען, אַז „די צייט פון חלוציות איז שוין פאַראיבער". אַלע די, וואָס די חלוציות האָט זיי ניט געלאָזט רוען, האָבן זיך באַמיט פון איר פּטור צו ווערן, ווייניקסטנס דורכן פּראָקלאַמירן, אַז „אַט, אַט טרעטן מיר אַריין אין אַ נאָרמאַלער לאַגע", און מען וועט זי שוין מער ניט דאַרפן. דאַקעגן האַלט רופּין אין איין איבערחזרן און אונטערשטרייכן: „חלוציות איז נאָך אַלץ נויטיק" (אויפן 15טן קאָנגרעס, 1927). ער האָט אין זיין חשבון אויך אַריינגענומען די התלהבות, ווי אַ ווערטפולן פאַקטאָר אין אונזער קאָלאָניזאַציע. ער האָט זיך ניט געשראָקן פאַר די קלוגע, „וואָס ווען זיך באַציען מיט ביטול צו אונזערע ווערטער וועגן דעם ווערט פון באַגייסטערונג אין אונזער אויפבוי־אַרבעט". ער האָט די דאָזיקע התלהבות אָפּגעהיט ווי אַ טייערן אוצר: „מען קען גרינג אויסלעשן דעם הייליקן פייער פון התלהבות" (1927), ער פלעגט זיך זייער אָפט צוריק קערן צו דעם דאָזיקן ענין. „מען דאַרף אונטערשטרייכן און ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל אונטערשטרייכן, וואָס פאַר אַ געוואַלטיקער ווערט פאַר אונזער קאָלאָניזאַציע עס ליגט דווקא אין דער דאָזיקער התלהבות פון די קאָלאָניסטן" (1932). און בעת ער מאַכט אַ סך־הכל פון זיינע אַכצן יאָר טעטיקייט, זאָגט ער: „דער הויפּט ציל פון מיין אַרבעט איז געווען אָפּצוהיטן אין די מענטשן, מיט וועלכע איך האָב געאַרבעט, דעם פייער פון באַגייסטערונג, וואָס זיי האָבן מיט זיך געבראַכט קיין ארץ־ישראל. מיין הויפּט שטרעבונג איז געווען אונטערצובלאָזן דעם פייער פון התלהבות און צו זיין דער שמש וואָס איז ממונה אויף דעם נר־תמיד" (1925).

ער איז כלל וכלל ניט געווען גלייכגילטיק צו די פעלערן פון דער קאָלאָניזאַציע. ער האָט זיי געוויטיקט, ער האָט זיי געפאָרשט — אָבער דעם תיקון פון די פעלערן האָט ער געזען ניט אין דער גאוה פון אַן אַפּיטרופּוס, נאָר אין דער באַשיידנקייט פון פאָלקס־דערציער: „מיט זאָרג אַכטונג צו געבן אויף דעם מענטשן־מאַטעריאַל און ביסלעכווייז ברענגען זיינע אידעען און זיינע נייגונגען אין איינקלאַנג מיט די פאָדערונגען פון דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן לעבן אין ארץ־ישראל" (1932). נאָך מער: „די ווירטשאַפטלעכע ראַציאָנאַליזאַציע וועט פאַרשטאַרקט ווערן ניט דורך פאַרמינערן דעם אידעאַליסטישן יסוד, נאָר דורך שטיצן אים". אין יענער צייט, ווען די אַרבעטער ווירטשאַפטן זיינען ביטער קריטיקירט געוואָרן, אין דער צייט פון דער „קאָנסאָלידאַציע"־מאָדע, האָט ער געזאָגט: „צו ווירטשאַפטלעכקייט דאַרף מען דערציען דורכן רוף צו חלוציות, צום גייסט פון מסירת־נפש, פון גרייטקייט אויסצוטרעטן אַ וועג פאַר די וואָס וועלן קומען" (1927).

איידער רופּין האָט איבערגעגעבן די לייטונג פֿון קאָלאָניזאַציע־ווערק זיינען סיי די קאָלאָניזאַטאָרן און סיי די קאָלאָניסטן געווען פֿאַר־זונקען אין ביטערקייט און פֿאַרצווייפֿלונג. באַגייסטערטע קאָלאָניסטן האָבן מיט אַ ביטער האַרץ זיך געשיידט מיט זייער יוגנט־חלום און זייער לעבנס־ווערק, אויס אַנטוישונג מיט די אפּיטרופּסים איבער דער קאָלאָניזאַציע און זייער רעזשים; און עס זיינען געווען אַדמיניסטראַטאָרן מיט גוטע כוונות, וועמען די קאָלאָניסטן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אונטער זייער אויפֿזיכט, האָבן געטריבן צו אַנטוישונג. די פֿאַלן פֿון קעגנזייטיקן צוטרוי, ווי צווישן פּינעסן און די מענטשן פֿון גדרה און חיסין און די מענטשן פֿון עין גנים, זיינען געווען אויסנאַמען. רופּין האָט פֿון דעם יוצא מן הכּלל געמאַכט דעם כּלל. ער האָט די קאָלאָניזאַציע געבויט אויף דעם קעגנזייטיקן צוטרוי. דאָס איז ביי אים ניט געווען קיין שיינע טעאָריע, נאָר אַן אַרבעטס־מעטאָד. זיין חכמה און זיין איידלקייט האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט זיין קאָלאָניזאַציע־שיטה. געוויינטלעך טרעפֿט, אַז וואָס מער דערפֿאַרן אַ מענטש ווערט, אַלץ „קליגער", אַלץ פֿאַרדעכטיקער, ווערט ער. אָבער וואָס מער דערפֿאַרונג רופּין האָט באַקומען, אַלץ מער צוטרוי האָט ער באַקומען צו די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט געאַרבעט. ער האָט געהאַט דאָס רעכט צו זאָגן: „אויב עס איז פֿאַראַן אַ זאַך מיט וועלכער איך בין שטאָלץ, איז עס דאָס, וואָס עס איז מיר געלונגען אויסצומיידן דעם אבן נגף פֿון אומ־צוטרוי צווישן קאָלאָניסטן און אַדמיניסטראַציע, וועלכער האָט מכשיל געווען אַזוי פֿיל קאָלאָניזאַציע־אונטערנעמונגען" (1935).

דער צוטרוי, וואָס רופּין האָט געשאָנקען דעם ארץ־ישראלדיקן אַרבע־טער, איז געווען אַ צוטרוי אָן קיין שום באַדינגונגען. מען דאַרף אים ניט צושרייבן זאַכן וואָס ער האָט ניט פֿאַרמאָגט. ער איז צום אַרבעטער ניט געקומען אויס סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע, נאָר אויס אַ ריינעם נאַציאָ־נאַלן חשבון. ער האָט געוואָלט אין דער אויפֿבוי אַרבעט זען אַלע פֿאַק־טאָרן: דעם בעל־הבית, דעם חלוץ, דעם קאַפּיטאַל, וואָס זוכט פּראָפֿיטן, דעם נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, אָבער ער האָט געזוכט ערלעך צו באַשטימען וואָס איז דער ביטראָג פֿון יעדן פֿאַקטאָר, וואָס איז די ראָלע פֿון יעדן קרייז — און האַנדלען אין איינקלאַנג דערמיט. ער האָט געזען, אַז דער אידישער אַרבעטער איז באַרופֿן צו שפּילן די ראָלע פֿון דעם חלוץ פֿון דעם פֿאָלק און ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע ראָלע אַליין וועט דעם אַרבעטער שוין אויך דערציען. „אין דער מאָס, וואָס דער אַרבעטער וועט אומטריי ווערן זיין נאַציאָנאַלער ראָלע, וועט פֿאַלן זיין ווערט". „אונזער באַציאונג צו די אַרבעטער מוז זיך ענדערן אין דער רגע וואָס זיין אידעאַליזם הויבט זיך אָן צו וואַקלען". „איך האָף, אַז דער אַרבעטער ציבור

אַלס גאַנצער וועט אַפּהיטן דעם געפֿיל פֿון זעלבסט־אויפֿאָפּפֿאָדערונג און וועט דורך אַ שטרענגער דיסציפּלין דערציִען אין דעם גייסט אויך די קעגנער" (1913). און כאָטש ער האָט דירעקט קיינמאָל ניט געפּרעדיקט און געזוכט צו דערציִען, האָט רופּין דערפֿילט אַ גרויסע דערציערישע ראָלע לגבי דער חלוצישער אַרבעטער באַוועגונג. דער היסטאָרישער פֿאַקט, וואָס בראש פֿון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע טעטיקייט אין ארץ־ישראל איז געשטאַנען אַ מענטש, וואָס האָט אין דעם אַרבעטער ניט געזען קיין „חומר ביד היוצר" נאָר דעם טרעגער פֿון דער קאָלאָניזאַציע, אַ מענטש וואָס האָט זיך צום אַרבעטער באַצויגן מיט אַכטונג און האָט פֿאַרשטאַנען זיינע אַספּיראַציעס און זיין שאַפֿן — האָט דעם ציוניזם געגעבן אַ טיפֿערע אויסטייטשונג ווי אַלע אידעאָלאָגישע פּירושים, האָט פֿאַרטיפֿט אין דעם אַרבעטערס נשמה דעם זעלישן צובונד צו דער ציוניסטישער באַוועגונג און האָט געהאָלפֿן אויספֿורעמען די גייסטיקע געשטאַלט פֿון דעם אַרבעטנדיקן מענטשן אין ארץ־ישראל.

אַ פּאָר ווערטער וועגן רופּין דעם ציוניסטישן דענקער. רופּין איז צו אונז געקומען פֿון דער פֿרעמד, און ניט אויף דעם געוויינלעכן וועג, אויף וועלכן עס זיינען צו אונז געקומען ציוניסטן פֿון דער אַסימילירטער סביבה. זיין וועג איז ניט געווען דער וועג פֿון פּינסקער און הערצל. פּינסקערס פּעסימיסטישע זעאונג וועגן דער צוקונפֿט פֿון אידישן פֿאָלק, ווען עס דראָט צעריבן צו ווערן אין דעם צוזאַמענשטויס צווישן סאָציאַלע אָרדענונגען, די שוואַרצע זעאונג פֿון הערצלען וועגן דעם גורל פֿון אידן אין מזרח און אין מערב, די מורא פֿאַרן אַנטיסעמיטיזם — ניט דאָס האָט רופּינען געשראָקן. אין דעם איז זיין בליק ניט געווען אַזוי שאַרף און וויט־זעעוודיק ווי זייערער. אויך רופּין איז צום ציוניזם געקומען דורך אַ פּעסימיסטישן פּראָגנאָז, אָבער גאָר אַן אַנדערן — דער פּראָגנאָז וועגן דער אומפֿאַרמיידלעכקייט פֿון דער אַסימילאַציע. ער האָט שטודירט דאָס אידישע לעבן אין זיין צייט און געקומען צום שלוס, אַז דער אונטערגאַנג קומט אַלץ נעענטער און נעענטער. און ניט די שווערד פֿון פֿיינט, נאָר דער עקאָנאָמישער, קולטורעלער און סאָציאַלער אויפֿשטייג פֿון אידן טראָגט אין זיך דעם טויט־אורטייל פֿאַרן אידישן פֿאָלק. אין די לעצטע דורות זיינען זיכער געווען ניט ווייניק אידן, ווען עס וואָלט געפֿרייט פֿאַרזיכערט צו ווערן, אַז עס איז אונז באַשערט פּטור צו ווערן פֿון דער צרה פֿון „אידישקייט" דורך אַ גרינגן טויט, דורך אַ מיתת־נשיקה. אָבער דעם יונגן געלערנטן פֿון מאַגדעבורג האָט אויפֿגעשוידערט דער אונטערגאַנג וואָס לויערט אויפֿן אידישן פֿאָלק. ווען ער, וואָס האָט שטענדיק זיינע ווערטער געמאָסטן און געוואויגן, קומט צו אָט דעם דאָזיקן פּונקט, רעדט ער מיט

אַ ציטער, כמעט אין דעם טאָן, אין וועלכן עס האָט גערעדט נחמן סירקין.
ער קערט זיך צוריק צו דער דאָזיקער טעמע נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל:
„פֿאַר אונזערע אויגן פֿאַלט אָוועק שטיין נאָך שטיין פֿון דעם בנין פֿון
דעם אידנטום, וואָס איז אַמאָל געווען אַזוי פֿעסט" — מיט די דאָזיקע
שווערע ווערטער עפֿנט ער זיין בוך „די אידן אין דער איצטיקער צייט".
און די שלוס ווערטער פֿון דעם בוך זיינען: „אַ פֿאָלקס־קולטור, וואָס איז
אונטערגעגאַנגען, קען שוין ניט האָבן קיין תקומה, זי וועט שוין קיין מאָל
ניט צוריק אויפֿלעבן; און אָן אַ זעלבסטשטענדיקער קולטור איז די פֿול־
שטענדיקע אַסימילאַציע פֿון אידן בלויז אַ פֿראַגע פֿון פֿריער אָדער
שפּעטער. קיין אויסוועג פֿון איר איז ניטאָ". און אין יאָר 1929 זאָגט ער
ווידער אַמאָל: „דער שמד איז ניט... קיין איין מאָליקער אַקט, נאָר אַ
כראָנישער פּראָצעס" און ער זאָגט ווייטער: „דאָס אידנטום שפּאַנט אַראָפּ
אַ באַרג, וואָס אונטער אים לויערט דער אונטערגאַנג. מיט דעם, וואָס
דאָס מאַכט אויף אים ניט קיין רושם... איז ניטאָ וואָס צו רעדן. דאָס
איז אַ סימן, אַז דער דאָזיקער מענטש איז ניט פֿעאיק צו פֿאַרשטיין דעם
ווערט פֿון די אידן אין דער קעגנוואָרט און אין דער צוקונפֿט... בלויז
קורצזיכטיקע קענען מזלזל זיין דעם ווערט פֿון די אייגנשאַפֿטן, וואָס מיר
האָבן געירשנט און די קולטור־ווערטן, וואָס אונזערע אבות האָבן זיך
דערוואָרבן אין משך פֿון דריי טויזנט יאָר".

די מורא פֿאַר דער אַסימילאַציע לאָזט אים אויך ניט אָפּ אין די לעצטע
יאָרן, די היטלער יאָרן, די יאָרן פֿון אומקום. אין זיין לעצטן בוך „מלחמת
היהודים לקיומם", וואָס איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1940, קערט ער זיך
צוריק צו זיין אויסגאַנגס־פּונקט אין די פֿאָלגנדיקע אינטערעסאַנטע זאַצן:
„מיר דאַרפֿן זיך היטן פֿאַר דעם קאָנווענציאָנעלן טעות, אַז די אַסימי־
לאַציע איז אָפּהענגיק פֿון דעם ווילן פֿון דעם יחיד. דער ווילן פֿון דעם
יחיד שפּילט דערין ניט קיין אָנטשיידנדיקע ראָלע. די אַסימילאַציע ווערט
אויפֿן יחיד אַרויפֿגעצוואונגען דורך באַשטימטע אומשטענדן, וואָס האָבן
די צווינגענדיקע קראַפֿט פֿון נאַטור־כוח קעגן וועלכן מען קען זיך ניט
ווערן; דער פּרט באַטייליקט זיך כמעט אין גאַנצן ניט אין דעם שפּיל
פֿון די שיקזאַל־כוחות. דאָס קינד באַשליסט ניט וואָס פֿאַר שפּראַך עס
זאָל לערנען און וואָס פֿאַר אַ שול עס זאָל באַזוכן... דער דערוואַקסענער
מענטש, וואָס קומט אין אַ ניי לאַנד, האָט אויך ניט די קראַפֿט זיך צו
שטעלן קעגן די אַסימילירנדיקע איינפֿלוסן פֿון דער סביבה". פֿון דעם
נעמט זיך אויך זיין פּעסימיסטישע באַציאונג צו דער נאַציאָנאַלער צו־
קונפֿט פֿון דעם אידנטום אין דער סאָוועטישער וועלט. פֿון דאַנען קומען
אויך זיינע טרויעריקע חשבונות וועגן דער צוקונפֿט פֿון דעם אידנטום

אין די אימיגראַציע לענדער — און פֿון דאָנען פּירט אויך זיין וועג צום ציוניזם: „דער ציוניזם איז דער לעצטער פֿאַרצווייפֿלטער קאַמף פֿון די אידן פֿאַרן אידישן קיום״. די פֿאַרווירקלעכונג פֿון ציוניזם איז ניט קיין זיכערע זאַך, „זי איז אָבער אויך ניט אויסגעשלאָסן״ („די אידן אין אונזער צייט״, צווייטע אויפֿלאַגע). און עס איז כדאי צו אַרבעטן פֿאַר איר, כּדאי זי צו ווידמען דאָס גאַנצע לעבן.

ער איז צום ציוניזם געקומען אויס פֿאַרצווייפֿלונג. ער האָט דעם ציוניזם אָנגענומען ווי אַ סקעפּטיקער. די ציוניסטישע טאַט האָט אין אים אויפֿגעוועקט דעם גלויבן. און יאָרן שפּעטער, אין יאָרן פֿון אומרועןאון שטערונגען, ווען אַ פֿראַגע־צייכן הענגט שווער אויף דעם גאַנצן ציוניסטישן אויפֿבוי־ווערק, קומט ער צו אַ קאָנפֿערענץ פֿון די דייטשע ציוניסטן און זאָגט זיינע פֿאַרווירטע ברידער:

„מיט אַן אומדערשיטערלעכן אָפּטימיזם גלויב איך, אַז יעדן טאָג אַפֿילו היינט, קען זיך אָנהויבן אַ נייע תּקופֿה אין דער אידישער געשיכטע. דאָס אידישע פֿאָלק קען דעם אָנהויב מאַכן, ווען עס זאָל עס וועלן״ (1932).

„אַ זיג אָדער אַ מפּלה אויף דעם דאָזיקן פֿראָנט וועט אָנטשיידן די צוקונפֿט פֿון אידישן פֿאָלק״ (1935).

אחד העם האָט געחלומט וועגן אידעאַלע אידן, וואָס ניט זייערע ליידן אָדער די ליידן פֿון זייער פֿאָלק וועלן זיי אַרויספֿירן אויפֿן וועג צו דער גאולה, נאָר זיי וועלן אויס אינערלעכער פֿרייהייט און וואוילזיין און הרחבת־הדעת זיך דערטראַכטן צו דעם געדאַנק פֿון דער נאַציאָנאַלער באַנייאונג. דאָס איז אָבער ניט געווען דער וועג פֿון דער אידישער גע־שיכטע. די תּקופֿה פֿון וואוילזיין האָט לאַנג ניט געדויערט, און זי האָט אויף זיבן און זיבעציק וועגן געפֿירט אַוועק פֿון דעם פֿאָלק. בלויז ווייניקע איינצלנע יחידים האָבן פֿון איר נאָך געפֿונען אַ וועג צו זייער פֿאָלק. צווישן די דאָזיקע ווייניקע איז געווען רופּין. אין אים און אין אַנדערע יחידים ווי ער האָט געפֿונען זיין פֿאַרקערפּערונג אחד־העמס חלום. אָבער רופּין האָט ווייניק גערעדט וועגן זיינע גייסטיקע בענקענישן; ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן בויען אַן עקאָנאָמישן יסוד פֿאַר דעם געגאַרטן גייסטיקן בנין. ער האָט געוואוסט וואָס פֿאַר אַ באַדייטונג די כּמות האָט פֿאַר דער איכות. ער האָט געוואוסט וואָס עס האָבן ניט געוואוסט אַנדערע אָנהענגער פֿון אחד־העם, אַז ניט קיין שול פֿאַר זיך אַליין און ניט קיין אוניווער־זיטעט פֿאַר זיך אַליין, נאָר אַ געדיכט־באַפֿעלקערטער ישוב, וואָס איז איינ־געוואָרצלט אין באָדן און אין אַ געזונטער עקאָנאָמיק, איז עלול צו שאַפֿן אַ לעבנס־פֿעאיקע קולטור.

איך גלויב ניט, אַז דער „נגלה" אין רופּינען שעפּט אויס זיין פּערזענלעכקייט און זיין ציוניזם. אָבער אין רשות הרבים האָט ער זיך באַמיט צו זיין אין גאַנצן בלויז „נגלה". דערצויגן אין וויסנשאַפֿטלעכער דיסציפּלין, קלאָר־קעפּיק, פֿאָרזיכטיק מיט פֿאַרשפּרעכונגען, האָט ער זיך באַגרענעצט אויף דעם ממשותדיקן, אויף דעם דערגרייכבאַרן. ער האָט ניט גערעדט וועגן ווייטע צילן, אָבער ער איז ניט געווען פֿון יענע פּיקחים, וואָס „ווייסן" אַז די גרויסע זאַכן וועלן ניט קומען, וועלן קיינמאָל ניט קומען. ער איז ניט געווען פֿון די קליין־גלויביקע, וואָס מאַכן פֿון זייער אייגענעם קליינעם גלויבן אַן „אני מאמין". ער האָט ניט געהאַלטן פֿאַר זיין אויפֿגאַבע צו פּראָקלאַמירן „ענד־צילן", ניט קיין „מאַקסימאַליסטישע" און ניט קיין „מינימאַליסטישע". זיין פֿליכט איז געווען צו זאָרגן פֿאַר דער נאָענטסטער אויפֿגאַבע: אויסאַרבעטן די פּלענער פֿאַר די מעשים, וואָס מיר קענען שוין טאָן. „צו יעדן באַרג־שפּיץ פֿירט אַ וועג, וועלכן מען מוז דערגרייכן שטאַפּל נאָך שטאַפּל. מיר וועלן ניט דערגרייכן קיין מיליאָנען, אויב מיר וועלן פֿריער ניט ברענגען הונדערטער טויזנטער" („צו די דייטשע ציוניסטן", 1932). איך דערמאָן זיך, אַז אין איינער פֿון זיינע לעצטע רעדעס, אין פֿאַרבינדונג מיט די אייביקע ציוניסטישע וויכּוחים צווישן די, וואָס רעדן וועגן „מעסיקע ציפֿערן" און „איבערטריבענע ציפֿערן", האָט ער געזאָגט בערך אַזוי: יעדע ציפֿער האָט זיך איר „פּרייז". איך בין אַ קאָנטראַקטאָר. מען קען ביי מיר באַשטעלן פֿאַרשיידענע ציפֿערן, מען דאַרף נאָר גרייט זיין צו באַצאָלן זייער פּרייז.

עס איז געווען אומפֿאַרמיידלעך, אַז דער רעאַליסט רופּין זאָל איינזען דעם ערנסט פֿון דער אַזוי־גערופֿענער „אַראַבישער פֿראַגע". ער אַליין איז געווען אַן אידעאַלער פֿאָרשטייער פֿון אַ נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין איר ריינסטער פֿאָרם, פֿון אַ נאַציאָנאַליזם וואָס וויל ניט הערשן איבער אַנדערע און שטרעבט ניט אויפֿגעבויט צו ווערן פֿון די ליידן פֿון אַנדערע. ער איז געווען דער לעבעדיקער היפּוך פֿון יעדער פּאַטריאָטישער חוצפּה און יעדן שאָוויניזם, און ווען עס וואָלט געווען אָפּהענגיק בלויז פֿון גוטןווילן און קלאָרן שׂכל און פֿון דער באַפֿרידיקונג פֿון די גערעכטע פֿאָדערונגען פֿון אַלע צדדים, וואָלט רופּין אַוודאי געווען איינער פֿון די פּאַסיקסטע מענטשן צו לייזן די אַראַבישע פֿראַגע.

אין אָנהויב האָט ער אויף דער אַראַבער־פֿראַגע געקוקט ווי אויף אַ הויפּטזעכלעכער עקאָנאָמישער פֿראַגע. דערפֿאַר האָט ער געהאַלטן אין איין אונטערשטרייכן, אַז מיר האָבן ניט בדעה אויפֿצובויען אונזער ווערק „דורך אָוועקנעמען ביי אַנדערע זייערע פּרנסה־קוואַלן, נאָר דורך שאַפֿן

נייע פּרנסה קוואַלן פאַר אונז אַליין״ (1919). דערפאַר איז ער שטענדיק גרייט געווען צו שטעלן דעם ציוניסטישן אויפבוי־ווערק גרויסע פאָדע־רונגען פאַר דער פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון דעם אַראַבישן פעלאַך. דערפאַר האָט ער אַריינגעלייגט גרויסע באַמיאונגען אין פאַרשיידענע „אַנטוויקלונגס־פּלענער״, וואָס האָבן געדאַרפט ברענגען נוצן ביידע פעל־קער. מיט פולער אויפריכטיקייט האָט ער די דאָזיקע פּלענער צוגעשטעלט צו די פאַרשיידענע אויספאָרשונגס־קאָמיסיעס. ער האָט געוואָלט גלויבן, אַז יעדער מענטש מיט גוטע כוונות מוז דאָך איינזען די גערעכטיקייט פון די פּרינציפּן, וואָס אויף זייער יסוד זיינען די דאָזיקע פּלענער געבויט געוואָרן. ווען ער האָט געזען ווי הויך־ראַנגיקע פאַרשער מיסברויכן און פאַרדרייען די דאָזיקע פּלענער פאַר דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון ארץ־ישראל, האָט ער מוטיק אַנטבלויזט אין דער עפנטלעכקייט זייערע פעלערן און זייערע בייזוויליקייטן (דער האָופּ־סימפּסאָן־רעפּאָרט, 1931, דער פרענטש־רעפּאָרט, 1933). זיין פרידנס־ליבע איז געווען זייער גרויס, ער איז געווען געניגט זיך שטאַרק צו רעכענען מיט רעאַלע מאַכט־פאַקטאָרן. אָבער ער איז ניט געווען צווישן די, וואָס האָבן שטענדיק אין קעשענע לייכטע רפואות פאַר ערנסטע געשפּאַנטע פעלקער־באַציאונגען, צווישן די וואָס גלויבן אַז יעדער קאָמפּראָמיס איז גוט, וואָס זיינען גרייט צו שליסן שלום פאַר יעדן פּרייז. מיט דער צייט איז אים אַלץ מער און מער קלאָר געוואָרן, אַז די עקאָנאָמישע זייט שפּעט ניט אויס די דאָזיקע ערנסטע פראַגע, אַז די הויפּט־פראַגע איז די עליה פּראָבלעם. אין דער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין ציריך אין יאָר 1929, בעת דער גרינדונג פון דער אידישער אַגענטור, האָט ער אין די פאָלגנדיקע ווערטער אָנגעצייכנט די ליניע, וואָס טיילט אָפּ ציוניזם פון ניט־ציוניזם: „ממש ווי די אַראַבער האָבן אַ רעכט צו בלייבן אין ארץ־ישראל, האָבן אַזוי אויך די אידן אַ רעכט צו קומען קיין ארץ־ישראל. אויף דעם דאָזיקן רעכט קענען מיר ניט און ווילן מיר ניט מוותר זיין, ווארעם פון אים איז אָפּהענגיק דער גורל פון אַ זעכצן־מיליאָניקן פאָלק, וואָס פאַרנעמט צווישן די קולטור־פעלקער זיכער ניט דעם לעצטן פּלאַץ און וועמען עס איז נאָך באַשערט פיל בייצו־טראָגן צו דער צוקונפט פון דער מענטשהייט״.

אין זיין לעצטן בוך, „מלחמת היהודים לקיומם״, מאַכט ער דעם פאָלגנדיקן סך־הכל פון אונזער זאַך:

דער ציוניזם איז געקומען אויף דער וועלט אויס דער דערקענטעניש, אַז די אידן קענען ניט עקזיסטירן און זיך אַנטוויקלען ווי אַ נאַציע, דערפאַר וואָס זיי בילדן אומעטום אַ מינדערהייט, וואָס איז מער אָדער וויניקער אָפּהענגיק פון דעם גענאָד פון דער מערהייט.

די עליה פֿאַרבינדט דעם ישוב אין ארץ־ישראל מיט די אידן פֿון די אַנדערע לענדער. ווען דער דאָזיקער פֿאַרבינדונגס־גליד ווערט איינגע־שרומפּן אָדער איבערגעהאַקט, ווי עס שלאָגט פֿאָר די בריטישע רעגירונג, מוז דער אידישער ישוב אומפֿאַרמיידלעך ווערן איינגעשרומפּט און קראַנק. אַ ארץ־ישראל, וואָס איז ניט בכוח צו מאַכן אַ בולטן בייטראַג צו פֿאַר־גרינגערן די נויט פֿון די אידישע מאַסן, קען ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ אידישע נאַציאָנאַלע היים.

דער פֿאַרבאַדינג [פֿאַר דעם „אַנטוויקלונגס־פּלאַן"] איז די ענערגישע קאָלאָניזאַציע־אַרבעט פֿאַר די אידן, און דאָס קען מעגלעך זיין בלויז אויב זיי וועלן פֿריי קענען טאָן די דאָזיקע אַרבעט און וועלן ניט זיין אָפּהענגיק פֿון דעם ווילן פֿון די אַראַבער און געצוימט ווערן פֿון לעגאַלע באַגרענע־צונגען אויף דער איינוואַנדערונג און דעם באָדן־קויף.

די הסכמה פֿון די אידן צו אַן אַראַבישער רעגירונג איז פֿאַקטיש דער זעלבסטמאָרד פֿון דער ציוניסטישער אידעע. מען קען טויטן די קעמפֿער פֿאַר דער אידישער היים, אָבער מען קען זיי ניט צווינגען צו באַגיין זעלבסטמאָרד.

רופּין האָט זיין געדאַנקענגאַנג ניט געענדערט בעת ער האָט גע־גרינדעט דעם „ברית שלום" [פֿאַראיין פֿאַר אַראַביש־אידישער פֿאַרשטענ־דיקונג] און אויך שפּעטער, ווען ער איז פֿון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע אַרויסגעטראָטן. ער איז קיינמאָל ניט געווען צווישן די געוויסן־קראַנקע מענטשן, וואָס האָבן פֿאַרלאָרן דעם עצם גלויבן אין דער גערעכטיקייט פֿון אונזער זאַך אָדער צווישן די געשוואָרענע פּאַציפֿיסטן, וואָס זיינען גרייט צו מאַכן שלום פֿאַר יעדן פּרייז, אַפֿילו פֿאַרן פּרייז פֿון אויפֿגעבן אונזער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ.

רופּין האָט ניט אויפֿגעהערט זוכן וועגן צו אידיש־אַראַבישער פֿאַרשטענ־דיקונג, אַן אמתע פֿאַרשטענדיקונג צווישן די צוויי פֿעלקער. און אין זיין לעצטן בוך זעט ער אין דעם פֿאַרנעם פֿון דער דאָזיקער פֿראַגע: „די אידן נויטיקן זיך אין אַ פֿאַרשטענדעניש ניט נאָר מיט די אַראַבער פֿון ארץ־ישראל, נאָר אויך מיט די אַראַבער פֿון די שכנותדיקע לענדער". און ער קוקט אַרויס אויף דער מעגלעכקייט פֿון אַ נייער וועלט־פּאָליטישער קאָנ־סטעלאַציע: „דווקא אַ תקופֿה פֿון גרויסע פּאָליטישע ענדערונגען אין נאָענטן מזרח, פֿון וועלכער די אַראַבער וועלן פֿיל געווינען, וועט אפֿשר אונז נעענטער ברענגען צו אידיש־אַראַבישער פֿאַרשטענדעניש".

איך האָב ניט פּרובירט און איך בין אויך ניט פֿעאיק צו געבן אַ פֿול בילד פֿון דעם פֿיל־זייטיקן רופּין, דעם וויסנשאַפֿטלער, דעם דענקער. איך האָב דאָ באַרירט בלויז יענע זייטן, מיט וועלכע איך בין געווען

באַקאַנט: רופּין דער ציוניסט און דער קאָלאָניזאַטאָר. איך באַנוץ זיך מיט דעם דאָזיקן פרעמדן טערמין ווייל איך האָב ניט קיין אַנדערן, וויסנדיק, אַז ער האָט אַ סך טייטשן און אַז ער רופט אַרויס אומאַנגענעמע אַסאָ־סיאַציעס. אין דער געשיכטע פון דער קאָלאָניזאַציע איז ניט געווען קיין ריינערער קאָלאָניזאַציע־ווערק ווי רופּינס ווערק. און רופּינס לעבן זאָגט עדות אויף דער דערהויבנקייט פון דער ציוניסטישער אידעע און דער ריינקייט פון דער ציוניסטישער טאַט.

זאָל מיר דערלויבט זיין צו זאָגן עטלעכע קורצע ווערטער וועגן רופּין דעם פריינד, דעם מענטשן־פריינד. מיר האָבן אים ליב געהאַט. ער איז אונז ליב געווען מיטן חן פון זיין געזיכט, מיט זיין הומאָר, מיט זיין שמייכל, מיט דעם שטיפערישן שפּאַט אין זיינע אויגן, שפּאַט איבער זיך און איבער זיין מיטשמועסער. דער קאָנטאַקט מיט אים האָט פאַראיידלט, דאָס זיין מיט אים האָט באַלערנט. וואו מען האָט זיך מיט אים באַגעגנט, אין בריטישן מוזעאום אָדער אין אַ דעפּאַרטמענט־געשעפט, אין אַ בוך־קראָם אָדער אין מאַרק — אומעטום האָט מען פון אים עפּעס געקענט לערנען: אין וויסנשאַפטלעכע ענינים אָדער אין הויות העולם. און קודם־כל — זיין ברייט־האַרציקייט. ער איז שטענדיק גרייט געווען צו מאַכן זיין מיטשמועסער אַ שותף אין זיינע הנאות, אין זיינע שטודיעס, אין זיינע טאַטן, אין זיינע פּראָבלעמען. ער האָט דוכט זיך מיר קיינמאָל ניט פאַרלאָרן זיין פרישקייט אין באַציאונג צו מענטשן.

דער מענטש, וואָס טראָגט אין זיך אַ געפיל פון דער גרויסקייט פון אונזער זאַך, מוז פון צייט צו צייט זיך פילן פאַרלעצט פון די קליינלעכע מידות אויף וועלכע מען שטויסט זיך אָן אויך ביי די גדולי הדור. אַפילו מענטשן, אויף וועלכע מיר אַלע קוקן מיט באַוואונדערונג, פאַרשאַפן אונז אָפטמאָל עגמת־נפש. עס טוט וויי צו זען די פסולת אין דעם טייערן מעטאַל. רופּין האָט אונז קיינמאָל ניט פאַרשאַפט אַזעלכע געפילן. אַ מענטש אָן פסולת.

פון דור צו דור האָבן מיר די ל״ו צדיקים, וואָס מיר לעבן אין זייער שאָטן, געזען אין דער געשטאַלט פון דעם וואַסער־טרעגער, דעם וואַלד־מענטש, דעם דאָרפסמאַן. עס וועט דאָך אָבער קיינעם ניט איינפאַלן צו זוכן איינעם פון די ל״ו אויף די טריבונעס פון קאָנגרעסן, אין די ביוראָס, אויף אוניווערזיטעט קאַטעדרעס, צווישן די פרנסי־הציבור. כ׳וואָלט זיך ניט באַנוצט מיט דעם דאָזיקן פאַרגלייך, ווען איך וואָלט געהאַט דעם חשד אַז אין דעם איז פאַראַן אַן איבערטרייבונג. אין רופּינען האָבן זיך צוזאַמענ־געגאָסן אייגנשאַפטן וואָס מיר שרייבן צו צו די ל״ו. ער איז געווען אַן עניו

ניט זייענדיק קיין נחבא אל הכלים. דער שטויב פֿון ביוראָקראַטיע האָט זיך צו אים ניט צוגעקלעפּט און דאָס עפֿנטלעכע ליכט, וואָס איז אויף אים פֿון צייט צו צייט געפֿאַלן, צוליב דער עפֿנטלעכער ראָלע, וואָס ער האָט געשפּילט, האָט אים ניט קאַליע געמאַכט.

רופּין פֿלעגט זאָגן, אַז ער איז שטאָלץ מיט דער פֿריינדשאַפֿט וואָס עס ווייזן אים אַרויס די בויער פֿון לאַנד. ער איז געקומען ווי אַ פֿרעמדער און איז געוואָרן דער סאַמע נאָענטסטער, אָן אמתער פֿריינד, אין גוטע און אין שלעכטע צייטן, אָן קיין שום חשבונות. די ציוניסטישע באַוועגונג מעג שטאָלץ זיין דערמיט וואָס איר אויפֿבוי־ווערק האָט אָנגעצייכנט און מדריך געווען אַ בוימייסטער, אַ מייסטער־פּעדאַגאָג, וואָס האָט אין זיך פֿאַראייניקט ווּיסנשאַפֿט און גלויבן, רעאַליזם און צוקונפֿט־דערוואַרטונג, ברייט־האַרציקייט און מוט — און אַ וואַרעם מענטשלעך האַרץ.

אַלכּסנדר זיסקינד ראַבינאָוויטש

[אין אָריגינאַל „בוחר בחיים“, רעדע אויף דער פֿייערונג פֿון א. ז. ראַבינאָוויטשס 75סטן געבורטסטאָג, שבט תרפ״ט (1929).]

די גרויסע ליבע וואָס פֿיל טראָגן פֿאַר אַלכּסנדר זיסקינד ראַבינאָוויטש נעמט זיך ניט בלויז פֿון ליבע צו ליטעראַטור. כּל־זמן אונזערע באַגריפֿן אונטערשיידן צווישן דעם וואָס מען רופֿט טאַלאַנט און דעם וואָס מען רופֿט פּערזענלעכקייט, צווישן דער פֿעאיקייט צו מייסטערן ווערטער, פֿאַרבן און קלאַנגען, און די גרונט־יסודות פֿון דער מענטשלעכער נשמה, וועלן מיר ניט אויפֿהערן פֿילן, אַז בלויז אין דער מאָס וואָס דער טאַלאַנט גייט צוזאַמען מיט אַ פּערזענלעכקייט, וואָס באַרירט אונז אומ־מיטלבאַר, איז ער פֿעאיק אויף אונז צו ווירקן און צו באַפֿרוכפּערן אונדזער לעבן.

די ארץ־ישׂראלדיקע אַרבעטער קענען זיך שוין מיט א. ז. ראַבינאָוויטשן אַ שיין ביסל יאָרן, כּמעט זינט דעם אָנהויב פֿון דער צווייטער עליה. עס איז קיין ספֿק ניט, אַז ארץ־ישׂראל וואָס האָט אויסגעברייטערט זיין ליטעראַרישע טעטיקייט, האָט אַ. ז. ראַבינאָוויטשן אויך געגעבן פֿיל נייע לייענער, וואָס זיינען פֿריער מיט אים ניט געווען באַקאַנט. אָבער פֿיל פֿון אונז זיינען א. ז. ראַבינאָוויטשן זייער דאַנקבאַר נאָך פֿון פֿריִער.

איך האָב מיט אים אַ „פּריוואַטן חשבון“. איך האָב אים אַנטדעקט אין דער פֿריסטער קינדהייט. דאָס ערשטע מאָדערנע העברעאישע בוך, וואָס איך האָב געלייענט, איז געווען אַ. ז. ראַבינאָוויטשעס דערציילונג „ילדי העברים“. צוויי אינגלעך, יעקב און יאַשאַ, איינער אַ תּלמיד פֿון חדר און דער צווייטער אַ תּלמיד פֿון דער רעגירונגס־גימנאַזיע, ביידע יתומים אָן אַ מוטער — שליסן אַ חבר־בונד. דער געמיינזאַמער משפּחה־גורל און דער פֿאָלקס־גורל איז זיי מקרב. די תּמימותדיקע און לויטערע צוגעבונדנקייט צו דער אַלטער טראַדיציע פֿון דעם איינעם און די רעוואָלוציאָנערישקייט פֿון דעם צווייטן — טרעפֿן זיך צוזאַמען. גדעון קומט צו חלום און רופֿט צו ראַטעווען דאָס אידישע פֿאָלק. עס בליִען די יוגנט־אידעאַלן. ביידע אינגלעך רעוואָלטירן קעגן די פֿאָטערס — איינער קעגן אַ פֿאָטער אַ פֿרומאַק, דער צווייטער — קעגן אַ פֿאָטער אַ משׂכּיל. און צום סוף באַגעגענען זיך ביידע ביי דער אַרבעט אין דעם „ארץ הצבי“.

אויב איר ווילט, האָט איר שוין דאָ, אין דער דאָזיקער פּשוטער און זויבערער קינדער־דערציילונג, די גאַנצע תּורה פֿון אַ. ז. ראַבינאָוויטש. און אפֿשר איז דאָס די ערשטע „חלוצישע" דערציילונג און דער ערשטער רמז אויף דער געשטאַלט פֿון אַ ביל"ו אין דער העברעאישער ליטעראַטור. די דערציילונג האָט מיך דעמאָלט אין גאַנצן פֿאַרכאַפּט, און איך וועל דעם מחבר דערפֿאַר קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן זיין חסד.

אַ. ז. ראַבינאָוויטש איז, כּידוע, אַ שריפֿטשטעלער־האַרעפּאַשניק, וואָס האָט זיך ניט באַגנוגנט מיט זיין אָריגינעלן שאַפֿן און פֿיל כּוחות אַריינגע־לייגט אין איבערזעצונגען. און אַזוי ווי זיין אָריגינעלע אַרבעט נעמט אַרום פֿיל געביטן פֿון ליטעראַטור און תּורה: שטייגער־דערציילונגען, היס־טאָרישע דערציילונגען, לעגענדעס, פּובליציסטיק, דערציאונג און פֿאָר־שונגען — איז דאָס זעלבע אמת וועגן זיינע איבערזעצונגען. ער האָט אונדז געגעבן אין זיין איבערזעצונג די חכמת ישׂראל פֿון באַכער, אָבער אויך דאָסטאָיעווסקי און טאָלסטאָי, קאָראָלענקאָ און ווערא פֿיגנער, גערשוני און גליקל האַמעל. ער איבערזעצט ניט לויט באַשטעלונג. די ביכער וואָס ער האָט פֿאַרהעברעאישט זיינען ניט קיין צופֿעליקע: ער איבערזעצט בלויז אויס אינטימער נאָענטקייט צום שאַפֿער און זיין שאַפֿונג.

אַז איך זוך די גייסטיקע וואָרצלען פֿון דעם פֿענאָמען אַ. ז. ראַבי־נאָוויטש, געפֿין איך זיי סיי אין אונדזערע אייגענע מקורות און סיי אין די איבערזעצונגען וואָס האָבן אים געשפּייזט.

אין אונדזער אידישער וועלט געפֿין איך זיינע פֿאָרלויפֿער ניט אין דער השׂכּלה־ליטעראַטור, נאָר אין דער פּשטנותדיקער מוסר־ליטעראַטור פֿון דער אידישער רייטן מיט 150־200 יאָר צוריק. איך דערמאָן זיך ר' אַלכּסנדר זיסקינד פֿון האָראָדנע, דער מחבר פֿון „יסוד ושורש העבודה" און ר' צבי הירש פֿון קאַידאַנאָוו, דער מחבר פֿון „קב הישר". זיי זיינען ניט געווען קיין „אייזערנע האַמערס", קיין עוקרי הרים, זיי האָבן ניט געשריבן קיין פּסקי הלכות, קיין שאַרפֿע פּילפּולים און אויך ניט קיין מחוכמדיקע דרושים. מיט זייער לייכטער און פּשוטער הסברה האָבן זיי גערעדט צום פֿאָלקס האַרץ און עס מדריך געווען אויפֿן „גלייכן וועג". אין די דאָזיקע חיבורים איז גרינג צו געפֿינען די שפּורן פֿון די „קלאַסן־קעגנזאַצן" אין דער אידישער קהילה פֿון יענער צייט. זיי האָבן ניט אַוועקגענומען די אויגן פֿון דעם „שמוציקן חומר", זיי האָבן ליב געהאַט די אידישע אָרעמקייט, האָבן באַשיצט דעם אָרעמאַן קעגן די תּקיפֿים פֿון דער עדה. זיי האָבן בכּלל ניט פֿאַרזען די פֿראַגעס פֿון דעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן־שטייגער. און אַז מען קוקט אַריין אין די דערציילונגען און באַטראַכטונגען פֿון אַ. ז. ראַבינאָוויטש, אָדער מען הערט אים רעדן פֿאַר אַן עולם, זעט

מען פֿאַר זיך דעם המשך פֿון דער מוסר־ליטעראַטור, אַ פּראָדוקט פֿון דורות און פֿון אַ באַשטימטער קולטור־סביבה, די סביבה וואָס ליגט אויף דער גרענעץ צווישן דער למדנות פֿון ווילנע און דער חסידות פֿון לאַדי.

און זיינע איבערזעצונגען האָבן אויך טיפֿע וואָרצלען. זיי ציען אויך זייער יניקה פֿון אַ באַשטימטער קולטור און אַ באַשטימטער מאָראַלישער וועלט, פֿון יענער „נאַראָדניטשעסטוואָ" („פֿאָלקס־סאָציאַליזם") וואָס איז אַזאַ אייגנאַרטיקע דערשיינונג אין דער רוסישער קולטור.

די דאָזיקע דערשיינונג איז געווען אַ מעכטיקער פֿאַקטאָר אין רוסישן אינטעלעקטועלן לעבן. זי האָט דערצויגן און געשפּייזט דורות רעוואָלוציאָנערן, דענקער און פּראַקטישע טוער. זי האָט אַרויפֿגעלייגט איר שטעמפּל אויף דער רוסישער ליטעראַטור אין משך פֿון צענדליקער יאָרן. זי האָט אויך אויסגעאיבט אַ גרויסע ווירקונג אויף אַ צאָל אידישע יחידים וואָס זיינען פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דער קאָנקרעטער פֿאָלקס־ליבע, וואָס האָט געלעבט אין דעם רוסישן סאָציאַליזם, פֿון דער אידעאַליזאַציע פֿון דעם „איוואַן", פֿון דעם גלויבן אין די גרויסע זעלישע כּוחות און סאָציאַלע אידעאַלן וואָס זיינען פֿאַרבאָרגן אין דעם לעבנס־שטייגער פֿון דעם רוסישן „מוזשיק". אָבער צו קיין אידישער אַנטפּלעקונג איז די דאָזיקע „נאַראָדניטשעסטוואָ" כּמעט ניט געקומען.

אונדזערע געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונגען, וואָס זייערע טרעגער זיינען געווען פֿאָלקס־מענטשן, בלוט און פֿלייש פֿון דער אידישער מאַסע, האָבן זיך קיין מאָל ניט אויסגעצייכנט מיט קיין איבעריקער אידעאַליזאַציע פֿון אונזערע פֿאָלקס־מאַסן. דערפֿאַר האָבן זיי זיך פֿאַרנומען מיט אידעאָלאָגישע אַבסטראַקציעס. זיי זיינען פרעמד געווען און זיך גרויס געהאַלטן לגבי דעם אידישן פֿאָלקסמענטש. דער עלעמענט פֿון פֿאָלקסטימלעכער פשטות איז געווען אַ זעלטנקייט ניט נאָר אין דער השכּלה (וואָס דאָס דערווייטערן זיך פֿון דעם אידישן המון און דאָס אָפּטיילן זיך פֿון אים אין שפּראַך, קליידונג און זיטן, איז געווען איינער פֿון אירע בולטסטע סימנים), נאָר אויך אין דעם ציוניזם, און באַזונדערס אין דעם „גייסטיקן ציוניזם". אָט די דאָזיקע ניט־פֿאָלקסטימלעכקייט געפֿינען מיר אין אַ גרויסער מאָס אויך אין דעם אידישן סאָציאַליזם, וואָס פֿון אויבן־אויף איז ער דאָך געקומען אויף דער וועלט כּדי צו דערהויבן „באַנטשע שווייג" פֿון זיין געפֿאַלנקייט, אָבער אין דער אמתן איז זיין האַרץ געווען צו ענג אויפֿצונעמען די אידישע פֿאָלקס־מאַסן, און די זאַך פֿון דעם אידישן אַרבעטער איז ביי אים אין אַ גרויסער מאָס פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן ענין פֿון אַן אָפּגעטיילטער און איזאָלירטער אַריסטאָקראַטישער שיכט. אין אונזער ליטעראַטור און געזעלשאַפֿטלעכ־

קייט דאַרף מען זוכן מיט ליכט די באַהעפֿטונג — ניט מיט אַן אַבסטראַקטער אידעאָלאָגיע פֿון דער נאַציע אָדער דעם אַרבעטער — נאָר מיט דעם לעבעדיקן פֿאָלק און דעם לעבעדיקן האָרעפּאַשניק. און איינער פֿון די יחידים וואָס אין זיין ליטעראַרישן שאַפֿן און אין זיין לעבן איז פֿאַרקערפּערט די דאָזיקע באַהעפֿטונג, וואָס ער האָט זי ניט איבערגענומען פֿון רוסיש ווי זי שטייט און גייט, נאָר זי „איבערזעצט" אויף אונזער שפּראַך און אין אונזערע לעבנס־פֿאָרמען — איז געווען אַ. ז. ראַבינאָוויטש. ביי אים האָט דער ענין אין גאַנצן פֿאַרלאָרן דעם ריח פֿון „איבערזעצונג"; עס שיינט איבער אים אַן אַלט ליכט, דאָס ליכט פֿון „אַהבת ישראל".

ליבע צום כלל און ליבע צום פּרט; ליבע צום אַלטן און ליבע צום נייעם — דאָס אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן כדי צו שאַפֿן אַ. ז. ראַבינאָוויטשעס סאָציאַליזם. דער דאָזיקער סינטעז וועט אפֿשר עמעצן ניט געפֿעלן ווערן; מען קען דאָך מיינען, אַז סאָציאַליזם איז דאָס וואָס מען האָט געלייענט אָדער שטודירט ערגעץ אין אַ פּראָגראַם. אָבער די נשמה איז רייכער פֿון אַלע פּאַרטיי־טראַקטאַטן און פּערזענלעכקייט איז וויכטיקער פֿון יעדער פּראָגראַם. אַ. ז. ראַבינאָוויטשעס סאָציאַליזם קען באַשטיין זיין שטעטל פֿאַר יעדן טריבונאַל פון פּראָגראַם־מענטשן. ער איז אַ טייל פֿון זיין שאַפֿן, פֿון זיין לעבן, פֿון זיין מהות. ער טראָגט אין זיך דאָס וואָס יעדע פּראָגראַם שטרעבט צו דערגרייכן — די סאָציאַליסטישע פּערזענלעכקייט.

אַ. ז. ראַבינאָוויטש איז, ווי מיר וויסן, איינער פֿון די פּיאָנערן פֿון דער סאָציאַלער דערציילונג אין העברעאיש. עס איז אַן עסטעטישע באַנאַליטעט דאָס צו באַטראַכטן ווי אַ צווייט־ראַנגיקן זשאַנר אין דער ליטעראַטור. אָבער אין אונזער ליטעראַטור האָט די סאָציאַלע דערציילונג מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ וויכטיקן שטאַפּל אין איר אַנטוויקלונג, אין דער אויסברייטערונג פֿון איר היקף. ווי אָרעם איז געווען די סאָציאַלע און פּאָליטישע וועלט פֿון די גרויסע דערציילער פֿון דעם השכלה־פּעריאָד. אַלע זיינען זיי אַרויפֿגעוואָרפֿן געוואָרן אויפֿן רב און אויפֿן שולחן־ערוך. מען איז געשטאַנען אויף די קני פֿאַרן גלאַנץ פֿון די קנעפּ אויפֿן קאַזיאָנעם מונדיר, מען האָט אין גאַנצן ניט געזען דאָס פֿאַרבאָרגענע ליכט אין די טיפֿענישן פֿון אידישן לעבן (דאָס דאָזיקע ליכט איז פֿון דאָס ניי אַנטפּלעקט געוואָרן אין דער תקופה פֿון פֿייערבערג און בערדיטשעווסקי און פּרץ). דאָס זיינען געווען די באַגריפֿן פֿון דעם דאָזיקן דור. אָבער דאָס משונהדיקסטע איז דאָס: צוליב דעם קאַמף צווישן „רעליגיע" און „לעבן" האָבן די דאָזיקע מענטשן אין גאַנצן פֿאַרזען יענע אידישע צרות וואָס זייער סיבה איז ניט דער שולחן־ערוך, די יסורים אין וועלכע דער איד איז געווען פֿאַרזונקען דערפֿאַר וואָס ער איז געווען אַ מענטש וואָס האָט זיך געקאָרטשעט אין דלות און

אין אָרעמקייט, אין רעכטלאָזיקייט און אונטער דעם דרוק פֿון תּקיפֿים, אָן לופֿט צו אָטעמען.

אַנדערש האָבן אויף דעם געקוקט די אידישע סאָציאַליסטן פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור פֿון יענער צייט. אָט איז דער ריז יל״ג און ד״ר יצחק קאַמינער, דער מחבר פֿון די שוואַכע לידער. בעת דער ערשטער האָט געזען די אידישע וועלט ווי זי ווערט צעדריקט אונטער דעם יאָך פֿון אַ „קוצו של יוד״ אין אַ גט און פֿון אַ חשש חמץ בפּסח, זעט קאַמינער דעם „בעל הטאַקסע״ און אַפֿילו דעם „גביר ליברל״, וואָס „זיין גאָט איז די מטבע״. אין די בעלעטריסטישע פּאַרזוכן פֿון אַהרן שמואל ליבערמאַן געפֿינט מען בכלל אַ נייעם צוגאַנג צו דעם אידישן מענטשן: דער מלמד איז דווקא ניט קיין קאָמישע פֿיגור, דער ישיבה־בחור רופֿט אַרויס דרך־ארץ און פֿון קאָפּ פֿון דעם משכיל־גביר איז אַראָפּגענומען געוואָרן די קרוין. ליבערמאַן האָט אַפֿילו געהאַט די העזה הויך צו שאַצן דאָס חסידות — אַ זאַך וואָס איז גאָרניט מעגלעך געווען צו געפֿינען ביי אַ פּראָגרעסיוון אינטעליגענט פֿון יענער צייט.

די סאָציאַליסטישע אויפֿפֿאַסונג איז דער יסוד פֿון אַ. ז. ראַבּינאָ־וויטשעס גאַנצן שאַפֿן און נאָך מער — פֿון זיין לעבנס־בליק. אין זיין דערציילונג „עלבון״ זעט דאָס חדר־אינגל זיין באַליבטן און באַוואונדערטן רבין אין זיין ירידה: ער חנפֿעט דעם גביר און איז מבייש דעם אָרעמען טאַטן. „איז דאָס הערפֿאַר וואָס ער איז רייך און דער טאַטע איז אָרעם? אָבער דאָס איז דאָך אָסור מן התורה״ — „דעמאָלט האָב איך צום ערשטן מאָל געזען די באַציאונג וואָס האָט חרוב געמאַכט מיין לויטערע וועלט״. וועגן דער דאָזיקער באַציאונג צווישן מענטשן ווערט דערציילט אין אַלץ וואָס אַ. ז. ראַבּינאָוויטש האָט געשריבן: „באפס תקווה״, „בצל הכסף״, „חטאת הצבור״, „סדר מאוחר״. אין אַ שפּעטערדיקער אויפֿלאַגע האָט אַ. ז. ראַבּינאָוויטש אַ ביסל ווייכער געמאַכט די שאַרפֿע אָנקלאָגע וואָס אַ טייל פֿון די דאָזיקע דערציילונגען האָבן אין זיך אַנטהאַלטן. מען האָט דעמאָלט געמיינט אַז אַ. ז. ראַבּינאָוויטש איז געוואָרן אַ סאָציאַלער חוזר בתשובה — אָבער אין דער גרעסטער פֿון זיינע ארץ־ישראלדיקע דערציילונגען, „חורבנות החלוקה״, וואָס ער האָט שוין געשריבן אויף דער עלטער (אגב: אפשר די איינציקע וויכטיקע דערציילונג אין אונזער ליטעראַטור פֿון לעבן פֿון דעם אַלטן ישוב) — האָט ער באַוויזן אַז זיין סאָציאַלע טביעת־עין איז גע־בליבן אַזוי שאַרף ווי געווען (צוליב דער דאָזיקער דערציילונג האָבן אים די צפֿתער רבנים אַריינגעלייגט אין חרם).

עס איז פֿאַראַן אַ מיינונג, אַז אַ. ז. ראַבּינאָוויטשעס נטיה צו דער רע־ליגיעזער טראַדיציע איז אַן עלטער־סימפּטאָם. דאָס איז אַ טעות. שויז

מיט גאַר אַ סך יאָרן צוריק, אין יאָר תּרמ״ט, בעת ער איז נאָך געווען אַ יונגער שרייבער, האָט ער אין פֿינפֿטן „האסיף״ פֿאַרעפֿנטלעכט זיין אַרטיקל „לתולדות משפחת שניאורסון״. דער דאָזיקער אַרטיקל, וואָס איז פֿול מיט באַוואונדערונג פֿאַר דער חב״דישער חסידות, איז געשריבן געוואָרן פֿאַר דובנאָוו, פֿאַר פּרץ, פֿאַר בערדיטשעווסקי, פֿאַר יהודה שטיינבערג — איידער די חסידות איז געוואָרן אַ גאַנגבאַרע סחורה. אין דער השכּלה־ליטעראַטור האָט זיך געפֿונען בלויז נאָך איין שרייבער, אליהו צבֿי הכּהן צווייפֿעל, וואָס האָט מיט פֿיל יאָרן צוריק אין זיין בוך „שלום על ישׂראל״ געפֿאָדערט די רעהאַביליטאַציע פֿון חסידות (שמואל יעקב ביק, איינער פֿון די גאַליציאַנער משׂכּילים, געהערט ניט אַהער; ער האָט פּשוט אַוועקגעוואָרפֿן די השכּלה און זיך צוריקגעקערט צום חסידיזם). צווייפֿעל איז אין זיין צייט באַשולדיקט געוואָרן אין צוויי־פּנימדיקייט און מאַכן אַן אַנשטעל פֿון פֿרומקייט. ווי אַזוי האָט מען אויפֿגענומען א. ז. ראַבינאָוויטשעס דערמאָנטן אַרטיקל? פֿרומע „מתנגדים״ האָבן דעמאָלט געשריבן: אַ האַלבער חסיד און אַ האַלבער משׂכּיל. די משׂכּילים האָבן געשריבן: די רעאַקציע גייט!

א. ז. ראַבינאָוויטש זאָגט וועגן זיך אין דעם דאָזיקן אַרטיקל: „פֿיל יאָרן בין איך געווען אַ תּלמיד פֿון דעם לעצטן ר׳ שניאור זלמן, דעם זון פֿון רמ״מ ז״ל. איך האָב געזען די פֿירונגען פֿון רבֿ און די חסידים, איך וויל ניט פֿאַרשווייגן זייערע מעלות — אָבער אויך ניט זייערע חסרונות״.

„איך האָב אייך ליב, טייערע חסידים!״, כאַפּט זיך אַרויס פֿון זיין האַרץ, „הלוואי וואָלטן מיינע אָרעמס געווען אַזוי לאַנג, אַז איך זאָל אייך אַלעמען קענען אַרומנעמען און צודריקן צו מיין האַרצן. עס זיינען מיר געגנוג די טייערע מידות וואָס לעבן אין אייערע הערצער, אַז איך זאָל אייך אייביק ליב האָבן! ס׳איז מיר גענוג וואָס אין אייך פֿלאַקערט דער פֿלאַם פֿון ליבע צו אונזער הייליקער תּורה, כאָטש איר טוט זי אָן אַ לבֿוש, וואָס פּאַסט איר ניט, לויט מיין מיינונג. עס איז מיר גענוג וואָס איר אַנערקענט און ווייסט, אַז איר זיינט ברידער פֿון איין פֿאָטער און עס לעבט אין אייך איין גייסט און איר האַלט זיך ניט גרויס איינער לגבי דעם אַנדערן — וואָס אין אייערע אָדערן שטראָמט ניט קיין קאַלט פֿישבלוט״.

און אָט דער דאָזיקער סינטעז פֿון חסידות און סאָציאַליזם האָט אים געפֿירט פֿון „בני משה״, דעם אָרדן פֿון די חובבֿי ציון, צו דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי „אחדות העבֿודה״ — אַן אויסערגעוויינלעכער וועג. בלויז איין מיטגליד פֿון די „בני משה״ האָט זוכה געווען צו אַ דירעקטן צוגאַנג צום אידישן אַרבעטער אין ארץ־ישׂראל: יהושע ברזילי. אָבער

דערפֿאַר זיינען געווען פֿיל עלטער־חברים זיינע וואָס זייער האַרץ איז גע־בליבן פֿאַרשלאָסן פֿאַר דעם נייעם חלוץ. אַ. ז. ראַבּינאָוויטש האָט זוכה געווען צו אַן אַנדער צוגאַנג. אין אַ געוויסער מאָס איז ער דערצו גרייט געווען: עס זיינען אים בייגעשטאַנען זיין חסידות און זיין סאָציאַליזם. אָבער עס האָט אים אויך געהאָלפֿן זיין „בעלעטריסטיש אויג". ער, דער תמימותדיקער ציוניסט מיטן לויטערן האַרץ האָט נאָך אין גלות געזען דעם קלאַסן־מאָמענט אין דעם ציוניזם.

נחום שלומזאָן דער העלד פֿון זיין טרויעריקער דערציילונג „סדר מאוחר" (תּרנ"ז), איז „אַ מענטש אין וועלכן עס האָבן זיך באַהעפֿט די אמונה און די השכּלה, און אין ענינים וואָס האָבן ניט קיין שייכות צו מסחר גייט ער מיט די אָרטאָדאָקסן". אַ גבאי אין דער תּלמוד־תּורה און אַ חובב ציון, „וואָס גיט אויס אָרום צוואַנציק רובל אַ יאָר אויף נייע ביכער און אַ העברעאישער צייטשריפֿט". ער ווייס, אַז „אין פֿיל הינזיכטן איז אַ גויישער משרת בעסער פֿון אַ אידישן. אַז מען זאָגט דעם גויישן משרת: טו עפּעס — טוט ער. מען דאַרף אים ניט אָפּגעבן קיין דער־קלערונגען און זיך פֿאַר אים ניט אַנטשולדיקן". נחום שלומזאָן צווינגט אָבער פֿונדעסטוועגן זיין אידישן משרת צו אַרבעטן אין דער סדר־נאַכט אין אַ חמצדיקער קראָם. און זיינע זין זעען דעם אמתן פּנים פֿון זייער פֿאָטערס „אידעאַליזם". דער ציוניסטישער „קאַזיאָנער רבֿ", אין דער דער־ציילונג „צרת הבן", שרייבט זיך אונטער אויף אַ דעקלאַראַציע צו זיין פֿריינד דעם „פּריסטאַוו", אַז ער וועט „פֿון היינט אָן און ווייטער זיך ניט פֿאַרנעמען מיט ציוניזם". און זיין זון שרייבט: „פֿאַרוואָס איז מיין באַ־ציאונג צום ציוניזם אַ נעגאַטיווע? — דערפֿאַר וואָס איך בין אויסגעוואָקסן אין אַ ציוניסטישער היים. איך האָב געזען רייכע ציוניסטן וואָס זיינען ניט געפֿאָרן קיין ארץ־ישראל און האָבן דאָרטן ניט געקויפֿט קיין אייל ערד, כ'האָב געזען באַגייסטערטע ציוניסטן וואָס האָבן אויסגעפֿאָלגט דעם באַ־פֿעל פֿון 'פּריסטאַוו' זיך אָפּצוזאָגן פֿון דעם ציוניזם — ניין! כ'וועל שוין בעסער שטאַרבן אין מיין פּוסטקייט. אַזאַ ביליקן אידעאַל וועל איך אין מיין האַרצן ניט אַריינלאָזן..."

אָט דער דאָזיקער אופֿן פֿון זען די ציוניסטישעווירקלעכקייט האָט אַ. ז. ראַבּינאָוויטשן צוגעגרייט צום לעבן אין ארץ־ישראל און אים געגעבן די פֿעאיקייט ריכטיק אָפּצושאַצן די פֿאַרשיידענע כּוחות וואָס האָבן אין איר געווירקט.

געקומען קיין ארץ־ישראל איז ער אַ פֿופֿציק־יאָריקער, אָבער זיינע קוואַלן זיינען ניט אויסגעטריקנט געוואָרן און זיין אויג איז ניט מאַט געוואָרן. מיר אַלע באַוואונדערן די אַרבעטס־פֿעאיקייט און התמדה, וואָס

ער האָט אַרויסגעוויזן אין די דאָזיקע יאָרן. אָבער נאָך מער באַוואונדערונג רופֿט אַרויס זיין פֿעאיקייט זיך צוצוהערן צו אַלץ וואָס עס וואַקסט אַרום, דער טאַלאַנט צו זען „דברי אלוהים חיים" אין זייערע רויסטע און פֿאַרשיידנסטע אַנטפּלעקונגען. ווען אַזאַ פֿרישקייט זאָגט מען — יוגנטלעכקייט, אָבער אפֿשר איז דאָס גאָר די געבענטשטע עלטער. צו פֿאַרבינדן דורות און וועלטן, דורכצופֿירן השפּעה־קאַנאַלן צווישן אַלטע בוימער און געוויקסן און גרעזלעך, וואָס האָבן ערשט אָנגעהויבן אויפֿשפּראָצן.

אַ. ז. ראַבינאָוויטש האָט אַמאָל וועגן זיך געזאָגט, אַז ער האָט זיך איינגעקויפֿט פֿריינד „בזיל הזול". עס זיינען פֿאַראַן מענטשן וועגן וועלכע מען זאָגט, אַז זיי „האָבן זיך איינגעקויפֿט די וועלט אין איין שעה". איך בין זיכער, אַז אַ. ז. ראַבינאָוויטש האָט זיך קונה עולם געווען ניט אין איין שעה, נאָר אין משך פֿון פֿיל יאָרן אַרבעט און האָרעוואַניע. מיר ווייסן ניט, ווי אַזוי עס האָט זיך קריסטאַליזירט די דאָזיקע האַרמאָנישע פּערזענלעכקייט; ער האָט אונז ניט אויסגעזאָגט דעם סוד. (אין זיינע שריפֿטן זיינען פֿאַראַן בלויז צוויי לירישע זייטלעך, אין וועלכע ער דערציילט וועגן געראַנגל מיט באַגערן, וועגן אָפּגעריסנקייט פֿון גאָט, וועגן איינזאַמקייט און לאַנגווייל. אָבער דאָס אַלץ איז פֿאַרשוואונדן ווי אַ בייזער חלום, בעת ער האָט געעפֿנט די אויגן און געזען, אַז גאָט איז פֿון אים ניט ווייט). זינט מיר האָבן אים דערקענט, שטייט ער פֿאַר אונז ווי אַ פֿעסטער, בליענדיקער בוים. ניט דורך אַ פּלוצלונגדיקן אויפֿבליץ האָט ער זיך קונה געווען דעם עולם־הזה ביי אונז און דעם עולם־הבא אין דער העברעאישער ליטעראַטור. עס איז אים באַשערט געווען די טייערע מתּנה פֿון דעם רבונו־של־עולמס אוצרות, וואָס טראָגט דעם נאָמען „אריכת ימים". ניט יעדער איז זוכה צו אַזאַ אַריכת ימים — און ניט יעדער וואָס איז שוין דערצו זוכה ווייס ווי זי אויסצונוצן. אַלכּסנדר זיסקינד ראַבינאָוויטש האָט באַוויזן, אַז ער ווייס ווי אַזוי צו נוצן די דאָזיקע טייערע מתּנה, און אַז ער איז ראוי דערצו, אַז דער דאָזיקער פּקדון זאָל בלייבן אין זיין רשות פֿיל יאָרן. פֿון זיינעטוועגן און אונזערטוועגן.

אַ זון פֿון דעם עם קשה עורף — ש. לביא

[אריינפֿיר צום בוך „כתבים נבחרים״ פֿון ש. לביא („עם עובד״ — תל־אָביב, 1944). שלמה לביא (לעווקאָוויטש) איז איינער פֿון די פּיאָנערן פֿון דער ארץ־ישראלדיקער באַוועגונג, דער פֿאָטער פֿון דער אידעע פֿון דער גרויסער קבוצה און דער גרינדער פֿון עין חרוד. בעת זיינע געזאַמלטע שריפֿטן זיינען דערשינען האָט זיך ש. לביא געפֿונען אין איטאַליע ווי אַ סאָלדאַט אין דער בריטישער אַרמיי אין וועלכער ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין עלטער פֿון 60 יאָר.]

דער אמתער פֿרייוויליקער באַגנוגנט זיך ניט מיטן מאָביליזירן זיך איין מאָל; ער מאָביליזירט זיך כּסדר פֿונדאָסניי.

ש. לביא

איידער איך האָב זיך גענומען שרייבן די עטלעכע אַריינפֿירנדיקע ווערטער צו די שריפֿטן פֿון מיין חבר און פֿריינט שלמה לביא, האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין:

ווען איך וואָלט אַזאַ מין בוך געדאַרפֿט פֿאָרשטעלן פֿאַר אַ ניט־אונזעריקן לייענער, פֿאַר אַ ניט־אידן, וואָס איז אַ בן־בית אין דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור פֿון די לעצטע דורות, אַ מענטש מיט אַן אויער וואָס איז פֿעאיק צו אונטערשיידן צווישן יענע זייער גאַנגבאַרע ווערטער, וואָס זיינען צעפֿרעסן פֿון דעם זשאַוועך פֿון באַנאַליטעט, און די זייער זעלטענע פֿון וועלכע עס שיינט אַרויס אַ שמץ פֿון עלעמענטאַרישקייט — וואָלט דאָס מיר ניט אָנגעקומען שווער.

ערשטנס, וואָלט איך דעמאָלט זיך ניט געפֿונען אין דער לאַגע פֿון איינעם וואָס דאַרף זיין פֿריינט לויבן אין די אויגן אַרייך. מיר זיינען דאָס ניט געוואוינט צו טאָן. צווייטנס, וואָלט איך צו יענעם דרויסנדיקן מענטשן ניט געדאַרפֿט רעדן אין די ביי אונז אָנגענומענע טערמינען, וואָס צייטנווייז הויבן מיר אָן צו פֿאַרלירן אין זיי דעם טעם, דערפֿאַר וואָס מיר נוצן זיי צופֿיל. איך וואָלט אויף אַ רגע זיך באַפֿרייט פֿון יענער איבערטרייבענער „פֿאַמיליאַריטעט״ וואָס הערשט ביי אונז אַפֿילו אין גייסטיקע ענינים און רויבט ביי אונז אַוועק די פֿעאיקייט צו זען דערשיינונגען אין זייער ריכטיקער גרויס. אָט די דאָזיקע דיסטאַנץ וואָלט מיר פֿיל געהאָלפֿן אָביעקטיוו פֿעסטצושטעלן דעם מענטשלעך־רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט פֿון דעם בוך און דעם מהות פֿון דעם חלוצישן געדאַנק, פֿון דער אידעע פֿון

רעוואָלוציאָנערן קאָנסטרוקטיוויזם, וואָס קוועלט אין דעם מחבר פֿון די דאָזיקע שריפֿטן.

דער דאָזיקער ניט־איד מוז דווקא ניט זיין קיין אויסגעטראַכטע באַשעפעניש. ניט געקוקט אויף אונזער איינזאַמקייט אין דער וועלט, לעבן מיר דאָך ניט אין קיין קאַראַנטין. מיר באַגעגענען זיך מיט מענטשן פֿון אַנדערע פֿעלקער. ס'זיינען געווען ציטן ווען אַזעלכע באַגעגענישן זיינען געווען זייער זעלטענע. איצט, אין די מלחמה־יאָרן, באַגעגענען מיר זיך מיט זיי גאַנץ אָפֿט. עס איז אַפֿילו ניט נויטיק צוליב דעם צו פֿאָרן ערגעץ אין די מרחקים. יעדער אידישער סאָלדאַט באַגעגנט זיך איצט מיט זין פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער, און ממילא ווערט ער אַ רעפּרעזענטאַנט פֿון זיין פֿאָלק. און מען באַגעגנט זיך מיט מענטשן פֿון די פֿאַרשיידנסטע טיפּן: צייטנוויז זיינען דאָס די בעסטע מענטשן פֿון אונזער דור, סיי באַרימטהייטן און סיי אַנאָנימע מענטשן. און מיר פּרובירן זיי עפּעס דערציילן וועגן זיך, פֿאַרברענגען פֿאַר זיי אונזער פֿאָלקס־זאַך.

און ווען מיר קומען צו אַ „זר לא יבין" און פּרובירן אים זיך פֿאַרשטענדלעך צו מאַכן, שטעלן מיר זיך די שאלה: ווי אַזוי זאָלן מיר אים אויפֿקלערן? עס זיינען צווישן אונז פֿאַראַן פֿיל פֿון די וואָס זיינען באַרופֿן צו געבן די דאָזיקע אויפֿקלערונג, וואָס האָבן שטאַרק מורא פֿאַרן „מה יאמרו". וואָס וועט זאָגן דער פֿרעמדער (וועלכער שטייט בדרך הטבע און בדרך הכוח העכער פֿון אונז) ווען ער וועט אין אונזערע פֿירונגען און באַגערן, און אוודאי אין אונזערע טענות, געפֿינען עפּעס וואָס וועט ניט שטימען מיט זיינע באַגריפֿן און זיין געשמאַק? דערפֿאַר באַמיען זיך גוטע אידן צו באַווייזן, אַז מיר זיינען ניט ערגער פֿון אַנדערע מענטשן, אַז מיר זיינען פּונקט־פּונקט „ווי אַלע". עס זיינען פֿאַראַן אַזעלכע וואָס טוען דאָס אויס די בעסטע כּוונות: אין זייער גרויסן פּאַטריאָטיזם ציטערן זיי, טאָמער וועט עפּעס אַן אויסדרוק פֿון אַנדערשקייט אין אונז אַראָפּזעצן אונזער ווערט און פּסול מאַכן אונזער רעכט. אָט די דאָזיקע אומזיכערקייט, וואָס איז אַזוי פֿאַרשפּרייט אין דעם קאָנטאַקט פֿון אידן מיט וועלט־תּקיפֿים, געפֿינט מען אויך צייטנוויז אין דעם קאָנטאַקט פֿון אידישע סאָציאַליסטן מיט ניט־אידישע סאָציאַליסטן. עס זיינען צווישן אונז פֿאַראַן אַזעלכע וואָס באַמיען זיך ווי וויט מעגלעך צו „פֿאַראיינפֿאַכן" אונזער ענין, צו עלימינירן פֿון אים אַלץ וואָס איז ניט־גלאַטיק און וואַרצלדיק און באַווייזן, אַז מיר זיינען חלילה מיט קיין שום זאַך ניט אַנדערש פֿון אַנדערע, אַז אַלץ וואָס מיר טוען, אַפֿילו אויב פֿון אויבן־אויף זעט עס אַמאָל אויס אַביסל מאָדנע, איז דאָך אין איינקלאַנג מיט די אַלגעמיין אָנגענומענע באַגריפֿן און קאָנווענציעס.

מיט רעכט אָדער ניט, האָב איך קיינמאָל ניט געהאַלטן פֿון דער דאָזיקער שיטה. ניט אין מיינע יוגנט־יאָרן, ווען איך האָב זיך געחברט מיט „שקצים״, און ניט שפּעטער, ווען איך האָב זיך אין פֿאַרשיידענע שליחותן באַגעגנט מיט הויכגעשטעלטע פּערזאָנען אין דער סאָציאַליסטישער וועלט. איך האָב קיינמאָל אויף זיך ניט גענומען די אויפֿגאַבע צו באַווייזן, אַז אויך מיר זיינען כּשרע סאָציאַליסטן. דאָס וואָס פֿאַראייניקט אונז מיט די אַנדערע אַרבעטס־מענטשן, ווי קינדער פֿון דער עפּאָכע, ווי רעבעלן קעגן דעם עקזיסטירנדיקן, ווי קעמפֿער פֿאַר דעם איבערבוי פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט, האָב איך שטענדיק אָנגענומען ווי אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכ־קייט. אָבער דאָס אַליין שעפּט נאָך ניט אויס אונזער ענין. איך האָב דער־פֿאַר שטענדיק זיך באַמיט אויפֿמערקזאַם צו מאַכן אויף דעם וואָס עס צייכנט אונז באַזונדערס אויס, אויף דעם אייגן־גורלדיקן אין אונזער עק־זיסטענץ; אויף דער אַנדערשקייט וואָס דרינגט דערפֿון אַרויס אין אונזער לאַגע, אין אונזערע מעשׂים, אין דער געשטאַלט פֿון אונזער ווערק, אין אונזערע פֿאָדערונגען. איך האָב געהאַלטן, אַז דער וואָס עס זעט בלויז דאָס פֿאַראייניקנדיקע און ניט דאָס אָפּטיילנדיקע זעט ניט דאָס אמתע בילד. איך האָב געוווּסט, פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס קען אַמאָל ביי מיין ניט־אידישן מיטשמועסער אַרויסרופֿן אַסאָציאַציעס מיט דעם לגנאי באַרימטן אידישן „אתּה בחרתּנו״. אָבער איך נעם ניט אָן די סבֿרא, אַז איובֿ איז טאַקע מחויבֿ צו דערקלערן: „איך בין אויך אַ מענטש״, און אַז גוטע מאַנירן און באַשיידנקייט פֿאָדערן פֿון דעם איובֿ־פֿאָלק, אַז עס זאָל פֿאַר־טושן דאָס באַזונדערע אין זיין גורל און אין זיינע קריוודעס.

דערפֿאַר וואָלט איך, ווען מיר וואָלט אויסגעקומען צו רעדן צו אַ ניט־איד וועגן דעם דאָזיקן בוך פֿון ש. לביא, אים געזאָגט דאָס פֿאָלגנדיקע:

דאָס איז אַ ספֿר תּולדות אָדם. אַ בוך וועגן אַ מענטשנס ראַנגלעניש. ראַנגלענישן מיטן וויטן און מיטן נאָענטן. ניט קיין ביאָגראַפֿיע און ניט קיין זכרונות, נאָר געדאַנקען און פֿאָדערונגען, פּאָלעמיק און פּראָיעקטן, בוי־פּלענער און קאַלקולאַציעס. און מיט דעם אַלעמען איז דאָס זייער אַ פּערזענלעך בוך. אַ סוביעקטיוו בוך אויף אָביעקטיוו טעמעס. דאָס דאָזיקע בוך פֿאָדערט אין די ראַמען פֿון אונזער לעבן, די ראַמען פֿון אונזער נאַ־ציאָנאַלן אידישן לעבן — אָט דעם דאָזיקן טראַפּן אין ים פֿון דער „גרויסער מענטשהייט״ — סאָציאַלע און עקאָנאָמישע שנויים. דער שרייבער, וואָס זיין געדאַנקען־גאַנג פּירט שטענדיק אין דער ריכטונג פֿון דער טאַט, קווייקלט זיך ניט צו קומען מיט זיינע אייגענע פּלענער און זיך אַריינ־לאָזן אין פּרטים; ער האָט קיינמאָל ניט מורא אַז עמיצער וועט זיי באַ־טראַכטן פֿאַר לעכערלעך, איך וועל אייך ניט באַלעסטיקן מיט פּרטים פֿון

זיינע פּלענער אָדער מיט די פּרינציפּן, אויף וועלכע זיי זיינען געבויט. אָבער בקיצור וועל איך זאָגן: זיין געדאַנקען־גאַנג איז אַן אוטאָפּישער געדאַנקען־גאַנג — אוטאָפּיש אין דעם גוטן זינען פֿון דעם דאָזיקן וואָרט. דאָס איז ניט אין הסכם מיט דער באַנאַלער טעאָריע, אַז די אוטאָפּיע אַנטלויפֿט פֿון דערווירקלעכקייט. אַדרבה, זי זעט די ווירקלעכקייט מיט איר גאַנצער שאַרפֿקייט, וואַרפֿט זי אָפּ און שטעלט איר אַנטקעגן די אייגענע וויזיע; אָבער ניט אין דער פֿאָרם פֿון אַ פֿאַרשלעפֿערנדיקן וויג־ליד, נאָר אין דער בחינה פֿון דעם געבאָט „קום ועשה", אין דער בחינה פֿון „העידותי בכם היום את השמים והארץ, החיים והמוות — ובחרת בחיים". ווייטער איז אַלץ אָפּהענגיק פֿון דיין שכל און דיין ערלעכקייט און דיין ווילן. דער געדאַנקען־גאַנג פֿון אונזער מחבר איז, ווי איר זעט, אַ יונג צווייגל אויפֿן שטאָם פֿון דעם דורות־אַלטן סאָציאַליסטיש אוטאָפּיסטישן געדאַנק, וואָס גראָד איצט, נאָך דער ביטערער לעקציע פֿון דעם לעצטן דור, האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז „עלהו לא יבול". („זיינע בלעטער האָבן ניט פֿאַרוועלקט").

אגב, וויל איך אייך זאָגן, אויב איר ווייסט דאָס אַליין ניט: די סאָציאַליסטישע אוטאָפּיע האָט ביי די ארץ־ישׂראלדיקע אַרבעטער, אַמאָל אומבאַוואוסטזיניק און אַמאָל אַפֿילו קעגן זייערע באַוואוסטזיניקע איבערצייגונגען, געשטראָמט אין פֿאַרשיידענע קאַנאַלן — און זי האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַן אַקטיוויזירנדיקער און ריכטגעבנדיקער פֿאַקטאָר, ווי אַ באַנייענדיקער לעבנס־יסוד. און מען דאַרף געדענקען, אַז דאָס איז געשען אין אַ צייט ווען אין דער גרויסער סאָציאַליסטישער וועלט זיינען שטאַרק געפֿאַלן די אַקציעס פֿון דער „אוטאָפּיע" און קיין בר־דעת האָט זיך אין איר ניט געגויטיקט.

אויב איר ווילט, קענט איר קלאַסיפֿיצירן די אידעע אין דעם דאָזיקן בוך, אַנקלעפּן אויף זיי עטיקעטן, זיי אַריינשטעלן אין אַ פּאַסיק קעסטעלע. אָבער מען דאַרף שטענדיק געדענקען, אַז דער שרייבער האָט זיי, די דאָזיקע אידעען, ניט איבערגעגאָסן פֿון איין כּלי אין דער צווייטער, ניט איבערגעזאָגט די ווערטער פֿון אַנדערע, נאָר האָט זיי באמת אַליין אויסגעטראָגן און דורכגעטראַכט. פֿון דאַנען נעמט זיך אפֿשר זיין גרויסע אייפֿערזוכט פֿאַר זיינע ווערטער: ווי אַ מוטער באַשיצט מיט איינער און בעגל די „פֿרוכט פֿון איר לייב", אַזוי באַשיצט ער די קינדער פֿון זיין גייסט.

זאָל איך בשום אופֿן ניט איינפֿאַלן, אַז דאָס איז עפּעס אַן אַלגעמיין בוך וועגן תּיקון העולם, אַ קאָסמאָפּאָליטיש בוך, אַ בוך וועגן דעם אַבסטראַקטן מענטשן. ניין, דאָס איז אַ דורכאויס אידיש בוך, אידיש ביזן

סאַמע לעצטן פּינטל. דער מחבר ראַנגלט זיך טאַקע מיט די אַלגעמיינע פּראָבלעמען פֿון דער ווירטשאַפֿט און פֿון דער געזעלשאַפֿט — מיט די פּראָבלעמען פֿון דאָרף און שטאָט, פֿון דעם מאַרק, פֿון פּראָדוקציע און פֿאַרברויך, פֿון אַרבעטער און אַרבעטסגעבער, פֿיזישע אַרבעט און קולטור־לעבן. אָבער די עיקרדיקע טרייבקראַפֿט פֿון זיין געדאַנק איז דער גורל פֿון זיין פֿאָלק, וואָס זינקט אין עלנט; זיין פֿאָלק איז געווידמעט זיין געדאַנק און זיין זאָרג. פֿון זייעטוועגן זיינען געשאַפֿן געוואָרן אָט די אַלע ווירטשאַפֿט־ און קאָלאָניזאַציע־פּלענער — פֿאַר זיין רעטונג, אויפֿריכטונג און ווידער אויפֿבוי. און אויך זיין זאָרג פֿאַרן מענטשן, פֿאַרן יחיד — פֿאַר זיין ווערדע־געפֿיל, פֿאַר זיין פֿרייהייט, זיין גלייכקייט, זיינע מעגלעכקייטן צו וואַקסן, זיין וואוילזיין און אַפֿילו זיין „וואוילשטאַנד" (וואָרעם ער גלויבט אין דער מעגלעכקייט פֿון וואוילשטאַנד פֿאַר אַלעמען) — איז אין די ראַמען פֿון פֿאָלק.

דער שרייבער פֿון דעם דאָזיקן בוך איז, ווי איר פֿאַרשטייט אַליין, איינער פֿון יענע אידן וואָס זיינען פֿאַרצויבערט געוואָרן פֿון דער וויזיע פֿון דער דערלייזונג פֿון פֿאָלק און זיין אומקער אין דעם פֿאַרלאָרענעם אָבער קיינמאָל ניט פֿאַרגעסענעם היימלאַנד. פֿיל האָט דער דאָזיקער צויבער געפֿאַנגען, אָבער בלויז פֿאַר ווייניקע איז דער צויבער געוואָרן אַ פּערזענלעכער גורל, אַ לעבנס־שליחות. זיי, די ווייניקע, האָבן אין דעם באַגריף „פֿאָלקס־גאולה" איינגעשלאָסן אַלע זייערע בעסטע און שענסטע שטרעבונגען וועגן אויסלייטערן דאָס לעבן פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿון יעדער פּגימה און פֿלעק. אָבער אויף אים, אויף דעם שרייבער, האָט געווירקט ניט נאָר די צוצי־קראַפֿט פֿון דעם צויבער־חלום, נאָר אויך אַ האַרטע שטויס־קראַפֿט; שוין אַלס איינגל אין גלות פּוילן מיט 40 יאָר צוריק, האָט ער, און ווייניקע אַנדערע ווי ער, געזען די אידישע עקזיסטענץ ניט ווי אַן אידיליע וואָס טראָגט אין זיך אַ גרויסע צוקונפֿט, ווי עס האָבן זי געזען אַנדערע, וואָס האָבן זייערע האָפֿענונגען געלייגט אויף דער רוסישער רעוואָלוציע, אויף דעם אויפֿקום פֿון אַ אידישן אַרבעטער־קלאַס אין פּוילן אָדער אויף דעם פֿאַנאַנדערוואוקס פֿון פֿאָלקסטימלעכע קולטור־כּוחות אין גלות. די אידישע עקזיסטענץ האָט זיך אים אַנטפּלעקט אַ דערשיטערטע און ער האָט געאַנט דעם גזר־דין וואָס איז איבער איר געהאַנגען. אָט יענע אַנונג, כאָטש ער איז ניט געווען בכּוח זי צו פֿאָרמולירן אין וויסנשאַפֿטלעכע טערמינען, איז געווען זייער שאַרף און זי איז געוואָרן די גרויסע טרייבקראַפֿט אין זיין לעבן. ער האָט זיך אויסגעקערט מיט זיין רוקן צו דער אידישער עקזיסטענץ אין גלות — אָבער ניט מיט פֿאַראַכטונג אָדער אָפּגעפֿרעמדקייט ווי פֿיל אַנדערע, וואָס האָבן געזוכט צו אַנטלויפֿן ערגעץ אין דער „ברייטער

וועלט", נאָר מיט מיטלייד און ליבע, מיט דעם ווילן פֿאַר איר צו געפֿינען אַן אַנטרינונגס־פּלאַץ, איר אומצוקערן דאָס פֿאַרלאָרענע היימלאַנד. אַפֿילו די וויסטעניש, וואָס ער האָט געפֿונען אין היימלאַנד, האָט ניט אויסגע־טריקנט די יוגנט־פֿרישקייט פֿון זיין האַרצן, און די פּלאָגענישן און נסיונות וואָס ער איז אויסגעשטאַנען האָבן ניט אָפּגעשוואַכט דעם פֿעסטן ווילן צו שאַפֿן פֿאַרן פֿאָלק, ווי עס זאָגט אַן אַלטע אידישע תּפֿילה, „אַ לעבן אָן בושה וכלימה", און אַזאַ לעבן האָט, לויט די באַגריפֿן פֿון די דאָזיקע אינגלעך, געהייסן — ערד־לעבן, אַרבעטס־לעבן, אַ לעבן פֿון פֿרייהייט.

איך געדענקט אַוודאי די געשיכטע וואָס איז געווען אַזוי פּאָפּולער אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור אין אירע פֿרילינגס־יאָרן. אַ מעשה מיט אַלעקסאַנדער הערצען און ניקאָלאַי אָגאַריאָוו, צוויי חברים וואָס איינער פֿון זיי איז אַלט געווען 15 יאָר און דער צווייטער 13 יאָר, וואָס האָבן פֿאַרלאָזן מאָסקווע, אַוועק אין די וואָראָביאָווער בערג און האָבן דאָרטן געשלאָסן אַ בונד, גענומען אַ שבועה, אַז זייער גאַנץ לעבן זאָל געהייליקט זיין דעם פֿרייהייטס־קאַמף. ניט ווייניק טרייהייט־שבועות זיינען אַוועק מיטן ווינט, אָבער יענע צוויי אינגלעך זיינען טריי געבליבן זייער יוגנט־שבועה. איך ווייס ניט, צי אין דער העברעאישער רעוואָלו־ציאָנערער ליטעראַטור איז געבליבן אַ זכר פֿון אַזאַ מין ראָמאַנטישן עפּיזאָד, אָבער איך בין זיכער אַז עס זיינען געווען אידישע אינגלעך וואָס האָבן אויף זיך גענומען אַזאַ נדר, צי טאַקע אויף די ליפּן אָדער בלויז אין האַרצן, און פֿון דעמאָלט אָן ביז זייער לעצטער שעה איז זייער גאַנץ לעבן און יעדער טראָפּן פֿון זייער ענערגיע געווען געהייליקט דעם פֿרייהייטס־קאַמף פֿון זייער פֿאָלק. זיי געפֿינען זיך צווישן אונז; דער מחבר פֿון די דאָזיקע שריפֿטן איז איינער פֿון זיי.

זיין געדאַנק איז אין גאַנצן קאָנצענטרירט אויפֿן קאָנקרעטן לעבן — ניט כּדי מיט אים שלום צו מאַכן ווי דאָס טוען קלוגע מענטשן, נאָר כּדי עס ביייצוקומען און פֿון דעם אויסצוקנעטן אַ נייע ווירקלעכקייט. אָט אויף דעם דאָזיקן וועג איז ער דערגאַנגען וואו ער איז דערגאַנגען. דערגאַנגען ניט נאָר טעאָרעטיש, נאָר זייער פּראַקטיש. איר וועט אין דעם דאָזיקן בוך געפֿינען זיינע טיפֿסטע באַגערן, באַגערן וואָס האָבן אָנגענומען די פֿאָרם פֿון פּלענער. ער האָט זוכה געווען דערצו, אַז פֿיל זאַכן וואָס זיינען אין זייער צייט אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן ווי פֿאַרפֿירערישע אילוזיעס האָבן געפֿונען צוהערער וואָס האָבן דערויף אָדער אויף עפּעס ענלעכעס גע־וואַרט — און אָט פֿון די דאָזיקע צוהערער זיינען געקומען מענטשן פֿון גלויבן און פֿון ווילן וואָס האָבן די דאָזיקע באַגערן מיט התמדה פֿאַר־

ווירקלעכט. די דאָזיקע פּלענער זײַנען אַרײַנגעלייגט געוואָרן ווי ציגל־שטיינער אין דעם ארץ־ישראלדיקן אויפֿבוי־ווערק (עס זײַנען אויך פֿאַראַן פֿאַרשלאָגן און פּלענער זײַנע, אַרום וועלכע עס זײַנען נאָך אויך איצט פֿאַראַן מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן, שווערע מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן, אַפֿילו אויב מען שווייגט וועגן זיי). אַוודאי איז די מאַשין, וואָס מען זעט זי אין דער אַרבעט, ניט געבויט געוואָרן פּונקט לויט די פּלענער פֿון אירע שאַפֿער, אָבער אין די פּלאַן־שטריכן איז באַהאַלטן די נשמה פֿון דער מאַשין. די פֿרישקייט ביים שטעלן די פֿראַגע, וואָס די מאַשין איז געשאַפֿן געוואָרן כדי זי צו לייזן.

עד כאן. איך וואָלט זיך אפֿשר דערמיט באַגנוגנט, און אפֿשר וואָלט איך, זעענדיק, אַז דער ניט־אידישער לייענער, ווי אַ דענקנדיקער סאָציאַליסט, ווייזט אַרויס אַן אינטערעס אין דער דאָזיקער פֿרעמדער וועלט און אין די פֿראַגעס וואָס ווערן דאָרט באַהאַנדלט, פֿאַר אים געעפֿנט פֿאַרשיידענע קאַפּיטלעך אין דעם בוך און וואָלט אים געוויזן: אָט איז די גרויסע אמונה אין דער שעפֿערישער קראַפֿט פֿון מענטשלעכער שותּפֿות. אין יענער צײַט, בעת דאָס יונגע קבוצה ווערק האָט זיך געראַנגלט מיט דעם דלות און ענגשאַפֿט און שוואַכקייט, איז געקומען די פֿאָדערונג, אַז די קבוצישע געזעלשאַפֿט זאָל פֿאַרגרעסערט ווערן און די באַהויפּטונג, אַז יעדער נייער מענטש איז אַ ברכה פֿאַר דער ווירטשאַפֿט; בעת די יונגע קבוצה־ווירטשאַפֿט האָט זיך געראַנגלט צווישן זײַן און ניט זײַן — איז געקומען די בשורה וועגן דער גרויסער קאָלעקטיווער ווירטשאַפֿט און די לייזונגען וואָס זי טראָגט אין זיך. אָט איז די ערשטע פֿאָדערונג צו פֿאַרבינדן די לאַנד־ווירטשאַפֿט מיט האַנטווערק און אינדוסטריע; אָט ווערן אויפֿגעדעקט, אויס דער אוממיטלבאַרער, פּערזענלעכער דערפֿאַרונג פֿון אונזער ווירקלעכקייט און אירע חסרונות און מיט אַן אַרײַנבליק וואָס ווערט ניט פֿאַרטונקלט פֿון קאָנווענציאָנאַליטעטן, די גרונט־פֿעלערן פֿון אונזער ווירטשאַפֿט; און אָט איז די פֿאָדערונג זיך ניט צו באַגנוגענען מיט דער קאָאָפּעראַציע אין דער איינצלנער קיבוצישער ווירטשאַפֿט, נאָר צו פֿאַרשטאַרקן אין דער מאַקסימאַלסטער מאָס די קאָאָפּעראַציע צווישן די אַרבעטער־ווירטשאַפֿטן. און אָט זײַנען זײַנע מוטיקע פּאָליטישע וויכּוחים.

אָבער מאַכנדיק דעם דאָזיקן איבערבליק, וואָלט איך אויך געוואָלט צוגעבן:

איך וויל אײַך ניט פֿאַרפֿירן. ש. לביא איז ניט קיין עקאָנאָמיסט, ניט קיין סאָציאָלאָג און ניט קיין פּאָליטיקער — כאָטש ער האָט די העזה זיך אַרײַנצורײַסן ווי ניט־געבעטענער גאַסט אין זייערע תּחומים און ער

שרעקט זיך ניט אָפּ פאַר קיין שום פאָרוואורף. כאָטש ער האָט די העזה אָפּצופרעגן די מיינונגען פון אויטאָריטעטן, פּרוּווט ער אַפילו ניט באַהאַלטן זיין מאַגערן ווּיסן בנוגע פיל ענינים וואו דאָס וויסן איז וויכטיק פאַר דעם ענין וועלכן ער באַהאַנדלט. איך האָב פאַרגעסן צו זאָגן, אַז דאָס שרייבן איז ניט זיין פּראָפעסיע. זאָל מען דערין ניט אַריינטייטשן קיין שום באַרימערייען; ער שרייבט זיינע ווערטער אין די נעכט, אין די ווייניקע פרייע שעהן וואָס בלייבן אין זיין רשות נאָך זיין אַרבעטס-טאָג. איר פרעגט: וואָס איז זיין פאַך? ער איז אַן אַרבעטער, אַ לאַנדווירטשאַפט-לעכער אַרבעטער. זינט די יוגנט-יאָרן. ער האָט אין זיין לעבן אויסגעפּרוּווט פאַרשיידענע מינים אַרבעט. ער איז אַ שטיקל צייט געווען אַן אויוון-הייצער אין אַ פאַבריק, ער איז געווען אַ וועכטער — אָבער דער עיקר איז ער געווען אַן ערד-אַרבעטער און אַ קבוצה-ווירטשאַפט בויער. און אויך דער דאָזיקער פאַך, וואָס איז אין זיינע אויגן אַזוי וויכטיק און מיט וועלכן ער איז שטאָלץ, איז בלויז אַן אויסדרוק פון איין און איינציקער לעבנס-שליחות: אַן אַרבעטער-חלוץ, אַ טיכטיקער האָרעפּאַשניק, אַ סאָלדאַט פון דער אידישער אַרבעטס-אַרמיי, אַ מאָביליזירטער אויפן גאַנץ לעבן, וואָס פאַלשעוועט קיינמאָל ניט אין זיין אַרבעט. ער איז איינער פון די שטיינהאַקער, די שטענדיקע שטיינהאַקער אין דעם פעלז פון אונזער לעבן אין ארץ-ישראל. מיט זיינע נעגל האָט ער געגראָבן אין דעם פעלז, מיט זיין שווייס האָט ער באַוואַסערט די וויסטעניש און ברעקלעך ערד האָבן געקלעפּט אַן זיינע פינגער בעת ער האָט געשריבן די ווערטער פון דעם דאָזיקן בוך. ער רעדט צום ענין, ער שטרעבט צום עיקר, זיין שרייבן איז פאַרבונדן מיט זיין טאָט. דער אידישער פאָלקלאָר דערציילט, אַז יעדער געוויקס האָט זיך זיין מלאך, וואָס קלאַפּט איבער זיין קאָפּ און זאָגט אים: וואַקס. אויך איבער ש. לביאס קאָפּ קלאַפּט זיין מלאך. אָט דער דאָזיקער „מלאך" האָט אין זיינע הענט אַריינגעלייגט דעם גראָב-אייזן און האָט צו אים געזאָגט: גראָב, און וואַרט ניט אַז עמעצער אַנדערש זאָל טאָן דיין אַרבעט; אָט דער מלאך האָט אין זיין האַנט אַריינגעלייגט דעם רעוואָלווער און געזאָגט: שטיי אויף דער וואַך און פאַרלאָז זיך ניט אַז אַנדערע זאָלן פאַרהיטן אונזערע לעבנס און אונזער האָב-און-גוטס; און אָט דער מלאך האָט אים אויך געשטעלט מיטן פּנים צו אונזערע האַרבע עקזיסטענץ-פּראָגעס און האָט אים געזאָגט: זוך די לייזונגען און פאַרלאָז זיך ניט אויף עמעצן אַנדערש שכל. „לא בשמים היא". דו ביסט ניט פריי פון דער פליכט צו זוכן לייזונגען.

און אין די דאָזיקע זוכענישן זיינע איז לביא טאָקע דערגאַנגען צו „אַנטדעקונגען", וואָס היינט קען מען שוין זאָגן אַז זיי ליגן שוין אויף

דער ערד, אָבער דעמאָלט האָבן גרעסערע אויטאָריטעטן און געלערנטע פֿון אים זיך ניט איינגעבויגן זיי אויפֿצוהויבן. און ער, וועלכער האָט זיי אויפֿגעהויבן, איז באַגעגנט געוואָרן מיט פֿאַרוואורפֿן און שפּאָט. אָבער ער שרעקט זיך ניט פֿאַר קיין פֿאַרוואורף און ער איז אויך טריי דעם געבאָט פֿון די אבות, וואָס האָבן געלערנט „לא להתבייש מפני המלעיגים". ער בלייבט קיינעם גאָרניט שולדיק און ער פֿאַלט ביי זיך ניט אַראָפּ פֿאַר קיין באַרימטע נעמען. עס פֿעלט אים אַפֿילו ניט קיין שמינית שבשמינית פֿון חוצפּה. אָבער עס וואָלט געווען אַ טעות צו זען דערין ציניזם אָדער אייטל־קייט. עס נעמט זיך פֿון אַ האַרץ וואָס איז אויפֿגעצאָרנט דערויף וואָס וואָגיקע מענטשן, וואָס מען קוקט אַרויס אויף זייער וואָרט, פֿאַרשאַפֿן אָפּטמאָל אַזעלכע שווערע אַנטוישונגען.

ער שטעלט זיך שאַרף איין פֿאַר זיין באַוועגונג קעגן תּקיפֿותדיקע אַנגרייפֿער פֿון אינעווייניק. ער שטורעמט קעגן עקספּערטן, פֿיקטיווע און אמתע, וואָס זיינען שוין צופֿיל זיכער מיט זייער עקספּערטישקייט, וואָס זיינען אומפֿעאיק צו זען די פּאָטענצן וואָס עס טראָגן אין זיך יונגע און זוכנדיקע שעפֿערישע כּוחות, און גיבן לייכטזיניק אַרויס טויט־אורטיילן; אָבער באַזונדערס בולט איז זיין מוט בעת ער פֿאָדערט פֿון וועלט־הערשער און אַפּאָלאָגעטן פֿאַר דער דאָזיקער וועלט גערעכטיקייט פֿאַר זיין פֿאָלק. ווי פֿעסט עס איז זיין טאָן ווען ער פֿאָדערט יושר פֿון נעהרו, פֿון טשויר־טשילן, פֿון הויך־קאָמיסאַרן און „אויספֿאָרשונג־קאָמיסיעס". ער איז דעמאָלט ניט קיין דאַרף־מענטש, ער איז דעמאָלט ניט קיין אַנאָנימער אַרבעטער וואָס קיינער הערט אים ניט, נאָר אַ מוטיקער אומדערשראָקענער בעל־תּביעה, וואָס ווייס, אַז אויב אַנדערע באַזיצן דעם כּוח אָדער די מאַכט אָדער דעם גוטן נאָמען — איז אָבער אויף זיין זייט די גערעכטיקייט. און ער גלויבט אין דעם כּוח פֿון גערעכטיקייט. ער שיילט אַראָפּ פֿון זאַכן דאָס שאָלעכץ אין וועלכן זיי זיינען איינגעהילט און שטעלט זיי אַוועק אין זייער גאַנצער עלעמענטאַרער פּשטות. ער דערשרעקט זיך ניט פֿאַר קיין גדולים און אויך ניט פֿאַר קיין קאָנווענציאָנעלע באַגריפֿן; ער פֿאָדערט אַרויס צום קאַמף ניט נאָר דעם אַנטי־ציוניסטישן קאָמוניסט גאַלאַקער, נאָר איז אויך תּובע לדין, בעת ער ווייזט אַרויס אַ שוואַכקייט אין אונזערע ענינים, דעם טרייען פֿריינט ברייסלפֿאָרד. בעת ער רייסט זיך צו די דאָזיקע וויכּוחים — פֿון זיך אַליין, ניט סטימולירט פֿון דרויסן, „ללא נדרש" — דערמאָנט עס די לעגענדאַרישע געשטאַלט פֿונם אידישן שניידער אָדער שוסטער, וואָס פֿלעגט אין יענע צייטן בעת די הערשער האָבן אויף אידן אַרויפֿגעצוואונגען „רעליגיעזע וויכּוחים" — וויכּוחים וואָס זיינען געווען הקדמות צו גזירות — זיך אָנבאָטן צו זיין דער דיספּוטאַנט מיט די גלחים און די שונאים, זייענדיק

זיכער אַז ער וועט שוין וויסן ווי אַזוי זיי מנצח צו זיין. דאָס איז דער אור־אַלטער פֿונק, וואָס האָט געפֿלאַמט אין דעם אינגל דוד, בעת ער איז מיט פֿייל און בויגן אַרויס אין קאַמף: „אַל יפּל לב אָדם עליו“.

מיט דעם וואָלט איך אוודאי געקענט ענדיקן, אָבער עס ציט מיך ביי דער צונג אָפּנהאַרציק צו זאָגן יענעם ניט־אידן עפּעס, וואָס איז אפשר ניט אין גאַנצן אין פּלאַץ: איך האָב איך אָט די זאַכן דערציילט מיט אַ מין משפּחהדיקער גאווה. איר, זין פֿון גרויסע און מעכטיקע פֿעלקער, פֿאַרמאָגט אַ סך. מיר — ווייניק. מיר האָבן אייך וואָס מקנא צו זיין. אָבער אין דער טיפֿעניש פֿון מיין האַרצן בין איך שטאָלץ מיט דער קוואַליטעט פֿון אָט דעם ווייניקן וואָס מיר באַזיצן. און בנוגע דעם ענין וועגן וועלכן מיר רעדן: די סאָציאַליסטישע ליטעראַטורן אין דער וועלט האָבן פֿאַרשער און געלערנטע, מיט וועלכע מיר קענען זיך ניט גלייכן און גלענצנדיקע שריפֿטשטעלער וואָס פֿיל הערן זיך צו צו זיי. אָבער אַזאַ אַרבעטער־בוך ווי שלמה לביאס שריפֿטן איז מיר ביי זיי ניט באַקאַנט. אין אירע אַנהויב־יאָרן האָט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג געגראָבן און געזוכט אין די טיפֿע־נישן פֿון מאַסן־לעבן, זי האָט דאָרטן געפֿונען „אוצרות“ און דערהויבן מענטשלעכע נשמות. מענטשן זיינען אויסגעוואַקסן אין דער באַוועגונג. דעמאָלט זיינען אויך געשריבן געוואָרן סאָציאַליסטישע אַרבעטער־ביכער. געדענקט איר ווי קאַרל מאַרקס האָט אין זיין צייט — מיט הונדערט יאָר צוריק — זיך דערפֿרייט ווען ס'איז דערשינען דאָס בוך פֿונם שניידער־געזעל ווילהעלם וויטלינג? קאַרל מאַרקס האָט אין דעם בוך געזען די „גיגאַנטישע קינדער־שיך“ פֿונם אַרבעטער־קלאַס, וואָס פֿאַרשפּרעכן, אַז דאָס קינד וועט, ווען עס וועט אויסוואַקסן, זיין אַ „ריז“.

איצט, בעת עס עקזיסטירן גיגאַנטישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס און „קריסטאַליזירטע“ אַרבעטער־פּאַרטייען, הערט מען מער ניט די שטים פֿון דעם טראַכטנדיקן אַרבעטער, דעם יחיד. וועגן „אַרבעטער־אינטערעסן“ הערן מיר מצד אויטאָריזירטע מענטשן: פּראָפֿעסיאָנעלע טוער, סעקרע־טאַרן, אָפֿיציעלע וואָרט־זאָגער, מענטשן וואָס זייער פֿונקציע איז צו דענקען פֿאַר דער באַוועגונג. עס איז מעגלעך אַז פֿון אַ וויסנשאַפֿטלעכן און אַ זאַכלעכן שטאַנדפּונקט, רעפּרעזענטירן זיי און פֿאַרטיידיקן זיי זייער געלונ־גען די דאָזיקע „אינטערעסן“. זיי גיבן אונז אַ באַגריף וועגן דעם סתם־אַרבעטער, דעם „דורכשניט“. אָבער דעם לעבעדיקן אינדיווידועלן אַרבע־טער, די אַרבעטער־פּערזענלעכקייט, הערן מיר ניט. עס דוכט זיך, אַז עס האָט זיך ווידער באַפֿעסטיקט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג די דורות־אַלטע פֿאַרטיילונג צווישן שטומע אַרבעטס־מענטשן און דענקער, וואָרטזאָגער מיט ווייסע הענט. דערפֿאַר בין איך גליקלעך בעת איך זע, אַז ביי אונז,

אין אונזער אַרבעטער־לאַגער, איז דער קול פֿון יחיד ניט דערשטיקט געוואָרן דורך דעם רעש פֿון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער מאַשין. איך מאַך כּלל וכלל ניט אָוועק מיט דער האַנט די חשיבות פֿון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער מאַשין, אָבער איך וואָלט געוואָלט, אַז זי זאָל דעם מענטשן דינען און אים ניט איינשלינגען. און איך בין שטאָלץ דערויף וואָס מיר זעען אין אונזער באַוועגונג אַזעלכע בולטע אַנטפּלעקונגען פֿון פּערזענלעכער אָריגינאַליטעט, אינטעלעקטועלער זעלבסטשטענדיקייט, געזעלשאַפֿטלעכער איניציאַטיוו, און עס איז מיר טייער יעדע נייע באַשטעטיקונג, אַז אונזער באַוועגונג מאַכט נאָך מענטשן וואַקסן. לביא אַליין איז אַזאַ בולטע באַשטעטיקונג. ער איז אַ מענטש וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אונזער באַוועגונג. ער איז צו אונז ניט געקומען קיין גאַנצער און פֿאַרענדיקטער מענטש. ער האָט זיך איינגעפֿלאַנצט אין אונזער באָדן, אין דער ערד וואָס ער און זיינע חברים אַרבעטער האָבן אָפּגערייניקט אירע שטיינער און זי גרייט געמאַכט צו באַאַרבעטן — דאָס וואָס ער טוט נאָך עד היום. אין דער דאָזיקער ערד האָבן זיינע וואָרצלען זיך פֿאַנאַנדערגעוואַקסן. ער איז איינער פֿון די בויער פֿון דער ארץ־ישׂראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג — און גלייכציַיטיק איז ער דורך איר דערצויגן געוואָרן. ער האָט איר פֿיל געגעבן, אָבער ער האָט פֿון איר אויך גענאָסן אָן אַ שיעור. פֿון איר און פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור. ער קען ניט קיין אַנדער שפּראַך, אויסער העברעאיש. דורך דער העברעאישער שפּראַך האָט ער זיך דערוואָרבן זיין גייסטיקע וועלט און זיינע קענטענישן, דורך איר האָט ער זיך באַהעפֿט מיט דער וועלט פֿון דעם מענטשלעכן געדאַנק, דורך איר האָט ער זיך געשאַפֿן זיינע סאָציאַלע באַגריפֿן און געוואָרן אַן אַקטיווער מיטבאַטייליקער אין דעם גראַנגל פֿאַרן וועלט־סאָציאַליזם. די גרויסע רעוואָלוציאָנערן און געזעצגעבער פֿון דעם תּנ"ך, די מוסר־קנאים פֿון די ספֿרי יראים, די רעבעלן פֿון דער נייער העברעאישער ליטעראַטור, וואָס האָבן אַפֿילו אין זייער נעגאַציע געזוכט דאָס קאָנסטרוקטיווע, — פֿון זיי האָט זיין נשמה געצויגן איר יניקה, זיי האָבן זיך אין אים צונויפֿגעגאָסן און זיין רעבעלישקייט און קנאות פֿאַרקירעוועט אויפֿן וועג פֿון דער בויענדיקער רעוואָלוציע.

מיט דעם בין איך שטאָלץ. ניט וויסט און ניט פֿאַרשאָלטן איז דער באָדן וואָס קען פֿון זיך אויסטראָגן אַזעלכע פּירות.

דאָס אַלץ וואָלט איך געקענט זאָגן אַ דרויסנדיקן מענטשן — און דוכט זיך אָן איבערטרייבונגען.

אָבער וואָס קען איך זאָגן אונזערן אַ לייענער ?

זיינע חברים, די מענטשן פֿון דער צווייטער און דריטער עליה, קענען דעם לביא וועלכער לעבט צווישן זיי, מער ווי דעם לביא, דעם מענטש פֿון דער קאָלאָניזאַטאָרישער אידעע און דעם קאָלאָניזאַטאָרישן פֿאַרמעסט. זיי האָבן זיך מיט אים ניט איין מאָל געטראָפֿן, זיי האָבן צוזאַמען דורכגעמאַכט בשותּפֿותדיקע וועגן. עס איז זיי באַשערט געווען מיט אים זיך צו באַגעגענען — און זיך צו שיידן. אין אַ שעת־רצון האָט ער אויף פֿיל פֿון זיי אַרויפֿגעצוואונגען דעם געדאַנק פֿון דער גרויסער קבוצישער ווירטשאַפֿט. ער האָט פֿאַרן דאָזיקן פּלאַן געוואונען דעם גדוד העבודה, און ער האָט באַוועגט די אחדות־העבודה, און דורך איר דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, אַז זיי זאָלן אויף זיך נעמען דעם עול פֿון דעם דאָזיקן קאָלאָניזאַציע־עקספּערימענט, וואָס בלויז ווייניקע האָבן געהאַט דעם מוט אין אים צו גלויבן. אָבער אַפֿילו די וואָס האָבן זיך מיט אים משתּף געווען אין דעם אויפֿבוי פֿון דעם דאָזיקן גרויסן ווערק, האָבן ניט איין מאָל געשפּאָט פֿון אים און זיינע חלומות — און ניט איין מאָל האָבן זיי פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון זיין שאַרפֿער צונג. אָפֿטמאָל האָבן זיי קעגן אים רעבעלירט. עס זיינען געווען צייטן ווען זיי האָבן זיך אָפּגעבריט ביי זיין פֿייער. לביא איז ניט קיין מענטש וועגן וועלכן מען קען זאָגן, אַז ער איז „אַנגעלייגט זיינע מערסטע ברידער". שטענדיק קעמפֿט ער פֿאַר עפּעס, און אין זיין קאַמף איז ער נוטה צו שטעלן ענינים אויפֿן שפּיץ פֿון דער שווערד. דאָס ניט מסכּים זיין מיט אים פֿאַרוואַנדלט פֿריינד אין קעגנער, און ער איז בכּוח אַפֿילו מיט נאָענטע חברים זיך צו קריגן ביז בלוט. און ער באַקומט דערפֿאַר זיין לוין. עס בריקעווען זיך קעגן אים אַפֿילו די וואָס האָבן געטרונקען פֿון זיין ברונעם, און אַפֿילו זיינע נאָענטסטע מיטקעמפֿער זיינען בעסער באַקאַנט מיט זיינע שוואַכקייטן ווי מיט זיין גרויסן שוואונג.

און דער יונגער לייענער, וואָס איז צווישן אונז אויסגעוואַקסן, וואָס אים ווערט דאָס דאָזיקע בוך געגעבן ווי אַ מתּנה פֿון איין דור צום צווייטן?

פֿיל זאַכן, וואָס לביא האָט פֿאַרטראַכט און געפּרעדיקט און פֿאַר וועלכע ער האָט זיך געקריגט, זיינען איצט פֿאַר דעם דאָזיקן לייענער אַ טאָג־טעגלעכע ווירקלעכקייט. און אפֿשר פֿאָלט אים גאָרניט איין צו טראַכטן, וויפֿיל אדם־הראשונדיקע זעלישע כּוחות און ליידן זיינען אַריינגעלייגט געוואָרן אין דער דאָזיקער ווירקלעכקייט, וואָס ער האָט שוין געפֿונען אַ פֿאַרטיקע. פֿיל זאַכן, וואָס זיינען נאָך ניט פֿאַרענדיקט געוואָרן, זיינען פֿאַר אים אַן אַלטער ענין, וואָס סטימולירט אים ניט. עס איז אפֿשר נאַטירלעך, אַז דער דאָזיקער יונגער דור זאָל שאַרפֿער פֿילן די עלטער־אונטערשיידן, ווי די קאָנטינואיטעט פֿון דעם ענין. ער זעט קלאָרער זיין ריננ, ווי די גאַנצע קייט. ער ווערט מער פֿאַרכאַפּט פֿון די פֿאַרשיידענע מחיצות — פֿון עלטער,

פֿון מאָדע, פֿון טערמינאָלאָגיע, פֿון אָרגאַניזאַציע, פֿון „באַציאונגען״ — ווי ער איז פֿעאיק צו זען און אָפּשאַצן וואָס עס געפֿינט זיך אין די מחיצות. ער איז געניגט צו זען מענטשן וואָס לעבן און ווירקן אין זיינע ד׳ אמות (אָט די וואָס עס האָבן אונז דערבראַכט דאָרטן וואו מיר געפֿינען זיך) ווי מענטשן פֿון „נעכטן״. ער איז זיכער, אַז דער „היינט״ איז שטענדיק איינגער און גערעכטער פֿון דעם „נעכטן״. אָט דער דאָזיקער אופֿן פֿון קוקן אויף זאַכן איז עלול צו פֿאַרשאַפֿן ליידן דעם מענטשן פֿון „נעכטן״ און אוודאי אָרעמער צו מאַכן דעם מענטשן פֿון „מאָרגן״, און אין משך פֿון יאָרן אויפֿצוהאַלטן נאַרישע מחיצות וואָס דערלאָזן ניט, אַז אין אונזער סאָציאַלן קערפּער זאָל פֿונקציאָנירן דער אַזוי נויטיקער שטאָף־וועקסל. ווער ווייס וואָס פֿאַר אַ פּרייז מיר וועלן דאַרפֿן באַצאָלן פֿאַר די דאָזיקע מחיצות?

איך ווייס ניט, צי איך האָב די פֿעאיקייט פֿון הסברה פֿאַר דעם דאָזיקן לייענער, וואָס אין זיינע הענט זיינען מיר מפֿקיד אונזער גייסט, אָבער איך וואָלט געוואָלט זאָגן עטלעכע ווערטער ביים איבערגעבן אים דאָס דאָזיקע בוך פֿון איינעם פֿון זיינע אבות:

דו ביסט אוודאי באַקאַנט מיט אַ צאָל נעמען פֿון די מענטשן פֿון דער צווייטער עליה, מענער און פֿרויען, וואָס זיינען שוין מער ניט צווישן אונז. ניט צוליב עלטער זיינען זיי פֿון אונז אַוועק — און ניט אין קיין גוטן עלטער. זיי האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס פֿאַר דעם זכות און דעם גליק צו זיין חלוצים, די אבות פֿון דער אידישער צוקונפֿט. די דאָזיקע נעמען רוקן זיך אָפּ אַלץ ווייטער און ווייטער אין דער צייט, אפֿשר צוזאַמען מיט די באַגריפֿן וואָס זיינען מיט זיי פֿאַרבונדן. מען קען עפּעס באַוואונדערן ניט ווויסנדיק וואָס עס באַדייט; מען קען באַוואונדערן אַ נאָמען און פֿאַר־לייקענען זיין זינען. ס׳איז ניטאָ קיין גרינגערע זאַך ווי צו באַוואונדערן טויטע; דאָס איז דאָך מחייב צו פֿיל ווייניקער, ווי דער באַריר מיט לעבע־דיקע מענטשן. דער וואָס איז שוין ניטאָ קען דיר ניט ענטפֿערן, ער קען ניט פּראָטעסטירן בעת דו טשעפּעסט צו אים צו זאַכן וואָס זיינען פֿרעמד זיין וועזן, ער קען דיר ניט פֿאַרבאָטן „פֿאַלש צו דערמאָנען אַ נאָמען״. לאָמיר ניט פֿאַרבייטן די קאָנטינואיטעט און המשכדיקייט פֿון אונזער ווערק אויף אַ טויטן־קולט. די לעבעדיקע דאַרפֿן קענען איינער דעם צווייטן, זיך צוהערן איינער צום צווייטן, און אַפֿילו בעת איין לעבעדיקער מענטש שטויסט זיך צוזאַמען מיטן צווייטן — דאַרפֿן זיי איינער דעם צווייטן ניט פֿרעמד זיין. זאָלן אונזערע דורות ניט זיין דורות „אשר לא ידעו את יוסף״.

עס ווערן שיטערער די רייען פֿון דער צווייטער עליה. זיי ווערן שיטע־רער פֿאַר אונזערע אויגן. פֿאַר דער צייט. אָבער עס גייען נאָך צווישן

אונז אַרום מענטשן וואָס פֿאַרקערפּערן אין זייערע געשטאַלטן אירע בעסטע שטרעבונגען, די שפּעדיקע וויטאַליטעט, וואָס האָט אין איר געשטראַמט. מענטשן וואָס צענדליקער יאָרן פֿון מאַטערנישן און פּראָבעס האָבן זייער גייסט ניט געבויגן. מענטשן, וואָס יאָרן און יאָרן זיינען זיי ניט מיד גע־וואָרן מזווג צו זיין יגיע־כפּים מיט ברוינזנדיקן גייסטיקן לעבן. מענטשן, וואָס די שטענדיקע פֿרייוויליקע דינסט, די לעבנס־דינסט, איז זיי געוואָרן אַ גורל און אַ שליחות. וואָס כאָטש זייער האַרץ האָט געלעכצט נאָך די גרויסע מעשים, זיינען זיי ניט מיד געוואָרן יאָרן נאָך יאָרן זיך אין גאַנצן אָפּצוגעבן די קליינע טאָטן, יענע קליינע טאַטן וואָס אָן זיי קען אויך נישט זיין קיין האָפֿענונג אויף די גרויסע טאַטן, וואָס דאַרפֿן קומען. זיי זיינען, פֿאַרשטייט זיך, מענטשן פֿון פֿלייש און בלוט; מענטשן מיט פֿעלערן און משוגעתן, מיט וואונדן אויפֿן קערפּער און אין דער נשמה. אָבער אין זיי איז פֿאַרבאָרגן דער יסוד פֿון „בוער ואינו אוכל". און כאָטש זייערע טריט זיינען שוין שווער — איז נאָך זייער גייסט ניט פֿאַרטונקלט און זייער לעבנס־קראַפֿט איז נאָך ניט אויסגעטריקנט.

איינער פֿון זיי איז שלמה לביא.

אויב עס זיינען פֿאַראַן לויטן אידישן אויסדרוק „עשרה ראשונים", וואָס האָבן אויפֿגעבויט די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג, איז ש. לביא איינער פֿון זיי.

די פֿראַגע ווער עס איז דער ערשטער, איז ניט קיין ענין פֿון כראָנאָ־לאָגיע. די ערשטקייט פֿון אלכסנדר זייד אָדער פֿון יוסף אַראָנאָוויטש, פֿון אליעזר יפה אָדער אהרון שער און פֿון אַנדערע טייערע נעמען, וואָס געפֿינען זיך נאָך מיט אונז, איז ניט נאָר די פּריווילעגיע פֿון מענטשן, וואָס זייער גוטער מזל האָט זיי געבראַכט אין לאַנד פֿריער פֿאַר אַנדערע. ערשטקייט איז אַן ענין פֿון כאַראַקטער, פֿון פּערזענלעכקייט. ערשטקייט אין דער טאַט, ערשטקייט אין מאָבילירן זיך אין דינסט פֿון דער לעבנס־זאַך, ערשטקייט אין אידעאישע זוכענישן, אין שעפּן פֿון מקור, אין ברעכן מחיצות, אין שטרעבן צום עיקר, — יענעם עיקר וואָס האָט אין די יוגנט־יאָרן פֿאַרכאַפּט די נשמה און זיין ליכט איז ניט מאַט געוואָרן עד היום.

די פֿערציק יאָר וואָס זיינען פֿאַרגאַנגען זינט דעם אָנהויב פֿון דער ערשטער עליה (תּרס"ד—תּש"ד) זיינען אויך געווען פֿערציק יאָר עליה אין לעבן פֿון שלמה לביא, זיין עליה קיין ארץ־ישראל און זיין שטענדיקע עליה אין ארץ־ישראל. פֿערציק יאָר פֿון אַ חלוציש לעבן — ווייניקע האָבן זוכה געווען צו דער דאָזיקער קרוין! און זיין שטורעמדיקער געמיט, זיין געזעלשאַפֿטלעכע וואַכזאַמקייט און זיין אַקטיוויטעט אין „דרויסן", האָבן אים ניט באַוויזן אָפּצורייסן פֿון זיין שטיקל פֿעלד. אַפֿילו אין יענעם עלטער

ווען אַ מענטש זוכט זיך אָפּצורוען, זוכט ער דעם שטורעם: ער טוט אָן דעם סאָלדאַטישן מונדיר, שליסט זיך אָן אָן די צוואַנציק־יעריקע, לערנט זיך אויס די סאָלדאַטישע מלאכה און לאָזט זיך אַרויס צום קריג מיטן שונא פֿון זיין פֿאָלק. אין פּערציקסטן יאָר פֿון חלוציש לעבן, קענסטו אים געפֿינען אין דעם לאַגער וואָס יאָגט דעם שונא, בעת אין זיין האַרצן ברענט אַן אש תּמיד: את אחי אני מבקש.

און דער דאָזיקער אש תּמיד שטייגט אויך אויף פֿון אַלץ וואָס ער האָט געשריבן:

„זיי ניט קיין קנעכט פֿון קאַפּיטאַל. זיי דער האַר פֿון דיין אייגענעם שאַפֿן".

„מיר האָבן פֿיל מער געגעאַסן פֿון אונזער אַרבעט אין ארץ־ישראל, ווי מיר האָבן דאַרטן געליטן".

„לאָמיר זיך ניט באַרימען מיט די העלדן־טאַטן פֿון אַנדערע. אויב די גבורה איז גרויס און הייליק, פֿאַרוואָס זאָלן מיר אין איר אויך ניט האָבן קיין חלק?"

„פֿאַלשעווען אין דער אַרבעט הייסט באַגיין באַטרוג קעגן דעם עיקר וואָס איז אונז וויכטיקער פֿון אַלץ".

„אויב מיר וועלן ניט באַוויזן מתקן צו זיין אונזער אייגן לעבן, וועלן זיין אַרויסגעוואָרפֿן אַלע אונזערע באַמיאונגען צו זוכן וועגן פֿאַר אונזערע קינדער".

„דאָס וואָס מיר ווילן פֿאַרווירקלעכן אין אונזערע קינדער, דאַרפֿן מיר קודם כּל פֿאַרווירקלעכן אין אונז אליין.

„זאָל מען נאָר דעם מענטשן לאָזן אַ סך אַרומנעמען, וועט ער ממילא ניט זיין קליין".

„דאָס אמתע שטרעבן צו גרויסקייט טראָגט שוין אין זיך אייגנטלעכע גרויסקייט".

„מיר, וואָס פֿאַרציען דעם פֿאָדעם, זיינען ניט עלול צו זען דעם געוועב וואָס בלויז די צוקונפֿטיקע דורות וועלן פֿאַרענדיקן".

„די הצלחה פֿון אונזער קאָלאָניזאַציע איז כּלל ניט אָפּהענגיק פֿון דעם כּמות פֿון קאַפּיטאַל, וואָס וועט אין איר אינוועסטירט ווערן, נאָר פֿון דעם איכות זעלבסטשטענדיקייט אויף וועלכער מיר זיינען מסוגל".

פֿיל, פֿיל אַזעלכע געדאַנקען קאָנסטו ביי אים געפֿינען. און אויב דו ביסט געבענטשט מיט אַ פֿיינעם געהער, וועסטו אין זייער קלאַנג שפּירן אַז זיי זיינען אויסגעהאַקט פֿון דעם סלע האדם.

די דאָזיקע שריפֿטן ווערן דיר, דעם לייענער, היינט געגעבן — און עס ווילט זיך האָפֿן, אַז אויך לייענער וואָס וועלן קומען שפּעטער — ניט מיט דער פֿאַר זיך אַליין באַרעכטיקטער כּוונה צו שטעלן אַ דענק־מאָל צו ווערטער וואָס זיינען געזאָגט געוואָרן לאַנג צוריק, אָדער כּדי צו באַצאָלן אַ חוב אַ מענטש וואָס האָט אַריינגעלייגט ניט איין שטיין אין דעם בנין פֿון אונזער היים, נאָר אויס דער זיכערקייט אַז דאָס איז אַ בוך וואָס ברויזט מיט לעבן, וואָס איז עלול צו באַשעפֿטיקן אונזערע געדאַנקען, צו נערן אונזער נשמה און באַוועגן אונזער ווילן.

און צו שלמה לביא, וואָס אַפֿילו דער סאָלדאַטן־געצעלט האָט ניט געשטילט זיין שטורעמדיקן געמיט און דער נצחון־מאַרש פֿון די אַליאירטע אַרמייען האָט ניט פֿאַרשטילט זיינע חשבונות, די חשבונות פֿון מענטש און פֿאָלק, זיינע ביטערע אנטוישונגען און טיפֿן צער, זאָל, ביים אָנהויב פֿון דעם דאָזיקן בוך, געזאָגט ווערן, מיט די ווערטער פֿון דעם דיכטער:

לא תזרע אל קוצים, לא תיגע לריק,
עוד תראה עת יגמל עמלך ורבה,
עוד יבער יתלקח כלפיד הזיק
צפֻנת בלבבך בצאתך נדבה.

חנוכה, תש״ד (1944).

אליעזר יפה

[אין אָריגינאַל „בחבלי אדם" — רעדע אויף דער שלושים אַד־כּרה אין נהלל, ווינטער 1943. אליעזר יפה, איינער פֿון די אייגנאַרטיקסטע געשטאַלטן פֿון דער ארץ־ישׂראלדיקער אַרבע־טער־באַוועגונג, איז דער פֿאָטער פֿון דעם „מושב עובדים" און דער גרינדער פֿון נהלל. ער איז אויך געווען דער איניציאַטאָר און ערשטער לייטער פֿון דעם קאָאָפּעראַטיוו פֿאַרן פֿאַרקויף פֿון די פּראָדוקטן פֿון די אַרבעטער־ווירטשאַפֿטן אין ארץ־ישׂראל — „תנובה". ער איז קיין ארץ־ישׂראל געקומען פֿון אַמעריקע, וואו ער האָט פֿאַרבראַכט עטלעכע יאָר צוגרייטנדיק זיך צו זיין אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אַרבעטער.]

איך בין ניט געקומען אַהער עמעצן צו „רעפּרעזענטירן", און אויך ניט כּדי אָפּצוצאָלן אַן „ערן־חוב". אַפֿילו ווען איר וואָלט מיך ניט איינ־געלאַדן, וואָלט איך אַהער געקומען, צוליב דער באַדערפֿעניש זיך אָראָפּ־צורעדן פֿון האַרצן, צו שמועסן מיט חברים וועגן אליעזר יפה.

ווען עס ווערט פֿון אונז אַוועקגעריסן אַ נאָענטער מענטש, פּרובירן מיר שטילן דעם ווייטיק און מיט עפּעס אָנפֿילן דעם פּוסטן חלל. און מיר הויבן אָן צו פֿלאַנעווען „טאָטן", על פּי רוב פֿיקטיווע „טאָטן". מיר שטעלן דעם נפֿטרס נאָמען — אויף אַ הויז, אויף אַ גאַס, אויף אַ ישוב. אין דעם מאָדערנעם זשאַרגאָן הייסט דאָס — „פֿאַראייביקן". עס זיינען פֿאַראַן פֿריינט און פֿאַרערער, וואָס זאָרגן זיך פֿאַרן כּבוד פֿון דעם פֿאַר־שטאָרבענעם און פֿאָדערן „פֿאַראייביקונג", אַזוי ווי מיט דעם וואָלט מען אָפּגעטאָן אַ חסד של אמת מיטן אַוועקגעגאַנגענעם. מיר געפֿעלן ניט די דאָזיקע אָפּשייד־פֿאָרמען. אדרבא, איך באַטראַכט זיי פֿאַר אַ מין באַליי־דיקונג. איך שעם זיך וואָס אַ פֿאָלק מיט אַ טויזנט־יאָריקער געשיכטע, אַ פֿאָלק וואָס האָט געהאַט אַ משה רבנו און אַ ירמיהו און אַ רבי עקיבא, פֿאַרוואַנדלט גאַנץ ארץ־ישׂראל אין אַ דענקמאָל פֿאַר דעם סאַמע לעצטן דור. אַזאַ מין סאָרט דענקמאָל פֿאַרטיפֿט ניט דאָס געדענקען, און עס איז אויך ניט על־פּי אָפּצוהיטן דעם זכרון פֿון דער אַוועקגעגאַנגענער געשטאַלט. די, וואָס גייען פֿון אונז אַוועק, וועלן זיך שוין צו אונז ניט אומקערן, מיר וועלן גיין צו זיי. און דאָס וואָס מיר, בשר ודם, זיינען באמת בּיכולת צו טאָן איז עפּעס וואָס איז זייער פּשוט און ווייניק: צו פֿאַרטיפֿן אין אונ־זערע הערצער דעם אָנדענק און עס איבערגעבן צו אונזערע מיטמענטשן.

אויף וויפֿל ס׳קאָן איבערגעגעבן ווערן. און דאָס וויל איך טאָן, אין דער מאָס וואָס איך בין פֿעאיק. בעת מיר פּרובירן איבערגעבן דעם סוד פֿון דעם צויבער, וואָס עס האָט פֿאַרמאָגט אַ מענטש וואָס איז אונז טייער געווען, זעען מיר אײַן ווי שוואַך עס זײַנען די אויסדרוקס־מיטלען וואָס מיר האָבן אין אונזער רשות.

אליעזר איז געווען אַנדערש פֿון פֿיל אַנדערע. אין אַ צאָל הינזיכטן איז ער געווען אַנדערש פֿון יעדן איינעם פֿון אונז. די חברים, וואָס געדענקען די ערשטע צײַטן, בעת אליעזר איז צו אונז געקומען, וועלן זיך אַוודאי דערמאָנען, אַז אַפֿילו אין זײַן אויסערלעכקייט און אין זײַנע פּירונגען איז ער געווען גאָר אַנדערש פֿון דעם וואָס מיר זײַנען געווען אין יענע טעג.

דערמאָנט איר זיך ווי אַזוי מיר פֿלעגן אַרומגיין, ווי אַזוי מיר זײַנען געווען אָנגעטאָן? אַלץ אין אונז האָט געשריען, געשטורעמט, זיך געריסן. די בשורה וואָס מיר האָבן געטראָגן אין האַרצן איז אויסערלעך ניט געווען אימפּאָזאַנט. זי איז אויף דער וועלט געקומען איינגעוויקלט אין לאַטעס און אין שמאַטעס. אונזערע שטימען און אונזערע פּירונגען האָבן זיך ניט אויסגעצייכנט מיט האַרמאָניע. מיר האָבן פֿון זיך געוואָרפֿן פֿאָרמען, אַראָפּגעוואָרפֿן מאַנירן, אַראָפּגעוואָרפֿן גאַנצע וועלטן — און ניט שטענדיק זײַנען מיר געווען זייער איבערקלײַבעריש. צעשויבערט זײַנען מיר געווען אין אונזערע קליידער — אַ געמיש פֿון רוסלאַנד און אַראַביע. צעשויבערט זײַנען געווען אונזערע האָר, צעשויבערט איז געווען אונזער גייסטיקע וועלט, אין וועלכער ריין גאָלד און פּסולת האָבן זיך צוזאַמענגעשמאָלצן אויף אַן אומצעטיילבאַרן אופֿן. ווי אַנדערש איז אין דעם אַלעם געווען אליעזר.

איך דערמאָן זיך מײַן ערשטע באַגעגעניש מיט אליעזרן, בעת ער איז צו אונז אָקאָרשט געקומען. דאָס איז געווען איינע פֿון יענע באַגעגענישן וואָס לאָזן זיך גוט געדענקען. מיר האָבן שפּאַצירט אויפֿן ברעג פֿון ירדן, לעבן יענע „בלאָטעס״, וואָס יאָרן שפּעטער האָט אליעזר זיי געטריקנט, און מיר האָבן זיך איינער דעם אַנדערן אַנטפּלעקט. מיר זײַנען דעמאָלט אין לאַנד ניט געווען קיין סך, און מיר האָבן אַרויסגעקוקט אויף די וואָס וועלן קומען. צווישן די וואָס זײַנען געקומען זײַנען געווען ניט ווייניק וואָס האָבן אַנטוישט. אָבער מיר האָבן דאָך כסדר ווײַטער אַרויסגעקוקט אויף די וואָס וועלן קומען און וועלן ניט אַנטוישן. אַמאָל האָט אָבער געטראָפֿן, אַז עס איז געקומען אַ מענטש וועמען מען האָט באַלד געקענט דערקענען — אָט איז געקומען עמעצער וואָס האָט מיט זיך געבראַכט עפּעס ממשותדיקעס. דאָס האָב איך געוואוסט שוין ביי דער ערשטער

באַגעגעניש מיט אַליעזרן, נאָך איידער איך האָב געוואוסט „מה יהיו חלומותיו".

וואָס פֿאַר אַ בחור איז ער דעמאָלט געווען? ער איז געווען זויבער געקליידט, זיין בגד איז ניט געווען עפּעס וואָס איז צופֿעליק אַריינגעפֿאַלן אין האַנט, נאָר איז טאַקע געווען געניים לויט זיין מאָס. ער איז געווען גלאַט ראַזירט, העפֿלעך, זיך שטיל באַנומען, קיין מאָל ניט אויפֿגעהויבן דעם קול, ניט קיין אויפֿגערעגטער, ניט קיין בונטאַר, ניט קיין „שאָטר" (וואוילער יונג), ניט קיין „צעריסן האַרץ". זיין אויסערלעכקייט האָט גאָרניט „פּראָקלאַמירט": ניט קיין וועלטן־צעשטערער און ניט קיין בויער פֿון לופֿט־שלעסער.

דער נייער בחור האָט גאַנץ שנעל געפֿאַנגען הערצער. מען קען אפֿשר זאָגן אַן גוזמא: טאַקע יעדעס האַרץ. ער האָט זיך אַנטפּלעקט ווי אַ מענטש מיט גרויסע פֿעאיקייטן, מיט גרויסע אייגנשאַפֿטן. פֿיל האָבן שוין אויסגערעכנט זיינע פֿעאיקייטן און זיינע אייגנשאַפֿטן, און איך וויל ניט איבערחזרן זייערע רייד. אין מיינע אויגן איז דאָס וואונדערלעכע אין אים געווען ניט די שפֿע פֿון די פֿעאיקייטן און די אייגנשאַפֿטן — נאָר זייער סינטעז. עס האָבן זיך אין אים פֿאַראייניקט פֿאַרשיידענע שטריכן, וואָס גייען געוויינלעך ניט צוזאַמען. קאָמבינאַציעס פֿון אייגנשאַפֿטן וואָס מיר האָבן פֿריער ניט געזען.

זיין ערד־אַרבעט איז ניט געווען פֿון דעם געוויינלעכן סאָרט. ס'איז ניט געווען די פּרימיטיווע לאַנדווירטשאַפֿט, וואָס מיר קענען פֿון דער רוסישער „גאָראָדניטשעסטוואָ", מיטן קולט פֿון דעם „מוזשיק" אָדער דעם „פּעלאַך". ער האָט אין דער לאַנדווירטשאַפֿט אַריינגעלייגט טעכנישע פֿעאיקייטן, גלויבן אין דער וויסנשאַפֿט און ליבע פֿאַר דער „דערפֿינדונג".

עס זיינען צווישן אונז געווען טרוימער וואָס זיינען געווען אַפּהענטיק און אַרומגעוואַנדערט ווי עפּעס אין אַ פֿרעמדער וועלט. עס זיינען געווען פּראַקטיקער וואָס האָבן זיך אויסגעלאַכט פֿון די חלומות. אַליעזר איז געווען די געלונגענע קאָמבינאַציע פֿון דעם גייסטיקן מענטשן וואָס מאַכט זיך אַליין פֿאַר דעם שליח פֿון דער טאַט, וואָס באַמיט זיך יעדן חלום זיינעם צו פֿאַרוואַנדלען אין אַ טאַט.

ער איז געווען אַ מענטש מיט פּלענער. עס זיינען צווישן אונז געווען אַנדערע פּלאַן־מאַכער, אָבער ביי אים איז נאָך צוגעקומען אַ טאַלאַנט וואָס איז ביי אונז זעלטן ביזן היינטיקן טאָג — אַ טאַלאַנט פֿאַר אָרגאַניזאַציע.

ער איז געווען צאַרט און איידל אין זיינע באַציאונגען מיט מענטשן, אָבער גלייכצייטיק תקיפֿותדיק אין זיינע אַנטשלוסן. אויסערלעך אַן עניו,

איז ער גלייכצייטיק געווען זעלבסט־זיכער אין קליינע און אין גרויסע זאַכן, און דער דאָזיקען בטחון האָט אַרויסגעשטראַלט אויף זיין סביבה. אין דעם דאָזיקן זעלבסטצוטרוי איז אָבער ניט געווען קיין שמץ פון דער גראָבקייט וואָס מען געפינט ביי תקיפים.

אַן עקסטרעמער אינדיווידואַליסט, האָט ער געדינט דעם כלל און איך געשטאַנען בראש פון דעם כלל. ער איז אַ קעמפער פאַר די רעכט פון דעם „יחיד", אָבער ער פאָדערט שטענדיק שטרענגע געזעלשאַפטלעכע דיסציפּ־לין און איז פעאיק זי אַרויספּצוצווינגען, באַשטימט פּרינציפּן און כללים ווי אַ „חוק ולא יעבור", און ער ברעכט זיי, ווען עס ענדערט זיך זיין באַ־ציאונג צו זיי.

זיין גייסטיקע וועלט איז אויך געווען אַן אַנדערע ווי אונזערע. די גרויסע געשטאַלטן פון דער צווייטער עליה, מיט זייער גאַנצער פּערזענ־לעכער אָריגינאַליטעט און אידישער וואָרצלדיקייט, זיינען כמעט אַלע דורכ־געגאַנגען — אין דעם אָדער יענעם נוסח — דעם קאַלכאויוון פון דער רו־סישער קולטור. מען קען זיך ניט פאָרשטעלן יוסף אַהראָנאָוויטשס גייס־טיקע געשטאַלט אָן דער השפּעה פון דער ראַדיקאַלער רוסישער פּובלי־ציסטיק. י. ח. ברענער וואָלט פאַר אונז ניט געווען דאָס וואָס ער איז געווען, אָן רוסלאַנדס „גרויסער ליטעראַטור". און אַפילו א. ד. גאָרדאָן, וואָס האָט זיך אַזוי געהיט ניט געפאַנגען צו ווערן אין אַ פרעמדער נעץ, וואָלט ניט געקענט זיין דאָס וואָס ער איז געווען אָן יענער גייסטיקער רוסישער וועלט, וואָס פון איר אַרויס איז ער געקומען צו זיך און צו זיינע מחשבות וועגן זיין פאָלק. אָבער ווען איך שטעל זיך די פראַגע: וואָס איז געווען די גייס־טיקע יניקה פון אליעזרן — אַחוץ דער ירושה פון זיין היים — געפין איך אויף דעם ניט קיין ענטפער. איך האָב דעם ענטפער ניט געזוכט אין ביכער, איך רעד בלויז אויפן יסוד פון מיינע אוממיטלבאַרע איינדרוקן. אויב מיין זכרון נאַרט מיך ניט אָפּ, האָט אליעזר יפה זיך קיינמאָל ניט באַנוצט מיט קיין פרעמדן ציטאַט אָדער פרעמדן טערמין. כאָטש ער האָט רוסלאַנד פאַר־לאָזן ווי אַ דערוואַקסענער יונגערמאַן, באַמערקט מען ניט אַז די רוסישע קולטור זאָל האָבן פאַרנומען וואָסער עס איז פּלאַץ אין זיין גייסטיקער וועלט. עס איז יאָ געווען צו באַמערקן אין אים דער אַמעריקאַנער יסוד, וואָרעם ער האָט זיך באַנוצט מיט די אַמעריקאַנער וויסנשאַפטלעכע ווערק און הילפס־ביכער, אָבער איך קען זיך ניט דערמאַנען, אַז ער זאָל האָבן אַרויסגעוויזן עפּעס אַ באַציאונג צו דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור און פּאָעזיע.

נאָך מער, ווען איך פּרוביר פעסטשטעלן וואָס עס זיינען געווען זיינע אידישע יניקה־קוואַלן, מוז איך קומען צום שלוס, אַז דאָס איז אויך

ניט אַזאַ פּשוטער ענין. איך קען ניט זאָגן אַז די נײַע העברעאישע ליטע־ראַטור האָט ביי אים פאַרנומען יענעם פּלאַץ וואָס זי האָט פאַרנומען אין די לעבנס פון אַנדערע מענטשן אין דער צווייטער עליה. איך האָב ניט געהאַט דאָס געפיל, אַז אים האָט אויך געמאַטערט און באַשעפטיקט דאָס וואָס מיר האָבן געפונען ביי ברענערן, צום ביישפּיל, אָדער אין דער יונגער ליטעראַטור בכלל, און עס איז אויך ניט געווען דער אײַנדרוק, אַז אַחד־העם אָדער ביאַליק זיינען געווען צווישן זיינע דערציער און לערער.

וועט מען אפשר זאָגן: הייסט עס, תורה־ליטעראַטור? אָבער כאָטש ער האָט אין זיינע יוגנט־יאָרן אַוודאי געלערנט אַ סך תורה, האָב איך אין אים ניט געזען דעם „תלמוד־איד" — ווי, למשל, אין אַהראָנאָוויטשן אָדער ברענערן. איך האָב געוואוסט, אַז אין זיין פאָטערס הויז האָט ער געאָטעמט אין אַן אַטמאָספער פון חסידות און אַפילו פון רבנות, און איך האָב קיין ספק ניט, אַז אונטער זײַן פשטנותדיקן און ראַציאָנאַליסטישן „נגלה" האָט געלעבט עפּעס אַ „נסתר", פון דעם שורש פון מקובלים און משיח־זוכער. אָבער דאָך האָב איך אים געזען ווי אַ מענטש פון תנ"ך. דאָס תנכישע העב־רעאיש, וואָס זיין פען האָט גערעדט, איז ביי אים ניט געווען קיין אויסער־לעכע פאָרם און קיין ליטעראַרישער מאַניער. ס'איז אויך ניט געווען קיין נאָכמאַכונג פון דער שפּראַך פון די מליצים. דאָס איז ניט געווען קיין שפּראַך וואָס אַ מענטש לערנט זיך אויס, — דאָס דאָזיקע תנכישע העב־רעאיש האָט אין אים געלעבט. און ניט נאָר צו דער שפּראַך פון תנ"ך איז ער געווען צוגעבונדן — העברעאיש איז פאַר אים געווען בלויז די שפּראַך פון תנ"ך — נאָר צום אינהאַלט און צו דעם גייסט וואָס באַלעבט די שפּראַך פון תנ"ך. דער תנ"ך איז געווען דער גרונט־יסוד פון זיין גייס־טיקער וועלט. דער אש־תמיד וואָס האָט אין אים געטליעט איז אָנגעצונדן געוואָרן דורך דער פלאַם פון תנ"ך.

דאָס ליכט פון תנ"ך האָט אויך באַשיינט דעם אוצר פון זיינע סאָציאַ־לע באַגריפן. איך ווייס ניט, צי ער האָט זיך ווען עס איז דערקלערט אַלס אַ „סאָציאַליסט"; איך ווייס, אַז עס זיינען געווען ציטן, ווען ער האָט פּאָלע־מיזירט קעגן סאָציאַליסטישע מיינונגען. ער האָט וועגן דעם דיסקוטירט ניט ווי אַ דרויסנדיקער מענטש, וואָס איז סתם מבטל, נאָר ווי אַ מענטש וואָס די זאַך איז נוגע זיין נשמה. דער יעניקער, וואָס איז פּעאיק צו זען דעם תוך פון זאַכן און ניט נאָר זייער שאָלעכץ, וואָס זיין צוגאַנג צו סאָ־ציאַליסטישע ווערטן איז ניט אָפּהענגיק פון טערמינאָלאָגיע און טערמי־נאָלאָגישע מאָדעס, האָט באַלד געקענט זען, אַז פאַר אים שטייט ניט איינער פון די פיל „ביין־זאָגער צו דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט", — נאָר אַ מענטש וואָס איז אין זיין גאַנצן מהות געווען איר קעגנזאַץ. פיל

זיינען די „בײן־זאָגער״, וואָס ווייסן דאָך ווי אַזוי זיך איבנצואָרדענען אין דער געלט־אָרדענונג און שלום צו מאַכן צווישן זייערע „לינקע״ איבער־צייגונגען און זייער בירגערלעכן לעבן. אליעזר איז לגבי דעם סאָציאַלן לעבן ניט געווען קיין מענטש פֿון צוויי ספֿערעס; זיין קעגנערשאַפֿט צו דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפֿט איז ניט געווען קיין ענין פֿון טעאָריע אָדער דעקלאַראַציע. מער ווי אַנדערע האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט זיך „איינצואָרדענען״ אין יעדן פּלאַץ, אומעטום, אָבער זיין קעגנערשאַפֿט איז געווען אַן אַקטיווע, אַ מחייבדיקע. און זיין ציוניזם, וואָס איז געווען ציוניסטיש עלעמענטאַר און „אַלגעמיין״, האָט איינגעשלאָסן זיינע סאָציאַלע באַגריפֿן, דעם ווערט פֿון אַרבעט און דעם ווערט פֿון אַרבעטנדיקן מענטשן, דעם ווערט פֿון דער פֿרוי אין דער אַרבעט און אין דער געזעל־שאַפֿט. מיט זיכערקייט קען איך דאָס ניט זאָגן, אָבער איך האָב דעם איינ־דרוק, אַז די אַמעריקע, וואָס האָט אים אויסגעשטאַט מיט אַ צאָל ראַציאָנאַל־טעכנישע באַגריפֿן, האָט אויף אים אויך אָנגעוויזט עפּעס פֿון דעם קריטיש־אַנאַרכיסטישן גערדאַנקענגאַנג, וואָס איז אין יענער צייט געווען פֿאַרשפּרייט אין געוויסע קרייזן פֿון דער אינטעליגענץ און די אַרבעטער.

אין דער וועלט פֿון פּראַקטיק איז אליעזר געווען אַ מענטש פֿון שוואונג, ניט נאָר אַ דרייסטער און פֿעאיקער, נאָר אויך אַן אינאָוואַטאָר. ער האָט לויט זיין נאַטור געהערט צו דער משפּחה וועלט־רעפֿאָרמער, וואָס זיינען געקומען אויף דער וועלט ניט כּדי צו זיצן רואיק, נאָר כּדי זי צו ענדערן און מתקן זיין. עס זיינען דאָ פֿאַרשיידענע מתקני עולם, אָבער בשותּפֿות־דיק איז זיי אַלעמען די קעגנערשאַפֿט צו דעם הווה און דאָס שטרעבן צו ענדערן און מתקן זיין די וועלט אויף אַ פֿונדאַמענטאַלן אופֿן. צווישן די וועלט־רעפֿאָרמער זיינען פֿאַראַן אַזעלכע וואָס זיינען אויסגעוואָרצלטע — כאָטש שטאַרקע באַשעפֿענישן — וואָס דרייען זיך „ווי אַ ראָד פֿאַרן שטורעם״. די וועלט, דוכט זיך זיי, איז ברייט־אָפֿן, זיי שפּאַנען דער וויזיע אַנטקעגן, אָן איבעריקע חשבונות און עיכּובים — און ס׳איז זיי ניט וויכ־טיק וואָס עס וועט פֿאַרפֿלייצט ווערן און חרוב ווערן. עס זיינען אויך פֿאַראַן מתקני־עולם, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן פֿון אַ זאַפֿטיקן גייסטיקן באָדן און זייערע וואָרצלען ליגן טיף אין זייער קולטור־ירושה, זייער צו־קונפֿט־דערוואַרטונג איז פֿאַרקניפּט מיט אַ היסטאָרישער סענסיטיוויטעט. אליעזר האָט געהערט צו דעם דאָזיקן מין מתקני־עולם, וואָס טראָגן אין זיך די אוטאָפּיע פֿון אַ צוקונפֿט־וועלט, וואָס הויבט זיך ניט אָן פֿון אַ פּוסטן פּאַפּיר — נאָר איז איינגעוועבט אין דעם געוועב פֿון דורות.

אליעזרס פּראַקטישע טעטיקייט האָט זיך ביי אונז אָנגעהויבן מיט דער הסתּדרות החקלאית בגליל. עס איז מיר שווין אויסגעקומען צו דער־

ציילן ביי אליעזרס לעבן, אַז ער האָט עס פֿאַרוואַנדלט דעם ועד פּועלי הגליל — אַ שוואַכע קערפּערשאַפֿט, וועלכער עס האָט געפֿעלט אָרגאַניזאַטאָרישע צוואַנג־קראַפֿט, מיט ווייניק דערגרייכונגען, וואָס האָט זיך באַנוגנט מיט זוכן אַ טאָג אַרבעט פֿאַר אַן אַרבעטער, מיט פֿאַרהאַנדלונגען מיט די קאָלאָניסטן און פֿאַרוואַלטער, וואָס האָט פֿון צייט צו צייט אָפּגעהאַלטן צוזאַמענקונפֿטן — אין דער „הסתדרות פּועלי הגליל", מיט אַלץ וואָס איז דערמיט געווען פֿאַרבונדן, מיט שטייערן און מיט אַ ביורא, מיט „באַאַמטע", מיט געבן באַפֿעלן. אליעזר, דער פֿולער אינדיווידואַליסט, דער אַנאַרכיסט לויט זיינע אָנשויאונגען, איז למעשה געווען דער ערשטער, וואָס האָט אין ארץ־ישׂראלדיקן אַרבעטס־צבור אַריינגעבראַכט דעם יסוד פֿון אָרגאַניזאַציע און אָרגאַניזאַציאָנעלער דיסציפּלין. מיר, וואָס זיינען געקומען פֿאַר אים, זיינען געווען געניגט — צי צוליב אונזער כאַראַקטער און געדאַנקענגאַנג, אָדער צוליב מאַנגל אין אָרגאַניזאַטאָרישע פֿעאיקייטן — אָנצונעמען, אַז די זאַכן וועלן שוין געטאָן ווערן פֿון זיך אַליין, דורך חבר־שער הסכמה און גייסטיקע אָנשטרענגונגען. ער איז געווען דער ערשטער צווישן אונז וואָס איז געווען געבענטשט מיט אַ גרויסן אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלאַנט. ער האָט די הסתדרות החקלאית פֿאַרוואַנדלט אין אַ ווירטשאַפֿט־לעכער קערפּערשאַפֿט, וואָס איז גרייט געווען איבערצונעמען — פֿאַר „סולל־בונה" — די דורכפֿירונג פֿון עפֿנטלעכע אַרבעטן. עס איז שווער איצט זיך פֿאָרצושטעלן וואָס פֿאַר אַ גראַנדיעזער און געוואַגטער אויפֿטו עס איז אין יענער צייט געווען דאָס אויסטריקענען די בלאָטע אין כּנרת! און קיין שום סטרייק איז אין יענער צייט אין לאַנד ניט געפֿירט געוואָרן מיט אַזאַ אָרגאַניזאַציאָנעלער ענערגיע און פּערזענלעכער תּקיפֿות ווי דער סטרייק אין סעדזשערע. נאָכדעם איז געקומען איין אויפֿטו נאָך דעם צווייטן: דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער זשורנאַל „גן הירק", די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע הכשרה פֿאַר אַרבעטערינס אין מקוה ישׂראל; לאַנדווירטשאַפֿטלעכע לערן־ביכער; „השׂדה"; דער מושב עובדים; תּנובה; אין אָט די אַלע מעשׂים האָט אליעזר אַריינגעלייגט זיין וויזיע און איניציאַטיוו און פֿעאיקייט. ער האָט זוכה געווען צו זיין דער אָנהויבער פֿון סאָלידע ווערק, וואָס זיינען פֿעאיק ווייטער צו פֿונקציאָנירן אויך נאָכדעם ווי זייער שאַפֿער האָט זיך צוריקגעצויגן. אָט דאָס דאָזיקע צוריקציען זיך, וואָס האָט באַגלייט יעדן אויפֿטו זיינעם, — איז פֿאַר אים געוואָרן זיין גורל.

איך בין זיך מודה: מער ווי אליעזרס מיינונגען און מעשׂים, פֿאַרכאַפּט מיך זיין פּערזענלעכער גורל. דאָס איז געווען דער גורל פֿון אַ מענטשן וואָס פֿון אַלץ, וואָס ער האָט געגרינדעט און געבויט, איז אין זיינע הענט גאָרניט געבליבן. דאָס וואָס ער האָט געשאַפֿן איז ניט געבליבן אין זיין

רשות, איז ניט געוואָרן זיין אייגענע „נחלה". עס זיינען פֿאַראַן גייסטיקע אָרעמקייט, וואָס בעת זיי טוען עפּעס אָדער זיינען זיך מצטרף צו עפּעס אַ טאַט, האַלטן זיי זיך אָן די „קרבנות המזבח" פֿון דעם ווערק, פֿול מיט מורא, אַז עס זאָל חלילה ניט אַרויספֿאַלן פֿון זייערע הענט. אליעזר איז געווען אַ דורכאויס אַנדער טיפּ מענטש. ער האָט פֿון זיינע הענט געלאָזט אַרויספֿאַלן אַלץ וואָס ער האָט געשאַפֿן. איך וואָג צו זאָגן, אַז אין לעצטן חשבון האָט אַלץ וואָס ער האָט געטאָן און אַלץ וואָס ער האָט געבויט אים ניט צופֿרידנגעשטעלט. דערפֿאַר האָט ער אָפּגעלאָזט אָט די אַלע שאַפֿונגען זיינע. דער „פּאַטריאַטיזם" פֿון מענטשן, וואָס באַטראַכטן זייער געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייט ווי אַ מין פּריוואַט־אייגנטום און זיינען פֿאַר דעם תמיד באַגייסטערט, אונטער אַלע אומשטענדן און ניט געקוקט אויף ענדערונגען — איז אים געווען אינגאַנצן פֿרעמד.

אין אַמעריקע איז פֿאַרשפּרייט דאָס ווערטל, אַז „קיין שום זאַך איז ניט אַזוי דערפֿאָלגרייך ווי דער דערפֿאָלג אַליין". די דאָזיקע „פֿילאָזאָפֿיע" האָט דעראָבערט נישט בלויז אַמעריקע אַליין. די גאַנצע וועלט איז געוואָרן „אַמעריקאַניש". מיר לעבן, דוכט זיך, אין דער תקופֿה פֿון דעם „סוקסעס־קולט". וואָס טויג אַ מענטשן זיין גאַנצע האַרעוואַניע און זיין גייסטיק לעבן, אויב ער איז אַ „לא יוצלח"? אין דעם זינען זיינען פֿיל, פֿיל צווישן אונז תלמידים פֿון אַמעריקע, סיי בעת זיי זיינען אַליין „דערפֿאָלגרייך", סיי בעת זיי כאַפּן בלויז התפּעלות פֿון אַנדערע וואָס זיינען דערפֿאָלגרייך. אין דעם זינען איז אליעזר יפֿה כּלל וכלל ניט געווען קיין „אַמעריקאַנער". ער איז געווען איינער פֿון די מענטשן, וואָס בונטעווען זיך קעגן דערפֿאָלג, וואָס אַ געוויסער „עפּעס" איז זיי אומפֿאַרגלייכלעך וויכטיקער פֿון יעדער הצלחה. דער דאָזיקער „עפּעס" איז אַן ענין, וואָס אַנדערע קענען אפֿשר ניט באַנעמען און האַלטן אים פֿאַר אומוויכטיק.

עס איז געווען אַ צייט וואָס עס איז צווישן אונז ניט געווען קיין איין מענטש וואָס זאָל זיין אַזאַ מצליח בכל דרכיו, אַזוי אַלגעמיין באַליבט און באַוואונדערט, ווי ער, אָבער ער האָט עס ניט באַטראַכט ווי אַ פֿאַרמעגן וואָס מען דאַרף אָפּהיטן. ער האָט זיך באַצויגן ווי אַ פֿרייער מענטש לגבי די אונטערנעמונגען וואָס ער איז געשטאַנען בראש פֿון זיי, לגבי דער געזעלשאַפֿטלעכער פּאָזיציע וואָס ער האָט פֿאַרנומען, אויך לגבי דעם וואָס ער זאָל אַמאָל האָבן געזאָגט. ער האָט לייכט מותּר געווען אויף זאַכן וואָס אַנדערע זיינען געווען להוט נאָך זיי און זיך אָן זיי געהאַלטן מיט די נעגל. און אין דער זעלבער צייט האָט ער געלעכצט נאָך זאַכן אין וועלכע ער האָט ניט געקענט דערגרייכן דאָס וואָס ער האָט דערגרייכט אין דער פּראַקטישער טעטיקייט.

עס איז מעגלעך, אַז אַלע זיינע פּראַקטישע הצלחות האָבן אין זיינע אויגן ווייניק ווערט געהאַט לגבי דעם חלום פון שרייבן אַ ליד פון דויערנ־דיקן ווערט אָדער אַ דראַמע אָדער אַ דערציילונג. עס איז אין אים געגאַנ־גען אַ געראַנגל צווישן זאַכן וואָס ער האָט געקענט טאָן מיט גרויסע פּעאי־קייטן און גרויסע רעזולטאַטן און צווישן ניגונים וואָס האָבן געשוועבט אין זיין נשמה און האָבן זיך ניט צוזאַמענגעגאָסן אין אַ גאַנצער מעלאָדיע. אָט דער דאָזיקער געראַנגל האָט אים באַגלייט זיין גאַנץ לעבן.

גערעכט איז געווען דער וואָס האָט געזאָגט, אַז אליעזר איז געווען אַ „פּאַרטיי פאַר זיך". אַפילו אין יענער צייט ווען כלפּי חוץ האָט אליעזר געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַ פאַנגען־טרעגער פון דער פּאַרטיי, איז זיין באַציאונג צו דער פּאַרטיי געווען גאָר אַן אַנדערע ווי די פון זיינע אַנדערע חברים. „אַ פּאַרטיי פאַר זיך" — דאָס איז געווען זיין כאַראַקטער, אַזאַ איז ער געווען אין אַלע זיינע אַנטפּלעקונגען, פון דער צייט וואָס ער האָט זיך אַנגעשלאָסן אָן דער פּאַרטיי ביז וואַנען ער האָט זיך אינגאַנצן צוריקגע־צויגן פון פּאַרטיי־לעבן. אין יענעם ערשטן שמועס וואָס מיר האָבן געפירט גלייך נאָך דעם ווי ער איז געקומען אין לאַנד האָט ער מיר דערציילט, אַז ער איז אַריינגעטראָטן אין דעם „הפועל הצעיר". ער האָט דאָס אַזוי מאָטיווירט: „זינט איך בין געוואָרן אַ באַוואוסטזיניקער מענטש, בין איך געווען אַן אָרגאַניזירטער ציוניסט. אין אַמעריקע בין איך געווען אַ מיט־גליד פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דאָ אין ארץ־ישראל איז ניטאָ קיין ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, — אַחוץ דעם 'הפועל הצעיר'. דערפאַר האָב איך זיך אָנגעשלאָסן אָן אים". איך געדענק זייער גוט דעם איינדרוק, וואָס די דאָזיקע ווערטער האָבן אויף מיר דעמאָלט געמאַכט. איך צווייפל, צי וועלכער ס'איז אַנדער חשובער חבר פון „הפועל הצעיר" וואָלט מאָטיווירט זיין פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט מיט דער פליכט צו זיין אַן „אָרגאַניזירטער ציוניסט". דאָס באַוואוסטזיין, אַז עס זיינען פאַראַן ספּעצ־יפישע ווערטן וואָס אין זייער נאָמען איז געגרינדעט געוואָרן די „הפועל הצעיר"־פּאַרטיי איז אים געווען אינגאַנצן פרעמד. פון דער אַנדער זייט: ווען אליעזר האָט בעת דעם סטרייק אין סעדזשעראַ מיט שטורעמ־דיקער ענערגיע און עקסטרעמער תקיפות געפירט דעם קאַמף פאַר אידי־שער אַרבעט, האָט ער ניט געהאַלטן פאַר נויטיק זיך צו באַראַטן מיט זיין פּאַרטיי וועגן דעם ענין, און זיינע אויפרופן אין נאָמען פון דעם מרכז חקלאי פלעגן פאַרעפנטלעכט ווערן דווקא אין „האחדות", דעם אָרגאַן פון די פועלי־ציון. ווער עס ווייס ווי שטאַרק פּאַרטיי־מענטשן האָבן דע־מאָלט מקפיד געווען אויף לאָיאַליטעט צו זייערע אייגענע צייטונגען און נאָך מער, אויף פרעמדקייט צו אַנדערע צייטונגען, וועט פאַרשטיין אין

וואָס פֿאַר אַ מאָס אליעזר האָט זיך דערלויבט ניט צו רעכענען זיך מיט קאָנווענציעס. אויך ווען עס האָט זיך גערודערט אַרום דער פֿאַראייניקונג צווישן „הפועל הצעיר" און „אחדות העבודה" האָט אליעזר געהאַנדלט אויף זיין אייגענעם שטייגער. פֿון זיינע חברים האָט ער געפֿאָדערט, אַז זיי זאָלן זיך פֿאַראייניקן מיט דער „אחדות העבודה", נאָר ער פֿלעגט אויך צוגעבן: „לכם ולא לי", דאָס הייסט: ער איז צופֿרידן וואָס עס האַלט ביים בטל ווער די באַזונדערע עקזיסטענץ פֿון די פּאַרטייען, וואָס ער האָט באַטראַכט פֿאַר אומבאַרעכטיקט, אָבער ער האָט ניט געהאַלטן פֿאַר נויטיק צו זיין אַ שותּף פֿון דער פֿאַראייניקטער פּאַרטיי אויף מאָרגן נאָך דער פֿאַראייניקונג. ער איז געבליבן אַ „פּאַרטיי פֿאַר זיך", און איך וואַג צו זאָגן, אַז דער בריוו וועגן זיין אָנשלוס אָן דעם „העובד הציוני" — איינער פֿון די פֿיר דראַמאַטישע אַקטן אויף אליעזר יפֿהס לעבנס־וועג — איז געווען אַן אויסדרוק פֿון „ציוווילן ווידערשטאַנד" און ניט פֿון פּאַרטייאישער אידענטיפֿיקאַציע. יאָ, ס'איז געווען איינער פֿון די פֿילע פּאַראַדאָקסן פֿון דעם דאָזיקן לעבנס־גורל וואָס דער דאָזיקער מענטש האָט אַ שטיקל צייט געמאַכט דעם איינדרוק פֿון דעם פּאַרטיי־מענטש, — ער, וואָס זיין צוגאַנג צו דעם כּלל און פּרט איז בכלל ניט געווען דער צוגאַנג פֿון אַ פּאַרטיי־מענטש, און זיינע נאַטירלעכע טעטיקייט־געביטן זיינען אויך געלעגן גאָר אויף אַן אַנדער שטח.

און ווען איך רעד וועגן אליעזרס פּערזענלעכן גורל, האָב איך אויך דאָס אין זינען: צווישן אַלע מענטשן פֿון דער צווייטער עליה איז ניט געווען קיין איינער, וואָס זאָל אין דער זעלבער מאָס ווי אליעזר באַזיצן יענע אייגנשאַפֿטן וואָס זיינען געווען נויטיק כּדי צו זיין דער אַרכיטעקט פֿון דעם אויפֿבוי אין ארץ־ישׂראל, פֿון דעם גאַנצן אַרבעטער־ווערק, פֿון דער הסתּדרות־ווירטשאַפֿט. און דאָך איז דאָס ניט געשען — און בשום אופֿן ניט דערפֿאַר, וואָס עמיצער האָט אים פֿאַרשטופּט אָן אַ זייט. אַדרבא, מיר האָבן דאָס אַלע געוואָלט — אָבער עפּעס האָט אים אָפּגעהאַלטן.

אַפֿילו בעת איך רעד וועגן אַ חבר וואָס איז שוין נישט צווישן די לעבעדיקע, וויל איך ניט מקריב זיין דעם אמת, כּדי לייכטער צו מאַכן דאָס הערן וואָס איך זאָג. אין פֿאַרשיידענע צייטן האָבן מיר פֿאַרטראָטן קעגנגעזעצטע שטעלונגען. די דאָזיקע שטעלונגען האָבן געהאַט אַ שייכות מיט וויכטיקע לעבנס־פֿראַגעס. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט פֿאָרקומען אַ הפֿסקה אין די באַגעגענישן צווישן אליעזרן און מיר. עס זיינען געווען אָפֿטע באַגעגענישן און בשותּפֿותדיקע אַרבעט — און לענגערע הפֿסקות. די דאָזיקע באַגעגענישן האָבן זיך אָנגעהויבן מיט יענעם שמועס אויפֿן ברעג פֿון כּנרת און זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ יאָר צוריק, מיט אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגן

זיין אַרבעט אויפֿן געביט פֿון תּנכישער שפּראַך־פֿאַרשונג, און מיט זיין לעצטן באַזוך, וואָס איך האָב שוין געשפּירט ווי אַן אָפּשייד־באַזוך. ער איז געווען פֿול מיט אַזוי פֿיל צאַרטקייט, ער איז געקומען אויס ליבע, אויס דעם ווילן זיך צו באַגעגענען, אויס דעם ווילן צו זאָגן אַ חברש וואָרט און באַזאָרגן אַן ענין, וואָס איז אים געווען טײַער. בײַ דעם דאָזיקן אומדער־וואַרטעטן באַזוך, בעת זיין פּנים האָט געלויכטן און זיין צונג האָט גע־שטאַמלט, האָב איך אים געזען גלייכצייטיק ווי אַ מוכה אלהים, אַ געשלאָ־גענעם פֿון גאָט, און אַ נזיר אלהים.

איידער איך וועל זיך אָפּשטעלן אויף אונזערע קעגנזײַטיקע שטע־לונגען, האָב איך די באַדערפֿעניש צו באַטאָנען דעם טראַגישן יסוד אין די דאָזיקע מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן. אַ טראַגישער יסוד — אין דעם זינען וואָס עס איז געווען אוממעגלעך אים אויסצומיידן. מיר האָבן חלילה ניט געזוכט די דאָזיקע מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן. זיי האָבן אוודאי אים ווי געטאָן ניט ווייניקער ווי מיר, אָבער מיר זיינען ניט געווען בכּוח זיי אויס־צומיידן. און דווקא דאָס באַוואוסטזיין וועגן דער גרויסער ענלעכקייט פֿון אונזערע באַגערן און כּוונות, האָט די דאָזיקע מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן גע־מאַכט באַזונדערס פּיינלעך.

ער איז אין מיינע אויגן געווען איינער פֿון די גרויסע האָפֿענונגען פֿון אונזער באַוועגונג. דער מענטש פֿון דעם אַרבעטער־כּלל, וואָס אין אַלץ וואָס ער טוט טראַכט ער ניט וועגן זיך אַליין און זיין ענגן קרייז, נאָר וועגן דעם חשבון פֿון דער אומה, דעם חשבון פֿון דעם אַרבעטנדן מענטשן, וועגן די גרונט־פֿראַגעס פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט און דעם אויפֿבוי פֿון אַ פּרנסה־געבנדיקער ווירטשאַפֿט; וואָס זעט ניט אונזערע לעבנס־פֿראַגעס דורך די ברילן פֿון עפּעס אַן ענגן קרייז; וואָס זעט די לאַנדווירטשאַפֿט ניט מיט די אויגן פֿון אַן אַראַבאַנדזשי,* וואָס ווייס ווי צו יאָגן פֿערד, נאָר מיט די אויגן פֿון אַן אינטעליגענטן לאַנדווירט, וואָס אַרבעט מיט דער הילף פֿון בוך און מאַשין; וואָס טרעט צו מיט פֿולן זעלבסט־צוטרוי צו מעשים וואָס אַן אַנדער מענטש בײַ אונדז וועט ניט וואָגן זיך מיט זיי אָנ־צוהייבן; וואָס האָט געבויט די אָרגאַניזאַציע פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער מיט אַזוי פֿיל ברייטן פֿאַרנעם און פּראַקטישער פֿעאיקייט. די ערשטע מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן צווישן אונדז זיינען געקומען דווקא אין שייכות מיט דער הסתּדרות החקלאית. דערפֿאַר וואָס איך האָב אים באַ־טראַכט ווי דעם הויפּט־זייל פֿון דער הסתּדרות החקלאית, איז אַזוי שווער געווען שלום צו מאַכן מיט זיין אומדערוואַרטעטן דערווייטערן זיך פֿון

* אַראַבישער בעל־עגלה.

אַקטיווער טעטיקייט. מיר זיינען טאַקע דעמאָלט אַלע געווען „פֿרייע קינסט־לער", וואָס אַמאָל זיינען מיר געווען אַקטיוו און אַמאָל — ניט. אָבער זיין צוריקציען זיך האָט פֿיינלעך געטראָפֿן די ליבע צו דער הסתדרות חקלאית וואָס איך און מיינס גלייכן האָבן אין זיך געטראָגן. אַוודאי איז ער געווען איבערגעזעטיקט מיט די צרות וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין זיין ענער־גישער טעטיקייט, אַוודאי איז ער מיד געווען פֿון טראָגן דעם עול פֿון דעם צבור, אַוודאי האָט ער געליטן פֿון די אומסימפּאַטישע אייגנשאַפֿטן פֿון יענעם פֿאַרוואָרלאָזטן און צעשויבערטן צבור, פֿאַר וועלכן ער האָט זיך געמיט — האָט ער באַשלאָסן זיך איינגאַנצן אָפּצוגעבן יענעם טייל פֿון צבור וואָס ער האָט באַטראַכט פֿאַרן זעמל־מעל פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט, דער פּאַרטיי. ער האָט זיך צוריקגעצויגן ניט זאָגנדיקן קיין איין וואָרט, ווי ער וואָלט דערביי ניט געהאַט קיין שום כּוונות. אָבער מיר, די פֿאַנאַטי־קער פֿון „אַלגעמיינקייט"* האָבן געפֿילט, אַז מיט זיין צוריקציען זיך פֿון דער אַרבעט אין דער הסתדרות החקלאית איז אין אים אויך פֿאָרגעקומען אַ גייסטיקע טראַנספֿאָרמאַציע. ער האָט דאָס ניט צוגעגעבן.

די צווייטע מיינונגס־פֿאַרשיידנהייט צווישן אונז איז געווען אַרום דעם אידישן לעגיאָן, פֿון וועלכן ער איז געווען אַן אַנטשיידענער קעגנער. די דריטע מיינונגס־פֿאַרשיידנהייט איז געווען בנוגע דער פֿראַגע פֿון אויפֿ־לייזן די פּאַרטייען און פֿאַראייניקן דעם אַרבעטער־כּלל, בעת דער גרינ־דונג פֿון דער „אחדות העבודה". און די פֿערטע מיינונגס־פֿאַרשיידנהייט איז געווען בנוגע דער גרינדונג פֿון „ניר". צווישן די דאָזיקע מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן רעכן איך ניט אַריין די פֿראַגע פֿון מושב עובדים, וואָרעם סיי דעמאָלט און סיי שפּעטער האָב איך דעם מושב באַטראַכט ווי אייננע פֿון די לעגיטימע פֿאָרמען פֿון דעם אַרבעטנדיקן ישוב; און אליעזר האָט געהאַט דעם זעלישן טאַקט ניט צו שטעלן דעם מושב אין קעגנזאַץ צו דער קבוצה, און אויך ניט אַריינצוטראָגן אין דעם ענין יענע ביטערקייט וואָס עס האָט אַרויסגערופֿן ביי אַנדערע. צווישן די מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן רעכן איך אויך ניט אַריין דעם ענין „המשביר" — „תנובה". עס זיינען געווען חברים, און איך בין געווען איינער פֿון זיי, וואָס האָבן געוואָלט

* [„אַלגעמיינקייט" — כלליות. ס'ווערט געמיינט דאָס שטרעבן צו שאַפֿן אָר־גאַניזאַציע־פֿאָרמען, וואָס זאָלן זיין אָפֿן פֿאַר אַלע אַרבעטער, ניט געקוקט אויף זייערע אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע חילוקי־דעות, און באַפֿרידיקן די אַלגעמיינע באַדערפֿענישן פֿון די אַרבעטער. ביז 1920 איז די עיקרדיקע אָרגאַניזאַציע־פֿאָרם פֿון די ארץ־ישראל־דיקע אַרבעטער געווען די פּאַרטיי. מיט דער גרינדונג פֿון דער הסתדרות העובדים (1920) איז געשאַפֿן געוואָרן דער אינסטרומענט פֿאַר די „אַלגעמיינע" צילן און אינטע־רעסן פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט.]

זען די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע און די פֿאַרברויך־קאָאָפּעראַציע פֿאַראיי־ניקט אין איין ווערק; זיי האָבן געוואָלט, אַז דער „המשביר" זאָל זיין דאָס דאָזיקע פֿאַראייניקנדיקע ווערק און האָבן מורא געהאַט פֿאַר יעדער צע־טיילונג. עס זיינען אָבער געווען אַנדערע חברים, און אליעזר בראש, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז דער פּראָדוצענט קען זיך פֿאַרטיידיקן בלויז דורך אַ באַזונדערער אָרגאַניזאַציע. אַנשטאָט דעם „פּראָדוקציע־אָפּטייל" ביים „המשביר" איז דעמאָלט געשאַפֿן געוואָרן „תנובה". אין די געוואַלטיקע דערגרייכונגען פֿון „תנובה", וואָס האָט מאָביליזירט דעם מעכטיקן שוואונג־כּוח פֿון אונזערע מענטשן אין די ישובים, זע איך אליעזרס גרויסן נצחון, און איך בין צופֿרידן צו זאָגן, אַז פֿיל פֿון די קווענקלענישן וואָס איך האָב דעמאָלט געהאַט וועגן דער צעטיילונג האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט.

די פֿיר דערמאָנטע וויכּוחים — די הסתדרות און די פּאַרטיי; דער אידישער לעגיאָן; אַרבעטער־אייניקייט; „ניר" — האָבן באַרירט גורל־פֿראַגעס פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג. איך בין ניט דער מענטש צו אור־טיילן וועגן אונזערע פּלוגתּות, אָבער איך דאַרף אויך ניט באַהאַלטן, אַז די יאָרן האָבן ניט געענדערט מיין עיקרדיקע באַציאונג צו די דערמאָנטע ענינים. איך האַלט איצט אויך, ניט וויניקער ווי דעמאָלט, אַז אין דער פֿראַגע פֿון אידישן לעגיאָן זיינען גערעכט געווען זיינע אַנהענגער. וואָס איז שייך „ניר", בין איך איבערצייגט, אַז פֿאַר זיין פֿאַרשפּעטיקטער גרינ־דונג און באַשרענקטן פֿאַרנעם האָבן מיר טייער באַצאָלט, און עס איז אי־בעריק צו זאָגן, אַז עד היום באַדויער איך וואָס עס איז ניט דערגרייכט געוואָרן די פֿולשטענדיקע אייניקייט פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין יענע טעג, אין די פֿרילינגס־טעג פֿון אונזער באַוועגונג.

און אַזוי ווי איך דערמאָן שוין די חלוקי־דעות, וואָלט איך אויך גע־וואָלט עפּעס זאָגן וועגן געוויסע פּערזענלעכע אַספּעקטן פֿון די דאָזיקע חלוקי־דעות. איך געדענק ניט קיין שום בר־פּלוגתּא, וואָס זאָל האָבן אַרויס־גערופֿן אַזוי פֿיל סימפּאַטיע ווי אליעזר. איז דאָס געווען דער סוד פֿון זיין פּערזענלעכן חן, וואָס לאָזט זיך ניט דעפֿינירן, ווי דאָס צויבערהאַפֿטע לאָזט זיך בכלל ניט דעפֿינירן — און אליעזר איז אָן ספק געווען אַ מענטש פֿול מיט חן — אָדער איז דאָס געווען דער יסוד פֿון זיין כאַראַקטער וואָס האָט אויף מיר אַזוי משפּיע געווען? אַמאָל טראַכט איך, אַז דאָס איז געשען ניט נאָר דערפֿאַר, נאָר אויך דערפֿאַר וואָס אין סאַמע מיטן פֿון אונזער קעגנערשאַפֿט האָב איך מודה געווען, אַז מיין קעגנער איז אַ שיין ביסל גערעכט; אין זיינע באַוואָרענישן איז געווען עפּעס קערנדיקס, — ס'איז געווען וועגן וואָס זיך צו זאָרגן. און הינטער מיין האַנדלונג איז געלעגן אַן אָנונג פֿון עפּעס נעגאַטיוועס, וואָס עס איז ווערט געווען זיך צו שטעלן

אַנטקעגן. אַזוי איז דאָס געווען אין דער פֿראַגע פֿון אידישן לעגיאָן, אַזוי איז דאָס געווען אין דער פֿראַגע פֿון דער פֿאַראייניקונג — און אַזוי אין דעם ענין „ניר". איך האָב זיך געקענט טראַכטן, אַז זיינע קעגנמיטלען זיינען ניט געווען קיין טרעפֿלעכע מיטלען, אַז עס זיינען פֿאַראַן מער פּאָ־סיקע וועגן, אַז איך האָב אַן אַנדער פּראָגנאָז, אָבער כאָטש איך בין גע־קומען צו דורכאויס־אַנדערע פּראַקטישע קאָנסעקווענצן, האָט מיך מיט אים פֿאַראייניקט דאָס עצם ציטערן פֿאַר יענע ווערטן, פֿאַר וועלכע ער האָט זיך אַזוי געזאָרגט.

און נאָך עפּעס וואָלט איך געוואָלט באַמערקן: עס זיינען געווען מענטשן וואָס מיינע פֿאַרבינדונגען מיט זיי זיינען געווען טיפֿערע ווי מיינע פֿאַר־בינדונגען מיט אליעזרן. פֿונדעסטוועגן, האָט עס ניט פֿאַרמיטן די פּערזענ־לעכע דערוייטערונג צוליב חלוקי־דעות. ווייניקער איז דאָס געשען מיט אליעזרן. ווען איך האָב אין די עצם געשפּאַנטע טעג פֿון דער מאָביליזאַציע אין דעם אידישן לעגיאָן אַרויסגעגעבן דאָס זאַמלבוך „בעבודה", האָב איך איינגעלאַדן אליעזרן זיך צו באַטייליקן, און ער האָט מיר צוגעשטעלט זיין פּלאַן פֿאַר דער שולונג פֿון אַרבעטערינס אין דער לאַנדווירטשאַפֿט. און פֿריער, בעת ער האָט אין נאָמען פֿון „הפּועל הצעיר" געשאַפֿן דעם זשור־נאַל „גן הירק" („דער גרינסגאַרטן") — און איך און אַנדערע ווי איך האָבן געהאַט תּרעומות וואָס אַ מענטש ווי אליעזר גרינדעט אַ טריבונע פֿאַר גרינס־גערטנעריי דווקא אין נאָמען פֿון אַ פּאַרטיי — האָט ער מיך איינגעלאַדן זיך צו באַטייליקן אין דעם זשורנאַל, און איך האָב עס געטאָן. און, אַזוי איז געווען בעת עס איז געגרינדעט געוואָרן די מאַנאַטשריפֿט „השדה" — אויך אין נאָמען פֿון „הפּועל הצעיר" — אין עצם פֿון דער קאַכעניש צווישן דער „אחדות עבודה" און „הפּועל הצעיר". איך דערמאָן די דאָזיקע זאַכן, כאָטש איך ווייס, אַז די דאָזיקע פּערזענלעכע האַרציקייט האָט פֿונדעסטוועגן נישט געענדערט די עצם טאָטזאַך פֿון דער פּלוגתא, וואָס איר ביטערקייט האָט אונז אַלעמען געפֿרעסן. אונזערע קדמונים זיינען געווען בקיאים אין ענינֵי מחלוקת. זיי האָבן געוואוסט ניט נאָר וועגן „מח־לוקת לשם שמים" און „שלא לשם שמים", זיי האָבן אויך געוואוסט צו אונטערשיידן צווישן מחלוקת „לערבובו של עולם" און „לתקונו של עולם". רבי מאיר האָט שוין געזאָגט: „קשה היא המחלוקת, אפילו מחלוקת שהיא לישובו של עולם".

צווישן די בולטסטע געשטאַלטן פֿון דער צווייטער עליה איז אליעזר געווען איינער פֿון די סאַמע באַליבטסטע. אפֿשר האָבן דערצו גורם גע־ווען גוטע מידות און גוטע מעשים, אָבער איך גלויב ניט, אַז מענטשן ווערן באַליבט צוליב זייערע גוטע מעשים. „צויבער" רופֿט אַרויס ליבע.

פאַרבינדט אונז, ווי דער נביא זאָגט, „בחבלי אדם", אָדער מיט „עבותות אהבה", און וואָס ער זאָל ניט האָבן געטאָן, איז אויף אליעזרן געווען אויס־געגאָסן אַ צויבער. אַפילו אַז דו האָסט מיט אים ניט מסכים געווען, האָסטו זיך פון זיין צויבער ניט געקענט באַפרייען. דער פאַמיליע־נאָמען „יפה", וואָס איז גאַנץ פאַרשפרייט צווישן אידן, האָט אים באַזונדערס געפּאַסט. ער איז געווען אַ יפה־אדם, אַ שיינער מענטש. די גאַנצע וועלט ווייס, אַז עס איז פאַראַן אַן ענגלישער באַגריף: דזשענטלמען. די וועלט ווייס אָודאי ניט וואָס עס איז אַזוינס אַ אידישער „דזשענטלמען", און אפשר ווייסן מיר אַליין ניט, וואָרעם מיר קוקן אויף זיך מיט פרעמדע אויגן. די וועלט קען אונז לויט קאַריקאַטורן. מיר אַליין באַטראַכטן דעם אידישן שכל פאַר אַ קרומען שכל, מיר זיינען באַקאַנט מיט קאַריקאַטוריזירטע אידן־געשטאַלטן, — און מיר האָבן פאַרגעסן, אַז עס איז פאַראַן אַ אידישע שיינקייט, אַ ביאָלאָגישע שיינקייט און אַ גייסטיקע שיינקייט. אליעזר יפה איז געווען אַ רעפּרעזענטאַטיווער עקזעמפּלאַר פון דער דאָזיקער שיינקייט.

עמיצער האָט געזאָגט, אַז אליעזר איז געווען „אַ נייער איד", אַז „אין משך פון טויזנטער יאָרן איז ניט געווען אַזאַ איד". איך בין ניט גענויגט אַנצונעמען אַזעלכע באַהויפּטונגען, אַפילו ווען עס רעדט זיך וועגן גע־בוירענע אין ארץ־ישראל, וועגן „צברים", און אָודאי און אָודאי ניט וועגן מענטשן וואָס, ווען ניט זייער „גלות־ירושה", וואָלטן זיי ניט געווען דאָס וואָס זיי זיינען. אונזערע מענטשן זיינען ניט געבוירן געוואָרן ווי שוים אויפן וואַסער, אַן אַ טאַטן און אַן אַ מאַמען. עס איז מעגלעך, אַז עס זיינען פאַראַן אייגנשאַפטן, ביאָלאָגישע און זעלישע, וואָס נאָר דאָ, אין ארץ־ישראל, האָבן זיי געפונען אַ פעלד אויף וועלכן צו וואַקסן, אָבער ווען זיי וואָלטן ניט געווען איינגעבאַרן אין אונז אין משך פון דורי דורות וואָלטן זיי זיך ניט געקענט אַנטפּלעקן, ווי זיי האָבן זיך אַנטפּלעקט. ווען אין די דורות פון אונטערדריקונג און פאַרניכטונג וואָלט אין אונז ניט געלעבט דער חוש פון „כל ישראל ערבים זה בזה" — וואָלטן זיך דען ביי אונז געפונען מענטשן צום בויען לעבנס־פאָרמען פון קאָאָפּעראַציע און קעגנ־זייטיקער אַחריות? און אַפילו די אייגנשאַפטן פון טעכניקער און דערפינ־דער — האָבן זיי זיך דען ביי אונז ניט אַרויסגעריסן אַפילו אין די באַ־שרענקטע ד' אמות פון דעם „תחום"־לעבן? איך האָב אַ ביסל געקענט אליעזרס פאָטער, וואָס דער אויסדרוק פון זיין פנים האָט דערציילט וועגן אידישער אצילות. מיר האָבן געקענט זיין שוועסטער הדסה. דער דאָזיקער דריילינג איז ניט געווען קיין צופאַל. דאָס איז אַן אַלטער שטאַם, דאָס איז אַ רייכע גייסטיקע ירושה.

צומאָל רעדט מען ביי אונז וועגן די שריפטן פון באַליבטע פערזענ־לעכקייטן ווי וועגן „משנתו של פלוני״. עס איז אַ ספק, צי די געדאַנקען־שפליטערס פון די בעסטע פון אונזער דור באַרעכטיקן דעם נאָמען ״משנה״. אפשר וועט נאָך מיט דער צייט פאַרפאַסט ווערן די „משנת ארץ־ישראל״, אפשר וועט עס זיין די קאַלעקטיווע „משנה״ פון נאָמענלאָזע. מיר זיינען נאָך דערצו ניט דערגאַנגען. אָבער, דאַרפן מיר מענטשן ניט האַלטן טייער, אַפילו אויב זיי שרייבן ניט קיין „משניות״? איז אונז ניט גענוג, וואָס זיי האָבן אונז געלאָזט זייער פערזענלעכקייט און זייער געשטאַלט? זייער עצם זיין פאַרטיפט דאָך אונזער כבוד־געפיל, פאַרשטאַרקט אונזער גלויבן, נעמט אונז אַרום מיט בטחון. איז דאָס ניט אַ גרויסער זכות?

די אידעע פון מושב־עובדים איז געלעגן פאַרבאָרגן אין די טיפע־נישן פון ארץ־ישראלדיקן לעבן און אליעזר יפה האָט זי אַנטפלעקט און איר געגעבן אידעאישן אויסדרוק און פראַקטישן שוואונג. אָבער אליעזר האָט געגעבן דעם מושב — און דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג — ניט נאָר דאָס, נאָר אויך זיין געשטאַלט, אַ דערציערישע באַצויבערנדיקע גע־שטאַלט. און ניט געקוקט אויף אַלץ וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין די מושבי עובדים ביז היינטיקן טאָג — איז די דאָזיקע געשטאַלט ניט גע־בליבן הינטער דעם מושב, נאָר זי גייט אים פאָראויס.

אונזער דור האָט ניט די נחמה פון פערזענלעכער באַלוינונג. ער האָט ניט די נחמות וואָס עס האָבן געהאַט אַ סך פריערדיקע דורות. מיר האָבן בלויז איין נחמה: אַז דאָס לעבן פון יחיד זאָל פאַרקניפט ווערן אין דעם צרור חיים פון דער אומה, וואָס ניט געקוקט אויף אַלע אונזערע בראָכן און מפלות זאָל אונז באַשערט זיין דער גרויסער זכות צו זיין צווישן די ציגל־לייגער פון דעם בנין פון דעם אידישן היימלאַנד און זיין אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין דעם אויפבוי. אָט די דאָזיקע נחמה האָבן מיר אין אונזער אבלות אויף אליעזרן.

ניט נתגלה געוואָרן — אליעזר שיין

[אליעזר שיין איז געווען בערל קאַצענעלסאָנס אַ נאָענטער יוגנט־חבר. אַן אַקטיווער מיטגליד פֿון דער ס. ס.־פּאַרטיי, איז ער שפּעטער צוריקגעקומען צו דער ציוניסטישער באַוועגונג און ער האָט אין משך פֿון יאָרן זיך אָפּגעגעבן מיט קינדער־דערציאונג. ער איז קיין ארץ־ישראל געקומען נאָך דער ערשטער וועלט־מל־חמה, און געווען אַ לערער אין תּל־אָביב און אין דעם אַרבעטער־ישוב מרחביה. ער איז געשטאָרבן אין יאָר תּרצ״ב (1932).]

.רק אשר אבד לי — קניני לעד (רחל)

ער האָט זיך מיר אַנטפּלעקט אין מײַנע יוגנט־יאָרן, ווען דאָס גאַנצע האָרץ איז אָפֿן געווען פֿאַר דאָס גרויסע, ווען די פּײַן פֿון דעם פֿאָלקס־אומגליק איז נאָך פֿאַר אונדז געווען פֿריש, אָט די פּײַן וואָס האָט אונדז גע־פֿאַנגען אויף אייביק. איך ווייס ניט, צי אונזערע זקנים, וואָס פֿלעגן אין די נעכט אויפֿשטיין פּראַווען חצות און פֿאַרגיסן טרערן אויף דער דריקנ־דיקער קנעכטשאַפֿט און דעם ביטערן גלות, האָבן אַזוי פֿיל געווייטיקט ווי מיר, רעוואָלוציע־אויפֿגעברויזטע אינגלעך, איבער דעם בראָך פֿון פֿאָלק און דער שאַנד פֿון פֿאָלק. וועלט־כוואַליעס האָבן אונדז אַרומגעשליידערט, דער ווײַן פֿון דער רעוואָלוציע האָט אונדז פֿאַרשכּורט, מיר האָבן מאַרשירט אין אירע אַרמייען, געטריבן געוואָרן פֿון אירע שטורעמס, געשלאָגן גע־וואָרן פֿון אירע מפּלות — און מיט דעם אַלעם זײַנען מיר געווען „ווייניקע צווישן פֿילע״, וואָס קיין שום שטורעם איז ניט ביכולת אַרויסצורײַסן זייערע וואָרצלען פֿון דעם באָדן פֿון אידישן לעבן. מיר האָבן זיך פֿאַר־טיידיקט, מיר האָבן אָפּגעהיט אונזער טרייקייט צו זיך אַליין, די טרייקייט פֿון זין „וואָס זײַנען פֿאַרוואָגלט געוואָרן פֿון דעם טאַטנס טיש״. דער נצחון־יובל און די מורא פֿאַר דער מפּלה אַרום אונדז האָבן ניט פֿאַרשטומט די פּײַן פֿון „אבדן־עם״ און „חציר העם״ אויף דער וואָר און אין חלום האָבן מיר געזען דעם פֿלאַקער פֿון דער פֿאָכנדיקער שווערד, דעם קער־פּערלעכן אונטערגאַנג און די שריפֿת־נשמה פֿון די אידישע מאַסן. אומעטום האָבן מיר געזען סימנים פֿון דעם: וואָס האָבן פֿאָראויסגעזאָגט בייז: די שקיעה אין דער „תּחיה״, די אונטערטעניקייט אין דער רעוואָלוציע, די זעלבסט־פֿאַרלייקענונג אין דער באַפֿרייאונג. אין די פֿינצטערע געסלעך פֿון דער אידישער ווילנע, מיט זייער הונגער און זייער קויט, און זייער האָוון

פאַר אַ פרוטה־עקזיסטענץ, האָבן מיר געאָטעמט די לופט פון אונטערגאַנג. מיר האָבן זיך באַהעפט מיטן דלות, מיט די קעלערס, מיט אימיגראַנטן־לאַגערן, מיט קראַנקהייטן, מיט יסורים. מיר האָבן געברענט מיטן פייער פון כפירה און דעם „יאוש שלאחר יאוש". מיר האָבן אַליין זיך פאַרמשפט זיך צו וואַרפן אַן אַן אויסוועג, אַן אַ וועג. און מיר האָבן זיך געזען ווי — לעצטע.

דעמאָלט האָב איך זיך צו אים דערנענטערט. איך האָב אים פריער געקענט ווי אַ קאָפּ־מענטש, ווי אַ מענטש פון אמת, ווי אַ בעל־מדות. איצט האָב איך אים געזען אין אַ ניי ליכט. איך האָב געזען דעם גרויסן פייער, די משיחישע יסורים, דעם „בוער ואינו אוכל". איך האָב געהאַט דעם זכות צו האָבן אַ צוטריט צו דער אינערלעכער וועלט פון אַ גרויסן מענטשן. איך האָב געזען זיין געראַנגל מיט גאָט און מיטן שטן און מיט מענטשן — און מער פון אַלעמען מיט זיך אַליין. איך האָב געזען ווי ער האָט גע־פלאַטערט מיט יסורים, ווי ער האָט זיך געראַנגלט אין זיינע ד' אַמות ווי אַ לייב, געווען אַכזריותדיק צו זיך אַליין, געזוכט דעם אמת פאַר יעדן פרייז, און זיין געדאַנק האָט געשניטן ווי אַ שווערד. און אין מיטן פון אַט די אַלע כפירה־ און פאַרצווייפלונג־יסורים פלעגט זיך פון אים אַרויס־רייסן אַן אינערלעכער פלאַם פון טיפער אמונה, פון ליבע צום לעבן, פון גלויבן אין זייער ווערט, פון דבקות מיטן זיין און גאַרן נאָך דעם פאַר־באָרגענעם יש. דער דאָזיקער מענטש האָט געאָטנט די וועלט־נשמה. דאָס זיין איז פאַר אים ניט געווען קיין „חומר עכור" און די לעבנס־צופאַלן זיינען פאַר אים ניט געווען קיין דברים של מה בכך. קליינקייטן וואָס ער האָט באַרירט זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געשעענישן. זיין בליק האָט אויפגעדעקט באַהאַלטענע תמציתן. אין חיי שעה האָט ער געפונען חיי עולם.

אָבער, כאָטש ער איז אין גאַנצן געווען פאַרטאָן מיט זיך, אין זיינע נשמה־טיפענישן, אין זיין אייגנאַרטיק לעבן איז ער געווען אַ „איד ש׳באידן". אַזוי ווי די נשמה פון די דורות וואָלט אין אים געלעבט. די פיין פון מענטשן האָט זיך אין אים באַהעפט מיט דער פיין פון זיין און מיט דעם כאב־האומה און אַלץ איז געוואָרן — איינס. זיין נשמה האָט קיין מאָל ניט געשוועבט אויסער די גרענעצן פון לעבן, זיינע ליידן, פלאַנטערן און קאַמפן. זיין געדאַנק, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט דעם „כבשנו־של־עולם", האָט קיין מאָל פאַר אים ניט פאַרשטעלט די וועלט פון דעם „עמק הבכא", מיט זיין נויט און שקלאַפעריי און שפלות. ער האָט קיין מאָל ניט געזוכט זיך צו באַפרייען פון דעם „עמק הבכא", ער האָט קיין מאָל ניט געזוכט קיין רו אין שאָטן פון די „העכערע ספערעס".

ער האָט אויסגעזען ווי אַ ישיבה־בחור, וואָס איז ניט קיין מעורב בין הבריות. אַזאַ איז ער געבליבן אויך ווען ער איז געווען פֿאַרערט און געהאַט אַ סך השפּעה צווישן אַרבעטער און זעלבסטשוץ־גרופּעס און אין קאָנספּיראַטיווע אָרגאַניזאַציעס. די נייע ביכער, לימודים, געדאַנקען און אַפֿילו די נייע געזעלשאַפֿט, האָבן כּמעט ניט באַוויזן צו ענדערן זיין אויסערלעכקייט. ער איז געבליבן אַ פֿרעמדער אין דעם קרייז פֿון דער ראַפֿינירטער, דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ, קיין שום גלאַנץ, קיין שום פּאָליטור. צווישן זיינע פֿילע פֿעאיקייטן האָט, דוכט מיר, אין גאַנצן געפֿעלט די פֿעאיקייט זיך צוצופּאַסן צו דער אויסערלעכער וועלט. און אפשר האָט ער אויך געהאַט אַ באַזונדערן טאַלאַנט שטיל דורכצושלייכן צווישן מענטשן, אַז זיי זאָלן אים ניט באַמערקן.

און פֿונדעסטוועגן האָט מען אים באַמערקט. און באַמערקט האָבן אים קודם־כּל „פּשוטע" מענטשן, פֿאָלקס־מענטשן. און אפשר איז ניט געווען קיין צופֿאַל. די דאָזיקע פֿעאיקייט זיך צו דערנענטערן צו די „נחותי דרגה", פּשוטע בית־המדרש אידן, אַרבעטער מיט אַ הונגער נאָך גבורה און מסירת־נפש, האָבן אים אַרומגערינגלט מיט אומבאַגרענעצטער באַוואונדערונג און צוטרוי. ווייטע אידן וואָס אין זיי איז נאָך ניט אויסגעלאָשן געוואָרן דער לעצטער פֿונק, און דער עיקר אידישע קינדער — זיי אַלע האָבן אים באַמערקט, האָבן געשפּירט, אַז ער איז „גאָר אַנדערש פֿון די אַנדערע".

אונזערע חברישע באַציאונגען האָבן מיך אַפֿילו דעמאָלט ניט פֿאַרבלענדט. די אָרעמע אויסערלעכקייט, דאָס פֿעלן פֿון יעדן שמץ פֿון עלעגאַנץ, האָט ניט געקענט פֿאַרדעקן די שיינקייט און דאָס ליכט. איך האָב אין מיין לעבן זעלטן געזען אַזאַ שיינקייט, ווי די וואָס איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיינע אויגן און הענט. איך האָב זיך שנעל איבערצייגט, אַז איך קען אים ניט נאָכיאָגן. מיר פֿלעגן זיך ביידע אַרויסלאָזן שפּאַצירן איבער דער וועלט פֿון בוך און געדאַנק — אָבער גאַנץ גיך בין איך געצוואונגען געווען זיך מודה צו זיין פֿאַר זיך אַליין, אַז איך שלעפּ זיך אים נאָך. יעדער שמועס מיט אים אין יענע טעג איז געווען אַ פּלי אין די הויכן. די צופֿרידנקייט איז באַגלייט געוואָרן פֿון קאָפּ־שווינדל. מיט גרויסע אָנשטרענגונגען פֿלעג איך זיך באַמיען זיך צו האַלטן אויף די פֿיס אין יענע וועלטן, אין וועלכע ער האָט שפּאַצירט ווי אַ בן־בית. און מיט האַרצווייטיק בין איך געצוואונגען געווען צוצוגעבן, אַז די טויערן וואָס האָבן זיך פֿאַר אים געעפֿנט אַזוי ברייט זיינען פֿאַר מיר געבליבן

פֿאַרשלאָסן. צו מיין חרפּה בין איך אויך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ס'איז ניטאָ קיין האָפֿענונג צו דערגרייכן ניט נאָר זיין אינטעלעקטועלע חריפֿות און דינע תּפֿיסה, נאָר אַפֿילו זיין ווילן נאָך וויסן. זיין הונגער נאָך וויסן איז געווען אומדערמידלעך. איך האָב דעם דאָזיקן שוואַכן מענטש וואָס האָט זיך זיין גאַנצן לעבן געראַנגלט מיט קראַנקהייטן און טויט־שרעק, און וואָס זיינע יאָרן זיינען פֿול געווען מיט אינערלעכן אומרו, ליידן און אומאויפֿהערלעכע אָנשטרענגונגען, קיין מאָל ניט געזען אין אַ צושטאַנד פֿון אינטעלעקטועלער מידקייט. דער קוואַל פֿון גייסטיקער ענער־גיע האָט אין אים געקוועלט אָן אַן אָפּשטעל. דוכט זיך, אַז זיין גרויסער ראַציאָנעלער און אַנאַליטישער אינטעלעקט האָט זיך גענערט פֿון זיין אָפּגרונט־טיפֿן אי־ראַציאָנעלן נשמה־לעבן.

איך וויל פּרובירן פֿאַר זי אַליין צו דעפֿינירן דעם דאָזיקן גייסטיקן כּוח און איך קען אַזאַ דעפֿיניציע ניט געפֿינען. איין זאַך האָב איך אָבער געפֿילט, אַז פֿאַר מיר שטייט אַ מענטש וואָס איז געקנאָטן פֿון אַ ספּעציע־לער מענטשלעכער מאַטעריע, פֿון וועלכער עס ווערן געקנאָטן בלויז גרוי־סע מענטשן, עלעמענטאַרע מענטשן.

אַ קליין קינד פֿון דעם דור פֿון מרחביה האָט אין אַ קאָמפּאָזיציע וועגן אים געשריבן די תּמימותדיקע ווערטער: „אש התנ"ך בערה בעיניו" („דאָס פֿייער פֿון תּנ"ך האָט געפֿלאַמט אין זיינע אויגן"). דעם דאָזיקן פֿייער האָט דאָס קינד געזען אין זיינע אויגן בעת די גרויסע האָט זיך געדוכט, אַז ער האַלט זיך ביים אויסלעשן! אָבער ניט נאָר אין זיינע אויגן, נאָר אין זיין גאַנצן וועזן, האָט געפֿלאַקערט דאָס פֿייער פֿון תּנ"ך. דאָס אוראַלטע פֿייער, וואָס קלאַמערט זיך אַרום די זיילן פֿון דעם זיין, וואָס רעדט האַרב מיט גאָט און מיט מענטשן, וואָס וויל מחדש זיין מעשי בראשית, וואָס לייטערט און צינדט אָן פֿאַקלען פֿון דור צו דור — דאָס דאָזיקע פֿייער האָט געברענט אין זיין גאַנצן וועזן.

די קאָנקרעטע אָנוועזנהייט פֿון אַזאַ מענטשן אין אונזער וועלט איז פֿאַר מיר געווען אַ סימן פֿון דעם העכערן מהות פֿון דער מענטשלעכער ראַסע, פֿון די עלעמענטן פֿון אמת און לויטערקייט וואָס ליגן אין מענטשן, וואָס איז מרמז אויף די גייסטיקע מעגלעכקייטן וואָס זיינען פֿאַרבאָרגן אין אים, דעם עתיד לבוא־מענטשן.

אונזערע וועגן האָבן זיך צעשיידט. איך, דער מענטש פֿון קורצן וועג, האָב זיך געפֿונען דעם איין און איינציקן אַחיזה־פּונקט — ארץ־ישראל. און ער וואָס האָט קיין מאָל ניט געוואוסט וואָס עס איז אַזוינס אַ קורצער וועג, וואָס האָט יעדן טראָט זיך דעראָבערט מיט שווערער פּיין, האָט זיך מיט

די נעגל איינגעקלאַמערט אין גלות, האָט אַ שטיקל צייט געזוכט שלום צו מאַכן מיטן גלות, האָט זיך אַנטשלאָסן זיך צו מאַטערן מיטן גלות „ווי ער איז". די אחיזה האָט ער געזוכט — אין דעם אידישן קינד. און אַזוי איז אליעזר שיין געוואָרן אַ אידישער לערער; אַ פאָלקס־לערער. איך קען ניט איבערגעבן וואָסערע כּוחות ער האָט אַריינגעלייגט אין דעם דאָזיקן אַנטשלוס, און מיט וואָס פאַר אַ קראַפט ער האָט אים דורכגעפירט. אין דער מאָס וואָס ער האָט געקענט מאָביליזירן זיין גייסטיקן לעבן, האָט ער עס מאָביליזירט אַרום דעם דאָזיקן פונקט. דאָרטן האָט ער געפונען זיין צער, זיין פרייד, זיינע דערגרייכונגען. אַפילו דעם עול פון גבאים, פון קאָמיטעטן, פון אַ פרעמדער אינטעליגענטן־סביבה, האָט ער אויף זיך מקבל געווען — אַלץ צוליב דעם ציל. און אויך דאָ האָט ניט גענומען קיין סוף צו זיינע וואַנדערונגען. דוכט זיך, אַז אַלע אידישע שולן אין גלות איז ער דורכגעגאַנגען מיט זיין שטעקן און פעקל. צוליב די תּינוקות של בית רבן האָט ער אַליין ניט אויפגעהערט צו לערנען און באַרייכערן זיין וויסן. אין אָט דעם אַלעם איז ער קיין מאָל ניט געגאַנגען אויף אויס־געטראָטענע וועגן, אָבער ער האָט אויך קיין מאָל פון זיינע ידיעות און חידושים ניט געמאַכט קיין קרדום לחפור בו, אַפילו אין דעם אידעלן זין פון וואָרט, אין דעם זינען פון אַ גייסטיקן „תּכלית". ער איז ניט גע־וואָרן קיין „פאַכמאַן", קיין „בעל־שיטה".

ער האָט אין דער שול מיט זיך געבראַכט עפּעס וואָס ליגט אויסער יעדער סיסטעם: זיין אייגענעם צוגאַנג צום קינד. ער האָט אין קינד געזען דעם מענטשן, ער איז צו אים צוגעטראָטן ווי צו אַ פריינד. זיין טיף־אַריינדרינגנדיק אויג, דאָס אויג פון אַ קינסטלער־פּסיכאָלאָג, וועמען עס איז פרעמד געווען יעדע פּניה, יעדער משוא פּנים און יעדע גאווה, איז אים בייגעשטאַנען וואוהין ער האָט זיך נאָר געקערט. ער האָט אויפן קינד געקוקט ווי אַ מענטש, פאַר וועמען עס זיינען אָפן פיל וועלטן, אַ מענטש וואָס האָט אַליין פיל דורכגעלעבט.

יאָר־איין יאָר־אויס האָב איך געוואַרט אויף זיין קומען. שוין אין מיינע ערשטע יאָרן אין ארץ־ישראל, אין דער איינזאַמקייט און פאַריתומט־קייט וואָס האָבן אונז דאָ אַרומגערינגלט, אין די שעהן פון זיסן ווייטאָג, ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט דער אויסגעחלומטער ערד און דער אימה־פולער זאָרג וועגן אַלץ וואָס עס וועט געטאָן אויף דער דאָזיקער ערד, האָב איך אַרויסגעקוקט אויף זיין קומען. און ווען אַ. ד. גאָרדאָן פלעגט פאַרזינקען אין טרויער און כּסדר פרעגן: וואו געפינט מען אַ מענטשן — פלעג איך אים טרייסטן: ערגעץ אין דער וועלט איז פאַראַן איין מענטש, אליעזר שיין, ער וועט קומען. ער מוז קומען. לאָמיר אויף אים וואַרטן.

אין מיין האַרצן האָט געפּלאַטערט אַ שטילע האָפֿענונג, אַז ער וועט קומען און צווישן אונז ווייטער נתגלה ווערן, אַ דריטער צו אַ. ד. גאָרדאָן און י. ח. ברענער.

און ער איז געקומען. מיט גרויסער פֿאַרשפּעטיקונג. די וועלט־מלחמה האָט אים פֿאַרהאַקט דעם וועג. ער האָט איבערגעלעבט יאָרן וואָס זיינען געווען מער אימהדיק פֿון אַלע פֿריערדיקע יאָרן. יאָרן פֿון כלות הנפֿש און שריפֿת הגוף. ער האָט מיט זיך געבראַכט אַלע זיינע נשמה אוצרות: דעם מעכטיקן אינטעלעקט, די אַהבת התורה און אַהבת האומה, און איבער אַלעמען — די ליבע צום אמת, וואָס קען ניט שלום מאַכן מיט קיין שום זעלבסט־באַטריג און קיין שום אילוזיע, די טריישאַפֿט צום אַרבעטנדיקן מענטשן, די פֿריינטשאַפֿט פֿאַר יעדן אונטערדריקטן, די טיף־אַריינדרינגנ־דיקע אויגן, דאָס ריינע האַרץ און זיינע לעבנס־דערפֿאַרונגען דאָס אַלץ האָט ער מיט זיך געבראַכט, אָבער די כּלי אין וועלכער זיי האָבן זיך געפֿונען איז געווען אַ צעלעכערטע.

פֿריינד און תּלמידים וועלן אויסרעכענען דאָס וואָס זיי האָבן פֿון אים מקבל געווען, דאָס וואָס ער האָט אונז איבערגעלאָזן. ווי פּיינלעך דער דאָזיקער חשבון מוז זיין פֿאַר יענעם וואָס האָט אַ באַגריף וועגן דעם וואָס אליעזר שיין וואָלט אונז געקענט איבערלאָזן, אונז אַלעמען — תּלמידים, לערער, דער באַוועגונג — אָבער מיר האָבן דאָס ניט באַקומען. מיר זיינען דאָס אויך ניט פֿעאיק געווען צו נעמען.

יאָ, אויך דאָס איז — גורל, אַ קוואַל פֿון לעבעדיק וואַסער אָן אַן אויסגוס.

אונזערע אָבות האָבן ליב געהאַט צו דערציילן וועגן דער התגלות פֿון צדיקים. זיי האָבן געוואוסט, אַז אַ צדיק דאַרף נתגלה ווערן. אליעזר שיין איז פֿון אונז אַוועק אָן התגלות.

אַזוי ווי בלינדע טאַפּטשען מיר.

מיכה יוסף בערדיטשעווסקי

[דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט בערל קאַצענעלסאָן געשריבן אויף אידיש בעת זיין ערשטן באַזוך אין אַמעריקע אין שליחות פון דער „הסתדרות העובדים". ער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „די צייט", נאָוועמבער, 1921.]

אַוועקגענומען ביי אונז אויך ער, מיכה יוסף בערדיטשעווסקי.

מיר שפּרייזן פון איין קבר צום אַנדערן. ווייסן מיר באמת וועמען מיר זיינען מקבר?

עס איז אַ יש אומרים: אונזער דור איז גאָר קיין אביון נישט. ווער ווייס, אפשר איינער פון די אַכזריותדיקסטע אָבער אויך וויכטיקסטע דורות, וועלכע מיר האָבן ווען עס איז געהאַט. און דאָך איז דער דור אַ יתום: ער ווייס נישט וועמען ער פאַרמאָגט, ער ווייס נישט וועמען ער פאַרלירט.

איך בין ווייט פון דער מחשבה זרה צו שרייבן אַ ליטעראַרישע כאַראַקטעריסטיק. ניט עס איז מיין אַרבעט, ניט עס איז מיר צום האַרצן. איך וואָלט נאָר וועלן מזכיר נשמה זיין, דערמאָנען וויטע און דערווייטערטע וועגן דעם „וויטן קרוב", ווי ער האָט זיך אַליין אָנגערופן אין זיינע אידישע כתבים.

איך וויל זיך כאָטש אויסהיטן פון די פאַרטיקע, צום אָנמעסטן טיטולן, די קאַזיאָנע, גולמדיקע, היינטוועלטיקע, צוגעשטיקעוועטע עפּיטעטן. וואָס האָט מען שוין ביי אונז אים ניט אָנגערופן: דער ערשטער ניטשעיאַנער, דער פירער פון די יונגע, מאָדערניסט, אייראָפּעאישער קינסטלער, און אַלע גוטע שמות, וואָס שטייען צו שוין פון זיך אַליין ניט געבעטענע, אַזש ניט צום פּטור ווערן.

„אַ פירער". וואָס פאַר אַ זין האָט דער וואָרט בנוגע צו אים. היינטיקע צייטן, ווען ניט קיין צדיק, ניט קיין גוטער־איד, ניט קיין משורר איז אַ פירער, נאָר אַ ליאַדע „פּאָליטישן", וואָס קען זיך צושאַרן צו אַ פּאַרטיי, אָדער אַרומקלייבן אַרום זיך אַן אייגן קליינל. וואָס פאַראַ „פירער" מ'שטיינס געזאָגט, איז געווען ער, דער אמתער „היחיד ברשות הרבים", ווי ער פלעגט זיך אָנרופן אין די אינגערע יאָרן, דער פאַרשלאָפענער אין זיין אויבערשטיבל, ווי ער איז געווען אין די לעצטע יאָרן?

אַן אייראָפּעאישער, מאָדערנער קינסטלער — און אַן פֿאַרבן, אַן אַ סיפּור המעשה, כּמעט אָן אַ דמות הגוף, אָן דער גאַנצער טעכניק פֿון דעם אייראָפּעאישן מאָלן. עפּעס ווי ער מאָלט גאָר מיט אַ שם, מיט הוילע רוח־ניותדיקע מיטלען.

אַ ניטשעיאַנער — וועלכער איז דער טיפֿסטער יורש פֿון חסידות, איינגעטונקט אין אַלטע ספֿרים, לעבט איבער אין האַרצן די שקיעה פֿון זיין פֿאָלק, פֿילט זיך אפֿשר פֿאַרן אַחרון, און פֿאַרוואַקסן טיף מיט די קדמונים, מיט אַלטע פֿאַרגאַנגענע דורות.

צי וואָלט ניט ריכטיקער געווען צו מיינען, אַז וועגן דעם דאָזיקן טיף מאָדערנעם אייראָפּעאישן קינסטלער און דענקער, קאָן מען געבן אַ השגה דווקא מיט גאָר אַלטמאָדישע אידישע באַצייכענונגען: הצדיק, החסיד, המקובל האל"הי, וועלכער האָט „געשפּאַצירט אין פּרדס", האָט זיך „גע־ראַנגלט מיט גאָט און מלאכים"?

דרייען זיינען זיי געווען, וואָס האָבן מיט אַ געבענטשטער האַנט אַריינ־געבראַכט דאָס חסידישע אין אונזער נייער ליטעראַטור: בערדיטשעווסקי, פּרץ, יהודה שטיינבערג. כראָנאָלאָגיש איז בערדיטשעווסקי געווען דער ערשטער. אָבער ניט דאָס איז דער עיקר. וויכטיק איז עפּעס אַנדערש: בערדיטשעווסקי האָט ניט סטיליזירט, ניט איבערגעדיכטעט, אַפֿילו ניט געמאָלן קיין „שטייגער". ער איז אַליין געווען אַ שטיק חסידות, סאַמע־ראָדנע חסידות, פֿון דעם מקור אַליין. איינער פֿון די אמתע יורשים פֿון דעם בעל־שם. נאָר איין חבר האָט ער צו זיך געהאַט, אין דעם פּרט, אין אונזער גאַנצער ליטעראַטור: מרדכי זאב פֿייערבערג, וועלכער איז אויך געווען אַ ניצוץ פֿון בעל־שם. פֿייערבערג אָבער איז נסתּלק געוואָרן, נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו מגלה זיין דעם גאַנצן כּוח זיינעם.

און פֿון דעם מקור, פֿון דער אמתער, ניט צוגעטראַכטער, ניט צוגע־שפּיצטער, נאָר אָרגאַנישער חסידות האָט אויך געשטאַמט זיין אַפּיקורסות, זיין רעוואָלוציאָניזם, זיין מחלוקת מיט דער גאַנצער אידישער מסורה. צום ערשטן מאָל אין דער נייער תּקופֿה איז דורך אים נתגלה געוואָרן אַ נייע אַפּיקורסות, נישט קיין ראַציאָנאַליסטישע, נישט קיין השכּלהדיקע, נישט קיין מלחמה פֿאַרן שכל, נאָר אַ גאַנץ אַנדערע — אַ געשיכטלעכע אַפּי־קורסות, אַ כּפֿירה אין דער היסטאָריע, אַ מרידה פֿון חושים, פֿון האַרצן, פֿון ערד, פֿון דעם לעבעדיקן מענטשן. ער, דער יחיד, וואָס האָט קיינעם נישט געהאַט מיט זיך, האָט מעיז געווען צו אויפֿהייבן די האַנט אויף דעם כּוח, וואָס האָט ביז איצט איינער אַליין באַהערשט דעם גאַנצן אויבערשטן, קולטורעלן שטח פֿון דער געשיכטע, דעם כּוח וואָס זיין נאָמען איז: יבנה.

ער איז געוואָרן דער בעל־פּלוגתּא פֿון אונזער געשיכטע, פֿון אונזערע קאַנאָניזירטע השגות. ער האָט זיך אָנגענומען פֿאַר דער היסטאָרישער קאַריערע פֿון די קנאים, פֿאַר די פֿון דער אַלטער אידישער מסורה פֿאַר־משפּטע, פֿאַרמסרטע בריונים, פֿאַר אלישע בן אבויה, פֿאַר ענן, פֿאַר אַלע אין חרם געוואָרפֿענע, פֿון כּל־ישראל דערווייטערטע. אַחר, בן־גוריון זיינען געוואָרן זיינע אייגענע נעמען.

ער האָט מלחמה געהאַלטן איינער אַליין. ניט מיט קיינעם, ניט פֿאַר קיינעם, נאָר פֿאַר זיך אַליין. און דאָך האָט ער דעם נצחון געזוכט ניט אין זיך, נאָר אין דעם כּלל. ער האָט געוועקט דעם ערד־גייסט, גערופֿן די גאולה. די גאולה איז ניט געקומען. ער האָט זיך צוגעהערט צום דופּק פֿון זיין רשות היחיד, צוגעקוקט זיך מיט אַ שאַרפֿן אויג צו אַלץ, וואָס אויפֿן שטח, און אויך וואָס אונטערן שטח. געזוכט אַנטפּלעקונגען, און זיך ניט דערוואָרט. און ער האָט זיך פֿאַרשלאָסן, פֿאַרשלאָסן פֿון דער לעבעדיקער אידישער וועלט. ער, וועלכער האָט מלחמה דערקלערט די אַלטע ספרים, האָט זיך אין זיי אַריינגעטאָן. פֿון דאָס ניי געזוכט דעם חשבון הפּרט און חשבון הכּלל, דעם חשבון פֿון דער וועלט און פֿון כּנסת־ישראל.

איז ער געוואָרן דער בעל־תּשובה, דער זאַמלער וואָס זוכט אַ נחמה, אַ רפֿואה אין אַלטע שמות? ס'איז אַ טעות. אויך דאָ איז ער געבליבן דער גאָט־פּרובירער, דער מנסה, דער שאלות־שטעלער, דער מורד במלכות, הגם ער האָט אויפֿגעהערט צו טענהן בקול רם.

צוויי גאונים פֿון אונזער דור האָבן אריינגעלייגט יאָרן פֿון התמדה און עמקות אין אוצרות פֿון דער הגדה: ביאַליק און בערדיטשעווסקי. ביידע האָבן דאָרטן זיך געגראָבן דעם זעלבן ברונעם, געטרונקן פֿון דעם זעלבן קוואַל, אָבער פֿאַרכּישופֿט איז דער ברונעם און פֿאַרשיידענע וועלטן האָבן זיי אונז פֿון דאָרטן געבראַכט.

ביאַליק, דער גרויסער יורש פֿון דער אידישער מסורה, דער געבוירענער קלאַסיקער, האָט געפֿונען זיינס. ער האָט דורכגעזיפּט, דורכגעלייטערט אַלץ, וואָס קאָן נאָך געראַטעוועט ווערן פֿון די חורבות, איבערגעגעבן ווערן די קומענדיקע דורות, כּדי צו וועבן ווייטער דעם כּשרן געוועב. אַלץ וואָס איז כּשר, וואָס איז קלאַסיש, כּמעט רעאַליסטיש, וואָס קען בילדן דעם נייען קאַנאָן; וואָס פֿאַרענטפֿערט, כּמעט געבראַכט אין אַ סיסטעם.

בערדיטשעווסקי — ער האָט אונז געבראַכט אַ גאַנץ אַנדערע אַגדה, בצלמו ובדמותו. די אונטערערדישע וועלט פֿון אידישן גייסט: פֿאַלשע משיחים, מבשׂרים, זינדיקע, בעלי־תּשובות, אַפּיקורסים, געשטראָפֿטע, דוח־

קים את הקץ. אָן אימהדיקע, אומרואיקע און באַאומרואיקנדיקע וועלט. אַ וועלט פֿון פֿאַרלאַנגען, פֿון בענקשאַפֿטן, פֿון תאווה, פֿון רוחות, וועלכע ראַנגלען זיך און הערשן, פֿון גיהנום, פֿון גורל. די עכטע אידישע מי־טאָלאָגיע, וועלכע איז ניט קאַנאָניזירט, ניט געכשרט, ניט אָנערקענט, וועלכע — ווער ווייס — האָט גאָר זיך בגנבה אַריינגעריסן אין די כשרע אידישע ספרים. אַ שרעקלעכער תוהו ובוהו, פֿול מיט סתירות, שאלות און תשובות.

אָבער ניט נאָר דאָס האָט ער אונדז געשיקט פֿון זיינע מרחקים. איך האָב אַלע מאָל געהאַט דאָס געפֿיל, אַז דאָס אייגנטלעך איז נאָר מאַ־טעריאַל, סטודיען פֿאַר זיין אייגענער אַגדה, וועלכע ער אַליין שאַפֿט. אַלענפֿאַלס איז דאָס געווען נאָר אַ צווייג אויפֿן גרויסן גרינעם בוים, וואָס הערט ניט אויף צו טראָגן פּירות. ער האָט געשטיגן פֿון מדרגה צו מדרגה, פֿון ספֿירה צו ספֿירה. איך וויל די מדרגות ניט באַצייכענען. וואָס באַדייטן דעפֿיניציעס בנוגע צו גרויסע אידיש־מענטשלעכע ספרים, ווי „מהעבר הקרוב" און „מעמק החיים"? מען דאַרף זיי דורכלעבן, מען דאַרף זיך מיט זיי מתיחד זיין, אויב מ'קען.

זעקס און פֿופֿציק יאָר האָט ער געלעבט. פֿאַר אונדזערן אַ מענטשן איז עס היינטיקע צייטן גאַנץ גענוג. און דאָך איז ער אַוועק פֿון אונדז ווי אַ יונגער, ווי אַ ניט דערענדיקטער, אין עצם גרינען, אין עצם ברענגען די רייפֿסטע פּירות.

אונדזערע אמתע גרויסע אין ליטעראַטור האָבן שפּעט איבערגעלעבט זייער גרויסקייט. וואָס וואָלטן מיר געוואוסט וועגן מענדעלען, ווען ניט זיין גרויער עלטער? ווען האָט זיך אָנגעפֿאַנגען די אמתע התגלות פֿון פּרצן? וואָס ווייסן מיר, וואוהין וואָלטן אָנגעשפּאַרט מיכה לעווענזאָן, פֿייערבערג, גנעסין? האָט דער עולם אַן השגה, וואָס האָט מיט זיך צו־גענומען ברענער? בערדיטשעווסקי איז אויך געווען פֿון די, אַן אויפֿהער שטייגנדיקע. ער האָט נאָך אין זיינע זעקס און פֿופֿציק יאָר ניט אויפֿ־געהערט צו קלעטערן.

ער האָט געהאַט אַ וואונדערבאַרן אופֿן צו מקדים זיין צו זיינע דער־ציילונגען אַ פּאָר שורות, וואו ער האָט גערעדט אויף זיין שטייגער וועגן „דער מלאכה פֿון דערציילן". „מיר, די וואָס דערציילן מעשיות", ניט פֿון זיך, נאָר פֿון דעם „פּאַך", אַזוי ווי אַ מכשף דערציילט פֿון מכשפֿים, אַ כלי־זמר פֿון נגינה. און אין זיין הקדמה צום נייעם ראָמאַן „מרים" (אין דער צענטער „התקופֿה"), שרייבט ער: „דער טאָג פֿאַרגייט, די שאָטנס פֿון אָוונט קומען אָן — איך שרייב ביי אַ ליכט, און די שעה איז קורץ". עס איז

געווען אַן אָנזאָג. אונז האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז נאָר אַ ווייטער אָנזאָג, וואָס מאַכט טיפֿער די חושים פֿון דעם משורר. ער האָט אָבער בעסער געוואוסט. האָט אונדז אויסגעזאָגט, און מיר האָבן ניט פֿאַרשטאַנען.

אפֿשר האָט ער אונדז אויך ערגעץ־וואו מרמז געווען, וואו און ווען וועט געבוירן זיין יורש?

באַמערקונגען צום בוך

ווי דער נאָמען פֿון בוך זאָגט, איז דער איצטיקער באַנד אַ זאַמלונג פֿון בערל קאַצענעלסאָנס שריפֿטן און רעדעס. זיין ליטעראַרישע ירושה באַשטייט פֿון די דאָזיקע צוויי זשאַנערן: דער גרעסטער טייל — רעפֿע־ראַטן און רעדעס. דער קלענערער טייל — שריפֿטן. אָבער אויך די סטע־נאָגראַמעס פֿון די רעפֿעראַטן און רעדעס, וואָס זיינען אַריין אין דעם בוך (מיטן אויסנאַם פֿון „מיין וועג קיין ארץ־ישראל״) זיינען פֿון אים דורכגעקוקט געוואָרן און רעדאַקטירט געוואָרן — אָפֿט מאָל אויף אַ זייער גרינטלעכן אופֿן.

די זאַמלונג איז אַ קליינער אויסקלייב פֿון אַ ליטעראַרישער ירושה, וואָס וועט אויף העברעאיש פֿאַרנעמען צען בענד. מיר האָפֿן אָבער, אַז זי וועט דעם לייענער דאָך געבן אַ באַגריף פֿון בערל קאַצענעלסאָן, ווי אַ פֿירער און לערער.

דאָס בוך איז צוגעגרייט געוואָרן אין משך פֿון עטלעכע חדשים, צו בערל קאַצענעלסאָנס ערשטן יאָרצייט.

איך וויל אויסדריקן מיין דאַנק חבר ל. רובינשטיין, וועלכער האָט מיט פֿיינעם חוש פֿאַר שפּראַך און סטיל, פֿיל געהאָלפֿןביים צוגרייטן דעם כּתב־יד פֿון בוך און לייענען די קאָרעקטורן.

אַ באַזונדערן דאַנק חברה פֿרידאַ טאַוב, וואָס האָט ביי דער שרייב־מאַשין פֿאַרבראַכט פֿיל שעהן, נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג, כּדי מעגלעך צו מאַכן, אַז דאָס בוך זאָל דערשיינען צום יאָרצייט, און האָט איר אַרבעט געטאָן מיט התלהבות פֿאַר די דאָזיקע „שריפֿטן און רעדעס״.

ש. ג.